STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14416

DOS SHOLEM-ALEYKHEM-BUKH

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

דאָס
שלום־עליכם־בוך

אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען פון שלום־
עליכם, ביאָ־ און ־ביבליאָגראַפישע דאָקומענטן
און מאַטעריאַלן, זיינע בריוו צו פאַמיליע־מיט־
גלידער, שריפטשטעלער און פריינט, ניט־גע־
דרוקטע יוגנט־שריפטן, ליטעראַרישער איבער־
בלייב, נאָטירטע סוזשעטן, איינפאַלן און ווערט־
לאַך, בילדער, פאַקסימילעס פון מאַנוסקריפטן
און בריוו, זכרונות, כאַראַקטעריסטיקס און
מעשיות וועגן אים פון קרובים און פריינט

רעדאַקטירט און באַלויכטן מיט
מאָנאָגראַפישע שטודיעס, אַריינ־
פיר־ווערטער און באַמערקונגען
פון י. ד. בערקאָוויטש

פאַרלאַג איקוף
ניו־יאָרק

THE SHOLEM ALEICHEM BOOK

Edited by

I. D. BERKOWITZ

First edition, 1926

Second edition, 1958

PRINTED IN THE U.S.A.

Prompt Printing Press, 113 Fourth Ave., New York 3, N. Y.

209

צו די לייענער

זינט דער גרויסער שלום עליכם איז פּריצייטיק אַוועק פון אונדז, זיינען שוין פאַריבער באַלד 42 יאָר. פאַר די אַלע צענדליקער יאָרן — שווערע און גרויליקע יאָרן — איז ער און זיין וואונדערבאַר שאַפן נישט נאָר נישט דערוווייטערט געוואָרן פון אונדז, נאָר אדרבא, — געוואָרן אונדז נעענטער, אייגענער און טייערער. שלום עליכמס ווערק ווערן געלייענט זייער פיל, און דער אינטערעס צו אים און צו זיין שאַפן האַלט כסדר אין וואַקסן; און נישט נאָר אין דער יידישער וועלט, ביים יידיש־לייענער, נאָר אויך ביי די לייענער פון אַנדערע שפּראַכן. אַ באַווייז זיינען די אַלע אומצאָליקע איבערזעצונגען אויף די פאַרשיידענע שפּראַכן, וואָס ווערן די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין פיל אַנדערע לענדער.

אויך אין דעם טעאַטער, — אין יידישן, העברייאישן, ווי אויך אין אַנדער־שפּראַכיקע טעאַטערן — ווערן אויפגעפירט שלום עליכמס דראַמאַטישע שאַפונגען אָדער דראַמאַטיזירונגען פון זיינע ווערק מיט גרויס דערפאָלג.

פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן זיינען דערשינען אין יידיש, ווי אויך אין אַנדערע שפּראַכן פיל ביכער, גרעסערע און קלענערע, געווידמעט דעם לעבן און שאַפן פון שלום־עליכם. צווישן די ביכער האָבן מיר אויך וויכטיקע און וואָגיקע פאָרש־אַרבעטן, וואָס דעקן־אויף פאַרשיידענע מאָמענטן און עלעמענטן פון שלום עליכמס רייכער שאַפונגס־וועלט און גיבן גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן זיינע הויפּט־געשטאַלטן.

פון די אַלע דערשינענע ווערק וועגן שלום עליכם און דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, געווירקט און געוועזן באַווירקט, פאַרנעמט, אָן ספק, דאָס מאָנומענטאַלע ווערק „דאָס שלום עליכם בוך" אַ גאָר באַזונדערן און אייגנאַרטיקן אָרט.

דאָס בוך נעמט אַריין אַ 275 בריוו, וואָס דער אומשטערבלעכער שלום עליכם האָט אין לויף פון צענדליקער יאָרן געשריבן צו זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, צו זיינע קרובים, צו שרייבער און צו סתם גוטע פריינט, געשריבן אויף דעם ספּעציעלן שלום־עליכמישן אופן און שטייגער. עס קומען אין בוך אַריין אַ 130 אָריגינעלע בילדער, פאָרטרעטן פון שלום עליכם גופא, פון שלום עליכם מיט זיינע בני־בית און מיט אַנדערע שרייבער. חוץ דעם זיינען אין בוך פאַרעפנטלעכט ווערטפולע זכרונות, וואָס זיינען געשריבן דורך זיינע קינדער, איידעמס, ווי אויך פון אייניקע אָנגעזעענע יידישע שרייבער וועגן פאַרשיידענע מאָמענטן און פאַסירונגען פון שלום עליכמס לעבן און שאַפן, וואָס זיינען געוועזן אומבאַקאַנט דעם ברייטערן לייענער־עולם.

אָט די אַלע וויכטיקע, אָריגינעלע ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, די בריוו, די יוגנט־שריפטן, ווי אויך פאַרשיידענע נאָטיצן און פאַרצייכענישן פון שלום עליכם זיינען צונויפגעקליבן, סיסטעמאַטיזירט און גענוי באַלויכטן געוואָרן מיט וויכטיקע דערקלערונגען דורך דעם באַוואוסטן יידיש־העברייאישן שרייבער, י. ד. בערקאָוויטש, דעם איידעם פון שלום עליכם, וועלכער האָט נאָענט געלעבט אַרום און מיט שלום־עליכם, און דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט דאָס אַלץ אַזוי גענוי אַרויסצוברענגען אין דעם זעלטענעם שלום־עליכם־בוך.

דאָס שלום־עליכם־בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1926, צום צענטן יאָרצייט נאָך שלום עליכם, דורך אַ ספּעציעלן בוך־קאָמיטעט.

אין זיין צייט האָט דאָס בוך אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג ביי דער קריטיק און ביים יידישן לייענער־עולם. דאָס בוך איז שוין אָבער לאַנג אַ יקר־המציאות, נישט צום קריגן אין ערגעץ נישט.

לויט אַ ספּעציעלער פאַרשטענדיקונג מיט י. ד. בערקאָוויטש, גיבן מיר אַרויס אַ פולע נייע אויפלאַגע פונעם בוך. אַזוי־אַרום וועט דער עולם פאַרערער־ליבהאָבער פון שלום עליכם איבער גאָר דער וועלט האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען דאָס בוך, און וועט זיך נעענטער באַקענען מיט שלום עליכמס קאָלירפולן לעבן און גייסטרייכן שאַפן.

מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק, וואָס איז זיכער אויך דער דאַנק פון די צענער טויזנטער שלום־עליכם־פאַרערער, צו י. ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט אונדז געגעבן דעם רשות און די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די נייע אויפלאַגע פונעם שלום־עליכם־בוך.

דעם 2טן מערץ 1959 ווערט הונדערט יאָר, ווי שלום עליכם איז געבוירן געוואָרן. די־אָ דאַטע וועט געפייערט ווערן אויף אַ גאָר ברייטן וועלט־מאַסשטאַב. זאָל „דאָס שלום שלום עליכם־בוך" זיין דער ערשטער וויכטיקער צושטייער צו דעם דאָזיקן 100־סטן געבוירנטאָג.

איקוף־פאַרלאַג

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1957.

דרוק־פעלערן

זייט	29	שפאַלט	1	שורה	22	אַנשטאָט	ווען ער ווער	דאַרף	זיין	ווען ער וועט
״	78	״	״	״	37	״	מאָנטאָג	״	״	דינסטאָג
״	102	״	״	״	16	״	1912	״	״	1911
״	106	״	״	״	24	״	לאָזאַן	״	״	קלאַראַן
״	126	״	״	״	23	״	1925	״	״	1915
״	159	״	2	״	38	״	צום	״	״	צו
״	256	״	1	״	14	״	1905	״	״	1915
״	298	״	2	״	51	״	לעייל	״	״	להיות מעייל
״	299	״	1	״	5	״	קבל־נא	״	״	קבל־נא ברצון
״	342	״	״	״	3	״	אויך	״	״	און
״	367	״	״	״	35	״	ווילא ראָזנגארטן	״	״	וויאַ דעל פּאַצאָ
״	״	״	״	״	38	״	עדן האָטעל	״	״	ווילאַ ראָזנגאַרטן
״	״	״	״	״	50	״	דער נייער וועלט	״	״	מאָמענט
״	״	״	2	״	16	״	עדן האָטעל	״	״	ווילאַ ראָזנגאַרטן

טעותן

* זייט 63, אונטערן בילד שלום־עליכם און זיין טאָכטער, אַנשטאָט פּעטערבורג, 1904, דאַרף זיין: ווילנע, 1905.

* זייטן 337—338, אונטערן קעפּל א מאָנאָלאָג אָן אן אָנהייב, אַנשטאָט דעם זאַץ „לויט אַלע וואַר־שיינלאַכקייטן איז דער מאָנאָלאָג געשריבן געוואָרן ניט פריער פונם יאָר 1913", דאַרף זיין: דער מאָ־נאָלאָג איז געשריבן געוואָרן אין מאַי 1914, אין ווילנע, בעת שלום־עליכם איז געווען אויף זיין נסיעה איבער רוסלאַנד.

* זייט 363, שפּאַלט 1, שורות 18—19—20, דאַרף זיין: געדרוקט די דערציילונג „אויף ישוב ארץ־ישראל" (שפּעטער באַטיטלט „זעליג מעכאַניק"). — עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַן עקזעמפּלאַר פון דער דערציילונג, געדרוקט אין אַ קליינעם ביכל: „אויף ישוב ארץ־ישראל, אַ ספּור־המעשה פון שלום־עליכם (ש. ראַבינאָוויטש), קיעוו 1890", — אַזוי אַז די באַמערקונג 2 צו דעם דאָזיקן ביבליאָגראַפישן פּרט פאַלט טיילווייז אָפּ.

אינהאַלט

הקדמה		א—טז

צו דער אויטאָביאָגראַפיע פון שלום־עליכם

אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען	שלום־עליכם	1
אַ רשימה פון די ווערק אין כראָנאָלאָגישן סדר	שלום־עליכם	6
אַ ביסל געשיכטע צום בוך „פונם יאַריד“	י. ד. בערקאָוויטש	8
טיטלען פון קאַפּיטלען „פונם יאַריד“	שלום־עליכם	12
וואַריאַנט פון „שמואליק דעם יתום“	שלום־עליכם	14

משפּחה און סביבה

משפּחה און סביבה	י. ד. בערקאָוויטש	15

משפּחה־דאָקומענטן:

1.	אַן אַלטער בריוו פון ש. ע.	סאָפּיעווקע	13	אויגוסט	1879	24
2.	פון ש. ע. צו זיין פאָטער	בעלאָצערקאָוו	16	אַפּריל	1884	„
3.	„ „ צו זיין ברודער אליהו	„	25	מאַי	„	27
4.	„ „ „	„	22	יוני	„	29
5.	„ „ „	קיעוו	27	יולי	„	31
6.	„ „ „	שדה לבן	10	יוני	1885	32
7.	פון נחום ראַבינאָוויטש צו זיין זון ש. ע.		8	יוני	1887	33
8.	די צוואה פון נחום ראַבינאָוויטש צו זיין זון ש. ע.		י״ד	טבת	תרמ״ח	„
9.	אַ נאָטיץ פון ש. ע. וועגן דעם טויט פון זיין פאָטער		א׳	אדר	„	34
10.	פון ש. ע. צו זיין ברודער אליהו	קיעוו	6	סענטיאַבר	1889	35
11.	„ „	באָיאַרקע	17	אויגוסט	1890	36
12.	פון ש. ע. צו ר. שמואל מאָהליווער	קיעוו	י״ט	אדר	תרנ״ז	38
13.	פון ש. ע. צו זיין ברודער אליהו	„	18	אויגוסט	1898	40
14.	פון זאב ראַבינאָוויטש צו ש. ע.	בערדיטשעוו	16	פעברואַר	1914	41
15.	פון ש. ע. צו אליהו באַרכאַש	לוגאַנאָ			1910	„
16.	„ „ „	באַדענווײַלער	22	יוני	1911	43

אין זיין אייגענער רעפּובליק

אין זיין אייגענער רעפּובליק	י. ד. בערקאָוויטש	45

בריוו פון שלום־עליכם צו זיין פאַמיליע:

1.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	קאַרלסבאַד	26	יולי	1887	54
2.	צו דערזעלבער	קיעוו	8	מאַרט	1893	„
3.	צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש	אַדעס	29	„	„	„
4.	אַ פאַרצייכענונג לזכרון	קיעוו	1	יאַנואַר	1895	55
5.	צו רחל לאָיעוו	„			1896	„
6.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	„	16	אַפּריל	1897	„
7.	צו דערזעלבער	„	30	יוני	„	56
8.	צו דערזעלבער	באָיאַרקע	7	יולי	„	„
9.	צו דערזעלבער	בעלאָצערקאָוו	21	„	„	„
10.	צו די קינדער	„	21	אויגוסט	„	„
11.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	הייסין			1898	„
12.	צו די קינדער	כאַרקאָוו	15	אויגוסט	1899	„
13.	צו דיזעלבע	„	16	„	„	57
14.	צו דיזעלבע	„	22	„	„	„
15.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	קיעוו	25	נאָוועמבער	1900	„
16.	צו דערזעלבער	קרעמענטשוג	18	אויגוסט	1902	58
17.	צו ע. און נ. ראַבינאָוויטש	אַדעס	19	„	1904	„
18.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	ווילנע	1	סעפּטעמבער	„	„
19.	צו די קינדער	פּעטערבורג	15	נאָוועמבער	„	59
20.	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	„	„	„	„	„
21.	צו דערזעלבער	„	29	„	„	60
22.	צו דערזעלבער	וואַרשע	1	פעברואַר	1905	„
23.	צו דערזעלבער	קיעוו	22	מאַרט	„	„
24.	צו דערזעלבער	„	12	אַפּריל	„	61
25.	אַ וויגליד					„

.26	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	וואַרשע	14	אַפּריל	1905	62
.27	צו דערזועלבער	ליבוי	22	”	”	63
.28	צו דערזועלבער	וואַרשע	30	יוני	”	64
.29	צו דערזועלבער	באָיאַרקע	18	אויגוסט	”	”
.30	צו דערזועלבער	קיעוו	11	סעפּטעמבער	”	65
.31	צו דערזועלבער	”	18	אָקטאָבער	”	”
.32	צו דערזועלבער	”	21	”	”	”
.33	צו דערזועלבער	”	22	”	”	66
.34	צו דערזועלבער	”	26	”	”	67
.35	צו י. ד. בערקאָוויטש	”	23	נאָוועמבער	”	”
.36	צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש	”	”	”	”	69
.37	צו מיכאל קויפמאַן	קראָקע	15	מערץ	1906	”
.38	צו דעמזועלבן	יאַסי	22	אַפּריל	”	71
.39	צו די בערקאָוויטשעס	גאַלאַץ	30	”	”	”
.40	צו דיזעלבע	לאָנדאָן	. . . .		”	”
.41	צו דיזעלבע	”	29	מאַי	”	”
.42	צו י. ד. בערקאָוויטש	פּאַריז	3	יוני	”	”
.43	צו מיכאל קויפמאַן	זשענעווע	7	”	”	72
.44	צו די קינדער	לאָנדאָן	16	”	”	”
.45	צו דיזעלבע	לידז	6	יולי	”	73
.46	צו די בערקאָוויטשעס	לאָנדאָן	10	סעפּטעמבער	”	74
.47	צו די קינדער	”	11	”	”	75
.48	צו די בערקאָוויטשעס	”	. . . .		”	”
.49	די הקדמה צו „אוגערקעס“				”	76
.50	צו די קינדער („פון לאָנדאָן ביז ניו־יאָרק“, אַ טאָג בוך)				”	78
.51	צו ערנעסטינע בערקאָוויטש	ניו־יאָרק	21	אָקטאָבער	”	82
.52	צו י. ד. בערקאָוויטש	”	”	”	”	”
.53	צו די בערקאָוויטשעס	”	28	”	”	83
.54	צו די קינדער	”	6	נאָוועמבער	”	”
.55	צו רחל לאָיעוו	”	”	”	”	”
.56	צו די קינדער	”	12	”	”	”
.57	צו דיזעלבע	”	9	פעברואַר	1907	84
.58	צו דיזעלבע	”	3	מערץ	”	85
.59	צו ליאַלי ראַבינאָוויטש	”	25	אַפּריל	”	”
.60	צו י. ד. בערקאָוויטש	זשענעווע	21	אויגוסט	”	86
.61	צו דעמזועלבן	”	24	אָקטאָבער	”	”
.62	צו דעמזועלבן	”	10	נאָוועמבער	”	87
.63	צו דעמזועלבן	”	7	אַפּריל	1908	88
.64	צו דעמזועלבן	”	14	מאַי	”	89
.65	צו די בערקאָוויטשעס	באַראַנאָוויטש	ערב רה"ש תרס"ט		”	”
.66	צו ערנעסטינע בערקאָוויטש	נערווי	23	אָקטאָבער	”	90
.67	צו די בערקאָוויטשעס	”	25	”	”	91
.68	צו מיכאל קויפמאַן	”	6	מערץ	1909	92
.69	צו ליאַלי ראַבינאָוויטש	”	23	נאָוועמבער	”	93
.70	צו מאַרוסי ראַבינאָוויטש	”	”	”	”	”
.71	צו די בערקאָוויטשעס	”	”	”	”	94
.72	צו ליאַלי ראַבינאָוויטש	”	24	”	”	”
.73	צו די בערקאָוויטשעס	”	26	”	”	”
.74	פּראָגראַם פון קאָנצערט צו ליאַלים חתונה	”	. . .	”	”	”
.75	צו די בערקאָוויטשעס	”	27	”	”	95
.76	צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש	”	”	”	”	”
.77	צו „די נייע וועלט“	”	4	דעצעמבער	”	”
.78	צו מאַרוסי ראַבינאָוויטש	”	14	”	”	96
.79	צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש	”	17	”	”	”
.80	צו די קויפמאַנס	”	11	יאַנואַר	1910	”
.81	צו די בערקאָוויטשעס	”	18	אַפּריל	”	”
.82	צו י. ד. בערקאָוויטש	באַדענוויילער	24	יוני	”	”
.83	צו דעמזועלבן	לוגאַנאָ	10	אָקטאָבער	”	98
.84	צו דעמזועלבן	לוצערן	28	”	”	”
.85	צו די בערקאָוויטשעס	נערווי	10	יאַנואַר	1911	”
.86	צו דיזעלבע	”	16	”	”	”

87. צו די קויפמאַנס	באַדענוויילער	15	מאַי	1911	99
88. צו מיכאל קויפמאַן	מאַנטרע	1	סעפּטעמבער	"	"
89. צו די קינדער	ניצע	8	פעברואַר	1912	"
90. צו עמאַ ראַבינאָוויטש	נערווי	2	מערץ	"	104
91. צו די בערקאָוויטשעס	"	5	"	"	105
92. צו דיזעלבע	"	7	"	"	"
93. צו דיזעלבע	לאָזאַן	...	אַפּריל	"	106
94. צו טאַמאַראַ בערקאָוויטש	"	31	אָקטאָבער	"	"
95. צו די בערקאָוויטשעס	לייזען	23	דעצעמבער	"	"
96. צו דיזעלבע	"	25	"	"	"
97. צו ערנעסטינע בערקאָוויטש	"	27	"	"	108
98. צו די בערקאָוויטשעס	"		ניו־יאָר	1913	"
99. צו ערנעסטינע בערקאָוויטש	"	4	יאַנואַר	"	109
100. צו די בערקאָוויטשעס	"	7	"	"	"
101. צו עמאַ ראַבינאָוויטש	מאָנטרע	15	"	"	110
102. צו ערנעסטינע בערקאָוויטש	....		"	"	"
103. צו דערזעלבער	בערן	18	"	"	"
104. צו י. ד. בערקאָוויטש	"	"	"	"	"
105. צו דעמזעלבן	"	25	"	"	111
106. צו דעמזעלבן	"	1	פעברואַר	"	"
107. צו דעמזעלבן	"	4	"	"	112
108. צו דעמזעלבן	"	24	"	"	"
109. צו דעמזעלבן	"	26	"	"	"
110. צו די בערקאָוויטשעס	ווין	28	"	"	113
111. צו דיזעלבע	"	1	מערץ	"	114
112. צו דיזעלבע	"	2	"	"	"
113. צו דיזעלבע	נערווי	4	"	"	"
114. צו די קינדער		"	"	"	115
115. צו די בערקאָוויטשעס	"	10	"	"	"
116. צו טאַמאַראַ בערקאָוויטש	"	11	"	"	"
117. צו דערזעלבער	"	21	"	"	"
118. צו דערזעלבער	"	22	"	"	116
119. צו דערזעלבער	לאָזאַן	10	יאַנואַר	1914	"
120. צו דער פאַמיליע	נערווי	21	פעברואַר	"	"
121. צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש	"	25	"	"	"
122. צו י. ד. בערקאָוויטש	"	9	מערץ	"	118
123. צו נומאַ ראַבינאָוויטש	"	26	"	"	"
124. צו משה באָראָטשין	"		שושן פורים	"	"
125. צו די בערקאָוויטשעס און קויפמאַנס	לאָזאַן	1	אַפּריל	"	120
126. צו י. ד. בערקאָוויטש און מיכאל קויפמאַן	"	4	"	"	121
127. צו די בערקאָוויטשעס	ווילנע	3	מאַי	"	122
128. צו עמאַ ראַבינאָוויטש	„פרעדעריק 8"	21	נאָוועמבער	"	"
129. צו דערזעלבער	ניו־יאָרק	12	דעצעמבער	"	124
130. צו דערזעלבער	"	14	יאַנואַר	1915	"
131. צו דערזעלבער	"	15	אַפּריל	"	"
132. צו דערזעלבער	"	17	"	"	125
133. צו דערזעלבער	פליישמאַנס	26	יוני	"	"
134. צו עמאַ און מישאַ ראַבינאָוויטש	"	7	יולי	"	"
135. צו בעלאַ קויפמאַן	אַמעריקע	25	"	"	126
136. צו די קויפמאַנס	בעלמאַר	2	סעפּטעמבער	"	"
137. צו עמאַ און מישאַ ראַבינאָוויטש	ניו־יאָרק	15	"	"	"
138. צו די קויפמאַנס	"	21	"	"	128
139. צו ליאַלי קויפמאַן	"	14	אָקטאָבער	"	129
140. צו די קויפמאַנס	"	2	דעצעמבער	"	130
141. צו דיזעלבע	"	29	יאַנואַר	1916	"
142. צו לוי פויגנבערג	לייקוואוד	15	פעברואַר	"	131
143. צו די קויפמאַנס	ניו־יאָרק	17	אַפּריל	"	"

ווי איך זע אים	ליאַלי קויפמאַן	134
שלום־עליכמס געשטאַלט	דר. מיכאל קויפמאַן	138
מיין זיידע	תמרה בערקאָוויטש	142
האָמענטן שלום־עליכם	ב. צ. גאָלדבערג	144

מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער

מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער. . . . . י. ד. בערקאָוויטש 153

בריוו פון שלום-עליכם צו שריפטשטעלער :

.1	צו מענדעלי מוכר-ספרים	בעלאַצערקאָוו	23	דעצעמבער	1884	190
.2	צו דוד פרישמאַן	קיעוו	10	סעפּטעמבער	1888	191
.3	צו דעמזועלבן	״	17	יאַנואַר	1889	192
.4	צו צדוק הכהן	פּאַריז	...	סעפּטעמבער	1890	194
.5	צו א. י. סלוצקי	קיעוו	2	יאַנואַר	1894	195
.6	צו מרדכי ספּעקטאָר	״	2	נאָוועמבער	1902	״
.7	צו דעמזועלבן	״	12	״	״	196
.8	צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק	״	22	יאַנואַר	1903	197
.9	צו מרדכי ספּעקטאָר	״		חול-המועד פּסח	״	198
.10	צו דעמזועלבן	״	11	אַפּריל	״	199
.11	צו דעמזועלבן	״	7	יוני	״	״
.12	צו דעמזועלבן	״	8	נאָוועמבער	״	200
.13	צו מענדעלי מוכר-ספרים	״	17	דעצעמבער	״	״
.14	צו מרדכי ספּעקטאָר	״	2	פעברואַר	1904	201
.15	צו דעמזועלבן	״	4	״	״	202
.16	צו י. ח. ראַווניצקי	״	29	אויגוסט	״	״
.17	צו דעמזועלבן	פּעטערבורג	10	סעפּטעמבער	״	203
.18	צו דעמזועלבן	״	1	אָקטאָבער	״	204
.19	צו דעמזועלבן	״	5	דעצעמבער	״	״
.20	צו דעמזועלבן	״	7	״	״	205
.21	צו די פרישמאַנס	וואַרשע	6	פעברואַר	1905	״
.22	צו דוד פרישמאַן	קיעוו	8	אַפּריל	״	״
.23	צו דעמזועלבן	״	11	״	״	206
.24	צו דעמזועלבן	ליבוי	26	״	״	״
.25	צו י. ח. ראַווניצקי	וואַרשע	4	יולי	״	״
.26	צו דר. מאָריס פישבערג	קיעוו	13	סעפּטעמבער	״	207
.27	צו דעמזועלבן	״	8	אָקטאָבער	״	208
.28	צו דעמזועלבן	״	24	״	״	209
.29	צו דעמזועלבן	״	26	״	״	״
.30	צו דעמזועלבן	״	23	נאָוועמבער	״	210
.31	צו דעמזועלבן	״	״	״	״	״
.32	צו דעמזועלבן	״	9	דעצעמבער	״	211
.33	צו דעמזועלבן	לעמבערג	4	יאַנואַר	1906	״
.34	צו דעמזועלבן	״	6	״	״	212
.35	צו דעמזועלבן	״	14	״	״	״
.36	צו ח. נ. ביאַליק	״	7	פעברואַר	״	״
.37	צו דר. מאָריס פישבערג	״	23	״	״	״
.38	צו לעווינסקי, ראַווניצקי און ביאַליק	טאַרנאָוו	20	מערץ	״	213
.39	צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק	לעמבערג	8	אַפּריל	״	214
.40	צו י. ח. ראַווניצקי	״	16	״	״	״
.41	צו די אַדעסער פריינט	ניו-יאָרק	4	נאָוועמבער	״	215
.42	צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק	״	12	דעצעמבער	״	״
.43	צו דיזעלבע	״	15	״	״	216
.44	צו דיזעלבע	״	19	״	״	״
.45	צו י. ח. ראַווניצקי	אַליאַנס ניו-דזשורסי	18	מערץ	1907	״
.46	צו „אונזער לעבן“	ניו-יאָרק	30	אַפּריל	״	״
.47	צו די אַדעסער	זשענעווע	29	יוני	״	217
.48	צו י. ח. ראַווניצקי	״	16	יולי	״	218
.49	צו ח. נ. ביאַליק	״	. . .	.	״	״
.50	צו דעמזועלבן	״		מחרת יום-הכפּורים	״	219
.51	צו מרדכי ספּעקטאָר	בערלין	23	יאַנואַר	1908	220
.52	צו ישראל י. זעווין	״	24	״	״	221
.53	צו ראובן בריינין	״	17	פעברואַר	״	222
.54	צו ישראל י. זעווין	זשענעווע	26	מערץ	״	״
.55	צו מרדכי ספּעקטאָר	אַדעס	23	יוני	״	223
.56	צו דעמזועלבן	באַראַנאָוויטש		צום גדליה	״	״
.57	צו דעמזועלבן	נערווי	21	אָקטאָבער	״	224
.58	צו די אַדעסער פריינט	״	6	דעצעמבער	״	״

.59	צו מ. נ. סירקין	נערווי	6	דעצעמבער	1908	225
.60	צו פלטיאל זאַמאָשטשין	”	8	”	”	”
.61	צו א. ל. לעווינסקי	”	27	”	”	226
.62	צו יצחק יאַמפּאָלסקי	”	. . . .		”	227
.63	צו מענדעלי מוכר־ספרים	”	10	יאַנואַר	1909	”
.64	צו בעל־מחשבות	”	21	מערץ	”	228
.65	צו מ. בן־עמי	”	”	”	”	”
.66	צו די אייזמאַנס	”	22	”	”	229
.67	צו א. ל. לעווינסקי	”	26	”	”	”
.68	צו יעקב דינעזאָן	”	27	”	”	230
.69	צו „די נייע וועלט“	סט. בלאַזיען	28	יוני	”	231
.70	צו י. ח. ראַווניצקי	”	. . . .		”	”
.71	צו „די נייע וועלט“	לוגאַנאָ	10	סעפּטעמבער	”	232
.72	צו דוד פרישמאַן	נערווי	19	אַפּריל	1910	233
.73	צו דעמזועלבן	”	22	נאָוועמבער	”	”
.74	צו דר. פּערפּער	”	1	דעצעמבער	”	234
.75	צו ש. ניגער	באַדענווײַלער	20	מאַי	1911	236
.76	צו אַלכסנדר אַמפיטעאַטראָוו	”	23	”	”	237
.77	צו דוד פרישמאַן	”	28	”	”	”
.78	צו מענדעלי מוכר־ספרים	מאָנטרע	15	אָקטאָבער	”	238
.79	צו דעמזועלבן	”	25	נאָוועמבער	”	239
.80	צו „סאָוור. פּראָבלעמי“	”	30	”	”	”
.81	צו ש. ניגער	קלאַראַן	12	אַפּריל	1912	240
.82	צו דעמזועלבן	”	14	”	”	241
.83	צו דעמזועלבן	”	29	מאַי	”	”
.84	צו בעל־מחשבות	”	28	יולי	”	242
.85	צו ש. ניגער	”	2	סעפּטעמבער	”	243
.86	צו דעמזועלבן	”	5	”	”	”
.87	צו יחזקאל קאָטיק	לייזען	6	יאַנואַר	1913	244
.88	צו ש. ניגער	”	10	”	”	”
.89	צו דעמזועלבן	”	16	”	”	245
.90	צו דעמזועלבן	עגל	17	”	”	246
.91	צו דעמזועלבן	ווענעציע	3	מערץ	”	”
.92	צו חיים טשערנאָוויטש	נערווי	12	”	”	”
.93	צו ש. ניגער	”	31	”	”	”
.94	צו י. ח. ראַווניצקי	וויסבאַדען	18	יולי	”	247
.95	צו מענדעלי מוכר־ספרים	”	כו	אלול	”	248
.96	זאָל זיין גענוג !	”		”	”	”
.97	צו ש. ניגער	לאָזאַן	. . .	נאָוועמבער	”	”
.98	צו יעקב פּ. אַדלער	”	20	יאַנואַר	1914	249
.99	צו דוד פּינסקי	”	6	פעברואַר	”	250
.100	צו מרדכי ספּעקטאָר	נערווי	17	”	”	251
.101	צו מענדעלי מוכר־ספרים	לאָזאַן	ערב פסח		”	252
.102	צו מרדכי ספּעקטאָר	”		”	”	253
.103	צו דעמזועלבן	דווינסק	20	יוני	”	”
.104	צו לואיס מילער	קאָפּענהאַגען	28	סעפּטעמבער	”	254
.105	צו ישראל י. זעווין	ניו־יאָרק	29	מערץ	1915	”
.106	צו יוסף אָפּאַטאָשו	”	27	אַפּריל	”	255
.107	צו יהואָש	פליישמאַנס, נ. י.	14	יולי	”	256
.108	צו מענדעלי מוכר־ספרים	ניו־יאָרק	28	מאַי	”	”
.109	צו מנחם	בראָנקס, נ. י.	24	מערץ	1916	257
.110	צו יהואָש	ניו־יאָרק	23	אַפּריל	”	258
	מיינע זכרונות וועגן שלום־עליכם.			דר. גרשון לעווין		259

מיט פרײַנט און אידן פון אַ גאַנץ יאָר

	מיט פריינט און אידן פון אַ גאַנץ יאָר.			י. ד. בערקאָוויטש		283
	בריוו פון שלום־עליכם צו גוטע פריינט:					
.1	צו לייבל טויביש	טשערנאָוויץ	26	יאַנואַר	1906	292
.2	צו שמואל שרירא	נערווי	22	נאָוועמבער	1908	”
.3	צו נח זאַבלודאָווסקי	סט. בלאַזיען	12	סעפּטעמבער	1909	295
.4	צו יעקב פאַלער	נערווי	5	דעצעמבער	1910	”

5.	צו די פּאָלינקאָווסקים	נערווי	8	יאַנואַר	1911	297
6.	צו מאיר הײלפּערין	קלאַראַן	24	מאַי	1912	298
7.	צו א. א. לובאַרסקי	"	7	סעפּטעמבער	"	299
8.	צו יצחק גאָלדבערג	מאָנטרע	8	"	"	300
9.	צו אַדוואָקאַט ליכטענבוים	ווילדונגען	3	"	1913	"
10.	צו יהושע סאַרנע	לאָזאַן	6	אָקטאָבער	"	302
11.	צו פרוי מרגליות	לייקוואוד	19	פּעברואַר	1916	304
12.	צו ס. שוגערמאַן	"	27	"	"	305
13.	צו י. און פרוי מרגליות	"	2	מערץ	"	"
14.	צו די שוגערמאַנס	ניו-יאָרק	16	"	"	"

ביים וואַרשטאַט

ביים וואַרשטאַט. . . . . י. ד. בערקאָוויטש 307

פון שלום-עליכמס ליטעראַרישן איבערבלייב:

1. אַ פראַגמענט פון אַ ניט-געדרוקטן „איבערגעכאַפּטן בריוו" 324
2. אַן אַלטע ניט-געדרוקטע בוך-רעצענזיע. 326
3. פון די ערשטע בעלעטריסטישע פּראָבעס: פריער און אַצינד 328
4. אַן אָנהייב פון אַ דערציילונג: די אבדה 330
5. אַן אָנהייב פון אַ סעריע פעליעטאָנען: צווישן מתים 331
6. יתור פון „אַ מענטש מיט אַ מאָגן" 334
7. צו די אײַזנבאַן געשיכטעס: דער טאַטע און דער זון. 335
8. אַן אָנהייב פון אַ מעשה פאַר קינדער: קעצעלאַך 336
9. אַ מאָנאָלאָג אָן אַן אָנהייב: דאָס קנעפּל 337
10. פרייע איבערזעצונגען פונם תנך (א — ג) 340
11. סוזשעטן און טיטלען פון פאַרטראַכטע ווערק (א — טו) 343
12. אײַנפאַלן, אַפאָריזמען און ווערטלאַך 347

מעשיות וועגן שלום-עליכם:

איבערגעגעבן פון י. ד. בערקאָוויטש (א — טו) 351

איבערגעגעבן פון נ. ב. לינדער (א — ז) 357

דאַטומס אינם לעבן און שאַפן פון שלום-עליכם . . . . י. ד. בערקאָוויטש 361

ביי שלום-עליכמס גסיסה-בעט . . . . דוד פּינסקי 370

פערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם שלום-עליכם בוך 379

בילדער אין כראָנאָלאָגישן סדר און פאַקסימילעס

1. פּראָנט-בילד פון שלום-עליכם, געמאָלט פון זיין זון נומאַ.
2. ש. ע. אַכצן יאָר אַלט. קיעוו, 1877. 5
3. ש. ע. ראַבינער אין לובען. אָנהייב 1883. 311
4. ש. ע. און זיין פרוי צו זייער חתונה. קיעוו, 12 מאַי, 1883 7
5. ש. ע. און זיין פאָטער. קיעוו, 1885. 19
6. ש. ע. אין קאַרלסבאַד. זומער 1887. 49
7. ש. ע., זיין פרוי און זייערע טעכטער טיסי און ליאַלי. קיעוו, 1888. 51
8. ש. ע. אין דער צייט פון דער „פאָלקסביבליאָטעק". קיעוו, 27 אויגוסט, 1889 180
9. ש. ע. אויפן צוזאַמענפאָר פונם אַדעסער פּאַלעסטינע-קאָמיטעט. 1890. 39
10. ש. ע. און וואַסילי בערמאַן. אַדעס, 1890 184
11. ש. ע. און זיין עלטסטער זון מישאַ. קיעוו, 1893. 53
12. ש. ע. און מ. מ. וואַרשאַווסקי. באַרדיטשעוו, 15 יולי, 1900. 186
13. ש. ע. און מרדכי ספּעקטאָר. קיעוו, מערץ, 1902. 163
14. ש. ע. אין אַדעס. זומער 1904. 288
15. ש ע. און י. ח. ראַווניצקי. אַדעס, אויגוסט, 1904. 173
16. ש. ע. אין פּעטערבורג. 1904. 57
17. ש. ע. ביי דער אַרבעט. פּעטערבורג, 1904. 329
18. ש. ע. און זיין טאָכטער ערנעסטינע. פּעטערבורג, 1904. 63
19. ש. ע. אין פּעטערבורג. דעצעמבער, 1904. 205
20. ש. ע. און בעל-מחשבות. קאָוונע, ווינטער 1905. 157
21. ש. ע. אין גאַליציע. ווינטער 1906. 336
22. ש. ע. אין גאַליציע. בוטשאַטש, ווינטער 1906. 214
23. ש. ע. אין דעם קרייז פון זיין פאַמיליע. לעמבערג, 1906. 73
24. ש. ע. אין לאָנדאָן. זומער 1906. 77
25. ש. ע. ביי זיין ערשטן וויזיט אין אַמעריקע. ניו-יאָרק, 1907. 85
26. ש. ע., זיין פרוי און זייער זון נומאַ. ניו-יאָרק, 1907. 79
27. ש. ע. און ח. נ. ביאַליק. האַג, אויגוסט, 1907. 175

28. ביים ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג. אויגוסט, 1907. . . . 235
29. ח. נ. ביאַליק, בן־עמי, ש. ע. און מענדעלי. זשענעווע, סעפּטעמבער, 1907. . . . 171
30. ש. ע. און זיין זון נומאַ אויף דאַטשע. פּאַלעניצע, יולי, 1908. . . . 223
31. ש. ע. קראַנקערהייט אין באַראַנאָוויטש. האַרבסט 1908. . . . 261
32. ש. ע. אין נערווי. ווינטער 1909. . . . 91
33. ש. ע. אין יאָר 1909. סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיען. . . . 93
34. ש. ע. און זיין פרוי אין יאָר 1909. סט. בלאַזיען. . . . 97
35. ש. ע. אין באַדענווייל. זומער 1910. . . . 315
36. ש. ע. און זיין פאַמיליע אין באַדענווייל. זומער 1910. . . . 141
37. ש. ע. ביי דער אַרבעט אין נערווי. יאַנואַר, 1911. . . . 341
38. ש. ע. אין דער היים, ביי דער אַרבעט. באַדענווייל, זומער 1911. . . . 102
39. ש. ע. און זיין טאָכטער ליאַלי. מאָנטרע, סוף זומער 1911. . . . 135
40. ש. ע., זיין ביוסט און זיין סקולפּטאָר. מאָנטרע, נאָוועמבער, 1911. . . . 44
41. ש. ע., זיין פרוי, מישאַ און עמאַ. נערווי, ווינטער 1912. . . . 109
42. ש. ע. אין סט. רעמאָ. 1912. . . . 267
43. ש. ע. אין נערווי, 23 פעברואַר, 1912. . . . 139
44. ש. ע. אויף דער איטאַליעניש ער ריוויערע. נערווי, מערץ, 1912. . . . 101
45. ש. ע. אויף אַ לוסטרייזע מיטן שיף. זשענעווער זע, יוני, 1912. . . . 105
46. ש. ע. מיט זיינע אייניקלאַך. מאָנטרע, 1912. . . . 143
47. ש. ע., זיין זון מישאַ און א. א. לובאַרסקי. מאָנטרע, זומער 1912. . . . 103
48. ש. ע. אויף שפּאַציר ביים זשענעווער זע. מאָנטרע, אויגוסט, 1912. . . . 107
49. ש. ע. און „רב צעיר“. בערן, פעברואַר, 1913. . . . 245
50. ש. ע. און זיין פרוי צווישן דער אַקאַד. יוגנט אין ווין. פעברואַר, 1913. . . . 113
51. ש. ע. אין וויסבאַדען. זומער 1913. . . . 115
52. ש. ע. אין וויסבאַדען. יולי, 1913. . . . 344
53. ש. ע. און י. ד. בערקאָוויטש. וויסבאַדען, זומער 1913. . . . 117
54. ש. ע. צווישן קורגעסט אין ווילדונגען. אויגוסט, 1913. . . . 301
55. ש. ע. אויף אַ פאַרלעזונג אין פּאַריז. 4 יאַנואַר, 1914. . . . 275
56. ש. ע. אין וואַרשע, חול־המועד פסח תרע״ד (1914). . . . 120
57. יעקב דינעזאָן, י. ל. פּרץ און ש. ע. וואַרשע, זומער 1914. . . . 160
58. ש. ע. אין וואַרשע, זומער 1914. . . . 279
59. ש. ע. אויף זיין לעצטן טור אין רוסלאַנד. גראָדנע, 1914. . . . 119
60. ש. ע. אויף זיין לעצטן טור אין רוסלאַנד. גראָדנע, זומער 1914. . . . 282
61. ש. ע. אין דווינסק. זומער 1914. . . . 121
62. ש. ע. און זיין פרוי אין ריגע. 20 מאַי, 1914. . . . 123
63. ש. ע. און זיין הויזגעזינד אין אַלבעק. יולי, 1914. . . . 152
64. ש. ע. צווישן דער פאַמיליע און פריינט. קאָפּענהאַגען, 1914. . . . 125
65. ש. ע. אין זיין אַרבעטצימער. ניו־יאָרק, 1915. . . . 9
66. ש. ע. ביי דער אַרבעט. ניו־יאָרק, 1915. . . . 346
67. ש. ע. און זיין זון נומאַ. לייקוואוד, ווינטער 1915. . . . 131
68. דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ע. אין לייקוואוד. מערץ, 1915. . . . 251
69. ש. ע. אין לייקוואוד. פרילינג 1915. . . . 290
70. ש. ע. זומער 1915. ניו־יאָרק. . . . 145
71. י. ד. בערקאָוויטש, ש. ע. און ראובן בריינין. מאָנטרעאַל, יוני, 1915. . . . 255
72. ש. ע. שרייבנדיק „פונם יאַריד“. פליישמאַנס סטיישאָן. זומער 1915. . . . 14
73. דר. שמריה לעווין, דוד פּינסקי און ש. ע. בעלמאַר, זומער 1915. . . . 250
74. ש. ע. און שלום אַש. בעלמאַר, זומער 1915. . . . 256
75. ש. ע. און זיין טאָכטער ערנעסטינע. בעלמאַר, זומער 1915. . . . 130
76. ש. ע. און זיין טאָכטער עמאַ. ניו־יאָרק, סוף 1915. . . . 140
77. איינס פון שלום־עליכמס לעצטע בילדער. ניו יאָרק, דעצעמבער, 1915. . . . 127
78. דאָס לעצטע איינצל־בילד פון ש. ע. ניו־יאָרק, סוף 1915. . . . 370
79. ש. ע. צווישן קורגעסט אין לייקוואוד. פעברואַר, 1916. . . . 323
80. שלום־עליכמס לעצט בילד, צווישן קורגעסט אין לייקוואוד. 5 אַפּריל, 1916. . . . 306
81. שלום־עליכמס סילועט. . . . 291
82. ש. ע. אויפן טויטנבעט. געצייכנט פון יואל לעווים. . . . 372
83. די לויה פון ש. ע. פון זיין לעצטער וואוינונג. . . . 373
84. די לויה פון ש. ע. ביי „אוהב צדק“ שול. . . . 374
85. די לויה פון ש. ע. ביי זיין ציטווייליקן קבר. . . . 375
86. די מצבה פון ש. ע. אידישע זייט. . . . 376
87. די מצבה פון ש ע. העברייאישע זייט. . . . 377
88. דאָס לעצטע בילד פון שלום־עליכמס זון מישאַ. . . . 129

89. די פאַמיליע פון אלימלך לאַיעוו. . . . 27
90. פינחס ראַבינאָוויטש (שלום־עליכמס „פעטער פיני“). . . . 21
91. ניסן ראַבינאָוויטש (שלום־עליכמס „פעטער ניסל“). . . . 23
92. דאָס הויז אין קיעוו, וואו ש. ע. האָט געוואוינט פון 1897 ביז 1904. . . . 137
93. שלום־עליכמס לעצטער שרייבשטענדער. . . . 133
94. קאַריקאַטור אויף ש. ע. בערלין, 1908. . . . 352
95. קאַריקאַטור אויף ש. ע. וואַרשע, 1910. . . . 355
96. קאַריקאַטור אויף ש. ע. ניו־יאָרק, סוף 1914. . . . 359
97. די אַלטעטשקע. צייכענונג פון אַבא ראַבינאָוויטש. . . . 30
98. „לאָמיר פאַררויכערן!“ צייכענונג פון אַבא ראַבינאָוויטש. . . . 31
99. פאַקסימילע פון שלום־עליכמס אַ בלעטל „פונם יאַריד“. . . . 11
100. " " " עלטסטן כתב־יד. . . . 25
101. " " " דיפּלאָם פון פערעיאַסלאַווער שול. . . . 43
102. " " " בריוו צו זיין פרוי. . . . 55
103. " " " באַגריסונג צו זיין טאָכטער ערנעסטינע. . . . 59
104. " " " בריוו צו י. ד. בערקאָוויטש. . . . 68
105. " " " בריוו צו זיין טאָכטער ערנעסטינע. . . . 70
106. " " " בריוו צו דער רעד. „די נייע וועלט“. . . . 95
107. " " " אַ בלעטל „מעשיות פון טויזנט איין נאַכט“. . . . 124
108. " " " בריוו צו זיין טאָכטער ליאַלי. . . . 132
109. " " " אויפשריפט אויף זיין צוואה. . . . 147
110. " " " צוואה, ערשטע זייט. . . . 148
111. " " " צוואה, צווייטע זייט. . . . 149
112. " " " עפּיטאַפיע. . . . 151
113. " " " בריוו צו דוד פרישמאַן. . . . 193
114. " " " בריוו צו ח. נ. ביאַליק. . . . 217
115. " " " בריוו צו מענדעלי מוכר־ספרים. . . . 228
116. " " " " " " . . . 253
117. " " " בריוו צו יהואש. . . . 258
118. " " " בריוו צו לייבל טויביש. . . . 293
119. " " " ערשטן געדרוקטן וואָרט. . . . 313
120. " " " אַ בלעטל פון „בלאָנזענדע שטערן“. . . . 319
121. " " " לעצטן מאַנוסקריפּט. . . . 322
122. " " " אַ שער־בלאַט פון אַ מאַנוסקריפּט. . . . 349
123. איינער פון שלום־עליכמס שטעמפּלען. . . . 360

מיט אַ יאָר צוריק, בעת אַ קליינע גרופּע שריפֿטשטעלער און פּריינט פֿון דער אידישער ליטעראַטור אין ניו־יאָרק האָט אויפֿגענומען דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן צום צענטן יאָרצייט נאָך שלום־עליכם אַ בוך, געווידמעט דער באַלייכטונג פֿון זיין לעבן און שאַפֿן, — האָט די אַרבעט פֿון אַזאַ בוך לכתחילה געשיינט צו זיין ניט קיין שווערע. דער הסכם איז געווען, אַז דאָס בוך דאַרף זיך ניט פֿאַרנעמען מיט אַבסטראַקטע פֿאָרשונגען און אָפּהאַנדלונגען איבער שלום־עליכמס ווערק, — אַ זאַך, וואָס איז שוין געטאָן געוואָרן אין אַ היבשער מאָס פֿון זיינע קריטיקער, — נאָר עס דאַרף באַשטיין פֿון אַזוי־גערופֿענעם „קאָנסטרוקטיוון מאַטעריאַל“, וואָס זאָל דינען אַלץ ליים און ציגל פֿאַר אַ גרונטלאַכער, אומפּאַסנדיקער ביאָ־און־ביבליאָגראַפֿיע פֿון שלום־עליכם. און אַזוי ווי דאָס הויפּט־מאַטעריאַל פֿון אָט דעם מין געפֿינט זיך גאָר נאָענט — אין שלום־עליכמס אייגענעם אַרכיוו, אין וועלכן עס איז געזאַמלט און אָפּגעהיט אַ היבשער טייל פֿון זיינע אינטימע שריפֿטן, ווי בריוו, נאָטיצן, דאָקומענטן פֿון פּריוואַטן און ליטעראַרישן כאַראַקטער, בילדער וכדומה, — וועט שוין די אויפֿגאַבע זיין גאָר אַ לייכטע. מע וועט נעמען פֿונם גרייטן — און דרוקן.

די אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן מיר אין די הענט, און איך בין צוגעטראָטן צו איר מיט דער פֿולער זיכערקייט, אַז צום צענטן יאָרצייט נאָך שלום־עליכם, דאָס הייסט, ביז חודש מאַי 1926, וועל איך מיט איר געוויס פֿאַרטיק ווערן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן שלעכט גערעכנט. די סכעמע פֿונם בוך איז געמאַכט געוואָרן אויף אויסווייניק; אַז איך האָב גענומען זיך באַקענען מיטן מאַטעריאַל פֿון אינווייניק, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוזען, אַז מיר שטייט דאָ פֿאַר אַ פּראָבלעם ניט פֿון די לייכטע.

קודם־כל איז די שוועריקייט געלעגן אין דער ר י י כ ק י י ט פֿון שלום־עליכמס אַרכיוו, אין דער גרויסער שפֿע פֿון מאַטעריאַלן, פֿון וועלכע דאָס בוך האָט באַדאַרפֿט צוזאַמענגעשטעלט ווערן. שלום־עליכמס אַרכיוו, וואָס איז טיילווייז אָפּגעהיט געוואָרן פֿון אים אַליין און טיילווייז געזאַמלט געוואָרן פֿאַר זיין לעבן און נאָך זיין טויט פֿון זיין עלטסטער טאָכטער, באַשטייט פֿון טויזנטער — אויב ניט פֿון צענדליקער טויזנטער — געשריבענע און געדרוקטע פּאַפּירן, וואָס וואָלטן געקלעקט פֿאַר אַ גאַנצער ריי ביכער פֿון דעם כאַראַקטער. כדי ניט צו נעמען בלינד וואָס עס קומט צומערשטן אין האַנט אַריין, האָט מען די אַלע פּאַפּירן געמוזט פֿונדאַסניי דורכלייענען, באַטראַכטן און באַשטימען, וואָס סאיז מער און וואָס סאיז ווייניקער וויכטיק פֿאַר דעם אָנגענומענעם צוועק. פֿון די טויזנטער פֿאַמיליעבריוו, וואָס אַלע אינאיינעם לייענען זיי זיך ווי אַ טאָגבוך פֿונם שריפֿטשטעלער, האָט מען באַדאַרפֿט אויסוויילן נאָר אַ קליינעם טייל, אום ניט איינג צו מאַכן די איבעריקע רובריקעס, וואָס זיינען אָנגעצייכנט אויפֿן פּלאַן פֿון דעם בוך; דאָס אייגענע האָט מען געמוזט טון מיט דער קאָרעספּאָנדענץ צו שריפֿטשטעלער און פּריינט, און אויך מיט דעם ליטעראַרישן איבערבלייב און מיטן לאַבאָראַטאָרישן מאַטעריאַל פֿון שלום־עליכמס שאַפֿונגאַרבעט. יעדעס פּאַפּיר האָט באַדאַרפֿט אי געוואויגן, אי געמאָסטן ווערן — הן מצד זיין וויכטיקייט, הן מצד דעם פּלאַץ, וואָס עס וועט פֿאַרנעמען. דער איבערפֿלייץ פֿון מאַטעריאַל האָט אויך געבראַכט צו ספֿקות וועגן דעם עצם כאַראַקטער פֿונם בוך: זאָל עס זיין אַ בוך, וואָס באַרירט אַ ל ע פּונקטן פֿון שלום־עליכמס פּערזענלאַכקייט, ניט אויסגעלאָזט דעם מינדסטן פֿון זיי, — וועט עס, מחמת דוחק אין פּלאַץ, מוזן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זאַמלונג פֿון צעוואָרפֿענע דאָקומענטן־מוסטערן, וואָס גיבן נאָר אַ שוואַכע אָנדייטונג אויף די באַצוועקטע פּונקטן, ניט קיין פֿאָרשטעלונג פֿון זיי; זאָל ווידער די כוונה זיין פֿאָרצושטעלן

די מאָמענטן פֿון שלום-עליכמס לעבֿן און שאַפֿן אין אַ געהעריקער מאָס — וועט אַלצדינג אין איין בוך ניט קאָנען באַרירט ווערן. עס האָט געמוזט געפֿונען ווערן אַ פּשרה, און די פּשרה איז געווען: געבֿן קודם-כּל דאָס וויכטיקסטע, נאָר דערבײַ אַרײַנפֿלעכטן, דאָרט וואו עס לאָזט זיך, אויך דאָס, וואָס איז ווייניקער וויכטיק. און אַזוי ווי מער ווי אומעטום האָט זיך שלום-עליכם אינטים אַרויסבאַוויזן אין זײַנע בריוו, איז זיי אָוועקגעגעבֿן געוואָרן דער אויבנאָן — דאָס ברייטסטע פּלאַץ אינם בוך; בײַ זייער אויסוויל איז אָבער אויך געווען די כּוונה, אַז דורך זיי זאָל אַנטפּלעקט ווערן, מער אָדער ווייניקער, אַלצדינג, וואָס איז ראוי אַנטפּלעקט צו ווערן פֿון שלום-עליכמס פּערזענלאַכקייט און טעטיקייט. דערפֿאַר איז פֿיל ווייניקער פּלאַץ געגעבֿן געוואָרן צו שלום-עליכמס ליטעראַרישן איבערבלײַב, וואָס באַשטייט דאָס רובֿ פֿון אָנגעהויבענע אָדער האַלב-ניטדערשריבענע זאַכן. אויף אָפּצודרוקן אַלע מיט אַ מאָל וואָלט מען באַדאַרפֿט פֿאַרווענדן דעם גרעסטן טייל פֿונם בוך, און דאָס וואָלט געשטערט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן. עס איז דעריבער אויסגעקומען צו באַנוצן זיך נאָר מיט אַ טייל דערפֿון — מיט דעם מער כאַראַקטעריסטישן.

דער אויסוויל פֿונם מאַטעריאַל האָט געפֿאָדערט אָנגעשטרענגטע אַרבעט. דערבײַ האָט דאָס אויסגעווײלטע מאַטעריאַל זיך געניייטיקט אין אַ גענויער אויספֿאָרשונג. אום קלאָר צו מאַכן איין טונקעלע פֿראַזע אין אַ בריוו, איז גאַנץ אָפֿט אויסגעקומען איבערצובלעטערן פּעק מיט פּאַפּירן און צײַטונגען, וואָס קאָנען האָבן אַ דירעקטע אָדער צײַטלאַכע שייכות מיט דעם, וואָס סאיז געשריבן אין יענעם בריוו. אַחוץ דעם, האָט אַ גרויסער טייל פֿונם מאַטעריאַל, וואָס איז פֿון שלום-עליכמען געשריבן געוואָרן אין העברייאיש אָדער אין רוסיש, באַדאַרפֿט איבערגעזעצט ווערן אין אידיש. און אויבֿ מע וועט נאָך נעמען אין באַטראַכט די מאָנאָגראַפֿישע שטודיעס, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן צו יעדער רובריק, און צוגעבן דערצו די קאָמפּליצירטע טעכנישע אַרבעט בײַם צוזאַמענשטעלן אין דער דרוקערײַ אַזאַ בוך, וואָס איז באַלאָדן מיט 123 קלישעס און מיט הונדערטער באַמערקונגען פֿון אויבן און פֿון אונטן, און אויך די אָנשטרענגונג, אַז דאָס בוך זאָל דערשײַנען אין אַ ריינער פֿאָרם, — און דאָס אַלץ האָט באַדאַרפֿט געטאָן ווערן פֿון איין מענטשן, — וועט אפֿשר פֿאַרשטענדלאַך זײַן אויך דעם זייטיקן, פֿאַרוואָס דאָס בוך האָט געמוזט פֿאַרשפּעטיקן אויף אַ האַלבֿ יאָר. אגבֿ, איז דאָס בוך אַרויסגעקומען מיט פֿינף בויגן מער, ווי מע האָט עס לכתּחילה געהאַט באַשטימט.

און זאָלן די דאָזיקע ווערטער דינען ווי אַ מין התנצלות.

וועגן דעם צוזאַמענשטעל פֿונם בוך דאַרף דאָ נאָך געזאָגט ווערן, אַז לכתּחילה איז געווען גערעכנט, מע זאָל באַציִען אויך אַרטיקלען פֿון אַנדערע שרײַפֿטשטעלער, וואָס האָבן עפּעס צוצוגעבן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון שלום-עליכמס פּערזענלאַכקייט, אָדער וואָס האָבן צו באַלײַכטן אַ געוויסן מאָמענט אין זײַן טעטיקייט. אַזוי, למשל, זײַנען געווען אָנגעמערקט אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום-עליכמס באַציִונגען צום אידישן טעאַטער און וועגן שלום-עליכמען אַליין פֿאַרלעזער. אייניקע מיטגלידער פֿון דעם „שלום-עליכם בוך קאָמיטעט“, וואָס האָבן נאָכגעפֿאָלגט מײַן אַרבעט, האָבן אָבער געפֿונען, אַז אַזעלכע אַרטיקלען וועלן צעשטערן די גאַנצקייט פֿונם בוך, וואָס דאַרף אויסוואַקסן פֿון זײַן אייגענעם באָדן, פֿון שלום-עליכמס אַרכיוו, און טראָגן דעם שטעמפּל פֿון אינטימיטעט. פֿונדעסטוועגן האָב איך געהאַלטן פֿאַר נייטיק אַרײַנצונעמען אינם בוך, אויסער די עטלאַכע אַרטיקלען פֿון שלום-עליכמס פֿאַמיליעמענטשן, אויך די ווערטפֿולע זכרונות פֿון דר. גרשון לעווין, וואָס באַלײַכטן אַ גאַנץ קאַפּיטל אין שלום-עליכמס לעבֿן, אַ צאָל אינטערעסאַנטע מעשׂיות פֿון נ. ב. לינדער, וואָס גיבן-איבער אין קורצע שטריכן שלום-עליכמס געמיט-צושטאַנד דעם לעצטן יאָר פֿון זײַן לעבֿן אין ניו-יאָרק, און דוד פּינסקיס נעפּילפּולע באַשרײַבונג פֿון שלום-עליכמס לעצטע טעג. די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען וועגן טעאַטער און פֿאָרלעזונגען האָבן ניט געקאָנט באַשטעלט ווערן מחמת דוחק אין פּלאַץ, און סאיז אויסגעקומען צו באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס אינדירעקט ווערן די דאָזיקע צוויי פּונקטן באַרירט אין די בריוו און אין אַן אַנדער אַרטיקל. — אינם ערשטן פּלאַן פֿונם בוך איז אויך געווען אָנגעמערקט אַן אויספֿירלאַכע ביאָ-און-ביבליאָגראַפֿיע פֿון שלום-עליכם. נאָר אַחוץ וואָס אַזעלכע צוויי ספּעציעלע אַרטיקלען וואָלטן פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ און אַרויסגעשטופּט אַ טייל מאַטעריאַל פֿון שלום-עליכמס אַרכיוו, זײַנען געווען אַנדערע מאָטיוון, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן דאָס צו טון. די פֿולע ביבליאָגראַפֿיע פֿון שלום-עליכם האָט ניט געקאָנט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין ניו-יאָרק, פּשוט דערפֿאַר, ווײַל עס פֿעלן דאָ די נייטיקע קוואַלן דערצו. שלום-עליכמס ווערק זײַנען געדרוקט געוואָרן אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט, וואו נאָר אַ אידישע צײַטונג איז דערשינען. דערבײַ זײַנען אין עטלאַכע פֿלעצער (אין די גאַליציִשע און לאָנדאָנער אידישע צײַטונגען) זײַנע ווערק ניט נאָר איבערגעדרוקט געוואָרן אין זייער אָריגינעלן טעקסט, נאָר וואַריִאירט און צוגעפּאַסט געוואָרן פֿון דעם מחבר צו די באַגריפֿן פֿון די אָרטיקע לעזער. אין אַ פֿולשטענדיקער ביבליאָגראַפֿיע דאַרפֿן אויך אַזעלכע שריפֿטן פֿאַרצייכנט ווערן, און אַזאַ אַרבעט

קאָן געטאָן ווערן סיידן דורך אַ גרופּע ביבליאָגראַפן אין די ביבליאָטעקעס פון יענע ערטער, וואו שלום־עליכמס ווערק זיינען געדרוקט געוואָרן. וואָס סאיז שייך דער ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם, גלויב איך, אַז זי דאַרף געשריבן ווערן פון פּערזאָנען, וואָס זייער באַציאונג צום ענין קאָן זיין אַ מער אָביעקטיווע, ווי מיינע. „דאָס שלום־עליכם בוך" וועט זיי אפשר איצט דינען ווי דער זיכערסטער קוואַל פאַר זייער אַרבעט. אַנשטאָט אַן אויספירלאַכע ביאָ־און־ביבליאָגראַפיע, האָב איך זיך דאָ באַנוגנט מיט קורצע „דאַטומס אינם לעבן און שאַפן פון שלום־עליכם", אין וועלכע איך האָב מיך באַמיט צו פאַרצייכענען כראָנאָלאָגיש די וויכטיקע עטאַפּן אין שלום־עליכמס לעבן און כמעט אַלע ווערק, וואָס זיינען פון אים געדרוקט געוואָרן (כ מ ע ט — ווייל קיין זיכערקייט אין דעם איז ניט מעגלאַך, ווי איך האָב עס דערקלערט אין מיין אַריינפיר־וואָרט צו די „דאַטומס").

עס דאַרפן דאָ געזאָגט ווערן עטלאַכע ווערטער אויך וועגן דעם אויסוואַל פון די בריוו און וועגן זייער רעדאַקציע. די בריוו זיינען געקליבן געוואָרן מיט דער כוונה, אַז דורך יעדן פון זיי זאָל בולט ווערן עפּעס, וואָס איז וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק אָדער פאַר דער לעבנסגעשיכטע פון שלום־עליכם. אַמאָל ליגט די וויכטיקייט אין אַ באַשריבענער פּאַסירונג, אַמאָל — אין דער באַציאונג צו מענטשן און זאַכן, און אַמאָל — אין דעם סטיל, אין אַ ווערטל, אין אַן איינפאַל. און אָפטמאָל שטעקט די וויכטיקייט אויך אין דער פּערזאָן, צו וועמען דער בריוו איז געשריבן. אין די פאַמיליעבריוו איז די וויכטיקייט געשאַצט געוואָרן נאָר לויט זייער אינהאַלט; אויב אייניקע מיטגלידער זיינען דאָ ווייניקער פאַרטראָטן אַלץ אַדרעסאַטן און אַנדערע מער — איז עס טיילווייז דערפאַר, ווייל די ערשטע האָבן זיך מערסטנס געפונען צוזאַמען מיט שלום־עליכמען, און די לעצטע האָבן געלעבט אין אַנדערע שטעט אָדער לענדער. עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס דער גרעסטער טייל פון זייער קאָרעספּאָנדענץ איז אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרלאָרן געגאַנגען. די רעדאַקציע פון די בריוו גופא, סאַי די וואָס זיינען געשריבן צו אייגענע, סאַי די וואָס צו חברים און פריינט, באַשטייט אין דעם, וואָס נעמען פון פּערזאָנען, ווערטער אָדער גאַנצע פראַזעס, וואָס זיינען ניט פּאַסיק פאַרעפנטלאַכט צו ווערן, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן אינגאַנצן; אויסגעלאָזטע נעמען זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט דריי שטערנדלאַך, ווערטער און פראַזעס — מיט פּאַסיקלאַך. אָפטמאָל זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן אויך אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן נאָר אַ שייכות מיט פריערדיקע בריוו, וועלכע זיינען אין דעם בוך ניט אַריינגעקומען, אָדער וואָס זיינען גלאַט ניט וויכטיק. ווערטער, וואָס זיינען דורך שלום־עליכמען פאַרפעלט געוואָרן, און אויך אַזעלכע, וואָס ווערן איבערגעחזרט אַ צווייטן מאָל, ווי אַ פּליטת הקולמוס, זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין קאַנטיקע קלאַמערן (דאָס אייגענע איז אויך געטאָן געוואָרן אין די אַרטיקלען). די עטלאַכע באַמערקונגען פון שלום־עליכם אין דעם בוך זיינען באַצייכנט מיט שטערנדלאַך; די אַלע באַמערקונגען, וואָס זיינען נומערירט מיט ציפער, זיינען געמאַכט פון דער רעדאַקציע.

די אָרטאָגראַפיע אין שלום־עליכמס בריוו און מאַנוסקריפּטן איז ניט אומעטום איינע און דיזעלבע; זי בייט זיך לויט די פאַרשיידענע פּעריאָדן, אין וועלכע די זאַכן זיינען געשריבן. אום ניט צו פאַרשווערן דאָס לייענען מיט אַ געמישטן אויסלייג, איז אויפן הסכם פון דעם „שלום־עליכם בוך קאָמיטעט" דאָס גאַנצע בוך געזעצט געוואָרן לויט דער נייער, פאָנעטישער אָרטאָגראַפיע, וואָס ווערט געברויכט דאָ אין אַמעריקע אין די מאָדערנע אידיש־ליטעראַרישע קרייזן; עס זיינען אָבער דערביי אויסגעמיידט געוואָרן אייניקע אָנגענומענע אָרטאָגראַפישע אומלאָגישקייטן. די העברייאישע און רוסישע טעקסטן זיינען געזעצט געוואָרן לויט דער אָרטאָגראַפיע פון די אָריגינאַלן. — עס דאַרף דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז אין די שמאָלע עמודים אַרום די בילדער זיינען אַ סך ווערטער געזעצט צעשפּרייט ניט צוליב זייער באַטאָנונג, נאָר פּשוט, אום אויסצופילן די שורה; דער לעזער וועט לויטן אינהאַלט אַליין באַגרייפן, וואו דאָס וואָרט איז באַטאָנט, און וואו עס איז טעכניש צעשפּרייט.

דאָס גאַנצע מאַטעריאַל, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם בוך, איז אינערגעץ פריער ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן און ווערט דאָ געדרוקט פון שלום־עליכמס אָריגינעלע מאַנוסקריפּטן (אַ קליינער טייל בריוו — אויך פון אָראָפּגעשריבענע קאָפּיעס), אויסער צוויי זאַכן, וואָס זיינען שוין פריער געדרוקט געוואָרן: שלום־עליכמס „קהלת אין מאַמע־לשון" און דוד פּינסקיס „ביי שלום־עליכמס גסיסה־בעט".

די איבערזעצונגען פון שלום־עליכמס העברייאישע און רוסישע אָריגינאַלן, די אַריינפיר־ווערטער און נאָכבאַמערקונגען פאַר און נאָך די בריוו און אַרטיקלען, די נומערירטע באַמערקונגען אונטערן טעקסט — זיינען אַלע געשריבן פון מיר. געשריבן פון מיר זיינען אויך די „דאַטומס" און די מאָנאָגראַפישע שטודיעס אין די זעקס הויפּט־רובריקעס; צוליב אַ טעכנישן מאָטיוו האָב איך אונטער זיי ניט אונטערגעשריבן מיין נאָמען, אויסער אונטערן אַרטיקל „מיט דער מישפּחה פון שריפטשטעלער", וואו מיר קומט־אויס צו דערציילן זאַכן אין זיער ערשטער פּערזאָן.

איך האָב אויבן דערמאָנט וועגן מיין באַציאונג צום ענין שלום־עליכם, און איך האַלט פאַר נייטיק צו זאָגן עטלאַכע ווערטער וועגן דעם אין שייכות צו מיין אַרבעט אין דעם דאָזיקן בוך. עס וועלן זיך אפשר געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אויסטייטשן מיין באַלייכטונג פון שלום־עליכמס פּערזענלאַכקייט, ווי אַ פּועל־יוצא פון קרובישע סענטימענטן. איך ווייס אָבער ניט, צי אַזאַ אויסטייטשונג וועט זיין די ריכטיקע, ווייל אין דער אמתן האָב איך מיך באַמיט צו זיין אָביעקטיוו, ווי ווייט עס איז נאָר מעגלאַך פאַר איינעם, וואָס האָט דעם ווילן צו פאַרטיפן זיך — און במילא צו באַהעפטן זיך — אין דעם צווייטנס נשמה. אויב איך האָב אין מיינע צייכענונגען בולט געמאַכט די ליכטיקייט פון זיין געשטאַלט, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל אַזאַ איינדרוק איז ביי מיר פון אים פאַרבליבן, ווייל ליכטיקייט איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון זיין מענטשלאַכן און קינסטלערישן וועזן. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין נאָענט צו אים אַ משך פון עלף יאָר, איך האָב זיך געוואַרימט אין זיין פאָטערלאַכער גוטסקייט, אין די פריידיקע שטראַלן, וואָס ער האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט — און עד היום שטייען יענע טעג אין מיין זכרון באַשטראַלטע מיט יום־טובדיקן ליכט. און ווי אַזוי איך זאָל ניט טראַכטן פון אים, און וויפיל איך זאָל ניט וועלן זיין אָביעקטיוו אין מיין באַציאונג צו זיין אָנדיינק, — זע איך נאָר זיין ליכטיק קינסטלעריש געזיכט, וואָס שמייכלט פאָטערלאַך צו מיר, צו אַלעמען, צום גאַנצן פאָלק. איך גלויב מיט אַ טיפן גלויבן, אַז אין ד ע ם ליגט דער סוד „שלום־עליכם“, דער סוד פון זיין שאַפן, דער סוד פון זיין אומשטערבלאַכקייט אין אונזער פאָלק. און אויב עס וועלן זיך געפינען אַנדערע, וואָס געדיינקען און דערציילן פון אים קלייניקייטן, וואָס זיינען להיפך צו דעם, וואָס איך געדיינק און דערצייל דאָ פון אים, וועלן זיי אין גרונט אפשר זיין מער סוביעקטיוו פון מיר.

פאַר אַ הקדמה וועט אַזאַ דערקלערונג זיין גענוג.

צום סוף וויל איך דאָ אַרויסזאָגן אַ דאַנק מיין שוויגערמוטער, פרוי שלום־עליכם, וואָס האָט מיר אַ סך געהאָלפן ביים פאַרצייכענען פּינקטלאַך די פאַקטן און דאַטומס אין די לעבנפּאַסירונגען פון איר מאַן, וואָס זיין ליכטיקער אָנדיינק גליט אין איר האַרצן און זכרון זינט אירע קינדער־יאָרן, בעת זי איז נאָך געווען זיינע אַ שילערין. עס וועט אויך ניט זיין איבעריק דאָ צו דערמאָנען, אַז נאָר אַדאַנק מיין פרוי, וואָס האָט יאָרנלאַנג געקליבן פּאַפּיר צו פּאַפּיר און איבערגעשריבן אין די ביבליאָטעקעס יעדע שורה, וואָס האָט אַ שייכות צו איר פאָטער, איז מעגלאַך געווען צוזאַמענצושטעלן שלום־עליכמס אַרכיוו און אַרויסצוברייגנען אָט דאָס בוך; זי האָט מיר אויך געהאָלפן אין דער קאָרעקטור און האָט צונויפגעשטעלט די פאַרצייכענונג פון די פּערזאָנען, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך.

דאַרף איך אויך דערמאָנען מיט טיפן דאַנק מיינע חברים פון דעם „שלום־עליכם בוך קאָמיטעט“ ? ב. צ. גאָלדבערג, יהואש, ש. ניגער, דוד פּינסקי, ש. ז. צוקערמאַן, דר. מיכאל קויפמאַן, דר. יעקב שאַצקי — די אַלע האָבן וואַרים אויפגענומען און געהאָלפן צו פאַרווירקלאַכן דעם געדאַנק פון אַ שלום־עליכם בוך און האָבן מיך ניט אויפגעהערט צו מונטערן מיט זייער טיפן אינטערעס אין מיין אַרבעט. מיין אַרבעט איז זייער אויפטו.

אַ באַזונדער יישר־כח קומט אונזער פּרעזידענט פון דעם „שלום־עליכם בוך קאָמיטעט“ — מאָריס וויינבערג, וואָס נאָר דורך זיין ברייטער פינאַנציעלער מיטווירקונג איז מעגלאַך געווען אַרויסצוברייגנען „דאָס שלום־עליכם בוך“ אַזוי שיין און רייך, ווי עס ווערט אַצינד געגעבן פאַרן אידישן לעזער.

י. ד. בערקאָוויטש.

ניו־יאָרק, דעצעמבער 1926.

צו דער אויטאָ־
ביאָגראַפיע פון
שלום־עליכם

[די פאַרגעליגטע אויטאָביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען פון שלום-עליכם זיינען אַ צוגאָב צו זיין געדרוקטער לעבנסבאַשרייבונג „פונם יאַריד“, וואָס ער האָט באַוויזן צו דערפירן נאָר ביז דעם צוויי-און-צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן (1881), און צו זיין בריוו צו י. ח. ראַווניצקין (געדרוקט צום סוף פונם בוך „פונם יאַריד“), אין וועלכן שלום-עליכם האָט פאַרצייכנט בקיצור נאָר עטלאַכע וויכטיקע פאַסירונגען פון זיין לעבן ביז דעם יאָר 1887, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין קינדער-דערציילונג „דאָס מעסערל“. דער ווערט פון די דאָזיקע נאָך ניט פאַרעפנטלאַכטע פאַרצייכענונגען באַשטייט, הויפּטזאַכלאַך, אין דעם, וואָס זיי נעמען-אַרום, כאָטש אין קאַרגע קורצע שטריכן, גאַנצע פופציק יאָר פון שלום-עליכמס לעבן. — געשריבן די דאָזיקע קורצע אויטאָביאָגראַפיע האָט שלום-עליכם אויף רוסיש, אין אָקטאָבער 1908, צו זיין פינף-און-צוואַנציק-יאָריקן יובילוי, בעת ער איז געלעגן קראַנק אין דעם איטאַליענישן קור-שטעטל נערווי. ער האָט עס געטאָן אויף דער בקשה פון אַ מיטאַרבעטער אין דער קיעווער צייטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל“. די קיעווער צייטונג, אין איינעם פון אירע אַרטיקלען לכבוד שלום-עליכמס יובילוי, האָט די אויטאָביאָגראַפיע באַנוצט אין אַ באַאַרבעטער פאָרם, דערביי ציטירט פון איר נאָר די וויכטיקסטע שטעלן. דאָסזעלבע האָט אויך געטאָן די ווילנער העברעיִשע צייטונג „הד הזמן“, וואָס האָט איבערגעדרוקט שלום-עליכמס ביאָגראַפיע פון דער „קיעווסקאַיאַ מיסל“. אַזוי, אַז די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפיע, אינגאַנצן, אַזוי ווי זי איז געשריבן געוואָרן פון שלום-עליכם, איז ביז הייַנט נאָך אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן. — נעמענדיק אין באַטראַכט דעם דאָקומענטאַלן כאַראַקטער פון די פאָרגעלייגטע פאַרצייכענונגען פון שלום-עליכם, איז די אידישע איבערזעצונג דאָ געמאַכט געוואָרן, ווי ווייט סאיז מעגלאַך געווען, פּינקטלאַך, כמעט ווערטערלאַך, כאָטש סאיז אָפּטמאָל אויסגעקומען צו פאַרבייגן די עכטקייט פון דעם אידישן סטיל. — דאָס רוסישע מאַנוסקריפּט איז געשריבן פון שלום-עליכם מיט אַ בלייַשטיפט, אויף צוואָרפענע ניט-גלייכע בלעטלאַך פּאַפּיר, דער כתב איז אַ געכאַפּטער, אַ נערוועזער. אין דער ביבליאָגראַפישער פאַר-צייכענונג האָט דער מחבר אויך געמאַכט טעותן. ווי עס ווייזט אויס, האָט שלום-עליכם דאָס אַלץ געשריבן קראַנקערהייט, ליגנדיק אין בעט (אַזוי ווי סאיז געווען זיין שטייגער צו שרייבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין קראַנק-זיין). — סאיז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז פּונקט ווי אין זיין לעבנס-באַשרייבונג „פונם יאַריד“, אַזוי אויך דאָ האָט שלום-עליכם, אָנשטאָט צו ריידן פון דער ערשטער פּערזאָן, דערציילט זיין לעבנסגעשיכטע ווי פון אַ דריטער פּערזאָן, באַצייכנט זיך אַליין מיט די ווערטער „דער מחבר“, „דער שריפטשטעלער“, אָדער מיט די ראשי-תיבות ש. ע.]

יאָר פון געבורט — 1859. אָרט פון געבורט — די שטאָט פּערעיאַסלאַוו (פּאָלטאַווער גובערניע). אָרט פון אויפוואַקסן — וואָראָנקאָ, אַ קליין שטעטעלע אַ העק, דאָס אמתע כתרילעווקע.

די משפחה אַ גרויסע אין צאָל און אַ פרומע. דער פאָטער — אַ טיפּ פון דעם אַמאָליקן משכיל און למדן. צוליב זיינע אויסערגעוויינלאַכע פעיִקייטן, האָט מען דאָס אינגל געגרייט צו זיין אַ רב, נאָר סאיז אָנגע-שטאַנען די עפּאָכע פון „אויפקלערונג“ און די צייט האָט אַנדערש באַשטימט: פון אים איז טאַקע אַרויס-געקומען אַ רב, אָבער ניט אַ גייסטלאַכער, נאָר אַ „קאַ-זיאָנער“ (אין דער שטאָט לובען, פון יאָר 1880 ביז 1883).

אין אָט דעם פּעריאָד (פון רבנות) האָט דער כמעט צוואַנציקיאָריקער יונגערמאַנטשיק אָנגעהויבן אַרויס-צובאַווייזן אַ נייגונג צו שריפטשטעלעריי, וואָס האָט

זיך אויסגעדריקט אין עטלאַכע נאַרישע קאָרעספּאָנדענציעס און אינהאַלטלאָזע אַרטיקלען פון דעם מין „מאמריסטיק“ אין דעם „המליץ“ און אין דער „הצפירה“. ניט געקוקט אויף זייער טאַלענטלאָזיקייט, האָבן זיי שטאַרק אויסגענומען ביי דער משפחה, און דער פאָטער פון דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט ליב געהאַט די העברייאישע „מליצה“, איז געווען אויפן זיבעטן הימל און האָט אַלץ צוגעגעבן חשק דעם „טאַלענטפולן“ זון ווייטער צו שרייבן, נביאות געזאָגט אים, אַז ער וועט ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט (וואָרים דער „המליץ“ און די „הצפירה“ צעגייען זיך „איבער דער גאַנצער וועלט“).

אין יענער צייט (יאָר 1883) האָט דער רעדאַקטאָר פונם „המליץ“ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויך אַ זשאַרגאָנישע צייטונג „דאָס אידישע פאָלקסבלאַט“.[1] דער ערשטער נומער, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, האָט איבערראַשט דעם שריפטשטעלער מיט דער איינפאַכקייט פון דעם איינפאַל. „אָט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דרוקט זיך אַ צייטונג אויף אַזאַ פּשוטער שפּראַך, וואָס איז צוגיינגלאַך פאַר אַלע אידן, אפילו פאַר ווייבער!“ פון דעמאָלט־אָן האָט זיך צו אים פאַרגנבעט דער געדאַנק: צי שפּייזט ניט די העברייאישע שפּראַך מיט איר פיינער „מליצה“ נאָר אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סיי ווי סיי, ווען דו שרייבסט העברייאיש, טראַכסטו דאָך אויף זשאַרגאָן, — איז שוין ניט בעסער טאַקע גלייך אויפן אָרט צו שרייבן אידיש, דאָס הייסט, שרייבן אַזוי, ווי דו טראַכסט? אָבער ווי אַזוי קאָן מען עס פּועלן ביי זיך צו שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער „אַלע ריידן“, און דער עיקר — אויף וועלכער עס דרוקן זיך „תחינות פאַר ווייבער“? וואָס וועט זאָגן דערויף דער טאַטע?... — אָט דעמאָלט איז עס צוגעטראַכט געוואָרן דער פּסעוודאָנים „שלום־עליכם“, אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע, דערהויפּט נאָכדעם, ווען ער האָט דורך די אומשטענדן (זיין חתונה־האָבן אויס ליבע מיט אַ רייכן מיידל) אָוועקגעלאָזט דאָס רבנות און איז אַריינגעפאַלן אין דאָס סאַמע געדיכטע פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי באריכות באַשריבן פון מנחם־מענדלען אין זיינע אומצייליקע בריוו. אין דער דאָזיקער סביבה (אויף דער קיעווער בערזע) האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר אַ חרפּה אָנצוקערן מיט די וואָס שרייבן, בפרט נאָך אויף זשאַרגאָן! ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען זיך דערוואוסט, ווער סאיז אָט דער חברה־מאַן. דעם שריפטשטעלערס פאָטער, דערנייענדיק דעם סוד (ביי אידן זיינען ניטאָ קיין סודות!), האָט אָוועקגעשריבן דעם זון אַ באַגייסטערטן בריוו מיט אַ באַנריסונג, אַז, הייסט עס,

[1] „אידישע פאָלקסבלאַט“.

„אַלע אידן לייענען דיינע פריילאַכע פעליעטאָנדלאַך און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און מיין פאָטערלאַך האַרץ פרייט זיך. אַ שאָד נאָר, וואָס דו שרייבסט אָט די אַלע זאַכן אויף אַ וואָכעדיקער שפּראַך, אויף דער שפּראַך פון „קעכנס און דינסטמיידלאַך“. ווי קומט דאָס צו מאַפּו? און איך, אורטיילנדיק לויט דיינע ערשטע מאמרים אין „המליץ“, האָב אַלץ געחלומט, אַז פון דיר וועט אויסוואַקסן ניט אַנדערש נאָר אַ צווייטער מאַפּו!“ —

די ערשטע פאַרזוכן צו שרייבן אויף זשאַרגאָן זיינען געווען „די איבערגעכאַפּטע בריוו“ (זעט די פריערדיקע כראָנאָלאָגישע פאַרצייכענונגען, וואָס זיינען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַריקע וואָך).[2]

ווייטערדיקע ביאָגראַפישע ידיעות:

פון 1883 ביז 1890 האָט ער פאַרבראַכט די סאַמע גליקלאַכע יאָרן אין קיעוו, צווישן בערזע־סוחרים, מעקלערס און אַנדערע געשעפטסלייט, געטיילט די צייט צווישן בערזעשפּיל און ליטעראַטור. אין די געשעפטן פון דער בערזע האָט אָבער דער שריפטשטעלער געהאַט אַ סך ווייניקער ערפאָלג, ווי אויפן ליטעראַרישן געביט. אין יאָר 1890, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרן אַ גאַנץ פאַרמעגן, איז ער אַריבערגעפאָרן אויף צו באַזעצן זיך אין אַדעס, וואו ער האָט אָוועקגעוואָרפן די קאָמערציעלע געשעפטן און געהאַט בדעה זיך אָפּצוגעבן אויסשליסלאַך מיט שריפטשטעלעריי. דאָס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן, וואָרים דעמאָלט, אַזוי ווי אויך איצט נאָך, איז אַ אידישן שרייבער שווער געווען צו לעבן נאָר פון דער ליטעראַטור אַליין. אַ אידישער שרייבער מוז אומבאַדינגט זיין נ אָ ך ע פּ ע ס. אַזוי, אַז דורכלעבנדיק אין אַדעס אין שטילער נויט אַרום דריי יאָר, האָט ער געמוזט זיך אומקערן צוריק אַהיים קיין קיעוו און ווידער אַ מאָל פּרואוון מזל אין קאָמערציע. נאָר די הצלחה, קוים האָט זי זיך איינמאָל אָפּגעקערט פונם מענטשן, האָט זי שוין מער קיין חשק ניט צו אים זיך אומצוקערן. ווי אַ פיש אויפ׳ן אייז, אַזוי האָט זיך דער שריפטשטעלער געוואָרפן אויף אַלע זייטן, אויסגעפּרואווט אַלערליי געשעפטן און טואַכצן, אַבי נאָר מיט כבוד אויפצוהאַלטן זיך און זיין גרויסע פאַמיליע; אויף דער געוויינלאַכער שפּראַך ווערט דאָס אָנגערופן „לעבן אָנשטענדיק“. עס איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, אויסבאַהאַלטנדיק זיין פיינלאַכע לאַגע פון פרעמדע אויגן.

און דאָך, וואָס האַרטער עס איז געווען דער קאַמף, וואָס שווערער און ביטערער עס איז געווען דאָס לעבן, אַלץ אָפטער און איינגעשפּאַרטער פלעגט זיך באַווייזן

[2] געמיינט די רשימה פון די ווערק, וואָס קומט דאָ שפּעטער; אין דעמזעלבן סדר זיינען די בלעטלאַך נומערירט אויך אינם מאַנוסקריפּט.

די באַגייסטערונג צום שאַפן. דאָ וואָלט געוועזן דער ריכטיקער אָרט צו באַמערקן, צו דער כאַראַקטעריסטיק פונם שאַפן פון ש. ע., אַז ער קאָן שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אפילו פאָרנדיק „אויף אַ איזוואָזטשיק“ און אפילו ליגנדיק אין בעט. רבונו של עולם! אַזאַ מאַסע טעמעס און סוזשעטן! וואָלט נאָר געוועזן פרייע צייט און וואָלטן נאָר מענטשן געלאָזט שרייבן. צום באַדויערן, האָט מען גאַנצע טעג באַדאַרפט זיין אין געיעג נאָכן קערבל. און ביינאַכט האָבן חשבונות, וועקס־לען, פּראָטעסטקעס און איספּאָל־ניטעלנע ליסטן ניט געלאָזט שלאָפן; און אָט די דאָזיקע ביטערע מינוטן איז שוין במילא קיין אנדער ברירה ניט געווען, סיידן זיך נעמען צו דער פּע־דער...

לויט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די סוזשעטן און די דערציי־לונגען פון ש. ע. דאַרף מען אַרויסזען די פאַרשיידנאַרטיקע באַשעפטיקונגען פונם מחבר, וועלכער איז איבערגעוועזן אי אַ סוחר, אי אַ בערזע־האָז, אי אַ קאַזיאָנער ראַבינער, אי אַ קאָמי־סיאָנער, אי אַ לערער, אי אַן אַגענט פון לעבנספאַרזיכערונג, און וואָס ניט? נאָר מער פון אַלץ האָט ער זיך געפילט פאַר אַ שרייבער. צו דער ליטעראַטור האָט עס אים געצויגן, און אין יאָר 1900 האָט ער אינגאַנצן אָוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלאַך צו דער ליטעראַטור.

און די ליטעראַטור די אידישע, דערהויפּט די פאָלקסליטעראַטור אויף דעם אַזוי־גערופענעם זשאַר־גאָן, האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוואַקסן און צו בליען. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן צייטונגען און זשורנאַלן און פאַרשיידענע בוכפאַרלאַגן. אַפּנים, סאיז אויסגעוואַקסן אַ לעזער און עס האָט זיך באַוויזן אַ נאָכפרעג אויפן בוך, דערהויפּט פון בעלעטריסטישן אינהאַלט. וואָלט דאָך שוין אַזאַ שריפטשטעלער גע־מעגט איינאָרדענען זיך און לעבן, מער אָדער ווייניקער, אָנשטענדיק. נאָר, אויף וויפיל ש. ע. איז געוועזן אַ גוטער שרייבער צווישן סוחרים, אויף אַזויפיל האָט ער זיך אַרויסבאַוויזן צו זיין אַ שלעכטער סוחר צווישן ליטעראַטן. די פאַרלעגער האָבן געמאַכט אויף אים ניט קיין שלעכטע פּראָבעס, און אים זיינען צוגעוואָרפן געוואָרן נישטיקע גראָשנס. סאיז אויסגעקומען דורכ־צולעבן זיך פון האַנט צום מויל, אייביק אָנקומען צו הלוואות, וואָס ווערן אָנגערופן „גמילות־חסדים“. מע האָט באַדאַרפט באַזיצן אַ זשעניאַלע געשיקטקייט, אום טאָג־טעגלאָך צו אַנטלייען געלט אויף צו דעקן די חובות, נעמען ביי א. אויף אָפּצוגעבן ב., כאַפּן אַ הלוואה ביי ג. און אָפּגעבן ד., כדי מע זאָל ווידער אַ מאָל קאָנען אַנטלייען ביי ד. אויף צו דעקן דעם חוב פון א. יאָ, דאָס איז שוין גאָרניט אַזאַ לייכטע באַ־שעפטיקונג, און ניט אומזיסט האָט דער שריפטשטע־לער געענטפערט זיינעם אַ פריינט אויף דער פראַגע:

שלום־עליכם אכצן יאָר אַלט
[קיעוו, 1877].

„ווי אַזוי לעבט זיך עס אייך?“— גאָט צו דאַנקען, איך זיץ על התורה ועל העבודה ועל גמילות־חסדים...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן יאָר 1905, בעת עס זיינען אָנגע־שטאַנען די געדיינקווירדיקע אָק־טאָבער־טעג, און דער שריפט־שטעלער, אַ צעשלאָגענער, ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, האָט גענומען דעם שטעקן אין האַנט און צוזאַמען מיט דער פאַמיליע זיך געלאָזט וואַנדערן קיין אַמע־ריקע. נאָר ניט אַזוי גיך האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. סאיז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אין יעדער שטאָט אין איי־ראָפּע, וואו אידן האָבן פייערלאָך מקבל־פּנים געוועזן דעם פּאָרטרע־טירטן שריפטשטעלער, געמאַכט פאַר אים אָוואַציעס א. א. וו.

ערשט צום סוף 1906 איז ער אַריינגעפאַלן אין אַמעריקע, אין אָט דעם קאָכעדיקן קעסל, וואו גלייך מיט אַנדערע פעלקער קאָכט זיך אויס אויך דאָס אידישע פאָלק. וואָס עס וועט זיך אויסקאָכן פון דעם — דאָס וועט באַווייזן די צוקונפט.

אַריינגעפאַלן אין אַמעריקע, האָט זיך ש. ע. דער־פילט, ווי אין דער היים. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס זיינען אַלץ אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן באַגעגנט דעם שריפטשטעלער, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט, און דעריבער, אַפּנים, האָט מען אים געמאַכט שוין צו אַ טומלדיקן קבלת־פּנים, אַזאַ, וואָס מע קאָן נאָר מאַכן אין קאָלומבוסעס מדינה.

צוגעקוקט זיך די ערשטע צייט צום לעבן פון זיינע אַמעריקאַנער ברידער און צו זייער איינאַרטיקער ליטעראַטור (ניכער — „פּרעסע“), האָט ער שטופנווייז אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין עטלאַכע אידישע צייטונגען, אין דריי מיט אַ מאָל: אין דעם קאָנסער־וואַטיוון „אידישן טאַגעבלאַט“, אין דעם „אידישן

אַמעריקאַנער״ [3] און אין מילערס פּראָגרעסיווער צייטונג „די וואַרהייט״ (פאַרשטייט זיך, אַז די מיטאַרבעטונג האָט זיך אויסגעדריקט נאָר מיט דער באַטייליקונג אין זייער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג, ניט אין דער פּאָליטיש־פּובליציסטישער).

אויסגעקליבן פאַר זיין וואוינפּלאַץ די אומגעהייער גרויסע שטאָט ניו יאָרק, איז ער אָבער אויסגעפאָרן אויך די אַנדערע גרויסע שטעט פון אַמעריקע, וואו ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן ערפאָלג געלייענט זיינע הומאָריסטישע ווערק, זיך אויסגעפיינט אין דער דראַזיקער קונסט, מעג מען זאָגן, ביז ווירטואָזיטעט, צוגעבנדיק צו זיין באַרימטקייט ווי אַ הומאָריסט אַ שרייבער דעם נאָמען פון אַ מייסטערהאַפטן פאָרלעזער.

אַחוץ דער פּרעסע און די פאָרלעזונגען, האָט אים אויך פאַרכאַפּט דאָס טעאַטער, וועלכעס (אינם זינען פון דעקאָראַציעס און הכנסה) צעבליט זיך. דאָך, אין פאַרלויף פונם ערשטן סעזאָן האָט ער באַוויזן אויפצופירן נאָר צוויי פּיעסן אין צוויי טעאַטערס, און דערנאָך האָבן ענינים פון דער פאַמיליע אַוועקגערופן אים צוריק קיין אייראָפּע (1907), וואו ער איז שוין פאַרבליבן ביז אינמיטן יאָר 1908, און גלייך נאָכדעם זיך אומגעקערט צוריק אין דער אַלטער היים קיין רוסלאַנד, וואו ער איז מיטן זעלבן ערפאָלג אַרויסגעטראָטן אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע אָוונטן, איבערפליענדיק מיט דער שנעלקייט פון אַ לופטשיף פון שטאָט צו שטאָט, און אַזוי איז ער פאַרפאָרן צום סוף יולי אינם שטעטל באַראַנאָוויטש (מינסקער גובערניע), וואו ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן מיט אַ היבש געפערלאַכער לונגען־קראַנקייט. אָפּגעלעגן אַרום צוויי חדשים, האָט ער צום סוף סענטיאַבר 1908 פאַרלאָזט רוסלאַנד און איז, לויט דער פאַרשריפט פון די דאָקטוירים, אַוועקגעפאָרן אין די דרום־לענדער אויף קוראַציע.

אַ רשימה פון די ווערק אין כראָנאָלאָגישן סדר

[די דאָזיקע רשימה איז אַן אויבערפלעכלאַכע און ווייט ניט קיין פולע. שלום־עליכם האָט דאָ פאַרצייכנט נאָר יענע פון זיינע ווערק, וואָס זיינען אים גראָד געקומען אויפן זינען, דורכלאָזנדיק אַ גרויסן טייל פון זיינע וויכטיקע שאַפונגען. און אַזוי ווי געשריבן האָט ער דאָס, ווי עס ווייזט אויס, ליגנדיק אין בעט און פ ו ן א ו י ס ו ו י י נ י ק, האָט ער אויך געמאַכט טעותן אין די יאָרן און אין די נעמען פון זיינע ווערק. די טעותן ווערן דאָ פאַרריכט אין קאַנטיקע קלאַמערן און אין באַמערקונגען.]

1883. — „די איבערגעכאַפּטע בריוו״ און אַ גאַנצע ריי פעליעטאָנען.

1884. — „דער ערשטער אַרויספאָר״, [4] „דאָס מעסערל״, [5] „העכער און נידעריקער״ און אַנדערע קליינע הומאָריסטישע דערציילונגען.

1885. — דער ערשטער גרויסער ראָמאַן „סענדער בלאַנק״ [6] און אַ ריי פעליעטאָנען.

1886. — אַ גרויסע נאָוועלע „קינדערשפּיל״ און אַנדערע דערציילונגען.

1887. — דער קאַמף קעגן שונד־ליטעראַטור, הויפּטזאַכלאַך קעגן שייקעוויטש־שמ״ר און קאָמפּאַניע („שמ״רס משפּט״). [7] שמ״ר איז געצוואונגען געווען אויסצואוואַנדערן קיין אַמעריקע. — צו דערזעלבער צייט איז געגרינדעט געוואָרן דאָס יאָרבוך „די יודישע פאָלקסביבליאָטעק״, וועלכעס האָט צוגעצויגן צו זיך אַ מיינגע מיטאַרבעטער פון די וואָס האָבן געשריבן העברייאיש.

1888. — דערשינען דער ערשטער באַנד „יודישע פאָלקסביבליאָטעק״. דאָרט זיינען געדרוקט פאַרשיידענע אַרטיקלען פון ש. ע. אונטער פאַרשיידענע

[3] די ניו־יאָרקער וואָכנשריפט „דער אַמעריקאַנער״. — [4] „דער ערשטער אַרויספאָר״ (אונטערן נאָמען „די וועלט־רייזע״) איז צום ערשטן מאָל דערשינען ניט אין 1884, נאָר אין 1886־1887, אין דער ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט״. — [5] „דאָס מעסערל״ איז געדרוקט געוואָרן אין 1887. — [6] די ערשטע אויפלאַגע פון „סענדער בלאַנק״ איז דערשינען אין 1888. — [7] „שמ״ר׳ס משפּט״ איז דערשינען אין 1888.

פּסעוודאָנימען. הויפּטזאַכלאַך — דער ראָמאַן „סטעמפּעניו״. אין דעמזעלבן יאָר איז דערשינען דאָס ביכל „אַ בינטל בלומען״ — לידער אין פּראָזע.

1889. — דער צווייטער באַנד „יודישע פאָלקסביבליאָטעק״. אַחוץ פאַרשיידענע אַרטיקלען — אַ גרויסער ראָמאַן „יוסילע סאָלאָוויי״.

1890-1891 (די געשעפטן האָבן זיך אַ וואַקלגעטאָן, דער מחבר האָט אַריבערגעוואַנדערט קיין אַדעס). — אַ קליינע הפסקה פאַרן זשאַרגאָן, געשריבן מער אויף העברייאיש („המליץ״, „הצפירה״, „פּרדס״, „בית־עקד״ און אַנדערע) און אויך אויף רוסיש („וואָסכאָד״, „יעווריעיסקאָיע אָבאָזרעניע״, „אָדעססקיאַ נאָוואָסטי״, „אָדעססקי ליסטאָק״).

1892. — די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם־מענדל (פון דער אַדעסער בערזע).

1893 (צוריקקומענדיק קיין קיעוו). — די ערשטע מעשה פון טביה דעם מילכיקן (אינם זשורנאַל „הויזפריינד״) [8].

1894, 1895, 1896, 1897, 1898. — די קאָמעדיע „יקנה״ז״, איינאַקטיקע זאַכעלאַך: „מזל־טוב״ [9], „אַ דאָקטאָר״ [10], „דער גט״ [11] און אַנדערע.

[8] געדרוקט אין 1894, אינם פערטן באַנד „הויזפריינד״. — [9] געדרוקט אין „יוד״, 1899. — [10] דערשינען ווי אַ ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט״ נאָך אין 1887. — [11] געדרוקט אינם ערשטן באַנד „הויזפריינד״, 1888.

1899, 1900, 1901. — אין דעם וועכנטלאכן זשורנאל „דער יוד" [12] — א גאנצע ריי הומאריסטישע דערציילונגען „קליינע מענטשעלאך", א סך סקיצעס און סאטירעס: „גאנץ באַרדיטשעוו", „[אין] די ווארימבעדער" [13], „[אין] בויבעריק", „ראבטשיק", „דער זייגער", צוויי מעשיות פון טביהן, א דריטע סעריע בריוו פון מנחם-מענדלען [14]. אין אן אנדער זשורנאל, „פאלקסצייטונג" [15], די ווייטערדיקע בריוו פון מנחם-מענדלען [16], א ריי יום-טובדיקע מעשיות פאר קינדער, א דראמאטיש בילד אין דריי אקטן „צעזייט און צעשפרייט", א דערציילונג „א ווייגרישנע בילעט" [17], די ווייטערדיקע פאסירונגען פון מנחם-מענדלען: „שלים-שלים-מזל", „עס פידלט ניט" [18] און אנד.

שלום-עליכם און זיין פרוי צו זייער חתונה
[קיעוו, דעם 12-טן מאי, 1883].

אגיט. [19]

אינם ערשטן קאנגרעס-יאר: „וועגן קאנגרעס" [20].

אינם צווייטן קאנגרעס-יאר: „צי באדארפן אידן א לאנד?" [21]

אינם דריטן קאנגרעס-יאר: „צו אונזערע שוועסטער אין ציון".

1902, 1903, 1904. מיטארבעטונג אין דער ערשטער טעגלאבער צייטונג „דער פריינד" [22]. א סך גרויסע און קליינע דערציילונגען, נאוועלן, מעשיות, בילדער, פעליעטאנען, דהיינו: „כל-נדרי", „דריי שכנים", „מיטן עטאפ", „עולם הבא", „די בהלה אין כתרילעווקע", „[אפגעשלאגענע] הושענות", „צוויי ברידער" [23], די פארזעצונג פון מנחם-מענדלס בריוו, די פארזעצונג פון „קליינע מענטשעלאך", „צוויי בעסאראבצעס" [24], „אוגאנדיאדא" [25], „עמיגראנטן" [26], יום-טובדיקע און אנדערע דערציילונגען.

1905. — פארזעצונג פון מיטארבעטונג אינם „פריינד" און מיטארבעטונג אין די צייטונגען „דער טאג" (סט. פעטערבורג) [27], „דער וועג" (ווארשע): „קאנסיליום" [28], „כתרילעווקער דעפוטאציע" [29], „יוסף" און אנדערע דערציילונגען.

דער סוף פון 1905 האט זיך באצייכנט מיט פאגראמען. דער שריפטשטעלער האט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע איבער גאנץ אייראפע, פארגעלייענט אין א סך שטעט זיינע ווערק, געשריבן אין דער לעמבערגער צייטונג „טאגעבלאט", אינם קראקעווער „יוד", אינם לאנדאנער „אידישן זשורנאל" און „עקספרעס".

סוף 1906, אנהייב 1907. געקומען קיין אמעריקע, האט ער געשריבן אין „טאגעבלאט", „מארגנזשורנאל" און „װארהייט". עס זיינען געדרוקט געווארן: „דריי אלמנות", „די [ערשטע] אידישע רעפובליק", 23 קליינע סקיצעס פון „דעם חזנס אינגל" און א גרויסער ראמאן „דער מבול". אחוץ דעם, זיינען אנגעשריבן און אויפגעפירט געווארן צוויי פיעסן: „שמואל פאסטערנאק" און „אידישע טעכטער".

[12] אין דעם „יוד" האט זיך שלום-עליכם געדרוקט אויך אין 1902. — [13] „אין די ווארימבעדער" האט זיך געדרוקט ניט אין „יוד", נאר אין דער „יודישער פאלקסצייטונג", אין 1903. — [14] די צווייטע סעריע („פאפירלאך", „הויזפריינד", 1895) האט שלום-עליכם דא אויסגעלאזט. — [15] די „יודישע פאלקסצייטונג" האט אנגעהויבן צו דערשיינען ערשט אין 1902. — [16] מנחם-מענדלס בריוו זיינען אין דער „יוד. פאלקסצ." ניט געדרוקט געווארן. — [17] געדרוקט ניט אין דער „יוד. פאלקסצ.", נאר אין דער „יודישער פאמיליע", 1902. — [18] ניט אין דער „יוד. פאלקסצ.", נאר אין „יוד". — [19] געמיינט אגיטאציע-בראשורן. — [20] „דער יודישער קאנגרעס אין באזעל". — [21] „אויף וואס באדארפען אידען א לאנד?" — [22] „דער פריינד" האט אנגעהויבן צו דערשיינען ניט אין 1902, נאר אין 1903.

[23] געמיינט „אן אייגענע שטאט" (שפעטער — „די יורשים"), וואס איז אבער געוועזן געדרוקט ניט אין „פריינד", נאר אין „יוד", 1902. — [24] געמיינט „צוויי אנטיסעמיטן" — אבער געדרוקט אין „וועג", 1905. — [25] „דער וועג", 1905. — [26] „מאטל דעם חזנס" — אבער געדרוקט ערשט אין 1908. — [27] „דער טאג" איז ארויס מיט א יאר פריער — צום סוף 1903 און אין 1904. — [28] „דער טאג", 1903. — [29] „דער טאג", 1904.

1908. — צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד. פאַרזעצונג אין „פריינד" און מיטאַרבעטונג אין „אונזער לעבן" און „העולם". געדרוקט: „עמיגראַנטן"[30], פאַרשיידענע יום־טובדיקע דערציילונגען און פעליעטאָנען. געשריבן אַ פּיראַקטיקע קאָמעדיע „דער אוצר" און „ליליפוטן", אַרום 30 פיצינקע הומאָריסטישע דערציילונגען, נאָך ניט געדרוקטע.[31]

איבערגעזעצט געוואָרן אויף פאָלגנדיקע שפּראַכן:

רוסיש, פויליש, דייטש, ענגליש, רומעניש, האָלענדיש און סלאָוואַקיש.[32]

אויסגאַבעס, אין וועלכע ער האָט זיך געדרוקט:

1) המליץ, 2) הצפירה, 3) פרדס, 4) בית־עקד, 5) האָסיף, 6) העולם, 7) הזמן, 8) פאָלקסבלאַט, 9) וועקער, 10) הויזפריינד, 11) יוד, 12) פאָלקסצייטונג, 13) פריינד, 14) טאָג, 15) וועג, 16) אונזער לעבן, 17) פאָלקסביבליאָטעק, 18) לעמבערגער טאַגעבלאַט, 19) קראָקעווער יוד, 20) טשערנאָוויצער וואָכנבלאַט, 21) לאָנדאָנער עקספּרעס, 22) לאָנדאָנער זשורנאַל, 23) ניו יאָרקער מאָרגנזשורנאַל, 24) ניו יאָרקער טאַגעבלאַט, 25) וואָרהייט, 26) פילאַדעלפיער שטאַטצייטונג, 27) שיקאַגער[33] טויב, 28) דזשואיש וואָרלד, 29) אַמעריקאַן היברו, 30) וואָסכאָד, 31) יעווריעיסקאָיע אָבאָזרעניע, 32) יעווריעיסקי אַלמאַנאַך, 33) אָדעססקי ליסטאָק, 34) אָדעססקיאַ נאָוואָסטי, 35) קיעווסקאָיע סלאָוואָ, 36) קיעווסקיאַ וויעסטי, 37) די וועלט, 38) אָסט אונד וועסט, 39) לוואָווסקי איזראַעליט, 40) פאָלסקי אַלמאַנאַך, 41) ביבליאָטעקאַ דזשעל וויבאָראָוויך, 42) יאָהאַנעסבורגער בלעטער.

בסך־הכּל איז אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס אַרום 20 בענד. אַרויסגעגעבן אין באַזונדערע ביכער: „תושיה" — 4 בענד, לידסקי 3, קרינסקי 1. אינאיינעם — 8 בענד.

ע נ ד.

אַ ביסל געשיכטע צום בוך „פונם יאַריד"

שלום־עליכמס אויטאָביאָגראַפיע „פונם יאַריד" איז געווען איינע פון זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען, וואָס מיט זיין טויט איז זי איבערגעהאַקט געוואָרן אין רעכטן מיטן (די לעצטע צוויי קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך — „אַ שטעלע פון אַ סעקרעטאַר" און „די וויבאָרעס" — זיינען געשריבן געוואָרן גאָר נאָענט צו זיינע לעצטע טעג). ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַל ווערק עס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען, ווען דעם מייסטער וואָלטן געשיינקט געוואָרן נאָך עטלאַכע יאָר אויף צו דערפירן עס ביזן סוף! דאָרט, וואו דאָס בוך איז פלוצים איבערגעריסן געוואָרן, הייבט זיך ערשט אָן שלום־עליכמס לעבן אַרויסצושיילן פון זיין יונגטלאַכן שאָלאַכץ. עס קומען־אָן די ערשטע יאָרן פון נייסטיקן דראַנג, פון אויפבליען און צעוואַקסן זיך — דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע אין דעם לעבן פון אַ שאַפנדיקער פערזענלאַכקייט: זונאויפגאַנג.

און דער פאַרנעם פון דעם בוך איז געווען אַ ברייטער, אַ ווייט־צילעוודיקער, אַ לאָקנדיקער. שלום־עליכם האָט געהאַט בדעה ניט נאָר אַרויסצוברייגנען זיינע אייגענע לעבנספּאַסירונגען אין אַ דיכטערישער פאָרם, נאָר אויך ברייט צו מאָלן און צו באַלייכטן די גאַנצע סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך באַוועגט. אויפן פּלאַן איז געווען אַ גאַנצע עפּאָכע — פופציק יאָר פון אידישן לעבן, מיט אַלע זיינע געשעענישן, דערשיינונגען, באַוועגונגען, אויפטואַכצן, מיט אַלע זיינע עפּנטלאַכע און פאַרבאָרגענע פּערזענלאַכקייטן, גרויסע לייט און קליינע מענטשעלאַך — דער אמתער אידישער יאַריד, און אינמיטן — דער פאָלקסקינסטלער, דער פלינקער באַאָבאַכטער מיט די שאַרפע ניי־געריקע פאַרשנדיקע אויגן...

דער געדאַנק צו באַשרייבן פאַר דער וועלט זיין לעבנסגעשיכטע איז ביי שלום־עליכמען געבאָרן געוואָרן נאָך גאָר אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. שוין אין 1895, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק, שרייבט ער אין אַ בריוו צו מרדכי ספּעקטאָרן: „אַזוי ווי דאָס בעסטע בוך איז דאָס לעבן, און דער בעסטער ראָמאַן איז דעם מענטשנס לעבן, און מיין לעבן איז גראָדע רייך מיט פאַרשיידענע עפּיזאָדן, כאַראַקטערן און טיפּן, — האָב איך מיך פעסט באַשלאָסן די טעג צוטרעטן צו מיין לעבנסבאַשרייבונג (אויטאָביאָגראַפיע), באַריכות, פון מיין געבאָרן ביז צוואַנציק יאָר. — — — מסתמא פאַרשטייט איר שוין, אַז גלאַט אַזוי באַשרייבן, ווי אַזוי איך האָב געגעסן, צי געלערנט, צי געשלאָפן, געשפּרונגען — וועל איך ניט. איך וועל אויסקלייבן די רייכסטע עפּיזאָדן, וועלכע וועלן נײַן רעגלמעסיק, טריט ביי טריט, און וועלכע זאָלן האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס ניט נאָר פאַר מיר אַליין, נאָר אויך פאַר יענעם".

דעמאָלט איז עס אָבער געווען ניט מער ווי אַ פאַרביילויפנדיקער געדאַנק. אין יענער צייט איז שלום־

[30] זע באַמערקונג 26. — [31] וואָס מיט די „ליליפוטן" איז גע־וואָרן — איז נים באַוואוסט: אין דעם אַרכיוו פון שלום־עליכם האָט מען זיי נים געפונען. — [32] צום ביאָגראַפישן אַרטיקל אין דער „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט שלום־עליכם צוגעשריבן: „בולגאַריש, עספּעראַנטאָ".

[33] עס דאַרף זיין: פ י ט ס ב ו ר ג ע ר.



שלום־עליכם אין זיין אַרבעטצימער לייענענדיק אַ צייטונג
[ניו־יאָרק, 110 לענאָקס עוועניו, יאָר 1915].

עליכם נאָך געווען צו יונג און צופיל אָנגעלאָדן מיט אריבערשוימענדיקן זאַפט פון קוועלנדיקע שאַפונג־כחות, מיט יונגן אימפּעט פון פריש־צאַפּלדיקע איבערלעבענישן און באַטראַכטונגען, ער זאָל אינמיטן דערינען פאַרשטאָפּן אין זיך די קראַנגען פון זיין לעבעדיקער שטראָמענדיקער שפע און זיך אָוועקזעצן מיט אַן אָפּגעקילטן באַרוטן געמיט פון אַ זקן צו שרייבן זכרונות פון אַמאָל. ערשט שפּעטער, אין יאָר 1908, ווען ער האָט „זוכה געווען — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין דעם אַריינפיר צו זיין בוך „פונם יאַריד" — צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיטן מלאך־המות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס", דאָס הייסט, שוין ליגנדיק געפערלאַך קראַנק אין נערווי צו זיין פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובילײ, — מאַכט ער דעם ערשטן פּרואוו צו שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע. ער שרייבט־אָן די ערשטע עטלאַכע קאַפּיטלען — און שטעלט זיך באַלד אָפּ. פאַר וואָס? שלום־עליכם אַליין האָט עס געוואָלט דערקלערן דערמיט, וואָס ביי אונז איז ניטאָ קיין ערנסטע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואו צו דרוקן ווערק פון אַזאַ כאַראַקטער (די עטלאַכע קאַפּיטלען פון זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט ער געהאַט צוגעשיקט קיין ניו יאָרק צו דוד פּינסקין, נאָר אין די ניו יאָרקער אידישע צייטונגען, ווייזט אויס, האָבן זיך דעמאָלט ניט געפונען קיין בעלנים דערויף). דאָס איז אפשר אויך געווען אַ גוטער תירוץ. נאָר אויסער דעם איז דאָ געווען אַן אַנדער אורזאַך, מער אַ פּסיכאָלאָגישע, פאַר וואָס שלום־עליכם האָט דעמאָלט אָפּגעלייגט דאָס שרייבן פון זיין לעבנסגעשיכטע אָן דער זייט: אין דעם מילדן קלימאַט פון דער איטאַליענישער ריוויערע, צווישן ים און זון (וואָס שלום־עליכם האָט ביידע ליב געהאַט „ממש כלות הנפש", ווי ער פלעגט זאָגן), האָט זיין געזונט זיך אָנגעהויבן ביסלאַכווייז צו פאַרבעסערן, ער האָט זיך דערפילט דערמונטערט און אָפּגעפרישט. עס האָט זיך באַנייט די האָפענונג אויף צו לעבן און פאָרצוזעצן די אַרבעט „כאָטש נאָך אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אָיב נישט מער" (אין זיין הקדמה צו „שמואל שמעלקים און זיין יובילייאום"), און צוזאַמען מיט אָט דער האָפענונג און מיטן באַנייטן חשק צו שאַפן זיינען באַלד ווידער אַרויסגעשוואומען דאָס לעבעדיקע כתרילעווקע, די רירעוודיקע פאַרשוינען פון די „אייזנבאַן־געשיכטעס", די פריילאַכע לונג־און־לעבערס פון די „בלאָנזשענדע שטערן", און אויך „טביה דער מילכיגער" האָט זיך נאָך געריסן צום פּסוק, און אפילו מנחם־מענדל איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע... האָט שוין ממילא די אויטאָביאָגראַפיע געמעגט צוואַרטן אַ ביסל. וואָרים „שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע און מאַכן אַ צוואה — זאָגט שלום־עליכם — איז כמעט אַלץ איינס". ווער זשע כאַפּט זיך עס מאַכן אַ צוואה, בעת דאָס לעבן איז נאָך פאָראויס?

אַ צווייטן מאָל האָט זיך שלום־עליכם גענומען צו זיין אויטאָביאָגראַפיע אין יאָר 1913. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין דער שווייצערישער שטאָט לאָזאַן, וואו ער האָט זיך באַפריינט מיטן רייכן באַקוער נאַפט־סוחר און טעריטאָריאַליסטישן עסקן ש. שרירא. שרירא, דערוויסנדיק זיך פון שלום־עליכמען, אַז ער פּלאַנט צו שרייבן זיין לעבנסגעשיכטע, האָט אים צוגעגעבן חשק דערצו, דערביי האָט ער אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן דאָס בוך אויף זיינע קאָסטן און צו האָנאָרירן דעם מחבר מיט אַ מאָנאַטלאַכן אַוואַנס, ער זאָל קאָנען זיצן רואיק און שרייבן. שלום־עליכם, דערמונטערט פון זיין רייכן פאַרערער, איז פלייסיק צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איבערגעמאַכט די ערשטע אָנגעשריבענע קאַפּיטלען, געשריבן ווייטער און דערגאַנגען ביז יענעם פּעריאָד פון זיין יוגנט, וואָס אין דעם שפּעטער איבערגעאַרבעטן „פונם יאַריד" דערגרייכט ער דעם קאַפּיטל 46 (אַ טייל פון יענעם וואַריאַנט האָט זיך דעמאָלט גלייך געדרוקט אין „הצפירה", אין דער העברעיאישער איבערזעצונג פון י. ד. בערקאָוויטש, אונטער די טיטלען „ילדות" און „יתומים"). דערווייל האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז שרירא איז אַוועקגעפאָרן פון לאָזאַן און האָט זיך פאַרעסקט אין זיינע אייגענע נאַפט־געשעפטן, שלום־עליכם האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו קלייבן קיין רוסלאַנד, און די אַרבעט איז ווידער אַ מאָל איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן.

אַ דריטן מאָל (שוין דאָס לעצטע מאָל) האָט זיך שלום־עליכם אומגעקערט צו זיין געפּרואווטער לעבנסבאַשרייבונג אין אָנהייב פונם יאָר 1915, באַלד ווי ער איז געקומען קיין ניו יאָרק נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. אַריינגעטראָטן פאַר אַ מיטאַרבעטער אין דעם ערשט־געגרינדעטן „טאָג", האָט ער קודם כל אויסגענומען אַ תנאי, אַז די הויפּטליפערונג זיינע פאַר דער צייטונג זאָל זיין — זיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט איצט באַטיטלט מיטן נאָמען „פונם יאַריד". ער האָט זיך גענומען באַאַרבעטן פון דאָס ניי די פריערדיקע מאַנוסקריפּטן, ערנסט זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט, מיט אַלע חושים אַוועקגעלאָזט זיך אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון די קינדער־יאָרן, געזיפּט און געלייטערט יעדע דעראינערונג, געזאָרגט זיך ניט נאָר פאַר דער ליטעראַרישער פאָרם פון דער אַרבעט, נאָר אויך פאַר דער אמתדיקייט פון די אַרויסגעבראַכטע לעבנספּאַסירונגען (ער האָט איינמאָל זיך געכאַפּט, אַז אין דעם ערשטן וואַריאַנט האָט ער איין פּערזאָן אַוועקגעשטעלט ניט אויפן געהעריקן אָרט, איז ער געווען אויסער זיך, וואָס דער זכרון האָט אים פאַרפירט). און די שווערע אומשטענדן פונם ניו יאָרקער לעבן האָבן ווי מ י ט ג ע ה אָ ל פ ן צו דער דאָזיקער אַרבעט. די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר פון שלום־עליכמס לעבן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן צו פאַרענדיקן אין דעם גרויסן

טומלדיקן ניו יאָרק, זיינען געווען די שווערסטע, די ביטערסטע, די טריבסטע טעג זיינע. ווי אַ פינסטערע קאַלטע כמאַרע האָט זיך עס געלייגט אויף זיין קראַנקן געמיט. דער פרעמדער באַטויבנדיקער רעש פון דער מיליאָנענקעפּיקער שטאָט, דאָס זינלאָזע וואָכעדיקע יאָגנדיקע לעבן אַרום, דאָס אַרומפאָרן קראַנקערהייט אין די איבערגעפּאַקטע סאָבוועי־וואַגאָנעס, די קאַלטע פרעמדע באַציאונג פון דער פאַרשמאַיעטער אידישער צייטונגסוועלט, די אוממאַכטיקע בייִנקשאַפט נאָך דער מילדער היילנדיקער זון פון די דרום־לענדער, נאָך דער וואַרימער ליבשאַפט פון חברים און גוטע פריינט, אין וועלכער ער איז געווען געצערטלט די לעצטע יאָרן אין אייראָפּע, די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, וואָס האָט ניט געקלעקט אויף אָוועקצופאָרן קיין קאַליפאָרניע פון די קאַלטע ניו־יאָרקער ווינטער־חדשים — דאָס אַלץ אינאיינעם האָט ווי אָפּגעשטופּט דעם באַטריבטן מייסטער פון דער געגנוואַרט, דערוויטערט אים פון דעם אַרומיקן פרעמדן טומל, גערופן אים צוריק, אַהין, אין די ווייטפאַרגאַנגענע, ווייטפאַרגעסענע טעג פון דער שטראַלנדיקער יוגנט. אויב פאַר דער דרויסנדיקער וועלט פלעגט ער נאָך אָפטמאָל באַווייזן אַ שמייכלענדיק פּנים מיט די כאַראַקטעריסטישע שפּילעוודיקע „אָפּשניצלאַך“ פון דעם פרייליכן שלום־עליכם, איז ער אָבער אינערלאַך, פאַר זיך אַליין, ווי אַנדערש געוואָרן. אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטיפטער אין זיך, אַ פאַרזונקענער אין זכרונות, איז ער אַרומגעגאַנגען יענע טעג, שפּאַצירנדיק אויף אַ קליינעם שטח פון עטלאַכע גאַסן אַרום זיין הויז אין בראָנקס, און פונדאָסניי געשפּונען דעם צוריקגעפונענעם פאָדים פון יונגע חלומות. קוקנדיק אויף אים מן הצד, איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דער פריערדיקער שלום־עליכם: אַזאַ טיפער אומעט אין די אויגן, אַזאַ קאָנצענטרירטער, געלייטערטער טרויער אין דעם גאַנצן אויסדרוק פון דעם פריער רירעוודיקן, אַרטיסטיש־חנעוודיקן געזיכט! ניט אומזיסט איז דער טאָן אין אַ סך קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך אַזוי עלעגיש־רעזיגנירנדיק, אַזוי שטיל־אמתדיק, אַזוי געלייטערט־דורכזיכטיק, אַזוי אַנדערש פון דעם פריערדיקן הילכיקן, פּאַקנדיקן שלום־עליכם־טאָן אין זיינע הומאָריסטישע שאַפונגען: דאָס איז דער פולער אָפּקלאַנג פון דעם מייסטערס געמיט־צושטאַנד אין זיינע לעצטע חדשים.

די אַרבעט פון דעם בוך האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער האָט נאָר וועגן דעם געטראַכט, גערעדט דערפון מיט נאָענטע מענטשן אויף זיינע שפּאַצירגיינג, געפּלאַנט די וויטערדיקע טיילן, דערציילט פאָראויס, וועלכע פּעריאָדן עס וועלן זיין באַזונדער אינטערעסאַנט, געערגערט זיך, וואָס אין דער צייטונג, וואו ער איז אַ מיטאַרבעטער, וויל מען ניט אָפּשאַצן דעם ריכטיקן ווערט פון „דעם בוך פון זיינע ביכער“ (ווי ער האָט אָנגערופן זיין אויטאָביאָגראַפיע, ווידמענדיק זי צו זיינע קינדער); מע פאַרלאַנגט פון אים אַנדערע זאַכן — פרייליכע פעליעטאָנען, ראָמאַנען. ער האָט געמוזט נאָכגעבן, געשריבן אין איין צייט מיט די קאַפּיטלען „פונם יאריד“ אַ ראָמאַן — אַ ווילדן פּלאָנטער פונם אידיש־אַמעריקאַנישן לעבן מיט אַ ווילדן נאָמען „דער מיסטייק“ (אַ צולהכעיס־ראָמאַן מיט אַ צולהכעיס־נאָמען, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: „איר ווילט ניט מיינע געלייטערטע פּערל — נאַט אייך דערפאַר אַ שטיק זשאַרגאָן פון דעם אידיש־אַמעריקאַנישן געטומל, נאַט אייך אַ „מיסטייק“!“). וויפיל ער האָט אין דער שטיל געליטן דערפון, וואָס מע לאָזט אים ניט שרייבן רואיק זיין אמתן בוך — ווייסן נאָר זיינע נאָענטסטע מענטשן. און ווי גרויס עס פלעגט זיין זיין פרייד, ווען ער פלעגט הערן אַמאָל אַ גוטע מיינונג וועגן „יאַריד“ פון חברים־שרייבערס! עס געדיינקט זיך אַ באַגייסטערטער בריוו פון מ. אָלגין וועגן דעם קאַפּיטל „שמחת־תורה צו הקפות“; שלום־עליכם האָט דעם בריוו צוגעטראָגן דעם שרייבער פון די דאָזיקע באַמערקונגען מיט אַ גליקלאַך־קינדישן



פאַקסימילע פון שלום־עליכמס כתב־יד: אַ בלעטל „פונם יאַריד“.

שמייכל אויפן קראַנקן, פאַר דער צייט פאַרעלטערטן פנים: „נו? אַזאַ בריוו וואָלט מען *זיי* באַדאַרפט שרייבן!“...

אַזעלכע גוטע מיינונגען האָבן נאָך מער געשטאַרקט די הענט פון דעם קראַנקן מייסטער און פאַרטאָפּעלט זיין גלויבן, אַז ער שאַפט אַ גרויס ווערק, און ער איז ניט מיד געוואָרן צו שרייבן און צו שלייפן די קאַפּיטלען פון זיין בוך, געשריבן שטייענדיק ביי זיין ספּעציעל־צוגעפּאַסטן שרייב־שטענדער, געשריבן ליגנדיק אין בעט, אין דער שטילקייט פון די לאַנגע ווינטער־נעכט, ליידנדיק פון שלאָפלאָזיקייט. עס איז געווען דער איינדרוק, ווי ער איילט זיך עפּעס צו אַריינכאַפּן, צו פאַרענדיקן, כל זמן סאיז נאָך דאָ צייט! עס דערמאָנט זיך איצט, ווי ער האָט עטלאַכע חדשים פאַר זיין טויט, באַקומענדיק אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע, געפרעגט דעם אַלטן פּראָפעסאָר אַלפרעד מאַיער האַלב־שפּאַסיק, האַלב ערנסט־בעטנדיק, כאַפּנדיק שווער דעם אָטעם: „הער פּראָפעסאָר, איך האָב נאָך אָנצושרייבן צען בענדער, צען *וויכטיקע* בענדער, — וועל איך עס נאָך קאָנען דערוויזן?“...

צום גרויסן שאָדן פון אונזער ליטעראַטור, האָט ער עס שוין *ניט* געקאָנט דערוויזן. דאָס בוך האָט דערגרייכט נאָר דעם פּעריאָד, ווען דער שריפטשטעלער נייט־אַריין אין זיינע צוואַנציקער יאָרן (פּונקט ווי עס וואָלט געשטעקט אַ מין נבואה אין זיין אויבן־ציטירטן בריוו צו ספּעקטאָרן, אַז זיין לעבנסבאַשרייבונג וועט זיין ביז צום צוואַנציקסטן יאָר). אַחוץ די לעצטע צוויי קאַפּיטלען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן גלייך נאָך זיין טויט אין דער ניו יאָרקער „וואַרהייט“ (וואו ער האָט מיטגעאַרבעט די לעצטע פינפטאַלבן חדשים, נאָכדעם ווי ער איז געווען געצוואונגען אַרויסצוטרעטן פון דעם „טאָג“), זיינען אָפּגעזוכט געוואָרן אין שלום־עליכמס אַרכיוו נאָך עטלאַכע רעשטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן בוך „פונם יאַריד“:

1) אַ טייל פון דעם ווייטערדיקן פּלאַן פאַרן בוך — אַ רשימה פון קאַפּיטלען, וואָס האָבן באַדאַרפט ווייטער געשריבן ווערן.

2) צוויי לאַנגלאַכע און שמאָלע פּאַפּיר־העפטן, פון די, וואָס שלום־עליכם פלעגט די לעצטע צייט באַנוצן פאַר די קאַפּיטלען „פונם יאַריד“ און „מאָטל דעם חזנס“; אויף איינעם איז אָנגעשריבן אַ טיטל־קאָפּ: „פונם יאַריד. 17. *דער יונגער ראַבינער*“. אויפן צווייטן — אַן אַנדער טיטל־קאָפּ: „פונם יאַריד (לעבנסבאַשרייבונגען פון) שלום־עליכם. 21. *דער מאָדערנע[ר] ראַבינער*“. — דער דאָזיקער צווייטער טיטל־קאָפּ באַווייזט, אַז שלום־עליכם האָט *גאָר אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט* געוואָלט פאַרזעצן צו שרייבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, נאָר די כחות האָבן אים שוין פאַרלאָזט. — דער נומער 21 איז ריכטיק, ווייל דאָס לעצטע אָנגעשריבענע קאַפּיטל „די וויבאָרעס“ (וואו עס ווערט באַשריבן, ווי אַזוי מע האָט אים דערוויילט פאַר אַ ראַבינער) איז געווען דאָס 20־טע לויט דער נומעראַציע אין דער „וואַרהייט“.

3) דריי בלעטלאַך פון דעם קאַפּיטל „שמואליק דער יתום“ אין זיין ערשטן וואַריאַנט (אין יענעם וואַריאַנט האָט שלום־עליכם געשריבן זיינע זכרונות פון דער *ערשטער* פּערזאָן, בלשון „איך“). אין די דאָזיקע בלעטלאַך געפינען זיך עטלאַכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס זיינען אין דער לעצטער רעדאַקציע אויסגעלאָזט געוואָרן. פאַר וואָס שלום־עליכם האָט זיי אויסגעלאָזט שפּעטער — איז שווער צו זאָגן. עס קאָן זיין דערפאַר, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז „שמואליק דער יתום“ לעבט נאָך ערגעץ (די באַשרייבונג וועגן אים פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער: „*ווער עס ווייסט עפּעס, ווער עס האָט געהערט פון אים, — זאָל זיך אָפּרופן*“), און דעריבער האָט ער אים געוואָלט אַרויסשטעלן נאָר פון דער עסטעטישער זייט, ניט דערמאָנענדיק די „צאַצקע“ אויפן קאָפּ. אַזאַ מין דערפאַרונג האָט שלום־עליכם געהאַט שפּעטער, מיט אַן אַנדער פּערזאָן פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדרוקט דאָס 59־טע קאַפּיטל „אַ אידיליע“, וואו ער האָט געגעבן אַ בילד פון דעם העברעיִשן משכיל *בנימינזאָן*, דעם מחבר פון „עמק יהושפט או החלירע“, איז צו אים דערגאַנגען, אַז בנימינזאָן לעבט נאָך און איז אַ רעווערענד ערגעץ אין בראָנזוויל (נאָך שלום־עליכמס טויט איז בנימינזאָן אויך געשטאָרבן, אין טיפן עלטער). שלום־עליכם האָט געהאַט אַ ביסל עגמת־נפש, טאָמער האָט דער אַלטער מאַן געלייענט, ווי אַזוי ער האָט אים *פריי* געמאָלט, מיט זיין גאַנצן אויסערלאַכן קאָמישן אויסזען.

די דאָזיקע רעשטן פונם בוך „פונם יאַריד“ ווערן דאָ געגעבן איינס נאָכן צווייטן.

1
[טיטלען פון קאַפּיטלען פאַרן בוך „פונם יאַריד“]

53

מיין חבר אלי.

54

דעם חזנ'ס טאָכטער.

55

לעהרעריי.

56

רזשישטשעוו.

57

טאַגאַנטשאַ.

58
אויף אַ קאָנדיציע.
59
ער שטודירט בוכהאַלטעריע.
60
ער איז פערליעבט.
61
פערטריבען פון גן עדן.
62
ראַבינעריי.
63
צעדערבוים.
64
דאָס אידישע פאָלקסבלאַט.
65
דער העלד גנבה'ט אַרויס די פרינצעססין.
66
גרויסע חלומות.
67
אויף קעסט.
68
ביי בראָדסקין.
69
ווידער אויף קעסט.
70
מעדוועדיעווו.
71
די איבערגעהאַפטע בריעף.
72
לייזער יוסעל שלעז.
73
דאָס מעסעריל.
74
די אסיפה אין אדעס. אוסישקין מזא"ה וו. בערמאַן.
75
אברהם אליהו.
76
דער זיידע.
77
לעווינסקי, לילענבלום, ראַווניצקי, לינעצקי, אחד העם.
78
אין שטורם פון דער בערזע.

[**באַמערקונגען.** — די אויבנגעבראַכטע פאַרצייכענונג פון די קאַפּיטלען איז נאָר אַ פראַגמענט פון דעם גאַנצן פּלאַן פאַרן בוך „פונם יאַריד“, געשריבן פון שלום-עליכם אויף אַ בלעטל פּאַפּיר פון ביידע זייטן. די פריערדיקע טיטלען פון די קאַפּיטלען, ביז 53, האָט דער מחבר, ווייזט אויס, צעריסן, נאָכדעם ווי ער האָט די קאַפּיטלען שוין געהאַט אָנגעשריבן. אויך אַ טייל פון די פאַרבליבענע טיטלען (פון 53 ביז 62) געהערט צו יענע קאַפּיטלען, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן און אַריין אין דעם בוך. — דער געניטער לעזער פון שלום-עליכמס אויטאָביאָגראַפיע וועט דאָ באַמערקן, אַז דער מחבר האָט זיך ניט געהאַלטן שטרייננג ביי זיין אָנגעצייכנטן פּלאַן — ער האָט אַמאָל אויסגעלאָזט אַ קאַפּיטל און אַמאָל צוגעגעבן עטלאַכע קאַפּיטלען, און אויך איבערגעמאַכט זייערע נעמען. אַזוי איז קאַפּיטל 53 פונם פּלאַן — אין בוך אַרויסגעקומען קאַפּיטל 52. צווישן 53 און 54 זיינען אין בוך צוגעקומען צוויי נייע קאַפּיטלען: „צווישן חזנים און כלי-זמרים“ און „לא תגנוב!“. צווישן 54 און 55 זיינען ווידער צוגעקומען צוויי קאַפּיטלען: „שמחת-תורה צו הקפות“ און „דער קריזיס“. דאָס 55-טע קאַפּיטל „לעהרעריי“ הייסט אינם בוך: „ער גיט שטונדן“. צווישן 55 און 56 זיינען צוגעקומען דריי קאַפּיטלען: „אַ אידיליע“, „די צעשטערטע האָפענונגען“ און „דער סוף פון דער אידיליע“. דאָס 56-טע קאַפּיטל „רזשישטשעוו“ הייסט אינם בוך: „אַ האַלב יאָר נע-ונד“. גלייך נאָך דעם גייט אינם בוך אַ קאַפּיטל „ווידער אין דער היים“, וואָס אינם פּלאַן איז ער ניט פאַרצייכנט. פון דעם 57-טן קאַפּיטל „טאַגאַנטשאַ“ זיינען אינם בוך אויסגעוואַקסן גאַנצע פינף קאַפּיטלען: „ער פאָרט אויף אַ רייכע שטעלע“, „אין חלום און אויף דער וואָר“, „אַ מעשה מיט אַ זייגער“, „אַ מלאך פון גאָט אינם געשטאַלט פון אַ מענטשן“ און „אַן אומגעריכטער עקזאַמען“ (ט אַ ג אַ נ ט ש אַ איז דאָס שטעטל, וואָס ווערט אין די דאָזיקע קאַפּיטלען באַצייכנט מיטן אות ט.). פון די ווייטערדיקע פיר קאַפּיטלען פונם פּלאַן (58—61) זיינען אין דעם בוך אַרויסגעקומען, אונטער אַנדערע טיטלען, גאַנצע צען קאַפּיטלען. פון דעם איז לייכט צו פאַרשטעלן זיך, אַז די ניט אָנגעשריבענע זיבעצן קאַפּיטלען, וואָס זיינען פאַרצייכנט אינם פּלאַן, וואָלטן אונטער שלום-עליכמס פעדער זיך צעוואַקסן אין עטלאַכע בענד, וואָרים כמעט יעדער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר ניט איין קאַפּיטל, נאָר אַ גאַנצע ריי פון פּאַסירונגען אין זיין לעבן. אַזוי האָט דאָס 64-טע קאַפּיטל „דאָס אידישע פאָלקסבלאַט“ באַדאַרפט געבן אַ שטיק געשיכטע פון דער יונגער אויפשפּראָצנדיקער אידישער ליטעראַטור. דאָס 65-טע קאַפּיטל „דער העלד גנבה'ט אַרויס די פרינצעססין“ האָט באַדאַרפט זיין איינע פון די אינטערעסאַנטסטע באַשרייבונגען פון שלום-עליכמס פּריוואַטן לעבן: זיין ראָמאַנטישע חתונה מיט זיין לעבנסבאַגלייטערן. דאָס 68-טע קאַפּיטל „ביי בראָדסקין“ האָט געזאָלט דערציילן וועגן אידישע ערדאַרבעטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אין בראָדסקיס קאָלאָניעס, וואוהין דער קיעווער מיליאָנער האָט געשיקט שלום-עליכמען אין יאָר 1884 אַלץ אַ „רעוויזאָר“. דאָס 76-טע קאַפּיטל „דער זיידע“ האָט באַדאַרפט געבן אַ באַשרייבונג פון שלום-עליכמס ערשטע נסיעות קיין אַדעס, זיינע באַגעגענישן מיט מענדעלי מוכר-ספרים, וועמען ער האָט אין יענער צייט צום ערשטן מאָל געקרוינט מיטן נאָמען „דער זיידע“. און אַזוי ווייטער.]

2

[דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם קאַפּיטל „שמואליק דער יתום“

געפונען אין אַ קאָנווערט, אויף וועלכן סאיז אָנגעשריבן מיט שלום-עליכמס האַנט: „צו דער אויטאָביאָגראַפיע“.]

נאָך אַ חבר איז געווען בײַ מיר — שמואליק דער יתום האָט מען אים גערופן. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן בײַ זײַן קרוב, בײַם רב רבֿ יאָסעלע. דער רב רבֿ יאָסעלע האָט געטראָגן אַ שטריימל מיט אַ סך עקן אין דער וואָכן, געווען אַ גרויסער למדן, נאָר אַ גרעסערער קראַצער ווי אַ למדן. ער פלעגט זיך כסדר קראַצן. און צום מײַנסטן — די הענט, צווישן די פינגער. און נישט נאָר קראַצן, נאָר טאַקע בײַסן מיט די ציין. הײַנט ווייס איך שוין, אז דאָס האָט אַ נאָמען „עקזעמאַ“. דעמאָלט האָט מען געשמועסט, אַז עס נעמט זיך בײַ אים פון תורה, פון פיל טראַכטעניש. זײַן אָרימער קרוב שמואליק איז דאָס געוואָרן מײַן ידיד נאמן. איך פלעג אים געבן אַ חלק פון מײַן אָנבײַסן, און ער פלעגט מיר דערפאַר דערציילן מעשיות. אויף דערציילן מעשיות איז דאָס געווען אַזאַ בריה, אַז ווען ער זאָל דערציילן אַ יאָר כסדר, וואָלט זיך בײַ אים קיין שטאָף קיינמאָל נישט אויסגענומען. ער האָט געהאַט אַ „חתוך הדבור“. בוימל פלעגט זיך גיסן, ניט קיין ווערטער. און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס איז קיינמאָל ניט אַראָפּ. אויגן בלויע, ווי דער הימל, און שטענדיק קוקן [זיי] אַרויף צום הימל. די פּאַהלאַך לאַנגיטשקע, פּעטינקע, איבער אַ מעשה:

ער האָט עפּעס געהאַט אויפן קאָפּ, וואָס מע פלעגט אים שמירן מיט „שאַרע זאַלבּ“... איך האָב זיך פון אים ניט געמיאוסט קיין קאָפּ אפילו. מיר פלעגן עסן פון איין בייגל: איך אַ ביס, ער אַ ביס. און אַזוי אויך מיט עפּל — איך האָב מיך פון אים ניט אָנגענומען. איך גלויב ניט ער היום אין אָננעמען זיך. דאָס ווייסן אַלע, וואָס קענען מיך נאָענט. „וואָס איז בײַ דיר אויפן קאָפּ?“ האָב איך אים אַמאָל געפרעגט, בעת ער פלעגט זיך מיט אַ שפּענדל קראַצן איבערן היטעלע און עס זײַנען געפלויגן ווײַסע פּעדערלאַך. „אַ צאַצקע“, — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַזאַ זיס שמייכעלע, אַז סהאָט זיך מיר געגלוסט אים קושן. אַ זעלטענער פריילאַך בחורל איז דאָס געווען. און די מעשיות, וואָס ער האָט מיר דערציילט, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָס זײַנען געווען מעשיות פון מכשפים, מכשפות, שרעטעלאַך און שדים, נאָר פריילאַכע, לעבעדיקע, צום מײַנסטן פון בת־מלכהס און פּרינצן. און מיט אַ סך ליבע... אַפּנים, ער האָט די מעשיות אויסגעטראַכט פון קאָפּ, וואָרים ער פלעגט פּלוצים געבן אַ ריים־איבער און אַ הייב־אויף פונם אָרט און אַ זאָג צו מיר: „גענוג פאַר הײַנטיקס מאָל“... און מאָרגן האָט ער שוין די מעשה פאַרגעסן און אָנגעהויבן אַ נײַע מעשה און אויך ניט געענדיקט.

איך ווייס ניט, צי דאָס האָב איך אים צו דאַנקען, צי איך בין פון געבוירן געווען אַזעלכער, נאָר די פאַנטאַזיע......

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

[דאָ קומט אַ צושריפט פון ש. ע. אין רוסיש: „לייען ווייטער זײַט 6, נאָכן שטערנדל“.]



שלום-עליכם בײַ דער אַרבעט: שרײַבנדיק „פונם יאריד“
[פליישמאַנס סטײַשאַן, נ. י., זומער 1915].

משפחה
און סביבה

שטאַם און היים

עס איז שוין אַן אַלטער אָנגענומענער כּלל, אַז דעם סוד פון טאַלענט ביי יעדן אויסערגעוויינלעכן מענטשן דאַרף מען זוכן גאָר נאָענט אַרום אים: אין זיין שטאַם און אין זיין יוגנט־סביבה — ביי עלטערן, ביי קרובים, און אַמאָל אויך ביי לערער און חברים. אויב מע זאָל דעם דאָזיקן כּלל וועלן אָנווענדן צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג שלום־עליכם, וועט די זאַך פאַרקומען אויבנאויף אַ ביסל שווערלאַך. ווייל שלום־עליכם, דער גרויסער פאָלקסדיכטער און מייסטער פון דעם אידישן הומאָר, שטייט, דאַכט זיך, אין דער סביבה פון זיין משפחה און פון זיינע ערשטע יוגנט־חברים אָפּגעזונדערט, ווי אַן אוניקום, ווי אַ פרעמדער איינזאַמער געוויקס. ניט זיין פאָטער און מוטער, און נאָך ווייניקער פון זיי די ברידער זיינע, די קרובים און חברים, האָבן אויסערלאַך אַרויסבאַוויזן אַזעלכעס, וואָס האָט געקאָנט צוגרייטן און אויספּלעגן דעם קומענדיקן שלום־עליכם. דער פאָטער, נחום ראַבינאָוויטש, אַ קליינשטעטלדיקער משכּיל, „אַ פרומער און אַ בעל לשון־קודש", „אַ חסיד פון טאַלנער רבין און אַ ליבהאָבער פון מאַפּו", אַ שטילער מענטש אַ שווייגער מיט אַ ווייכן נאָכגיביקן כאַראַקטער, אַ פאַראומערטער איד „מיט אַ שטענדיק פאַרזאָרגט פּנים" [1] — אין פלוג, דער היפּך פון שלום־עליכמען. די מוטער, חיה־אסתר, „אַ אידענע אַן אשת־חיל", אַ פאַרהאָוועטע אין קראָם, אַ פּראַקטישע בעל־הביתטע, אַ מאַמע פון אַ סך קינדער — און „ניט געווען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע, ווי אַנדערע מאַמעס". „מע פלעגט כאַפּן פון איר אָפטע פּעטש, סטוסאַקעס און בוכענצעס", „קינדער זאָלן ניט ליב האָבן שטשירען די ציין, ראַזאַטשען זיך", „דאָס האָט באַראַפּט הייסן, אַז קינדער זאָלן ניט לאַכן" — עפּעס אויך ניט אַזוי שטאַרק ענלאַך אויף שלום־עליכמען. וואָס איז געווען זיין גאַנץ לעבן פאַר קינדער (ובפרט פאַר זיינע אייגענע קינדער) אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון צערטלעכקייט, פריילעכקייט און שפּילעוודיקייט. דער זיידע פון דער מוטערס צד, משה־יאָסי (לויט דער פאַמיליע — זעלדין), וואָס האָט אַ קליינע צייט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף זיין יונגן אייניקל, — דער איז עפּעס גאָר געווען אַ מאָדנע בריאה: אַ קליינשטעטלדיקער מלוה־ברבית, „אָנגעטאָן אין שמאַטעס און אין שקראַבעס", „מיט אַ משונה מגושמדיק פּנים", אַ ווילדער חסיד אַ חב"דניק, אַ האַלב־געווירדטער מקובל, אַ מין אידיש־חסידישער „וואָרדיווי", פון וועמען דער ליבטיקער פריידיקער כאַראַקטער פון שלום־עליכם האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט ניט געקאָנט איבערנעמען בירושה. די ברידער שלום־עליכמס — כּמעט אַלע געוויינלעכע בעל־הבתּישע מענטשן, אַלע כאָטש „גראַמאָטנע", אָבער ווייט פון העכערע גייסטיקע השגות, אַלע „בעלי־תּכליתים", מיט ריין־מאַטעריעלע פּראַקטישע אַמביציעס. דאָס פּינטעלע „שלום־עליכם" איז שווער אין זיי צו כאַפּן. און אַזוי זיינען אויך צום מיינסטן די קרובים — פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער. און אַזוי זיינען אויך די ערשטע יוגנט־חברים (אויב מע זאָל ניט רעכענען דעם פּריסטן חבר פון שלום־עליכמס קינדער־יאָרן „שמואליק דעם יתום", אין וועמען שלום־עליכם אַליין האָט געוואָלט זען דעם ערשטן וועקער פון זיין פאַנטאַזיע, און דעם צווייטן חבר זיינעם, דעם שפּעטערדיקן אָפּערע־זינגער מעדוועדיעוו, וואָס האָט אָבער געשפּילט אַ קליינע און צופעליקע ראָלע אין שלום־עליכמס קינדהייט).

נאָר דאָס איז אַלץ געערדט געוואָרן אויבערפלעכלאַך. דער טיפערער פאָרשער וועט סוף־כּל־סוף דער־

[1] די ציטאַטן, וואָס קומען אין די דאָזיקע באַמערקונגען, זיינען אַלע גענומען פונם בוך „פונם יאַריד".

גיין, אַז אויך שלום־עליכם איז ניט „פון אַ שטיין געבוירן"; אַז די וואָרצלען פון זיין כאַראַקטער און טעמפעראַמענט שטעקן גאַנץ טיף אין דעם באָדן, פון וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן, און אַז די ערשטע יוגנט־סביבה זיינע האָט אויך געהאַט אַ קענטלאַכע ווירקונג אויף דער פאָרמירונג פון זיין געשטאַלט (עס ווערט דאָ גערעדט אין אָביעקטיוון זינען, ניט צו באַצייכענען, פון וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די דאָזיקע ווירקונג איז געווען). די וואָס וועלן שטאַרק זוכן, וועלן אפשר אויסגעפינען, אַז שלום־עליכמס פאָטער, כאָטש אויסערלאַך אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרטרויערטער איד, האָט אויך געקאָנט טראָגן אין זיך פאַרבאָרגענע קערנער פון יענער באַגאַבטקייט, מיט וועלכער זיין באַרימטער זון איז אַזוי ברייט און אָפן געבענטשט געוואָרן (און פאַרקערט — אין די טיפע קנייטשן פון שלום־עליכמס פאַרפרי־געעלטערטן געזיכט וועט מען אפשר אַנטפלעקן באַהאַלטענע שפורן פון זיין פאָטערס שווערן געמיט, וואָס ביי דעם זון פלעגט עס אויפגעלייזט ווערן מיטן וואונדער־כח פון הומאָר). שלום־עליכם אַליין דערציילט פון זיינע קינדער־יאָרן, ווי אַזוי שבת־צו־נאַכטס, צו מלוה־מלכה, פלעגט זיין פאָטער זיך אַוועקזעצן לייענען פאַר אַן עולם מיט אידן אַן אַלט אידיש מעשה־ביכל, פון וואָס די צוהערער אַרום טיש האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער — אַ בלאַסע קאָנטורן־צייכענונג פאַר דעם קומענדיקן העלפאַרביקן בילד, אויף וועלכן דער זון טרעט־אַרויס ווי אַ פאָרלעזער פון זיינע הומאָריסטישע מעשיות פאַר אַ פול־געפאַקטן טעאַטער מיט אידן. און שלום־עליכם דערציילט טאַקע דאָרטן אויפן אָרט, אַז זיין טיפסטער וואונטש איז דעמאָלט געווען, „אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן..."

אַ דייטלאַכן וואונק אויף שלום־עליכמס טאַלענט־פאַרוואַנדשאַפט מיט זיין משפחה קאָן מען אויך זען אין זיין פאָטערס ברודער, ניסן ראַבינאָוויטש (שלום־עליכמס באַליבטער „פעטער ניסל"). אָט דער פרימיטיווער פריזבע־הומאָריסט, וואָס איז געווען דער ערשטער „הוליאַקע" אין שטעטל, וואָס האָט „געקאָנט שיין זינגען, ליב געהאַט אַ סך צו לאַכן און געקאָנט מאַכן לאַכנדיק יענעם", וואָס האָט אפילו געשריבן און געזונגען אייגענע אידישע לידלאַך — איז ער דען ניט געווען דער פאַמיליען־פאָרגייער פון דעם צוקינפטיקן מייסטער פון געלעכטער? און אפילו „דער פעטער פיני" (פינחס ראַבינאָוויטש), דער פרומער גאָטספאָרכטיקער חסיד, וואָס פלעגט אויף חתונות, לשם מצוה, טאַנצן „אויף לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט", „אַזוי גרינג, אַזוי גראַציעז, ווי דער גרעסטער פון די היינטיקע טענצער פון דער וועלט", — אויך דער איז זיכער געווען אַ משפחה־טרעגער פון דעם אַרטיסטישן פונק, וואָס ביי זיין יונגן גאָט־געבענטשטן פלימעניק האָט ער זיך צעפלאַקערט אין אַ גרויסן העלן פלאַם.

אויסער זיין פאָטערס הויז, איז שלום־עליכמען אויסגעפאַלן צו האָבן אין דער יוגנט אַ „צווייטע היים", — ווי ער אַליין דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — וואו ער האָט פאַרבראַכט „די בעסטע, די שענסטע און די גליקלאַכסטע פון זיינע יאָרן". דאָס איז געווען דאָס הויז פון זיין שווער אלימלך לאָיעוו, וואוהין ער איז נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן אַריינגעקומען ווי אַ לערער און שפעטער געוואָרן אַן איידים. אויב פון זיין פאָטערס הויז האָט ער מיטגענומען די איינגעבוירענע באַגאַבטקייט פון דעם קומענדיקן קינסטלער, האָט ער אין דער דאָזיקער „צווייטער היים", אויפן דאָרף, אין דעם גוט פון דעם רייכן אידישן פאָסעסאָר, וואו ער האָט „געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד", באַקומען אַ מעגלאַכקייט צו צעוואַקסן זיך, צו פאַרפעסטיקן זיינע יוגנטלאַכע אַמביציעס, צו פאַרפיינערן די חושים און צו פאַרברייטערן זיין קוק אויף מענטשן און פאַסירונגען. דער אַלטער לאָיעוו, ווי שלום־עליכם מאָלט אים, איז געווען „אַ זעלטענער טיפ, אַ גרויסער אָריגינאַל". „עס איז זעלטן געווען צו באַגעגענען אַ מענטשן מיט אַזאַ זכרון און מיט אַזאַ כח הדבור". „ער האָט געהאַט אַן אמתן טאַלאַנט אויף איבערצודערציילן אַ זאַך מיט זיין אייגענעם לשון". „ער האָט געהאַט אין זיך אַ גוזמא הומאָר. זיינע מעשיות זיינען געווען שפאַנענדיק. אַ מענטש פון גרויסע ערפאַרונגען און אַ סך איבערלעבענישן, האָט ער געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן, און אַלע מאָל מיט גרויסן אינטערעס. ער האָט ניט דערציילט — ער האָט געדיכטעט, געשאַפן, געמאָלן בילדער מיט אַלערליי פאַרבן"...

עס איז ניט שווער צו פאָרשטעלן זיך, אַז דאָ האָט דער נייגעריקער און דאָרשטיקער יונגער גייסט פון דעם צוקינפטיקן מייסטער־דערציילער געטראָפן אַ קוואַל, פון וואַנען צו שעפן. און ווער ווייסט, צי שלום־עליכמס סינטעטישער פערלדיקער אידיש, וואָס ציט זיין יניקה פון אַלע געבענטשטע היימישע קוואַלען — פון דעם איידעלן פאָעטיש־געשטימטן פאָטער, פון דעם האַרבן קאַנטיקן ליטווישן מלמד, פון דעם פריילאַכן וויצלדיקן פעטער ניסל, פון דער פעפערדיקער געשמאַק־שילטנדיקער באַרדיטשעווער שטיפמאַמע, און נאָך, און נאָך — האָט דאָ, ביים באַרעדטן אַלטן לאָיעוו, וואָס איז געווען אָנגעזאַפט מיט פאָלקס־הומאָר און מיט אַנטיקלאַכע שפראַך־טראַדיציעס פון דער אַלטער אידישער שטאָט באָהוסלאַוו, ניט געמאַכט איינעם פון זיינע וויכטיקע סטיליסטישע עטאַפן?

וועגן דער השפעה פון משפחה און סביבה אויף שלום־עליכמס גייסטיקן וועזן און שאַפן וועט נאָך בלייבן פאַר בעלנים גענוג פלאַץ צו פאָרשן. אין אונ־

זערע באַמערקונגען ווערט עס נאָר באַרירט פון אויבן, אויף אַזוי פיל, וויפיל עס איז נייטיק עטוואָס צו באַלייכטן די קאַרגע צאָל משפחה־דאָקומענטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין שלום־עליכמס ארכיוו און וואָס ווערן געבראַכט דאָ ווייטער.

פּאַטער און מוטער

אי לויט זיין אויסערלעכן אויסזען, אי לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, איז שלום־עליכם געווען מער ענלעך אויף זיין מוטער, ווי אויפן פאָטער (און נאָך מער האָט ער געהאַט דעם אָנבליק פון זיין קלוגער און ענערגישער באָבע גיטל, דער מוטערס מוטער, וואָס נאָך דער מאַמעס טויט האָט ער, צוזאַמען מיט די קלענערע ברידער און שוועסטער, פאַרבראַכט אַ קורצע צייט ביי איר אין שטוב אין באָהוסלאַוו און האָט זי געקענט שוין אַ געליימטע). פונקט ווי זיין מוטער איז געווען אַן „אשת־חיל“ און אַ „גיכע טוערן“, אַזוי איז ער אויך געווען זיין גאַנץ לעבן טעטיק, ענערגיש און פלינק אין אַלע זיינע אַרבעטן און אונטערנעמונגען. קרובים פון שלום־עליכמס משפחה, וואָס געדיינקען נאָך זיין מוטער, דערציילן וועגן איר, אַז זי האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַ זעלטענער בריה, אַ שיינער רעדנערן („אַ באַרעדטע“) און אַ גרויסער פּקחית. קיין בילד פון איר איז ניט געבליבן. די מאָדע פון פאָטאָגראַפירן זיך איז נאָך דעמאָלט אין פערעיאַסלאַוו ניט געווען פאַרשפּרייט.

שלום־עליכם און זיין פאָטער, נחום ראַבינאָוויטש [קיעוו, 1885].

אין זיין בוך „פונעם יאַריד“ האָט שלום־עליכם געגעבן פון זיין מוטער אַ ריכטיק אָביעקטיוו בילד, כמעט אָן סענטימענטאַלער באַפאַרבונג. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל די מוטער האָט זיך געפונען מער אין כּעס, ווי אין שטוב. דערצו איז זי אַזוי יונג געשטאָרבן, אַז ס'איז גאָרניט געווען קיין צייט אַרומצוקוקן זיך אויף איר. נאָך גאָר אין די אינגלשע יאָרן איז זי אים פאַרביטן געוואָרן אויף אַ שטיפמאַמע, און זיין גאַנצע האַרציקייט און קינדערשע ליבע האָט ער אַריבערגעטראָגן אויפן פאָטער. צווישן דעם שטילן אײדעלן צוריקגעצויגענעם פאָטער און צווישן דעם יונגן ברויזנדיקן אַמביציעזן זון האָט געהערשט אַ זעלטענע זעלישע צוגעבונדנקייט. איינער דעם אַנדערן האָט הויך געשעצט, כאָטש מיט ווערטער איז עס ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן (אין דעם פּרט איז שלום־עליכם געווען אַזוי ווי זיין פאָטער: ווען עס איז געקומען אין משפּחה־לעבן צו טיפע געפילן, האָט ער זיי קיין מינדלעכן אויסדרוק ניט געקאָנט געבן, סיידן אויפן פּאַפּיר). פון דעם פאָטער האָט שלום־עליכם געירשנט די ליבע צו גייסטיקייט, צום בוך, די פאַרהערליכונג פונם געדרוקטן וואָרט, און אפשר אויך דאָס וויכטיקסטע — דעם חוש פאַרן שיינעם סטיל אין שרייבן; פון אים האָט ער אויך באַקומען דעם ערשטן שטויס צו ליטעראַרישע אַמביציעס. און אויך פון דעם פאָטער איז עס אים פאַרבליבן אַ גרויסע ליבע צום תנ"ך (וואָס שלום־עליכם האָט געדריינקט כמעט אויף אויסווייניק) און אַ לייכטער „סבל־הירושה“ פון דער העברייִשער השכלה (ניט „העברייאיזם“ און ניט סתם „השכלה“), וואָס האָט שלום־עליכמען קיינמאָל ניט געדריקט, ניט אַנגעווירט אים מיטן שטעמפּל פון בטלנות, נאָר אַדרבה — צוגעגעבן אַ געוויסן חן צו זיין גאַנצן פאָלקסטימלעך־קינסטלערישן וועזן.

אין די לעצטע יאָרן פון נחום ראַבינאָוויטש, בעת שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו ווערן באַרימט אין דער אידישער ליטעראַטור, האָט דער פּאָטער געהאַט גרויס נחת פון דעם זון. ער פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אים קיין קיעוו זיך אָפּרוען פונם שווערן היימישן לעבן, וואָס זיין צווייטע פרוי האָט עס נאָך שווערער געמאַכט, און דערקוויקן די נשמה אין געשפּרעכן וועגן געהויבענע ענינים. דערפילנדיק זיינע לעצטע טעג, איז ער כמעט ווי אַנטלאָפן פון דער היים, געקומען קיין קיעוו דאָרט צו שטאַרבן, וועלנדיק זיין נעענטער צו זיין אויסדערוויילטן געליבטן זון. דערביי האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה נאָר פאַר שלום־עליכמען אליין.

גלייך נאָך דעם פּאָטערס טויט האָט שלום־עליכם צו זיין אָנדיינק אָנגעשריבן זיין „בינטל בלומען", וואָס ער האָט געלאָזט דרוקן אין אַ באַזונדערן שיינעם ביכעלע און עס צעטיילט צווישן זיינע גוטע פריינט.

ברידער און שוועסטער

ברידער און שוועסטער האָט שלום־עליכם געהאַט אין אַ געבענטשטער צאָל. ביי אים אליין האָבן זיי זיך געטיילט אויף צוויי שאַרפע קאַטעגאָריעס: אויף ל י י ב ל א כ ע, דאָס הייסט, די וואָס פון איין פּאָטער און איין מוטער, און אויף נ י ט ־ ל י י ב ל א כ ע, דאָס הייסט, די וואָס פון דעם פּאָטער און פון דער שטיפמאַמע.

אויך די צאָל פון די „לייבלאַכע" איז „געוועזן היבשלאַך, אריבער אַ טוץ, און פון אַלערליי וואוקס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערלאַך, מיט בלאָנדע און מיט געלע". שלום־עליכם איז געוועזן דער מיטלסטער און האָט געהערט צו די בלאָנדע.

וואָס פאַר אַן אָרט שלום־עליכם האָט אין די קינדערשע יאָרן פאַרנומען אין דער היים, צווישן חברה קליינוואַרג, ווי אַזוי „ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער שקאָץ" און שפּאַסמאַכער און ווי אַזוי „חברה שקצים האָבן געלאַכט" פון זיינע אָפּשניצלאַך — דאָס אַלץ האָט ער אַליין גענוי באַשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. וואָס ווייטער ער איז געוואַקסן און זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען מיט גייסט און פייאיקייטן, אַלץ מער איז ער געוואָרן דער ברענפּונקט אין דער משפּחה, נאָר די ברידער האָט ער מיט זיין פייער ניט אָנגעצונדן. יענע זיינען געבליבן ווייט הינטער אים. די אינגערע פון שלום־עליכמס „לייבלאַכע" ברידער שרייבן־צו זייער הינטערשטעליקייט צו דער השפּעה פון דער בייזער שטיפמאַמע. איינער פון זיי, וואָס איז אויסערלאַך זייער ענלאַך אויף שלום־עליכמען, דערציילט אפילו, אַז אין זיינע ערשטע אינגלשע יאָרן האָט ער אין זיך געהאַט דערמזעלבן הומאָריסטישן גייסט פון זיין עלטערן ברודער, „נאָר די שטיפמאַמע האָט עס דערשלאָגן". „שלום איז געווען דער גליקלאַכסטער פון אונז — אויף אים האָט אפילו די שטיפמאַמע געלייגט כבוד".

ווי אַזוי די זאַך איז געווען — נאָר פון שלום־עליכמס ברידער זיינען אויסגעוואַקסן קרעמער, סוחרים, פאַבריקאַנטן (צווישן זיי — פייאיקע און ערפאָלגרייכע אין זייער פאַך), אָבער ניט קיין קינסטלער און ניט קיין גייסט־מענטשן. נאָר א י י ן ברודער האָט שלום־עליכם געהאַט, אַ אינגערן פון זיך מיט עטלאַכע יאָר, וואָס האָט אין זיך יאָ געטראָגן אַ פונק פון באַגאַבטקייט. זיין נאָמען איז געווען א ב א. ער איז געגאַנגען אין שלום־עליכמס וועגן, געצויגן זיך צו דער העכערער וועלט און אַרויסבאַוויזן אַ נייגונג צו מאַלעריי. שלום־עליכם, וואָס איז אין יענער צייט נאָך אַליין געווען אין די יונגע ניט־זיכערע יאָרן (פאַר צוואַנציק), האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויפן אינגערן ברודער, געהאַלטן אים נאָענט צו זיך, אויסגעווירקט פאַר אים אַ לערער־שטעלע אין אַ שכנישן דאָרף, ניט ווייט פון לאָיעווס פּאָסעסיע, וואו ער איז דעמאָלט געווען הויז־לערער. אבא ראַבינאָוויטש האָט אָבער לאַנג ניט געלעבט. ער איז אַוועק פון רוסלאַנד צוליב דעם „פּריזיוו", זיך דערשלאָגן קיין ווין, דאָרט קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און געשטאָרבן אַן עלנטער ערגעץ אין אַ אידישן האָספּיטאַל. די צוויי בליישטיפט־צייכענונגען פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם ברודער, וואָס ווערן דאָ ווייטער געגעבן, האָט שלום־עליכם מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט אָפּגעהיט צווישן זיינע נאָענטסטע משפּחה־פּאַפּירן.

אויך אַ שוועסטער איז געווען ביי שלום־עליכמען, ברכה האָט זי געהייסן, וואָס אויף איר פלעגט מען זאָגן אין דער משפּחה, אַז זי האָט „אַ טאַלענט צום שרייבן": זי האָט געשריבן זייער שיינע בריוו אויף אידיש. און אויך זי איז געשטאָרבן פאַר דער צייט, קאַטאַסטראָפאַל: דער קעלער פון דעם הויז, וואו זי האָט געוואוינט (אינם שטעטל רזשישטשעוו), איז איינגעפאַלן, בעת זי האָט זיך דאָרט געפונען, און האָט זי דערשטיקט אויף טויט.

מיט זיינע „לייבלאַכע" ברידער האָט שלום־עליכם דאָס גאַנצע לעבן אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציאונגען — מיט וועמען מער און מיט וועמען ווייניקער. אין די גוטע יאָרן האָט ער זיי ביי אַ נויט געשטיצט מיט אַן אָפענער האַנט. מיט זיין עלטסטן ברודער אליהו, וואָס איז געווען אַ משכיל און איז גייסטיג געשטאַנען צו אים נעענטער ווי די אַנדערע ברידער, האָט ער זיך גאַנץ אָפט איבערגעשריבן. (אגב, דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז אַט דער ברודער אליהו, לויט זיינע

ניט־געלונגענע פרנסות, און אפשר אויך לויט זיין כאראקטער, — „א פארזארגטער בעל־הבית׳ל" — האט עס שפעטער געדינט שלום־עליכמען ווי א פראטאטיפ פאר „מיין ברודער אליהו" אין מאטל פייסי דעם חזנס מעשיות). עס קאן אויך זיין, אז דעריבער איז אים אליהו געווען ליבער פון אלע איבעריקע ברידער, ווייל ער איז געווען דער א ר י מ ס ט ע ר פון זיי. צו די רייכע ברידער האט ער זיך די לעצטע יארן באצויגן כמעט קאלט, כאטש סאיז געווען צו מערקן, אז די פייאיקייטן, וואס זיי וויזן־ארויס אויפן אינדוסטריעלן געביט, פארשאפן אים א געוויסן באהאלטענעם ברודערלאכן שטאלץ.

עס איז אבער א פאקט, אז אין זיינע ערגסטע צייטן האט שלום־עליכם אויסגעמיידט צו ארויסבאווייזן זיין געדריקטע לאגע פאר די פארמעגלאכע ברידער. אים איז לייכטער געווען אנצונעמען א גמילות־חסד פון א פרעמדן רייכן אידן, פון אזא וואס לייענט זיינע ווערק און פארערט אים, איידער פון אייגענע מענטשן, וואס זיינען ווייט פון זיין וועלט. אין דער משפחה האט שלום־עליכם ליב געהאט צו ג ע ב ן, אבער ניט צו נ ע מ ע ן.

גאנץ אנדערש איז געווען שלום־עליכמס באציאונג צו די „ניט־לייבלאכע" ברידער: די זיינען געווען פאר אים פרעמדע מענטשן. גענומען האט זיך עס, דערהויפט, פון זיין אנטיפאטיע צו זייער מוטער, זיין שטיפמאמע, וואס ער האט ניט געקאנט אויסווארצלען פון זיך זיין גאנץ לעבן. די דאזיקע „בארדיטשעווער שטיפמאמע" האט איבערגעלאזט אין דער גאנצער משפחה א נאמען פון א זעלטענער מרשעת, און ביי שלום־עליכמען — די טריבסטע זכרונות פון זיין יוגנט. ניט אומזיסט האט ער אין זיינע שריפטן אזוי ווייניק כבוד געלייגט אויף אט דעם מין ווייבער (אלע שטיפמאמעס אין זיינע ווערק קומען פון בארדיטשעוו). „שטיפמאמע" איז פאר אים געווען א סינאנים פון אלדאס בייז. ער האט איינמאל, דורכלייענענדיק די ערשטע קאפיטלען פון ז. שניאורס ראמאן „מות", אנגעשריבן דעם מחבר א בריוו פול מיט לויב — דער עיקר דערפאר, וואס דארטן איז די שטיפמאמע אזוי ריכטיק אפגעמאלט מיט די שווארצסטע פארבן.

פ י נ ח ס ר א ב י נ א ו ו י ט ש
[שלום־עליכמס „פעטער פיני"].

נאר אחוץ דעם, וואס די „ניט־לייבלאכע" ברידער און שוועסטער האבן פאר אים געגאלטן ווי „דער שטיפמאמעס קינדער", זיינען זיי אים גלאט געווען פרעמד. זיי זיינען אויסגעוואקסן שוין אן אים, נאכדעם ווי ער האט יונגערהייט פארלאזט דעם פאטערס הויז. די איינגערע פון זיי, וואס זיינען געבוירן געווארן שפעטער, האט ער כמעט ניט געקענט. סאיז געווען א גאנץ היבשע משפחה — ווער קאן זיך עס אלעמען אנגעדיינקען? אין שלום־עליכמס הויז ווערט דערציילט אזא מעשה: איינמאל קומט צו אים קיין קיעוו א בחורל און שטעלט זיך פאר, אז ער איז זיינער א ברודער. שלום־עליכם טוט־אן דיברילן און נעמט באטראכטן דאס קליינשטעטלדיקע בחורל — עפעס א פרעמד געזיכט. „פון וואנען איז גענדרונגען, אז א ברודער?" דאס בחורל רופט־אן זיין נאמען. נאד א נאמען איז נאך קיין ראיה ניט. „אנו, — מאכט צו אים שלום־עליכם — באווייז אקארשט אהער דיין פאספארט!"...

פון דעסטוועגן האט שלום־עליכם נאך זיין פאטערס טויט געשטיצט דער שטיפמאמעס הויזגעזינד, ווי ווייט ער האט געקאנט.

קרובים און חברים

די נאענטע קרובים פון שלום־עליכם זיינען, צום מיינסטן, פון אים באשריבן און כאראקטעריזירט אין זיין אויטאביאגראפיע. מיט זייערע קינדער, מיט וועמען ער איז צוזאמען געוואקסן אין זיין געבורטשטאט, פלעגט ער זיך גערן באגעגענען און זיי באזוכן אויף זיינע שפעטערדיקע רייזעס אין דער סביבה פון „כתרילעווקע". א טייל פון זיי האט ער געטראפן אין אמעריקע די לעצטע יארן און אפגעפרישט מיט זיי זכרונות פון אמאל, שרייבנדיק זיין בוך „פונם יאריד".

ביי קרובים, דערהויפט ביי אזעלכע, וואס זיינען פארבליבן „אין פאלק", איז שלום־עליכם, פארשטייט זיך, די קרוין פון דער משפחה, די ליכטיקע זון, וואס אירע שטראלן דערגרייכן גאנץ ווייט — ביז גליד־גליד־שוועסטערקינדער. עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו פארצייכענען וואס זיי האבן צו דערציילן וועגן זייער גרויסן קרוב פון זיינע ווייטע קינדער־יארן. קיין נייס קאן מען אבער ניט דערווארטן, אחוץ אלגעמיינע

שטריכן, וואָס זיינען שוין לאַנג באַקאַנט: „ער איז געווען דער פּייאיקסטער, און אַ גרויסער שפּאַסמאַכער, מיט אַזעלכע איינפאַלן, וואָס מע האָט געקאָנט שטאַרבן פון געלעכטער". און וואָס די דאָזיקע איינפאַלן זיינען באַשטאַנען — דאָס געדיינקט מען שוין ניט. „ווען מע זאָל דעמאָלט געוועןן וויסן, אַז שלום וועט זיין אַ גרויסער שרייבער, וואָלט מען שוין געדיינקט!" — פאַרענטפערט זיך שלום־עליכמס אַ שוועסטערקינד, דעם „פעטער פּיניס" אַ טאָכטער.

נאָר איין עפּיזאָד דערמאָנט זיך די קרובה פון גאָר דער וויטער קינדהייט. זי איז דעמאָלט געווען אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף, און שלום — אַ אינגל פון אַ יאָר פופצן. און סאיז געווען תשעה־באָב. און ביידע זיינען געשטאַנען ביים פעטער פּינין אין גאָרטן. האָט דער קליינער שלום גענומען איבעררייידן זיין געשוועסטערקינדל, זי זאָל אויפעסן אַן אוגערקע. נישקשה, מע מעג. אוגערקעס מעג מען עסן אפילו אום תשעה־באָב. סאיז דאָ אַ דין אַזאַ אַ בפירושער, אַז אוגערקעס מעג מען. ער ווייסט דאָך אַ דין בעסער פון איר... ער האָט אויסגענוצט אַלערליי קונציקע אַרגומענטן, אַבי די קליינע זאָל טון אַן עבירה. „ער האָט מיך אָבער ניט איבערגערעדט!"

און נאָך איין עפּיזאָד — שוין פון די שפּעטערדיקע יאָרן. שלום איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר ראַבינער אין לובען און איז געקומען אַהיים קיין פּערעיאַסלאַוו זיך משמח זיין מיט דער משפּחה. די שמחה האָט מען געפּראַוועט ביים פעטער פּינין („וואָרים ביי שלומען אין דער היים איז דאָך געווען די שטיפמאַמע"). מע האָט געטרונקען וויין, געווען פריילאַך, און שלום האָט באַוויזן וואָס ער קאָן: ער האָט דערציילט פאַרן עולם אַ שפּאַסיקע מעשה פון אַ דרדקי־מלמד אויפן דאָרף. דערביי האָט ער אַזוי מייסטעריש נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי דער דאָרפישער מלמד קנעלט מיט די קינדער, אַז „אַלע זיינען געלעגן אונטערן טיש. מער פון אַלעמען, פאַרשטייט זיך, האָט געלאַכט דער פעטער נחום".

דיזעלבע קרובה שלום־עליכמס האָט אַמאָל געקאָנט אויף אויסווייניק אַ ליד פונם „פעטער ניסל" — אַ לאַנג ליד נאָכן אַלף־בית, מיט פיינע גראַמען, וואָס ער אַליין פלעגט עס זינגען אויף אייגענע חתונות מיטן ניגון פון „פּורים־שפּיל". איצט איז עס שווער צו דערמאַנען זיך.

* * *

מיט זיינע יוגנט־חברים און יוגנט־פריינט (די וואָס זיינען באַרירט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע) האָט שלום־עליכם שפּעטער קיין נאָענטע באַציאונגען ניט אָנגעהאַלטן, כאָטש אייניקע פון זיי פלעגן אים די ערשטע יאָרן אָפט באַזוכן אין קיעוו. ער איז זיי איבערגעוואַקסן. (אין אַ בריוו צו זיין ברודער אליהו, וואָס ווערט דאָ געבראַכט שפּעטער, שרייבט ער: „די קול־טורטרעגערס אין מיין געבורטשטאָט פּערעיאַסלאַוו זיינען ווי דאָס שאָלאַכץ פון קנאָבל ביי מיר אין די אויגן, און זייער חכמה איז שוין לאַנג אויסגעוועפּט").

נאָר מיט איינעם פון זיינע עלטערע פּערעיאַסלאַווער פריינט פלעגט זיך שלום־עליכם גערן טרעפן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס איז געווען ל י י ז ע ר י אָ ס ל ש ל ע ז — איינער פון די „גראָטעסקע אייִדימס", וואָס זיינען באַשריבן אינם בוך „פונם יאַריד". ער איז אויך „שלעז דער בריוולשרייבער", וואָס פיגורירט אין שלום־עליכמס ערשטע פעליעטאָנען אינם „יודישען פאָלקסבלאַט" אונטערן טיטל „אַן איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים". אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט שלעז געוואוינט אין קרעמענטשוג, געווען דאָרט באַקאַנט אין די ציוניסטישע קרייזן. שלום־עליכם האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן פּקח און האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון אים חריפות. ער האָט אים איינמאָל אָנאָנים כאַראַקטעריזירט דורך מנחם־מענדלס בריוו; אין דעם שידוכים־צעטל פון מנחם־מענדלען („עס פידלט ניט") גייט אַזאַ רשימה:

„ק ר י מ ע נ צ ו ק. משכיל וציניסט סכנת נפשות... מאה קאָמיסים... חכם... חריף בשאָך... ש"ס בעל פּה... קעניר ובעל דברן... ווערטלזאָגיר אש להבה... כתבא רבה... שמעתי אַז ער האָט שוין חתונה געהאַט"...

קיין נאָמען איז דאָ ניט אָנגעגעבן. נאָר שלעז האָט שוין באַדאַרפט זיך שטויסן, אַז דאָס האָט אים שלום־עליכם געשיקט דורך מנחם־מענדלען אַ הומאָריסטישן גרוס.

אין דעם פּלאַן פונם בוך „פונם יאַריד" האָבן די שפּעטערדיקע באַגעגענישן צווישן שלום־עליכם און לייזער יאָסל שלעז, דערהויפּט אין דעם פּעריאָד פונם „פאָלקסבלאַט", באַדאַרפט פאַרנעמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

מער ווי מיט אַלע זיינע יוגנט־חברים האָט זיך שלום־עליכם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אָפּגעגעבן מיטן „חבר אלי", „אלי דאָדים", מיט וועמען ער האָט צוזאַמען דורכגעמאַכט די רוסישע קרייז־שול און „וועלכן ער האָט באמת ליב געהאַט פאַר זיין לעבעדיקן כאַראַקטער און פאַר זיין קאָנען נאָכמאַכן און איבערקרימען אַלע לערערס, ווי אַן אמתער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער". דער דאָזיקער „אלי דאָדים", אָדער אליהו באַרכאַש, איז גלייך נאָכן שטודיום נעלם געוואָרן פון שלום־עליכמען אויף לאַנגע יאָרן. ערשט אין 1910, שוין אויף דער עלטער, האָט זיך שלום־עליכם דערוואוסט, אַז זיין אַמאָליקער חבר וואוינט אין קישינעוו און איז דאָרט אַ דירעקטאָר אין אַ שטאָטישער רעגירונג־שול. ער האָט אים אָנגעהויבן צו שרייבן היים־פאַרביינקטע בריוו און האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז זיין יוגנט־חבר איז געקומען צו אים אויף אַ באַזוך קיין אויסלאַנד, אין באַדענווייַלער. שלום־עליכם האָט דעם חבר אויפגע־

נומען מיט דער גרעסטער צערטלאַכקייט און איז די ערשטע טעג געווען באַרוישט פון דער באַגעגעניש, ווי איינער וואָס געפינט אַ טייערע זאַך, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן. ביידע חברים האָבן ניט אויפגעהערט צו ריידן פון דער ווייטער יוגנט, געוועקט איינער ביים אַנדערן פאַרגעסענע זכרונות און גאָרניט מיד געוואָרן שפּאַצירנדיק צוזאַמען. נאָר אַז די זכרונות האָבן זיך אויסגעשעפּט און די ערשטע באַרוישונג איז אַוועק, האָט זיך באַלד אַרויסבאַוויזן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי אַמאָליקע חברים: פון איין זייט דער קינסטלער, פון דער אַנדערער זייט — דער פּראָווינציעלער רוסיפיצירטער אידישער פּעדאַגאָג מיט זיינע השגות. דער חבר (ביי שלום־עליכמס קינדער האָט ער גלייך באַקומען אַ נאָמען: „דער חבר פון אונזער יוגנט“) האָט זיך אפילו געפּליסט אַריינצופאַלן אין שלום־עליכמס הומאָריסטישן טאָן; נאָר זיין הומאָר האָט זיך מיט שלום־עליכמס לחלוטין ניט געפּאָרט. אליהו באַרכאַש איז אַוועקגעפאָרן פון שלום־עליכמען אַ צופרידענער, וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָט ער צוריק געפונען אַ חבר אין דער פּערזאָן פון אַזאַ באַרימטן מענטשן. שלום־עליכם ווידער, כאָטש ער האָט די ערשטע צייט נאָך געשריבן בריוו צו זיין יוגנט־פריינט, איז אָבער אויף אים געווען צו מערקן, אַז דווקא איצט האָט ער פאַרלאָרן אַ חבר...

נ י ס ן ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש
[שלום־עליכמס „פּעטער ניסל“].

שפּעטער, אַז עס פלעגט קומען צו רייד וועגן באַרכאַשן, האָט ער אים שוין גערופן מיט אַ לייכטן גוטמוטיקן שמייכל אַזוי, ווי די קינדער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: „דער חבר פון א ו נ ז ע ר יוגנט“.

משפּחה־דאָקומענטן

עס דאַרף דאָ קודם־כל געזאָגט ווערן, אַז אין דער דאָזיקער רובריק גייען־אַריין נאָר יענע, מער אָדער וויניקער, פּריצייטיקע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט שלום־עליכמס שטאַם, דאָס הייסט, מיט דער משפּחה, פון וואַנען ער איז אַרויסגעקומען, אָבער ניט מיט זיין הויזגעזינד, וואָס דאָס געהערט צו אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד און וועט באַהאַנדלט ווערן באַזונדער. די פאַרגעלייגטע דאָקומענטן, וואָס באַשטייען, הויפּטזאַכלאַך, פון שלום־עליכמס בריוו צו זיין פאָטער און צו זיין ברודער אליהו, ווי אויך פון זיין פאָטערס בריוו צו אים (פון וועלכע איינער איז אַ צוואה), זיינען כמעט אַלע געשריבן אין העברייאיש, און זיי ווערן דאָ געגעבן אין זייער אָריגינאַל, מיט דער באַגלייטונג פון אַ אידישער איבערזעצונג. דער סטיל פון די בריוו — איז די העברייאישע שפּראַך פון יענער צייט: די געדרייטע געציקלטע מליצה, וואו אַ וואָרט שלעפּט נאָך זיך אַ גאַנצן אָדער אַ האַלבן פּסוק פון תנ״ך און דער געדאַנק טרינקט זיך אין אַ מבול פון געקרייזלטע פראַזעס. עס וועט אָבער זיין אַ טעות, אויב מע וועט דערפון וועלן אויסברייען, אַז ד אָ ס איז געווען שלום־עליכמס סטיל (און ממילא — זיין געדאַנקען־גאַנג) אין די ערשטע יאָרן, און אַז שלום־עליכם איז ב ט ב ע געווען אַ משכיל, צוגלייך מיט דעם דורכשניטלאַכן טיפּ משכילים פון יענער צייט. זיינע ערשטע א י ד י ש ע שריפטן, ווי אויך זיינע אידישע און רוסישע בריוו, וואָס זיינען געשריבן נאָענט צו יענעם פּעריאָד, לייקענען דאָס גלייך אָפּ. ווי רוי און פּרימיטיוו זיין אידיש שרייבן איז דעמאָלט ניט געווען, האָבן דאָך פון צווישן די שורות גאַנץ אָפט אַרויסגעבליצט פונקען־אָנזאָגן אויפן קומענדיקן עכט־שלום־עליכמדיקן הומאָר („בריוו פון וועג“, „אַרבע כוסות“ און אַ סך אַנדערע זאַכן). דער אמת איז, אַז אין העברייאיש האָט זיך שלום־עליכם גאַנץ אָפט פ אַ ר ש ט ע ל ט פאַר אַן אַנדערן. ער האָט זיך אין העברייאיש שרייבן קיינמאָל ניט ספּעציאַליזירט, כאָטש ער האָט די העברייאישע שפּראַך זייער ליב געהאַט און האָט פאַרמאָגט אַן איידעלן חוש פאַר אירע פיינקייטן. העברייאיש שרייבן איז פאַר אים געווען מער אַן איינגענעמער צייטפאַרטרייב, מער אַ מין ספּאָרט, ווי אַן אינערלאַכער קינסטלערישער דראַנג. ע ר ה אָ ט ז י ך מ י ט ה ע ב ר י י אַ י ש ג ע ־ ש פּ י ל ט, ווי מיט אַ זעלטענעם אַלטן פּאָקוס, וואָס דורך אים קאָן מען אַזוי געשיקט ציען פון דער פּען שיינע קאָלירטע מליצה־סטיינגעס אָן אַ שיעור און

אָן אַ ברעג. **און עס האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט,** וואָס ער איז אין דער קונסט פון מליצה־שרייבן אַזוי היימיש און פריי און ער קאָן זיך פאַרמעסטן מיטן פלינקסטן סטיינגע־ציער... לייענענדיק אויפמערקזאַם זיינע ערשטע העברייאישע בריוו, ווי אויך זיינע העברייאישע שריפטן פון יענער צייט, זעט מען באַשיינפערלאַך, ווי שלום־עליכם ש פּ י ל ט ד אָ נ אָ ר ד י ר אָ ל ע פון דעם מליצה־שרייבער, אָבער אַליין אין תוך איז ער עפּעס אַנדערש. און אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת ער פלעגט שוין מאַכן שפּאָס פון דער העברייאישער מליצה, געבנדיק זי אין זיינע שריפטן אין אַ ווערטערלאַכער אידישער איבערזעצונג (צום ביישפּיל: די בריוו פון די חסידישע יונגעלייט אין „מאַריענבאַד“), פלעגט ער פאַר זיך אַליין פון דעסטוועגן נאָך אַלץ געברויכן די אַלטע געווירצטע העברייאישע תנ״ך־שפּראַך, ניט דאָס נייע עקזאַקטע העברייאיש, וועלכעס איז אים ניט געווען אינגאַנצן פרעמד, נאָר פ אַ ר ז י ך האָט ער אין דעם קיין אינטערעס ניט געזען. אויב שרייבן פּ ר אָ ס ט , איז דאָך שוין גלייכער אידיש!

אום איבערצוגעבן פאַר דעם אידישן לעזער ניט נאָר דעם אינהאַלט פון די פאָרגעלייגטע דאָקומענטן, נאָר אויך זייער כאַראַקטער, איז די אידישע איבערזעצונג פון זיי דאָ געמאַכט געוואָרן אין „חדר־אידיש“, דאָס הייסט, אין דער שפּראַך, אין וועלכער דער רבי פלעגט אַמאָל פאַרטייטשן דעם חומש אין חדר — וואָס דאָס איז זייער נאָענט צו דער אַלטער העברייאישער מליצה.

1

אַ פראַגמענט פון שלום־עליכמס אַן אַלטן בריוו

[פונם אָריגינאַל]

[דער דאָזיקער בריוו איז כראָנאָלאָגיש דער ע ל ט ס ט ע ר כתב־יד פון שלום־עליכם, וואָס איז געפונען געוואָרן אין זיין אַרכיוו. ער איז געשריבן געוואָרן אינם דאָרף סאָפּיעווקע (קיעווער גובערניע), וואו שלום־עליכם, צוואַנציק יאָר אַלט, איז דעמאָלט געווען דער לערער פון אלימלך לאָיעווס טאָכטער — זיין צוקינפטיקע פרוי. דער אַדרעסאַט איז געווען שלום־עליכמס אַ קרוב פון דער מוטערס צד. פון דעם בריוו איז אָפּגעהיט געוואָרן נאָר אַ שטיקל — דער ערשטער טייל.]

סאָלאָמאָן נאַאומאָוויטש
ראַבבינאָוויטש.
סאָפּיעווקאַ.
13 אויגוסט. 1879 יאָר.

העררן הירש ווייסבורד.

ש״ב היקר והישר באדם!

רב תודות לכבוד ש״ב היקר בעד מכתבו הנעים, — אף אמנם לא אחכד [אכחד] תחת לשוני, — כי הביש את פני בכתבו אלי בשפת־רוססיה; — האמת, הן גם בשפה הזאת אלף ידות לי, ועליה כליתי כמעט כל עתותי בבית־הספר; ובצאתי משם — הרבה יגעתי עליה, עדי עשיתיה לי לנחלת־עולם; בכ״ז חביבה עלי שפתנו הקדושה, — אם כל הלשונות, — בת־אלהים־קדושים, — אשר רבים מבני עמנו ב״י „ה מ ת ח כ מ י ם“ עזבוה לבשתנו ולכלימתנו, והיא יצאה מלפניהם וידיה על ראשה, ובקול בוכים יום יום תתיפח: „אוי להם לבני, אשר עזבוני לעת זקנתי“...

. . . .

. . . .

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג : — טייערער קרוב מיינער, דער ערלאַכער צווישן מענטשן! פיל דאַנק אייך, טייערער קרוב מיינער, פאַר אייער ליבן בריוו, — הגם איך וועל ניט פאַרלייקענען אונטער מיין צונג, אַז איר האָט פאַרשעמט מיין פּנים דערמיט, וואָס איר האָט צו מיר געשריבן אויף דער רוסישער שפּראַך; אמת, אויך אין דער דאָזיקער שפּראַך האָב איך דאָך טויזנט חלקים, און אויף איר האָב איך פאַרלענדט כמעט גאָר מיין צייט אין דער שול, און אַז איך בין פון דאָרט אַרויס — האָב איך מיך פיל געמיט אויף איר, ביז וואַנען איך האָב זי מיר געמאַכט פאַר אַן אייביקן אַרב; פון דעסטוועגן איז מיר באַליבטער אונזער הייליקע שפּראַך, די מוטער פון אַלע שפּראַכן, די טאָכטער פון הייליקן גאָט, וואָס פיל פון אונזער פאָלק די קינדער ישראל, „ד י ו ו אָ ס ט ו ע ן ט אָ ן ק ל י ג ן ז י ך“, האָבן זי פאַרלאָזט, צו אונזער שאַנד און צו אונזער חרפּה, און זי איז אַרויס פון זיי מיט די הענט אויף איר קאָפּ, און מיט אַ וויינענדיקן קול טוט זי טאָג־טעגלאַך קלאָגן: „ווי צו זיי צו מיינע קינדער, וואָס האָבן מיך פאַרלאָזט אויף דער צייט פון מיין עלטער“...]

2

פון שלום־עליכם צו זיין פאָטער

[פונם אָריגינאַל]

[דאָס איז דער איינציקער בריוו פון שלום־עליכם צו זיין פאָטער נחום ראַבינאָוויטש, וואָס סאיז געלונגען צו באַקומען. דער בריוו איז געשריבן אין דעם טאָג, בעת ביי שלום־עליכמען איז געבוירן געוואָרן זיין ערשט קינד — זיין טאָכטער ערנעסטינע (איצט פרוי בערקאָוויטש). — אויפן בלאַנק פונם בריוו איז געדרוקט אויף רוסיש: „סאָלאָמאָן נאַאומאָוויטש ראַבינאָוויטש. מ. בעלאַיאַ צערקאָוו, קיעווסקאָי גוב.“]

16 אפּריל, 1884.

אבי יקירי!

היום שעה 5/6 צהרים השמעתיך בשורה נעימה כי ברכני אלהים במתנה יקרה, בבת יפיפיה מאד —



פאקסימילע פון שלום-עליכםס ע ל ט ס ט ן כתב-יד.

פרי אהבתנו זה כמה שנים. יתן אלהים לאורך ימים! התזכור אָבי עת היית פה נכונים היינו להרחיק נדוד חוצה לאָרץ לבקש שם מזור ותרופה למחלת רעיתי העדינה אשר עברה וחלפה לה כמו רוח, כי כשחק מאזנים נחשבו כל הרופאים ותחבולותיהם נגד הטבע הכל יכל, וכל מועצותיהם מאָפע! מה פחדו ורחבו לבותינו כאשר עלה על מחשבתנו כי היום או מחר תבא עת פקודתה של כל אשה להיות אם לבר בטנה! והנה עברו רגעים אחדים — לא יותר מן עשרים מינוט — ותרם רעיתי תחי' את קולה אחת ושתים וימלא הבית קולות מפה לפה קולות נעימות בקול פורטי עלי נבל וכמנגנים בכלי שיר... ותשר הילדה לאמר: „קוּאַ! קוּאַ!" — אכן בקול זמרה חננה הטבע? טוב, טוב, בתי! שירי נא זמרי נא, היפה בבנות, השמיעיני את קולך כי נאוה! — „קוּאַ! קוּאַ!"........ אבל מה תאמרי בעוד שנים חמש עשרה ויותר? מה תזמרי אָז? איה הדברים, הסודות והרמזים שנרשמו על לוח חייך? חתומים וסתומים הדברים ועין איש לא שזפתם!... לכי, בתי, וחיי בארץ החיים! בזרועות אהבה יחבקך היום הראשון, ונשאך ונטלך על שכמו הלאה הלאה, וימסרך ליום השני, ויום שני ליום השלישי, וכן הלאָה — וזה חייך! ומה יהיה אָז? שאלי נא, בתי, את אָביך ויגדך, זקניך — ויאמרו לך, ושאלות מני אל תשאלי כי אין שאלות ותשובות בחיים, כי הכל תלוי במזל ובמקרה... אבל די לי להתפלסף!

היה שלום אָבי יקירי, ופרוס בשלום כל ב"ב ובתוכם ידידינו: זאלאָטושקין והלוי.

בנך אוהבך ומברכך בכל טוב

שלום.

פ"ש לאמי הכבודה מרת חנה שתחי'.

לאָחי היקר מו"ה צבי נ"י עש"ז רחל לאה גרים איך בעזונדער.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער פאָטער! היינט אַרום 5־6 אַזייגער נאָכמיטאָג האָב איך דיר אָנגעזאָגט אַ ליבע בשורה, אַז גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ טייערער מתנה, מיט זייער אַ שיינער טאָכטער — די פרוכט פון אונזער ליבע שוין וויפיל יאָר. זאָל גאָט געבן אויף לאַנגע יאָר! געדיינקסט, פאָטער, בעת דו ביזט געווען ביי אונז דאָ, זיינען מיר גרייט געווען אַרויסוואַנדערן ווייט קיין אויסלאַנד צו זוכן געגעזונג און היילונג צו דער קראַנקשאַפט פון מיין אײדעלער פרוי, וואָס איז אָבער אַוועק און פאַרגאַנגען ווי דער ווינט, וואָרים פונקט ווי דער דינסטער שטויב אויף די וואָגשאָלן — אַזאַ ווערט האָבן אַלע דאָקטוירים מיט זייערע צוטראַכ־טונגען אַקעגן דער אַלמאַכטיקער נאַטור, און אַלע זייערע עצות זיינען פון גאָרנישט! ווי געשראָקן און געבריית האָבן זיך אונזערע הערצער, בעת ס'איז אַרויפ־געקומען אויף אונזער געדאַנק, אַז היינט אָדער מאָרגן וועט קומען איר באַשטימטע צייט, ווען יעדע פרוי באַדאַרף ווערן אַ מוטער צו איר קינד! און אָט זיינען אַריבער עטלאַכע רגעס, ניט מער ווי צוואַנציק מינוט — און מיין פרוי זאָל לעבן האָט אויפגעהויבן איר שטים איין מאָל און צוויי מאָל, און די שטוב איז פול געוואָרן מיט קולות פון עק ביז עק, זיסע קולות, ווי דער קול פון די וואָס צימבלען אויף אַ האַרף און פון די וואָס שפּילן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן... און דאָס פּיצעלע קינד האָט זיך צעזונגען, אַזוי צו זאָגן: „קוּאַ! קוּאַ!" — אַפנים, די נאַטור האָט זי באַשאָנקען מיט אַ שטים פון געזאַנג? גוט, גוט, טאָכטער מיינע! זינג זשע, זינג, דו שענסטע פון די טעכטער, לאָז מיך הערן דיין קול וואָס איז שיין! — „קוּאַ! קוּאַ!"... אָבער וואָס וועסטו עפּעס זאָגן אין אַ יאָר פופצן און מער אַרום? וואָס וועסטו דעמאָלט זינגען? וואו זיינען די ווערטער, די סודות און די וואונקען, וואָס זיינען אָנגעצייכנט אויפן טאָוול פון דיין לעבן? פאַרזיגלט און פאַרבאָרגן זיינען די ווערטער און אַ מענטשלאַך אויג האָט זיי ניט אָנגעקוקט!... גיי זשע, טאָכטער מיינע, און לעב אין דעם לאַנד פונם לעבן! מיט אָרעמס פון ליבע וועט דיך האַלזן דער ערשטער טאָג, און וועט דיך טראָגן אויף זיין אַקסל ווייטער און ווייטער און וועט דיך איבער־געבן צום צווייטן טאָג, און דער צווייטער טאָג צום דריטן טאָג, און אַזוי ווייטער — און דאָס איז דיין לעבן! און וואָס וועט דעמאָלט זיין? פרעג נאָר, טאָכטער מיינע, דיין זיידן, וועט ער דיר דערציילן, דיינע עלטערזיידעס — וועלן זיי דיר זאָגן, און ביי מיר זאָלסטו קיין פראַגעס ניט פרעגן, וואָרים עס זיינען נישטאָ קיין פראַגעס און קיין ענטפערס אין לעבן, וואָרים אַלצדינג הייננגט־אָפּ פון דעם מזל און פון דעם צופאַל... נאָר גענוג שוין מיר צו פילאָזאָפירן!

זיי געזונט, טייערער פאָטער מיינער, און גריס דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און צווישן זיי אונזערע פריינט: זאָלאָטושקין [2] און הלוי.

דיין זון, וואָס האָט דיך ליב און ווינטשט דיר אַלדאָס גוטס,

שלום.

אַ גרוס מיין געערטער מוטער חנה זאָל לעבן [3]. מיין טייערן ברודער הערשל נ"י מיט זיין פרוי רחל לאה גריס איך באַזונדער.]

[2] שלום־עליכמס אַ יוגנט־חבר, דערמאָנט אינם בוך „פונם יאריד". — [3] די שטיפמאמע.

3

פון שלום־עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אריגינאל]

[בעלאיא צערקאוו]
25 מאי, 84.

אחי יקירי!

השגתי מכתבך בצירוף המתנה השלוחה לבתי היקרה מאת גיסתי מרים תחי' ושמחנו מאד בראותנו את בתנו מעוטפת במטפחת היפה הזאת ותיף בנזר תפארתה מאד מאד ומעמקי לבותינו מגישים לך תודה אני ורעיתי העדינה ולגיסתי מ ר י ם בעבור ה ר י מ ו ת ה ת ר ו מ ה לבתנו זאת. ואשר נוגע לבריאתנו ושלומנו — הלא בריאים וחזקים אנחנו כה לעד, ורק למען הרבות איל אפשר נלך אני ורעיתי לשבת באיזו „דאטשע“ באיארקע או במקום אחר כפי עצת הרופאים אם ימצאו בזה תועלת רבה ואני אין אני רוצה ומוסכם לזאת הנסיעה מפני כמה טעמים שאין פה המקום לפורטם, ולכן נשאר בטח פה בכל ימי הקיץ. — זולת זאת לא נולד שום חדש אצלנו אם לא נחשוב את הנסיעה של חותני חוצה לארץ לבקר את בנו יהושע אשר עמודי בריאת גופו ירופפון מיום אל יום, ולכן אי־אפשר לו לבא לארץ מולדתו כל ימי חייו... — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ומחיי החיצוניים, כלומר מעולם העשיה שלי בל אוכל לבשרך עוד שום דבר חדש כי עורקי המסחר נקפ[א]ו ונצבו כמו נד נוזלים עד עצם היום הזה, ואולי משנת החדשה יצמח המסחר ימים יודיעו. הנה מי הוא המורה החדש של בנך דוב יחי' אשר כה תרבה להללו? המכתב הרוסםי שלו מלא שגיאות כרמון והמורה בטח הוא המגיה של מכתבי תלמידיו הלקוחים משבט סופר או בריפענשטעללער... אחי! באחד מגליונות הפאלקסבלאט יבא בקרוב מכתב אחד מאת חייט לכבוד המו"ל ה„וואסחאד“ ה. לאנדוי בויכוח

די פאמיליע פון אלימלך לאיעוו

פון לינקס צו רעכטס: יהושע און ישראל (שוואגערס פון ש. ע.), אלגא (שפעטער פרוי שלום־עליכם), אלימלך און רחל (שווער און שוויגער פון ש. ע.).

(פּאָלעמיק) וחתום תחתיו „הערשעל חייט"; ולכן תדע שהחייט הזה הוא אָחיך שלום, אני הוא ולא אחר. — כמו"כ יבאו הרבה מאמרים מענפי ההיגיענע ברשימתי „שלום עליכם". — ומחצי השנה השני, כלומר מן חודש יולי תחל לקבל הפ"ב והמליץ על שמך ישר לסטאַרע. —

דברי אָחיך דו"ש ואָשרך סלה

שלום ראַבינאָוויטש.

פּ. ס. בעוד ימים שנים אשלח לך ע"י אָחי צבי הלואה קטנה, אשר אָספתי עוד, ואחר שבת אולי ביום א' או ב' אשלח. —

פּ. ס. ס. איך גריס לגיסתי מרים תחי' ג"פ [4] און דיינק שטאַרק פאַר דער מתנה וואָס איז אונז אָנגעקומען פּליצלים אומגיריכט און דאָס הייסט „סיורפּריז" (בלע"ז) און מיר וועללען שוין דערקלעהרען עפּעס אויך אַ רעכטע מתנה פאַר אייער טאָכטער אויך. — אונזער טאָכטער ערנעסטינאַ וואָהלט אייך אַליין אָפּ געשריבן אַ דיינק פאַר דעם פּריזענט נאָר זי האָט נאָך ניט קיין אויסגעשריבענע האַנט מוזט איר שוין צו וואַרטען אַ קליינע צייט עפּעס אַ יאָהר 6 אָדער 7.

זייט געזונד און פיל גליקליך וויא עס ווינטשט אייך

אייער שוואָגער, אייער אַלטער באַקאַנטער

שלום[5].

פּ. פּ. ס. ס. פּ"ש לב"א האברך מו"ה דובער יחי'.

לו ראית את בתי היקרה מתנוססת בהדר תפארת מטפחתה השלוחה לה מאת אמך תחי' כי אָז בטח בער בלבך אש האהבה לה! — בעבור ברכתך גם ברוך תהיה ביחד עם הוריך היקרים,

כאות נפש דודך

שלום.

פּ. פּ. ס. ס. ס. להאברך שלום שור תגידו כאשר ישלח לי הספרים שלקח אצלי אשלח לו עוד ספרים אחרים בכל עת. — ופ"ש כנהוג גם לו.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער ברודער! איך האָב באַקומען דיין בריוו צוזאַמען מיט דער מתנה, וואָס איז געשיקט צו מיין טייערער טאָכטער פון מיין שוועגערן מרים זאָל לעבן, און מיר האָבן זיך זייער געפרייט, דערזעענדיק אונזער טאָכטער אין דער דאָזיקער שיינער פאַטשיילע, און זי האָט אויסגעקוקט זייער און זייער שיין אין איר פּראַכטיקער קרוין, און פון די טיפעניש פון אונזערע הערצער טראָגן מיר דיר צו אַ דאַנק, איך און מיין איידעלע פרוי, און צו מיין שוועגערן מרים פאַר איר טון טאָן שיינקען דעם דאָזיקן געשאַנק [6] צו אונזער טאָכטער. און דאָס וואָס איז שייך אונזער געזונט און וואוילזיין — זיינען מיר געזונט און שטאַרק, הלואי ווייטער, נאָר אום צו פאַרמערן קראַפט, וועלן מיר אפשר גיין, איך און מיין פרוי, צו באַזעצן זיך ערגעץ אויף דער דאַטשע באַיאַרקע אָדער אין אַן אַנדער פּלאַץ, לויט דער עצה פון די דאָקטוירים, אויב זיי וועלן אין דעם געפינען אַ גרויסן נוצן. איך אַליין וויל ניט און בין ניט מסכים צו אַזאַ נסיעה, צוליב אַ סך טעמים, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט זיי אויסצורעכענען, און דעריבער וועלן מיר זיכער דאָ בלייבן אויפן גאַנצן זומער. — און אויסער דעם איז ניט געבוירן געוואָרן קיין שום נייס ביי אונז, אויב מיר זאָלן ניט רעכענען די רייזע פון מיין שווער קיין אויסלאַנד צו באַזוכן זיין זון יהושע, וואָס די זייגלן פון זיין געזונט ווערן שוואַכער פון טאָג צו טאָג, און דעריבער איז פאַר אים אוממעגלאַך צו קומען אין זיין געבורטלאַנד דאָס גאַנצע לעבן זיינס... — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און פון מיין אויסערלאַכן לעבן, דאָס הייסט, פון דער וועלט פון מיין טואַכץ, קאָן איך דיר נאָך ניט אָנזאָגן קיין שום נייע זאַך, וואָרים די אָדערן פונם האַנדל זיינען פאַרגליווערט געוואָרן און האָבן זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט פון רינענדיקע וואַסערן [7] ביז צו היינטיקן טאָג. און אפשר וועט פון דעם נייעם יאָר דער האַנדל אַרויסשפּראָצן — דאָס וועלן די קומענדיקע טעג געבן צו וויסן. — אָט וואָס: ווער איז דאָס דער נייער לערער פון דיין זון דוב זאָל לעבן, וואָס דו לויבסט אים אַזוי פיל? דער רוסישער בריוו זיינער איז פול מיט גרייזן, ווי אַ מילגרוים, און. דער לערער איז דאָך זיכער דער קאָרעקטאָר פון זיינע תלמידימס בריוו, וואָס זיינען גענומען פון אַן אַפּירל אָדער פון אַ בריפנשטעלער... ברודער! אין איינעם פון די נומערן פונם „פאָלקסבלאַט" וועט איינגיכן קומען אַ בריוו פון אַ שניידער צום רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" הער לאַנדוי, אין אַ פּאָלעמיק, און אונטער אים איז אונטערגעשריבן „הערשעל חייט"; לכן זאָלסטו וויסן זיין, אַז דער דאָזיקער שניידער — דאָס איז דיין ברודער שלום, טאַקע איך, ניט קיין אַנדערער. — אַזוי וועלן אויך קומען אַ סך מאמרים פון די צווייגן פון היגיענע [8] מיט מיין אונטערשריפט „שלום עליכם". — און פון דעם אַנדערן האַלביאָר, דאָס הייסט פון חודש יולי אָן,

[4] נאָר פריינטלאַך. — [5] די אָרטאָגראַפיע פון דעם דאָזיקן אידישן אָפּזאַץ איז ווי אין דעם אָריגינאַל.

[6] אין דעם העברייאישן אָריגינאַל קומט דאָ אַרויס אַ מליצהדיק ווערטשפּיל צום נאָמען „מרים". — [7] די דאָזיקע מליצה באַציט זיך אויף דער וואַסערוואַנט פון דעם געשפּאָלטענעם ים־סוף. — [8] „עטליכע היגיענישע פראַגעז פיר אונזערע יונגע מוטערס.

1. צי דאַרף מען וויקלען דאָס קינד?" („יוד. פאָלקסבלאַט", נומער 22, 1884). — שלום־עליכם האָט דעמאָלט, צוליב זיין ערשטגעבוירענער טאָכטער, גענומען לייענען וועגן קינדער־היגיענע, האָט ער דערמיט מהנה געווען אויך די לעזער פונם „פאָלקסבלאַט".

ווּעסטו אָנהייבן באַקומען דאָס „פּאָלקסבלאַט“ און דעם „המליץ“ אויף דיין נאָמען דירעקט קיין סטאַרע. —

די רייד פון דיין ברודער, וואָס ווינטשט דיין פרידן און דיין גליק אייביק,

ש ל ו ם ר א ב י נ א ָ ו ו י ט ש .

פּ. ס. אין אַ טאָג צוויי אַרום וועל איך דיר שיקן דורך מיין ברודער הערשל אַ קליינע הלוואה, וואָס איך האָב נאָך אָנגעקליבן; נאָך שבת, אפשר זונטאָג אָדער מאָנטאָג, וועל איך שיקן.

פּ. פּ. ס. ס. אַ גרוס צו מיין ברודערס זון דעם יונגנמאַן מו"ה דובער זאָל לעבן. ווען דו וואָלסט געזען מיין טייערע טאָכטער, ווי זי שיינט אין דער פּראַכטיקער שיינקייט פון איר פּאַטשיילע, וואָס דיין מוטער זאָל לעבן האָט איר געשיקט, וואָלט אין דיין האַרצן זיך זיכער צעברענט אַ פייער פון ליבע צו איר! — פאַר דיין בענטשונג זיי אויך געבענטשט צוזאַמען מיט דיינע טייערע עלטערן,

ווי עס איז דער וואונטש פון דער זעל פון דיין פעטער

ש ל ו ם .

פּ. פּ. ס. ס. ס. דעם יונגנמאַן שלום שור זאָלט איר זאָגן, אַז ווען ער וועט מיר אָפּשיקן די ביכער, וואָס ער האָט גענומען ביי מיר, וועל איך אים שיקן נאָך אַנדערע ביכער צו יעדער צייט. — און אַ גרוס, ווי דער מנהג איז, אויך צו אים.]

4

פון שלום-עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אריגינאַל]

בעלאַיאַ צערקאָוו. 22 יוני, 1884.

כבוד אָחי היקר כמר אליהו שיחי' עכב"ב בשלום.

אָחי יקירי!

כל איש מר ומצוק תשלח אלי, לא ידעתי למה ומדוע!

חתן דודי ניסן ר' לייזער בא אלי מארץ מרחקים מעיר הברוכה וואָראָנקאָוו בבקשה שאתן לו „מקום“ (אַ סטעל); ועל שאלתי מי שלחו הנה ענני כי אתה הגדת לו שאָנכי ב"ה גביר גדול, ולכן יש לאל ידי לאָספהו לאחת הכהונות וכו'. כמשתאה עמדתי והבטתי בפניו ואָמרתי בלבי: „את אשר חלמתי תמול ושלשום תחול על ראש משנאי עם כל שונאי ציון בכלל!“...

מה אעשה, אָחי, אם עד היום לא נודע לך מצבי בבית חותני עד כי יעצתני לסחור בש"ש ובשאָר ירקות; ואני אין שום מסחר בידי פה כי חותני אינו נותן לנו את כספנו לעשות בהן איזה מקנה וקנין ואני אין אני יכול לבקש זאת מידו מפני כמה וכמה טעמים שאין אני רוצה להאריך בהם יתר מדי. והנה לוא באתי לחותני לבקש איזה משרה עבור אחד מבני משפחתי כי אָז בטח השיב פני ריקם ג"כ מפאת הרבה טעמים שלא נחוץ להאריך בהם אם לא נודע לך אחת מני אלף. ובכלל איככה יכולת לשלוח איש עני ואביון להרבות בהוצאות הדרך לפה לבקש אצלי „מקומות“ בטרם נוכחת לדעת אם לא לחנם תהי נסיעתו? ובכל אופן שיהיה הלא יש בית הרצים בּאַרצנו אשר בעד שלושה קאָ"פ היה אפשר לו לדעת להימין או להשמאל — ואתה מלבד אשר גרמת שיאבד ר' לייזער הנ"ל הוצאות חנם הנה עוד שפיכות דמים כמה היה לו, יען שבא אלי בשעה אי־מוצלחת בעת שחותני וחמותי היו אצלנו ומלחמה כבדה (בפה) היתה בינינו ע"ד מצבנו הרע והמר אשר לא תבינהו כלל, ולכן נאלץ הייתי לדבר עמדו בחצר כעם אחד הריקים, כאילו לא היה לי שאר בשר וקרוב למשפחת בית אָבי — — — .

ולמען תבין גם אתה אף מה שהוא ממצבנו אגיד לך בקצור נמרץ שמאושר הייתי בתבל לוא יכולתי למצוא לי איזה כהונה באחת הקאַנטאָהרען ובתי המסחר בעד אגורת כסף ולבלתי אכול את הלחם הקלוקל הזה על שלחן חותני — — — ... אם תבין את דברי אָחיך מה טוב, ואם אין..... היה שלום וכל אשר לך שלום, כברכת אָחיך הצעיר

ש ל ו ם .

פּ. ס. בשמחה רבה קבלתי באהבה עלי כהונה בהקאַנטאָר בראָדסקי בקיעוו או במקום אחר בשכיר לא גדול כל כך, יען שחותני ישלם לנו בכל עת את העסקא מכספנו סך אלף ושש מאות רו"כ לשנה או מאה וארבעים רו"כ לחודש, ולכן לא אצטרך למשכרתי כל כך כי לא השכיר הוא העיקר אצלי כ"א הכהונה (די שטעללע), ודו"ל.

פּ. ס. ס. על מכתב של המשכיל שלא בשל כל צרכו השוטה א. מצאתי לנחוץ לבלתי ענות אותו מקטון ועד גדול, כי טיפוש גדול הוא, וכל משכילי באָריספּאָל בהקולטורטרעגערם בעיר מולדתי פּערעיאַסלאַוו כקליפּת השום המה בעיני, וכבר נסרחה חכמתם! אם חפץ אתה הגד נא זאת ל ה ח כ ם א. כי „ז— —“ הוא בגימטריא — — — — .....

פּ. פּ. ס. ס. איך האָב געפרעגט לייזירין פאַר וואָס האָט ער מיר בעסער קיין בריף ניט געשיקט איידער לייגן ה׳ צאות און פאָרען — האָט ער מיר געענטווערט **א ז ע ר ה א ָ ט נ י ט ג ע ו ו י ס ט מ י י ן א ד ר ע ס !.....**

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג . —

לכבוד מיין טייערן ברודער כמר אליהו, זאָל לעבן מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד אין פרידן.

מיין טייערער ברודער!

וואו אַ ביטערער און נויטבאַדערפטיקער מענטש — דעם שיקסטו צו מיר, איך וויים ניט צו וואָס און פאַר וואָס!

רבֿ לייזער דעם פעטער ניסלס אײדים איז געקומען צו מיר פון אַ ווייטן לאַנד, פון דער געבענטשטער שטאָט וואָראָנקאָוו, מיט אַ בקשה, איך זאָל אים געבן אַ שטעלע; און אויף מיין פראַגע, ווער האָט אים געשיקט אַהער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דו האָסט אים געזאָגט, אַז איך בין, גאָט צו דאַנקען, אַ גרויסער גביר, און דעריבער בין איך אין קראַפט אַריינצונעמען אים צו איינער פון די שטעלעס, א. אַ. וו. ווי אַ פאַר־וואונדערטער בין איך געשטאַנען, געקוקט אים אין פנים אַריין און געטראַכט ביי זיך אין האַרצן: „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט נעכטן און אייערנעכטן — זאָל פאַלן אויף מיינע שונאימס קעפ מיט אַלע שונאי ציון בכלל!“...

ד י אַ ל ט ע ט ש ק ע
[בלייַשטיפט־צייכענונג פון שלום־עליכמס ברודער אבֿא ראַבינאָוויטש].

וואָס זאָל איך טון, ברודער, אויב אַז ביז היינטיקן טאָג איז דיר ניט באַוואוסט מיין לאַגע ביי מיין שווער אין שטוב, אַזוי אַז דו האָסט מיר געגעבן אַן עצה צו האַנדלען מיט האָבער און מיט שאַר ירקות; און איך האָב דאָ ניט קיין שום מסחר אין מיין האַנט, וואָרים מיין שווער גיט אונז ניט אונזער געלט צו מאַכן דער־מיט עפּעס אַ געשעפט, און איך קאָן דאָס ניט בעטן ביי אים, צוליב אַ סך טעמים, וואָס איך וויל ניט פאַר־שפרייטן זיך וועגן זיי צופיל. איז ווען איך זאָל איצט קומען צו מיין שווער בעטן אַ שטעלע פאַר איינעם פון מיין משפּחה, וואָלט ער מיר זיכער אָפּגעזאָגט, אויך צוליב פיל טעמים, וואָס סאיז ניט נייטיק צו פאַר־שפרייטן זיך וועגן זיי, וויבאַלד דיר איז ניט באַוואוסט אפילו איינס פון טויזנט. און גלאַט, ווי אַזוי האָסט דו געקאָנט שיקן אַן אָרימן מענטשן אַן אביון צו לייגן פיל הוצאות אויפן וועג אַהער צו זוכן ביי מיר „שטע־לעס“, איידער דו האָסט זיך איבערגעצייגט צו וויסן, צי וועט ניט אומזיסט זיין זיין רייזע? און אויף יעדן פאַל איז דאָך פאַראַן אַ פּאָסט ביי אונז אין לאַנד, וואָס פאַר דריי קאָפּיקעס וואָלט ער געקאָנט וויסן, צי גיין רעכטס אָדער לינקס — און דו, אַחוץ וואָס דו האָסט גורם געווען, אַז דער אויבנדערמאָנטער רבֿ לייזער זאָל פאַרלירן אומזיסטע הוצאות, האָט ער נאָך געהאַט אַ היבש ביסל שפיכות־דמים, ווייל ער איז געקומען צו מיר אין אַן אומגליקלאַכער שעה, בעת מיין שווער און שוויגער זיינען געווען ביי אונז און אַ שווערער קאַמף (מיטן מויל) איז פאָרגעקומען צווישן אונז וועגן אונזער שלעכטער און ביטערער לאַגע, וואָס דו ווייסט עס גאָרניט פאַרשטיין, און דעריבער בין איך געווען גע־צוואונגען צו ריידן מיט אים אין הויף, ווי מיט עפּעס אַ שלעפּער, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרניט געווען קיין לייבלאַכער קרוב צו מיין פאָטערס משפּחה———.

און כדי דו זאָלסט אויך פאַרשטיין כאָטש וויפיל עס איז פון אונזער לאַגע, וועל איך דיר זאָגן קורץ און שאַרף, אַז איך וואָלט געווען איינער אַ גליקלאַכער אויף דער וועלט, ווען איך זאָל קאָנען געפינען פאַר זיך עפּעס אַ שטעלע ערגעץ אין אַ קאַנטאָר אָדער אין אַ געשעפטהויז פאַר אַ קליינעם לוין און ניט עסן אָט דאָס לייכטע ברויט אויפן טיש פון מיין שווער——...
אויב דו ווייסט פאַרשטיין די ווערטער פון דיין ברודער, איז גוט, און אויב ניט..... זיי מיר געזונט, דו און אַלע דיינע, ווי עס ווינטשט דיר דיין אינגערער ברודער

ש ל ו ם.

פּ. ס. מיט גרויס פרייד וואָלט איך גערן גענומען אויף זיך עפּעס אַ שטעלע אין בראָדסקיס קאַנטאָר אין קיעוו, אָדער אין אַן אַנדער אָרט, פאַר ניט אַזאַ גרויסן געהאַלט, וואָרים מיין שווער צאָלט אונז צו יעדער צייט דאָס פּראָצענט פון אונזער געלט, די סומע פון טויזנט זעקסהונדערט רובל אַ יאָר, אָדער הונדערט פערציק רובל אַ חודש, און דעריבער וועל איך זיך ניט נייטיקן אַזוי אין מיין געהאַלט, וואָרים ניט דאָס פאַר־דינסט איז ביי מיר דער עיקר, נאָר די שטעלע. און פאַר דעם וואָס פאַרשטייט איז דאָס געננוג.

פּ. ס. ס. אויפן בריוו פון דעם אומצייטיקן משכיל, דעם שוטה אַ., האָב איך געפונען פאַר נייטיק ניט צו ענטפערן אים גאָרנישט, וואָרים ער איז אַ גרויסער טיפּש, און אַלע משכילים פון באָריספּאָל, פּונקט ווי די קולטורטרעגערס אין מיין געבורטשטאָט פּערעיאַסלאַוו, זיינען ווי דאָס שאָלאַכץ פון קנאָבל ביי מיר אין די

אויגן [9], און זייער חכמה איז שוין לאנג אויסגעוועפּט! אויב דו ווילסט, זאָג דאָס דעם ח כ ם א. אז — — —.....]

5

פון שלום־עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אָריגינאל]

[דער בריוו געהערט צו דער צייט, ווען שלום־עליכם האָט באַקומען אַ שטעלע ביים קיעווער מיליאָנער בראָדסקי. די שטעלע האָט פאַר אים אויסגעווירקט זיינער אַ באַקאַנטער, אַ רוסישער גוטבאַזיצער מיטן נאָמען סימערענקאָ (וועמען שלום־עליכם דערמאַנט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע). די אויפגאַבע פון ש. ע. אויף אָט דער שטעלע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט רעווידירן בראָדסקיס גיטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט אידישע ערדאַרבעטער, און צו־זאַמענשטעלן וועגן דעם אַ באַריכט. די דאָזיקע שטעלע האָט אָבער שלום־עליכם גיך אויפגעגעבן, ווייל זיין רייכן שווער לאָיעוו איז ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, אַז זיין אידים זאָל אַרבעטן „ביי יענעם".]

קיעוו. יום ו׳ עש״ק. 27 יולי, 1884.

לאָחי היקר הלמדן המופלג הנגיד והקצין הותיק וחסיד הרבני מוהר״ר

אליהו נ״י בן מנחם נחום
בן זאב בן נחום בן זאב
בן נחום בן זאב בן נחום
בן זאב עד אהרן הכהן [10].

השלום לך אָחי!

אָמנם, אָחי, זה רבות בשנים [11] לא לקחנו דברים איש את אָחיו, ואָנכי החיב ואתך הסליחה. חדשות מה אשמיעך? חותנך הנכבד בטח הגיד לך את אשר שמע ממני שאין חדש. בעוד שעות שתים נוסע אני לשדה לבן לביתי (וכן אני עושה מדי שבת בשבתו כחסיד ממש) לחבק את שאָהבה נפשי, הלא הנה רעיתי העדינה ובתי המפוארה והיקרה לי מכל הון. מחותני השגתי מכתב, כי שבע־רצון הוא מכהונתי לא מפאת המשכורת אשר אקבל כי במה נחשב הוא רק מצד ההתבוללות שלי בין אנשים סוחרים ואוכח לדעת שהכסף הוא תל שהכל פונים אליו ואפילו גביר גדול כבראָדסקי גם כן כסף יאהב לא ידע שבעה כי השכלה בלא כסף אינה שוה כלל... „ואָמנם — יאמר חותני עם הספר — משרה כזאת דבר [בלתי] נפרץ הוא בעת הזאת שכל המסחרים נקפ[א]ו נצבו כמו נד נוזלים ונסתם מעיינם, אך בתו וכל הנלוים אליו אינם נזקקין לזה, כלומר לחיות על המשכרת כי יש לה רב....״ — — — חמותי תחי׳ כעת בשדה לבן אצלנו וחותני איננו יכול לעזוב את ביתו כי עת הקציר הגיעה ולכן בא יבא ברינה עם נושאי אלמותיו......

היה שלום ומבורך בכל
כברכת אָחיך אוהבך

שלום עליכם.

פ. ס. לרעיתך ובתך וכל בניך ובנותיך ובני בניך שלום וכט״ס. והנה זה תוי:

Въ Кіевъ. Въ Главную Контору И. М. Бродскаго. Для Рабиновича.

„לאמיר פאררויכערן!"
[בליישטיפט־צייכענונג פון אבא ראבינאוויטש].

[די אידישע איבערזעצונג. — צו מיין טייערן ברודער, דעם גרויסן למדן, דעם נגיד און דעם שארפן מאגנאט און חסיד, הרבני מוהר״ר אליהו נ״י, דער זון פון מנחם נחום דער זון פון זאב דער זון פון נחום דער זון פון זאב דער זון פון נחום דער זון פון זאב דער זון פון נחום דער זון פון זאב, ביז אהרן הכהן.

וואָס מאכסטו, מיין ברודער!

אמת, ברודער, שוין א שאָק מיט יאָרן אַז מיר האָבן זיך ניט דורכגערעדט איינער מיטן אַנדערן, איך בין דער שולדיקער און דו וועסט פארגעבן. וואָס זאָל

[9] אויף אידיש וועט דאָס הייסן: זיי זיינען ווערט א געבאַקטע ציבעלע. — [10] גלאַט אזוי אַ וויץ; שלום־עליכם איז געווען א „ישראל". — [11] א נוסחא.

איך דיך לאָזן הערן נייס? דיין געערטער שווער האָט דיר געוויס דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון מיר, אַז קיין נייס איז נישטאָ. אין אַ צוויי שעה אַרום פאָר איך קיין שדה לבן [12] אַהיים (און אַזוי טו איך שבת אין שבת, ווי אַן אמתער חסיד) צו אַרומנעמען די וואָס מיין זעל האָט ליב, דאָס מיינט מען מיין איידעלע פרוי און מיין בילדשיינע טאָכטער, וואָס איז מיר טייערער פון אַלדאָס רייכטום. פון מיין שווער האָב איך געקריגן אַ בריוו, אַז ער איז צופרידן פון מיין שטעלע ניט מצד דעם געהאַלט, וואָס איך באַקום, וואָרים וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס, נאָר מצד מיין אויסמישן זיך מיט מענטשן סוחרים, וואָס איך וועל זיך איבערצייגן צו וויסן, אַז דאָס געלט איז אַ באַרג, וואָס אַלע ווענדן זיך צו אים, און אפילו אַזאַ גרויסער גביר ווי בראָדסקי האָט אויך ליב געלט, קאָן זיך ניט אָנזעטיקן, וואָרים השכלה אָן געלט איז ניט ווערט גאָרנישט... „און אין דער אמתן — זאָגט מיין שוועער אינם בריוו — אַזאַ שטעלע איז אַ זעלטענע זאַך אין אַזאַ צייט, בעת אַלע געשעפטן זיינען פאַרגליווערט געוואָרן, האָבן זיך גע־שטעלט ווי אַ וואַנט פון רינענדיקע וואַסערן, און זייער קוואַל איז פאַרשטאָפּט געוואָרן, נאָר זיין טאָכטער און אַלע וואָס זיינען באַהעפט מיט אים נייטיקן זיך ניט אין דעם, דאָס הייסט, צו לעבן אויפן געהאַלט, וואָרים זי האָט איבער געגוג....." — — — מיין שוויגער זאָל לעבן איז אַצינד ביי אונז אין שדה לבן, און מיין שוועער קאָן ניט פאַרלאָזן זיין הויז, וואָרים די צייט פון שניט איז אָנגעשטאַנען, דעריבער וועט ער שוין קומען מיט געזאַנג מיט די וואָס טראָגן זיינע גאַרבן.....[13]

זיי געזונט און געבענטשט אין אַלץ, ווי עס ווינטשט דיר דיין ברודער וואָס האָט דיך ליב

שלום עליכם.

פּ. ס. צו דיין פרוי און צו דיין טאָכטער און צו אַלע דיינע זין און טעכטער און קינדס קינדער פרידן און אַלדאָס גוטס אייביג.

און אָט דאָס איז מיין אַדרעס: קיעוו. אין דער הויפּט־קאַנטאָר פון י. מ. בראָדסקי. פאַר ראַבי־נאָוויטשן.]

6

פון שלום־עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אָריגינאַל]

שדה לבן, 10/11 יוני 85.

אחי יקירי!

בלב מלא מכאוב ובעינים מלאות דמע הנני להודיעך שאתמול בלילה נפלה רעיתי תחי' על ערש דוי, ונאלץ הייתי להביאה לפה שדה לבן לבקש מזור ותושיה מידי רופאיה היודעים מכבר איך להתנהג עמדה בשעת מחלתה.

אָמנם לא גדול מכאובה כ"כ ואין חלילה שום סכנה, אך מה נקל תוכל לשער בנפשך עד כמה גדול שברי והותנו גם יחד אשר עזבנו על ידי אחרים את מחמל נפשנו היא בתנו היקרה לנו מכל הון ומכל מחמדי תבל!

אהה! ד' אלקים! עד מתי נהיה כדור בידי הזמן האכזר, מדחי אל דחי ומצרה לצרה, כאלו לכך נוצרנו?!

לפני יום אחד והנה גם מכתבך הגיעני לא לענג ונחת כ"א לע"נ ודאבון לבב מבלי יכלת להושיעך כעת — אך אל נא נאבד בטחנו וקוה נקוה להעתיד אשר יביא לנו מרפא בכנפיו — כי תקותנו היא נשמת אפינו סלה.

דברי אָחיך הכותב בלב נשבר וברוח נכאה

שלום.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער ברודער! מיט אַ האַרץ פול מיט ווייטיק און מיט אויגן פולע מיט טרערן גיב איך דיר צו וויסן, אַז נעכטן ביינאַכט איז מיין פרוי זאָל לעבן פאַרשלאָפט געוואָרן, און איך בין געווען געצוואונגען צו ברענגען זי אַהער קיין שדה לבן צו זוכן רפואה און הילף ביי אירע דאָקטוירים, וואָס וויסן פון לאַנג, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט איר בשעת זי איז קראַנק.

אמת, איר ווייטיק איז ניט אַזוי גרויס און סאיז חלילה ניטאָ קיין שום סכנה, נאָר דו קאָנסט זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי גרויס איז מיין בראָך און אונזער ביידנס אומגליק צוזאַמען, ווָאס מיר האָבן געלאָזט אויף פרעמדע הענט אונזער אויג אין קאָפּ, אונזער טאָכטער, וואָס איז אונז טייערער פון אַלדאָס רייכטום און פון אַלע אָנטיקן אין דער וועלט!

ווי געשריען, גאָט דער האַר! ביז וואַנען וועלן מיר זיין ווי אַ קויל אין די הענט פון דער גרויזאַמער צייט, פון איין שטויס צום אַנדערן, פון איין צרה צו דער צווייטער, פונקט ווי נאָר דערויף זיינען מיר באַ־שאַפן געוואָרען?!

מיט אַ טאָג פריער — ערשט אויך דיין בריוו האָט מיך דערגרייכט ניט אויף פאַרגעניגן און נחת, נאָר אויף עגמת־נפש און האַרצווייטיק, ניט האָבנדיק קיין מעגלאַכקייט דיר צו העלפן אַצינד. נאָר זאָלן מיר ניט פאַרלירן אונזער בטחון און מיר וועלן האָפן אויף דער צוקונפט, וואָס וועט אונז ברענגען היילונג אין אירע פליגלען — וואָרים אונזער האָפענונג איז דער אָטעם פון אונזערע נאָזלעכער אייביק.

די רייד פון דיין ברודער, וואָס שרייבט מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ און מיט אַ נעדריקטן נעמיט,

שלום.]

[12] בעלאַיאַ צערקאָוו (אויף אידיש: „שוואַרצטומאה"). — [13] אַ מליצה פון שיר־המעלות, וואָס דאַ מיינט זי גאַרנישט.

7

פון נחום ראַבינאָוויטש צו זיין זון שלום־עליכם

[פונם אָריגינאַל]

[דאָס איז דער איינציקער בריוו פון שלום־עליכמס פאָטער (אַחוץ זיין צוואה), וואָס סאיז געפונען געוואָרן אין שלום־עליכמס אַרכיוו, צווישן זיינע משפחה־פּאַפּירן. דעם בריוו האָט נחום ראַבינאָוויטש געשריבן אַן ערך אַכט חדשים פאַר זיין טויט. ווי עס איז צו זען פונם אינהאַלט, האָט דער רעדאַקטאָר פונם „פאָלקסבלאַט" געבעטן פון שלום־עליכמען זיין בילד אויף אָפּצודרוקן אין דער צייטונג, נאָר שלום־עליכם האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, און דערפאַר רעדט אים דער פאָטער אויס. עס איז אויך דייטלאַך צו זען פונם בריוו, אַז דאָס האָנאָראַר פאַר זיין מיטאַרבעטונג אין דעם „פאָלקסבלאַט" האָט שלום־עליכם געהייסן שיקן צו זיין פאָטער.]

יום ב׳ 8טין יאָהן [יוני] 87.

בני יקירי ואהובי!

מצב בריאתי, הודות לעליון זה כעשרה ימים אשר מכאובי הלכו למו ועמודי גויתי מתחזקים לאט לאט — מדוע זה בני השיבות את פני הרעדאקטער ריקם ע"ד שאלתו ממך? הלא אם קטן אתה בעיניך, ראש סופרי זמננו אתה ומהראוי ונכון שיכירו וידעו כל קוראי עליו מי הוא המאיר להם במחשכי דרכם ומי הוא המפיח רוח חיים בשפת זשארגאָני — ומי יתן ותחז גם עיני פסל תמונתך חקוק עלי העלים הנפוצים על פני תבל או אָז...... — הספר מאת „א"ש פרידבארג" לא השגתי עוד — ה מ א ה השני׳ מאת הרעדאקציע ג"כ השגתי היום. ואני תפלה לאל חי שיצליחך בכל מעשי ידיך ותעלה מעלה מעלה כאות נפש אָביך אוהבך

מ נ ח ם נ ח ו ם ר אַ ב י נ אָ ו ו י ץ.

פ"ש לרעיתך העדינה ולבנותיך היקרות.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין טייערער און געליבטער זון! דער צושטאַנד פון מיין געזונט, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, שוין אַ צען טעג אַז מיינע ווייטיקן זיינען אַוועק און די זיילן פון מיין גוף פאַרשטאַרקן זיך ביסלאַכווייז. פאַר וואָס עפּעס, מיין זון, האָסטו אָפּגעזאָגט דעם רעדאַקטאָר וועגן דעם, וואָס ער האָט פון דיר פאַרלאַנגט? אויב דו ביזט קליין ביי דיר אין די אויגן, ביזט דו דאָך דער עלצטער פון די שרייבער פון אונזער צייט, און עס וואָלט זיין פּאַסיק און ריכטיק, אַז אַלע לעזער פון זיינע בלעטער זאָלן דערקענען און וויסן, ווער איז דאָס דער וואָס לייכט זיי אין די פינסטערנישן פון זייער וועג, און ווער איז דאָס דער וואָס בלאָזט־אַריין אַ גייסט פון לעבן אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך. און הלוואי וואָלטן אויך מיינע אויגן זען דאָס געשטאַלט פון דיין בילד אויסגעקריצט אויף די בלעטער, וואָס ווערן פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, ערשט רעמאָלט...... — דאָס בוך פון „א"ש פרידבאַרג" האָב איך נאָך ניט געקריגן. דעם צווייטן ה ו נ ד ע ר ט ע ר פון דער רעדאַקציע האָב איך אויך היינט געקריגן, און איך בעט דעם לעבעדיקן גאָט, ער זאָל דיך באַגליקן אין אַלץ וואָס דיינע הענט טוען און דו זאָלסט שטייגן העכער און העכער, ווי עס איז דער וואונטש פון דער זעל פון דיין פאָטער, וואָס האָט דיך ליב,

מ נ ח ם נ ח ו ם ר אַ ב י נ אָ ו ו י ץ.

אַ גרוס דיין איידעלער פרוי און דיינע טייערע טעכטער.]

8

די צוואה פון נחום ראַבינאָוויטש צו זיין זון שלום־עליכם

[פונם אָריגינאַל]

[די צוואה האָט נחום ראַבינאָוויטש געשריבן אין פּערעיאַסלאַוו, זעקס וואָכן פאַר זיין טויט; געשטאָרבן איז ער אָבער אין קיעוו, וואוהין ער איז געקומען זיך אָפּערירן אויף אַ קרעבס אין שפּייזרער. — שלום־עליכם האָט זיין פאָטערס צוואה געהיט אין אַ באַזונדערן קאָנווערט מיט אַ שוואַרצער טרויער־ראַם, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אויף רוסיש: „דאָס לעצטע וואָרט פון מיין פאָטער מיט רוסישער און זשאַרגאָנישער איבערזעצונגען, קיעוו, 7־טן פעווראַל, יאָר 1888". די רוסישע איבערזעצונג, געמאַכט פון שלום־עליכם כמעט וואָרט אין וואָרט פונם העברייאישן אָריגינאַל, איז אינם קאָנווערט געפונען געוואָרן; די אידישע איבערזעצונג שלום־עליכמס איז ביז אַהער ניט געלונגען אָפּצוזוכן, אַזוי אַז דאָ ווערט געגעבן אַן אַנדער איבערזעצונג. — פאַרגלייכנדיק די צוואה פונם פאָטער צו דער שפּעטערדיקער באַקאַנטער צוואה פונם זון, קאָן מען אין ביידע באַמערקן געוויסע אַנאַלאָגישע שטריכן, איבערהויפּט דאָרט, וואו אין ביידע צוואות ווערט גערעדט וועגן דער באַציאונג פון די נאָכפאָלגער צו אידישקייט.]

פה מונח בתוך קאָנווערט מכתב לבני שלום יחי׳. תיכף אחר שבעה לשלוח את המכתב הזה לידו — אך לא יהין אחר לראות את גוף המכתב.

היום יום ה׳ י"ד ימים לחודש טיבת שנת תרמ"ח לפ"ק.

בני יקירי המשכיל כו׳ הר"ר שלום יחי׳.

היום מלאו לי חמשים ושמונה שנים — ימי הגיעו לימי אָבי ז"ל נ"ע — הנני נאסף אל עמי אבל יום מותי לא ידעתי — לך בני יקירי אערוך מילין מעט טרם הפרדי ממך לנצח — על כי אותך חנן אלקים בהשכל ודעת שכם אחד יותר על כל אחיך.

מה אגיד לך בני יקירי? מה הדבר אשר אדע אנוכי ואתה לא ידעת? לכן בני יקירי לך בכוחך זה בהדרך אשר סלות לך אך היהדות הצרופה והמזוקקה

כאשר תבין א ת ה תהי' חקוקה על לוח לבך והיא תנחה אותך במעגלי יושר כל ימי צבאיך עלי חלד.

יעקב אָבינו ע"ה טרם מותו צ ו ה את בנו הצעיר למי שהיכולת בידו — אבל אָנוכי חלילה לי מלצות עליך כי היוכל איש לצות על דבר שאינו שלו? רק בתחנונים אתחנן לפניך בני יקירי —

הנה משפחה עני' נשארת כקצף על פני המים ומי לה פה ומה לה פה — לכן בני יקירי אם יש את נפשך תיקר נא זכר אָביך בעיניך לבל תסיר עין השגחתך מעל המשפחה האומללה ותושיט להם יד עזרה ברב או במעט — ידעתי בני גם ידעתי עותתה נגדיכם בשכבר הימים — אך על כל פשעיה תכסה אהבתך לזכר אָביך — את כל זאת לא מצוה אנוכי אותך חלילה אך אם תרצה תעשה זאת מרצונך הטוב — ובזכות זה תזכה לגדל בנותיך בטוב ובנעימים וברוב עושר ואושר.

אלה דברי אביך האחרונים.

מנחם נחום במו"ה זאב וואָלף ראַבינאָוויץ.

[די א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — דאָ ליגט אין אַ קאָנווערט אַ בריוו צו מיין זון שלום זאָל לעבן. באַלד נאָך שבעה צו שיקן דעם דאָזיקן בריוו צו אים אין האַנט אַריין — נאָר עס זאָל זיך ניט דערוועגן קיין אַנדערער צו זען דעם אָריגינאַל פון דעם בריוו.

היינט דאָנערשטאָג, פערצן טעג אין חודש טבת, שנת תרמ"ח לפ"ק.

מיין טייערער זון, דער משכיל א. אַ. וו., הר"ר שלום זאָל לעבן.

היינט איז מיר פול געוואָרן אַכט און פופציק יאָר — מיינע טעג האָבן דערגרייכט צו די טעג פון מיין פאָטער זכרונו לברכה, זיין נשמה איז אין גן-עדן. איך קלייב מיך אַריין צו מיין פאָלק, אָבער דעם טאָג פון מיין טויט ווייס איך ניט. דיר, מיין טייערער זון, בריט איך אָן עטלאַכע ווערטער, איידער איך שייד מיך אָפּ פון דיר אויף אייביק, ווייל דיך האָט גאָט געלייטזעליקט מיט פאַרשטאַנדיקייט און מיט וויסנשאַפט איין מאָס מער איבער אַלע דיינע ברידער.

וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון? וואָס איז פאַראַן אַזעלכעס, וואָס איך ווייס און דו ווייסט ניט? דעריבער, טייערער זון מיינער, גיי מיט דער דאָזיקער קראַפט דיינער אויף דעם וועג, וואָס דו האָסט פאַר זיך אויסגעטראָטן, נאָר די לויטערע און געלייטערטע אידישקייט, אַזוי ווי ד ו פאַרשטייסט, זאָל זיין אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון דיין האַרצן און זי זאָל דיך פירן אין די שטעגן פון רעכטפאַרטיקייט אַלע טעג פון דיין באַשערטער צייט אויף דער וועלט.

יעקב אָבינו עליו השלום האָט פאַר זיין טויט ב אַ פ ו י ל ן זיין אינגערן זון, דעם וואָס האָט געהאַט די מעגלאַכקייט אין זיין האַנט. אָבער איך וועל דיר חלילה ניט באַפעלן, וואָרים ווי קאָן דען אַ מענטש באַפעלן אויף אַ זאַך וואָס איז ניט זיינע? נאָר מיט תחנונים בעט איך מיך פאַר דיר, מיין טייערער זון —

אַט בלייבט-איבער אַן אָרימע משפחה, ווי שוים אויפן וואַסער, ווער ווען האָט זי דאָ און וואָס האָט זי דאָ? דעריבער, מיין טייערער זון, אויב דיין זעל איז גענייגט דערצו, זאָל טייער זיין ביי דיר דער אָנדיינק פון דיין פאָטער, אַז דו זאָלסט ניט אָפּווענדן דאָס אויג פון דיין השגחה פון דער אומגליקלאַכער משפּחה און זאָלסט זיי אויסשטרעקן אַ האַנט פון הילף מיט פיל אָדער מיט ווייניק. איך ווייס, מיין זון, איך ווייס גאַנץ גוט איר פאַרברעך[14] קעגן אייך פון אַמאָליקע טעג, נאָר אויף אַלע אירע זינד זאָל פאַרדעקן דיין ליבע צום אָנדיינק פון דיין פאָטער. אָט דאָס אַלץ באַפעל איך דיר ניט חלילה, נאָר אויב דו וועסט וועלן, וועסטו דאָס טון פון דיין גוטן ווילן, און דערפאַר וועסטו זוכה זיין צו דערציען דיינע טעכטער אין גוטס און אין פאַרגעניגן און מיט פיל רייכקייט און גליק.

דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון דיין פאָטער,

מנחם נחום במו"ה זאב וואָלף ראַבינאָוויץ.]

9

אַ נאָטיץ פון שלום-עליכם וועגן דעם טויט פון זיין פאָטער

[פונם אָריגינאַל]

[דער דאָזיקער נאָטיץ איז געשריבן פון שלום-עליכם אויף אַ בלעטל פון אַ רוסישן אָפּריוס-קאַלענדאַר פון זונטאָג, דעם 31-טן יאַנואַר, 1888. אויפן בלעטל גייט פון אויבן אַ קעפּל אויף רוסיש: „צום געדיינקען". — דאָס בלעטל איז געפונען געוואָרן אין אַ קליינעם קאָנווערטל, אויף וועלכן סאיז אָנגעשריבן מיט שלום-עליכמס האַנט: „יאָה"צ של אָבי ז"ל".]

ביום א' פ' תרומה א' דר"ח אדר תרח"ם (אַלמנה ויתומים) נפטר בשעה 4 — 3 לאור בקר **אָבי** נזר תפארתי ה"ה מוה"ר **מנחם-נחום** בר' זאב ראַבינאָוויטש ז"ל. ונקבר ביום א' הנ"ל בשעה 3 — 2 בצהרים, פה קיעוו; נשמתו הטהורה עלתה עד גבהי שחקים, בשרו ינוח בשלום בבית מועד לכל חי בקבר ישראל וזכרונו לא ימוש מלבי עד יומי האחרון, עת אשכוב ואָנוח על משכבי לנצח. דברי בנו הצעיר הכותב במר נפש ובשברון-לב

ש ל ו ם.

[14] אין דער רוסישער איבערזעצונג האָט שלום-עליכם אויסגעטייטשט: „דאָס פאַרברעך פ ו ן א י י ע ר ש ט י פ מ א מ ע".

[די אידישע איבערזעצונג. — זונטאָג פּרשה תרומה, דעם ערשטן טאָג פון ראש־חודש אדר, תרמ"ח[15], איז געשטאָרבן צווישן 3 און 4 פאַרטאָג מיין פאָטער, די קרוין פון מיין פּראַכט, מוה"ר מנחם־נחום בר' זאב ראַבינאָוויטש זכרונו לברכה, און איז באַערדיקט געוואָרן דעם אויבנדערמאַנטן זונטאָג צווישן 2 און 3 נאָכמיטאָג, דאָ אין קיעוו; זיין ריינע נשמה איז אַרויף ביז די הייכקייטן פון די הימלען, זיין לייב וועט רוען אין פרידן אויפן גוטן אָרט אין קבר ישראל און זיין אָנדיינק וועט ניט אָפּגעטאָן ווערן פון מיין האַרצן ביז מיין לעצטן טאָג, בעת איך וועל ליגן און רוען אויף מיין אייביקן געלעגער. — די רייד פון זיין יונגן זון, וואָס שרייבט מיט אַ באַטריבטער זעל און מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ.

שלום.]

10

פון שלום-עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו ווערט גערעדט וועגן אַ שידוך פאַר איינער פון שלום־עליכמס פּלימעניצעס פון דער פרויס צד. שלום־עליכם האָט אין יענער צייט, נאָך זיין שווערס טויט, געוואוינט אין קיעוו, געפירט געשעפטן אויף דער בערזע און איז געווען דער אָפּעקון פון זיין שווערס איניקלאַך, וואָס זייערע פאָטערס זיינען יונג געשטאָרבן.]

קיעוו, 6 סענטיאַבר 1889.

אָחי יקירי!

הנכבדות אשר הציעה לפני רעיתך שהיא גיסתי מרים בדבר ה' *** ישרו בעיני מאד, כי כבר שמעתי על האנשים האל, שנכבדים הם, ישרים ותמימי דרך, ובפרט אשר הדוקטור *** הוא — — — איש אמונים, אשר כל רואיו ומכיריו יאהבוהו, חן וחסד יעטרוהו, ובוודאי חזקה לאנשים כמוהם, שבנם הצעיר גם כן איש טוב ויקר הולך. — אך יש שטן בדרך הזה, והוא עומד באמצע הדרך וחרבו שלופה בידו; — — — בת מבנות ישראל בזמן הזה לא תסכים בשום אופן לבא לידי התקשרות ע"י שדכן או אפילו ע"י החתן בעצמו באופן, אשר יבא לראות ולהראות, חלילה וחלילה! לפיכך, אם ישר הדבר בעיני ה' ***, אזי הוא מחויב להיות, מלבד חתן שעיניו יפות, אך גם „דיפלומאט" גדול, היינו: שביאתו הלום תהיה מסותרת (אינקאָגניטאָ בלע"ז); וכפי שיש לו בפה אָח נאור, הוא הדוקטור ***, והדוקטור הזה הוא ידידי זה כחצי שנה, ולכן מהנכל, שיבא הצעיר לאָחיו הבכור, ושניהם יוכלו לבא לביתי לדרוש קרבתי, כמנהג העולם, ובביתי ימצא כל איש משכיל תועלת, כי ביתי הוא בית ועד לחכמים ומשכילים בקיעוו, כידוע לכל באי שער עירי. עצתי, אָחי, שתמסור כל הדברים האלה לה' ***, והוא מצדו וגם בנו מצדו יכתבו לבנו הבכור הוא הדוקטור, ואח"כ אם ימצאו שישר הדרך לפניהם, יבא המדובר, שהוא החתן, לקיעוו לבקר את אָחיו, ובהיותו בפה ימצא לו דרך לבקרני בביתי, ואני אַציגנו לפני רעיתי ובת גיסי, ואם ימצא חן בעיניהן, ואם מה' יצא הדבר, יהי העלם הזה מאושר בארץ, כי בלי שפתי חנף אוכל להגיד על בת גיסי: אשרי שככה לו; ודע, אָחי, שמציעים לפני עבורה שדוכים עם מאת אלף רו"כ; אך עיני כלנו לא אל הכסף נשואות, כ"א אל גוף המדובר, וכפי שנראה לי, וכפי שאָנו יודעים את מזג לבו של הדוקטור *** בטוחים אנחנו שפּני אָחיו הצעיר לא יחורו בכל האופנים. — העיקר לא שכחתי: כל הדברים האלה מחויבים להיות כמוסים וחתומים וצרורים עד עת קץ, ורק אנחנו ואתם, כלומר: אני, חמותי ורעיתי, אתה, רעיתך, ה' *** ורעיתו והאחים *** — וזולתנו בל יתערב זר; והעיקר של כל העיקרים — שהכלה המדוברת בל תדע ואל תבין אף שמץ דבר, כי אָז יבא ח"ו השטן להתיצב לפני ד' לבלע הדבר מהחל ועד כלה והיו הדברים כלא היו... וכדי בזיון וקצף. — קרא את דברי אלה בשים לב, ועשה מעשך וד' יצליח, כי קרוב הדבר ללבבי יותר מאשר דמית אתה, כפי שעיני רואות מדברי אגרתך. — ופרוס בשלום רעיתך וכב"ב ובא לציון גואל ונהיה ברוכים לשנת החדשה

כברכת אָחיך דו"ש

שלום.

פּ. ס. בכל אופן אבקשך לכתוב אלי עברית ולא יהודית.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער ברודער! דער שידוך, וואָס עס האָט מיר פאָרגעלייגט דיין פרוי, מיין שוועגערן מרים, וועגן ה. ***, איז מיר זייער געפעלן, וואָרים איך האָב שוין לאַנג געהערט וועגן די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי זיינען געהויבענע, רעכטפאַרטיקע און פון ערלאַכן וועג, ובפרט אַז דער דאָקטאָר *** איז אַ באַגלויבטער מענטש, וואָס אַלע וואָס זעען און קענען אים האָבן אים ליב, חן און לייטזעליקייט באַקרוינען אים, און סאיז געוויס זיכער אויף אַזעלכע מענטשן, אַז זייער אינגערער זון איז אויך אַ גוטער און אַן ערלאַכער און אַ טייערער מענטש. — נאָר סאיז פאַראַן אַ שטן אויף דעם דאָזיקן וועג, און ער שטייט אינמיטן וועג און זיין שווערד איז אויסגעצויגן אין זיין האַנט; — — — אַ טאָכטער פון די אידישע טעכטער היינטיקע

[15] אינם העברייאישן אָריגינאַל איז דאָס יאָר אויסגעשטעלט אַזוי: תרחם, וואָס דער טייטש דערפון איז: „דו זאָלסט רחמנות האָבן", און אין קלאַמערן איז צוגעשריבן: „אויף דער אַלמנה און די יתומים".

צ י י ט ן װעט ניט איינשטימען בשום אופן צו פאַרבינדן זיך דורך אַ שדכן אָדער אפילו דורך דעם חתן אַליין, אין פאַל אַז ער זאָל קומען זען און געזען צו װערן, זאָל גאָט היטן! דעריבער, אויב די זאַך געפעלט דעם ה. ***, באַדאַרף ער זיין, אַחוץ אַ חתן מיט שיינע אויגן, אויך אַ גרויסער דיפּלאָמאַט, דהיינו: אַז זיין קומען אַהער זאָל זיין פאַרשטעלט (א י נ ק אָ ג נ י ט אָ בלע"ז); און אַזוי ווי ער האָט דאָ אַ געבילדעטן ברודער, דאָס איז דער דאָקטאָר ***, און דער דאָזיקער דאָקטאָר איז מיין פריינט שוין ביי אַ האַלב יאָר, דעריבער װעט שוין לייכט זיין, אַז דער יונגערמאַן זאָל קומען צו זיין עלטערן ברודער, און ביידע װעלן קאָנען אַריינקומען צו מיר אין הויז צו זוכן מיין באַקאַנטשאַפט, ווי דער מנהג איז אין דער וועלט, און ביי מיר אין הויז װעט יעדער געבילדעטער מענטש געפינען אַ נוצן, װאָרים מיין הויז איז אַ זאַמלהויז פאַר חכמים און משכילים אין קיעוו, ווי עס איז באַוואוסט צו אַלע װאָס קומען אין דעם טויער פון מיין שטאָט. — מיין עצה איז, ברודער, אַז דו זאָלסט אָט די אַלע זאַכן איבערגעבן דעם ה. ***, און ער פון זיין זייט און אויך זיין זון פון זיין זייט זאָלן שרייבן צום עלטערן זון דעם דאָקטאָר, און נאָכדעם, אויב זיי װעלן געפינען, אַז דער װעג איז גלייך פאַר זיי, זאָל קומען דער באַשפּראָכענער, דאָס הייסט דער חתן, קיין קיעוו צו באַזוכן זיין ברודער, און אַז ער װעט זיין דאָ, װעט ער פאַר זיך געפינען אַ װעג צו באַזוכן מיך אין מיין הויז, און איך װעל אים פאַרשטעלן פאַר מיין פרוי און פאַר דער טאָכטער פון מיין שוואָגער, און אויב ער װעט זיי געפעלן, און אויב די זאַך איז באַשערט פון גאָט, װעט דער דאָזיקער יונגערמאַן זיין דער גליקלאַכער אויף דער ערד, װאָרים אָן חניפה קאָן איך זאָגן אויף דער טאָכטער פון מיין שוואָגער: אַ ז װ א ו י ל א י ז ד ע ם, װ אָ ס װ ע ט אַ ז אַ ה אָ ב ן. און ווייס, ברודער, אַז מע לייגט מיר פאַר איר שדוכים מיט ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט ר ו ב ל; נאָר די אויגן פון אונז אַלעמען זיינען ניט צו געלט געווענדט, נאָר צום קערן אַליין, און אַזוי ווי עס זעט מיר אויס, און אַזוי ווי מיר ווייסן דעם כאַראַקטער פונם דאָקטאָר ***, זיינען מיר זיכער, אַז דאָס געזיכט פון זיין אינגערן ברודער װעט ניט פאַרבלייכט װערן אין אַלע הינזיכטן. — דעם עיקר האָב איך נ י ט פאַרגעסן: אָט די אַלע זאַכן מוזן זיין באַהאַלטן און פאַרזיגלט און פאַרבונדן ביז צום ענד, און נאָר מיר און איר, דאָס הייסט: איך, מיין שוויגער און מיין פרוי, דו, דיין פרוי און ה. *** און זיין פרוי און די ברידער *** — און אויסער אונז טאָר זיך ניט אַריינמישן קיין פרעמדער. און דער עיקר פון אַלע עיקרים — אַז די באַשפּראָכענע כלה זאָל ניט ווייסן און זאָל ניט פאַרשטיין קיין ברעקל זאַך, אַניט װעט, חס ושלום, קומען דער שטן צו אַוועקשטעלן זיך פאַר גאָט, צו קאַליע מאַכן דעם ענין פון אָנהייב ביז סוף, און די גאַנצע זאַך װעט װערן צו נישט... און עס װעט זיין געגנוג בזיון און צאָרן. — לייען די דאָזיקע װערטער מיינע מיט קאָפּ, און טו דיין טואַכץ, און גאָט װעט באַגליקן, װאָרים ד י ז אַ ך א י ז מ י ר נ אָ ע נ ט צ ו ם ה אַ ר צ ן מער ווי דו האָסט זיך פאָרגעשטעלט, לויט ווי איך זע־אַרוים פון דיין בריוו. — און גרים דיין פרוי און דאָס גאַנצע הויזגעזינד דיינע. און זאָל קומען קיין ציון דער אויסלייזער, און מיר זאָלן זיין געבענטשט צום נייעם יאָר, ווי עס ווינטשט דיין ברודער, דער װאָס באַגערט דיין פרידן,

ש ל ו ם.

פּ. ס. אויף יעדן פאַל בעט איך דיך צו שרייבן מיר ה ע ב ר י י א י ש און ניט אידיש.]

11

פון שלום־עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אָריגינאַל]

17 אויגוסט 1890, באָיארקאַ [16], ג' א ל ו ל תר"ן.

שלום לאָחי היקר וכ' הר' אלי' נ"י ושלום לכב"ב, וליתר אחי שלום לרחוק ולקרוב!

כמדומה לי שמיום שנפטר אָבינו ז"ל לא הייתם לא אתה ולא אחינו האחרים „על קבר אָבות", ומנהג קדומים זה שכחתם לא זכרתם — וכן לא יעשה. אָמנם רבות טרדות יהודי בזמן הזה וקשה פרנסתם של ישראל כקריעת ים סוף, בכ"ז צריך כל אָדם באשר הוא אָדם לדעת כי את אשר לחיים לחיים ואשר למות למות והחי יזכור את המת... רצוני על כן, אחי, שתבאו בשבוע הבע"ל לקיוב מקום שם אָבינו ז"ל ינוח בשלום על משכבו להשתטח על קברו ולתת כבוד ויקר לשמו וזכרו ולהתפלל בעד נשמתו בגן־עדן. אתה אָחי תשים לדרך פעמיך, אי"ה ביום ג' כשתקבל אגרתי זאת, דרך פּערעיאַסלוב העיר, ומשם תעבור בלוית אָחינו צבי ואָחינו הצעיר שלמה (כי רוצה אני לראות את פניו של זה) לאירזישטשוב ומאירזישטשוב ביחד עם אחותנו ברכה תבאו באנית הקטור לקיוב ביום ה' 23 אוגוסט י"ט אלול בבקר ותלכו מהאניה ישר לבית העלמין וגם אָנכי אָבא שמה בשעה העשירית בבקר (מתגורר אני בבאָיארקאָ ובקיוב אל תבקשוני כי לא תמצאוני בביתי), וכיון שיהיה יום קריאת התורה, לכן אולי יעלה בידנו להתפלל שם תפלת שחרית בצבור, כי עשו גדר מאד נעלה וגם בית תפלה מהודר מאד בבית הקברות בקיוב על חשבון הגבירים בראָדסקי, ובשעה השתי[ם] עשרה או אחריה נפרדנו איש מעל אָחיו, אנכי אלך לבאָיארקע ואתם תפנו לדרככם בשלום, והוצאות הדרך

[16] אַ זומערפּלאַץ נעבן קיעוו, וואו ש. ע. פלעגט פאַרברייננען מיט זיין פאַמיליע די זומערדיקע חדשים.

של כלכם לוקח אני עלי ועל צוארי. ראה, אָחי, קרמתיך בדברי אלה ולא כתבתי לאחר מבלעדיך, ועליך אני גוזר שתמהר לעשות דרכך, ואל תדחוני בנחיצת ה„יריד" וה„פדיון". כי גם אני כמוך מסובל בטרדות והרפתקאות רבות, גם לי „ירידים" ו„פדיונות" ועת לכל חפץ תחת השמש, עת רקוד ועת ספוד, עת לרקוד ולכרכר בעולם העשיה, בעולם שכלו הבל ורעות רוח ואושר מדומה, ועת לספוד למת ולבכותו. גם טליתים ותפילין אל נא תשכחו להביא אתכם, ואני אָבא בלוית איזה ממרעי ומיודעי, והיה זה שלום מאת אחיכם דו"ש כלכם היום

שלום.

פ. ס. אל תענני לא ע"י מכתב ולא ע"י טלגרמע, רק מלא את דברי ועשה כאשר בקשתיך הכל במועדו, ואי"ה ביום ה' י"ט אלול בשעה העשירית בבקר, לכשאָבא לבית הקברות אמצאכם שם את כלכם, היינו: אותך, ואת אחינו צבי ושלמה ואת אחותנו ברכה (ארמה שאחותנו סאָסי תשאר בביתה, כי עלמות לא תלכנה על קבר אָבות, אך אולי משגה הוא ממני?). גם דודנו פנחס אם יש את נפשו ילוה לכם גם הוא, והוצאותיו עלי.

אָחיך הנ"ל.

פ. ס. ס. אחרי חתמתי מכתבי זה נמלכתי ממחשבתי ונתון אל לבי, כי טוב היה לוא הודעתני ע"י טלגרמע לקיוב בו ביום שתקבל אגרתי זאת, ואדע אל נכון שבוודאי תבאו ואהיה מוכן ומזומן לבא גם אני קיובה ליום המוגבל. אך התלגרמע הריץ אלי לקיוב כזה:

Кіевъ. Нижне Соломенка. Домъ Тропинова. Карасику для Рабиновича.

[די אידישע איבערזעצונג. — פרידן צו מיין טייערן ברודער א. אַ. וו. הר' אליהו נ"י, און פרידן צו זיין גאַנצן הויזגעזינד און צו די איבע־ריקע ברידער מיינע, פרידן צום ווייטן און צום נאָענטן [17]!

מיר דאַכט, אַז זינט אונזער פאָטער זכרונו לברכה איז געשטאָרבן, זיינט איר ניט געווען, ניט דו און ניט אונזערע אַנדערע ברידער, „אויף קבר אָבות", און דעם דאָזיקן פאַרצייטיקן מנהג האָט איר פאַרגעסן, ניט געדיינקט — און אַזוי טוט מען ניט. אמת, אַ איד איז זייער פאַרטראָגן היינטיקע צייטן און די פרנסה פון אידן קומט־אָן שווער ווי קריעת ים־סוף, פון דעסטוועגן באַ־דאַרף יעדער מענטש, ווייל ער איז אַ מענטש, צו וויסן, אַז וואָס צום לעבן איז צום לעבן און וואָס צום טויט איז צום טויט, און דער לעבעדיקער באַדאַרף דערמאַנען דעם געשטאָרבענעם... ווייל איך דעריבער, ברידער, אַז איר זאָלט קומען צו פאָרן קומענדיקע וואָך קיין קיעוו, דאָרט וואו אונזער פאָטער זכרונו לברכה רוט אין פרידן אויף זיין געלעגער, צו אויסשפרייטן זיך אויף זיין קבר און אָפּגעבן כבוד און ערע זיין נאָמען און אָנדיינק און בעטן פאַר זיין נשמה אין גן־עדן. דו, ברודער, זאָלסט זיך לאָזן אין וועג אריין, אם ירצה השם, דינסטאָג, ווי נאָר דו וועסט באַקומען אָט דעם בריוו מיינעם, דורך דער שטאָט פערעיאַסלאַוו, און פון דאָרטן וועסטו פאָרן אין דער באַגלייטונג פון אונזער ברודער הערשל און פון אונזער אינגערן ברודער שלמה (וואָרים איך וויל אָט דעם זען) קיין רזשישטשעוו, און פון רזשישטשעוו, צוזאַמען מיט אונזער שוועסטער ברכה, וועט איר קומען מיטן דאַמפּשיף קיין קיעוו דאָנערשטאָג, דעם 23־טן אויגוסט, י"ט אלול אינדערפרי, און וועט גיין פון שיף גלייך אויפן בית־עולם, און אויך איך וועל קומען אַהין צען אַזייגער אינדערפרי (איך וואוין אין באָיאַרקע, און אין קיעוו זאָלט איר מיך ניט זוכן, וואָרים איר וועט מיך ניט געפינען אין מיין הויז). און אַזוי ווי עס וועט זיין אַ טאָג פון קריאת־התורה, דעריבער וועט אונז אפשר געלינגען צו דאַוונען דאָרט שחרית בצבור, וואָרים מע האָט געמאַכט זייער אַ שיינעם צאַם, אויך אַ שול זייער אַ פיינע אויפן קיעווער בית־עולם, אויפן חשבון פון די גבירים בראָדסקי. און צוועלף אַזייגער, אָדער שפּעטער אַ ביסל, וועלן מיר זיך צעשיידן איינער פונם אַנדערן: איך וועל גיין קיין באָיאַרקע, און איר וועט פאַרקערן אויף אייער וועג בשלום. און די הוצאות הדרך פון אייך אַלעמען נעם איך אויף זיך און אויף מיין האַלז. זע זשע, ברו־דער, איך האָב דיך אויפגעפּעדערט מיט מיינע דאָזיקע ווערטער און האָב ניט געשריבן צו קיין אַנדערן, אויסער צו דיר, און אויף דיר בין איך גוזר, דו זאָלסט וואָס גיכער אַרויספאָרן, און איר זאָלט מיך ניט אָוועקמאַכן מיט דער נייטיקייט פון אַ „יאַריד" און פון „פּדיון". וואָרים איך בין אויך באַלאָדן, אַזוי ווי דו, מיט אַ סך זאָרגענישן און אויסשטייענישן, איך האָב אויך „יאַרידים" און „פּדיונות", און סאיז דאָ אַ צייט צו יעדן וואונטש אונטער דער זון: אַ צייט צו טאַנצן און אַ צייט צו קלאָגן — אַ צייט צו אַרומטאַנצן אויף דער פּראַקטישער וועלט, אַ וועלט וואָס איז אינגאַנצן נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש און אויסגעדראַכט גליק, און אַ צייט אויף צו באַקלאָגן דעם געשטאָרבענעם און צו באַוויינען אים. אויך טליתים און תפילין פאַר־געסט ניט צו ברענגען מיט זיך, און איך וועל קומען אין דער באַגלייטונג פון עטלאַכע פריינט און באַקאַנטע מיינע. און זאָל דאָס זיין אַ גרוס פון אייער ברודער, וואָס באַגערט אייער אַלעמענס פרידן היינטיקן טאָג.

שלום.

פּ. ס. זאָלסט מיר ניט ענטפערן ניט דורך אַ בריוו, ניט דורך אַ טעלעגראַמע, נאָר דערפיל מיינע רייד און

[17] די דאָזיקע מליצה האָט דאָ אַ זין: די כוונה איז „לייב־לאַכע" און „ניט־לייבלאַכע" ברידער.

טו ווי איך האב דיך געבעטן אלץ אין צייט, און, אם ירצה השם, דאנערשטאג, י"ט אלול, צען אזייגער אינ־דערפרי, אז איך וועל קומען אויפן בית־עולם, זאל איך אייך טרעפן דארט אלעמען, היינו: דיך און אונזערע ברידער הערשל און שלמה, און אונזער שוועסטער ברכה (איך מיין, אז אונזער שוועסטער סאסי דארף בלייבן אין דער היים, ווייל מיידלאך גייען ניט אויף קבר־אבות, נאר אפשר איז דאס א טעות פון מיר?). אויך אונזער פעטער פינחס, אויב ער האט חשק, זאל אייך באגלייטן, אויף מיינע הוצאות.

ד י י ן א ו י ב נ ד ע ר מ א נ ט ע ר ב ר ו ד ע ר.

פ. ס. ס. נאכדעם ווי איך האב געשלאסן אט דעם בריוו מיינעם, האב איך מיך מיישב געווען און גענומען צום באטראכט, אז עס וועט גלייכער זיין, ווען דו זאלסט מיר געבן צו וויסן דורך א טעלעגראמע קיין קיעוו דעמזעלבן טאג, וואס דו וועסט באקומען אט דעם בריוו מיינעם, וועל איך וויסן אויף זיכער, אז איר וועט געווים קומען, און וועל זיין גרייט און פארטיק איך זאל אויך קומען קיין קיעוו צו דעם באשטימטן טאג. נאר די טעלעגראמע זאלסט דו מיר שיקן קיין קיעוו אזוי: — — —]

12

פון שלום-עליכם צו רב שמואל מאהליווער

[פון א קאפיע]

[מיט רב שמואל מאהליווער האט זיך שלום-עליכם באקענט אין יאר 1890, אויפן ערשטן צוזאמענפאר פונם אדעסער פאלעסטינע־קאמיטעט, אויף וועלכן ש. ע. איז געווען איינער פון די דעלעגאטן. גלייך נאכן אדעסער צוזאמענפאר האט רב שמואל מאהלי־ווער פארבראכט א געוויסע צייט אין קיעוו און זיך אויפגעהאלטן אין שלום-עליכמס הויז. — וועגן זיין ערשטער באקאנטשאפט מיטן בארימטן רב און חובב־ציון פלעגט שלום-עליכם דערציילן אזא מעשה: איינמאל שבת, אין דער צייט פון דעם אדעסער צוזאמענפאר, פאלט־איין אים און זיין פריינט ו ו א ס י ל י ב ע ר מ א ן (דער יונג־פארשטאר־בענער אידיש־רוסישער פובליציסט) צו אפשטאטן א וויזיט רב שמואל מאהליווער אין זיין האטעל. ניט לאנג געטראכט, זעצן זיי זיך ביידע אויף א דראשקע און פארן. ערשט אז זיי זיינען צוגעפארן צום האטעל און דערזען, ווי דער אלטער רב זיצט אויפן באלקאן אין זיין שבתדיקן אנטון און קוקט־אריין אין א ספר, — האבן זיי זיך געכאפט, אז סאיז שבת. נאר פארפאלן — פארקערעווען צוריק איז געווען שפעט, ווייל רב שמואל האט זיי שוין באמערקט. ביידע יונגע שרייבער זיינען ארויף צום רב און זיך געשטעלט פאר אים ווי באגראבענע, ניט געוואוסט מיט וואס אנצוהייבן. דער אלטער רב האט זיי א ווײלע באטראכט מיט א מילדן שמייכל און רופט זיך אן צו זיי: „נו, מילא. איך זע, אז איר זיינט נעבאך טויטע מענטשן, איר שטארבט־אוועק פון בושה — נו, ווייסט איר דאך מסתמא, אז „פקוח נפש דוחה שבת"... מיט דער דאזיקער קלוגער מילד־קייט האט רב שמואל מאהליווער אינגאנצן באצווי־בערט שלום-עליכמען. — דער דאזיקער בריוו האט א געוויסע שייכות מיט שלום-עליכמס משפחה־דאקו־מענטן, ווייל דא רעדט זיך וועגן זיינעם א פלי־מעניק, א זון פון זיין ברודער אליהו. דער בריוו איז כאראקטעריסטיש מיט זיין טיפער „מליצה", מיט וועלכער ש. ע. האט געהאט די כוונה זיך צופאסן צום געשמאק פון דעם אדרעסאט.]

ב"ה י"ט אדר א׳, תרנ"ז. קיוב.

כי מציון יבורך אדוני הרב הגאון, הארז אשר בלבנון, נזר תפארתנו, יחיד בדורנו, ה"ה רבינו שמואל מאהליבר — אב"ד בביאליסטאק.

כנוגה הקשת בתוך הענן חלפה־עברה בכח זכרוני לפני עיני תמונת אדוני הרב בשכבר הימים תחת צל קורתי.

והימים ההם היו טובים מאלה!...

מים רבים שטפו, מים רבים חלפו, שנים רבות נגוזו, ואנשים שהלכו אתנו שלובי־יד ושלובי־זרוע נגזרו ואינם. ואנחנו ת"ל כולנו חיים היום, על כן נקוה, כי עוד ימים באים ויבקע השחר גם עלינו ויופיע שמש אשרנו כבתחילה, ונסו יגון ואנחה.

ואני בשאלתי ובקשתי לפני אדוני הרב: הנה העלם הנצב לפני כבוד אדוני, בן־חיל בצבא, איש „גבור" מלחמה, הוא בן־אחי ושמו דובער ראבינאוויטש מפלך פאלטאווע. בהיות העלם הזה על כנו, היה המוציא והמביא בבית אביו, והיה הזן ומפרנס לכל, — ועכשיו הוא בדד וגלמוד, גר בארץ נכריה, אין לו אח ורע ואין גואל ומושיע, זולתי האל המושיע. לפיכך אתיתי לבקש את אדוני ולחננו, כשיבוא זה העלם בן־אחי לכבוד אדוני הרב בזמן מן הזמנים — יעלה־נא זכרוני לפני אדוני ויפן לדבריו וישע לבקשתו, ויעשה כל מה שביכלתו לעשות, אל יעזבנו ואל יטשנו, כ י א ל ה נ ע ר ה ז ה ה ת פ ל ל ת י! —

כ"ד הצעיר באלפי תלמידיו, המתאבקים בעפר רגליו,

ש. ר א ב י נ א ו ו י ט ש

המכונה

„ש ל ו ם - ע ל י כ ם".

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — פון ציון זאל געבענטשט ווערן מיין האר דער רב דער גאון, דער טענענבוים וואס אין לבנון, די קרוין פון אונזער פראכט, דער איינציקער אין אונזער דור, דאס איז רבינו שמואל מאהליווער, רב אין ביאליסטאק.

ווי די שיין פון רעגנבויגן אינמיטן א וואלקן, אזוי איז דורכגעגאנגען אין מיין זכרון פאר מיינע אויגן דאס געשטאלט פון מיין האר דעם רב פון אמאליקע טעג, אונטער דעם שאטן פון מיין באלקן [18].

[18] געמיינט דאס, וואס רב שמואל מאהליווער איז איינגעשטא־נען ביי אים אין הויז.

שלום־עליכם צווישן די דעלעגאטן אויפן ערשטן צוזאמענפאר פונם אדעסער פאלעסטינע־קאמיטעט (1890).

1. רב שמואל מאהליווער. 2. דר. ל. פינסקער. 3. אברהם גרינבערג. 4. אלטער פריץ. 5. מנשה מרגליות. 6. שמואל ברבש. 7. משה פישעראוויטש. 8. אחד העם. 9. יעקב לובארסקי.
10. יהושע אייזנשטאט. 11. מ. בן־עמי. 12. ירחמיאל שטארקמעט. 13. געצל טובבין. 14. וו. פיטקים. 15. ליב אמציסלאווסקי. 16. חיים עטינגער. 17. משה ברלין. 18. שלום־עליכם.
19. מרדכי פאדובה. 20. משה ליב ליליענבלום. 21. אלכסנדר צעדערבוים. 22. מ. פאלינקאווסקי. 23. דר. יעקב כהן־בערנשטיין. 24. אברהם אליהו לובארסקי. 25. דר. יוסף חזנאוויטש.
26. אייזיק בן־טובים. 27. דובעריש ירוחמזאן. 28. וואלף ווילענסקי. 29. ל. ווריסקין. 30. יהודה הלוי בערגער. 31. ר. שוכמאן. 32. נחום רוטמאן. 33. א. ז. לעווין־עפשטיין. 34. אלעזר קאפלאן. 35. נח בלאך. 36. ישעיה ברייטמאן. 37. ח. א. נאראדישטיאן. 38. משה קאמיאנסקי. 39. מרדכי בן הלל הכהן. 40. וו. בערמאן. 41. ח. א. מושקאט. 42. ש. מ. בערליאנד.
43. צבי ליב כצמאן. 44. אברהם הרכבי. 45. י. בן־יעקב. 46. ישראל יאסינאווסקי. 47. זאב טעמקין. 48. נח ליפשיץ. 49. חיים פאסטערנאק. 50. מיכל מיידאנסקי. 51. יהושע סירקין.
52. יעקב מזא"ה. 53. ח. טשעריקאווער. 54. א. פערל. 55. ג. באזעלינסקי. 56. ש. ב. טארטאקאווסקי.

און יענע טעג זיינען געווען בעסערע פון די היינטיקע !...

אַ סך וואַסערן זיינען אַוועקגעפלאָסן, אַ סך וואַסערן זיינען איבערגעלאָפן, אַ היבש ביסל יאָרן איז אַוועקגעפלויגן, און מענטשן, וואָס זיינען מיט אונז געגאַנגען האַנט ביי האַנט און אָרעם ביי אָרעם, זיינען פאַרשניטן געוואָרן און זיינען שוין מער נישטאָ. און מיר, גאָט צו דאַנקען, לעבן אַלע היינט צו טאָג, דעריבער וועלן מיר האָפן, אַז עס וועלן נאָך קומען טעג און עס וועט דורכברעכן דער מאָרגנשטערן אויך איבער אונז און עס וועט אַרויסשיינען די זון פון אונזער גליק, אַזוי ווי פריער, און עס וועלן אַנטלויפן טרויער און זיפץ.

און איך קום מיט מיין פאַרלאַנג און מיט מיין געבעט פאַר מיין האַר דעם רב: אָט דער יונגערמאַן, וואָס שטייט פאַרן כבוד פון מיין האַר, אַ זעלנער אין דער אַרמיי, אַ „גבור" פון שלאַכט, איז אַ זון פון מיינעם אַ ברודער און זיין נאָמען איז דובער ראַבינאָוויטש פון פּאָלטאַווער גובערניע. בעת דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געווען אויף זיין אָרט, איז ער געווען דער אַרויסברייננגער און אַריינברייננגער אין זיין פאָטערס הויז, דער שפּייזער פון אַלעמען, — און אַצינד איז ער איינזאַם און עלנט, אַ פרעמדער אין אַ פרעמדן לאַנד, נישטאָ ביי אים קיין ברודער און קיין געזעל, קיין נאָענטער פריינט און קיין העלפער, אויסער גאָט דעם העלפער. דעריבער בין איך געקומען בעטן מיין האַר און שטאַרקבעטן, אַז ווען דער דאָזיקער יונגערמאַן, דער זון פון מיין ברודער, וועט קומען פאַרן כבוד פון מיין האַר אין אַ צייט פון די צייטן — זאָל אויפניין מיין געדעכעניש פאַר מיין האַר, און זאָל ער זיך קערן צו זיינע רייד און זיך ווענדן צו זיין געבעט, און זאָל טון אַלץ וואָס אין זיין מעגלאַכקייט איז צו טון, ניט אַוועקלאָזן און ניט פאַרלאָזן אים. ו ו אָ ר י ם א ו י ף ד ע ם ד אָ ז י ק ן א י נ ג ל ה אָ ב א י ך ת פ י ל ה ג ע ט אָ ן ! —

אַזוי זיינען די רייד פון דעם איינגסטן פון זיינע טויזנטער תּלמידים, וואָס שטויבן זיך אין דעם שטויב פון זיינע פיס,

ש. ר אַ ב י נ אָ װ י ט ש
וואָס ווערט גערופן
„ש ל ו ם - ע ל י כ ם".]

13

פון שלום-עליכם צו זיין ברודער אליהו

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו געהערט צום פּעריאָד, בעת שלום-עליכם האָט זיך באַשעפטיקט אויף דער קיעווער בערזע מיט מעקלעריי און האָט דורכגעמאַכט שווערע יאָרן פון מאַטעריעלער נויט. נאָר איין מאָל האָט אים אָפּגעגליקט: ער האָט דורכגעפירט דעם פאַרקויף פון אַ גרויסן רוסישן גוט („אימעניע") און האָט פאַרדינט מיט אַ מאָל אַ היבשע סומע, וועלכע איז אָבער איינגעשלונגען געוואָרן פון זיינע פריערדיקע חובות.]

קיעוו, באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ, נומ. 5.
18 אויגוסט, 1898.

שלום לך אָחי !

וד' פקד אותי אחרי כי יסר יסרני ענויים קשים ויסורים גדולים אשר אין להעלותם על הכתב !... וההצלחה, אשר הסתירה את פניה ממני זה כמה שנים, החלה זה עתה להאיר אלי — כה יתן אלהים וכה יוסיף „ויחדש ימינו כקדם" — אָמן.

וביום פקד ופקדתי גם אותך, אָחי, והרי אני שולח לך בזה עשרים וחמשה כסף לימי החג הממשמשים ובאים; ואני תפילה לאלהי אָבינו שיברכך גם אותך לשנה הבאה עלינו לטובה, שלא תצטרך לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם, כחפץ אָחיך המאמין בד' ובוטח בהשגחתו העליונה — סלה,

ש ל ו ם ר אַ ב י נ אָ װ י ץ.

פ. ס. בימים האלה עשיתי שני עסקים הגונים והרוחתי עד עשרים וחמשה אלף, בגימטרי' כ"ה יתן ד' וכ"ה יוסיף לימים הבאים לקראתנו — אָמן ואָמן.

— — — — — — — — — — — — — — —

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — פרידן צו דיר, מיין ברודער! און גאָט האָט מיך דערמאַנט, נאָכדעם ווי ער האָט מיך געשטראָפט מיט שווערע לייד און גרויסע יסורים, וואָס מע קאָן זיי ניט באַשרייבן !... און די הצלחה, וואָס האָט פאַרבאָרגן איר געזיכט פון מיר שוין אַזוי פיל יאָרן, האָט אָקערשט ווידער אָנגעהויבן מיר צו לייכטן — אַזוי זאָל גאָט געבן אויף ווייטער און „זאָל באַנייען אונזערע טעג ווי אַמאָל" — אָמן.

און אין דעם טאָג, וואָס ער האָט מיך דערמאַנט, האָב איך אויך דיך דערמאַנט, ברודער מיינער, און איך שיק דיר דאָ פינף און צוואַנציק זילבער צום קומענדיקן יום־טוב; און איך בעט דעם גאָט פון אונזער פאָטער, ער זאָל אויך דיך בענטשן צום נייעם יאָר, וואָס קומט אונז אַקעגן צום גוטן, דו זאָלסט ניט דאַרפן אָנקומען ניט צו מענטשנס גאָב און ניט צו זייערער אַ הלוואה, ווי עס ווינטשט דיין ברודער, וואָס גלויבט אין גאָט און איז פאַרזיכערט אין זיין העכערער השגחה — אייביק,

ש ל ו ם ר אַ ב י נ אָ װ י ט ש.

פ. ס. די טעג האָב איך געמאַכט צוויי וויכטיקע געשעפטן און פאַרדינט ביז פינף און צוואַנציק טויזנט — — —.]

[ב אַ מ ע ר ק ו נ ג. — דערמיט פאַרענדיגט זיך דאָס אָפּגעהיטע בינטל בריוו פון שלום-עליכם צו זיין

ברודער אליהו. עס איז דאָ נאָך איין בריוו פון אַן אייגנ־פריוואַטן כאַראַקטער, וואו שלום־עליכם שרייבט זיין ברודער, אַז ער קאָן ניט קומען צו אים אויף זיין זונס חתונה, ווייל ער וויל זיך דאָרט ניט טרעפן מיט אַ פּערזאָן, וואָס איז אים אומסימפּאַטיש. דערביי גיט ער צו: „לפיכך אָמרתי להקדים אותך בדברי־אמת כאלה, בכדי להוציא טינא מלבך לבל תחשבני ח"ו לחוטא או למתגאה או למתנפח, כי איש פשוט אָנכי מאד, בתוך עמי אני יושב ואת שלום אַחי אני דורש" (דעריבער גיב איך דיר צו וויסן באַציִטנס אַזעלכע אמתע ווערטער, כדי אַוועקצונעמען פון דיר דעם פאַרדראָס, דו זאָלסט מיך, חס ושלום, ניט רעכענען פאַר אַ שלעכטן, אָדער פאַר אַ גרויסהאַלטער, אָדער פאַר אַזאַ וואָס בלאָזט פון זיך, וואָרים איך בין זייער אַ פשוטער מענטש, איך לעב מיט מיַין פאָלק און זוך די פריינטשאַפט פון מיינע ברידער). — אליהו ראַבינאָוויטש איז געשטאָרבן לאַנג פאַר זיין ברודער ש. ע.]

14

פון זאב ראַבינאָוויטש צו זיין ברודער שלום־עליכם

[פונם אריגינאַל]

[זאב (וועוויק) ראַבינאָוויטש, אינגער פון שלום־עליכמען מיט עטלאַכע יאָר, געווען פאַר דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע אַ הענטשקעס־פאַבריקאַנט אין באַרדיטשעוו, איז געווען ביי שלום־עליכמען פאַררעכנט צווישן זיינע נעענטערע ברידער. פון זיין בריוו, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, קאָן מען אַ ביסל זען די באַציאונג פון ברודער צו ברודער. — דער בריוו איז אַדרעסירט קיין נערווי און ער געהערט צו דער צייט, איידער שלום־עליכם איז אַרויסגעפאָרן אויף זיין לעצטן טור איבער רוסלאַנד.]

בערדיטשעוו, 16־טן פעברואַר, 1914.

ליבער ברודער!

דיינע בריוו האָב איך ערהאַלטן, פאַר וועלכע איך דאַנק דיר זייער און זייער. דיין נייע תפלה, אַז גאָט זאָל געבן ראַזרעשעניעס [19] — וועל איך טין טון טין יעדן טאָג גאָט בעטן, אַז די תפלה זאָל אָנגענומען ווערן!

אַלענפאַלס, רעכן איך, אַז וויבאַלד די אַדעסער חברה האָבן גענומען אויף זיך דיין טור איבער רוסלאַנד, וועלן זיי געווים ראַזרעשעניעס אויך קריגן. אויף אַדעסער חברה קאָן מען זיך פאַרלאָזן, דאָס זיינען יונגען מיט פלייצעס! און דערווייל לאָזט מיך שוין מיין פאַנטאַזיע נישט צורו... ד. ה., די ראַזרעשעניעס איבער רוסלאַנד איז שוין ווי אין האַנט — דיין טור איז שוין פאַרטיק — און אָט פאָרסטו שוין אין רוסלאַנד — און אָט ביזטו שוין אויך אין בערדיטשעוו! און שטעל זיך פאָר מיין שמחה, מיין פרייד, אַז איך וועל דיך דאָ מיט גאָטס הילף דערזען אַ געזונטן, אַ פריילאַכן! אם ירצה השם, אָמן!! איך זאָג „אַ געזונטן דיך זען"; ערשטנס, איז דאָך דאָס דער עיקר, צווייטנס — זאָג איך דיר דעם אמת, דעם ריינעם אמת, אַז איך הער, אַז דו ביזט געזונט — בין איך אויך געזונט!...

מיט ריינע בריוולאַך פאַרשאַפסטו מיר דעם גרעסטן פאַרגעניגן.

און ווי איך האָב שוין אין פאָריקן בריוו געשריבן — אַז כל זמן דו האָסט געשריבן אין „היינט", האָב איך דיך געזען אַלע וואָך, צוויי מאָל וועכנטלאַך, נאָר איצט, אַז דו שרייבסט שוין ניט דאָרט — איז בעט איך דיך, אויב עס איז פאַר דיר ניט שווער, טו זשע מיר אָן דאָס פאַרגעניגן און שרייב מיר אָפטלאַך!

אַז סע וועט, אם ירצה השם, געבוירן ווערן די ראַזרעשעניעס פאַר רוסלאַנד — וועל איך דאָך דאָס מן הסתם באַלד וויסן טאַקע פון דיר?

מיך אינטערעסירט צו וויסן, אַז דו וועסט זיין אין רוסלאַנד — צי איז אויך ביי דיר פאַררעכנט אין פּראָגראַם בערדיטשעוו?

הכלל, זיי געזונט און רייך און פריילאַך! ווי עס ווינטשט דיר פון אמתן האַרצן דיין טרייער ברודער

זאב וואָלף ראַבינאָוויטש.

פון „צענטראַל־פאַרלאַג" האָב איך דיינע ווערק באַקומען — פאַר וועלכע איך באַדאַנק דיר פאַר דער מתנה!

איך גריס ביבען [20] און די קינדער. אויך חסי גריסט אייך אַלע ג"פ.

[19] דערלויבענישן פון דער רוסישער רעגירונג אויף פאַרלעזונגען — וואָס אין יענער צייט איז שווער געווען צו באַקומען.

15

פון שלום־עליכם צו זיין יוגנט־חבר אליהו באַרכאַש

[איבערגעזעצט פון רוסיש]

[וועגן אליהו באַרכאַש („אלי דאָדיס") איז שוין דערציילט געוואָרן אויבן. נאָכדעם ווי באַרכאַש איז צוריקגעקומען פון באַדענוויילער, וואו ער איז געווען אַ גאַסט ביי שלום־עליכמען, האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ מיטאַרבעטער פון דער קישינעווער צייטונג „דער איד" וועגן שלום־עליכמס יוגנט און האָט אויך געלאָזט פאַרעפנטלאַכן אין דערזעלבער צייטונג צוויי בריוו פון שלום־עליכם צו אים. עס וועט כדאי זיין צו ברייגגען דאָ עטלאַכע אויסצוגן פון יענעם געשפּרעך:

„איך וועט אַודאי זיין אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך, אַז איך בין שלום־עליכמס אַ חבר. אייגנטלאַך — ניט שלום־עליכמס, נאָר טאַקע שלום ראַבינאָוויטשעס, ווייל דעמאָלט, ווען איך האָב אים געקענט, האָט נאָך קיינער פון אונז וועגן דער צוקונפט ניט געטראַכט. מיר זיינען געווען אינגלאַך, אמת, זייער גרויסע שטיפער, און האָבן זיך צוזאַמען געלערנט אין „אויעזדנע אוטשילישטשע" אין דער

[20] פרוי שלום־עליכם.

שטאָט פּערעיאַסלאַוו — ווען דער גרויסער קונדס שלום פלעגט נאָך „גנבענען" וויין בײַ זײַן פאָטער פון קעלער, און מיר פלעגן בײדע צוזאַמען אַלע שבת מאַכן „לחיים" אינם דערבײַיאיקן שייער. מיר האָבן בײדע צוזאַמען געדאַוונט אין איין בית־מדרש, בײדע צוזאַמען פלעגן מיר גיין אויפן נײַעם בריק. יאָ, מע האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ סך קונצן און שטיקלאַך. קינדער געווען"...

„...נאָכדעם ווי מיר האָבן געענדיקט די שול און מיר האָבן זיך צעשיידט, בין איך אָנגעקומען אין זשיטאָמירער אינסטיטוט און איך האָב שלומען אינגאַנצן פאַרלאָרן פונם אויג. איך האָב ניט געוואוסט וואו ער איז און ווער ער איז. איך האָב געענדיקט דעם אינסטיטוט, בין באַשטימט געוואָרן אַלס „זאַוועדויושטשי" (שול־דירעקטאָר), פריער אין אַדעס, דערנאָך אין סאָראָקי. איצט בין איך אין קישינעוו שוין באַלד דרײַ צענדליק יאָר. אויף דער וועלט האָט זיך געטראָגן שלום־עליכמס נאָמען, אָבער איך האָב זיך ווייניק־וואָס אומגעקוקט אויף דעם. מיר איז אפילו קיינמאָל דער געדאַנק ניט אײַנגעפאַלן, אַז שלום ראַבינאָוויטש, וועלכן איך האָב געקענט אין די קינדערשע יאָרן, און דער שריפטשטעלער שלום־עליכם איז איינע און דיזעלבע פּערזאָן..."

„מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דערוויס איך זיך, אַז אין סאָראָקי, אינם אָרטיקן פאַראיין „די אידישע קונסט", איז פון שלום־עליכמען אָנגעקומען אַן אָנפרעג וועגן אליהו באַרכאַש, ד. ה. וועגן מיר, און דאָרט איז געווען אָנגעוויזן, אַז איך דאַרף זײַן ערגעץ אויפן דרום אָדער אַ לערער, אָדער אַ קאַזיאָנער רב. ענלאַכע אָנפרעגן זײַנען אָנגעקומען פון שלום־עליכמען אויך צו אײניקע פּריוואַטע פּערזאָנען. דאָס האָט מען מיר איבערגעגעבן, און איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן מײַן ערשטן בריוו צו מײַן צוריקגעפונענעם יוגנט־חבר. איך האָב אים אויך געשיקט מײַן פאָטאָגראַפישע קאַרטע. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון יאָר 1910, און דעמאָלט האָב איך פון אים באַקומען דעם ערשטן בריוו פון לוגאַנאָ".

„נאָכדעם ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון מײַן יוגנט־חבר, איז מיר אַרײַנגעפאַלן דער געדאַנק, אַז איך מוז אים זען. און, ווירקלאַך, פאַראַיאָרן האָב איך זיך געלאָזט פאָרן צו אים און האָב מיט אים פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן".

„איך מוז אײַך זאָגן, אַז כאָטש ער ווערט זייער גוט אָפּגעהיט פון זײַנע נאָענטע און זײַן געזונטצושטאַנד האָט זיך באַדײַטנד פאַרבעסערט, דאָך מאַכט ער אַ טרויעריקן אײַנדרוק בכלל, און בפרט אויף מיר, וואָס איך געדיינק אים אַלץ פריילאַכן לעבעדיקן אינגל. וואו איז אַהינגעקומען דער זאָרגלאָזער געלעכטער? שוין ניטאָ דאָס, וואָס אַמאָל[21]..."

„...שלום־עליכם פאַנטאַזירט וועגן קומען קיין רוסלאַנד. ער בענקט זייער נאָך רוסלאַנד. — — —

ער שרײַבט אין אַ בריוו: איך וואָלט שוין וועלן זען אַ ביסל שניי"...

דער בריוו, אַזוי ווי ער ווערט דאָ איבערגעדרוקט פון דער קישינעווער צײַטונג, איז נאָר אַן אויסצוג פון דעם אויבנדערמאָנטן ערשטן בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו זײַן יוגנט־חבר פון לוגאַנאָ, שווייץ, אין אָנהייב פון יאָר 1910. די אידישע איבערזעצונג פון דעם רוסישן אָריגינאַל איז געמאַכט געוואָרן דורכן מיטאַרבעטער פון דעם „איד", וואָס חתמעט זיך „אַן אַנדערער", און איז דאָ עטוואָס קאָרעגירט געוואָרן. אינם בריוו דערמאָנט ש. ע. זײַן חבר זײַערע קינדער־יאָרן].

. . . .

. . . .

...לאָמיר אָנהייבן כאָטש פון אונזערע שפּאַצירדרייזעס אין די הייסע זומערדיקע טעג איבער דעם פילוואָסערדיקן „טרובאַילאָ"[22], בעת מיר פלעגן זיך בײדע אַרויסלאָזן אויף אַ שיפל. אָט האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דײַן פאָטאָגראַפיע, און עס פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק: אַך, ווען עס שפּרינגט דעמאָלט אַרויס [פונם וואַסער? [23] אַ כשופמאַכער און באַווײַזט אונז אָט דעם פּאָרטרעט דײַנעם און טוט אַ זאָג: „אָט אַזוי וועט אויסזען איינער פון אײַך אין אַ יאָר דרײַסיק אַרום — קלײַבט נחת!"... ניט שוין זשע איז דאָס טאַקע דו, אלי? וואו זײַנען אַהינגעקומען די לאַכנדיקע אויגן, דאָס פריילאַך־לאַכנדיקע פּנים, וואָס איז יעדע מינוט גרייט געווען אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער און באַווײַזן דער וועלט אַ רײַ ווײַסע געזונטע ציין? און די ברוסט, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט פאָראויס, און די פּאָסטאַציע, כמעט אַ מיליטערישע, און די גרייווע האָר, וואָס האָט ניט געוואָלט פאָלגן דעם קעמל, און די טאַנצנדיקע קינבאַק: „ביירין, כאַראָש אָבעזיאַן! אַמעריקיינשקו!"[24] און פלוצים — כאַ־כאַ, אַ שפּאַניש בערדל, און וואָנצעס פאַרדרייטע, און אין די האָר — זע נאָר — גרויקייט! פּע, שעמען מעגסטו זיך! אָט בין איך, לכל הפּחות, אַ קראַנקער מענטש, און דעם דאָזיקן בריוו צו דיר שרײַב איך האַלב־ליגנדיק (מיט אַן אויטאָמאַטישער פּען). אויב איך זאָל גלויבן די דאָקטוירים, בין איך קראַנק אויף פאַרשיידענע קראַנקייטן, שלעפּ מיך אום איבער אַלערליי אויסלאַנדן, איבער איטאַליע, איצט איבער דער שווייץ, אינגיכן איבער דײַטשלאַנד, א. א. וו., אָן אַן ענד, דאָס הייסט, מיט אַן ענד, וואָס וועט קומען אין אַ שוואַרצער ראָם: געשטאָרבן דער אידישער שרײַבער... כאַ־כאַ! אָבער דער־

[21] דאָ האָט שלום־עליכם צוגעשריבן אַ באַמערקונג אונטערן טעקסט פון דעם אַרטיקל: „מיר דאַכט, אַז ער זאָגט ניט אמת. שלום־עליכם".

[22] דער פּערעיאַסלאַווער טײַך. — [23] אין דער צײַטונג איז דאָס וואָרט, דורך אַ דרוקפעלער, פאַרדרייט. — [24] „פריץ, אַ גוטע מאַלפּע, אַן אַמעריקאַנער!" — מיט דער דאָזיקער פראַזע, געהערט אויפן מאַרק פון אַ ציגיינער, פלעגן בײדע חברים מאַכן לאַכנדיק איינער דעם אַנדערן אויפן שול־בײַנקל (זע „פונם יאַריד", קאַפּיטל 52: „חבר אלי").

ווייל לעב איך און שרייב, און שרייב, און שרייב. אַך, וויפיל איך צעשרייב! אי דאָס — בגנבה. מע לאָזט ניט...

... געדיינקסטו אונזער דירעקטאָר, דעם אויפזעער דעם שכור סימאָנענקאָ? „קינסט־לער!“ [25] — אזוי פלעגט ער מיך אויסרופן צו דער ברעט. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן. דורך וואָס פאַר אַ מין נביאישן געפיל האָט ער מיך, דעם נישטיקן אינגל, שוין דעמאָלט גערוינט פאַר אַ קינסטלער? און מיכאַיל מיכאַילאָוויטש באָגוש? אַי, וואָלט זיך מיר אַצינד געגלוסט אונטערצוטראָגן אים, נו, כאָטש אַן אַרטיקל פון אַ. אַמפיטעאַטראָוו וועגן שלום־עליכם [26]! און דער דאָזיקער באָגוש איז דאָך ניט געווען קיין שונא־ישראל. פון דעסטוועגן פלעגט ער אונז גוטמוטיק דערציילן, אַז אידן זיינען אָרגאַניש ניט פייאיק דורכצודרינגען זיך מיט דער רוסישער קולטור. אַ סימן: אַ איד, וואָס האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, האָט אַמאָל אָנגעשריבן אין ` זיין דיסערטאַציע אָנשטאָט „עטאָ פאָלעזנאָ“ — „עטאָ פּאָלזיטעלנאָ“. און וואַסילי איוואַנאָוויטש טשעפּיגאַ? געדיינקסט זיין געגעצנדיקע פיזיאָנאָמיע? ביידע שלאָפן זיי שוין מסתמא רואיק אין קבר.

מ. באָגוש, 5

אָט איז אַ באַל פאַר אַ פאַרפאַסונג, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון...

...געדיינקסטו, אלי, דאָס רוסישע לידל, וואָס מיר פלעגן אַמאָל זינגען:

דו צום טייכל גיב אַ גיי,
מיט זיך נעם אַ קאָפּיקעס צוויי,
וועלן מיר קויפן פיש־טאַראַן,
וועלן מיר פאָרן צום יאַרדאַן.
(ד. ה. „טרובאַילאָ“).

. . . .

[25] אינם טעקסט פון דער צייטונג האָט ש. ע. דאָס וואָרט אויסגעמעקט און אנגעשריבן: „חודאָזשניק“. — [26] דער רוסישער שריפטשטעלער האָט אין יענער צייט אָפּגעדרוקט עטלאַכע באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן ש. ע.



СВИДѢТЕЛЬСТВО.

Ученикъ Рабиновичъ Шолимъ, сынъ мѣщанина Нохима Рабиновича Іудейскаго исповѣданія имѣющій отъ роду восемнадцать лѣтъ обучался съ 4 сентября 1873 по 28 іюня 1876 года, въ Переяславскомъ Уѣздномъ Училищѣ и окончилъ въ ономъ полный курсъ ученія во время нахожденія въ училищѣ поведенія былъ отличного въ преподаваемыхъ предметахъ оказалъ успѣхи: 1., въ Законѣ Божіемъ ——— 2., въ Руском языкѣ отличные 3., въ Ариѳметикѣ отличные 4, въ Геометріи отличные 5., въ исторіи хорошие 6., въ Географіи отличные 7., въ чистописаніи хорошие 8., въ рисованіи, и черченіи хорошие, а потому имѣетъ право на преимущества, предоставленныя Высочайше утвержденными 28 Ноября 1844 года дополнительными правилами къ уставу о Гражданской службы окончившимъ курсъ въ уѣздныхъ училищахъ и на основаніи пункта 3 ст. 56 устава о воинской повинности, при отбываніи имъ воинской повинности состоитъ три года въ дѣйствительной службѣ и въ запасѣ арміи двѣнадцать лѣтъ. Въ удостовѣреніе чего и дано ему сіе свидѣтельство за печатью училища 1876 года Іюня 28 дня. Городъ Переяславъ.

№ 239

Штатный Смотритель

שלום־עליכמס דיפּלאָם פון דער פּערעיאַסלאַווער רוסישער קרייזשול, וועלכע ער האָט געענדיקט צו זיבעצן יאָר (אין 1876). [די באַלען זיינען: אויפפירונג — אויסגעצייכנט; רוסישע שפּראַך — אויסגעצייכנט; אַריטמעטיק — אויסגעצייכנט; געאָמעטריע — אויסגעצייכנט; געשיכטע — גוט; געאָגראַפיע — אויסגעצייכנט; ריינשרייבן — גוט; מאָלן און צייכענען — גוט.]

16

פון שלום־עליכם צו זיין יוגנט־חבר אליהו באַרכאַש

[פון אַ קאָפּיע]

[דער בריוו איז געשריבן פון ש. ע. אויף אידיש — אַן ענטפער אויף אַ אידיש בריוול פון זיין רוסיפיצירטן יוגנט־חבר.]

[באַרדענוויילער], 22־טן יוני, 1911.

אלי! הארצעניו! ליובעניו! זאָג מיר דעם אמת, ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער: ווער האָט

אָנגעשריבן פאַר דיר אָט דאָס אידישע בריוול ? ווערסט מיך ניט איינריידן, אַז דאָס האָסטו אַליין, מיט דיין האַנט און פון דיין קאָפּ, געשריבן ! ובפרט דו אַליין שווערסט, כאַפּסט די ערד, אַז דרייסיק יאָר האָסטו קיין אידישע פען ניט געהאַלטן — היינט ווער'ט דיר גלויבן אויף נאמנות ? און אַז סהאָט זיך יאָ געטראָפן אַזאַ זאַך, איז דאָך עס טאַקע אַ נס מן השמים, און מע מעג דיך אַרויספירן אויף דער וועלט און באַווייזן אויף בילעטן :

„— 20 קאָפּיקעס ! ! ! " —

„קוקט, אידן, אַ פענאָמען — 30 יאָר געוועזן אַ גוי און פלוצים געוואָרן אַ איד, שרייבט אידיש ווי אַ משומד ! 20 קאָפּ. אַ קוק ! ! !"

איך וואַרט אויף דיין ענטפער, אויף דיין אידישן ענטפער.

שלום-עליכם.

שלום-עליכם, זיין ביוסט און זיין סקולפּטאָר

שלום-עליכם פּאָזירנדיק פאַרן סקולפּטאָר בנימין פּאַטלאַזשאַן
[מאָנטרע, שווייץ, נאָוועמבער 1911].

אין זיין
אייגענער
רעפּובּליק



1

„מיין רעפובליק“ — אזוי פלעגט שלום־עליכם אפטלאך רופן זיין אייגענע היים. ער האט דערמיט געוואלט באצייכענען אי דעם ליבעראלן, „רעפובליקאנישן“ רעזשים, וואס הערשט אין זיין הויזגעזינד און גיט די מעגלאכקייט יעדן איינציקן מיטגליד צו באוועגן זיך פריי, לויט זיינע איינגעבארענע אייגנשאפטן און נייגונגען, אי דעם נחת־רוח, וואס ער אליין, דער פרייער „פרעזידענט“ פון דער פרייער „רעפובליק“, געניסט אין דער דאזיקער אייגענער אטמאספער.

געזאגט פלעגט עס ווערן כאטש אין הומאריסטישן טאן, נאר אונטערן טאן האט זיך געלאזט פילן א טיפער אויפריכטיקער שטאלץ — ער איז מיט זיין „רעפובליק“ געווען העכסט צופרידן.

ווארים אין דער דאזיקער אייגענער רעפובליק זיינער האט זיך שלום־עליכם אויסגעלעבט אזוי וואויל און אזוי פול, ווי אין ערגעץ ניט. להיפך צו דעם רוב קינסטלער־נאטורן, וואס דאס טאג־טעגלאכע לעבן פון היים און פאמיליע דריקט זייער גייסט און מאכט שווער זייערע פליגלען, — האט שלום־עליכם דווקא אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע, ניט קוקנדיק אויף דעם אויסערלאכן לעבנסיאך, וואס זי האט אויף אים ארויפגעלייגט, זיך געפילט אינערלאך פרייער און באפליגלטער, ווי ערגעץ אנדערשוואו. כדי אפצורוען זעליש און צו שטארקן זיך שעפעריש, פלעגט ער ניט אנטלויפן, ווי אנדערע, פון דער היים אין דרויסן, נאר, פארקערט, שטענדיק לויפן מיט שמחה פון דער דרויסנדיקער וועלט צו זיין אייגענעם ווינקל. מיט שמחה — ווייל ער איז קיינמאל ניט געקומען אהיים מיט ליידיקן. ער האט תמיד עפעס געבראכט. די היים איז געווען זיין באקוועם ווארים נעסט, וואוהין ער האט זיך געצויגן אן אנגעלאדענער, וואוהין ער האט צונויפגעטראגן פון דער גארער וועלט די קערנער פאר זיין שאפונג — באאבאכטונגען, טראכטענישן און איבערלעבענישן. דא האט ער זיי פארזייט אויפן היימישן באדן, דא האט ער זיי אויסגעווארימט אין דער אייגענער אטמאספער, און דא האבן זיי זיך צעוואקסן — און ארויסגעבראכט גוטע, נאטירלאכע, היימישע פראדוקטן (און דעריבער פילט מען ניט אין שלום־עליכמס ווערק דעם נאכגעשמאק פון ראפינירטער, אבער אינערלאך צעפוילטער און רויכיקער, קאפעפילאזאפיע).

אין זיין אויטאביאגראפיע מאלט שלום־עליכם פון זיינע יונגע יארן א בילד, וועלכעס ער רופט־אן „א אידיליע“. די אידיליע באשטייט אין דעם, וואס ער און דריי פון זיינע עלטערע יוגנט־פריינט, צווישן

וועלכע עס האָט זיך אויך גערעכנט זיין פאָטער, פלעגן אַ גאַנצע וואָך אַרויסקוקן „מיט דער גרעסטער שפּאַנונג“ אויפן שבת, כדי צו טיילן זיך איינער מיטן אַנדערן מיט אַל־דעם בעסטן, וואָס עס האָט זיך ביי זיי אָנגעקליבן אויף דער נשמה פאַר די וואָכעדיקע טעג. „וואָס עמיצער פון די פיר האָט געהאַט עפּעס אַ גוטע זאַך צו זאָגן, צו באַווייזן, צו דערציילן, האָט ער עס איבערגעלאָזט אויף שבת“. — ווען שלום־עליכם וואָלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערגרייכט די קאַפּיטלען פון זיין שפּעטערדיקן פאַמיליענלעבן, וואָלט ער זיכער געהאַט צו מאָלן אַ צווייטע „אידיליע“ פון אָט דעם מין — נאָר אויף אַ ברייטערן לייוונט און מיט רייכערע פאַרבן: ווי אַזוי ער שוועבט־אום גאַנצע טעג אין די גאַסן פון קיעוו־יעהופּעץ, און שפּעטער — אין די פאַרשיידענע כתרילעווקעס פון רוסלאַנד, גאַליציע, ענגלאַנד און אַמעריקע, און אַל־דאָס בעסטע, וואָס ער זעט און הערט און טראַכט אויף זיין דרויסנדיקן וועג, היט ער און וואַרימט ביי זיך אין האַרצן, ווי אַ טייערע מתנה, „ביז שבת“: ביז ער וועט קומען אַהיים און וועט זיך אויסלאָדן פאַר זיין ערשטער, כאָטש איינגער, נאָר נעענטסטער און ליבסטער אוידיטאָריע — פאַר זיין אייגענער רעפּובליק. אַלע, פון גרויס ביז קליין, וועלן אים אַרומרינגלען מיט שיינענדיקע, וואַרימע און דאָרשטיק־וואַרטנדיקע פּנימער, אָנשטעלן מויל און אויערן צו „האָרכן“, פרייען זיך און עגמת־נפש האָבן צוזאַמען מיט אים, נאָר מער פון אַלץ און אָפּטער פון אַלץ — צוזאַמען מיט אים לאַכן, „זיך קאַטשען פאַר געלעכטער“. און שפּעטער מיט אַ טאָג, אָדער מיט אַ וואָך, אָדער מיט אַ חודש, וועט דאָס אַלץ ווערן פילטרירט און איבערגעקאָכט און קינסטלעריש פאַרוואַנדלט אין העלע ברייטע שאַפונגס־בילדער פאַר דער ברייטער דרויסנדיקער אוידיטאָריע — פאַרן לעזער.

די היים איז געווען פאַר שלום־עליכמען ניט אַן אויסערלאַכער אָביעקט פון באַקוועמלאַכקייט אָדער אומבאַקוועמלאַכקייט, נאָר אַ טייל — און דער וויכטיקסטער טייל — פון זיין גאַנצן וועזן, ניט אַ מיטל אַליין, נאָר אַ מיטל און אַ ציל צוזאַמען, די אורזאַך און דער רעזולטאַט פון זיין הרחבת־הנפש, דער סוד און די אַנטפּלעקונג פון זיין לעבן און שאַפן. און דעריבער וואָלט מען דעם באַקאַנטן סטערעאָטיפּישן ווערטל: „ווילסטו דעם דיכטער דערקענען, גיי צום דיכטער אין זיין לאַנד“, — דאָ באַדאַרפט געבן אַ ביסל אַן אַנדערן נוסח: ווילסטו שלום־עליכמען דערקענען, גיי צו שלום־עליכמען אין זיין *היים*. וואָרים שלום־עליכמס היים איז געווען דער קלאָרסטער שפּיגל, אין וועלכן ער האָט זיך באַוויזן אינגאַנצן, אָן אַ שום פּגימה, דער שטאַרקער העלער פּראָזשעקטאָר, וואָס האָט אים באַשיינט און באַלויכטן פון אַלע זייטן, מיט אַלע אָפּנקייטן און פאַרבאָרגנקייטן פון זיין מענטשלאַך־קינסטלערישער נשמה. ער האָט זיך אין דער היים ניט באַוויזן אַנדערש, ווי מע האָט אים געזען דורך זיין שאַפן; ער האָט זיך אָבער דאָ באַוויזן מער, פולער, פרייער — אינטים. און וויל לעבן און שאַפן האָבן זיך ביי אים צוזאַמענגעגאָסן אין אַ זעלטענער האַרמאָניע, דעריבער איז דער היימישער שלום־עליכם געווען אַזוי אינטערעסאַנט, ווי דער ליטעראַרישער — אויב ניט נאָך אינטערעסאַנטער!

2

ער איז ניט געווען *שלום־עליכם* אין דער ליטעראַטור און *ראַבינאָוויטש* אין דער היים. ער האָט בכלל דעם ראַבינאָוויטש אינגאַנצן אָפּגעטשעפּעט פון זיך, באַלד ווי ער האָט דערפילט אויף אַן אמת זיין קינסטלערישע מיסיע. ער איז געווען אומעטום *כולו שלום־עליכם*. אין דער היים אָבער איז ער געווען, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן, נאָך מער שלום־עליכמדיק, ווי ער האָט אויסגעזען פאַר דער דרויסנדיקער וועלט. שלום־עליכם דער צאַרטער ראָמאַנטיקער, דער סענטימענטאַל־לירישער באַזינגער פון *אידישער* ראָמאַנטישקייט („אידיש“ — אונטערגעשטראָכן פון אים) אין „סטעמפּעניו“, „יאָסעלע סאָלאָוויי“, „בלאָנזענדע שטערן“, „שיר־השירים“ און אַנדערע ווערק, איז ביי זיך אין דער היים געווען דער צערטלאַכסטער מאַן צו זיין פרוי, דער איידעלער און אייביק־טרייער ריטער, וואָס זיין פיינע ליבע און געהויבענע טריישאַפט צו זיין האַרצן־אויסדערוויילטער האָבן שטענדיק געבליט פריש און יונג, ניט געוועלקט מיט די יאָרן, און אַן עכאָ דערפון, פול מיט זעלישער איבערגעבנקייט, פול מיט אָפּשייד־טרויער, קלינגט נאָך עד היום פון זיין צוואה אַרויס, ווי דער לעצטער אַקאָרד פון אַ וואונדערבאַרער ראָמאַנטישער לעבנסימפאָניע. שלום־עליכם דער איינציקער דיכטער אונזערער פאַר אידישע קינדער, דער טרויעריק־פריילאַכער באַזינגער פון אונזערע אָרימע און באַגאַבטע, נאַאיוו־קלוגע, קאָמיש־רירנדיקע „טאָפּעלאַך“ און „מאָטעלאַך“, איז ביי זיך אין דער היים געווען דער האַרציקסטער פאָטער צו זיינע קינדער, דער פריילאַך־שפּילעוודיקער חבר פון זייער קינדהייט, דער צערטלאַך־אויפמערקזאַמער פריינט פון זייער יוגנט, דער וואַכנדיקער באַגלייטער אויפן ווייטן וועג אין זייערע דערוואַקסענע יאָרן. און שלום־עליכם דער הומאָריסט — וואָס פאַר אַ רייכקייט פון הומאָריסטישע איינפאַלן, וואָס פאַר אוצרות פון שפּיל און געלעכטער ער האָט אַרויסבאַוויזן טאָג־טעגלאַך אין זיין אייגענער רעפּובליק! ער איז געווען אַ קוואַל פון נחת־רוח פאַר זיין פאָלק — און די, וואָס זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט צו אים, זיינען געווען די ערשטע צו שעפּן פון דעם דאָזיקן געבענטשטן קוואַל. ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, און שפּעטער אויך באַוואוסטזיניק באַגריפן, אַז אים איז געגעבן געוואָרן דער באַרוף צו פאַר־

שאַפן פרייד צו אַלעמען — און ווער איז נאָך געווען דערצו אַזוי באַרעכטיקט, ווי די סאַמע נאָענטע זיינע?

דער וואָס וועט אַמאָל דורכלייענען די טויזנטער און טויזנטער בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו זיין פאַמיליע אין די פאַרשיידענע פעריאָדן פון זיינע וואַנדערונגען אויסער דער היים, וועט גאַפן און שטוינען: פון וואַנען האָט זיך עס גענומען ביי איין מענטשן, ווי לייכט ער זאָל נ י ט באַהערשן די פען, אַזאַ איבערפלוס פון עכטער, ניט־געצוואונגענער שעפערישקייט נאָך אַזאַ אויסערגעוויינלאַכער ליטעראַרישער פ ר ו כ ט באַ ר ק י י ט, וואָס האָט ביי אים ניט אויפגעהערט אפילו אויף איין טאָג? און פון וואַנען האָט ז י ך גענומען אין האַרצן ביי אַ ז אַ א י נ ט ע נ ס י ו ו ן שאַפער, וואָס האָט ז י ך אָוועקגעגעבן אינגאַנצן צו די געשאַפענע וועלטן זיינע, אַזויפיל פלאַץ און אַזויפיל פרישע ענערגיע און אַזויפיל לעבעדיקע אויפמערקזאַמקייט צו די טאָג־טעגלאַכע אינטערעסן פון זיינע פ אַ מ י ל י ע נ מ י ט ג ל י ד ע ר, פון אַלעמען צוזאַמען און פון יעדן א י י נ צ י ק ן באַזונדער? צי שטעקט ניט ווידער אַ מאָל דער סוד אין דעם, וואָס ביי שלום־עליכמען האָט זיך זיין פריוואַט לעבן 'מיט זיין שאַפן צוזאַמענגעגאָסן אין איין איינהייט? שרייבן אַ בריוו צו זיינע אייגענע קינדער איז פאַר אים געווען ווי אַ מין פאַרזעצונג פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט און האָט אים פאַרשאַפט דיזעלבע קינסטלערישע באַפרידיקונג, ווי שרייבן זיינע ווערק פאַרן ווייטן פובליקום. און אַז מע וויל — איז פאַר אים גאָרניט געווען קיין נאָענטע און קיין ווייטע. ער האָט געזען פאַר זיך נאָר איינעם — ד ע ם ל ע ז ע ר, דעם געניסער, דעם מקבל, וועמען ער האָט שטענדיק געגאַרט צו געבן, צו פאַרשאַפן פרייד, ווייל דאָס גאַנצע וועזן זיינס איז באַשטאַנען פון פאָטערלאַכקייט, פון פאָטערלאַכער ברייטהאַרציקייט, וואָס טיילט מתנות אויף רעכטס און אויף לינקס, צו יעדן איינעם, וואָס וויל נאָר נעמען. און אין זיין אייגענער היים, וואו ער איז געווען זיכער, אַז אַלץ וואָס קומט פון אים ווערט אויפגענומען מיט ה אַ ר צ י ק ע ר ל י ב שאַ פ ט, האָט זיין פ אָ ט ע ר ל אַ כ ק י י ט דערגרייכט דעם ה ע כ ס ט ן און ש ע נ ס ט ן קינסטלערישן אויסדרוק!

שלום־עליכם אין קאַרלסבאַד, זומער 1887.

3

ער איז געווען אַ פאָטער אַ קינסטלער. ער האָט דערפירט ביי זיך אין דער היים די פאָטערשאַפט ביז צו אַ קולט. ער האָט אויפמערקזאַם געוואַכט איבער יעדן איינציקן פון זיינע קינדער, ווי אַ גוטער פסיכאָלאָג געשטודירט און געוואוסט ז י י ע ר ע אייגנשאַפטן, זייערע נייגונגען און פאַרלאַנגען — און שטענדיק איבערראַשט זיי מיט זיין עלעגאַנטער און צילטרעפנדיקער גוטסקייט. ער איז געווען רייך־ערפינדעריש אין זיינע היימישע איינפאַלן און אויפטואַכצן, וועלכע ער האָט יעדעסמאָל צוגעטראָגן צו גרויס און צו קליין אין פלינק־צוגעטראַכטע הומאָריסטיש־קינסטלערישע פרעפּאַראַטן. אין די שווערסטע צייטן פון מאַטעריעלער נויט, פון פיזישער קראַנקייט, און אין רעכטן ברען פון שאַפנדיקער אַרבעט, האָט ער געהאַט דעם זכרון, דאָס גרויסע געדולד און דעם גוטן ווילן צו דערפרייען אַ קינד ערגעץ אין אַ צווייטער שטאָט, אין אַ ווייטן לאַנד, מיט וואָס

עס איז — זאל זיין מיט א פאנטאזיע, מיט א כימערע, מיט אן אויפגעבליצטער האפענונג. און אין גוטע צייטן — איז צו זיין גוטסקייט קיין ברעג ניט געווען. א צוגאב צו זיין פאטערלאכער ברייטהארציקייט און שוצפארטיקייט האט ער נאך פארמאגט די צערטלאכקייט פון א מוטער, די ווארימקייט פון א חבר, די לירישקייט פון א פארליבטן; און ווייל אין נאענטן באריר האט ער דאס אלץ ניט געקאנט ארויסבאווייזן, צוליב איינגעבארענעם טאקט, — פלעגט ער דעם געבן א פרייען אויסגוס אין זיינע בריוו.

ער איז ניט געווען קיין בלינדער פאטער. ער האט מיט פאטערלאכן שטאלץ אויפגעכאפט און אויפגעמונטערט — דורך „היימישער רעקלאמע“ — די מעלות פון זיינע קינדער. ער האט אבער אויך ניט פארמאכט קיין אויג פאר זייערע חסרונות. צו א חסרון פון א קינד, אדער צו א באגאנגענער נארישקייט, האט ער אנגעווענדט דאסזעלבע געווער, וואס ער האט גענוצט צו די כתרילעווקער חסרונות — דאס געווער פון הומאר. דאס פלעגט אבער געטאן ווערן אזוי פאטערלאך־קלוג, אזוי קינסטלעריש־פיין, אז קיין באליידיקונג האט ניט געקאנט זיין. אלצדינג פלעגט פלאצן און אויפגעלייזט ווערן אין א הילכיקן ריינוואשנדיקן געלעכטער.

און מיט וואס פאר א ליבע די קינדער האבן אים געענטפערט! עס איז זעלטן צו טרעפן אזא פאמיליענלעבן, וואו קינדער זאלן קוקן צום פאטער אזוי אנציקט, אזוי באגייסטערט, אזוי פארליבט, ווי עס איז געווען צו זען אין דער פאמיליע פון שלום־עליכם. ער איז געווען פאר די קינדער זייער ליכטיקער מלאך, זייער קינדער־גליק, זייער יום־טוב. און ניט דערפאר, ווייל זיי האבן זיך געווארימט אין די דרויסנדיקע שטראלן פון זיין ליטערארישער בארימטקייט. דאס איז אפשר געקומען שפעטער, בעת די קינדער זיינען אויסגעוואקסן, זיך געלאזט אין דער פרעמד און דארטן דערגאנגען, וואס פאר א נאמען זייער פאטער האט אין דער וועלט. אין זייער פריער יוגנט, דערצויגענע אין קיעוו, אין א קרייז פון רוסיפיצירטע אידישע פלוטאקראטן און פראפעסיאנעלע אינטעליגענטן, האט זיך פאר זיי דעם פאטערס בארימטקייט ווי א אידישער שריפטשטעלער קוים ארויסבאוויזן. ער איז אבער פון אינווייניק, פאר זיין פאמיליע אליין, געווען דער גרויסער צויבערקינסטלער, דער פריידגעבער, דער פאמיליע־גניום.

ער איז געווען דער קאפ פון זיין פאמיליע, איר קרוין און איר שטאלץ. ער איז אבער קיינמאל ניט געווען איר דעספאט, נאר איר פאטריארך — אין דעם אידעלן גייסטיקן זינען. ער האט קיינמאל ניט ארויפגעצוואונגען אויף די קינדער זיינע מיינונגען און געשמאקן — ער האט עס זיי איינגעגעבן, אומבאמערקט, אין א פיינער, איינגענעמער פרעפארירטער פארם. ער האט געהאט די גרעסטע ליבע פאר ירושת־אבות, פאר דער אידישער גייסטיקער ארבשאפט, וואס קומט פון דורות און גייט צו דורות, — און דער דאזיקער גייסט איז ווי פון זיך אליין איינגעפלאנצט געווארן אין זיין פאמיליענלעבן. ער האט מיטגעבראכט פון זיין אייגענער קינדהייט פיינע נאכקלאנגען פון אידישער פאלקסטימלאכקייט, און די דאזיקע מאטיוון האבן זיך שטארק געלאזט פילן אין זיין היימישער סביבה. ער איז געווען פריי פון רעליגיעזע דאגמעס, ער איז אבער מיטן גאנצן הארצן געווען צוגעבונדן צו דער פיעטעט פון אידיש־רעליגיעזע טראדיציעס. ער האט ניט נאר באזונגען אין זיינע ווערק די הערלאכקייט פון אידישע ימים טובים — ער האט זיי אליין דורכגעפירט ביי זיך אין דער היים, אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע, מיט זייער גאנצער אלטפעטערישער פראכט. ערב פסח האט זיך ביי שלום־עליכמען אין הויז גערודערט ניט ווייניקער, ווי ער האט עס באשריבן אין זיינע פסחדיקע מעשיות פאר אידישע קינדער. און די פסחדיקע סדרים, וואס ער האט אפגעריכט, זיינען געווען א מוסטער פון געהויבענער אויפריכטיקער יום־טובדיקייט. און געטאן פלעגט עס ווערן ניט צוליב קינסטלאכע, „נאציאנאליסטישע“ אדער „דערציערישע“ מאטיוון, נאר נאטירלאך און איינפאך, מיט דער אמתער יום־טובדיקער פרייד פון א פאלקסקינד — און דעריבער האט עס געווירקט אזוי נאטירלאך־פריידיק אויף די קינדערשע נשמות.

דאס לעבן אין דער פארגויעשטער שטאט קיעוו און די רוסיפיצירנדיקע טענדענץ פון דער ארומיקער סביבה האבן ניט דערלאזט צו געבן די קינדער אן אמתע אידישע דערציאונג. די זאך פון דערציאונג האבן שוין געטאן פון זיך אליין די רוסישע גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן. אין ענלאכע הייזער אזעלכע פון אידישע שריפטשטעלער פלעגן די קינדער שטיין אינגאנצן פרעמד צו דער ארבעט פון זייערע פאטערס, וואס ווערט געוועבט ערגעץ אין דער שטיל, הינטער פארמאכטע טירן, פאר אומבאקאנטע ווייטע צוועקן. אזא באציאונג פון שלום־עליכמס קינדער צו דער לעבנסארבעט פון ז י י ע ר פאטער האט ניט געקאנט געמאלט זיין. עס וואלט פאר שלום־עליכמען געווען א ווילדער אבסורד, אז זיינע קינדער זאלן זיין פון די, וואס זיין קוואל איז פאר זיי פארמאכט. ער פלעגט דעריבער די קינדער, דערהויפט די דערוואקסענע, האלטן אין שטענדיקן קאנטאקט מיט זיינע שאפונגען און ליטערארישע אינטערעסן, און אזוי ווי ער האט פאר זיין ארבעט קיינמאל ניט געזוכט קיין התבודדות און קיין פארשלאסענע קאבינעטן, נאר ער האט זי שטענדיק געטאן ביי אפענע טירן, אפטמאל אין רעכטן מיטן פונם קינדערשן געטומל (וועלכן ער האט שרייבנדיק אפילו ניט באמערקט), — האבן זיך די קינדער געפילט ווי זעליש פארוואנדטע צו דעם פאטערס ליטע־

ראַרישער טעטיקייט, און זיינע געשאַפענע פאַרשוינען זיינען פון זיך אַליין אַריינגעטראָטן אין דער משפּחה: „טביה דער מילכיקער“ איז געווען פאַררעכנט ווי עפּעס אַ ליבער נאָענטער קרוב, אַ קליינשטעטלדיקער פעטער, „מנחם־מענדל“ איז געווען אַ גוט־באַקאַנטער שכן, אַן אָפּטער אַריינגייער, און „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ — אַ ליב, טייער, מחיהדיק געשוועסטערקינדל... און אַז שלום־עליכם האָט פאַרענדיקט אַן אַרבעט, מיט וועלכער ער איז געווען צופרידן, פלעגט ער זי פייערלאַך פאָר־לייענען פאַר זיין גאַנצן הויזגעזינד. דערבּיי פלעגן געמאַכט ווערן צו דעם באַזונדערע הכנות, ווי צו אַ



שלום־עליכם און זיין פרוי מיט זייערע טעכטער: טיסי און ליאַלי
[קיעוו, 1888].

פאַמיליען־יום־טוב. גאַנץ פרי האָבן שוין די קינדער געוואוסט, אַז אינאָוונט וועט דער פאָטער פאָרלייענען זיין נייע זאַך, און שלום־עליכם אַליין האָט זיך פיבּער־ריש גענומען גרייטן צו דער פאָרלעזונג, ווי צו אַן עפנטלאַכער „פּרעמיערע“: זיך אַרומגערינגלט מיט זיין גאַנצן שרייבגעצייג, געלייענט און געמעקט און אַריינגעשריבּן אין דעם פרישן מאַנוסקריפּט, פלינק געקלעפּט נייע בלעטלאַך, געטראַכט, געבּיסן די נעגל, ווידער געמעקט און ווידער געשריבּן. און אָט איז שוין אָוונט. די פאַמיליע איז שוין אַרום טיש אין גרויסער דערוואַרטונג. די נייגעריקע קוקן־אַריין דורך דער אָפענער טיר צום פאָטערס שרייבּטיש. און שלום־עליכם איז נאָך אַלץ פאַרטיפט אין דער אַרבעט. ער „מייסטרעוועט“ עפּעס אין זיין ווינקל מיט טינט און פעדער, מיט שער און קלעפּ־פּאַפּיר, מיט פלעשלאַך גומי־אַראַבּיק, און דאָס פּנים איז בּיי אים אַזוי סודותדיק קאָנצענטרירט, ווי בּיי אַ אינזשינער אַן ערפינדער, וואָס טאַפּט־אויס און פאַרשרויפט צום לעצטן מאָל די שרייפלאַך פון זיין ערפינדונג, איידער ער גייט זי דעמאָנסטרירן פאַרן וואַרטנדיקן געקלי־בּענעם פּובּליקום. „פּאַפּאַ, פאַרטיק?“ — פרעגט אַן אומגעדולדיק קינד פונם טיש, צו אויפמונטערן דעם פאָטער און בּאַווייזן אים, אַז די נייגעריקייט איז גוואַלדיק גרויס. „פאַרטיק!“ — לאָזט זיך הערן פונם צווייטן צימער שלום־עליכמס יונג מונטער קול, און בּאַלד בּאַווייזט ער זיך פאַר זיין אייגענער אודיטאָריע מיט פלינקע בּאַוועגונגען, מיט בּליצנדיק־שמייכלענדיקע בּרילן און מיט אַ פריש־געקלעפּטן „אָנגעשוואָלענעם“ מאַנוסקריפּט אין האַנט...

אויבּ די זאַך איז געווען איינס פון זיינע בּאַליבּטע ווערק, אַשטייגער, טביה דעם מילכיקנס אַ מעשה, — פלעגט שלום־עליכם צו דער ערשטער היימישער פאָר־לעזונג זיך אָנטון יום־טובדיק.

4

מער ווי מיט אַלעמען האָט ער זיך אָפּגעגעבּן מיט די קלענערע קינדער — מיט די, בּיי וועמען די העל־פאַרבּיקע פאַנטאַזיע איז נאָך ניט בּאַרירט פון דער גרויער ווירקלאַכקייט. פאַר זיי האָט ער פאַרמאָגט עפּעס, וואָס איז העכער פון קונסט און פון טאַלענט — אַן אייבּיק יונגע, קינדערשע נשמה. ער האָט זיי

אָפּגעגעבן דעם ברייטסטן פּלאַץ אין זיין האַרצן, געהאַלטן זייערע קינדער־אינטערעסן פאַר וויכטיק, אָפּגעהיט זייערע קינדער־געפילן פון דרויסנדיקער ברוטאַלער באַרירונג. ער פלעגט זיך שפּילן מיט זיי ווי אַ גלייכער, צוטראַכטן פאַר זיי העכסט־אַמוזירנדיקע פאַרווייַלונגען, געבן זיי צערטלאַך־קאָמישע נעמען. דאָס איז געווען ביי אים דער בעסטער אָפּרו נאָך זיין אַרבעט. ער איז געווען צו זיי אָן אַ שיעור אויפמערקזאַם, האַרציק, נאַכגיביק, פול מיט רחמנותדיקער גוטסקייט צו זייער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט געוואוסט צו ריידן מיט זיי אויף זייער שפּראַך, צו באַשעפטיקן זייער פאַנטאַזיע, צו פאַראינטערעסירן זיי מיט אַלערליי קינדערשע אויפטואַכצן, צו דערפרייען זיי מיט אויסטערלישע מתנות, מיט אומדערוואַרטע הומאָריסטישע אָפּשניצלאַך, צו אָנשטעקן זיי מיט זיין פריילאַכקייט און מיט זיין הילכיקן געלעכטער. און דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן מיטן גרעסטן ערנסט, אָן געמאַכטקייט, נאָר מיט אַ סך טאַקט און מיט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן פאַרשטאַנד פאַר דער קינדערשער נשמה. אַזוי איז ער געווען גאָר אין די ערשטע יאָרן, אַלץ יונגער פאָטער, און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז די לעצטע יאָרן, בעת ער איז שוין געוואָרן אַ זיידע צו אייניקלאַך — און האָט זיך אָבער געהאַלטן מיט זיי ניט ווי אַ זיידע, נאָר ווי אַ פאָטער. צווישן זיינע אומצייליקע פאַמיליענבריוו געפינט זיך אַ בינטל קליינע בריוועלאַך, געשריבן פון קאַרלסבאַד צו זיין ערשטן קינד מיט אַ פיין־געטאָקטן כתב אויף אילוסטרירטע ביינגעלאַך פאַפּיר. פונקט אַזעלכע בריוועלאַך האָט ער געשריבן פון ניו־יאָרק קיין אַדעס צו זיין אייניקל בעלאַ שוין גאָר אין די לעצטע חדשים פאַר זיין טויט.

5

ער איז געווען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין פאַמיליע, אַז אויסער איר האָט דאָס לעבן פאַר אים כמעט קיין זינען ניט געהאַט און זיין אינערלאַכע רו איז געווען געשטערט. ער האָט ליב געהאַט אַרומצופאָרן, זען נייע שטעט, נייע לענדער, זיך צוקוקן נייגעריק צו נייע מענטשן און חידושן זיך אויף נייע אויסטערלישע לעבנסשטייגערס. אַלץ וואָס סאיז געווען ניי און פריש פאַר זיין אויג האָט אים פאַרשאַפט פרייד און אַנציקונג. אָבער דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ טעם, ווען אַרום אים האָט זיך געפונען זיין פאַמיליע, זיין אייגענע רעפּובליק, מיט וועלכער ער האָט אָט די אַלע חידושים געקאָנט זיך טיילן, רעכט צעקייען און איבערקאָכן אויף זיין באַזונדערן הומאָריסטישן שטייגער. און דעריבער איז פאַר אים געווען אַזוי לייכט אויפצוהייבן פּלוצים די גאַנצע פאַמיליע און זיך לאָזן מיט איר פון לאַנד צו לאַנד, און אַזוי שווער אָפּצורייסן זיך פון איר אפילו אויף אַ קורצער צייט צו פאָרן ערגעץ אין דער וועלט אַריין איינער אַליין. אַז ער האָט געמוזט אַמאָל זיך צעשיידן מיט דער פאַמיליע, אָדער אַז אַ קינד האָט באַדאַרפט ערגעץ ווייט אַוועקפאָרן, האָט ער זיך געפילט ווי צעטריסלט: דער לעבנסמעכאַניזם ווערט צעשרויפט און אָפּגעשוואַכט. ער האָט יעדן טאָג געשריבן בריוו, געהאַט אין זינען יעדן איינציקן, געהאַט פאַר יעדן איינעם צו זאָגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים זיין אייגנענעם. זיינע בריוו אַהיים — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס באַלייכט העל דעם האַרמאָנישן צוזאַמענגוס פון מענטש און קינסטלער אין זיין פּערזאָן. ער האָט געשריבן זיינע היימישע בריוו אינטים, אויפריכטיק, אַלץ־אַנטפּלעקנדיק — און דערביי אַזוי מייסטעריש, מיט הומאָריסטישן סטיל און פאָרם, ווי זיינס אַ ווערק, ווי זיין לעבנסווערק, וואָס דאַרף געלייענט ווערן פון זיינע אייגענע אינטימסטע לעזער. ער האָט זיך מיט זיי געטיילט מיט אַלץ: מיט זיין ביינקשאַפט, מיט זיינע טרערן, מיט זיין פרייד — אַלצדינג האָט געמוזט פאַרצייכנט ווערן אין פיינעם אויסדרוק, מיט פיינעם כתב און פיינעם לשון. און טאָמער איז אַמאָל ניט געווען וואָס צו שרייבן — האָט ער שוין צוגעטראַכט עפּעס אַן אָפּשניצל, אַ שיינעם איינפאַל, מיט וואָס צו דערפרייען זיין פאַרלאָזטע רעפּובליק. ער האָט געשריבן בריוו פון אַמעריקע — און האָט זיך צוגעהערט פונדערווייטנס מיטן פאָטערלאַכן אויער, ווי אַזוי „קליינוואַרג" לאַכט בחברותא, לייענענדיק זיי ערגעץ אין דער שווייץ. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם דראָטלאָזן אַפּאַראַט, וואָס האָט פאַרבונדן זעל מיט זעל. און דאָסזעלבע האָט ער פאַרלאַנגט פון יעדן איינציקן מיטגליד פון זיין פאַמיליע, וואָס איז געווען ווייט פון דער היים: זיין אויפמערקזאַם צו אים, שרייבן אָפט און וועגן אַלץ, האַלטן זיך אין נאָענטן פאַמיליענבונד.

ווען עס זאָל זיין אין אים געווענדט, וואָלט ער די קינדער פון זיך קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט. און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז ער האָט געוואוינט באַשטענדיק אין אויסלאַנד און די דערוואַקסענע קינדער האָבן זיך געמוזט צעפאָרן יעדער אויף זיין פּלאַץ, איז געווען איינגעפירט, אַז איין מאָל אין יאָר, אין די זומערדיקע חדשים, דאַרפן זיך אַלע צוזאַמענפאָרן אַהיים און פאַרברייינגען אינאיינעם מיט קינדער און מיט אייניקלאַך. די דאָזיקע טעג פון באַגעגעניש מיט קינדער נאָך לאַנגע חדשים פון צעשיידונג זיינען פאַר שלום־עליכמען געווען די ליכטיקסטע אין זיין איינזאַמען לעבן אין דער פרעמד, און ער פלעגט פאַר די אָנגעקומענע מאַכן אַ פריילאַך־פייערלאַכן קבלת־פּנים אויפן וואָקזאַל. אָנקומען סתם אַזוי, אומגעריכט, אָן אַ טעלעגראַמע, אַריינפאַלן פּלוצים אין שטוב אַריין מיט די פּעקלאַך — איז ביי אים געווען פאַררעכנט ווי אַ פּערזענלאַכע באַליידיקונג. דעם מענטשנס לעבן איז אַ וויכטיקער ענין, און אויסערגעוויינלאַכע פּאַסירונגען אין לעבן

טאר מען ניט וואכעדיק מאכן. דאס לעבן איז פאר אים געווען ניט א „פרוזדור", וואס מע דארף דורכלויפן, אפלעבן. אלצדינג אין לעבן איז וויכטיק, ובפרט די זעלטענע מאמענטן זיינע — די מוזן באזונדער באטאנט ווערן, יום־טובדיק באצירט און באשיינט ווערן, מיט געשמאק, מיט סטיל, מיט הרחבת־הנפש...

6

דעם שווערסטן נסיון אין זיין פאמיליענלעבן האט ער דורכגעמאכט גאר אין די לעצטע טעג. דאס איז געווען דער פלוצימדיקער טויט פון זיין עלטערן זון מ י ש א. און דעם נסיון האט ער ניט געקאנט ביישטיין. דאס האט זיין לעבן אינגאנצן צעבראכן. ער האט זיך געפלייסט צו שטארקן זיך. ער האט געפרווווט דאס אומגליק א ר א פ ־ ש ר י י ב ן פ ו ן ה א ר צ ן (ווי ער פלעגט שטענדיק טון אין שווערע מינוטן): ער האט דעמזעלבן אוונט, נאכדעם ווי ס'איז אים אנגעקומען די שווערע בשורה, זיך פארשלאסן אויף עטלאכע שעה אין זיין ארבעטצימער, אוועקגעשטעלט זיך צו זיין שרייבשטענדער, ווי אן אבל צום עמוד, געשטאנען איינגעבויגן און געשריבן, פרעפארירט דעם טיפסטן פיין פון דער נשמה אין געפערלטע אותיות, אין עלעגיש געשליפענע ווערטער — און דיברילן האבן זיך געטונקלט, דאס געקנייטשטע געזיכט איז געווען פארגאסן מיט טרערן, און די געבויגענע פאטערלאכע פלייצעס, וואס זיינען געוואוינט געווארן צו די שווערסטע לאסטן, האבן קוים־קוים אויסגעהאלטן...

ער האט דעמאלט אנגעשריבן איינס פון זיינע קרישטאל־ריינסטע ווערק: זיין צוואה. נאר דאס אומגליק פון הארצן האט ער דערמיט ניט אראפגעשריבן. זיין פאטערלאך געמיט איז איינגעהילט געווארן אין טויטלאכער פארצווייפלונג. ער האט זיך געצוואונגען צו מונטערן, אז ער דארף נאך לעבן, אז ער האט נאך ניט אלץ פ א ר ע נ ד י ק ט. עס האט פאר אים אבער געשוועבט דאס יונג־פארשניטענע לעבן פון זיין קינד, וואס האט נאך גארניט א נ ג ע ה ו י ב ן. „א נ ש ט א ט דעם, וואס דער זון זאל יעדן טאג זאגן קדיש נאכן פאטער, טוט עס דער פאטער נאכן זון", — קלאגט ער שטיל אין א בריוו צו איינער פון זיינע עלטערע ט ע כ ט ע ר. א ז א אומרעכט האט ער ניט געקאנט אריבערלעבן, און א געבויגענער, אן ווידערשטאנד, איז ער שטיל אוועק נאך זיין זון.



שלום־עליכם און זיין עלטסטער זון מישא
[קיעוו, 1893].

אזוי האט געלעבט און אזוי איז געשטארבן דער זעלטענער קינסטלער פון לעבן, דער מייסטער פון זיין אייגענעם פאמיליענלעבן — שלום־עליכם.

בריוו פון שלום־עליכם צו זיין פאַמיליע

[די פאָרגעלייגטע בריוו זיינען נאָר אַ קליינער געקליבענער טייל פון שלום־עליכמס קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געפירט מיט די מיטגלידער פון זיין הויזגעזינד אין פאַרשיידענע ציַיטן, בעת ער אָדער זיי האָבן זיך געפונען אויסער דער היים. פאַר דעם צוזאַמענשטעלער איז עס געווען אַ גרויסער נסיון, אויסצוקלייבן נאָר אָט דעם קליינעם טייל פון טויזנטער בריוו, וואָס אַלע אינאיינעם שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ מין טאָגבוך פון דעם שריפטשטעלערס לעבן און שאַפן. ניט אַלץ אָבער קאָן און דאַרף פאַרעפנטלאַכט ווערן, און מע האָט אויך געמוזט זיך רעכענען מיטן באַגרענעצטן פּלאַץ. דער אויסוויל איז דעריבער געפאַלן נאָר אויף אַזעלכע בריוו, וואָס אָדער זיי באַלייכטן אַ וויכטיקע פּאַסירונג אין שלום־עליכמס לעבן און שאַפן, אָדער זיי מאַכן באַזונדער בולט זיינע באַציאונגען צו מענטשן און זאַכן, אָדער זיי זיינען אינטערעסאַנט מצד זייער פאָרם. — דער גרעסטער טייל פון די בריוו איז געשריבן אויף רוסיש, און דאָ ווערט געגעבן, ווי ווייט סאיז מעגלאַך, אַ פּינקטלאַכע איבערזעצונג פון זיי אויף אידיש (די אידישע ווערטער און פראַזעס, וואָס וואַרפן זיך דורך אַמאָל אין דעם רוסישן אָריגינאַל, ווערן אין דער איבערזעצונג באַצייכנט מיט פעטער שריפט). דער קליינער טייל העברייאישע בריוו ווערט געבראַכט אי אינם העברייאישן אָריגינאַל, אי אין אַ אידישער איבערזעצונג. און די קנאַפּע אידישע בריוו ווערן באַצייכנט מיט אַן אונטערקעפּל: „פונם אידישן אָריגינאַל“. אויסער די בריוו ווערן געבראַכט אין דער דאָזיקער רובריק אויך עטלאַכע ליטעראַרישע דאַקומענטן, וואָס האָבן אַ וועזנטלאַכע אָדער אַ דאָקומענטאַלע שייכות מיט דער קאָרעספּאָנדענץ. — די בריוו ווערן דאָ געבראַכט אין כראָנאָלאָגישן סדר און זיי זיינען געשריבן: צו שלום־עליכמס פרוי: אָלגאַ (בּיבּי); צו זיינע קינדער: ערנעסטינע (טיסי) — שפּעטער פרוי בערקאָוויטש, סאַראַ (ליאַלי) — שפּעטער פרוי קויפמאַן, עמאַ — שפּעטער פרוי פייגנבערג, מישאַ, מאַרוסי (אויך מוזאַ און מאַריצאַ) — שפּעטער פרוי גאָלדבערג, און נומאַ; צו זיינע איידימס: י. ד. בערקאָוויטש, מיכאל קויפמאַן („מיקאַעלאַ“) און לוי פייגנבערג; און צו זיינע אייניקלאַך: תמרה (טאַמאַראַ) בערקאָוויטש און בעלאַ קויפמאַן.]

1

צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דאָס איז איינס פון אַ סך קליינע בריוועלאַך, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן פון קאַרלסבאַד צו זיין טאָכטער, דעמאָלט אַ קינד פון פערטן יאָר. די פאַמיליע האָט געוואוינט אין באָיאַרקע, און ש. ע. איז אָפּגעפאָרן אויף אַ קורצער צייט קיין קאַרלסבאַד צו קורירן זיך.]

קאַרלסבאַד, 26־טן יולי, 1887.

ליב טעכטערל מיינס טיסי!

זאָג דער מאַמע, אַז מיר איז אַזוי ניט גוט אויפן הארצן, ווען איך באַקום ניט קיין בריוו פון דער היים! גיב אַ קוש סאַראָטשקען און זייט מיר אַלע געזונט!

דיין פּאַפּאַ.

2

צו דערזועלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער דאָזיקער בריוו און דער צווייטער וואָס נאָך אים געהערן צו דער צייט, ווען ש. ע. האָט זיך אַריבער־געקליבן פון אַדעס צוריק קיין קיעוו. כדי צו איינאָרדענען זיינע געשעפטן אין קיעוו, איז ער פריער עטלאַכע מאָל געפאָרן אַהין אָן דער פאַמיליע.]

קיעוו, 8־טן מאַרט, 1893.

ליב און טייער טעכטערל מיינס, טיסי!

דיין בריוו האָב איך באַקומען. איך בין זייער צופרידן, וואָס דו שפּילסט שוין „יעבאַל קאָזאַק זאַ דונאַיעם“ [1]. גיב גאָט, מיר זאָלן דערלעבן הערן פון דיר גאַנצע אָפּערעס! דיין מאָס פאַר אַ היטעלע האָב איך דערהאַלטן. ניט שוין זשע איז דיין קאָפּ פאַר זעקס וואָכן צייט אַזוי אויסגעוואַקסן? שרייב מיר, צי שרייט שוין ניט מער ליאַלי „איך בין אַ גוט קינד“? און עמאַ? און מישעל שלאָגט זיך נאָך? און מאַריצאַ וואַקסט, צי ניין? פאַרוואָס שרייבט זי מיר ניט? [2] איך האָב שוין געקויפט, טיסיוק, פאַר דיר אַ טינ־טערל — פּשוט אויף חידושים! און ליאַלין, און עמאַן, און מישאַן, און אפילו מאַריצאַן — פאַרשיידענע שפּילצייג. נאָך אַ טאָג אַכט־ניין וועלן מיר זיך זען. קוש דער מאַמע און די קינדערלאַך פאַר מיר. גריס דער באַבע.

דיין פּאַפּאַ.

3

צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

טייערע ביבצי מיינע,

עס ווילט זיך מיר ביים געזעגענען זיך איבערלאָזן דיר עטלאַכע שיין אָנגעשריבענע און וואַרים אַרויסגע־זאָגטע ווערטער, מחמת פון וועג קאָן איך דיר אַנדערש ניט שרייבן נאָר איילנדיק. און איך ווייס, ווי ווייט דו האָסט ליב מיין עכטע עלעגאַנטע האַנטשריפט, ובפרט אַז עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט צו דערקלערן זיך דיר אין ליבע און איבערגעבנהייט, כאָטש דו ביזט

[1] אַ רוסיש פאָלקסמאָטיוו. — [2] די באַשפּראָכענע איז דעמאָלט אַלט געווען בסך־הכל אַ האַלב יאָר.

אַן דעם אויך רעכט איבערגעצייגט אין ביידע זאכן. פאַר וואָס זשע זאָל איך דיר ניט פאַרשאַפן אָט דאָס פאַרגעניגן?... אויף ווידערזען, מיין ליבע. האָב ליב און בעט גאָט פאַר דיין טרייסטן און איבערגעגעבנסטן פריינט

ס אָ ל אָ מ אָ ן.

29־טן מאַרט, 1893. אָדעס.

4

אַ פאַרצייכענונג לזכרון

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[די דאָזיקע פאַרצייכענונג האָט שלום־עליכם געמאַכט אויפן שער־בלאַט פון אַ אידישן אַפריוס־קאַלענדאַר פון יאָר 1895. די צייט איז ביי אים דעמאָלט געווען זייער אַ געדריקטע, און באַגעגענענדיק מיט זיין פרוי איינצווייען דאָס נייע יאָר 1895 ביי זיך אין דער היים, האָט ער געזוכט אויפמונטערונג אין אַ גוטער ווינטשעוואַניע, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין אָנגעצייכנט און פאַרצייכנט אויף פאַפיר, — ווי סאיז געווען תמיד זיין טבע: „אַראָפּצושרייבן“ די לאַסט פונם האַרצן.]

דעם 1־טן יאַנואַר, 12 אַזייגער ביינאַכט, ד. ה. ביים סאַמע געבורט פונם יאָר 1895, מאַכן מיר אַן אויפשריפט אויף דעם דאָזיקן אָפּרייסבלעטל, אין צייכן פון אָנדיינק דעם יאָר 1894, וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין, ווינטשנדיק איינס דעם אַנדערן צו טון דאָס אייגענע אויך אי־בעראַיאָר, נאָר ביי בעסערע אומשטענדן און ביי אַ מער געהויבענעם געמיט, אין דעם קרייז פון אַלע אונזערע ליבע קינדערלאַך. און זאָל דאָס יאָר 1895 זיין אַן אָנהייב פון אַ נייער ערע פאַר אונז, שוין גענוג געפּרואווטע און אויסגעפּרואווטע פונם שיקזאַל! אָמן.

ס אָ ל אָ מ אָ ן ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש.
אָ ל גּ אַ ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש.

די שטאָט קיעוו. שולצעס הויז. באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 43.

5

צו רחל לאָיעוו

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[רחל לאָיעוו — שלום־עליכמס שוויגער, וועלכע האָט נאָכן טויט פון איר מאַן געוואוינט צוזאַמען מיט איר איינציקער טאָכטער, פרוי שלום־עליכם, ביז אירע לעצטע טעג. דאָס בריוול איז געשריבן צו איר קיין באָהוסלאַוו, וואוהין זי איז געפאָרן צו גאַסט. ש. ע. האָט איר געוואָלט פאַרשאַפן נחת־רוח — איבערגעבן אַ גרוס פון די אייניקלאַך, צו וועלכע זי איז געווען צוגעבונדן מיט ליוב און לעבן.]

[קיעוו, 1896.]

מישאַ איז אויפגעשטאַנען מיט אַ גוואַלד: מניע סנילאַס באַבוסקאַ![3] און מאַרוסי שרייט: אי יאַ טאָזע! אי יאַ טאָזע![4] און די קולות גייען ביזן זיבעטן הימל. סאיז היינט חאַגע און די קינדער גייען ניט אין גימנאַזיע. טיסי אַרבעט קרוזשעווע און ליאַלי טראָגט־אַרום דאָס נייע בוך, וואָס מע האָט איר געקויפט פאַר 45 קאָפּיקעס, פון איין אָרט אויפן אַנדערן, און עמאַ איז איר מקנא.

דברי חת' ש ל ו ם.

6

צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אַריינגעשריבן אין אַן אַלבום.]

טיסי!

איך בין ניט קיין מייסטער לידער צו שרייבן, איך האָב ליב פּראָזע, פשוטע, גוטע, ערלאַכע פּראָזע. היינט, דעם 16־טן אַפּריל יאָר 1897, איז דיר פול געוואָרן ד ר י י צ ן יאָר. ווען דו זאָלסט געבוירן ווערן



Дорогая моя Бибця,

— Мнѣ желательно на прощаніи оставить тебѣ нѣсколько словъ красиво написанныхъ и тепло сказанныхъ, такъ какъ изъ дороги я иначе не могу писать тебѣ, какъ только второпяхъ. А я знаю, насколько ты любишь мой настоящій изящный почеркъ и еще больше, когда представляется случай объясниться тебѣ въ любви и преданности, хотя ты и безъ того отлично убѣждена въ томъ и въ другомъ. Отчего-же въ такомъ случаѣ не доставить тебѣ этого удовольствія?... Досвиданія, моя милая, люби и молись за твоего вѣрнѣйшаго и преданнѣйшаго друга

9 Марта 1893.
Одесса.

פאַקסימילע פון בריוו נומער 3.

אַ אינגל, וואָלטן מיר היינט געפייערט דיין רעליגיעזע פּוליערוקייט, לויט דעם מנהג פון אונזער פאָלק. עס קומט־אויס דעריבער אָפּצולייגן דעם יום־טוב אויף אַ יאָר פינף, ביז דו וועסט דערגרייכן דאָס עלטער, וואָס איז דורכן געזעץ באַשטימט פאַר בירגערלאַכער פּוליערדיקייט. איך ווינטש דיר, עס זאָלן דערפילט ווערן אַלע דיינע פאַרלאַנגען, און גיב גאָט, אַז דיינע פאַרלאַנגען זאָלן תמיד זיין אונזערע, און אונזערע פאַרלאַנגען — דיינע. אָמן.

דיין פּאַפּאַ

ס. ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש.

קיעוו. 16־טן אַפּריל 1897.

ב. וואַסילקאָווסקאַיאַ נומער 7.

[3] עס האָט זיך מיר געחלומט די באַבע! — [4] און איך אויך! און איך אויך!

7

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

[דער בריוו איז געשריבן פון קיעוו אין דאָס באַענטע זומערפלאַץ באָיאַרקע. — ש. ע. האָט אין יענע יאָרן זיך באַשעפטיקט אויף דער קיעווער בערזע מיט מעקלעריי פון צוקער־פאַבריקן און „אימעניעס" און פלעגט פון צייט צו צייט געשעפטלאַך אָפּפאָרן פון דער היים.]

[קיעוו], 30־טן יוני, 1897.

טייערע טיסי!

איך איל מיך געבן דיר צו וויסן, אַז מיר זײַנען בשלום דערפאָרן אַהיים און באַלד געגאַנגען שלאָפן. איצט איז מוזאַ אויפגעשטאַנען מיט אַפּלאָדיסמענטן: בראַוואָ, מאָסקאַליאָוו! [5] מישאַ איז אויך אויפגעשטאַנען, נאָר ליאַלי און עמאַ, געפינענדיק זיך אין די אָרעמס פון מאָרפעאוס, פּאָפּן. — אַז איך וועל אַוועקפאָרן, וועל איך דיר געבן צו וויסן, אויב איך וועל צייט האָבן, כדי דו זאָלסט מיך קאָנען באַגעגענען אויפן וואָקזאַל און דאָרט זיך געזעגענען. זיי געזונט, שפּאַציר אין וואַלד און לאַנגווייליק זיך ניט.

דײַן פּאַפּאַ.

8

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

טייערע טיסי!

פון וואַגאָן וואַרף איך דיר אָט דעם גרוס. צי וועט עס דיך גרייכן — ווייס איך ניט. אויב יאָ, איז אויף ווידערזען. איך קוש דיך אַ מיליאָן מאָל.

דײַן פּאַפּאַ.

7־טן יולי, 1897, אין וואַגאָן, בײַ באָיאַרקע.

9

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

בעלאַיאַ צערקאָוו, 21־טן יולי, 1897.

טייער טעכטערל!

דו וואַרטסט געוויס אויף אַ בריוו. דערפיל איך דײַן פאַרלאַנג. זיי געזונט און שרײַב מיר און דער מאַמע. גיב איבער אַ גרוס נאַטאַשאַן מיט קאָלקאָן [6] און אַ גרוס דער גאַסטפרײַנטלאַכסטער פון אַלע בערטעס [7]. איך גלויב קוים, צי מיר וועלן זיך קומענדיקן שבת זען, אויב איך וועל ביז שבת פון דאַנען אַוועקפאָרן ווײַטער. ווען און וואוהין — ווייס איך נאָך אַליין ניט. אויף יעדן פאַל, שיק איך דיר דרײַ הונדערט זיבן און אַכציק טויזנט זעקסהונדערט פינף און נײַנציק קושן, און נאָך איין קוש גאָר דריי לעצטן, ניט גערעכנט דרײַהונדערט קושן פאַרבײַגײַענדיק.

דײַן פּאַפּאַ.

נאָך איין קוש נאָר. און נאָך איינעם אַ קלייניטשקן. און נאָך איינעם אַ לעצטן. און נאָך צוויי בסוד. און נאָך און נאָך . . . .

10

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

בעלאַיאַ צערקאָוו, 21־טן אויגוסט, 1897.

טייערע טיסי מײַנע! און ליאַלי און עמאַ און מישאַ און מוזאַ!

באַקומען דײַן בריוו און די בריוו פון די קינדער. אַ דאַנק, וואָס איר שרײַבט. מאָרגן, ד. ה. פרײַטאָג אָדער שבת, וועל איך קומען אַהיים, אויב עס וועט נאָר זײַן מעגלאַך. —

שפּילט זיך מיט מישאַן און זעט, אַז די מאַמע זאָל ניט זײַן אַזוי אויסגעמוטשעט. איך קוש אײַך.

אײַער פּאַפּאַ.

מישאַ! דער זייגער גייט גוט?

פּאַפּאַ.

11

צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

הייסינער בוריקעסצוקער־פאַבריק.
הייסין, מאָנטאָג, 10/11... 1898.
(אַ לוח איז דאָ גאָרניט בנמצא.)

טייערע טיסי מײַנע!

איך נעם־אַרום דיך און אײַך אַלעמען און בײַנק אַהיים!

אײַער פּאַפּאַ.

אין קיעוו, אין האָטעל קאָנטינענטאַל, איז פיל בעסער, ווי דאָ! דער שווייצאַר (וואָלקאָ הייסט ער) איז בלינד אויף 1 אויג, הינקעדיק אויף 1 פוס און טויב אויף בײדע אויערן און זאָגט: ציצאַס — ציצאַס! [8] נישטאָ דאָ ניט קיין צײַטונגען, ניט קיין ביכער — גאָרנישט! פּונקט ווי דרייפוס אויפן טייוולסאינזל.

12

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

כאַרקאָוו, 15-טן אויגוסט, 1899.

טייערע, ליבע טיסי!

נו וואָס — איר זײַנט שוין אין שטאָט? וואָס וועט איר טון אין די אָוונטן, צווישן 8 און 10 אַזייגער?

[5] אַ דיריגענט פון אַ כאָר אין קיעוו. — [6] שלום-עליכמס אַ פּלימעניצע מיט איר זון. — [7] אַ באַקאַנטע פון שלום-עליכמס פאַמיליע.

[8] באַלד — באַלד!

ארעמער באיארקער וואקזאל! ארעמע באיארקע נעבאך![*] כארקאוו איז א פאסקודנע, א פארשיווע שטעטל! ליאלי (ד. ה. סארא, פארדאן![10]), ווי אזוי האסטו געפונען קיעוו? עמא, מישא און מוזא! געפעלן אייך די „שפאלערן“? אויב ניט, קאן מען איבערקלעפן די גאנצע דירה פונדאסניי — סאיז א קלייניקייט! ווען וועל איך קומען — ווייס איך ניט.

אייער פאפא.

13

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

כארקאוו, 16־טן אויגוסט, 1899.

טייערע, ליבע קינדער!

איר ווילט וויסן, וואס איז אזעלכעס כארקאוו? נעמט אונזער באיארקער שטינקור[11] אין זייער א הייסן זומערדיקן טאג (לאמיר זיך עס פארשטעלן) און כפלט עס אויף 9999, — וועט איר באקומען כארקאוו. אין דעם זינען פון שטינקאכץ איז דאס עטוואס איבערנאטירלאכעס. יא! און אזוי ווי איר וואוינט שוין אין קיעוו, גראטוליר איך אייך און קאן אייך פארזיכערן, אז קיעוו, אין פארגלייך מיט אט דער שטאט, וואו איך קום־אפ אצינד און בייננק, — איז א גן־עדן. כלעבן!

איך קוש אייך אלעמען 9999 מאל.

אייער פאפא.

14

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

טייערע, ליבע טיסי! איך בין זייער באליידיקט פון דער נאכלעסיקייט און קורצקייט פון דיין בריוו! ליאלי, גיב איבער א גרוס עמאן. עמא, גריס מישאן. מישא, גיב א קוש מוזאן און, איך בעט דיך, רייס זיך ניט מיט איר. מיר האט זיך געחלומט, אז דו האסט איר יאקבי דערלאנגט איין קלאפ און געמאכט א לאמטערן. פארשטייט זיך, אז דאס איז א ליגן, ווארים ווער גלויבט עס אין חלומות? פון דעסטוועגן, קאן זיך עס טרעפן אויך אויף דער וואר צווישן געוויסע אינגעלאך און מיידעלאך. איך זאג עס גלאט אזוי, פארבייגייענדיק.

פאפא.

22־טן אויגוסט, 1899. כארקאוו.

15

צו ערנעסטינע ראבינאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[דאס בריוול, צוזאמען מיט ווארימע פאטשיילעס, האט שלום־עליכם צוגעשיקט זיין טאכטער אין א



שלום־עליכם אין פעטערבורג [1904].

צווייטער גאס אין קיעוו, וואו זי האט זיך איינמאל באטייליקט אין אן אמאטארישער טעאטער־פארשטעלונג פון גימנאזיסטן און גימנאזיסטקעס. — די אדרעסאטין האט זיך אויסגעקליבן לכבוד דער פארשטעלונג א בינענאמען „לארינא“ — נאך טאטיאנא לארינא פון פושקינס „יעווגעני אניעגין“.]

[*] וואס וועלן איצט פוסטעווען אן די „דאטשניקעס“. — [10] ש. ע. רייצט זיך דא מיט דער טאכטער, וואס האט ניט געוואלט, מע זאל זי רופן מיטן נאמען „סארא“. — [11] א סאזשלקע אין באיארקע, וואס ש. ע. האט געקרוינט מיט אט דעם נאמען.

קיעוו, 25־טן נאוועמבער, 1900.

צו איר הויכגעבארנקייט, ארטיסטין פון די קייזער־לאכע טעאטערס, ע. ס. ראבינאוויטש (לויט דער בינע לארינא).

גנעדיגע פרוי!

כאטש איר זיינט אן ארטיסטין פון די קייזערלאכע טעאטערס, פון דעסטוועגן ווערט אייך גאנץ שטריינג פארגעשריבן צו איינוויקלען זיך אין די בייגעבראכטע פאטשיילעס, און פאר אייערע הויכטאלענטירטע פיס ווערט אייך צוגעשיקט א טאלמע, כדי די גרויסע ארטיסטין זאל ניט כאפן קיין קאטער. מאדאם, מע באדארף היטן די כוחות אויך פאר דער גרויסער בינע, וואס ווערט אנגערופן לעבן. איך האף, אז דער ערפאלג האט אייך ניט פארדרייט אויף אזויפיל דעם קאפ, אז איר זאלט גרינגשאצן אזעלכע „קלייניקייטן“. אויב איר זיינט הונגעריק, קויפט אייך א פוטערברויטל און פארטרינקט מיט טיי.

דער נישטיקער פאטער פון דער גרויסער ארטיס־טין,

דיין פאפא ס. נ. ראבינאוויטש.

16

צו דערזועלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[דער בריוו איז געשריבן פון וועג. שלום־עליכם האט דעמאלט געמאכט א רייזע איבער אידישע שטעט און שטעטלאך אין די אינטערעסן פון דער ווא־שעווער וועכנטלאכער „פאלקסצייטונג“, וואו ער האט מיטגעארבעט. אדרעסירט איז דער בריוו קיין אדעס.]

קרעמענטשוג, 18־טן אויגוסט, 1902.

טייערע טיסינקע מיינע!

איך האב שוין, דאכט זיך, דיר געשריבן, אז דעם היגן פאטאגראף האט זיך פארגלוסט, צוליב רעקלאמע פאר זיין פירמע, ארויפנעמען מיך „אויף געלעכטער פאר גאנץ אייראפע“ (איך שיק ראוויניצקין איין בילד). הכלל, איך גיי ארויס נעכטן, שבת, שפאצירן אויפן הויפט־פראספעקט (יעקאטערינע־גאס), ערשט איך זע — דער עולם שטופט זיך צום שויפענסטער, ווי צו עפעס א בארימטקייט, א שטייגער ווי שאליאפין. דער פאטאגראף האט צוליב גרויס עפעקט ארויסגעשטעלט אויך מיין פסעוודאנים אויף אידיש. האבן זיך עס א שאט געטאן שפאצירער פון אלע זייטן, גענומען גאפן אויף מיר, טייטן מיט די פינגער און ארייננקוקן מיר גלייך אין פנים אריין — דער רוח ווייסט וואס דאס איז! איך האב געמוזט עוקר זיין פונם פראספעקט און באהאלטן זיך אין האטעל. נאר מע האט מיך אויפגעזוכט און אנגעהויבן פארבעטן אויף אוונטן, אויף זיצונגען און גלאט אזוי אויף טיי. נו, אבער א פאלק איז דא! — — — ווי לאנג איך וועל דא פאר־בלייבן — ווייס איך ניט. די מאמע איז זייער פאר־זארגט. צופיל זארג פאר איר. דו וואלסט באדארפט קומען אהיים, אפשר וועט איר לייכטער זיין. אויפן הארצן איז ביי מיר אזא אומעט, אז צייטנווייז איז מיר שווער צו לעבן. און בכלל איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט. ארבעט איז ביזן האלז. איך קוש דיך פיל מאל.

דיין פאפא.

17

צו ערנעסטינע און נומא ראבינאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[די קומענדיקע זעקס בריוו געהערן צו דער צייט, ווען ש. ע. האט פארטראכט ארויסצוגעבן א אידישע צייטונג אין אדעס אדער אין ווילנע. מיט דעם צוועק איז ער דעמאלט געפארן קיין אדעס, קיין פעטערבורג און קיין ווילנע. די זאך דורכצופירן איז אים אבער ניט געלונגען.]

אדעס, 19־טן אויגוסט, 1904.

טייערע טיסי!

די מאמע וועט דיר שוין איבערגעבן, אז איך וועל אפשר אינגיכן קומען אויף איין טאג אהיים, און אפשר ניט. ניט שוין זשע איז אויך היינט ביי אייך קאלט? איך פארהאף, אז ביזן קומענדיקן דינסטאג וועט איר נאך פארבלייבן אין באיארקע, אויב נאר דאס וועטער וועט זיין גינציק. צעקוש נומטשיקן. איך נעם דיך ארום.

דיין פא.

נומטשיק מיינער טייערער! איך האב דיר גע־קויפט: 4 פערדלאך, 1 פייפעלע, 1 האנעכל, 2 קריי־געלאך, 1 שאלעכל, 1 טעצעלע, 6 סאלדאטלאך רוסישע, 2 יאפאנצעס. און אויך א זייגערל, און קאנפעטן. אויף ווידערזען[12].

דיין פאפא.

18

צו ערנעסטינע ראבינאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

ווילנע, 1-טן סעפטעמבער, 1904.

טייערע טיסי!

וואס פאר א וועג איך האב געהאט — לייען־איבער ביי ליאלין. געטראפן די פאמיליע דובנאוום אלע צוזאמען. דא איז אויך צוגאסט מאדעמואזעל גינצבערג (אחד העם). — — — . אין אלגעמיין, גוטע, ליבע מענטשן. גאסטפריינטלאכע — אזוי ווי מיר, דאס הייסט, ביז קאמיזם. די שטאט זע איך דערווייל דורך א פענסטער פונם פערטן שטאק, און דעריבער איז נישטא וואס צו באשרייבן. געשלאפן, געזונט, די ציין

[12] אינם אריגינאל איז דאס בריוול געשריבן אין א קאמישער קינדערשפראך.

טוען ניט ווי. איך שרייב אַ נייע זאַך מיטן נאָמען „בערל“ — ניט באַס, און בכלל ניט קיין מענטש, נאָר טאַקע אַן אמתער בער. זייער אַן אָריגינעלע דערציילונג[13]. זיי געזונט און שרייב־מיר. וואָס מאַכט נומטשיק? ער פאַרשטייט, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן? איך נעם דיך אַרום.

דיין פּאַ.

19

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

סט. פּעטערבורג, 15־טן נאָוועמבער, 1904.

ליבע קינדער!

איך שרייב אייך אַ ל ע מ ע ן אונטערן פרישן איינדרוק פון מיין ערשטן וויזיט ביים געץ פון אונזערע טעג, דעם באַהערשער פון געדאַנקען, מאַקסים גאָרקי. ער האָט מיך אויפגענומען עכט חבריש. גלייך נאָך די ערשטע ווערטער, נאָכדעם ווי ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, האָט ער מיך פאַרבעטן אין עסצימער אַריין צו טיי. און עס איז אַוועק ביי אונז אַ געשפּרעך וועגן ענינים פון ליטעראַטור, פון דער אַלגעמיינער און דער אידישער, און, כלעבן, איך האָב מיך אפילו ניט אומגעקוקט, ווי עס איז אַריבער אַ שעה (פון 11 ביז 12). ער האָט געבעטן אַריינקומען צו אים גאַנץ פּשוט. אַליין גענומען אויף זיך צו באַקענען מיך מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּרעסע — הכלל, געוועזן פריינטלאַך, גאָרניט אויפן מאַקסימישן שטייגער. — — — זיין אויסזען איז גאָרניט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך פאָר־

געשטעלט. אַ אינטערעסאַנטער גויעץ, אַ פּאַניקע אין פולן זינען פונם וואָרט, מיט אַ גוטן, אָפענעם, ריינעם פּנים און מיט אַ ברייטער נאָז. אַליין אַ הויכער, אַ געזונטער (גאָרניט קיין קראַנקער), אַ ווייכער, כאָטש אַ ביסל אַ קאַנטיקער, אין אַ בלוזע, פאַרשטייט זיך, און אין הויכע שטיוול. (פאָרזעצונג קומט). —

פּאַפּאַ.

20

צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

סט. פּעטערבורג, 15־טן נאָוועמבער, 1904.

טייערע טיסי מיינע!

באַקומען דיין טייערן בריוו פונם 12־טן און האָב מיך דערפרייט. — — —

היינט האָב איך אייך אַלעמען געשריבן וועגן מיין ערשטן וויזיט ביי מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט מיך אויפגענומען ה ע כ ס ט פריינטלאַך, ר י י ן חבריש, און האָט מיך באַצויבערט. —

איך באַנוץ מיך מיט דער געלעגנהייט און שיק דיר אַ דרייערל אויף פּאָסט־הוצאות, און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך קאָן אַרומגיין די מלוכה אויף 15 קאָפּיקעס[14]. סיווי באַגנבענען אַלע די מלוכה אַצינד; לאָמיך, טראַכט איך מיר, אויך טון דאָס אייגענע. אָן מיר איז ביי דיר געוויס ניט פאַראַן קיין סאַנטים, מחמת די מאַמע איז דאָך אַ קאַרגע פרוי, ובפרט בשעת איר טייסטער איז אָנגעפּאַקט מיט קנעפּלאַך, מיט קוויטאַנציעס פונם האָלצהענדלער, מיט אַלטע קאָנווערטן און מיט נאָך אַזעלכע זאַכן. —


Тися!

Не мастеръ я стихи писать. Люблю я прозу, простую, добрую, честную прозу. Сегодня, 16 апрѣля 1897 г. тебѣ исполнилось тринадцать лѣтъ. Если бы ты родилась мальчикомъ, то бы сегодня праздновали твое религіозное совершеннолѣтіе, по свойственному нашей націи обычаю. Приходится такимъ образомъ отложить торжество лѣтъ на пять, когда достигнешь возраста, опредѣленнаго закономъ для гражданскаго совершеннолѣтія. Желаю тебѣ исполненія всѣхъ твоихъ желаній, и дай Богъ, чтобы твои желанія всегда были нашими, а наши желанія — твоими. Аминь.

Твой папа

С. Рабиновичъ

Кіевъ. 16 апрѣля 1897 г.
Б. Васильков. № 7.

פאַקסימילע פון בריוו נומער 6.

[13] געדרוקט שפּעטער אינם „אַמעריקאַנער“ ־ 1908, אונטערן נאָמען „בערעלע“ און אַריין אין „אַלע ווערק“.

[14] דאָס, וואָס פלעגט קאָסטן איבערצושיקן געלט דורך אַ פּאָסט־אַנווייזונג.

וואָס מאַכט נומטשיק? ווי עס טוט מיר וויי מיין האַרץ, אַז איך זאָג־אַרויס אָט דעם נאָמען! ווי דערלעב איך שוין אייך צו זען! אויף ווידערזען. אַ מיליאָן קושן.

דיין פּ אַ.

21

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

סט. פּעטערבורג, 29־טן נאָוועמבער, 1904.

פריינט — טיסי!

עס קומט אַלץ נעענטער די צייט פון אונזער ווידערזען, און מיט ציטער אין האַרצן וואַרט איך אויף דער שעה, ווען איך וועל קאָנען פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע פּעטערבורג. סאיז דאָ אַ האָפענונג, אַז די דאָזיקע שעה איז נאָענט, זייער נאָענט. בסוד שרייב איך דיר, אַז שבת אָוונט וועל איך אַרויספאָרן — און פריער פון אַלץ, פאַרשטייט זיך, קיין קיעוו. סאיז מיר שווער אָפּצולייגן ביז שבת, אָבער ניט אין מיר ווענדט זיך עס, נאָר אין די אומשטענדן.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס עס טוט זיך דאָ — איז שווער צו באַשרייבן. נעכטן איז געווען אַ שלאַכט — אַ מין רעפּעטיציע צו דער רעוואָלוציע. מע וואַרט מאָרגן אויף עפּעס בראַנדיעזעס... עס פאַרשטייט זיך, אַז איך געפין מיך אינדערוויַיטן פון „די דאָזיקע זאַכן“ (ווי קום איך צו פּאָליטיק!), און דעריבער זאָל די מאַמע פאַר מיר זיך ניט באַאומרואיקן.

כאָטש איך האָף איינגיכן אַרויסצופאָרן, נאָר איר זאָלט מיר קיין בריוו ניט זשאַלעווען. איך קוש דיך שטאַרק.

פּ אַ.

22

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

וואַרשע, 1־טן פעברואַר, 1905.

פריינט טיסי!

ניט שוין זשע האָסטו פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דו ביזט אין פּעטערבורג, ניט געקאָנט זיך אָוועקזעצן און אָנשרייבן מיר איין גרויסן, אויספירלאַכן בריוו, ווי אַזוי דו פאַרברייַנגסט דיין צייט? אויב אַ פּאָסט־קאַרטל איז פאַר דעם ניט גענוג, און צוויי זיבנקאָפּי־קענע מאַרקעס וועלן צופיל באַלאַסטיקן דיין בודזשעט, באַנוץ איך מיך מיט אָט דעם פּאַקעט און לייג אין אים אַריין אַ דרייערל, מיט דער האָפענונג, אַז דאָס טשיקאַווע אויג פונם בריווטרעגער וועט אין אים ניט אַריינקוקן. אַ כפּרה זאָל אייננעמען פּאַני, מכּות וועל איך אים גיין שטיין אויף דער פּאָטשט — וואָס איז? איך שיק מיין טאָכטער אַ דרייערל אויף מאַרקעס! — — — — — — — — — — — —

איך קוש דיך.

פּ אַ.

23

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[די קומענדיקע פינף בריוו צו דער טאָכטער זיינען אַדרעסירט קיין ווילנע. — שלום-עליכם האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אין פאַרשיי־דענע שטעט פונם אידישן תחום מיט פאָרלעזונגען פון זיינע ווערק — פריער האַלב־אומלעגאַל, אויף פאַרזאַמלונגען אַראַנזשירט פונם „בונד“, און שפּעטער אויף גרויסע עפנטלאַכע קאָנצערטן.]

הוררראַ! קיעוו.

דעם 22־טן מאַרט, 1905.

טייערע טיסי!

שטעל זיך פאָר — איך בין אין דער היים!

נאָר... דו מיינסט, אָט אַזוי גיך נעם איך און קום צו פאָרן? האָט איר אַ טעות, מאַדאַם פינקלשטיין![15] אין קאַזאַטין בין איך אַנשלאָפן געוואָרן, און דער צוג האָט מיך פאַרפירט קיין האָלענדרע (אַ צווייט אָסי־פּאָוויטש[16]). איך האָב געמוזט אויסשטייגן אין האָלענדרע און אויסזיצן אַכט שעה, אום צו פאָרן צוועלף אַזייגער ביינאַכט צוריק קיין קאַזאַטין, און אַנשטאָט ניין אינאָוונט בין איך געקומען אַהיים ערשט היינט אינדערפרי, זעקס אַזייגער מיט פופצן מינוט. אָרימער נומטשיק נעבאַך! ווי שטאַרק ער האָט זיך אויפגערודערט, אַז סאיז אָנגעקומען מיין טעלעגראַמע פון האָלענדרע! — געטראָפן האָב איך אַלעמען, אַ דאַנק גאָט, געזונטע. נאָר איין עמאַ איז פאַרקילט, און אויך נומטשיק איז אַ ביסל דאַסיק, און די מאַמע זיפצט אויך, קלאָגט זיך אויף אַ נייער קראַנקייט, אַ ווייטיק אין רוקן, אפנים רעוומאַטיזם. עס לייגט זיך דאָך ניט אויפן שכל, איך זאָל קומען אַהיים און טרעפן אַלעמען אויף די פיס. דאָס וואָלט שוין געווען כמעט ניט־אָנשטענדיק. נאָר האָב קיין יסורים ניט. ביי מיר וועלן זיי אַלע מיטן קוק קומען צו זיך, און אַלצדינג וועט ווידער אַוועק כשורה.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס זאָל איך דיר שרייבן וועגן מיין אויפהאַלט אין בריסק? סאיז געווען אַ פולשטענדיקער טריאומף. אָוואַציעס אָן אַ שיעור. אַ באַגלייטעניש צום וואָק־זאַל, א. אַ. וו., א. אַ. וו. דער עולם האָט מיך גאָר אינגאַנצן צעבאַלעוועט. — — —

איך קוש דיך, טיסי.

דיין פּ אַ.

[15] דער נאָמען האָט אַ שייכות מיט אַ היימישן וויץ. — [16] פאַרנ־דיק צו אַ פאָרלעזונג קיין באָברויסק, איז שלום-עליכם על־פּי טעות פאַרפאָרן אין אַ דאָרף אָסיפּאָוויטש.

24

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן שלום־עליכמס פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט“, וואָס איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן ניט אינם אידישן אָריגינאַל, נאָר אין אַ פּוילישער איבערזעצונג פון מאַרק אַרנשטיין, אינם וואַרשעווער פּוילישן טעאַטער, און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.]

קיעוו, 12־טן אַפּריל, 1905.

טייערע טיסי!

— — — — — — — — — — — — — — —

שטעל זיך פאָר, טיסי, עס קאָן זיין, איך זאָל אַראָפּפאַלן פון הימל צו דיר אויף דיין געבורטסטאָג. די זאַך דערפון איז, וואָס איך פאָר היינט מיטן קוריער־צוג קיין וואַרשע צו דער צווייטער פאָרשטעלונג פון מיין פּיעסע. נאָך דער ערשטער טעלעגראַמע האָב איך באַקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע בזה הלשון:

„קיעוו, צו ס. ראַבינאָוויטש. — ביים דערשיינען צום ערשטן מאָל אויף דער וואַרשעווער בינע פון דיין (אָהאָ! אויף „דו“!) שאַפונג, אין וועלכער דו האָסט מייסטערהאַפט געשילדערט דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער היינטיקער אידישער פאַמיליע און דאָס שימערן אין איר פון די נייסטע שטרעבונגען צו אַ נייעם אידישן לעבן, שיקן מיר, די וואָס האָבן זיך געווידמעט דער אידעיע פון דער אידישער אויפלעבונג, אונזער הייסע באַגריסונג צו אונזער באַליבטן פאָלקסשרייבער שלום־עליכם“. — דערנאָך קומען עטלאַכע צענדליק אונטערשריפטן.

פריער האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז מאָנטאָג איז די פּיעסע דורכגעגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג, און אַז איך זאָל אומבאַדינגט קומען צו דער צווייטער פאָרשטעלונג (פאַרשטייט זיך, אויף די הוצאות פון דער דירעקציע). — — — דערווייל קאָן איך באַשטימט גאָרנישט ניט זאָגן. נאָר אויב איך וועל האָבן צייט און נאָך עפּעס, וועל איך אומבאַדינגט פאַרקירעווען קיין ווילנע, און פון דאָרטן — שוין אַהיים. —

וויי־ווויי! אָט די ספּעקולאַנטן־פאָטאָגראַפער האָבן מיך צעקאַליטשעט![17] וואָס טוט מען? ווי אַזוי קאָן מען אויסראַטן אָט דאָס גאַנצע פּאַסקודסטווע? סיידן אַלצדינג אָפּקויפן?... וואו זשע נעמט מען בראָדסקים פאַרמעגן? — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָ זיינען די נייטיקע אויסבעסערונגען צום „וויג־ליד“[18]. איך בעט דיך, פאַרריכט אין אַלע קאָפּיעס.

איך לאָז איבער אָן אָרט פאַר דער מאַמע. איך קוש דיך נאָך אַ מאָל, פאַרשטייט זיך, ניט אויפן חשבון פונם געבורטסטאָג.

דיין פּאַ.

25

אַ וויג־ליד

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[דאָס „וויג־ליד“, אַ סאַטירע אויף צאַר ניקאָלאַי מיט זיין יורש־עצר אַלעקסעי, האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אין יענע „פרילינג־טעג“ פון דער רוסישער רעוואָלוציע און האָט עס געלאָזט געהיים צירקולירן אין די קרייזן פונם „בונד“. שפּעטער, אין יאָר 1908, אין זשענעווע, האָט ער דאָס לידל קאָרעגירט. — דאָ ווערט עס געבראַכט פון דער זשענעווער קאָפּיע.]

שלאָף, אַלעקסע...

(פאַרפאַסט פון שלום־עליכם אויף דעם שטייגער פון לערמאָנטאָווס
Спи, младенецъ, мой прекрасный, баюшки баю.)

1

שלאָף, אַלעקסע, יורש פיינער,
ליכטיקער פאַרשוין!
שלאָף, בן יחיד, קדיש מיינער!
שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויין!

2

זאָלסט מיר וואַקסן, זיין אַ גרויסער,
האָבן קאַסעס געלט,
שטעט און דערפער, זיין אַ קיסר
איינער אין דער וועלט.

3

וועסט מיר זיין אַ גרויסער חכם,
קליגער נאָך פון מיר,
און אַ מלך שבמלכים,
מיט אַ לאַנד סיביר.

4

וועסט אם ירצה שם פאַרמאָגן
רענטעס פולע זעק,
און פיל שיינקען מיט אַסטראָגן,
קלויסטערס אָן אַן עק.

5

און זשאַנדאַרמען מיט קאָזאַקן,
שומרים ביי דער טיר,
די וואָס קאָנען בראָקן, האַקן,
שמייסן אָן אַ שיעור.

[17] מע האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אויפן ביכער־מאַרק שלעכט רעפּראָדוצירטע בילדער פון שלום־עליכם. — [18] „שלאָף, אַלעקסע“ — וואָס ווערט דאָ געבראַכט נאָכן בריוו.

6

האָב ניט מורא פאַר יאַפּאָניע —
זיי נאַר נישט קיין נאַר —
סלעבט נאָך מאָסקווע, סלעבט נאָך פּאָניע,
סדאַרפן נאָך אַ צאַר.

7

צאָלן וועסטו קאָנטריבוציע,
שטילער! מאַך אַ שווייג!
זאָג זיי צו אַ קאָנסטיטוציע —
נ׳שטעל אַרוים אַ פייג.

8

לאָזן פּלאַפּלען סאָציאַליסטן,
מיינען ס׳ט׳עפּעס זיין,
לאָזן שיסן אַנאַרכיסטן,
וויפיל סוועט אַריין.

9

וועסט אין ספּאַלני זיך פאַרשליסן,
פונקט ווי איך אַצינד,
לאָז דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
ד ו זאָלסט זיין געזונט.

10

לאָזן האַווקען די גאַזעטן,
שרייען אויף די ציין,
פּובליציסטן און פּאָעטן
לאָזן זינגען שיין.

11

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רייסן,
סאיז שוין ניט קיין נייס;
מעט זיי כאַפּן, מעט זיי שמייסן,
הייגנען איינציקווייז.

12

פראַן פּאָליציע פ׳אַלע עקן,
סיסטשיקעס אַ סך,
פראַן אַ קאַנטשיק, פראַן אַ שטעקן,
פראַן אַ גוטע זאַך,

13

וואָס מע רופט דאָס אָן „קראַמאָלאַ
ניעזיבלעמיך אַסנאָוו“...
שלאָף, אַלעקסע, סאיך, ניקאָלאַ, —
סלידל נעמט אַ סוף.

געדרוקט אין יאָהאַנעסבורג, 1903 [19], אויך אין ווילנע, אין די אומלעגאַלע אויסגאַבן.

[19] עס דאַרף זיין: 1905.

26

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן נאָכדעם ווי ש. ע. איז געקומען קיין וואַרשע און בייגעוואוינט אַ פאָרשטעלונג פון „צעזייט און צעשפּרייט“ אינם פּוילישן טעאַטער.]

וואַרשע, פּרוזשניאַ 5, וואוינונג פון ד. פרישמאַן.

דעם 14־טן אַפּריל, 1905.

פריינט טיסי!

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס זאָל איך דיר שרייבן וועגן נעכטיקן טריאומף? איך אַליין פלעג זיך אַמאָל באַטייליקן אין משוגענע אָוואַציעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו באַליבטע אַרטיסטן. נאָר אַזעלכעס האָב איך ניט געזען אפילו אין מיין שרייבערישער פאַנטאַזיע. נאָכן ערשטן אַקט האָט מען מיך (בוכשטעבלאַך) פאַרשאָטן מיט בלומען. דערנאָך, נאָך יעדן אַקט, האָט מען מיך וויפיל מאָל אַרויסגערופן. ביים פערטן אַקט איז דאָס פּובליקום פּשוט אַרויס פון די כלים, האָט אַפּלאָדירט יעדער פראַזע, וואָס האָט אויסגעדריקט וועלכע עס איז שייכות מיט דער אידעיע פון דער פּיעסע. און נאָכן שלום האָבן גענומען פליען היטלען און עפּעס אַ ווילדע עלעמענטאַרע קראַפט האָט זיך צו מיר געריסן ווי איינצושלינגען מיך. פאַר איין מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז דאָס טעאַטער פאַלט־איין, איך האָב מורא געהאַט פאַר דעמאָנסטראַציעס. איך ווייס ניט, מיט וואָס זאָל מען עס דערקלערן: צי טאַקע מיט דער פּאָפּולאַריטעט פונם פאָלקסשרייבער, אָדער דערמיט, וואָס דאָס אידישע פּובליקום לעכצט נאָך אַ אידישער בינע, אָדער פּשוט מיט דער אומגעצאַמטקייט פונם המון? ביים אַרויסגאַנג האָט אַ טויזנטקעפּיקע מאַסע אָפּגעוואַרט איר קרבן. נאָר אויף דער קלוגער עצה פונם פּאָליצמייסטער האָט מען מיך פאַרהאַלטן אין אַ פאַרמאַכטער לאָזשע אַרום אַ האַלבער שעה, און דערנאָך אַרויסגעלאָזט דורך דער הינטערטיר אויף אַן אַנדער גאַס. גאָט מיינער! וואָס וואָלט שוין געווען, ווען עס זאָל מעגלאַך זיין צו שפּילן אויף אידיש? מיין גורל און אייער צוקונפט (איך ווענד מיך צו מיינע נאָכפאָלגער) זיינען איינג צוזאַמענגעבונדן מיטן אידישן טעאַטער. פאַרשרייב דאָס דיר אין דיין קאַלענדאַר. און דערווייל לאָמיך דיך אַ קוש טון, טייערע. אוי, ווילט זיך מיר זיין אויף דיין געבורטסטאָג! צי וועט זיך עס איינגעבן — ווייס איך ניט, כלעבן, מחמת געלט איז נישטאָ קיין סאַנטים ניט. די פרוכט שניידן דערווייל אַנדערע, ניט איך,

דיין פּאַ.

27

צו דערזועלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[שלום־עליכם, אַרומפאָרנדיק אַליין, אָן אַ באַגלייטער, פּלעגט זיך שלעכט אָריענטירן אין וועג, און ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו פאַרשפּעטיקן צו זיינע פאָרלעזונגען. אַזאַ פאַל ווערט באַרירט אין דעם דאָזיקן בריוו: ער איז געקומען קיין ליבוי נאָכן קאָנצערט.]

ליבוי, 22־טן אַפּריל, 1905.

טייערע טיסי מיינע!

ענדלאַך בין איך טאַקע פאָרט געקומען קיין ליבוי, און לערך ניט שפּעט — אָן פינף מינוט צוויי אזייגער ביינאַכט. אויפן וואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט דאָס אַראַנזשיר־קאָמיטעט. אַ סך דאַמען (פון וועלכע איינע איז אויף דער צייט, דאַכט זיך, אין זיבעטן חודש). דער אָוונט, פאַרשטייט זיך, איז אָפּגעלייגט — אויף זונטאָג.

מע האָט מיך פאַרפירט אין האָטעל „ראָם". אַהער טאַקע בעט איך צו אַדרעסירן די בריוו.

איך האָב זיך קוים אויסגעשלאָפן נאָך אַזאַ מערקווירדיקער נסיעה.

דעם קאָמיטעט האָט מען געמאַכט אַ סקאַנדאַל: עס זיינען געקומען אַלע איינטיילנעמער, געוואָלט שפּילן, נאָר דאָס פּובליקום האָט געגוואַלדעוועט: גיט אונדז שלום־עליכמען! מיין טעלעגראַמע וועגן דעם, אַז דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט, האָט דעם עולם נאָר צערייצט. איין דאַמע (שטעל דיר פאָר — ניט קיין טראַגעדיקע) איז געוואָרן היסטעריש. מע האָט געמוזט אויסלעשן דאָס ליכט. אום צו באַרויִקן דאָס פּובליקום, וועט מען מיך היינט אַרויספירן עפּענטלאַך אויפן מאַרקפּלאַץ, אַלע זאָלן זען און זיך איבערצייגן, אַז שלום־עליכם איז ניט קיין מיטוס, ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ ווירקלאַכקייט. וואָס סאיז שייך דעם מאַטעריעלן ערפאָלג פונם אָוונט, איז ער מער ווי פאַרזיכערט: „קיין בילעטן איז שוין נישטאָ, און בעלנים זיינען דאָ אַ סך". שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס סאיז איבערגעבליבן דער גאַנצער „בופעט", אַלע בלומען, קאָנפעטי וכדומה. פּוטערברויטלאַך אַליין וועט מען דאַרפן אַרויסוואַרפן אויף אַ קערבלאַך 25. מיין עצה איז געווען, מע זאָל עס אָפּשיקן קיין ווילנע, צום קאָמיטעט פון דער חברה „שאַבּייסע־נאַכטס" (אין הויז פון טשערנאָוויטשן [20]).

אַי־אַי־אַי, איז איסאַק אַלעקסאַנדראָוויטש גאָלדבערג [21] מיאוס אַריינגעפאַלן! דאָס הייסט, שולדיק איז ניט ער, נאָר הירשביין [22]: ער האָט באַדאַרפט אויסגעפינען, וואָסער צוג גייט איבער דווינסק. וועגן מיר איז ניטאָ וואָס צו ריידן: איך בין תמיד פּייאיק צו פאַרפאָרן אפילו קיין מאַנדזשוריע; אויף מיר פאַרלאָזן זיך טאָר מען ניט.

גאָט מיינער! וואָס זאָל איך טון מיטן „וועגווייזער" (75 קאָפּ.!!!)? וואָס מער איך שטודיר אים, אַלץ ווייניקער פאַרשטיי איך אים. ער וועט מיך פון זינען אַראָפּפירן! זאָל הירשביין אים בעטן ביי מיר: אפשר וועט ער



שלום־עליכם און זיין טאָכטער ערנעסטינע [טיסי]
[פּעטערבורג, 1904].

[20] אַלע שבת־צו־נאַכטס פלעגן די יונגע אידישע שרייבער אין ווילנע דעמאָלט זיך צונויפקומען ביים זשורנאַליסט ש. טשערנאָוויטש (ספוג). — [21] דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן י. ל. גאָלדבערג. — [22] פּרץ הירשביין.

אים אַמאָל צוניץ קומען. **איך וועל אים גערן אוועקשיינקען.**

איך וואַרט אויף דיין בריוו. איך קוש דיך און דריק די האַנט הירשביינען.

דיין **פּאַ.**

28

צו דערזועלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו ווערט גערעדט וועגן אַן אָפּמאַך צווישן שלום־עליכמען און די אידישע טעאַטער־דירעקטאָרן יעקב ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער צו גרינדן צוזאַמען אין אַדעס אַ אידיש „קונסט־טעאַטער“. דער אָפּמאַך איז שוין געווען אונטערגעשריבן (דער דאָקומענט געפינט זיך אין שלום־עליכמס אַרכיוו), נאָר פון דער גאַנצער זאַך איז גאָרנישט געוואָרן: עס האָבן זיך געפונען קאָנקורענטן, וואָס האָבן איבערגעגעבן „אַהין וואו מע דאַרף“, אַז דאָס ביי־געפּלאַנטע טעאַטער באַהאַלט אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע טענדענץ, און די רוסישע רעגירונג האָט גלייך די אונטערנעמונג דערשטיקט. שפּעטער אַ ביסל זיינען אָנגעשטאַנען די אָקטאָבער־פּאָגראָמען, און ש. ע. האָט אינגאַנצן פאַרלאָזט רוסלאַנד.]

וואַרשע, 30־טן יוני, 1905.

פריינט טיסי!

ענדלאַך האָב **איך** אַ פרייע האַלבע שעה צו שמועסן מיט דיר.

פריער פון אַלץ און דער עיקר פון אַלץ — וועגן ציימונגען, ציימונגען, ציימונגען. הונדערט טויזנט ציימונגען! אַחוץ דער היגער ציימונג „דער וועג“, איז דערלויבט „די אידישע ציימונג“ אין אַדעס און עס אָרדנט זיך איין „דער טאָג“ אין ווילנע. אויסער דעם, רעדט מען וועגן אַ צווייטער ציימונג „דער טעלעגראַף“, וואָס איז שוין יאַקבי דערלויבט אין וואַרשע. מע וואַרט נאָר אויף פאָרמאַליטעטן וכדומה. — — — דערווייל האָב איך מיך אָפּגעבעטן ביים „וועג“[23] **ביז** שבת, ביז עס וועט קומען די מאַמע, ווען איך האָב ארויסגערופן אויף אַ באַראַטונג וועגן נאָך אַן ענין, **אַ** טעאַטראַלישן.

דער דאָזיקער צווייטער ענין באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט דער דירעקציע פון ספּיוואַקאָווסקי און אַדלער, וועלכע האָבן געדונגען דאָס גרויסע טעאַטער אין אַדעס פאַרן ווינטערדיקן סעזאָן. איך האָב גענומען אויף זיך, ערשטנס, אַ פאַרפליכטונג איבערצוגעבן אין זייער אויסשליסלאַכן רשות מיינע פּיעסעס אויף אַ גאַנץ יאָר; פּיעסעס, וואָס זיינען־שוין אָנגעשריבן און וואָס דאַרפן אָנגעשריבן ווערן פון מיר. צווייטנס, רעדאַקטיר איך פּיעסעס, וואָס זיינען געשריבן פון אַנדערע מחברים. איך דאַרף בייזיין אויף די רעפּעטיציעס און פּרעמיערעס פון מיינע פּיעסעס. עס וועלן אויפגעפירט ווערן **נ אָ ר** מיינע פּיעסעס, אָדער אַזעלכע, וואָס איך וועל גוטהייסן. הכלל, זיי האָבן זיך גענומען מיט מיין הילף ריכטיק אוועקצושטעלן די זאַך פונם אידישן טעאַטער, אויפצובויען אַ מין אידיש־ליטעראַריש קונסט־טעאַטער. — — — פאַרן ערשטן סעזאָן האָב איך צוגעגרייט (און אַרבעט נאָך איצט) צוויי גרויסע און פיר איינאַקטיקע פּיעסעס (עס זיינען געבוירן געוואָרן אין קאָפּ נאָך אַ צוויי־דריי גרויסע, פיר־און־פינף־אַקטיקע פּיעסעס). און וואָס סאיז שייך דער אַרבעט, בין איך גאָרניט מחויב צו זיצן אין אַדעס, נאָר איך קאָן זיי שרייבן אין דער היים. איך וועל נאָר דאַרפן, לטובת הענין, בייצוזיין אויף די רעפּעטיציעס און פּרעמיערעס.

אויף אַזאַ אופן, האָט זיך די טעאַטראַלישע זאַך ביי מיר ניט־שלעכט איינגעשטעלט. אַדלערס דירעקציע איז אַ רייכע און די סאַמע אָנשטענדיקע אין רוסלאַנד. מיט דער פאַרבעסערונג פון דעם רעפּערטואַר וועט אויך פאַרבעסערט ווערן דער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע. ווינטער וועלן זיי שפּילן אין אַדעס, און זומער — גאַסטראָלירן אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען צו דעם אַדעסער טעאַטער זאָל נאָך זיין אַ ציימונג אין אַדעס — דאָס וואָלט געווען שוין איין מאָל גוט! מיר וואָלטן דעמאָלט אַלע גאָר איבערגעוואַנדערט קיין אָ"עס. — — — —

נו, טיסיוניאַ, איך האָב דיר שוין אַלצדינג וועגן אַלץ אָנגעשריבן. דאַכט זיך, אַלץ שטעלט זיך גוט איין. דערווייל אָבער איז ניט אַזוי פרייליק. מיר לעבן, הייסט עס, מיטן מאָרגן. שרייב מיר אויך אַלצדינג וועגן אַלץ. איך קוש דיך.

דיין **פּאַ.**

אַ גרוס דיין גאַנצער קאָלאָניע.

29

צו דערזועלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[די קומענדיקע בריוו פונם יאָר 1905 זיינען אַלע אַדרעסירט צו דער טאָכטער קיין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק.]

[באָיאַרקע], 18־טן אויגוסט, 1905.

טייערע טיסיוניאַ!

היינט דערוואַרטן מיר פון דיר אַ בריוו, מחמת דו ביזט פּינקטלאַך, ווי אַ לוח, און דערפאַר פאַרדינסטו יעדן לויב. ביי אונז איז אַ ווינט, כמעט אַ שטורים. מיר קלייבן זיך שוין אין שטאָט אַריין. מיך אָבער, ווי אַלע מאָל, באַזוכט די מוזע יעדן טאָג, לאָזט מיך כמעט ניט אָפּ. מענטשן קלאָגן זיך, אַז עס פעלט זיי טעמעס. רבונו של עולם! וואו נעמט מען אַזויפיל

[23] די וואַרשעווער טעגלאַכע ציימונג „דער וועג“, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ש. ע. וועגן זיין מיטאַרבעטונג.

ציִט, פּאַרטיק צו ווערן מיטן מאַטעריאַל, וואָס זאַמלט זיך אָן אין די באַהעלטענישן פון דער נשמה! — נאָר מע דאַרף פון דעסטוועגן געבן פּלאַץ אויך פאַר אַנדערע [24]. איך קוש דיך. פּ אַ.

30

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

קיעוו, 11־טן סעפּטעמבער, 1905.

טייערער טיסיוק!

איך שיק דיר אַ קוש דורך דער מאַמע און אָט די דאָזיקע פערזלאַך (מע דאַרף זיי צעקייען...[25]).

1

אונזערע גבאים
מיט די שיינע בערד,
ווילדע מענטשן, פּראָים —
סנעמט זיי ניט די ערד!

פּלאַצן קאָן מען ממש
צו צוזען דאָס:
איסר אונזער שמש
פירט אונז ביי דער נאָז.

2

אונזערע גבאים
מיט די שיינע בערד,
ווילדע מענטשן, פּראָים —
סנעמט זיי ניט די ערד!

אויסגיין קאָן מען ממש
צו צוזען דאָס:
איסר אונזער שמש —
אונזער בעל־הבית!...

3

אונזערע גבאים
מיט די שיינע בערד,
ווילדע מענטשן, פּראָים —
סנעמט זיי ניט די ערד!

שטאַרבן קאָן מען ממש
צו צוזען דאָס:
איסר אונזער שמש
לקחנט אָן אַ מאָס.

4

אונזערע גבאים
מיט די שיינע בערד,
ווילדע מענטשן, פּראָים —
סנעמט זיי ניט די ערד!

פּאַלן קאָן מען ממש
צו צוזען דאָס:
איסר אונזער שמש
זשליאָקעט פון אַ גלאָז.

ע נ ד.

(פון מיין נייער דערציילונג „אָפּגעשלאָ־גענע הושענות: 1) בועז [26] דער שמש". די דערציילונג וועט דערשיינען אינם יום־טובדיקן נומער „דער וועג".)

31

צו דערזעלבער

[אַ טעלעגראַמע]

[די טעלעגראַמע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געהויבענער שטימונג, אין וועלכער שלום־עליכם האָט זיך געפונען, בשעת די „געשיינקטע קאָנסטיטוציע" איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין רוסלאַנד. ער איז געווען פון דער געשעעניש אַזוי עקזאַלטירט, אַז ער איז יענעם אָוונט אַרומגעלאָפן אין קיעוו פון איין פרייַנט צום אַנדערן, געקלונגען אין אַלע טירן און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. באַלד אָבער איז די פרייד פאַרביטן געוואָרן מיט עפּעס אַנדערש: גלייך נאָכדעם האָבן אויסגעבראָכן די שרעקלאַכע פּאָגראָמען.]

קיעוו, 18־טן אָקטאָבער, 1905.

מ י ר ג ר אַ ט ו ל י ר ן מ י ט ד ע ר נ ע־ ש י י נ ק ט ע ר ק אָ נ ס ט י ט ו צ י ע.

פּ אַ פּ אַ.

32

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער קיעווער פּאָגראָם האָט שלום־עליכמען שטאַרק צעטרייסלט. ער איז יענע טעג, און וואָכנלאַנג שפּע־טער, געווען ווי אַ געריר‏טער, און זיינע בני־בית האָבן מורא געהאַט, ער זאָל ניט קראַנק ווערן. עס איז דעריבער צו באַוואונדערן, מיט וואָס פאַר אַן איינגעהאַלטנקייט ער באַשרייבט עס אין זיינע בריוו. עס איז אויך מערקווירדיק, וואָס אין רעכטן מיטן אומגליק האָט אים זיין איראָניש אויג אַלץ געצויגן

[24] געמיינט פּלאַץ אינם בריוו, אַז אַנדערע פון דער פאַמיליע זאָלן עפּעס צושרייבן. — [25] דאָס לידל איז אַ מין אַלעגאָריע, צוגעפּאַסט צו דער רוסישער פּאָליטיק פון יענע טעג; דער „שמש" און די „גבאים" — דאָס איז די רוסישע ביוראָקראַטיע.

[26] עס דאַרף זיין: „א י ס ר ד ע ר ש מ ש"; די צווייטע דער־ציילונג פון די „אָפּגעשלאָגענע הושענות" הייסט: „בועז ד ע ר מ ל מ ד". — דאָס אויבנגעבראַכטע לידל איז אין דער דערציילונג נ י ט אַריינגעקומען.

[צו דער טראַגיקאָמישער לאַגע פון די אַסימילירטע קיעווער מיליאָנערן, וועמען דער פּאָגראָם האָט דער־לאַנגט איבערן קאָפּ.]

קיעוו, האָטעל אימפּעריאַל, נומער 25.
דעם 21־טן אָקטאָבער, 1905.

טייערע טיסי!

מיר האָבן ניט געשריבן, ווייל סאיז ניט געווען קיין מעגלאכקייט, ניט געווען קיין צייט, ניט געווען קיין אָרט. מיר האָפן, אז מיט אָט דעם בריוו וועסטו באַקומען איייניקע צייטונגען, און חוץ דעם האָסטו פון די טעלעגראַמעס זיך דערוואוסט, אז ביי אונז איז געווען א פּאָגראָם פון דעם 18־טן אינאָוונט ביז צו היינטיקער נאַכט. א דאַנק עפּעס א מין נביאישן געפיל, האָבן מיר באַצייטנס, מיט סכנת נפשות, זיך געראַטעוועט אין האָטעל אימפּעריאַל. וואָס סאיז געוואָרן מיט אונזער וואוינונג — ווייסן מיר נאָך ניט. נאָענט אַרום אונז האָט מען געמאַכט א חורבן, דאָס קלייטל ביי אונז אונטן האָט מען צעטראָגן. די נאַכבאַרשאַפט (די גימנאַזיע) האָט מען אַרומגעשאָסן. נאָר א כפּרה די וואוינונג. וויכטיק איז דאָס, וואָס מיר אַלע לעבן און זיינען ניט צעשלאָגן, אויף וואָס עס זאָגן עדות די אונטערשריפטן. מע האָט צעקלאָפּט אַלע אונזערע מיליאָנערן, די בראָדסקיס, די זייצעווס, דעם באַראָן [27], ראָזענבערגן און די איבעריקע. עס זיינען פאַראַן געהרגעטע (דאַכט זיך, ניט פיל) און א סך פאַרוואונ־דעטע. דעם סטודענט בראָדסקי (אַלעקסאַנדערס זון) האָט דער מאָב שווער און בעסטיאַליש פאַרוואונדעט (מע זאָגט, דערהרגעט). די בראָדסקיס האָבן געזוכט צו באַהאַלטן זיך ביי גוטע קריסטן, א סך אַנדערע האָבן אָנגעווענדט אָט דעם מיטל, נאָר די גוטע קריסטן, מיט זייער זעלטענע אויסנאַמען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון גאַסטפריינטלאַכקייט. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פולע גרייטקייט, נאָכדעם ווי אַלץ וועט זיך צוריק איינשטעלן, צו קומען צו די אידישע מאַגנאַטן אויף זייערע בעלער און טאַנצן מיט זייערע טעכטערלאַך א מאַזורקע. אָן אַלגעמיינע פּאַניק, וואָס לאָזט זיך ניט באַשרייבן. דאָס לעבן פון פערציק אָדער פופציק טויזנט איזראַעליטן איז געהאַנגען אויף א האָר. געשמדטע אידן און אידענעס האָבן געגעבטיקט אין אידישע קעלערס. אַזוי איז דאָס, פריינט טיסי, מיר לעבן, און אויב מיר וועלן אויך ווייטער לעבן, וועלן מיר איינגיכן דערלעבן בעסערע צייטן. מיר האָבן יסורים וועגן דיר. אויב ביי אייך איז די קלענסטע אויפרעגונג, וואָלסטו בעסער געקומען אַהער אויף א געוויסער צייט. איך קוש דיך טויזנט מאָל.

דיין פּ אַ פּ אַ.

מע זאָגט, אז דאָס הויז 35 [28] איז גאַנץ. נאָר אַז מיר לעבן — דאָס איז א פאַקט.

[27] גינזבורג. — [28] באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 35, וואו ש. ע. האָט דעמאָלט געוואוינט.

33

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

קיעוו, 22־טן אָקטאָבער, 1905.

טייערע טיסי!

נעכטן האָב איך דיר באַשריבן, ווי די לאַגע איז. דער פּאָגראָם האָט זיך אָפיציעל געענדיקט דאָנערשטאָג ביינאַכט. נאָר די פּאַניק איז נאָך ניט אַריבער. מענטשן קריכן ביסלאַכווייז אַרויס פון זייערע באַהעל־טענישן. די דערציילונגען און באַריכטן וועגן דעם דאָזיקן גוט־אָרגאַניזירטן רויבער־אָנפאַל זיינען פּשוט פאַנטאַסטיש. איבערגעלאָזט די טראַגישע זייט פאַר קלאָגמוטערס, גיי איך איבער צו די טראַגיקאָמישע עפּיזאָדן, וואָס פון דעם באַשטייט מיין אַמפּלוא. דעם אַלטן זייצעווס ווייב האָט פאַרבראַכט א נאַכט אין שטאַל, אין דער געזעלשאַפט פון זייער טייערע פערד. די באַראָנעסע גינזבורג האָט אויסגעהאַלטן א באַלאַ־גערונג אויפן בוידים פון איר אייגענעם, אויף שטויב צעשטערטן פּאַלאַץ. לעוו בראָדסקי מיט די איינגערע טעכטער האָבן בשלום אַריבערגעקלעטערט דעם פּאַר־קאַן, צוגעקומען צום „אינסטיטוט פון וואוילגעבאָרענע מיידן“, וועלכער האָט די אַנטרונענע אָפּגעזאָגט אין גאַסטפריינטלאַכקייט. סאַראַ און מאַרגאַריטאַ בראָדסקי האָבן אומזיסט געקלאָפּט אין טיר צום דירעקטאָר פון דער גאָסודאַרסטווענֿי באַנק. די פּוטערשניידערס פון דעם געשמדטן אידן טוביאַ האָבן אים געצוואונגען צו זאָגן דריי מאָל „אָטשע נאַש“. דיין חברטע קלאַראַ בראָדסקי־פּאָליאַקאָוו האָט אומזיסט געזוכט שוץ ביים גובערנאַטאָר (ביים געוועזענעם). אונזער וואוינונג האָט געראַטעוועט די קריסטלאַכע קעכן מיט דער הילף פון איקאָנעס און צלם־צייכנס. עפּשטיינס קאַנטאָר האָט מען צעקלאָפּט פאַר גלחים אין די אויגן. אָן א שיעור קוריאָזן, פון וועלכע די רוסישע געזעלשאַפט דאַרף רויט ווערן. און זי וועט נאָך רויט ווערן. לאַנג, לאַנג!... מיר באַאומרואיקן זיך וועגן דיר זייער שטאַרק. פריער פאַר מאָנטאָג וועלן מיר ניט איבער־פאָרן [29]. א גרוס דעם אַרום־דער־וועלט־רייזנדן בער־קאָוויטשן [30]. איך שיק דיר א נומער „קיעוולױאַנין“. הער פּיכנאָ [31], איינער פון די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם, גיסט אַצינד קראָקאָדיל־טרערן אויפן אומגליקלאַכן אידנטום, וואָס וועט אין אומגליק באַזיגן אי אים, אי די וואָס זיינען מיט אים. אָמן.

דיין פּ אַ.

די מאַמע און די קינדער שלאָפן שוין. אַלע זיינען געזונט. מע האָט באַדאַרפט זען נומטשיקן אויפן פּאָגראָם!

[29] פון האָטעל אין דער וואוינונג. — [30] י. ד. בערקאָוויטש, פאַרנדיק דעמאָלט פון ווילנע קיין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, איז צוליב דעם באַוואוסטן אייזנבאַן־סטרייק, וואָס האָט אַרויסגעצוואונגען די „געשיינקטע קאָנסטיטוציע“, פאַרבליבן אינמיטן וועג עטלאַכע וואָכן. — [31] דער באַוואוסטער אַנטיסעמיט, רעדאַקטאָר פון „קיעוולױאַנין“.

34

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דעם פּאָגראָם אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, וואו די אַדרעסאַטין האָט זיך דעמאָלט געפונען. י. ד. בערקאָוויטש איז אָנגעקומען אַהין עטלאַכע שעה אײדער דער פּאָגראָם האָט דאָרט אויסגעבראָכן.]

קיעוו, 26־טן אָקטאָבער, 1905.

טייערע!

ענדלאַך איז דאָ פון דיר אויך אַ בריוו, פון וועלכן מיר האָבן טאַקע אַ ביסל אַ וויין געטאָן, פאָרשטעלנדיק זיך די שרעקלאַכע שעה, וואָס דו האָסט פאַרבראַכט אין די קוסטעס אונטערן שוץ פון דיין שומר בערקאָוויטש. יאָ, ער איז באמת געקומען ווי אַ מלאך מושיע, און זאָל דאָס אים ניט פאַרגעסן ווערן אויף אייביק! מיר האָבן שוין געוואָלט דיר היינט טעלעגראַפירן, אַז מיר זיינען שוין אין דער היים, און אַז דו זאָלסט אומבאַדינגט קומען אַהער צוזאַמען מיט בערקאָוויטשן. אויב שטאַרבן, זאָל שוין זיין אינאיינעם. אויב אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד, איז אינאיינעם. ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט וואָלטן מיר צוזאַמען עמיגרירט קיין אַמעריקע. אונז האָט מען דאָך רואינירט מער פון אַלעמען, וואָרים עס איז רואינירט דאָס גאַנצע רוסישע אידנטום. — — — מיר זיינען דאָך נאָר דורך אַ נס אַלע גאַנץ געבליבן, און זיינען מיר דען באַוואָרנט פונם מאָרגנדיקן טאָג? שטעל דיר פאָר, דאָס רעדט צו דיר אַ מענטש, וואָס איז אָפּטימיסטיש געשטימט. וואָס זשע וועלן שוין זאָגן די סקעפּטיקער? — — — מיר בעטן דיך און בערקאָוויטשן, ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט, קומען צו אונז. אונז באַאומרואיקט נאָר דאָס אומשטייגן אין זשמערינקע, מחמת דאָרטן ריזיקירט מען אַריינצופאַלן צו די כוליגאַנעס אין די הענט אַריין, ווי מע שרייבט וועגן דעם אין די אַדעסער צייטונגען. — — — זאָל בערקאָוויטש זיך קויפן אַ היטל פון אַ טשינאָווניק מיט אַ קנעפּל — און דאַן קאָנט איר זיך דרייסט לאָזן אַהער. און דווקא מיט דער צווייטער קלאַס. אונז גיט אַ טעלעגראַמע. אויפן וואָקזאַל וואַרט ניט אויף אונז. פון וואָקזאַל פאָרט גלייך, דרייט זיך ניט אום ביים אַרויסגאַנג. — — — די זאַכן גיט־אָפּ אַלע אין באַגאַזש, בלייבט גאָר אָן זאַכן, וואָרים די כוליגאַנעס רויבן, און גלייך נאָך דער רויבעריי ווערט מען געשלאָגן. — — — און אַצינד זייט געזונט. אַ גרוס בערקאָוויטשן.

דיין פּאַ.

35

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אָריגינאַל]

קיעוו, 23 נאָוו. 1905.

הבן יקיר לי בערקאָוויטש!

כותב אני לך את הטורים האלה בשעה שאני מוכתר בקומפּרעסען מראש ועד זקן (אעפ"י שהוא מגולח), כי סובל אני כאב־שינים מאד מאד!

התמונה שתארת — בית־מערכת „הזמניים" — כמו חיה היא נגד עיני, ובכ"ז מאמין אני בבן־אביגדור שישיג את מטרתו. —

שולח אני לך בזה „ציון על מצבת קברי" שציינתי בימים ה„שחורים" האלה, ואבקשך לתרגמו בחרוזים כמו אצלי; ואם אין ידך משגת, תבקש בשמי את ידידנו שניאור, שהוא „מזיק" במלאכת השיר.

געווען אַ יוד אַ פּשוטער,
געשריבן „עברי־טייטש" פאַר ווייבער
און פאַר'ן פּראָסטען פאָלק האָט ער —
דאָ ליגט אַ זשאַרגאָניסט אַ שרייבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגען מיט דער וועלט כפּרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט, —
אַליין, אוי ווערה, געווען אויף צרות!

און דווקא ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקוועלט, און פלעג זיך פרעהען,
האָט ער געוויינט — דאָס ווייס נור גאָט —
בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זעהען...

שלום־עליכם.

אינ'ם יאָהר פון קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען (1905).

משקל הימבים פה שמונה ותשעה.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער זון בערקאָוויטש! איך שרייב דיר די דאָזיקע צייל[ן] בשעת איך בין אַרומגעקרוינט מיט קאָמפּרעסן פון קאָפּ ביז באָרד (כאָטש זי איז געגאָלט), וואָרים איך לייד ציינווייטיק זייער און זייער!

דאָס בילד וואָס דו האָסט מיר געשילדערט — די רעדאַקציע פון די „הזמן"־לייט — איז ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן, נאָר פון דעסטוועגן גלויב איך אין בן־אביגדורן, אַז ער וועט דערגרייכן זיין ציל[32].

איך שיק דיר דאָ „אַן אויפשריפט אויף דער מצבה פון מיין קבר", וואָס איך האָב פאַרצייכנט אין די דאָזיקע „שוואַרצע" טעג, און איך וועל דיך בעטן צו

[32] עס רעדט זיך וועגן אַרויסגעבן אין ווילנע אַ אידישע צייטונג.



פאקסימילע פון בריוו נומער 35.

איבערזעצן עס אין פערזן, ווי בײַ מיר; און אויב דו קאָנסט עס ניט גרייכן, וועסטו בעטן אין מיין נאָמען אונזער פריינט שניאור, וואָס איז אַ „מזיק" אין דער אַרבייט פון שיר.

די מאָס פון די יאַמבען איז אַכט און ניין.]

[באַמערקונג. — די אויבנגעבראַכטע עפּי־טאַפיע איז שפּעטער מיט צען יאָר אַריינגעשריבן געוואָרן פון שלום־עליכמען אין זיין צוואה מיט אייניקע ענדערונגען: אַנשטאָט „געווען אַ איד אַ פּשוטער" — „דאָ ליגט אַ איד אַ פּשוטער"; אַנשטאָט „געשריבן „עברי־טייטש" פאַר ווייבער" — „געשריבן אידיש־דייטש פאַר ווייבער"; אַנשטאָט „דאָ ליגט אַ זשאַרגאָניסט אַ שרייבער" — געווען אַ הומאָריסט אַ שרייבער"; אַנשטאָט „אַליין, אוי ווער, געווען אויף צרות" — „און ער — אוי ווער — געווען אויף צרות"; אַנשטאָט „און דוקא ווען דער עולם האָט" — „און דוקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט"; אַנשטאָט „געלאַכט, געקוועלט, און פלעג זיך פרעהען" — „געלאַכט, געקלאַטשט, און פלעג זיך פרעהען"; אַנשטאָט „האָט ער געוויינט — דאָס ווייס נור גאָט" — „האָט ער געקרענקט — דאָס ווייס נאָר גאָט".

אין שלום־עליכמס אַרכיוו געפינט זיך נאָך אַ דריטער וואַריאַנט פון דער עפּיטאַפיע. אין יענעם וואַריאַנט גייען די ערשטע אַכט שורות פּונקט ווי אין דער צוואה, נאָר די לעצטע פיר שורות זיינען גאַנץ אַנדערע; זיי לייענען זיך אַזוי:

האָט אַלע מענשען ליב געהאַט.
און מעהר פון אַלץ אַ אידען.
געוועזן שטענדיג נע־ונד,
איצט רוהט ער זיך אין פרידען.

אַפּנים, ש. ע. האָט דערפילט אין די דאָזיקע פיר שורות אַ חשש פון זעלבסטלויבעריי, און האָט זיי דעריבער געפּסלט.]

36

צו ערנעסטינע ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

קיעוו, 23־24־טן נאָוועמבער, 1905.

טייערע טיסיוניאַ!

איך שרייב אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. אַלע שלאָפן; און איך וואַך ביז פרימאָרגן, וואַרט אויף דער פאַרשטייענדיקער עקסטראַקציע [33] (האָסט נאָך ניט פאַרגעסן די ציינדאָקטאָרשע טערמינאָלאָגיע? [34]). מיינע יסורים גייען אַריבער אַלע גרענעצן, און איך זוך באַרואיקונג אין שרייבן צו דיר און צו בערקאָוויטשן (אויף דער צווייטער זייט). אַגב שיק איך אים מיין עפּיטאַפיע אין פערזן, וואָס איך וואָלט וועלן האָבן אויף מיין קבר (איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַרשטייט זיך) אין ביידע אידישע שפּראַכן. די פערזן זיינען רעגולמעסיקע, 8־פערזפוסיקע און 9־פערזפוסיקע יאַמבען; אַזעלכע וואָלטן זיי באַדאַרפט זיין אויך אויף העברייאיש, אויב דאָס איז מעגלאַך. וואָס סאיז שייך דעם טערמין, איז עס ניט דווקא צו דער מינוט: איך קלייב מיך דאָך נאָך ניט אויף יענער וועלט. איך רעכן נאָך צו מאַכן אַ טורנע איבער אַמעריקע, נאָכדעם אומקערן זיך צוריק אַהער צו געניסן די אמתע פרייהייט אַ פּאָר צענדליק יאָר. דערווייל קוש איך דיך זייער שטאַרק.

דיין פּאַ.

[33] אַרויסרייסן אַ קראַנקן צאָן. — [34] די אַדרעסאַטין האָט דורכ־געמאַכט דאָס שטודיום פון אַ ציינדאָקטאָר.

37

צו מיכאל קויפמאַן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[מיט די ווייטערדיקע בריוו הייבן זיך אָן שלום־עליכמס וואַנדערונגען איבער אייראָפּע און אַמעריקע. נאָך די פּאָגראָמען, דערפילט זיך גייסטיק דערדריקט און ניט געזען קיין האָפענונג אין רוסלאַנד פאַר אַ פרייער אידישער פרעסע און פאַרן אויפבוי פון אַ אידישן טעאַטער, איז ביי ש. ע. געבליבן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. אין דעצעמבער 1905 איז ער אַריבער מיט דער גאַנצער פאַמיליע די רוסישע גרענעץ און איז אַריינגעפאַלן קיין לעמבערג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז פאָרן מיטן גאַנצן הויזגעזינד קיין אַמעריקע וועט זיין אַ צו שווערע אונטערנעמונג, און סאיז אים אויסגעקומען צו פאַרבלייבן אויפן ווינטער אין גאַליציע, וואו דער אידישער עולם האָט אים אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע גאַליצישע שטעט און שטעטלאַך, און שפּעטער אויך אין ווין און אין עטלאַכע רומענישע שטעט. אין מאַי 1906 האָט זיך די פאַמיליע באַזעצט אין זשענעווע, שווייץ, און ש. ע. האָט אין משך פונם זומער געהאַט אַרויסטרעטונגען אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך, אין בעלגיע און אין ענגלאַנד. אין אָקטאָבער 1906 איז ער אָפּגעפאָרן מיט זיין פרוי און מיטן אינגסטן קינד נומאַ קיין ניו־יאָרק.]

קראָקע, 15־טן מערץ, 1906.

ליבער מיקאַעלאַ!

ווי איר זעט, בין איך אין קראָקע. די שטאָט איז אַ שטילע, אַ רואיקע. מע קאָן שלאָפן אפילו דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך ניט. הײַנט איז דאָ מיין אָוונט, און מאָרגן, פאַרשטייט זיך, אַ „קאַמערס" [35], אויף וועלכן עס וועט פאָרקומען דאָס אומפאַרמיידלאַכע געפּעכט פון רעדנערס (אָ, גאָט, דערבאַרים זיך!). איך שיק אייך דערמיט עטלאַכע מיינע פאַקסימילעס און אַן אויטאָגראַף — אַן עפּיטאַפיע, פאַרפאַסט פון מיר אויף יעדן פאַל, טאָמער וועט מיר ווען־עס־איז אויסקו־מען צו שטאַרבן. אַנו, פּרוּווט עס איבערזעצן מיט דיזעלבע פערזן (8 און 9) אויף רוסיש. איך האָב געזען אייער אַרבעט פון ליכטשריפט ביי ליאַלין. פאָטאָגראַ־

[35] אַ באַנקעט.



Kiew 23/24. XI. 05.

Дорогая [illegible]!

Пишу среди ночной тишины. Все спят, а я бодрствую до утра в ожидании предстоящей экстрадиции (ты еще не забыла изобретенной терминологии?) Страдания мои превосходят всякие пределы и я хочу успокоиться в письмах к тебе и к [illegible] (на обороте.) [illegible] прочтешь и пошлешь ему мою эпитафию в стихах, которую я бы желал [illegible] на моей могиле (через 120 лет, разумеется) на трех еврейских языках. Стихи правильные, 8 стопные и 9 стопные ямбы; таковыми они должны быть и по древнееврейски, если это возможно. Что же касается до срока, то это не к спеху: я, вот, еще не собираюсь на тот свет. Думаю еще совершить турне по Америке, [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] свободу пару десятков лет. [illegible] [illegible] [illegible]

Твой [illegible]

פאקסימילע פון בריוו נומער 36.

פירט, איך בעט אייך, אט דאס אויך, פאר וואס איך זאג אייך שוין א דאנק. און ווען רעכנט איר צו זיין אין לעמבערג? שרייבט מיר קיין לעמבערג.

איך דריק פריינטלאך אייער האנט.

שלום־עליכם.

38

צו דעמזועלבן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

יאסי, 22־טן אפריל, 1906.

א גרוס אייך, ליבער מיקאעלא, פון דעם חידושדיק־שיינעם, ארים־רייכן, פריי־געדריקטן, ערלאך־גנבהשן, אייראפעאיש־אזיאטישן רומעניע! —

ש. עליכם.

39

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

גאלאץ (רומעניע), 30־טן אפריל, 1906.

מיינע טייערע טיסיוניא און בערקאָוויטש!

ווי אזוי לעבט זיך עס אייך? פארוואס שרייבט איר מיר ניט? עס קאן דאך זייער פאסירן, אז מיר זאלן זיך גארניט זען אזוי גיך, אדער נאר אויף איין שעה. גוט וועט זיין, אויב די געשעפטן וועלן דערלויבן זיך צו באזעצן אין דער שווייץ. און אויב ניט? עס שטייט מיר פאר א נסיעה קיין ענגלאנד, און פון דארט — גאט מיינער! — קיין אמעריקע. דער געדאנק אליין וועגן א מעגלאכער צעשיידונג ווארפט־אן אויף מיר אן אומעט... וואס טראכטן זיך אונזערע „רעדאקטוירים“? ניט שוין זשע קאפוט? איך מיין, אז מיר וועלן זיך גיך זען. איך נעם אייך אלעמען ארום.

אייער פא.

ליאלין, עמאן, מארוסין און נומטשיקן א גרוס!

40

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[לאנדאן, אן א דאטום.]

טייערע טיסי און בערקאָוויטש!

קאלאסאל, גראנדיעז, דערדריקענד, פארניכטענד, קאלט, פייכט, גרוי, רויכיק, הארעפאשנע, פריי, ברעגלאז, קולטורעל, ווילד, נעבלדיק, פרעמד, מוראדיק — אט האט איר לאנדאן. וועגן איבעריקן שרייב איך דער מאמע. בערקאָוויטש! ניט שוין זשע האט בן־אביגדור ניט געענטפערט? איך בעט אייך, טייערע, שרייבט מיר, איך בין שרעקלאך עלנט. אלצדינג, וואס סאיז פאראן פאר מיר, שיקט מיר איבער אהער.

איך קוש אייך.

פא.

41

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

לאנדאן, 29־טן מאי, 1906.

טייערע טיסי און בערקאָוויטש!

איך בין זייער באליידיקט. איר האט מיך טאקע ניט באערט מיט אן ענטפער אויף מיינע בריוו. דאס איז חזירייִ, אויב מע זאל ניט זאגן א שטארקערן ווארט.

איך האב געלייענט בערקאָוויטשעס ארטיקל אין דעם לעמבערגער צייטונגל וועגן טעאטער און בין געוועזן אנציקט. ער האט געכאפט דעם סטרי... זאג אים, אז ער וועט שרייבן, ווארים ער יכולט, און דווקא אידיש!

שרייבט מיר אן וועגן אייער רייזע און וועגן אייערע איינדרוקן. שרייבט שוין בעסער קיין פאריז. אינגיכן וועלן מיר זיך זען.

אייער פא.

42

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אריגינאל]

פאריז, 3 יוני, 1906.

הבן יקיר לי ברקאָוויץ!

יקרתך קבלתי. התמונה אשר נתת לי קראתי באזני קויפמאן וכמו חי (כמו חרון?) היתה עומדת לפני עינינו התמונה היפה הזאת. הנסיעה שלכם עומדת ומתחננת להיות כתובה בעט ברזל על גבי נייר לבן ואח"כ נדפסת באיזה עתון מן העתונים (אבל לא אצל ***, שפושט לנו את שתי רגליו). אולי תאות אתה, יקירי, לקחת עליך את המלאכה הזאת? ראה נתתי לך טעמא יפה בשביל ספיר זשארגאני וסתירי. נסה־נא את כחך, כי גדול הוא! —

נשק נא את טיסי בעדי.

שלך ושלכם.

[די אידישע איבערזעצונג. —

מיין טייערער זון בערקאָוויטש! דיין בריוו האב איך באקומען. די שילדערונג וואס דו האסט מיר געגעבן האב איך פארגעלייענט פאר קויפמאנען, און ווי לעבעדיק איז געשטאנען פאר אונז דאס דאזיקע שיינע בילד. אייער נסיעה שטייט און בעט זיך צו באשריבן ווערן מיט אן אייזערנער פען אויף ווייסן פאפיר, און דערנאך געדרוקט צו ווערן אין איינער פון די צייטונגען

(אבער ניט ביי ***, וואס זעצט אונז ביידן אן). אפשר ווילסטו, מיין טייערער, נעמען אויף זיך די דאזיקע ארבעט? זע, את גיב איך דיר א שיינע טעמע פאר א זשארגאנישער סאטירישער דערציילונג. פרואוו דיין כח, ווארים ער איז גרויס!

טו א קוש טיסין פון מיינטוועגן.

דיינער און אייערער.]

43

צו מיכאל קויפמאן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

זשענעווע 7־טן יוני, 1906.

פריינט מישעל!

געקומען, פארשטייט זיך, בשלום און געטראפן מיין רעפובליק גאנץ. ביז צו היינטיקן טאג קאנען זיי צו זיך ניט קומען פון דער נסיעה. א גרוס דעם דר. שרייבער. היינט בין איך שוין געזונט און שפאציר. מיין גאנצע „כאליאסטרע" בעט אין איין קול צו גריסן.

אייער ש. עליכם.

44

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

לאנדאן, 16־טן יוני, 1906.
4 אזייגער פארטאג.

ליבע און טייערע!

איר וואונדערט זיך מסתמא, וואס איך שרייב אייך אזוי פרי, 4 אזייגער פארטאג. באלד וועט איר אלצדינג וויסן. איר קאנט אונז אפגעבן מזל־טוב. מיר ביידע, איך און די מאמע, האבן געפונען פאר זיך אן ארבעט, און זייער אן אידעלע ארבעט, כאטש זי האט גארנישט צו טון ניט מיט ליטעראטור, ניט מיט ציינדאקטארייי**. איך ווייס נאר ניט, צי מיר וועלן זיך לאנג האלטן ביי דער דאזיקער באשעפטיקונג. נאר איר הייבט שוין אן צו ווערן אומגעדולדיק, איר ווילט וואס גיכער וויסן, צו וואס פאר א טעטיקייט מיר האבן עס אוועקגעגעבן אונזער גאנצע ענערגיע? האט זשע געדולד נאך איין מינוט. מיר כאפן וואנצן! ענדלאך האט איר זיך דערוואוסט. נו, גאט צו דאנקען! איצינד וועל איך אייך דערציילן אלצדינג באריכות, ווי און וואס און ווען.

נאך א סך צרות מיט יסורים מיט שלעפן זיך איבערן ווייטשעפל, האבן מיר סוף־כל־סוף דערטאפט צוויי פראכטפולע חדרים, א קאבינעט מיט א שלאפצימער, לערך ניט טייער, מיט מעבל, מיט בלומען, מיט א גערטל אפילו, נו, און, פארשטייט זיך, מיט אן ענגלישן וואטערקלאזעט, און, חוץ לזה, מיט זייער א ליבער בעל־הביתטע, דאכט זיך, פון די גאליציאנער איזראעליטן, מיט ניין קינדער, זעקס טעכטער און דריי זין. היינט בעטן, מאטראצן, קאלדרעס — אלצדינג ערשט פון דער נאדל. און שטעלט אייך פאר, צוויי אזייגער ביינאכט כאפט זיך אויף די מאמע, וועקט מיך מיט איר אויקען. וואס איז געשען? דאס קינד ווארפט זיך, קאטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, איך אליין פיל עפעס אויך דאס בייזיין פון א זייטיקן קערפער, און ניט פון איינעם, נאר פון א סך קערפערלאך, וואס גייען זיך דורך מיט דריבנע טריטלאך איבער מיין גוף. מיר צינדן־אן א ליכט און — א, א שרעק! — א וואנץ, און נאך איינע, און נאך צוויי, נאך 5, נאך 11, נאך 34, נאך 58, נאך 82, נאך 99 וואנצן; און דארטן א מאה און א צווייטע איז צו באמערקן אונטער די קישנס. גיב אהער דאס ליכט, לאמיר זיי ברענען, די אויסוואורפן! מיר כאפן א קוק פארבייגייענדיק אויף די ווענט — עהע־הע! אין די הונדערטער, אין די טויזנטער עמיגרירן זיי פון די ווענט צו דער סטעלי און צוריק. מיר קוקן־אריין אין קאמין, אין שפיגל־שראנק, אין טישקעסטל. נישקשה, זיי זיינען דא, גאט צו דאנקען, אומעטום; אפילו אויף דער ערד שפאצירן זיי אום, די בעסטיעס. זיינען מיר אויפגעשטאנען און גענומען זיך אפטרייסלען, טאנצן און שפרינגען. איך בין א בעלן געווען א טאפ טון אין די הויזנקעשענעס, צי איז דארטן נישטא קיין וואנצן? אודאי, וואס זשע דען? געפונען עטלאכע שטיק. ביי דער מאמע אויפן קארסעט, איך שווער ביי מיין ערע, האבן מיר געפאקט איין חברה־מאן. מיר זיינען דערגאנגען אזוי ווייט, אז מיר זיינען געקראכן זוכן אין נומטשיקס שפילצייג, און אפילו אויפן ציפערבלאט פון מיין זייגער. איצינד גייט־אריין, איך בעט אייך, אין אונזער לאגע: נאכט. הויפטשטאט פון גרויסבריטאניע. ענגלישע קאנסטיטוציע. קראמוועל. דיזראעלי. א מיליארד וואנצן. דאס ליכט האלט ביים סוף. מיר קומען־אוים מיט שוועבעלאך. וואס זשע וועט זיין ווייטער, אז די שוועבעלאך וועלן אויך אויסגיין? אין גרויס פארצווייפלונג בין איך געגאנגען און אויפגעוועקט דער בעל־הביתטעס צוויי זין. דערציילט זיי אונזער אומגליק. זיי וואונדערן זיך, גלויבן ניט. „דאס הייסט, זאגן זיי, מיר האבן חלילה ניט די העזה אייך ניט צו גלויבן; נאר עס איז אוממעגלאך צו גלויבן, אז ביי אונז זאלן זיך געפינען וואנצן". ווייז איך זיי אויף א וואנץ, וואס קריכט טאקע ביי זיי אויפן קישן, און זאג: און דאס, לויט אייער מיינונג, איז ניט קיין וואנצן? „וואנצן? — זאגן זיי. — סך־הכל איינע א וואנץ!"... אודאי איז ביי אונז געבליבן גאנץ פרי צו מאכן פליטה. נאר צי וועלן מיר דערלעבן ביז אינדערפרי? צי וועלן אונז די גרויסבריטאנישע וואנצן ניט אויפעסן ביז דעמאלט? פון הינטער דער שכנישער וואנט הערט זיך א פארשטיקט געלעכטער. דאס לאכן פון אונז

**פרוי שלום־עליכם איז געווען אין קיעוו א ציינדאקטאר.

דער בעל־הביתטעם צוויי זין. אך, פארשאלטענע! א שאד, וואס איך האב ניט מיט זיך קיין באמבע! אויפרייסן וואלט מען זיי באדארפט אינאיינעם מיט די גרויסבריטאנישע וואנצן!... (פארזעצונג קומט).

אייער פ א.

נ. ב. — ליאלי! עס ווערט דיר איבערגעגעבן צו קאפירן דעם דאזיקן בריוו ווארט ביי ווארט און אפשיקן א קאפיע צו קויפמאנען קיין פאריז. דו הערסט? און אויך דו, מישא, נעם אראפ א קאפיע און שיק צו דיין חבר קיין רוסלאנד. זאל די גאנצע וועלט וויסן, וואס איז אזעלכעס די גרויסבריטאנישע קאנסטיטוציע מיט אירע וואנצן.

45

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

לידז, 6־7־טן יולי, 1906.

ליבע קינדערלאך!

איידער איך הייב־אן אייך צו באשרייבן אונזער אויפהאלט אינם פראווינציעלן ענגלאנד, פיל איך מיך געצוואונגען צו געבן אייך א פייערלאכע שבועה, אז אלצדינג, וואס איר וועט דא לייענען, איז לויטער אמת, ד. ה., אז דאס איז ניט קיין פעליעטאן, נאר אן אמתע פאסירונג.

ארויסגעפארן פון מאנטשעסטער זיינען מיר אין איילעניש (בחפזון), אן פרישטיק, און אנגעקומען אהער אזייגער צוויי הונגעריקע, אזוי ווי ליאלי אין זעקסטער קלאס גימנאזיע, אדער אזוי ווי מישא, וואס האט נעכטן אויפדערנאכט נ י ט געגעסן קיין וועטשערע. די ציוניסטן (גיט קויפמאנען א גלאז וואסער [37]), וואס האבן אונז באגעגנט, האבן אונז פארפירט פריער אין איינעם, דערנאך אין א צווייטן האטעל, אויף וואס עס האט זיך געפאדערט א שעה צייט. די ערשטע פראגע, וואס איז פארגעלייגט געווארן די הונגעריקע רייזענדער, איז באשטאנען אט אין וואס: „ווי אזוי קוקען די רוסישע אידן אויף דער שפאלטונג אין ציוניזם נאך הערצלען, און צי האט דער טעריטאריאליזם אין רוסלאנד א צוקונפט?“

[37] מ. קויפמאן איז דעמאלט געווען גענייגט צום „בונדיזם“.

שלום־עליכם אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע [לעמבערג, 1906].

זיצנדיקע — פון רעכטס צו לינקס: רחל לאיעוו, שלום־עליכם, נומא, ליאלי; שטייענדיקע — פון רעכטס צו לינקס: עמא, מארוסי, פרוי שלום־עליכם, מישא, ערנעסטינע, י. ד. בערקאוויטש.

דערויף האָב איך געענטפערט, אַז מיר זיינען ניט נאָר ניט קיין געגעסענע, נאָר מיר האָבן אַפילו קיין טיי ניט געטרונקען. דער וואונק איז גלייך (קויפמאַנען אויף צולהכעיס!) פאַרשטאַנען געוואָרן, און איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַן ענגלישן אַקצענט: אָ! וועגן עסן מעגן מיר זיין גאַנץ רואיק, וואָרים מר. פּ. האָט אונז צוגעשטעלט זיין עסצימער אויף דער גאַנצער צייט, וואָס מיר וועלן פאַרברענגען אין לידז! — און אָט איז ענדלאַך געקומען מר. פּ. אַליין, אויסגעפרעגט, ווי אַזוי סאיז אונז געגאַנגען די רייזע, און פאַרבעטן אונז צו זיך. גייען מיר. געגאַנגען־געגאַנגען, געגאַנגען, געקומען. אַוועקגעזעצט זיך. זיצן מיר. שמועסן וועגן דעם, וועגן יענעם, און מער פון אַלץ וועגן ציוניזם. אָט איז ביי אים פאַראַן אַ אינגל (אַ באָי), פערצן יאָר אַלט, אויך אַ ציוניסט, דעקלאַמירט ער אויסגעצייכנט „ציון“ פון ליובאָשיצקי. „עי, סעם, קום אַקאָרשט אַהער! טו אַ דעקלאַמיר פאַר די טייערע געסט „ציון“! אָבער פיינטשיק!“ — און דער פערצניאָריקער סעם האָט זיך אַוועקגעשטעלט דעקלאַמירן פאַר אונז „ציון“, פון וואָס עס האָט אונז אָנגעהויבן צו שפּאַרן אונטערן לעפעלע (ווייזט אויס, פון הונגער, מחמת סאיז שוין געווען העט אַרום 4 אַזייגער), און נומטשיק נעבאַך — דער האָט זיך אַזש צעוויינט: „מאַמע, עסן! מאַמע, אַ בולקע!“ דער דאָזיקער דועט האָט געדויערט ניט לאַנג, סך־הכל אַ מינוט 48 — און מע האָט אונז סוף־כל־סוף פאָרגעשטעלט פאַר דער בעל־הביתטע, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיט איר טואַלעט. אָפּגעזעסן מיט מרס. פּ. אַ מינוט 20 און דורכגעשמועסט זיך וועגן דעם קלימאַט פון דער „היגער שטאָט“ און וועגן דער אָנגעווייטיקטער צייטפראַגע אין ענגלאַנד (דינסטן), זיינען מיר ענדלאַך אַליין אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין מיט דער בעל־הביתטע אין עסצימער אַריין. אויף אונזער אומגליק האָבן מיר באַדאַרפט דורכגיין פאַרביי דער פּיאַנע און דער מאַמע האָט זיך פאַרוואָלט פּלוצים אַרויסווייזן דער בעל־הביתטע אַ פריינטלאַכקייט, אַ פרעג געטאָן: „וואָס, אייערע קינדער שפּילן?“ דערפון האָט זיך די בעל־הביתטע אַזש געפונען באַליידיקט: וואָס הייסט? נאָך אַ מין שפּילן! „עי, טאָכטער, טו אַקאָרשט אַ שפּיל פאַר די טייערע געסט „פונם בוך!“ אויף דעם דאָזיקן רוף האָט זיך גלייך באַוויזן אַ באַשעפעניש מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע לאָקן, געמאַכט אַ רעווערענס און דאַוואַי צימבלען אויף וואָס די וועלט שטייט. מיר זיינען פאַרגליווערט געוואָרן, די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פיס; נאָר איין נומטשיק האָט פון צייט צו צייט געשטערט די האַרמאָניע, דערקלערט גאַנץ הויך אויף אַ קול: „מאַמע, איך וויל ניט קיין מוזיקע, איך וויל עסן!“ (אָט אַ שייגעץ!). נאָר צו אַלצדינג אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ גרענעץ. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מר. פּ., אַז די צווייטע מוזיקאַלישע אָפּטיילונג וואָלט איך געבעטן אָפּלייגן אויף נאָך מיטאָג, מחמת דאָס קינד, זאָג איך, איז הונגעריק, און מיר אַליין האָבן היינט נאָך אויך קיין טיי ניט געטרונקען. זיינען מיר אַראָפּ אין עסצימער (אינם אונטערשטן שטאָק). אויפן טיש זיינען שוין געווען צוגעגרייט שאָלעכלאַך, אַ טעלערל מיט טרוסקאַווקעס, אַ צוויי־דריי ריפּטלאַך ברויט, באַשמירט מיט ווייכער געלער פּוטער (אַקוראַט דאָס, וואָס איך האָב שטאַרק ליב, מע קאָן זאָגן — איך פאַרגעטער!), און... מער גאָרניט! „וואָס גלייכט איר בעסער — סאָדעוואַסער, אָדער לימאָנעיד?“ זאָג איך: ניין, ניט דאָס, ניט יענעס, נאָר אויב סאיז מעגלאַך — ברויט, אָבער אָ ן פּוטער. מאַכט צו מיר די בעל־הביתטע: „פאַרוואָס? איר גלייכט ניט ברויט מיט פּוטער?“ האָב איך שוין געוואָלט זאָגן: „דאָס איז קאָקעפּיצי, ניט קיין פּוטער“, — האָט מיך נומטשיק פאַרכאַפּט און רופט זיך אָן צו דער מאַמע: „אָט דאָס אַ רופט זיך ביי זיי מיטאָג? אַ שיינער מיטאָג!“ (אַ שייגעץ קאָן!) . . . .

. . . .

עפּילאָג.

אַרום אַזייגער אַכט אינאָוונט האָבן די שטילע איינוואוינער פון דער שטאָט לידז געקאָנט באַמערקן, ווי צוויי אויסגעמאָרעטע רייזענדער מיט אַ אינגעלע אינמיטן שלעפּן זיך אָן אַ ציל און אָן האָפענונג איבער די גאַסן, שטעלן־אָפּ די פרידלאַכע ענגלענדער און ווענדן זיך צו זיי אויף אַ געבראָכענער שפּראַך מיט דער פראַגע: „רעסטאָ־ראַנט! ?“...

(אַ סוף. פאָרזעצונג קומט ניט.)

עס האָבן מיך אַרויסגערופן די ציוניסטן. איך בין נאָך הונגעריק. שוין באַלד האַלבע נאַכט. קיין רעסטאָראַן האָבן מיר ניט געפונען. איך טראַכט מכח אַ בראַאונינג. סאיז סומנע אין דער פרעמד אָן מיטאָג...

איך קוש אייך.

אייער פּ אַ.

46

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

לאָנדאָן, [10־טן סעפּטעמבער, 1906].

טייערע טיסיוניאַ און בערקאָוויטש!

הוררראַ! געווען ביי מיר דער סעקרעטער פון דער רעדאַקציע פונם „כראָניקל“ [38] און האָט געלאָזט

[38] לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל“, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַן אָפּטיילונג אויף אידיש.

וויסן אין נאָמען פונם רעדאַקטאָר, אַז די דערציילונג „אוגערקעס“ [39] איז אָנגענומען און האָנאָראַר פאַר איר וועט מיר אַריינגעטראָגן ווערן פרייטאָג אָדער מאָנטאָג — הערט און שטוינט! — 250 פראַנק! (צוויי און אַ האַלב מאָל מער ווי ביי דר. לוריע! [40]), מיט דעם תנאי, אַז איך דאַרף באַזאָרגן די דערציילונג מיט מיין הקדמה. דערביי זיינען געווען ברענער און ביילין [41]. — — — — ברענער האָט זיך דערפרייט און אויסגעשריען: „אַי, בערקאָוויטש!“ רבונו של עולם, וואָס וועט איר טון מיט אַזאַ פאַרמעגן? צי רעכנט איר ניט זיך קויפן אַ ווילע אין זשענעווע, אָדער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, צוויי ווינטערדיקע מאַנטלען אַקעגן אָסיען? נאָר גייט דאָרט ניט אַראָפּ פון זינען פאַר גרויס שמחה, דער רוח זאָל עס נעמען! שיקט־צו, למען השם, „וואַרע“, אָבער וואָס מער, וויבאַלד איר זיינט אַצינד אין דער מאָדע. סאיז דאָ אַ גרויסער נאָכפרעג אין לאָנדאָן, אויפן ליטעראַרישן מאַרק, אויף בערקאָוויטשן. אייערע אַקציעס שטייגן. די גאַנצע פרעסע שרייט אין איין קול: גיט אונז בערקאָוויטשן! און דווקא נאָר אוגערקעס! עפּעס איינער אַ פרוכטהענדלער פון וויטשעפּל איז געקומען צו מיר נאָך בערקאָוויטשעס אוגערקעס. ער פאַרזיכערט, אַז ער קאָן פאַרנעמען וויפיל סאיז דאָ פאַראַן. (טיסינקע, קאָן מען ניט לייען ביי דיר אַ ביסל געלט? ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט וועל איך אָפּגעבן. בערקאָוויטש, זאָגט ניט אָפּ! —). הכלל, די געשעפטן, הייסט עס, זיינען כמיין?... מיאָ... צוריק שמועסנדיק, האָב איך עס תמיד געזאָגט... נו, און אַזוי ווייטער. איך קוש אייך.

פ. אַ.

47

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

לאָנדאָן, אינדערפרי, 11־טן סעפּטעמבער, 1906.

טייערע קינדער!

ענדלאַך האָבן מיר באַקומען פון אייך און פון מישאַן אַ פּאָר בריוו. גוט, וואָס איר שרייבט אָפּט. אונז ציט אַהיים, און מיר האָפן. נאָר... סאיז ניט אין אונזערע הענט. —

עס וואָלט זיך זייער געוואָלט אַ קוק טון אויף אייך, איידער מיר פאָרן אַוועק אין אַזאַ וויט לאַנד [42]! פאַרלירט ניט די האָפענונג.

איך קוש אייך אַלעמען.

אייער פ. אַ.

[39] פון י. ד. בערקאָוויטש. — [40] דעמאָלט רעדאַקטאָר פון דער ווילנער וואָכנשריפט „דאָס אידישע פאָלק“, וואו „אוגערקעס“ האָט זיך געדרוקט. — [41] די העברייאישע שרייבער י. ח. ברענער און אשר ביילין. — [42] אַמעריקע.

ליאַלי! איך ראָט דיר זיך צושאַרן צו טיסין. זי איז אַצינד אַ נגידית... פאַרוואָס שרייבסטו מיר ניט באָטש איין מאָל אין וואָך? שעמען מעגסטו זיך! עמאַ! מוזאַ! מיר האָפן זיך אַראָפּצוכאַפּן אין דער שווייץ. פ. אַ.

48

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[לאָנדאָן, אָן אַ דאַטום.]

טייערע טיסיוניאַ און בערקאָוויטש!

הורראַ! קאַראַאול! טאַראַראַבומביאַ! (אָדער, ווי נומטשיק זאָגט אין אַזעלכע פאַלן: „פּאָזאַר!“ [43]). מיר האָבן באַקומען 250 (זאָג: צ ו ו י י ־ ה ו נ ד ע ר ט פ ו פ צ י ק) פראַנק פאַר בערקאָוויטשעס „אוגערקעס“ מיט אַ הקדמה פון ש. על., וועלכע, פאַרשטייט זיך, איז שוין אָנגעשריבן און איבערגעגעבן, און די דערציילונג וועט זיך אָנהייבן דרוקן אין „דזשואיש קראָניקל“ צו סוכות. דאָס דאָזיקע האָנאָראַר 250 (זאָג: צ ו ו י י ה ו נ ד ע ר ט פ ו פ צ י ק) פראַנק ווערט אָפּגעשיקט צו אייך אויפן אַדרעס פון דער באַבע, וואָרים בערקאָוויטשן וועט מען נאָך אפשר ניט אָפּגעבן, סאַ סכנה. סאיז דאָך ציטעריקעס געלט, און וואו סאיז דין, דאָרט רייסט זיך. דערמיט ווערן אויך ביגעלייגט פּאַספּאָרטן פאַר אייך אַלעמען. דער היגער רוסישער קאָנסול גיט־אַרויס אַזעלכע אומזיסט. דאָס איז די איינציקע גוטע זאַך אין לאָנדאָן. און נאָך איין גוטע זאַך איז דאָ אין לאָנדאָן, וואָס פאַר אוגערקעס צאָלט מען אַזעלכע געלטער... הכלל, ביזן קומענדיקן בריוו. איך קוש אייך ביידן.

אייער פ. אַ.

[פונם אָריגינאַל]

יצחק דוב יקירי! להוי ידוע לך שבשביל ה„רבקה“ נדחה ה„מפטיר“ לפי שעה, וזה האחרון יודפס אחרי הראשון. גם אני גם ברענער גם העורך של ה„יוד. כראָניקעל“ גמרנו והחלטנו „ברוב דעות“ לכנות את הספור בשם „רבקה“. עקז' אחד תקבל מאת המערכת ועקז' אחדים אשלח לך מפה, כי הספור יופיע בטרם נסיעתנו. — בההקדמה שלי לא הארכתי יותר מדי ודברתי על אדות ה„צעירים“ שלנו בכלל ואדותיך בפרט. ואתה, בן־אָדם, שלח־נא את תמונתך אל תאחר, ואם קשה עליך הדבר, תעשה־נא זאת טיסי ואתה תעמוד מרחוק.

כולי שלך.

[43] עס ברענט!

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער יצחק דוב! זאָלסט וויסן זיין, אַז צוליב דער „רבקה" איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן דער „מפטיר"[44], און אָט די לעצטע וועט זיין געדרוקט נאָך דער ערשטער. איך, אויך ברענער, אויך דער רעדאַקטאָר פונם „דזשואיש קראָניקל" האָבן באַשלאָסן מיט אַ „מאַיאָריטעט שטימען" באַטיטלען די דערציילונג מיטן נאָמען „רבקה". איין עקזעמפּלאַר וועסטו באַקומען פון דער רעדאַקציע און עטלאַכע עקזעמפּלאַרן וועל איך דיר שיקן פון דאַנען, וואָרים די דערציילונג וועט דערשיינען איידער מיר פּאָרן־אָפּ. — אין מיין הקדמה האָב איך קיין סך ניט מאריך געווען, איך האָב גערעדט וועגן אונזערע „יונגע" בכלל און וועגן דיר בפרט. און דו, מענטש, שיק אַרויס דיין בילד אומגעזאַמט, און אויב דאָס איז פאַר דיר שווער, זאָל עס טון טיסי, און דו וועסט שטיין פונוויטן.

איינגאַנצן דיינער.]

49

די הקדמה צו „אוגערקעס"

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[אויפן פאַרלאַנג פון י. ד. בערקאָוויטש, האָט ש. ע. דעמאָלט די דאָזיקע הקדמה זיינע צו דער דערציילונג „אוגערקעס" אינם „דזשואיש קראָניקל" ניט פאַרעפנטלאַכט.]

רבקה

דערציילונג

פון

י. ד. בערקאָוויטש

מיט אַ פאָררעדע

פון

שלום-עליכם.

דור הולך ודור בא...

איין גענעראַציאָן גייט־אונטער, די אַנדערע קומט־אָן...

דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר נעקומען, בשעת איך האָב דורכגעקוקט די ערשטע דערציילונג אין אידישן פון י. ד. בערקאָוויטש. בערקאָוויטש איז אין דער אידישער ליטעראַטור צוואַר ניט קיין נעכטיקער; זיינע העברייאישע סקיצן אין „הצופה", „הזמן", „השלוח" האָבן אים געשאַפן אַ גאַנץ שיינעם נאָמען אין אונזער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור. זיין ערשטע דערציילונג „מאָשקעלע חזיר", וואָס האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז אויפן בעלעטריסטישן קאָנקורס פון „הצופה" אין וואַרשע, איז זיינערצייט געווען אַ מין יום־טוב ביי די יונגע אידישע שריפטשטעלער און לעזער. דער מחבר איז דעמאָלט אַלט געווען אויב נישט זעכצן יאָר (איצט איז ער שוין אַלט אַלע צוואַנציק). אָבער אין אונזער אידישער פאָלקסשפּראַך, וואָס מע רופט זי נישט ריכטיק זשאַרגאָן, איז **רבקה** דאָס ע ר ש ט ע ווערק פון י. ד. בערקאָוויטש. — איבער דעם אינהאַלט פונם ווערק וויל איך נישט זאָגן גאָרנישט: דאָס ווערק רעדט אַליין פאַר זיך, און דער לעזער, וואָס האָט אַ געשמאַק און זוכט עפּעס אין אַ ווערק, וועט געווים באַלד אַליין פאַרשטיין מיט וועמען ער האָט צו טון. דאָס וואָס איך וואָלט יאָ וועלן זאָגן איז וועגן בערקאָוויטש בכלל אַלס ליכטיקע דערשיינונג אין אונזער יונגער ליטעראַטור. איך האָב געבראַכט דאָס וואָרט „ליכטיקע" מיט אַ כיוון, ווייל אין אונזער יונגער אָרימער פאָלקסליטעראַטור האָבן די לעצטע צייט איינגעוואַנדערט, גאָט ווייסט פון וואַנען, אַזעלכע שרייבער, צוממיינסטן יונגע (אין העברייאיש רופן זיי זיך „צעירים"), מיט אַ גאַנץ נייעם שניט פון דעקאַדאַנס, אָדער פון „שטימונג", ווי זיי רופן דאָס אָן. ווילט איר וויסן וואָס איז דאָס אַזעלכעס שטימונג? שטימונג הייסט: ווערטער, סתם ווערטער, הויכע, געבלאָזענע, קיילעכיקע, שפּיצעכיקע, מוראַדיקע ווערטער, מיט פינטעלאַך אַ סך און מיט פאַסעקלאַך. דערצו אַ צוויי־דריי בילדלאַך, אַ בוימעלע וואָס גוסעט, אַ צווייגעלע וואָס ווינקט, אַ פייגעלע וואָס ביינקט, אַ ווינטעלע וואָס לאַכט, אַ קאַץ וואָס לאָזט אַ טרער — און פאַרטיק! קיין שום ספּור־המעשה, קיין ברעקל פּסיכאָלאָגיע, קיין שפּור פון שילדערונג, טיפּן, כאַראַקטערן, — אַבי עס קלינגען שיין (ניט אַלע מאָל שיין) די ווערטער, אַבי ס'איז שווער צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט — און אדרבה, וואָס ס'איז שווערער צו פאַרשטיין, וואָס ווינציקער אינהאַלט, דעסטאָ מער שטימונג. אַמאָל האָט דאָס געהייסן „מליצה", היינט הייסט דאָס „שטימונג". איר קאָנט עפענען אַ זשורנאַל אָדער אַ בוך און באַגעגענען אַ דערציילונג פון סאַמע שטימונג, אַ ליד פון שטימונג, אַ פּובליציסטישן אַרטיקל פון שטימונג, אַ קריטיק פון שטימונג איבער שטימונג — בקיצור, שטימונג — דאָס איז אַ חולאַת געוואָרן, אַזאַ מין קריינק רחמנא ליצלן, וואָס עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז אונזערע קריטיקער זאָלן זיך אויף דעם אַרומקוקן.

גליקלאַכערווייזע האָט די דאָזיקע שטימונגסקריינק בערקאָוויטשן נ י ש ט אָנגערירט, און מיר זעען פאַר זיך אַ טאַלאַנט אַ געזונטעם, אַ פרישעם, וואָס לעבט, וואָס צאַפּלט, וואָס שילדערט, וואָס מאָלט אונז טיפּן און בילדער פונם אַלטעגלאַכן אידיש־מענטשלאַכן לעבן, יאָגט זיך ניט נאָך קיין עפעקטן פון שטאַרקע ווערטער, באַנוצט זיך ניט מיט קיין פינטעלאַך, זוכט

[44] דערציילונגען פון י. ד. בערקאָוויטש. „רבקה" איז דיזעלבע וואָס „אוגערקעס".

ניט קיין שטימונג. שטימונג קומט אַליין, במילא, נאָכדעם. פירט ער אײַך אַרויס אַ אידל אַ קראַנקס, אַ שלימזל, אַ נפש וואָס הונגערט און הוסט, זעט איר דאָס געלע פּאַרמעט־פּנים, איטלאַכס האָר פון דעם געדיכטן בערדל, די פאַלדן פון דער צעריסענער קאַפּאָטע, איר שפּירט דעם ריח פון דעם ציגאַר, וואָס ער פּיפּקעט, הוסט און פּיפּקעט, איר הערט ווי ער הוסט בײַנאַכט אין דער פינסטער און דאָס בעטל אונטער אים העלפט אים קרעכצן... באַשרייבט ער אײַך אַ אידענע אַן אָרימע, אַ פּאַרוואָגלטע נשמה, מיט קינדער אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, זעט איר זי מיט די פאַרשלומפּערטע קליידלאַך און מיט די אַרומגעבונדענע שאַלן און מיט די קאַריאָווע הענט און מיטן פּאַרזאָרגט־פאַרטאַרעראַמטן פּנים, און איר הערט איר לשון, אַ „מענה לשון" פון אַ אידענע, וואָס גאָט האָט זי געשטראָפט מיט קינדער, נאָר נישט מיט פּרנסה... מאָלט ער אײַך אַ מיידל, זעט איר אַ גאָטס באַשעפעניש, בלוט און מילך, מיט אַן אײדעלער נשמה וואָס ציט זיך ערגעץ, מיט אַ האַרץ וואָס פילט, וואָס ליבט, וואָס צאַפּלט, פלאַטערט, גייט־אויס נאָך ליבע אינם וויסטן עלנט פון דעם פאַרחושכטן דלות. שילדערט ער אײַך די נאַטור, זעט איר זי און פילט זי. איר זעט פאַר זיך און פילט אַ זון, וואָס ברענט און גיסט מיט ליכטיקייט און וואַרימקייט אויפן קליינעם אָרימען שטעטל, אויף די שוואַרצע גרינבלאַכע דעכער פון די אײַנגעהויקערטע גרויע הײַזלאַך, אויף דעם אײַנפאַכן לאַנגן גאָרטן מיט די צוגעסמאַלעטע האָדענע פון די אוגערקעס, וואָס קוקן־אַרויס פון אונטער די בלעטלאַך



שלום־עליכם אין לאָנדאָן
[זומער 1906].

און שמייכלען צו אײַך, און איר זעט זיי, איר הערט זייער גרינעם ריח, און איר געלוסט צו זיי, און עס ווילט זיך אײַך מאַכן „שהחיינו" — און אַלעס אַרום און אַרום לעבט און וויל לעבן...

בערקאָוויטש מאַכט נישט קיין העלדן, וואָס פליען אין הימל, טראַכט נישט אויס קיין איבערמענטשן, וואָס ווילן און ווייסן ניט וואָס זיי ווילן, ער בלאָנזעט ניט אין די הויכע ספערן; ער לאָזט זיך אַראָפּ אין די קליינע פינסטערע אָרימע הײַזלאַך גאַנץ נידעריק, קוקט־אַרײַן אין דער פאַריתומטער נשמה פון די פאַרגעסענע קליינע מענטשעלאַך גאַנץ טיף, נידערט־אַרײַן צו זיי אין פאַרביטערטן האַרצן אַרײַן מיט ריינע הענט און מיט זויבערע מחשבות, און — מערקווירדיק! — ערשט דאָרטן, אין די קליינע פינסטערע אָרימע הײַזלאַך, בײַ די פאַרגעסענע קליינע מענטשעלאַך, דעקט ער אויף פאַר אײַך אַזאַ מוראדיקן העלדישן און פּאָעטישן טראַגיזם, וואָס צערײַסט אײַך דאָס האַרץ אויף שטיקער, און איר האָט רחמנות אויף די דאָזיקע אָרימע, פאַרוואָגלטע און פאַרגעסענע, און איר באַקומט זיי ליב מיט לײַב און לעבן.

נאָך אַ פּאָר ווערטער וואָלט איך וועלן זאָגן איבער דער שפּראַך, איבערן סטיל פון בערקאָוויטש. דאָס איז ניט יענע געבלאָזענע אומנאַטירלאַכע שפּראַך פון די נײַע „שטימונגס־מחברים", וואָס אום אַרויסצורופן אָדער אַרויפצוואַרפן אויף אײַך וואָס מער שטימונג, הייבן זיי אָן תמיד מיט אַ „און" און באַנוצן דאָס צײַטוואָרט שטענדיק אויפן סוף. צום בײַשפּיל:

„... און ווען דאָס מיידל איז אין שטאָט געקומען, איז דער הימל פֿאַרוואָלקנט געווען, און אַ רעגנדל האָט אין דרויסן געמראַקעט, און ווען זי האָט הונגער דערפֿילט, איז זי אַהיים עסן געגאַנגען...“

אַ געוויינלאַכער מענטש וואָלט געזאָגט טאַקע דאָס אייגענע, נאָר אַ ביסל אַנדערש:

„אַז דאָס מיידל איז געקומען אין שטאָט, איז דער הימל געווען פֿאַרוואָלקנט און עס האָט געמראַקעט אַ רעגנדל, און אַז זי האָט דערפֿילט, אַז זי איז הונגעריק, איז זי געגאַנגען אַהיים עסן“.

דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין ערלאַכער און פּשוטער און גזינטער און חנעוודיקער, ווי אַז מע רעדט פּשוט, ווי מענטשן ריידן?... און אָט אַזוי ריידן ביי בערקאָוויטשן זיינע העלדן, און אָט אַזוי רעדט דער מחבר אַליין.

דור הולך ודור בא... אַ גענעראַציאָן גייט־אַוועק, אַ גענעראַציאָן קומט־אָן. עס דאַרף זיך פֿרייען, מיין איך, יעדער אידישער שרייבער, וואָס געהערט צו דעם אָפּגייענדיקן דור, אַז ער זעט פֿאַר זיך צווישן די יונגע באַגינענדע שרייבער, וואָס הייבן ערשט אָן זייער קאַריערע, אַזאַ גליקלאַכע דערשיינונג, ווי י. ד. בערקאָוויטש.

שלום־עליכם.

גענף, אַפּריל[45] 1906.

50

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פֿונם רוסישן אָריגינאַל]

[דעם דאָזיקן בריוו, אין דער פֿאָרם פֿון אַ טאָגבוך, האָט שלום־עליכם געשריבן אויפֿן שיף „סט. לואיס“, בעת ער איז מיט זיין פֿרוי און קינד נומאַ געפֿאָרן צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע. — דאָ ווערט דער בריוו געגעבן מיט אייניקע אויסלאָזונגען.]

פֿון לאָנדאָן ביז ניו־יאָרק

אַ טאָגבוך.

צווישן הימל און וואַסער. אַטלאַנטישער אָקעאַן.

מאָנטאָג, 16־טן אָקטאָבער, 1906.

טייערע!

איך שרייב אייך די בלעטלאַך, ליגנדיק אין אַ קאַבינע פֿון צווייטער קלאַס. היינט איז דער ערשטער טאָג, וואָס מע קאָן שוין האַלטן אַ בליישטיפֿט אין האַנט. שבת, דעם גאַנצן טאָג, איז געווען שטיל. מיר האָבן געשפּאַצירט, געגעסן, געטרונקען, פֿאַרפֿירט באַקאַנטשאַפֿט א. אַ. וו. זונטאָג אינדערפֿרי האָט אונז אויפֿגעוועקט דער גלאָק, וואָס רופֿט צו פֿרישטיק. מיר זיינען אויפֿגעשטאַנען. אָנגעטאָן זיך. אַרויס אויפֿן דעק. געוואָלט צום טיש. נאָר סהאָט שוין דערביי ניט געהאַלטן. דער אָקעאַן האָט זיך צעשפּילט. עס וואַרפֿט דאָס שיף אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ שפּענדל. שלעכט. מענטשן ווערט נישט־גוט. עס ליידן פֿרויען, עס ליידן קינדער. די מאַמע האָט זיך איינגעאָרדנט אויבן אויף דער פּלאַטפֿאָרם, אויף אַ וויינן שטול, מוטשעט זיך. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אויפֿן דעק, אויף אַ האַרטן שטול, האַלט זיך. נומטשיקן האָב איך גענומען אויפֿן שויס, דערצייל אים אַ לאַנגע מעשה אָן אַן עק. ער דרימלט, שטייט־אויף, קלאָגט זיך, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי און סאיז אים נישט־גוט. עסן ווילט זיך אינגאַנצן ניט. דער אָקעאַן שטורימט. אַ מוראַדיקע נאָגעניש. מיט מאַטערניש גייען מיר אַראָפּ אונטן. קוים זיך אויסגעטאָן, געלייגט זיך. ווי אין אַ טשאַד ווערן מיר אַנשלאָפֿן. מיר כאַפּן זיך אויף מאָנטאָג זיבן אַזייגער אינדערפֿרי. שלעכט. דער אָקעאַן ווערט וואָוטיק. מיר קאָנען שוין ניט אויפֿשטיין. מיר קלינגען. עס קומט־אַריין אַ סטואַרט מיט אַ וועכטערן. ברייגנען קאַפֿע. נאָר ווער וועט עס טרינקען? מיר לעבן מיט וואַסער, מיט מאַראַנצן, מיט וויין (מאַדעראַ). נומטשיק כאַפּט זיך אויף מיט אַ פֿראַגע: וואו זיינען מיר? ער וויל ניט קיין אַמעריקע, ער וויל קיין זשענעווע. דאָס האַרץ ווערט פֿאַרקלעמט פֿון ווייטיק. עס גיסן זיך שטילע טרערן. — — —

היינט, דעם פֿערטן טאָג, דינסטאָג, האָבן מיר זיך אויפֿגעכאַפּט זיבן אַזייגער. אויפֿשטיין ווילט זיך ניט. נאָר נומטשיק האָט זיך אָפּגעבעטן. מיר האָבן אים אָנגעטאָן ליגנדיק. איצט זיצט ער אויף דער ערד, זיפֿצט, שפּילט אין דאָמינאָ אַליין מיט זיך און מאָלט אָן אַן אויפֿהער. מיר האָבן גוט פֿאַרדעקט דאָס פֿענסטערל, מיר זאָלן ניט זען די שטורימדיקע כוואַליעס פֿונם וואָוטיקן אָקעאַן, אָנגעצונדן די עלעקטריק. און אָט איז שוין 48 שעה, וואָס ציען זיך פּונקט ווי אַ לאַנגע נאַכט. — — — ביז דאָנערשטאָג זיינען מיר אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. דאָנערשטאָג וועלן מיר געבן אַ טעלעגראַמע דורכן דראָטלאָזן טעלעגראַף (מאַרקאָני) קיין ניו־יאָרק, און דאָרט וועט מען אונז אָפּוואַרטן ביים האַפֿן. — — —

מע האָט אַריינגעטראָגן מיטאָג. געקאָנט עסן נאָר זופּ און אייזקרים. דער איינדרוק — גלייך מיר זיינען אין אַן אַרעסטאַנטן־שפּיטאָל. און דער גיגאַנט טראָגט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צום פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד, קעמפֿט מיט די שיפּענדיקע כוואַליעס פֿון דעם בייזן אָקעאַן. דער געדאַנק, אַז דאָס איז שוין דער פֿערטער טאָג, גיסט־אַריין פֿרישן מוט אין דער נשמה. אַך, נאָר פֿיר טעג נאָך!!!!

[45] פֿון די פֿריערדיקע בריוו איז צו זען, אַז די הקדמה איז געשריבן אין לאָנדאָן, אין חודש סעפּטעמבער. פֿאַרוואָס ש. ע. האָט דאָ אָנגעגעבן „גענף“ און „אַפּריל“ — איז אומפֿאַרשטענדלאַך. אפשר דערפֿאַר, ווייל ער האָט אין גענף צום ערשטן מאָל געלייענט די „אונגערקעס“ ביים מחבר און דאָרט פֿאַרצייכנט זיין איינדרוק.

הוראַ! פֿאַרנאַכט זיינען מיר מיט נומטשיקן אויפֿגעשטאַנען און אַרויפֿגעגאַנגען אויבן עסן מיטאָג. די מאַמע האָט ניט ריזיקירט אויפֿצושטיין. מיר האָבן איר געבראַכט אַ געבראָטענעם הערינג מיט פּאָטייטעס (קאַרטאָפֿל). די שמחה איז געווען אויסערגעוויינלאַך. אַ קלייניקייט — הערינג, און נאָך געבראָטענער דערצו! איך שפּאַס ניט. נאָך דער ענגלישער קיך, וואָס איז צוגעפּאַסט פֿאַר די רשעים אין גיהנם, איז אַ געבראָטענער הערינג אַ זעלטענער מאכל. דאַכט זיך, די ים־קראַנקייט איז שוין אַוועק.

מיטוואָך, דעם 17־טן. פֿינפֿטערטאָג.

דער גלאָק האָט אונז אויפֿגעוועקט 7 אַזייגער אינדערפֿרי, און 8 רופֿט מען צו ברעקפֿעסט (פֿרישטיק). **איך** מיט נומטשיקן זיינען אויפֿגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן, כאָטש עס קאַטשעט אונז נאָך. מיר האַלטן זיך קוים אויף די פֿיס. — — — **איך** רייס איבער.

אַרום 11 אַזייגער.

מיר האָבן אַרויסגעפֿירט דער מאַמע אויפֿן דעק. אַוועקגעזעצט אויפֿן שטול. דער אָקעאַן — פּונקט ווי אַ שפּיגל. מיר האָבן זי איינגעדעקט פֿון אַלע זייטן. די אַנזיכט איז וואונדערלאַך. דאָס וועטער — אַ פּראַכט. זון. איך מיט נומטשיקן קוקן זיך צו צום קאָרטנשפּיל, וואָס גייט־אָן אין פֿולן גאַנג. אַמעריקאַנער מאַכן אַ קערטל. דייטשן זשליאָקען ביר. ענגלענדער פּרעסן. עפּעס איינער אַ סלאַוו צימבלט אויף אַ באַלאַלאַיקע. אויף דער נשמה איז פֿריילאַך. דער אַפּעטיט איז גרויס!

אויפֿן דעק.

זון. דער אָקעאַן — קוועקזילבער. דאָס שיף... איר ווילט וויסן, וואָס הייסט אַ שיף? דאָס איז אַ קליינע באַוועגלאַכע קאָלאָניע, מיט גאַסן, מיט געסלאַך, מיט הייזלאַך, מיט געזינדלאַך, מיט קינדער, מיט אַ געשריי, מיט אַ יאַריד. פֿאַראַן אַ בירשיינק, אַ באַרבער־הויז, אַ פּאָסט, אַ טעלעגראַף, אַ באַנק, אַ קיך, אַ קאָלאָסאַל עסצימער, ד. ה. עטלאַכע עסצימערן. די באַפֿעלקערונג פֿון אונזער קאָלאָניע ציילט, זאָגט מען, 3500 נפֿשות. הכלל — אַ קליין באָהוסלאַוו.

— — — — — — — — — — — — — —

מיר ריידן וועגן אייך, טייערע. האָט איר באַקומען אונזער בריוו מיטן געלט פֿון לאָנדאָן? מאָרגן שיק איך אַ טעלעגראַמע קיין ניו־יאָרק דורכן דראָטלאָזן טעלעגראַף, אַז מיר קומען שבת נאָכמיטאָג. אויף אייער צייט וועט דאָס זיין ביינאַכט. דעריבער וועט איר פֿריער פֿון זונטאָג אונזער טעלעגראַמע ניט באַקומען. און אונזערע בריוו, ווייווויי, ערשט אין אַכט־צען טעג נאָך דער טעלעגראַמע. מיר וועלן אייך **שרייבן** אַזויפֿיל מאָל, וויפֿיל מאָל אין וואָך עס גייען־אָפּ שיפֿן קיין אייראָפּע. דאַכט זיך, דריי מאָל אַ וואָך. איר אָבער שרייבט יעדן טאָג.

מיטוואָך, דעם 17־טן אינאַווגוסט, 8 אַזייגער.

— — — — —

— — — — —

ווייניק אידן אויף אונזער שיף, און דעריבער איז אומעטיק. אידן האָבן שוין אַ באַזונדער טבע: זיינען זיי אַ סך, איז שווערלאַך זיי צו פֿאַרטראָגן; זיינען זיי נישטאָ — בענקט מען נאָך זיי.

איר וואָלט באַדאַרפֿט זען נומטשיקן, ווי ער האָט זיך איינגעמאָסטעט אין קאַבינע אויף דער ערד צווישן די בעטלאַך, אָפּגעצאַמט זיינע מאַיאָנטקעס. עס זיצט זיך אַ קינד און זינגט זיך: „אָקע־אַן! אָקע־אַן!“... אגב, אַלע פּאַסאַזשירן אויפֿן אָקעאַן זיינען קינדער.

דעם 18־טן, דאָנערשטאָג, אינדערפֿרי.

איך שרייב אויפֿן דעק, אויף אַ שטול, אין הענטשקעס, מיט נומטשיקן אויף די הענט. די שמחה פֿון



שלום־עליכם און זיין פֿרוי מיט זייער אינגסטן זון נומאַ
[ניו־יאָרק, 1907].

די פּאַסאַזשירן ביים באַוואוסטזיין, אַז ערד איז נאָענט, האָט ניט קיין גרענעצן. מאָרגן, זאָגט מען, וועלן מיר זען יבשה.

אָקערשט געשיקט אַ טעלעגראַמע קיין ניו-יאָרק דורכן דראָטלאָזן טעלעגראַף.

דער אָקעאַן איז שטיל געוואָרן. נאָר מיר וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אויף אונזערע שיפלאַך אין דער קאַבינע, וואו סאיז רואיק, וואַרים, ליכטיק, און עס קאַטשעט ווייניקער. כדי עס זאָל אונז זיין פרייליכער, גנבענען מיר עפּל און אָרענדזשעס און דערנאָך עסן מיר זיי.

אַרום 12 אַזייגער ביי טאָג האָב איך מיך אַרונטער-געלאָזט אין דריטער קלאַס, „צום פאָלק". גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ שוידער! מענטשן ווערן דאָ באַטראַכט, ווי פיך. ניין, איידער פאָרן מיט דער דריטער קלאַס, איז שוין גלייכער מיט דער ערשטער. — באַלד האָט מיך אַרומגערינגלט די גאַנצע אידישע קאָלאָניע. דאָס האָט גלייך באַמערקט די דינערשאַפט און האָט מיך געבעטן מחילה צוריק אין „סעקאָנד" קלאַס. נאָך דעם האָט זיך מיר אונזער געצעלט (צווייטע קלאַס) אויס-געוויזן ווי אַ גן-עדן.

מאָראַל: מענטשנזון! קוק נידעריקער פון דיר...

2 אַזייגער ביי טאָג.

אַ וויכטיקע באַקאַנטמאַכונג. היינטיקער מיטאָג איז באַשטאַנען פון אָט די מאכלים (ליאַלי! מאַרוסי! איר האָט, דאַכט זיך, ליב צו לייענען שפּייזצעטלאַך?): 1) ברויט. 2) ים-זופּ מיט קרייטאַכצער. 3) ווייספיש, הייסע, מיט יויך. 4) פּי-רעזשקעס. 5) שאָפּנפלייש מיט סאַלאַרי. 6) הינערשע לעבערלאַך מיט פעפער. 7) סוויטפּאָטייטעס. 8) סאַ-לאַט. 9) געבראָטן חזירפלייש. 10) אונטערגעברעמטע ריפּטלאַך ברויט. 11) אייזקרים. 12) מאַרמעלאַד-זשילע. 13) מאַראַנצן. 14) קאָפע.

פון דעם אַלעם האָבן מיר געקאָנט עסן אָט וואָס: 1) זופּ, 2) פיש, 3) אייזקרים, 4) קאַרטאָפל, 5) קאָפע, 6) צו איין מאַראַנץ אויפגעגעסן און צו צוויי אַוועק-געגנבעט. מיר האָבן אויך געגנבעט אַ בולקעלע און באַהאַלטן אויף אינאָוונט. אַז מיר וועלן זיך אויסהונ-גערן, וועלן מיר עסן בולקע מיט אָרענדזשעס. בכלל, ווערט דאָס דאָזיקע געבאָט (לא תגנוב) אויפן אָקעאַן ניט אָפּגעהיט. אַלע גנבענען, פון דעם קאַפּיטאַן ביזן לעצטן סטואַרט. — — — אַ גוטער ביישפּיל פאַר די פּאַסאַזשירן און אַ לערע פאַרן יונגן אויפגעקומענעם דור. (נ. ב. נומטשיק פרעגט מיך: „וויפיל, פּאַפּאַ, האָסטו היינט געגאַנוועוועט מאַראַראַנצן?"...). סאיז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בעת מיר זיינען צוגע-טראָטן צו דער אַרבעט פון גנבענען פרוכט, האָט זיך נומטשיק צעשריען איבערן גאַנצן זאַל:

— פּאַפּאַ! מע דאַרף איין מאַראַנץ אַאַאַאַוועק-גנבענען פאַר דער באַבאַבוסקע!

אַ גליק, וואָס קיינער פון די ענגלענדער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש!

אָוונט. דעם 18-טן.

אַ אינצידענט. — איינער אַ וואַרשעווער פאָרט קיין אַמעריקע איבער לאָנדאָן. דאָרטן איז ער געווען אויף מיין אָוונט. האָט זיך אים שטאַרק פאַר-גלוסט צו פאָרן דווקא אויף איין שיף מיט מיר. איז אָבער, צום אומגליק, מער קיין בילעטן ניט געווען. האָט ער געמוזט קויפן אַ בילעט פון דריטער קלאַס. צום סוף האָט די אומברחמנותדיקע ים-קראַנקייט אונז צעשיידט אויף אַ דריי-פיר טעג. ערשט אויפן פינפטן טאָג האָט ער זיך אויסגעקליבן אַרויפצוגיין אויבן. האָט מען ניט דורכגעלאָזט. אויפן זעקסטן טאָג האָב איך מיך דערמאַנט אָן מיין אָרימען חסיד (וואָס איז, אגב, רייכער פון מיר) און האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אין דריטער קלאַס צו אויפזוכן אים. אָפּגעזוכט, אַרויפגע-נומען אים אויבן. זיין פרייד האָט גאָר קיין שיעור ניט געהאַט. ער האָט געגעסן שלום-עליכמען, ווי אַ הונגעריקער וואָלף, ביז סאַמע מיטאָג. דערנאָך זיינען מיר זיך צעגאַנגען. אַרום פאַרנאַכט איז די קאָנטראָל-דינערשאַפט אַרומגעלאָפן איבערן שיף זוכן דעם אידישן שריפטשטעלער שלום-עליכם. איר קאָנט זיך פאָר-שטעלן דער מאַמעס איבערשרעק. וואָס זשע לאָזט זיך אויס אַ מעשה? עטלעכע פון „אונזערע" האָבן זיך מתקנא געווען אינם יונגנמאַן און האָבן פאַרמסרט פאַר „נאַטשאַלסטווע", אַז, הייסט עס, אַזוי און אַזוי: זוכט ביי איינעם אַ שלום-עליכם אין דער צווייטער קלאַס, וועט איר געפינען טריפה סחורה — אַ פּאַסאַזשיר פון דריטער קלאַס. צום גליק פון אָט דעם קאָנטראַ-באַנד-קרבן, איז דער קרבן אַליין שוין לאַנג געווען ביי זיך אין דער קאַבינע פון דער דריטער קלאַס. דאַכט זיך, אַז דער אינצידענט איז געענדיקט.

פרייטאָג, דעם 19-טן. 7 אַזייגער אינדערפרי.

וואָס פאַר חלומות! עס האָט זיך מיר געחלומט גראַף טאָלסטאָי. ער האָט מיך פאָטערלאַך געבענטשט. די מאַמע שלאָפט נאָך. נומטשיק — איבער מיר. אין דער שכנישער קאַבינע גראַגערן ענגלענדער. אָט כאַפּט זיך שוין אויף די מאַמע. דאַנקען גאָט, פרייטאָג!

8 אַזייגער.

מיר זיינען אַרויס אַלע דריי אויפן דעק. גאָט! וואָס פאַר אַ בילד! זון. דער הימל איז ריין. דער אָקעאַן איז בלוי געוואָרן, בלאַנקט ווי אַ שפּיגל. שטעלט אייך פאָר אייער זשענעווער זע, פאַרגרעסערט אַ מיליאָן מאָל — און איר וועט באַקומען אַ פאָר-שטעלונג וועגן דעם אָקעאַן אין דער מינוט. אין אַ

האלבער שעה ארום וועט מען אונז רופן צום ערשטן ברעקפעסט. דער אפעטיט שעפטשעט אויפן אויער א לידל וועגן געבראטענעם הערינג מיט פאטייטעס... וואס וואלט געווארן פון מענטשן, ווען זיי וואלט אויסגעקומען צען יאר נאכאנאנד אט אזוי חלומען אויף דער פראכטיקער בלויקייט פונם אקעאן וועגן געבראטענעם הערינג מיט קארטאפל?

דעמזעלבן טאג. אויפן דעק.

אזא וואונדערבאר וועטער, אז עס גלויבט זיך גאר ניט. פונקט ווי א צויבער־חלום. זומער. א חמימות. די זון — העל. דער הימל — קרישטאל. דאס וואסער — בלוישטיין. ווי אין א קינדער־מעשה. מיר שרייבן איך יעדן טאג א פאסטקארטל.

— — — — — — — — — — — — — — —

צוויי אזייגער בייטאג.

נאר־וואס באקומען א טעלעגראמע (א דראטלאזע) פון ניו־יארק, פון א נייער צייטונג „דער אידישער אמעריקאנער“ [46], מיט אט דעם אינהאלט:

„דהי אידיש אמעריקאן, דאס נייע זשורנאל, וועלכעס עבען ניי הערויסגעקאממען איזט, הייסט זיע ווילקאממען אונד זענדעט איהנען דיע בעסטע גריססע ענטגעגען. וואללען זיע ביטטע זאגלייך טעלעגראפיערען וואס איהרע וויזיטע פיר איינע בעדויטונג האט אונד וויע דיע סיטואציאן אים רוססלאנד שטעהט אונד ביטטע אנטווארט זאגלייך אויף אונזערע רעכענונג.

דהי אידיש אמעריקאן“.

מיין ענטפער — אויף דער צווייטער זייט [47]:

דזשואיש אמעריקאן, ניו־יארק. — איך דאנק פאר דער טעלעגראפישער באגריסונג. לײדער, דערלויבט מיר ניט די ים־קראנקייט א סך צו שרייבן. דער הויפטצוועק פון מיין רייזע איז צו שטודירן די לאגע פון מיינע ברידער אין אמעריקע, צו פארטראגן וועגן דעם אמתן צושטאנד פון די רוסישע אידן דורך בילדער, צו באקענען זיך מיטן אידישן טעאטער, און פאר דעמזעלבן, אויב מעגלאך, אויך צו ארבעטן. אלע האלטן די בעסטע גרוסן.

שלום-עליכם.

אלזא, מיין טאגבוך, אויב מע קאן עס אנרופן טאגבוך, דערנעענט זיך צום סוף: איך רעכן באצייטנס עס צו שליסן, קריגן מארקעס און אפשיקן עס אייך. איך בעט אייך, נאכן איבערלייענען, איבערצושיקן אט דאס העפט קיין קיעוו, אויף נאטאשאס אדרעס. מישא נעבאך זיצט דאך אויך צען טאג אן בריוו.

איך גיי זיך גאלן, צוזאמענלייגן די זאכן.

דעמזעלבן טאג, 8 אינאוונט.

— — — — — — — — — — — — — — —

די נאכט איז א ווארימע, אן אויסגעשטערנטע. אין דער דריטער קלאס גייט־אן א געזאנג, אין כאר. און פון דעסטוועגן איז קיין זאך ניט אימשטאנד צו פארטרייבן דעם אומעט, דאס הארצנאגעניש. עפעס ווי א נעבל האט זיך געלייגט אויף דער נשמה. און דאס שיף קאטשעט נאך אלץ, שווער צו שרייבן ווי עס באדארף צו זיין.

שבת, דעם 20־טן. 8 אינדערפרי.

ענדלאך דערלעבט! מע זאגט, צוויי אזייגער בייטאג וועלן מיר זיין אין ניו־יארק. היינטיקע נאכט איז געווען די סאמע לײנגסטע, די סאמע שווערסטע. מיר גייען צו ברעקפעסט. — — — קיין „ערד“ זעט מען נאך ניט. דער אפעטיט וואקסט.

די לעצטע שטונדן.

(12 אזייגער בייטאג, דעם 20־טן).

הורא! ערד! ערד!...

אזוי האבן אויסגעשריען קאלומבוסעס מאטראסן אין יאר 1492. אזוי האט אויסגעשריען אין יאר 1906 — נומטשיק. אין דריטאלבן שעה ארום וועלן מיר זיין אין ניו־יארק. נישטא קיין ווערטער צו באשרייבן די שמחה פון די פאסאזשירן. — — — עס לאזט זיך הערן א קלינגעריי. מע רופט צו מיטאג. וואס פאר א גליק פארצופילן די נאענטקייט פון באדן — הארטן, ניט שאקלענדיקן באדן. מיר גייען מיטאג עסן. היינט וועט זיך קוים ווער באשליסן צו גנבענען כאטש איין מאראנץ אפילו...

די לעצטע מינוטן.

דורכגעבלעטערט די דאזיקע זייטלאך, בין איך נשתומם געווארן: ניט מיין סטיל, ניט מיין כתב. אלץ אזוי אן א צוזאמענהאנג, אומלאגיש, קוים וואס מע קאן דורכקריכן. איך מיין, אז ביי א ז ע ל כ ע אומשטענדן ארבעט דער מוח ניט־נארמאל.

אין א שעה ארום וועלן מיר געבן א טעלעגראמע אהיים. אויף דער רעדאקציע פון דער טעלעגראמע [48] האבן מיר געארבעט א גאנצן פרימארגן, און סאיז ערשט ארויסגעקומען נאריש.

[46] „דער אידישער אמעריקאנער“ איז ארויסגעגעבן געווארן פאר צוועקן פון דער דעמאלטיקער וואל־קאמפאניע דורך דעם אמעריקאנער צייטונגען־מאגנאט הוירסט, וועלכער האט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור פאר גאווערנאר אין ניו־יארקער שטאט. וועלנדיק צוציען שלום־עליכמען, האט אים די צייטונג פארגעשלאגן א רייכע האנארירונג, נאר ש. ע. האט דעם פארשלאג ניט אנגענומען. נאכדעם ווי הוירסטס קאנדידאטור איז דורכגעפאלן, האט זיך די צייטונג גלייך פארמאכט. — [47] דער אריגינאל איז געשריבן אין ענגליש.

[48] צום „אידישן אמעריקאנער“.

3 אזייגער. דעם 20־טן. שבת.

ענדלאַך זיינען מיר אין ניו־יאָרק! דער האַפן איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. דאָס שיף גייט־צו פּאַמעלאַך. עס לאָזט זיך הערן אַ הויכער „הידד!“ אין דער לופטן באַווייזן זיך היט, אַ סך היט. וואָס איז געשען? די געשרייען „שלום־עליכם!“ האָבן אונז אַלצדינג קלאָר געמאַכט. דער עולם איז באַשטאַנען פון דעלעגאַטן פון די ציוניסטישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. עס האָבן אונז אַרומגערינגלט פאַרטרעטער פון דער אידישער און ענגלישער פּרעסע. מע האָט מיך אויפגעהויבן אין דער לופטן. נוּמטשיק האָט זיך צעוויינט. אויף אונז דרייען האָט מען אָנגעשטעלט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך מיט מיר צעקושט, האָט זיך ·אַרויסבאַוויזן איינער אַ יונגער דזשענטלמאַן מיט אַ געל בערדל. דאָס איז מיין ברודער בערנאַרד. דער דאָזיקער דזשענטלמאַן האָט אויסגעשריען: „פּאַראַן אַ טעלעגראַמע! ביי טיסין אַ מיידעלע!“... דער מאָמענט איז געווען מער ווי פייערלאַך!... איך ענדיק און שטעל אַ פּינטעלע (ווי ליאַלי זאָגט).

א סוף פונם טאָגבוך.

51

צו ערנעסטינע בערקאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 21־טן אָקטאָבער, 1906.

זונטאָג, 8 אינדערפרי.

טייערע טיסיוניאַ מיינע!

אין דעם מאָמענט, וואָס מיר זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, אין דער סאַמע פייערלאַכער מינוט פון דעם גראַנדיעזן קבלת־פּנים, וואָס די אַמעריקאַנער אידן האָבן אונז געמאַכט, זייענדיק נאָך אויפן שיף, האָבן מיר דערהערט פון מיין ברודער בערנאַרד (ביי וועמען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט): „אַ מיידעלע! טיסי האָט געבוירן אַ מיידעלע!“ איך קאָן ניט איבערגעבן די געפילן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. מיר האָבן ניט געוואוסט: צי זאָלן מיר זיך פרייען, אָדער זאָלן מיר וויינען? עפּעס אַזוי אומגעריכט און אין אַזאַ מאָמענט! אונזער ערשטער געדאַנק — דאָס איז דיין געזונט. ווייטער אַרבעט ניט דער קאָפּ, מחמת מיר זיינען דאָ אַריינגעפאַלן פּונקט ווי אין אַ קעסלגרוב. עפּעס אַ כוואַליע האָט אונז אויפגעהויבן צו הויך, און אין די אויערן קלינגט און שאַלט: „שלום־עליכם!“ „ווילקאָמען!“ און באַלד נאָכדעם — דעלעגאַציעס אָן אַ סוף, אינטערוויוערס איינגעגעסענע, און ביזנעס — געשעפטן, געשעפטן, געשעפטן. מע זאָגט־צו גילדענע בערג פון אַלע זייטן. פאַרשטייט זיך, דעם ערשטן טאָג איז נאָך נישטאָ פונוואַנען דאָס געלד זאָל זיך שיטן, נאָר די נאָענטע צוקונפט זאָגט־פאָראויס אַ סך, אַ סך גוטעס. אַפּנים, אַ נייע ערע גייט־אויף אויף אונזער האָריזאָנט, פול מיט ערפאָלג, מיט גליק און פרייד. איך קאָן מער ניט שרייבן, טייערע, איך וויל נאָר וויסן, ווי אַזוי איז דיין געזונט, איך וויל זען כאָטש איין שורה, געשריבן מיט דיין האַנט. איך קוש דיך און פיל עפּעס אַ מין נייעם ווייטיק אָדער אַ נייע צוגעבונדנקייט.

דיין פּאַ.

52

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אָריגינאַל]

21 אָקטאָבער, 1906.

ניו־יאָרק, אַמעריקאַ.

יצחק דוב יקירי!

מזל טוב לך ומזל טוב לטיסי ומזל טוב לכולנו! השעה הזאת היא שעת הכושר והאושר, השעה הראשונה של התקופה החדשה בחיינו ובחיי משפחתנו. העתונים שאני שולח לך יגידו לך ויבארו את דברי. כבבת־עינך תשמור את טיסי. אבל גם מבלעדי זאת תשמרנה. כה סובר אני. [אני] שולח לכם שרטוטים וקוים שכתבתי על הספינה, ואתה תקרא את דברי באָזני טיסי. יותר אין מה לכתוב לך. הכל בשלום ויש תקוות טובות נשקפות לנו פה לכולנו. הלואי שנחדש ימינו כקדם, כי באה עת לחננה כי בא מועד.

כולי שלך.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער יצחק דוב! מזל טוב דיר, מזל טוב טיסין און מזל טוב אונז אַלעמען! דער איצטיקער מאָמענט איז אַ מאָמענט פון געלעגנהייט און גליק, דער ערשטער מאָמענט פון אַ נייער עפּאָכע אין אונזער לעבן און אינם לעבן פון אונזער פאַמיליע. די צייטונגען, וואָס איך שיק דיר, וועלן דיר דערציילן און דערקלערן מיינע ווערטער. ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דיין אויג היט־אָפּ טיסין. נאָר דו וועסט זי סיידווי היטן. אַזוי מיין איך. איך שיק אייך שטריכן און פאַרצייכענונגען, וואָס איך האָב געשריבן אויפן שיף, און דו וועסט עס איבערלייענען פאַר טיסין. מער איז נישטאָ וואָס צו שרייבן דיר. אַלצדינג איז גוט און עס זעען זיך אַרויס דאָ גוטע האָפענונגען פאַר אונז אַלעמען. הלואי מיר זאָלן באַנייען אונזערע טעג ווי אַמאָל, וואָרים סאיז שוין לאַנג צייט.

איינגאַנצן דיינער.]

53

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 28־טן אָקטאָבער, 1906.

טייערע טיסיוניאַ מיינע!

איך קאָן נאָך בשום אופן ניט צוגעוואוינען זיך צום געדאַנק, אַז דו ביזט אַ מוטער און אַז איך בין אַ זיידע. דאָס איז מסתמא אַ חלום, אַיאַ? שרייב יעדן מאָל אומבאַדינגט אַליין, וואָרים כאָטש סאיז אַ חלום, פון דעסטוועגן זיינען מיר זייער אומרואיק וועגן דיין געזונט. בערקאָוויטש! היט־אָפּ טיסין און גיט אַ קוש טאַמאַראַן, אויב זי פאַרדינט עס.

איך קוש אייך דרייען.

פּ.

54

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 6־טן נאָוועמבער, 1906.
דינסטאָג.

טייערע!

היינט האָבן מיר געדונגען אַ דירה אַ ביסל ווייטער פון שטאָט, נאָר נעענטער צום ברודער, דערפאַר ווייל מיר זיינען נאָך זייער גרין, די שפּראַך קענען מיר ניט, די זיטן אויך ניט, און נאָך אַזעלכע זאַכן. דאָס דירהלע, ווען איר זאָלט אויף דעם אַ קוק טון, וואָלט איר געבליבן פאַרגאַפט. נאָר אין אַמעריקע קאָנען געמאָלט זיין אַזעלכע באַקוועמלאַכקייטן. ליאַלי, אויפמערקזאַם! אָנשטאָט אַ מיסטקאַסטן איז פאַראַן אַזאַ באַזונדער שאַפעלע, וואָס לאָזט זיך אַרונטער אויטאָמאַטיש טיף אין שאול תחתיה אַריין. היינט די קיך, אין וועלכער מע קאָכט, איז גאָר אַ פאַרגעניגן. הייס וואַסער האָט איר צו יעדער צייט, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. די טאַפּעטן, די פענסטער, די פאַרבן, די שאַפעלאַך אין אַלע ווענט און אין אַלע ווינקעלאַך — דער רוח זאָל עס נעמען, טיסי, אַ גן־עדן און גאָר! אויף צו איבערוואַשן דאָס געפעס, עמאָטשקאַ, איז גענוג נאָר איין סעקונדע: געעפנט דעם קראַן — און פאַרטיק. און וואָס פאַר אַ סטעלי, מאַרוסי, אַי, וואָס פאַר אַ סטעלי! ווען איר זאָלט זען, בערקאָוויטש, וואָס הייסט אַ שרייבטיש אין אַמעריקע! אָדער אַ שרייב־שטול — אַ לענשטול — אַ טשער — אַ שאָקלשטול, — וואָלט איר גאָר אָן אַ שום ספק געקומען צו פאָרן אַהער, פאַרכאַפּט מיט זיך אין איין האַנט טיסין, אין דער אַנדערער טאַמאַרקען. אגב, ווי אַזוי איז זי — זי שווייגט, אָדער זי שרייט? איך קאָן מיך נאָך אַלץ ניט צונויפנעמען מיט די געדאַנקען, אום צו שרייבן, מחמת מיר זיינען נאָך ביים ברודער. מיר רעכענען ערשט היינט־מאָרגן איבערפאָרן — „מופן“.

שבת וועלן מיר זיין ביי בערקאָוויטשעס משפחה אין ברוקלין. איך לאָז־איבער אָן אָרט פאַר דער מאַמע און נעם אייך אַרום און קוש.

פּאַ.

55

צו רחל לאַיעוו

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[ניו־יאָרק, 6־טן נאָוועמבער, 1906.]

כבוד חמותי היקרה שתחי'.

ביבי האָט אייך שוין נעכטן געשריבן פון אַלעס. מיר האָבן שוין געדונגען אַ דירה, וועלכע איך באַשרייב צו די קינדער. נומטשיקן איז זי שטאַרק געפעלן. סאיז שיין און וואַרים און שטיל און באַקוועם. ברויו גייען־אָפּ נאָר דריי מאָל אין דער וואָך. וועל אייך מאָרגן מערער שרייבן.

חתנכ' דו"ש והצ' ש ל ו ם.

56

צו די קינדער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 12־טן נאָוועמבער, 1906.
921 איסט 156־טע סט., בראָנקס.

טייערע!

מיר האָבן באַקומען פון אייך היינט אַ בארג מיט בריוו. אַזוי מסתמא איז דאָס אייגענע אויך מיט אייך. עס קומט־אָן פאַר איין מאָל אַ גאַנצער פּאַק, און נאָכדעם וואַרטסטו דריי־פיר טעג — ניט קיין איין שורה. און אַזוי ווי עס פּאַסירט ביי אַ מענטשן מיט זיין מזל, אַזוי איז עס אויך מיט בריוו: איין בריוו דערגייט כמעט אויפן ניינטן טאָג, און אַ צווייטער שלעפּט זיך, שלעפּט זיך, אַקוראַט ווי מישאַ פאָרט קיין קיעוו עקזאַמענירן זיך. אגב, וואָס איז מיט מישאַן? אויב ער האָט באַשלאָסן צו קומען אַהיים, דאַרף ער שוין, לויט אָט דעם חשבון, זיין אין דער היים. אויב אַזוי, דערווארטן מיר אינגיכן אַ בריוו פון אייך אַלעמען צוזאַמען. און מכוח אונז, האָבן מיר ערשט היינט זיך באַזעצט אין אונזער נייער דירה און ערשט איצט קאָן איך מיך נעמען צו דער אַרבעט. טיסיוניאַ, ווערליג דיינע בריוו, פירט זיך אויף דיין טאַמאַראַ אַזוי ווי דער דערוואַקסענער בערקאָוויטש. מיר, פאַרשטייט זיך, זיינען גרייט צו שיינקען איר אַ טייל פון אונזער ליבע צו דיר, נאָר מיט איין תנאי: די ווערטער „זיידע און באַבע“ דאַרפן ניט אָנגעווענדט ווערן אויף אונז. זאָל זי אונז רופן: דער אַמעריקאַנער פּאַפּאַ און די אַמעריקאַנער מאַמע. אַ באַבע האָט זי אין זשענעווע[49],

[49] געמיינט די באַבע פון שלום־עליכמס קינדער — רחל לאַיעוו.

אט וואס! איך קוש אייך אלעמען, ניט אויסגעשלאסן טאמארא בערקאוויטש. אגב, בערקאוויטש, מיר זיינען סוף־כל־סוף דערגאנגען היינטיקן שבת אייער אמתן נאמען: בערל. אזוי רופט אייך אייער יוגנט־חבר ***. דער דאזיקער *** האט זיך באנוצט מיט אונזער קרובהשאפט און האט מיך שיר ניט אויפגעגעסן א לעבעדיקן. דאס הויז פון אייער משפחה האט געמאכט אויף אונז זייער א גוטן איינדרוק; אונז האט זיך געדאכט, אז מיר זיינען אין דער היים, צווישן אייגענע.

57

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[דער דאזיקער בריוו באלייכט א ביסל שלום־עליכמס ערשטן אויפהאלט אין ניו־יארק פון יענער צייט. — נאכן גרויסן טומל, וואס די אידישע פרעסע האט געמאכט ביי זיין אנקומען אין אמעריקע, האט זיך אין אייניקע צייטונגען געלאזט מערקן א נעגאטיווע, כמעט פיינטלאכע באציאונג צו אים. גורם געווען דערצו האט, פון איין זייט, דאס, וואס שלום־עליכם, קומענדיק פון רוסלאנד מיט אייראפעאישע טראדיציעס, האט ניט ווילנדיק געקוקט פון אויבן אראפ אויפן נידעריקן ניוואָ פון דער אמעריקאנער אידישער פרעסע אין יענער צייט, און, פון דער צווייטער זייט — די קאנקורענץ צווישן די צייטונגען גופא: ווייבאלד אייניקע פון זיי (דאס „טאגעבלאט“ און דער „מארגנזשורנאל“) זיינען געווען פריינטלאך געשטימט צו אים, זיינען שוין די אנדערע ממילא געווען קעגן אים. שלום־עליכם ווידער, וואס דער הויפט־צוועק זיינער אין אמעריקע איז געווען דאס אידישע טעאטער, האט זיך מיט א כיוון אפגעהאלטן און די ערשטע צייט ניט מיטגעארבעט אין קיין איין צייטונג, אום ניט צו פארשאפן זיך קיין אומזיסטע שונאים. דער דאזיקער „פאליטישער“ צוג האט אים אבער ניט געהאלפן, און בשעת ער האט אויפגעפירט אין איין צייט צוויי פיעסעס אין צוויי טעאטערס („שמואל פאסטערנאק“, אדער „דער אויסוואורף“, אין יעקב אדלערס „גרענד טעאטער“ און „סטעמפעניו“, אדער „אידישע טעכטער“, אין בארים טאמאשעווסקים „פיפלס טעאטער“), האט זיך די „קריטיק“ שארף צעטיילט אויף צווייען: אין דער צייט, וואס די פריינטלאכע „טאגעבלאט“ און „מארגנזשורנאל“ האבן געלויבט די פיעסעס ביזן הימל, האבן די אנדערע צייטונגען זיי ארונטערגעריסן מיט די גרעסטע זלזולים. דערצו האט נאך ש. ע. אליין צוגעגאסן בוימל אויפן פייער: אין א רעדע, וואס ער האט געהאלטן אויף איינער פון זיינע פרעמיערעס, האט ער מיט אפענע און באהאלטענע רמזים אויסגעלאכט דעם אופן, ווי אזוי יעקב גארדין באהאנדלט דעם אידישן לעבנסשטייגער אין זיינע טעאטערשטיק. די „ווארהייט“, וואס איז דעמאלט געווען גארדינס לייב־ארגאן, איז אריין אין אזא גרימצארן, אז זי האט „שמואל פאסטערנאק“ באטיטלט אין איר רעצענזיע אזש מיטן נאמען „פארזעהעניש“. נאך אזא קבלת־פנים איז שלום־עליכמען אפגעפאלן דער חשק צו שרייבן . ווייטער פארן טעאטער. ער האט זיך גענומען שרייבן זיין ראמאן „דער מבול“, וועלכן ער האט געלאזט דרוקן אין דער „ווארהייט“, און האט אויך מיטגעארבעט אין „טאגעבלאט“ און אין דעם וועכנטלאכן „אמעריקאנער“ (וואו ער האט אנגעהויבן צו פארעפנטלאכן די סעריע „מאטל פייסי דעם חזנס“). ער האט אויך געמאכט א טור פון פארלעזונגען איבער די פראווינץ־שטעט פון די פאראייניקטע שטאטן. אלע ארבעטן צוזאמען, וואס האבן זיך דעמאלט אין אמעריקע זייער קארג באצאלט, האבן אים ניט געגעבן די נייטיקע מעגלאכקייט פאר עקזיסטענץ, און פילנדיק זיך אויך גייסטיק פרעמד אין דעם נייעם לאנד, איז ער אין יוני 1907 צוריקגעקומען מיט דער פרוי און מיטן אינגסטן קינד צו דער איבעריקער פאמיליע קיין זשענעווע.]

ניו־יארק, 9־טן פעברואר, 1907.

טייערע!

נו, דעם עקזאמען [50] האב איך אויסגעהאלטן און, דאכט זיך, גלענצנד. די זאך דערפון איז, וואס סאיז ניט מעגלאך געווען ארויסצוטראגן א גאנצן איינדרוק, ווייל סאיז אויסגעקומען צו צערייסן זיך אויף צווייען: איך בין געווען אויף צוויי אקטן אין איינעם, און אויף צוויי אקטן אינם צווייטן טעאטער. אי דא אי דארטן האט מען מיך ארויסגערופן א סך מאל, געמאכט אוואציעס. דער עולם, ווי עס שיינט, איז געבליבן צופרידן. יעדנפאלס איז געווען אזויפיל נייקייט, אז עס האט געקלעקט גענוג. „סטעמפעניו“ האט געמאכט דעם איינדרוק פון עפעס, וואס איז פאעטיש, פאטריארכאליש. „דער אויסוואורף“ ווידער האט געצוואונגען דאס פובליקום די גאנצע צייט צו האלטן אפן דאס מויל און צו לאכן ביז וואנען דער פארהאנג איז געפאלן. דאס איז אויך דא ניי, מחמת די באלאגאן־סאטירע האט זיך שוין צוגעגעסן, און דער הומאר פון די היגע מאדישע דראמאטורגן איז אזוי ארים, אז סאיז פראסט א רחמנות אויף זיי. זיי קויפן „וויצן“ פאר געלט, אדער זיי נעמען איינער ביים אנדערן אויף פראקאט. — היינט גייען מיר אויף גאנץ „סטעמפעניו“, און מארגן — אויף גאנץ „פאסטערנאק“. דעמאלט וועלן מיר שוין אנשרייבן מער באשטימט. וואס סאיז שייך דער פרעסע, איז פאר דער ענגלישער בין איך רואיק, ווארים זי איז ערלאכער פון דער אידישער; די אידישע איז פארטייאיש, פון איר דערווארט איך קיין שום גוטס ניט. נאר זי איז אינגאנצן ווערט א גראשן. דער עיקר איז דאס פובליקום, דער גרויסער עולם.

ווי איר זעט, לעבן מיר אין א באזונדערע, טעאטראלישער, וועלט. דאס לעבן האט אונז אריינגע־

[50] אין אידישן טעאטער. — דער בריוו איז געשריבן נאך די פרעמיערעס פון „סטעמפעניו“ און „שמואל פאסטערנאק“.

שטופּט אין אַט דער וועלט, און עס שטייט מיר נאָך פּאָר אַ סך שטרויכלונגען אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג, אַ גרויסער קאַמף, און איך האָף אַרויסצוקומען אַ באַזיגער.

איך נעם־אַרום אייך אַלעמען מיט טאַמאַראַן.

אייער פּ. אַ.



שלום־עליכם ביי זיין ערשטן וויזיט אין אַמעריקע [ניו־יאָרק, 1907].

58

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 3־טן מערץ, 1907.

18־טן פעוראַל, פּאַרנאַכט.

טייערע!

נאָר־וואָס איז אָנגעקומען אייער טעלעגראַמע[51] דורך דעם ברודערס געשעפטהויז (נאָך נעכטן איז זי אָנגעקומען אין געשעפט). אַ גאַנצן שטורים פון זכרונות, געדאַנקען און געפילן האָט די טעלעגראַמע אַרויסגערופן. אין דער מחשבה האָבן מיר זיך אַריבער־געטראָגן אַהין, וואו מיר אַלע, כאָטש אין זאָרגן, אָבער פּאַרט צוזאַמען, פלעגן פייערן דעם דאָזיקן טאָג, אין וועלכן יעדער איינער און יעדע איינע פון אייך האָט זיך געפילט עפּעס יום־טובדיק. יאָ, סאיז טרויעריק, זייער טרויעריק. איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז דעם 18־טן פעוראַל וועל איך זיין אויף אַזאַ ווייטער שטרעקע פון אייך! נעכטיקן טאָג — פּורים — האָבן מיר אויך טרויעריק פּאַר־בראַכט. וואָס זשע וועט שוין זיין פּסח? איר ווייסט, ווי פייערלאַך איך בין אין דעם דאָזיקן פייערלאַכן יום־טוב — פּסח! איך שיק אייך נומטשיקס צייכענונגען — זיין איינציקע אונטערהאַלטונג. אַך, ווי ער בענקט נאָך אייך! אַ גליקלאַכע איז טאַמאַראַ: זי ווייסט נאָך ניט אָט דאָס געפיל — פון בענקשאַפט.

אייער פּ אַ.

[51] אַ באַגריסונג צו שלום־עליכמס נעבורטסטאָג, דעם 18־טן פעוראַל, אַ. ס.

59

צו ליאַלי ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 25־טן אַפּריל, 1907.

ליאַלי!

דיין בריוו האָבן מיר באַקומען. דו ביזט אַ גרויסע חכמה. איך האָב עס דיר שוין לאַנג געזאָגט און איך בלייב ביי דעם.

וואָס סאיז שייך איבערזעצונגען, איז עס פּשוט אַ זינד, וואָס ביז היינט האָסטו זיך ניט אויסגעלערנט (אַליין) קיין אידיש. איך בין זיכער, אַז קיינער וועט מיך אַזוי ניט איבערזעצן, ווי דו[52]. אין וואָס זשע איז דער אָפּהאַלט? ביזט דען זעכציק יאָר אַלט? הייב־אָן פון אַלף־בית. די העברייאישע ווערטער שטרייך־אונטער און ווענד זיך צו בערקאָוויטשן. איך בין איבערגעצייגט אין דיין גיכן ערפאָלג. מיין „מבול“ איז נייטיק איבער־צוזעצן אויף רוסיש. פאַרשטייט זיך, פאַראַן דאָרט אַ סך קעגן דער צענזור. וועט מען קאָנען אויסלאָזן די שאַרפע ערטער. נו, גייט עס?

אויף יעדן פאַל דאַרף איך דיר זאָגן אַפריער, אַז איבערזעצן באַדאַרף מען ניט בוכשטעבלאַך. און מע מוז האַלטן אין זינען די אוידיטאָריע, דאָס

[52] עס רעדט זיך וועגן אַ רוסישער איבערזעצונג. — נאָך שלום־עליכמס טויט האָט די אַדרעסאַטין איבערגעזעצט פונם פּאַטערס ווערק עטלאַכע בענד, וועלכע זיינען דערשינען אין בערלין.

הייסט דאָס רוסישע פּובליקום. נו, איך קוש דיך.

דיין פּאפּאַ, וואָס האָט דיך ליב.

60

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אָריגינאַל]

[די קומענדיקע פינף בריוו זיינען אַרויסגענומען פון אַ גאַנצן בינטל העברייאישע בריוו, וואָס זיינען געשריבן אין יענער צייט פון זשענעווע קיין ניו-יאָרק. — נאָכדעם ווי שלום-עליכם איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, האָט ער דורכגעמאַכט אַ יאָר פון שווערער מאַטעריעלער נויט. זיין מיטאַרבעטונג פונדערוווייטן אין די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען האָט זיך זייער שלעכט באַצאָלט, און די פאָרלעזונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין פאַר-שיידענע אייראָפּעאישע שטעט, הויפּטזאַכלאַך אין די אידישע סטודענטן-קאָלאָניעס פון אויסלאַנד, האָבן נאָך ווייניקער געקאָנט דינען ווי אַ מיטל צום לעבן. כדי ווי עס איז אויסצוקומען מיט דער פאַמיליע, האָט ער געמוזט פאַרקויפן זיינע ווערק צו אַ וואַרשע-ווער פאַרלעגער פאַר אַ גאָרנישט. — יענעם ווינטער (1907) האָט ער אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „דער אוצר“ (וואָס איז נאָך ביז היינט ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן) און צוגעשיקט זי צו י. ד. בערקאָוויטש קיין ניו-יאָרק, צו באַזאָרגן זי אין איינעם פון די אידישע טעאַטערס. נאָר דאָס אידישע טעאַטער האָט דעמאָלט פון „ליטעראַרישע“ שטיק געוויכט. אפילו גאָרדינס פּיעסעס האָבן אָנגעהויבן דורכצופאַלן איינע נאָך דער אַנדערער. אויסגעמוטשעט פון אומזיסטע האָפענונגען אויפן „אוצר“, האָט שלום-עליכם מיט אַ שווערן געמיט באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד, פון וואַנען ער איז מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק געלאָפן פון די פּאָגראָמען. — דער ערשטער בריוו איז געשריבן נאָכן טויט פון פרוי שלום-עליכמס מוטער, רחל לאָיעוו.]

זשענעווע, 21 אויגוסט, 1907.

בני יקירי!

היום קבלנו מכתבך הראשון מהאָרץ החדשה וגם את הכתבים שלך מן הספינה קראנו כולנו והשתעשענו. הם מתחננים להיות נדפסים ככתבם וכלשונם. —

אין כח בעט לתאר לך את מצב רוחנו בימים האלה בזמן הזה. האידנא אָנו מרגישים כולנו את האבדה הגדולה. מדי יום ביומו מתפללים אצלנו במנין, ואני אומר קדיש אחרי נשמת אמנו, כי כן היה רצונה בטרם מותה. אני ישן על מטתך ותמרה שלך מעוררת אותי משנתי בשעה הששית לקום לעבודתי, אבל לעבוד אינה מנחת לי, כי אוהבת הגא לפשפש באצבעותיה הקטנות והרכות את חוטמי הגדול ואת עיני השמאלית דוקא, והיא מעמדת פנים שוחקות לי תמיד וקוראת אותי בשם באַ־באַ או פּאַפּאַ, ונראה לי שאוהבת אותי מאד, אעפ"י שאין להאמין במין היפה. —

יקירי! הלא כבר אָמרנו לך את האמת מארץ החדשה, ואתה לא האמנת או מאנת להאמין... אולם אַל־נא יפּול רוחך, רק חזק ואמץ, והיית לאיש, —

כחפץ לב אָביך המחבק אותך באהבה רבה,

שלום-עליכם.

[די אידישע איבערזעצונג. —

מיין טייערער זון! היינט האָבן מיר באַקומען דיין ערשטן בריוו פון דעם נייעם לאַנד און אויך דיינע באַשרייבונגען פונם שיף האָבן מיר אַלע געלייענט און הנאה געהאַט. זיי בעטן זיך צו זיין געדרוקט אַזוי ווי זיי זיינען געשריבן.

די פּען איז ניט ביכולת צו איבערגעבן דיר אונזער געמיט-צושטאַנד אין אָט די טעג. אַצינד פילן מיר אַלע דעם גרויסן פאַרלוסט. יעדן טאָג דאַוונט מען ביי אונז מיט אַ מנין, און איך זאָג קדיש נאָך אונזער מוטער, ווייל אַזוי איז געווען איר ווילן פאַר איר טויט. איך שלאָף אויף דיין בעט און דיין טאַמאַראַ וועקט מיך פון שלאָף זעקס אַזייגער, איך זאָל אויפשטיין צו דער אַרבעט, אָבער אַרבעטן לאָזט זי מיך ניט, מחמת זי האָט ליב צו טאַפּן מיט אירע קליינע צאַרטע פינגער-לאַך מיין גרויסע נאָז און מיין לינק אויג דווקא, און זי מאַכט צו מיר תמיד אַ שמייכלענדיק פּנים און רופט מיך באַ־באַ אָדער פּאַפּאַ, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי האָט מיך זייער ליב, כאָטש מע קאָן ניט געטרויען דעם שיינעם מין. —

מיין טייערער! מיר האָבן דאָך דיר שוין דער-ציילט דעם אמת פונם נייעם לאַנד, נאָר דו האָסט ניט געגלויבט, אָדער דו האָסט ניט געוואָלט גלויבן... פון דעסטוועגן פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ, נאָר שטאַרק זיך און פעסטיק זיך און זיי אַ מענטש, —

ווי עס ווינטשט דיין פאָטער, וואָס נעמט דיך אַרום מיט פיל ליבשאַפט,

שלום-עליכם.]

61

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

זשענעווע, 24 אָקטאָבער, 1907.

יקירי!

עתה באתי...

מי שלא ראה שמחת תמרה אחרי שלא ראתה את פני שבועים, לא ראה שמחה מימיו. מתחילה הציצה בי בעיניה השחורות רגעים אחדים, אח"כ נתאדמו פניה עד למאד. אחרי כן פתחה את פיה ותבך בכי תמרורים. קול ברמה נשמע! תמרה מבכה על „פּאַפּאַפּאַ שלה“ (כי כן היא קוראת לי, לא פּאַפּאַ, אלא „פּאַפּאַפּאַ“, ג' פעמים פּאַ!). גם מנעלים הבאתי לרגליה הגדולות, גם כסא ושלחן הכינו לה, והיא יושבת

ומצחקת ומנשקת בשפתיה את כל איש ואיש, ואפילו את הקאָנסיערזשקע. תמו דברי על תמרה.

ובאַמעריטשקאַ מה נשמע אצלכם? היום שלחתי להאַמעריקאַנער את הספּורים החדשים של מאָטעל פּייסים, והם עולים על הראשונים עשר מעלות. כשתתראה את פּני ידידנו מר' סאַפּירשטיין, תברכהו בשמי ותבקש ממנו סליחה וכפּרה על העכוב שיצא לי מפּאַת נסיעתי הגדולה בארץ בעלגיען ובארץ האָללאַנד. מן העת הזאת ולהבא יקבל ממני האַמעריקאַנער את ספּורי זה אחר זה בלי עכוב אי"ה. —

והט"ב מדוע „נעצר" הוא? — למכתביך נחכה כולנו, ואפילו נומאַ, שהוא לומר כעת בביה"ס פּעמים בכל יום.

ש ל ך ש.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין טייערער! איך בין ערשט געקומען. — ווער סהאָט ניט געזען די שמחה פון טאַמאַראַן, וואָס האָט מיך ניט געזען צוויי וואָכן צייט, דער האָט קיין שמחה אויף זיין לעבן ניט געזען. פריער האָט זי מיך אָנגע־קוקט מיט אירע שווארצע אויגן עטלאַכע מינוט, דער־נאָך איז זי שטאַרק רויט געוואָרן. נאָכדעם האָט זי געעפנט דאָס מויל און האָט זיך ביטער צעוויינט. א קול אין דער הויך לאָזט זיך הערן! דאָס וויינט טאַמאַראַ אויף איר „פּאַפּאַפּאַ" (וואָרים אַזוי רופט זי מיך, ניט פּאַפּאַ, נאָר „פּאַפּאַפּאַ", דריי מאָל פּאַ!). אויך שיכלאָך האָב איך געבראַכט פאַר אירע גרויסע פּיס, אויך אַ שטול מיט אַ טיש האָט מען איר צוגע־גרייט, זיצט זי און שפּילט זיך און קושט זיך מיט יעדן איינעם, אפילו מיט דער קאָנסיערזשקע. דערמיט ענדיקן זיך מיינע רייד וועגן טאַמאַראַן.

און אין אַמעריטשקע ביי אייך וואָס הערט זיך? היינט האָב איך אַרויסגעשיקט דעם „אַמעריקאַנער" די נייע מעשיות פון מאָטל פּייסים, וואָס זיינען צען מאָל בעסער פון די ערשטע. אַז דו וועסט זיך זען מיט אונזער פריינט מר. סאַפּירשטיין[53], וועסטו אים אָפּגעבן אַ גרוס אין מיין נאָמען און בעטן אַנטשולדיקונג, וואָס סאיז פון מיר אַרויסגעקומען אַן אָפּהאַלט, צוליב מיין גרויסער נסיעה אין בעלגיע און האָלאַנד. פון היינט־אָן און ווייטער וועט „דער אַמעריקאַנער" באַ־קומען פון מיר מיינע דערציילונגען איינס נאָכן אַנדערן, אָן אַן אָפּשטעל.

און פאַרוואָס האַלט זיך איין דאָס „טאַגע־בלאַט"[54]? — אויף דיינע בריוו וואַרטן מיר אַלע, אפילו נומאַ, וואָס לערנט אַצינד אין שול צוויי מאָל יעדן טאָג.

ד י י ן ש.]

62

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו, ווי אויך אין די צוויי וואָס נאָך דעם, רעדט זיך וועגן דער קאָמעדיע „דער אוצר", וואָס שלום־עליכם האָט דעמאָלט פאַרענדיקט און האָט געהאַט בדעה פאַרקויפן זי צו יעקב אַדלער. — די פּיעסע איז געלייענט געוואָרן כמעט פון אַלע דעמאָל־טיקע ניו־יאָרקער טעאַטער־דירעקטאָרן, נאָר זי האָט זיך אַרויסבאַוויזן צו זיין פאַר זיי צופיל „ליטע־ראַריש". איינער האָט זי יאָ געוואָלט אָנגעמען, נאָר מיטן תנאי, אַז ער אַליין וועט זי איבערמאַכן אין אַן אָפּערעטע, „מיט געזאַנג און מיט טענץ".]

[זשענעווע], 10 נאָוועמבער, 1907.

יקירי!

משני המכתבים הרצ"פ תבין במילא את כל הענין המענין מאד. עליך למהר (אם חפץ אתה, מובן) קודם כל לה„נשר" הגדול — — —. תגיד לאַדלער, שאין אני רוצה שיודע הדבר לגאָרדין — — —. גם זאת תגיד לו: שאם יספּר [את] זה באָזני גאָרדין, ולא יתאפּק גאָרדין ימים רבים ויספּר למילער, ומילער יספּר לבאַראָנדעס, ובאַראָנדעס למאַסליאַנסקי, ומאַס־ליאַנסקי ללובאַרסקי, ולובאַרסקי לכל העולם כולו! אין נסתר בניויאָרק. — — — צריך לדעת, יקירי, איך להתנהג — — — ש מ א ל ד ו ח ה ו י מ י ן מ ק ר ב ת. מ ג ל ה ט פ ח ו מ כ ס ה ט פ ח י ם. פּרינציפּים של בעלי התלמוד, כמדומה לי. ומי גדול מבעלי התלמוד? — — — ולך אגיד באמת, שעלתה בידי לעשות מטעמים, שלא הוצגו עדיין כאלו על במת ישראל, כאשר תחזינה עיניך מישרים אי"ה כשתקבל ממני את הכ"י (אחרי קבלי תשובתך).

והרי אני כולי שלך.

טיסי בטח כתבה לך, איך שאני מספּר באָזני תמרה מעשיות בכלב ובשונרא ובדוב ובפּר מקרין מפריס ובילדה קטנה ודלה שלא ניתן לה שאָקאָלאַד, אשר על זה בכה תבכה תמרה ודמעתה על לחיה. אָכן חכמה היא בתך יותר מכל חכמי התלמוד (הס! אל תספּר זאת באַמעריקאַ לפני בעלי המ"זש והט"ב, כי יסקלוני באבנים!)...

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין טייערער! פון די צוויי בייגעלייגטע בריוו וועסטו במילא פאַרשטיין דעם גאַנצן זייער אינטערעסאַנטן ענין. דו דאַרפסט זיך אײַלן (אויב דו ווילסט, פאַר־שטייט זיך) קודם כל צום גרויסן „אָדלער" — — —.

[53] יעקב סאַפּירשטיין, דער ערשטער אַרויסגעבער פונם „מאָרגנ־זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער". — [54] ש. ע. האָט דעמאָלט צוגע־שיקט צום „טאָגעבלאַט" אַ סעריע פעליעטאָנען, וואָס זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין זיינע ווערק אונטערן נאָמען „פיר זיינען מיר געזעסן". דאָ פרעגט ער, פאַרוואָס דאָס „טאָגעבלאַט" דרוקט זיי נאָך ניט.

וועסט זאָגן אַרלערן, אַז איך וויל ניט, אַז די זאַך זאָל דערגיין צו גאָרדינען — — — . אויך דאָס זאָלסטו אים זאָגן : אַז אויב ער וועט דאָס דערציילן גאָרדינען, וועט גאָרדין לאַנג זיך ניט איינהאַלטן און וועט דערציילן מילערן, און מילער וועט דערציילן באַראָנדעסן, און באַראָנדעס מאַסליאַנסקין, און מאַסליאַנסקי לובאַרסקין, און לובאַרסקי — דער גאַנצער וועלט ! נישטאָ קיין סודות אין ניו־יאָרק ! — — — מע באַדאַרף וויסן, מיין טייערער, ווי אַזוי זיך צו באַגיין — — — . „מיט דער לינקער האַנט אָפּגעשטויסן, מיט דער רעכטער צוגעצויגן“ ; „אַ ביסל אָפּגעדעקט, אַ סך צוגעדעקט“. דאָס זיינען, דאַכט זיך, פּרינציפּן פון די בעלי התלמוד, און ווער איז נאָך גרעסער פון די בעלי התלמוד ? — — — און דיר זאָג איך מיט אַן אמת, אַז מיר איז געלונגען צו מאַכן אַ געריכט, וואָס אַזעלכעס איז נאָך ניט געשטעלט געוואָרן אויף דער אידישער בינע, ווי דו וועסט זיך, אם ירצה שם, אַליין איבערצייגן, אַז דו וועסט באַקומען פון מיר דאָס מאַנוסקריפּט (נאָכדעם ווי איך וועל דערהאַלטן דיין ענטפער).

און איך בין אינגאַנצן דיינער.

טיסי האָט דיר געוויס ·געשריבן, ווי אַזוי איך דערצייל פאַר טאַמאַראָן מעשיות וועגן אַ הונט און וועגן אַ קאַץ און וועגן אַ בער און וועגן אַן אָקס מיט הערנער און וועגן אַ קליין אָרים מיידעלע, וואָס מע האָט דעם ניט געגעבן קיין שאָקאָלאַד, — פון וואָס טאַמאַראַ וויינט, עס רינען איר טרערן איבער די בעקלאַך. כלעבן, דיין טאָכטער איז מער חכמה פון אַלע חכמי התלמוד ! (שאַ ! דערצייל עס ניט אין אַמעריקע פאַר די מענטשן פון „מאָרגנזשורנאַל“ און פון „טאַגעבלאַט“, וואָרים זיי וועלן מיך פאַרשטיינען !)...]

63

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

זשענעווע, 7־8 אַפּריל, 1908.

הבן יקיר לי ברקאוויץ !

מתיאש אני ואין אני מאמין, אם אקבל עוד תשובה ממך על התלגרמה — בודאי לא אקבל — כבר נואשתי וגם נואש אָמרתי. רוח והצלה יעמוד לנו ממקום אחר. ואעפי"כ לא אָמרתי נואָש לימים הבאים. אני מאמין באמונה שלמה, שימים יבואו ו„האוצר“ יבוקש בנרות והכל יהיו מתחבטין בו ומתענגין ומשיחין בו הרבה מאד מאד ! אלא לפי שעה קשה הדבר מאד, ומה נעשה, מה יכולים אָנו לעשות ? צריך להמתין עוד חצי שנה — לא יותר. בטוח אני, שזרם החיים והאותות שאני רואה בארצנו, ארץ הדמים, סימנים טובים הם לנו, סימנים מובהקים, שעוד מעט יופיע השמש ויהל על ראשנו. התיאטרון היהודי יפתח שם, ברוסיא דוקא, ואח"כ בארץ היענקים ג"כ, ואנחנו, אנחנו נהיה המושלים בעולמנו, והעטלפים האלה — — — ילכו לאבדון ושמם יהיה לדראון־עולם. עיני אולי לא תחזינה זאת, אבל עיניך בודאי תראינה, כי צעיר אתה ודרך החיים עוד רב לפניך. ולכן אל־נא תתיאש גם אתה. אם אין אתה מוצא שם עבודה לפי רוחך, אל־נא תבהל ברוחך ולבך אל יפול, כי אפשר היא גזירה מן השמים, שלא נושע גם אנחנו גם אתה בארץ הדאָלאַרים, ומסתמא לא נגוע ברעב גם פה, בארצות המערב. ומה שנוגע לך, אין אני צריך להחזיר על דברי עוד הפעם, ואני כבר הגדתי לך מקרב לבי, שביתנו ביתך ומפתנו תאכל, ואם ח"ו לא יהיה לנו מה לאכול, לא יהיה גם לך, הכל כמנהג הקאַמזנע כביכול. — — — — — — — —

(ותמרה מתגלגלת תחת רגלי ומתפלשת בעפר ואומדת שירה תחת השלחן.)

והנני כולי שלך, המחבק אותך באהבת אָב,

ש ל .

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער זון בערקאָוויטש ! איך בין פאַרצווייפלט און איך גלויב ניט, צי וועל איך שוין באַקומען אַן ענטפער פון דיר אויף דער טעלעגראַמע [55] — איך וועל געוויס ניט באַקומען — איך האָב מיך שוין מיאש געווען און האָב שוין אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט דערויף. מיר וועלן שוין געהאָלפן ווערן פון אַן אַנדער אָרט. און פון דעסטוועגן בין איך מיך ניט מיאש אויף די שפּעטערדיקע טעג. איך גלויב מיטן פולן גלויבן, אַז סע וועט קומען אַ צייט, וואָס מע וועט זוכן דעם „אוצר“ מיט ליכט און מע וועט זיך אַרומטראָגן מיט אים און מע וועט הנאה האָבן פון אים און מע וועט ריידן פון אים זייער און זייער אַ סך ! נאָר דערווייל איז די זאַך זייער שווער — וואָס זשע זאָלן מיר טון און וואָס קאָנען מיר טון ? מע דאַרף אָפּוואַרטן נאָך אַ האַלב יאָר — נישט מער. איך בין זיכער, אַז דער לעבנסשטראָם און די צייכנס, וואָס איך זע אין אונזער לאַנד, אינם בלוטיקן לאַנד, זיינען גוטע סימנים פאַר אונז, קלאָרע באַווייזן, אַז באַלד וועט די זון אויפשיינען איבער אונז. דאָס אידישע טעאַטער וועט זיך אַנטוויקלען דאָרטן, דווקא אין רוסלאַנד, און ערשט נאָכדעם אויך אין דעם יאַנקי־לאַנד, און מיר, מיר וועלן זיין די בעלי־בתים אויף אונזער וועלט, און די דאָזיקע פלעדערמייז — — — וועלן גיין צו אַלדי רוחות און זייער נאָמען וועט זיין צו אייביקער שאַנד. מיינע אויגן וועלן דאָס אפשר ניט זען, אָבער דו וועסט עס געוויס זען, וואָרים דו ביזט יונג און דער וועג פון לעבן איז נאָך גרויס פאַר דיר. דעריבער דאַרפסטו אויך ניט זיין פאַרצווייפלט. אויב דו געפינסט נישט דאָרט קיין אַרבעט לויט דיין גייסט, שרעק זיך ניט איבער און

[55] צי „דער אוצר“ איז אָנגענומען געוואָרן אין אַ וועלכן עס איז טעאַטער.

פאַל ניט אַראָפּ בײַ זיך, וואָרים אפשר איז עס באַשערט, אַז אויך מיר אויך דו זאָלן ניט געהאָלפן ווערן אין דעם דאָלאַרלאַנד, און מסתמא וועלן מיר ניט שטאַרבן פון הונגער אויך דאָ, אין די מערב־לענדער. און דאָס וואָס סאיז נוגע דיר, דאַרף איך ניט איבערחזרן נאָך אַ מאָל מיינע ווערטער, וואָס איך האָב דיר שוין געזאָגט פונם טיפן הארצן, אַז אונזער הויז איז דיין הויז און פון אונזער ברויט וועסטו עסן, און טאָמער, חס ושלום, עס וועט ניט זיין פאַר אונז וואָס צו עסן, וועט ניט זיין אויך פאַר דיר, ווי דער שטייגער איז אין אונזער קאָמונע. — — — (און טאַמאַראַ קריכט אונטער מיינע פיס, וואַלגערט זיך אויף דער ערד און זינגט אַ לידל אונטערן טיש.)

און איך בין אינגאַנצן דיינער, וואָס נעמט דיך אַרום מיט פאָטערלאַכער ליבע.

ש ל.]

64

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[אין דער צייט, וואָס דער אַדרעסאַט האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די דירעקטאָרן פון די אידי־שע ניו־יאָרקער טעאַטערס וועגן דעם „אוצר", האָט זיך שלום־עליכם דערוואוסט, אַז אויך דוד פּינסקי האָט אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער אוצר". כדי אין דעם אי־דישן טעאַטער־רעפּערטואַר זאָלן זיך ניט פּלאָנטען קיין צוויי „אוצרות", האָט ש. ע. איבערגעמאַכט דעם נאָמען פון זיין קאָמעדיע אויף „די גאָלדגרעבער" און האָט צוגעשריבן צו איר אַ הקדמה, אין וועלכער ער דערקלערט, פאַר וואָס ער האָט איבערגעמאַכט דעם נאָמען. ער האָט אויך פאַרקירצט די קאָמעדיע אַליין, אום עס זאָל זיין לייכטער צו דרוקן זי אין אַ טעגלאַ־בער צייטונג. — וועגן דעם ווערט דערמאַנט אין דעם דאָזיקן בריוו.]

זשענעווע, 14 מאַי, 1908.

יקירי!

ההקדמה להחזיון החדש שלי, כלומר ל„האוצר", ששניתי את שמו „די גאָלדגרעבער" (בג' מערכות), כבר שלחתי לך, וגוף החזיון שכחנו. והרי אני שולח לך אותו היום. — — —

ואני עומד ומצפה לתשובתו של תשר"ק בטרם אצא מפה ואָשים את דרכי לרוסיא, ועוד אין אני יודע אָנה פני מועדות: לוואַרשוי או לאָדעסע, ומה יהיה מזה? תהו ובהו וחושך על פני תהום — ואיה רוח אלהים? עת צרה כזאת לא היתה לנו מיום גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמת רוסיא. ואתה, יקירי, אם יש לך איזה משען שם, אל תמהר לעזוב אותו בטרם ידענו אנחנו את מעמדנו — הבשמים או בארץ? ואם הולך אני לארץ הדמים, אין אני יודע לאיזו תכלית ומטרה — ולהשאר כאן אי־אפשר, וכאשר אָבדתי אָבדתי. — — —

ש ל ד.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער! די הקדמה צו מיין נייער פּיעסע, דאָס הייסט צום „אוצר", וואָס איך האָב איבערגעמאַכט איר נאָמען אויף „די גאָלדגרעבער", האָב איך דיר שוין אַרויסגעשיקט, נאָר די פּיעסע אַליין האָבן מיר פאַרגעסן [צו שיקן]. שיק איך דיר זי היינט. — — — — — —

און איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אַן ענטפער פון תשר"ק[56] איידער איך פאָר אַרויס פון דאַנען קיין רוסלאַנד, וואָס איך ווייס נאָך ניט, וואוהין איך וועל מיך ווענדן: קיין וואַרשע, אָדער קיין אָדעס? און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? סאיז וויסט און לער און פינסטער אויפן אָפּגרונט — און וואו איז דער גייסט פון גאָט? אַזאַ ביטערע צייט איז בײַ אונז נאָך ניט געווען זינט מיר האָבן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד. און דו, מיין טייערער, אויב דו האָסט דאָרטן עפּעס אַן אָנהאַלטעניש, אײַל זיך ניט אַוועקצולאָזן עס, איידער מיר ווייסן וואו מיר זיינען אין דער וועלט — אויפן הימל, צי אויף דער ערד? און אַז איך פאָר אינם בלוטיקן לאַנד, ווייס איך ניט, צו וואָס פאַר אַ תכלית און צו וואָס פאַר אַ צוועק, נאָר בלייבן דאָ איז אוממעגלאַך, און איך בין שוין סײַווי אַ פאַרלאָ־רענער. — — —

ד י י נ ע ר.]

65

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[צום סוף מאַי, 1908, איז שלום־עליכם אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור קיין רוסלאַנד, געהאַט פאָרלעזונגען און באַגייסטערטע אויפנאַמעס אין אַדעס, וואַרשע, ווילנע און אין נאָך אַנדערע, גרעסערע און קלענערע שטעט פונם „תחום". דאָס שווערע יאָר פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ליידן, וואָס ער האָט פריער דורכגע־מאַכט אין זשענעווע, האָט זיך אָבער געלאָזט פילן, און קומענדיק צום סוף יולי אויף אַ פאָרלעזונג קיין באַראַנאָוויטש (מינסקער גובערניע), האָט ער פלוצים געקריגן אַ בלוטשטורץ פון די לונגען, און די דאָק־טוירים האָבן געקאָנסטאַטירט בײַ אים אַ שאַרפע טובערקולאָז־קראַנקייט. אָפּגעלעגן אין באַראַנאָוויטש אַרום צוויי חדשים, איז שלום־עליכם, אויף דער עצה פון די דאָקטוירים, אַוועקגעפאָרן קיין נערווי (אויף דער איטאַליענישער ריוויערע), וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט אַ טייל פון דער פאַמיליע, אָנהאַלטנדיק אַ שטרייגגן רעזשים פון אַ לונגען־קראַנקן אונטער דער השגחה פון אַ דאָקטאָר. אין יענער צייט (אָקטאָ־בער 25, 1908) איז פול געוואָרן פינף־און־צוואַנציק יאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע ווערק אין אידיש (ניט רעכענענדיק זיינע ערשטע ליטעראַרישע פאַרזוכן אין העברייאיש), און די

[56] צי דאָס „טאָגעבלאַט" וועט דרוקן דעם „אוצר".

גאנצע אידישע וועלט האט מיט ליבע אויפגענומען דעם דאזיקן ליטערארישן יום-טוב פון איר פאפולערסטן דיכטער. אין הונדערטער שטעט פון איראפע און אמעריקע, ווי אויך אין די פארווארפענע ווינקלען פון די אנדערע וועלט-טיילן, זיינען פארגעקומען יובילעי-פייערונגען, אויף וועלכע עס זיינען געלייענט און געשפילט געווארן שלום-עליכמס ווערק און עס איז געגעבן געווארן אן אפשאצונג פון זיין שאפן. די הכנסה פון יענע שלום-עליכם-פייערונגען איז טיילווייז געשיקט געווארן צום קראנקן יובילאר און טיילווייז געזאמלט געווארן אין ווארשע אין א באזונדערן פאנד, וועלכער איז אינגאנצן אויסגענוצט געווארן אויף אויסצוקויפן פון פארשיידענע פארלעגער די שוין-געדרוקטע ווערק פון שלום-עליכם און איבערגעבן זיי צוריק אינם רשות פון זייער מחבר, ווי א פאלקס-מתנה צו זיין יובילעי. — פון דעמאלט-אן, ביז צום אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה אין סוף 1914, האט ש. ע. פארבראכט א משך פון זעקס יאר אין פארשיידענע קורפלעצער פון איטאליע, דייטשלאנד און שווייץ. די באשטענדיקע הכנסה פון זיינע אידישע (און שפעטער אויך רוסישע) ביכער און, צו דערזעלבער צייט, זיין מיטארבעטונג אין די רוסלענדישע און אמעריקאנער אידישע צייטונגען האבן אים, מער אדער ווייניקער, זיין מאטעריעלע לאגע געזיכערט. — דער בריוו איז געשריבן באלד ווי ער איז אויפגעשטאנען נאך דער שארפער פארשלאפונג אין באראנאוויטש; אדרעסירט איז ער קיין זשענעווע.]

ערב רה"ש תרס"ט [1908], באראנאוויטש.

טיסין און בערקאוויטשן.

טייערע קינדער מיינע!

ערשט היינט, ערב ראש-השנה, בין איך אויפגעשטאנען, און אט האב איך אויסגעבעטן ביי דער מאמע פאפיר, אויף אנצושרייבן אייך, קינדער, א בריוו — דעם ערשטן בריוו נאך זיבן וואכן, אזעלכע שווערע! איך וועל קיין סך ניט שרייבן, מע דארף אויך די אנדערע קינדער א פאר ווערטער [שרייבן]. אלזא, קינדערלאך, מיר לעבן, הייסט עס. מאלט אייך, אויף גיין בין איך נאך א ביסל שוואך, דאס הייסט, איך קאן נאך אפילו גארניט שטיין, ניט חלילה מחמת שוואכקייט, נאר פשוט, איך האב מיך אפגעוואוינט — און אן עק. ווען מיר זיך לערנען, ווי טאמארקע אין איר צייט. דערווייל בין איך נאך אין לענשטול. אין א טאג דריי ארום וועלן מיר מסתמא זיך אויסלערנען שטיין, און דערנאך — באוועגן זיך, און מארש אין וועג אריין. אך, ווי דערלעבט מען שוין אין וועג אריין! צי מיר וועלן פארן קיין מעראן, צי קיין איטאליע — נאר זען וועלן מיר זיך שוין אויף זיכער. וועסט גלויבן, טיסי, נאך ווען איך בענק און עס וויינט די נשמה? נאך טאמארקען — כלעבן! ואתה בני, ברקאוויץ בני, תודה לך בעד אגרותיך שהיו לי לשעשועים, אעפ"י שאין אתה ותרן גדול! עוד מעט ונתראה פנים ונשב יחדיו על מקום אחד, כי באה עת לחננה כי בא מועד. אלא אל-נא תמנע מלכתוב לי אגרותיך היפות[57]. און טאמארקע האט מסתמא שוין לאנג פארגעסן דעם פאפא. מע דארף איר איינחזרן, אז סאיז פאראן א פאפאקא (בערקאוויטש) און סאיז פאראן א פאפא (איך).

איך קוש אייך דרייען.

פא.

66

צו ערנעסטינע בערקאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[דעם בריוו האט ש. ע. געשריבן אין די ערשטע טעג פון זיין אנקומען קיין נערווי. עס איז ניט מער ווי א שפאס. וועלנדיק בארואיקן זיין טאכטער וועגן זיין געזונט-צושטאנד, האט ער איר צוזאמענגעשטעלט א „איטאליענישן" בריוו פון פארשיידענע פראזעס, וואס ער האט ארויסגענומען פון א רוסיש-איטאליענישן לערביכל.]

נערווי, 23-טן אקטאבער, 1908.

טייערע טיסיוניא!

האב קיין פאראיבל ניט, וואס איך שרייב דיר היינט שוין אויף איטאליעניש. נישט האבנדיק וואס צו טון, האב איך מיך גענומען שטודירן דאס זעלטענע לערבוך פון פאליגלאט קונצע: „דער רום אין איטאליע" (פרייז 1 פראנק 25 סאנטים). און, דאכט זיך, איך מאך א גרויסן ערפאלג. אין דער אמתן, איז די איטאליענישע שפראך אזא קלייניקייט, ווי צען מאל גארנישט. אלזא, צו דער זאך.

בואן דזשארנא, סיניארא טיסי! מאלטא בענע גראציע. פערקע נאן ע ווענוטא א טראווארמי? מי פא מאלטא פיאטשערע. ווערא ווערדערלא דאמאני ווערזא זערא, דאנא לאטשענא עללעאטא, איל טרענא פארטע סוביטא.

און דאס, וואס דו פרעגסט וועגן מיר, איז דעווא פאגארנע איל דאציא, א פאמע, און פיקאלא קוקייאיא, אטשעטא, אליא דא פאסטא, מאנצא באליטא קאן טשיפאלע.

און וועגן בערקאוויטשן איז אנגעקומען א בריוו, אז מי פאטשא און פרעצא מאדעראטא, פרא באביל מענטע רעסטערא קוויפיו לונגא טעמפא, פרעגא די פארמי לא בארבא ע מי פעטטיני און פא אי קאפעללי. זאל בערקאוויטש באלד אנשרייבן אונא קארטאלינא פאסטאלע מיט אזא אינהאלט: דוע מוטאנדי, סיניארע, ראקאנטשי לע קאלטשע! מחמת מי דואלע לא גאמבא ע א און ראפרעדארע, און דעריבער, אויב איר ווילט, גיט מיר און מעדיא

[57] און דו, מיין זון, בערקאוויטש מיין זון, א דאנק דיר פאר דיינע בריוו, וואס האבן מיר פארשאפט פארגעניגן, כאטש דו ביזט ניט קיין גרויסער וותרן! גאר אינגיכן וועלן מיר זיך זען און וועלן זיצן צוזאמען אויף איין ארט, ווארים סאיז שוין לאנג צייט. נאר האלט זיך ניט אפ פון צו שרייבן מיר דיינע שיינע בריוו.

קאַנטראַ לאַ דיארדעאַ, נו, און אַזוי ווייטער אין דעם זינען. איך בין זיכער, אַז ער וועט האָבן ערפאָלג. טיסי, גיב אַ קוש באַמבינאַ טאַמאַרינאַ. דאָ וועט זי זיך אַנוואַרימען. ארעוועדערטשיאַ.

פּ אַ פּ אַ.

סיניאָראַ מאַמאַן, סיניאָרינע עמאַ און מאַרוסי, ווי אויך פּיקאָלאַ גאַרסאָנע נומאַ שיקן דיר איל פּעצאַ די סאַפּאָנע און 1000 קאַנדעלע! אַדדיאָ, מיאַ קאַראַ! שיקט אונז און מאַנדאַטאַ פּאַטשאַמענטאַ. לענטראַטאַ ע ליבערא.

67

צו די בערקאָוויטשעס

[פונם אָריגינאַל]

[דעם בריוו האָט שלום-עליכם געשריבן אינם טאָג פון זיין פינף-און-צוואַנציק-יאָריקן יובילעי. — אין יענע טעג האָט זיך דער פּעטערבורגער „פריינד" פּלוצים פאַרמאַכט. (מיט עטלאַכע חדשים שפּעטער האָט ער צוריק אָנגעהויבן צו דערשיינען.)]

נערווי, 25 אָקטאָבער, 1908.

חבֿן יקיר לי ברקוביץ!

שמחתני בתלגרמותיך ועוד יותר באגרתך. בכל פעם שאני מקבל ממך אגרת אני שמח. תמול לפנות ערב התחילו תלגרמות עפות מכל אפסים והיום בבוקר נתקבלו כמה בבת-אחת. אולם שמחתי מהולה בצער ועגמת-נפש במות עלינו שארנו ובשרנו, היחיד במשפחתנו הספרתית, הוא ה„פריינד". — — — ברגע שקראתי דברי זאבלודאָווסקי מביאַליסטאָק ע"ד מיתה החטופה זו חשכו עיני וכמעט זלגו דמעות. אורגן כזה לא היה בספרתנו, ומי יודע אם יקום לנו עוד כזה? הל„חיינו" נייחל? או לה„היינט"? או לאיזה נפל בל חזה שמש מן המודרניסטים שלנו? אהה, אלהים! הכלה אתה עושה את מבחר עתונינו?! —

ואני, בעל-החג החלוש, ערכתי ספור ספּעציעלי ליום הזה וגם המתנתי עליו בעינים כלות — והנה תקותי נשארה מעל! וגם אתה, יקירי, בודאי אתה מספיד את האבדה הגדולה הזאת — והיא אבדה גדולה שלך, — אך אל-נא ירך לבבך, כי אי-אפשר שלא יולד לנו ילד-שעשועים אחר תחתיו — הלא כל הארץ לפנינו! — — — נשק-נא לטיסי ולתמרה.

ש ל ך.

הואל-נא והראה את האגרת הזאת לידידנו וחברנו בן-עמי ותגיד לו שלום בשמי ובשם כולנו.

ש. ע ל.

יקירי! בשורה 17 תמצא שתי מלות ציניות מעט... אחרי שתקרא אותן אתה ובן-עמי, ואולי גם ווייצמאַן, תמחוק אותן מעל האגרת, שמא יתגלגל המכתב לאחר מאה ועשרים שנה לאיזה עכברא ספרתי, ותהי לי בושה מזה בגן-עדן חלילה...

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער זון בערקאָוויטש! האָסט מיך דערפרייט מיט דיינע טעלעגראַמעס, און נאָך מער — מיט דיין



שלום-עליכם אין נערווי, שפּאַצירנדיק אויף דער „מאַרינע", ווינטער 1909, אין דער באַגלייטונג פון י. ד. בערקאָוויטש און טאַמאַראַ. [דאָס בילד איז אַן אַנזיכטס-קאַרט פון דער ריוויערע, און ש. ע. מיט זיינע באַגלייטער זיינען דאָ אַריין צופעליק.]

בריוו [58]. יעדן מאָל, ווען איך באַקום פון דיר אַ בריוו, פריי איך מיך. נעכטן פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן פליען טעלעגראַמעס פון אַלע עקן און היינט אינדערפרי זיינען אָנגעקומען אַ סך מיט אַ מאָל. נאָר מיין שמחה איז אויסגעמישט מיט צער און עגמת-נפש, וואָס סאיז אונז אַוועקגעשטאָרבן דער איינציקער קרוב אין אונזער ליטעראַרישער משפחה, „דער פריינד". — — — אין דעם מאָמענט, וואָס איך האָב געלייענט זאַבלודאָווסקיס בריוו פון ביאַליסטאָק וועגן דעם דאָזיקן פלוצימדיקן טויט, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן און טרערן האָבן זיך שיר געגאָסן. אַזאַ אָרגאַן איז נאָך ניט געווען אין אונזער ליטעראַטור, און ווער ווייסט, אויב אַזעלכער וועט נאָך ביי אונז זיין? צי קאָנען מיר דען האָפן אויף „אונזער לעבן"? אָדער אויפן „היינט"? אָדער אויף אַ נפלע, וואָס האָט נאָך די זון ניט געזען, פון אונזערע מאָדערניסטן? ווי געשריען, גאָט! ווילסט טאַקע מאַכן אַ סוף צו דער בעסטער פון אונזערע צייטונגען?!

און איך, דער שוואַכער יובילאַר, האָב צוגע-גרייט אַ ספּעציעלע דערציילונג צו דעם דאָזיקן טאָג [59] און האָב אויך אויסגעקוקט אויף אים [60] די אויגן — ערשט מיין האָפענונג איז געוואָרן צו נישט! און אויך דו, מיין טייערער, באַוויינסט מסתמא דעם דאָזיקן גרויסן פאַרלוסט — וואָס איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דיר; נאָר האָב קיין יסורים ניט, מחמת סאיז ניט מעגלאַך, עס זאָל ניט געבוירן ווערן אַן אַנדער קינד אַ טרייסט אויף זיין אָרט — מיר האָבן דאָך די גאַנצע וועלט פאַר זיך! — — — גיב אַ קוש טיסין און טאַמאַראַן.

זיי אַזוי גוט באַווייז אָט דעם בריוו אונזער פריינט און חבר בן-עמי [61] און גיב אים איבער אַ גרוס פון מיר און פון אונז אַלעמען.

ש. על.

מיין טייערער! אין דער 17-טער שורה וועסטו געפינען צוויי ווערטער, אַ ביסל ציניש... נאָכדעם ווי דו וועסט זיי איבערלייענען, דו און בן-עמי, און אפשר אויך ווייצמאַן [62], זאָלסטו זיי אויסמעקן פונם בריוו, מחמת טאָמער ווערט דער בריוו מגולגל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צו אַ ליטעראַרישער מויז, וועל איך דערפון חלילה האָבן בזיונות אין גן-עדן...]

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

טיסינקע מיינע! דיין אָפּוועזנהייט פיל איך אַצינד מער, ווי ווען עס איז אַנדערש. נאָר אָט-אָט, באַלד וועלן מיר שוין זיין צוזאַמען. דער פּריצייטיקער אונ-טערגאַנג פונם „פריינד" האָט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ גלייך אין האַרצן אַריין. איך האָב דאָך פאַרבונדן מיין נאָמען מיט אים פון זיין ערשטן נומער אָן. סאיז אַ פאַרלוסט אויך פאַר בערקאָוויטשן. נאָר גאָרנישט, נעמען זיך צום האַרצן באַדאַרף מען נישט. עס וועט געוויס עפּעס געבוירן ווערן אויף זיין אָרט. אַך, וואו נעמט מען כוחות און געזונט, אַוועקצולאָזן זיך אין דער „טשערטאַ" אַריין און עפענען אַ צייטונג, אָבער אַזאַ, וואָס זאָל זיין אַ שרעק פאַר שונאים און אַ פרייד פאַר גוטע פריינט! נאָר גיי מאַך, אַז די הענט זיינען קורץ. און אפשר וועלן זיי נאָך אויסוואַקסן? ווער קאָן וויסן? ווען מע גיט מיר אַצינד בערקאָוויטשעס יאָרן (און דערצו נאָך בראָדסקים געלט)! נאָר דער-ווייל טו אַ קוש טאַמורקען און גיב-איבער מיין גרוס ווייצמאַנען. מע מעג אויך אים באַווייזן אָט דעם בריוו.

ד י י ן פּ אַ.

68

צו מיכאל קויפמאַן

[פונם אידישן אָריגינאַל]

נערווי, 6-טן מערץ, 1909.

ידידי מיקאַעלאַ!

עס וועט זיך גאָרניט העלפן — מייַנע בריוו צו אייך וועלן שוין מוזן זיין געשריבן אויף אידיש. מן השמים עכבוני! מיר איז דאָס שרייבן דורכאויס פאַרבאָטן. דערלויבט איז מיר נאָר אויף אַ מאַשין. וואָס זשע טוט גאָט? גיט ער אַריין מיינע ניו-יאָרקער קאָלעגן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז זיי זאָלן מיר קויפן אַ שרייבמאַשין — אַ מתנה צו מיין ליטעראַרישן יום-טוב. רבונו של עולם! די הענט זאָלן זיי ניט ווייטון!

ליבער פריינט! אַ דאַנק אייך פאַר אייערע אָפּטע בריוולאַך. ביי אַ מענטשן ווי איר, וואָס ליגט אין קישינעוו אויף דער געאָגראַפיע [63], איז דאָס ווירקלאַך אַ בעריעשאַפט און אַ שטיק העלדנטאַט. איך דאַנק אייך אויך פאַר די צוגעשיקטע צייטונגען. לעזט איר אַמאָל דעם „פריינד"? האָט איר געזען דעם „יעווריע-סקי מיר", ווי אַזוי מע האָט מיך איבערגעפירט? [64]... גייען אין קישינעוו די קליינע ביכעלאַך פון דער אָדע-סער אויסגאַבע „מוריה" [65]? צי איר זיינט איצט ניט שייך צו אַזעלכע זאַכן? — שרייבט, שרייבט.

עס גריסן אייך אַלע אונזערע. איך ווינטש אייך אַלדאָס גוטס.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

---

[58] באַגריסונגען צום פינף-און-צוואַנציק-יאָריקן יובילייַ. — [59] „שמואל שמעלקים און זיין יובילעאום". — [60] אויפן „פריינד". — [61] דער אידיש-רוסישער שריפטשטעלער מ. בן-עמי, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין זשענעווע. — [62] דר. משה ווייצ-מאַן, אַ ברודער פון חיים ווייצמאַן.

[63] דער אַדרעסאַט האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו עקזאַמענעס. — [64] געמיינט „טביה דער מילכיקער פאָרט קיין ארץ-ישראל", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „יעווריעיסקי מיר" אין אַ רוסישער איבערזעצונג. — דאָס רוסישע וואָרט „פּערעוואָדיט" (איבערזעצן) האָט אויך אַ צווייטע באַדייטונג: איבערפירן (פון איין אָרט אויפן אַנדערן). דאָ מיינט ש. ע. „איבערגעפירט" — קאַליע געמאַכט. — [65] געמיינט שלום-עליכמס יום-טוב-ביכעלאַך אין אידיש, וואָס „מוריה" האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן.

69

צו ליאַלי ראַבּינאָוויטש

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

נערווי, 23־טן נאָוועמבּער, 1909.

ליאַליוק!

סאיז אינגאַנצן דריי טעג געבּליבּן בּיז דיין אַרויס־גיין אין טיראַזש[66]. סע וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען עס ווערט מקוים כאָטש אַ הונדערט־חלק פון די בּרכות, וואָס איך ווינטש דיר און דיין אויסדערוויילטן. נעמט־אָן בּיידע צו עטלאַכע קושן פונם

פּאַפּאַ.

פּ. ס. — סאיז פאַראַן בּיי אונז אַן אַלטער מנהג — צו דערמאַנען און מזכיר נשמות זיין די אַוועקגעגאַנגענע אין דער אייבּיקייט אין די פייערלאַכסטע מאָמענטן פון אונזער לעבּן. מעמענטאָ מאָרי — אַ גוטער מנהג. דאָס ווירקט דערוויייכנד אויפן האַרצן און אויף דער נשמה. אויבּ אָט דער בּריוו וועט דערגיין צו דיר אין דעם טאָג פון דיין חופּה, וואָלסטו בּאַ־דאַרפט דערמאַנען די בּאַבּע, וועלכע האָט זיך אַ סך מקריב געווען פאַר אונז אַלעמען. און נאָכדעם — לאָמיר זיך פרייען און לאָמיר לעבּן.

70

צו מאַרוסי ראַבּינאָוויטש

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

נערווי, 23־טן נאָוועמבּער, 1909.

טייערע מאַרוסי!

היות אַזוי ווי דו האָסט געדונגען אַ נייע וואוינונג אויפן שאָשע[67] און צאָלסט שוין טייערער מיט 50 קאָפּיקעס אַ חודש, איז אַ יושר, אַז איך זאָל דיר שוין שרייבּן אויף דיין אַדרעס, און אַז דו זאָלסט שוין איבּערגעבּן די בּריוו צו טיסין און בּערקאָוויטשן, ניט פאַרקערט. פון דעסטוועגן, ליבּע מאַרוסי, ווי אַזוי האָסטו עס בּיי זיך געפּועלט צו ריזיקירן מיט 50 קאָפּיקעס אַ חודש מער? האָסטו אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז דאָס מאַכט־אויס 6 רובּל אַ יאָר, און אין 100 יאָר 600 רובּל? איך בּאַשולדיק דיך חלילה ניט אין אויסבּרייִנגערײַ, נאָר גלאַט אַזוי, איך דערמאַן דיר, אַז מע דאַרף לעבּן מיט רעכענונג. 600 רובּל איז דאָך אַ סומע. 100 יאָר וועלן אַוועק ווי — פּפו! און געלט (600) איז אַ קיפּיטאַל! אמת, וואוינען אויפן שאָשע איז עפּעס אויך ווערט. נאָר מיר דאַכט, אַז טיסי וואוינט נאָך עד היום אויף דעמזעלבּן שאָשע? אָדער דיין שאָשאַ איז אַן אַנדערע? אויבּ אַזוי — נו, פאַרשטייט זיך, איז גאָר אַ דריטע זאַך.



שלום־עליכם אין יאָר 1909 [סאַנאַטאָריע סט. בּלאַזיען, שוואַרצוואַלד.]

פון אָט דעם בּריוו, דאָס הייסט פון זיין טאָן, קאָנסטו שוין אַרויסזען, ווי אַזוי איך האַלט מיט מיין געזונט און בּכלל. אַ גרוס דיר פון ***, פון ראָזינען, פון ריססאָן און פון דער דיקער פרוכטהענדלערן[68]. איך וואָג איז איצט 132 קילאָ (פאַראַיאָרן איז געווען 114). אַנו, גיבּ דאָרט אַ קוש טאַמורקען אין פּיסקל.

פּאַפּאַ.

[66] דאָס הייסט „בּיז דיין חתונה". „אַרויסגיין אין טיראַזש" איז אַ ספּעציעלער טערמין, וואָס ווערט געבּרויכט בּיי לאָטעריי־צעטלען, וואָס פאַלן־אַרויס פון דער אַלגעמיינער ליסט. אויף רוסיש בּאַקומט זיך דאָ אַ הומאָריסטיש ווערטשפּיל. — [67] שאָסע. — דער בּריוו איז געשריבּן קיין בּאַראַנאָוויטש, און ש. ע. מאַכט־נאָך, ווי אַזוי די ליטוואַקעס פאַרבּייטן אַ סמך אויף אַ שין.

[68] איטאַליענער, איינוואוינער אין נערווי.

71

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 23־טן נאָוועמבער, 1909.

נו, טיסיוניאַ, האָסט שוין געענדיקט צו שטעלן פראַגעס בערקאָוויטשן [69]? אָדער דו דערגייסט אים נאָך אַלץ די יאָרן? אַרימער מאַרטירער! ער דאַרף נעבאַך ענטפערן אויף יעדער נאַרישקייט: וויפיל וועגט דער פּאַפּאַ? און ווען שטייט ער אויף? און וואָס עסט ער? און וואו געפינט זיך דאָס עסצימער? און וויפיל פענסטער איז דאָ אין שלאָפצימער? און ווי אַזוי איז דאָס באָדצימער? אָט אַן איינגעגעסענע זאַך! ניין, בערקאָוויטש, עס האָט זיך ניט געלוינט קומען צו פאָרן קיין באַראַנאָוויטש, און נאָך אַזוי אויסגעריסן ווערן! פון דעסטוועגן, טיסיוניאַ, בעט איך, צו דיינע פראַגעס צוגעבן נאָך איין פראַגע נאָר, פון מיר: פ א ר וו אָ ס ה אָ ט ע ר, ד ע ר ג ז ל ן, נ י ט ג ע־ ש ר י ב ן ג אַ נ צ ע צ וו ו י וו אָ כ ן?!?! ——

— — — — — — — — — — — — — — —

גיט ביידע אַ קוש פון מיינטוועגן טאַמאַרענציען.

פ אַ פ אַ.

72

צו ליאַלי ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 24־טן נאָוועמבער, 1909.

ליבע ליאַליוסי!

אָ, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס ביי אונז טוט זיך! נומטשיק גרייט זיך צו „ליאַלים קאָנצערט" [70]. אחוץ „לאַך, דו פּאַיאַץ", דאַרף ער זינגען איין איטאַליעניש און איין שפּאַניש ראָמאַנס: „לאַ איספּאַניאָלאַ סאַמאַר קאָזי". דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט קלאַנגען, און איך לויף צום ברעג ים פון די דאָזיקע זיסע טענער.

וועסטו שרייבן פּינקטלאַך אויך נאָכדעם ווי דו וועסט אַרויס אין טיראַזש? אָדער דו וועסט פאַרגעסן „קאַס. פּאָסט. 66 נערווי" [71]? ניין, דו וועסט ניט פאַרגעסן, וואָרים אויך איך פאַרגעס ניט און וועל קיינמאָל דיך ניט פאַרגעסן. איך קוש דיך און מיקאַעלאָן. איך וויים ניט, ווען וועסטו באַקומען אָט דעם בריוו, און צי וועסטו אים באַקומען? איך וואַרט אויף אייך ביידן דאָ, אין דעם פּראַכטפולן איטאַליע.

אייער פ אַ פּ אַ.

[69] י. ד. בערקאָוויטש איז דעמאָלט צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד נאָך אַ לאַנגן אָפּזיין אין אויסלאַנד. — [70] שלום-עליכם האָט צו זיין טאָכטערס חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשמערינקע, ניט געקאָנט פאָרן, צוליב זיין געזונט-צושטאַנד. דערפאַר האָט ער ביי זיך געפּראַוועט אַ היימישע שמחה, מיט אַ ספּעציעלן „קאָנצערט", און וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט היימישע „קרעפטן". — [71] שלום-עליכמס פּאָסט-אַדרעס אין נערווי.

73

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[נערווי], 26־טן נאָוועמבער, 1909.
פרייטאָג, דעם טאָג פון ליאַלקעס חתונה.

באַקומען, טיסיוק, דיין בריוו און בערקאָוויטשעס פונם „היימלאַנד"... איך בין זייער צופרידן. ווען בערקאָוויטש זאָל קאָנען אַזוי ריידן, ווי ער שרייבט, כאָטש אַ הונדערט־חלק דערפון, וואָלט ער געווען אַן אָראַטאָר, וואָס פאַרכישופט די וועלט.

איר האָט באַדאַרפט אַ קוק טון אויף מיר אין דער מינוט. אַ פראַק, אַ ווייסער שניפּס. און נומטשיק? און עמאַ? און די בלומען, וואָס אין שטוב? און די געסט?

— — — — — — — — — — — — — —

גיב אַ קוש, טיסי, פאַר מיר דער מאַמע און טאַ־מאַרקען.

פ אַ.

דער מאַמע שרייב איך קיין באַראַנאָוויטש. אַלצ־דינג, אַלצדינג איז גוט.

74

פּראָגראַם פונם קאָנצערט

[איבערגעזעצט פון אַ רוסישער קאָפּיע]

פרייטאָג, 25־טן נאָוועמבער, 1909 יאָר.

1־טער טייל

1) „לאַך, דו פּאַיאַץ" . . . . נ ו מ אַ.
2) „אַ ליבע צו פירן" . . . . כ אָ ר.
אויפן ראַיאַל באַגלייט פון ש ל ו ם - ע ל י כ ם.
3) „אַ חסידל" . . . . כ אָ ר.
4) „רב אַבאַ". פאַרלעזונג . . . . ה. אָ נ כ י [72].
5) איטאַליעניש לידל . . . . ה. ש ע פּ ט ע ל.
6) „לאַ איספּאַניאָלאַ" . . . . נ ו מ אַ.

2־טער טייל

1) שפּאַניש לידל . . . . נ ו מ אַ.
2) „המוציא מחברו" . . . . כ אָ ר.
3) „דאָס ליד פון ליבע" . . . . כ אָ ר.
4) „רב אַבאַ" . . . . ה. אָ נ כ י.
5) איטאַליעניש לידל . . . . ה. ש ע פּ ט ע ל.
6) „וואָס מיר זיינען זיינען מיר" . . . . כ אָ ר.
7) איטאַליעניש לידל . . . . נ ו מ אַ.
8) אידיש־נאַציאָנאַלער הימן . . . ד ע ר ג אַ נ צ ע ר כ אָ ר.

[72] דער שריפטשטעלער ז. י. אנכי, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין נערווי.

75

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[נערווי], 27־טן נאָוועמבער, 1909.

טיסיוניאַ און בערק!

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן אונזער פאַרצווייפלונג: די טעלעגראַמע קיין זשמערינקע [73] האָט מען אין נערווי טשקע [74] ניט געוואָלט אָננעמען. סאיז אויסגעקומען צו טעלעגראַפירן דורך די פּאָלינקאָווסקים [75] אין אדעס. גוט, אויב די מאַמע האָט די טעלעגראַמע באַקומען. און אויב ניט? — איך וויל גאָר דערפון ניט טראַכטן.

ענדלאַך האָט ליאַלי טאַקע חתונה געהאַט. אָדער דאָס איז אַ חלום? סאיז אָבער איינגענעם, אפילו אויב דאָס איז אַ חלום...

— — — — — — — — — — — — — —

גיט אַ קוש טאַמאַרקען.

[73] אַ מזל־טוב צו דער טאָכטערס חתונה. — [74] אַזוי האָט ש. ע. גערופן נערווי, בשעת ער איז מיט דעם ניט געווען צופרידן. — [75] שלום־עליכמס אדעסער פריינט.



פאַקסימילע פון בריוו נומער 77.

76

צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[נערווי], שבת פרי, 27־טן נאָוועמבער, 1909.

פריינט מיינער!

היינט אינדערפרי האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון זשמערינקע מיט אַ מזל־טוב פון די מחותנים, און האָב מיך באַרואיקט. הייסט עס, אַז אונזער טעלעגראַמע איז אָנגעקומען אין צייט און דו האָסט ניט געהאַט קיין אורזאַך צו זיין אומרואיק.

דער קאָנצערט איז אריבער גלענצנד. אַ באַזונדערן ערפאָלג האָט געהאַט נומטשיק.

איך בין געזונט. איך קוש. איך שרייב.

דיין ס.

77

צו דער רעדאַקציע „די נייע וועלט“

[פונם אידישן אריגינאַל]

[דאָס דאָזיקע בריוול, געשריבן מיט דער שפּראַך און מיטן אויסלייגאַכץ, ווי עס שרייבט דאָס פאָלק אין וואָלין, האָט שלום־עליכם צוגעשיקט צו דער רעדאַקציע פון דער וואַרשעווער טעגלאַכער ציטונג „די נייע וועלט“, וואו ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, נאָכדעם ווי ער האָט אין דער ציטונג איבערגעלייענט אַן אַנאָנס פון די בערקאָוויטשעס, אַז זיי זוכען אין וואַרשע אַ דירה.]

[נערווי], 4־טן דעצעמבער, 1909.

געעהרטע רעדאַקציע!

אזוי ווי איך בין אייערער אַ שטענדיגער האַבאָנענט פון אייער ציטונג די „נייהע וועהלט“, האָב איך געלייהענט, אַז אַ „פּאָרפאָהלק“ (מיט אַ קינד) זוכט 2 צימערען אין אַ הינטעליגענטנע הויז פריי בענוצען מיט דער קיך, לכן בין איך אייך מודיע, אַז איך האָב 2 צימערען מיט אַ קיך און בין אַ הינטעליגענטנע הויז און קאָן צונעמען דאָס פּאָרפאָהלק (מיט אַ קינד). הויב איהר זיינט סאָגלאַהסנע שיקט מיר דאָס פּאָרפאָהלק (מיט אַ קינד) צו מיר אין מיין הינטעליגענטנע הויז. איך וואָהן אין נ ע ה ר ו ו י אין א י ה ט אַ ל י ע ו ו י ה אַ ד ע ל פּ אָ ה צ צ אַ 65 און מיין האַדרעס איז נערווי קאָס. פּאָס. 66, איטאַליאַ. און הויב זיי ווילען איז מיט העסען און טריהנקען און אַ טיהש צום שרייבען מיט אַ שרייהבמאַהשיהן רעהמיהנגטהאָהן מיט האַלע אודאָהוואָהלסטוויהעס.

מיטהאָכאַכטונגספאָהל פון מיר אַייער האַבאָהנעהנט וואָס לאָזט ניט דורך אפילו קיין אַהנאָהנסען פון אַייהער געהעהרטער צייהטונג

שלום־עליכם.

אַ גרוס בערקאָוויטשן. היינט אַרויסגעשיקט אים אַ טראַנספּאָרט ראָמאַן [76]. —

[76] „בלאָנזשענדע שטערן“.

78

צו מאַרוסי ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 14־טן דעצעמבער, 1909.

טייערע מאַרוסי!

דאָס איז גוט, וואָס דו שרייבסט אַלצדינג באריכות. דו האָסט נאָר פאַרגעסן אָנצושרייבן מער באריכות וועגן טאַמאַרקען.

— — — — — — — — — — — — — — —

אויב די מאַמע איז נאָך אין וואַרשע, גיב איר איבער, אַז אין דער היים איז אַלצדינג גוט. מאַרוסי! ווען זיך אפשר אויסלערנען ביי בערקאָוויטשן שרייבן אויף דער מאַשין, און דווקא אויף אידיש? אי די צייט וועט אַוועקגיין, אי אַ נוצן וועט זיין. און פאַר־וואָס איז ביי דיר נישטאָ קיין לערער? איך קוש.

פּאַ.

בערקאָוויטשן און טיסין שרייב איך יעדן טאָג אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע [77]. — — — גיב אַ קניפּ טאַמאַרקען. אָבער גוט! — —

79

צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 17־טן דעצעמבער, 1909.

טייערער פריינט!

כאָטש אונז איז ניט באַוואוסט אויף זיכער, וואו דו ביזט און ווען דו ביזט אין זשענעווע, פון דעסטוועגן זאָלסטו וויסן, אַז אַלצדינג איז דאָ כשורה. אַלצדינג איז אויפן בעסטן אופן. איך שרייב דעם ראָמאַן. עמאַ באַלעבאַטעוועט. נומאַ לערנט זיך. און מיר אַלע וואַרטן אויף דיר. איך ווידער וואַרט און בענק, פּונקט ווי אין לוגאַנאָ, אויב דו געדיינקסט... — — — פון אַלע קינדער גוטע בריוו. איך שרייב קיין פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע און בערלין. עס וואָלט דיר ניט געשאַדט אין זשענעווע זיך אָפּצורוען, אָדער פאָרן מיט צווייטער קלאַס. איך קוש דיך.

דיין ס.

80

צו די קויפמאַנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 11־טן יאַנואַר, 1910.

טייערע ליאַלי און מיכאַל!

מיר האָבן באַקומען דיין בריוו, ליאַלינקע, און האָבן זיך זייער מצער געווען, וואָס איר האָט אויף אַזוי לאַנג אָפּגעלייגט אייער קומען אין אונזער פּראַכטשיינעם לאַנד. — — — און וועגן מיר — שרייב איך זייער אַ סך און דרוק זיך כמעט אומעטום. אַ דאַנק אַללאַהן, וואָס דאָס געזונט דערלויבט עס מיר. עס דערלויבן מיר ניט נאָר צוויי פּאַרשוינען: די מאַמע און דער דאָקטאָר. נאָר ווער הערט זיי?... ליבער מיכעל, איך האָב צו אייך אַ בקשה: אַ נאָמען פון אַ וואַסער עס איז הונט אויף מאָלדאַוואַניש [78]. ביי אונז, למשל, איז ראַבטשיק, זשוק, סירקאָ. גיט מיר איין נאָמען אַזעלכן. און אַזוי ווי איך דאַרף עס באַלד, קלאַפּט זשע מיר אַ דעפּעש נאָר פון איין וואָרט, אָבער שרייבט־אָן דאָס וואָרט דייטלאַך מיט לאַטיינישער שריפט. — — — און ווייטער נעם איך אייך ביידן אַרום און וואַרט אויף אייך. מיר אַלע וואַרטן אויף אייך.

אייער פּאַ.

81

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[נערווי], 18־טן אַפּריל, 1910.

טייערע!

איך האָב שוין לאַנג אַזוי ניט געלאַכט, ווי פון דער „הגדה של פּרעסע" [79]. מיר אַלע האָבן געלאַכט. נאָר איך — טאַקע ממש ביז הייזעריק ווערן. איך האָף, אַז די זאַך וועט פונם פּובליקום אָפּגעשאַצט ווערן. דאָס איז שאַרפער און ווירקנדיקער פון יעדער קריטיק. איין קאַלאַמבורישע סאַטירע אַזאַ קאָן מער אויפטון, ווי אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען וועגן „קונסט". נאָך מיין מיינונג, האָט מען דעם „חד־גדיא" געקאָנט מאַכן פאַר דער קרוין פון דער דאָזיקער שפּאַסיקער הגדה, ווען מע זאָל עס לייגנער מאַכן, דערהויפּט אין אָנהייב, וואו עס דאַרף דערציילט ווערן די געשיכטע, ווי אַזוי סאיז אויפגעקומען די שונדליטעראַטור. מע האָט באַדאַרפט אָנהייבן פון דער יאַפּאַנישער מלחמה און ווייטער, און ערשט נאָכדעם איבערגיין צו דעם קאַמף פון די קרי־טיקער. וואָס רעדט מען אין וואַרשע וועגן דעם דאָזיקן געלונגענעם שפּאַס אויף יום־טוב?

איך קוש.

פּאַ.

82

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אָריגינאַל]

[דאָס איז איינער פון די זומערדיקע בריוו, מיט וועלכע שלום־עליכם פלעגט צוזאַמענרופן די „צעזייטע און צעשפּרייטע" מיטגלידער פון זיין פאַמיליע צו זיך אויף וואַקאַציע.]

[77] „די נייע וועלט", וואו בערקאָוויטש איז געווען אַ מיטאַר־בעטער.

[78] פאַרן ראָמאַן „בלאָנזענדע שטערן". — דער פאַרגעלייגטער נאָמען — „טערקוש" — איז אַריין אין ראָמאַן. — [79] בערקאָ־וויטשעס אַ פּאַמפלעט וועגן דער אידישער פּרעסע אין וואַרשע.

באַרענווייַלער (שוואַרצוואַלד), ווילא קוננע.

24־טן יוני, 1910.

ברק יקירי!

תמהים אנחנו פה ואין אָנו יודעים מטוב ועד רע. מי ומי ההולכים? מי נוסע ומי יושב? נו־נו! שלחתי היום למישאַ שלנו כתב־תעודה ע״ד נסיעתו. אולם מסופק אני מאד, אם יתנו לו כתב־מסע בקיעוו. ומה יהיה לבסוף? — וליאַליאַ ומיכל מסתמא ימתינו, או תלכו ביחד שלשתכם? מדוע נתעכבת בוואַרשא עד יום א׳? מה יום מיומים? חידה היא! אַל־נא תשכח, שיש לך בת ושמה תמרה (בכאן קראנו לה בשם „וואַמפוקאַ״). הביא נא בעדה עגלת־צב (מאַלינקאָ פאָוואָזעצקאָ בלע״ז). נשק־נא למיכל ולצרתו מרת ליאַליאַ שתחי׳.

שלד.

חמשת הפפעניגים ששלמתי להפאָסט בעבור זה ע״פ טעות ישלם האַשכנזי להרופא, רבש״ע! (יש רופאים בארץ אשכנז).

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער ברק! מיר וואונדערן זיך דאָ און מיר הייבן נישט אָן צו וויסן. ווער זיינען די גייער? ווער פאָרט און ווער בלייבט? נו־נו! איך האָב היינט געשיקט אונזער מישאַן אַ צייגנים וועגן זיין רייזע. איך בין אָבער אין ספק, צי וועט מען אים אין קיעוו געבן אַ פּאַספּאָרט. וואָס זשע וועט זיין דער סוף? און ליאַלי און מיכל וועלן מסתמא וואַרטן, אָדער איר פאָרט צוזאַמען זאַלבעדריט? פאַרוואָס ביזט דו פאַרבליבן אין וואַרשע ביז זונטאָג? וואָס פאַר אַ מין טאָג איז עס געווען? — סאַ רעטעניש! פאַרגעס אַקאָרשט ניט, אַז דו האָסט אַ טאָכטער, וואָס הייסט טאַמאַרע (דאָ האָבן מיר איר אַ נאָמען געגעבן „וואַמפוקאַ״ [80]). ברייננג פאַר איר אַ וועגעלע (מאַלינקאָ פאָוואָזעצקאָ — אויף איר שפּראַך). גיב אַ קוש מיכלען און זיין צרה מרת ליאַלי זאָל לעבן.

דיינער.

די [איבעריקע] פינף פעניג, וואָס איך האָב באַצאָלט דער פּאָסט פאַר אָט דאָס [קאַרטל], זאָל דער דייטש באַצאָלן דעם דאָקטאָר, רבונו של עולם! (עס זיינען פאַראַן דאָקטוירים אין דייטשלאַנד!).]

[80] דער פּעטערבורגער „קרומער שפּיגל״ האָט דעמאָלט אויפגעפירט אַ קאָמישע אָפּערע מיטן נאָמען „וואַמפוקאַ״, וואָס איז אין יענער צייט געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער.

שלום־עליכם און זיין פרוי אין יאָר 1909 [סאַנאַטאָריע סט. בלאַזיען, שוואַרצוואַלד].

83

צו דעמזועלבן

[פונם אידישן אָריגינאַל

[דער בריוו איז אַ פּאַראָדיע אויף דער פּאָנעטישער אָרטאָגראַפיע אין אידיש, וואָס נח פּרילוצקי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַנוצן. פּרילוצקי האָט אין יענע טעג געהאַט אײַנגעלאַדן שלום-עליכמען צו מיטאַרבעטן אין דעם וואַרשעווער „מאָמענט“.]

לוגאַנאָ, 10־טן אָקטאָבער, 1910.

זער גערטער ער בערקאָוויטש!

דאָ ליגט אַ בריוו'ל פונ'ם זער גערטען ער ר'דאַקטער פון ד'ר נייר' צייטונג וואָס'ר גייט'רויסגעבן נ'וואַרשאָ. ליינט'ם גוט דורך און זעהטז'ך מיט'ים ערגיץ אינ'אַקאַפּע און ערט'ים אוים ו'ס'מיינט'ר צ'געבן פאַר'ן ר'מאָן למשל? אויב'ס'ניט ק'ן'חלום אונר'אָט טאַקי אַביסל געלד ווי'ר'שרייבט, זאָל'ר אַראַנ'טראָג'ן צו בכרך [81] אַ דראַ — לפּחות — צוויי טויזנדר' יבל — ניין, כ'מיינט' אַקי דראַ, פּ'ר'ס'ניט? כ'אָ'אים האַנט ג'שריבען אַנ'טקריטקע, אַז'יר'ט'זיך מיט'ימ'זעהען נ'וואַרשאָ. טהוט'ס וויכ'זאָג'ייך. —

84

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל

[לוצערן], 28־טן אָקטאָבער, 1910.

טייערער ב.!

אַ דאַנק פאַר דער טעלעגראַמע [82]. טפו! כמעט ששכחתי לכתוב אליך ב ל ש ו נ נ ו. וחייבת בזה טיסי. ולא הרי טיסי כהרי תמרה עם לשונה, לשון רוסית צחה: מאַשאַ קוואַרטיראַ אימעיעט מנאָגאָ פּאָדושקאָוו, וכדומה. מה הגיד לי סאַהלי? עוד יש סימנים למחלתי, אך הבטח הבטיחני, שלימי הקיץ ירשה לי לנסוע לארץ הדמים („תרתי במשמע“ — יאמר פרישמננו). תמרה אינה מנחת לי לכתוב יותר, מפני שצריך ללכת אתה אל ה„סומאַטאָגראַף“. הנני מחבקך באהבה.

ש ל ד.

לידידנו לדינעזאָהן שלום רב!

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — טפו! איך האָב שוין כמעט פאַרגעסן צו שרייבן דיר א ו י ף א ו נ ז ע ר ש פּ ר א ך. און שולדיק אין דעם איז טיסי. און ניט אַזוי טיסי, ווי טאַמאַראַ, מיט איר ריינער רוסישער שפּראַך: מאַשאַ קוואַרטיראַ אימעיעט מנאָגאָ פּאָדושקאָוו [83], וכדומה. וואָס האָט מיר סאַלי [84] געזאָגט? עס זיינען נאָך פאַראַן סימנים פון מיין קראַנקייט. נאָר ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אַקעגן זומער וועט ער מיר דערלויבן צו פאָרן אין דאָס בלוטיקע לאַנד (מיט צוויי באַדייטונגען — וואָלט געזאָגט אונזער פרישמאַן [85]). טאַמאַראַ לאָזט מיך מער ניט שרייבן, מחמת איך דאַרף מיט איר גיין אין „סומאַטאָגראַף“ [86]. איך נעם דיך אַרום מיט ליבשאַפט.

ד י י נ ע ר.

אונזער פריינט דינעזאָנען אַ סך פרידן!]

85

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

[נערווי], 10־טן יאַנואַר, 1911.

טייערע!

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב איבערגעלייענט דעם יובילײ־נומער פון „העולם“ [87]. אַך, וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן „אילן זה“ ביז „אויטאָ־דאַ־פע“ אין „הצפירה“! ווי פון טאָג צו נאַכט! ניין, איבערזעצן מיך, אויסער אײַך, קאָן קיינער ניט, און דאַרף קיינער ניט, און איך וועל קיינעם ניט לאָזן! איר אַליין ווייסט שוין, וואָסערע הוספות איך וואָלט געמאַכט, און איר שטעלט זיי אַריין. איר האָט מיך אויסגעשטודירט גרונטלאַך. איר קענט מיך אויף אַ 5 מיט אַ פּלוס. ניין, איך וועל מער קיינעם נישט לאָזן מיך איבערזעצן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

טיסיוניאַ! איך האָב צו דיר אַ בקשה: אַלץ וואָס דערשיינט פון מיינע זאַכן אויף וואָסער עס איז שפּראַך — אָפּלייגן און באַהאַלטן מיט אַן אויפשריפט אויף די קאָנווערטן. טו אַ קוש מיין ליבע טאַמאַרענציע.

אייער פּ א.

86

צו ד״זעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל

[נערווי], 16־טן יאַנואַר, 1911.

טייערע!

סאיז אוממעגלאַך, עס זאָל אַריבער אַ טאָג אָן אַ בריוו צו אייך. — — —.

———

עס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט טאַמאַרקע. מע האָט זי יאַקבי אַוועקגעגנבעט. אַך, האָב איך גע־

[81] אַ באַנקיר אין וואַרשע. — [82] דער זאַץ איז אין רוסיש. — [83] „אונזער דירה האָט אַ סך קישנס“ (נאָכגעמאַכט ווי אַ קינד רעדט). — [84] אַ באַרימטער שווייצאַרישער פּראָפעסאָר.

[85] ד מ י ם אויף העברייאיש איז בלוט, און אויך געלט. — [86] סינעמאַטאָגראַף, מאָוויס. — [87] געווידמעט דעם יובילײ פון מענדעלי מוכר־ספרים. — ש. ע. האָט דעמאָלט לכבוד דעם „זיידן“ אָנגעשריבן צוויי אַרטיקלען: „ווי שיין איז דער בוים!“ און „אויטאָ־דאַ־פע“; דער ערשטער איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברייאיש פון י. ד. בערקאָוויטש פאַרן „העולם“, אונטערן טיטל „מה נאה אילן זה!“, און דער צווייטער, וואָס איז געווען געדרוקט אין „הצפירה“, איז איבערגעזעצט געוואָרן דורך אַ מיטאַרבעטער פון יענער צייטונג.

וויינט! די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף — אַזוי שטאַרק האָב איך געוויינט. גיט איר אַ קוש פאַר מיר.

פּ. אַ.

87

צו די קויפמאַנס

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער בּריוו איז געשריבּן נאָכדעם ווי די טאָכטער ליאַלי האָט געבּוירן דאָס ערשטע קינד — בּעלאַ.]

בּאַדענווײַלער, ווילאַ רופּפּערט.
15־טן מאַי, 1911.

טײַערע מײַנע!

אײַער אַלגעמיינעם בּריוו — ליאַלים, מיכאַלס און בּעלאַס — האָבּ איך בּאַקומען. יאָ, ליאַלקע איז אַ מענטש, גאָרניט קיין צעקראָכענע. טאַקע גאָר געראָטן אין מיר. ליאַלי, איך בּין דיר אַ בּעל־חוב אינצווייען: ערשטנס, בּיזטו ערשט נעכטן געווען אַ אימעניניצע. צווייטנס, בּיזטו אַן ערשטלינג־מוטער. סאיז אײַנגע־פירט, אַז אַ געווינערן שיקט מען מתנות. איז אָט וואָס: דאָ האָט זיך געעפנט נעבּן דער אַפּטייק אַ קלייט, אויס־שליסלאַך פון מאָדישע דאַמען־זאַכן. בּעלאַס בּיידע מומעס (עמאַ און מאַרוסי) וועלן דיר בּאַשטעטיקן, אַז מע קאָן אַראָפּ פון זינען פון דעם דאָזיקן קלייטל! אַלצדינג איז דאָרטן א י בּ ע ר נ אַ ט י ר ל אַ ך! וועל איך אַרײַנגיין מיט דיר, און דו אַליין וועסט זיך אויסקלײַבּן אַלצדינג, וואָס דיר וועט זיך פאַרגלוסטן. קיין אָפּזאָג וועט ניט זײַן. און אויך פאַר בּעלאַן וועט זיך דאָרט עפּעס געפינען. איך שפּאַס ניט. דו זע נאָר צו געזונט ווערן און קום צו פאָרן וואָס גיכער מיט דײַן „אומשולדיקער קראַסאַוויצע מיטן אויסערגעוויינלאַכן שכל". און וואָס סאיז שייך דיר, איז ליבּשאַפט צום קינד מאַכט אַ יונגע מוטער טויזנט מאָל שענער. איך קוש אײַך דרייען און פיל אַ געוויסע סימפּאַטיע צו אַ געוויסן קליינעם נפשל, וואָס האָט נאָך ניט צייט געהאַט רעכט צו בּאַטראַכטן די דאָזיקע שיינע וועלט פון גאָט.

פּ. אַ.

88

צו מיכאל קויפמאַן

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

מאָנטרע, 1־טן סעפּטעמבּער, **1911.**
ערב יו"כ תרע"ב.

טײַערער מיכאל!

איך האָבּ איבּערגעלייענט די לעגענדע „איש חסיד"[88]. סאיז אַ פּראַכט! איך האָבּ צורעכט געמאַכט אַ צוויי־דריי אומפּינקטלאַכקייטן. איך וואָלט פאָרגע־ליגט צום סוף נאָך איין שורה צוגעבּן — — —.

די פראַגע איז: וואוהין שיקן? די זאַך איז אַ פיינע! אין אַ טעגלאַכער צײַטונג איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פּאָעמעס. קיין רעכטע זאַמלבּיכער איז בּיי אונז נישט פאַראַן. סיידן שיקן קיין אַמעריקע? הגם אויך דאָרטן איז אין דער ליטעראַטור אַן אומעט און אַ גרויס טריקעניש. איך וועל מיך אַן עצה האַלטן מיט גאָרע־ליקן[89]. ער איז אַ'יינד דאָ.

בּאַלד טרעט אַרײַן יום־כּפּור. עס רעגנט. סאיז אומעטיק. קאַלט. טרעפט, ווער האָט אונז אַמוזירט אַ האַלבּע שעה כסדר? בּעלאַ! אויף מײַן וואָרט — זי. מיר האָבּן זיך אַלע מיט איר נאַריש געמאַכט, און אויסגעקומען איז, אַז דאָס לאַכט זי גאָר פון אונז: גו־גי! — און פאַרקריכט מיט די פינגערלאַך צו מיר אין די וואָנצעס אַרײַן. ניין, זי איז שוין מער ניט אַ שטיקל פלייש, וואָס ליגט אין אַ וועגעלע. אַ מענטש, אַ פאָלנע מענטש!

איך קוש און ווינטש מיט אַן אמת אַ גוט קוויטל אויף כל ישראל.

פּ. אַ.

89

צו די קינדער

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער דאָזיקער בּריוו — וואָס איז מער פעליעטאָן ווי בּריוו — בּאַהאַנדלט אַ קאָמישע פּאַסירונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכמען: צווישן זײַנע לעזער־חסידים, וואָס פלעגן אים שרײַבּן בּריוו, האָט זיך צו אים אין יענער צייט „פאַרנאַדעט" איינער אַ רוסישער איד, וואָס האָט געוואוינט בּאַשטענדיק אין דרום־פראַנקרייך. דער דאָזיקער „חסיד" האָט אומבּאַקאַנטערהייט גענומען פאַרוואַרפן שלום־עליכמען מיט בּריוו, ער זאָל אַראָפּפאָרן אין זײַן שטאָט און בּאַערן אים מיט אַ וויזיט; דערבּיי האָט ער אים פאָרגעשטעלט, אַז ער פאַרמאָגט אַן אייגענע ווילע, וואו ש. ע. וועט זייער גוט קאָנען פאַרבּרענגען וויפיל זײַן האַרץ וועט געלוסטן. ש. ע. האָט זיך צו די בּריוו יאָ צוגעהערט און ניט צוגעהערט; ער האָט אָבּער די אײַנלאַדונג אַ לאַנגע צייט ניט געוואָלט אָננעמען, ווייל פירנדיק אַ שטרייגנגן רעזשים פון אַ קראַנקן, האָט ער אויסגעמיידט אומזיסטע נסיעות און ענדערונגען אין זײַן פּינקטלאַכער לעבּנסאָרדע־נונג. עס האָט זיך אָבּער געמאַכט איינמאָל, אַז ער און פרוי שלום־עליכם האָבּן בּאַדאַרפט פאָרן קיין ניצע. איז בּיי אים געבּליבּן, אַז זיי וועלן אויפן וועג פאַרפאָרן צו זײַן לעכצענדיקן חסיד, וועמען ער האָט זיך אויסגעמאָלט אין דער פאַנטאַזיע ניט אַנדערש, ווי אַ „אידישן מעצענאַט", אַן אידעלן פאַר־ערער פון דער אידישער ליטעראַטור בּכלל און פון שלום־עליכמען בּפרט. דער דאָזיקער וויזיט בּיים „מעצענאַט" ווערט אין דעם בּריוו פעליעטאָניש בּאַשריבּן. — בּאַשטענדיק האָט ש. ע. דעמאָלט גע־וואוינט אין לאָזאַן, שווייץ.]

[88] פונם אדרעסאַט.

[89] שמריה גאָרעליק.

אונזערע „מעצענאַטן“

ניצע, 8־טן פעברואַר, 1912.

געקומען צו פאָרן זיינען מיר אין מ. שוין אָקעגן אָוונט. אויפן וואָקזאַל האָט אונז אָפּגעוואַרט דער פאַרערער פון מיינע טאַלענטן. נאָכן פּנים האָט מען באַלד געקענט אין אים דערקענען דעם מעצענאַט. פון העכסטן גראַד אַן איידל געזיכט, באַזילבערט מיט גרויקייט פון אַ געלערנטן מאַן. גלייך נאָך די ערשטע באַגריסונגען פון ביידע זייטן, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס מע האָט פון אונזערטוועגן צוגעגרייט, און לייכט, ווי אַ פויגל, זיינען מיר דורכגעפלויגן די העל־באַלייכטע גאַסן פון דער אויסערגעוויינלאַך שיינער שטאָט מיטן בלויען הימל פון דרום־פראַנקרייך. דורך צוויי שורות ציפּרעסן און פּאַלמען זיינען מיר צוגעפאָרן צו אַ גלעזערנער גאַלעריע, וואָס איז געווען בוכשטעבלאַך פאַרפלייצט מיט עלעקטרישן ליכט. אונז אָקעגן זיינען אַרויסגעלאָפן צוויי באַדינער: אַ מולאַט, אַ מין גרום, אָנגעטאָן אין אַ ליווריע, און אַ שמייכלענדיק מיידל האָבן אונטערגעכאַפּט מיך מיט דער מאַמע (די זאַכן האָט צוגענומען איינער אַ מין גידאַלגאָ־שווייצאַר), אַריינגעפירט אונז אין די אינווייניקסטע אַפּאַרטאַמענטן פון דער ווילע *** (אויף אַוועניו ***), און דאָס ערשטע, וואָס אונז האָט איבערראַשט, איז געווען ניט די קייזערלאַכע הויז־אויסשטאַטונג און ניט די פאַנטאַסטישע באַלייכטונג מיט די גראָטעס און מיט די וואַסערפאַל־פאָנטאַנען, נאָר די בעלי־בתים אַליין, די באַזיצער פון דעם דאָזיקן כישוף־פּאַלאַץ. סך הכל זיינען זיי צוויי: מאַן און ווייב. ער — אַ בכבודיקער, אַ זעלטן נאָבעלער און שיינער זקן, אַ טיפּ וואָס דערמאַנט אָדער אָן טורגעניעוון, אָדער אָן וויקטאָר הוגאָ. אָנגעטאָן איז ער לויטן קינסטלער־געשמאַק פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. אַלצדינג וואָס ער טראָגט איז אומגעוויינלאַך זויבער, ווייס ווי געפאַלענער שניי און, ניט געקוקט אויף זיין עלטער, אַפילו גראַציעז. זי ווידער איז ניט נאָר אַ געוועזענע שיינהייט, ניין — דאָס וואָלט געווען שאַבלאָנמעסיק, ניט־יושרדיק, אַפילו אַ באַליידיקונג. פאַר אונז איז דערשינען — אָדער בעסער געזאָגט: מיר זיינען דערשינען פאַר אַ שפּאַנישער קיניגן, פאַר אַ מאַרקיזע דע פּאָמפּאַדור, מיט אַ מאַיעסטעטישן געזיכט פון אַ מאַדאָנע — אויף דער עלטער. די פּראַכטשיינע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעהיט צוזאַמען מיטן יוגנטלאַכן גלאַנץ אויך אַ געוויסע שעלמישקייט אינם שמייכל, האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם רירעוודיקן שכל און דער ווייכער גוטמוטיקייט פון דער דאָזיקער נאָך רייצנדיקער פרוי, וועמען היינע און בייראָן און שעלי וואָלטן זיכער באַזונגען, ווען זיי באַגעגענען זי אויף זייער לעבנסוועג.

פאָרגעשטעלט פאַר אונז זיין פרוי, האָט דער בכבודיקער זקן אונז פאַרזיכערט, אַז זי שעצט זיך גליק־לאַך ניט ווייניקער פון אים אויפצונעמען אין זייער באַשיידענעם נעסט דעם, וועמען זיי ביידע רעכענען פאַרן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון ישראל, א. א. וו., א. אַ. וו. סאיז געווען שוין צו שמייכלהאַפט און אַזש איבער דער טבע אויסצוהערן אָט די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע און עטוואָס מליצהדיקע רעדע.

דערנאָך האָט מען אונז אַריינגעפירט אין פיר גרויסע צימערן, וואָס מע האָט פאַר אונז צוגעגרייט: אַ סאַלאָן, אַ קאַבינעט, אַ ביבליאָטעק און אַ שלאָפצימער (דאָס באָדצימער, דאָס וואַש־און־שפּריץ־צימער און נאָך זאַכן רעכן איך ניט), און גאָר אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן אַ קלונג, וואָס האָט גערופן צום טיש. צייט עסן מיטאָג אָדער אָוונטברויט.

איך וויל ניט פאַרמאַטערן אייער אויפמערקזאַמקייט מיט אַ באַשרייבונג פון דעם אָוונטברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון צען געריכטן. מער אינטערעסאַנט פון דעם אָוונטברויט איז געווען דאָס געשפּרעך, וואָס די בעלי־בתים האָבן געפירט ביים טיש, געפלייסט זיך די גאַנצע צייט צו אונטערהאַלטן אונז אַלץ מיט אַזעלכע ענינים, וואָס דרייען זיך אויסשליסלאַך אַרום דער אידישער ליטעראַטור און אירע פּריסטער.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ביידע זיינען, ווירקלאַך, גוט באַהאַוונט אין דער זאַך. נאָר מער פון אַלץ האָט אונז איבעראַשט, וואָס אָט די ביידע עכטע אַריסטאָקראַטן קענען אונזער פאָלקסלעבן, ווי מע זאָגט, דורך און דורך, און זיי שעמען זיך גאָרניט דערמיט, ווי עס טוען אַ סך פון אונזערע קרעזוסן, וואָס קרימען פון זיך גאָט ווייסט וואָס פאַר געבוירענע לאָרדן און פּרינצן.

געבליבן אַליין אין אונזערע אַפּאַרטאַמענטן נאָך אַזאַ אויסערגעוויינלאַך וואַרימען קבלת־פּנים, איז אונז געווען פאַר זיך אַליין זייער פּריקרע. וואָרים ניט אונזערע קליידער, ניט אונזערע אָרימע טשעמאָדאַנעס מיטן קאָרב (וואָס האָט, אגב, אויפן וועג פאַרלאָרן דעם דנאָ און האָט אַרויסגעשטעלט פאַר דער וועלט גאָרניט קיין פּאָעטישע פּאָר גאַטקעס) האָבן בשום אופן ניט געפּאַסט צו אָט דער גאַנצער פאַנטאַסטיש־לעגענדאַרישער אומגעבונג, אין וועלכער מיר זיינען אַזוי אומגעריכט אַריינגעפאַלן. דערהויפּט אין פרימאָרגן, בשעת די פרי־אויפגעוואַכטע דרום־זון האָט באַגאָסן מיט אירע ערשטע גילדענע שטראַלן דעם פּראַכטיקן פּאַרק, וואָס רינגלט־אַרום די פאַרכישופטע ווילע ***, האָבן מיר זיך דערפילט פונקט ווי פּריטשמעליטע פון דעם דאָזיקן רייכן בילד פון נאַטור און קונסט. און וואָס מער די פייגל האָבן געזונגען און וואָס שטאַרקער די רויזן און די צעבליטע מאַנדלביימער האָבן געשמעקט, אַלץ מער אומאַיינגענעם האָבן מיר זיך געפילט, זייענדיק אַבסאָלוט ניט צוגעגרייט צו אַזאַ זעלטן רייכן לעבן און פּראַכטיקער אויסשטאַטונג. און דעריבער האָבן מיר, נאָכדעם ווי מע האָט פאַר אונז סערווירט קאָפע אויף

דער אָריענטאַלישער וועראַנדע אין אַראַבישן סטיל, זיך אָפּגעזעגנט מיט די גוטהאַרציקע בעלי־בתּים, באַדאַנקט פאַר זייער ליבער גאַסטפריינטלאַכקייט, צוגעזאָגט, אַז צוריקוועגס פון ניצע וועלן מיר אומבאַדינגט פאַרברייגען ביי זיי לייגנער, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס רופן אונז קיין ניצע זייער וויכטיקע ענינים, וואָס קאָנען ניט אָפּגעלייגט ווערן. אין פופצן מינוט אַרום האָט אונז דער עלעקטרישער אויטאָמאָביל שוין אַוועקגעטראָגן צוריק אויפן וואָקזאַל, און דעמזעלבן טאָג, פאַרנאַכט־צו, זייען מיר געווען אין ניצע, און אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר אַריינגעפאַלן קיין באָליע־סיור־מער, וואו מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף אַ וואָך צייט גאָר נישקשהדיק און ניט זייער טייער, כמעט אויפן סאַמע ברעג פונם מיטללענדישן ים.

שלום־עליכם אויף דער איטאַליענישער ריוויערע
[נערווי, „עדן“ האָטעל, מערץ 1912].

אַצינד וועט איר דערלויבן אויסצומאָלן פאַר אייך דאָסזעלבע בילד מיט אַ ביסל אַנדערע פאַרבן. עס וועלן אויף אַזאַ אופן אַרויסקומען צוויי וואַריאַנטן פון איין דערציילונג. קלייבט אייך אויס די, וואָס וועט זיך אייך באַווייזן מער וואָרהאַפטיק.

צוגעפאָרן זיינען מיר צו מ. שוין אָקעגן אָוונט. אויפן וואָקזאַל האָט זיך קיינער ניט באַוויזן. נאָר ביים סאַמע אַרויסגאַנג האָבן מיר דערזען עפּעס אַן אַלטן תּרח, אין אַ קורצן טולופּל, אַזאַ וואָס ביי אונז טראָגן עס וואַלדפּריקאַזטשיקעס, און ביי אונז בײדן איז געבליבן, אַז דאָס באַדאַרף מסתּמא זיין אונזער מעצענאַט, דער פאַרברענטער חסיד פון מיינע טאַלענטן. דער ערשטער געדאַנק אונזערער איז געווען — דורכגליטשן זיך פאַרביי און ניט ווערן; נאָר דער אַלטער תּרח האָט שוין, אַפּנים, אונז באַמערקט און האָט מיך הויך אויפן קול אַ רוף געטאָן. מילא, פאַרפאַלן. אָפּגעגעבן אים שלום־עליכם, האָב איך באַלד דערפילט אַ שאַרפן ריח פון פראָסטן בראָנפן. ניט שוין זשע איז ער אַ טרינקער? עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יאָ, אַ טרינקער, און דווקא אַ שטאַרקער טרינקער! נאָר צו דעם וועלן מיר קומען שפּעטער.

נאָך די ערשטע באַגריסונגען האָט אונזער אַלטער תּרח אַרויסגעטשאַמקעט עפּעס זייער אַ גראָבן וויץ וועגן זיין אידענע, אַז זי איז אָדער אַנטלאָפן, אָדער איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. אַזוי צי אַזוי — נאָר קיין גרויס אומגליק, זאָגט ער, איז עס ניט. אין טולאַ קאָן מען שוין געפינען סאַמאָוואַרן.

אונז בײדן איז געוואָרן זייער קאַלעמוטנע, דערצו נאָך האָט זיך געזיפּט אַ רעגנדל און דער הימל האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. אַ בלאָטע — זאָל גאָט היטן. די באַלייכטונג — אַן עכט־רוסישע. די אָרדענונג צווישן די איזוואָזטשיקעס — אויך אויפן רוסישן שטייגער. מע דאַרף זיך דינגען. און אַזוי ווי דער אַלטער תּרח האָט זיך אַרויסבאַוויזן צו זיין זייער אַ שפּאָרעוודיקער מענטש, דאָס הייסט, פּשוט אַ קמצן, האָט ער אונז בשום אופן ניט געלאָזט באַנוצן זיך מיט אַ טרעגער, נאָר אַליין גענומען אויף די פּלייצעס איין טשעמאָדאַן, דעם אַנדערן געגעבן אונז שלעפּן איבער דער קויטיקער קלעפּיקער בלאָטע, און אַזוי האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צו אַ איזוואָזטשיק, פון דעם ערגסטן סאָרט, אַזאַ וואָס מע קאָן טרעפן סיידן אין קיעוו, און אפילו ניט אין קיעוו, נאָר אין אומאַן, צי אין בעלאָצערקאָוו.

באַזעצט זיך קוים מיט צרות אין דעם אומבאַקוועמען טרייסלענדיקן פאַעטאָן, צוזאַמען מיטן האַלב־שכּורן אַלטן תּרח, האָבן מיר גענומען זיך העצקען איבער די בלאָטיקע גאַסן פון דער שלעכט־באַלייכטער האַפן־שטאָט, וואָס איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק אפילו פון אונזער גוט־באַקאַנטער איטאַליענישער גענוא.

מיר בײדע זיינען געוואָרן באַטריבט און האָבן אַראָפּגעלאָזט די נעז. וואָס וועט עס זיין? וואוהין זיינען מיר אַריינגעפאַלן? און צוליב וואָס, אייגנטלאַך? ניט געזאָרגט האָט נאָר דער אַלטער תּרח. וועלנדיק דורכאויס זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ שאַרפן וויצלינג, האָט ער וועגן דעם, וואָס איך פאָר מיט דער מאַמע, אונז דערציילט זייער אַ לאַנגן און זייער אַ גראָבן און פלאַכן אַנעקדאָט וועגן עפּעס איינעם אַ פּרוש, פון וואָס אונז בײדן איז ניט גוט געוואָרן און עס האָט זיך אונז געגלוסט די מינוט אַראָפּשפּרינגען פונם פאַעטאָן און לויפן צוריק צום וואָקזאַל. און מיר וואָלטן געווים אַזוי געטאָן, ווען ניט דער באַגאַזש און די פינסטערע רעגנדיקע נאַכט.

דערזען, אַז זיין העכסט־פּיקאַנטער אַנעקדאָט נעמט אונז ניט, האָט ער אונז באַלד מכבּד געווען מיט נאָך אַ פּאָר אַנדערע, ניט ווייניקער פּיקאַנטע אַנעקדאָטן. נאָר אויך די זיינען פאַרבליבן אָן קיין שום ווירקונג. ווי

עס ווייזט אויס, איז ער געווען איבערראַשט דערפון, וואָס דער אידישער הומאָריסט האָט גאָר ניט ליב קיין אַנעקדאָטן!

דערווייל האָט דער קוטשער, וואָס האָט זיך אויך אַרויסבאַוויזן צו זיין רעכט פאַרקנאַקט, גענומען פרעגן דעם אַלטן תרח, וואוהין ער זאָל פאָרן. עס איז אויס־געבראָכן צווישן ביידן אַ זידלעריי, אויף פראַנצויזיש, פאַרשטייט זיך, פון וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קוטשער הייבט נישט אָן צו וויסן פון אַזאַ מין ווילע, וואָס טראָגט דעם נאָמען ***, און וואָס נאָר איין טייוול ווייסט עס!

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צו אָט דער ווילע קאָן מען גאָר ניט צופאָרן, ווי, למשל, צו דער ווילע בריאַן אין נערווי [90]; נאָר דער חילוק איז, וואָס צו דער ווילע



שלום-עליכם אין דער היים, ביי דער אַרבעט
[באַדענווייַלער, זומער 1912].

בריאַן קאָן מען כאָטש צופאָרן אויף אַ שיפל פון דער זייט פונם ים, אין דער צייט וואָס די ווילע *** האָט אַזאַ שייכות מיטן ים, פונקט ווי די שטאָט מ. האָט אַ שייכות מיט נערווי. סאיז אויסגעקומען דערצאָלן דעם איזוואָזטשיק נאָך אַנדערהאַלבן פראַנק, און מע האָט אונז אויסגעלאָדן אויפן עק פון אַוועניו ***, און פון דאָרטן, שלעפנדיק אויף די הענט די טשעמאָדאַנעס און טיאָפּקענדיק אין דער בלאָטע, האָבן מיר זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט סכנת־נפשות אַראָפּ אַ באַרג און דערזען פאַר זיך עפּעס אַ לאָך, וואָס מיין חסיד האָט זיך פאַרגונען אָנצורופן עס מיטן נאָמען „ווילע", און נאָך *** דערצו! אָנגעזאָגט אונז אַפריער, אַז מע באַדאַרף דאָ גיין זייער פּאָרזיכטיק, האָט אונזער מעצע־נאַט אַריינגעפירט אונז אין אַ מין הייזל, וואָס באַשטייט טאַקע באמת פון פיר צימערן, אָבער אַזעלכע, וואָס סאיז געזינטער פאַר זיי, אַז מיר זאָלן זיי ניט אָנרופן מיט אַזאַ געהויבענעם נאָמען. אין פירהויז, וואָס מיין מעצענאַט האָט אין זיינע בריוו אַנדערש ניט גערופן נאָר „וועראַנדע", האָבן מיר געטראָפן אַן אַלטע קעכנע אַ מעגערע, וואָס האָט אונז אַריינגעשטעקט אַ קאַריאַווע האַנט און עפּעס אַ בורטשע געטאָן אויף אַ מין לשון, וואָס סאיז שווער געווען צו כאַפּן, צי סאיז פראַנצויזיש, צי סאיז דייטשמעריש, וועלכעס די קורלענדער אידן ריידן, — און אָט די באַבע־יאַכנע איז עס געווען ניט קיין אַנדערע, נאָר טאַקע די בעל־הביתטע אַליין, וואָס האָט אונז גלייך אַריינגעפירט אין קיך אַריין, דאָרט וואו זי האָט געגרייט וועטשערע פאַר די טייערע געסט. באַזעצט אונז אין עסצימער, האָט דער אַלטער זיך גענומען עפּענען אַ פלעשל בראָנפן און אַ פלעשל וויין, און גלייך אויפן אָרט אַליין איבערגעקערט דעם ערשטן קעלישעק און דעם אַנדערן אונטערגעטראָגן מיר, דער־נאָך דער מאַמע, גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר טרינקען ניט, דערביי האָט ער ניט פאַרפעלט צו אונטערוואַרימען אונז מיט אַ צוויי־דריי גראָב־שמאַל־ציקע — דערהויפּט, פלאַכע און אַלטע, ווי די וועלט — אַנעקדאָטן. קאָמישער פון אַלץ איז געווען, וואָס יעדן אַנעקדאָט האָט ער דערציילט זייער לאַנג, שטאַרק געשמאַקעוועט יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט דאָ געמאַכט גאַנצע אַנטפּלעקונגען.

מע האָט דערלאַנגט בוליאָן באַזונדער און לאָקשן באַזונדער. די אַלטע מעגערע האָט אָנגעשטעלט אויף מיר די ברילן און האָט אַ האַווקע געטאָן:

— נעמט בוליאָן, אָדער נעמט לאָקשן. איר קאָנט עסן אי דאָס, אי יענעס, אויב איר ווילט.

און ווידער געבורטשעט עפּעס פאַר זיך, ניט אָפּ־רייסנדיק פון מיר די אויגן. דערביי האָט זי פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף איר הערשער, וועלכער איז, ווי עס ווייזט אויס, גאָר נישקשה פון אַ דעספּאָט. ער לאָזט קיינעם ניט ריידן, ער רעדט בעסער אַליין. גיט נאָך צו צו דעם זיין אויסערגעווייַנלאַך שמוציק אָנטון און אויסזען (אויפן קאָלנער פונם שרעקלאַך ברודיקן העמד טראָגט ער אַ וואַרימען שאַליק), און אויך דאָס, וואָס עס פעלן אים פון דער לינקער זייט די ציין און ער מוז עסן מיט די הענט, — וועט איר שוין באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער וועטשערע.

נאָר שענער פון אַלץ איז געווען דער חדר, וואו מיר האָבן באַדאַרפט שלאָפן. אַ קעלער, אַ שיסל אויף דער ערד, אַ סטרינעווע ליכט אַריינגעשטעקט אין אַן אַש־בעכער — אָט דאָס איז אונזער נאַכטצימער.

געבליבן אַליין, האָבן מיר ביידע, איך און די מאַמע, זיך איבערגעקוקט — און אויף אונז איז אָנגעפאַלן אַזאַ געלעכטער, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן,

[90] וואו ש. ע. האָט געוואוינט אין 1908־1909.

עס זאָל ניט איבערגיין אין אַ היסטערישן געוויין. עס זאָל ניט געווען זיין אַ פינסטערע נאַכט מיט אַ רעגן, וואָלטן מיר, פאַרשטייט זיך, דורכן פענסטער אַנטלאָפן פון אָט דער תּפיסה. איך האָב פאַרגעסן איין איינצלהייט. איידער מיר זיינען געגאַנגען שלאָפן, האָט אונז דער אַלטער הינערקאַפּער אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן, למען השם, ניט פאַרשליסן די טיר פון אינווייניק, מחמת סאיז אַזאַ טיר, וואָס אַז מע פאַרשליסט זי, וועט מען זי שוין קיינמאָל ניט קאָנען עפענען. דאָס דאָזיקע האָט נאָך פאַרשטאַרקט אונזער געלעכטער.

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן אַ גוואַלדיק כראָפּען פון אונזער ליבן בעל־הבית, פון וואָס מיר האָבן נאָך מער געלאַכט. פון שלאָפן האָבן מיר שוין ניט געטראַכט. אונזערע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט איין פראַגע: וועט אַמאָל קומען פרימאָרגן, און ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַרויסקלייבן פון אָט דעם לאָך?

סאיז אַריבער די נאַכט, אַ פיינלאַכע, אומענדלאַכע נאַכט. אַ האָן האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז דער פרימאָרגן קומט, און אין איינוועגס האָט ער אונז שוין געגעבן צו וויסן, אַז אונזער צימער געפינט זיך פונקט איבערן הינערשטייג. און ווי גרויס איז געווען אונזער איבעראַשונג, ווען מיר האָבן זיך גענומען צו אונזערע זאַכן און דערזען, אַז אַלצדינג איז מאָדנע פייכט, דאָס הייסט, פּיטש־נאָס. דער קעלער האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ פייכט פּלאַץ, וואָס טויג זיך מער, מע זאָל דאָרטן האַלטן קאַרטאָפל, איידער אַ מענטשן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן **די שוועיץ און איז געפאָרן אויפן דרום!...**

וואָס זשע האָט אונז געראַטעוועט? גאָרנישט. נאָר די פּאָסט. עס איז אָנגעקומען די פּאָסט, — מאָלט אייך, נאָר צייטונגען, — נאָר מיר האָבן שוין אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן כלומרשט אַ בריוו פון דער היים, אַז אונזער ניכטע, די פּלימעניצע הייסט עס, איז געפערלאַך קראַנק געוואָרן אין ניצע, און אַז מיר מוזן מיטן ערשטן צוג אַוועקפאָרן קיין ניצע.

שלום־עליכם, זיין זון מישא און א. א. לובאַרסקי
[מאָנטרע, שוועיץ, זומער 1912].

עס איז אוממעגלאַך צו באַשרייבן דעם צער פון די בעלי־בתּים! ניט שוין זשע וועלן מיר טאַקע נעמען און אָט אַזוי אַוועקפאָרן? נו, און מיטאָג? אָט האָט די אַלטיטשקע געקויפט — נאָט זעט — צוויי פונט רינדפלייש, און אַן איי איז דאָ, וואָס די הון האָט געלייגט. ניין. זאָל זיך די מאַדאַם ש. ע. פאָרן צו איר ניכטע, און ש. ע. לאָז בעסער אָפּרוען. וואוהין וועט ער פאָרן? ניצע — אַזאַ פּאַסקודנע שטאָט! האָט מען שוין געמוזט צוטראַכטן אַ נייעם ליגן: אַז די ניכטע איז, אייגנטלאַך, מיינע, ניט דער מאַדאַמס, און מע מאַכט איר זייער אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, און אָן מיר וועט זי געוויס שטאַרבן. מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ שרעקלאַכע אַטאַקע. מיר האָבן געגעבן דאָס וואָרט, אַז די מאַמע בלייבט אין ניצע אַליין, און איך קום צוריק אויף שבת קיין מ., צו זיי, פאַרשטייט זיך. און ניט־לאַנג געטראַכט, האָבן מיר זיך גענומען צו די זאַכן, אַליין געשלעפּט די

טשעמאָדאַנעס אַרויף אַ באַרג, קוים דערשלעפּט זיך צום מראָם. סאיז אויסגעקומען אומשטייגן צוויי מאָל. אַלע יסורים פון גיהנם זיינען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין דעם פרימאָרגן. וואָרים אומעטום איז אונז נאָכגעגאַנגען אָט דער אַלטער גאָטפאַרדאַמטער ניבול־פּהניק, וואָס האָט זיך צו אונז צוגעקלעפּט ווי אַ פּעך. קיין טרעגער האָט ער ניט צוגעלאָזט פאַר קיין פאַל אין דער וועלט. און דעם צוג האָבן מיר צוליב אים אויך פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן קוים געפונען אַ רעסטאָראַן און זיך געזעצט פרישטיקן. און דער מעפיסטאָפעל — מיט אונז. פלוצים איז פאַר אונזער פענסטער אויסגעוואַקסן די מעגערע. די אַלטע זיינע איז אויך געקומען באַגלייטן די טייערע געסט און האָט, אגב, פאַרכאַפּט מיט זיך פראָוויזיע. די צוויי פונט רינדפלייש און אַ שטיק חלה מיט פּוטער.

כאַפּט נישט. אונזערע יסורים האָבן זיך נאָך ווייט ניט געענדיקט. מע דאַרף פאָרן. ווי איר ווייסט, האָט דער מעצענאָט מיר געשריבן, אַז פון אים ביז ניצע איז נישט מער ווי דריי פערטל שעה רייזע. לאָזט זיך אויס, אַז סאיז אַ ביסל מער, דהיינו: מיטן לוקסוס־צוג דריי שעה, און מיטן עקספּרעס פינף. ער אַליין האָט זיך דערפרעגט אויפן וואָקזאַל און האָט אונז אַריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס האָט אונז באַדאַרפט ברענגען קיין ניצע זעקס אַזייגער אינאָוונט. אויפן וועג אָבער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער צוג וועט אָנקומען ערשט צען אַזייגער ביינאַכט, און געקומען איז ער נאָך שפּעטער. דערביי האָבן מיר דורכגעלאָזט צוויי אַנדערע, בעסערע צוגן. און דאָס אַלץ איז געווען צו פאַרדאַנקען אָט דעם אַלטן לײדיקגייער, וואָס איז, דאַכט זיך, נאָר ניט געווען שכור, וואָרים מיר זיינען אַרוים מיט אים צו פּרי פון שטוב.

אין דער צייט, וואָס מיר האָבן געוואַרט אויף יענעם באַרימטן צוג, צו וועלכן סאיז שווער צו געפינען אַ גלייכן אפילו אין רוסלאַנד, האָבן די דאָזיקע ליבע מענטשן זיך צעטיילט מיט אונז צווישן זיך. די אַלטע האָט פאַרנומען אין אירע הענט דער מאַמע און האָט איר עפּעס געטשאַמקעט וועגן אירע קינדער, וועגן איר ווייטער פאַרגאַנגענהייט א. אַ. וו. ער ווידער, דער אַלטער כל־בוניק, האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ קנעפּל, אויסדערציילט מיר אַלע זיינע סודות, אָנגעהויבן פון זיין פראַכטיקער יוגנט אין דעם ליבן קורלאַנד און... ער איז דערגאַנגען נאָר ביז צום צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבנסגעשיכטע, איבערגעלאָזט דאָס ווייטערדיקע אויף שפּעטער, ווען איך וועל קומען צוריק פון ניצע.

מע האָט באַדאַרפט זען אונזערע פּנימער, דאָס הייסט, ווי אַזוי איך מיט. דער מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט אין אומענדלאַכן האַרצקלעמעניש. ניט שוין זשע וועט אַמאָל נעמען אַ סוף צו אונזערע יסורים? און פאַרוואָס קומט עס אונז, פאַר וועמעס זינד? אַזוי־פיל אידישע שרייבער פאַראַן — פאַר וואָס פּאַסירט מיט קיינעם ניט דאָס, וואָס קאָן פּאַסירן נאָר מיט מיר?!...

אָבער צו אַלצדינג קומט אַ סוף. דער צוג איז שוין דאָ. קוים שלעפּנדיק די פיס, זיינען מיר אַריין אין דעם עקלהאַפטן פראַנצויזיש־איטאַליענישן שטייגל. נאָך אונז האָבן נאָכגעפאָלגט די צוויי פונט רינדפלייש, וואָס איך האָב ש ו י ן געוואָלט אַרויסשמייסן דורכן פענסטער, נאָר איך האָב איינגעהאַלטן דעם יצר־הרע. סאיז דאָ צייט!

די לעצטע מינוטן זיינען געווען די סאַמע שווערסטע מינוטן אין אונזער לעבן פאַר די אַכט־און־צוואַנציק יאָר פון אונזער צוזאַמענגיין. דער צוג האָט זיך גערירט. איך און די מאַמע האָבן פריער אָנגעהויבן צו לאַכן הויך אויף אַ קול, ווי די משוגעים, און גלייך נאָכדעם האָבן מיר גענומען וויינען.

פאַרשטייט זיך, פאַר פרייד.

אַ סוף.

90

צו עמאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 2־טן מערץ, 1912.

לויטן אַלטן [סטיל], 18־טן פעברואַל.

אין טאָג פון מיין געבוירן.

טייערע עמאָטשקאַ!

אוי־ווי, דער פאַרפלוכטער דייטש[91] האָט פאַרניכטעט אַלע נעגאַטיוון! איך וועל מיך אומיסטן אַראָפּנעמען מיט דיר אין מאָנטרע, אין מיין ווייסן אָנצוג, און דו וועסט אַריינפּאַלן אין טיסים אַלבום[92], מיט אַ באַמערקונג: „א י י נ ע פ ו ן ש ל ו ם ־ ע ל י כ מ ס א י נ ג ע ר ע ט ע כ ט ע ר , ע מ אַ — זיין הויפּט־סעקרעטער". איך שפּאַס ניט. אַזוי טאַקע גיב־איבער טיסין אין מיין נאָמען. איך וואָלט נאָך צוגעגעבן די ווערטער: „די סאַמע באַליבטע". נאָר איך וויל מיך מיט זיי ניט זאַטשעפּען. זיי וועלן אויפהייבן אַ בונט. דערהויפּט — ליאַלי. און טיסי אויך דאָס אייגענע. און מאַרוסי איז אויך ניט קיין הונט.

איך קוש דיך שטאַרק.

פּאַ.

[91] אַ פאָטאָגראַפער אין נערווי. — [92] שלום־עליכמס עלטסטע טאָכטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט צונויפזאַמלען און אָפּהיטן אַלע פאָטאָגראַפישע בילדער פונם פאָטער; דערפאַר האָט ש. ע. איר איבערגעגעבן דאָס רעכט אויף אַרויסצוגעבן אַן אַלבום פון זיינע בילדער, וואָס ער האָט גערופן „טיסים אַלבום".

91

צו די בערקאָוויטשעס

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[דאָס איז אַ אידישער פּירוש אויף אַ פראַנצויזישן שפּייזקאַרטל פון „עדן" האָטעל, נערווי, וואו ש. ע. האָט דעמאָלט געוואוינט. אַזעלכע הומאָריסטישע פּירושים אויף גויעשע מאכלים האָט ער געשיקט צו די אַדרעסאַטן עטלאַכע מאָל.]

נערווי, עדן האָטעל, 5־טן מערץ, 1912.

מעניו

סופּ מיט מייערלאַך און מאַנעגרייפּלאַך און שוועמלאַך.

ווייסע פיש, קרובים פונם לויתן, מיט ווייסן „סאָ־וועסט" — טעם גן־עדן!

יונגע קאַרטאָפּליאַך, וואָס צעגייען זיך אין מויל.

ראָסטביף, וואָס אַ מכה וועט פּוטער זיין אַזוי ווייך! צוגעגעבן: פּאַסאָלקעלאַך, קרויט, מייערלאַך, אַרבעס־לאַך, ספּאַרזשע, בּרוסעלקעלאַך, מיט צרות, מיט שלעק!

זאָל איך אַזוי וויסן גלות, ווי איך ווייס וואָס דאָס איז פאַר אַ מין! צעגייט זיך אין מויל.

פּשוט עוף, ווייס עוף, סאַמע ביילעק, געפּילט מיט גן־עדן־עפּעלאַך און צוגעפּראַזשעט מיט ציבּעלקעלאַך, שמעקט ווי די בעסטע בּשמים!

סאַלאַט — שוין איין מאָל אַ סאַלאַט! פון סאַלאַטנ־לאַנד! מע מעג אים עסן מיט ברויט!

אַזאַ מין טערטל מיט שאַרלאָטן־שלאַגזאַם, זעט־אויס ווי מלכות־בּרויטלאַך, און אַ טעם פון צפּיחית בּדבש!

פּרוכטן — אַלערליי פּירות: פון עפּל, באַרן, פּלוימען, ניס, ביז פייגן, טייטלען און באַנאַנעס, ראָזינקעס א. א. וו., מיט אַלערליי היימישע פּיראָזשנעס.

און טאָמער איז קאַרג — נאָט אייך דעסערט! נאָר ווער'ט אים עסן? יענער, וואָס איר ווייסט, זאָל אַזוי כּח האָבן צו לעבן, ווי מע האָט כּח אויפצושטיין פון טיש! אוי, וואו נעמט מען ספּעקטאַרן?!

92

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[נערווי], 7־טן מערץ, 1912.

טאַמאַראַ! דו ביזט אַ רוסישע, צי אַ אידישקע? שרייב מיר אָן! איך דאַרף דאָס וויסן!

פּאַפּאַ.

לאָנטשען

[פונם אידישן אָריגינאַל]

לאָנטש — אָנבייסן הייסט עס! זייגער 12 — 1 כאַפּט מען איבער, סזאָל ניט חלשן דאָס האַרץ.

---

1 שלום־עליכם אויף אַ לוסטרייזע מיטן שיף [זשענעווער זע, יוני, 1912].

אויף אונזער לשון — לעבערלאַך, מיט צוגעדושעטע אויף סמעטענע גריבּקעלאַך, טעם גן־עדן. מע עסט, מע עסט — און עס ווילט זיך נאָך.

אַ ביפשטעקסל, וואָס צעגייט זיך אין מויל. און צו דעם — קאַרטאָפל־פּיורע, געקאָכט, אָפּנים, אויף מילך, צי וואָס? מע פילט דאָס גאָרניט.

מייערלאַך, געפּראַזשעט און געפּרעגלט, מחיה נפשות! דאָס קאָן מען עסן גלאַט אינמיטן בּייטאָג.

קאַלט עוף, קאַטשקע, קאַלבסבראַטן, רויטפליש, שינקען, קאַלבאַס (כשר) — און פון אַלע מינים אַזויפיל, אַז אפילו ספּעקטאָר וואָלט געזאָגט : האָדי !

נו, סאַלאַט, גוט פּרעפּאַרירט מיט מיט מיט... דער שוואַרציאַר ווייסט זיי ! סאַלאַט אויך אַ מאכל. סאיז אָבער גוט. סע עסט זיך !

געקאָכטע באַרן, מיט פּלוימען, מיט פערשקעס, מיט אַנאַנאַסן-יויך, בכדי סזאָל שמעקן. אַ השגה !

קעז און פּוטער — מילא, קעז בין איך אַ י י ך מוחל ! נאָר פּוטער ? דאָס איז אַזאַ מין פּוטער, וואָס אפילו אַזאַ משוגענער פּריוועדניק, ווי איך, עס אָן ברויט ! היינט וואָס וואָלט שוין ספּעקטאָר זאָגן ? אַי, ספּעקטאָר, ספּעקטאָר ! וואו נעמט מען אים אַהער כאָטש אויף איין וואָך ? ! — — —

93

צו דיזעלבע

[די געבראַכטע שורות זיינען אויפשריפטן (רוסיש און אידיש) אויף אַ פּאַקעט. ש. ע. האָט געשיקט קיין ווילנע צו זיין טאָכטער אַ מתנה צו איר געבורטס-טאָג — געלט. כדי צו רייצן די נייגעריקייט פון די אַדרעסאַטן, האָט ער דאָס געלט אַיינגעוויקלט אין אַ סך פּאַקעטן, איין פּאַקעט אינם אַנדערן, און אויף יעדן אויפגעשריבן אַ טשיקאַווע אויפשריפט.]

[לאָזאַן, אַפּריל, 1912.]

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

! בּ ח ד ר " ג [93] !

ביים עפענען זאָל אומבאַדינגט זיין טיסי ! און טאַמאַראַ אויך. זי איז געווים אויך אַזוי טשיקאַווע, ווי איר מאַמע. נאָך אַ מין !

[פונם אידישן אריגינאַל]

! בּ ח ד ר " ג !

פ אַ ו ו אָ ל י ע ! ג ל אָ ז !

דאָ ליגן דריי פראַנצויזישע הונדערטער אויף אָפּ-נאַרן פּאָניען ! — — — אַ מכה וועט די פּאָסט טרעפן, אַז דאָ ליגט געלט. ובפרט, אַז ס'שטייט בפירוש בּחדר"ג !

איר קאָנט אויסבייטן ביי בונימאָוויטשן [94] און באַ-קומען פּאָניש געלט — אַ מכה אים אין בויך !

[93] בחרם דרבינו גרשום. — [94] אַ ווילנער באַנקיר.

94

צו טאַמאַראַ בערקאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[דאָס בריוועלע, מיט העברייאישע ווערטער, געשריבן מיט רוסישע אותיות, האָט ש. ע. געשיקט צו זיין איניקל, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צו לערנען העברייאיש. — די אַלע ווייטערדיקע בריוו צו די בערקאָוויטשעס פאַר די יאָרן 1912-1913 זיינען אַדרעסירט קיין אַדעס.]

לאָזאַן, 31-טן אָקטאָבער, 1912.

טאַמאַראַ מיינע טייערע !

שלחן. בּית. כּסא. מנורה. קסת. עט. לחם. אַבּא. אמא.

איך קוש.

פּ אַ פּ אַ .

95

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

לייזען (שווייץ), 23-טן דעצעמבער, 1912.

טייערע !

איר זאָלט אונז שרייבן קיין לאָזאַן, כאָטש איך אַליין, ווי איר זעט, בין אין לייזען [95]. איך האָב מיך געריסן צו דער זון און האָב זי באַקומען. און נאָך וואָס פאַר אַ זון ! אַ ים פון זונשטראַלן, און אונטן אַ ים פון נעבּלען. תענוג גן-עדן. איך ליג אויף אַ וועראַנדע און ענדיק דעם ראָמאַן [96]. מיט דער מאַמע ריידן מיר זיך דורך אויפן טעלעפאָן. אַלצדינג איז כשורה. מיר וואַרטן אויף בריוו.

איך קוש.

פּ אַ .

תמרה ! שמש ! חמה ! אור ! גן-עדן !

אָ ב י ך .

96

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

לייזען, 25-טן דעצעמבער, 1912.

טייערע טיסיוניאַ !

איך שיק די שפּייזקאַרט פון אַ מיטאָג אין מיין האָטעל אין לייזען. פאַרלייענען דאַרף עס בערקאָוויטש אָדער ביאַליק, וואָרים ביי דיר וועט דערפון קיין שום טאָלק ניט אַרויסקומען. די איבערזעצונג איז אָנגע-שריבן געוואָרן ביים טיש, וואָס ביי די ענגלענדער האָט עס אַרויסגערופן דערשטוינונג. איך קוש אייך אַלעמען און טאַמאַראַן.

פּ אַ .

[95] אַ קורפּלאַץ פאַר טובערקולאָז-קראַנקע אין די שווייצאַרישע בערג. — [96] „דער בלוטיקער שפּאַס".

מעניו

[פונם אידישן אָריגינאַל

דאָס קריסטמאַס־מעניו פון האָטעל „אַנגלע בעלוועדער", אין לייזען, וואָס באַשטייט פון 10 מאכלים. איבערגעזעצט און אויסגעטייטשט פון פראַנצויזיש אין אונזער פשוטן אידיש
פון
שלום־עליכם.

ערב ניי־יאָר 1913.

Consommé double à la Marguerite.

1) דאָס מיינט מען גלאַט אַ יויך מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס שווימט אַרום — אפשר מאַנדלען, און אפשר פאַרפל, נאָר סאַי וסאַי — ניט שלעכט.

Truites de Rivière au bleu. Sauce Ysigny.
Pommes hollandaises.

2) אַזאַ מין פיש, ניט געפילט און אָן פעפער, נאָר שטאַרבן פון זיי קאָן מען ניט. צו זיי — קאַרטאָפליטשקעלאַך יונגעטשקע, דער רוח ווייסט זיי פון וואַנען.

Selle d'agneau à la Matignon.

3) אַניאַ איז דאָס וואָס אין פסוק שטייט: צבי ו י ח מ ו ר. אַ טעם האָט דאָס פון צבי און אַ פּנים פון יחמור. דערצו פּירערליי צולאָגן, פאַרשיידענע גרינצייג מיט פּאָמידאָרן, אָנגעפילט מיט לאָמיכאַזווייוויסנבייז און באַשאָטן מיט קעז — קומען זאָל אויף זיי אַ מפּלה![97]

Poularde soufflée à la Belvédère.

4) אַ הון אָן אָנגעבלאָזענע. ס ו פ ל ע איז די טייטש בלאָזן. וואָס פאַר אַ בעל־תוקע עס האָט גע־בלאָזן — ווייס איך ניט. אַרומגעלייגט מיט פּאַשטעטלאַך און באַפּוצט מיט קאַרעלן.

Pluie d'or.

5) פלוצים אינמיטן דער סעודה אַ מין מאַראַזשענע, באַפּוצט מיט גאָלדענע פעדים, וואָס צעגייען זיך אין מויל, ווי מן.

Faisan de Bohême en Volière au suc d'ananas. Salade de coeur de laitues.

6) אַזאַ מין עוף, וואָס קומט פון מרחקים *, ווייס ווי שניי, טויג אויף כפּרות — ווער עס וויל דווקא אַ ווייסע הון, וואָרים דער סאָאוס איז פון אַנאַנאַסן — אַ משל קענן אַ טאָרבע פלעקער, שטראָם־גראָם! דערצו איז די הון מיטן פּיסק און מיט די פליגלען און מיטן עק און מיט אַלע פעדערן — אַ פּנים פון חוזק! נו, דערצו

* איך האָב מורא, אויב ניט פון הינדיא (קוק מסעות בנימין השלישי פון מענדעלי מו"ס).

[97] ש. ע. האָט ניט פאַרטראָגן קיין שווייצערקעז.

סאַלאַט מיט נאָדלען, וואָס מע קאָן זיך סקאָליטשען די צונג, ווען מע עסט עס.

Asperges en branches. Sause Maltaise.

7) ספּאַרזשע ווייסן אַלע וואָס דאָס איז, אפילו אין דער ווילנע. נאָר וואָס דען? דער סאָאוס וואָס פון מאַלטע הרגעט אַוועק. אַ פּנים האָט ער פון ראַזשינקע, און אַ טעם — כצפּיחית בדבש. אַי די קשיא: נעם ניט! ווי קאָן מען, אַז סזיצט אַ פריצטע אַקעגן?

Plum Pudding.

8) פּלומפּודינג איז אין אַנגליע ווי, להבדיל, ביי אונז אַ ראָזינקעס־קוגל. נאָר די ברכות זאָל איך האָבן און די מכות דער, וואָס איך ווייס, וויפיל אַ פּראָסטער לאָקשנקוגל איז געשמאַקער פון אַ פּלומפּודינג, כאָטש ער ברענט אויף שפּירט.

שלום־עליכם אויף שפּאַציר ביים זשענעווער זע [מאָנטרע, אויגוסט 1912].

Bombe Noêl Friandises.

9) דאָס איז אַ מויער פון דער שוואַרציאָר ווייסט זיי וואָס. קומט אים אויס, דעם חכם[98], אָנהייבן אַקוראַט פון מיר. האָב איך מורא. דאַנק איך אָפּ.

Fruits du Cap. Désserts.

10) אַלערליי פּירות, ווי ביי אונז חמשה עשר בשבט. נאָר באָקסערן — אַ מכה! וויין שאַמפּאַניער — נאָר עמיצער זאָל עס זאָגן: טרינקט, פאַר וואָס טרינקט איר ניט? — עך, יאָרן, יאָרן! איך האָב מיך דערמאַנט אין אַדעם: פּאַיעם הערינג, ראַווניצקיס אינדיק, ביאַליקס קרעפּלאַך, אַלים קאַוועגע און מאָנישעס וויין פון קעלער, אמתער בראַשעק, וואָס האָט ניט אין זינען געהאַט אפילו צו שפּילן — אַ כפּרה דאָס קריסטמאַס־מעניו מיט די 10 מאכלים מיטן שאַמפּאַניערוויין — אָמן סלה.

[98] געמיינט דעם קעלנער, וואָס דערלאַנגט ביים טאַבלדאָט.

97

צו ערנעסטינע בערקאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[דער בריוו, און אויך עטלאַכע וואָס קומען ווייטער, געהערן צו דער צייט, ווען שלום־עליכם האָט פאַרענדיקט זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס", וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אינם וואַרשעווער „היינט". ער האָט פאַר זיינע קינדער און פאַר נאָענטע פריינט, וואָס לייענען אויפמערקזאַם זיין ראָמאַן, געשטעלט אַ פראַגע: פאַר וועמען פון די פאַרשוינען פונם ראָמאַן דאַרף חתונה האָבן די הויפּט־העלדין פונם „בלוטיקן שפּאַס"? — דערביי האָט ער יעדן איינעם פון זיינע קינדער, וואָס וועט געבן אַ ריכטיקן ענטפער, פאָרגעלייגט אַ „פּרעמיע" פון פופציק פראַנק.]

[לייזען], 27־טן דעצעמבער, 1912.

טייערע טיסיוניאַ!

שרייב מיר אָן גלייך, מיט דער צווייטער פּאָסט (אויפן לאָזאַנער אַדרעס): ו ו ע ר ה אָ ט ח ת ו נ ה מ י ט ב ע ט י ש אַ פּ י ר אָ? אויב דו וועסט טרעפן, וועל איך דיר שיקן 50 פראַנק (פון מיינע אייגענע קעשענע־געלטער) אויף... קאָרטן. דאָס הייסט, דו וועסט האָבן באַזונדערע 50 פראַנק אויף קאָרטן. דער ענטפער דאַרף זיין אַ קלאָרער, אָן מאָטיוון און אָן „איך מיין", „איך רעכן", א. א. וו.

איך קוש.

פּ אַ.

דאָס 110־טע קאַפּיטל וועט עס קלאָר מאַכן. דעריבער בעט איך זיך צואייַלן, וואָרים שפּעטער וועל איך קיין 50 פראַנק ניט געבן! טרעפן דאַרפסטו אַליין, אָן בערקאָוויטשעס הילף. אויף בערקאָוויטשעס ערלאַכקייט פאַרלאָז איך מיך, ווי אויף דער גאָסודאַרסטווענני באַנק.

98

צו די בערקאָוויטשעס

[פונם אידישן אריגינאַל]

לייזען, האָטעל בעלוועדער, ניי־יאָר **1913**.

מ ע נ י ו

Consommé double Médicis.

1) קאָנסאָמע איז די טייטש זופּ. עס שווימען אַרום עפּעס מאָדנע זאַכן, וואָס קיינער ווייסט ניט וואָס דאָס איז. כאַפּן מיטן לעפל איז שווער. אַז סכאַפּט זיך, איז גוט. אַז ניט — ניט.

Ombre du lac à la Lucullus.

2) פיש, וואָס דער באַרימטער גביר לוקולוס האָט נעגעסן. וואָלט נעווען גוט. האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק, וואָס מהאָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַראויסזען: ניי זיי אַ נביא, אַז לוקולוס — ימח שמו וזכרו — פלעגט פרעסן פיש מיט... ראַקעס! פאַרשטייט זיך, אַז כהאָ שיר־שיר ניט געחלשט. לוקולוס וואָלט געמעגט אויסגערונען ווערן איידער ער איז געבוירן געוואָרן!

Chapons du Houdan à la Chevalière.

3) קאַפּהינער פון הודאַן. איטאַיר הערן, מיט וואָס אַ פראַנצויז פילט זיי אָן און באַפּוצט זיי: מיט יאָדערן פון קאַשטאַנעס! חוץ לזה, גייען גריבקעס, פּאַטלאַזשאַנעס און שאָר ירקות. היינט קאַרטאָפליס צעריבענע און צוריק צונויפגעשטעלט קיילעכיק — נאָט אייך אַ קאַרטאָפלי! פרעגט זיך: צו וואָס דאַרף מען זיי צערייבן און צוריק צונויפנעמען און מאַכן זיי פאַר בלומרשט גאַנצע קאַרטאָפליס? — זאָגט מישאַ[99]: עס און פרעג ניט קיין קשיות!

Parfait de foie gras de Strassbourg.

4) פּאַרפע — דאָס איז אַ מין, וואָס סאיז געמאַכט געוואָרן פון פייגלשע לעבערלאַך מיט צינגעלאַך פון קאַנאַריקלאַך. פרעג איך מישאַן: פאַר וואָס איז דאָס ניט געל? זאָגט ער: סאַ משל! דעריבער גייען קאַטשקעס באָרוועס.

Sorbet Marquise.

5) ווידער אַ מאָל די אייגענע חכמה: אינמיטן עסן מאַראָזשענע! דער דאָקטאָר[100] האַלט אַ „רעטש" און דער עולם עסט.

Selle de Marcassin rôtie. Salade.

6) פּשוט אַן עסיקפלייש. — אַ ביסל אַ סמיכות הפרשה! נאָך אַלע זאַכן — אַן עסיקפלייש. און דווקא מיט סאַלאַט. ביי אונז אַן עסיקפלייש איז אַן עסיקפלייש. איינגעטונקען ווייכע בולקע — און אַן עק! און ביי זיי אָן סאַלאַט הייבט זיך ניט אָן.

Fonds d'artichauts à la Clamart.

7) אויסגעשניטענע אַרטישאָקלאַך, אָנגעפילט מיט אַרבעסלאַך. מיינע שונאים זאָלן אַזוי כח האָבן צו לעבן, ווי מע קאָן שוין עסן אַרבעס! אַ גליק, וואָס מע גיט דערצו שאַמפּאַניערוויין.

Omelette en surprise à la Napolitaine.

8) אַ סורפּריז־אָמלעט — טאַקע אַ סורפּריז: קאַלטע מאַראָזשענע, אַרומגעלייגט מיט הייסע ווייסעבלאַך און אָנגעפילט מיט הייסע ווײַנשל. פרעגט זיך: איז דאָך די אייגענע מעשה, וואָס מיט דער הרובע פון פּוטער? סוועט דאָך צעגיין? זאָגט מישאַ: סוועט ניט דערלעבן.

Fruits du Midi.

9) אַלערליי מינים פירות פון ארץ־ישראל.

[99] שלום־עליכמס זון, שוין דעמאָלט קראַנק, וואָס איז געווען מיטן פאָטער אין דערזעלבער סאַנאַטאָריע. — [100] פון דער סאַנאַטאָריע.

Mignardises.

10) צוקערלעקאַך, טאָרט, שטרודל, קישעלאַך, פאַרפעלאַך, איינגעמאַכטס — דער גוטער יאָר ווייסט זיי, וואו זיי נעמען מאָגנס אויף איבערצוקאָכן אזא גוזמא מאכלים אויף איין מאָל! —

99

צו ערנעסטינע בערקאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

ליזען, 4־טן יאַנואַר, 1913.

טייערע טיסיוניאַ!

וואָס פאַר אַ חכמה דו ביזט: דו שרייבסט אַ פּאָסטקאַרטל, אַז דעם ענטפער, אין צוויי ווערטער[101], האָסטו אַרויסגעשיקט אין אַ באַזונדערן קאַרטל. האָסט דען ניט געקאָנט אין דעמזעלבן פּאָסטקאַרטל אַריינשטעלן יענע צוויי ווערטער? איך האָב דאָס באַזונדערע קאַרטל ניט באַקומען. אפשר האָט עס עמאַ אַרמיסטן באַהאַלטן, כדי צו פאַרדינען די 50 פראַנק? נאָר עמאַ איז צו ערלאַך, זי זאָל באַגיין אַזאַ זאַך. שרייב זשע גלייך נאָך אַ (דריט) קאַרטל, נאָר שרייב ניט קיין קאַרטל, אַז דו שיקסט אַ קאַרטל. —

שלום־עליכם, פרוי ש. ע., מישאַ און עמאַ.
[נערווי, ווינטער 1912].

פאַרוואָס זאָל בערקאָוויטש באַזונדער (אין אַ פאַרמאַכטן בריוו און אויף העברייאיש) ניט טרעפן? ער וועט אויך זיין באַרעכטיקט צו 50 פראַנק. עס וואָלט געווען געוואונשן צו וויסן די מיינונג פון אַלע לעזער פונם ראָמאַן; פאַרשטייט זיך, אָן דער פּרעמיע, וועלכע ווערט געגעבן נאָר צו די מיטגלידער פון דעם שרייבערס פאַמיליע, וואָרים אַניט — וואו וועט ער נעמען אַזויפיל געלט? 100,000 עקזעמפּלאַרן[102] ווערן געלייענט פון אַ האַלבן מיליאָן אידן; געכפּלט אויף 50 פראַנק, מאַכט עס אויס: 25,000,000 פראַנק. ווען מיר זאָגן, אַז נאָר אַ העלפט וועט טרעפן, איז דאָס אויך 12,500,000 פראַנק. אַזאַ סומע וועט זיך ביי מיר קוים געפינען! —

[101] וועגן דער חתונה פון דער העלדין אינם „בלוטיקן שפּאַס“. —
[102] די צירקולאַציע פונם „היינט“.

דערוויילט האָט קיינער פון דער פאַמיליע ניט געטראָפן.

איך קוש.

פּאַ.

100

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[ליזען], 7־טן יאַנואַר, 1913.

טייערע!

הורראַ! היינט האָב איך געענדיקט דעם ראָמאַן. איך האָב אַוועקגעשיקט דעם עפּילאָג אין דער רעדאַקציע און אַצינד וועל איך אָפּרוען. דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אָפּרוען“. איך וועל שרייבן צו איין דערציילונג אַ וואָך. ווי געפעלט אייך אַב. קאַהאַן? ענדלאַך האָט ער מיך אָנערקענט, לכל הפּחות, אַז איך באַזיץ די אידישע שפּראַך — אָבער נישט מער. גם זו לטובה!

טיסיוניאַ! אומזיסט האָסטו מיין פראַגע אָנגענומען פאַר אַ וויץ. אָט האָט עמאַ געטראָפן, ניגער[103] האָט געטראָפן, און — איך בין זיכער — בערקאָוויטש וועט טרעפן. עמאַ און בערקאָוויטש וועלן יעדערער באַקומען די צוגעזאָגטע 50 פראַנק. הגם ביז זונטאָג קאָנסטו נאָך אויך. ערשט זונטאָג וועט דער עפּילאָג זיין געדרוקט.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איך קוש.

פּאַ.

[102] ש. ניגער, וואָס האָט דעמאָלט שטודירט אין בערן.

101

צו עמאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[דאָס דאָזיקע בריוול איז געשריבן אין צוג, צווישן לייזען און בערן. שלום-עליכם איז פּלוצים קראַנק געוואָרן אויף אַ שאַרפער בלאַזען-קראַנקייט, וואָס האָט אים שטאַרק איבערגעשראָקן, און ער איז געפאָרן קיין בערן צו אַ ספּעציאַליסט. אין בערן האָבן די דאָקטוירים פאַרדעכטיקט ביי אים בלאַזענשטיין און האָבן געראָטן גלייך צו מאַכן אַן אָפּעראַציע. די שרעקלאַכע יסורים און דער געדאַנק וועגן דער געפערלאַכער אָפּעראַציע האָבן דעם קראַנקן ש. ע. אינגאַנצן דערשיטערט. צו אַן אָפּעראַציע האָט ער אָבער ניט דערלאָזט, און פרוי שלום-עליכם האָט אים אָפּגעפירט קיין ווין, צום באַוואוסטן פּראָפעסאָר צוקערקאַנדעל. דער ווינער פּראָפעסאָר האָט ביי אים קאָנסטאַטירט בלויז אַ נערוועזע פאַרשלאַפונג און האָט אים אינגאַנצן באַרואיקט. — דאָס בריוול און די צוויי וואָס נאָך דעם האָט ש. ע. געשריבן מיט אַ כיוון, צו אויסבאַהאַלטן פון די קינדער זיין שווערע לאַגע.]

צווישן מאָנטרע און עגל, 15־טן [יאַנואַר, 1913].

... און עמאַ האָט טאַקע געטראָפן! עמאָטשקאַ! איך בין דיר שולדיק 50 פראַנק. ווילסט זען געלט? אָדער דו וועסט צוואַרטן ביזן „סאָוורעמענניק“[104]? צי ביזן „היינט“?

איך קוש.

102

צו ערנעסטינע בערקאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

[אָן אַ פּלאַץ און אָן אַ דאַטום.]

טיסיוניאַ! איך וואַרט אויף געלט פון יאַצקאַנען[105] און וועל דיר אַרויסשיקן אין אַ רעגיסטרירטן בריוו 50 פראַנק פּאַפּירגעלט, און איך גיב דיר אַ געלעגנהייט גוט זיך רייצן מיט בערקאָוויטשן. לאָז ער ניט זיין קיין איינגעשפּאַרטער ליטוואַק און ענטפערן, אַז מע פרעגט אים!

פּאַ.

עמאַ האָט אויך פאַרדינט 50 פראַנק. געטראָפן האָט אויך ניגער, נאָר אָן אַ צוזאָג פון 50 פראַנק.

103

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאַל]

לאָזאַן [בערן], 19־טן [18־טן] יאַנואַר, 1913.

טייערע טיסיוניאַ!

כאָטש דו ביזט אויפגעבראַכט אויף דער האַנדלונג פון מיין בעטין[106], פון דעסטוועגן האָסטו געטראָפן, און דעריבער קומט דיר 50 פראַנק, וועלכע דו וועסט די טעג דערהאַלטן. און בערקאָוויטש האָט טאַקע אַרויסגעלאָזט פון האַנט 50 פראַנק. רעכט אַף עם! ווי מע זאָגט אין סלוצק[107], אָדער אַ מצוה, ווי מע זאָגט ביי אונז.

איך קוש.

פּאַ.

צופעליק, אויף עטלאַכע שעה, בין איך אריינגעפאָרן קיין לאָזאַן[108].

104

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אריגינאַל]

בערן, 18 יאַנואַר, 1913.

בני יקירי אמצתי לי דוב שיחי'!

ע"י עמא בלוזאנה הריצותי לבתי לטיסי דברים אחדים, בכדי להרגיע את רוחה, ולא יעלה חשד על לבבה ע"ד מצב בריאותי. ובאמת אין אני בלייזען ואין אני בלוזאנה, אלא בברן העיר, בהקליניק לינדענהוף, תחת השגחת פּרופעססאָר בקי ומפורסם, וגם רעיתי עמדי, ומצבי ברע מאד. ואלמלא באתי לכאן ומתי, כי הרופאים בלייזען אינם יודעים מימינם לשמאלם. תלגרפתי לידידי לניגר, והוא מצא את המומחה — — —. הכאב והצער שאני מרגיש אין להעלות על הכתב ועל הלשון. כל יסורי גיהנם כאין נגד זה שאני נושא בעור שיני, ותודה לאלה היחידים שבאים מעת לעת לבקרני, ה"ה ניגער, הרב הצעיר, הפּר' רייכסבערג והד"ר ליפשיץ ועוד. מתי יבוא קץ לצרותי? אין אני יודע. הפּר' ירגיעני, שבקרוב במהרה בימינו, אלא שאָנכי אין אני מאמין בהבטחתו. מצאתי לנחוץ להודיעך מזה, פּן תודע ע"י אחרים, ובפרט בתי, שצריך להעלים דבר ממנה עד שידך מגעת, אולי תבוא הרוחה באמת בקרוב. כתוב תכתוב לי ע"פ האדריסא הר"מ, וטיסי בל תדע מזה.

והנני אָביך אוהבך ש.

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער זון דוב זאָל לעבן! דורך עמאַן אין לאָזאַן האָב איך געשיקט מיין טאָכטער טיסין עטלאַכע ווערטער, אום זי צו באַרואיקן, זי זאָל ניט האָבן קיין פאַרדאַכט וועגן מיין געזונט-צושטאַנד. אָבער אין דער אמתן בין איך ניט אין לייזען און ניט אין לאָזאַן, נאָר אין בערן, אין קליניק לינדענהאָף, אונטער דער אויפזיכט פון אַ געניטן און באַרימטן פּראָפעסאָר, און מיין פרוי איז אויך מיט מיר, און מיין צושטאַנד איז זייער שלעכט. ווען איך קום ניט אַהער, וואָלט איך געשטאָרבן, וואָרים די לייזענער דאָקטוירים ווייסן ניט פון דאַנען אַהין. איך האָב געטעלעגראַפירט צו מיין

[104] אַ רוסישע מאָנאַטשריפט, וואו עס האָבן זיך געדרוקט איבערזעצונגען פון שלום-עליכמס ווערק. — [105] דער אַרויסגעבער פונם „היינט“. — [106] די העלדין פונם „בלוטיקן שפּאַס“ האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אומוויכטיקן פאַרשוין.

[107] די געבורטשטאָט פון בערקאָוויטשן. — [108] זע קומענדיקן בריוו.

פריינט ניגער, און ער האט אויפגעזוכט דעם ספעציאליסט — — —. דער ווייטיק און דער צער, וואס איך פיל, זיינען ניט צו באשרייבן און ניט ארויסצוזאגן. אלע יסורים פון גיהנם זיינען גארנישט אין פארגלייך מיט דעם, וואס איך טראג־איבער, און א דאנק כאטש די עטלאכע מענטשן, וואס קומען מיך באזוכן, דאס זיינען ניגער, „רב צעיר“, פראפעסאר רייכסבערג, דר. ליפשיץ און נאך. ווען וועט נעמען א סוף צו מיינע צרות — ווייס איך ניט. דער פראפעסאר באטרויקט מיך, אז גאר אינגיכן, נאר איך גלויב ניט אין זיינע הבטחות. איך האב געפונען פאר נייטיק צו געבן דיר צו וויסן וועגן דעם, טאמער וועסטו עס דערגיין דורך אנדערע, ובפרט מיין טאכטער, וואס דו דארפסט עס פון איר אויסבאהאלטן ווי ווייט דיר איז מעגלאך. אפשר וועט טאקע קומען א דערלייכטערונג אינגיכן. שרייבן זאלסטו מיר אויפן אויבנגעצייכנטן אדרעס, און טיסי זאל דערפון ניט וויסן.

און איך בין דיין פאטער, וואס האט דיך ליב, ש.]

105
צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאל]

בערן, 25 יאנואר, 1913.

בני יקירי!

עוד אני חולה מאד. ממך לא קבלתי עדיין מאומה. בכדי להבליג על יגוני ועל מכאובי, אני כותב לפרקים את האויטאביאגראפיע שלי, שהחילותי בנרווי (אתה זוכר?), בעבור הפנקס של ניגער. ואתה לא ענית את ניגער, והוא מתמרמר מאד. והוא אברך יקר. כל האויטאביאגראפיע לא אתן לו, בלתי ג׳ פרקים הראשונים. ואין אני יודע מה לעשות עם המותר? אנה אשלח אותם להדפיס ואל מי אפנה? או להשאירם עד אחרי מותי? והפרקים נקראים כמו רומן. — — —

א ב י ך ש ל.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. —
מיין טייערער זון! איך בין נאך זייער קראנק. פון דיר האב איך גארנישט באקומען. כדי צו באהערשן מיין טרויער און מיינע ווייטיקן, שרייב איך פון צייט צו צייט מיין אויטאביאגראפיע, וואס איך האב אנגעהויבן אין נערווי (געדיינקסט?), פאר ניגערס „פנקס“. און דו האסט ניגערן ניט געענטפערט, און ער איז זייער אויפגעבראכט. און ער איז א טייערער יונגערמאן. די גאנצע אויטאביאגראפיע וועל איך אים ניט געבן, נאר די ערשטע דריי קאפיטלען. און איך ווייס ניט וואס צו טון מיטן איבעריקן? וואוהין זאל איך עס שיקן אויף צו דרוקן און צו וועמען זאל איך מיך ווענדן? צי איבערלאזן עס ביז נאך מיין טויט? און די קאפיטלען לייענען זיך, ווי א ראמאן. — — —

ד י י ן פ א ט ע ר ש ל.]

106
צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאל]

בערן, 1 פעברואר, 1913.

בני בני ברקוביץ יקירי!

הלילה העבר ירדתי לקבר. כפשע היה ביני ובין המות. הרבה צעקתי ועוד יותר בכיתי, שלא אזכה לראות את פני טיסי בטרם אמות. והנה זה בא הרופא הפר׳ ועשה מה שעשה, והונח לי מעט. והיום בצהרים יבוא עוד הפעם לעשות לי זריקת סם תחת העור להשתיק את הכאב, עד שהטבע בעצמו יעשה את שלו. אבל אין אני מאמין גדול בזה. אפשר שאתרפא, ואפשר שארד שאולה. וצר לי מאד, שלא אזכה לראות את פני כולכם. ואתם הדבקים בי חיים כולכם היום. אין אני מצטער כלל על זה שקפד חיי. כי הייתי רב, וגם כבוד גדול היה לי בחיי, וגם איזו נחלה השארתי לאחר מותי בשביל עמי שאהבתי אהבה רבה מאד. אלא — צעירי הצאן מה חטאו? והצאן עלות! תמרה ובעללא זכרוני ישכח מלבן לגמרי, ואפילו נומא עדיין לא הגיע לבר־מצוה. ורעיתי אהובת נפשי — הה! — מה תהי עליה? — — — היום יגיד הקונסיליום מה לעשות. הדוגמאות שהבאת לי באגרתך ע״ד מכאוביהם של אנשים שונים עשו לי צחוק. אנכי כל הלילה ממש שהתפלשתי בעפר וקול צעקתי הגיע עד השמים. דבר־נא בשלום ביאליק ורבניצקי ידידי ובשלום כל אנ״ש. צר לי מאד, שאין אצלי אף אחד, שאוכל להעריך על־ידיו את דברי האחרונים. כ״כ אדם שוטה, שהוא דוחה לכתוב את הצוואה שלו מיום אל יום. הרופאים מבטיחים אותי, כי יש תקוה. אם נחיה ונראה. לע״ע תכתוב לי מדי יום ביומו.

אביך הכותב ברוח נשברה אבל בדעה צלולה ש.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. —
זון מיינער, בערקאוויטש מיין טייערער! פאריקע נאכט בין איך אראפ אין קבר. סאיז געווען נאר איין טריט צווישן מיר און דעם טויט. איך האב פיל געשריען און נאך מער געוויינט, וואס איך וועל ניט זען טיסין איידער איך שטארב. און אט איז געקומען דער פראפעסאר און האט געטאן וואס מע דארף, און סאיז מיר א ביסל לייכטער געווארן. און היינט בייטאג וועט ער נאך א מאל קומען מאכן מיר אן איינשפריצונג אונטער דער הויט, צו פארטויבן דעם ווייטיק, ביז די נאטור וועט טון דאס איריקע. נאר איך בין ניט קיין גרויסער מאמין אין דעם. עס קאן זיין, אז איך וועל מיך אויסהיילן, און עס קאן זיין, אז איך וועל גיין אין גרוב. און איך האב גרויסע יסורים, וואס איך וועל ניט דערלעבן אייך אלעמען צו זען. און איר, וואס זיינט צוגעבונדן צו מיר, לעבט אלע היינט. איך בין מיך כלל ניט מצער, וואס מיין לעבן ווערט איבערגעשניטן. ווארים איך האב גענוג געלעבט, **אויך א**

סך כבוד געהאַט ביים לעבן, און אויך אַ שטיקל ירושה האָב איך איבערגעלאָזט אויף נאָך מיין טויט פאַר מיין פאָלק, וואָס איך האָב ליב געהאַט מיט גרויסער ליבשאַפט. אָבער — אָט די יונגע שעפעלאַך, וואָס האָבן זיי געזינדיקט? און די שעפעלאַך זיינען נאָך זייער יונג! טאַמאַראַ און בעלאַ וועלן מיך שוין גאָרניט געדיינקען, און אפילו נומאַ האָט נאָך ניט דערגרייכט צו בר־מצוה. און מיין פרוי, די געליבטע פון מיין זעל, — ווי! — וואָס וועט מיט איר זיין? — — — —

היינט וועט דאָס קאָנסיליום באַשטימען וואָס צו טון. די ביישפּילן, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט אין דיין בריוו פון פאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דיזעלבע ווייטיקן, האָבן מיך געמאַכט צו לאַכן. איך האָב דאָך אַ גאַנצע נאַכט ממש געקייט די ערד און מיינע געשרייען זיינען געגאַנגען ביזן הימל. גרים מיינע פריינט ביאַליק און ראַווניצקי און אַלע אונזערע אייגענע מענטשן. עס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס איך האָב דאָ ניט קיינעם, וועמען איך זאָל קאָנען דיקטירן מיינע לעצטע ווערטער. אַ מענטש איז אַזאַ נאַר, וואָס ער לייגט־אָפּ פון טאָג צו טאָג צו שרייבן זיין צוואה. די דאָקטוירים פאַרזיכערן מיך, אַז ס'איז פאַראַן אַ האָפענונג. אויב מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. דערווייל שרייב מיר יעדן טאָג.

דיין פאָטער, וואָס שרייבט מיט אַ צעבראָכענעם געמיט אָבער ביים קלאָרן פאַרשטאַנד,

ש.]

107

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאַל]

בערן, 4 פעברואַר, 1913.

בני יקירי דוב שיחי'.

ישנתי 9 שעה. הכאב קטן. הרופא עדיין לא היה אצלי. אבל חש אני, שכבר יצאתי מגדר הסכנה ויש תקוה לאחריתי. הקטנים שלחו את מארוסי בתור דעפּוטאַט לראות בשלומי, וכעת היא שבה לביתה ללוזנה. היה שלום וכתוב לי דבריך הנעימים והמסולאים בפז.

אָביך אוהבך מאד ש ל.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין טייערע זון דוב זאָל לעבן. איך בין געשלאָפן 9 שעה. דער ווייטיק איז קלענער. דער דאָקטאָר איז נאָך ניט געווען ביי מיר. אָבער איך פיל, אַז איך בין שוין אַרויס פון געפאַר און ס'איז דאָ אַ האָפענונג. קליינוואַרג האָבן דעלעגירט מאַרוסין אַלץ דעפּוטאַט צו זען וואָס איך מאַך, און אַצינד פאָרט זי צוריק אַהיים קיין לאָזאַן. זיי געזונט און שרייב מיר דיינע ליבע גאָלדענע ווערטער.

דיין פאָטער, וואָס האָט דיך זייער ליב, ש ל.]

108

צו דעמזועלבן

[פונם אידיישן אריגינאַל]

בערן, 24־טן פעברואַר, 1913.

בני דוב שיחי'!

מאָרגן איז מיין יום־הדין ביי סאַלין[109]. איך געדיינק ניט, צי כהאָב אייך געשריבן, אַז מע האָט מיך געפירט (און דאָס איז געווען אַן איבעריקע זאַך, מע האָט געוואָלט צו גוטן, לסוף איז געווען ניט גוט!) צו קאָכערן[110]. אַ גוי אַ קצב! ער האָט מיך באַטראַכט מער ניט אַז איין מינוט און אויסגעהערט אַ האַלבע מינוט און געזאָגט, אַז כמוז [האָבן] אַן אָפּעראַציע גאָר אָן אַ שום תירוץ, און באַלד, און ביי אים טאַקע, אַניט, טאָמער חזרט זיך איבער ביי מיר נאָך אַ מאָל די געשיכטע — — — דאַן בין איך פאַרפאַלן! — מיט וואָס פאַר אַ האַרץ מיר זיינען אַרויס (דאָס איז געווען פאַראַכטאָגן) ביידע פון דעם אָראַקול פּראָפעסאָר קאָכער, קאָן איך אייך ניט באַשרייבן. דער עיקר, וואָס איך האָב געוויינט, זיך געבעטן, איך וויל ניט צו קאָכערן, איך וויל צו סאַלין. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיר גייען צו אַ רוצח! איך בין מער ווי איבערצייגט, אַז איך וועל אַזאַ אָפּעראַציע ניט איבערטראָגן, און לעבן דאַרף איך נאָך עטלאַכע יאָר — איז כדאי צו שפּעקולירן?... וואָס טוט גאָט? גייט מיר פון קאָכערס משפט אָן פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער און בעסער. יעצט — — — באַקום איך שוין אַפּעטיט, נאָר שלאָפן מוז איך נאָך מיט נאַרקאָטישע פּראָשקעס. איך פיל, אַז כבין נאָך ניט אינגאַנצן, איך מוז מיך נאָך היילן ביי אַ גרויסן ספּעציאַליסט (אין ווין). מאָרגן וועלן מיר זען. דערווייל בין איך, דאַכט מיר, מער אויף ד ע ר וועלט.

אָביך אוהבך מאד ש ל.

109

צו דעמזועלבן

[פונם אידישן אריגינאַל]

בערן, 26־טן פעברואַר, 1913.

בני יקירי אשר אָהבתי דוב שיחי'.

איך שרייב שוין ניט העברייאיש, ווייל טאָמער וועט דאָס מ ו ז ן מגולגל ווערן צו טיסין. — — —. איך בין שוין אויפגעשטאַנען און וועל שוין היינט שפּאַצירן אויף דער גאַס, און בין שוין אַ מענטש, און איך לאַך שוין הויך, און איך האָב שוין ווידער האָפענונג צו לעבן און שרייבן און פאָרן און אַלצדינג.

[109] אַ באַרימטער פּראָפעסאָר אין בערן. — [110] אַ באַרימטער כירורג אין בערן.

כאָטש איך דאַרף מיך נאָך, נאַטירלאַך, היילן. אָבער די היילונג קאָן מען שוין אין דער היים פאַרזעצן. און מיין פרייד האָט ניט קיין שיעור, אַז איך דערמאָן מיך, אַז איך וועל אייך נאָך אַלעמען קאָנען זען, און מיט טאַמאַרען ריידן, און בעלען אויף די הענט האַלטן, און מיט טיסין שפּאַצירן, און מיינע ביכער לעזן, און מיט גוטע פריינט אפשר נאָך אַ גלעזל וויין טרינקען, און דאָס פּובליקום, וואָס האָט מיך ניט פיינט, צו באַגריסן און לאַכנדיק מאַכן — הכלל, נאָך אַ גרויסע וועלט שטייט־פאַר, און איך בין געוועזן על [עברי] פּי פּחת, שטאַרק פאַרצווייפלט און כמעט פּאַרטיק זיך געזעגענען מיט דער זון, וועלכע איך האָב אַזוי ליב, און מיטן הימל, וואָס דאַכט זיך מיר אויס, אַז ער איז מיינער, און מיט דער ערד, וואָס טראָגט מיך אַזוי געדולדיק, און מיט די מענטשן, וואָס איך האַלט זיי אַלע כמעט פאַר מיינע נאָענטע און געטרייע. די צוואה שרייבן האָב איך שוין ווידער אָפּגעלייגט, און סאיז אַ נאַרישקייט. איך קוש אייך, טיסין און טאַמאַרען.

אָביך של.

110

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ווין, 28־טן פעברואַר, 1913.
פרייטאָג, 9 אינדערפרי.

טייערע! די אַקאַדעמישע יוגנט האָט מיך פייער־לאַך באַגעגנט. דערווייל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין „קאָנטינענטאַל". געשלאָפן אויסגעצייכנט. מיט די גרויסע לייכטער פון דער וויסנשאַפט [111] וועל איך מיך באַקענען ערשט בייטאָג. ליאַליס „ווינער שיק" איז ניט אַזוי שטאַרק אָנגעזען, קויטיק און קאַלטלאַך. — — — . היינט וועל איך־פון דאַנען בערקאָוויטשן אַרויסשיקן דאָס פערטע קאַפּיטל [112]. די היגע זעמעלאַך זיינען אַ פראַכט. נאָר אַלץ דערמאַנט אָן „לעמבעריק". געווען דאָ אַ פריץ־אָוונט, און עפּעס ניט גאָר געלונגען, מיט אַ דעפּיציט. לכבוד מיר שטעלט מען דינסטאָג אין

[111] געמיינט: פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. — [112] פון דער אויטאָביאָגראַפיע.



שלום־עליכם און זיין פרוי צווישן דער אידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין ווין, פעברואַר 1913.
[רעכטס פון ש. ע. — דער העברייאישער שרייבער י. א. לובעצקי; לינקס, דער פערטער פון ש. ע., — ב. ברוכאָוו].

טעאַטער „מענטשן"; די הכנסה פונם אָוונט נייט לטובת אַן אייגענער אידישער צייטונג[113], און די הכנסה פון דער צייטונג וועט גיין אויף צו גרינדן אַ קאָלאָניע אין פּאַלעסטינע אויף מיין נאָמען, און די הכנסה פון דער קאָלאָניע — אויף אויסצוקויפן פּאַלעסטינע פון טערקיי, און די הכנסה פון פּאַלעסטינע — אויף אָפּצוקויפן אַמעריקע פאַר אידן, און די הכנסה פון אַמעריקע — אויף אויסצוהאַלטן „די וועלט" און דעם „העולם", און די הכנסה פון אָט די צייטונגען — אויף... (פאָרזעצונג קומט). איך קוש.

פּ א.

111

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ווין, 1־טן מערץ, 1913.

טייערע!

די מאַמע האָט אייך שוין אָנגעזאָגט נעכטן די פריילאַכע בשורה, אויך אַ טעלעגראַמע האָב איך געשיקט אויף ראַווניצקיס נאָמען, אַז דעם קאָשמאַר פון אַן אָפּעראַציע האָט דער באַרימטער פּראָפעסאָר צוקערקאַנדעל פון מיר אַראָפּגענומען, און מיר פאָרן קיין נערווי, איבער ווענעציע, וועלכע האָט ביי בערקאָוויטשן ניט נושא חן געווען. איר קאָנט זיך קוים פאָרשטעלן מיין פרייד און דער מאַמעס. אין דער שווייץ האָט דאָך קאָכער (אויך אַ באַרימטקייט) אונז אַזוי אָנגעשראָקן מיט זיין דיאַגנאָז (דווקא אַן אָפּעראַציע! אַניט — איז קאַפּוט! — דער דאָזיקער בלוטדאָרשטיקער קאָכער האָט שוין אפילו געהאַט אויסגערעדט פאַר זיך אַ פּרייז, 1000 פראַנק, נאָך אַן אוידיענץ פון צוויי מינוט!), אַז פון דעם אַליין איז מיר שוין געוואָרן ערגער. פּראָפעסאָר צוקערקאַנדעל האָט מיר נאָר פאָרגעשריבן אַ רעזשים און האָט לחלוטין פאַרוואָרפן יעדן געדאַנק וועגן אַן אָפּעראַציע, געהייסן פאָרן קיין נערווי נאָר אויף אָפּצורוען און איינצושטילן די נערוון. מיר פאָרן מסתמא אויף איין חודש. איר קאָנט שרייבן אויף מיין נאָמען קיין נערווי, „עדן" האָטעל. דאָרט מסתמא וועלן מיר וואוינען. איך קוש אייך און בעט, איינגאַנצן זיך צו באַרואיקן.

פּ א.

תמרה! אני נוסע נרויה.

112

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ווין, 2־טן מערץ, 1913. 9 אינדערפרי.

טייערע!

הייסט עס, היינט אינאָוונט פאָרן מיר קיין ווענעציע — נערווי. גאָט! וויפיל מענטשן עס זיינען דאָ ביי אונז איבערגעוועזן! די מאַמע וועט מיך באַזאָרגן אין נערווי און אַליין וועט זי אַוועקפאָרן אַהיים. איך ווידער וועל דאָרט מסתמא פאַרבלייבן אַ וואָך זעקס. די מחבלים האָבן מיר נעכטן געשטערט אָפּצושיקן אייך דאָס פערטע קאַפּיטל. מע לאָזט ניט אַרבעטן. דאָס וועטער איז דאָ אַ קאַלטס. מיר טראַכטן אויף זומער זיך באַזעצן אין טהעסלוי, 25 מינוט פון ווין. דאָרטן זיינען פאַראַן טערמאַלבעדער, וועלכע צוקערקאַנדעל האָט מיר פאַרשריבן. איך קוש. שרייבט: נערווי, „עדן" האָטעל.

פּ א.

תמרה! אני נוסע ויניציה — נרויה.

פּ א פּ א.

בערל! עס גריסן דאָ אייך אַ סך מענטשן. אַלע קענען אייך און האָבן אייך ליב. און טש. אין בערן האָט זיך מודה געווען, אַז אין די איבערזעצונגען האָט איר איבערגעפּוצעוועט דעם „זיידן". אגב, אַלע האָבן אַזאַ מיינונג. אפילו דער פּרא־אָדם פּ. איז פון דער איבערזעצונג פונם „בוג"[114] אַזוי אַנציקט, אַז ער גייט שיר פון זינען ניט אַראָפּ. ער שווערט זיך, אַז לויט דער שפּראַך איז עס בעסער פון ב. און אפילו מעגלאַך צו באַשרייבן ניט די לופט, ניט דעם אַראָמאַט פון די בליענדיקע מאַנדלען און מאַראַנצן, ניט די זון, ניט דעם ים. מיט איין וואָרט, איך האָב אָפּגעלעבט, וואָרים איך בין אין מיין לאַנד, אין איטאַליע, און אין אייער איבערגעבונג איז אַ פּראַכט! שרייבט. איך קוש אייך און וואַרט אויפן זומער.

א י י ע ר ע ר.

113

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, עדן האָטעל, 4־טן מערץ, 1913.
11 אינדערפרי.

טייערע!

נו, אָט זיינען מיר אויפן אָרט פּלאַץ. סאיז ניט פון יהודה ליב גאָרדאָן! און ווירקלאַך, דער „בוג" נערווי. נאָר איין ראָזינען[115] האָבן מיר נאָך ניט געזען, ווייטער האָבן מיר אַלעמען באַגעגנט און אַלע האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט אונז, פּונקט ווי מיט אייגענע. אין „עדן" איז אונז געלונגען ביליק צו באַקומען אַ וואוינונג. איך פיל מיך ווי אַ סאָלדאַט, וואָס איז געקומען פון דער דינסט אויף „אָטפּוסק" אַהיים. מיר וואַרטן אויף אייערע בריוו. איך קוש.

פּ א.

תמרה! אני כבר בנרוי!

[113] אַ פּועל־ציוניסטישע.

[114] „אויף פּסח אהיים" איז אין דער העברייאישער איבערזעצונג באַטיטלט: „מעבר בוג". — [115] אַ איטאַליעניש מיידל, וואָס האָט געדינט אין שלום־עליכמס הויז.

114

צו די קינדער אין לאָזאַן

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 4־טן מערץ, 1913.

האַלבּ צוועלף אינדערפרי.

טייערע!

נישטאָ קיין ווערטער צו באַשרייבּן, וואָס פאַר אַ לופט דאָ איז נאָך בּערן, ווין און אפילו ווענעציע! איך האָבּ אָפּגעלעבּט, ווי אַ געכאַפּט פישל, וואָס מע האָט עס צוריק אַראָפּגעלאָזט אין ים.

איך קוש אייך.

פּ א.

נומטשיק! מענטשעלאַך[116]!

115

צו די בּערקאָוויטשעס

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 10־טן מערץ, 1913.

טייערע!

מיר באַקומען אייערע בּריוו זייער פּינקטלאַך. וועגן זיך קאָן איך שרייבּן, אַז איך ווער צוריק געזונט. ווען ניט דער פאַרשאָלטענער קאַטער, וואָס איך האָבּ געכאַפּט (אָפּנים, אין וועג), וואָלט איך שוין גאָר געווען אַ מענטש. איך וועל אייגיכן מסתמא פאַרגעסן, אַז איך בּין אַמאָל געווען אין בּערן און פלעג ווייגען יעדן טאָג, אינדערפרי און אינאָוונט, הויך אויפן קול צוויי שעה נאָכאַנאַנד. סאיז גענוג געווען איך זאָל מיך דערמאָנען עפּעס אַ וואָרט, וואָס טאַמאַרקע צי בּעלקע האָבּן ווען־עס־איז אַרויסגעזאָגט, — און טרערן פלעגן זיך שוין גיסן. אָט די אַלע טעג, וואָס איך בּין דאָ, האָבּ איך נאָך קיין איין שורה ניט אָנגעשריבּן. איך האָבּ אַבּסאָלוטע רו. די מאַמע זאָגט, אַז בּיז וואַנען איך וועל ניט צונעמען די דריי און אַ האַלבּ קילאָ, וואָס איך האָבּ אַוועקגעגעבּן אין בּערן, וועט זי מיך ניט לאָזן אַרבּעטן. נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! מיר וועלן זי איינבּעטן. אָט איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס די מאַמע ראַטעוועט מיך אַרויס פון די נעגל פונם מלאך־המות. וואו וואָלט איך שוין איצינד אָנגעשפּאַרט, ווען ניט די מאַמע! נאָר לאָמיר ריידן פון פריילאַכערס. — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איך קוש.

פּ א.

116

צו טאַמאַראַ בּערקאָוויטש

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 11־טן מערץ, 1913.

טייערע טאַמאַראַ מיינע!

דיין בּריוו האָבּ איך באַקומען. דו שרייבּסט, אַז דו ווילסט אויך קיין נערווי. זייער גוט. איך שיק דיר דאָ איטאַליעניש געלט, 10 לירעס, אויפן וועג. לייג־צונויף דיינע זאַכן, וועש און בּיכלאַך, קויף זיך אַ בּילעט אויפן וואָקזאַל און פאָר־אַרויס גלייך קיין נערווי. פריער געזעגן זיך מיטן פּאַפּאַטשקאַ און מיט דער מאַמאַטשקאַ און מיט אַלע חבֿרטעס און באַקאַנטע, מיט פאַיען, מיט ראַווניצקין, מיט בּיאַליקן און מיט אַלע אַנדערע, און זאָג אַלעמען, אַז דו פאָרסט קיין נערווי, צו מיר אין געסט; און טאָמער וועלן זיי ניט גלויבּן, וועסטו זיי באַווייזן דעם בּריוו און דאָס געלט. זיי וועלן דיר מסתמא זייער מקנא זיין. איך וואַרט אויף דיין טעלעגראַמע: „איך פאָר קיין נערווי. טאַמאַראַ“.

איך קוש דיך שטאַרק.

פּאַפּאַ.

אין וויסבּאַדען, זומער 1913

[שטייענדיקע — פון רעכטס צו לינקס: נומאַ, פרוי שלום־עליכם; זיצנדיקע — פון רעכטס צו לינקס: שלום־עליכם און בּעלאַ, ליאַלי און טאַמאַראַ].

117

צו דערזועלבּער

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 21־טן מערץ, 1913.

ליבּע, טייערע טאַמאַראָטשקאַ!

אַ שאָד פון דעסטוועגן, וואָס דו האָסט אָפּגעלייגט דיין רייזע אויף נאָך פּסח. מיר איז אומעטיק אַליין

[116] דאָס הייסט, ער זאָל אים שיקן זיינע צייכענונגען.

צו שפּאַצירן אויף דער מאַרינע [117]. דערפרעג זיך, ווען וועט שוין זיין פּסח, און קום צו פאָרן וואָס גיכער. און דערווייל שרייב־אָן נאָך עפּעס אַ דערציילונג. דיין צווייטע דערציילונג האָב איך באַקומען און איבער־געשיקט צו נומאַן. ער שרייבט אויך דערציילונגען. און איך שרייב אויך דערציילונגען. מיר אַלע שרייבן דערציילונגען.

פּאַפּאַ.

118

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 22־טן מערץ, 1913.

טייערע טאַמאַראַטשקאַ!

מע וועט מוזן, הייסט עס, דיר שיקן פּריש געלט אויף דער רייזע? גוט. איך וועל מיך באַמיען. נאָר איך האָב אַן אַנדער פּראָיעקט. איך רעכן אָוועקשיקן דיינע בײדע דערציילונגען אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „קינדערבאַלזאַם“ און באַקומען פאַר זיי האָנאָראַר, דאָס הייסט געלט, וועסטו האָבן מיט וואָס צו פאָרן. שרייב מיר, ווי אַזוי זאָל איך דיך אונטער־שרייבן: „טאַמאַראַ אָדעססאַ“? צי „טאַמאַראַ בער־קאָוויטש“? אָדער גלאַט „טאַמאַראַ“? און וואָס איז מיט די פּונקטואַציע־צייכנס?

איך קוש דיך.

פּאַפּאַ.

119

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער בריוו און אַלע ווייטערדיקע בריוו צו די בערקאָ־וויטשעס זיינען אַדרעסירט קיין בערלין.]

לאָזאַן, 10־טן יאַנואַר, 1914.

ליבע טאַמאַראַ.

איך האָב באַקומען דיין בריוו און האָב מיך גע־שעמט, וואָס איך האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבן! איך שרייב אַלץ ביכער און ביכער, און דיר קיין איין שורה ניט! אָבער דאָס מיינט ניט, אַז איך האָב דיך פאַרגעסן; פאַרקערט, איך שרייב און טראַכט אַלץ, וואָס וועט זאָגן טאַמאַראַ, ווען זי וועט לייענען מיינע ביכלאַך? הייסט עס, אַז איך האָב דיך ניט פאַרגעסן. איאָ? גיב איבער אַ גרוס פרוי בעלאַ קויפמאַן [118]. זאָג איר, אַז זי שרייבט, פּונקט ווי אַ הון אויפן זאַמד. איך קוש דיך און טראַכט: ווען וועט שוין זיין זומער?

דיין פּאַפּאַ שלום־עליכם.

און נאָך עפּעס האָב איך דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז בשעת איך בין געווען אין פּאַריז, האָב איך געזען אַ מיידעלע מיט אַ קליין מאַלפּעלע, סאיז געווען קאַלט, און ביידע האָבן געפרוירן, ביידע האָבן געציטערט און ביידע האָבן געבעטן אַ שטיקל ברויט, סאיז געווען אַזאַ רחמנות צו קוקן, אַז עס האָט זיך געגלוסט אַזש וויינען.

און נאָך עפּעס האָב איך דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אין פּאַריז איז פאַראַן אַ סינעמאַטאָגראַף אין דרויסן און מע באַווייזט אַזעלכע לעכעריקע בילדער, אַז מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. איך מוז דיך אַמאָל נעמען קיין פּאַריז. גיב אַ קוש פון מיינטוועגן דער מאַמאַטשקאַ און דעם פּאַפּאַטשקאַ און ליאַלין און בעלאַן און מיכאַלן.

120

צו דער פאַמיליע קיין לאָזאַן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן נאָכן באַוואוסטן ביילים־פּראָצעס.]

נערווי, שטראַנד האָטעל, 21־טן פעברואַר, 1914.

טייערע!

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אין שכנות מיט מיין צימער וואוינט אַ פּראָפעסאָר פון דער קיעווער אוניווערסיטעט, בין איך אין איין שרעק, מחמת ער איז דאָ מיט אַ אינגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין. פּלוצים וועט ער הרגענען דאָס אינגעלע, וועט אים מאַכן דרייצן וואונדן און וועט זאָגן, אַז דאָס האָב איך אים געמאַכט אַ „ריטואַל“. יעדן טאָג בעט איך גאָט, אַז דאָס אינגעלע זאָל זיין געזונט. סאיז דאָ אַ האָפענונג, אַז זיי פאָרן־אַוועק קיין ראַפּאַלאָ. אַז איך האָב מיך דערפון דערוואוסט, האָב איך מיט אַ כיוון, איבערן טיש, גענומען פאַרן דאָקטאָר זאָק הויך אויפן קול, אויף רוסיש, צו לויבן ראַפּאַלאָ אין טאָג אַריין! — — —

121

צו אָלגאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דער דראַמאַטיזירונג פון „טביה דעם מילכיקן“. — שלום־עליכם איז יענעם ווינטער ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין טעג־לאַכער צייטונג און איז דעריבער געווען פריי פאַר גרעסערע, ניט טעגלאַכע, ליטעראַרישע אַרבעטן. אַחוץ דער דראַמאַטיזירונג פון „טביה“, וואָס ער האָט עטלאַכע מאָל איבערגעשריבן (פיקסירט האָט ער זי שפּעטער אין ניו־יאָרק), האָט ער דעמאָלט אויך איינ־גאַנצן באַאַרבעט דעם „מבול“, וואָס ער האָט ניי

[117] ברעג ים. — [118] שלום־עליכמס צווייט אייניקל, דעמאָלט דריי יאָר אַלט.

באַטיטלט „אין שטורם“, אָנגעהויבּן די צווייטע סעריע מעשיות פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ און אָנגעשריבּן אַ נייע מעשה פון „טביה דעם מיל־כיקן“ — „לך־לך“.]

נערווי, 25־טן פעבּרואַר, 1914.

פריינט מיינער!

ווי עס זאָל זיך ניט וועלן שרייבּן וועגן וועטער, נאָר אַז מע שטייט־אויף אינדערפרי און אָנשטאָט נערווי טרעפט מען נערוויטשקע, מוז מען שוין אָנהייבּן ריידן פון וועטער. — — — — — — — — — — — —

דערפאַר אָבער איז אויפן האַרצן אַזוי גוט! אַזוי פריילאַך! ווייסטו, פאַרוואָס פריילאַך? מחמת דער־פאַר, וואָס איך ענדיק שוין די דראַמע. וואָס הייסט, איך ענדיק? אָט אַזוי! איך האָבּ דאָך נאָכדעם, ווי דו האָסט זי איבּערגעלייענט, גענומען און זי איבּער־געשריבּן פונדאָסניי, דאָס הייסט, אָנגעשריבּן גאָר אַ נייע דראַמע, לויט יענעם פּלאַן, וואָס איך האָבּ דיר אומגעפער דערציילט. אַצינד, האָף איך, איז זי אַרויס ווי עס באַדאַרף צו זיין. וועסט זען. היינט דערשרייבּ איך דעם פערטן, לעצטן אַקט. סאיז אַרויסגעקומען, אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, פיר אַקטן און זיבּן בּילדער. די ערשטע דריי אַקטן זיינען גרויסע. דער פערטער איז אַ קליינער, נאָר אַ רירנדיקער. דערהויפּט איז רירנד, ווען טביה געזעגנט זיך מיט די נאַקעטע ווענט, קושט זיי און לייגט רחמנות אויף דער פאַריתומטער קאַץ, זאָגט, אַז מע טאָר זי ניט איבּערלאָזן, סאַ צער בּעלי־חיים... פאַר קריסטן (אויבּ די דראַמע וועט האָבּן די זכיה צו זען די בּרעטער פון אַ קריסטלאַכן טעאַטער) וועט דאָס זיין אַ גרויסער קאָנפוז, וואָס דער איד, וועלכער ווערט פון זיי אַרויסגעטריבּן, האָט רחמנות אויף אַ קאַץ...

ווי נאָר איך וועל ענדיקן, אַזוי וועל איך בּאַלד אָפּשיקן בּערקאָוויטשן אויף איבּערצושרייבּן און וועל זיך נעמען פאַר מיין „מאָטלען“. ער קומט מיר צו חלום יעדע נאַכט אין פאַרשיידענע געשטאַלטן. נאָר אַחוץ מאָטלען דעקוטשען מיר אויך אַנדערע טעמעס. ניט אָפּצוטרייבּן זיך פון זיי. וואו נעמט מען אַזויפיל כחות און — דער עיקר — אַזויפיל צייט, פאַרטיק צו ווערן מיטן גאַנצן מאַטעריאַל? און דאָ ליגט דער „מבול“ און וויינט: פאַרוואָס האָבּ איך אים פאַרוואָרפן אין אָריגינאַל און אין דער איבּערזעצונג? — — —

איך קוש אַלעמען.

דיינער.



שלום־עליכם און י. ד. בּערקאָוויטש אין וויסבּאַדען, זומער 1913.

122

צו י. ד. בערקאָוויטש

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז אַן ענטפער אויף אַ באַמערקונג פונם אַדרעסאַט וועגן אַ געפּלאַנטער סצענע אין דער ערשטער דראַמאַטיזירונג פון „טביה דעם מילכיקן“.]

נערווי, 9 מערץ, 1914.

יקירי!

— — — אינו בוכה ואינו מנשק, אלא מתוך דבריו ניכר, שנכון הוא להוריד דמעות, מוכן ומזומן, רוצה לנשק את כותלי ביתו, אבל הוא אינו עושה זאת: „וואָס רעדסטו? איך וואָלט ניט געקושט אָט די ווענט? איך וואָלט ניט צוגעפאַלן צו אָט דער ערד? דו פאַרגעסט, אַז דאָ בין איך געבוירן“, וכו׳...

את החתול העזוב וה„יתום“ הוא קורא בשם „חיה“:

— רחמנות דאַרפן מיר האָבן אויף אַ פערד, ווי להבדיל אויף אַ מענטשן. אָט זעסטו? אַ קאַץ — דאַכט זיך, וואָס? אַ חיה? פון דעסטוועגן... ווי אין דער תורה שטייט געשריבן: „צער בעלי־חיים“...

היש נפקא־מינה?

[די אידישע איבערזעצונג. — מיין טייערער! — — — ער וויינט ניט און קושט ניט, נאָר פון זיינע ווערטער איז צו זען, אַז ער איז גרייט צו פאַרגיסן טרערן, אַז ער וויל קושן די ווענט פון זיין שטוב, אָבער טון טוט ער דאָס ניט: „וואָס רעדסטו? איך וואָלט ניט געקושט אָט די ווענט? איך וואָלט ניט צוגעפאַלן צו אָט דער ערד? דו פאַרגעסט, אַז דאָ בין איך געבוירן א. אַ. וו.“

די פאַרלאָזטע און פאַריתומטע קאַץ רופט ער מיטן נאָמען „חיה“:

— רחמנות דאַרפן מיר האָבן אויף אַ פערד, ווי להבדיל אויף אַ מענטשן. אָט זעסטו? אַ קאַץ — דאַכט זיך, וואָס? אַ חיה? פון דעסטוועגן... ווי אין דער תורה שטייט געשריבן: „צער בעלי־חיים“...

איז שוין פאַראַן אַ חילוק?]

123

צו נומאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

נערווי, 26־טן מערץ, 1914.

טייערער נומטשיק!

איך גראַטוליר דיך מיט דיין אַריינטרעטן אין גימנאַזיע (קאָלעזש) און ווינטש זיך און דער מאַמע, מיר זאָלן דערלעבן צו דיין אַריינטרעטן אין אוניווער־סיטעט און צו דיין ענדיקן זי. אויף דיין בר־מצוה, פאַרשטייט זיך, וועל איך קומען צו פאָרן.

איך קוש דיך.

פּאַפּאַ.

124

צו משה באָראַטשין

[פונם אידישן אָריגינאַל]

[משה באָראַטשין — אַ קיעווער מוהל. — אַ קורצע צייט פאַר דער בר־מצוה פון שלום־עליכמס אינגסטן זון נומאַ האָט ער זיך געווענדט צו ש. ע. מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים דערמאָנט אַן אַלטע געשיכטע: מיט דרייצן יאָר צוריק, אויף נומאַס ברית, האָט שלום־עליכם איבערגעגעבן אים, דעם מוהל, אַ פלאַש „כרמל“־ווייַן, ער זאָל זי באַהאַלטן ביי זיך אין קעלער אַ פאַרחתמעטע, און אין דרייצן יאָר אַרום, צום קינדס בר־מצוה, וועט מען די פלאַש עפענען און טרינקען „לחיים“ אויף דער שמחה. בכן, פרעגט דער מוהל אין זיין בריוו שלום־עליכמען: ערשטנס, צי זיין בריתניק לעבט; צווייטנס, צי וועט שלום־עליכם, וואָוינענדיק אין אויסלאַנד, פּראַווען די בר־מצוה פון זיין זון; און דריטנס, וואָס זאָל ער טון מיט דער אָפּגעהיטער פלאַש ווייַן? דערויף האָט אים שלום־עליכם געענטפערט מיט אָט דעם בריוו.]

נרווי, שושן פורים תרע״ד.

לכבוד ידידי הישיש, החותך חיים לכל חי (אם הוא בן זכר מזרע היהודים), איש חמודות, רב פעלים ומהיר במלאכתו, וכו׳ וכו׳, כמר משה באָראָטשין נ״י [119].

אייער ליבער בריוו, רב משה, האָט מיר געבראַכט פיל פרייד און פיל עגמת־נפש.

געפרייט האָב איך מיך, וואָס מיר ביידע האָבן דערלעבט די בר־מצוה פון מיין מיזיניקל, וועלכן איר האָט אַזוי קונציק אָפּערירט, אַז ער קאָן שוין איצט ניט אַריין נישט אין קיין שום רישעשע גימנאַזיע, נישט אין קיין שום רישעשן אוניווערסיטעט, אם ירצה שם, און אפילו איבערנעכטיקן אַ נאַכט אין אייער הייליקער שטאָט קיעוו טאָר ער שוין אויך ניט, און אַ סברה, אַז אפילו אויף דער סלאָבאָדקע וועט ער שוין אויך באַלד ניט טאָרן. טשעבעריאַטשקע [120] מעג, און ער ניט! וואָלקיוונען [120] איז דערלויבט, אים — ניט! הכלל, איר האָט אים געמאַכט פאַר אַ לייט, און ער וועט אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די טובה, וואָס איר האָט אים געטאָן מיט דער אָפּעראַציע, וואָס איז אייך אַזוי געראָטן, אַז מיר האָבן אַזש געטרונקען ווייַן פונם אמתן כרמל מיטן נאָמען „עין־גדי“, און נאָך באַהאַלטן אַ פלאַש „עין־גדי“ צו דער בר־מצוה זיינער!... דאַנקען השם יתברך, איר זאָלט זען אַ יונגאַטש! הויך און שיין און געזונט קיין עין־הרע, און אַ שקאָץ קיין עין־הרע, און לערנט קיין עין־הרע, דער ערשטער צווישן די שווייצאַרישע גויים אין קאָלעזש (גימנאַזיע בלע״ז), און שפּילט שאָך מיט גרויסע שפּילערס און גיט זיי

[119] לכבוד מיין פריינט דעם גרייז, וואָס שניידט שטיקער לעבן יעדן לעבעדיקן (אויב סאיז אַ אינגל פון אידישן שטאַם), אַ ליבער מענטש, אַ גרויסער אויפטוער, אַ פלינקער אין זיין אַרבעט, א. אַ. וו., הער משה באַראַטשין נ״י. — [120] קיעווער אויסוואָרפן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן ביילים־פּראָצעס.

אַ בערדע, און לערנט אידיש און לשון־קודש אין דער היים, ביים לאָזאַנער רב, וואָס קען נישט מער, אָבער נישט ווינציקער, וויפיל ביי אונז אַ באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד, — הכלל, עס וואַקסט אַ איד מיט גאָטס הילף — און דאָ קומט דער צווייטער פונקט פון אייער בריוו, וואָס האָט מיר פאַרשאַפן אַזויפיל עגמת־נפש:

סטייטש, איר קענט מיך, דאַכט זיך, פון אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, — איר זאָלט מיר שטעלן אַזאַ שאלה: צי האַלט מען נאָך ביי מיר פונם מנהג פון בר־מצוה? איז איין מאָל אוועק. והשנית, איר זאָלט מיך אפילו ניט קענען פערזענלאַך, נאָר גלאַט וויסן, אַז איך בין עפּעס מיט גאָטס הילף אַ שטיקל שרייבער ביים אידישן פאָלק, וואָס האָט ליב דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק אים האָט, דאַכט זיך, אויך נישט פיינט, — ביי שלום־עליכמען זאָל מען ניט האַלטן פונם מנהג בר־מצוה?! און אַז ניט קיין שרייבער — גלאַט אַ איד, וואָס איז ניט פרעמד אין די קליינע אותיות, דאַרף געדיינקען דעם פסוק: לילה ויום קיץ וחורף וכו׳ וכו׳. אַז סאיז יאָ אַזוי, דאַרף מען אייך אָפּצאָלן דערמיט, איר זאָלט וויסן, אַז אָט דער שייגעץ טראָגט אַ טלית־קטן פון קליינוויז־אויף, ווערט ניט אַנשלאָפן ביז ער זאָגט ניט אָפּ „שמע ישראל“, דאָס זעלבע אויך אינדערפרי, פאַרן קאָלעזש. און אַנו, פּרואווט אים געבן, אדרבה, פּסח זאָל ער עסן חמץ! אָדער גלאַט לאָז עמיצער זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף אַ אידן! איך בין ניט מקנא יענעם גוי, וואָס זאָל אים זאָגן „זשיד“! אַ גליק, וואָס ביי אונז הערט מען עס ניט לעת־עתה...

אַצינד, מיין ליבער בראָטשין, אַז איך האָב מיך מיט אייך אַ ביסל אָפּגערעכנט פאַר מיין קריוודע, וועלן מיר אַריבערגיין צום גוף הענין, צו דער בר־מצוה פון מיין בן־זקונים שיחי׳.

די בר־מצוה איז אַקוראַט שבת ראש־חודש ניסן פּרשה ויקרא, דעם 15/28 מאַרט. נאָר מיט אַ תנאי: אויב איך וועל קאָנען זיך אויסדרייען פון דאַנען אַהיים קיין לאָזאַנע ביז יענעם שבת, אַניט — ווען מיר פּראַווען די בר־מצוה מיט אַ וואָך שפּעטער, שבת הגדול. מיין בר־מצוה איז אויך געווען שבת הגדול, כאָטש געבוירן בין איך אין פעווראַל. געווען, הייסט עס, אַ נדחה. דער חילוק איז נאָר, וואָס איך האָב געזאָגט אַ דרשה, אַ גאַנצן שיעור, אַ געדרייטן, אַ געפלאָכטע־נעם, אויף אונזער אידיש, און מיין בן וועט אַנדערש דרשענען, אויף אַן אַנדער לשון — איך ווייס ניט, וועלכע דרשה איז בעסער... נאָר וואָס זאָל מען טון — מען איז אין גלות, רחמנא ליצלן! הכלל, ליבער פריינט, איך וועל אייך נאָך געבן צו וויסן בדיוק, ווארים איך וועל מיך נאָך צעפרעגן ביי די אנשי טאַמאָזשנע, אויב סאיז מעגלאַך איבערצושיקן אַ פלעשל וויין פון אייער מדינה, סזאָל ניט ווערן נסכדיק און מע זאָל עס ניט אויס־טרינקען חלילה ביז סוועט קומען צו דער גרעניץ? אויב סאיז מעגלאַך, וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר, פאַרהתמעטערהייט בגושפנקא שלכם, אַרויסשיקן דאָס פלעשל „עין־גדי“ קיין לאָזאַנע על־ידי נאַכנאַמע אויף דרייצן רובל (כמנין שנותיו של הבר־מצוה), וועלכע איר וועט זיין אַזוי גוט אָפּגעבן דער ערשטער אָרימער



שלום־עליכם אויף זיין לעצטן טור אין רוסלאַנד [גראָדנע, 1914].

קימפּעטאָרין, וואָס וועט געלעגן ווערן מיט אַ בן־זכר היינטיקן ערב פּסח. און באָם, חס ושלום, דאָס איז אויסגעשלאָסן און דער ווײַן בלײַבט בײַ אײַך, וועט איר אַזוי גוט זײַן דאָס פלעשל אויפעפענען, אַ רעכטן כּוס אָפּטרינקען לחיי הבר־מצוה, און צוריק דאָס פלעשל גוט פאַרקאָרקעווען — איך רעכן, אם ירצה השם, באַלד נאָך פּסח אַראָפּכאַפּן זיך פון מײַן נסיעה איבער

שלום־עליכם אין וואַרשע, חול־המועד פּסח, תרע״ד [פרילינג, 1914].

„ריסענלאַנד" צו אײַך קיין יעהופּעץ, — וועלן מיר אויך פאַרזוכן פונם דאָזיקן „יין המשומר", — און אַז ניט, לאָז עס ליגן בײַ אײַך אין קעלער עד יום חתונתו ויום שמחת לבו של הבר־מצוה, און לאָז גאָט געבן, אַז מיר אַלע זאָלן דערלעבן טאַקע צו זײַן חתונה, מיט בשורות טובות ישועות ונחמות אויפן כּלל ישראל — אָמן ואָמן.

ידידכם אוהבכם ודו״ש עכב״ב
שלום־עליכם.

וואָס מאַכט אײַער פלונית, אײַער טאָכטער, אײַער אײדים און זײַער טעכטערל — געוועזן אַ ברען אַ מיידעלע! און אײַער זון וואָס מאַכט? · שרײַבט ענטפער תיכף ומיד. מאַכט איר נאָך אַמאָל אַ זעקס־און־זעכציק, אָדער אַ טויזנט, אָדער אַ פּראָסטע אידישע סטורקעלקע?...

125

צו די בערקאָוויטשעס און די קויפמאַנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

לאָזאַן, 1־טן אַפּריל, 1914.

טײַערע!

הײַסט עס, איך בין אין דער היים. כּמעט נאָך אַ צוויימאָנאַטלאַכן איבעררײַס. — — — . אָ, ווען איר זאָלט זען נומטשיקן און ווען איר זאָלט הערן, ווי אַזוי ער לייענט די פּרשה פון דער תורה, וואָס ער וועט דאַרפן זאָגן שבת אין שול, און די בּרכות, נאָר דערהויפּט די פּרשה: ומפתח אהל מועד, — וואָלט איר אויך געווען גערירט, אויב ניט אַזוי ווי איך, איז כאָטש האַלב דערפון. מיר האָבן צעשיקט אַרום פופציק אײַנלאַדונגען, שטאָטישע און אויסשטאָטישע (אויך בן־עמין, וועלכער וועט מסתמא קומען), אויך צו די קויפמאַנס קיין ליפּקאַן. אָקערשט איז געווען אַ הייסער וכּוח צווישן מיר (דעם עקסטרעם־לינקן אָפּטימיסט) און צווישן דער מאַמע (דער עקסטרעם־רעכטער פּעסימיסטקע). דער אָפּטימיסט האָט פאָרגעלייגט, אַז מע זאָל אײַך אַלעמען אויסשרײַבן פון בערלין אויפן קומענדיקן שבת צו דער בר־מצוה, און פאַר אײַנוועגס — שוין אויף פּסח (אויף די ערשטע טעג; און אפשר אויף אַלע טעג — עס ווענדט זיך אין וואַרשע [121]). און מישאַ וואָלט אויך געקומען. מיט איין וואָרט, דער יום־טוב און די שמחה וואָלטן געווען פאַר פול. די פּעסימיסטקע אָבער האָט מיך אָנגערופן עגאָאיסט. זי באַהויפּט, אַז פאַר אײַך איז עס גאָרניט אַזוי וויכטיק, ווי פאַר אונז. דאָס איז איינס. והשנית, אַז די זאַך איז פּאַקטיש אוממעגלאַך: מיכאַל עקזאַמענירט זיך, און סאיז פאַרבונדן מיט הוצאות — די נסיעה אַליין הין און צוריק באַטרעפט 400 פראַנק, א. א. וו. אַזוי, אַז מײַן חלום, וואָס איך האָב געשפּונען, ווערט צעקראָכן און די משפּחה ווערט צעריסן. דאָס איז זייער טרויעריק. סאיז ניט דערגרייכלאַך, למשל, צו קויפן אַ ווילע, צי אַ צוקערפאַבריק, צי אַן אייגענע צייטונג. אָבער אַזאַ זאַך, פון דעסטוועגן, איז דאָך ניט אַזוי שווער צו דערגרייכן. וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן עטלאַכע הונדערט פראַנק דאָרט, וואו עס גייען־אַוועק טויזנטער און וואו עס פעלן־אויס טויזנטער? — — — . מעגלאַך, אַז מיך באַוועגט דאָ אַ ריין־עגאָאיסטישער אינסטינקט. עס גלוסט זיך מיר תּמיד אַרומנעמען דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אַרומנעמען. און אויך סענטימענטאַליזם איז בײַ מיר פאַראַן אַ סך. למשל, איך האָב מיך דערמאַנט, ווי אַזוי די באָבע האָט אײַנמאָל, קוקנדיק אויף נומטשיקן, זיך אויסגעדריקט, אַז זי וואָלט נאָר וועלן דערלעבן ביז זײַן בר־מצוה. איך האָב מיך עס דערמאַנט גראָד אין דער מינוט, ווען ער האָט געזונגען פאַר מיר

[121] ש. ע. האָט דעמאָלט באַדאַרפט פאָרן קיין וואַרשע אויף אַ פאָרלעזונג.

דאָס ברכת־התורה און זיין קלינגענדיק קול האָט אָפּ־געהילכט אין מיינע אויערן, — און די אויגן זיינען מיר פאַרלאָפן מיט טרערן. אָט אזא מענטש בין איך פון דער נאַטור און אזא וועל איך שוין שטאַרבן, און איך בין מקנא יענע, וואָס קאָנען אָננעמען פאַר ליב די האַרטע ווירקלאַכקייט. — און פון דעסטוועגן ווילט זיך מיר זייער, אז איר אַלע — אַלע זאָלט דאָ זיין אויף דעם שבת, און אויב סאיז אייך אוממעגלאַך צו פאַר־בלייבן ביזן סדר, וואָלטן מיר אויפן סדר געפאָרן צו אייך, שוין מיט אייך צוזאַמען. — — — אַך, ווען טאַמאַרקע זעט נומאַן אין דעם פאָרמעלן היטל! און ווי הויך ער איז אויסגעוואַקסן! און ווי שיין ער איז געוואָרן! א פאַרשוין!

איך קוש.

פּ א.

126

צו י. ד. בערקאָוויטש און מיכאל קויפמאַן

[פונם אידישן אָריגינאַל]

לאָזאַן, 5־טן אַפּריל, 1914.

ב ח ד ר" ג !!!

לבני היקרים דוב ומיכל, ברקוביץ וקויפמאַן!

אייערע פלוניתטעס האָבן אונז אָפּגעטאָן, הייסט עס, א שפּיצל — געקומען צו פאָרן אָן א שום ידיעה און געמאַכט א טאַרעראַם, אַרויסגערופן געלעכטערן ביזן הימל, פאַרכאַפּט א שטיק בר־מצוה, אונז געבראַכט פאַרגעניגן און פרייד עד אין קץ — און דאָך פאַרדינען זיי, מע זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען און משלם זיין בכפל כפלים. איך האָב א פּלאַן א גאָלדענעם! אָבער טאַקע גין־גאָלד! אזוי ווי, הייסט עס, זיי זיינען די קלוגע און די גליקלאַכע, און איר ביידע זיינט נעבאַך די איבערגעבליבענע „שטרויענע אַלמנס“, און אזוי ווי עס גייט צו פּסח, אזא יום־טוב, און מיר זיינען שוין דאָ אַלע, חוץ אייך צווייען, און זיי, אייערע קלוגע ווייבער, זיינען זיכער, אז איר זיצט דאָרטן טרויווערדיק אין בערלין, עלנט אָן א קינד אָן א רינד, על כן איז א שכל און א יושר און א מצוה און אָן אויפטו און א המצאה, אז סזאָל זיך עפענען ביי אונז פרייטאָג ערב פּסח די טיר און איר ביידע זאָלט אויסוואַקסן, ווי פונם הימל אַראָפּגעפאַלן! איך שטעל מיר פאָר די געלעכ־טערן שוין באַצייטנס! ניין, אחוץ דעם תענוג מיטן נחת־רוח, וואָס איר וואָלט אונז מיטגעבראַכט אַלע אינאיינעם, בנערינו ובזקנינו, צום סדר — ווער ווייסט, וויפיל פּסחן עס שטייען נאָך פאַר אונז, וואָס מיר זאָלן אַ ל ע קאָנען זיין אינאיינעם? — אחוץ דעם, וואָס דאָס וואָלט גלאַט געווען א יושר, סאיז איננאַנצן דריי־פיר טאָג ווערן צעריבן, אחוץ דעם, וואָס איר וואָלט אי אונז אי זיך געטאָן א טובה, — אחוץ די אַלע זאַכן, בין איך פונם איינפאַל און פונם וויץ אזוי באַגייסטערט, אז ווען איך בין רויטשילד, שיינק איך אייך דערפאַר א מיליאָן! איצטער זיצן ביי אונז אין סאַלאָן די קאַ־באַקס [122], טיסי דערציילט עפּעס פון גרופּעס טשערנאָ־וויץ־גאָלדבערג מיט נאַקעטע נשים אין אַבאַציאַ, און דער עולם קאַטשעט זיך דאָרט פאַר געלעכטער, בעללאַ און תמרה זיינען שוין געגאַנגען שלאָפן, און קיינעם פאַלט אפילו ניט איין, אז איך שרייב צו אייך אָט דאָס

שלום־עליכם אין דווינסק
[זומער 1914].

פּראָוואָקאַטאָרשע בריוול! אַך, קינדער! קינדער! טוט מיר די געפעליקייט און זעצט אייך אויף דאָנערש־טאָג האַלב פיר אויף דער באַן, אין דערזעלבער צייט וואָס אייערע ווייבער, און קומט צו פאָרן פרייטאָג אינדער־פרי צו אונז. סאיז אַלעס פאַרטיק. דעם סדר האָבן מיר באַשטעלט ביי שעכטמאַנען [123], צוזאַמען מיט די קאַבאַקס, אין א באַזונדער זאַל. א קוואַרטיר וואַרט אויף אייך ביי אונז. געסט וועט איר זיין זייער־זייער אָנגעלייגטע ביי אַלעמען. א מצוה ווערט איר פאַרדינען אין אייערע קינדער, און נאָך מער אין מיר, ובזכות זה וואָס מירן זיך אָנלאַכן, האָבן תענוג, פאַרברייגען צוויי טעג, זיך פאָטאָגראַפירן א גרופּע (מישא קומט אויך אויף פּסח פון לייזען), ווערט איר האָבן אמאָל פון

[122] דער העברייאישער שרייבער א. א. קאַבאַק און זיין פאַמי־ליע. — [128] א רעסטאָראַטאָר אין לאָזאַן.

אייערע קינדער דערמזעלבן נחת, וואָס מיר פון אייך — און פאָרן וועלן מיר אויך אַלע אינאײינעם, אם ירצה השם, זונטאָג אויף דער נאַכט קיין בערלין, וואָרים 1/14 איז מיין ערשטער אָוונט אין וואַרשע. רק איר זאָלט פריער קויפן אונז צוויי בילעטן צווייטער קלאַס מיט שלאָפוואַגען איבער קאַליש — בערלין — וואַרשע און ברייננגען זיי מיט זיך, און קיין דעפּעש — הזהר והשמר — ניט געבן, און קומען אומגעריכט און זאָגן אַ גוט מאָרגן — און שאַ!

דברי אביכם החפץ לראותכם בקרוב ובלב שמח

שלום-עליכם.

פּ. ס. — איך ווייס דאָך ווען דער צוג דאַרף קומען פרייטאָג אינדערפרי, 11.30, וועל איך אייך אָפּוואַרטן אויפן וואָקזאַל און ברייננגען אייך צו פירן אונטער די הענט ביידן גלייך אין שטוב אַריין און אפילו נישט פאַרקרימען זיך — אָט זיינען זיי!

נ. ב. — אגב איז דאָ וויכטיקע זאַכן איבערצושמועסן וועגן דעם סאָקאָלאָווסקי, וואָס קומט פון אַמעריקע, און וועגן דעם חברה-מאַן, וואָס וואָרקל שרייבט (רצ"פּ אגרתו) [124], און מיר וועלן זיך גאָר ניט קאָנען זען, אויב חס ושלום איר קומט ניט. ש. איז אויך דאָ אויף פּסח און קומט אַלע טאָג, און ער האָט אויך עפּעס גראַנדיעזע פּראָיעקטן. ער גיט שוין 100 טויזנט רובל אויף אַ טאָגצייטונג אין וואַרשע מיט אַ פאַרלאַג, כאָטש איך גיב ניט פאַר זיינע 100 טויזנט קיין 2 פראַנק אפילו. —

127

צו די בערקאָוויטשעס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[אין אַפּריל, 1914, האָט שלום-עליכם, נאָך אַ זעקס-יאָריקן אויפהאַלט אין די אויסלענדישע קורערטער, אונטערגענומען אַ רייזע קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט געהאַט פאָרלעזונגען אין די גרעסערע שטעט פון פּוילן און ליטע, און אויך אין פּעטערבורג. געמאַכט די דאָזיקע נסיעה האָט ער, ערשטנס, ווייל ער האָט זיך „פאַרבענקט אַהיים", און, צווייטנס, האָט אים אויך זיין מאַטעריעלע לאַגע געבראַכט דערצו: ניט קאָנענדיק נאָכקומען די קאַפּריזן פון דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער פאַרגעלטער פּרעסע, איז ער געבליבן אָן אַ צייטונג, וואו צו שרייבן, און דאָס האָט פאַראייננגט זיין בודזשעט. — די לעצטע רייזע פון ש. ע. איבער די שטעט פונם „תחום" איז פאַר אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פולשטענדיקן „טריאומפאַלן צוג": דער אידישער עולם האָט אים אומעטום אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. — דעם בריוו, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, האָט שלום-עליכם געשריבן קראַנקערהייט: ער האָט זיך אויפן וועג פאַרקילט און איז אָפּגעלעגן אין ווילנע עטלאַכע וואָכן.]

ווילנע, 3-טן מאַי, 1914.

ווען די מאַמע גייט-אַוועק, דעמאָלט קומט צו מיר איעדעס אומגליק.

עס עפנט זיך האַסטיק די טיר און עס פאַלט-אַרויף גלייך אויף מיר אַ שרעקלאַכע, אַן אַלט-צעפוילטע, שלעפּעריש געקליידטע פיגור, וואָס פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ טויטלאַכן ריח. איך בין פאַרציטערט געוואָרן. נאָר איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַרומצוקוקן זיך, בין איך שוין געווען אין די אָרעמס פון אָט דער מוראַדיקער, אין שמאַטעס פאַרוויקלטער פיגור, צוויי ביינערדיקע הענט האָבן מיך אַרומגעכאַפּט, און איך האָב מיך דערפילט אין דער מאַכט פונם טויט. טויטלאָך פייכטע ליפּן האָבן מיך אַ טשמאָקע געטאָן אין באַק, און אין דער נאָז איז מיר פאַרגאַנגען אַ ריח פון מיסט, אויסגעמישט מיט נאָך עפּעס ערגערס... אַ מויל אָן ציין האָט אַ טשאַמקע געטאָן אַ ברכה אויף העברייאיש:

— ברוך מחיה המתים!

איך בין געווען אויף אַ האָר צום חלשן. ניט שוין זשע איז דאָס דער מלאך-המות?

ניין. דאָס איז געווען מזח [125]! . . . .

. . . .

איך שיק אייך זיין ביכל, פאַר וועלכן איך האָב אים אַריינגעשטופּט אין האַנט פינף רובל און קוים איינגעבעטן, ער זאָל נעמען. ביי זיין שרעקלאַכער אָרימקייט האָט ער אין זיך אָפּגעהיט אַ שטאָלצע אידעלע נשמה.

128

צו עמאַ ראַבינאָוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[צוריקוועגס פון רוסלאַנד קיין שווייץ האָט זיך שלום-עליכם אָפּגעשטעלט אין אַלבעק, דייטשלאַנד, ביים באַלטישן ים, וואו ער האָט גערעכנט צו פאַרברייננגען די זומערדיקע חדשים און וואוהין עס איז זיך צונויפגעקומען זיין גאַנצע פאַמיליע. באַלד אָבער איז אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה, און שלום-עליכם מיט זיין הויזגעזינד, ווי רוסישע אונטערטאַנען, האָבן געמוזט לויפן פון דייטשלאַנד. און אַזוי ווי צו דער שווייץ איז שווער געווען צוקומען, האָבן זיי זיך געראַטעוועט אין צעוואָרפענע גרופּעס קיין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק. דאָס לויפן פון לאַנד צו לאַנד אונטער שווערע באַדינגונגען האָט דעם קראַנקן ש. ע. איינגאַנצן צעטרייסלט. דערצו האָט זיך ביי אים יענע צייט באַוויזן אַ נייע שלאַפקייט: אַ געדאַכטע, ניט-אמתע, צוקערקראַנקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שטענדיקן דאָרשט. די דאָזיקע

[124] דאָ רעדט זיך וועגן סינעמאָ-בילדער פון שלום-עליכמס ווערק.

[125] יהושע מזח — אַ פאַרצייטיקער השכלה-שרייבער, וואָס איז געווען אַ „שם-דבר" אין די ליטעראַרישע קרייזן מיט זיין מאָדנעם פיזישן און גייסטיקן הילוך. די לעצטע יאָרן האָט ער געהאַט אָן אויסזען פון אַ לעבעדיקן מת. ער איז געשטאָרבן אין ווילנע אין טיפן עלטער.

ניע קראַנקייט האָט געווירקט אויף זיין געמיט פֿינלאַכער, ווי די פֿריערדיקע לונגענקראַנקייט (אין אַ בריוו צו אַ פֿריינט האָט ער דעמאָלט געשריבן, אַז איצט איז ער זיכער, אַז פֿון הונגער וועט ער שוין ניט שטאַרבן: ער וועט שטאַרבן פֿון דאָרשט...). ניט קוקנדיק אויף זיין קראַנקן געמיט־צושטאַנד, האָט ער אין קאָפּענהאַגען פֿון דעסטוועגן באַוויזן אָנצושרייבן זיין טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד" (וועלכע איז טיילווייז דראַמאַטיזירט פֿון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס"). אין קאָפּענהאַגען איז ש. ע. געבליבן אינגאַנצן אָן מיטלען, און ס'איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה נאָר צו עמיגרירן אַ צווייטן מאָל קיין אַמעריקע. דערביי האָט זיך די פֿאַמיליע געמוזט צעטיילן: די קויפֿמאַנס זיינען געפֿאָרן קיין רוסלאַנד, דער קראַנקער זון מישאַ איז פֿאַרבליבן אין אַ דענעמאַרקער סאַנאַטאָריע, און מיט אים איז אויך געבליבן עמאַ, און די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע זיינען מיט ש. ע. מיטגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. — קיין ניו־יאָרק איז שלום־עליכם אָנגעקומען דעם 2־טן דעצעמבער, 1914, און איז פֿון אָנהייב יאָר 1915 אַריינגעטראָטן ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם ניי־געגרינדעטן „טאָג", וואו ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיין אויטאָביאָגראַפֿיע „פֿונם יאַריד", אויך געשריבן אַ סעריע מלחמה־דערציילונגען „מעשיות פֿון טויזנט איין נאַכט" און אַנדערע זאַכן. ער האָט אויך געהאַט עטלאַכע אָוונטן־פֿאָרלעזונגען אין ניו־יאָרק און אַ ריי אַרויסטרעטונגען אין די פּראָווינץ־שטעט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע (ווינטער און פֿרילינג, 1915). זומער 1915 האָט ער אָנגעשריבן זיין קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס". צווישן די ניו־יאָרקער טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן זיך אָבער דעמאָלט ניט געפֿונען קיין בעלנים ניט אויף „שווער צו זיין אַ איד" און ניט אויף „דאָס גרויסע געווינס". — אין ניו־יאָרק האָט זיך ש. ע. די גאַנצע צייט געפֿילט קראַנק און פֿאַרלאָזן, ניט באַקומענדיק פֿון דער סביבה יענע וואַרימע אויפֿמערקזאַמקייט, צו וועלכער ער איז געוואוינט געוואָרן די לעצטע יאָרן אין אייראָפּע. דערצו איז ער אויך ניט געווען באַוואָרנט מאַטעריעל (צום סוף יאָר 1915 האָט זיך „דער טאָג" אָפּגעזאָגט צו באַנייען מיט אים דעם קאָנטראַקט אויף ווייטער, און ער האָט געמוזט אַריבערגיין מיט דער פֿאָרזעצונג פֿון זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אין דער „וואַרהייט" אויף אַ באַגרענעצטן געהאַלט). נאָר דעם גרעסטן קלאַפּ האָט ש. ע. באַקומען אינם לעצטן יאָר פֿון זיין לעבן דורכן פּלוצימדיקן טויט פֿון זיין זון מישאַ. ער האָט נאָך דעם אָנגעהויבן אָפּט צו ליידן פֿון האַרץ־אַטאַקעס, דערצו זיינען אויך די נירן אָנגערירט געוואָרן דורך זיין ניט־געשטילטער דאָרשט־קראַנקייט. דעם לעצטן ווינטער 1916 האָט ער, צום מיינסטן, פֿאַרבראַכט אין בעט, געשריבן ליגנדיק דעם דריטן טייל „פֿונם יאַריד", די צווייטע סעריע פֿון „מאָטל



שלום־עליכם און זיין פֿרוי אין ריגע, 20־טן מאַי, 1914.

דעם חזנס", און אויך איבערגעאַרבעט די דראַמאַ־טיזאַציע פון „טביה דעם מילכיקן". ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט די פען פון דער האַנט ביז גאָר די לעצ־טע טעג זיינע, ביז סאיז געקומען דער אומפאַרמייד־לאַכער סוף. — די פאַמיליענבריוו פון דעם דאָזיקן לעצטן פעריאָד זיינען געשריבן צו די קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער אַמעריקע: צו עמאַ און מישאַ אין קאָפּענהאַגען, און צו די קויפּמאַנס אין אַדעס.]

[דאַמפשיף „פּרעדעריק דער 8־טער"],
21־טן נאָוועמבער, 1914.

טייערע עמאָטשקאַ!

מיר גלויבן נאָך אַלץ ניט, אַז מיר פאָרן קיין אַמע־ריקע, מחמת מאַרוסי טראַכט נאָך אפילו ניט צו ליידן [126]. דערפאַר האָט זיך דער אַפּעטיט ביי אַלעמען צעוואַקסן. מישאַן שרייב איך באַזונדער יעדן טאָג. נאָר אָט באַלד וועט קומען אַ צייט, וואָס מע וועט באַדאַרפן זיך אָפּזאָגן צו שרייבן אפילו אַזעלכע בריוו.

איך קוש.

פּ א.

129

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 110 לענאָקס עוועניו.
12־טן דעצעמבער, 1914.

טייערע עמאָטשקאַ! אַנטשולדיק, וואָס איך האָב אַזויפיל טעג דיר ניט געשריבן. דו האָסט קיין באַ־גריף ניט וועגן דעם, וואָס הייסט זיך איינאָרדענען אין ניו־יאָרק. ערשט היינט זיינען מיר ענדלאָך אַרי־בערגעפאָרן אויף אונזער וואוינונג. און איבערמאָרגן איז מיין ערשטער אָוונט [127] — און איך האָב נאָך גאָר־נישט ניט צוגעגרייט. איך שרייב דיר און מישאַן און ליאַלין נאָר אונזער באַשטענדיקן אַדרעס און נעם דיך אַרום.

פּ א.

130

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 14־טן יאַנואַר, 1915.

טייערע עמאָטשקאַ!

איך שיק דיר אַ גרוס און אַ קוש. אַ סך שרייבן האָב איך קיין צייט ניט. צופיל אַרבעט. עס פּראָיעק־טירט זיך אַ טור איבער די פאַראייניקטע שטאַטן. מיין אימפּרעסאַריאָ איז אַן ענגלענדער [128]. — — — דער־ווייל אָבער וועל איך פאָרן אויף אָפּרו קיין לייקוואָוד (אַ פיכטן־וואַלד), צוויי שעה פון דאַנען, אויף אַ טאָג צען. אויף אָפּרו — הייסט עס, איך וועל דאָרטן שרייבן.

איך קוש דיך שטאַרק־שטאַרק

פּ א.



אַ בלעטל „מעשיות פון טויזנט איין נאַכט" [געשריבן אין ניו־יאָרק, 1915].

131

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[ניו־יאָרק], 15־טן אַפּריל, 1915.

טייערע עמאָטשקאַ מיינע!

שוין אַזוי לאַנג דיר ניט געשריבן. נאָר איך שיק דאָך דיר די צייטונג [129], און עס דאַכט זיך מיר, אַז צוויי מאָל אין דער וואָך שמועס איך מיט דיר. עמאָטשקאַ, ביי אונז האָבן אַלע כסדר איבערגע־קריינקט. ערשט נעכטן איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס „דאָס קינד" [130] איז אויפגעשטאַנען. ער איז שוין פון מיין וואוקס, רעדט ענגליש, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן. מיר וואַרטן אויף אייך, אויף דיר און אויף מישאַן, אין מאָנאַט יולי, נאָך בעסער — אין יוני. אין מאַי מאַך איך אַ קליין טורל איבער די יונייטעד סטייטס.

איך קוש.

פּ א.

[126] פון ים־קראַנקייט. — [127] אין קופּער יוניאָן. — [128] אַן אַמע־ריקאַנער טעאַטער־מענטש מיטן נאָמען בען־אַטוועל. ש. ע. איז געפאָרן אונטער זיין פאַרוואַלטונג נאָר אין עטלאַכע שטעט.

[129] „דער טאָג". — [130] געמיינט זיין אינגסטן זון נומאַ.

מיטן שיף. עמאטשקא, פארגעס ניט וועגן ביר[131]. פארנעמט מיט זיך א גאנצן קאסטן. נאר איך ווייס ניט, צי וועט עס שוין האבן דעם פריערדיקן טעם, ווארים דער דארשט פארלאזט מיך ביסלאכווייז. און דו, מישא, האסט זיך אריינגעווארפן אין קאמערציע? איך האב מורא, דו זאלסט אקארשט ניט ווערן א מאר־גאן און פארבינדן זיך מיטן אנטאנט, און דאן וועט קומען עפעס א פאנאטישער דייטש און וועט דיר דורכ־שיסן דיין ווייסן זשילעט מיט דיינע פלאנעלענע הויזן.

איר קלאגט זיך, וואס מיר שרייבן אייך ניט פון אונזער אמעריקאנער לעבן. דאס איז ניט לייכט, מחמת אלע זיינען פארנומען (ביזי). איך וועל גיין כסדר. איך — שרייב. צוויי מאל אין דער וואך פארן „טאג" און — דערהויפט — א קאמעדיע פארן טעאטער (זי הייסט: „דאס גרויסע געווינס"). איך האף צו אויפפירן זי אין הארבסט אדער ביי אדלערן, אדער ביי טאמאשעווסקין. דאכט זיך, אז דער ערפאלג וועט זיין א זיכערער. ווייטער, פאר דער מאמע איז גאר שווער צו שרייבן. זי האט אלץ צו טון מיטן פוס. די בעדער האבן געהאלפן נאר דעם האטעל, וואו זי האט געוואוינט, און דער אייזנבאן. די איינשפרי־צונגען ווידער האבן געבראכט מער נוצן די דאקטוירים, איידער איר. בער־קאוויטש קלאפט אויף דער מאשין מיינע און זיינע אייגענע אר־בעטן. טיסי איז פארנומען מיטן סינעמא־טאגראף, וועלכן זי באזוכט זייער זעלטן, סך־הכל איין מאל, און אמאל — צוויי מאל א טאג. און טאקע דעריבער כאפט זי זיך ניט ארויסצופארן אויף א זומערפלאץ, וואו די סינעמאטאגראפן, ווי עס איז באוואוסט, געפינען זיך אין א מאגערן צושטאנד. מא־רוסי וואלט אייך געשריבן זייער גערן. נאר, ערשטנס, פוילט זי זיך גיין נאך פאפיר. צווייטנס, דארף מען דאס אנגעשריבענע אפטראגן אדער אויף דער פאסט, אדער צום בריווקאסטן, וועלכער געפינט זיך דער רוח ווייסט

שלום־עליכם צווישן דער פאמיליע און פריינט, קאפענהאגען, 1914.
[זיצנדיקע — פון רעכטס צו לינקס: י. ד. בער־קאוויטש, שלום־עליכם מיט זיין זון נומא, דר. יהודה גאלדבערג; שטייענדיקע — פון רעכטס צו לינקס: א באקאנטער, עמא, לוי פייגנבערג, פרוי שלום־עליכם, מארוסי, ערנעסטינע].

[131] דא רעדט זיך וועגן א ספעציעלן ביר, וואס די קאפענהא־גענער דאקטוירים האבן פארשריבן ש. ע. צו שטילן דערמיט זיין דארשט.

132

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[ניו־יארק], 17־טן אפריל, 1915.

טייערע עמאטשקא,

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דו פרעגסט וועגן מיין דארשט — ער איז נאך פאראן, אבער ניט אין אזא גראד [ווי פריער].

היינט גייען מיר באוויינען פרצן.

איך קוש דיך.

פ א.

133

צו דערזעלבער

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

פליישמאנס סטיישאן, נ. י., מאנהעטן האטעל.
26־טן יוני, 1915.

טייערע עמאטשקא!

אלע דיינע און מישאס בריוו ווערן מיר איבערגעשיקט, און איך מוז אייך ביידן אפגעבן א שבח פאר אייער פינקטלאכקייט. די מאמע קלייבט זיך אהער ערשט צום סוף פון דער קומענדיקער וואך. דא איז זעלטן גוט. איך האב קיינמאל ניט דער־ווארט פון אמעריקע אזא ווינקל. מיט מיר איז דא נאר נומא. דער דארשט באהערשט מיך נאך אלץ.

איך קוש דיך.

פ א.

134

צו עמא און מישא ראבינאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

פליישמאנס סטיישאן, נ. י., 7־טן יולי, 1915.

טייערע!

הייסט עס — איר האט באשלאסן צו פארן אין אויגוסט? מיר וועלן בעטן גאט אויף א גינציקן ווינט, מחמת דאס איז די סאמע איינגענעמע צייט צו פארן

וואו — אזש אין פירהויז. נומא האט דריי באשעפטי־קונגען: 1) ער לייענט ווערביצקאן [132], 2) בייסט די נעגל און 3) שפּילט אין שאך. זאל ער נאך שרייבן בריוו? „טוט א טראכט, אויב סאיז אייך ניט שטארק היים", ווי עס זאגט סאלאווייטשיק דער שדכן אין מיין נייער קאמעדיע. אויף אזא אופן, בלייבט נאר מיר אליין צו באשרייבן אייך אונזער אמעריקאנער לעבן. נאר וואו נעמט מען צייט? טוט א טראכט אויך וועגן דעם, אויב סאיז אייך ניט שטארק היים. איך גיב אט דאס, וואס איך האב דא אנגעשריבן, מארוסין — אפשר וועט דאס זי א נעם טון, און זי וועט אייך אנשרייבן א גרויסן בריוו, ניט נאר „איך קוש, מארוסי".

איך קוש.

פּא.

135

צו בעלא קויפמאן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

טייערע, ליבע און פיינע בעלאטשקע מיינע!

דאס שרייב איך דיר, אז איך האב דיך זייער ליב!

דיין פּאפּא שלום-עליכם.

25־טן יולי, 1925. אמעריקע.

136

צו די קויפמאנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[בעלמאר, נ. דזש.], 2־טן סעפּטעמבער, 1915.

טייערע ליאלי!

ווייניק פרייליכעס. די מאמע האט נאך אלץ צו טון מיטן פּוס. טיסי איז קראנק געווארן אויף אינ־פלוענצע. מארוסי איז אין שטאט, זוכט א דירה, וואס סאיז ניט צו געפינען. מיר קומען דא אפּ אין לעבער, וואס טראגן דעם נאמען ווילע („באנגאלא"). עמא און מישא זיינען ערשט היינט ארויסגעפארן פון קאפּענ־האגען אויף „פּרעדעריק דעם 8־טן" און וועלן זיך שלעפּן צוויי וואכן, אויב ניט דריי. מירווארטן, אז די מלחמה זאל זיך ענדיקן, וועלן מיר אינגאנצן אוועקפארן אהיים. טו שטארק א קוש בעלאטשקען און גיב איר איבער מיין בריוו. מיכאלן — א קוש.

פּאפּא.

א בריוו פאר בעלאטשקען: דאס שרייב איך דיר א בריוו, אז דו זאלסט וואס גיכער אויסוואקסן און זיך אויסלערנען צו שרייבן מיר בריוו. און כדי דו זאלסט אויסוואקסן, דארפסטו טרינקען א סך מילך,

[132] א רוסישע ראמאנשרייבערין.

עסן זופּ און גרינס און וואס ווייניקער קאנפעטן. א גרוס דיינע ליאלקעס.

דיין פּאפּא שלום-עליכם.

נומא און טאמארא גריסן דיר.

137

צו עמא און מישא ראבינאוויטש

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

[דעם בריוו האט שלום-עליכם געשריבן נאכדעם ווי ער איז געפארן צום האפן באגעגענען די קינדער פון קאפּענהאגען און האט זיי אויפן שיף ניט געטראפן. דער זון איז דעמאלט שוין געווען טויט, נאר ש. ע. האט עס נאך ניט געוואוסט.]

ניו־יארק, 15־טן סעפּטעמבער, 1915.

טייערע מיינע, עמא און מישא!

לכתחילה האב איך געהאט אין זינען צו באשרייבן אלצדינג, וואס מיר האבן איבערגעלעבט פאר אט די צוויי וואכן, דאס הייסט, פון דעם מאמענט, וואס מיר האבן אנגעהויבן צו ווארטן אויף אייער קומען, ביז דער גרויסער אנטוישונג, דאס הייסט, ביז דעם מאמענט, וואס איך בין ארויס (דעם 13־טן) צו באגעגענען „פרעדעריק דעם 8־טן" און האב דארט באגעגנט אנשטאט אייך — דעם הער ***!... אבער דערנאך האב איך מיך איבערגעלייגט, מחמת מיין פען האט זיך ארויס־באוויזן צו זיין שוואך. לאמיר בעסער שמועסן וועגן דעם, וואס עס וועט זיין, איידער וועגן דעם, וואס סאיז געווען. איך קאן גיט נאכגעבן דעם געדאנק, אז מיר וועלן ניט פארווירקלעכן מיין אנגעצייכנטן פּלאן צו פארברענגען מיט דיר, מישא, דעם ווינטער צוזאמען אין קאליפארניע. מיר שמייכלט זייער אט די פּער־ספּעקטיוו. מיר האבן באשלאסן, אז באלד נאך יום־כפור זאל די מאמע ארויספארן צו אייך קיין קאפּענ־האגען און פון דארטן וועט זי מיט דיר קומען צו פארן סוף אקטאבער אהער. זומער וואלט איך אליין געקאנט פארן קיין קאפּענהאגען, ווארים פאר מיר איז עס א שפּאציר־רייזע, נאר איצט הייבט זיך גראד אן מיין ארבעט (דאס טעאטער, די רעדאקציע, רעקארדס [133] און לעקטשורס). דא אין אמעריקע איז דאס קלימאט א סך בעסער ווי אין סקאנדינאוויע. דערצו זיינען דא פאראן ווארימע, ווי אויך קאלטע קלימאטישע סטאנ־ציעס. א שאד, וואס דו ביזט זומער ניט געקומען מיטן ערשטן שיף. נאר אויב די מאמע וועט ניט קאנען פארן, וועל איך אייך פון דעסטוועגן ארויסשיקן צוויי שיפקארטעס ערשטער קלאס דעם 22־טן סעפּטעמבער,

[133] ש. ע. האט דעמאלט געהאט א פארשלאג פון דער „וויק־טאר"־קאמפּאניע ארייגצולייענען אין „רעקארדס" פון זיינע ווערק. ער האט עס אבער צוליב זיין שוואכן געזונט ניט באוויזן צו טון. סאיז נאר פארבליבן פון אים ביי יענער געזעלשאפט איין רעקארד: דער אנהייב פון „ווען איך בין רויטשילד" און אן אנהייב פון א ניט־געשריבענעם מאנאלאג: „א פריילאכע חתונה".

איינס פון שלום-עליכמס לעצטע בילדער [ניו-יארק, דעצעמבער, 1915].

וועט איר קאנען דעם 12־טן אקטאבער (מיט פרעד. דעם 8־טן) ארויספארן אהער. אויך געלט אויף הוצאות וועט איר באקומען. סאיז שווער, און אוממעגלאך אפילו, צו שיקן געלט טעלעגראפיש. נאר איך וועל פרואוון טע־לעגראפיש. הייסט עס — אין א חודש אדער אין פינף וואכן ארום, האף איך, וועלן מיר זיך זען. סאיז שוין צייט. דאס הארץ איז אונז שוין אזוי אויך צעריסן אויף שטיקער. שוין באלד א יאר, אז איך האב דיך ניט געזען, מישא, און איך וואלט זייער געוואלט דיך זען! און אויך דיך, עמא! שוין גענוג האבן מיר זיך אנגעליטן. מיר האבן אנגעקוקט וואוינונגען און יעדן מאל גע־פלאנט: אט דאס איז מישאס צימער, און דאס איז פאר עמאן מיט מארוסין. אפילו א שרייבטיש (א קליי־נעם דעסק) פאר מישאן. שוין פארגעשטעלט זיך אויך דאס באגעגעניש. אפילו טאמארא — אויך זי פרעגט אלץ: ווען זשע וועט מישא צו אונז קומען? און דער עיקר — קאליפארניע, לאס־אנדזשעלעס א. א. וו. ניין, מיטן ערשטן שיף נעמט און קומט צו פארן! איך נעם אייך ארום אין די געדאנקען און קוש אייך ביידן.

פאפא.

138

צו די קויפמאנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אריגינאל]

ניו־יארק, 21־טן סעפטעמבער, 1915.

טייערע ליאליטשקע! ליבער מיכאל!

עס ווילט זיך אויסגיסן דאס אומגליק, וואס האט אונז געטראפן, אויף פאפיר, אין ווערטער ארויסזאגן דעם טרויער, וואס האט אונז ארומגעכאפט. נאר וואו נעמט מען ווערטער? וואו איז פאראן יענע שפראך, אויף וועלכער מע קאן עס טון? עס וועט אלץ ארויס־קומען בלייך, באנאל און אפילו לעכערלאך. מע האט באדארפט איבערלעבן כאטש א טייל פון יענער דער־ווארטונג, וואס מיר האבן איבערגעלעבט. מע באדארף לייענען די בריוו — מישאס לעצטע בריוו, וואו ער שרייבט אונז וועגן זיין בייגקשאפט און וועגן זיין ליבע צו אונז. „איך בין ניי־געבוירן — שרייבט ער אין אויגוסט. — איך האב באגריפן, אז איך האב אייך ליב און אז איר האט מיך ליב, און איך בענטש דעם טאג, ווען איך וועל אייך ווידער זען". און צו דער מאמע שרייבט ער באזונדער: „איך בין גליקלאך פונם בא־וואוסטזיין, אז איך וועל זיין מיט אייך, איך וועל אכטונג געבן אויף דיין קראנקן פוס". און לאזט אויס: „דו האסט מיר געזאגט אין סאנאטאריע, בשעת דו האסט זיך געזעגנט, אויף ווידערזען — הייסט עס, אז מיר וועלן זיך זען". דעם 22־טן אויגוסט שרייבט ער: „ביי דעם ווארט מאמא אליין ווערט שוין פריילאך אויף דער נשמה"... דאס איז געווען זיין לעצט ווארט. וואס ווייטער איז פארגעקומען — וויסן מיר נאך דערווייל ניט, מחמת עמאטשקא איז נאך אין קאפענהאגען (דעם 30־טן פארט זי ארויס און וועט דא זיין דעם 12־14־טן אקטאבער). פון דער טעלעגראמע האבן מיר זיך נאר דערוואוסט, אז טובער־קולאז אין מארך האט אים דערשלאגן — און ער איז ניטא. ניטא מער מישאן אויף דער וועלט. און מיר זיצן שבעה לויטן דין. און א מנין איז ביי אונז צוויי מאל א טאג. און איך זאג קדיש — לויטן דין. אבער וואס קומט־פאר אין אונזערע פארוואונדעטע הערצער? וואס טוט זיך אין אונזערע צעריסענע נשמות? ווי אזוי זאל מען עס ארויסברייגגען? ווי אזוי זאל מען עס אויסמאלן? אין מיין צוואה בעט איך מיינע קינ־דער (די זין), אויב זיי וועלן חשק האבן, קאנען זיי זאגן נאך מיר קדיש. אויב אבער זיי וועלן קיין חשק ניט האבן, זאלן זיי מיך דערמאנען דערמיט, וואס זיי וועלן זיך צונויפקלייבן אלע אינאיינעם און איינער פון זיי וועט פארלייענען וואס עס איז פון מיינע ווערק, אפילו דאס סאמע פריילאכע, און זאל מיין נאמען דערמאנט ווערן מיט געלעכטער, ניט מיט טרערן, צו מיין יארצייט. דאס איז אלץ איינס, אבי דער נאמען זאל ניט פארגעסן ווערן. איך אבער רעכן מיך פאר א אידן פון די אלטע טראדיציעס און האלט פון זאגן קדיש. און איך זאג קדיש. נאך וועמען? נאך מיין עלטערן זון. אין דער צייט, וואס דאס האט ע ר באדארפט טון, ניט איך. דארף מען נאך א גרוי־זאמערע טראגעדיע? — ווי אזוי האט זיך אויף אונז אפגעשפיגלט אט דער טויט? אומגלויבלאך. וואס סאיז שייך דער מאמע — גיב גאט, זי זאל עס אריבער־טראגן. און איך — גארנישט: איך טראג א טויטן־ארון אין מיין נשמה. און איך וועל אט דעם ארון אוועקטראגן מיט זיך אין קבר אריין. פון א סך פאר־לאנגען איז דער סאמע ערשטער פארלאנג ביי מיר, אז סזאל זיך וואס גיכער ענדיקן אט די מלחמה פון ברודער־מארד, און אויב מיר וועלן לעבן און וועלן זיך אומקערן צוריק קיין אייראפע, וועלן מיר אומבאדינגט זיין אין קאפענהאגען און וועלן גיין אויף זיין קבר, און די ווערטער, וואס איך וועל אים זאגן, וועלן זיין קורץ: „ז י י מ ו ח ל, מ א ר ט י ר ע ר!"... ווארים א מארטירער איז ער געווען דאס גאנצע לעבן. שוין זיין אריינטרעטן אין גימנאזיע אליין איז געווען א גאנצע ריי פון יסורים, און דאס אנקומען אין אוני־ווערסיטעט איז געווען די קרוין פון זיינע ליידן. און דער פועל יוצא פון אלעם דעם איז געווען — קראנקייט און סאנאטאריע, סאנאטאריע און קראנקייט. און וואס פאר א ריינע נשמה ער האט פארמאגט! אט דאס אינגל האט דאך פאר זיין גאנץ לעבן קיין ליגן ניט געזאגט! זאל דאס זיין זעלבסטאיינרייידעריי פון א פאטער? — ניין. ער איז געווען ריין, ווי קרישטאל. ריין אין גוף און ריין אין דער נשמה. אונזער פיין און אונזער אומגליק ווערן פארגרעסערט נאך דערפון,

וואָס מיר האָבּן אויף אים געוואַרט פון טאָג צו טאָג, וואָס אַלצדינג איז געווען גרייט צו אַרומנעמען אים מיט ליבּע; מיר האָבּן געוואַרט נאָר אויף איין וואָרט: „אַרויסגעפאָרן“ — און אָנגעקומען איז אַן אַנדער וואָרט: „ג ע ש ט אָ ר בּ ן“. וואָלט ער כאָטש נאָר איין וואָך מיט אונז געלעבּט! וואָלט ער כאָטש אויף דער מאַמעס הענט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם! וואָלט כאָטש איך, זיין פאָטער, געקאָנט בּאַגלייטן אים צו זיין אייבּי־קער רו! אַצינד אָבּער — גאָר דאָרטן ערגעץ, אין דעם ווייטן קאַלטן דענעמאַרק!



דאָס לעצטע בּילד פון שלום־עליכמס זון מישאַ.

אַך, ווי דער בּייזוויליקער שיקזאַל האָט עס אונז צעוואָרפן און צעשמיסן איבּער דער גאָרער וועלט! וואו וועט ערגעץ אַהינ־קומען מיין געבּיין?... זיי מוחל, ליאַליטשקע, די מאַמע איז ניט אימשטאַנד צו שרייבּן. מאַרוסי האָט דיר נעכטן עטוואָס גע־שריבּן. אויך עמאָטשקאַ נעבּאַך קאָן מסתמא ניט שרייבּן. אויף איר חלק איז אויסגעפאַלן דאָס סאַמע שווערסטע. נומטשיק איז אויך דערשלאָגן. אויך ער האָט בּאַגריפן אונזער בּראָך (מיין אָ ר י מ ע ר בּן־יחיד אַצינד!). שרייבּ אונז, ליאַלי, דו קאָנסט דאָך שרייבּן, און טרייסט אונז מיט גוטע בּשורות וועגן זיך, וועגן מיכאלן און בּעלאָטשקען. איך נעם אַרום אַייך דרייען.

פ אַ פּ אַ.

פּ. ס. — אויבּ דו ווילסט, דאָס הייסט, אויבּ דו פילסט אַ בּאַהערפעניש, קאָנסטו זיך זעצן שבעה — אויף איין שעה.

139

צו ליאַלי קויפמאַן

[איבּערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

968 קעללי סטריט, בּראָנקס, נ. י.
ניו־יאָרק, 14־טן אָקטאָבּער, 1915.

טייערע ליאַליטשקע!

מיר האָבּן בּאַקומען מיט איין מאָל צוויי גרויסע בּריוו דיינע. איך רעכן, אַז דו האָסט מיין רעגיסטרירטן [בּריוו] בּאַקומען און דאָרטן האָסטו געפונען אַן ענט־פער אויף דיין פראַגע, ווי אַזוי פילט זיך מישאַ „אויף יענער זייט אָקעאַן“? אוי־וויי! ער איז שוין ניט נאָר אויף יענער זייט אָקעאַן, נאָר אויך „אויף יענער זייט וועלט“. סאיז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענ־דעניש: אָנשטאָט דעם, וואָס דער זון זאָל יעדן טאָג זאָגן קדיש נאָכן פאָטער, טוט עס דער פאָטער נאָכן זון. און כאָטש סאיז שוין אַוועק גענוג צייט, נאָר די טרערן טריקענען ניט אויס און די וואונד האָט זיך נאָך ניט פאַרהיילט. געוואַרט האָבּן מיר נאָך אויף ראש־השנה פון קאָפּענהאַגען אויף צווייען, געקומען איז איינע (עמאַ). זי וועט מסתמא אַליין דיר שרייבּן. פון דער מאַמע זאָלסטו קיין סך ניט דערוואַרטן — זי איז קוים אימשטאַנד צו שרייבּן. ניט מחמת זי איז קראַנק פיזיש; פאַרקערט, איר געזונט איז אַצינד בּעסער; איר זעלישע רו איז צע־שטערט און זעליש איז זי בּאַליי־דיקט, זייער בּאַליידיקט. מיר האָבּן זיך ניט גערעכט אויף אַזאַ גיכער קאַטאַסטראָפע. ווען דו זאָלסט זען זיינע לעצטע פאָטאָ־גראַפישע בּילדער און די לעצטע בּריוו, וואָלסטו ניט געגלויבּט, אַז אַזאַ האָט געקאָנט שטאַרבּן... נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דיי־נע בּריוו. דיין טעלעגראַמע וועגן דעם גוטן סוף פון מיכאלס עקזאַמענעס האָבּן מיר דער־האַלטן פונקט אויפן 31־טן טאָג נאָכדעם ווי זי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. מיר גראַטולירן אים און דיך פונם גאַנצן האַרצן און מיר וואַרטן צו הערן פון אַייך, אַז ער האָט זיך שוין אַיינגעאָרדנט און אַז איר זיינט צוזאַמען, וואָס אין דעם בּאַשטייט, דאַכט זיך, אַייער הייסטער וואונטש. און דאָס ציגעלע בּעלאַ וואַקסט מסתמא און ווערט קליגער פון טאָג צו טאָג. שיינק איר איין קוש, נאָר אַ שטאַרקן, פון מיינטוועגן. דעם „זיידן“ מיינעם [134] גיבּ איבּער מיין גרוס. סאיז מיר אַ חידוש, וואָס ער האָט מיר ניט געענטפערט. ער איז שטענדיק געווען צו מיר אויפגעלייגט, און אַצינד איז עפּעס ניט דאָס. און וועגן מיין גייסטיק־שעפערישן לעבּן קאָן איך מיך ניט בּאַקלאָגן. איך שרייבּ כסדר, ווי מיין שטייגער איז, און דרוק צוויי ווערק צוזאַמען [135], אַחוץ זייטיקע אַרבּעטן. די בּאַגייסטערונג צום שאַפן פאַרלאָזט מיך ניט אויך אין אָט די שווערע טעג. עס קאָן זיין, אַז דאָס גיט מיר כוחות אַריבּערצוטראָגן די קלעפּ פונם שיקזאַל. — — — . אַז דו וועסט זען בּיאַליקן, גיבּ אים איבּער מיין האַנטדרוק. איך האָבּ שיר ניט געזאָגט: אַ קוש, נאָר איך האָבּ מיך דערשראָקן פאַר מיכאלן: ער איז דאָך עפּעס אַ מיליטערישער דאָקטאָר, מיט עפּאָלעטן און מיט אַ שפּאַגע — גלייכער ניט

[134] מענדעלי מוכר־ספרים. — [135] „פונם יאַריד“ און „דער מיסטייק“.

אָנהייבן זיך מיט אים! נומאַ האָט זיך אַזוי אויסגעצויגן, אַז סאיז שווער אים צו דערקענען. טאַמאַראַ וואַקסט אויך, פּונקט ווי אַן אוגערקע. און מאַרוסי איז אַן אַמעריקאַנער גוירל, אָדער אַן ענגלישע לײדי, קנאַקט ענגליש. ספּעקטאָרן אַ גרוס. מיר וואוינען מיט פּינסקין אין שכנות און ריידן וועגן אים אָפּט. די פּינסקים האָבן אים אַרויסגעשיקט צוויי מאָל געלט — און קיין ענטפער איז נישטאָ. איך לאָז איבער אַ קליינעם אָרט פאַר דער מאַמע. איך קוש דיך און אייך אַלעמען אַ סך מאָל.

פּאַפּאַ.

שלום-עליכם און זיין טאָכטער ערנעסטינע
[בעלמאַר, נ. דזש., זומער 1915].

140

צו די קויפמאַנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו-יאָרק, 2-טן דעצעמבער, 1915.

טייערע!

וואָס זאָל איך אייך שרייבן? ווייניק פריילאַכעס. עס ענדיקט זיך דאָס יאָר (1915) און צוזאַמען מיט דעם ענדיקט זיך מיין קאָנטראַקט מיט דער צייטונג, אין וועלכער איך אַרבעט[136] — — — — — — — — — — — —

נאָר מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט, און אַמעריקע איז אַ גרויסע מדינה. מירן זען. אפשר וועלן מיר ניט פאַרפאַלן ווערן. איין שטיקל נחמה, וואָס אין אייראָפּע איז אַצינד פיל ערגער! מיר קוקן-אַרויס אויפן סוף פון דער מלחמה. אוי, וועלן מיר זיך עס דעמאָלט אַ לאָז טון קיין אייראָפּע! נאָר שאַ — שטיל! זאָג עס קיינעם ניט אויס, אַניט וועט דער שלום פאַרהאַלטן ווערן... און בעלאַ לייענט שוין? וואַרט נאָר — אָקערשט ווי מע קוקט זיך ניט אום, וועט זי חתונה האָבן. מיין טביה זאָגט[137], אַז אַלע מיידלאַך האָבן אַ מיאוסע געוואוינשאַפט: ביי טאָג עסן זיי, ביי נאַכט וואַקסן זיי. איך קוש אייך אַלע דרייען.

פּאַפּאַ.

141

צו דיזעלבע

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

ניו-יאָרק, 29-טן יאַנואַר, 1916.

טייערע מיינע, ליאַלי און מיכאַל!

ערשטנס, האָב איך אַלץ געוואַרט פון אייך אויף אַ בריוו און טאַקע זיך ניט דערוואַרט. צווייטנס, האָב איך אַ וואָך זעקס אָפּגעקרענקט — אויף אינפלוענצע. אָבער ניט אַזוי שטאַרק. הגם איך בין די גאַנצע צייט געלעגן. געלעגן און געשריבן. פונם ערשטן יאַנואַר בין איך אַרויס פון דער צייטונג „טאָג" און בין איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער צייטונג — „וואַרהייט". די באַדינגונגען זיינען ניט קיין שלעכטע. אַרבעט — צוויי מאָל אַ וואָך. איך פיל מיך אין אָט דער צייטונג אַ סך בעסער. אַן אמתער פרעמיער. אחוץ דעם, דרוק איך זיך פון דעם ערשטן יאַנואַר, אין איבערזעצונג, אין דער ענגלישער צייטונג „וואָרלד" (די וועלט) מיט איר סינדיקאַט. דאָס מיינט, אַז אין אַלע פאַראייניקטע שטאַטן דערשיינט יעדע וואָך, זונטאָג, מיין פעליעטאָן אין וואָסערע צוואַנציק אָדער מער גרויסע צייטונגען, וואָס האָבן ביז פינף מיליאָן לעזער, אָדער מער. זיי דרוקן „מאָטל פּייסי דעם חזנס" מיט אילוסטראַציעס. די רעקלאַמע איז אַ קאָלאָסאַלע. למשל, אין ניו-יאָרק, אויף אַלע סטאַנציעס פון דער שטאָטישער לופט-באַן, איז מיט גרויסע אותיות אַנאָנסירט: „לייענט שלום-עליכמען, דעם אידישן מאַרק טוועין, אינם זשורנאַל „וואָרלד"! אָריגינעל! ניי! הומאָריסטיש! לייענט שלום-עליכמען!" — דאָס איז אַ גוטער אָנהייב. — — — . דאָס גיט מיר אַ מעגלאַכקייט אַריינצוטרעטן אין דער ברייטער ענגלישער ליטעראַטור. עס זיינען שוין פאַראַן בעלנים-פאַרלעגער אַרויסצוגעבן אַ פולע אויסגאַבע אויף דער ענגלישער שפּראַך. די צרה איז אָבער, וואָס סאיז נישטאָ קיין גוטע איבער-

[136] „דער טאָג".

[137] אין דער פּיעסע, וואָס שלום-עליכם האָט דעמאָלט באַאַרבעט.

זעצערס. קאַליקעס. מוטשען מיר זיך. איך זוך איבער־זעצערס. פּאַר גוט געלט. אפשר. פון מיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, וואָס איז אייך, קינדער, געווידמעט, וועלן די טעג אַרויסגיין די ערשטע צוויי בענד. די „וואָר־הייט“ גיט־אַרויס. דאָרטן דרוק איך אויך די פּאָרזעצונג (דעם דריטן און פערטן באַנד). אחוץ דעם דרוק איך יעדע וואָך דעם צווייטן באַנד פון „מאָטלען“ („מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע“) און אַ ריי אַנדערע פעליעטאָנען. בכלל, אויף אומפּרוכטבאַרקייט קאָן איך מיך ניט באַקלאָגן. אדרבה, דיאַמעטראַל אַקעגנגע־שטעלט צום געזונט, שטאַרקט זיך דער גייסט. און אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אין אַ חודש אַרום טרעט־אַריין בערקאָוויטש אַלץ רעדאַקטאָר פון דער העברייאישער ציַיטונג „התורן“. אַלע אין אַלגעמיין זיינען געזונט, נאָכדעם ווי מע האָט איבערגעקריינקט אויף אינ־פלוענצע. און וואָס מאַכט בעלאָטשקע? נאָך אַלץ שיין און ליב? אויף ווידערזען.

איך קוש אייך!

א י י ע ר פּ אַ פּ אַ.

142

צו לוי פייגנבערג

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

לייקוואוד [נ. דזש.], 15־טן פעברואַר, 1916.

טייערער ליאָוואַ!

איך האָב אָקערשט באַקומען פון עמאַן, לויט אייער באַפעל, אייער קוש. זי האָט עס פאַרשטאַנען בוכ־שטעבלאַך. און זי האָט עס בוכשטעבלאַך אויסגע־פאָלגט. איך מיין, אַז פּונקט אַזוי בוכשטעבלאַך וואָלט זי אויסגעפילט אויך מיין באַפעל — אַ קוש פאַר אַ קוש —, ווען ניט דער אַטלאַנטישער אָקעאַן [138]. זי איז אַצינד ביי מיר צו־גאַסט אין דער אַמעריקאַנער שוועיץ.

איך נעם אייך אַרום.

אייער ש. ע ל.

אייער משפּחה, ביי אַ געלעגנהייט, מיין גרוס.

143

צו די קויפמאַנס

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[דאָס איז דער ל ע צ ט ע ר פאַמיליענבריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן.]

ניו־יאָרק, 17־טן אַפּריל, 1916.
ערב פּסח.

טייערע ליאַלי און מיכאַל.

ענדלאַך איז אָנגעקומען אייער בריוו פון יאַנואַר 1916. אויסער דעם האָבן מיר זינט דעקאַבער 1915 פון אייך גאָרנישט ניט געהאַט. עס הייבט זיך ניט די האַנט צו שרייבן צו מענטשן, וואָס אין אַפּריל איז ביי זיי דער 17־טער דעקאַבער אין קאָפּ... טייערע ליאַלי! דו האָסט מסתמא נאָך ניט פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ שטימונג ביי מיר איז, אַז עס קומט פּסח. עס גלוסט זיך מיר דעמאָלט אַלעמען, אַלעמען האָבן צום סדר. נאָר וואָס קאָן מען טון מיטן שיקזאַל, וואָס באַגייט

שלום־עליכם און זיין זון נומא
[לייקוואוד, נ. דזש., ווינטער 1915].

זיך תמיד אַזוי ווי ער וויל!... מע דאַרף זיך אונטער־געבן דעם ווילן פון דעם, וואָס פירט די וועלט...

אַצינד — אַ ביסל נייעס: ביי אונז אין ניו־יאָרק איז געווען אַ „אידישער באַזאַר“ לטובת די געליטענע פון דער מלחמה. טיסי איז געווען איינע פון די דאַמען־פּאַטראָנעסן. עמאַ און מאַרוסי (און אויך טאַמאַראַ) זיינען געווען פאַרקויפערנס. געלט האָט מען צונויפ־געקליבן אַרום 200 טויזנט רובל. צווישן אַנדערע זאַכן האָט מען אויפן באַזאַר געשפּילט אויף פּלעטן מיינעם

[138] דער אַדרעסאַט האָט געוואוינט אין קאָפּענהאַגען.



TELEPHONE INTERVALE 2215

·שלום-עליכם·
SOLOMON RABINOWITZ
968 KELLY STREET
BRONX, N. Y.

NEW YORK 1/14. X 1915

Дорогая Лялечка!

Получили сразу 2 твоих больших письма.
Полагаю, что ты уже давно получила и [illegible]
[illegible] наши ответы на твои вопросы.
Как чувствует себя Миша „за океаном"?
Увы! Он уже не только за океаном, но и за
всем миром! Произошло недоразумение: [illegible]
[illegible] того, чтобы [illegible], читая ежедневно каждый по[illegible]
отсюда это [illegible] послать. И, хотя прошло уже
довольно значительное время, но слезы не высыхают,
рана еще не зажила. Ждали мы еще на [illegible]
[illegible] из Копенгагена [illegible], [illegible]
(Эмма) Она, вероятно, напишет тебе сама. [illegible],
мама многого не видит — она едва ли в состоянии
писать. Не потому, что больна физически; напротив,
здоровье ее теперь лучше; ее душевный покой нарушен
и душевно она обижена, очень обижена. Не видали
мы такой страшной катастрофы. Если бы ты видела
его последние снимки и последние письма,
ты бы не поверила, что таким мог умереть...
Но возвратимся к твоим письмам. Твои письма

פאקסימילע פון בריוו נומער 139.

אַן אַלטן כתב־יד (20 יאָר אַלט). פאַר אַ בריוו פון לעוו טאָלסטאָי צו מיר האָט איינער ש. (אַ מיליאָנער) באַצאָלט 300 רובל. מע האָט פאַרקויפט אַ סך פאַר־טרעטן — מיינע, דעם „זיידנס", פּרצעס און פון אַנדערע שריפטשטעלער. פאַר מיין אויטאָגראַף (איין שורה) האָט מען באַצאָלט 20 רובל (10 דאָלער). דאָרטן איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמלבוך און עס האָט זיך געדרוקט אַ צייטונג „דער באַזאַר". סך־הכל איין וואָך. איצט גרייט מען אַ יאָרצייט־אָוונט נאָך פּרצן. מע וועט קלייבן געלט פאַר אידישע [מלחמה־] יתומים.

די ערשטע טעג חול־המועד רעכענען מיר צו פייערן באַשיידן ביאַליקס יובילײ [139]. סאיז טרויעריק. וואָלטן מיר דען אָט אַזוי געפייערט דעם דאָזיקן יובילײ ביי אַנדערע אומשטענדן? ליאָלי! היות אַזוי ווי דו ביזט אין אַ געוויסער מאָס אַ דאַמע און אַ דאָקטאָרס אַ ווייב, פאַסט עס דיר ניט צום פּנים. זאָל זשע בעלאָטשקע אַ קוש טון ביאַליקן פאַר מיר לכבוד זיין יובילײ. עס וועט זיין אַ שאָד, אויב בעלאָטשקע וועט ניט קענען העברייאיש געניגן, אום צו לייענען אין אָריגינאַל אונזער הערלאַכן פּאָעט!

איך קוש אייך דרייען שטאַרק.

פּאַפּאַ.

מיט דער מאַמע טאָר מען אַצינד ניט ריידן — ערב־פּסחדיק! זי מאַכט אַלצדינג כשר. דאַרפט איר איר מוחל זיין. זי קושט אייך אין די געדאַנקען.

פּאַפּאַ.

[139] לערד דריי וואָכן פאַרן טויט האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן זיין אַרטיקל: „מיין באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק" פאַרן ביאַליק־נומער פונם וועכנטלאַכן „התורן". — דאָס איז געווען זיין לעצטע גאַנצע זאַך, וואָס ער האָט געשריבן, ניט גערעכנט די לעצטע קאַפּיטלען „פונם יאַריד" און „מאָטל פּייסי דעם חזנס".



שלום־עליכמס לעצטער שרייבשטענדער
[אין זיין לעצטער וואוינונג, 968 קעלי סטריט, בראָנקס, נ. י.]

ליאלי קויפמאן

ווי איך זע אים

אין א ווייכן באד־כאלאט, אנשטאט א שלאפראק, און מיט שטעקשיך אויף די פיס, ניט זיצנדיק, נאר שטייענדיק ביי זיין הויכן שרייבטישל, שטייענדיק און שרייבנדיק גיך־גיך אין די פריע פרימארגן־שטונדן — אט אזוי שטעלט ער זיך מיר פאר תמיד א לעבעדיקער (א טויטן האב איך אים ניט געזען).

ווי פרי מע זאל אין שטוב ניט אויפשטיין, פלעגט ער אבער אויפשטיין נאך פריער, און — גלייך צו זיין טישל און צו דער פען. א זייטיקן מענטשן האט זיך געקאנט אויסדאכטן, אז ניט ער שרייבט, נאר ער זשעסטיקולירט און רעדט צו זיך אליין. סאיז אבער גענוג געווען, ער זאל זיך צו אייך א קער טון מיטן פנים — און אייך איז באלד קלאר געווארן: דאס לאכט ער.

עס שטייט א מענטש פון ניט הויכן וואוקס, אין א ווייכן באד־כאלאט און מיט שטעקשיך אויף די פיס, שטייט זיך איינער אליין גאנץ פרי ביי א טישל, מיט א פען אין דער האנט, און... לאכט. דער פרימארגן פלעגט זיך אוועקציען ביי אים לאנג, אמאל העט ביז נאך האלבן טאג. די זון איז שוין הויך אין הימל, אלע אין שטוב זיינען שוין לאנג אויף די פיס, פארנומען יעדערער מיטן טאג — און ער שטייט נאך אלץ ביי זיין טישל א פרימארגנדיקער, שרייבט און לאכט, שרייבט און לאכט...

אמאל טרעפט, איך קום אריין צו אים אין קאבינעט אזייגער אכט אין א ווינטערדיקן נעבלדיקן אינדערפרי, פארן אוועקגיין אין גימנאזיע, געזעגענען זיך מיט אים און אגב ארויספרייען פאר אים פונם הארצן, אז איך ווייס ניט דעם אוראק, אדער אז איך האב מורא פאר אריטמעטיק, — טוט ער א דריי־אויס דעם קאפ אויפן סקריפ פון דער טיר, גיט א קוק, נאר ער זעט ניט. דאס הייסט, זען זעט ער יא, אבער ניט מיך, נאר עמיצן אנדערש, וואס נאר פאר אים אליין איז ער אנזעעוודיק.

— פאפא, אויף ווידערזען!

און העכער:

— פא ־ פא!

— א? דאס ביזט דו? גייסט שוין אוועק אין גימנאזיע?

ער וואכט־אויף ווי פון אן אנדער וועלט און באשטראלט מיך מיט א ליכטיקן בליק פון זיינע ליכטיקע אויגן, אין וועלכע עס פינקלט נאך זיין געלעכטער — און מיר דאכט זיך שוין, אז פארן אוראק האב איך גאר קיין מורא ניט, און אז דאס וועטער אינדרויסן איז פיין, עס שיינט די זון — כאטש דאס איז גארניט די זון, נאר די ליכטיקע שיין פון דעם פאפאס לאכנדיקע אויגן.

פון דעסטוועגן, כדי צו יוצא זיין פארן אייגענעם געוויסן, טו איך א זאג:

— איך קען ניט דעם אוראק פון אריטמעטיק.

— דערפאר אבער קענסטו דאך היסטאריע אויסגעצייכנט! ווער ווייסט דען נאך אזוי גוט כראנאלאגיע, ווי דו!

און ער גלעט מיך צערטלאך איבערן בעקל. פארטראגן אין דער וועלט פון זיינע „העלדן“, וואס זיינען אזוי ווייט פון אונזער גויאישער גימנאזיע, פארגעסט ער פון דעסטוועגן ניט, אז כראנאלאגיע ווייס איך בעסער פון אלעמען... צעקוש איך מיך מיט אים אויף דער גיך און פלי שנעל אראפ פון די טרעפ א פריילאכע, אן אויפגעמונטערטע. אמת, דעם אוראק פון אריטמעטיק ווייס איך טאקע ניט, דערפאר אבער בין איך אזוי שטארק אין כראנאלאגיע, און כראנאלאגיע איז דאך געוויס א סך וויכטיקער, איידער עפעס דארט אריטמעטיק...

•

— נו? באקומען אודאי א פינף? — פרעגט דער פאטער שוין ביי טאג, ביים טיש.

ער איז ציכטיק אנגעטאן און איז שוין מסתמא ניט איין מאל דורכגעלאפן די בערזע פון איין עק ביז צום צווייטן. די אויגן זיינען שוין אנדערע, מידע. נאר הינטער דער מידקייט גליט נאך דער אפגלאנץ פון דעם פרימארגנדיקן געלעכטער, וואס ביים שרייבטישל.

קיין פינף האב איך ניט באקומען. איך קאן אבער ניט באטריבן די ליכטיקע אויגן און איך טאק אפ דרייסט א ליגן:

— געוויס! א פינף!

און טאקע דא אויפן ארט גיב איך זיך דאס ווארט צו לערנען היינט פלייסיק די אוראקן א גאנצן טאג. ניט אזוי די פינפען זיינען מיר וויכטיק, ווי עס ווילט זיך מיר פארשאפן דעם פאטער פארגעניגן. ער האט דאך אזוי ליב, ווען אלצדינג ארום אים איז גוט און ליכטיק און פריילאך.

און ארום אים איז דווקא ניט אלצדינג געווען אזוי פריילאך!...

ניט געווען קיין געלט.

ווי אן איינגעגעסענע קריינק, האט דאס געמאטערט די גאנצע פאמיליע, און מיר, קינדער, האבן עס באגריפן

נאָך פון קליינווייז אויף און געפילט, ווי ווייט דאָס פייניקט דעם פאָטער, ווי שווער דאָס דריקט זיין געמיט.

ווי דורך אַ חלום דערמאַנט זיך מיר עפּעס אַן איבערגאַנג־צייט, אַן איבערוואַנדערונג — צי פון קיעוו קיין אַדעס, צי פון אַדעס קיין קיעוו (בעת דער פאָטער האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן). עס געדיינקט זיך עפּעס אַ שטעטל, דאַכט זיך — פאַסטאָוו, עפּעס אַ פרעמד צימער אין אַ האָטעל. דער פאָטער שפּאַנט־אום איבערן צימער, פון איין ווינקל צום אַנדערן, בייסט זיך נערוועז די נעגל און טראַכט פון עפּעס אַזוי אָנגעשטריינגט... דאָס דאָזיקע בילד, ווייזט אויס, איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלאַך, און דעם פאָטערס פיגור האָט אַזוי בולט אויסגעשפּראָכן צער און פאַרצווייפלונג, — אַז יענער מאָמענט איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה און אויף אייביק זיך איינגעקריצט אין דעם זכרון פון אַ פינפיאָריקן קינד, ווי איך האָב דעמאָלט באַדאַרפט זיין.

שלום־עליכם און זיין טאָכטער ליאַלי
[מאָנטרע, סוף זומער 1911].

באַלאָדן מיט אַ היבשן הויזגעזינד און פאַרפאָלגט פון פילצאָליקע קרעדיטאָרן, פלעגט ער זיך שיצן ביי זיין הויכן פרימאָרגנדיקן שרייבטישל — דער איינציקער אָרט, וואו ער פלעגט אַלצדינג פאַרגעסן. די קרעדיטאָרן פלעגן אים אָבער געפינען אויך אינדערפרי און באַפאַלן אים אין זיין זיכערסטן שוצפלאַץ...

— זעט, איר זאָלט קיינמאָל קיין חובות ניט מאַכן! — פלעגט ער זאָגן, ווי אַ געבאָט, צו די קינדער. און מיר, קינדער, וואָס האָבן גוט געפילט דעם ביטערן טעם פון די דאָזיקע ווערטער, פלעגן אין דער שטיל חלומען: אמאָל, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן און רייך ווערן, וועלן מיר אומבאַדינגט באַצאָלן אַלע, אַלע זיינע חובות!...

און נאָך איין סצענע דערמאַנט זיך מיר פון גאָר דער פריער קינדהייט: ווי אַזוי די באָבע (מיין מוטערס מוטער, וואָס האָט געלעבט מיט אונז צוזאַמען) האָט איינמאָל זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמע, אַז שלום האָט בסוד אַוועקגעשיקט צו איר ברודער מענדל פופציק רובל אויף פסח — אין דערזועלבער צייט, וואָס ער אַליין האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט. איך האָב ניט געקאָנט באַגרייפן: פאַרוואָס זשע קלאָגט זי זיך, די באָבע, און פאַרוואָס איז זי עפּעס ווי אומצופרידן? דאָס איז דאָך גוט, וואָס ער האָט געשיקט געלט דעם פעטער מענדל! דאָס געלט וועט דעם פעטער מענדל זיכער צוניץ קומען...

„ער איז אַ גוטער, בעסער פון אַלעמען!“ — אַזוי האָב איך באַשלאָסן וועגן פאָטער אין מיין קינדערשן האַרצן.

ווייטער געדיינק איך שטילע אָוונטן, ווען דער פאָטער פלעגט זיך אַוועקזעצן צו דער פּיאַנע (איידער מע האָט זי פאַרקויפט) און שפּילן פאַר זיך עפּעס אַ זאַך, אָבער ניט קיין פריילאַכע, נאָר אַלע מאָל דווקא אַ זייער־זייער טרויעריקע. געשפּילט האָט ער אָן נאָטן, אויפן געהער, און די אַקאָרדן, וואָס ער האָט גענומען מיט דער לינקער האַנט, זיינען אַלע מאָל געווען הויכע, קלינגענדיקע, אין דער צייט וואָס די רעכטע האַנט האָט לייכט און צאַרט אויסגעשפּילט דעם טרויעריקן מאָטיוו, אָן איין פאַלשן טאָן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער צונויפנעמען ארום זיך די פאַמיליע און פאָרלייענען אַ נייע דערציילונג פונם פרישן מאַנוסקריפּט. דאָס פלעגט זיין פאַר אונז אַ יום־טוב — אַ יום־טוב פון פרייד און געלעכטער.

ער האָט זייער געוואָלט, אַז עמיצער פון זיינע קינדער זאָל אויך שרייבן. „ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, וואָלסטו געשריבן". — פלעגט ער מיר ניט איין מאָל זאָגן. — „אָט נעם נאָר און פּרואוו"...

דערביי האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער אַליין האָט צום ערשטן מאָל „געפּרואווט" און אָנגעשריבן „דאָס מעסערל", און וואָס פאַר אַן איינדרוק אויף אים האָט געמאַכט די גוטע קריטיק פונם גוטן „קריטיקוס" (ש. דובנאָוו). „ווער ווייסט ? ווען ער זאָל מיך דעמאָלט געווען אויסזידלען, וואָלט איך אפשר מער ניט געשריבן. ער האָט מיר אָבער צוגעגעבן מוט"...

נאָר דאָ האָט ער געהאַט אַ טעות : ווייל שרייבן — דאָס איז געווען די נויטווענדיקסטע באַדערפעניש פון זיין נשמה, וואָס קיינער וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן, פונקט ווי עס איז אוממעגלאַך אָפּצושטעלן דעם ווינט, דעם שטורם, דעם אוראַגאַן. דאָס איז געווען זיין לופט, זיין חיות, זיין סטיכישע קראַפט. ער האָט געשריבן אָן דער מינדסטער אָנשטריינגונג, אָן דעם קלענסטן צוואַנג, אָן שום מאַטערניש, אָן מידקייט, אָן שוויים. עס האָט זיך ביי אים געשריבן אַזוי נאַטירלאַך און אַזוי לייכט, ווי עס קוועלט אַ קוואַל, ווי עס בלאָזט דער ווינט אין פעלד, ווי עס קייקלען זיך די כוואַליעס אויפן ים.

שרייבן איז ביי אים געווען אַ פאַרגעניגן. צו זיין ביכעלע — אַ קליינס, אַ שיינס, מיט דינע בלעטלאַך און אין מעטאַלענע טאָוולען געבונדן — פלעגט ער זיך איילן, ווי אַ פאַרליבטער צו זיין געליבטער. און פונקט אַזוי צערטלאַך, ווי אַ פאַרליבטער, פלעגט ער דאָס ביכעלע אָפּהיטן. שטענדיק איז עס געווען מיט אים צוזאַמען.

ער האָט ניט ליב געהאַט צו קלאָגן זיך. אדרבה, אין יעדער זאַך איז ער געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט, אַלצדינג האָט ער זיך פאָרגעשטעלט בעסער, ווי עס איז געווען, און בריוו האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן נאָר גוטע.

איך געדיינק זיינע בריוו פון איטאַליע — פול מיט התפעלות פון דער דרומדיקער נאַטור און דער דרומדיקער זון. „איך בין געזונט, מונטער און אַלצדינג איז אויסגעצייכנט גוט", — פלעגט ער שרייבן אין יעדן בריוו. און טאַקע גלייך אויפן אָרט איז געקומען אַ צושריפט פון דער מאַמע, צי פון איינער פון מיינע שוועסטער, אַז דאָס געלט האַלט שוין ביים אויסגיין, אַז דער פּאַפּאַ איז קראַנק, און אַז דאָס וועטער איז אויך זייער שלעכט...

איצט פאַרשטיי איך, אַז ער איז געווען אַ גרויסער עסטעט. אַן עסטעט אין אַלץ : אין זיין קליידונג, אין זיינע געשמאַקן, אין זיין עסן, אין דער באַציאונג צו זיך, צו מענטשן און צו לעבנסדערשיינונגען.

עס דערמאַנט זיך, וואָס פאַר אַ שווערן איינדרוק אויף אים האָט איינמאָל געמאַכט אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג, אַז ער איז ווידער קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך דערפון אַזוי צום האַרצן גענומען, אַז ער איז באמת שיר ניט קראַנק געוואָרן. קראַנק זיין — דאָס איז, פריער פון אַלץ, ניט־עסטעטיש. אַ סך שענער איז, ווען ער, אַ געזונטער, אַ פריילאַכער, שיין אָנגעטאָן אין זומערדיק־ווייסן, שפּאַצירט ביים ברעג פונם ים (אין נערווי) און שרייבט שפּאַצירנדיק אינם קליינעם ביכעלע.

— זעסט אָט די בערג ?... נו, און בלומען אַזעלכע האָסטו שוין אַמאָל געזען ?... דו גיב אַקאָרשט אַ קוק, וואָס פאַר אַ קאָליר דער ים האָט !...

ער האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומפירן אומעטום דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין איטאַליע און האָט ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן יעדעם בלימעלע, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ גאָרניט געזען טאָג־טעגלאַך אין פאַרלויף פון לאַנגע חדשים.

— נו ? האָסט שוין געזען ?...

און זאָגן זאָגט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי אָט די אַלע בערג און די בלומען און דער ים געהערן צו אים. און אין דער אמתן, האָבן זיי דאָך טאַקע געהערט צו אים מער ווי צו אַלע אַנדערע, ווייל ווער נאָך ווי ער האָט אַזוי אויפריכטיק, מיטן גאַנצן האַרצן, באַוואונדערט זייער שיינקייט, זיך געצויגן צו זיי אין העכסטן עקסטאַז ?

— און וואָס זאָגסטו עפּעס אויף מיין זון ?

אָפּגעשטעלט זיך אינמיטן „מאַרינע", פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף און צוגעשטעלט די האַנט צו די אויגן, קוקט ער גלייך אויף דער זון.

איך שטיי אויך מיט אים, פאַרזשמורע די אויגן, שטעל־אויס דאָס געזיכט צום פייערדיקן קנויל, וואָס ברענט און גלעט אין איין צייט, און איך דערפיל, אַז אַזאַ זון, ווי זיינע, האָב איך באמת נאָך קיינמאָל ניט געזען.

ער האָט געקאָנט פרייען זיך, ווי אַ קינד. ער האָט אָבער אויך געקאָנט טיף ליידן. יעדע שווערע, טרויעריקע געשעעניש פלעגט זיך לייגן ווי אַ כמאַרע אויף זיין זוניקער נשמה. אַז איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם טויט פון מיין עלטערן ברודער, האָב איך מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן :

— ווי אַזוי זשע וועט ער דאָס אַריבערטראָגן ?

און ער האָט דאָס ווירקלאַך ניט אַריבערגעטראָגן.

אין דער היים פּלעגט מען שטענדיק פון אים אויסבאַהאַלטן אַלע אומאײַנגענעמלעכקייטן.

— זאָגט נאָר ניט דעם פּאַפּאַ! — פּלעגט די מאַמע בעטן.

— שטילער! לאָז דער פּאַפּאַ ניט הערן! — פּלעגן מיר, קינדער, ריידן שטיל צווישן זיך, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז אויף אים וועט דאָס ווירקן אַנדערש, שאַרפער און טיפער, אַז זיין נשמה קאָרטשעט זיך אונטער יעדער גראָבער באַרירונג פונם לעבן, ווי אַ צאַרטע בלום, ווען עס רירט זיך צו צו איר גראָב אַ האַנט...

און אויך איצט נאָך, צען יאָר נאָך זיין טויט, ביי יעדער נעשעעניש, סאַי אַ פריילאַכער, סאַי אַ טרויעריקער, — טראַכט זיך מיר ניט ווילנדיק: ווי אַזוי וואָלט זיך דערצו באַצויגן און וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דער פּאָטער, — שטייענדיק גאַנץ פרי ביי זיין הויכן פרימאָרגנדיקן שרייבטישל אין זיין ווייכן באָדכאַלאַט?...

דאָס הויז אין קיעוו, באַלשאַיאַ־וואַסילקאַווסקאַיאַ 5, וואו שלום־עליכם האָט געוואוינט פון 1897 ביז 1904 — די פּראָדוקטיווסטע צייט פון זיין שאַפן [שלום־עליכמס וואוינונג איז געווען אויפן אויבערשטן שטאָק, רעכטס].

ד ר. מ י כ א ל ק ו י פ מ א ן

שלום-עליכמס געשטאלט

קלארע בלויע אויגן, צוגעלאזטע, פארטראכטע און דורכדרינגענדיקע — אויגן פון א קינד און א חכם. ער האט געהאט א רגילות צו קוקן איבער די ברילן — פלעגט דעמאלט קענטיק זיין, ווי דער בליק זיינער נעמט-דורך יעדע זאך. דריי טיפע קנייטשן האבן זיך איינגעשניטן צווישן די ברעמען ביים ברייטן שטערן, אויף וועלכן עס פלעגן זיך אראפלאזן ווייך-געגרייזלטע קאשטאנען-האר, אן א סימן פון גרויקייט. ביי די מויל-ווינקלען — צוויי קנייטשן, כאראקטעריסטישע חן-קנייטשן, וואס האבן אויסגעזען ניט ווי קנייטשן, נאר ווי שטראלן — אן אפגלאנץ פון זיין מילדן קלוגן שמייכל.

ווער עס האט כאטש איין מאל געזען שלום-עליכמען און גערעדט מיט אים, ביי דעם האט געמוזט פארבלייבן אויף לאנג אן איינדרוק פון ווארימקייט און ליבלאכ-קייט, וואס האבן ארויסגעשטראלט פון זיין גאנצער פערזענלאכקייט.

ריידן פלעגט ער שטענדיק לעבעדיק, תמיד, ביי אלע אומשטענדן — שיין, אויסדרוקספול און וויציק. ער האט אבער נאך מער ליב געהאט צו הערן, ווי א צווייטער רעדט. ער האט פארמאגט אין זיך די פייאיקייט אנצושרויפן א מענטשן און מאכן ריידעוו-דיק אפילו א שווייגער. ער איז געווען א זעלטענער צוהערער.

פונקט אזוי לעבעדיק און אינטערעסאנט זיינען געווען זיינע בריוו. ער איז געווען א מייסטער אויף בריוו שרייבן. ער פלעגט זיי זייער גערן שרייבן. אמאל — צו עטלאכע בריוו אין איין טאג צו דער-זעלבער פערזאן, און פלעגט אויפהיטן יעדן פרעמדן בריוו, וואס איז אים געווען אינטערעסאנט. ער האט בכלל ליב געהאט ארדענונג, ריינקייט און עלעגאנץ אין אלץ, ובפרט אין שרייבן. שרייבן איז ביי אים געווען פאררעכנט פארן פיינסטן אויסדרוקסמיטל פון דעם מענטשלאכן גייסט.

אין זיין נשמה האבן זיך צוזאמענגעלעבט א קינסט-לער און א קינד. טיף פארשטייענדיק א פרעמדע נשמה, איז ער אליין, אין פערזענלאכן לעבן, געווען אויסערגעוויינלאך צוטרוילאך — און אפטמאל פלעגן אים מענטשן טאקע אפנארן.

קיין ווערט פון געלט האט ער בטבע ניט געוואוסט. געלט פלעגט ער טיילן צו יעדן, ווער עס פלעגט נאר בעטן, און איז גרייט געווען אויסצוברייגען געלט, ווי א קינד, אויף צאצקעס. ער האט געהאט אן א שיעור שיינע זאכן, דערהויפט אזעלכע, וואס זיינען נוגע צו שרייבגעצייג. ער האט ליב געהאט אנצוטון זיך שיין און איז פייאיק געווען צו פרייען זיך, ווי א קליין קינד, איבער א נייעם אנצוג. און האט ער אנגעטאן צום ערשטן מאל א נייעם אנצוג, צי א נייעם הוט, פלעגט ער ארומגיין אין דעם מיט עפעס א באזונדערן אויס-דרוק אויפן געזיכט — אן אויסדרוק פון יום-טובדיקער באנייאונג.

צו דער נאטור איז ביי אים געווען א באזונדער צארט געפיל: אט הייבט ער אויף פון דער ערד א צעטראטן בלימל, מאכט עס א ביסל צורעכט און טוט א זאג: „אוי, זעט!" — און בשעת מעשה איז ביי אים אזא פנים, ווי ער וואלט אויפגעהויבן א צעבלוטיקט קינד. זומער אויף דאטשע פלעגט ער אויפשטיין פרי, און די ערשטע זאך זיינע איז געווען — ווארפן די פייגעלאך שטיקלאך ברויט, און עס פלעגט זיין שיין צו זען, ווי אזוי די פייגעלאך קלייבן זיך צונויף מחנות-ווייז און פיקן ביי אים שיר ניט פון די הענט ארויס.

און די זון האט ער אזוי ליב געהאט, אז ער פלעגט בפועל ממש ווייטיקדיק בייקנען נאך איר, ווען זי פלעגט זיך עטלאכע טעג ניט באווייזן.

נאר מער פון אלץ האט ער ליב געהאט קינדער. מיט קינדער האט ער זיך געקאנט שפילן, ווי א קינד, שפרינגען און קערן וועלטן, ווי א חדר-אינגל. ער האט צו יעדער צייט געהאט דעם ריכטיקן שליסל צום קינדערשן הארצן און פלעגט זיך קאנען צופאסן צו דער קינדערשער שפראך. אין א בריוו פון אמעריקע (אויגוסט 5, 1915) שרייבט ער צו זיין פיריאריקן איינקל (אויף רוסיש):

מיין ליבע טייערע בעלאטשקע!

איך שרייב דיר, אז ביי אייך איז א מלחמה און ביי אונז ניט, אז דו ביזט אין אדעס אויפן פאנטאן און מיר אין אמעריקע אויף א דאטשע, און אז דא איז זייער היים, און אז ביי אייך איז פאראן א ים, הייסט ער דער שווארצער ים, און ביי אונז איז פאראן א ים, הייסט ער אקעאן, דער אטלאנטישער אקעאן, און נאך שרייב איך דיר, אז איך האב דיך זייער-זייער ליב און אז איך האף נאך צו זען דיך און דער מאמע און דעם פאפא מיכאל, וואס איז שוין באלד א דאקטאר. און איך בין ניט קיין דאקטאר. איך בין א שרייבער.

ד י י ן פ א פ א ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

„דיין פאפא"... האבנדיק צוויי אייניקלאך, האט ער ניט געוואלט, זיי זאלן אים רופן „זיידע", נאר „פאפא". ווען סאיז געבוירן געווארן מיין טאכטער

בעלאַ, שלום־עליכמס צווייט אייניקל, האָבן מיר באַקומען פֿון אים אַזאַ בריוול אין גראַמען:

דאָס וואָס אונזער מיקאַעלאַ
זינגט: ער האָט אַ טאָכטער בעלאַ —
בין איך אים מוחל.
בעלאַ איז אויף איטאַליעניש „שיין“ —
לאָז זי אייך וואַקסן, זיין מלא חן
און טאַקע האָבן שכל.
נאָר דאָס וואָס איר האָט מיך געמאַכט
(צום צווייטן מאָל שוין!) פֿאַר אַ זיידן —
האָב איך מיך שטאַרק פֿאַרטראַכט:
איך קאָן ניט מוחל זיין אייך ביידן...

„זיידע“ האָט אים טאַקע באמת ניט געקליידט. ער האָט ליב געהאַט יונגקייט און האָט זיך געפֿרייט, וואָס ביי אים זיינען נישטאָ קיין גרויע האָר.

ער האָט ליב געהאַט, עס זאָל זיין אַרום אים פֿריילאַך — און אין שטוב ביי אים איז שטענדיק געווען דער מלאך פֿון פֿרייד, אפֿילו דעמאָלט, ווען די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען גאָרניט קיין פֿריילאַכע.

ער האָט ליב געהאַט צו טרייבן שפּאַס מיט מענטשן און איז געווען ערפֿינדעריש אויף אַלערליי „שפּיצלאַך“ און „אָפּשניצלאַך“, וועלכע פֿלעגן אים פֿאַרשאַפֿן אַן אַ שיעור פֿרייד און געלעכטער.

איינמאָל האָט ער מיט טיפֿן ערנסט איינגערעדט עפּעס איינעם אַ ניט־איבערגעשפּיצטן אידן, שפּאַצירנדיק מיט אים אין נערווי אויפֿן ברעג ים, אַז דער זונפֿאַרגאַנג איז דאָרט אַמשענסטן פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט, פֿאַר ליכטבענטשן — און נאָכדעם האָט ער זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער, האַלטנדיק זיך ביים בויך.

לאַכן פֿלעגט ער מיטן גאַנצן האַרצן, הויך און הילכיק, אָנשטעקנדיק מיט זיין געלעכטער אַלע וואָס אַרום, דערביי פֿלעגט ער זיך אָנבויגן, זיך כאַפּן פֿאַרן בויך און אויסלאָזן מיט אַן „אוי!“.

אויך מיט די קינדער זיינע פֿלעגט ער טרייבן שפּאַס, מעשה־חבר. אַ שפּיצל האָט ער געקאָנט אָפּטון אַן אייגענעם מענטשן, גלייך ווי אַ פֿרעמדן, אַבי עס זאָל זיין פֿון וואָס צו לאַכן, אַבי עס זאָל זיין פֿריילאַך. די שטוב־מענטשן וואָלטן געקאָנט דערציילן אָן אַ שיעור הומאָריסטישע איינפֿאַלן און היימישע קונדס־שטיקלאַך — אַלץ זיין אַרבעט.

שלום־עליכמס אַן איידים, אַ יונגערמאַן דריי חדשים נאָך דער חתונה, נאָר־וואָס אָנגעקומען פֿון רוסלאַנד קיין בערלין שטודירן, — באַקום איך פֿון אים אַ בריוו, געשריבן אין אַ גאַנץ ערנסטן טאָן: ער לאַדט מיך איין אַראָפּצוכאַפּן זיך צו אים אויף אַ פּאָר וואָכן קיין נערווי און ער בעט מיך, אַז אַזוי ווי ער האָט אין בערלין איינעם אַ גוטן פֿריינט און אַ פֿאַרערער און דערצו אַ גאַנץ רייכן אידן מיט אַזאַ־און־אַזאַ נאָמען, — לכן זאָל איך מיך מיט אים, למען השם, זען פֿאַרן אָפּפֿאָרן קיין נערווי, קודם כל איבערגעבן אים גאָר פֿריינטלאַך אַ גרוס און, אגב, אַזוי ווי יענער האָט אַ געשעפֿט פֿון לעדער־אַרטיקלען, וואָלט ער וועלן האָבן פֿון אים אַ שיינע לעדערנע פּאַפּקע פֿון אַזאַ־און־אַזאַ קאָליר, מיט אַזויפֿיל־און־אַזויפֿיל אָפּטיילונגען א. אַ. וו. באַקומען אַזאַ בריוו, לאָז איך מיך גלייך זוכן יענעם פֿאַרשוין. דאָס אָנגעצייגטע געשעפֿט איז געווען ניט שווער צו געפֿינען, ווייל דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין איינס פֿון די גרעסטע בערלינער לעדערוואַרע־געשעפֿטן אויף דער לייפּציגער גאַס.

שלום־עליכם אין נערווי [23־טן פֿעברואַר, 1912].

אָבער דערשלאָגן זיך צום אייגנטימער אַליין — דאָס איז מיר אָנגעקומען שוין ניט אַזוי גרינג. מע האָט מיך אָפּגעשיקט פֿון איין אָנגעשטעלטן צום אַנדערן, פֿון איין שטאָק צום צווייטן, אויסגעפֿרעגט, ווער, וואָס און צוליב וואָסער ענין איך באַדאַרף אַזוי שטאַרק האָבן דווקא צום בעל־הבית אַליין, און אַז איך האָב מיך שוין אין אַ פּאָר שעה אַרום קוים צוגעשלאָגן צום אייגנטימער פֿונם געשעפֿט אין זיין רייכן קאַבינעט און האָב אים אָפּגעגעבן דעם האַרציקן גרוס פֿון זיין פֿריינט שלום־עליכם, האָט יענער אויסגעשטאַרצט אַ פּאָר אויגן: „שאַליאָם אַליאַיכעם? איך קאָן מיך ניכט עררינערן“... ערשט דאָ האָב איך מיך אָנגעשטויסן. אָפּגעווישט די ליפּן

און געמאַכט אַ שוויג. עס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי שלום־עליכם מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן באַגלייט מיך טריט נאָך טריט אין מיין שליחות, האַלט־אָן אַ טיף־ערנסטן פּנים און גרייט זיך אויפן סוף אויסצושיסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

שרייבן פלעגט ער וואונדערלאַך שנעל און לייכט. קיין זאַך האָט אים ניט געשטערט. ער האָט געקאָנט שרייבן שטייענדיק, ליגנדיק, שפּאַצירנדיק, אפילו אין טראַמוואַי, אפילו אין וואַגאָן פונם צוג — אומעטום. ער האָט שטענדיק געהאַט ביי זיך אַ ביכעלע, וואו „עפּעס" איז געווען אָנגעהויבן, אָדער עס האָט שוין געהאַלטן אינמיטן, און ווי־נאָר ער האָט זיך פאַרטראַכט און אָנגעקניפּט אָן דעם די געדאַנקען, — אַזוי האָט ער באַלד אַרויסגענומען דאָס ביכעלע און פאַרגעזעצט דאָס ווייטערדיקע.

בשעת ער האָט זיך באַזעצט אין נערווי, האָט ער די ערשטע צייט פאַרוואונדערט די דאָרטיקע איטאַליענער תושבים מיט זיין אויפפירונג. עס שפּאַצירט אַן אויסלענדער ביים ברעג ים, עלעגאַנט אָנגעטאָן, און הערט ניט אויף צו שרייבן גייענדיק, אָדער ער שטעלט זיך פּלוצים אָפּ און צעלאַכט זיך איינער אַליין פאַר זיך הויך אויפן קול. די איטאַליענער זיינען אָבער גיך דערגאַנגען, ווער סאיז אָט דער מאָדנער מענטש אינם העלן אָנצוג, מיט די לאַנגע ווייכע האָר און מיט דעם ביכעלע אין האַנט. און טרעפנדיק אים אויף דער „מאַרינע", ווי ער גייט אַזוי פאַמעלאַך־פאַרטראַכט און איז פאַרטאָן אין שרייבן, פלעגן זיי מיט דרך־ארץ אָפּטרעטן דעם וועג „דעם שרייבער פון רוסלאַנד".

„דער שרייבער פון רוסלאַנד" האָט די ערשטע צייט פון זיין געצוואונגענעם אויפהאַלט אין איטאַליע שטאַרק געבענקט אַהיים — נאָך רוסלאַנד. און די דאָזיקע בענקשאַפט האָט ער געזוכט אויפצולייזן אין זיין שרייבן. אין דעצעמבער 1909 שרייבט ער אונז פון נערווי:

„...מיר זיינען דאָ איינזאַם, ניט קוקנדיק אויף דעם עולם באַקאַנטע, וואָס ציען זיך נאָך מיר טריט ביי טריט, בעת איך גיי־אַרויס צום ים שפּאַצירן. עס ראַטעוועט מיך דער ראָמאַן, וואָס איך שרייב... און די קופּע בריוו, וואָס קומען־אָן יעדן טאָג..."

שלום־עליכם און זיין טאָכטער עמאַ [„זיין הויפּט־סעקרעטער"]
[ניו־יאָרק, סוף 1915].

ער פלעגט ניט דאַרפן קיין התבודדות פאַר זיין שאַפן, ווי אַנדערע. עס האָט אים ניט געשטערט, אַז מע טומלט אַרום אים. פאַרקערט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז בשעת קינדער שפּילן זיך אַרום אים און מאַכן אַ טומל, שרייבט זיך אים געשמאַקער. אין מאָנטרע (שווייץ) האָט ער ליב געהאַט אַוועקצוגיין שרייבן אונטערן פרייען הימל, אויפן ברעג פונם זע, און פלעגט אָפּט מיטנעמען מיט זיך מיין טעכטערל, זיין צוויי־יאָריק אייניקל. „מיר גייען אַוועק שרייבן!" — פלעגט ער אָנזאָגן אין שטוב.

און אַמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אינמיטן אַ געשפּרעך ווערט ער פּלוצים פאַרטראַכט, די אויגן קוקן ערגעץ ווייט, און הגם זיין געזיכט שמייכלט נאָך, מעגט איר שוין זיין זיכער, אַז ער הערט שוין קיין איין וואָרט ניט פון וואָס איר רעדט, אַז ער איז שוין ערגעץ אַנדערשוואו, און דאָס שמייכלט ער ניט צו אייך, נאָר צו עמיצן אַנדערש. די קינדער פלעגן אין אַזעלכע

פאַלן זאָגן: „פּאַפּאַ, אין וואָסערע וועלטן ביזטו אַצינד?“ — און באַלד איז אויסגעוואַקסן דאָס קליינע ביכעלע אין איין האַנט און די פּולפּעדער אין דער צווייטער האַנט, בלעטלאַך נאָך בלעטלאַך זיינען פאַרזעיט געוואָרן מיט זיינע לויפּיקע, לייכטע, אָבער פיינגעשניצטע און אויסדרוקספולע אותיות, — און אויף מאָרגן פלעגט שוין פאַרטיק זיין אַ נייע מעשה.

ביים שרייבן פלעגט ער אַליין לאַכן, אָפּטמאָל זיך פאַרגיין ביז טרערן אין הילכיקן געלעכטער. „הערט נאָר וואָס ע ר זאָגט!“ — פלעגט ער לאַכנדיק טייטן מיטן פינגער פאַר זיך אַליין אויפן מאַנוסקריפּט, גלייך ווי ער וואָלט פּלוצים אומגעריכט אונטערגעהערט די רייד פון זיין ערשט־געשאַפענעם פאַרשוין. און יעדע נייע מעשה, וואָס איז אַרויס פון זיין פען, פלעגט ער באַלד פאַרלייענען פאַר די היימישע, און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע איז געווען אַ יום־טוב — סאיז צוגעקומען נאָך אַ פאַרשוין אין דער משפחה. געלייענט האָט ער לעבעדיק, בולט, מיט טאַקטפולן אויסדרוק און מיט קינסטלערישער פּראָסטקייט.

ער איז געווען אַ זעלטענער פאַמיליענמענטש, אַ מוסטער פון צערטלאַכסטער פאָטערלאַכער ליבע. ביי אים פלעגט זיין אַ יום־טוב, בעת די גאַנצע פאַמיליע איז געווען אַרום אים. „אַלע אין דער היים“ — האָט עס געהייסן. און נאָך מער יום־טוב איז געווען ביי אים, ווען אַזאַ זאַך פלעגט פּאַסירן צו אַ יום־טוב, דערהויפּט צו פּסח. די אידישע ימים טובים פלעגט ער אויפנעמען מיט דער זעלבער אויפריכטיקער פרייד, ווי אין זיין ווייטער קינדהייט, און פּסח צו די סדרים פלעגט ער זיך זעצן אין געהויבענער פייערלאַכקייט, מיט דער גאַנצער פאַמיליע און מיט אַ סך פאַרבעטענע געסט.

ער איז געווען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג אַלץ קינסטלער און אַלץ מענטש, און דאָס מערקווירדיקסטע אין אים (וואָס מע באַגעגנט בכלל זייער זעלטן): אין זיין גאַנצן פּערזענלאַכן לעבן איז ער שטענדיק און אַלע מאָל געווען פּונקט אַזעלכער, ווי אין זיינע שריפטן, און אפשר נאָך מיט מער אויסדרוק.

שלום־עליכם און זיין פאַמיליע אין באַדענווייַלער, זומער 1910.



זיצנדיקע — פון רעכטס צו לינקס: מאַרוסי, מישאַ, שלום־עליכם און טאַמאַראַ, עמאַ.
שטייענדיקע — פון רעכטס צו לינקס: מיכאַל קויפמאַן, ליאַלי, פרוי שלום־עליכם, ערנעסטינע, י. ד. בערקאָוויטש, נומאַ.

תמרה בערקאָוויטש

מיין זיידע

ריכטיקער וואָלט געווען, איך זאָל אָנשטאָט „זיידע" שרייבן: „פּאַפּאַ". ווייל מיר, די אייניקלאַך, האָבן אים קיינמאָל ניט געקענט ביי דעם שטריינג־בכבודיקן נאָמען „זיידע". הערנדיק כסדר, ווי די זין און די טעכטער זיינע רופן אים „פּאַפּאַ", איז עס פאַר אונז געווען נישט מער ווי נאַטירלאַך, אַז אויך מיר זאָלן אים אַזוי רופן. ביי אונז איז עס געווען אַ קינדערשע געוואוינשאַפט, אָן קיין שום כוונות. ער אָבער האָט דערביי געהאַט אַ שטאַרקע כוונה: ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין „זיידע". ער וואָלט אונז קיינמאָל ניט מוחל געווען, ווען מיר זאָלן די דאָזיקע געוואוינשאַפט אונזערע אַמאָל ענדערן. און אַזוי איז ער פאַרבליבן „פּאַפּאַ" צו זיינע קינדס־קינדער, פּונקט ווי צו זיינע קינדער.

בשעת עס האָט זיך געלאָזט הערן דער סירענע־פייף, וואָס האָט אָנגעזאָגט וואָפנשטילשטאַנד נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה, און מענטשן זיינען געווען משוגע פאַר פרייד, האָט מיין באָבע אַ זאָג געטאָן: „ווען דער פּאַפּאַ לעבט אַצינד, וואָס פאַר אַ שמחה דאָס וואָלט געווען פאַר אים!" און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי דערמיט ניט נאָר זיין שמחה מיט דער גרויסער געשעעניש, נאָר אויך זיין קינדערשע פרייד און באַגייסטערונג פון אַזאַ אויסער־געוויינלאַכן פאָלקס־יום־טוב.

וואָרים אַז איך טראַכט פון מיין זיידן, שטעלט ער זיך מיר פאָר ניט אַנדערש, נאָר ווי דער שפּילעוודיקער חבר פון מיין קינדהייט. ער איז געווען אַ קוואַל פון הונדערטער מעשהלאַך, פון טויזנטער שפּאַסן, איינפאַלן און שפּיצלאַך. שוין דאָס קייטל פון זיין זייגער אַליין איז געווען אַ גאַנצע טעריטאָריע, וואָס מע האָט עס באַדאַרפט לאַנג אויספאָרשן. צו אָט דעם קייטל איז געווען צוגעטשעפּעט אַ וואונדערלאַכער זייגער, וואָס האָט געשפּילט מוזיק יעדע שעה, אחוץ פאַרשיידענע מעדאַליאָנען און כלערליי צאַצקעס, וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט איבערבייטן אויף אַנדערע. נאָר אַ סך אינטערעסאַנטער פונם קייטל זיינען געווען די לידלאַך, וואָס ער האָט געלערנט זינגען מיך און מיין עלפיאָריקן פעטער, זיין אינגסטן זון. ער האָט צוגע־טראַכט באַזונדערע לידלאַך פאַר יעדן איינעם פון אונז ביידן: פאַר מיין פעטער — צו מאַכן חוזק פון מיר, און פאַר מיר — צו אָפּשלאָגן אים מיט שאַרפער בייסנ־דיקער איראָניע. מיין זיידע אַליין איז פאַרבליבן אומ־פּאַרטייאיש.

אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט, אַז אַלע וואונדער־לאַכע זאַכן פון דער וועלט האָבן באַקומען אַ שייכות נאָר מיט אים. אַז ער פלעגט אונז אַמאָל מיטנעמען צו באַקוקן אַ הויז פון ליאַלקעס, וואָס פאַרנעמט אַן אויג, האָבן מיר געפילט, אַז ווען ניט ער, וואָלט עס גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. ער האָט אַלצדינג אַרום זיך אָנגעשטעקט מיטן חן פון זיין פער־זענלאַכקייט. יעדע זאַך, צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט, האָט באַקומען אַ צויבערלאַכן אויסזען.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פאַר אים איז געווען — איינצוהזרן מיט מיר פאַרשיידענע זינלאָזע קינדערייען און דערנאָך אַרויספירן מיך מיט גרויסן ערנסט פאַר דער פאַמיליע, איך זאָל עס עפנטלאַך דעקלאַמירן. דער רעפּערטואַר איז געווען אַ גאַנץ רייכער. אַמאָל האָב איך באַדאַרפט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ שטול און זייער ערנסט זינגען אויף רוסיש די ערשטע עטלאַכע שורות פון „לאַך, דו פּאַיאַץ!". אַן אַנדערשמאָל איז מיין אויפגאַבע געווען צו ריידן גאַנץ פּשוטע ווערטער אין הויכן טאָן, מיט אַ ספּעציעל צוגעטראַכטן ניגון; דאָס דאָזיקע איז ביי מיר געוואָרן אַ געוואוינשאַפט, פון וואָס מיין זיידע האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן און מיין מוטער איז געווען אויסער זיך. און אָפּטמאָל האָב איך באַדאַרפט ברעכן מיין צונג אויף אַ זעלטן קאָמישן, צעדרייטן רוסיש. איך פלעג דאָס אַלץ אָראָפּשלינגען אין גוטן מוט און אין פולן צוטרוי.

אָבער די בעסטע טעג זיינען געווען, בעת מיר פלעגן אַרויסגיין צוזאַמען אויף לאַנגע שפּאַצירן, דערהויפּט אין באַדענווײַלער. אויפן שפּאַציר פלעגט ער אָדער לעבעדיק שמועסן, דערציילן פאַרשיידענע אַצינד־פאַר־געסענע זאַכן, אָדער די שטילע רואיקייט פונם וואַלד פלעגט אים אַריינברייגען אין אַ שטימונג פון פריד־לאַכקייט און שטילשווייגן. אפשר האָט ער דעמאָלט „צוגעטראַכט" זיינע מעשיות, און אפשר האָט ער גלאַט געטראַכט וועגן זאַכן, וואָס זיינען געווען העכער פון מיין קינדערשן פאַרשטאַנד. איך בין אים נאָכגעגאַנגען

שטיל, האַלטנדיק זיך שטייף פאַר זיין וואַרימער פאַטערלאַכער האַנט.

אַ באַזונדער שיינעם ווינקל אינם וואַלד האָט ער פייערלאַך אַוועקגעשיינקט מיין פעטער. אַ קלענערער ווינקל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ יונגער יאָלקע מיט אַ שטיין, איז אויסגעפאַלן אויף מ י י ן ח ל ק. די דאָזיקע מאַיאָנטקעס זיינען אונז געשיינקט געוואָרן ניט אויף צו באַנוצן זיך מיט זיי, ניט אפילו צו קומען [illegible] טער באַרירונג, נאָר בלויז צו קוקן אויף זיי פונדערווייטנס. און פון דעסטוועגן, פון אַלע מ י י נ ע מתנות גערדיינק איך אָט די אַמבעסטן.

מיר האָבן געהאַט אַ נ ד ע ר ע שפּאַצירן נאָכדעם, אַ סך שפּעטער, אין קאָפּענהאַגען, בעת מיר זיינען געווען אַנטרונענע פון ד ע ר מ ל ח מ ה. דאָרט אָבער זיינען אונזערע שפּאַצירן פאָרגעקומען שוין ניט אין דער שטילקייט פון וואַלד, נאָר אין אַ קאָלאָסאַלן וואָקזאַל מיט ה ו י כ ע גראַניטענע ווענט, געפּאַקט מיט מחנות צערודערטע מענטשן. מיר זיינען געגאַנגען אַהין טאָג־אַיין, טאָג־אויס; ער פלעגט זשמורען מיט די אויגן אַריבער די ברילן און איינקוקן זיך אין יעדן איינעם, געוואָרפן בליקן אויף אַלע זייטן, געזוכט צווישן דעם עולם באַקאַנטע פּנימער.

מיר פלעגן שפּאַצירן אַזוי הין און צוריק, פון צייט צו צייט זיך אָפּשטעלן, באַגריסן פריינטלאַך אַ גוטן באַקאַנטן, אויסהערן פון אַ פרעמדן אַ טרויעריקע געשיכטע, אויספרעגן יענעם, אַרויסווייזן מיטגעפיל, און דאַן זיך לאָזן גיין ווייטער זוכן צווישן דעם עולם.



שלום־עליכם מיט זיינע אייניקלאַך: טאַמאַראַ און בעלאַ [מאָנטרע, 1912].

די גרויסע צ אָ ל פ אָ ט אָ ג ר אַ ־ פ י ש ע ב י ל ד ע ר דערלאָזט ניט, איך זאָל פאַרגעסן זיין געזיכט. נאָר איינגעשניטן אין מיין זכרון אויף אייביק האָט זיך דווקא איין אויסדרוק, ו ו אָ ס ה אָ ט אַזוי ווייניק שייכות געהאַט מיט זיין גאַנצן וועזן: אַ ווייס פּנים, פאַרזונקען אין טיפער שטילקייט, ד אָ ס מ ו י ל רואיק, די א ו י ג ן געשלאָסן. איך שטיי און באַטראַכט מיט טרויער און וואונדער דאָס דאָזיקע פּנים, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי לעבעדיק און אַזוי האַרציק־נאָענט צו מיר, און עס דאַכט זיך מיר אויס אויף אַ מאָמענט, אַז אָט וועלן די ג ע ש ל אָ ס ע נ ע א ו י ג ן זיך פּלוצים געבן אַן עפן־אויף און אַ וואונק טון צו מיר, און דאָס גאַנצע פּנים וועט זיך איינקנייטשן אין אַ האַלב־ערנסטן, האַלב־שפּאַסיקן אויסדרוק — צו באַווייזן זיין פולע האַרציקע סימפּאַטיע פאַר מיר און צו באַהאַלטן זיין פולן האַרציקן געלעכטער, אויף מיין חשבון, פאַר זיך אַליין.

ב. צ. גאלדבערג

מאמענטן שלום-עליכם

לייקוואוד.

א מיטוואך. פרילינג 1915.

איך קום פארנאכט אהיים, גיט מען מיר איבער: געווען שלום-עליכמס דינסט — א פוילישע, קוים געפונען דעם אדרעס — און געבראכט א בריוו פון בערקאוויטשן.

אין בריוו איז געזאגט, אז אזוי ווי שלום-עליכם איז אין לייקוואוד און דא מוז מען ת י כ ף מאכן א סצענאריום פון „מאטל פייסי דעם חזנס" אויף ענגליש, עס האנדלט זיך וועגן גאר א וויכטיקן ענין, — לכן זאל איך אוועקווארפן אלץ-מיט-אנאנדער און גלייך פארן קיין לייקוואוד. שלום-עליכם ווארט.

איך האב גראד אויף מארגן אן עקזאמען, נאר אז שלום-עליכם ווארט, איז דאך ניט שייך. איז באלד אוועק א טעלעגראמע, אז מארגן עלף אינדערפרי בין איך אין לייקוואוד.

שלום-עליכם ווארט מיך אפ אויפן באנהויף און פירט מיך צו זיך אין האטעל. אבער תיכף נעמט ער מיך אוועק צום לייק (אזיערע). איך מוז קודם כל אנקוקן דעם לייק. סאיז דא ספעציעל א קליין בריקל, וואס שטייט קעגן א הינטערגרונט פון נאדלביימער — דער בעסטער ארט, פון וואנען מע קאן זען די גאנצע פראכט.

עס איז געווען זייער שיין, אבער קיין באגייסטערונג האב איך ניט ארויסגעוויזן.

פירט מיך שוין שלום-עליכם ווייזן אנדערע חידושים — אויסערגעוויינלאך שיינע ווילעס, פון וועלכע ער אליין האט ניט געקאנט גענוג זיך אנוואונדערן. איך ווער אבער אלץ ניט נתפעל.

דער קלימאקס איז געקומען ביים עסן. שלום-עליכם האט געוואוינט אין א גאר גרויסארטיקן האטעל. עסן האט מען געגעבן ניט נאר פונם בעסטן, נאר אויך פונם שענסטן. איך ווייס ניט, צי שלום-עליכם האט דעמאלט באשטעלט א ספעציעלן מיטאג, נאר סאיז געווען אן אויסערגעוויינלאכער מאלצייט.

שלום-עליכם איז געזעסן און געגעסן רואיק און כמעט ווי ער קוקט גאר ניט אין מיין זייט. איך האב אבער געפילט, ווי ער היט מיך ביי יעדן געריכט, צו זען וואס פאר אן איינדרוק דאס מאכט אויף מיר. דאס עסן, פארשטייט זיך, איז מיר שוין ניט אזוי איינגעגאנגען.

איין געריכט איז באשטאנען פון געפילטע טייבעלאך, וואס זעען-אויס ווי מע וואלט זיי נאר-וואס אפגעפליקט. דערצו זיינען נאך די פיסלאך ארומגעוויקלט מיט פאפירלאך. איך האב אן ווערטער נאכגעקוקט שלום-עליכמען און געטאן וואס ער טוט. ער מאכט זיך אבער ווי ער זעט מיך ניט. נאר אויף איין מאמענט הויבט ער אויף די אויגן און ווארפט אויף מיר א בליק. איך מאך זיך אויך, ווי ניט מיך מיינט מען.

נאך דער רייכער פיטש-מעלבא, וועלכע איך האב אויפגענומען ווי א זאך, וואס קומט מיר, הייבט ער אויף דעם קאפ, באטראכט מיך א ביסל און זאגט:

— איר זיינט א געפרווירענער ליטוואק!

איך האב זיך צעלאכט. אבער ער איז געווען ערנסט.

נאכן טיש זיינען מיר ארויף צו אים אין צימער — א גרויסער ליכטיקער זאל, מיט א היבשן שרייבטיש. ערשט איצט האבן מיר גענומען ריידן וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן איך בין אזוי איילנדיק צו אים געקומען.

שלום-עליכם האט גענומען „מאטל פייסי דעם חזנס" און קאפיטל ביי קאפיטל עס סצענירט אויסוויינינק, גלייך ווי ער וואלט מיר דערציילט פון א קינא-בילד, וואס ער האט פאר זיך געזען.

ערשט דא האט ער זיך ארויסבאוויזן אין דער גאנצער קאמבינאציע פון זיינע טאלענטן: ער האט פארגעשפילט יעדע ראלע און יעדע סצענע, און אין דערזעלבער צייט איז ער אליין געווען אויך דער צושויער.

ווען ער האט געגעבן א מאך מיטן פינגער אין דער לופט, באוויזן, ווי אזוי א פינגער וועט זיך באוועגן אויפן לייוונט און שרייבן די ווערטער: „אליהו דער טינטנמאכער" — האב איך געזען באשיינפערלאך דעם לייוונט און געהאט די פולע אילוזיע פון א קינא-בילד.

מיר האבן דעמאלט געלאכטביידע. שלום-עליכם אליין האט געלאכט מיט א פולן, פרייען, הארציקן געלעכטער. איך האב אים אזוי לאכנדיק נאך קיינמאל ניט געזען. איך אליין האב אזויפיל, אויף איין מאל, נאך ניט געלאכט אין מיין לעבן.

ווען א פרעמדער זעט אונז דעמאלט, וואלט ער אונז אנגענומען פאר גערירטע. צוויי מענטשן זיצן און קייכן פון געלעכטער, ווי אינגלאך-קונדסים ביי א קינא-בילד פון טשארלי טשאפלין.

אין די בערג.

אנהייב יוני, 1915.

דער זומער-סעזאן האט זיך ערשט אנגעהויבן, אבער שלום-עליכם איז שוין אויף דאטשע אין די בערג. אין זיין דירה אויף דער 116-טער גאס איז היים: די זון

קוקט־אריין און ברענט דורך אלע פענסטער. עס שטייט אַ טומל: איין טראַם לויפט ביי איין זייט הויז, אַ צווייטער — ביי דער צווייטער זייט. און טאָמער איז קאַרג, האָט גאָט צוגעשיקט פונקט אַקעגן אַ טאַנצזאַל מיט אַן אָרקעסטער, וואָס פאַרפויקט די אויערן.

האָט זיך שלום־עליכם געראַטעוועט אין די בערג.

ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ קליינעם פּריוואַטן „באָרדינג־הויז" (פּאַנסיאָנאַט) אין פּיין־היל. די בעל־הביתטע איז גראָד געווען אַ אינטעליגענטע פרוי, אַ רוסישע, און אַ פאַרערערין פון שלום־עליכם. דער טיש איז געווען גוט, די געגנט אַרום — שיין. אָבער שלום־עליכם איז אומצופרידן. דאָס מערקט מען אין זיינע בריוו. ער קלאָגט זיך אויף גאָרנישט, נאָר זיין פאַמיליע פאַרשטייט זיך שוין אויף דער טעמפּעראַטור, אויף דעם טאָן פון זיינע בריוו.



שלום־עליכם, זומער 1915 [ניו־יאָרק, 110 לענאָקס עוועניו].

איז געבליבן, אַז זיין טאָכטער מאַרוסי און איך זאָלן צופאָרן צו אים אין די בערג אַריין, זען וואָס צו טון.

שלום־עליכם האָט אונז אָפּגעוואַרט ביים באַנהויף. ער איז געווען העל, זומערדיק אָנגעטאָן, פריילאַך געשטימט, האָט געשפּאַסט און, דער עיקר, זיך געגרויסט פאַר אונז מיט דער שיינער געגנט, מיטן קלאָרן הימל, מיטן בלויען וואַלד וואָס פונדערווייטנס און מיט די קיילעכיקע בערג וואָס אַרום.

ער האָט געוואָלט, מיר זאָלן זיין אַנציקט, איבערראַשט — פונקט ווי אַלצדינג אַרום וואָלט געווען זיינס, און דאָס פירט ער אונז ווייזן זיינע מאַיאָנטקעס.

אויפן פּנים האָט ער דעמאָלט אויסגעזען שלעכט. געל, פאַרוואָלקנט. ער איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. זיין פיגור פלעגט בכלל מיר אויסקוקן, ווי זי וואָלט ווערן העכער און נידעריקער מיט זיין שטימונג. סאיז געווען צו מערקן, אַז ער ליידט.

געזאָגט האָט ער, אַז שולדיק איז דער באַרגיקער וועג. וואוהין ער זאָל ניט גיין פון הויז, איז אַלץ אָדער באַרג־אַרויף, אָדער באַרג־אַראָפּ — משופּעדיקע וועגן. און דאָס איז צו שווער פאַר אים.

דאָס עסן איז אויך ניט געווען ווי געוואונטשן, אָבער די בעל־הביתטע האָט זיך געסטאַרעט צו קאָכן פאַר אים לויט זיין געשמאַק. נאָך אַ סיבה איז געווען, וואָס שלום־עליכם האָט זיך דאָ ניט־גוט געפילט: אין דעמזעלבן הויז איז איינגעשטאַנען אַ בחור, אַ פּראָסטער חי־וקיים. ער האָט פאַרמאָגט זייער אַ וואולגאַר פּנים און נאָך אַן ערגערע פאָר ידים. ער פלעגט זיצן מיט שלום־עליכמען ביי איין טיש, און ש. ע., אין זיין קריינקלאַכן צושטאַנד, האָט ניט געקאָנט צוקוקן, ווי אַזוי דער דאָזיקער חברה־מאַן נעמט אַ גראָבע לוסטע ברויט, שמירט־אָן דערויף אַ באַרג מיט פּוטער און פּאַקט אויף ביידע באַקן.

דערפון האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן אים מיט גוואַלד אַוועקגעפירט פון פּיין־היל. מיט גוואַלד — ווייל ער האָט ניט געוואָלט איבערפאָרן אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

ער האָט ניט געוואָלט און יאָ געוואָלט. געוואוסט האָט ער, אַז דאָ איז פאַר אים שעדלאַך צוליב די בערג און אומבאַקוועם צוליב אַנדערע זאַכן; אָבער אַוועקפאָרן איז אים געווען שווער.

וואָס איז געווען די סיבה?

אַ קליין פּינפּיאָריק מיידעלע, דאָס טעכטערל פון דער בעל־הביתטע. אַ וואונדער־שיין קינד, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן און מיט אַ חנעוודיק־ליבן שמייכל. זי איז געווען פּשוט פאַרליבט אין שלום־עליכמען, און שלום־עליכם — אין איר.

אינדערפרי, פאַרטאָג, שלום־עליכם פלעגט אויפשטיין אַזייגער זעקס, פלעגט זי שוין קומען צו אים צום בעט און זאָגן:

— גוד מאָנין, מיסטער שלום־עליכם.

אַמאָל פֿלעגט זי אַריינקריכן, ווי אַ קעצעלע, צו אים אין בעט אַריין און זיך לייגן צופֿוסנס. אַז שלום־עליכם פֿלעגט שרייבן, פֿלעגט דאָס מיידעלע זיך שפּילן דערבײַ אַליין, שטיל פֿאַר זיך, אים ניט צו שטערן, נאָר אַלע ווײַלע זיך אָפּשטעלן קוקן אויף אים. און אַז שלום־עליכם האָט זיך געזעצט אויף דער וועראַנדע אָפּרוען, איז זי באַלד אויסגעוואַקסן נעבן אים.

איינמאָל האָט דאָס מיידעלע דערהערט, אַז שלום־עליכם רעדט וועגן אַוועקפֿאָרן ערגעץ אויף אַ פּאָר טעג, האָט זי זיך אַזוי צעוויינט, אַז מע האָט זי קוים אײַנגע־שטילט.

איז דאָס געווען אַ שווערע הלכה פֿאַר שלום־עליכמען: ווי אַזוי וועט ער פֿון דאַנען אַוועקפֿאָרן? אין זיין באַציאונג צו קינדער איז תמיד געלעגן אַ באַזונדער געפֿיל פֿון רחמנות — רחמנות צו זייער קליינקייט און הילפֿלאָזיקייט. און דאָ האָט ער מורא געהאַט פֿאַר דעם מיידעלעס אויגן: ווי אַזוי וועט ער איר קאָנען קוקן אין די אויגן, אין די גרויסע בלויע אויגן אַריין, בײַם געזעגענען זיך?

דאָס האָבן מיר זיך אַלץ דערוואוסט אינדירעקט. ווײַל ריידן דערפֿון האָט שלום־עליכם ניט גערעדט. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז ער וועט מוזן אַריבערפֿאָרן אויף פֿליישמאַנס סטיישאָן, האָט ער אויף מיר געקוקט פֿאַרלוירן און שמערצלאַך — אַזוי דאַרף קוקן אַ פּאַציענט אויפֿן דאָקטאָר, וואָס הייסט אים גיין אונטערן מעסער.

איך בין אָפּגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר שעה צו געפֿינען אַ פּלאַץ אויף פֿליישמאַנס סטיישאָן. די גאַנצע צייט — האָט מען מיר שפּעטער איבערגעגעבן — האָט זיך שלום־עליכם קיין אָרט ניט געפֿונען.

איך בין געקומען צוריק אין אַן אויטאָמאָביל. דער בחור פֿונם ברויט־מיט־פּוטער האָט מיר געהאָלפֿן אַרונ־טערטראָגן דאָס געפּעק. שלום־עליכם איז געגאַנגען מיט אַ סוועטער אויפֿן אָרעם און מיטן שרײַב־ביכעלע אין דער האַנט.

מיטן מיידעלע האָט ער זיך שוין געהאַט צעזעגנט. אָבער דאָס בילד קאָן איך נאָך הײַנט זען:

אויף דער וועראַנדע שטייט אַ קליין מיידעלע, מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן פּנימל און מיט אַ פֿינגער אין מויל. שלום־עליכם גייט פּאַמעלאַך צום אויטאָמאָביל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. עס דערהערט זיך אַ קינדערש געוויין, און דער אויטאָמאָביל גיט זיך אַ ריס באַרג־אַרויף.

דעם גאַנצן וועג זײַנען מיר געזעסן אַלע שטיל, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

בּ ע ל מ אַ ר.

געקומען צו באַזוך צו שלום־עליכמען אויף אַ פּאָר טעג קיין בעלמאַר — סוף זומער 1915.

איך בין אָנגעקומען פֿאַרנאַכט. אינאָוונט רופֿט מיך שלום־עליכם שפּאַצירן. סאיז פֿינסטער. די צווייגן פֿון די ביימער הײַנגען געדיכט אַראָפּ. מיר גייען אָרעם אין אָרעם און מיט אַ שנעלן טראָט. פֿריער צעפֿרעגט ער זיך בײַ מיר וועגן מײַנע פּלענער. וואָס איך וועל טון באַלד און וואָס איך וועל טון שפּעטער, אַמאָל. דערנאָך גייט ער איבער צו זיך.

ער האָט דעמאָלט געשריבן „פֿונם יאַריד". געהאַט נאָר־וואָס פֿאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן ער באַשרײַבט, ווי אַזוי ער ווערט קראַנק, פֿאַלט־אַרײַן אין גרויסע היץ און שטייט־אויף — אַ דערוואַקסענער. אָט דער איבערגאַנג פֿון קינדהייט צו דערוואַקסנקייט דורך אַ היץ־קראַנקייט האָט אים אַליין אימפּאָנירט, און ער האָט דערפֿון אַ סך גערעדט, איבערדערציילט דעם גאַנצן עפּיזאָד פֿון זײַן ווײַטער יוגנט, גערעדט דערנאָך פֿון די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען אין בוך, וואָס ער וועט שרײַבן.

ער איז יענעם אָוונט געווען אַזוי יונג, אַזוי פֿריש און חבריש, און אַוועק איז די מחיצה פֿונם גרויסן יראת־הכבוד, וואָס איך האָב תמיד געהאַט פֿאַר אים, דער געדאַנק, אַז דאָס איז דער גרויסער זשעני פֿון אונזער ליטעראַטור, און בכלל, אַז ער איז אַ מענטש וואָס „פֿונם יאַריד" און איך בין נאָך אַ יונג בחורל — דאָס אַלץ איז ווי פֿאַרשוואונדן. צוויי יונגע, ראָמאַנ־טיש געשטימטע מענטשן האָבן געשפּאַצירט אָרעם אין אָרעם און געפֿאַנטאַזירט פֿון דעם, וואָס עס שטייט זיי פֿאַר אין דער צוקונפֿט.

צווייי טעג שפּעטער.

אַ מוראַדיקע היץ. פֿרוי שלום־עליכם ליגט אין בעט און לײַדט שרעקלאַך. פֿליגן פֿון גאָר דער וועלט עסן זיך אַײַן און דערגייען דאָס חיות. פֿון דענעמאַרק איז דאָ אַ בריוו מיט ניט קיין גוטע נײַעס פֿון שלום־עליכמס עלטערן זון — מישאַ.

ער האָט באַדאַרפֿט אַרויספֿאָרן קיין ניו־יאָרק. איז ער ווידער קראַנק. און מע ווייסט ניט, צי וועט ער אַרויספֿאָרן מיטן נעקסטן שיף, צי ניין. און מע דאַרף האָבן געלט. און קיין געלט איז נישטאָ.

די אַטמאָספֿערע איז אַ נערוועזע, אַ צערודערטע. שלום־עליכם איז שוין ניט מיט אַלעמען. שרעקלאַכע קאָפּווייטיקן. מע לייגט אים אַ גומענעם פֿענכער מיט אײַז צום קאָפּ.

ער זיצט אין אַ ווייכן שטול. איך שטיי בײַ דער זײַט, האַלט אים דעם אײַז־פֿענכער אויפֿן קאָפּ, און ער שרײַבט...

ער שרײַבט, ווי תמיד, באַדאַכט, מיט קלאָרן, אויס־דריקלאַכן כּתב, נאָר דאָ און דאָרט צוקט אַן אות.

אין אַ וואָך אַרום האָבן אידן געלייענט אין דער צײַטונג דאָס פֿריילאַך־געשריבענע פֿון שלום־עליכם און האָבן געלאַכט...

נאָך אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער.

מיר פאָרן אַלע צוריק קיין ניו־יאָרק. מיר וואַרטן אויפן צוג. שלום־עליכם גייט דערווייל אַרום אויף דער פּלאַטפאָרם מיט זיין ביכעלע און שרייבּט.

אין וואַגאָן זיצט ער אַליין בּיחידות אין אַ ווינקל און שרייבּט. סאיז דושנע. עס שלעפּערט. איך כאַפּ אַ קוק אויף שלום־עליכמען — דאַכט זיך, ער דרעמלט? ער האַלט אין בּיידע הענט דאָס ביכעלע מיט דער אָפּענער פּען און די אויגן זיינען אים צוגעמאַכט. נאָר אָט קומט־אַריין דורכן פענסטער אַ פריש ווינטל, אָדער דער צוג גיט זיך אַ טרייסל, כאַפּט ער זיך אויף — און שרייבּט ווייטער.

אַפּנים, ער האָט ניט געדרעמלט...

האָבּאָקען.

אַ שווערע צייט.

שלום־עליכמס פרוי ליגט קראַנק אויף אַ פוס. קיין געלט איז נאָך אַלץ נישטאָ. פון מישאָן קיין ידיעות איז אויך נישטאָ. מע האָט שוין געשיקט אַ קאַבּל־גראַם, נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען.

שלום־עליכם שווייגט. ער בּאַהאַלט זיך פון מענטשן. תמיד, ווען ער האָט זיך געפילט ניט־געזונט אָדער שלעכט־געשטימט, פלעגט ער זיך צוריקציען אין זיין צימער.

דערהערט, אַז איך בּין דאָ, קומט ער אַרויס. וואָס קאָן מען טון? היינט קומט־אָן אַ שיף פון קאָפּענהאַגען — אפשר זיינען די קינדער אויפן שיף? אָדער אפשר קומט צו פאָרן אַ בּאַקאַנטער, וואָס ווייסט עפּעס פון מישאָן?

עס בּלייבּט, אַז שלום־עליכם פאָרט מיט מיר צום שיף. מיר פאָרן מיט דער ניינטער עוועניו „על“ — אַ טעקסי איז ניט איינגעפאַלן צו נעמען, צי קיין געלט איז ניט געווען. אַ לאַנגע רייזע. נאָר שלום־עליכם שרייבּט שוין ניט. זיינע אויגן קוקן שאַרף און פאַר־שפּיצט.

אָנגעקומען אויסגעמאַטערטע צום ריכטיקן „דאָק“ (האַפן־בּנין) אין האָבּאָקען. דאָס שיף האָט פאַרשפּע־טיקט. עס האָט געזאָלט אָנקומען איינס אַזייגער, איצט איז שוין דריי. נישטאָ קיין בּרירה, מע מוז וואַרטן.

דער „דאָק“ איז ריזיק גרויס. אַזוי לאַנג, אַז מע זעט קוים די טיר. אַזוי הויך — צו פאַררייסן דעם קאָפּ. דאָס בּיסל מענטשן איז אַרוים אינדרויסן, שטייט דאָרט אויפן בּריקל, וואָס איבּערן וואַסער. אינם גרויסן בּנין זיינען נאָר מיר צוויי (שלום־עליכם האָט מורא צו פאַרקילן זיך אינדרויסן, אויפן וואַסער). וואו צו זיצן איז נישטאָ.

ערגעץ אָן דער זייט איז געשטאַנען אַ ליידיג פעסל, האָט שלום־עליכם אויף דעם זיך געזעצט און אַרויס־גענומען דאָס בּיכעלע. אַן אומהיימלאַך בּילד, וואָס איך זע נאָך בּיז היינט:

אַ ריזיקער בּנין, נאַקעט, שמוציק. ווייט אין אַ ווינקל — אַ ווייס פּינטעלע, ווי אַ פליג: דאָרט זיצט



פאַקסימילע פון דער אויפשריפט אויפן קאָנווערט, אין וועלכן סאיז געלעגן די צוואה פון שלום־עליכם.



פאקסימילע פון דער ערשטער זייט פון שלום-עליכמס צוואה.



פאקסימילע פון דער צווייטער זייט פון שלום־עליכמס צוואה.

דער גרויסער אידישער הומאָריסט און וואַרט אין אַנגסטן, טאָמער וועט ער קריגן אַ גרוס פון זיין קראַנקן שטאַרבנדיקן זון — און דערווייל שרייבט ער פאַרן פאָלק, צו דערפרייען זיין געמיט מיט געלעכטער...

אויפן וועג אַהיים איז שוין פינסטער. אַן אויטאָמאָביל פליט־אָן, גיט אַ שאַרפן סיגנאַל און אַ וואָרף מיט ליכט. שלום־עליכם טוט זיך אַ צאַפּל, ווי אַ געשאָסענער פויגל. איך כאַפּ אים אונטער און האַלט אים איין מיט אַלע כוחות אויף מיין אָרעם.

פאַרלאָרן.

דעם לעצטן ווינטער פלעגט שלום־עליכם אָפט קראַנק ווערן. קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך גלייך צוריקגעצויגן אין זיין אייגענעם צימער.

ער האָט ניט געוואָלט, מע זאָל אים זען „בעלבונו“. קראַנקייט, פונקט ווי טראַגעדיע, איז פאַר אים געווען עפּעס, מיט וואָס מע דאַרף זיך פון מענטשן אויסבאַהאַלטן.

אפילו פאַר זיינע נאָענטע האָט ער ליב געהאַט צו באַווייזן זיך אין גוטער אָרדענונג — שיין אָנגעטאָן, מונטער, לעבעדיק. באַזונדער גוט געשטימט פלעגט ער זיך פילן אַ שבת צי אַ יום־טוב צו מיטאָג, בעת ער פלעגט קומען אין צילינדער פון שול, וואו יאַסעלע ראַזנבלאַט האָט ספּעציעל פאַר אים „אויסגעשטעלט“ אַ דאַווענען, און זיך אַוועקזעצן צום טיש מיט דער גאַנצער פאַמיליע און מיט פאַרבעטענע געסט.

קראַנקערהייט פלעגט ער באַזוכער נאָר „אויפנעמען“. מע האָט געקאָנט אַריינקומען צו אים, שמועסן אַ ביסל, אַריינברענגען אַ שטיקל „וועלט“ פון דרויסן, ער זאָל זיך ניט פילן אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן. לאַנג פאַרזיצן זיך אָבער האָט מען ניט באַדאַרפט.

הגם עס האָט זיך געוואָלט זיצן לייִנגער. וואָרים מיט אים אין זיין צימער איז געווען פרייִלעכער ווי אין די אַנדערע צימערן פון הויז. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז איך דערקען שוין אָן די ווענט פון הויז, צי שלום־עליכם איז געזונט, צי ניין. איז שלום־עליכם געווען אין בעט, האָט זיך באַלד פאַרצויגן אַ וואָלקן איבערן שטוב און איבער יעדנס פּנים. מען איז אַנדערש געגאַנגען, מע האָט אַנדערש גערעדט. די גאַנצע לופט איז געוואָרן אָנגעשטריינגט, אָנגעלאָדן מיט שרעק.

ביי שלום־עליכמען אין צימער איז געווען פרייִער, לייכטער, רחבותדיקער. דער שרעק איז ניט געוואָרן. ער פלעגט ריידן קראַנקערהייט וועגן אַלצדינג אין דער וועלט, נאָר ניט פון זיין קראַנקייט. ער פלעגט לייענען אַלע צייטונגען, ווי תמיד, און אפילו די אַנאָנסן. ער האָט געוואוסט פון אַלץ און אַלץ געוואָלט וויסן.

איינמאָל בין איך אַריין צו אים אין זיין צימער. ער איז געלעגן האַלב־זיצנדיק אין שלאָפראָק. געשמועסט אַ ביסל, בעט ער מיך, איך זאָל אים אַרויסנעמען עפּעס אַ קאָנווערט פון זיין שראַנק.

באַקומען דעם קאָנווערט, נעמט ער אַרויס פון דאָרטן אַן אויסשניט פון אַ אידישער צייטונג — אַ סקיצע פון איינעם אַ אידישן שרייבער.

— אַנו, זאָגט ער, לייענט אַקאָרשט איבער. איך בין אַ בעלן צו וויסן, ווי אַזוי וועט עס אייך געפעלן.

די סקיצע, ווי אַלע אַנדערע, וואָס יענער שרייבער פלעגט דרוקן, איז געווען די גראַפאָמאַניע אַליין. סאיז מיר געווען אַ חידוש, וואָס שלום־עליכם האָט עס אויסגעשניטן, געהאַלטן אין אַ קאָנווערט, ווי אַן אבן־טוב.

איך קוק אויף אים — ער איז זייער ערנסט. פאַרטראַכט איך זיך: עפּעס מוז דאָך דאָ זיין! אפשר איז עס פאָרט גוט? אָדער אפשר איז עס גאָר אַ געגנבעטע זאַך?

בקיצור — איך זאָג, אַז עס קאָן זיין, אַז די זאַך איז אַ רעכטע זאַך, נאָר מיר געפעלט זי ניט.

שלום־עליכם האָט זיך צעלאַכט. דאָס האָט ער געוואָלט מיך אָנציען. ניט איין באַזוכער, זעענדיק, ווי אַזוי שלום־עליכם היט־אָפּ אין אַ באַזונדערן קאָנווערט די טייערע סקיצע און איז מיט איר מכבד זיינע געסט, איז אַריין אין התפעלות פון אַזאַ פּערל...

ער פלעגט קראַנקערהייט שרייבן אַ סך, נאָר ער פלעגט זיך אָפט איינמידן, און כדי אָפּצורוען, פלעגט ער מיט די באַזוכער שפּילן אין קאָרטן. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן אַ זעקס־און־זעכציק, אַ פינף־הונדערטאיינס, און אויך אַ פּינאָקל, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט שוין אין אַמעריקע. זיין אָפטער פּאַרטנער אין אַ זעקס־און־זעכציק איז געווען זיין אַלטער „ידיד“ פון אָדעסער יאָרן — דער פאַרשטאָרבענער אברהם אליהו (לובאַרסקי).

מיט מיר פלעגט ער קראַנקערהייט אָפט שפּילן אַ זעקס־און־זעכציק אָדער אַ טויזנט. אין זעקס־און־זעכציק איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער שפּילער — ער פלעגט כמעט אַלע מאָל געווינען. אַ טויזנט ווידער איז שוין אַ שפּיל, וואָס הייִנגט־אָפּ מער פונם מזל.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר געשפּילט אין קאָרטן אַ פינף טעג פאַר זיין טויט.

ער איז געווען אויסגעמאַטערט און קוים געכאַפּט דעם אָטעם. אַז איך האָב מיך צוגעזעצט צו זיין בעט, האָט ער נאָר אַ זאָג געטאָן „נו“, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז מיר זאָלן זיך נעמען צום טעשל קאָרטן.

די לעצטע צייט פלעגט ער אָפט ריידן מיט באַוועגונגען, אָנשטאָט צו באַנוצן ווערטער. אַזוי פלעגט ער, אָנשטאָט צו בעטן אַ ביסל וואַסער, צו שטילן זיין דאָרשט־קראַנקייט, נאָר אַ ווייז טון מיט דער האַנט אויפן מויל.

דאָס לעצטע שפּיל אונזערס וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

שלום־עליכם איז שוין דעמאָלט געווען ניט צו דער־קענען. די באַקן איינגעפאַלן. דאָס פּנים געל, ווי וואַקס. די אויגן איינגעגראָבן טיף, נאָר זיי ברענען מיט אַ בלוי פייערל.

מיר שפּילן אַ טויזנט. מיר ציען און וואַרפן קאָרטן. געענדיקט אַ קאָן, איבערגעציילט און פאַרשריבן. אַלץ אין דער שטיל, אָן אַ וואָרט צו ריידן.

שלום־עליכם שפּילט, דאַכט זיך, ווי תמיד, נאָר ער פאַרלירט. איך וויל אָבער, ער זאָל געווינען. וואַרף איך די טייז, די מלכים.

עס לויפט אַ קאָן נאָך אַ קאָן. אָפּגעשפּילט, גיט מיר שלום־עליכם שטום אַ שאַר־אָפּ די קאָרטן: ציילט. איך צייל. ער קוקט און וואַרט.

— נו? — פרעגט ער.

— פאַרלאָרן. — ענטפער איך.

— פאַרלאָרן, — זאָגט ער מיר נאָך, טוט אַ קנייטש דעם שטערן און אַ מאָדנע שמייכל באַלייכט אויף אַ מאָמענט זיין מיד, אָפּגעצערט פּנים.

מיר זיינען געבליבן שטיל. עפּעס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן אי פון דעם וואָרט „פאַרלאָרן", אי פון דעם דאָזיקן מאָדנעם בליציקן שמייכל. „נאָר דעם טויזנט פאַרלאָרן?" — האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך לייען־אַרויס פון זיין שמייכל.

און הגם ביז דער לעצטער מינוט האָט זיך מיר אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, אַז שלום־עליכם וועט טאַקע אַוועק פון אונז, איז דאָס דאָזיקע „פאַרלאָרן" געווען ווי אַ שוואַרצע שנור, וואָס האָט זיך געצויגן דורך מיינע געדאַנקען אין יענע שווערע, פינסטערע טעג.


דא ליגט א ייד א פשוטער
געשריבן אידיש-טייטש פאר ווייבער
און פארן פראסטן פאלק — ער איז
געווען א הומאריסט א שרייבער.

דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט,
געשלאגן מיט דער וועלט כפרות.
די גאנצע וועלט האט גוט געמאכט,
און ער — אוי וויי — געווען אין צרות!

און דווקא דעמאלט ווען דער עולם האט
געלאכט, געקוויטשעט, און פלעג זיך פריידען,
האט ער געברענט — דאס ווייסט נאר גאט —
בסוד, אז קיינער זאל ניט זעהן.

שלום-עליכם.

פאַקסימילע פון שלום־עליכמס עפּיטאַפיע.

שלום־עליכם און זיין הויזגעזינד אין אלבעק, דייטשלאנד, יולי 1914. זיצנדיקע — פון רעכטס צו לינקס: מארוסי, שלום־עליכם מיט זיינע צוויי אייניקלאך טאמארא און בעלא, ערנעסטינע, נומא; שטייענדיקע — פון רעכטס צו לינקס: פרוי שלום־עליכם, מישא, עמא, מיכאל קויפמאן, ליאלי, י. ד. בערקאוויטש.

מיט דער משפּחה
פֿון שדיפּטשטעלער

I

יאָרן־לאַנג איז שלום־עליכמס פּערזאָן געווען פאַר דער שריפטשטעלערישער משפחה, דערהויפּט פאַר דעם גרעסטן טייל פון איר, וואָס האָט זיך עטאַבלירט אַלץ ליטעראַרישער צענטער אין וואַרשע, אַ רעטעניש. אפילו דעמאָלט, ווען זיין שאַפונג האָט זיך שוין געהאַט צעגאָסן, ווי אַ ברייטער טייך, איבער דער יונגער אויפגייענדיקער אידישער פּרעסע אין רוסלאַנד, און פאַרן אידישן לעזער איז זיין נאָמען געוואָרן דער נאָענטסטער און באַקאַנטסטער, איז ער פאַרן רוב פון דעם שרייבערישן קרייז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ מין טעררא־אינקאָגניטאַ. דאָס, וואָס מע האָט פון אים דערציילט, איז געווען מער לעגענדע, ווי כאַראַקטעריסטיק. עס זיצט אַ איד ערגעץ אין קיעוו, אין דער שטאָט פון אידישע מיליאָנערן, וואָס מע דערציילט אויף אים, אַז אַליין איז ער אויך אַמאָל געווען איינער פון זיי, לעבט אין אַ ספערע פון גרויסע געשעפטן און ברייטן פאַרנעם, וואָס איז אַזוי ווייט און פרעמד פון דער השגה פון אַ אידישן מחבר — און צו דערזעלבער צייט כישופט ער וואָך־איין וואָך־אויס מיט זיין אומערמידלאַכער פען, צעשטראַלט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער מיט אַלע חנען פון אַ גרויסן, ליכטיקן, ביז אַהער ביי אידן נאָך ניט געזעענעם קינסטלער, און פאַרכאַפּט וואָס ווייטער אַלץ מער די הערצער פון דעם ברייטן אידישן עולם. ווער איז ער? אַ שרייבער, ווי אַלע שרייבערס? אָדער עפּעס אַן אויסטערלישע דערשיינונג, אַ פאָלקס־פענאָמען? און ווי אַזוי איז ער אין זיין באַציאונג צו חברים־שרייבערס? אַן אייגענער? אַ פרעמדער? אויב אַן אייגענער — פאַרוואָס זיצט ער אַזוי דערווייטערט פון אַ ליטעראַרישן קבוץ? אויב אַ פרעמדער — מיט וואָס דערקלערט מען די האַרציקע היימישע נאָענטקייט, וואָס רעדט אַזוי וואַרים אַרויס פון יעדער שורה זיינער?

סוף 1904 און אָנהייב 1905, אַז שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן ביסלאַכווייז צו באַווייזן זיך אין דער אידישער וועלט און האָט געזאָלט קומען צום ערשטן מאָל קיין וואַרשע, האָט דאָס צווישן די וואַרשעווער שרייבערס געמאַכט אַן אויפריר. די אינגערע פון דער משפחה, די מער אויפריכטיקע און נאָך ניט באַרירטע פון פּראָפעסיאָנעלע פניות און קאָנקורענץ־געפילן, די וואָס האָבן זיך באמת געקוויקט מיט שלום־עליכמס געבענטשטן שאַפן, האָבן געוואַרט אויף אים, ווי אויף

אַ יום־טוב. נאָר צווישן די עלטערע, און דווקא צווישן די „פּני" פון דעם ליטעראַרישן קרייז, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסבאַוויזן אַ קאַלטע אומצופרידנקייט. פון פּרצעס טיש, אַרום וועלכן עלטערע און איינגערע שרייבערס האָבן דעמאָלט געפּראַוועט ליטעראַרישע „דאָנערשטאָגן" און געפּלפּולט זיך אויף ליטעראַריש־פילאָזאָפישע טעמעס, איז איינמאָל אין אַזאַ „דאָנערשטאָג" אַרויס אומגעפּער אַזאַ כאַראַקטעריסטיק: „שלום־עליכם — אַ קיעווער איד, אַ באַגאַבטער אפילו, אָבער ניט העכער דערפון; די ליטעראַטור און די שריפטשטעלער קאָנען קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט אים"... און מע האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן צום איבערגעריסענעם ליטעראַריש־פילאָזאָפישן פּלפּול (אויף דעם סדר־היום איז דעמאָלט, דאַכט זיך, געשטאַנען: „געשלעכט און כאַראַקטער" פון אָטאָ וויינינגער). איז אָבער די טעמע „שלום־עליכם" געווען מער צוציענד. האָט מען גענומען דערציילן מעשיות און איינפאַלן פון שלום־עליכמען, מע האָט דערמאַנט דעם פּעריאָד פון זיין „פאָלקסביבליאָטעק", מע האָט איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון זיינע הומאָריסטישע בריוולאַך, וואָס ער שרייבט זייער גערן צו אייניקע פון זיינע וואַרשעווער חברים, — און אפילו די אומצופרידענע „פּני" האָבן פאַרגעסן זייער אָנגעצויגענע קאַלטע באַציאונג צום „קיעווער אידן" און האָבן האַרציק געלאַכט.

שלום־עליכם האָט זיך באַוויזן אויף אַ קורצער צייט אין וואַרשע און שפּעטער אין ווילנע (וואו עס האָט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן צו פאָרמירן אַ ליטעראַרישער קבוץ) — און דער איינדרוק אויף די שרייבערס, וואָס האָבן אים פריער ניט געקענט, איז געווען אַן איינגענעם־איבערראַשנדיקער. ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי איינפאַך־מענטשלאַך, אַזוי ניט פּרעטענציעז־אָנגעבלאָזן, טאַקע נאָר ווי אַ פּשוטער „קיעווער איד"; עס האָט פון אים אָבער אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז געווען פיל־פיל ה ע כ ע ר דערפון. ער האָט באַצויבערט דאָס אויג און געוועקט טיפע נייגעריקייט דווקא מיט די ווידערשפּרוכן פון זיין פּערזענלאַכקייט: דורך־און־דורך אַ קינסטלער — און צו דערזעלבער צייט אַזוי פּשוט, מיט אַ שטאַרקער וואָרצלדיקער פּשטות, וואָס לייקנט־אָפּ אַלע ראַפינירטע „טיפקייטן". דורך־און־דורך קלוג און איראָניש־שאַרף — און צו דערזעלבער צייט אַזוי נאַאיוו און אַזוי חבריש־צוטרוילאַך דווקא צו איינגערע און שוואַכערע פון זיך. דורך־און־דורך איד — נאָר א י ד ל ט זיך ניט, גלאָצט ניט מיט אויגן לשם שמים, קנייטשט פון זיך ניט קיין פאָלקס־סטראַפּטשע. טראָגט לאַנגע „דיכטערישע" האָר, אפילו אַ שוואַרץ „גאָרקי־העמדל", טשעפּעט אויף זיך אָן כלערליי „עמבלעמעס" פון דעם שריפטשטעלערישן צעך — און צו דערזעלבער צייט איז ער אינערלאַך אַזוי ווייט פון יעדער שריפטשטעלערישער קאָקעטעריי, פון יעדער פּראָפעסיאָנעלער אָפּגעזונדערטקייט, אָן אַ שפּור פון דיכטערישער בטלנות, פון פעדערהעלדישער פּסיכאָלאָגיע, פון גאָטגעזאַלבטקייט. ער טראָגט זיין דיכטער־קרוין פון ווייכע פיינע געקרויזטע קאַשטאַנען־האָר אַזוי פּשוט און אַזוי לייכט, ווי דער אַרבעטער טראָגט זיין אַרבעט־קאַשקעט. ער שטעקט־אָן די קעשענעס מיט אַלערליי פּענעס און שטיפטלאַך, ווי דער אַרבעטער מיט זיינע אינסטרומענטן. ער דעמאָנסטרירט דערמיט ניט זיין אויסדערוויילטקייט, נאָר זיין זעלישע צוגעבונדנקייט צו זיין לעבנס־אַרבעט, מיט וועלכער ער איז פאַרקנסט און פאַראייניקט אויף אייביק.

פאַר דעם, וואָס האָט אים דערקענט נעענטער, האָבן זיך אָט די אַלע ווידערשפּרוכן צוזאַמענגעגאָסן אין איין שיינער, ליבער, טשיקאַווער האַרמאָניע.

2

סאיז ניט געווען בלויז אַ צופאַל פון אומשטענדן, וואָס שלום־עליכם האָט די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין קיעוו, ווייט פון אַ ליטעראַרישער סביבה. אחוץ וואָס קיעוו, די מעטראָפּאָליע פונם אוקראַאינער אידנטום, דער קבוץ־גליות פון אַלע מיני וואָלינער כתרילעווקעס, איז פאַר אים געווען דאָס נאָענטסטע באָאָבאַכטונג־פעלד, וואו ער האָט זיך אַזוי היימיש און אינטים געקאָנט אָריענטירן, איז די דאָזיקע שטאָט, מער פון אַלע אַנדערע שטעט אינם אידישן תחום פון רוסלאַנד, געווען צוגעפּאַסט צו זיין לעבעדיקן, רירעוודיקן טעמפּעראַמענט, צו זיין טעטיקן, שטענדיק זוכנדיקן און שטענדיק ערוואַרטנדיקן גייסט. די שטאָט פון ברייטן אידישן פאַרנעם, פון וואַגנדיקן אידישן אונטערנעמונג־גייסט, פון רייכע מעגלאַכקייטן און דערגרייכונגען, פון גרויסע עליות און ירידות — איז ווי לכתחילה באַשאַפן געוואָרן צו זיין שלום־עליכמס רעזידענץ. דאָרט האָט ער אי פול געלעבט, אי געקאָנט געבן אַ פולן אויסדרוק צו זיין טעטיקן, שאַפנדיקן קינסטלער־גייסט. ווי אַ דאָרשטיקער שוואָם, האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט דעם זאַפטיקן פאָלקסלעבן פון זיינע וואָלינער ברידער אין דער ענערגישער באַוועגלאַכער שטאָט, און דעם רייכן שפּעדיקן איבערפלוס האָט ער ביינאַכט, ביים ליכט פון זיין שרייבטיש, צוריקגעגעבן דעם פאָלק אין אַן איבערגעשאַפענער געלייטערטער פאָרם. לעבן און שאַפן זיינען ביי אים געווען א י י נ ס. ער האָט דערצו ניט באַדאַרפט קיין צווייטע באַזונדערע קעמערלאַך. ער האָט זיך ניט געניטיקט אין קיין רעדאַקציאָנעלע קאַבינעטן און אין קיין ליטעראַרישע קאַפּעשטיבלאַך, צו סטימולירן זיין שאַפן. עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז שלום־עליכם זאָל אָפּלעבן אַ לעבן אין אַזאַ שטאָט, ווי וואַרשע אָדער ווילנע, ערגעץ ביי אַ טישל פון אַ רעדאַקציע, בלויז ווי אַ ליטעראַרישער באַאַמטער, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער

רעגיסטראַטאָר פונם פאָלקסלעבן, און ניט ווי איינער, וואָס לעבט עס אַליין. פונקט ווי סאיז שווער געווען פאַרצושטעלן זיך, אַז שלום־עליכם זאָל אָפּזיצן אַ לעבן אין אַ ליטעראַרישן קאַפּעשטיבל און אין אַ מסיבה פון שריפטשטעלער דיסקוטירן אַבסטראַקט, טאָג־אײַן טאָג־אויס, ליטעראַרישע אָדער נאַציאָנאַל־אידישע פּראָבלעמעס. דאָס וואָלט פאַר אים געווען לאַנגווייליק, ווי דער טויט. און ווער ווייסט, צי דאָס וואָלט אויך ניט אויסגעטריקנט זיין שאַפונג־קוואַל? וואָרים זויגן פונם פינגער איז ניט געווען אין זיין טבע. דער קינסטלערישער חוש־הקיום האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זיין קוואַל איז אונטן, אין דער נידער, אינם עצם פאָלק — ניט אין די אָפּגעזונדערטע הויכקייטן, וואָס זיינען איבערן פאָלק; אַז זיין אָביעקט איז דאָס לעבעדיקע פאָלק אַליין — ניט זיין אַבסטראַקציע, וואָס ווערט אויסגעדרשנט און אויסגעפּשטלט פון יחידי־סגולה, וועלכע לאָזן זיך גיין פאַראויס פאַרן פאָלק און באַמערקן ניט, אַז זיי גייען אַליין. און דעריבער האָט ער זיך אַזוי גערן און צוטרויליך באַוועגט צווישן די לעבעדיקע מענטשן פונם פאָלק, און אַזוי ניט־גערן און פאָרזיכטיק זיך באַצויגן צו די, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פונם פאָלק אין אַ העכערער קאַסטע, און אָנשטאָט מיטצולעבן דאָס פאָלקסלעבן, האָבן זיי עס אויסגעפּשטלט אין אַן אַבסטראַקציע און פאַרוואַנדלט עס, פאַר זיך אַליין, אין אַ ליטעראַרישן ערואָץ.

דער „קיעווער איד" איז געווען צו פּשוט און צו נאַטירלאַך, ער זאָל פאַרוואַרפן דאָס לעבעדיקע לעבן און זיך לאָזן באַנוגענען מיט אַן ערזאַץ. ער האָט זיך אויפן קיעווער „קרעשטשאַטיק" און אויפן קיעווער „פּאָדאָל", צווישן די כתרילעווקער אין יעהופּעץ, געפילט היימישער און פרייער, ווי ער וואָלט זיך געפילט אין וואַרשע, אויף די ליטעראַרישע „דאָנערשטאָגן".

3

און דערמיט קאָנען אַ ביסל באַלויכטן ווערן די באַציאונגען צווישן שלום־עליכם און י. ל. פּרץ.

סאיז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די צוויי גרויסע אידישע שריפטשטעלער האָבן זיך אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן איינער צום אַנדערן ניט נאָר פרעמד, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אומפריינטלאַך. אויבערפלעכלאַך ווערט דערציילט, אַז גענומען האָט זיך עס פון אַ נאַרישקייט: פּרץ איז געווען אין כעס, למאַי שלום־עליכם האָט אויסגעבעסערט זיין „מאָניש" אין דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק" און למאַי ער האָט אויסגעלאַכט, אינם „קול מבשר", זיין פּאָעזיע, און שלום־עליכם איז געווען אין כעס, למאַי פּרץ האָט אויסגעכאַפּט ביי אים זיין יאָרבוך און האָט עס אָנגערופן כמעט מיטן זעלבן נאָמען: „די



שלום־עליכם און בעל מחשבות [קאָוונע, ווינטער 1905].

אידישע ביבליאָטעק". דערביי ווערט צוגעגעבן, אַז אויף די עלטערע יאָרן, ווען דער כעס איז זיי אָפּגעגאַנגען, האָבן זיך די צוויי שריפטשטעלער איבערגעבעטן און זיינען געוואָרן גוטפריינט.

דאָס איז אָבער נאָר אויבערפלעכלאַך. אין דער אמתן, איז דער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי געווען אַ פיל טיפערער, אַ מער וועזנטלאַכער: פּרץ האָט אין שלום־עליכמס גרויסער פּאָפּולאַריטעט ביים פאָלק געפילט כמעט אַ באַליידיקונג פאַר זיין אייגענער גרויסקייט, און שלום־עליכם איז צו פּרצעס שאַפן כמעט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבליבן קאַלט, *ווייל ער האָט פון דעם קיין הנאה ניט געהאַט.*

אין מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט שלום־עליכמען איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעדט דאָס האַרץ פאַרן קריטיקער בעל־מחשבות וועגן דער אידישער ליטעראַטור בכלל און וועגן פּרצן בפרט, און עס וועט זיין ניט איבעריק דאָ צו פאַרצייכענען אין אַלגעמיינע שטריכן יענעם געשפּרעך.

געווען איז דאָס אין ווילנע, אָנהייב 1905. שלום־עליכם איז דעמאָלט איינגעשטאַנען, אַלץ גאַסט, גראָד אין דעם הויז, וואו איך האָב געוואוינט, מיט איין עטאַזש נידעריקער פון מיין וואוינונג (דאָס הויז, אויפן ראָג פון דער סאַדאָווער און שאָפּען־גאַס, האָט געהערט צו איינעם פון די ווילנער שטאָט־טוער דניאל אוציעכאָווסקי, וועלכער האָט אַראָפּגעבראַכט שלום־עליכמען אויף אַ פאָרלעזונג לטובה פון דעם אידישן שפּיטאָל און האָט אים אַגב פאַרבעטן צו איינשטיין ביי אים אַלץ גאַסט). איינמאָל אין אַן אָוונט איז צו מיר אַריינגעקומען בעל־מחשבות און מיך גערופן אַראָפּצוגיין מיט אים צו שלום־עליכמען, מיט וועמען איך האָב מיך באַקענט ערשט מיט עטלאַכע טעג צוריק. מיר האָבן געטראָפן שלום־עליכמען אין אַ קליינעם רייןצוגעקליבענעם צימער, ליגנדיק צוגעשפּאַרט אויפן וויים־פאַרבעטן בעט און לייענענדיק אַ בוך. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס צוזאַמען מיט דער שוואַרצער „אַרבעטער־בלוזע" (אמת — פון פיינעם שטאָף) טראָגט ער אויך פרישע לאַקירטע באַל־שיך.

דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס שלום־עליכם האָט מיך אַ פרעג געטאָן, צי האָב איך מיין דערציילונג „מאָשקעלע־חזיר", וואָס האָט זיך געדרוקט אינם קאָנקורס פון „הצופה", געשריבן *נאָכדעם* ווי סאיז געדרוקט געוואָרן זיין „מאָשקעלע־גנב". באַקומען פון מיר אַן ענטפער, אַז איך האָב מיין דערציילונג געשיקט צום קאָנקורס מיט דריי חדשים פריער, איידער „מאָשקעלע־גנב" האָט זיך באַוויזן אין דער „פאָלקסצייטונג", האָט ער באַמערקט: „הגם ביידע זאַכן האָבן צווישן זיך קיין שום ענלאַכקייט ניט, איז אָבער ניט גוט, וואָס זייערע נעמען קלינגען אַזוי ענלאַך; דער געוויינלאַכער לעזער, וואָס גייט ניט אַריין אין תוך אַריין, קאָן דאָ פאַרבייטן די יוצרות".

בעל־מחשבות האָט דערביי געפרעגט שלום־עליכמען אין אַ שפּאַס: צי וויל ער גאָרניט שאַפן אַרום זיך אַ „שולע" פון יונגע אידישע בעלעטריסטן, וואָס זאָלן גיין אין זיינע וועגן? דערויף האָט שלום־עליכם געענטפערט:

— ניין! איך בין ניט קיין „גוטער איד" און האַלט ניט פון פּראַווען טישן און וויל ניט, אַז חסידים זאָלן פון מיר כאַפּן שיריים. איך לאָז איבער די אַרבעט פאַר פּרצן.

און אַזוי האָט זיך פאַרבונדן דאָס געשפּרעך וועגן פּרצן. קעגן זיין טבע (וואָס איך האָב אין אים דערקענט שפּעטער), צו לאָזן ריידן יענעם און אַליין בעסער צו *האָרכן*, האָט זיך שלום־עליכם דאָס מאָל זייער וואַרים צערעדט. איבערגעבן אַצינד זיין געשפּרעך מיט אַלע פּינקטלאַכקייטן איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלאַך. איך באַמי מיך נאָר אויפצושטעלן אין מיין זכרון דעם אינהאַלט פון זיינע ווערטער. און דער אינהאַלט איז געווען אומגעפער אַזוי:

— פּרץ פּראַוועט טישן, ווייל ער איז אין גרונט מער חסידישער רבי, ווי שרייבער. און ניט פון אונזערע פּשוטע וואָלינער „גוטע אידן", ווי אַ „שפּאָלער זיידע", אָדער אַ רב לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס זיינען אַליין געווען פאָלקסמענטשן און דאָס פאָלק האָט זיי פאַרשטאַנען, נאָר פון דעם פּוילישן טיפּ — אַ מין גערער. ער איז אַ בעל־גאוה קעגן פאָלק, האַלט זיך מיטן פאָלק מעשה פּריץ, רעכנט דעם המון־עם נידעריקער פון זיך, רעדט מיט אים ניט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פאַר אים „תורה" — פול מיט כוונות, מיט רמזים, מיט פּינטעלאַך... רינגלט זיך אַרום מיט יונגעלייט — „חסידים", צווישן זיי אַ סך גאָרנישטן, פליאַסקעדריגעס, וואָס באַמקען־צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען־אַריין אין קעלבערנע התפּעלות פון יעדן וואונק זיינעם, פון יעדן קנייטש מיטן ברעם: „אַי־אַי, פּלאַי פּלאַים!"... פאַר דער יונגער אידישער בעלעטריסטיק איז עס אַ געפאַר, וואָס פּרץ ווערט איר וועגווייזער, ווייל סאיז נאָך אַ ספק, צי פּרץ אַליין איז אַ בעלעטריסט. אַ וועגווייזער מעג זיין אַזאַ ווי טאָלסטאָי, אַזאַ ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן ניט קיין אָנשטעלן, שרעקן ניט דעם עולם מיט זייער טיפער חכמה, וואָס מע דאַרף האָבן אַ באַזונדער זכיה זי צו פאַרשטיין — זיי זיינען אַזוי עכט און אַזוי אויפריכטיק, אַז *אַלע* פאַרשטייען זיי. אָט ביי וועמען מיר דאַרפן זיך לערנען, ווי אַזוי צו שרייבן! פון פּרצעס „טישן" און פון פּרצעס „תורה" וועלן ביי אונז נאָר אויסוואַקסן ליטעראַרישע פליאַסקעדריגעס...

שלום־עליכם האָט אין יענעם געשפּרעך אויך באַרירט פּרצעס *אידיש*, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, מער אַ לאָקאַלער דיאַלעקט פון עטלאַכע פּוילישע גובערניעס, איידער אַ אידישע *שפּראַך*.

„אידיש שרייבן — האָט ער געזאָגט — וואָלט מען, דאַכט זיך, שוין געמעגט גיין לערנען זיך ביי אבראַמאָוויטשן, וואָס כאָטש ער איז געבוירן אַ ליטוואַק, האָט ער אָבער אַזוי מייסטערהאַפט צוזאַמענגעגאָסן דאָס ליטווישע מיטן וואָלינישן, אַז סאיז דערפון ארויסגעקומען איין שפּראַך, און וואָס פאַר אַ שפּראַך! איז אָבער ניין! אפילו א י ד י ש ש ר י י ב ן האָבן זיך אונזערע פליאַסקעדריגעס גענומען לערנען ביי פּרצן. און דער דאָזיקער פּרץ איז עפּעס אין דער שפּראַך אַ ווילדער צו־להכעיסניק: אַז די גאַנצע וועלט, למשל, זאָגט „עמיצער“, — שפּאַרט ער זיך איין און שרייבט דווקא „עמיץ“! נו־נו! שרייבן שוין איצט אַלע חסידימלאַך „עמיץ“. אפילו ליטוואַקעס! אפילו מ י י ס ע ט י י ץ — אים שטייט שוין אויך ניט אָן די שפּראַך, וואָס זיין מאַמע האָט מיט אים גערעדט אין דער היים, ערגעץ אין שמאַרגאָן צי אין אייסיסאָק, ער שרייבט אויך „עמיץ“! סאיז געוואָרן אַ מין פאַספּאָרט פון מאָדערניזם: שרייבסטו „עמיץ“ — ביזטו דאָך פון אונזערע לייט, אַן עמיציסט“...

אין דער מינוט האָט די דינסט אַנגעקלאַפּט אין טיר, געבראַכט טיי.

— שאַט! — האָט זיך שלום־עליכם אויפגעהויבן און אַ בליץ געטאָן אויף אונז מיט זיינע ברילן. — ע מ י ץ קלאַפּט שוין אין טיר!...

בעל־מחשבות האָט די גאַנצע צייט מער געשמייכלט, ווי גערעדט, און האָט זיך כמעט ניט איינגעשטעלט פאַר פּרצן. אים איז, אַפּנים, געווען אינטערעסאַנט אויסצוהערן שלום־עליכמען. ער אַליין האָט אויך געכאַפּט אַ קליינע פּאָרציע. שלום־עליכם האָט אים פירגעוואָרפן, למאַי ער איז ניט געהיט מיט דער שפּראַך און שרייבט דייטשמעריש. „מילא פריער, אַז איר פלעגט זיך אונטערשרייבן אונטער אייערע אַרטיקלען „גר־צדק“, האָט איר געמעגט שרייבן אידיש ווי אַ גר, אָבער איצט הייסט איר דאָך עפּעס בעל־מחשבות!“...

אַרויסגעגאַנגען, האָט בעל־מחשבות אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. פּונקט אַזוי קריכט פּרץ פון דער הויט צו פאַרלייקענען שלום־עליכמען. און איר ווייסט — סאיז נאַטירלאַך אַזוי. שרייבערס דאַרפן ניט זיין זיס איינער צום אַנדערן. דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו האָבן זיך נאָך מער געריסן...

4

אין די לעצטע יאָרן זיינען די באַציאונגען צווישן שלום־עליכמען און פּרצן פיל ווייכער געוואָרן. פון שלום־עליכמס זייט האָט זיך עס געלאָזט פילן נאָכדעם ווי עס זיינען דערשינען פּרצעס „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן“, דורך וועלכע שלום־עליכם האָט דערזען פּרצן אין אַ גאַנץ נייעם ליכט. וואַרשעווער שריפטשטעלער דערציילן, אַז אין יענער צייט פלעגט פּרץ באַווייזן פאַר זיינע מקורבים אַ באַגייסטערטן בריוו פון שלום־עליכמען, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַזאַ זאַץ: „אַז איך האָב דורכגעלייענט די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן“, בין איך צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פּעטש — דערפאַר, וואָס איך האָב ביז אַהער ניט געוואוסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן אייער הויכן ווערט“. צי שלום־עליכם האָט אויסגעדריקט זיין התפּעלות פאַר פּרצן דווקא מיט די ווערטער, צי אין אַן אַנדער נוסח — דאָס וועט מען געוואויר ווערן, ווען יענער בריוו, אויב מע האָט אים אָפּגעהיט, וועט פאַרעפנטלאַכט ווערן. אין שלום־עליכמס אַרכיוו איז ניט געפונען געוואָרן קיין שום קאָפּיע פון זיינע בריוו צו פּרצן. איין זאַך ווייס איך, אַז שלום־עליכם פלעגט אָפּט ריידן פון די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן“, ווי פון פּרצעס בעסטער שאַפונג. איך געדיינק, ווי איינמאָל אין נערווי, שפּאַצירנדיק אויפן ברעג ים מיט איינעם אַ באַקאַנטן פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען אַ פולשטענדיק אַסימילירטער איד, און וועלנדיק דערוויזן אים, צו וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה די אידישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט, האָט ער אים רעקאָמענדירט פּרצן (וועמעס נאָמען יענער האָט צום ערשטן מאָל געהערט). דערביי האָט שלום־עליכם מייסטערהאַפט איבערדערציילט אויף רוסיש די „דריי מתנות“ פון די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן“ און איז געווען באמת גליקלאַך, אַז זיין צוהערער האָט די דאָזיקע זאַך באַוואונדערט ווי אַ ליטעראַרישע פּערל.

פון פּרצעס „רעווידירטער“ באַציאונג צו שלום־עליכמען אין די שפּעטערדיקע יאָרן קאָן איך דאָ איבערגעבן אָט דעם עפּיזאָד:

דורכפאָרנדיק איינמאָל וואַרשע, האָב איך ביי דינעזאָנען אין צימער געטראָפן פּרצן. מע האָט זיך צערעדט, געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן, און סאיז מיר געווען אַ חידוש, וואָס פּרץ פרעגט זיך גאָרניט נאָך אויף שלום־עליכמען. און פּלוצים רופט זיך אָן צו מיר פּרץ גאַנץ אומגעריכט („ראַפּטום“ — אויף זיין לשון):

— איר שרייבט היינט אַ בריוו צום שלום־עליכמען? שרייבט אים אין מיין נאָמען, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער!

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?

— איך האָב ערשט די טעג איבערגעלייענט „סטעמפּעניו“.

— איר האָט דען ביז אַהער ניט געלייענט „סטעמפּעניו“?

— שטעלט אייך פאָר — ניין!

איך האָב געהאַלטן פאַר אומבאַקוועם איבערצוגעבן שלום־עליכמען אין אַ בריוו אַזאַ מאָדנעם גרוס פון פּרצן. ווייסנדיק, ווי אַזוי שלום־עליכם האָט ליב

אויסצוהערן אַ זאַך מיט אַלע פּרטים, האָב איך מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אים נאָר צעשטערן זיין גלייכ־געוויכט. אין אַ צייט אַרום, ביי אונזער באַגעגעניש, אַז איך האָב די זאַך דערציילט שלום-עליכמען אויף אַ שפּאַצירגאַנג, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט:

— וואָס האָט ער זיך אַזוי שפּעט דערמאַנט?

און שפּאַצירנדיק עטלאַכע מינוט מיט אַ פאַר־טראַכטן שמייכל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דער ממזר האָט געלייענט „סטעמפּעניו" נאָך בימי ה„פאָלקסביבליאָטעק", סך־הכל מיט אַ יאָר עטלאַכע און צוואַנציק צוריק. איך האָב גוטע עדות דערויף!...

איך האָב געפילט, אַז דער דאָזיקער ענין האָט שלום-עליכמען דערוואַרימט. און ווער ווייסט, צי אין דעמזעלבן אָוונט איז ניט אַוועקגעגאַנגען אַ האַרציקער בריוו פון אים צו פּרצן קיין וואַרשע?...

פון דעסטוועגן פלעגט אויך אין די לעצטע יאָרן אָפּט דורכפליען אַ שוואַרצער שאָטן צווישןביידע שריפטשטעלער, און אפילו אויף זייער גאָר לעצטער באַגעגעניש אין וואַרשע, זומער 1914, איז ביי זיי שיר ניט דערגאַנגען צו אַ קאָנפליקט. שלום-עליכם האָט דעמאָלט געהאַט אַ צו שטורימדיקן קבלת־פּנים מצד דעם וואַרשעווער אידישן עולם, און פּרץ האָט זיך פּשוט פאַרלאָרן. (זע דר. גרשון לעווינס זכרונות אין דעם בוך).

און אַז מע רעדט פון פּרצן, מוז דאָ גלייך דערמאַנט ווערן אויך דינעזאָן, וועלכער האָט אַ סך געווירקט צו דער דערנעענטערונג פון פּרצן מיט שלום-עליכמען אין דעם לעצטן פּעריאָד. דינעזאָן איז דאָ, אייגנטלאַך, תמיד געשטאַנען צווישן צוויי פייערן (דאָס שטאַר־קערע פייער פאַר אים איז, פאַרשטייט זיך, געווען פּרץ). פון איין זייט זיין בעסטער לעבנסחבר פּרץ, צו וועמען ער האָט געהערט מיט לייב און מיט נשמה, און פון דער אַנדערער זייט שלום-עליכם, צו וועמען ער האָט זיך אויך געקלעפּט פון כמה יאָרן מיט נאָענטער פריינטשאַפט. און כאָטש פּרץ האָט זיכער ניט געשטערט דינעזאָנען אין זיין פריינטשאַפט צו שלום-עליכמען, האָט זיך אָבער די טעמפּעראַטור פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט ניט ווילנדיק געביטן אונטער פּרצעס השפּעה. האָט פּרץ אַרויסגעזאָגט אַ קאַלטע מיינונג וועגן שלום-עליכמס אַ לעצט-געדרוקטן פעליעטאָן, איז דאָס דורכגעגאַנגען איבער דינעזאָנס וואַרימע באַציאונגען צו שלום-עליכמען ווי אַ פרעסטל; איז אָבער גלייך נאָכדעם אָנגעקומען אַ האַרציק בריוול פון שלום-עליכמען, האָט דאָס פרעסטל באַלד אָפּגעלאָזט און דאָס דינע אַייז האָט זיך גיך צעשמאָלצן, ווי אונטער די שטראַלן פון דער זון... גוט איז געווען דינעזאָנען, ווען פּרץ האָט זיך אַרויסבאַוויזן פריינטלאַך געשטימט צו שלום-עליכמען. אין יענעם מאָמענט, בעת פּרץ האָט דורך מיר געשיקט זיין גרוס צו שלום-עליכמען, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער, האָט זיך אויף דינעזאָנס געזיכט צעגאָסן אַ זיסע וואַרימע מוטער־לאַכע ליכטיקייט.

שלום-עליכם ווידער האָט אין דינעזאָנען געשעצט די זעלטענע ליטעראַרישע אינסטיטוציע — דעם „אבי היתומים פון אַלע אידישע שרייבער", ווי ער האָט אים



יעקב דינעזאָן, י. ל. פּרץ און שלום-עליכם [וואַרשע, זומער 1914].

אָנגערופן אין אַ בריוו צו ש. ניגער. ער האָט מיט אים געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, מיט געוויסע הפסקות, כמעט דאָס גאַנצע לעבן, פון די ערשטע טעג פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק“ ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה. דערביי האָט די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ, פון דינעזאָנס צד, זיך געדרייט ניט אַרום זיינע אייגענע אינטערעסן, נאָר אַלץ אַרום אינטערעסן פון אַנדערע: פון פרישמאַנען, פרצן, ספּעקטאָרן. די לעצטע יאָרן האָבן אויך שלום־עליכמס אינטערעסן פאַרנומען אַ רעכטן פּלאַץ אין דינעזאָנס האַרצן און ביי אים אין צימער, און שלום־עליכם האָט צו אים געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט, געצאָלט אים מיט אָפטע ברודערלאַכע בריוו, וועלכע ער האָט פסיכאָלאָגיש קלוג צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און אפילו צו זיין סטיל, דערפרייט אים פון צייט צו צייט מיט אַ חברישער מתנה, מיט אַ פיין־צוגעטראַכטן סוווניר פון מרחקים, מיט וואָס דער ווייבלאַכער דינעזאָן האָט זיך אַרומגעטראָגן, געצאַצקעט זיך, געשטאָלצירט דערמיט פאַר לייטן, ווי אַ פאַרזעסענע כלה מיט אירע כלה־מתנות.

צו דינעזאָנען ווי צו אַ שרייבער האָט שלום־עליכם די לעצטע יאָרן קיין שום באַציאונג ניט געהאַט, ווייל פאַר יענער צייט האָט דינעזאָן כמעט גאָרנישט ניט פאַרעפנטלאַכט. פון זיינע פריערדיקע זאַכן פלעגט שלום־עליכם דערמאַנען צו גוטן נאָר איין „יאָסעלע“.

5

צווישן די וואַרשעווער שריפטשטעלער האָט שלום־עליכם געהאַט צוויי פון זיינע בעסטע און נאָענטסטע חברים, אין עצם פון צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן — דעם ראַפינירטן, הויך־אינטעלעקטועלן *דוד פרישמאַן*, און דעם פשוטן, קערנדיקן, ערדישן פאָלקסמענטש *מרדכי ספּעקטאָר*.

צו פרישמאַנען האָט זיך שלום־עליכם צוגעבונדן נאָך אין די ערשטע יאָרן, אינם פעריאָד פון דער „פאָלקסביבליאָטעק“, און די פריינטשאַפט צווישן ביידע שריפטשטעלער איז שטענדיק געווען אַן אמתדיקע, אַ ריין־חברישע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דער געמיינזאַמער ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטנס אייגנשאַפטן און ליטעראַרישער פערזענלאַכקייט. שלום־עליכם האָט אין פרישמאַנען הויך געשעצט דעם פיין־געאיידלטן עסטעט, דעם קלוג־איראָנישן אמת־זאָגער און דעם מייסטער פונם שאַרף־געשליפענעם סטיל. און פרישמאַן, וואָס האָט אין זיין שטרייַנגן אורטייל כמעט פאַרלייקנט די עכטקייט פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, האָט שלום־עליכמען גערעכנט צווישן די עטלאַכע געציילטע אויסנעמען, וואָס קאָנען ניט פאַרלייקנט ווערן (אין זיינעם אַ בריוו צו שלום־עליכמען פונם יאָר 1910 שרייבט ער, אַז ער ווייסט אין דער אידישער ליטעראַטור נאָר „צוויי אמתע ליטעראַטן“: מענדעלין און „עפּעס איינעם אַ שלום־עליכם“ — „די *איינציקע*, וועלכע האָבן אונז *פיגורן* געגעבן“).

וועגן דעם ערשטן פעריאָד פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט פרישמאַנען האָט שלום־עליכם אַליין דערציילט „אַ פּאָר עפּיזאָדלאַך“ אין זיין קאַפּיטל זכרונות: „פרישמאַן צוגאַסט ביי שלום־עליכם“ (אַלע ווערק פון שלום־עליכם, פאָלקספאָנד אויסגאַבע, באַנד „אידישע שרייבער“). אָנגעהויבן האָט זיך די באַקאַנטשאַפט מיט אַ לעבעדיקער איבערשרייבעניש צווישן ביידן, אין וועלכער פרישמאַן האָט זיך שוין דעמאָלט אַרויסבאַוויזן אינגאַנצן רייף און אויסגעפורעמט, סאַי אין זיין סטיל, סאַי אין זיינע באַציאונגען צו וועלט און ליטעראַטור, און דאָס האָט געוועקט ביים יונגן נאָך ניט־געשטעלטן שלום־עליכם, וואָס האָט נאָך געזוכט זיין וועג, אַ שטאַרקן אינטערעס צו אים. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פרישמאַנען, אַז אין אַלע זיינע דעמאָלטיקע בריוו צו שלום־עליכמען איז ער געווען זיין שטרייַנגער קריטיקער, וואָס כאָטש ער האָט אָנערקענט זיינע מעלות, האָט ער אָבער געפונען פאַר געזינטער מער צו ריידן פון זיינע חסרונות. אַזעלכע בריוו האָט ער אים געשריבן וועגן „סענדער בלאַנק“ און וועגן „שמרס משפּט“, וואָס זיינען אין יענער צייט דערשינען. און אפילו וועגן „סטעמפעניו“, וואָס האָט מיט זיין דערשיינען אַרויסגערופן ביי אַלעמען גרויס התפּעלות, האָט פרישמאַן אַרויסגעטראָגן אַ האַרבן אורטייל מיט די דאָזיקע ווערטער (אין אַן ענטפער אויף שלום־עליכמס בריוו, וואָס ווערט געבראַכט שפּעטער אין דער דאָזיקער רובריק אונטערן נומער 3):

„...בנוגע „סטעמפעניו“ קאָן איך אייך נאָר זאָגן, אַז ווען דאָס וואָלט אויך זיין אַ *דאַמע*, וואָלט איך זאָגן, אַז זי איז שוין אַלט אַ ביסל. פאַרשטייט מיך נאָר רעכט: איך בין פונקט אַזוי ווי איר אַ גרויסער אָנבעטער פון אַבראַמאָוויטשן; נאָר פאָרט קאָן איך אייך שווערן, אַז ווען אַבראַמאָוויטש וואָלט יעצט ניט זיין אַ איד העכער 70, וואָלט ער פאָרט אַ ביסל אַנדערש שרייבן; אַבראַמאָוויטש איז פאָרט אַלט, און זיין אופן שרייבן געהערט צו דער אַלטער שולע — און דאָ קומט איר, אַ יונגערמאַן מיט פייער, און ווילט זיך גאָר פאַרשטעלן פאַר אַן אַלטן, און מאַכט אים נאָך די גאַנצע העוויות, און דאָס ציטערן מיט די פינגער און דאָס קנייטשן מיטן שטערן און דאָס קוועטשן זיך. — גלויבט מיר, איר, דווקא *איר*, וואָלט קאָנען „סטעמפעניו“ בעסער שרייבן, טויזנט מאָל בעסער, אַז איר וואָלט ניט זיין געפאַלן אויף דעם אומגליקלאַכן פּלאַן נאָכצומאַכן אַבראַמאָוויטשן...“

ניט קוקנדיק אויף אַזעלכע שניידנדיקע ווערטער, וואָס האָבן באַדאַרפט ווירקן אויפן יונגן געבאַלעוועטן אָנפאַנגער, ווי אַ קאַלטע באָד, — און אפשר *דווקא* דערפאַר, — האָט עם שלום־עליכמען אַלץ

מער און מער געצויגן צו פרישמאַנען, און ער האָט זיך ניט באַרואיקט ביז ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך קיין קיעוו, וואו ביידע יונגע שריפטשטעלער האָבן זיך נעענטער באַקענט, „צונויפגעסקאָמפּאַניעט", ווי שלום-עליכם אַליין רופט עס אָן אין זיין קאַפּיטל זכרונות, און ליב געקריגן איינער דעם אַנדערן. די פריינטשאַפט איז באַנייט און פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט אַ צייט שפּעטער, בעת שלום-עליכם איז אין יאָר 1905 געווען צוגאַסט אין וואַרשע ביי פרישמאַנען אין הויז. פון די דאָזיקע צוויי נאָענטע באַגעגענישן איז ביי ביידע שריפטשטעלער פאַרבליבן אַ סך שטאָף אויף נאָכצודערציילן איינער פונעם אַנדערן כלערליי שאַרפזיניקע ווערטלאַך און הומאָריסטישע איינפאַלן.

שלום-עליכמס פריינטשאַפט צו פרישמאַנען איז געווען אַ לויטערע, אַ ריין גייסטיקע, ווייט פון וועלכער עס איז זייטיקער כוונה. ער האָט ליב געהאַט פרישמאַנס חריפות, זיין פיינעם געשמאַק, זיין ערלאַכע און שטרענגע באַציאונג צו ליטעראַטור. און כאָטש פרישמאַן האָט זיך וועגן אים כמעט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט אין דער עפנטלעכקייט (אַחוץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ קליינע רעצענזיע אינם „הויזפריינד" וועגן זיין „בינטל בלומען" און געלאָזט פאַלן וועגן אים עטלאַכע וואַרימע שורות אין אַן אַרטיקל אינם „היינט"), פלעגט פרישמאַנס פּריוואַטע אויפמערקזאַמקייט, זיין אמתע חברישע ליבשאַפט, וואָס האָט צניעותדיק זיך געוויקלט אין אַ נעבל פון בלומרשטער איראָניע, שלום-עליכמען מער וואַרימען, ווי די עפנטלאַכע לויבגעזאַנגען פון אַנדערע. ווייל אין פרישמאַנס וואָרט האָט ער געגלייבט.

דערצו האָט שלום-עליכם נאָך ליב געהאַט אין פרישמאַנען דעם זעלטענעם מייסטער פון העברייאיש (אין זיין בריוו שרייבט ער אים: „קוקט ניט, וואָס איך שרייב אייך אויף אידיש; מיר זאָלט איר שרייבן העברייאיש דווקא"[1]). און ס'איז אינטערעסאַנט, אַז פרישמאַן פון זיין זייט האָט שטאַרק געהאַלטן פון שלום-עליכמס סטיל אין העברייאיש. בשעת שלום-עליכם האָט אָפּגעדרוקט אינם „הדור" זיין העברייאישע איבערזעצונג פון „ראַבטשיק" („חברבר החצרוני"), האָבן די קיעווער משכילים גערעדט צווישן זיך, אַז די איבערזעצונג האָט מסתמא געמאַכט דער רעדאַקטאָר פרישמאַן, ניט שלום-עליכם אַליין. דערויף האָט פרישמאַן געשריבן צו שלום-עליכמען: „צחוק עשו לי חכמי קיוב ליחס לי את הלשון ואת הסגנון של ספורך „חברבר החצרוני". אילו ידעת לכתוב זרגונית כאשר אתה יודע לכתוב עברית, כי עתה היו הזרגוניסטים יכולים לשמוח. לפי דעתי הפרטית אין אתה זרגוניסט, כי אם עברי. בקראי את „חברבר" שלך לא נפלאתי כל-כך על לשונך כאשר נפלאתי על סגנונך, ובפרט אחרי שידעתי כי אין אתה עוסק כעת כלל בכתיבה עברית"[2].

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם, וואָס „די זשאַרגאָניסטן וואָלטן זיך באַדאַרפט פרייען, ווען שלום-עליכם וואָלט געקאָנט אַזוי שרייבן זשאַרגאָן, ווי ער שרייבט העברייאיש", שטעקט מער וויץ ווי ערנסט. נאָר אַז פרישמאַן האָט גערעכנט שלום-עליכמען פאַר אַ פיינעם העברייאישן סטיליסט — אין דעם איז קיין שום צווייפל ניטאָ. דיזעלבע מיינונג, אַז אין שלום-עליכמען איז געווען באַהאַלטן אַ מייסטערהאַפטער העברייאישער סטיליסט, האָט מיר אויך אַרויסגעזאָגט ח. נ. ביאַליק.

6

פון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנאָטן איז געווען דער צווייטער חבר שלום-עליכמס אין וואַרשע — מרדכי ספּעקטאָר.

אַ געזונטער גאַנצער מענטש, אַ געוויקס פון דער פעטער אוקראַאינער שוואַרצערד, מיט גאַנצע חושים פאַרן פּשוטן טאָג-טעגלאַכן לעבן און מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט פאַרן פּשוטן מענטשלאַכן עולם-הזה. נאַאיוו, גוטמוטיק און זעלבסטזיכטיק, ווי אַ געזונט זאַט קינד, צווישן ערלאַכע און גוטע מענטשן, פאָרזיכטיק און כיטרעוואַטע צווישן איבערגעשפּיצטע און שלעכטע, און פול מיט אָפּשיי און יראת-הכבוד צו קלוגע קעפּ און ליכטיקע מוחות, פון וועמען מע קאָן געניסן, דירעקט צי אינדירעקט, דאָס גוטע ביסל ליכט, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן. דערביי — אַן אָפן נייגעריק אויג צו אַריינקוקן אין פאָלקסלעבן אַריין, אַ קינסטלערישער אַפּעטיט צו זעטיקן דאָס אויג מיט די פאַרשיידענע פאַרבן פונעם פאָלקסלעבן, אפילו אַ קינסטלער-חוש צו אויסקלייבן דאָס עכטע פונעם פאָלקסלעבן, אָבער מיט פּרימיטיווע מעגלאַכקייטן צו קאָמבינירן דאָס געזעענע, צו מישן די פאַרבן, צו איבערקאָכן קינסטלעריש דאָס רויע לעבן. דערצו — אַ געזונטע ליבע צו דער פאָלקסליטעראַטור, צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די פאָלקסמאַסן און צו אַלצדינג, וואָס מאַכט רייכער און רחבותדיקער די בעל-הביתישקייט פונעם פאָלק.

[1] ווי ווייט פרישמאַנס העברייאישע בריוו זיינען פאַרבליבן אין שלום-עליכמס זכרון — קאָן באַווייזן כאָטש אַט אַזאַ קלייניקייט: אין שלום-עליכמס אַ בריוו צו מיר, אין דער פריערדיקער רובריק, נומער 84, איז פאַראַן אַזאַ פראַזע: „דמים תרתי במשמע — יאמר פרישמננו". פאַר מיר איז געווען ניט-קלאָר, למאי ש. ע. שרייבט-צו דעם וויץ, וואָס ער אַליין ליינט-אַריין אין דעם באַקאַנטן תלמודישן ווערטל, דווקא צו פרישמאַנען? ביז איך האָב געפונען אין פרישמאַנס אַן אַלטן בריוו פון דעם פעריאָד פון דער „פאָלקסביבליאָטעק" אַ פעריפראַזע פון דעמזעלבן ווערטל: „דמים חדא משמע".

[2] „די קיעווער חכמים האָבן מיר געמאַכט שפּאַס, וואָס זיי שרייבן מיר צו די שפּראַך און דעם סטיל פון דיין דערציילונג „חברבר החצרוני". ווען דו קאָנסט אַזוי שרייבן זשאַרגאָן, ווי דו שרייבסט העברייאיש, וואָלטן די זשאַרגאָניסטן באַדאַרפט זיך פרייען. נאָך מיין פּריוואַטער מיינונג, ביזטו ניט קיין זשאַרגאָניסט, נאָר אַ העברייער. לייענענדיק דיין „חברבר", האָב איך מיך ניט אַזוי געחידושט אויף דיין שפּראַך, ווי איך האָב מיך געחידושט אויף דיין סטיל, ובפרט אַז איך האָב געוואוסט, אַז דו פאַרנעמסט זיך אַצינד כלל ניט מיט שרייבן העברייאיש".

מיט אָט דעם ליבן און טשיקאַוון פֿאָלקסמענטש און פֿאָלקסשרײַבער, וואָס פֿאַר אַנדערע צײַט־חברים זײַנע איז ער געווען מער טשיקאַווע ווי ליב, האָט זיך שלום־עליכם פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן אויפֿן גאַנצן לעבן, זינט די ערשטע טעג פֿון זײַן ליטעראַרישן אַרויסטריט אינם פּעטערבורגער „פֿאָלקסבלאַט“ ביז די לעצטע יאָרן זײַנע. דאָס איז געווען ניט בלויז אַ חברישע צוגעבונדנקייט, נאָר מער דערפֿון — אַ לײַבלאַכע קרובֿהשאַפֿט, אַ בלוט־פֿאַרוואַנדשאַפֿט. בײדע זײַנען זיי אויסגעוואַקסן פֿון איין משפּחה: דאָס אידישע פֿאָלקסלעבן — זייער פֿאָטער, די אידישע פֿאָלקסשפּראַך — זייער מוטער. און בײדע האָבן אויפֿגעבליט אויף איין ערד און אונטער איין הימל — אויפֿן זאַפּטיקן באָדן פֿון דער אוקראַאינע. און כאָטש צעוואַקסן האָבן זיי זיך גאַנץ פֿאַרשיידן, האָט זיי אָבער בײדן פֿאַראייניקט דאָס טיף־אײַנגעוואָרצלטע משפּחה־געפֿיל, די קרובֿהשע היים־ראָמאַנטיק. דאָס זײַנען געווען באַציאונגען ניט אַזוי פֿון אַ שרײַבער צו אַ שרײַבער, ווי פֿון אַ נאָענטן קרובֿ צום צווייטן, און דעריבער איז עס געווען נאַטירלאַך, וואָס ווי ווייט איינער האָט ניט אַריבערגעיאָגט דעם צווייטן — האָט ער זיך צו אים האַרציק צוריקגעקערט סײַ אין צײַטן פֿון יום־טובֿדיקער געהויבנקייט, סײַ אין מאָמענטן פֿון אײַנזאַמער בענקשאַפֿט. און ס'איז אויך געווען נאַטירלאַך, וואָס דער צווייטער האָט פֿאַרגונען דעם ערשטן זײַן הויך־דערגרייכטע מדרגה — אַ זאַך, וואָס ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן צווישן ריין־פּראָפֿעסיאָנעלע חברים.



שלום־עליכם און מרדכי ספּעקטאָר
[קיעוו, מערץ 1902].

דער קרובֿהשער כאַראַקטער פֿון די באַציאונגען צווישן שלום־עליכמען און ספּעקטאָרן האָט אָבער ניט פֿאַרווישט זייער שרײַפֿטשטעלערישע פּרײַנטשאַפֿט, נאָר, אַדרבה, זי בולטער געמאַכט. דאָס איז געווען אַ פֿרײַנטשאַפֿט ניט פֿון דעם מין, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן פּרצן מיט דינעזאָנען. דאָרטן האָט דער ערשטער אײַנגעשלונגען דעם צווייטן, און דער צווייטער איז אינגאַנצן אויפֿגעלייזט געוואָרן אינם ערשטן. דאָ האָט עס ניט געקאָנט פּאַסירן ניט פֿון שלום־עליכמס זייט, ניט פֿון ספּעקטאָרס זייט. שלום־עליכם האָט געוואוסט ספּעקטאָרס פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אים געהערט לויט זײַנע ערלאַכע פֿאַרדינסטן, און ער האָט עס באַוואַכט מיט אמתער ברודערלאַכער אויפֿמערקזאַמקייט. פּונקט אַזוי ווי ספּעקטאָר, אין די ערשטע יאָרן, האָט שלום־עליכמען „ניט אויפֿגעהערט צו וואַרימען, ער זאָל שרײַבן“ (ווי שלום־עליכם אַליין דערציילט אין זײַנע ביאָגראַפֿישע רשימות צו י. ח. ראַווניצקין), אַזוי האָט אויך שלום־עליכם שטענדיק געוואַרימט ספּעקטאָרן, געלויבט אים פֿאַר זײַנע געלונגענע זאַכן און געמוסרט אים האַרב פֿאַר זאַכן, וואָס זײַנען ניט געווען געלונגען (זע די צוויי בריוו נומער 14 און 15 אין דער דאָזיקער רובריק). בשעת ספּעקטאָר האָט אָפּגעדרוקט די עטלאַכע קאַפּיטלען פֿון זײַן ראָמאַן „דער בעל שם טובֿ“, האָט אים שלום־עליכם געשריבן אין אַ בריוו: „איך האָב מיך ממש מחיה געווען, באמת געפֿרייט זיך, משונה הנאה געהאַט פֿון מײַן חבֿר, מיט וועלכן איך קאָן שטאָלצירן קעגן אַלע אונזערע „גרויסע“[3]... און אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקין שרײַבט ער איינמאָל: „נעמט דאָס דריטע בוך „הויזפֿרײַנד“. דאָרט וועט איר געפֿינען צוויי ערציילונגען פֿון ספּעקטאָרן, פֿון וועלכע איר וועט הנאָה האָבן. איך בין פֿון זיי געווען נתפּעל“. ניט נאָר האָט ער מיט זײַן אייגענעם ערפֿאָלג ניט געוואָלט פֿאַרטונקלען זײַן חבֿר, נאָר, אַדרבה, ווי אַ גינציקער קרובֿ, האָט ער אים קיינמאָל ניט געלאָזט פֿאַרשטופּט ווערן אין אַ ווינקל, שטענדיק אַרויסגעשטעלט אים, ווי זײַן נאָענטן באַגלייטער אין דער פֿאָלקסליטעראַטור. „אַלע מאָל, וואו עס ווערט געבראַכט מײַן נאָמען, — שרײַבט ער צו אים אין אַ וויציקן טאָן — זע איך, אַז מײַן ווײַב ספּעקטאָר זאָל אויך זײַן“... און ספּעקטאָר ווידער איז ניט געווען פֿון דעם מין מענטשן, וואָס זאָל זיך לאָזן פֿון יענעם אײַנשלינגען. ער האָט געוואָלט זײַן שטעטל אַליין באַשטיין. ער האָט ליב

[3] די ציטאַטן פֿון שלום־עליכמס בריוו, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם אַרטיקל, זײַנען כמעט אַלע, מיט עטלאַכע אויסנעמען, גענומען פֿון דער סעריע בריוו פֿון שלום־עליכם, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלאַכט געוואָרן אינם ניו־יאָרקער „טאָג“ אין 1923—1924.

געהאַט שלום־עליכמען אהבת־נפש (ער האָט מיר וויפיל מאָל געזאָגט, אַז קיינער פילט ניט אין שלום־עליכמען אַזאַ מתיקות, ווי ער — „וואָרים ער איז דאָך מיינער, מיט מיר פון איין היים“), געגרויסט זיך אין האַרצן, וואָס גאָט האָט אים באַשערט אַזאַ געהויבענעם חבר — נאָר פון דעסטוועגן, איינס מיטן אַנדערן געהערט זיך גאָרניט אָן: „שלום־עליכם איז זיך שלום־עליכם, און ספּעקטאָר איז ספּעקטאָר“.

די דאָזיקע פריינטשאַפט, וואָס האָט געדויערט אַ משך פון העכער דרייסיק יאָר, איז ניט שטענדיק געלאָפן גלייך. עס זיינען געווען אינמיטן הפסקות, עס זיינען אויך געווען עליות און ירידות. אָנגעהויבן האָט זיך זייער באַקאַנטשאַפט, בשעת ביידע האָבן זיך באַגעגנט אַלץ אָנפאַנגער אויף די זייטן פון דעם מאָגערן, טרוקענעם „פאָלקסבלאַט“ — און האָבן זיך דערפרייט איינער מיטן אַנדערן, ווי צוויי בלאָנזענדיקע וואַנדערער אין אַ וויסטן ישוב. עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ וואַרימע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער ביידע האָבן געזוכט קלאָר צו מאַכן איינער פאַרן אַנדערן די אויפגאַבע פון דער יונגער אידישער פאָלקסליטעראַטור בכלל און זייער אייגענע אויפגאַבע אַלץ „זשאַרגאָניסטן“ בפרט (יענע קאָרעספּאָנדענץ איז ערגעץ פאַרוואַלגערט געוואָרן; מיט יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זען נאָר עטלאַכע ספּעקטאָרס בריוו, אין וועלכע ער האָט באַריכות דערוויזן שלום־עליכמען, אַז ער, ספּעקטאָר, איז אַ הומאָריסט, אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם איז אַ סאַטיריקער). שפּעטער איז ספּעקטאָר געקומען צו שלום־עליכמען קיין שדה־לבן צו באַפעסטיקן זייער פריינטשאַפט. די דאָזיקע ערשטע באַגעגניש זייערע האָט שלום־עליכם דערנאָך, אין יאָרן אַרום, אין זיינעם אַ בריוו צו ספּעקטאָרן, דערמאַנט מיט גרויס בייַנקשאַפט: „איר געדיינקט נאָך די שוואַרצטומאהדיקע לבנהדיקע נעכט ביים קאָסטיאָל? איר האָט נאָך נישט פאַרגעסן יענע אונזערע אינגלישע פּראָיעקטן, הויכע נאָר נאַרישע געדאַנקען, ריינע און געטלאַכע געפילן, ערנסטע און אמתדיקע, ווי גאָט אַליין? אָ, איך געדיינק דאָס גאַנץ גוט, איך האָב ניט פאַרגעסן!“... נאָך יענעם ערשטן צוזאַמענקום איז אָבער שלום־עליכם פּלוצים אָפּגעקילט געוואָרן צו ספּעקטאָרן און האָט אפילו אויפגעהערט איבערצושרייבן זיך מיט אים. וואָס פאַר אַ סיבה עס האָט געבראַכט דערצו — איז איצט שווער צו דערגיין. שלום־עליכם אַליין, אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צו ספּעקטאָרן, פירהאַלטנדיק אים, למאי ער האָט זיינעם אַ נייטיקן בריוו, צו וועלכן ער האָט פאַרגעסן צוקלעפּן אַ מאַרקע, געלאָזט גיין צוריק, האָט באַרירט דערביי זיין אַמאָליקן ברוגז און עס דערקלערט מיט אָט די ווערטער: „אויב איר געדיינקט יענע זיסע יונגע יאָרן פון אונזער ערשטער ליבע, האָבן מיר זיך צעקריגט, דאָס הייסט, איך בין פּלוצים געוואָרן אויף אייך אָנגעברוגזט, נאָר איבער אַזאַ קלייניקייט, אין וועלכער איר האָט זיך קעגן מיר געשטעלט עפּעס זייער נישט לייטיש“... ספּעקטאָר אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט בשעת מעשה אַזעלכע דינקייטן ניט געקאָנט פאַרנעמען און אין זיינעם אַ בריוו צו שלום־עליכמען פונם יאָר 1888 קלאָגט ער זיך: „אַמאָל זיינען מיר ביידע געגאַנגען מיט איין וועג, אונזערע פּענעם האָבן געסקריפּעט איין סקריפּ, און איך בין געווען זיכער, אַז [פון] אונזער צוזאַמענדיקן סקריפּ זאָל עפּעס אַרויסקומען. האָט איר זיך פּלוצים אָפּגעטיילט פון מיר פאַר [וואָס איך בין] גאָט די נשמה שולדיק, וואָס איך ווייס עד היום ניט, פאַרוואָס? פאַרוואָס? גוואַלד, פאַרוואָס?“...

גיכער פון אַלץ איז דאָ נאָר געווען אַ פּסיכאָלאָגישע סיבה, וואָס האָט אויף אַ געוויסער צייט שלום־עליכמען דערווייטערט פון ספּעקטאָרן. אַפּנים, אַז די ערשטע באַגעגעניש זייערע האָט פּשוט אָפּגעשוואַכט ביי שלום־עליכמען די פריערדיקע פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעמאָלט וועגן זיין חברם אינטעלעקט. די דאָזיקע אַנטוישונג האָט אים אָבער אויך געבראַכט דערצו, ער זאָל אין ספּעקטאָרן מער דערקענען זיינע נאַטירלאַכע מעלות — די מעלות פון אַן אמתן פאָלקסשרייבער. אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צו אים, ריידנדיק פון ספּעקטאָרס „שטעט און שטעטלאַך“ אין פאַרגלייך מיט פּרצעס (וואָס האָבן זיך אַ געוויסע צייט געדרוקט אינם „יוד“ אונטערן פּסעוודאָנים „די ביהן“), שרייבט ער: „גוואַלד, זיי קאָנען ניט אָדער ווייסן ניט וואָס צו שרייבן און ווי אַזוי צו שרייבן פאַרן פאָלק. מיר מעגן זיך באַרימען, אַז פון דעם סוד ווייסן מיר נאָר ביידע“...

עס האָט עפּעס געשטעקט אין ספּעקטאָרן, וואָס איז געווען שלום־עליכמען אי אייגן, אי פרעמד, וואָס האָט אים אי געצויגן צו אים, אי געטריבן פון אים. אַזוי האָט עס פּאַסירט וויפיל מאָל אין דעם ווייטערדיקן לויף פון די יאָרן, וואָס שלום־עליכם פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַרויסמאַכן פון ספּעקטאָרס נאָענטקייט; דאָס אייגענע, דאָס קרובהשע צווישן זיי, פלעגט אָבער שטענדיק גובר זיין. שלום־עליכם האָט כמעט אין דעם גרעסטן טייל פון זיינע ליטעראַרישע טראַנסאַקציעס און אַרבעטן זיך פאַרבונדן מיט ספּעקטאָרן, כאָטש ניט אַלע מאָל האָט ער זיך געפילט באַקוועם דערפון. וואָרים אין דער צייט, וואָס שלום־עליכמען האָט שטענדיק באַוועגט דער אומרו פון אַ דאָן־קיכאָטישן טעמפּעראַמענט, פלעגט ספּעקטאָר אים באַגלייטן אויף זיין שטייגער — ווי דער פאַמעלאַכער פּראַקטישער סאַנטשאָ פּאַנסאָ, וואָס גייט זיך האַרט ביי דער ערד און האָט זיך זיינס אין זינען.

מיט דער צייט איז ספּעקטאָר אַזוי אײַנגעוואַקסן אין שלום־עליכמס לעבן, אַז ער איז געוואָרן ווי איינער פון זיין משפּחה. אפילו ביי שלום־עליכמס קינדער

איז ער געווען פארעכנט ווי אן אייגענער — ווי א פעטער. דאס איז שוין ממילא געקומען פון ספעקטארס געמיטלאכקייט, פון זיין צוגעלאזטן, היימישן כאראקטער. און שלום־עליכם, וואס האט זעלטן אריינגעמישט זיינע ליטעראַרישע פריינט אין זיינע היימישע אינטערעסן, און נאך זעלטענער געקלאגט זיך אויף די שווערקייטן פונם לעבן אפילו פאר אייגענע מענטשן, האט מיט ספעקטארן געמאכט אן אויסנעם: „האט קיין פאראיבל ניט, — שרייבט ער אים איינמאל — וואס איך הייננ אויף אייך אן פרעמדע צרות. נאר איך האב ניט נאך א מאל אזא ספעקטאר, וואס איך זאל פאר אים קאנען אזוי פריי אויסגיסן מיין הארץ“...

די באציאונגען צווישן ביידע פריינט זיינען באמת געווען פרייע, אפענע, אן קיין שום פארשטעלענישן — דערהויפט פון שלום־עליכמס זייט. מיט קיינעם פון זיינע ליטעראַרישע חברים, מיט די סאמע נאענטע, וואלט שלום־עליכם, אוים אינערלאכן טאקט, ניט געקאנט אריבערגיין אויף „דו“, נאר מיט איין ספעקטארן. מיט קיינעם פון זיי האט ער ניט געפירט אזא אינטימע, אליץ־אנטפלעקנדיקע קארעספאנדענץ, ווי מיט ספעקטארן. און אין קיין שום אנדערע בריוו האט זיך שלום־עליכמס הומאר ניט צעגאסן אזוי פריי און אזוי אומגעצאמט, ווי אין זיינע בריוו צו ספעקטארן. און אין פערזענלאכן פארקער האט קיינער אזוי ניט סטימולירט שלום־עליכמען צו הומאריסטישע געשפרעכן און שארפזיניקע איינפאלן, ווי ספעקטאר. ספעקטאר פלעגט פון זיינע באגעגענישן מיט שלום־עליכמען שטארק הנאה האבן. א רייזע צו שלום־עליכמען איז פאר אים געווען — א רייזע צוריק צו זיין יוגנט, צו זיין היים. זיין הנאה פלעגט ניט געשטערט ווערן, אפילו ווען ער אליין פלעגט זיין דער אביעקט פון זיין חברס הומאר. שלום־עליכם פלעגט פאר אים אין די אויגן מייסטעריש פאראדירן אים — זיין שפראך, זיינע השגות, זיינע עולם־הזהדיקע שוואכקייטן. און ספעקטאר פלעגט דאס אלץ אויסהערן ביז צום סוף מיט א גוטמוטיקן פרעגנדיקן שמייכל אויף זיין ראזעוון פנים און מיט איין אויג א צוגעמאכטן, און לסוף זיך צעלאכן גלייך מיט אלעמען און זאגן: „גיי, גיי! דו הייבסט שוין אן מיט דיינע שטיקלאך!“...

אין א בריוו פונם יאר 1902, נאך איידער זיי זיינען אריבער אויף „דו“, האט שלום־עליכם געשריבן צו ספעקטארן:

„אין אייער ביאגראפיע* פארגעסט ניט [צו שרייבן], אז מיר ביידע זיינען געבונדן, אז סאיז באשערט געווען אלע מאל, מיר זאלן ביידע גיין אינאיינעם, ווי אונטער די הענט“...

„באשערט“! שלום־עליכם האט שטארק געגלויבט אין פאטום. און דאס פאטום האט דא ווי באוויזן, אז ניט נאר ביים לעבן אליין איז ביידע חברים באשערט געווען צו גיין אינאיינעם. טאמער איז שלום־עליכם מגולגל געווארן אין זיינע לעצטע טעג קיין אמעריקע און ער האט באדארפט געפינען זיין אייביקע רו אויף א ברוקלינער בית־עולם, — האט עס אויך ספעקטארן צום סוף פון זיינע טעג פארטראגן איבערן ים אין דער ווייטער אמעריקע. ער זאל באקומען זיין ארט אויף דעמזעלבן בית־עולם, אין איין שורה מיט זיין לעבנס־חבר שלום־עליכם.

7

נאר די אמתע ליטעראַרישע היים פון שלום־עליכמען איז געווען אין אדעס, אין דעם שטילן ווארימען משפחה־נעסט פון די געקליבענע אדעסער שריפטשטעלער, וואס האבן מיט א באזונדערער כוונה פון גייסטיקער ריינלאכקייט זיך אפגעצאמט פון דעם טומלדיקן געמישטן פראפעסיאנעלן געזעמל אין ווארשע. אין דער היימישער אטמאספער פונם דאזיקן נעסט האט שלום־עליכם ליטעראריש זיך אויסגעווארימט און אויסגעפיקט פון זיין יונגטלאכן שאלאכץ, דארט האט ער זיך קינסטלעריש באפעדערט און באפליגלט, און אהין האט ער גייסטיק געווענדט זיינע בליקן אויך נאכדעם, ווען ער האט זיך שוין געטראגן אויף זיינע לייכטע פליגלען איבער זיין אייגענעם ברייטן שטח. אדעס איז געווען זיין ליטעראַרישער אויסגאנג־פונקט, און אפטלאך — אויך זיין צוריקקער־פונקט. זיצנדיק אין קיעוו, און שפעטער, וואוינענדיק אין די אויסלענדישע קורערטער, האט אדעס צו אים שטענדיק געשעמערירט פונדערווייטן מיט א באזונדער ליבן היימישן גלאנץ — אן אפשטראלונג פון יונגע זוניקע פרימארגנס, פונם ערשטן שעפערישן אויפגאנג. „אדעס, אדעס, אחריך אני מת!“ — האט ער איינמאל, אויף זיין הומאריסטישן שטייגער, אויסגעדריקט זיין בייגקשאפט צו דער דאזיקער שטאט אין א בריוו צו דער אדעסער משפחה.

די אדעסער משפחה — דאס זיינען געווען: מענדעלי מוכר־ספרים, ראווניצקי, בן־עמי, דובנאוו, ליליענבלום, און שפעטער אויך לעווינסקי און ביאליק (אחד העם, צוליב זיין שטרייגגן העברייאיזם, איז אביעקטיוו געשטאנען אויסער דער ליניע פון שלום־עליכמס אדעסער באציאונגען, און פון דער אנדערער זייט איז אין דער דאזיקער ליניע אויך ניט אריין לינעצקי — צוליב סוביעקטיווע מאטיוון). די אויסגערעכנטע שריפטשטעלער, אי אלע צוזאמען, ווי אן איינג־געשלאסענער קאלעקטיוו, אי כמעט יעדער איינער באזונדער — האבן נאענט גערעדט שלום־עליכמען צום הארצן דאס גאנצע לעבן, און אייניקע פון זיי זיינען דאס געווען די, וואס האבן אים אין די ערשטע יארן דערמונטערט צום גרויסן ליטעראַרישן פארנעם.

קודם כל — מענדעלי מוכר־ספרים. צו מענדעלין האט עס שלום־עליכמען אנגעהויבן ציען, ווי צום

* פאר א זאמלבוך פון אידישע שרייבערס אויף רוסיש, וואס נארקי האט דעמאלט געפלאנט ארויסצוגעבן אונטער שלום־עליכמס רעדאקציע.

שורש, גלייך ביי די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער אידישער ליטעראַטור. פון די עטלאַכע געציילטע אידישע שרייבערס, וואָס ער האָט צופעליק געפונען זייערע דינע העפטלאַך אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו (אייזיק מאיר דיק, שלמה עטינגער, לינעצקי, שאַצקעס), האָט צו אים מענדעלי גלייך אַ פינקל געטאָן מיט דער עכטער שיין פון אַ געשליפענעם איידלשטיין. און שוין אויפן דריטן יאָר פון זיינע פּעדערפּראָבעס אינם „פאָלקסבלאַט" (1885), דערפילנדיק, אַז עפּעס וויכטיקערס דערפון צעוואַקסט זיך אין אים, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו מענדעלין, זיך פאַרגעשטעלט ווי „אַ פּייערדיקער פאַרערער פון זיין טאַלענט, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וועלכער איז פון אים צעאַקערט געוואָרן", און געהאַט דערביי אַ שטאַרקע כוונה אָנצוקניפּן זיך אָן אים, ווי אַ תלמיד. מענדעלי, וואָס איז בטבע געווען ניט אַזאַ צוגעלאָזטער מענטש צו אומבאַקאַנטע „מחברים", און דערהויפּט האָט ער זיך אין יענער צייט באַצויגן מיט פאַראַכטונג צום „פאָלקסבלאַט" און צו זיינע שרייבער (אויף זיין לשון — „רייבער"), האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיין „יונגן פּייערדיקן פאַרערער" ניט געשיינקט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. און אויך מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער, אין 1888, בעת שלום־עליכם האָט פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן „די אידישע פאָלקסביבליאָטעק" און האָט אַ צווייטן מאָל געשריבן צו אים, פאַרבעטן אים אַלץ מיטאַרבעטער אין זיין יאָרבוך, — האָט זיך מענדעלי נאָך אַלץ ניט אומגעקוקט אויף אים. ערשט אויפן דריטן בריוו, צו וועלכן שלום־עליכם האָט צוגעלייגט אַ רעקאָמענדאַציע פונם קיעווער אידישן צענזאָר און מלומד, הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, האָט זיך מענדעלי אָפּגערופן מיט אַן ענטפער, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרענטפערט בזה הלשון:

„שלום עליכם" — עליכם שלום!

„אייערעביידע בריוו, פונם 3 און פונם 18 מערץ, האָב איך מקבל געווען. ווען איר זאָלט וויסן, ווי אַזוי שטאַרק איך בין באַשעפטיקט ביי מיר אין דער שולע [5], אויך אין היימישע און כלל־זאַכן; ווי אַזוי אונזערע אידישע מחברים פון גאַזעטן און זשורנאַלן מאַכן מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע בקשות, אַלץ אין איין קול: שרייב! שרייב! זאָגן דערביי צו גילדענע בערג און בלייבן דערנאָך ליגנער; ווי אַזוי מיאוס איך האָב מיך שוין אין מיין לעבן פיל מאָל פון אַזעלכע אָפּגענאַרט, זיך שטאַרק אָפּגעבריט, און גאָר חוץ די אַלע זאַכן, ווי אַזוי שלאַף, צעבראָכן איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, וויפיל געזונט מיך קאָסט עפּעס אָנצושרייבן, אַז איך שרייב איבער מיין אומגליקלאַך פאָלק טריפט מיר דערביי דאָס בלוט, לאַך איך קלאָמפּערשט, איז דאָס אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערים, ביי איטלאַכן מאַך מיט דער פּען ווערט מיר אַ לאָך אין האַרצן, און שרייבנדיק מיט אַ ברען, ברען איך טאַקע דערווייל אַליין און גיי ביסלאַכווייז אויס ווי אַ לעכט — ווען איר זאָלט וויסן, זאָג איך, דאָס אַלצדינג, וואָלט איר זיך נישט געוואונדערט און קיין פאַראיבל נישט געהאַט אויף מיר, וואָס איך האָב מיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, אייך צו ענטפערן אויף אייער ערשטן בריוו..."

שלום־עליכמס ערשטע בריוו צו מענדעלין פון יענער צייט זיינען נאָך דערווייל ניט געפונען געוואָרן; דערפאַר זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אין פולער אָרדענונג די בריוו פון מענדעלין צו שלום־עליכמען, און פון זיי קאָן מען טיילווייז אַרויסזען, ווי אַזוי סאיז פאָרגעקומען צווישן ביידן די ערשטע התקרבות, וועלכע איז גיך אויסגעוואַקסן אין אַ טיפער פריינטשאַפט. שוין באַלד נאָך מענדעלים ערשטן ענטפער, האָט אים שלום־עליכם אין אַ בריוו, אומבאַקאַנטערהייט, אָנגערופן מיטן נאָמען „דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור" און זיך אַליין אָנגעבעטן צו אים ווי זיינס אַ ליטעראַריש „אייניקל" (מענדעלי איז דעמאָלט, לויט זיינע אמתע יאָרן, אַלט געווען 58 יאָר, און שלום־עליכם — 29). דער נאָמען „זיידע" איז מענדעלין, ווי עס ווייזט אויס, געווען צום האַרצן, וואָרים אין דעם צווייטן בריוו צו שלום־עליכמען ווענדט ער זיך שוין צו אים מיט די ווערטער: „שלום עליכם אייניקל!" און אינם דריטן בריוו: „אַ גאָט העלף, הייסער פאַרשייטער אייניקל!" און שפּעטער אַ ביסל קלינגט שוין דער טאָן אַלץ נעענטער און אינטימער: „מיין ליב האַרצעדיק פאַרשייט אייניקל!" „מיין טיף אין האַרצן איינגעבאַקן אייניקל!"... און אַזוי האָט זיך פאַרבונדן צווישן „זיידן" מיטן „אייניקל", וועלכע האָבן נאָך איינער דעם אַנדערן פּערזענלאַך ניט געקענט, אַ וואַרימע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער דער איינגעהאַלטענער, מיושבדיקער און פּאַמעלאַך־שרייבנדיקער מענדעלי האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פון דעם רירעוודיקן, פליסיקן, גיך־טוענדיקן און גיך־שרייבנדיקן שלום־עליכם, וואָס האָט זיך אויף אים צעלאָזט, ווי אַ פרילינג־שטראָם. „איר פאַרוואַרפט מיך מיט בריוו!" — פּראָטעסטירט דער פאַרמאַטערטער „זיידע" קעגן דעם אומערמידלאַכן „אייניקל". און אַ צווייטן מאָל: „איר קיצלט און קיצלט מיך אַלץ מיט אייערע בריוועלאַך, אַזוי אַז איך מוז לסוף מיך אָנרופן מיט אַ וואָרט". פאַר זיין פליען צו גיך באַקומט שלום־עליכם דעמאָלט פון מענדעלין דעם נאָמען „אחשתרנים", וועלכער ווערט איבערגעחזרט וויפיל מאָל אין זייער ווייטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ, אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן.

די הויפּט־טעמע פון די ערשטע בריוו איז געווען — מענדעלים „ווינטשפינגערל", וואָס ער האָט זיך אוועק־

[5] מענדעלי איז כל ימיו אין אדעס געווען דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה.

געזעצט שרייבן פאר דער „פאלקסביבליאטעק". אין גאר די ערשטע בריוו רעדט מענדעלי נאר פון זיך אליין און פון זיין ארבעט און פון די ספעציעלע באדינגונגען, וואס ער האט געפאדערט פאר זיין ווערק (ער האט זיך אויסגערעדט 20 קאפיקעס פון דער שורה — א „פערציקער", ווי ער רופט עס אן אויפן היימישן לשון). שפעטער א ביסל הייבט ער אן אויך ארומצוקוקן זיך אויף זיין יונגן קארעספאנדענט: „איך וויל עס טון, *גלויבט מיר*, נישט וועגן דעם פארדינסט — נארישקייטן! — נאר צוליב אייך, ווייל איר געפעלט מיר עפעס. דאכט זיך, איר זיינט פון מיינע לייט". און א צווייטן מאל: „איר זיינט, ווי עס זעט אויס, א מבין". און אז שלום-עליכם האט אים צוגעשיקט זיין בילד, שרייבט ער אים: „אייער בילד איז ביי מיר זייער אנגעלייגט. איך האב זי גוט באטראכט און געפונען אין אייך דאס וואס איך זוך — א גוטן, קלוגן, ערלאכן מענטשן. מיין אויג, מיין הארץ נארן מיך כמעט קיינמאל נישט אין אזעלכע זאכן". און ווידער א מאל: „אנקוקנדיק אייך אויפן בילד, ליגט, דאכט זיך, אויף אייך נישט דער „צלם אלקים", נישטא אויף א האר אידישקייט, פון „מלמדות" איז גאר נישטא וואס צו ריידן, וויי איז מיר! און לייענענדיק אייערע בריוו זעט מען אויך באשיינפערלאך, אז איר זיינט א קלוגער, נישט פון די צען פאר א גראשן..." אין די ווייטערדיקע בריוו הייבט ער שוין אן צו ריידן פון שלום-עליכמס שרייבן: „לעת-עתה האב איך נאר געלייענט אייערס אין דעם „הויזפריינד" [6] — און נישקשה, סאיז מיר געפעלן. מע זעט ערטערווייז, אז אין דעם אייניקל רינט דעם זיידנס בלוט. מיט א קניפ אין בעקעלע זאג איך אייך: א וואויל אייניקל, נישקשה! א האפענונג צו גאט, אז דער זיידע וועט פון אייך אויף דער עלטער גרויס נחת האבן!... אייניקלאך האט דער זיידע זייער פיל, נאר געראטענע זייער ווייניק"... און אין אן אנדער בריוו: „אצינד לייען איך אייערע ספרים. פון פיל זאכן האב איך שטארק הנאה. ארויסשרייבן אייך מיין מיינונג איז אצינד אוממעגלאך. איך וועל באדארפן אנשרייבן א ספר. אך, ווען איך זאל קאנען מיט אייך ריידן מינדלאך, וואלט געוועזן זייער, זייער גוט און ניצלאך. בכלל, זאג איך אייך, האט דער זיידע גרויס תענוג פון זיין אייניקל. „שמרס משפט" איז גוט, נאר די פארמע פונם פריסיאזשנע סוד [7] געפעלט מיר נישט. סאיז אידיש. אן דעם וואלט געוועזן פיל בעסער. שמרס מעשיות האב איך קיינמאל נישט געלייענט און איך וואונדער מיך, ער זאל אזוי שלעכט שרייבן. ער איז דווקא נישט קיין עם-הארץ, ווי איר זאגט, און שטייט ביי מיר העכער אין בילדונג א סך מער פון אנדערע אידישע שרייבערלאך. ווי איך זע ארויס פון אייערע בריוו, איז אייער „ק — ר" ביי אייך אין די אויגן א גארנישט, און אין „שמרס משפט" הייבט איר אים אויף דרוקעס! ווי קומט עס צו אייך, מיין טייער אייניקל? — אויך האט איר שלעכט געטאן, וואס אנשטאט מענדעלי מוכר-ספרים רופט איר מיך דארט אבראמאוויטש און פארט מיך מיט אזעלכע, מיט וועלכע איך קער מיך נישט אן [8]. איך בעט אייך, ליבער אייניקל, פון היינט אן, לאז דער זיידע ביי אייך האבן מער פנים און נישט אויפרופן אים עם כל הנערים. — איך וואלט אייך געראטן קיין ראמאנען נישט צו שרייבן. אייער זשאנער איז גאר עפעס אנדערש. איר זיינט דאך (ווי איר זאגט אליין) *מיין אייניקל*. איר פארשטייט, וואס דאס הייסט?... פארשטייט זשע טאקע און פאלגט דעם זיידן, וועט איר איה"ש זיין א כלי שלמה. איבערהויפט טויגן אלע אידישע ראמאנען אויף כפרות. עס גלוסט זיך מיר ברעכן פון זיי. אויב סאיז דא ביי אונזער פאלק ראמאנען, זיינען זיי עפעס גאר אנדערש, ווי ביי אלע אנדערע פעלקער. מע מוז עס פארשטיין און גאר אנדערש שרייבן [9]. — — — . זאגט נאר, זיינט איר נישט קיין ליטוואק? אין אייערע ספרים געפין איך עפעס אמאל פיל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרייזן [10]..." און שפעטער, אין א בריוו פונם יאר 1889, נאכן ערשטן באנד „פאלקסביבליאטעק" און נאך „סטעמפעניו", שרייבט ער אים: „מזל טוב אייך מיט דער פארענדערונג, וואס גייט פיר אצינד אין אייער שרייבן! דאס איז א גוטער סימן, אז דער טאלאנט אייערער וואקסט און גייט אלץ העכער פון איין טרעפל אויפן אנדערן טרעפל פון דעם לאנגן גרויסן לייטער אין דער ליטעראטור. פאר מיר איז אייער פארענדערונג נישט קיין נייס, איך האב דערויף נביאות געזאגט נאך פריער פאר אלע אונזערע פריינט דא. אויב איר ווילט קומען צו מיר, וועט איר ביי מיר זיין א טייערער גאסט. איך בין ברייט מיט אייך צו זיצן און ארבעטן טאג און נאכט".

שלום-עליכם האט זיך צו מענדעלים לעקציעס אין זיינע בריוו שטארק צוגעהערט. „איך פאלג אייך אין

[6] די קאמעדיע „דער גט", אינם ערשטן באנד „הויזפריינד". — [7] „שמרס משפט" איז געשריבן אין דער פארם פון א געריכט־פראטאקאל: שמרס ראמאנען ווערן געמשפט דורך געשווארענע ריכטער, און שלום-עליכם איז דער פראטאקאלשרייבער פונם פראצעס.

[8] דער פראקוראר פון „שמרס משפט" באווייזט, ווי נוצלאך עס זיינען פארן פאלק די ווערק פון די *קינסטלערישע* אידישע שרייבערס, מיט מענדעלין בראש, און ווי שעדלאך עס זיינען שמרס שונדראמאנען. — [9] די דאזיקע ווערטער וועגן שרייבן ראמאנען האט שלום-עליכם, אין א געקירצטער און איינגעפרעסטער פארם, ציטירט אין זיין הקדמה צו „סטעמפעניו". — [10] שלום-עליכמס ערשטע גרעסערע זאכן, ווי „סענדער בלאנק", „די בעסטע יארן" און אנדערע, וועגן וועלכע מענדעלי רעדט דא, האבן זיך געדרוקט אלץ ביילאגע צום פעטערבורגער „פאלקסבלאט", און דער ארויסגעבער לעווי, א ליטוואק, וואס האט געהאט א ווילדע באציאונג צו אידיש און א ווילדע אידישע שפראך, האט זיי רעדאקטירט אויף זיין שטייגער (שלום-עליכם פלעגט דערציילן, אז לעווי האט אין זיינע ווערק ארייגעשטעלט אומגעלומפערטע פראזעס און דערנאך דיזעלבע פראזעס אויפגעווארפן דעם מחבר אין די רעצענזיעס, וואס האבן זיך געדרוקט אינם „פאלקסבלאט").

אַלעם!" — שרייבט ער אים אין זײַנעם אַן ענטפער. דערבײַ דאַרף אָבער באַצײַכנט ווערן אויך אָט דער פאַקט: אַז דאָס געפיל פון גרויסן דרך־ארץ צום „זיידן" האָט אים פון דעסטוועגן ניט געשטערט צו באַציִען זיך מיט אָפענע אויגן צו דעם, וואָס מענדעלי האָט געשריבן פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק". אַרײַנגעטראָטן אין דער ראָל פון אַ רעדאַקטאָר, האָט שלום־עליכם אין זיך דערפילט די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר יעדער שורה, וואָס ער האָט באַדאַרפט דרוקן אין זײַן אויסגאַבע, און פונקט ווי ער האָט זיך געאַמפּערט מיט אַנדערע שרײַבערס (פּרץ, דינעזאָן, לינעצקי, גאָטלאָבער) איבער זאַכן, וואָס זײַנען אים ניט געפעלן געוואָרן אין זייערע צוגעשיקטע ווערק, אַזוי האָט ער אויך ניט געשוינט אפילו מענדעלין אַליין, ווען יענער האָט, לויט זײַן מיינונג, געמאַכט פעלערן. אַזוי איז פאָרגעקומען אין זייערע בריוו אַ הייסער וכוח איבער דעם זיבעטן קאַפּיטל פונעם „ווינטשפינגערל" (לויט דער נומעראַציע וואָס אין דער „פאָלקסביבליאָטעק"), אין וועלכן עס ווערט דערציילט די מעשה וועגן רב שמעלקען מיט זײַנע פּורימדיקע געסט פון יענער וועלט. שלום־עליכם האָט, ווייזט אויס, געפונען, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל קוקט דאָ אויס ווי אַרײַנגעשטוקעוועט און שטערט דעם נאַטירלאַכן גאַנג פונעם ספּור־המעשה וועגן הערשעלעס קינדער־יאָרן; און מענדעלין איז, אַפּנים, ניט אָנגעשטאַנען, וואָס דער יונגער רעדאַקטאָר נעמט זיך אונטער אים צו לערנען, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט און אַלץ געטענהט אין זײַנע בריוו: „גוואַלד, זײַט ניט קיין פאַרשייט אייניקל, פייניקט ניט דעם זיידן!"... אינם צווייטן טייל פונעם „ווינטשפינגערל", וואָס האָט זיך געדרוקט אין דעם צווייטן באַנד „פאָלקסביבליאָטעק", אינם קאַפּיטל כ"א, האָט מענדעלי געהאַט אַרײַנגעשריבן אַ לידל „איש חסיד", וואָס שמואליק דער טאַנדעטניק האָט געזאָלט זינגען שבת־צו־נאַכטס. שלום־עליכם האָט עס אויף זײַן אייגענעם אחריות אויסגעמעקט און צוגעשיקט מענדעלין די קאָרעקטור־בלעטער מיט אָט דער באַמערקונג: „ווי איר זעט, איז דאָס לידל פון „איש חסיד" אַרויסגעפלויגן. עס פּאַסט פאַר גאָטלויבערן, ניט פאַר אײַך. איצט הרגעט מיך, שלאָגט מיך, שמײַסט מיך! מיר איז טײַער אײַערס אַ וואָרט מ ע ר ווי מײַנס; אַז איך מאַך אַ פעלער, איז דאָ אַ תירוץ: פאַרט אַן אייניקל; דער זיידע אָבער, אוי־ווײ, אַז ער פאַלט־אַרײַן אין שאַרזש, קאָן עס דאָס אייניקל ניט דערלאָזן בשום אופן!"... און ווידער אַ מאָל האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט מיט אַ הקדמה צו דעם צווייטן באַנד „פאָלקסביבליאָטעק", וואָס מענדעלי האָט זיך אַרויסגערופן אָנצושרײַבן. אין דער דאָזיקער הקדמה האָט מענדעלי, אויסשפּעטנדיק דעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אין יענער צײַט, אָנגערירט, פאַרשטעלט, אויך ספּעקטאָרן מיט זײַן „הויזפרײַנד". שלום־עליכמען איז די הקדמה ניט געפעלן געוואָרן, און ער האָט זי אין אַזאַ פאָרם ניט געוואָלט דרוקן. ער שרײַבט צו מענדעלין מיט אַ גאַנץ דײַטלאַכער אָנצוהערעניש: „וואָס זאָל איך אײַך זאָגן מכח אײַער הקדמה? ליובן זי, דערציילן גליקן — עס איז קיין ניים נישט: דער זיידע, אַז ער זעצט זיך אַנידער ביים וואַרסטעט און נעמט זיך צום קלאָפּערגעצייג, גייט־אַרויס פון זײַנע הענט גאָר אַן אַנדער מין שטיקל אַרבעט, עפּעס גאָרניט אַזוי ווי בײַ לײַטן, עפּעס מאָדנע, משונה פאַרענדערט; בײַ דעם עולם הייסט עס אָריגינאַלנע, סוואָיעאָבראַזנע[11]. נאָר וואָס דען? דרוקן עס אַזוי ווי עס איז איצט, אוי־ווײ, קאָן מען נישט. פאַרוואָס? ערשטנס, איז דער „או נשיש" מיטן „להקטינין", וואָס זײַנען גוט באַקאַנט מיר מיט נאָך אַזעלכע עטלאַכע, זײַנען זיי אָבער פאַרן איבעריקן עולם כמעט גאָר אַ בלינדער אתרוג. והשנית, קאָן איך ניט סובל זײַן דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן אַ ל ו ע ג ל ר ש — איר פאַרשטייט, ו ו אָ ס און ו ו ע מ ע ן איך מיין. על כן מוז מען די הקדמה איבערלייטערן..."

די בײדע מאָל האָט דער זיידע דווקא געפאָלגט דעם „פאַרשייטן" אייניקל: דאָס לידל „איש חסיד" און די הקדמה צו דער „פאָלקסביבליאָטעק" זײַנען נ י ט געדרוקט געוואָרן.

דרך אגב דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די רעדאַקטאָרישע אַרבעט פון דער „פאָלקסביבליאָטעק", צו וועלכער שלום־עליכם האָט זיך באַצויגן מיט דעם גאַנצן פלייס און פולן ערנסט, מיט וועלכע ער פלעגט זיך בכלל באַציִען צו ליטעראַטור, איז פאַר אים אַליין געווען אַ גוטע שול; זי האָט אַ סך מיטגעווירקט צו פאַרפײַנערן און באַפעסטיקן זײַן געשמאַק און ליטעראַרישן טאַקט, אַזוי אַז ער איז פון איר אַרויס אַ געשטאַרקטער און אַ גערײַטערטער אויך פאַר זײַן אייגענעם שאַפן. דאָס קאָן מען קלאָר אַרויסזען, ווען מע פאַרגלײַכט די פריערדיקע ווערק זײַנע, ווי „סענדער בלאַנק", „קינדערשפּיל" און אַנדערע (דערהויפּט אין זייער ע ר ש ט ע ר רעדאַקציע), צו „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי" און די אַנדערע זאַכן, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דער „פאָלקסביבליאָטעק".

8

פערזענלאַך האָט זיך שלום־עליכם באַקענט מיט מענדעלין צום סוף יאָר 1888, בעת ער איז געווען אין אָדעס אויף אַ קורצן באַזוך, און די פרײַנטשאַפט צווישן דעם זיידן מיטן אייניקל איז דעמאָלט פאַרזיגלט געוואָרן. מענדעלי האָט שלום־עליכמען באַצויבערט מיט זײַן הויך־אינטערעסאַנטער פערזענלאַכקייט פון אַ קלוגן ליכטיקן קאָפּ און אַן עכטן אָריגינעל־אידישן אַלטמײַסטער, און שלום־עליכם האָט אויסגענומען בײַ

[11] אָריגינעל, אייגנאַרטיק.

מענדעלין מיט זיין פֿרישקייט, מיט דער לויטערקייט פֿון זיין קוועלנדיקן הומאָר און מיט זיין יונגן אויפֿריכטיקן ברען צו אַרבעטן, צו אויפֿטון, צו קערן וועלטן. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן פֿאַר ביידן, אַז די נעמען „זיידע" און „אייניקל" זיינען גאָרניט קיין ליטעראַרישע מליצה, נאָר פּאַסן זיך צו זיי אמת גוט. אין די בריוו, וואָס קומען דערנאָך, ווערט מענדעלי נאָך מער צוגעלאָזט צו שלום-עליכמען. ער רופֿט אים שוין: „מיין פֿלאַמפֿייערדיק צוקערזיס אייניקל!" און ראַווניצקי, שלום-עליכמס געטרייער חבר און קאָרעספּאָנדענט, שרייבט צו אים נאָך זיין אָפּפֿאָר פֿון אָדעס אָט דעם באַריכט: „איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט שטאַרק נושא-חן געווען ביים זיידן אייערן און ביי בן-עמין אויך. איך בין נעכטן געווען ביים זיידן אַ שטיק צייט, האָב איך אַרויסגעזען די זאַך באַשיינפּערלאַך. נאָר נאָך מער דאַרפֿט איר זיך איבערנעמען, וואָס איר האָט געפֿונען לייטזעליקייט אין בן-עמים אויגן. אויף דעם האָבן זיך נאָר געמיט אייערע זכות-אָבות, ווייל זייער זעלטן, איין מאָל אין אַ יובל, געפֿעלט בן-עמין אַ מענטש אויף אַזאַ אופֿן".

אין יענער צייט איז דערשינען דער ערשטער באַנד פֿון דער „אידישער פֿאָלקסביבליאָטעק", וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אומעטום און באַצייכנט מיט זיך דעם אָנהייב פֿון אַ נייעם פּעריאָד אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אויך אַרויס פֿון דרוק דער ערשטער באַנד פֿון ספּעקטאָרס „הויזפֿריינד", און די קריטיק, וואָס האָט געהאַט אַ מעגלאַכקייט צו פֿאַרגלייכן בײדע אויסגאַבעס, האָט אַוועקגעגעבן דעם אויבנאָן צו דער „פֿאָלקסביבליאָטעק". אין אָדעס אָבער האָט זיך געפֿונען אַ קליינע שרייבערישע גרופּע, מיט לינעצקין בראש, וואָס האָט, איבער געוויסע פּניות, זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿונם „הויזפֿריינד". די דאָזיקע גרופּע האָט ניט געקאָנט פֿאַרליידן מענדעלים „פּאַטריאַרכאַט" אין דער אידישער ליטעראַטור און האָט איר אומפֿריינטלאַכקייט צום „זיידן" אַריבערגעטראָגן אויך אויפֿן „אייניקל". ביי מענדעלים אָדעסער מקורבים האָט יענע גרופּע באַקומען דעם נאָמען „די סטרא-אַחרא". גראָד דעמאָלט איז ספּעקטאָר פֿאַרפֿאָרן קיין אָדעס צו זוכן אַבאָנענטן פֿאַר זיין „הויזפֿריינד", און די „סטרא-אַחרא" האָט אויסגענוצט זיין באַזוך צו אויפֿהייבן איר אייגענעם פּרעסטיזש. זי האָט געמאַכט לכּבֿוד ספּעקטאָרן אַ קערמעשל, אויף וועלכן מע האָט געלויבט דעם „הויזפֿריינד" און געריסן די „פֿאָלקסביבליאָטעק", און ניט אַזוי די „פֿאָלקסביבליאָטעק", ווי דעם „זיידן" מיטן „אייניקל" (אויף שלום-עליכמען האָט מען דאָרט דערציילט גוזמות, אַז ער האָט מכבּד געווען מענדעלין און זיין גאַנצע מסיבה מיט צען-רובלדיקע ציגאַרן — דערפֿאַר האָט ער מענדעלים הויזדינער איבערגעלאָזט נאָר ווייניק טרינקגעלט...). די אַלע קליינשטעטלדיקע מעשיות זיינען איבערגעגעבן געוואָרן שלום-עליכמען דורך זיינע אָדעסער קאָרעספּאָנדענטן. און כאָטש שלום-עליכם האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק דערפֿון און האָט אויך געוואוסט, אַז מענדעלי האַלט זיך העכער פֿונם דאָזיקן „קליינוואַרג", האָט ער אָבער געוואָלט, ווייזט אויס, געבן דעם זיידן אַ מין סאַטיספֿאַקציע קעגן זיינע „שטיגוטערעס". און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, נאָכן צווייטן באַנד „פֿאָלקסביבליאָטעק", קומענדיק מיט זיין פֿרוי סוף זומער 1890 קיין אָדעס, האָט ער אין דעם רייכסטן האָטעל פֿון שטאָט, אין דער „סיעווערנאַיאַ גאָסטיניצאַ", געגעבן לכּבֿוד מענדעלין אַ באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען פֿאַרבעטן געוואָרן אַלע גוטע פֿריינט און מקורבים פֿונם זיידן. פֿון דעם דאָזיקן באַנקעט האָט מען אין אָדעס גערעדט ניט נאָר אין יענע טעג, נאָר מע האָט פֿון אים דערציילט מעשיות יאָרן-לאַנג נאָכדעם. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די „פּני" פֿון דער שריפֿטשטעלערישער קאָלאָניע, מע האָט זיך שטאַרק משמח געווען, גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער אויפֿגייענדיקער פֿאָלקסליטעראַטור, געהערט דעם זיידנס שאַרפֿע תּורה און חריפֿותדיקע משלים, יונגעלייטלאַך-משׂכּילים, וואָס האָבן ניט געהאַט די זכיה צו זיין אינווייניק, האָבן אַ גאַנצע נאַכט זיך געקלעפּט אַרום די פֿענסטער פֿונם האָטעל, געגאַרט כאַפּן כאָטש אַ וואָרט, אַ מינע, אַ באַוועגונג פֿון די „גדולים". די שׂמחה האָט זיך פֿאַרצויגן ביז אין ווייסן טאָג אַריין — ביז משה ליב ליליענבלום, וואָס האָט געדינט אין דער שטאָטישער חבֿרה-קדישא, האָט אַ קוק געטאָן אין פֿענסטער, זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונם אָרט און אַ זאָג געטאָן אויף זיין שטאַמלענדיקן לשון: „אוי-ווי, סאיז שוין גרויסער טאָג! מע דאַרף שוין גיין באַגראָבן אידן!"...

דאָס איז געווען דער לעצטער „גבֿירישער" זשעסט שלום-עליכמס אין דעם אינטימען קרייז פֿון זיינע אָדעסער חבֿרים. וואָרים תּיכּף נאָך דעם איז פֿאָרגעקומען דער קריזיס אין זיינע געשעפֿטן, דורך וואָס ער האָט פֿאַרלאָרן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. נאָכדעם ווי ער האָט אַ צייט זיך אויסבאַהאַלטן אין אויסלאַנד פֿון זיינע קרעדיטאָרן, איז ער צוריקגעקומען ניט קיין קיעוו, נאָר קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין פֿאַמיליע אויף עטלאַכע יאָר. פֿון אַרויסגעבן ווייטער די „פֿאָלקסביבליאָטעק" האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן (ער האָט געפּרוווט אַרויסלאָזן דעם „קול מבֿשׂר", וואָס האָט באַדאַרפֿט דינען ווי אַ פֿירגייער פֿאַרן דריטן באַנד „פֿאָלקסביבליאָטעק", נאָר דערביי איז עס געבליבן); דערפֿאַר האָט ער דאָ, דורך דער אמתער ליבשאַפֿט פֿון די אָדעסער חבֿרים, געהאַט די מעגלאַכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז זיין פּלאַץ אויבנאָן אין דער אידישער ליטעראַטור איז פֿאַר אים געזיכערט: אויב ער איז שוין מער ניט דער רייכער קיעווער אַרויסגעבער, איז ער אָבער פֿאַרבליבן

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם — און דאָס איז אַן ערך וויכטיקער!

אין די עטלעכע יאָר, וואָס שלום־עליכם האָט פאַרבראַכט אין אָדעס (פון פרילינג 1891 ביז האַרבסט 1893), איז ער אינערלעך רייפער געוואָרן און האָט ענדלעך געפונען זיין אייגענעם וועג. סאיז דעמאָלט דווקא געווען אַ שטילשטאַנד אין דער אידישער ליטעראַטור, קיין פעריאָדישע אויסגאַבעס זיינען ניט דערשינען, און צוליב מאַטעריעלע צוועקן איז שלום־עליכמען אויסגעקומען צו שרייבן רוסיש (אַ ריי פעליעטאָנען און לירישע סקיצעס אינם „אָדעססקי ליסטאָק"), און אויס ליבהאָבערישער אַמביציע — אויך העברייאיש; נאָר אין דער דאָזיקער שטילקייט איז ביי אים אויסגעוואַקסן דאָס באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער, זעלבסטשטענדיקער קראַפט. דערצו האָט זיכער געווירקט די נאָענטקייט זיינע מיט מענדעלין. אונטער מענדעלים פערזענלעכער השפעה האָט ער זיך באַפרייט פון מענדעלים ליטעראַרישער השפעה. אַ וואונק דערויף האָט אונז שלום־עליכם אַליין געגעבן אין זיין פראַכטפולן קאַפּיטל זכרונות פון יענער צייט, אונטערן נאָמען „אויטאָ־דאַ־פע", אין וועלכן ער דערציילט, ווי אַזוי מענדעלי האָט אים גאָר אָן אַ שום רחמנות געהייסן פאַרברענען זיינס אַ ווערק, וועלכעס איז געווען געשריבן טאַקע „אונטערן איינפלוס פונם זיידן", „כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע", און מענדעלי האָט וועגן דעם געזאָגט, אַז „דאָס איז — פע!!!" אַפּנים, דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע ווערק, אין וועלכן דער אייניקל האָט זיך געהאַלטן ביים זיידנס קאַפּאָטע, ווייל נאָענט צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן די ערשטע סעריע פון מנחם־מענדלס בריוו („לאָנדאָן" אינם „קול מבשר") — שלום־עליכמס אייגענער אָפענער ברייטער וועג.

דער אָדעסער פעריאָד איז פאַרבליבן ביי שלום־עליכמען אין זכרון ווי אַ צייט פון הרחבת־הנפש, פון הויכן גייסטיקן געניוס. דערהויפּט זיינען אים געלעגן אין טעם די אָפטע לאַנגע שמועסן מיטן זיידן. שלום־עליכמס עלטסטע טאָכטער דערציילט, אַז מענדעלי פלעגט יענע יאָרן זיין אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין שטוב, און זי, דעמאָלט אַ קינד, פלעגט זיך שטאַרק שרעקן פאַר אים. איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז „דער זיידע וויל שלאָגן דעם פּאַפּאַ". דער דאָזיקער איינדרוק איז געקומען פון מענדעלים הילכיקער לייבנשטים און פון זיין אַגרעסיוון טעמפּעראַמענטפולן שטייגער פון ריידן.

די ליבשאַפט צווישן זיידן מיטן אייניקל, וואָס איז שטאַרק איינגעוואָרצלט געוואָרן אין יענע טעג, איז ביי זיי פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. דאָס איז געווען אַ רירנדע ליבשאַפט, ווי צווישן אַן אמתן זיידן מיט אַן אייניקל, און דיזעלבע קרובהשע באַציאונגען זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אויך צווישן ביידנס פאַמיליעס. דער ליטעראַרישער ערפאָלג פון איינעם האָט דעם צווייטן נאָר געקאָנט פרייען. קיין „קנאת סופרים" איז דאָ ניט געמאָלט געווען. סאיז אַ פאַקט, אַז שלום־עליכם פלעגט זיך פילן שאָקירט, טאָמער האָט אים ווער געזאָגט, אַז ער האָט אַריבערגעיאָגט דעם זיידן. מיטן זיידן טאָר זיך קיינער ניט פאַרמעסטן, ווייל ער איז אַ זיידע — ד ע ר ע ר ש ט ע ר. און מענדעלין ווידער איז טייער געווען דער כבוד פון זיין אייניקל, און ער האָט נאָכגעפאָלגט זיינע טריט אין דער ליטעראַטור, ווי אַן אמתער געטרייער זיידע. איך דערמאָן מיך, ווי אַזוי ער איז געווען ניט־צופרידן, בעת שלום־עליכם האָט אין 1913, אינם „היינט", אַרויסגעפירט מנחם־מענדלען אין אַ נייער ראָל — אַלץ צייטונגמענטש. „אוי, הערט איר, — האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט אין אַ שמועס — איך האָב דאָך מורא, ער זאָל חלילה זיין מנחם־מענדלען ניט קאַליע מאַכן. מנחם־מענדל איז אַ פאַרענדיקטע פיגור — מע טאָר אים מער ניט טשעפּען! וואָס וויל ער דען מיט אים טון ווייטער? צוקלעפּן נאָך אַ נאָז? אויף וואָס טויג מנחם־מענדלען צוויי נעז? גענוג איין נאָז!... אַי, הערט איר, — האָט ער זיך גענומען רייבן דעם הויכן געקנייטשטן שטערן — מע וואָלט אים באַדאַרפט זייער נייטיק שרייבן אַ בריוול וועגן דעם!"...

איך געדיינק, ווי ער האָט זיך דעמאָלט צערעדט וועגן שלום־עליכמען מיט אמתער זיידישער וואַרימקייט. אין יענער צייט האָט זיך געהאַט געדרוקט מיין העברייאישע איבערזעצונג פון שלום־עליכמס „דריידל", און מענדעלי האָט גענומען ריידן וועגן דעם, ווי ער וואָלט עס דאַן צום ערשטן מאָל געלייענט:

— אַ מענטש ווייסט ניט, הערט איר, וואו זיין כח שטעקט. אָט שיט ער פון אַרבל אַזעלכע קליינע זאַכן, אמתע פּערל, און קוקט זיך גאָרניט אום אויף זיי. דאַכט זיך, אַ וואָס? אַ נאַרישקייט, אַ דריידל דאָרטן... אָסור, זאָג איך אייך, הערט איר, אָסור אויב ער ווייסט, וואָס פאַר אַ מין דריידל דאָס איז!...

אין דער אָדעסער שריפטשטעלערישער קאָלאָניע איז געווען באַקאַנט די כאַראַקטעריסטיק, וואָס מענדעלי האָט דורכגעפירט פּאַראַלעל צווישן זיין אייגענעם שטייגער פון שרייבן און שלום־עליכמס:

— איך, אַז איך פאַרטראַכט עפּעס צו שרייבן, — האָט ער געזאָגט — צו וועמען בין איך געגליכן? צו אַ אידענע, וואָס פאַרגייט אין טראָגן. אוי, דער צער פון טראָגן, מע זאָל גאָר באַהיט און באַשירמט ווערן דערפון!... קודם כל, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אשה אין אַזעלכע אומשטענדן, באַפאַלט מיך, ניט פאַר אייך גערעדט, אַ ניטגוטקייט... אַפּנים, פון דעם געדאַנק אַליין, אַז איך דאַרף מיך אַוועקזעצן שרייבן, ווערט מיר שוין ניט גוט... דערנאָך הייבט זיך אָן אַ סדרה פון טראַכטענישן, איבערקלערענישן, צוהערענישן צו דעם, וואָס קומט־פאָר אינווייניק... היינט דאָס

פילעווען זיך, דאָס היטן זיך פון אַן איבעריקן קער, פון אַ צו שאַרפער באַוועגונג, מע זאָל גאָרניט געפּרווּוט ווערן !... מוז מען שוין זיצן אין געהאַקטע וואונדן פאַרשפאַרט ביי זיך אין קאַמער, בפרט נאָך אין די הויכע חדשים... היינט די בייזע מחשבות, טאָמער חלילה איז מען מפּיל, אָדער טאָמער ווערט גלאַט געבוירן אַ פאַרזעעניש, ווי איז מיר ! ... נו, און אַז עס קומען שוין אָן די געבורטווייען, די אמתע חבלי־לידה, איז דאָך ניט שייך צו דערציילן — דעמאָלט איז דאָך הימל עפן זיך ! ... איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ קימפּעטאָרין, אַז זי גייט צו־קינד ? — — — ביי שלום־עליכמען קומט־פאָר דיזעלבע געשיכטע גאַנץ אַנדערש. עס דרייט זיך אום אַ הון איבערן שטוב, קוואָקעט עפּעס פאַר זיך אַ לידל, פּיקט־פּיקט, אַ פּיק דאָ, אַ פּיק דאָרט, און איידער איר קוקט זיך אום, האָט זי זיך שוין צוגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקעלע — אהא, מזל־טוב, געלייגט אַן איי ! ...

אין דער דאָזיקער שאַרפזיניקער כאַראַקטעריסטיק האָט געשטעקט אַן אמת נאָר בנוגע דער אויסערלאַכקייט פון שלום־עליכמס שאַפן — זיין פּראָדוקטיוויטעט ; אינערלאַך אָבער פלעגט שלום־עליכם אויסווייטיקן זיינע וויכטיקע שאַפונגען, ווי יעדער אַנדערער עכטער שעפער, און ניט איין מאָל פלעגט ער שרייבנדיק זיך צעביסן די נעגל ביז בלוט. דער פאַרגלייך צווישן מענדעלים און שלום־עליכמס שאַפן וואָלט באַדאַרפט געמאַכט ווערן אַ ביסל אַנדערש : אין דער צייט, וואָס מענדעלי האָט געהערט צו דעם מין געווינערינס, וואָס געווינען ז ע ל ט ן , און דעריבער קומט זיי אָן שווער דאָס האָבן, — האָט שלום־עליכם געהערט צו דעם ק י נ ד ל ד י ק ן מין, וואָס „חבלי־לידה“ שרעקן זיי ניט אָפּ. דערצו פלעגט ביי אים גאַנץ אָפט פּאַסירן דער נס, מיט וועלכן די אידישע פרויען זיינען אַמאָל געבענטשט געווען אין מצרים : ער פלעגט געווינען זעקס מיט אַ מאָל.

9

אויסער דער „פאָלקסביבליאָטעק“ זיינען דערנאָך ביים זיידן מיטן איניקל קיין געמיינזאַמע ליטעראַרישע טראַנסאַקציעס ניט געווען, און זייער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ ריין פריינטשאַפטלאַכע, בעסער געזאָגט — אַ קרובהשע. עס האָט ניט געקאָנט אַוועקגיין קיין לאַנגע צייט, שלום־עליכם זאָל ניט קומען צו מענדעלין מיט אַ גוטן בריוול, צו באַווייזן אים זיין אויפמערקזאַמקייט און געטריישאַפט. און פאַרשאַפן דעם זיידן אַ נחת־רוח — איז פאַר אים געווען אַ שמחה. אַז מע האָט אין 1910 געפייערט דעם פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג



„פ י ר ז י י נ ע ן מ י ר ג ע ז ע ס ן“

ח. נ. ביאַליק, מ. בן־עמי, שלום־עליכם און מענדעלי מוכר־ספרים [זשענעווע, שווייץ, סעפּטעמבער 1907].

פון מענדעלין, האט שלום-עליכם לכבוד דעם יום־טוב אנגעשריבן צוויי ארטיקלען מיט א מאל — „ווי שיין איז דער בוים!“ און „אויטא־דא־פע“ (אינם „מאמענט“ און אין דער „הצפירה“). ווען ער זאל דעמאלט האבן די מעגלאכקייט צו דרוקן זיך אין נאך צייטונגען, וואלט ער ניט מיד געווארן צו שרייבן נאך, ווארים וועגן דעם זיידן האט ער געהאט „צו דערציילן און צו דערציילן“.

נאך די אקטאבער־פאגראמען פון 1905, נאכדעם ווי שלום־עליכם האט דורכגעמאכט זיין נסיעה איבער גאליציע און אמעריקע, האט ער זיך מיט מענדעלין ווידער צוזאמענגעטראפן אין איין שטאט — אין זשענעווע. דארט איז דעמאלט געזעסן אויך בן־עמי — איינער פון די אנגעזעענסטע מיטגלידער אין דער אדעסער משפחה, און סאיז געווען, ווי שלום־עליכם פלעגט זאגן, „חדש ימינו כקדם“, אן אפקלאנג פון די גוטע אדעסער יארן. דערהויפט איז געווארן יום־טוב, בעת ביאליק איז געקומען צו־גאסט אויף א קורצער צייט. די מאטעריעלע לאגע ביי שלום־עליכמען איז דעמאלט געווען דווקא ניט קיין פריילאכע, נאר דאס האט ניט געמינערט אויף א האר די געהויבענע שטי־מונג, וואס ביי אים האט ארויסגערופן אזא געשעעניש: פיר שריפטשטעלער, וועלכע זיינען פארבונדן איינער מיטן אנדערן דורך צארטע און שטארקע משפחה־פעדים, באגעגענען זיך אין איין מסיבה! א ביסל איז די דאזיקע באגעגעניש באשריבן געווארן פון שלום־עליכמען אין זיין „פיר זיינען מיר געזעסן“ און „מיין באקאנטשאפט מיט ח. נ. ביאליק“. מע האט זאלבא־פערט געמאכט שפאצירגיינג אין די בערג, געפירט ליטעראריש געשפרעכן, זיך פארמאסטן איינער מיטן אנדערן אין שטיפעריי. איינמאל, ביי א גלעזל כרמל־ווייז, אז אלע זיינען געווען בגילופין, האט שלום־עליכם פאר זיינע חברים הויך־מייסטעריש, ווי אן אמתער ארטיסט, אפגעשפילט די ראל פון רב אלטערן אין זיין קאמעדיע „מזל־טוב“, וואו עס ווערט איבערגע־הזרט די פראזע: „א איד איז קיינמאל ניט שיכור“...

די לעצטע יארן, קראנקערהייט, האט שלום־עליכם ניט אויפגעהערט צו שרייבן בריוו דעם זיידן ביי יעדער פאסיקער געלעגנהייט. דערביי האט זיך אין די בריוו ניט געפילט דער טאן פון א קראנקן מענטשן. פארן זיידן האט ער זיך געוואלט תמיד באווייזן אין פריילאכן געמיט, ווי עס פאסט פאר אן אייניקל. עס איז געווען א צייט, וואס די דאקטוירים האבן אים פארבאטן צו שרייבן זיצנדיק, פלעגט ער זיינע בריוו דיקטירן אויף דער שרייבמאשין. נאר מיט מענדעלין האט ער זיך דערלויבט צו מאכן אן אויסנעם: צו אים האבן די בריוו געמוזט געשריבן ווערן מיט זיין אייגענער האנט, און דווקא מיטן פיין־געטאקטן פערלדיקן כתב — „א לא אבראמאוויטש“.

נאר איין מאל, נעדיינק איך, האט מענדעלי באקומען פון שלום־עליכמען ניט קיין פריילאכן בריוו. דאס איז געווען אין אנהייב 1913, בעת שלום־עליכם איז געלעגן קראנק אין א קליניק אין בערן, און די בערנער ספעציאליסטן האבן געזאגט, אז ער מוז אפערירט ווערן. שלום־עליכם האט בשום אופן ניט דערלאזט צו אן אפעראציע, כאטש ער האט זיך שטארק געשראקן, אז ער וועט די קראנקייט סיווי ניט איבערלעבן. אין אט דעם פארצווייפלטן צושטאנד האט ער אנגעשריבן צו מענדעלין א מין אפשייד־בריוו. מענדעלי האט מיך דעמאלט גערופן צו זיך און באוויזן דעם בריוו. דער אלטער זיידע איז געווען שטארק נידערגעשלאגן, און צו דערזעלבער צייט אויך מאדנע גערירט.

— ער האט מיר גאר דעם קאפ אראפגענומען! — האט ער זיך פאר מיר געקלאגט. — איך האב א גאנצע נאכט ניט געקאנט צומאכן מיט קיין אויג... הערט א מעשה! אז שלום־עליכם זאל שוין קאנען שרייבן אזא בריוו — איז פע, ניט גוט!... „גוואלד, שרייט ער, זיידע, איך שטארב!“... פע! פע! וואס איז דאס פאר א לשון? ווי קומט דאס צו אים?... ער האט מיר גאר דעם קאפ אראפגענומען!...

ער איז געזעסן ביי זיין גרויסן שרייבטיש א פאר־וואלקנטער, מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן, און גערעדט ווי פאר זיך:

— זיי זאגן דאך שוין אלע איצט: זיידע, זיידע... מילא, מהכתיתי, זייער פיין, איך האב צו זיי גארנישט... דער אמתער אייניקל איז דאך אבער פארט ער!... נאך פון גאר די ערשטע יארן!... עפעס א קלייניקייט — ביי מיר שלום־עליכם!... און ווען ווייזט זיך עס ארויס? טאקע אין אן עת צרה... ווי אן אייגן קינד פעסטעט ער זיך פאר מיר... האסטו געהערט א ביסל? ער האט מיך גערירט ביז טרערן, כלעבן!...

אז איך האב אים געבעטן, ער זאל אנשרייבן שלום־עליכמען אן ענטפער און אים בארואיקן, האט ער מיך אנגעקוקט כמעט ווי ברוגזלאך:

— מענטש איינער, ווי קאן איך? סאיז דען עפעס גאר א קאטאוועס זיך אוועקזעצן אין אזא צושטאנד שרייבן בריוולאך?... בפרט, אז אליין בין איך אויך קראנק און צעבראכן, און דאס טינטערל שטייט שוין ביי מיר לאנג פארטריקנט...

שלום־עליכם האט קיינמאל ניט געקוקט דערויף, וואס דער זיידע איז געווען קארג אויף שרייבן בריוו. ער האט געוואוסט, ווי שווער עס קומט אים אן דאס שרייבן, דערהויפט אין די יארן פון זיין הויכן עלטער, ובפרט אין א צייט, ווען „דאס טינטערל שטייט ביי אים פארטריקנט“, — און ער האט דעריבער ניט געפירט מיט אים קיין חשבונות. ער האט אים גערן געשריבן, ווייסנדיק פאראויס, אז ניט אלע מאל קאן מען פון אים דערווארטן א תשובה. דאס איז פאר אים געווען אן איינגענעמע פליכט, א מין „כבוד־אב“.

און אפילו אינם לעצטן יאָר אין אַמעריקע, ווען ער האָט צו קיינעם פון זיינע חברים אין רוסלאַנד קיין בריוו ניט געשריבן (טיילווייז מחמת זיין געדריקטער שטימונג, און טיילווייז דערפאַר, וואָס מע האָט ניט געטאָרט שרייבן אַהין אויף אידיש), איז דער זיידע געווען דער איינציקער, וועמען ער האָט געשיקט זיין גרוס איבערן ים, כאָטש אויף אַ פּ״עמדער שפּראַך און כאָטש אין אַ געדריקטן געמיט, וואָס מע קאָן זען פון דעם אָפּגעהאַקטן, קורצאָטעמדיקן סטיל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע געזעגענען זיך צווישן אייניקל מיטן זיידן, און די לעצטע פראַזע אינם בריוו קלינגט אַזוי רירענד, ווי דער סוף פון אַ לעבנסלאַנגן דועט, געזונגען אויף צוויי באַזונדערע שטימען, נאָר דורך צוויי נאָענטע, מיט לייב און נשמה פאַרוואַנדטע קינסטלער אויף איין בינע:

„א ו י ף ו ו י ד ע ר ז ע ן. צי וועלן מיר זיך נאָך זען מיט אַייך אויף ד ע ר וועלט?״...

10

נאָך מענדעלין קומט אויפן צעטל פון די אַדעסער שריפטשטעלער י. ח. ראַווניצקי, וועלכער איז געווען ביי שלום־עליכמען פאַררעכנט ווי דער נאָענטסטער פון זיינע ליטעראַרישע חברים, „זיין אינטימסטער פריינט״, ווי שלום־עליכם אַליין באַצייכנט אים אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע רשימות. פונקט ווי מיט ספּעקטאָרן, אַזוי אויך מיט ראַווניצקין האָט שלום־עליכם דאָס גאַנצע לעבן געפירט אַ וואַרימע, אינטימע, ברודערלאַכע קאָרעספּאָנדענץ, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ איז די קאָרעספּאָנדענץ געווען מער פון אַ אידעיאישן כאַראַקטער. מיט זיין ערנסטקייט, מיט זיין שטרייגנער ערלאַכער באַציאונג צו ליטעראַטור, מיט זיין קלאָרקייט פון סטיל, מיט זיין גוטן ליטעראַרישן געשמאַק און פיינעם טאַקט — האָט ראַווניצקי געוואונען שלום־עליכמס ליבשאַפט נאָך אין די צייטן פון דעם „פאָלקסבלאַט״ און דער „פאָלקסביבליאָטעק״, און די דאָזיקע ליבשאַפט איז געוואַקסן אין משך פון די יאָרן. שוין אין דעם ערשטן פעריאָד פון זייער איבערשרייבעניש, וועלכע האָט זיך פאַרבונדן ביי זיי אין שייכות מיטן זאַמלבוך „דער וועקער״, וואָס ראַווניצקי האָט רעדאַקטירט, אין יאָר 1887, זאָגט אים שלום־עליכם אַרויס דאָס, וואָס ער האָט אין אים געפונען:

„איך סימפּאַטיזיר בר־קצינען[12] — — — דערפאַר, ווייל דער בר־קצין האָט אין זיין שרייבן אַ ביסעלע זאַלץ פון הומאָר און סאַטירע; דערפאַר, ווייל בר־קצין, ווען ער שרייבט עפּעס, וואָס סע ניט איז, איז דאָס צוקערזיס, געציילטע ווערטער, קורץ און שאַרף, אָן חכמות, אָן לאַנגע הקדמות, אָן מוסר־זאָגאַכצן, אָן רעזאָניאָרסטווע...״

שלום־עליכם און י. ח. רבניצקי [„אלדד ומידד״]
[אַדעס, אויגוסט 1904].

און שפּעטער אַ ביסל, אַז זיי ווערן נעענטער באַקענט דורך זייערע אָפטע בריוו, שרייבט אים שלום־עליכם: „איך האַלט אַייך פאַרן גרעסטן מבין צווישן די יונגע מבינים״. ער הערט זיך שטאַרק צו צו ראַווניצקיס קריטיק איבער זיין שרייבן, און אַז ראַווניצקי ווייזט אים אָן פעלערן אין „שמרם משפט״, ענטפערט ער אים אויפריכטיק: „בכלל, הער איך פון אַייך, לכל הפחות, אַ מיינונג, ווי פון אַן א מ ת ן מענטשן — און בין אַייך דאַנקבאַר, ווי יעדן וואָס זעצט מיר אוים מיינע פעלער״.

וואָס ווייטער וואַקסט זיין צוטרוי צו ראַווניצקין אַלץ מער, און אַז ער נעמט זיך אַרויסצוגעבן די „פאָלקסביבליאָטעק״, ציט ער אים צו ווי אַ נאָענטן מיטאַרבעטער. ער גיט אים איבער אַ טייל פון דער ביבליאָגראַפיש־קריטישער רובריק, טיילט אים מיט זיינע איינדרוקן פון דער אַרבעט, דרוקט אין אַדעס אונטער זיין השגחה און קאָרעקטור די ראָמאַנען „סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״, דערביי איז ראַווניצקי ניט נאָר דער קאָרעקטאָר, נאָר אויך כמו ווי דער רעדאַקטאָר פון די צוויי ראָמאַנען: ער זיפּט דורך די מאַנוסקריפּטן, שיקט שלום־עליכמען זיינע באַמערקונגען, צו וועלכע שלום־עליכם הערט זיך שטאַרק צו און פאָלגט אים. און ניט נאָר ער פאָלגט אים — ער בעט אים צו זיין זיין שטרייגנער קריטיקער: „לייענט זשע מיט קאָפּ — שרייבט ער אים וועגן „סטעמפּעניו״ — און פאַרצייכנט אויף אַ באַזונדער

[12] „בר־קצין״ איז דעמאָלט געווען י. ח. ראַווניצקיס פּסעוודאָנים.

בוינגן פֿאַפּיר אַלע אײַערע געדאַנקען, מיט אַלע מעלות, מיט אַלע חסרונות, נאָר איבערהויפּט די חסרונות".

אַז ראַווניצקי האָט צוגעשיקט זײַן אַרבעט פֿאַר דער ביבליאָגראַפֿישער אָפּטײלונג פֿונם ערשטן באַנד „פֿאָלקסביבליאָטעק", האָט זי שלום־עליכם אויפֿגענומען מיט אַ „בראַוואָ": „אײַער אַרבעט — שרײַבט ער אים — איז קריטיקירן, רעצענזירן, באַאַבאַכטן פֿרעמדע ווערק, גריבלען, זוכן, נישטערן, קראַצן, אַרויסקראַצן, געפֿינען. איר גײט זיך אַזוי גלאַטיק, קאַלטבלוטיק, מיט אַ שמײכעלע, און זאָגט זיך אָפּ גאַנץ אײנפֿאַך, פּשוט, זײער פּראָסט (אַי פּראָסט, אַי גוט פֿאַרן פֿאָלק!), און גאַנץ גלײַך און וויציק, און ניט וועלנדיק צו ווערטלען זיך — נײן, נאָר פֿאָרט וויציק..."

אין די עטלעכע יאָר, וואָס שלום־עליכם האָט געוואוינט אין אַדעס, איז זײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט ראַווניצקין פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. דעמאָלט האָבן זײ זיך עס בײדע צוזאַמען געשריבן אין „המליץ" די באַקאַנטע סעריע פֿעליעטאָנען „מכתבים מאלדד אל מידד", וואָס זײער אינהאַלט איז געווען — שפּאַסיקע קריטיק איבער קוריאָזע העברעיִשע ביכער, און אַ נאָמען האָבן זײ די דאָזיקע פֿעליעטאָנען געגעבן אויך אַ הומאָריסטישן: „קבורת־סופֿרים". דערבײַ האָט שלום־עליכם פֿיגורירט אַלץ „אלדד", און ראַווניצקי — אַלץ „מידד". דער אײנפֿאַל פֿון דעם דאָזיקן שותּפֿותדיקן שרײַבן איז געקומען פֿון שלום־עליכמען. פֿאַר אים איז דאָס געווען, ווי מע קאָן זיך עס פֿאָרשטעלן, מער אַ שפּיל אײדער אַן ערנסט, אין דער צײַט, וואָס ראַווניצקי האָט אין דער אַרבעט אַרײַנגעטראָגן אַן ערנסטע כּוונה — צו רײניקן די העברעיִשע ליטעראַטור פֿון בטלנות. פֿאַר שלום־עליכמס ביבליאָגראַף דאַרף דער „קבורת־סופֿרים" זײַן אַן ענין פֿאַר אַ אינטערעסאַנטן שטודיום: אָפּצוזוכן אין דעם דאָס שלום־עליכמדיקע עלעמענט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ראַווניצקי די „אלדד־ומידד"־בריוו געשריבן אַלײן, אָן שלום־עליכמס אײנטײל. איך דערמאָן מיך, ווי אײנמאָל אין נערווי, איבערלײענענדיק ערגעץ „מידדס" אַ בריוו, וואָס ראַווניצקי האָט דעמאָלט געדרוקט, איז שלום־עליכמען אײַנגעפֿאַלן צו איבערראַשן „מידדן" מיט אַן ענטפֿער פֿון „אלדדן", און ער האָט מיר פֿאָרגעלײגט, איך זאָל אים אויסהעלפֿן אין דער אַרבעט. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט „אַרבעטן", נאָר סאיז ניט געגאַנגען: אַחוץ וואָס מיר איז די גאַנצע זאַך פֿרעמד געווען, האָט שלום־עליכם אַלײן אָנגעשלאָגן אַ טאָן, וואָס האָט זיך מער געפּאַסט פֿאַר די צײַטן פֿונם „המליץ". שלום־עליכמען האָט בשעת מעשה פֿאַרדראָסן, וואָס דאָס שפּיל האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

אין דעם אַדעסער פּעריאָד האָט זיך שלום־עליכם שטאַרק צוגעבונדן אויך צו ראַווניצקיס נאָענטע פֿרײַנט, מיט וועמען ער האָט תּמיד געוואוינט צוזאַמען — צו די פֿאַלינקאָווסקיס (מאָניש און פֿאַיע, וואָס ווערן זײער אָפֿט דערמאָנט אין שלום־עליכמס בריוו צו ראַווניצקין). דאָס איז געווען אַ אידיש אינטעליגענט הויז, אַ מין בעל־הבתּישע באָהעם, וואו שלום־עליכם האָט זיך געפֿילט זײער הײמיש און איז געווען שטאַרק באַליבט. די מאַטעריעלע לאַגע איז דעמאָלט געווען ניט קײן געהויבענע, פֿלעגט מען פֿאַר צרות צוזאַמען פֿאַרבריִען הײמישע קערמעשלאַך, זינגען חסידישע ניגונים און טרינקען ווײַן, אויב סאיז געווען (עס פֿלעגן גאַנץ אָפֿט אויספֿעלן גלעזער בײַ די פֿאַלינקאָווסקיס אין הויז — איז שלום־עליכם געפֿאַלן אויף אַ המצאה: געהײסן אַראָפּנעמען די גלעזער פֿון די לאָמפּן, אַוועקשטעלן זײ אויף די דאָלאָניעס פֿון די הענט און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלען זײ אין „באָקאַלן"). אין פֿאַלינקאָווסקיס הויז האָט מען אָפּגעהיט אַ סך מעשׂיות און ווערטלאַך פֿון שלום־עליכמען, וועלכע וואָלטן געקאָנט צוגעבן קאָלאָריט צו זײַן כאַראַקטעריסטיק; די אַלטע פֿרײַנט האָבן אָבער לאַנג ניט איבערגעלעבט דעם שרײַבשטעלער. די זכרונות, וואָס ראַווניצקי האָט נאָך שלום־עליכמס טויט פֿאַרעפֿנטלעכט וועגן זײַן חבֿר, זײַנען פֿון אַ רײן ליטעראַרישן כאַראַקטער, מעמואַרן פֿון אַ שרײַבשטעלער וועגן אַ שרײַבשטעלער, אָן אַ צומיש פֿונם אינטימען עלעמענט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך אַדעס, האָט שלום־עליכם ניט אויפֿגעהערט צו איבערשרײַבן זיך מיט ראַווניצקין, געהאַלטן אים אין קאָנטאַקט מיט זײַן ליטעראַרישער אַרבעט, געטײלט זיך מיט אים חבֿריש מיט זײַנע אײַנדרוקן פֿון די רײַזעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין רוסלאַנד, און אויך שפּעטער אין אויסלאַנד. גאַנץ אָפֿט זײַנען די בריוו געווען געמײנט פֿאַר דער גאַנצער אַדעסער משפּחה, פֿון וועלכער ראַווניצקי, דער סאַמע נאָענטער צו שלום־עליכמען, איז געווען דער אַדרעסאַט. און נאָכדעם, אַז ראַווניצקי האָט זיך אין זײַן ליטעראַרישער און פֿאַרלעגערישער אַרבעט פֿאַראײניקט מיט ביאַליקן, פֿלעגט שלום־עליכם זײַנע בריוו שרײַבן צו בײדן צוזאַמען.

11

מיט ח. נ. ביאַליק האָט זיך שלום־עליכם פּערזענלעך באַקענט ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין 1907, אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג, וואו שלום־עליכם איז געווען אײנער פֿון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע. נאָר יאָרן־לאַנג פֿאַר זײער ערשטער באַגעגעניש האָבן בײדע שרײַבשטעלער שוין געפֿירט צווישן זיך אַ וואַרימע חבֿרישע קאָרעספּאָנדענץ אין אַ לעבעדיקן הומאָריסטישן טאָן, אונטער וועלכן עס האָט געגליט אַ הײסע ליבשאַפֿט פֿון אײנעם צום צווײטן. נאָך מענדעלי מוכר־ספֿרים איז ביאַליק געווען דער צווײטער אין דער אידישער ליטעראַטור, אין וועמען שלום־עליכם

איז געווען ממש פארליבט; ער האט ניט דורכגעלאזט קיין איין שורה פון ביאליקס דיכטונג, זיך געשעצט גליקלאך, וואס אין זיין דור איז ביי אידן אויסגעוואקסן אזא דיכטער, און אז ביאליק פלעגט עפעס אנשרייבן אויף אידיש — איז עס ביי אים געווען א ליטערארישער יום־טוב (ער פלעגט ביאליקס אידישע שירים פארלייענען פאר זיינע קינדער מיט א באזונדערער מייסטערישער אינטאנאציע. און פלעגט דאס אויך אפט טון אויף זיינע אייגענע עפנטלאכע פארלעזונגען). אין 1901, אז ביאליק האט אפגעדרוקט אינם חנוכה־בלאט פונם „יוד" זיין „נביאיש", האט שלום־עליכם געשריבן צו ראווניצקין: „וועגן ביאליקס „נביאיש" אין „חנוכה־בלאט" קאן איך אייך נאר זאגן, אז ווען ישעיהו הנביא זאל איצט זיין ביי אונז א נביא (אז אך און ווי וואלט אים געווען!), וואלט ער נישט באדארפט בעסער זאגן; אדער ווען ישעיהו אין זיין צייט זאל געווען נביאות זאגן אויף זשארגאן, וואלט ער בעסער ניט געקאנט זאגן..." און וועגן ביאליקס ליד „מיין גארטן" שרייבט ער צו ביאליקן און ראווניצקין א ווייציקן בריוו, וואס איז אבער פול מיט אמתער באגייסטערונג, און טוט א זאג בדרך־אגב, מיינענדיק די העברייאיסטן: „לאזן זיי זען, די כלבים, אז מיר, זשארגאניסטן, האבן אויך א ביאליק. זיי מיינען, אז נאר זיי האבן; מיר האבן אויך!"...

איך געדיינק, ווי אויפגעבראכט שלום־עליכם איז געווען אויף פרצן, למאי ער האט שלעכט איבערגעזעצט אויף אידיש ביאליקס „משא נמירוב". „אזוי קאליע מאכן בידים יענעמס א ווערק — האט ער געזאגט — קאן מען ניט אנדערש, סיידן מע האט דערביי א בייזע כוונה"...

שלום־עליכם איז געווען איינער פון ביאליקס פיינסטע מבינים; ער פלעגט אויפכאפן ביי אים סאמע די צארטסטע טענער זיינע. אין א בריוו צו מיר קיין אמעריקע פון 1907, נאכדעם ווי ער האט מיר אפגעגעבן א גרוס פון מיין טעכטערלס קינדערשע חכמות און פון איינעם א פריינט אונזערן, וואס איז באקאנט אלץ גרויסער כעסן, שרייבט ער: „הקראת את שירו החדש של יקירנו ביאליק „הולכת את מעמי — לכי לשלום" (השלח)? אין גדול כביאליק ואין חכמה כתמרה ואין משוגע כ*** ואין ארץ כאמריקא"[13]. אקעגן דעם איז ער אבער געווען ניט שטארק צופרידן פון ביאליקס „מגילת האש", וועלכע האט זיך אים אויסגעוויזן צופעט. אין זיינעם א בריוו צו ראווניצקין און ביאליקן שרייבט ער וועגן אט דער פאעמע אזוי: „למאי האט ער אנגעגאסן, ביאליק הייסט עס, אין זיין „מגילת אש" אזויפיל פאעזיע? איך בין שיר נישט דערטרונקען געווארן!"

שלום־עליכם און ח. נ. ביאליק [האג, אויגוסט 1907].

וועגן זיין ערשטער באגעגעניש מיט ביאליקן האט שלום־עליכם געשריבן אין זיין ארטיקל „מיין באקאנטשאפט מיט ח. נ. ביאליק", אז דער איינדרוק ביי זייביידן איז געווען „עפעס גלייך ווי מיר וואלטן געווען

[13] „האסט געלייענט דאס נייע ליד פון אונזער טייערן ביאליקן: „הולכת את מעמי — לכי לשלום" („השלוח")? ניטא נאך אזא גדול ווי ביאליק, און ניטא נאך אזא חכמה ווי טאמארא, און ניטא נאך אזא משוגענער ווי ***, און ניטא נאך אזא לאנד ווי אמעריקע".

באַקאַנט פון יאָרן און יאָרן, עפּעס גלייך ווי מיר האָבן זיך אין אונזער ווייטער קינדהייט צעשיידט און איצטער ווידער אַ מאָל צונויפגעקומען זיך". דאָסזעלבע האָט מיר אויך דערציילט ביאַליק, אַז ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי זיך דערפילט, ווי צוויי ברידער, וואָס האָבן זיך לאַנג ניט געזען איינער מיטן אַנדערן. סאיז געווען עפּעס גאָר נאָענטעס, טיף־קרובהשעס צווישן ביידע שריפטשטעלער, ניט געקוקט דערויף, וואָס זייערע טאַלענטן האָבן זיך אַזוי פאַרשיידן אויסגעדריקט. און אפשר איז דער אונטערשייד אין זייער שאַפן נאָר אַן אויבערפלעכלאַכער: ביידע טראָגן אין זיך דעם קרעפטיקן אוממיטלבאַרן אָטעם פון תנ"ך; און אויב ביאַליק איז שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרן ווי דער יורש פון די „נביאים אחרונים", וועט מען אפשר מיט דער צייט, אין דורות אַרום, דערקענען אין שלום-עליכמען דעם יורש פון די „נביאים ראשונים" — די ערשטע אידישע פאָלקס־דערציילער, און „טביה דער מילכיקער" וועט קאַנאָניזירט ווערן אינם פאָלקס־אוצר, ווי די פיינסטע ביבלישע שאַפונג פון אונזער דור?...

איינס איז זיכער געווען ביי ביידן, וואָס האָט זיי נאָענט געשטעלט איינעם צום אַנדערן: זייער אידיש־אוקראַאינישע היים, דער מקור פון זייער ביידנס זאַפטיקייט, פון זייער וואָרצלדיקער פשטות. פונקט ווי ספּעקטאָר, אַזוי האַלט אויך ביאַליק, להבדיל בין החיים והמתים, אַז קיינער פילט ניט אַזאַ טעם אין שלום-עליכמען, אַזוי ווי ער. אַז לייענענדיק שלום-עליכמס „שיר־השירים", הערט ער אפילו דעם ר י ח פון דער ערב־פּסחדיקער לופט אין דעם אוקראַאינישן „אינדרויסן", און לייענען שלום-עליכמס „פאַרכישופטן שניידער", די זעלטענע הומאָר־פליסנדיקע אידיליע פונם וואָליניש־אידישן קליינשטעטל, ווערט אים ניט דערעסן הונדערט מיט איין מאָל.

מיט דער זעלבער ליבשאַפט, אויב ניט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, איז שלום-עליכם געווען איבערגעפילט צו ביאַליקס שאַפן ביז צו די לעצטע טעג זיינע. דעם לעצטן בריוו צו זיין טאָכטער קיין אַדעס, וואָס ער האָט געשריבן עטלאַכע וואָכן פאַר זיין טויט, פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער:

„עס וועט זיין אַ שאָד, אויב בעלאָטשקע[14] וועט ניט קענען העברייאיש גענוג, אום צו לייענען אין אָריגינאַל אונזער הערלאַכן פּאָעט!"

12

צווישן שלום-עליכמס אַדעסער פריינט קאָן אויך פאַררעכנט ווערן דער באַרימטער אידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, הגם באַקענט האָבן זיך ביידע שריפטשטעלער מיט אַ צייט פריער איידער זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַדעס.

דובנאָוו האָט ניט־ווילנדיק געשפּילט אַ באַזונדערע ראָל אין שלום-עליכמס ליטעראַרישער קאַריערע — ער איז, אָן אַ שום כוונה דערצו פון זיין זייט, געוואָרן פאַר אים דער אַזוי־גערופענער „ליטעראַרישער סנדק". ער איז געווען דער ערשטער קריטיקער, פון די וואָס זייער וואָרט האָט אַ געוויכט, וואָס האָט עפנטלאַך אָנערקענט זיין טאַלענט, און שלום-עליכם, וואָס איז געווען בטבע אַ פאַטאַליסט, האָט געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דובנאָוו איז דאָס געווען דער־גורם צו זיין ליטעראַרישן אויפגיין — און ער האָט אים דעם דאָזיקן „חסד־נעורים" קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

געשען איז דאָס אין סוף פון די אַכציקער יאָרן. דובנאָוו, אונטערן פּסעוודאָנים „קריטיקוס", האָט דעמאָלט געפירט אין דעם אידיש־רוסישן „וואָסכאָד" די ביבליאָגראַפישע רובריק און האָט זייער פעסימיסטיש, און דערצו נאָך אין אַ פרעמדלאַכן טאָן, באַהאַנדלט די „זשאַרגאָן־ליטעראַטור". נאָר אָט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שלום-עליכמס ביכלאַך אין די ביילאַגעס פונם „פאָלקסבלאַט" — „דאָס מעסערל", „קינדערשפּיל", „סענדער בלאַנק" און אַנדערע — און דער טאָן אין די רעצענזיעס פון „קריטיקוס" האָט זיך געביטן: ער האָט דערזען פאַר זיך אַן אמתן טאַלענט! די דאָזיקע רעצענזיעס, געדרוקט אין אַזאַ חשובן זשורנאַל, ווי דער „וואָסכאָד" האָט זיך דעמאָלט גערעכנט, האָבן דעם יונגן שלום-עליכמען שטאַרק אויפגעמונטערט, הגם גוטע מיינונגען וועגן זיך האָט ער שוין אין יענער צייט געהערט אויך פון דער העברייאישער פרעסע („היום", „כנסת ישראל" און אַנדערע). ער האָט פאַרפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דובנאָוון און איז מיט אים אַזוי־אַרום באַקענט געוואָרן. שפּעטער, זומער 1890, האָט דובנאָוו באַזוכט שלום-עליכמען אין קיעוו און האָט ביי אים פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אויף זיין זומער־וואוינונג אין באָיאַרקע. פון יענער ערשטער באַגעגעניש מיט דובנאָוון איז אין שלום-עליכמס אַרכיוו אָפּגעהיט געוואָרן אַ דאָקומענט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום-עליכמען: דאָס איז אַ שריפטלאַכע פאַרבינדונג צווישן אים מיט דובנאָוון, אַז אין צען יאָר אַרום מוזן זיי ביידע זיך ווידער ערגעץ באַגעגענען. דער דאָזיקער דאָקומענט איז געשריבן אויף רוסיש מיט דובנאָווס האַנטשריפט, געחתמעט פון ביידן און באַשטעטיקט פון פרוי שלום-עליכם. ער לייענט זיך אַזוי:

Погруженные въ грустныя думы о превратныхъ судьбахъ человѣческихъ вообще и нашего народа-страдальца въ особенности, мы рѣшили и обязались словомъ, въ ознаменованіе этого момента, **непремѣнно** свидѣться **другъ съ другомъ черезъ десять лѣтъ**, въ

[14] שלום-עליכמס איי‌ניקל.

самомъ началѣ XX вѣка. Доживемъ-ли мы? Вотъ вопросъ, который разрѣшитъ будущее.

Memento mori!

18 іюля 1890 г., Боярка.

נכתב ונחתם בארבעה עשר לירח המר והנמהר אב בשנת צרה ומצוקה תר"ן.

С. Дубновъ.
Соломонъ Рабиновичъ.

Свидѣтельствую. **Ольга Рабиновичъ.** [15]

אין זיינע זכרונות וועגן שלום־עליכמען (אין דעם זאמלבוך „צום אנדיינק פון שלום־עליכם", ארויסגעגעבן אין פעטערבורג, 1917, פון י. צינבערג און ש. ניגער) דערציילט ש. דובנאוו, אז דעמאלט איז געווען א יאר פון שלעכטע גזירות אויף אידן מצד דער רוסישער רעגירונג, און די שטימונג ביי זיי ביידן איז געווען א געדריקטע. און שלום־עליכמס כוונה מיטן „אפמאך" דערקלערט ער אזוי: שלום־עליכם האט זיך דעמאלט געפונען אויפן שוועל פון א פינאנציעלן קריזיס און האט מורא געהאט, אז זיינע פריינט וועלן זיך דורכדעם פון אים דערווייטערן; האט ער דערמיט געוואלט אויספרוון, ווי שטארק עס איז די ריין־ליטעראַרישע פריינטשאפט צווישן זיי ביידן.

אין דער דאזיקער השערה איז געווים פאראן א שטיק אמת. אין די ערשטע יארן פלעגן דעם יונגן שלום־עליכמען, ווי יעדן יונגן טאלענט, אפט באפאלן ספקות, און ער האט חושד געווען, אז זיין ליטעראַרישע הצלחה נעמט זיך אפשר דערפון, וואס ער איז רייך און וואס די וועלט איז גענייגט צו „מכבד זיין עשירים", און דעריבער האט ער דערווארט, אז נאכדעם ווי ער וועט ווערן אויס עושר, וועלן זיך זיינע פריערדיקע פריינט פון אים אפקערן... עס קאן דא אבער געמאלט זיין אויך א צווייטע השערה: אין זיין געדריקטער שטימונג האט שלום־עליכם דעמאלט, לויט זיין פאטאלישקייט, אפט געזען פאר זיך דעם שאטן פון טויט, און מיט דעם דאקומענט, געשטעמפלט מיט „מעמענטא מארי", האט ער ווי געוואלט פון זיך אראפשרייבן, אפווענדן דעם דאזיקן שרעק. סימנים דערצו קאן מען געפינען אין צוויי בריוו זיינע פון יענער צייט. אין א בריוו צו מענדעלין פונם 6־טן יוני 1890 שרייבט ער: „...מיר איז אויך שטארק אנגעזאלעט [אויפן הארצן] די לעצטע צייט, עפעס ווי איך וואלט געהאלטן ביי אוועקצוגיין פון דער וועלט, כלעבן. נאר מסתמא וועלן מיר דאך אלע שטארבן אין דער געוויינלאכער צייט..." און דעם 17־טן אויגוסט פון יענעם יאר פאלט אים פלוצים איין צו פאררופן אלע זיינע ברידער קיין קיעוו צום פאטערס קבר, און ער שרייבט זיי אין א קהלת־טאן, אז אויף אלץ דארף ביים מענטשן זיין א צייט: „א צייט צו ארומטאנצן אויף דער פראקטישער וועלט, א וועלט וואס איז אינגאנצן נארישקייט און ווינט־יאגעניש און אויסגעדאכט גליק, און א צייט אויף צו באקלאגן דעם געשטארבענעם און צו באוויינען אים".

נאכדעם ווי שלום־עליכם איז אריבערגעקומען דעם פינאנציעלן קריזיס און איז פטור געווארן פונם געלט, פון וועלכן עס האט זיך אים די לעצטע צייט „שוין געגלוסט מייקענען", ווי ער האט זיך אויסגעדריקט אין א בריוו צו מענדעלין, האט זיך זיין גייסט אויסגעלייטערט און אלע שרעקנדיקע שאטנס זיינען פארשוואונדן. אין אדעס האט ער זיך איבערגעצייגט אין דער ריינער פריינטשאפט פון זיינע חברים־שריפטשטעלער — צווישן זיי אויך דובנאוו. אין זיינע אויבנדערמאנטע זכרונות דערציילט דובנאוו וועגן דעם זומער פון 1891, וואס ער האט פארבראכט צוזאמען מיט שלום־עליכמען ביים ים אין אדעס, ווי וועגן זוניקע טעג פון דער ליכטיקער יוגנט.ביידע שריפטשטעלער האבן געוואוינט אויף צוויי באזונדערע סטאנציעס ביים ברעג ים, און אין די טעג, וואס זיי האבן זיך ניט געטראפן צוזאמען, האבן זיי געפירט צווישן זיך א לוסטיקע קארעספאנדענץ, געשריבן אין דעם נוסח פון דעם קלאסישן „מגלה טמירין", דאס הייסט, אין א מין ווילד־פארגרייזטן חסידישן לשון־קודשדיקן זשארגאן, וואס איז א געמיש פון העברייאישער מליצה מיט ווערטערלאכע איבערזעצונגען פון אידיש. דובנאוו האט זיך דעמאלט פארנומען מיט זיין שטודיום וועגן חסידות, שלום־עליכם האט אויך געהאט זיינע ליטעראַרישע ארבעטן, נאר ביי ביידן איז נאך געבליבן אן איבערפלוס פון ענערגיע פאר ליטעראַרישע שטיפערייען. אין שלום־עליכמס ארכיוו געפינען זיך די בריוו, וואס דובנאוו האט צו אים געשריבן (זיי זיינען געמאכט א ביסל צו־גוט אין פארגלייך מיטן לשון פון דעם „מגלה טמירין"). און דובנאוו דערציילט, אז ביי אים „איז נאך ביז איצט געבליבן א פאר צענדליק אזעלכע „בריוולאך" פון שלום־עליכם, וואס אחוץ ליצנות און גלאט שפאסמאכעריי געפינען זיך [אין זיי] אויך געלונגענע הומאריסטישע שטיקלאך".

אין די שפעטערדיקע יארן האבן זיך ביידע שריפטשטעלער באגעגנט נאך א פאר מאל, אין ווילנע און אין פעטערבורג. דעם „אפמאך" האבן זיי, **מחמת**

[15] „פארזונקען אין טרויערדיקע מחשבות וועגן דעם אומבאשטענדיקן גורל פונם מענטשן בכלל און פון אונזער ליידנדיקן פאלק בפרט, האבן מיר אפגעמאכט און זיך געגעבן דאס ווארט, אויף צו באצייכענען דעם דאזיקן מאמענט, אז מיר מוזן זיך זען איינער מיטן אנדערן אין צען יאר ארום, סאמע אין אנהייב פונם צוואנציקסטן יארהונדערט. וועלן מיר דאס דערלעבן? אט דאס איז א פראגע, וועלכע די צוקונפט וועט אנטשיידן. געדיינק דעם טויט! 18־טן יולי 1890 יאר, באיארקע. געשריבן און געחתמעט אין דעם פערצנטן טאג פון דעם ביטערן חודש אב, אין דעם יאר פון אומגליק און אונטערדריקונג תר"ן. ש. דובנאוו. סאלאמאן ראבינאוויטש. איך בין **א עדות. אלגא ראבינאוויטש**".

אויסערלאַכע סיבות, ניט באַוויזן דורכצופירן אין דער באַשטימטער צייט, כאָטש שלום־עליכם האָט וועגן דעם דערמאַנט דובנאָוון און געהאַט בדעה מיט אים צו באַגעגענען זיך צום טערמין.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע רשימות, געשריבן צו י. ח. ראַווניצקין, דערמאַנט שלום־עליכם מיט טיפער דאַנקבאַרקייט די אויפמונטערונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די ערשטע יאָרן פונם „ליבהאַרציקן קריטיקוס". עס דאַרף אָבער דאָ באַמערקט ווערן, אַז די „נביאות, אַז דער יונגער מחבר פונם „מעסערל" ווייזט אויס אַ טאַלאַנט צו זיין און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונזער אָרימער אידישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור", האָט דובנאָוו אַרויסגעזאָגט ניט אין זיין ערשטער רעצענזיע וועגן דעם „מעסערל", ווי שלום־עליכם האָט איבערגעגעבן לויטן זכרון, נאָר אין זיין צ ו ו י י ט ע ר רעצענזיע וועגן „קינדערשפּיל". איבער דעם „מעסערל" איז דובנאָווס רעצענזיע געווען דווקא אַן איינגעהאַלטענע. דער רעצענזענט האָט עס נאָר באַצייכנט, ווי „אַ קליין אמתדיק דערציילונגל, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ זייער הומאַנישער טענדענץ", און האָט צוגעגעבן, אַז „דאָס שאַפּונגל" שטעלט מיט זיך פאָר אין דער אידישער ליטעראַטור אַן אויסנעם פון „אַ גאַנצער שורה טאַלענטלאָזע און לאַנגווייליקע ווערק", דערביי איז דער אויסנעם אַליין — „אַ לייכט־וואַגיקער, אַ נישטיקער"...

ווי ווייניק אַ יונגער אידישער שרייבער האָט אין יענע קאַרגע צייטן באַדאַרפט האָבן, כדי אויפגעמונטערט צו ווערן צו גרויסער טעטיקייט!

13

צו דער אַדעסער שריפטשטעלערישער משפחה געהערט אויך שלום־עליכמס לעבנסלאַנגער חבר און נאָענטער פריינט ב ן ־ ע מ י (מרדכי ראַבינאָוויטש) — אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענע פיגור צווישן די אידישע שרייבערס פון זיין צייט און אַ פלאַמענדיקער פייערזייל פאַר דער ציוניסטישער יוגנט אין רוסלאַנד מיט עטלאַכע צענדליק יאָר צוריק. אַ פּערזענלאַכקייט, וואָס איז פול מיט קאָנטראַסטן פון דרויסן, נאָר אינווייניק פלאַקערט אַ האַרמאָנישע נשמה. אַ געמיש פון ביידע אליהוס — פון דעם צאָרנדיקן נביא אליהו, דעם קנא ונוקם וואָס אין תנ"ך, מיט דעם גוטן, באַרעמהאַרציקן אליהו הנביא, וואָס די פאַנטאַזיע פונם פאָלק האָט געשאַפן. אַ בייזער, צאָרנדיקער גייסט — און אַ האַרץ פול מיט ליבע און רחמים. אַ מויל וואָס שילט און גיסט מיט הייסן בליי אויף די אומרעכטן פון דער וועלט — און אַן איינזאַמע נשמה, וואָס וויינט און גיסט מיט זודיקע טרערן אין איר פאַרבאָרגעניש. אַ זון פון זיין פאָלק, געטריי מיטן גאַנצן האַרצן צו די אַלטע טראַדיציעס פונם פאָלק, איינגעוואַקסן מיט ליב און זעל אינם פאָלקסלעבן און אין דער פאָלקס־

שפּראַך — און שרייבט פאַר זיין פאָלק אויף אַ פרעמדן לשון. ער שרייבט אַליין אויף רוסיש — און זידלט מיט די שאַרפסטע ווערטער די „געבילדעטע" קינדער פון זיין פאָלק, למאי זיי פאַרביטן זייער אייגן אידיש לשון אויף דער דאָזיקער ג ו י א י ש ע ר שפּראַך. און ווי הייס עס ברענט זיין שנאה צו דער געמיינער ברוטאַלער גויאישער וועלט, וואָס דריקט פון אַלע זייטן דאָס קליינע וועלטל פון זיין פאָלק! „דער מחבר פון ש פ ו ך ח מ ת ך ע ל ה ג ו י י ם" — אַזוי כאַראַקטעריזירט ער זיך אַליין אין זיינעם אַ בריוו צו שלום־עליכמען. און ווי שטאַרק עס קאָכט זיין פאַראַכטונג צו די קרומקייטן און מיאוסקייטן, וואָס די נייע דורות האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם לעבן פון זיין פאָלק, און ווי טיף עס גליט זיין בענקשאַפט צו די אַלטע גוטע מידות פונם אידישן פאָלקסלעבן, וואָס ווערן פאַרשוואונדן מיט די נייע דורות! „דער מענטש פון צאָרן און ליבע" — אַזוי האָט אים ביאַליק איינמאָל באַצייכנט אין פּריוואַטן שרייבן.

און מיט אָט דעם בייזן און טייערן אידן האָט שלום־עליכם אָנגעהאַלטן אַ וואַרימע פריינטשאַפט דאָס גאַנצע לעבן, ניט געקוקט דערויף, וואָס בן־עמיס פינסטער פאַרצאָגט געמיט האָט באַדאַרפט זיין דערווידער שלום־עליכמס ליכטיקער פרייער נאַטור. בטבע האָט שלום־עליכם ניט ליב געהאַט קיין פאַרזויערטע, פאַרביטערטע נשמות. בן־עמי איז אָבער פאַר אים געווען אַן אויסנעם. ווייל בן־עמי איז ניט פאַרביטערט, נאָר ב י ט ע ר, מיט אַ פרישער שאַרפער ביטערקייט, וואָס רייניקט און לייטערט. זיין שנאה (צו די וואָס פאַרדינען עס) רויכערט ניט און טשאַדעט ניט, נאָר קנאַקט־אויף מיט העלע פלאַמען, עקספּלאָדירט און ווערט אויפגעלייזט אין שטאַרקן פלאַקער. און דעריבער איז ער פאַר זיינע נאָענטע פריינט שטענדיק איינער פון די ליבסטע מענטשן, וואָס זיין פּיקאַנט בייסיק וואָרט רייצט דעם חשק צו אַ ריינערן, העכערן, אידעאַלערן לעבן — ווייט־הויך פון דער גאַנצער נידעריקער, אומווירדיקער „פּאַסקודסטווע".

זייער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם פּעריאָד פון דער „פאָלקסביבליאָטעק", און די ברודערלאַכע באַציאונגען, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן צווישן ביידן אין דער צייט, וואָס זיי זיינען געזעסן צוזאַמען אין אַדעס, זיינען ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אינם לויף פון די שפּעטערדיקע יאָרן. שלום־עליכם האָט געמעגט אַמאָל איראָניזירן איבער זיין חברס כפול־שמונהדיקן הייסן טעמפּעראַמענט, בן־עמי האָט געמעגט זיך אָנצינדן מיט אַ שאַרפן אויסדרוק קעגן שלום־עליכמען — דאָס האָט אָבער ניט געמינערט די אַלטע גוטע פריינטשאַפט. אין שלום־עליכמס אַרכיוו זיינען אָפּגעהיט געוואָרן די בריוו פון בן־עמי, וואָס ער האָט געשריבן צו שלום־עליכמען אין פאַרשיידענע צייטן — און ערשט דאָ קאָן מען זען, וויפיל ליבע

האַרציקייט עס פאַרמאָגט דער „מענטש פון צאָרן און ליבע", ובפרט אין אַ שווערער צייט, ווען זיין חבר נייטיקט זיך אין דעם! מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז דאָסזעלבע וועט מען אויך געפינען אין שלום־עליכמס בריוו צו בן־עמין — אויב זיי זיינען ניט פאַרוואַלגערט געוואָרן.

אַ דאַנק שלום־עליכמס „פאָלקסביבליאָטעק" האָט בן־עמי אָנגעהויבן צו שרייבן אויך אויף אידיש (זיינע ערשטע צוויי דערציילונגען אויף אידיש זיינען געדרוקט אין די צוויי בענד „פאָלקסביבליאָטעק"), און שפּעטער, אַז סאיז אויפגעגאַנגען אַ אידישע פּרעסע אין רוסלאַנד, איז ער געוואָרן איינער פון אירע אָנגעזעענע מיטאַרבעטער. סאיז כדאי צו באַמערקן, אַז אין זיין אידישן שטייגער פון שרייבן פילט זיך צייטנווייז אַ געוויסע קרובהשאַפט צווישן אים מיט שלום־עליכמען; דערהויפּט לאָזט זיך עס מערקן אין זיינע ערשטע זאַכן, ובפרט — אין זיין זעלטענער קינדער־דערציילונג „די קינדערשע יאָרן" (אינם ערשטן באַנד „פאָלקסביבליאָטעק"), וואו פונם קינדערשן טראַגיזם שיינט אָפּט אַרויס אַ האַרציקער הומאָר — דער אמתער ריינער „געלעכטער דורך טרערן". אין זיין אידיש האָט זיך בן־עמי אַרויסבאַוויזן דערזעלבער קנאי, ווי אין זיין אידישקייט בכלל: אויב שרייבן אידיש — דאַרף עס זיין די עכטע פאָלקסשפּראַך, אָן אַ צומיש פון די ניט־געבעטענע שפּראַך־מתנות, וואָס די „אינטעליגענטן" ברייגנען דעם פאָלק פון דער פרעמד. אַז שלום־עליכם האָט „די קינדערשע יאָרן" געוואָלט באַצייכענען מיטן וואָרט „סקיצע", האָט בן־עמי פּראָטעסטירט: ווי קומט צום פאָלק אַזאַ ווילד־פרעמד וואָרט, ווי „סקיצע"? צו וואָס די פּוסטע באַרימערייי מיט פרעמדע, „געלעקחנטע" ווערטער?... אין זיינע בריוו צו שלום־עליכמען דערגייט ער אין דער פאָלקסטימלאַכקייט פון דער אידישער שפּראַך אַזוי ווייט, אַז אָנשטאָט „אָפּעראַציע" שרייבט ער „ריפּיראַציע", וואָרים די אידישע „ריפּיראַציע" האָט פּונקט אַזאַ עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, ווי די גויאישע „אָפּעראַציע"... שלום־עליכם האָט זיך מיט אים געררייצט, געזוכט אין זיינע בריוו „דייטשמערישקייטן". איינמאָל האָט ער ביי אים געפּאַקט אַ וואָרט „אומגעבונג" — האָט זיך בן־עמי געקלאָפּט חטאתי: סטייטש! ווי אַזוי טאַקע האָט ער עס געקאָנט נוצן אַ טריף גויאיש וואָרט „אומגעבונג", בעת סאיז פאַראַן אַזאַ כשר אידיש וואָרט, ווי „סביבה"?...

אין די לעצטע יאָרן פון שלום־עליכמס קראַנקייט איז ביידע שריפטשטעלער אויסגעקומען צו וואוינען גאַנץ אָפּט אין נאָענטער שכנות, אין דער שווייץ (בן־עמי איז באַשטענדיק געזעסן אין זשענעווע). ביידע האָבן זיך געפילט איינזאַם, אָפּגעריסן פונם אידישן לעבן, און פלעגן זיך אָפּט איבערשרייבן איינער מיטן אַנדערן, געטיילט זיך מיט איינדרוקן פון די אידישע געשעענישן, וואָס זיינען צו זיי דערגאַנגען דורך דער פּרעסע. אין איין שטאָט, אין זשענעווע, האָבן זיי געוואוינט נאָר אַ קורצע צייט — דעם ווינטער פון 1907־1908. ביי בן־עמין האָט דאָס געהייסן: „שבת אַחים גם יחד".

* * *

ווענן זיין באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקין, איינעם פון די וויכטיקע מיטגלידער פון דער אַדעסער משפּחה, האָט שלום־עליכם אַליין אויספירלאַך געשריבן באַלד נאָך לעווינסקים טויט (זע אַלע ווערק פון שלום־עליכם, באַנד „אידישע שרייבער"), און איבערחזרן דאָ דאָס אייגענע איז גאַנץ איבעריק.

14

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז יצחק יואל לינעצקי, איינער פון די עלטסטע קאָריפייען אין דער אידישער בעלעטריסטיק, האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף שלום־עליכמען אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע איבונגען. אַזאַ פליייסיקער און דאָרשטיקער סטודענט, ווי שלום־עליכם איז געווען אין די יונגע יאָרן (און איז אַזוי פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן) בנוגע צו אידיש שרייבן, האָט ניט געקאָנט פאַרבייגיין אַזאַ ווערק, ווי „דאָס פּוילישע אינגל", מיט זיין שאַרף־באַטעמטער פּעפּערדיקער שפּראַך און מיט זיינע געדיכט־געפאַרבטע סאַטירישע שילדערונגען פונם אידיש־חסידישן קליינשטעטל, און ניט גענומען פון דעם און ניט אויסקלייבן דערפון די עטלאַכע גוטע קערנדלאַך פאַר זיין אייגענער שעפעדישער זריעה. געווים איז ביי אים לינעצקי דעמאָלט געווען פאַררעכנט צווישן די, וואָס זייער אָרט איז אויבנאָן אין דער פאָלקסליטעראַטור, און אַז ער איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די „פאָלקסביבליאָטעק", האָט ער לינעצקין פאַרבעטן צווישן די הויפּט־מיטאַרבעטער, און „דער וואָרים אין כריין", וואָס לינעצקי האָט אים געגעבן, האָט פאַרנומען איינס פון די אָנגעזעענע פּלעצער אינם יאָרבוך. און פון דעסטוועגן איז קיין פריינטשאַפט צווישן ביידע שריפטשטעלער ניט אויסגעוואַקסן; זיי זיינען פאַרבליבן פרעמד איינער צום אַנדערן דאָס גאַנצע לעבן.

גענומען האָט זיך עס, קודם כל, פון לינעצקיס פיינטלאַכער באַציאונג צו מענדעלין, אין וועמען ער האָט געזען פאַר זיך אַ דירעקטן „קאָנקורענט". ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין שלום־עליכמען, למאי ער האָט געקרוינט מענדעלין פאַרן „זיידן" פון דער אידישער ליטעראַטור, אין דער צייט, וואָס דער נאָמען „זיידע" האָט, לויט זיין אייגענער איבערצייגונג, גאָר געקומט איםּ. ביי זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט שלום־עליכמען האָט ער אָנגעווענדט אַלערליי „דיפּלאָמאַטישע" מיטלען איינצוקויפן זיך צו אים ווי זיין אינטימסטער פריינט, זיין „ליטעראַרישער ברודער", און דערמיט פאַרנעמען ביי אים

אין האַרצן מענדעלים אָרט. דאָס דאָזיקע האָט אָבער געבראַכט צו פאַרקערטע רעזולטאַטן.

סאיז געווען נאָך איין וויכטיקע סיבה, וואָס האָט ניט דערלאָזט צו קיין פריינטשאַפט צווישן ביידן: לינעצקים „מחברישע“ נאַטור מיט אַלע אָפּגעשמאַקטע גיינג פון דעם באַקאַנטן מין „מחברים“ פון יענע צייטן. לינעצקי האָט דעמאָלט אין שלום־עליכמען געזען ניט „זיין ליטעראַרישן ברודער“, ווי ער האָט זיך צו אים חניפהדיק געלאַסטשעט, נאָר אַ רייכן יונגנמאַן מיט ליטעראַרישע אַמביציעס — און האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן „אָרימאַנסקן“ אַפּעטיט. דערביי האָט ער געברויכט אזאַ נאַאיווע אומבאַהאָלפענע אָרימבחורשע דיפּלאָמאַטיע, אַז דאָס האָט שלום־עליכמען גלייך אָפּגעשטויסן פון אים.

אין שלום־עליכמס אַרכיוו געפינט זיך אַ בינטל בריוו פון לינעצקין, וואָס האָט צו טון מיט יענער צייט (1888 — איידער דער ערשטער באַנד „פאָלקסביבליאָטעק“ איז דערשינען). אין די דאָזיקע בריוו ליגט באַהאַלטן אַ היבש ביסל רכילות אויף פערזאָנען פון דער דעמאָלטיקער אַדעסער שריפטשטעלערישער קאָלאָניע, און דערהויפּט זעט מ׳״ן פון זיי אַרויס די „מחברישע“ באַציאונג פון דעם בריוושרייבער צו זיין רייכן קאָרעספּאָנדענט. דער ערשטער פון די בריוו איז געווען אַן ענטפער אויף שלום־עליכמס איינלאַדונג, ער זאָל עפּעס אָנשרייבן פאַר דער געפּלאַנטער „פאָלקס־ביבליאָטעק“. לינעצקי האָט זיך אָפּגערופן זייער גערן מיט אַ „שלום עליכם — עליכם שלום!“, דערביי האָט ער פון ערגעץ אויסגעשניטן און צוגעקלעפּט צוויי הענט, אָנגעקלעפּט זיי אויפן בריוו אויבנאָן — אַ סימן, הייסט עס, אַז ער איז גרייט צו שליסן ברודערשאַפט. אויף דער איינלאַדונג האָט ער ניט געענטפערט דירעקט; ער שרייבט אים נאָר אויף אַ געחכמהטן לשון, אַז היות ער האָט אים צו פרעגן אַ סך קשיות און ער מוז זיך מיט אים זען צוליב דעם פערזענלאַך, — „לכן, מיין ליבער ליטעראַרישער ברודער, איז מיין בעסטע עצה אַזוי: איר זאָלט זאָגן „כה תברכו את בני ישראל“ און אַרויסנעמען אַ כף־האער און מיר צושיקן אויף הוצאות, און צום כף־האער זאָלט איר מצרף זיין גאָר אַ קליינטשיק בריוועלע, אָן קשיות און תירוצים, מיט די עטלאַכע געציילטע ווערטער: „לינעצקי ברודער! אָנא, איך בעט דיך, תומ״י ככ״ז[16] זאָלסטו כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און זאָלסט קומען צו מיר לפה ק״ק קיעוו הבירה! — מנאי אחיך דורש שלומך וטובתך, שלום־עליכם“. און ער פאַרענדיקט דעם בריוו: „אַזוי, אַזוי, מיין ליטעראַרישער ברודער, שיקט מיר תיכף ומיד, בלי איחור ועיכוב כלל וכלל, די עטלאַכע קערבלאַך אויף הוצאות, וועל איך תיכף ומיד קומען צו אייך לק״ק קיעוו, און מיר וועלן זיך אויסשמועסן פון אַלעם בפּרוטרוט. — — —. איך ווייס עס ברור כשמש, אַז נאָך אונזערן אויסשמועסן זיך וועלן מיר געווים שליסן אַ בונד לטובת שני הצדדים און לתועלת אונזערן בידנע פאָלק. משכני אַחריך אָרוצה![17]...“



שלום־עליכם אין דער צייט פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק“
[קיעוו, 27־טן אויגוסט, 1889].

שלום־עליכם איז געווען נייגעריק צו באַקענען זיך מיטן מחבר פונם „פּוילישן אינגל“, האָט ער אים די פינף־און־צוואַנציק רובל גלייך אַרויסגעשיקט. לינעצקי איז געקומען קיין קיעוו און געווען אַ גאַסט ביי שלום־עליכמען עטלאַכע טעג. נאָר דעם „בונד לטובת שני הצדדים און לתועלת דעם בידנע פאָלק“ איז אים ניט געלונגען צו שליסן. שלום־עליכם האָט מיר איינמאָל

[16] תיכף ומיד כקבלך כתב זה — באַלד ווי דו וועסט באַקומען דעם בריוו. — [17] ט מיך נאָך אַ צי — לויף איך גלייך נאָך דיר.

דערציילט, אַז אין דער ערשטער מינוט, ווען לינעצקי איז אַרייַנגעקומען צו אים אין הויז, האָט ער גלייך צו אים אָנגעהויבן ריידן אויף „דו“ און האָט אים קודם כל געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך מיט אים זען אונטער פיר אויגן. אַרייַנגעקומען אין שלום־עליכמס קאַבינעט און באַזעצט זיך מיט אים ביים שרייבטיש, האָט זיך לינעצקי אַרומגעקוקט אינם רייכן אַרבעטצימער, אָפּגעזיפצט און זיך אָנגערופן מיט אַ גמרא־ניגון:

— נו, זאָג זשע אַצינד, שלום־עליכם ברודער, איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט? אַז דו, אַזאַ יונגער צוציק אין דער ליטעראַטור, פאַרגינסט זיך צו זיצן אין אַזעלכע קייזערלאַכע פּאַלאַצן, און איך, יצחק יואל לינעצקי, דער באַרימטער מחבר פונם „פּוילישן אינגל“, וואָס סע קלינגט מיט מיר אַ וועלט, באַדאַרף בעטן ביי דיר אַ פינף־און־צוואַנציקער און שלעפּן זיך צו דיר אויף דער עלטער פון אַדעס קיין קיעוו — בכדי וואָס? בכדי צו קריגן ביי דיר אַ גמילות־חסד פון פינף־הונדערט שמאַרדאָוואַנצעס! ...

שלום־עליכם האָט דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג איבערגעגעבן מיט לינעצקים קול און מיט זיין ניגון, און האָט דערביי שטאַרק געלאַכט. וואָס סאיז ווייטער געווען האָט ער ניט דערציילט. פון לינעצקים בריוו איז צו זען, אַז מיט ליידיקן איז ער פון קיעוו ניט אַוועקגעפאָרן: שלום־עליכם האָט אים געשאַפן דרייהונדערט רובל — הונדערט זיינע אייגענע, און דאָס איבעריקע האָט ער פאַר אים געקריגן פון צוויי „זשאַרגאָן־ליבהאָבער“. און דאָ הייבט זיך אָן צווישן ביידן אַ קוריאָזע איבערשרייבעניש, ווי סאיז צו זען פון לינעצקים זייט: לינעצקי שרייבט אים די גאַנצע צייט אויף „דו“, און אַלץ מיט ווילדע חניפות, און שלום־עליכמען איז דאָס דערווידער, מאַכט ער זיך פון דער דאָזיקער פאַמיליאַריטעט אַרויס. לינעצקי הייבט־אָן זיין בריוו נאָך זיין וויזיט אין קיעוו אַזוי: „— — — איך האָב דיר... (לאָז מיך, ברודער, שרייבן „דיר“! איך פיל אין „דיר“ דעם טעם פונם גן־עדן, און „איך“ איז מיר מיטן טויט גלייך... ערלויב מיר, ברודער, אלא ניט, שווער איך דיר ביי מיין לעבן, אַז דו ביזט דערמיט אַ מתחייב בנפשו...)“. און שלום־עליכם, ווען דער אַלטער לינעצקי איז, אַפּנים, געווען שטאַרק פריקרע, ענטפערט אים דווקא אויף „איר“, אַז ער האַלט ניט פון אַזעלכע אויסערלאַכקייטן („וואַניעשנאָסטי“), אַז ביי אים איז דער עיקר — ריינע, ערלאַכע באַציאונגען. צעקאָכט זיך לינעצקי: סטייטש! זיינע באַציאונגען זיינען דען קאַרג ריין און ערלאַך? „איך שרייב דאָך דיר, ליטעראַרישער ברודער מיינער, מיטן בלוט פון מיין האַרצן!“... די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ דרייט זיך, הויפּטזאַכלאַך, אַרום דעם „וואָרים אין כריין“, וואָס לינעצקי האָט צוגעשיקט פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק“ און געפאָדערט פאַר זיין אַרבעט אַ הויכן פּרייז, און קודם כל „אַ הונדערטער“ אין אַוואַנס, דערביי האָט ער אויסגענומען אַ תנאי, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל אינם כתב־יד גאָרנישט ניט ענדערן. שלום־עליכם האָט, ווייזט אויס, געפונען, אַז מע דאַרף יאָ ענדערן (לסוף האָט ער, מיט לינעצקים הסכמה, אויסגעמעקט פונם מאַנוסקריפּט גאַנצע דריי קאַפּיטלען, פאַר וועלכע ער האָט אים אָבער געצאָלט האָנאָראַר), און איז דעריבער געווען ניט זיכער, צי וועט ער זיך קאָנען אינגאַנצן באַנוצן מיט דער זאַך. לינעצקי איז געוואָרן אומגעדולדיק, למאי דער יונגער רייכער רעדאַקטאָר גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע „גבירישע קאַפּריזלאַך“ און שיקט ניט גלייך אַרויס דעם אַוואַנס. ער האָט אַלץ געטענהט, אַז ער ווייסט נאָר איין זאַך: „לקח קמח — נתן מעות“... „צו וואָס זשע טויג דאָ פּוסטע פּרעטענזיעס, מיט שפּיצלאַך, און געטאָקטע ונאמרלאַך — — — שיק מיר פריער דעם הונדערטער! דעם הונדערטער! ד ע ם ה ו נ ד ע ר ט ע ר! דו הערסט וואָס איך זאָג, ברודער? דעם הונדערטער...“ נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען דעם הונדערטער אין אַוואַנס, איז לינעצקי געוואָרן ווייכער. שלום־עליכם האָט אים געהאַט פאָרגעשלאָגן צו ענדערן דעם נאָמען פון זיין ספר אויף „פאַרטריבן פונם גן־עדן“ — האָט ער מסכים געווען דערצו אויך. נאָר אין אַ צווייטן בריוו האָט ער אים געשריבן, אַז דער נאָמען איז אים עפּעס ניט צום האַרצן — „פּונקט ווי מע וואָלט דיר צינד אַ נאָמען געבן פ י י וו י ש“... דער סוף איז געווען, אַז שלום־עליכם האָט איבערגעלאָזט דעם אָריגינעלן נאָמען: „דער וואָרים אין כריין“.

בכלל איז צו זען, אַז לינעצקי איז געווען אַ שוואַכער פּסיכאָלאָג און האָט מיט זיינע בריוו ניט געטראָפן אין פּינטל. ער האָט אויפגעפּאַסט שלום־עליכמען ניט ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ סוחר, דערצו נאָך — ווי אַ יונגן אומדערפאַרענעם סוחר, וועלכן סאיז לייכט „איינצורײדן“. ער רעדט מיט אים פון ליטעראַטור ווי פון „סחורה“, און אַז ער לייגט אים פאָר זאַכן אויסער דעם „וואָרים אין כריין“, מאַכט ער עס „פּרייזקוראַנט“־מעסיק, שטעלט־אויס די „וואַרע“ לויט אַ נומעראַציע:

„1. בן־עמי איז געוואָרן רעדאַקטאָר אויף דעם קינפּטיקן „וועקער“, און ער באַשטעלט ביי מיר דעם ה מ ש ך פון מיין מאמר צו דיר [ד. ה. די פאָרזעצונג פונם „וואָרים אין כריין“], אויך 2 בויגן, צו 40 רובל דעם בויגן (אמת וצדק). טאָמער ווילסטו דעם המשך (ער אונטערהאַנדלט איבער מיין איבערגאַנג פונם חסידישן לעבן אין דער השכלהשער וועלט אַריין — און אויך פאָרטרעפלאַך, נאָך דיין געשמאַק) — — — וועל איך בן־עמין אָפּזאָגן און וועל עס דיר שיקן.

„2. פיליכט וועסטו ביי מיר אויפנעמען אייניקע קורצע געלונגענע אַפאָריזמען־געדיכטע אין מאָראַל־סאַטירישן און הומאָריסטישן זינען. — (עבט זשאַרגאָן)...“

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ שפּראַך און מיט אַזאַ באַציאונג צו ליטעראַטור האָט לינעצקי אינגאַנצן אָנגעוואָרן דעם חן ביי שלום-עליכמען. שלום-עליכם, ווייזט אויס, האָט עס אים געגעבן צו פילן אין זיינע בריוו. לינעצקי ווידער האָט געגלויבט, אַז שלום-עליכם איז צו אים אָפּגעקילט געוואָרן אונטערן איינפלוס פון מענדעלין מיט די „יונגע צאָפּעקלאַך" (געמיינט ראַווניצקין מיט בן-עמין). ער האָט צו אים טענות אין זיינע בריוו, למאַי ער האָט אויסגעביטן אים, „דעם אַלטן לייב", אויף אַנדערע, און האָט דערמיט פאַרשטויסן פון זיך אַזאַ גוטן, ערלאַכן, געטרייען פריינט. „איך בין — שרייבט ער וועגן זיך אַליין — אַ האַווקעדיקער, נאָר אַ טרייער הונט"... און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט לינעצקי גענומען אָרגאַניזירן אין אַדעס אַן „אָפּאָזיציע" קעגן מענדעלין מיט זיינע מקורבים — דיזעלבע, וואָס האָט אין מענדעלים קרייז באַקומען דעם נאָמען: די „סטרא-אַחרא". צווישן די מיטגלידער פון דער „סטרא-אַחרא" זיינען געווען: י. י. לערנער (געשריבן דעמאָלט אינם „פאָלקסבלאַט" קריטישע אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים „יואל הערדנער"), דער דיכטער פּלטיאל זאַמאָשטשין און אלימלך וועקסלער („איש נעמי"). גלייך ווי ס'איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער באַנד „פאָלקסביבליאָטעק", האָט שלום-עליכם אָנגעהויבן באַקומען פון דער „סטרא-אַחרא" בריוו, אין וועלכע מע האָט געמאַכט אַ תל פון מענדעלים „ווינטשפינגערל" און אַרויסגעשטעלט לינעצקיס „וואָרים אין כריין", ווי די קרוין פון דעם גאַנצן זאַמלבוך. איינער שרייבט, אַז „דאָס ווינטשפינגערל" איז אַ „ברעד סומאַשעדשאַוואַ" (פּלוידעריי פון אַ משוגענעם). דערביי זידלט ער מענדעלין מיט די גרעבסטע ווערטער; דערפאַר אָבער איז „דער שפּיגל, דער גלאַנץ פון דער „ביבליאָטעק" — „דער וואָרים אין כריין". אַ צווייטער זאָגט אַרויס זיין מיינונג, אַז די „פאָלקסביבליאָטעק" וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען ניט „די שמאַטעס פון די זיידעס": „אַחוץ אייער אייגענער „סטעמפּעניו", איז דאָס בעסטע „דער וואָרים אין כריין", יעדער וואָרט מעג מען וועגן מיט גאָלד"...

די דאָזיקע אָרגאַניזירטע קאַמפּאַניע פאַר לינעצקין און קעגן מענדעלין האָט געבראַכט דערצו, אַז שלום-עליכם האָט אינגאַנצן איבערגעריסן זיינע באַציאונגען מיט לינעצקין. און אַז ער האָט באַדאַרפט געבן אין דעם צווייטן באַנד „פאָלקסביבליאָטעק" די אַנדערע העלפט פונם „וואָרים אין כריין", האָט ער זי באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון ראַווניצקין. אין זיין בריוו צו ראַווניצקין פון דעם 24-טן סעפּטעמבער, 1889, שרייבט ער: „איך דאַנק אייך פאַר אייער טרחה מיר דעם „וואָרים" צוצושיקן. איך האָב אייערע תנאים פּינקטלאַך אויף זיך מקבל געווען. עס פרייט מיך, וואָס איך קאָן אַ געפאַלענעם ברודער באַהילפיק זיין, כאָטש יענער איז מיר אַ דם-שונא דערפאַר, וואָס ער איז אין יענעם חדר אַריין. נאָר באופן [זה] קאָן אייער רצון ממולא ווערן, סיידן איר וועט מיר ענטפערן פון זיין נאָמען וועגן, אַז ער גיט מיר, גלייך ווי פאַראַיאָרן, אַ כח-הרשאה צו טון מיט זיין אַרטיקל אַלץ, וואָס איך וויל, היינו: עס געפינען זיך דאָרטן פיל צינישע ווערטער, ווי ת...ת, געדריפּעט, טינוף וכדומה... דאָס קאָן די ביבליאָטעק נישט פאַרדייען בשום אופן. אויך איז דאָרטן דאָ אַ צוויי בלעטלאַך, וואָס שמוצט שוין אַ ביסל איבער דער מאָס די שיינע „ערלאַכע" אידן. דאָס קאָן איך נישט דורכלאָזן בשום אופן ואופן. — — —. בכלל איז דער „וואָרים" אויסגעצייכנט; אונזער אַלטער וועטעראַן, אַז ער וויל, קאָן ער שרייבן. אונזערע אַלטע זשאַרגאָניסטן באַווייזן, אַז זיי גייען ווּפּעריאָד[18], ניט צוריק, ווי ביי אַנדערע שרייבערס פירט זיך אין דער וועלט. זקני תלמידי-חכמים כל זמן שמזקינין דעתם מיושבת עליהם[19]. בראַוואָ! אויב ער גיט מיר פולמאַכט — שיק איך אים נאָך אויף סוכות צו דעם האָנאָראַר (הגם עס וועט אים קומען ווינציקער), ובאם לאו — שיק איך אייך אָפּ דאָס אַרטיקל צוריק, לויט אייערע תנאים..."

מער האָט שלום-עליכם מיט לינעצקין ניט געהאַט צו טון.

* * *

אין יאָר 1912 איז מיר אויסגעקומען אין אַדעס גאַנץ אָפט צו טרעפן זיך מיט לינעצקין. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן העכער זיבעציק און האָט זיך געהאַלטן זייער ציכטיק, שטענדיק אויסגעפּוצט, אין אַ ווייסן זשילעט און מיט אַ דימענטענער שפּילקע אין קראַוואַט (ער האָט געהאַט אַ זון אַן אַרכיטעקטאָר, וואָס האָט אים אויסגעהאַלטן בכבוד). נאָר זיין ציכטיקע דזשענטלמענישע אויסערלאַכקייט האָט זיך עפּעס ניט געפּאָרט מיט זיין פאַרעלטערטער, פאַרזויערטער אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס מויל, וואָס האָט שאַרף געבלאַנקט מיט ווייסע אַריינגעשטעלטע ציין, האָט געשפּריצט מיט אַלטן סם אויף אַלץ און אויף אַלעמען, און דערהויפּט אויף דער נייער אידישער ליטעראַטור, מיט וועלכער ער איז גאַנץ ווייניק געווען באַקאַנט. איינמאָל האָט ער מיר דרך-אגב דערציילט, אַז צו זיין זיבעציקיאָריקן יובילייי האָט אים שלום-עליכם צוגעשיקט אַ באַגריסונג מיט שבחים און מיט וואַרימע ווערטער — אין וועלכע ער הייבט אָבער ניט אָן צו גלויבן:

— ס'איז שקר וכזב! — האָט ער שאַרף אַ בלאַנק געטאָן מיט די ווייסע אַריינגעשטעלטע ציין.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָב איך אים געפרעגט.

[18] פאָרווערטס. — [19] „אַלטע תלמידי-חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן — מער מיושבדיק ווערן זיי".

— דערפאר, ווייל איך קען מיינע לייט. ער איז דאך דאס טייערע צאצקעדיקע אייניקל פון דעם ז י י ד ע נ י ו אייערן — הא, צי ניין?...

דאס ווארט „זיידעניו“ האט ער ארויסגערעדט אזוי גיפטיק־שיפּענדיק, אז ס'איז ארויסגעקומען: „זשיידיעניו“.

א צווייטן מאל איז ער געזעסן אין דער דרוקעריי פונם פארלאג „מוריה“ און האט זיך געקלאגט, אז עס ליגט ביי אים א ליטערארישער אוצר, „טייערע בריליאנטענע געדיכטע“ — איבערזעצונגען פון לערמאנטאוו, פון היינע און פון שילער, און ס'איז ניטא קיין בעלנים דערויף. גראד אין דעם מאמענט האט איינער אנגעפרעגט דורכן טעלעפאן, וואו קאן ער קריגן שלום־עליכמס ביכער, מיט וועלכע ער וויל ארויספארן אויף דער פראווינץ. לינעצקי האט אנגעשפּיצט זיין שארף געזיכט און אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צום טעלעפאן־געשפרעך. שפעטער א ווײַלע האט ער טיף אפגעזיפצט און ווי פאר זיך אליין אויסגעזונגען מיטן ניגון פון „אתה־הראית“, שאקלענדיק פאמעלאך מיטן קאפ:

— ע ל י ו נ י ם ל מ ט ה — ו ת ח ת ו נ י ם ל מ ע ל ה !...

און געקוקט דערנאך אויף ראווניצקין, וואס איז געזעסן דערביי, שארף און שפּיציק, ווי איינער זאגט: „הא? דו פארשטייסט דאך, דאכט זיך, יא עפּעס אין די זאכן — נו, קאן מען ניט צעפּלאצט ווערן?“...

15

דורך דער „פאלקסביבליאטעק“ איז שלום־עליכם געקומען אין שריפטלאכער פארבינדונג כמעט מיט אלע העברייאישע און אידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. אין שלום־עליכמס ארכיוו געפינט זיך א היבש ביסל בריוו, געשריבן צו אים אין יענעם פעריאד פון אזעלכע שרייבערס, ווי אברהם בער גאטלאבער, קלמן שולמאן, י. ל. גארדאן, מ. ל. ליליענבלום, א. ש. פרידבערג, אלכסנדר צעדערבוים, אברהם צוקערמאן, יהל"ל, י. י. ווייסבערג, מ. א. שאצקעס, מיכל גארדאן, אברהם גאלדפאדען, אליקום צונזער, ש. פרוג, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און פיל צענדליקער אנדערע. פון יענע בריוו איז צו זען, וואס פאר א גרויסן רושם די „פאלקסביבליאטעק“ האט דעמאלט געמאכט אין די אידישע ליטערארישע קרייזן, וועלכע האבן אין איר דערזען אן אנהייב פון עפּעס וויכטיקעס און ערנסטעס אויפן יונגן פעלד פון דער פאלקסליטעראטור. אינטערעסאנט איז דאס בינטל בריוו פון י. ל. גארדאן. די בריוו זיינען געשריבן אין רוסיש (אויסער דעם איין העברייאישן בריוו, וואס איז געדרוקט אין די „אגרות יל"ג“), און אין זיי טרעט־ארויס דער גרויסער העברייאישער דיכטער פון דער השכלה־עפּאכע מיט דער גאנצער שארפקייט און אויפריכטיקייט פון זיין טאן קעגן שלום־עליכמס שטרעבונג צו פארוואנדלען דעם „זשארגאן“ אין אן ערנסטן קולטורעלן פאלקס־ענין. אין איינעם פון די ערשטע בריוו שרייבט ער צו אים אזוי: „איר פרעגט מיין מיינונג וועגן דעם זשארגאן? אויב איר זאגט מיר צו אפּצוטיילן די זאך פון דער פערזענלאכקייט און די זשארגאן־ליטעראטור פון אירע שריפטשטעלער, וועל איך אייך אפן זאגן, אז איך האב תמיד גערעכנט דעם קיום פון דעם דאזיקן דיאלעקט אינם מויל פון אונזער פאלק פאר דער סאמע טרויערדיקער דערשיינונג אין זיין היסטארישן לעבן. דאס איז דער שאנדצייכן פון דעם געטריבענעם נע־ונדניק, און איך האב עס גערעכנט פאר א חוב פון יעדן געבילדעטן אידן צו באמיען זיך, אז ער זאל ביסלאכווייז אפּגעווישט ווערן און פארשווינדן פון אונז. אים קאן מען ד ו ל ד ן, ווי א נויטווענדיק שלעכטס, מיט אים מעג מען זיך באנוצן, ווי מיט א מיטל דורכצופירן די בעסטע אידעיען אין אונזער פינסטערער מאסע, נאר בשום אופן ניט באמיען זיך וועגן זיין באפעסטיקונג און זיין אויפבליאונג. דעם אמת געזאגט, וואונדער איך מיך אויף אייך; איר שרייבט גוט אויף רוסיש און באהערשט פראכטפול אונזער ליטערארישע שפראך (העברייאיש), — ווי אזוי זשע קאנט איר זיך אפּגעבן צו דער ק ו ל ט ו ר פון דעם זשארגאן? איר פארמאגט אן צווייפל א פראכטפולן שריפטשטעלערישן טאלענט, אונזערע פינסטערע ברידער, דאס ווייס איך, קוויקן זיך מיט אייערע ווערק, און איר האט דאס רעכט צו שרייבן אויף דעם דיאלעקט וויפיל אייער הארץ גלוסט, נאר עס וואלט געווען א זינד, ווען איר זאלט נעמען דערציען אייערע קינדער אויף דער דאזיקער שפראך. דאס וואלט געווען אלץ איינס, ווי אז איר זאלט זיי צווינגען זיך דורכשפּאצירן איבער אונזער נעווסקי פּראספּעקט [20] אין לייבסערדאקעס און מיט ארויסגעשטעקטע שטיוול...“

שלום־עליכם איז געווען גארדאנס א הייסער אנהייג־גער, אין זיין ערשטן בריוו צו אים האט ער ביי אים געפרעגט עצות וועגן דער „פאלקסביבליאטעק“, ווי ביי א „לערער“, און אויב די דאזיקע הארבע ווערטער פון אזא אויטאריטעט האבן ניט אפּגעקילט זיין ברען צום „זשארגאן“, ווי צו זיין לעבנסבארוף, באווייזט עס נאר, ווי פעסט־זיכער ער איז געגאנגען אויף זיין וועג נאך אין די ערשטע יונגע אומזיכערע יארן.

גארדאן האט פון דעסטוועגן ארויסבאוויזן א ווארימע באציאונג צו שלום־עליכמס ארבעט: ער האט אים געגעבן פארן ערשטן באנד „פאלקסביבליאטעק“ זיין ליד „א ברכה“ (פאר וועלכן ער האט, אגב, ניט געוואלט קיין האנאראר, ווארים פאר פּאעזיע, ווי ער שרייבט, האט ער קיינמאל ניט גענומען קיין געצאלט, און ער האט דעריבער ניט געוואלט אפּטרעטן פון דעם פּרינציפּ

[20] די הויפּט־גאס אין פּעטערבורג, וואו גארדאן האט באשטענדיק געוואוינט.

אויך אויף די עלטערע יאָרן); ער האָט אים אויך געוואָלט נוצלאָך זיין מיט פֿרעמדן מאַטעריאַל און האָט אים געראָטן אויפֿצוזוכן אַ געוויסע גרויסע באַלאַדע פֿון הונדערטער קופּלעטן, מיטן נאָמען „דער דוכסל“, וואָס אין זיינע קינדער־יאָרן האָט זי אַנאָנים צירקולירט אין דער ליטע; פֿון דער דאָזיקער באַלאַדע האָט ער אים פֿאַרצייכנט אין אַ בריוו לויטן זכרון די דאָזיקע ערשטע שורות:

אין אַ קליינשטעטל אין דער זאַמעט —
זאַמעט איז נאָך געווען פּוילן —
איז אַמאָל געווען אַ מלמד,
פֿלעגט מען צו דערציילן;
צען גילדן האָט ער געהאַט אַ זמן,
אי דאָס ניט צו באַצאָלן,
מסתמא איז ער געווען אַ גרויסער אָרימאַן,
ווי איר קאָנט אַייך גאַנץ לייכט מאָלן,
ער האָט געלעבט אין דחקות און אין נויט,
אַ טאָג אָן זאַלץ, אַ טאָג אָן ברויט... [21]

שלום־עליכם און וואַסילי בערמאַן
[אַדעס, 1890].

אַז ס'איז דערשינען דער ערשטער באַנד „פֿאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט גאָרדאָן אין זיין אויבנדערמאָנטן העברייאישן בריוו באַגריסט שלום־עליכמען מיט זיין געלונגענער אַרבעט, און כאָטש ער האָט ווידער אַ מאָל אויסגעדריקט זיין צווייפֿל אין דער צוועקמעסיקייט פֿון דעם גאַנצן ענין, האָט אָבער דער קולטור־מענטש אין אים גובר געווען זיין קעגנערשאַפֿט צום „זשאַרגאָן“, און ער האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז זיין חוב צו געבן דער דאָזיקער שפּראַך אַ קולטורעלן אויס־זען: בויען אַ גראַמאַטיק, פֿעסטשטעלן די אויסשפּראַך און דעם אויסלייג פֿון די ווערטער, און דערהויפּט — פֿאַראייניקן דעם ליטווישן דיאַלעקט מיטן וואָלינישן אין איין שפּראַך. ער האָט אַפֿילו אַליין זיך געקליבן וועגן „דער דאָזיקער נייטיקער זאַך“ צו שרייבן אַ באַזונדער מאמר.

אינטערעסאַנט זיינען אויך צעדערבוימס בריוו, פֿון וועלכע עס איז צו זען, אַז אין 1889 האָט שלום־עליכם געהאַלטן ביי אָפּקויפֿן דאָס פּעטערבורגער „פֿאָלקס־בלאַט“ און פֿאַרוואַנדלען עס אין אַן אָנשטענדיקן ליטעראַרישן אָרגאַן; נאָר דער אַרויסגעבער לעווי האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן בעסער צו פֿאַרמאַכן דאָס בלאַט, איידער איבערצוגעבן עס אין גוטע הענט.

בערדיטשעווסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָך אומבאַקאַנט אין דער ליטעראַטור, איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פֿון דער „פֿאָלקסביבליאָטעק“, אַז ער האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן שרייבן אויף אידיש. ער שרייבט צו שלום־עליכמען פֿון זיין געבורטשטעטל בערשאַד (ג' ויקהל תרמ"ט) אַזוי: „מאַספּו „דער אידישער „פֿאָלקסביבליאָטעקי“ קבלתי. און איך האָב פֿון אים פֿיל הנאה געהאַט. וביותר עשו עלי רושם המאמרים „דער וואָרים אין כריין“, „דאָס ווינטשפֿינגערל“, „אַהער און אַהין“, „די קינדערשע יאָרן“, „עולם הבא“. דער ספּור „סטעמפּעניו“ איז פֿיל וואונדערלאַך. איך מעג זאָגן, אַז זינט איך שטיי אויף מיינע פֿיס האָב איך נאָך אַזאַ אַנטיק ניט געלייענט. עס ליגט אין אים גרויס געפֿיל און מע דאַרף אויף אים זיין אַ מבין. די ביבליאָטעקי האָט מיך אַזוי צוגעצויגן, אַז איך [האָב] זיך גערעשעט אָנהייבן שרייבן זשאַרגאָן. איך שיק לכבודו יעצט שני מאמרים הראשונים אשר יצאו מעטי: „אויסגעזאָגט פֿון דעם חדר“, „פּשוטע כתבים“. זיי זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ בלייפֿעדער, און ווייל איך בין יעצט געפֿאַלן אויף די אויגן, דער דאָקטאָר האָט מיר פֿאַרווערט שרייבן, שרייב איך זיי ניט איבער. און ווייטער קאָן איך פּשוט ניט אויסלייגן...“

די ערשטע צוויי אידישע זאַכן בערדיטשעווסקיס זיינען אין דער „פֿאָלקסביבליאָטעק“ ניט געדרוקט געוואָרן: צי דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן גלאַט ניט געטויגט, אָדער — אפשר טאַקע איבער דעם „אויס־לייגן“: מע האָט באַדאַרפֿט האָבן צו זיין דעמאָלטיקן אידיש אַ באַזונדערן עקספּערט אויף איבערצולייענען. דעם אויבנציטירטן בריוו האָט ער געשריבן לויט דער העברייאישער אָרטאָגראַפֿיע: „ביבליאָטעק“ קומט ביי אים אויס: „ביבלטקיא“, „זשאַרגאָן“ — „זרגן“ (מיט אַ צירה אונטערן זיין און מיט אַ קמץ אונטערן גימל). אגב, אונטער יענע צוויי זאַכן האָט ער זיך אונטערגעשריבן: י ב "ם.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט בערדיטשעווסקי געפֿירט מיט שלום־עליכמען אַ פֿלייסיקע קאָרעספּאָנ־דענץ. ער האָט אים געשטעלט העכער איבער אַלע אידישע שרייבער, אָפֿט געמאַכט פּירושים אויף זיינע

[21] שלום־עליכם האָט דעמאָלט געזוכט די באַלאַדע דורך זיינע קאָרעספּאָנדענטן, נאָר ער האָט זי ניט געפֿונען.

װערק, געהאַלטן, אַז אין איין „פישל דעם מלמד" האָט שלום־עליכם פאַראייביקט די נשמה פונם אידן. אין זיינע בריװ פלעגט ער שלום־עליכמען אָנרופן סימבאָליש מיטן נאָמען „קרוב", און זיך — „רחוק".

צװישן שלום־עליכמס קאָרעספּאָנדענטן פון דעם ערשטן פּעריאָד האָט זיך אױסגעצייכנט דער דיכטער פלטיאל זאַמאָשטשין מיט זיינע אָפּטע בריװ, װעלכע ער האָט געשריבן אין אַ זאַפּטיקן פאָלקסטימלאַכן אידיש. נאָכדעם װי ער איז צוגעשטאַנען צו דער אַדעסער „סטרא־אחרא" און האָט אין זיינעם אַ בריװ צו שלום־עליכמען זייער ניט־איידל זיך אױסגעדריקט װעגן מענדעלין, האָט זיך שלום־עליכם פון אים דער־װייטערט.

צװיי נאָענטע פריינט, פון דעם מין „שרייבער־ליבהאָבער", האָט שלום־עליכם געהאַט אין בעלאַ־צערקאָװ, װאו ער האָט געװאױנט אין די יאָרן 1884 — 1887. דאָס זיינען געװען: דר. יעקב טשערני און דר. נ. סאָקאָלאָװסקי. װאױנענדיק שפּעטער אין קיעװ, האָט זיך שלום־עליכם מיט זיי אָפּט איבערגעשריבן, געטיילט זיך מיט זיי מיט זיינע פריװאַטע און ליטעראַרישע נייס און ביידן באַשעפטיקט מיט שרייבן היגיענישע אַרטיקלען פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק".

צװישן שלום־עליכמס נאָענטע חברים פון יענער צייט איז אױך געװען דער יונג־פאַרשטאָרבענער חובב־ציוניסטישער פּובליציסט אױף רוסיש װאָסילי בערמאַן. שלום־עליכם פלעגט אים שפּעטער דערמאָנען מיט די װאַרימסטע געפילן.

* * *

געװען אױך אין קיעװ גופא אַ גרופּע שריפט־שטעלער — די אַזױ־גערופענע „חכמי קיוב", נאָר יענע גרופּע האָט גאַנץ װייניק גערעדט שלום־עליכמען צום האַרצן. דאָס זיינען געװען על־פּי רוב „ליטװאַקעס" — העברייאישע לערערס, בעלי־דקדוק, ספּעציאַליסטן אױף „חכמת ישראל", װאָס האָבן צװישן זיך געפירט אַ טאָפּעלע מלחמה: „לשם שמים" און „לשם בראָדסקי" — דאָס הייסט, אַחוץ װאָס זיי האָבן אָפּט זיך ניט געקאָנט אייניקן אין ליטעראַרישע פראַגעס, האָבן זיי געפירט צװישן זיך אַ קאָנקורענץ איבער דער לערער־שטעלע ביי דער קיעװער מיליאָנערן־משפחה פון די בראָדסקיס. שלום־עליכם, װי אַ געזעל־שאַפטלאַכער מענטש און אַן אָנגעזעענע פּערזענלאַכקייט אין קיעװ, פלעגט זיך מיט זיי אָפּט באַגעגענען, צוליב ספּאָרט פאַרמעסטן זיך מיט זיי אַמאָל אױפן העברייאישן געביט, נאָר קיין שטאַרקע ליבשאַפט האָט ער צו זיי ניט געפילט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער דערמאָנען צום גוטן נאָר איינעם פון זיי — משה אהרן שאַצקעס, דעם מחבר פונם „המפתח" און פונם „אידישן פאַר־פּסח", װעלכער האָט זיך אױסגעצייכנט אי מיט זיין העברייאישער געלערנטקייט, אי מיט זיין חריפותדיקן הומאָר. געװען אין קיעװ אױך אלעזר שולמאַן, דער באַװאוסטער העברייאישער שריפטשטע־לער און היסטאָריקער פון דער אידישער ליטעראַטור (די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין אַרבעט איבער דער אידישער ליטעראַטור האָט ער פאַרעפנטלאַכט אין דעם צװייטן באַנד „פאָלקסביבליאָטעק"). ער איז געװען ביי בראָדסקין הױפּטקאַסירער, און שלום־עליכם פלעגט פון אים ריידן װי פון אַ האַרטן טרוקענעם מענטשן; ער פלעגט פאָרשטעלן, װי אַזױ שולמאַן זיצט ביי דער קאַסע, גלעט זיך די געדיכטע ברעמען, װי מע גלעט װאָנצעס, רעדט פּאַװאָליע אױף זיין קאָװנער רוסיש, מיט דער סין, און טענהט־איין מיט בראָדסקין, װאָס שטייט דערביי און װאַרט אומגעדולדיק צו באַקומען געלט אױף הוצאות קיין אױסלאַנד, אַז מיט געלט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, געלט איז אַן ערנסטע זאַך, געלט טאָר מען ניט צעטאַכלעװען...

צװישן די „חכמי קיוב" זיינען געװען אַזעלכע, װאָס האָבן אין די ערשטע יאָרן זיך באַצױגן צו שלום־עליכמען צװיי־פּנימדיק: אין די אױגן האָט מען אים געחנפעט, װי אַ גביר, און הינטער די אױגן האָט מען אים באַרעדט, אַז ער איז אַן עזות־פּנים, װאָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער װעלט און װיל איבערקערן די ליטעראַטור מיטן קאָפּ אַראָפּ. שלום־עליכם האָט דערפון געװאוסט, און איינמאָל איז אים אײנגעפאַלן אָפּצו־רעכענען זיך מיט איינעם פון זיי אױף זיין שטייגער (די דאָזיקע געשיכטע האָט שלום־עליכם שױן דערציילט בקיצור אין זיינע זכרונות װעגן פרישמאַנען, נאָר דאָ גיב איך זי איבער מיט די איינצעלהייטן, װי איך האָב זי געהערט פון שלום־עליכמען און אױך פון פרישמאַנען):

אין דער קיעװער גרופּע האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער העברייאישער שרייבער יצחק יעקב װייס־בערג, װעלכער האָט אין יענער צייט געפירט מיט פרישמאַנען זייער אַ פריינטלאַכע קאָרעספּאָנדענץ, נאָר אין זיינע געשפּרעכן מיט שלום־עליכמען פלעגט ער אױפן יונגן עזותדיקן מחבר פונם „תוהו ובוהו" גיסן פּעך און שװעבל. דערזעלבער װייסבערג האָט זיך אױך געהאַלטן מיט שלום־עליכמען װי אַ נאָענטער פריינט, נאָר אין זיינע בריװ צו פרישמאַנען פלעגט ער אױף אים אױס־ריידן כל דבר אָסור. שלום־עליכם איז דאָס געװאָר געװאָרן פון דינעזאָנס אַ בריװ, און אַזױ װי פרישמאַן האָט דעמאָלט באַדאַרפט קומען צו אים צו־גאַסט קיין קיעװ, איז אים איינגעפאַלן, אַז פרישמאַנס קומען זאָל זיין „אינקאָגניטאָ", בסוד פון די קיעװער משכילים. פרישמאַן האָט אפילו זיך געקװיינקלט; ער האָט געשריבן שלום־עליכמען אין זיין איראָנישן טאָן, אַז ער איז „אַן ערנסטער מענטש" און „האָט פיינט ליצנות". נאָר ער האָט נאָכגעגעבן שלום־עליכמס קאַפּריז. אַז פרישמאַן איז געקומען קיין קיעװ, האָט אים שלום־עליכם אױף מאָרגן געפירט אױף דער בערזע און דאָרט זיך געזעצט מיט אים אױף דער װעראַנדע

פון אַ קאָפּעהויז צו באַטראַכטן דאָס פּובּליקום. און דאָ איז גראָד פאַרבּייגעגאַנגען ווייסבּערג. שלום־עליכם האָט צוגערופן ווייסבּערגן, פאַרבּעטן אים צו זיין טישל און מיט אַ האַלבּן מויל, ווי פון יוצא וועגן, פאָרגעשטעלט פאַר אים דעם פרעמדן אויסגעפּוצטן יונגנמאַן אינם גאָלדענעם פּענסנע, וואָס איז געזעסן דערבּיי:

— הער ווייסבּערג — הער פינקלשטיין...

שלום־עליכם האָט גלייך פאַרפירט מיט ווייסבּערגן אַ געשפּרעך וועגן דער העבּרייאישער ליטעראַטור, אינגאַנצן איגנאָרירנדיק דעם פרעמדן יונגנמאַן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פינקלשטיין“. פון ליטעראַטור איז מען אַרויף אויף קריטיק, און פון קריטיק — אויף פרישמאַנען, וועמען שלום־עליכם האָט אָנגעהויבּן לויבּן אין הימל אַריין. ווייסבּערג האָט זיך גלייך צעקאָכט און גענומען דערווייזן שלום־עליכמען, און פאַר איינ־וועגס אויך דעם יונגן הער „פינקלשטיין“, אַז אָט דער פרישמאַן איז דאָך, אייגנטלאַך, נישט מער ווי אַ יונגער שקאָץ און אַן אַרצי־מחוצף־פּנים, וואָס אויסער זיין חוצפּה פאַרמאָגט ער אין זיך גאָרנישט. דער יונגער „פינקלשטיין“ האָט שוין געמוזט שווייגן און האָט נאָר פון מינוט צו מינוט פאַרריכט דאָס פּענסנע אויף דער נאָז...

אין עטלאַכע טעג אַרום קומט־אַריין ווייסבּערג צו שלום־עליכמען אין הויז. שלום־עליכם באַגעגנט אים מיט אַ שמחה:

— איר ווייסט? איך האָבּ דאָך אַ גאַסט בּיי מיר אין שטוב — פרישמאַן!

און עפנט די טיר פון פרישמאַנס צימער, און פאַר ווייסבּערגן טרעט־אַרויס — דערזעלבּער יונגערמאַן פינקלשטיין אינם גאָלדענעם פּענסנע...

אַז פרישמאַן האָט דערנאָך געפרעגט שלום־עליכמען: צו וואָס האָט אים געטויגט די גאַנצע מיסטיפי־קאַציע? — האָט אים שלום־עליכם געענטפערט:

— כדי צו באַווייזן אייך, ווער די „חכמי קיוב“ זיינען...

* * *

איין אידישער שרייבּער איז געווען אין קיעוו, שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן, מיט וועמען שלום־עליכם האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבּן: דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט מ. מ. וואַרשאַווסקי, וואָס שלום־עליכם האָט אין אים אַנטפּלעקט דעם אידישן פאָלקסדיכטער און אַרויסגעפירט אים אויף דער אידישער וועלט. ווי אַזוי זייער באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי וואַרשאַווסקי האָט זיינע לידער אויסגעזונגען און אויס־געשפּילט בּיי שלום־עליכמען אין הויז אויף דער פּיאַנע,

שלום־עליכם און מ. מ. וואַרשאַווסקי מיט אַ גרופּע „בּני ציון“ אין באַרדיטשעוו
[בּעת אַ פאַרלעזונג פון ביידע שריפטשטעלער, דעם 15־טן יולי 1900].



דער פערטער אין דער דריטער ריי, פון רעכטס צו לינקס, איז שלום־עליכם; דער זעקסטער — מ. מ. וואַרשאַווסקי.

און ווי אַזוי ביידע זיינען דערנאָך אַרויסגעטראָטן אויף אומזיסטע קאָנצערטן אין קיעוו און אויך אין די נאָענטע שטעט אַרום קיעוו, — האָט שלום־עליכם גענוי דערציילט אין זיין הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון וואַרשאַווסקיס לידער (זע אַלע ווערק פון שלום־עליכם, באַנד „אידישע שרייבער"). שלום־עליכם פלעגט וועגן וואַרשאַווסקין תמיד ריידן מיט טיפער ליבע און האָט שטאָלצירט, וואָס ער איז געווען דער גורם, אַז וואַרשאַווסקי זאָל געפינען זיין תיקון צווישן די ברייטע אידישע מאַסן. בשעת ער האָט צוגעשיקט וואַרשאַווסקיס ערשטע לידער צו ראַווניצקין אויף צו דרוקן זיי אינם „יוד" (סוף 1898), האָט ער אים דערביי געשריבן אַזוי:

„... די חכמי קיעוו ימח שמם האָבן שוין לאַנג אויף מיר מוציא לעז געווען, אַז איך בין אַזאַ מין מחבר, וואָס פאַרגין קיינעם ניט, עיני צרה בשל אחרים [22], אַז סאיז נאָר אני ואפסי עוד [23], וכו' וכו' וכו'. איך וויל זיי באַווייזן, אַז אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין!"

נאָך וואַרשאַווסקיס טויט האָט שלום־עליכם, מיט דער הילף פונם דיכטער ל. יפה, זיך גענומען צוזאַמענשטעלן אַ פולע אויסגאַבע פון וואַרשאַווסקיס לידער, וואָס זיינען שפּעטער דערשינען דורכן אָדעסער פאַרלאַג „מוריה".

16

צו די שריפטשטעלער פון דעם אינגערן דור, צו די וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אין אָנהייב פונם היינטיקן יאָרהונדערט צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער אידישער פּרעסע אין רוסלאַנד, האָט שלום־עליכם זיך באַצויגן מיט פאָטערלאַכער אויפמערקזאַמקייט. כאָטש ער האָט ניט געפירט קיין „טישן", אַזוי ווי פּרץ (דאָס וואָלט זיך גאָרניט געפּאַסט צו זיין גאַנצן וועזן), פלעגט ער אָבער פּריוואַט, דורך בריוו, אויף אַ פּשוטן גוטברודערלאַכן שטייגער, גאַנץ אָפט אויפמונטערן אַן אָנפאַנגער, אין וועמען ער האָט דערפילט דעם אמתן פונק. אַזוי איז ער געווען דער ערשטער צו וואַרימען אברהם רייזענען ביי זיין אָנהייב. ער האָט מיט אים פאַרפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, געלויבט זיינע ערשטע פּראָבעס, געמאַכט וועגן זיי אויספירלאַכע באַמערקונגען און גלייך אַרויסבאַוויזן צו אים אַ חברישן אינטערעס: „ווער זיינט איר? — פרעגט ער אים באַלד ביים ערשטן פּעקל שירים, וואָס רייזען האָט אים צוגעשיקט אין יאָר 1893. — וואָס זיינט איר? וויפיל זיינט איר אַלט? — שרייבט, איך בין נייגעריק צו וויסן..." ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן דערזען אין ז. שניאורן דעם צוקינפטיקן גרויסן דיכטער נאָך איידער די עפנטלאַכע קריטיק האָט אים באַמערקט; ער האָט זיך מיט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט ביי זייערע ערשטע באַגעגענישן אין וואַרשע און אין ווילנע, אין יאָר 1905, אויסגעדריקט אים התפעלות אַמאָל דורך אַ בריוו, און שפּעטער נאָכגעפאָלגט מיט אמתער פרייד זיין ראַשיקע אַנטוויקלונג. דערביי פלעגט ער אַרויסבאַווייזן אַ פיין־פילנדיקן חוש און אַ קלאָרן אַנאַליטישן פאַרשטאַנד אין שייכות צו יענעמס ווערק (דערהויפּט — רעאַליסטישע), סאַי אין ענינים פון סטיל, סאַי אין פּרטים פון פּסיכאָלאָגישער אויפפאַסונג. און ווי חידושדיק דאָס זאָל ניט אויסזען אויבנאויף, נאָר סאיז אַ פאַקט, אַז צו די אינגערע שרייבערס פון דעם אַזוי־גערופענעם „רעאַליסטישן" שניט האָט ער תמיד געשטעלט אַנדערע, ווייטערע פאָדערונגען, ווי צו זיך אַליין. פון זיי האָט ער געפאָדערט דאָס טשעכאָווישע — די קאָנצענטרירטקייט און שפּאָרעוודיקייט פונם אויסדרוק, אין דער צייט וואָס זיין אייגענער וועג איז געווען דער אומגעצאַמטער וועג פונם ברייט־פליסנדיקן אַרומריידן און דעטאַליזירטן אויסטייטשן. אפשר איז דאָס געקומען דערפון, וואָס ער האָט אין דער יונגער אידישער בעלעטריסטיק ניט געוואָלט זען אַ פאַרזעצונג פון זיך, דאָס הייסט אַ נאָכקרימונג, נאָר אַ ווייטערע אַנטוויקלונג. ביי מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים אין ווילנע האָט ער ביי מיר גענומען דורכצוקוקן עטלאַכע פון מיינע ערשטע העברייאישע ספּורים (וואָס ער האָט פאָרגעלייגט, איך זאָל באַאַרבעטן אויף אידיש פאַרן פאַרלאַג „ביכער־פאַר־אַלע", מיט וועלכן ער איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן). אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיי מיר צוגעשיקט פונם וועג מיט זיינע אָנמערקונגען, און דאָ האָב איך דערזען, מיט וואָס פאַר אַ שטרענגקייט ער האָט זיך באַצויגן צו יעדן איבעריקן זאַץ, און ווי פיין זיין חוש איז געווען אויף אָפּצוטיילן דאָס לעבעדיקע וואָרט פונם טויטן. שפּעטער האָב איך זיך אין דעם נאָך מער איבערגעצייגט.

עס איז ניט ריכטיק די אָנגענומענע מיינונג, אַז שלום־עליכמען איז געווען נאָענט און אייגן נאָר די „אַלטמאָדישע", קלאַסישע ליטעראַטור, און אַז דער מאָדערנער, ראַפינירטער מענטשלאַכער געדאַנק איז געווען אינגאַנצן אויסער זיין השגה. ער האָט מיט גרויס אינטערעס געלייענט אויך די נייע אייראָפּייאישע בעלעטריסטיק, און קנוט האַמסון איז געווען איינער פון זיינע באַליבטסטע שרייבערס: ער האָט „וויקטאָריע" געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און האָט עס געהאַלטן פאַר דער בעסטער שאַפונג פון די לעצטע יאָרן. ער האָט זיך נאָר אָפּגעטרייסלט פון דער „מצוה" צו זיין מאָדערן. אין דער צייט, וואָס די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט לעאָניד אַנדרייעווס שווערקייטן, ווי מיט אַ הייליקער משא, האָט ער אים געהאַלטן פאַר אַ ליטעראַרישן באָמבעוואַרפער און פלעגט זאָגן, אַז סאיז אַ חילול הקודש,

[22] ד. ה. איך פארגין ניט יענעם זיין כבוד. — [23] איך בין איינער, און אויסער מיר איז קיינער.

וואָס מיט זיינע גוואַלדן פאַרהילכט ער דעם פיינעם נאָכקלאַנג, וואָס טשעכאָוו האָט איבערגעלאָזט אין דער רוסישער ליטעראַטור. דערהויפּט איז אים געווען פריקרע די „מצוה" פון מאָדערניזם אין אונזער אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל. די באַמיאונגען פון אייניקע יונגע שריפטשטעלער צו באַווייזן זיך „קאַפּויר" האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל. ער האָט אין דעם געזען ניט „דעקאַדענץ", וואָס קאָן געמאָלט זיין אפשר אין אַן איבערגעזעטיקטער ליטעראַטור, נאָר פשוט — פוסטע מליצה, אַ „מאָדערנער" גלגול פון דער השכלה־מליצה, וואָס אונטער איר באַהאַלט זיך, צוזאַמען מיטן געשטרויכלטן טאַלענט, אויך די שאַרלאַטאַנישע גראַפאָמאַניע. מע קאָן ניט מאַכן מיט שוואַכע כוחות אַזאַ שפּרונג: פונם בית־המדרש — איבערן קאָפּ פונם פאָלק — אין די ווייטע דרכים אַריין. ער האָט אין דעם געזען אַ סכנה פאַרן קיום פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַלטן, אַז די אידישע ליטעראַטור איז קודם כל אַ פאָלקסליטעראַטור, וואָס קאָן וואַקסן נאָר מיטן וואוקס פונם פאָלקסלעזער, און אויב די שרייבערס וועלן נעמען שרייבן דעם פאָלק „אויף־צו־להכעיס", וועלן זיי סוף־כל־סוף בלייבן אַליין, אָן לעזער — די לעזער וועלן, באין ברירה, זיך אומקערן צוריק צו שמרן...

צו אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער קומען, ווען צו אים אין די הענט פלעגט אַריינפאַלן אַ ווערק פון דער נייער „קאַפּויר־געשטימטער" אידישער בעלעטריסטיק, נאָכדעם ווי די קריטיק פלעגט עס הייליקן. איינמאָל אין ניו־יאָרק האָב איך אים געטראָפן איבער אַ נאָוועלע פון אַן אַמעריקאַנער־אידישן בעלעטריסט. ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע עטלאַכע קאַפּיטלען — און האָט ווייטער געבלעטערט אָן חשק. „וואָס דרייט ער מיר דאָ אַ ספּאָדיק? — האָט ער געפרעגט מיט אַ מינע פון איינעם, וועמען מע האָט שטאַרק פאַרנודעט. — סאיז דאָך דאָ קיין וואָר וואָרט ניטאָ! ווער זיינען די מענטשן, וואָס ער וויל דאָ באַשרייבן? אידן? נאָרוועגער? אויב אידן — קען איך זיי אויך אַ ביסל, און איך מעג שווערן, אַז אַ ז ע ל כ ע אידן זיינען ניט פאַראַן אין ערגעץ, אפילו אין אַמעריקע. אלא וואָס דען — נאָרוועגער? וואָס זשע דאַרף איך אים? האָט דאָך שוין קנוט האַמסון זיי בעסער באַשריבן!"...

ער האָט דעם מין אידישע שריפטשטעלער פון דעם האַמסונשן סטיל גערופן: „די באַשרייבער פון די באַרדיטשעווער פיאָרדן".

ער האָט באַשולדיקט די קריטיקער אין שוואַכקייט: „מע וואָלט איצט באַדאַרפט האָבן אַ יונגן פרישמאַן, וואָס זאָל אָנשרייבן אַ נייעם „תוהו ובוהו" וועגן די נייע בעלי־מליצה". ער האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם כח פון קריטיק און אין איר גרויסער באַדייטונג — אי פאַרן לעזער, אי פאַרן שרייבער. און זיין אייגענע באַציאונג צו זיינע קריטיקער איז געווען אַ מערקוויר־

דיקע: ער האָט זיך צו זיי געטוליעט ווי אַ קינד — פריער צו בעל־מחשבותן און שפּעטער צו ניגערן. בעל־מחשבותן איז ער געווען דאַנקבאַר, דערפאַר וואָס ער איז געווען זיין ערשטער „אויסטייטשער". ניגערן האָט ער אָבער מער געגלויבט. ער האָט זיך באַקענט מיט ניגערן בשעת יענער איז געווען נאָך גאָר יונג, אַן „אברך יקר", ווי ער האָט אים דעמאָלט אָנגערופן, און ער האָט באַוואונדערט זיין רייפקייט, זיין צילבאַוואוסטקייט, זיין כח צו אָריענטירן זיך אין די פלאָנטערנישן פון יענעמס שאַפן. ער האָט אין אים געזען דעם גרונטלאַכן ליטעראַרישן פאָרשער און דעם פאַרהייליקער פונם ליטעראַרישן וואָרט — און האָט אים דערפאַר שטאַרק ליב געקריגן. „מיט ניגערן — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — בין איך שוין זיכער, אַז ער האָט מיך ג ע ו ־ ו י ס געלייענט. ווייטער, די אַלע אַנדערע האַלטן עפּעס אין איין קייען אָדער טביה דעם מילכיקן, אָדער מנחם־מענדלען — צי האָבן זיי אַקאָרשט מער ווי דאָס ניט געלייענט?"...

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָן אַ שרייבער ניט זיין נייגעריק צו לייענען דאָס, וואָס זיינע חברים שרייבן. „איך לייען אַלעמען!" — פלעגט ער זאָגן, און ער איז באמת געווען איינער פון די פלייסיקסטע לעזער פון דער אידישער ליטעראַטור. ער פלעגט באַקומען כמעט אַלע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלע לענדער, וואו דאָס אידישע וואָרט ווערט געדרוקט, און פלעגט אין די פרייע שטונדן אַלצדינג דורכקוקן און פלינק אויפכאַפּן אין זיי דאָס, וואָס פאַר אים איז געווען אינטערעסאַנט. ער האָט נייגעריק געשטודירט דעם כאַראַקטער פון שרייבערס לויט זייער סטיל, לויט די קלוגשאַפטן און נאַרישקייטן, וואָס קוקן־אַרויס פון צווישן זייערע שורות. ער פלעגט גאַנץ אָפט אויסשניידן פון צייטונגען קוריאָזע אַרטיקלען און סקיצעס, אַריינלייגן זיי אין באַזונדערע קאָנווערטן און מיט אַ קורצער אויפשריפט באַצייכענען די „ראָזינקע", וואָס ער האָט אין זיי געפונען. אין זיין לייענען איז ער געווען זייער פילבאַר צו דעם שרייבערס שפּראַכלאַכע בייגונגען און סטיל־קאַפּריזן. איינמאָל האָט ער מיר צוגעטראָגן אַ דערציילונג פון אַ אידישן שרייבער, וואו דאָס וואָרט „האַסטיק" איז אין דעם ערשטן קאַפּיטל איבערגעחזרט געוואָרן עטלאַכע צענדליק מאָל. ער האָט יענעם מחבר פון דעמאָלט־אָן גערופן: „דער האַסטיקער".

ער איז בכלל געווען אַ דאָרשטיקער לעזער. נאָר מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך געהאַלטן צו זיין נאָענטסטן געביט — צום הומאָר. ער האָט געלייענט אַלע הומאָריסטן און סאַטיריקער פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון סערוואַנטעס, סוויפט, דיקענס, גאָגאָל און שטשעדרין, ביז מאַרק טוועין, דזשעראָם ק. דזשעראָם און טשעכאָוו. מיט גאָגאָלן האָט ער זיך געפילט נאָענט פאַרוואַנדט. צווישן

זיינע „פּערזענלאַכע פּאַפּירן" האָט ער אין אַ באַזונדערן קאָנווערט אָפּגעהיט, ווי אַ מין קמיע, גאָגאָלס ווערטער (פון די „טויטע נפשות", ערשטער טייל, זיבעטער קאַפּיטל), וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אויף אַ בלעטל פּאַפּיר אין זייער רוסישן טעקסט און דערביי צוגעגעבן זיין אייגענע פרייע אידישע איבערזעצונג:

„... און לאַנג נאָך, אַפּנים, איז מיר באַשערט מיט יענעם וואונדערלאַכן כח צו גיין האַנט ביי האַנט מיט מיינע מאָדנע פאַרשווינדלאַך, און צו באַטראַכטן דאָס גרויסע טומלדיקע לעבן דורך אַן אָפּענעם געלעכטער און דורך פאַרשטעלטע, פאַרבאָרגענע טרערן".

מיט טשעכאָוון האָט ער זיך געקוויקט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין קראַנקזיין פלעגט ער ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, און גאַנץ אָפט פלעגט זיין פרוי אָדער ווער פון זיינע קינדער פאָרלייענען פאַר אים אינמיטן דער נאַכט פון טשעכאָווס שריפטן, וועלכע ער האָט געקאָנט הערן צום צענטן מאָל מיטן זעלבן פאַרגעניגן.

ער איז געווען אויף הומאָר אַ גרויסער מפונק. די יונגע רוסישע הומאָריסטן פון אַווערטשענקאָס שניט האָט ער ניט געקאָנט סובל זיין. „דאָס זיינען בטבע טיפּשים, — פלעגט ער זאָגן — וואָס האָבן גענומען אויף זיך אַ „פּאָדריאַד" אויפן גאַנצן לעבן צו חכמהנען זיך". ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ מין הומאָר אין קאָנסערוון קאָן געפעלן אַן עולם, וואָס האָט שוין פאַרזוכט גאָגאָלן און טשעכאָוון. דיזעלבע באַציאונג האָט ער געהאַט צו אַ געוויסער קאַטעגאָריע אויפגעקומענע הומאָריסטן אין דער אידישער פּרעסע, ובפרט צו עטלאַכע פון זיי מיט קלעפּיקע פינגער, אין וועלכע ער האָט געזען זיינע נאָכקרימער און וואולגאַריזירער. ער האָט זיי ניט געקאָנט פאַרטראָגן אויך דערפאַר, וואָס זיי באַצייכענען זייערע סקיצעס מיטן וואָרט „הומאָרעסקע": „נו, איצט וועט שוין ניט העלפן קיין טענות; וויבאַלד עס שטייט בפירוש „הומאָרעסקע" — וועט מען שוין מוזן לאַכן!"... אַ צווייטן מאָל האָט ער פאַרגעשטעלט דעם הומאָרעסקע־שרייבער, ווי ער זאָגט צום לעזער מיטן האַרבן וואָרט: „לאַך, ממזר! אַניט גיב איך דיר אָט דאָ מיט אַ „הומאָרעסקע" איבערן קאָפּ!"...

דערפאַר פלעגט ער לייענען מיט גרויס אינטערעס די ניו־יאָרקער הומאָריסטישע זשורנאַלן — פריער דעם „קיבעצער" און שפּעטער דעם „קונדס", אין וועלכע ער האָט געפונען אַ פּאָר יונגע שרייבערס מיט אַן אמתן הומאָריסטישן בּרען. אַ באַזונדער נחת האָט ער געהאַט פון משה נאַדיר. די לעצטע צייט אין ניו־יאָרק האָט ער נאָכגעפאָלגט זיינע זאַכן מיט אמתער פרייד, און וויפיל מאָל, זיצנדיק ביי זיך אין שטוב מיט געסט, פלעגט ער זיי פאָרלייענען אויף זיין מייסטערישן שטייגער. און עפּעס טיף־רירענדיקעס איז געווען אין זייער ערשטער און לעצטער באַגעגעניש אויפן „אידישן באַזאַר" אין ניו־יאָרק, אַ קורצע צייט פאַר שלום־עליכמס טויט, בשעת ביידע האָבן זיך האַרציק צעקושט פאַר אַ גרויסן אידישן עולם. דאָס איז געווען אי אַ צוזאַמענקום, אי אַ געזעגענונג צווישן דעם אַוועקגייענדיקן און דעם אָנקומענדיקן...

אין ניו־יאָרק, אין דעם קאַלטן, וואָכעדיקן, „שאַפּ"־מעסיקן הו־האַ פון דער אידישער פּרעסע, האָט ער זיך געפילט פרעמד און איינזאַם, און דעריבער איז אים טאָפּל טייער געווען די פריינטשאַפט פון די געציילטע חברים, ווי יהואָש, דוד פּינסקי, הירשביין און אויך אַש און רייזען, וואָס פלעגן אים אָפט באַזוכן אין זיין קראַנקן צושטאַנד. אַן אייגנגענעמע איבעראַשונג זיינע, פאַר אים געווען עטלאַכע פון די דעמאָלטיקע „יונגע", ווי אָפּאַטאָשו, מאַני לייב און אַנדערע, אין וועלכע ער האָט דערזען אַ גאַנץ אַנדער „אַמעריקע" — ווייט־אָפּגעשיידט פון דער וויסטער רוטינע פון דער פּרעסע. אָפּאַטאָשן האָט ער אויפגענומען ווי אַן אַנטפּלעקונג, און אָפּאַטאָשס „ניו־יאָרקער געטאָ" האָט אים אויפגעהויבן פון זיין ליגעשטול צו שרייבן דעם יונגן נאָוועליסט אַ באַגייסטערטן בריוו.

פיל נחת־רוח האָט אים דעם לעצטן ווינטער פאַרשאַפט יהואָש, מיט וועמען ער האָט זיך אין יענער צייט באַקענט און וועלכער איז פאַר אים געוואָרן דער נאָענטסטער און באַגערטסטער פון זיינע ניו־יאָרקער ליטעראַרישע פריינט. מיט זיין קלוגשאַפט און שאַרפזיניקייט, מיט זיינע גייסטרייכע קוועלנדיקע געשפּרעכן און מיט זיין גאַנצער פּאָעטיש־פילאָזאָפישער געהויבנקייט האָט אים זיין ניי־דערוואָרבענער חבר אַריינגעבראַכט אַ סך ליכטיקע שטונדן אין זיינע לעצטע טונקל־ווערנדיקע טעג.

אין דעם פּאַטאַלן פרייטאָג־צו־נאַכטס, בעת סאיז באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט, אַז זיינע מינוטן זיינען געציילטע, האָט זיך די ניו־יאָרקער ליטעראַרישע משפּחה אַ ריר געטאָן, און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט אומרואיקע געזיכטער פון חברים, וועלכע האָבן אַ גאַנצע נאַכט באַוואַכט זיין גסיסה, אינווייניק און אינדרויסן, ביי זיין פענסטער. און געשטאָרבן איז ער אין זיין פאָלק, וואַרים אַרומגערינגלט פון זיינע ביידע משפּחות — די אייגנע משפּחה פון זיינע בני־בית און די ברייטע משפּחה פון שריפטשטעלער, צו וועלכער ער האָט זיך מיט אמת־ברודערלאַכער ליבשאַפט געטוליעט דאָס גאַנצע לעבן.

י. ד. בערקאָוויטש.

בריוו פון שלום-עליכם צו שריפטשטעלער

[די פאַרגעלייגטע בריוו זיינען נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס שלום-עליכם האָט געפירט מיט זיינע חברים-שריפטשטעלער אין דעם משך פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. רעכענענדיק זיך מיט דעם באַגרענעצטן פּלאַץ, איז אויסגעקומען דאָ צו געבן נאָר געקליבענע בריוו און נאָר צו אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס שלום-עליכמס באַציאונגען מיט זיי באַלייכטן זיין כאַראַקטער אַלץ מיטגליד פון דער ליטעראַרישער משפּחה. דערפאַר האָבן געמוזט דערווייל אויסגעלאָזט ווערן אַ סך בריוו צו פיל אַנדערע שריפטשטעלער, וואָס זיינען מער פון אַן אייגן-פּריוואַטן אָדער קאָמערציעלן כאַראַקטער; יענע בריוו וועלן פאַרעפנטלאַכט ווערן אין דער באַזונדערער זאַמלונג פון אַ ל ע בריוו פון שלום-עליכם. עס דאַרף דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז דער ג ר ע ס ט ע ר טייל פון שלום-עליכמס ליטעראַרישער קאָרעספּאָנדענץ איז נאָך ניט געזאַמלט געוואָרן און געפינט זיך מסתמא ביי די פּערזאָנען, מיט וועמען שלום-עליכם האָט זיך דורכגעשריבן, אָדער ביי זייערע יורשים; און דעריבער פעלן דאָ די בריוו צו אַזעלכע פּערזענלאַכקייטן, ווי י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן (צו דעם לעצטן ווערט דאָ געבראַכט נאָר איין נומער) און צענדליקער אַנדערע, מיט וועמען שלום-עליכם איז געשטאַנען אין נאָענטער חברישער פאַרבינדונג. און לסוף דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז סאיז דאָ אינגאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון שלום-עליכמס קאָרעספּאָנדענץ (166 נומערן), וואָס נעמט אַרום די יאָרן 1886 — 1902, וועלכער איז שוין פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אינם ניו-יאָרקער „טאָג“ אין 1923-1924. דאָ ווערן געבראַכט נאָר אַזעלכע בריוו, וואָס זיינען אין ערגעץ נאָך ניט געדרוקט געוואָרן. — די בריוו גייען דאָ אין כראָנאָלאָגישן סדר, און דער קליינער טייל פון זיי, וואָס איז געשריבן העברייאיש אָדער רוסיש, ווערט געגעבן אין דערזעלבער פאָרם, ווי אין דער פריערדיקער רובריק, מיטן אויסנעם פון צוויי רוסישע בריוו צו מענדעלי מוכר-ספרים, וואָס קומען דאָ אויך אין זייער רוסישן טעקסט. — דער בריוו צום אַרטיסט יעקב אַדלער ווערט געגעבן אין דער דאָזיקער רובריק, הגם דער אַדרעסאַט האָט ניט געהערט צו דער ליטעראַרישער משפּחה, איבער דער פּשוטער סיבה, וואָס קיין באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר בריוו צו אידישע אַרטיסטן איז אין דעם בוך ניטאָ, און דער דערמאָנטער בריוו האָט אַ שייכות מיט שלום-עליכמס ליטעראַריש-דראַמאַטישער טעטיקייט.]

1

צו מענדעלי מוכר-ספרים

[פונם אָריגינאַל]

[דאָס איז דער ע ר ש ט ע ר בריוו, וואָס שלום-עליכם האָט געשריבן, אומבאַקאַנטערהייט, צו מענדעלי מוכר-ספרים, צו זיין פינפאונצוואַנציקיאָריקן יובי-ליי. שפּעטער, אין די יאָרן 1888 — 1889, אַז שלום-עליכם האָט זיך באַקענט מיט מענדעלין, פריער דורך בריוו און נאָכדעם פּערזענלאַך, האָט ער זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אים, געקרוינט אים מיטן נאָמען „זיידע“ און אָנגעהאַלטן מיט אים דאָס גאַנצע לעבן אַ וואַרימע אינטימע קאָרעספּאָנדענץ, ווי צווישן אַן „איניקל“ מיט אַ „זיידן“. — אַ טייל פון שלום-עליכמס בריוו צו מענדעלין (1888 — 1902) איז שוין פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אינם ניו-יאָרקער „טאָג“. — צוליב זיין ביבליאָגראַפישער וויכטיקייט, ווערט דאָ דער בריוו געגעבן אין זיין רוסישן אָריגי-נאַל, צוזאַמען מיט אַ אידישער איבערזעצונג. דערביי איז כדאי צו באַצייכענען דעם מערקווירדיקן צופאַל, אַז אויך דער ל ע צ ט ע ר בריוו פון שלום-עליכמען צו מענדעלין (געשיקט פון ניו-יאָרק, אין יאָר 1915) איז געשריבן געוואָרן אויף רוסיש. דער אונטערשייד איז אָבער אין דעם, וואָס דער ערשטער בריוו איז געוועזן געשריבן אויף רוסיש צוליב דער משכילישער מאָדע פון יענע צייטן, בעת דער לעצטער בריוו איז געשריבן געוואָרן רוסיש אויס צ ו וו אַ נ ג, מחמת דער רוסישער צענזור אין די מלחמה-יאָרן. אויסער די צוויי בריוו, איז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם „זיידן“ מיטן „איניקל“ געפירט געוואָרן אויף אידיש. — ווי עס איז צו זען פון דעם בריוו, האָט ש. ע. געהאַט אַ כוונה צו פאַרבינדן זיך מיט מענדעלין וועגן עפּעס אַ אידיש-ליטעראַרישן „ענין“. וואָס פאַר אַן ענין דאָס איז געווען — איז ניט-באַוואוסט. עס ווייזט אויס, אַז מענדעלי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם נאַאיוון בריוו פון דעם יונגן אָנפאַנגער און האָט דערויף גאָר ניט געענטפערט.]

Соломонъ Наумовичъ Рабиновичъ

ש ל ו ם - ע ל י כ ם

23. XII. 84

М. Бѣлая Церковь

(Кіев. Губ.)

Г-ну С. М. Абрамовичу

въ Одессѣ.

Многоуважаемый юбиляръ,

Милостивый Государь,

Соломонъ Моисеевичъ!

Чувствую, что опоздалъ своимъ посланіемъ; но не моя въ этомъ вина. Быть можетъ, въ массѣ писемъ и поздравленій Ваше вниманіе невольно остановится на этихъ строкахъ, которыя шлетъ Вамъ изъ далекой провинціи. такъ сказать, изъ глубочайшихъ нѣдръ нашего Русскаго Гето, молодой, но ярый поклонникъ Вашего таланта, поклонникъ, работающій на разрыхленной Вами почвѣ, упорно и ревностно слѣдуя по стопамъ, такъ мѣтко оставленнымъ Вами на поляхъ нашей жаргонно-литературной нивы. Если-же я до сихъ поръ, въ продолженіи моей двухлѣтней литера-

турной дѣятельности въ "Евр. Нар. Листкѣ", а съ недавняго времени и въ журналѣ "Евр. Обозрѣніе" (См. іюльскую VII кн. "Евр. Обозр.", разсказъ "Мечтатели", блѣдный отблескъ Вашихъ прекрасныхъ "Путешествій Веньямина III"), если-же я, говорю я, ничего примѣчательнаго еще не далъ моими столь незначительными трудами, за то какая будущность предстоитъ мнѣ, какъ начинающему, какое широкое поле для всякаго желающаго посвятить свои досуги служенію алтарю нашей народной музы! Но я началъ съ задушевнаго привѣтствія юбиляру и кончилъ тѣмъ, что наговорилъ самому себѣ кучу любезностей — слабость всякаго начинающаго! Но я **долженъ** былъ обратить Ваше вниманіе на пишущаго сіи строки, хотя бы съ этой, не столь похвальной стороны. А **долженъ** я въ интересахъ не личныхъ, а касающихся и этой "массы", которая празднуетъ нынче Вашъ юбилейный праздникъ, и нашего бѣднаго, загнаннаго и всячески эксплуатируемаго Жаргона, и меня самого, и даже Васъ. Не желая рисковать, быть можетъ, лишними словами, я оставляю "дѣло" до Вашего отвѣта, а пока, выразивъ Вамъ мою глубочайшую преданность, и пожелавъ Вамъ отъ чистаго сердца ознаменовать и послѣдующее 25-тилѣтіе не менѣе славными успѣхами въ этой благородной отрасли дѣятельности, остаюсь съ глубочайшимъ почтеніемъ

Вашъ покорный слуга
С. Рабиновичъ.

Мой адресъ:
Въ Бѣлую Церковь [Кіев. Губ.]
С. Н. Рабиновичу.

[די אידישע איבערזעצונג. — פיל געערטער יובילאַר, גנעדיקער הער, סאָלאָמאָן מאָאי־סעיעוויטש! איך פיל, אַז איך האָב פאַרשפעטיקט מיט מיין שרייבן; נאָר ניט מיין שולד איז אין דעם. עס קאָן זיין, אַז אין דער מאַסע בריוו און באַגריסונגען וועט אייער אויפמערקזאַמקייט ניט ווילנדיק זיך אָפשטעלן אויף די דאָזיקע שורות, וועלכע עס שיקט אייך פון דער ווייטער פראָווינץ, פון די טיפע אינ־געווייטן, אַזוי צו זאָגן, פון אונזער רוסישן געטאָ, אַ יונגער, נאָר אַ פייערדיקער פאַרערער פון אייער טאַלענט, אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וועלכער איז פון אייך צעאַקערט געוואָרן, נאָכפאָלגנדיק אייַנגעשפאַרט און פלייסיק די טריט, וואָס איר האָט אַזוי שאַרף איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונזער זשאַרגאָ־נישער ליטעראַטור. אויב איך האָב ביז איצט, אין פאַרלויף פון מיין צוויי־יאָריקער ליטעראַרישער טעטי־קייט אינם „אידישן פאָלקסבלאַט“, און פון אַ קורצער צייט אָן אויך אינם זשורנאַל „יעווריעסקאָיע אָבאָ־זרעניע“ (זעט אינם זיבעטן יולי־ביכל פון „יעוו. אָבאָזר.“ די דערציילונג „טרוימער“ — אַ בלאַסער אָפגלאַנץ פון אייער פראַכטפולן „מסעות בנימין השלישי“), אויב איך האָב, זאָג איך, מיט מיינע אומ־באַדייטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָרנישט ניט געגעבן, — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט־פאָר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונזער פאָלקס־מוזע! נאָר איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ האַרציקער באַגריסונג צום יובילאַר און אויסגעלאָזט האָב איך דערמיט, וואָס איך האָב אָנגערעדט זיך אַליין אַ באַרג מיט שבחים — אַ שוואַכקייט פון יעדן אָנפאַנגער! אָבער איך האָב ג ע מ ו ז ט ציען אייער אויפמערק־זאַמקייט אויפן שרייבער פון די דאָזיקע שורות — כאָטש אויף אַזאַ וועג, וואָס איז ניט אַזוי לויבנסווערט. און ג ע מ ו ז ט האָב איך [עס טון] ניט אין פער־זענלאַכע אינטערעסן, נאָר אין אינטערעסן, וואָס זיינען נוגע אי דער דאָזיקער „מאַסע“, וועלכע פייערט אַצינד אייער יובילײ־פייערונג, אי אונזער אָרימען, פאַראָגטן און דורכאויס עקספּלואַטירטן זשאַרגאָן, אי מיך אַליין, אי אפילו אייך. ניט וועלנדיק ריזיקירן, אפשר, מיט איבעריקע רייד, לאָז איך איבער דעם „ענין“ ביז צו אייער ענטפער, און דערווייל, אויסדריקנדיק אייך מיין טיפסטע איבערגעבנקייט, און ווינטשנדיק אייך פונם ריינעם האַרצן צו באַצייכענען אויך דעם קומענדיקן 25־יאָריקן יובל מיט ניט־ווייניקער הערלאַכע ערפאָלגן אויף דעם דאָזיקן געהויבענעם געביט פון טעטיקייט, פאַרבלייב איך, מיט טיפסטער אַכטונג, אייער אונטער־טעניקער דינער

ס. ראַבינאָוויטש.]

2

צו דוד פרישמאַן

[פונם אָריגינאַל]

[מיט פרישמאַנען האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן זיך איבערצושרייבן אינם יאָר 1887, בעת דער ערשטער איז געזעסן אין פעטערבורג, אַלץ מיטאַרבעטער פון י. ל. קאַנטאָרס „היום“. ווי סאיז צו זען פון פריש־מאַנס בריוו, וואָס געפינען זיך אין שלום־עליכמס אַרכיוו, האָט ש. ע. זיין ערשטן בריוו געשריבן צו פרישמאַנען נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט זיין פאַמפלעט „תוהו ובוהו“. ער האָט אים אויסגעדריקט זיין התפעלות און האָט אים, אגב, אָנגעפרעגט וועגן

קאַנטאָרן, צו וועמען ער האָט זיך געוואָלט ווענדן מכח אַ ליטעראַרישן ענין (דער ענין, לויט אַלע וואַרשיינלאַכקייטן, האָט באַדאַרפט זיין אָט וואָס: קאַנטאָר, דער אַרויסגעבער פונם „היום", איז צו דערזעלבער צייט אויך געווען דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר פונם „אידישן פאָלקסבלאַט"; און אַזוי ווי לעווי, דער אַרויסגעבער פונם „פאָלקסבלאַט", האָט דורך אַרטיקלען אין זיין אייגענער אידישער צייטונג אַרויסבאַוויזן פאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן" און צו די יונגע „זשאַרגאָניסטן", פון וועלכע שלום־עליכם איז געווען דער אייפעריקסטער, — האָט ש. ע. געוואָלט ווירקן דורך קאַנטאָרן, אַז מע זאָל די דאָזיקע אידיש־פוינטלאַכע ריכטונג פונם „פאָלקסבלאַט" אומביוטן). פרישמאַן, וועלכער האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַרן „היום", וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ביי צומאַכן זיך, האָט זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס שלום־עליכם פרעגט זיך נאָך אויף קאַנטאָרן, און האָט אים געמאַכט אַזאַ פאָרשלאָג: אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז ער, שלום־עליכם, איז אַ גביר און איינער „משלנו", — לכן וואָלט געווען אַ יושר, ער זאָל אַרויסהעלפן קאַנטאָרן אין זיין נויט און זאָל נעמען אויף זיך אַרויסצוגעבן ווייטער דעם „היום". אָדער אפשר איז גאָר אַ סברה, אַז זיי ביידע, שלום־עליכם און פרישמאַן, זאָלן גרינדן אַ נייע העברייאישע צייטונג? — מיט דעם האָט זיך פאַרבונדן אַ לעבעדיקער בריוווועקסל צווישן די צוויי יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָבן דעמאָלט ביידע געברויזט מיט יונגן וואַגנדיקן הומאָר. שפּעטער אַ ביסל, אַז דער „היום" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען און פרישמאַן האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און געלעבט דאָרט אין דחקות, האָט אים שלום־עליכם איינגעלאַדן צו שרייבן פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק", וואָס ער האָט דעמאָלט פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן, און האָט אים דורך דינעזאָנען געשיקט הונדערט רובל אין אַוואַנס. פרישמאַן האָט צוגעשיקט פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק" זיין פּאָעמע „אופיר" — און דער פאַרגעלייגטער בריוו פון ש. ע. איז אַן ענטפער דערויף. — צום באַדויערן, איז פון שלום־עליכמס בריוו צו פרישמאַנען פון יענער צייט געלונגען צו באַקומען נאָר צוויי; דערפאַר זיינען פרישמאַנס בריוו אַלע אָפּגעהיט אין שלום־עליכמס אַרכיוו, און פון זיי קאָן מען גאַנץ אָפט זען אויך דעם אינהאַלט און דעם הומאָריסטישן כאַראַקטער פון שלום־עליכמס דעמאָלטיקער קאָרעספּאָנדענץ צו פרישמאַנען.]

קיעוו, דעם 10־טן סעפּטעמבער, 1888.

אָחי יקירי, — הלא אָחי אתה!

אין כח בעט... נאָר גענוג קאָמפּלימענטן! ווי אַזוי דען איז אַנדערש? ווי אַזוי דען דאַרף פרישמאַן שרייבן? איך וואָלט נאָר אַ בעלן זיין וויסן, וואָס וועט זאָגן דערויף פרוג? דער דאָזיקער משורר האָלט מיך, אַפּנים, ניט פאַר קיין קליינעם פערד... ער וויל מיר אַלץ ניט געבן גאָרניט [1]!

וואָס איז די מעשה, ברודער, וואָס איר זיינט ברוגז אויף „שלום־עליכמען"? עפּעס גענומען אָפּגעשיקט אָן אַ בריוול — נאָ וואַרג זיך! פע, כלעבן; ניט אַזוי האָב איך פאַרדינט, זייענדיק אייך איבערגעבן — מיט פּאָעמעס און אָן פּאָעמעס — מיט לייב און זעלע (פרעגט דעם גנב דינעזאָן).

לאָמיר אַקאָרשט אָפּריידן מכח אַלע זייטיקע ענינים, און נאָכדעם וועלן מיר זיך אומקערן צו דער פּאָעמע גופא. — געלייענט האָב איך זי, געוויינלאַך, דריי מאָל, נאָר די שורות האָב איך נאָך קיין צייט געהאַט איבערצוציילן; לכן שיק איך אייך אָן אַנוו. [2] על 50 רו"כ, רעכענענדיק אייך 20 קאָפּ. בעד כל שורה; אויב אייך וועט אַרויסקומען נאָך עטלאַכע קערבלאַך, וועלן מיר זיך שוין צום צווייטן בוך [3] אָפּרעכענען, און אויב מיר וועט פון אייך אַרויסקומען, וועלן מיר זיך שוין צום צווייטן בוך אָפּרעכענען; און אויב אונז ביידן וועט אַרויסקומען, וועלן מיר זיך שוין צום צווייטן בוך אָפּרעכענען...

אַצינד גיי איך אַריבער צו דער פּאָעמע — נאָר אַזוי ווי די פּאַסט שטייט ניט, דאָס אַנוו. איז שוין פאַרטיק, איך בין פאַרנומען אַ סך מער, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, לפיכך שיק איך אייך אָפּ דעם בריוו מיט מיין טיפסטן דאַנק פונם טיפן האַרצן און ווינטש אייער זעלטענעם טאַלאַנט, ער זאָל טאַקע בליען און בליען, און איין ברכה צום נייעם יאָר האָט זיך נאָך ביי מיר פאַרוואַלגערט, שיק איך אייך זי אויך אָפּ: „איר זאָלט ניט דאַרפן לעבן פון דער פען"... אויף ווידערזען.

אחיכם שלום־עליכם.

פּ. ס. — קוקט נישט, וואָס איך שרייב אייך אויף אידיש; מיר זאָלט איר שרייבן העברייאיש דווקא.

3

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן נאָכדעם, ווי סאיז דערשינען דאָס ערשטע בוך פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק", אין וועלכן סאיז געווען געדרוקט דער ראָמאַן „סטעמפּעניו". — אין דערזעלבער צייט איז פרוי שלום־עליכם מיט איר פלימעניצע נאַטאַליע לאָיעוו (שפּעטער — פרוי מאַזאָר) געווען אויף אַ באַזוך אין וואַרשע.]

קיעוו, דעם 17־טן יאַנואַר, 1889.

ידידי!

מה תאמר על רעיתי תחי'?

מה תאמר על בת אחות [אחי] רעיתי העדינה?

ומה תאמר על „סטעמפּעניו"?

או האם שכחת, כי משפּטך (על־דבר האחרון, כי בו הכותב מדבר) יקר בעיני עד למאד? או האם לא תדע, כי נחוץ לי לדעת חות־דעתך, כדעת של

[1] פאַר דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק".

[2] אַנווייזונג. — [3] פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק".

המשורר היותר נשגב, המשורר „הבורא עולמות“? האם לא ידעת?

משורר יקר אתה, אבל איש רע, רשע, גזלן, רוצח! ידידנו דינעסזאָהן טוב ממך אלף פעמים ככה. הוא הביע לי את רוחו, שפך את כל לבו לפני. גם את הרע גם את הטוב הגיד לי; — ואתה? משורר יקר אתה ונחמד למאד, אבל איש רע וכו' וכו'... האף אין זאת, ידידי? לא! גם אָדם יקר אתה, גם איש חמודות, כי כה אני רוצה לראותך, או לכהפ"ח לשמוע על אדותיך מפי העדינות, החוסות כעת בצל כנפיך וכנפי דינעסזאָהן בווארשוי. לדבריך אני מחכה כאל ארוחת־הצהרים, בשעה שאני רעב.

ידידך מכבדך ומוקירך וכו'

שלום־עליכם.

[די אידישע איבערזעצונג. —

מיין פריינט! וואָס זאָגסטו אויף מיין פרוי זאָל לעבן? וואָס זאָגסטו אויף מיין פרוים איידעלער פּלימעניצע? און וואָס זאָגסטו אויף „סטעמפּעניו“?

צי האָסטו דען פאַרגעסן, אַז דיין אורטייל (וועגן דעם לעצטן, וואָרים פון אים שמועסט דער שרייבער)


די יודישע פאָלקסביבליאָטהעק
שלום עליכם
КIЕВЪ, Маловасильковская 26.
СОЛОМОНУ РАВИНОВИЧУ.
№ 470

פאַקסימילע פון בריוו נומער 2.

איז בּיי מיר טייער בּיז גאָר? אָדער צי ווייסטו ניט, אַז מיר איז נ י י ט י ק צו וויסן דיין מיינונג, די מיינונג פון דעם געהויבּענסטן דיכטער, דעם דיכטער „וואָס שאַפט וועלטן"[4]? צי ווייסטו עס ניט?

דו בּיזט אַ טייערער דיכטער, נאָר אַ שלעכטער מענטש, אַ רשע, אַ גזלן, אַ רוצח! אונזער פריינט דינעזאָן איז בּעסער פון דיר טויזנט מאָל אַזויפיל. ער האָט מיר אויסגעדריקט זיין גייסט, אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ פאַר מיר. ער האָט מיר אַרויסגעזאָגט אי דאָס גוטע, אי דאָס שלעכטע. און דו? בּיזט אַ טייערער און ליבּער דיכטער בּיז גאָר, אָבּער אַ שלעכטער מענטש א. אַ. וו.... איאָ, מיין פריינט? ניין! אויך אַ מ ע נ ט ש אַ טייערער בּיזטו, אויך אַ מ ע נ ט ש אַ ליבּער, ווייל אַזוי וויל איך דיך זען, אָדער, לכל הפּחות, הערן וועגן דיר פון די איידעלע דאַמען, וואָס שיצן זיך אַצינד אין דעם שאָטן פון דיינע פליגלען און די פליגלען פון דינעזאָנען אין וואַרשע. אויף דיינע ווערטער וואַרט איך, ווי אויף מיטאָג, בּשעת איך בּין הונגעריק.

דיין פריינט, וואָס פאַרערט דיך און האַלט דיך טייער א. אַ. וו.,

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.]

4

צו צדוק הכּהן

[פונם אָריגינאַל]

[צדוק הכּהן — דער דעמאָלטיקער אָבּער־ראַבּינער פון פראַנקרייך. — שלום־עליכם האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין פּאַריז, וואו ער האָט זיך אויסבּאַהאַלטן פון זיינע קרעדיטאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דער קיעווער בּערזע (שפּעטער האָט זיין שוויגער, רחל לאָיעוו, בּאַצאָלט אַלע זיינע חובות, און ער איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד). אַרומדרייענדיק זיך אַן עלנטער אין פּאַריז, איז אים איינגעפאַלן אַריינצוגיין בּאַקענען זיך מיט צדוק הכּהן, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ שם אין דער אידישער וועלט, און ער האָט אים אָנגעשריבּן אין גראַמען אָט דאָס קוריאָזע בּריוול, פון וועלכן ער האָט איבּערגעלאָזט פאַר זיך אַ קאָפּיע מיט זיין האַנטשריפט.]

[פּאַריז, סעפּטעמבּער, 1890.]

בּרוך אַתּה לאל עליון, אדוני הרב דצרפת ה' צדוק כּהן נ"י!

איש יהודי מארץ רוססיה
זר וגלמוד בּעיר נכריה
חפץ, אדוני, לבוא אליך —
לבקרך, לברכך ולקדם את פּניך,
מבּלי בּקש מידך חסד וחומלה,
לא כּסף, לא זהב, לא לחם ושמלה;
אפס כּי שמך שמוע שמעתי,
לכן את זאת אל לבּי נתתי —
בּיראת הכּבוד לגשת אליך
ולשבּוע בּהקיץ תמונתך.

אני עבדך בּן אמתך סאָלאָמאָן ראַבּינאָוויץ
„ש ל ו ם - ע ל י כ ם".

פּ. ס. — אבקש את אדוני לכבּדני בּתשובתו, בּאיזה יום ושעה אוכל לעמוד לפניו; וזה תוי:
Grand Hotel, No. 163, Paris. Solomon Rabinowicz.

[ד י א י ד י ש ע א י בּ ע ר ז ע צ ו נ ג. — געבּענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט דעם אויבּערשטן, מיין האַר דער רב פון פראַנקרייך, ה' צדוק כּהן נ"י!

אַ אידישער מענטש פון רוסלאַנד דעם לאַנד,
פרעמד און איינזאַם אין אַ פרעמדער שטאָט,
בּאַגערט, מיין האַר, אַריינקומען צו דיר —
בּאַזוכן, בּענטשן און בּאַגריסן דיך,
ניט צו בּעטן גענאָד און רחמנות פון דיר,
ניט זילבּער, ניט גאָלד, ניט בּרויט און
קיין קלייד;
נייערט דיין נאָמען האָבּ איך הערן געטאָן,
דעריבּער האָבּ איך מיך מיישב געווען —
מיט יראת־הכּבוד צוגיין צו דיר
און זעטיקן זיך מיט דיין בּילד אויף דער וואָר.

איך בּין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט, סאָלאָמאָן ראַבּינאָוויטש,

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

פּ. ס. — איך בּעט מיין האַר דעם רב צו בּאַערן מיך מיט זיין ענטפער, אין וועלכן טאָג און אין וואָסער שעה וועל איך מיך קאָנען שטעלן פאַר אים. און אָט דאָס איז מיין אַדרעס: — — — — .]

[בּ אַ מ ע ר ק ו נ ג. — שלום־עליכם האָט אָפּגעהיט אין זיין אַרכיוו אויך צדוק הכּהנס ענטפער, אין וועלכן יענער האָט אים פאַרבּעטן צו זיך אין הויז:

„אדוני.

„הדברים היוצאים מעטך נעימים כּדבש לחיך. כּבד תכבּדני בּבואך לראות את פּני בּיום הראשון הבּא בּין שעה עשירית לחצות, בּאשר אקוה להיות בּביתי לעת כּזאת.

„שלום וברכה לאדוני.

צ ד ו ק כּ ה ן".]

[4] מיט אָט דעם נאָמען האָט יעקב דינעזאָן אין זיינע בּריוו צו שלום־עליכמען דעמאָלט בּאַצייכנט פרישמאַנען.

5

צו אַברהם יעקב סלוצקי

[פונם אָריגינאַל]

[אַברהם יעקב סלוצקי — אַ העבריייִשער שרײַבער, באַקאַנט דורך זײַן חובבֿ־ציוניסטישן זאַמלבוך „ישוב ארץ־ישראל". — ווי ס'איז צו זען פון דעם בריוו, האָט דער אַדרעסאַט געזאָלט אַרויסגעבן אַ העברייִשע שריפט, און ש. ע. האָט געגרייט פאַר אים אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען „אליהו הנביא"; נאָר די זאַך איז ניט צו־שטאַנד געקומען. — דער בריוו איז אַדרעסירט קיין נאָוואָראָד־סיעווערסק, טשערניגאָווער גובערניע.]

[קיעוו], 2 יאַנואַר, 1894.

ידידי!

— — — הנה אנכי שולח לכם את „אליהו הנביא"... מה זה היה לך, ידידי? הפיליטון כבר נגמר ומונח אצלי עדי שתבוא אלי באגרותיך להאיץ בי, כדרך כל המו"לים שבישראל — ואתה מחשה! או אולי העתקת מושבך לביאליסטאָק, כאשר הודעתני באחת מאגרותיך? או אולי משכת את ידך מכל העסק שחשבת לעשות בספרותנו? או אולי... כסף אין לך? מזל טוב — גם אני אין לי כסף להוציא את הפב"ב שלי (חלק ג'), ואוכל איפוא להושיעך רק באנחה ותו לא מידי. — ע"ד הצעתך להוציא ספרי־אגורה בשפתנו העברית תמצא איזה רמז בפיליטוני שנדפס ב„הויזפריינד" בימים האלה בזמן הזה. — בכלל אני רואה בך, שבעל מחשבות טובות אתה ולא בעל מעשה, והבל על פיליטוני זה שמונח בקופסי, והוא דבר שהזמן גרמא! — והנני ידידך מברכך בשנה טובה לשנת האזרחים

שלום־עליכם.

[די אידישע איבערזעצונג. — מײַן פרײַנט! אָט שיק איך אײַך „אליהו הנביא"... וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן, מײַן פרײַנט? דער פעליעטאָן איז שוין פאַרענדיקט און ליגט בײַ מיר, ביז דו וועסט קומען צו מיר מיט דײַנע בריוו מיך צואײַלן, ווי דער שטייגער איז פון אַלע אידישע פאַרלעגער — און דו שווײַגסט גאָר! אָדער אפשר האָסטו זיך אַריבערגעקליבן קיין ביאַליסטאָק, אַזוי ווי דו האָסט מיר געגעבן צו וויסן אין איינעם פון דײַנע בריוו? אָדער אפשר האָסטו זיך אָפּגעשאָקלט פון דעם גאַנצן עסק, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט צו טון אין אונזער ליטעראַטור? אָדער אפשר... האָסטו קיין געלט ניט? מזל טוב — איך האָב אויך ניט קיין געלט אַרויסצוגעבן מײַן „פאָלקסביבליאָטעק" (דעם דריטן טייל), און איך קאָן דיר דעריבער העלפן נאָר מיט אַ קרעכץ, און נישט מער. — וועגן דײַן פּלאַן אַרויסצוגעבן קאָפּיקע־ביכלאַך אין אונזער העברייִשער שפּראַך וועסטו געפינען אַ וואונק אין מײַן פעליעטאָן, וואָס איז די טעג געדרוקט געוואָרן אינם „הויזפריינד"[5]. — בכלל זע איך אין דיר, אַז דו ביזט אַ מענטש פון גוטע אײַנפאַלן, אָבער ניט קיין מענטש פון אויפטואונגען, און ס'איז אַ שאָד אויף דעם פעליעטאָן מײַנעם, וואָס ליגט בײַ מיר אין קעסטל, וואָרים ס'איז אַ זאַך, וואָס האָט צו טון מיט דער צײַט! — און איך בין דײַן פרײַנט, וואָס ווינטשט דיר אַ גוט יאָר צום בירגערלאַכן ניי־יאָר,

שלום־עליכם.]

6

צו מרדכי ספּעקטאָר

[פונם אָריגינאַל]

[מיט מרדכי ספּעקטאָר, זײַן חבר און אינטימען פרײַנט פון גאָר די ערשטע יאָרן, האָט שלום־עליכם דאָס גאַנצע לעבן געפירט אַ וואַרימע גוט־ברודערלאַכע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערער לעבעדיקייט און הומאָריסטישער פרייקייט פונם טאָן. אַ טייל פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ (ביז 1893) איז נאָך ניט געלונגען צו אָפּזוכן. די בריוו פון 1893 ביז אָנהייב נאָוועמבער 1902 זײַנען טיילווייז געווען געדרוקט אינם ניו־יאָרקער „טאָג". דאָ ווערן געבראַכט געקליבענע בריוו פון דער ווייטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ. — דער ערשטער בריוו, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, און אויך אַ טייל פון די ווייטערדיקע געהערן צו דער צײַט, ווען שלום־עליכם האָט מיטגעאַרבעט אין די וואַרשעווער וואָכנבלעטער (געדרוקט אין קראָקע) „יודישע פאָלקסצייטונג" און „יודישע פרויענוועלט", פון וועלכע ספּעקטאָר איז געווען דער רעדאַקטאָר. צו יענער צײַט האָט זיך אין פּעטערבורג געגרינדעט דער טעגלאַכער „פרײַנד", און ביידע, שלום־עליכם און ספּעקטאָר, האָבן ביסלאַכווײַז אָנגעהויבן צו שרײַבן פאַרן „פרײַנד". צו באַצייכענען זייער צוגעבונדנקייט איינער צום אַנדערן און זייערע בשותפותדיקע ליטעראַרישע אינטערעסן, האָט ש. ע. אין זײַנע בריוו צו ספּעקטאָרן, אויף אַ שפּאַסיקן אופן, סימבאָליזירט זיי ביידן ווי מאַן און ווײַב: שלום־עליכם — „דער מאַן", און ספּעקטאָר — „דאָס ווײַב".]

קיעוו, 2־טען נאָוועמבער, 1902.

לזוגתי היקרה מרת ספּעקטאָר שתחי'.

האָסט מיך, הייסט עס, גאָר פאַרוואָראָזשעט[6], צו אַלדי גוטע יאָר! — — — — — — — — — —

איך פאַרשטיי ניט, זוגתי היקרה, וועלכער רוח אַרט דאָס דיך, אַז אונזערע בריוו וועלן זײַן גאַנץ[7]? למאי זאָלן מיר זיי ברענען? לאָזן אונזערע שונאים ברענען אויפן פײַער! אדרבה, לאָז די היסטאָריע איבער

[5] געמיינט דעם פעליעטאָן „סטאַנציע מאַזעפּעווקע". — [6] פאַרכישופט. — [7] ספּעקטאָר האָט געהאַט פאַרגעשלאָגן שלום־עליכמען, זיי זאָלן ביידע זייערע בריוו פאַרברענען.

הונדערט צוואַנציק יאָר לייענען, ווי צוויי אידישע פאָלקסשרייבער, וואָס זיינען געווען געבונדן בלא חופה וקידושין, האָבן זיך איבערגעשריבן, און וואָס עס האָט זיך געטאָן מיטן זשאַרגאָן. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פנים מיר ביידע וועלן האָבן ביי אונזערע אור־אור־אייניקלאַך, אַשטייגער, אין אַ פופציק אָדער הונדערט יאָר אַרום, דעמאָלט ווען אונזערע ביינער וועלן שוין לאַנג פוילן אין דער ערד! אַך, דער זשאַרגאָן, דער זשאַרגאָן! מי יודע וואָס פאַר אַ ראָלע ער וועט נאָך אַמאָל שפּילן ביי אונזער פאָלק! נאָר לאָז די „געשיכטע“ גיין איר וועג, און מיר באַדאַרפן לעת־עתה אין זינען האָבן אונזערס. — זוגתי היקרה! זאָלסט געווען זיין אין זשיטאָמיר [8] און זען דעם כבוד, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט צווישן אונזער פובליקום, וואָלסטו אײַנגענומען אַ מיתה משונה פאַר גרוים נחת. ממש אויף די הענט געטראָגן! אויפן צווייטן טאָג איז אין „וואָלין“ [9] געווען אַ באַריכט, אַז דער באַוואוסטער אידישער זשאַרגאָן־שריפטשטעלער שלום־עליכם איז אַ גאַסט ביי אונז אין שטאָט. דאָרטן איז אויך דערמאַנט דער נאָמען פון מיין זוגתי („וואָלין“, נומער 242). אַלע מאָל, וואו עס ווערט געבראַכט מיין נאָמען, זע איך, אַז מיין ווייב ספעקטאָר זאָל אויך זיין — לאָז זי ניט ברענען אויף מיר! שבת־צו־נאַכטס, פאַר מיין אָפּרייזן, האָט מען מיר געמאַכט אַ באַנקעט — נו־נו! — — — — .

איך שרייב אַ פעליעטאָן אויף חנוכה [10]. — מיין טאָכטער האָט שוין אויך איבערגעטראָגן די אָפּעראַציע, ברוך השם, און האַלט ביי געזונט צו ווערן. דאָס באַשע־פענישל [11] האָט אָנגעטאָן אַ גימנאַזיסטיש קאַשקעטל — זאָלסט אים זען, וואָלסטו געווען די כפרה! —

איך וואַרט אַצינד אויף גוטע נאָכריכטן פון מיין זוגתי און גרים פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע.

ממני בעלך שלום-עליכם.

7

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו באַציט זיך אויף דער אײַנלאַדונג, וואָס שלום־עליכם האָט דעמאָלט באַקומען פון שאול גינז־בורג, דעם רעדאַקטאָר פונם „פריינד“, ער זאָל ווערן אַ מיטאַרבעטער פון דער ניי־געגרינדעטער טאָג־צייטונג. ש. ע. איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: לויט אַ פונקט אין זיין קאָנטראַקט מיטן אַרויס־געבער פון דער „פאָלקסצייטונג“ (בן־אביגדור), האָט ער ניט געטאָרט שרייבן פאַר קיין אַנדער צייטונג. מיטן דאָזיקן פונקט האָט מען לכתחילה געמיינט נאָר דעם „יוד“, ווייל קיין אַנדער אידישע צייטונג אין רוסלאַנד איז דעמאָלט ניט געווען. איצט אָבער, אַז עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע טעגלאַכע צייטונג אין רוסלאַנד — שלום־עליכמס אידעאַל פון יאָרן־לאַנג —, וואָס האָט געזאָלט אײַנ־שלינגען די וועכנטלאַכע אויסגאַבעס (און האָט זיי טאַקע גלייך אײַנגעשלונגען), איז אויסגעקומען, אַז ש. ע. דאַרף, צוליב זיין אָפּמאַך מיט דער „פאָלקס־צייטונג“, בלייבן פון דרויסן. דערצו איז זיין געהאַלט אין דער „פאָלקסצייטונג“ געווען זייער קליין, און אים איז דעמאָלט אויסגעקומען צו לעבן אין גרויסער נויט. און דערויף קלאָגט ער זיך אין דעם בריוו פאַר ספעקטאָרן, וועלכער האָט אים אַריינ־געצויגן אין דער „פאָלקסצייטונג“.]

[קיעוו], 12־טן נאָוועמבער, 1902.

לזוגתי היקרה מרת ספעקטאָר שתחי'.

איך שיק דיר דאָ ביילגענד דאָס בריוול, וואָס איך האָב באַקומען פון גינזבורגן דעם רעדאַקטאָר (אַ קאָפּיע). איך האָב אים תיכף ומיד געענטפערט מיט אַ דעפּעש [12]: „איך בעט, צוליב געמיינזאַמע אינ־טערעסן, זיך אָפּהאַלטן פון צו פובליקירן מיין נאָמען אינם פראָספּעקט“ [13]. און איך פאַרהאָף, אַז דער גינזבורג איז אַ דזשענטלמאַן און וועט מסתמא פאָלגן און מיין נאָמען ניט אַרויסשטעלן. — אַצינד, זוגתי היקרה, זע וואָס דו האָסט מיר אָנגעאַרבעט פאַר אַ חתונה! מענטשן ווילד־פרעמדע גיבן 100 רובל אַ הודש סך־הכל פאַר פינף קורצע פעליעטאָנען אַ חודש, אָן שום תנאים, איך זאָל זיין געבונדן און פאַרבונדן און צוגעבונדן מיטן נאָפּל! אַז אָך און ווי איז אונז ביידן! מילא, דאָס פאַרבינדעניש איבערן „יודן“ פאַר־שטיי איך; עס וואָלט געווען אַן עוולה, איך זאָל שרייבן אי דאָ, אי דאָרט. אָבער אין אַ פעטערבורגער טאָגבלאַט — וואָס געהער זיך אָן? וואָאָבשטשע, דער תנאי, וואָס דו האָסט מיט מיר געמאַכט, זוגתי היקרה, פון ניט קוקן אויף קיין נקבה אין ערגעץ קיינמאָל ניט — איז דאָס אַזאַ באַרבאַרישער תנאי געווען, וואָס נאָר אַזעלכע צוויי טיפּשים, ווי מיר ביידע, און נאָר אין אַזעלכע ביטערע אומשטענדן, [אין וועלכע] איך בין געווען, איז מעגלאַך צו צולאָזן! אַזאַ מעשה איז ניט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט! אַזוי פאַרקויפן זיך — פאַרקויפט זיך ניט אפילו קיין דינסטמויד, קיין קנעכט, סיידן אַמאָל, פריער מיט אַ יאָר הונדערט אָדער ק"ן. נאָר סאיז פאַרפאַלן. איך וועל שוין זיין צוגעבונדן מיטן נאָפּל ביז דעמאָלט, ווען דו, זוגתי היקרה, וועסט מיר זאָגן: קום, בעלי היקר, מיר זיינען פריי, ד. ה. די בעלי־בתים האָבן אונז אָפּגעזאָגט. און אַזוי וועט דאָס געוויס, אם ירצה השם, זיין, וואָרים זיי וועלן ניט קאָנען מלחמה האַלטן מיט דעם נייעם גלית הפלשתי. מע וועט פאַרנעמען דאָרטן

[8] ש. ע. איז דעמאָלט אַרויסגעפאָרן אין עטלאַכע שטעט, אין די אינטערעסן פון דער „יוד. פאָלקסצייטונג“, און איז אויך געווען אין זשיטאָמיר. — [9] די דעמאָלטיקע זשיטאָמירער רוסישע צייטונג. — [10] „געננז“. — [11] אַזוי האָט שלום־עליכם גערופן זיין מיזיניקל נומאַ קליינוויין.

[12] אינם אָריגינאַל קומט די דעפּעש אין רוסיש. — [13] פונם „פריינד“.

די בעסטע ערטער אונזערע, אַזעלכע מענטשלאַך, וואָס מיר וועלן זיך דאַרפן צו זיי חלילה בוקן ביזן גאַרטל. דאָס איז די מאַטעריאַלישע זייט. היינט די מאָראַלישע! סטייטש, איך, שלום־עליכם, פרייַ פייגעלע, האָב פליגל, קאָן פליען און וויל פליען, קאָן זינגען און וויל זינגען, און דער גאַנצער עולם וויל הערן — מוז איך זיצן פונדערווייטנס אויף אַ בוים, קוקן אויף פרעמדע פייגלען, האָרכן פרעמדע לידער — און שווייגן, וויגן זיך שטילערהייט אויף אַן עלנט צווייגעלע, און האָרכן, האָרכן, האָרכן!... יאָ, זוגתי היקרה, אַז אַך און וויי איז אונז ביידן!... איך האָב זיי דערווייַלע געענטפערט מיט אַ בריוו אַחוץ, אַז בריוולאַך וועלן מיר מיט זיי צו גאָרנישט ניט דערריידן זיך, מע מוז פערזענלאַך זיך זען און שמועסן; געוויינטלאַך, האָב איך זיי געשריבן דיפּלאָמאַטיש. און בין איבערצייגט, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך צייט קומט מען צו מיר פון פּעטערבורג. אַלזאָ, זוגתי, זאָלסטו וויסן זייַן, אַז דער ערשטער תּנאַי מייַנער איז: אַז איך האָב אַ ווייַב ספּעקטאָר ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, וואָס איך קאָן זיך מיט איר נישט גטן פאַר קיין שום תּוספות כּתובה אין דער וועלט! איך קאָן אָן מייַן ווייַב ספּעקטאָר ביז הונדערט צוואַנציק יאָר זיך ניט רירן פונם אָרט און נישט שטעלן קיין פעדער, קיין אות אפילו. אַזוי וועל איך זיי זאָגן. און אַז זיי וועלן מיך פרעגן: וואָס און ווי אַזוי? וועל איך זיי זאָגן, אַז אינם „פריינד" וועל איך קאָנען שרייַבן נאָר דאָן, ווען מייַן ווייַב ספּעקטאָר ביז הונדערט צוואַנציק יאָר וועט זיצן אין פּעטערבורג און שטיין ביים אויוון פונם „פריינד", קיין אַנדערן קאָן איך ניט פאַרטרויען מייַן טייג, מייַן געבעקס מיט מייַנע מאכלים און פּאַטראַוועס. ווען געזאָלט מיר פאַר מייַן אַרבעט זאָלן זיי זיך מטריח זייַן אַליין צו איר, צו מייַן פּלונית מרת ספּעקטאָר שתּחי' ביז הונדערט צוואַנציק יאָר. און דיר, זוגתי היקרה, זאָג איך אָן, זאָלסט וויסן, אַז מיר זייַנען גוט אין דער ערד. די חבֿרה דייַנע[14] וועלן באַקומען זייער טאָגבלאַט דעמאָלט, ווען איך וועל פון דיר געלעגן ווערן. די מעשה מיטן בריוו, וואָס יענער שרייַבט אייך דאָרט, אַז ער האָט גערעדט מיטן מיניסטער[15], פּאַסט פאַר מייַן מנחם־מענדל — און דו, נאַרישע אידענע, אַ קלאָג צו דייַן פּנים, גלויבסט אין כּישוף!? נאָר איך ווייס, זוגתי, סאיז דיר ביטער און פינסטער, ביזט געבונדן און האָסט מיך צוגעבונדן און האָסט אונז ביידן פאַרבונדן, און מיר ליגן, ברוך השם, ביידע גאַנץ פייַן אין דער ערד, קיין עין־הרע, און באַקן בייגל!... דו פאַרשטייסט כאָטש, דו נאַרישע אידענע, ברענען זאָלן מייַנע שונאים, וואָס הייסט ביי מיר איצטיקע צייַט נאָך הונדערט קאַרבן אַ חודש (צו די 40, וואָס איך באַקום פון דאָרטן, לויט די חשבונות, וואָס מע רעכנט מיר אָפּ)?! נאָר איך האַלט זיך ביי מייַן זוגתים קליידל. וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון, אַז דו ביזט שוין אַזוי ווייט מעוברת, אָט־אָט דאַרפסטו איבערקומען געזונטערהייט, זאָלסט חלילה ניט מפּיל זייַן, אָדער האָבן אַ מאָן־קאַלב חס ושלום, אָדער אַזוי אַ פּאַרזעניש, סזאָל זיך ניט אויסלאָזן חלילה אַ טייַך...

פון מיר בעלך שלום־עליכם.

8

צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק

[פונם אָריגינאַל]

[די פריערדיקע בריוו שלום־עליכמס צו ראַווניצקין און ביאַליקן (דערהויפּט — צו ראַווניצקין, מיט וועמען ש. ע. איז נאָענט באַפרייַנט געוואָרן נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זייַן ליטעראַרישער טעטיקייט) זייַנען פאַרפּלאַצט געוואָרן אינם ניו־יאָרקער „טאָג". דאָ ווערן געבראַכט געקליבענע בריוו פון דער ווייטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ. — דער בריוו באַציט זיך אויף ביאַליקס ליד „מייַן גאָרטן", וואָס איז געדרוקט געווען דעמאָלט אינם „פריינד".]

קיעוו, 22־טן יאַנואַר, 1903.

אַ שיינעם גוטמאָרגן מייַנע שיינע ליבע פרייַנט רבניצקי און ביאַליק!

קודם כּל — מזל־טובֿ אייך, רבניצקי, מיט אייער קראָם[16]! מזל־טובֿ אייך, ביאַליק, מיט אייער „גאָרטן"! — איך בין באמת געווען אין גן־עדן, בשעת איך האָב געלייענט אייער „גאָרטן" (אין „פריינד"). מייַן טאָכטער האָט אפילו געלאַכט פון מיר, וואָס איך קוועל אַזוי — און האָט אָבער אַליין אויך ניט ווינציק געקוועלט. גוט־גוט, מחיה־נפשות, זאָג איך אייך. הערט איר, ביאַליק? גוט — און גענוג! — סאיז גוט! איך זאָג אייך, אַז סאיז גוט! איר הערט? איך זאָג אייך, דאָס זאָג איך אייך, אַז סאיז גוט! גוט, וואָס גוט הייסט! בקיצור — סאיז גוט!... גאַנץ גוט... אָבער טאַקע גוט... פּשוט גוט!

איך שיק אייך די אילוסטראַציעס צום „מעסערל"[17]. איר זאָלט אַזוי צייַט האָבן עסן, ווי איך האָב צייַט צו שרייַבן בריוולאַך! זייט געזונט און שרייַבט נאָך אַן אַזאַ מין „גאָרטן" — לאָזן זיי זען, די כּלבֿים, אַז מיר, זשאַרגאָניסטן, האָבן אויך אַ ביאַליק. זיי מיינען, אַז נאָר זיי האָבן; מיר האָבן אויך!... אַלזאָ, וואָס נאָך האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם „גאָרטן" (אין „פריינד"). אַי, אַ גאָרטן! נו, אַ גאָרטן! סאיז שוין איין מאָל אַ גאָרטן! צווישן גערטנער אַ גאָרטן! זינט גאָט האַנדלט מיט

[14] דער וואַרשעווער פאַרלאַג „תּושיה" מיט בן־אבֿיגדורן בראָש, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די „יוד. פאָלקסצייטונג" און געשטרעבט אַרויסצוגעבן אויך אַ טעגלאַכע צייטונג. — [15] וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַ טאָגצייטונג.

[16] אַ בוכהאַנדלונג, וואָס דער אַדרעסאַט האָט דעמאָלט געעפנט. — [17] אין העברייאישער איבערזעצונג, וואָס איז שפּעטער אַרויס דורך פאַרלאַג „מוריה".

גערטנער, האט ער נאך אזא גארטן ניט געזען אין חלום אפילו! אט דאס הייסט א גארטן — א. אט אזוי באדארף מען שרייבן אויף אידיש א גארטן, אז מע וויל באשרייבן א גארטן! הקיצור — סאיז שוין א גארטן!

און ווייטער (צו אייך, רבניצקי, דברט מען!), האט מיר ספעקטאר געשריבן, אז „תושיה" רעכנט אייך איבערגעבן מיין ביאגראפיע אנשרייבן צו „אלע ווערק פון שלום-עליכם"[18]. האב איך היינט ארויסגעשיקט ספעקטארן מיין אויטאביאגראפיע אינקורצן מיט א גאנץ צעטל פון אלע מיינע ארבעטן (אין רוסישן), וועט דאס אייך פיל פארגרינגערן די ארבעט, אם ירצה השם. — נו — ביאליק! נו — א גארטן! — גריסט פאיען[19]. איר בקשה מכח דעם קרוב — ממלא געוועז. לעת-עתה מעסט ער נאך די גאסן אין יעהופעץ[20]. מיט דער צייט וועט ער זיך מסתמא צו עפעס דערשלאגן; א ביסל העלפט ער מיר שרייבן[21]. נו, און ווייטער וואס נאך שרייבט מען אייך? א גארטן? א רוח אים אין טאטן אריין, ער האט דאס א ביסל אנידער־געלייגט א גארטענדל, אט דער ביאליק! שרייבט אמאל אויך א בריוול, איר זיינט ניט קליין, און טאקע ביאליק אויך. א גארט... זייט געזונט און גליקלאך... א גאר... פון מיר אייער בעסטער פריינט א גא... א ג... א...

שלום-עליכם.

9

צו מרדכי ספעקטאר

[פונם אריגינאל]

חול־המועד פסח תרס"ג, קיעוו.

גוט יום־טוב ספעקטאר, דער רוח זאל דיך נעמען!

זאלסט וויסן, וואס פאר א מתנה איך שיק דיר — ביזט דאס גארניט ווערט! א נייעם ראמאן, א לא „סטעמפעניו", נאר א סך קירצער, צעשלאגן אויף 18 קליינע קאפיטלאך, מיטן נאמען מאשקעלי גנב[22]. אפשר וועל איך דיר ארויסשיקן שבת נאר די ערשטע אכט קאפיטלאך, זאלסטו קיין יסורים ניט האבן. איך שווער ביי דער הייליקער מצה, אז דער ראמאן איז געענדיקט און איז שוין ביים איבערשרייבער. דינסטאג שיק איך דיר ארוים אויך די איבעריקע 10 קאפיטלאך, און וועסט שוין האבן מאטעריאל ביז שבועות, אם ירצה השם. איך מוז מיך מודה זיין פאר דיר, אז איך פיל מיך עפעס ווי ניי־געבארן, מיט נייע, שפאגל־נייע כוחות. כמעט קאן איך זאגן, אז איך הייב ערשטאן שרייבן. ביז אהער האב איך מיך נאר געמאכט נאריש, מעשה קונדעס. איך האב נאר מורא, טאמער חלילה גייען אוים די יארן... איך בין איצט מעוברת מיט אזויפיל מחשבות און בילדער, אז איך בין שטארקער פון אייזן, וואס איך ווער ניט צעשפרונגען — און אז אך און וויי איז מיר, איך באדארף גאר לויפן זוכן א קערבל! ברענען זאל די בערזע! ברענען זאל דאס קערבל! ברענען זאלן די אידן אויפן פייער, אז א אידישער שרייבער זאל ניט קאנען לעבן פון שרייבעריי אליין און זאל דארפן לויפן זוכן א קערבל! מע פרעגט מיך, די וואס קענען מיך און זעען מיך אלע טאג, ווען שרייב איך? כלעבן, אז איך ווייס אליין ניט ווען! אט אזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק, ביי יענעם אין קאבינעט, פארנדיק אויפן טראמוויי, און פונקט בשעת מע דולט מיר א קאפ מיט א וואלד, נישט־געהאקטן וואלד, א אימעניע א טייערע, א זאוואדל, — פונקט דעמאלט וואקסן־אוים די שענסטע בילדער און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מע קאן זיך ניט אפרייסן אויף קיין מינוט, אויף קיין רגע דאס אלצ־דינג ארויפצונעמען אויף פאפיר, — ברענען זאלן די געשעפטן! ברענען זאל די וועלט! און דא קומט דאס ווייב און רעדט מכח דירה־געלט, מכח שכר־לימוד אין גימנאזיע, און דער קצב איז א דזשענטלמאן — ער ווארט, און דער קרעמער איז א פארך — ער וויל ניט בארגן, און דער אדוואקאט סטראשעט מיט אפשרייבן די ביינקלאך (טיפש! ער ווייסט ניט, אז זיי זיינען שוין לאנג אפגעשריבן...), און די ציוניסטן מאכן א באל — זאל איך זיי לייענען, און מע קלייבט א נייעם ראבינער — בין איך שולדיק, און דאס קליינע אינגעלע זאגט „פאפא, דינגי!" — ער וויל זיך עפעס קויפן א נייטיקע זאך, מסתמא א פערדל — גיי זיי א בריה און גיב אים ניט! און ספעקטאר פון איין זייט שרייט: גוואלד, מאטעריאל! און „דער פריינד" קלאפט מיט דעפעשן: מאטעריאל! און אמעריקע שיקט־אפ דעם האנאראר פריער, קאן מען שוין ניט זיין קיין דבר־אחר און מע מוז שיקן אהינצו אויך, און „וואסכאד" איז עפעס אויך ניט קיין הונט, און מאקסים גארקים אויס־גאבע[23] איז דאך אודאי נייטיק... שא, מע קלינגט. מזל טוב, אדער א קרעדיטאר מיט א סטשאט[24], אדער א מעקלער מיט אן אפים[25] פון א אימעניע — ברענט אויפן פייער אלע, און דו, ספעקטאר, אויך בתוכם, ווארים למאי שרייבסטו מיר אזוי זעלטן און אזוי ווינציק?

דיין שלום-עליכם.

[18] „תושיה" האט דעמאלט ארויסגעגעבן „אלע ווערק פון שלום־עליכם" אין פיר בענד. — [19] פרוי פאלינקאווסקי, א פריינט פון שלום־עליכמס פאמיליע (אין די שפעטערדיקע יארן — פרוי ראווניצקי). — [20] קיעוו. — [21] געמיינט: איבערשרייבן מאנו־סקריפטן. — [22] געדרוקט אין דער „יוד. פאלקסצייטונג", נומערן 19 — 26.

[23] ש. ע. איז דעמאלט איינגעלאדן געווארן פון גארקין צוזא־מענשטעלן א זאמלבוך פון אידישע שרייבער, איבערגעזעצט אויף רוסיש, פארן פארלאג „זנאניע". ש. ע. האט זיך א סך אפגעגעבן דערמיט, נאר מחמת פארשיידענע סיבות איז די זאך בטל געווארן. — [24] א רעכענונג. — [25] א פלאן.

10

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאַל]

קיעוו, 11־טן אַפּריל, 1903.

זוגתי ספּעקטאָר!

קוים מיט צרות דערלעבט זען אַן אות! די ערשטע אכט־ניין קאַפּיטלאַך פון מיין נייעם ראָמאַן שוין ארויס־געשיקט, און שבת, ווי געוואונטשן, איז ער אין וואַרשע. למען השם, באַלד אָנהייבן אים דרוקן. מאָרגן — ניין, זונטאָג שיק איך אַרויס דעם סוף — די אַנדערע העלפט.

אויף שבועות איז ביי מיר פאַרטיק (אין מוח) אַ זאַך — אַ מין „בוג"[26], אַן אַנטיקל. גיט־אַרויס אַ „שבועות־נומער". — דער „בוג" האָט ממש מרעיש עולמות געווען. איך פאַרהאָף, אַז דער ראָמאַן „מאָש־קעלי גנב" וועט אויסנעמען, אַזוי ווי „סטעמפּעניו" אַמאָליקע יאָרן. איך האָב דעם דאָזיקן ראָמאַן פון די גנבים געקאָנט פאַרלייגערן אויף אַ סך נומערן — האָב איך רחמנות אויף „תושיהס" קעשענע; בעסער ווינציק און גוט, איידער אַ סך און וואַסערדיק. —

געפעלט דיר „באַשעפעניש"[27]? — די „לידלאַך" שיק[28]; בשעת איך עס, וועל איך זיי דורכקוקן און אויסבעסערן; למאי זאָל אַ איד ווי איך הנאה האָבן פונם עסן? —

איך שרייב אויך אַ קאָמעדיע[29], און אַ סעריע פעליעטאָנען, און צוויי־דריי דערציילונגען, און אַ ביסל „טיפּן און בילדער", און זיי געזונט. — — — .

— — — הכלל, עס טאָר קיין איינציקער נומער „פאָלקסצייטונג" ניט אַרויסגיין אָן

שלום־עליכמען.

11

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאַל]

[דער בריוו באַציט זיך אויף צוויי ענינים: 1) אויף דעם פערטן אַקט פון „צעזעיט און צעשפּרייט", מיט בייע פערסאָנאַזשן, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן נאָכדעם, ווי די ערשטע דריי אַקטן זיינען געווען געדרוקט אין דער „יודישער פאָלקסצייטונג" (דער דאָזיקער פערטער אַקט איז דערשינען אינם נומער 30 פון דער „יוד. פאָלקצייטונג", 1903, מיט אַ באַמערקונג פון ש. ע., אַז ער דאַרף גיין נאָכן צווייטן אַקט, און דער דריטער אַקט זאָל פאַררעכנט ווערן פאַרן פערטן; אין דער צווייטער אויפלאַגע פון „צעזעיט און צעשפּרייט" האָט ש. ע. אָבער דעם דאָזיקן נייעם אַקט אינגאַנצן אויסגעלאָזט). — 2) אויף אַ טעאַטראַלישער פאַרזעעניש, פאַלסיפיצירט פון שלום־עליכמס „מנחם־מענדל" דורך דעם טעאַטער־דירעקטאָר אַלטער פישזאָן און געשפּילט דורך אים, אונטער שלום־עליכמס נאָמען, אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד. — אין שלום־עליכמס אַרכיוו איז אָפּגעהיט געוואָרן אַן אַפיש פונם לאָדזער „גרויסן טעאַטער", וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דינסטאָג, דעם 29־טן אַפּריל, יאָר 1903, וועט אויפגעפירט ווערן „שרה־שיינדל פון יעהופּעץ און מנחם־מענדל פון מאַזעפּעווקע, אַ קאָמעדיע אין פיר אַקטן, אַכט בילדער, מיט געזאַנג, פאַרפאַסט פון ש. ראַבי־נאָוויטש (שלום־עליכם), איבערגעזעצט (!) פון אַ. פישזאָן". צווישן די פאַרשוינען פון דער דאָזי־קער „פּיעסע" וואַרפן זיך דורך נעמען, ווי „סעם", „זשאַק" (מנחם־מענדלס אַ ברודער!), און אַזש — „פישקע דער קרומער"! — קעגן דעם דאָזיקן וואַנדאַליזם האָט ש. ע. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער פּראָטעסטירט אין אַ בריוו צום „פריינד" („אַ פּאָר ווערטער וועגן אידישן טעאַטער", „דער פריינד" נומער 266, 1903).]

קיעוו, 7־טן יוני, 1903.

ברודער ספּעקטאָר!

— — — — — — — — — — — — —

היינט האָב איך אַרויסגעשיקט אַ ניים אויף אַדרעס „תושיה", און [איך] וויים, אַז דו וועסט אַ ביסל שפּרינגען און זיך שמיצן אין דער ערד, און מחמת עס וועט דיר ניט העלפן קיין שום רבונו־של־עולם, לכן זאָלסטו זיך פריער אַ ביסל אויסשמיצן און אויס־שפּרינגען, אויסטרינקען אַ גלאָז קאַלט וואַסער און טון אַזוי ווי איך הייס: אָפּדרוקן, און למען השם אָ פּ ד ר ו ק ן, דעם פערטן (דאָס הייסט, אייגנטלאַך, דעם דריטן) אַקט פון מיין קאָמעדיע „צעזעיט און צעשפּרייט". — איך האָב נישט אַזויפיל צייט איינצו־טענהן מיט דיר, אויף וויפיל ער איז נייטיק, ובפרט אַז מע שפּילט די קאָמעדיע (ליובּיטעלי[30]) אין פיל ערטער; נאָר איך זאָג דיר, אַז אָן דעם דריטן אַקט איז די קאָמעדיע עפּעס ניט דערערדט. מאַטוויי[31] קומט־אויס ניט גאַנץ, דאַווידקע[31] — אַ פאַרביילויפנ־דיקער פאַרשוין, אויסערדעם וואָס די סצענעס פון דעם אַקט זיינען עכט־פאָלקסטימלאַך (נאַראָדנאָ), און ווי אויבן, ביי די אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן, אַזוי אויך אונטן, ביי די קליינע מענטשעלאַך[32], איז צ ע ז ע י ט און צ ע ש פּ ר י י ט! — איך רעכן, אַז דו פאַר־שטייסט פּאָרט אַן עסק און וועסט ניט מאַכן קיין פוילע שטיק און ניט זאָגן מיר, אַז עס פּאַסט ניט, שוין שפּעט, וכדומה: מיר פּאַסט אַלצדינג — אָן אַ

[26] „ערב פּסח איבערן בוג", וואָס האָט זיך יענעם פּסח געדרוקט אין דער „יוד. פאָלקסצייטונג" (שפּעטער האָט ש. ע. די דערציילונג באַטיטלט „אויף פּסח אהיים"). דאָ מיינט שלום־עליכם זיין קינ־דער־דערציילונג „גרינס אויף שבועות". — [27] געדרוקט דעמאָלט אין „פריינד". — [28] ספּעקטאָר האָט געבעטן שלום־עליכמען, ער זאָל אים אויסהעלפן רעדאַקטירן לידער, וואָס ווערן צוגעשיקט אין דער „יוד. פאָלקסצייטונג". — [29] געמיינט, ווייזט אויס, דעם פערטן אַקט פון „צעזעיט און צעשפּרייט", וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ באַזונדערן איינאַקטער. — זע קומענדיקן בריוו.

[30] אַמאַטאָרן. — [31] פּערסאָנאַזשן פון „צעזעיט און צע־שפּרייט". — [32] דער פערטער אַקט קומט־פאָר אין אַן אָרימער סביבה.

שום תירוץ, למען השם, למען השם, לאָזן אָפּדרוקן, וואָרים טאָמער חלילה וועסטו זיך פּרווון מיר ענטפערן דערווייל, אַז ניין, וועל איך דאָך טעלעגראַפירן, אַז דווקא יאָ, — היינט למאי זאָלסטו מיר אויסברייננגען אומזיסטע הוצאות און פאַרצאַפּן מיר בלוט? טוסט מיר אַזוי אויך גענוג צום טויט! דו ביזט אין לאָדז און זעסט, אַז מע נעמט דיין שלום-עליכמען, עפּעס בעלי-עגלות, און קייען-איבער זיינע ווערטער אומברחמנות — און דו שוויגסט! דו שרייבסט מיר אפילו ניט, ווי איך האָב דיך בפירוש דריי מאָל געבעטן, וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָרט מיין אומגליקלאַכער מנחם-מענדל? אַז אָך און ווי איז דיר, אַז אפילו דעם נאָמען פון שיינה-שיינדלען ווייסט ניט דיין „אַרטיסט“ (!?!) פּישזאָן, און ער רופט זי „שרה-שיינדל“. ער האָט, ווי עס שיינט, אפילו ניט געלייענט קיין וואָרט פון מיר, נאָר געהערט, עפּעס אַ מנחם-מענדל איז פאַראַן ביי שלום-עליכמען, מיט עפּעס אַ שיינדל — שרה שיינדל, חיה שיינדל?! — איך האָב דיר מהאי טעמא געשריבן, ווייל איך האָב גערעכנט אַרויס אין „פאָלקסצייטונג“ מיט אַ פּראָטעסט קעגן אַזעלכע פּאַסקודסטוועס, וואָס ווערן אָפּגעטאָן דאָ אויפן אָרט (ניט אין אַמעריקע), דאָרט וואו דער מחבר לעבט — און מע פרעגט אים אפילו ניט! ווער איז דיין האָכבערג [33], וואָס רעקאָמענדירט מיר אַזוי דיין אַרטיסט? איך האָב אים אויך געוואָלט געבן אַ פּעטשאַטעק. נאָר איך האָב עס ניט געטאָן, ווייל ער זאָגט, אַז דו שטייסט ביי אים — איז ער דאָך פון דיינע לייט, האָב איך זיך איינגעהאַלטן! —

גוואַלד, וועסט אַמאָל שרייבן אַ בריוו, צי ניין?

דיין שלום-עליכם.

פּ. ס. — צו קאָראָלענקאָן, טשעכאָוון און נאָך קריסטן — געשריבן. — מאַטעריאַל וועט זיין פאַרן „הילף“ אַ גוזמא — פון קריסטן אַ סך שטאָף! [34] — —

12

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

קיעוו, 8־טן נאָוועמבער, 1903.

ברודער ספּעקטאָר!

ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט, שיק איך דיר דעם פעליעטאָן מיטן נאָמען

לאַטקעס של חנוכה —

אַ געשאַנק דיר פאַר דיין באמת גוטפריינטשאַפט צו מיר [35]. האָב קיין פאַראיבל ניט, ליבער „אמת“ [36], וואָס אַזאַ געמיינע מתנה. אפשר ווינציקלאַך באַפּוצט? סאיז געווען צו ווייניק צייט אויף צו אַרומשלייפן, ווי איך האָב ליב און ווי דער זיידע מענדעלי הייסט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פונם האַרצן, אַזוי האָב איך עס דיר אַוועקגעשיקט, קיין צייט געהאַט אפילו איבערשרייבן נאָך אַ מאָל — און היידאַ, מאַרש קיין וואַרשע!

אַ גוטן תמיד דיר!

שלום-עליכם.

פּ. ס. — גלייכער וואָלט זיין, זאָלסט ניט רייסן אויף צווייען און אָפּדרוקן אין איין נומער (אפשר אין דער לעצטער פונם יאָר?). צו קליין פאַר צוויי פעליעטאָנען און נישט גוט האַלבירן אַזאַ בילד — עס ווערט אַ סך פאַרפאַלן. —

13

צו מענדעלי מוכר-ספרים

[פונם אָריגינאַל]

קיעוו, 17־טן דעצעמבער, 1903.

אַ גוטמאָרגן, זיידע לעבן!

מזל-טוב מיט נאָך אַ קינד — „דער טאָג“ [37]! לאָז אים גאָט געבן אריכות-ימים, אויב די־נ־אַם וועט זיין אַ גוטע זייגערין און אויב די ניאַנקעס וועלן אים ניט קאַליע מאַכן, פאַרהאָדעוועז און איבערהאָדעוועז אים, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָר... אַ יושר איז, נאָך מיין מיינונג, אַז מע זאָל דעם „טאָג“ באַגעגענען פיין, מיט אַ ברייטן שלום-עליכם, ווי דעם „פריינד“. געזאָגט האָט מען מיר טאַקע, אַז איר האָט שוין צוגעזאָגט אַ מנה יפה פאַרן „טאָג“. דערויף געגרינדעט, האָב איך אויך אָפּגעשטעקט אים אַ שלום-עליכם, און האָב געזאָגט דעם אידן, ה' זאַבלודאָווסקי [38], וואָס וועט זיין ביי אייך די טעג (ער איז אַ גאַנץ לייטישער איד), אַז ער זאָל זיך נוהג זיין מיטן זיידן, ווי מיט אַ זיידן, און געדיינקען, אַז קיין סך זיידעס האָבן מיר ניט, סך-הכל אַרום און אַרום, פון אַלע צדדים, נאָר איין זיידן. לכן דאַרף מען אים אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונם אויג, און ניט שטעלן אין שטאַל צווישן די פערד און ניט אונטערוואַרפן אים קיין ביסל היי — ווייזן אַ ה"א אין סידור, וד"ל... „קנאת סופרים תרבה חכמה“ איז אַ גרויס וואָרט. הלואי זאָל גאָט געבן,

[33] ש. האָכבערג, שפּעטער דער אַרויסגעבער פון דער טעגלאַכער צייטונג „אונזער לעבן“. — [34] „תושיה“ האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך מיטן נאָמען „הילף“ לטובת די געליטענע פונם קישינעווער פּאָגראָם, און ש. ע. האָט פאַרן זאַמלבוך באַקומען די מיטווירקונג פון רוסישע שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך לעוו טאָלסטאָי, און האָט זייערע זאַכן אַליין איבערגעזעצט אויף אידיש.

[35] די דערציילונג „לאַטקעס של חנוכה“ האָט ש. ע. געווידמעט ספּעקטאָרן מיט אָט דעם נוסח: „אַ געטרייען חבר און אַן אמתן גוטן פריינט „אמת“ שיינקט אַ מתנה לכבוד חנוכה דער מחבר“. — [36] מ. ספּעקטאָרס פּסעוודאָנים פאַר פּובליציסטישע פעליעטאָנען. — [37] וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין פּעטערבורג דורך דעם רעדאַקטאָר פונם „המליץ“ לעאָן ראַבינאָוויטש. — [38] נח זאַבלודאָווסקי פון ביאַליסטאָק, דעמאָלט אַ פאַרשטייער פונם פּעטערבורגער „טאָג“.

אַלע יאָר- זאָל געבאָרן ווערן אַ פֿריינד, אַ טאָג, אַ וויזלטיר, אַ פּיפּערנאָטער — אַבי אין אידיש־זשאַרגאָן און אַבי סזאָל זיין לייטנגלייך, ניט אידישלאַך, ווי איר זאָגט. —

די „פֿאָלקסצייטונג" נעבאַך איז נפֿטר געוואָרן די טעג. תנצב"ה. דער רעדאַקטאָר פֿונם „טאָג", לעאָן ראַבינאָוויטש, וויל זיך שאַנעווען, ווערן אויס ר ב נ ב ץ, נאָר פּשוט ראַבינאָוויטש — לכן דאַרף מען אים אויפֿנעמען און זאָגן: מהכתיתי...

מיין קליינוואַרג האָט זיך געזען מיט אייער וועוורי׳קל סאַשקע [39]. קיין עין־הרע גוט געפּאַקט, זאָגן זיי, איז ער. זייט געזונט, זיידע, און שרייבט עפּעס אַ ביסל מער — וואו איר ווילט און וואָס איר ווילט, אַבי שרייבט!

אייער איבערגעגעבן אייניקל ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

14

צו מרדכי ספּעקטאָר

[פֿונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן ספּעקטאָרס אַ פֿעליע־טאָן, וואָס איז דעמאָלט געדרוקט געווען אינם פּעטער־בורגער „טאָג". דער פֿעליעטאָן איז געווען געשריבן אין דראַמאַטישער פֿאָרם, און די פּערסאָנאַזשן זיינען געווען לעבעדיקע מענטשן פֿון דער אידישער עפֿנט־לאַכקייט. — ספּעקטאָר אַליין, אַז ער האָט עטלאַכע יאָר פֿאַר זיין טויט איבערגעגעבן דעם דאָזיקן בריוו אין שלום־עליכמס אַרכיוו, האָט באַמערקט, אַז שלום־עליכם איז מיט זיין שאַרפֿער קריטיק אויפֿן פֿעליע־טאָן געווען אומגערעכט; דער וואַרשעווער עולם האָט דעם פֿעליעטאָן, פֿאַרקערט, שטאַרק געלויבט. — צום באַדויערן, איז דער פּעטערבורגער „טאָג" אַצינד אַ יקר־המציאות אפֿילו אין רוסלאַנד, און מיר קאָנען ניט אָנווייזן דעם נאָמען פֿון יענעם פֿעליעטאָן און דעם נומער פֿונם „טאָג", אין וועלכן ער איז געדרוקט געוואָרן.]

קיעוו, 2־טן פֿעברואַר, 1904.

ברודער ספּעקטאָר!

איך וואָלט דיר ניט געשריבן קיין בריוו. אַזוי האָב איך מיר פֿאָרגענומען, לכל הפּחות, אַ האַלב יאָר דיר קיין וואָרט ניט שרייבן, פֿאַר דיין שיינעם אוועק־פֿאָרן פֿון דאַנען מיט דיין שטילשווייגעניש פֿינף־זעקס וואָכן כסדר. נאָר צוויי זאַכן, צוויי פֿאַקטן האָבן זיך געטראָפֿן, וואָס שרייבן מ ו ז איך דיר. איך בין דערצו געצוואונגען.

1) — — — — — — — — — — — — .

2) אַ וויסטער, אַ פֿינסטערער, אַ בייזער, אַ מוראַ־דיקער, אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ!

איך שמועס פֿון דיין משוגענער, משונה־אומגעלומ־פּערטער טראַגעדיע, וואָס אינם „טאָג"! דו מיינסט איך לאַך, און [איך] רייד גאָר דווקא ערנסט: האָסט גענומען און האָסט זיך אויסגעשמירט מחילה מיט — — — דאָס גאַנצע פּנים, האָסט אָנגעטאָן אויף זיך אַ וויכעט מיט אַ פּאַפּירענעם קאָלפּאַק פֿון אַ פּורימשפּילער, ווי אַ מין מאָנדריש מיט די גלעקלאַך, און ביזט אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שפּיץ דאַך פֿון דער כתרילעווקער באָד — — — און דאָס הייסט ספּעקטאָר האָט באַוויזן אַ קונץ, אַ מין סאַטיריקע — אײַנגעזונקען זאָלסטו ניט ווערן! איך ווייס ניט, וואָס דיר איז געווען: אָדער דו האָסט געגעבן אַ לעק יענעם טאָג פֿונם ביטערן טראָפּן, ד. ה. ביזט געווען בגילופֿין? אָדער דו ביזט גלאַט אַראָפּ אויף אַ פּאָר שעה פֿונם זינען? סאיז אַ חרפּה אַ בושה פֿאַר לייטן! סטייטש, ספּעקטאָר, דער ספּעקטאָר פֿונם „ראָמאַן אָן אַ נאָמען", פֿון מעזשיבוזש, פֿון די „אידישע טעכטער", פֿון „ב אַ - ש י י נ ט ד י ח ת ו נ ה" (דאָס לעצטע איז דאָך טאַקע אַ צימעסל!) — דער אייגענער ספּעקטאָר גייט און פֿאַרקלעפּוצעט אַזאַ מין קוואַשע פֿון ציבעלע מיט אייערשאָלאַכץ, מיט קאַצנקויט און מיט געוועשאַכץ פֿון קינדערשע ווינדעלאַך — און סע הייסט הומאָר! סאַטירע! ווי קומסטו דערצו, דו בהמה בצורת פּערד!? דאָס איז ניט דיינס! דאָס דאַרף זיין יאַ — — — ס! ווען סע שטייט ניט „אמת", מיין איך, אַז דאָס האָט דער „טאָג" עמיצן אַריינגעצימבלט אין „טאָג" אַריין, אַ נייעם מאַרשעלאָק, וואָס שטעלט זיך אַנידער מייקענען קיין עין־הרע אַזויפֿיל, אַז מע קאָן חלשן! שווער מיר, ברודער, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע מאָל! זאָלסט האָבן אַ שטיקל קלעפּקע, וואָלסטו באַדאַרפֿט אַוועקשרייבן צו די אַלע פּערסאָ־נאַזשן בריוולאַך און בעטן ביי זיי טויזנט מאָל מחילה און שווערן זיי בהן צדק, אַז דו ביזט יענעם טאָג געווען נישט בהאי עלמא. אָנרירן לעבעדיקע פּערזענ־לאַכקייטן באַדאַרף מען ק אָ נ ע ן און וויסן ו ו ע ן און ו ו א ו און ו ו ע מ ע ן. האָסט מיר פֿאַרשוואַרצט, ברודער, דאָס פּנים. איך האָב דאָ אין קיעוו געזאָגט אַלעמען, אַז כאָטש סע שטייט „אמת", נאָר סאיז ניט ספּעקטאָר, סאיז איינער אַ נייער מיט אַ נאָמען אַ מ י ת י ן. אַצינד, אַז דו האָסט שוין באַקומען דאָס דייניקע, נעם זשע, זיי מוחל, צי־אַרויף די תחתונימלאַך, טו אַ קוש די רוט און זאָג: „אוי רבינו! רבינו! סוועט שוין מער אַזוי ניט זיין!" — און זיי מיר צוריק דער ספּעקטאָר פֿון די יום־טוב־דערציילונגען, פֿון די עכט־אידישע אידן און טעכטער און פֿון די חתונות מיט די אָרימע מאָלצייטן, דאָרט וואו דו ביזט דו, — וועסטו זיין מיינער. אַניט, ליג אין דער ערד (חלילה) און באַק בייגל.

דיינער צו אַלדי שוואַרצע יאָר אויף אייביק

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

[39] מענדעלים אַז אייניקל.

15

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאל]

קיעוו, 4־5־טן פעברואר, 1904.

ברודער ספעקטאר!

נו, ווי אזוי פילסטו זיך נאך דער באד, וואס דו האסט געכאפט פון מיר פאר דיין חנדל, וואס דו האסט ארויסגעווארפן אינם „טאג“, מיט דיין וויסטער טראגישער טראגעדיע? איך מיין, אז דו וועסט שוין פארזאגן קינדס־קינדער נישט קריכן אויף די ווענט, און סוף־כל־סוף זאגן מיר א דאנק. די ערשטע צייט וועסטו זיך אביסל איבערקאכן, איבערקאכן, איבער־קאכן, און נאכדעם וועסטו ארויסנעמען דעם „טאג“, איבערלייענען די קאמעדיע דיינע, זיך געבן שיינע צוויי פעטש אין ביידע באקן (פוכקע באקן ביי דיר, דער רוח זאל דיך נעמען — סאמע גוט אויף צו פאטשן!) און זאגן: פארוואס האב איך, בהמה, נישט א פרעג געטאן ביי מיין שלום־עליכמען, צי זאל איך שיקן אזא מין „באשעפעניש“ אין דער רעדאקציע — עס מעג זיין אפילו אין „טאג“! — נו, בקיצור, אן עק — אוים טראגעדיע. לאמיר ריידן פון עפעס פריי־לאכערס.

זע, ברענען זאלסטו, ווי דו ארבעטסט זיך אן שאדן — און אויך מיר — דערמיט וואס דו ביזט א פויליאק, א לעזשניק, און שרייבסט מיר ניט צו דער צייט קיין בריוו! איך האב געלייענט דעם „פריינד“ נומער 27 — און סאיז מיר פינסטער געווארן אין די אויגן! איך האב פון דעם פאקט ארויסגעזען א סך, א סך מער, ווי דו מיינסט: אוי־ווי, מע וויל אונז, ברודער, קירצן; מע וויל אונז צאלן פארן „טאג“ [40]. מע האט דיר דעם נאמען פון דיינע „שטעט און שטעט־לאך“ [41] איבערגעמאכט אויף ליטוויש. מיר גלויבט זיך ניט, אז ספעקטאר זאל שרייבן פון אידישן לעבן. ספעקטאר זאל שוין אליין וועלן איבערמאכן זיינע „שטעט און שטעטלאך“, וואלט ער געשטעלט אדער אן אנדער נאמען, אדער, אויב אזוי, וואלט ער געשריבן: פונם אידישן לעבן. היינט דאס קורצקייט! גוואלד, וואס טוט זיך דא?! אויך פון מיינער א קארעספאנ־דענציע, וואס איז געוועזן ניט קיין קארעספאנדענציע, נאר א פעליעטאן (געחתמעט „א בעל־מלאכה“ [42]), האבן זיי אראפגעכאפט דעם קאפ, אפגעשניטן די הענט מיט די פיס און איבערגעלאזט נאר א בייכל מיט א פיפיק מיט עפעס נאך — און גיי טו זיי עפעס! דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבן כמעט האט מען מ י ר ־ געמאכט אזא מין אפעראציע, א ן מ י י ן ו ו י ס ן! איך האב, מאל דיר, גענוג געשריגן, געקאוויטשעט ווי א דבר־אחר — האט מען מיר אפילו ניט געענטפערט! איך האב כמעט א חודש ניט געשריבן, ווי דו ווייסט, אין „פריינד“ — איצט שרייב איך ווייטער, ווי דו וועסט אינגיכן מסתמא זען. —

און דער „טאג“ — יענער טאנצט גאר ווי א מאדנע בחור אויף דער חתונה, שפרינגט האץ־האץ — טאמער ווייסטו וואס! קיין רעדאקטאר איז, אפנים, דארט נישטא און סע וועט ניט זיין, אהין א בריוו — איז פונקט ווי אויף יענער וועלט צו דער באבען! סאיז שלעכט, ברודער, ביטער ווי גאל! היינט די שפראך! די ליטוואקעס, גוואלד, זיינען ערגער פון די יאפא־נער [43]! זיי האבן זיך גענומען אויף אונזער „בידנעם“ זשארגאן, ווילן אים דערגיין די יארן! — און דארט אין אדעם האט מען געשמועסט עפעס פון א „צייט“ [44] — און דאס וואלט געווען א ישועה פאר אונזער ארימען זשארגאן — גייסטו, פויליאק איינער, און מאכסט דאס אוועק מיט דער האנט און קומסט־אפ מיט צוויי ווערטער: ניטא קיין „צייט“ אין אדעם! — ווייסט דיך דער גוטער יאר: ביזט דאך נאך ניט אלט קיין זעכציקער, וואס ביזטו געווארן אזוי לעפיש, אזוי אפאטיש, משונה שלעפעריק. איך, אז איך וועל אמאל זיין אזוי ווי דו אצינד, איז סיידן נאר דעמאלט, ווען איך וועל אדער האבן א סך געלט, אדער בשעת איך וועל האלטן ביים געזעגענען זיך מיט דער נארישער וועלט. ריר זיך, ברודער! שטיי־אויף, ספעקטאר! שטיי־אויף, נו!

דיין ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

16

צו י. ח. ראווניצקי

[פונם אריגינאל]

קיעוו, ערב ראש־השנה ה'תרס"ה.

[29־טן אויגוסט, 1904.]

מיין נאריש ליטעראריש בארבאריש עגאאיסטל!

איך שיק אייך דורך א באנדעראל (זאקאזנאיע [45]) דעם „רב מיט דער רביצין“ [46]. האט קיין פאראיבל ניט, וואס א ביסל פריער פאר דער צייט. גערעדט האבן מיר אויף ערב סוכות, און איצט האבן מיר ערשט ערב ראש־השנה. וואס זאל איך טון, אז כהאב געהאט כמעט א וואך א פרייע, דער עולם האט זיך געקליבן פון דער דאטשע, און איך האב בדרך הליכה דערווייל ארייגעכאפט א פאר פעליעטאנטשיקעס:

[40] שלום־עליכם און ספעקטאר האבן געשריבן גלייכצייטיק אי פארן „פריינד“, אי פארן „טאג“ — פון וואס די ארויסגעבער פונם „פריינד“ זיינען ניט געווען צופרידן. — [41] מ. ספעקטארס א באשטענדיקער פעליעטאן אין פארשיידענע אידישע צייטונגען, אין פארלויף פון א סך יארן. — [42] אונטערן פסעוודאנים „א בעל־מלאכה“ האט שלום־עליכם געשריבן אינם „פריינד“ קארעס־פאנדענציעס פון קיעוו.

[43] אין יענער צייט איז פארגעקומען די רוסיש־יאפאנישע מלחמה. — [44] געמיינט א טאגצייטונג אונטער דעם נאמען. — [45] רעגיסטרירט. — [46] א קינדער־פיעסע, שפעטער דערשינען אונטערן נאמען „הרב והרבנית“. — דער אידישער אריגינאל פון דער פיעסע איז פארפאלן געווארן.

אַ „ווייסע כּפּרה“ אויף ערב יום־כּפּור („פריינד“), און „דוד מלך ישראל“ אויף סוכּות („פריינד“, „עקספּרעס“, „טאָגעבלאַט“), און עפּעס פאַרן „הצופה“ („שמחת־תּורה“). דערווייל האָט מיר געפּיקט אין קאָפּ: סטייטש, מיין ענגאַאיסטל איז בּילכער פון אַלעמען — און האָבּ גענומען און האָבּ דאָס אָנגעשריבּן. פאַרשטייט זיך, אַז סאיז נאָר אַן אָנהייבּ, ד. ה. נאָר אַ גוף פון אַ קאָמעדיע. זייט זיך נאָר מטריח טאָקע אַליין מיט אייער עלטער און טראָגט דאָס אַריבּער אויף דער הייליקער שפּראַך און שיקט דאָס מיר צו (ריין, אויף איין זייט, אויף אַ האַלבּ פּאַפּיר געשריבּן), וועל איך עס אַ בּיסל בּאַזאַלצן און בּאַפּעפערן — וועט דאָס, אם ירצה השם, זיין אַ סחורה פאַר קינדער, ווי געוואונטשן. און דערווייל גריסט קאָרשט דער גאַנצער חבֿרה גאָר פריינטלאַך, און אַלין [47], למען השם, ניט פאַרגעסן אָנדרייען [48], ער זאָל גיין מחילה אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס מאַנוסקריפּטל, און מיר בּאַלד תּשובֿה נאָכן איבּערלייענען אויף אַדרעס דובּנאָוו קיין ווילנע [49]. — — — —. וואָס זאָגט איר אויף „האָדל טבֿיהס“ נאָכן איבּערלייטערן [50]? — איך שרייבּ אַ נייע זאַך. ווינטשעוועט מיר!

אַז איר וועט זיין בּיים זיידן, גיט אים איבּער אַ לשנה טובֿה פון מיר זייער אַ וואַרימען!

אייער אַלדד [51], וואָס מע רופט אים
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

17

צו דעמזעלבּן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בּריוו און די ווייטערדיקע פון 1904—1905 געהערן צום פּעריאָד, ווען ש. ע. איז אַרומגעפאָרן איבּער די גרעסערע אידישע צענטערס פון רוסלאַנד, מיטן צוועק צו גרינדן אַ אידישע טאָגצייטונג אין ווילנע אָדער אין אַדעס, און טיילווייז אויך אויף פאָרלעזונגען.]

סט. פּעטערבּורג, 10־טן סעפּטעמבּער, 1904.
ערב סוכּות תּרס"ה.

בּרודער מידד!

איך האָבּ אייך ניט געשריבּן פון „דער ווילנע“ [52], ווייל איך בּין געווען טאָג ווי נאַכט אין דער אַרבּעט:

[47] ראַוונים צקיס זון. — [48] געמיינט: אַנדרייען ווי אַ מאַשין, ער זאָל זיך בּאַוועגן: דאָס דאָזיקע ווערטל שלום־עליכמס האָט צירקולירט אין ראַווניצקיס הויז בּנוגע זיין זון. — [49] ש. ע. איז דעמאָלט געפאָרן קיין ווילנע, האָבּנדיק אַ האָפענונג צו עפענען דאָרט אַ טעגלאַכע אידישע צייטונג. — [50] „האָדל“ האָט זיך יענע טעג געדרוקט אינם „פריינד“. — [51] אונטערן פּסעוודאָנים „אַלדד ומידד“ האָבּן שלום־עליכם און י. ח. ראַווניצקי מיט יאָרן צוריק געשריבּן בּשותּפות אין „המליץ“ קריטישע פעליעטאָנען, בּאַטיטלט „מכתּבֿים מאַלדד אל מידד“, דערבּיי איז שלום־עליכם געווען פאַררעכנט ווי „אַלדד“, און ראַווניצקי — ווי „מידד“. — [52] ש. ע. האָט גערופן ווילנע — „ד י ווילנע“, אויפן שטייגער ווי מע זאָגט: „ד י ליטע“.

איך בּין אויסגעווען אַלע מייזנלעכער. איך האָבּ מיך אָנגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם, מיט דעם אמתן אידישן גלות — אין צען יאָר וואָלט איך ניט געזען בּיי אונז דאָס, וואָס איך האָבּ געזען דאָרטן אין צען טאָג. — אַ שטיקל הקדמה צו די „בּילדער פון דער ווילנע“ [53] האָט איר שוין מסתּמא בּאַגעגנט אין „פריינד“, נומער 207 („דער [יום־טובֿדיקער] צימעס“). אַ שיינע מעשה האָט פּאַסירט מיט דעם „צימעס“. געווען איז דאָס נעכטן פאַרנאַכט שוין; מע האָט שוין געהאַלטן בּיי חתימת הגליון [54], רופט זיך אָן צו מיר גינזבּורג [55]: „ניטאָ קיין יום־טובֿ־פעליעטאָן אויף די ערשטע טעג סוכּות! אַנו, פּאַני שלום־עליכם, פאַרקאַטשעט די אַרבּל, בּאַווייזט אַ בּריהשאַפט, איר האָט אַ שעה צייט“. — האָט גענומען שלום־עליכם, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבּל, אָפּגעזעסן אַ שעה — און סאיז אַרויס אַ „צימעס“. שאַדע, וואָס נאָר אַ שעה. איך וואָלט בּאַדאַרפט האָבּן כאָטש נאָך אַ האַלבּע שעה, וואָלט ער אַרויס אַ בּיסל גרעסער און אפשר בּאַטעמטער. — אָט אַזוי שרייבּן די „אחשתּרנים“ [56] פעליעטאָנען!

מיטן „ווינטשפינגערל“ [57] האָבּ איך זיי, געוויינטלאַך, געמאַכט אַ שטיקל קדחת, און בּין געוואָרע געוואָרן אַ מעשה; איך דערצייל אייך זי בּסוד, ווי גינזבּורג האָט מיר איבּערגעגעבּן: מע האָט „דאָס ווינטשפינגערל“ געמוזט געבּן איבּערשרייבּן, ווייל דער זיידע זאָל מאריך ימים זיין איז אַ בּיסל אַ קאַפּריזנער זיידע — ער וויל ניט שרייבּן אויף איין זייט. נו, שטעלט אייך פאָר אַ א י ד י ש ע רעדאַקציע — האָט דער איבּערשרייבּער מחילה פאַרשטעקט ערגעץ אַ גאַנץ קאַפּיטל, און ערשט ערבֿ יום־טובֿ האָט זיך עס, בּרוך השם, געפונען, און איצט וועט עס שוין, זאָגן זיי, גיין. אַ שטיקל נס, וואָס זיי האָבּן נישט געגעבּן דר. לוריאַן, דר. הורוויצן [58], אָדער גלאַט אַ דאָקטאָר אָדער אַ דאַנטיסט, ער זאָל אַליין צוזעצן אַ פּאָר קאַפּיטלאַך צו מענדעלי מוכר־ספרימס „ווינטשפינגערל“. זאָגט „גם זו לטובֿה“ און בּענטשט גומל. — — — —. געווען בּיי פרוגן. כמעט נישט דערקענט אים: אַ גוי, אַ גוי גמור מיט אַ גויע [59]... — פון דער שטאָט פּיטערבּאָרג איז מנחם־מענדל גאָר מטושטש. אַ שטעטל, בּרענען זאָל דאָס אויפן פייער! אַי, מאָווערן! אַי, אַ טומל! — די ערשטע טעג בּין איך בּיים אַרויסגעבּער, און די אַנדערע טעג בּיים רעדאַקטאָר [60]. דערפון לערנט מען אָפּעט.

[53] די דאָזיקע בּילדער זיינען, ווייזט אויס, געווען בּיי שלום־עליכמען אין דער מחשבה; ער האָט זיי אָבּער ניט אָנגעשריבּן. — [54] בּיים שליסן דעם ערבֿ־סוכּותדיקן נומער פונם „פריינד“. — [55] דער רעדאַקטאָר פונם „פריינד“. — [56] אַזוי האָט מענדעלי מוכר־ספרים גערופן שלום־עליכמען פאַר זיין פלינקייט. — [57] מענדעלים ווערק, פון וועלכן דער ערשטער טייל האָט זיך געדרוקט מיט יאָרן צוריק אין שלום־עליכמס „פאָלקס־בּיבּליאָטעק“, און דער צווייטער טייל איז דעמאָלט צוגעשיקט געוואָרן צום „פריינד“, נאָר מחמת אַ סיבּה האָט זיך דאָס דרוקן זיינס דאָרטן פאַרשפּעטיקט; ש. ע. דערקלערט דאָ די סיבּה. — [58] יוסף לוריאַ און ח. ד. הורוויץ, מיטאַרבּעטער פון „פריינד“. — [59] די פרוי פון ש. פרוג איז געווען אַ פּראַוואָסלאַווע. — [60] פונם „פריינד“.

אַז איך בין אויף גאַנץ סוכות אַ היגער, אַ פּייטער־בּאַרגער, און מיין אַדרעס געפינט איר אויבן. שרייבּט זשע מיר און לאָזט גריסן:

דעם זיידן.

מאַנישן מיט פאַיען[61].

אלין מיט אַדין[62].

בן־ציונען מיט בן־עמין[63].

און אויך דעם גאַנצן איבעריקן עולם, סאַי אידן, סאַי ליטוואַקעס. און שרייבּט מיר בּאַלד תשובה און שיקט מיר צו די „ספּורים ומעשיות" [64].

אַייער אלדד, דאָס הייסט
שלום־עליכם.

ב———. וואו איז ביאַליק?

18

צו דעמזועלבּן

[פונם אָריגינאַל]

סט. פּעטערבּורג, 1־טן אָקטאָבּער, 1904.

אָחי מידד!

איך בּין נאָך, ווי איר זעט, אַלץ אין פּעטערבּורג. וויפיל וועל איך נאָך דאָ פאַרבּריינגען — ווייס איך ניט. וואָס איר פרעגט זיך נאָך אויף יענעם מקום[65] — קאָן איך אייך נאָר זאָגן בקיצור: פּע, מע דאַרף אַנטלויפן, סע שטינקט! סאיז פול מיט שקר. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט חניפה און מיט טיפּשות. די „כאַליאַסטרע" איז אַ כאַליאַסטרע. למשל, ווען אַזאַ מענטשל ווי איר אפילו כאַפּט זיך אַהער אַריין, איז אויבּ איר מאַכט ניט בּאַציִיטנס קיין ויברח, איז מוזט איר ווערן אַ טיפּש, אַ שקרן און אַ חונף און שמעקן מיט בּטלן. אַזאַ מין ספּערע איז עס. אַן ערנסט וואָרט ריידן איז ניטאָ מיט וועמען. איינער איז אַ קולאַק, דער אַנדערער אַ טינופת, דער דריטער אַ מלמד, דער פערטער אַ משרת פון אַ ווינטמיל, דער פינפטער אַ קליין וועוריקל, דער זעקסטער אַ טיפּש, כאַטש בּראָק אים אין קרויט — — —. און אַלע זיינען שקרנים, חנפים, בּטלנים, פּוסטע קאַלטע בּרואים, אָן אַ טראָפּן לעבּן. זיצן זיץ איך ניט בּיי זיי און ניט צוליבּ זיי. נאָר איך קאָן אייך, ליידער, נאָך גאָרניט מודיע זיין. איין זאַך איז שוין בּטל געוואָרן[66]. די אַנדערע זאַך הייגנט. אולי ירחם! שוין צייט!... — — — —. גריסט גאַנץ קעקעלע־קהל.

אַייער אלדד, אָדער שלום־עליכם,
וואָס גריסט אַלין, געוויינטלאַך, בּאַזונדער און ג"פ.

[61] די פאַלינקאַוסקים, שלום־עליכמס אָדעסער פריינט. — [62] דער ערשטער — ראַווניצקים זון, דער צווייטער — פאַלינקאַווסקים. — [63] די שריפטשטעלער ש. בן־ציון און מ. בן־עמי. — [64] שלום־עליכמס אַ בּיכל דערציילונגען אין העבּרייאישער איבּערזעצונג. — [65] דאָ רעדט זיך וועגן אַ געוויסער רעדאַקציע פון אַ אידישער צייטונג אין פּעטערבּורג. — [66] דאָ רעדט זיך וועגן דער גרינדונג פון אַ מעגלאַכער אידישער צייטונג, צוליבּ וואָס ש. ע. איז געקומען קיין פּעטערבּורג.

19

צו דעמזועלבּן

[פונם אָריגינאַל]

סט. פּעטערבּורג, 5־טן דעצעמבּער, 1904.

אָחי מידד! בּרודער רבניצקי!

דריי חדשים האָבּ איך מיך אָפּגעוואַלגערט אין דעם ווייסטן פּעטערבּורג. פאַרשרפהט זאָל דאָס ווערן! נאָר איך האָבּ אויסגעפירט מיינס. היינו: איך האָבּ אָוועקגעקויפט בּיים „איש יהודי"[67] דעם „טאָג" פאַר אַ קאַפּיטאַליסט הורוויטש (און אפשר מיט אַ קאָמפּאַניע) און אַריבּערגעפירט אים קיין ווילנע. דער אַרויסגעבּער איז לעוונער[68]. דער הויפּט־רעדאַקטאָר איז שלום־עליכם. דער נאָענטסטער מיטאַרבּעטער וועט זיין ספּעקטאָר. נאָר מע רעכנט נאָך אַ רעדאַקטאָר אַ פּובּליציסט און אַ לייטישן מענטשן. האָבּ איך אַרויסגעשטעלט אַייער קאַנדידאַטור, און דער אַרויסגעבּער איז מסכים דערצו. בּאַשטימט האָבּ איך פאַר אַייך, בּתנאי איר זאָלט געהערן נאָר צו אונז און טאַקע זיין מיט מיר אין ווילנע, 200 רובּל אַ חודש. דאָס געשעפט איז ראַיעל, געלט איז פאַראַן, און דער „איש יהודי" וועט האָבּן אַ דעה אומעטום: אין בּאָד, להבדיל אין בּית־המדרש, אויך אין מאַרק, נאָר ניט אינם בּלאַט... פאַרלאָזט זיך אויף שלום־עליכמען, ער ווייסט וואָס ער האָט צו טון! — לכן, בּרודער, זאָלט איר מיר בּאַלד שרייבּן און, געוויינטלאַך, אויפריכטיק, ווי צו אַ גוטן פריינט, אַייער מיינונג. מיר דאַרפן דאָס וויסן. איך האָבּ געוואָרנט די אַרויסגעבּער, אַז קוים וועל איך שרייבּן צו רבניצקין, ער זאָל קומען — קומט ער, און אָן מיר קומט רבניצקי ניט. לכן דאַרפט איר האַלטן די פּאָן ווי עס געהער צו זיין. אַז איר וועט בּאַקומען פון מיר אַ דעפּעש: **קומט צו פאָרן קיין ווילנע. עליכם**[69] — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז פון מיר און אַז סאיז אַלץ אין בּעסטער אָרדענונג, אפילו מיט די הוצאות. און טאָמער האָט איר סתם אַ דעפּעש פון דער רעדאַקציע וכדומה, זאָלט איר ענטפערן בּזה הלשון: **איך קאָן קומען נאָר אויפן פאָרשלאָג פון שלום־עליכמען**[69]. סאיז נייטיק צום רומל. מיר דאַרפן זיין „לבשר אחד"! בּסוד זאָג איך אַייך, אַז סאיז שוין אונטערגעשריבּן פונם גענעראַל־גובּערנאַטאָר פּרעזע און מיניסטער סוו. מיר[70]. נאָר אָפיציעל וועט דאָס זיין אין דער טעלעגראַפן־אַגענטור מיטוואָך־דאָנערשטאָג. שבּת־צו־נאַכטס פאָרן מיר אַלע (אם ירצה השם) קיין ווילנע, און אַהין וועל איך אַייך אַרויסרופן. איך פאָר־אַריבּער דורכאויס קיין ווילנע און האָבּ שטאַרק חשק אויך אַייך אַהינצו —

[67] לעאָן ראַבּינאָוויטש. — [68] דער העבּרייאישער שרייבּער י. בּ. לעוונער. — [69] אינם אָריגינאַל קומט די פּראָזע אין רוסיש. — [70] פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, דעמאָלט אינערן־מיניסטער פון רוסלאַנד. — דאָ רעדט זיך וועגן דער דערלויבּעניש איבּערצופירן דעם „טאָג" פון פּעטערבּורג קיין ווילנע; די דערלויבּעניש איז אָבּער ניט געגעבּן געוואָרן און דער גאַנצער ענין איז בּטל געוואָרן.

וועט זיין דער חדר שלם. און קומען דאַרפט [איר] באַלה, בכדי מיר זאָלן אַלע קאָנען אויסאַרבעטן דעם פּראָספּעקט מיטן פּראָגראַם. — לעת־עתה האַלטס מויל!

אייערער אינגאַנצן שלום־עליכם.

20

צו דעמזועלבן

[פונם אַריגינאַל]

סט. פּעטערבורג, 7־טן דעצעמבער, 1904:

אָחי מידד!

כהאָב פאַרגעסן אין יענעם בריוו אייך צוזעצן נאָך אַ פּאָר ווערטער. אַזוי ווי דער „השלוח“ גייט דאָך אונטער, און אונזער טייערער ביאַליק בלייבט אָן אַ שטאָך אַרבעט — אפשר וואָלט ער מרוצה זיין אײַנ־איינעם מיט אונז צו זיצן אין איין מחיצה, ביי איין טיש? נישקשה, מיט שלום־עליכמען מעג אים אָנשטיין! צי אפשר וועט ער זאָגן מיט דער שפּראַך פון יותמען [21]: „החדלתי את מתקי ואת תנובתי הטובה והלכתי לנוע על העצים?!“... — אויב ער וועט אַזוי זאָגן, איז אַ מצוה, אַז דער „אָטד“ זאָל זיך צעפלאַקערן און ענטפערן אייך אַלעמען: „תצא אש מן האָטד ותאכל את אַרזי הלבנון!“... פאַר ביאַליקן זיצן מיט אונז אין ווילנע און האָבן אַ 150 רובל אַ חודש און אַ רובל 50 פונם „הזמן“ — כלעבן, גאָר ניט אַזוי ביטער. — שרייבט.

שלום־עליכם.

פּ. ס. — איך וויל, פאַרשטייט, צונויפשטעלן אַ חדר, סזאָל זיין עפּ!

21

צו די פרישמאַנס

[פונם אַריגינאַל]

[דער בריוו, געשריבן אין וואַרשע, איז געשיקט געוואָרן פון ספּעקטאָרס וואוינונג אין דער וואוינונג פון די פרישמאַנס, ביי וועמען שלום־עליכם איז דעמאָלט איינגעשטאַנען אַלץ גאַסט.]

מיינע ליבע פריינט און טייערע בעלי־בתים!

איך בעט ביי אייך טויזנט מאָל מחילה, איך בין דאָ ביי ספּעקטאָרן. ער האָט געבראַכט פון פּעטערבורג אַזויפיל נייס, אַז הלואי ער זאָל פאַרטיק ווערן איבער־מאָרגן! בתוך כך האָט זיין ווייב מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז זי קאָכט רעטשענע וואַרעניקעס — איר הערט? ר ע ט ש ע נ ע !!!! הקיצור, איך בין פאַר־בליבן דאָ אויף מיטאָג, און ער בעט, ספּעקטאָר הייסט עס, אַז איר, פרישמאַן הייסט עס, זאָלט זיך אויך מטריח זיין, צו ספּעקטאָרן הייסט עס; ער, ספּעקטאָר הייסט עס, האָט צו איבערגעבן אייך, פרישמאַנען הייסט עס, אַ סך נייס פון דער רעדאַקציע, פונם „הזמן“ הייסט עס. — איך בעט נאָך אַ מאָל פאַרצייאונג און ווינטש אַ גוטן אַפּעטיט מיט אַלדאָס גוטס, אָמן.

שלום־עליכם.

וואַרשע, 6 פעוור. 05, 2 אַזייגער.

[צו דעם בריוול קומט אַ צושריפט פון מ. ספּעק־טאָר:

„אַזוי ווי איך בין זייער פאַרשלאָפן, קאָן איך היינט ביי אַייך ניט זיין, און אויב אַייך אינטערע־סירט, באַמיט זיך צו מיר, איך האָב פאַר אַייך פיל גרוסן און נייס.

אַייער ספּעקטאָר“.]



שלום־עליכם אין פּעטערבורג, דעצעמבער **1904**.

22

צו דוד פרישמאַן

[פונם אַריגינאַל]

[אין דעם בריוו און אין דעם קומענדיקן רעדט זיך וועגן „צעזעיט און צעשפּרייט“, וואָס איז דעמאָלט אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע, אין אַ פּוילישער איבערזעצונג פון מאַרק אַרנשטיין („מאַרעק“).]

קיעוו, 8־טן אַפּריל, 1905.

צו ד. פרישמאַן, וואַרשע.

די טעג, ווי עס שרייבט מיר ה' מאַרעק, ווערט אויפגעפירט אויף דער בינע אין עליזעאום־טעאַטער

[21] פון שופטים, קאַפּיטל ט.

מיין „צעזעיט און צעשפּרייט“, בילדער פונם אידישן לעבן, אין דער פּוילישער שפּראַך. די דירעקציע, זאָגט ער, מאַרעק הייסט עס, האָט חשק אַרויסצורופן מיך אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג. אויב איך וועל זיין — ווייס איך ניט. וויל איך, יעדנפאַלס, אַז איר זאָלט זיין און זאָלט עס זען און מיר נאָכדעם מיטטיילן אייער מיינונג און דעם איינדרוק, וואָס סהאָט געמאַכט אויף איך און אויפן פּובליקום. איך שרייב אויך צום ה׳ מאַרעק (דעם איבערזעצער), ער זאָל אייך שאַפן אַ לאָזשע פאַר אייער פרוי (די פרוי פרישמאַן) און פאַר אייך. —

אייערער, וואָס פאַרשטייט
אייך מער פון אַ סך אַנדערע,
שלום־עליכם.

פּ. ס. — נאָר־וואָס האָט מען מיר געבראַכט דעם „הזמן“ כשר לפסח, און באַלד לייען איך די „קליינע מלוכה“ פון ד. פרישמאַן.

23

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

קיעוו, 11־טן אַפּריל, 1905.

ליבער פריינט פרישמאַן!

היינט, און פּונקט איצט אין דער דאָזיקער שעה, שפּילט מען מיך דאָרטן אין וואַרשע פאַר גויים אויף גויאיש, און איך האָב נישט די זכיה אפילו אויף גויאיש זיך זען און הערן!

נאָך איין ביטערער טראָפּן אינם גרויסן ים פון צרות פון אַ אידישן שרייבער[72].

געלייענט אייער „קליינע מלוכה“. וואָס קאָן איך אייך זאָגן? ווי לאַנג שמייסט מען דאָס אידישע פאָלק, ווי לאַנג עס וועט נאָך ניט פאַרשטיין און שעצן אַזאַ זאַך. ווי לאַנג שמייסט מען אונזערע אידן, ווי לאַנג זיי זיינען נאָך ניט ווערט, מע זאָל פאַר זיי אויס־ברייגנען אַזויפיל מאַרך. זיי דאַרפן „לאָקשן“ (תרתי משמע), וואָס זיינען געשריבן אַנטיעסטעטיש, און וואָס מער פּאַסקודסטווע איז בעסער, און וואָס מער פלאַטשיק איז טיף, און וואָס מער עם־האַרציש איז שכלדיק און קונציק. נישט ווערט, נישט ווערט אונזער פּובליקום אַזעלכע זאַכן.

און דאָך האָבן עס אַ סך אידן, מיין איך, צעקייט און פאַרשטאַנען.

— — — — — — — — — — — —

אייער שלום־עליכם.

איך וואַרט אויף אייער בריוו וועגן ספּעקטאַקל. בין איך כאָטש ניט גראָב אַריבערגעפאַלן? שאַדע,

[72] ש. ע. האָט דעמאָלט פּשוט ניט געהאַט אויף הוצאות־הדרך קיין וואַרשע.

דער איבערזעצער האָט ניט געהאַט פאַר זיך דעם נייעם אויסגעבעסערטן וואַריאַנט! — שרייבט בריוואַלאַך. וואָס אַרט אייך, אַז איר וועט שרייבן?

24

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

ליבוי, 26־טן אַפּריל, 1905.

ידידי פרישמני!

פונם ממזר יצחק הבכין[73] האָב איך באַקומען היינט אַ דעפּעש, אַז דער אָוונט איז שוין דערלויבט אויף שבת־צו־נאַכטס, 30 אַפּריל[74]. היינט פאָר איך קיין ווילנע, און פון דאָרטן קיין לאָדז וויאַ וואַרשע. נאָר איך פאָר שוין גלייך אויפן וואָקזאַל: איך האָב מורא פאַרשפּעטיקן. אַז מע ברויט זיך אָפּ אויפן קאַלטן, בלאָזט מען אויפן הייסן — און אפשר פאַרקערט[75]...

שלום־עליכם.

פון מאַרעק האָב איך באַקומען 50 רובל אין חלום[76]... — איך אַגיטיר דאָ פאַר אונזער „בעל־מחשבות“, מע זאָל אים אויסקלייבן פאַר ראַבינער אין ליבוי. איך האָב אים געשריבן קיין קאָוונע. שרייבט אים קיין אויסלאַנד. העלפט מיר צום שידוך. איך וויל, ער זאָל דאָ זיין ראַבינער, און ער וועט זיין. פאַרשרייבט דאָס! ער האָט דאָ 2100 רובל געהאַלט, מיט אַ דירה, מיט עלעקטריע, מיט הייצונג, 5 צימער. אַ רואיקע שטאָט פון לויטער קעלבער, קורלענדער בהמות, פערד, טיפּשים גמורים!

25

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו געהערט צו דער צייט, ווען ש. ע. האָט מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער טעגלאַכער צייטונג „דער וועג“.]

וואַרשע, 4־טן יולי, 1905.

אָחי מידד!

היינט־מאָרגן וועט איר הערן אַ נייס פון שלום־עליכמען און וועט זיך האַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. —

פאָרלויפיק דאַרף איך אייך זאָגן, אַז דער „וועג“ גייט ניט אויפן גלייכן וועג. עפּעס פלאָנטעט ער מיר מיט די רגלים. דער אָדון הרעדאַקטאָר איז, געוויינ־לאַך, וועדליג אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשאַרגאָנישער צייטונג — — —. און דער קאַפּיטאַליסט „איפּפּאָ“[77]

[73] דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. — [74] עס רעדט זיך וועגן שלום־עליכמס אַ פאָרלעזונג אין לאָדז. — [75] זע בריוו 27 אין דער פריערדיקער רובריק „אין זיין אייגענער רעפּובליק“. — [76] פאַר דער אויפפירונג פון „צעזעיט און צעשפּרייט“. — [77] דער אַרויסגעבער פונם „וועג“.

(נישקשה, איר קאָנט צושטעלן נאָך אַ פּ"א!) איז אַ מין לעווי [78], אַ שטיק משוגענער, נאָר דערפאַר האָט ער אַ מעלה: ער האָט קיין געלט ניט! דאָס הייסט, האָבן האָט ער, נאָר אין הייזער מיט היפּאָטעקן, אי דאָס — זיינען די הייזער פאַרזעצט און די היפּאָטעקן פאַרמשכונט, און אַליין איז ער אַ בעל־חוב — בקיצור, סאיז ניטאָ קיין געלט! — היינט האָט מען צונויפגעשטעלט אַ רעדאַקציע — ננו! שוין איין מאָל אַ רעדאַקציע: איקס־מיקס־דריקס, גאָלע מאָדערן, על־פּי כללי הרעקאַדאַנס: מילא, „בעל־מחשבות" איז כאָטש אַ קלוגער בחור. ווייטער גייט — — — —, און עפּעס אַ אינגל, וואָס שרייבט מיר איבער מיינע כתבים, און איינער אַ קריסט וועט איבערזעצן פון פּויליש אויף רוסיש, און אַ איד וועט אים שוין איבערזעצן אויף אידיש. און פּרץ יצחק לייביש וועט שרייבן אַ ל ע ט אָ ג (אַנטלויפט, אידן, וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט!). בקיצור, סאיז שוין איין מאָל אַ צייטונג! — — — —.

אויב סאיז אמת, אַז אייער אַדעסער צייטונג וואַקסט פון בץ כץ [79] — זאָלט איר אויסשפּייען דריי מאָל — — — — און זאָגט דעם גרויסן „רבונו־של־עולם". — ביאַליקן גריסט. דעם ציידן היט, ער זאָל ניט קריכן אין „וועג" אַריין ביז דער ממזר וועט ניט ווייזן די מטבע — און דווקא 300, ווי איר האָט פאַרלאַנגט. און אַליין זאָלט איר אויך ניט זיין קיין מלמד, און שרייבט מיר באַלד תשובה.

ממני פון מיר שלום־עליכם.

26

צו דר. מאָרים פישבערג

[פונם אָריגינאַל]

[דר. מאָרים פישבערג — אַ באַקאַנטער מעדיקער אין ניו־יאָרק און אַ פּראָפעסאָר פון אַנטראָפּאָלאָגישע אַרבעטן אויף ענגליש. — מיט אים איז טיילווייז געווען פאַרבונדן שלום־עליכמס אָפּפאָר פון רוסלאַנד נאָך די פּאָגראָמען און זיין ערשטע נסיעה קיין אַמעריקע. דר. פישבערג, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף אַ באַזוך אין וואַרשע און האָט זיך דאָרט באַקענט מיט שלום־עליכמען, האָט אויף זיך גענומען צו באַוואָרענען אין די ניו־יאָרקער אידישע טעאַטערס שלום־עליכמס פּיעסעס. ש. ע., קומענדיק אַהיים קיין קיעוו, האָט אים גלייך אַרויסגעשיקט קיין ניו־יאָרק צוויי פּיעסעס: „מאיר שאַלאַנט" (באַאַרבעט פון „צעזעיט און צעשפּרייט") און אַ דראַמאַטיזאַציע פון „סטעמפּעניו". אין דעמזעלבן האַרבסט זיינען אויסגעבראָכן די אָקטאָבער־פּאָגראָמען, און ש. ע., וואָס האָט איבערגעלעבט מיט זיין פאַמיליע די שרעקן פונם קיעווער פּאָגראָם, איז געווען אַזוי דערשיטערט פון די געשעענישן, אַז ביי אים איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. און ווייל ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ גרויסער מאַטעריעלער נויט, האָט ער זיך געווענדט צו דר. פישבערג, ער זאָל אים פאַרשאַפן אין דער ניו־יאָרקער אידישער פּרעסע און אין די אידישע טעאַטערס די מיטלען אויף אַרויסצופאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. צו דעם צוועק האָט ער אים צוגעשיקט אַ דריטע פּיעסע: „דער לעצטער קרבן" (געבויט אויף די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד) און אויך אַ סעריע „פּאָגראָם־בילדער" אין דער פאָרם פון בריוו (42), אין וועלכע ער האָט באַשריבן גענוי די גרויליקע פאַקטן פון די פּאָגראָמען, לויט דעם, וואָס ער אַליין האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פון די געליטענע פּערזאָנען, און אויך לויט די באַשרייבונגען פון די רוסישע צייטונגען (אין די דאָזיקע „פּאָגראָם־בילדער", געשריבן אין אַ נערוועזן אויפגערעגטן טאָן, פילט זיך דאָך שלום־עליכמס שאַרפע איראָניע און, צייטנווייז, אפילו זיין הומאָר). די פּיעסעס איז דר. פישבערגן ניט געלונגען צו באַזאָרגן, דערפאַר איז אים לייכט אָנגעקומען צו פאַרקויפן די „פּאָגראָם־בילדער" דעם ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט", וועלכעס איז גלייך אַרויסגעקומען פאַרן פּובליקום מיט אָט דער באַקאַנטמאַכונג (אַרויסגענומען פון „די אידישע גאַזעטן", 1־טן דעצעמבער, 1905):

„שלום־עליכם בעשרייבט פאַר אונז דיא פּאָגראָמען.

„דיעזע צייטונג האָט צוריק מיט 2 וואָכען בעשטעלט פּער קיבעל דעם גרויסען ליטעראַט ער זאָל בעשרייבען די פּאָגראָמען. מיטוואָך האָבען מיר איהם געקייבעלט 600 רובל. יעצט האָבען מיר ערהאַלטען זיין ערשטען בריעף.

„מיר ברענגען איהם אין אַמעריקאַ.

„אונזערע לעזער און די פריינדע פון דעם שריפטשטעלער שלום עליכם, וועט פרעהען צו וויסען, אַז אין דער צייט ווען זיי לעזען דעם ריהרענדעם בריעף פון דעם ליטעראַט אויף דיעזען קאָלום ווערט אין קיעוו געגעבען 600 דאָלאַר צו הערר'ן שלום־עליכם און זיין פאַמיליע, וואָס מיר האָבען צו איהם געשיקט דורך אַ קייבעל דעפּעשע.

„ווען דר. מאורים פישבערג האָט צוריק מיט פונפצעהן טעג ערהאַלטען אַ קייבעל פון הערר שלום־עליכם, אַז ער איז אין קיעוו, האָבען מיר גלייך דורך דר. פישבערג צוריק געקייבעלט צום ליטעראַט ער זאָל בעשרייבען דעם פּאָגראָם אין קיעוו און די אַנדערע פּאָגראָמען פיר דיעזער צייטונג און מיר וועלען איהם גוט בעצאָהלען.

„ווען דר. פישבערג האָט פאָרגעסטערן ערהאַלטען דעם בריעף אין וועלכען הערר שלום־עליכם בעט מען זאָל איהם ברינגען אין אַמעריקאַ (און דעם בריעף האָט ער געשיקט אוידער ער האָט ערהאַלטען אונזער אָרדער פּער קייבעל צו זיין אונזער קאָרעספּאָנדענט), האָט דיעזע צייטונג זאָפאָרט גענומען מאַכען די אַראַנזשמענטס צו שיקען צו איהם געלד פּער קייבעל און אַיינאָרדנען ווי איהם מיט זיין פאַמיליע צו ברינגען. די גוטע מענשען פון אידישען מאָרגען זשורנאַל האָבען פון דעם ניט געוואוסט און וועלענדיג

[78] געמיינט דעם אַרויסגעבער פונם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", פון די אַכציקער יאָרן. — [79] „באַץ קאַץ" — אַזוי האָט ש. ע. בדרך ליצנות גערופן דעם רעדאַקטאָר פונם „הזמן" בן־ציון כ"ץ, וואָס האָט דעמאָלט געשמט פאַר אַ ספּעציאַליסט אויף צו באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג דערלויבענישן אויף אידישע צייטונגען — כאָטש דאָס פלעגט אים ניט אַלע מאָל געלינגען.

העלפען דעם ליטעראַט, האָבען זיי געמאַכט איין אויפרוף פיר אַ סובסקריפשען. דיא סובסקריפשען איז אָבער באַלד געסטאָפּט געוואָרען, ווייל שלום-עליכם דאַרף קיין נדבה. דאָס אידישע טאַגעבלאַט האָט איהם באַלד פער קיובעל אָפּגעשיקט 600 רובל און אויב ער וויל נאָך אַלץ קומען אין אַמעריקאַ, וועלען מיר איהם און זיין פאַמיליע ברינגען, אָהן די הילפע פון איין עפענטליכע סובסקריפּשען.

„היינטע פריה האָט די פּאָסט אונז געבראַכט די ערסטע בריעף פון די פּאָגראָמען, וואָס הערר „שלום עליכם" האָט געשריעבען אַזוי שנעל ווי ער האָט ערהאַלטען די קיובעל פון אונז. ער שרייבּט אונז אַז זיין ערסטען בריעף האָט ער געשריעבען אין צו גרויסען האַסט און מיט צו גרויסער אויפרעגונג, דאַרום קומען מעהר פאַקטען אין די נעקסטע בריעף.

„היער איז דער ערסטער בריעף".

די בריוו וועגן די פּאָגראָמען האָבן זיך געדרוקט אין „טאַגעבלאַט" רעגלמעסיק, איינער נאָכן אַנדערן, פון דעם 1-טן ביזן 42-טן, און שלום-עליכם אַליין, כאָטש „ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט קומען קיין אַמעריקע", האָט ער אָבער ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן: פון די אַבאָנסירטע 600 רובל (אָדער דאָלער) האָט ער דערווייל בסך-הכל באַקומען נאָר 300 רובל, און מיט אַזאַ סומע איז שווער געווען צו מאַכן אַ רייזע קיין אַמעריקע מיט אַ גרויסער פאַמיליע. ש. ע. האָט אָבער ניט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג, אַז „אַמעריקע" וועט די הבטחה מקיים זיין, דערצו איז ער געווען זיכער, אַז דאָס האָנאָראַר פון די 42 בריוו אַליין וועט אים שוין קלעקן אויף צו מאַכן די רייזע קיין אַמעריקע. און אַז מע האָט דעמאָלט אין דער רוסישער פרעסע אָנגעהויבן ריידן פון אַ צווייטן גענעראַל-סטרייק, וואָס וועט דויערן גאַנצע פערציק טעג, און אין קיעוו איז געוואָרן אַ פּאַניק, מע האָט געוואַרט אויף אַ נייעם פּאָגראָם, און ווער עס האָט נאָר געקאָנט איז געלאָפן מיט ווייב און קינד קיין אויסלאַנד, — האָט שלום-עליכם אין צוויי טעג צייט אויספאַרקויפט פאַר אַ שיבוש זיין גאַנצע בעל-הבתישקייט, אַנטליען ביי אַ גוטן פריינט אויף רייזע-קאָסטן און מיט דער גאַנצער פאַמיליע זיך געראַטעוועט איבער דער גרענעץ קיין בראָד. פון בראָד האָט ער דעפּעשירט צו דר. פישבערג, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע און ער וואַרט אויף געלט; נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען. ערשט שפּעטער האָט ער באַקומען פונם „טאַגעבלאַט" דאָס רעשט פונם האָנאָראַר פאַר די 42 בריוו — נאָך 300 רובל, און אַזוי ווי דאָס האָט נאָך אַלץ ניט געקלעקט אויף צו עמיגרירן מיט אַ פאַמיליע קיין אַמעריקע, האָט ער שוין געמוזט דערווייל פאַרבלייבן אין גאַליציע. — פון דעם היבשן בינטל בריוו צו דר. פישבערג, אין וועלכן עס רעדט זיך פון די אויבנפאַרצייכנטע פאַקטן, ווערט דאָ געגעבן נאָר אַ קליינער טייל. אין דעם ערשטן בריוו ווערט גערעדט פאַרשטעלט פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד נאָך דער מלחמה מיט יאַפּאָניע: דער „חזן" איז דער צאַר, די „גבאים" — מיניסטאָרן, „שמשים" — קאָזאַקן, „קאַרטאָפליעס" — באָמבעס, א. אַ. וו. — אין דער צייט, וואָס ש. ע. האָט זיך געטראָפן מיטן דר. פיש-בערג אין וואַרשע, זיינען דאָרט פאָרגעקומען רעוואָ-לוציאָנערע אויסבראָכן.]

קיעוו, 13-טן סעפּטעמבער, 1905.

ליבער דר. מ. פישבערג!

זיינט איר געקומען אַהיים אַ לעבעדיקער...? געדיינקט איר מיך נאָך? געדיינקט איר נאָך, וואָס איר האָט מיר פאַרשפּראָכן אין וואַרשע ביי מר. סאָקאָלאָוו [80]? איך האָב פאַרטיק צוויי דראַמען פאַר דער ניו-יאָרקער סצענע, אין 4 און אין 5 אַקטן. די פינפ-אַקטיקע איז מיט מוזיק און פאָלקסלידער [81] — — — —. קאָנט איר ריידן מיט מר. טאָמאַשעווסקי (פּיפּלס טעאַטער) אָדער מר. אַדלער דזשאַקאָב? — — — —. אויף דער אינוויינוויקסטער זייט פונם בריוו וועט איר געפינען נייס פון דער „היים". ביטע אַנטוואָרט שנעל.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

נ י י ס פ ו ן ד ע ר „ה י י ם":

דאַנקען השם יתברך, ה י י נ ט לעבט מען נאָך. פאַר מאָרגן זיינען מיר נישט גאַראַנטירט. די מלחמה האָט זיך געענדיקט, נאָר נישט דאָ... דאָ שלאָגט מען זיך נאָך פאַר „שלישי" און פאַר „מפטיר" אויף טויט. און דער עיקר — מע וויל ניט דעם חזן. אפשר קאָנט איר צושיקן אַ פונט קעראָסין פון דאָרטן? גיך וועלן מיר אייך בעטן אויך אַ קוילעטש ליפערן אַהער. ש אַ ד ע, וואָס איר זיינט נ י ט י ע צ ט אין דער שטאָט, וואו מיר האָבן זיך באַקענט: איר וואָלט שוין געווען מיט איין קאָפּ נידעריקער. די רעכטע פעטש אין בית-המדרש וועלן ערשט זיין, אַז דער עולם וועט זיך צונויפקומען ראש-השנה צו „שחרית"... „מוסף" וועט מען נישט דערלעבן... ווייטער פון „המלך" וועט מען נישט גיין... די גבאים דערווייל טוען זיך זייערס: זיי דינגען שמשים מיט גוטע בעזימער, לאָזן נישט ריידן אַ וואָרט, לאָזן נישט אויסהיינגען אַ מודעה אויף דער וואַנט. אַ בעל-הבית האָט ביי אונז היינט קיין שום ווערט נישט. אינגאַנצן זיינען די גבאים מיט די שמשים. זיי ווילן דווקא דעם אַלטן חזן, כאָטש גיב זיי אַ קריינק! גבאי ראשון זיצט אינדערהיים, האָט מורא אַרויסצוגיין: שקצים וואַרפן קאַרטאָפליעס. בקיצור, סאיז פריילאַך אין שטעטל! — קומען אַהער נאָך אַ מאָל היים איך אייך נישט. זיצט שוין איבער דאָרטן דאָס שטיקל צייט. אַז סוועט ווערן אַ ביסל דאַסיקער, וועט מען אַייך מודיע זיין.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

27

צו דעמזעלבן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

קיעוו, 8-טן אָקטאָבער, 1905.

פילגעערטער דאָקטאָר!

מיין ערשטע דראַמע „סטעמפעניו", אָדער „דער אידישער פּאַגאַניני" [82], האָט איר, אָן צווייפל, שוין

[80] נחום סאָקאָלאָוו. — [81] עס רעדט זיך וועגן „סטעמפעניו". — [82] אין אַ באַזונדערן בריוו צום אַדרעסאַט האָט ש. ע. געשריבן, אַז מע זאָל אויסקלייבן א י י נ ע ם פון די צוויי נעמען.

באַקומען און איבערגעגעבן לויט אייער שקול־הדעת. אַצינד שיק איך אייך אַ צווייטע דראַמע (אַ דריי־אַקטיקע קאָמעדיע) מיטן נאָמען „מאיר שאַלאַנט“. איך בין אייך אויך מודיע, אַז איך אַרבעט איצט אויף אַ נייער דראַמע, וואָס איר אַפּאָטעאָז וועט זיין איינע פֿון יענע טראַגיקאָמישע סצענעס, וועלכע איר האָט צוגעזען זייענדיק אין וואַרשע.

איך וואַרט מיט פֿאַרשטענדלאַכן אומגעדולד אויף אייערע בריוו.

אינגאַנצן איבערגעגעבן אייך,
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פּ. ס. — איך דאַרף אייך זאָגן אַפּריער, אַז בנוגע ד ע ר פּיעסע וועט אייך מסתמא אויסקומען אויסצושטיין אַ קאַמף, דערפֿאַר וואָס זי פֿאַרמאָגט ניט קיין עפֿעקטן. נאָר איך וועל זיך קיינמאָל ניט דערלויבן נאָכצוגעבן דעם אַמעריקאַנישן געשמאַק און פֿאַרבויגן די געזעצן פֿון דער קונסט. זאָלן זיי רעפּעטירן אויך אָט די פּיעסע. אין איר איז פֿאַראַן מער אמת פֿון לעבן, איידער אין דער פֿריערדיקער, הגם אויך ווייניקער פּאָעזיע, ווי אין „סטעמפּעניו“.

ה נ " ל.

28

צו דעמזעלבן

[פֿונם אָריגינאַל]

קיעוו, האָטעל „אימפּעריאַל“, 25.
24־טן אָקטאָבער, 1905.

ליבער טייערער דאָקטאָר פֿישבערג!

אייער בריוו האָט מען מיר געבראַכט אַהער, וואו מיר ליגן דאָ אַ סך פֿאַמיליעס, אויך איך מיט מיין ווייב און קינדער, אונטער אייזערנע קוילן, וואָס מע שיסט איבער אונזערע קעפּ, בכדי מיר זאָלן זיין הילפֿלאָז, גענצלאַך פֿאַראַליזירט. צו באַשרייבן אייך וואָס מע האָט מיט אונז געטאָן — איז אַן אַרבעט אויף אַ סך נעכט. אין צוויי ווערטער וועל איך אייך נאָר זאָגן, אַז דעם 17־טן האָט מען אונז „געשיינקט“ די קאָנסטיטוציע, פֿאַר וועלכער אונזערע ברידער האָבן געגאָסן בלוט אַזוי ווי וואַסער, און דעמזעלבן טאָג, זייגער זעקס פֿאַרנאַכט, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מע הייסט שלאָגן אידן — און מע האָט זיך גענומען זיי שלאָגן פֿון אַלע זייטן! קודם כל האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ באַפֿויל, אַז מע זאָל ניט שיסן פֿון די פֿענסטער און ניט וואַרפֿן קיין שטיינער, ובאם מע וועט דאָס טון, וועלן די סאָלדאַטן שיסן צוריק, חרוב מאַכן די הייזער. דערזען סאָלדאַטן אויף דער גאַס מיט קאָזאַקלאַך, האָבן מיר זיך מחיה געווען: זיי וועלן אונז מסתמא העלפֿן. און זיי האָבן טאַקע געהאָלפֿן, נאָר נ י ט א ו נ ז; זיי האָבן געהאָלפֿן ראַבעווען, שלאָגן, גזלנען, גנבהנען. פֿאַר אונזערע אויגן און פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן זיי געהאָלפֿן צעשלאָגן פֿענסטער, טירן, שלעסער, און לייגן אין די קעשענעס. פֿאַר די אויגן פֿון אונזערע קינדער האָבן זיי געהרגעט־געשלאָגן אידן, ווייבער און קינדער און געשריגן: געלט! גיט־אָפּ אייער געלט! פֿאַר אונזערע אויגן זיינען געפֿלויגן ווייבער פֿון די פֿענסטער, קינדער אויף דער שטראַססע...

ניין! מיין האַנט ציטערט, די פּען פֿאָלגט ניט — איך קאָן מער ניט שרייבן! איך שיק אייך דאָ אַ בלאַט, וואָס איז אַ הונדערט־חלק פֿון דעם, וואָס מיר לעבן דאָ איבער. און דאָס איז אייך נאָר אַ מוסטער פֿון קיעוו. היינט שטעלט אייך פֿאָר, וואָס טוט זיך אין די איבעריקע הונדערטער אידישע שטעט און שטעטלאַך. צו טייער וועט אונז קאָסטן אונזער פֿרייהייט! און גאָט ווייסט, אויב מיר וועלן דאָס נאָך גאָר דערלעבן. דאָס שווערד שאַרפֿט זיך נאָך, דעם קאַנטשיק וויל פֿאָניע ניט אַרויסלאָזן — ביטער! גוואַלד, ברודער, רעטעט! רעטעט דעם אידישן פֿאָלקס־דיכטער, טאָמער וועט ער קאָנען מיטן לעבן אַרויס פֿון געפֿאַר כאָטש אויף איין האַלב יאָר, ביז דער אוראַגאַן וועט דורכגיין און עס וועט אויפֿגיין די שיינע ליכטיקע זון פֿון פֿרייהייט! טוט, העלפֿט, שלאָגן זיך לאָזט מען אונז ניט. פֿאַר איין לעבן פֿון אַ שיכור, וואָס מיר לייגן־אַוועק בשעת ער קריכט צו אונזערע ווייב און קינדער, גיבן מיר אַוועק 100 אומשולדיקע נפֿשות! האָב איך איצטער מיטל, אַזוי לאָז איך מיך אַוועק מיט מיין פֿאַמיליע קיין אַמעריקע און זיך־איבער די בייזע צייט. — פֿאַרניכטעט, רואינירט בין איך מיט מיין גאַנצן פֿאָלק צוזאַמען, אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפֿן, ווי איך האָב אייך היינט טעלעגראַפֿירט! — — —

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

29

צו דעמזעלבן

[פֿונם אָריגינאַל]

קיעוו, האָטעל „אימפּעריאַל“.
26־טן אָקטאָבער, 1905.

ליבער פֿריינט דר. פֿישבערג!

איך שיק אייך דעם 5־טן אַקט צו „סטעמפּעניו“. אַ נייער אַקט, אָנשטאָט דעם פֿריערדיקן. מיט אַ טויט, לויט אַמעריקע פֿאָדערט. אַ אידישע העלדין, נאָך מיין מיינונג, סמט זיך זעלטן אויס ליבע. נאָר וואָס זאָל מען טון, אַז אַמעריקע הייסט? ווייזט דעם 5־טן אַקט דעם ה׳ אַדלער. לאָז ער די גאַנצע פּיעסע גוט דורכקוקן, לאָז ער זי איין מאָל אויפֿפֿירן מיט אַלע פּישטשעוועקעס, מיט אַלע דעטאַלן — וועט ער זען וואָס דאָס איז! — — —

איך קאָן אייך מער איצט ניט שרייבן. איך בין קראַנק. אונזער לעבן דאָ אַצינד איז ווערט אַ העלער.

אַלע מינוט שטייען מיר אונטער דער ביקס פונם דראַ־גונער, אונטערן קאַנטשיק פונם קאָזאַק, אונטער דער דובינקע פונם „כוליגאַן". איטלאַכער פון אונז זאָגט אַלע טאָג ווידוי. איין האָפענונג און איין ביטע איז ביי אונז פאַראַן אַלע: אונזערע קינדער כאָטש, אונזערע קינדער זאָלן בלייבן לעבן. —

איך האָב נאָך אויף מיין דעפּעש צו אייך קיין תשובה ניט באַקומען. איך האָף אויף מאָרגן. טוט, ברודער, העלפט, רעטעט! לאָזן אַמעריקאַנער אידן באַווייזן ווער זיי זיינען, און אפשר וועלן זיי מיך אַריבערציען צו זיך אַהין, דאָרט וואו מענטשן זיינען זיכער מיטן לעבן.

אייער שלום־עליכם.

פּ. ס. — נאָר־וואָס דערהאַלטן אייער טעלעגראַמע: „שרייבעט פיעלע צייטונג־אַרטיקלען גוט בעלוינונג". עס ווערט געטאָן. מאָרגן שיק איך אייך אַרויס דריי אָדער פיר גרויסע אַרטיקלען, וועלכע איר וועט זאָ גוט זיין צעטיילן אין די רעדאַקציאָנען און טעלעגראַפיש מיר פון יעדער רעדאַקציע איבערווייזן געלט. ————.
איך געפין זיך יעצט מיט מיין פאַמיליע אין זייער אַ טרויעריקער לאַגע! ... ביז עס וועט אַמאָל אָנקומען, וועלן מיר דאָ אויסגיין! ...

שלום־עליכם.

אויך פון די אַנטרעפּרענערן ערוואַרט איך דאָך שטיצע אַלס האָנאָראַר פאַר די פּיעסן, איצטיקע און קינפטיקע. טוט! העלפט! ראַטעוועט!

30

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

קיעוו, 23־טן נאָוועמבער, 1905.

ליבער גוטער דאָקטאָר פישבערג!

היינט האָב איך אייך אַרויסגעשיקט די בריוו XXV און XXVI[83], וואו איך דערמאָן וועגן אייער בריוו, וואָס כהאָב געסטערן דערהאַלטן, און איך לאָז־אויס דאָרט מיט אַן אויפרוף צו אייך אַלעמען, איר זאָלט העלפן דעם אָרימען אומגליקלאַכן פאָלק ניט נאָר מיט געלט אַליין, נאָר אויך מיט עפּעס אַנדערש...

באַדאַרף איך אייך קאָנפידענציעל זאָגן וואָס איך מיין, דען אָפּנטלאַך אַרויסזאָגן איז פאַר מיר נאָך אַ ביסל געפערלאַך — אַ קשיא אויף אַ מעשה.

אַלזאָ, די מעשה דערפון איז אַזוי: פאָניע דאַרף געלט נאָך מער ווי די צעראַבעוועטע אידן. ער איז שולדיק — די האָר זיינען ניט זיינע. אָט־אָט דאַרף ער צאָלן דעם פעטער „פיני"[84] און דעם פעטער „מענדל"[85] און נאָך און נאָך — און ס'איז ניטאָ אַ פעני! מאַכט מען איצט כלערליי אָפּערעס, אום אַרויסצובאַקומען פון אייראָפּע און פון אַמעריקע דאָס ביסל מזומנים, נאָר ס'איז אַ סברה (און אַזוי איז טאַקע דער יושר), אַז דער עולם רוקט זיך ניט, ביז ער וועט נישט געבן אַלצדינג, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם 17־טן אָקטאָבער — און קוים גיט ער דאָס, זיינען מיר אַלע גערעטעט! אַלזאָ, פאַרשטייט איר שוין, ווי עס האַלט: טאָמער גייט איצט אַרויס אַ איד אַ מיליאָנער מיט אַ הלוואה — איז קוילעט ער אָן אַ מעסער זעקס מיליאָן אידן (אַ חוץ הונדערט מיליאָן קריסטן), און דאָס בלוט פאַלט אויף זיין קאָפּ! ————

דאָס, ווען איר זאָגט־אַרויס פון אייער נאָמען אין דער פּרעסע — טוט איר אונז אַלעמען אַ גרויסע טובה! — טוט דאָס טאַקע! —

אייער שלום־עליכם.

31

צו דעמזעלבן

[איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל]

[פון דעם בריוו איז צו זען, אַז די דראַמע „דער לעצטער קרבן" האָט געהאַט אַ געוויסע שייכות מיטן ראָמאַן „דער מבול", וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן אין ניו־יאָרק מיט אַ יאָר שפּעטער; דערהויפּט קאָן מען עס אַרויסזען פונם פּערסאָנאַזש „אידל קטנתי", וואָס פיגורירט אויך אינם „מבול" (שפּעטער באַאַר־בעט פון ש. ע. אונטערן נאָמען „אין שטורם"). — „דער לעצטער קרבן" איז אין ערגעץ ניט אויפגעפירט געוואָרן און ניט געדרוקט געוואָרן. דאָס מאַנוסקריפּט האָט זיך פאַרוואַלגערט אין יעקב אַדלערס אַרכיוו, און דערווייל איז פון דעם קיין שפּור ניטאָ.]

קיעוו, 23־טן נאָוועמבער, 1905.

פילגעערטער פריינט, דר. מ. פישבערג!

האָט קיין פּאַראיבל ניט, וואָס איך דערלויב מיר צו שרייבן אייך היינט אויף דער שפּראַך פון יענעם פאָלק, וואָס האָט אַזוי אוממענטשלאַך, אַזוי אומברחמנות זיך אָפּגערעכנט מיטן אידישן פאָלק דערפאַר, וואָס ער, אַזאַ קליין נישטיק פעלקל, האָט געהאַט די העזה צו געבן אים, דעם הערקולעס, אַ קאָנסטיטוציע. נאָר די רוסישע שפּראַך, כלעבן, איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק.

גלייכצייטיק דערמיט שיק איך אייך אַרויס מיין נאָר־וואָס אָנגעשריבענע דראַמע, וואָס איז אויף מיר אָנגעהויכט געוואָרן פון די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן. איך האָב דער דראַמע געגעבן צוויי נעמען: „דער לעצטער קרבן", אָדער „די בלוטיקע טעג". קלייבט אייך אויס וואָסער נאָמען איר ווילט, אָדער נוצט ביידע. די דראַמע באַשטייט פון פינף אַקטן, ניט קיין גרויסע. אינם שפּילן וועלן זיי קיין סך צייט ניט פאַרנעמען. — פאַראַן אַ ראָל אַ טראַגיקאָמישע מיט זייער אַ טראַגישן סוף — פאַר דעם הער דזשעק אַדלער. דאָס איז די ראָל פונם פריי־

[83] פון די „פּאָגראָם־בילדער". — [84] יאַפּאַניע. — [85] דער דייטשער באַנקיר מענדעלסאָן.

לאכן שניידער אידל קטנתי. פאראן א ראל פאר א גוטער אקטריסע, א ראל פון א פרוי א העלדין. דאס איז — **ראזע זיסערמאן**. פאראן נאך א קארדינאלע ראל — פונם יונגן שוסטער, דעם סאציאל־דעמאקראט **יואליק דראטווע** — זייער א דאנקבארע פאר א גוטן טראגיקער. הכלל, מע האט באווארנט (ניט איך, נאר סאמע דאס לעבן) אלעמען. וואס סאיז שייך דער סצענישקייט פון דער פיעסע, איז ביי א פינקטלאכער אויפפירונג און מיט רייכע דעקאראציעס וועט זי מאכן א פוראר. א שאד, וואס איך וועל ניט זיין אין ניו־יארק אויף דער פרעמיערע פון דער דאזיקער צייטלאכער פיעסע. איך וואלט אין איר אויסגעשטעלט די סצענע פון דעם פאגראם און די סצענע פון די מאניפעסטאציעס אין זייער גאנצער רעאליטעט. נאר וואס זאל מען טון? איך פארלאז מיך אויף אייערע ארטיסטן, אז זיי וועלן זיך באמיען אוועקצושטעלן אלצדינג ווי עס באדארף צו זיין, בכדי עס זאל זיך באקומען אזא אילוזיע, אז יעדער איינער פון די צושויערס, זיצנדיק אין ניו־יארק, זאל האבן דאס רעכט צו זאגן: „איך בין געווען אין רוסלאנד אין די דאזיקע בלוטיקע טעג“. — — —

איך דריק אייער האנט.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

32

צו דעמזעלבן

[פונם אריגינאל]

קיעוו, 9־טן דעצעמבער, 1905.

בעסטער פריינט דר. פישבערג!

ענדלאך האב איך דערלעבט צו זען פון אייך א בריוו! — — — . און וואס אנבאלאנגט מיין קומען קיין אמעריקע, איז דאס פעסט באשטימט, אז איך קום מיט מיין גאנצער פאמיליע גאר און א שום ספק, און וואס איך בין ביז אהער ניט געקומען נאך, איז אויסער דעם, וואס דאס הארץ בלוטעט מיר אויף מיין עלנט ארים פאלק און סאיז מיר א בזיון דאס אוועקצווארפן אין אזא טרויעריקער לאגע, זיינען דא נאך פארשיידענע אורזאכן, און דערהויפט געלטמאנגל, ווי איך האב אייך שוין געשריבן, אז מיר זיינען און עין־הרע אכט פערזאן, יונגע קינדער נעבאך, וואס ווייסן ניט פון קיין ארמוט און נע־ונד זיין. מיט גייסט און זעלע בין איך שוין דארטן ביי אייך, מיט מיינע מער גליקלאכע ברידער. און ווי פאלט [אייך] דאס איין צו זאגן, אז „שלום־עליכם וויל בלייבן אין פארפלוכטן לאנד — זאל ער בלייבן!“ שלום־עליכם וויל בשום אופן ניט בלייבן אינם פארשאלטענעם לאנד. שלום־עליכם רייסט זיך מיט לייב און לעבן, מיט ווייב און קינדער קיין אמע־ריקע; נאר וואס זאל ער טון? מיט וואס זאל ער זיך רירן?... דארף איך אייך דען דערציילן, וויפיל בלוט און געזונט מיך האט געקאסט דער ערשטער בריוו צו אייך, וואו איך האב מיר דערלויבט צו בעטן הילף, אום מיך צו רעטן, ארויסכאפן מיינע אומ־שולדיקע קינדער פון דער גרויסער שרפה? איך בין זיכער, אז אינם גליקלאכן לאנד אמעריקע געפינען זיך ניט ווינציק לייט, וואס געדיינקען דעם שלום־עליכם, בשעת ער איז געשטאנען אויף דער העהע, געהאט די גרויסע צענער טויזנטער, געפירט די גרויסע משונה געשעפטן, א סך־א סך פאמיליעס געגעבן צו פארדינען מיט גרויס כבוד!... ווי ביטער און ווי שמערצענד דארף זיין אזא מענטשן זיך ווענדן צו עמיצנס הילף — דארפט איר פארשטיין, ובפרט אזא מענטשן ווי איך, וואס איך האב קיין רעכט ביי מיין פאלק צו פאדערן, דען דאס אידישע פאלק איז ארים — — — . דאס ביסל, וואס איך האב דעם פאלק געגעבן — דאס איז געווען מיין פליכט, און פאדערן דערפאר באלוינונג א י צ ט איז נאריש... — — — . נאך א מאל זאג איך אייך, אז אויב עס האלט מיך אפ אמאל פון דער עמיגראציע, איז נאר דער געדאנק, וואס זעקס אדער זיבן מיליאן נפשות בלייבן דא אזוי אומגליקלאך, ווערענד איך איינער וועל ווערן פריי!! — — —

אויף ווידערזען. איך וואלט מיך געשעצט גליקלאך, ווען איך זאל קאנען זיין אויף חנוכה אין ניו־יארק!

אייער דאנקבארער פריינט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

33

צו דעמזעלבן

[פונם אריגינאל]

לעמבערג, 4־טן יאנואר, 1906.

ליבער פריינט, דר. פישבערג!

וואס זאל דאס באדייטן?

אין קיעוו האט איר מיר א צייט ניט געענטפערט אויף אלע מיינע בריוו — איז דארטן שטרייק־צושטאנד.

פון בראד האב איך אייך טעלעגראפירט — **האט איר מיר ניט געענטפערט. פון דאנען האב איך געמוזט צו שרהזאן**[86] **קייבלען און געבעטן, ער זאל אייך אויפ־זוכן און מיר אויספירלאכע תשובה געבן — צום סוף איז פון שרהזאן אויך קיין שום אנטווארט ניטא. — וואס זאל דאס באדייטן? איך ווער שיר ניט משוגע פאר יסורים. וואס זאל איך איצטער טון? צו וועמען זאל איך מיך ווענדן? זאל, הייסט עס, [פון] אלע מיינע פלענער און לופטשלעסער זיך אויסלאזן א בוידים? וואס וועט זיין מיט מיין פאמיליע? איך האב מיך קוים מיטן לעבן, מיטן לעצטן צוג, ארויס־געכאפט פון קיעוו, גערעכנט, אז געוויס וועל איך שוין פון אייך באקומען אלע ריכטיקע ידיעות אויף אלע מיינע פילע בריוו — צום סוף שווייגט מען, קיינער וויל נישט ענטפערן!!**

[86] דער ארויסגעבער פונם ניו־יארקער „טאגעבלאט“.

פון אייך האָב איך אין קיעוו, אין דער צייט פֿון ביינאַהע צוויי מאָנאַט, נאָר איין בריוו דערהאַלטן און נאָר די ערשטע דרייהונדערט רובל — און פון דעמאָלט־אָן איז די ערד פאַרשלאָסן געוואָרן! איך האָב געלאָזט אַ באַפולמעכטיקטן אין קיעוו אויף צו צונעמען געלט און קאָרעספּאָנדענציעס, אָבער ער שרייבט מיר פון קיעוו אַהער, אַז ס'איז קיין זאַך ניט אָנגעקומען — וואָס זאָל דאָס באַדייטן? סיידן איר זיינט ניט אין אַמעריקע — וואָלט אַן אַנדערער דאָך געענטפערט אויף אַלע מיינע אָנפראַגן! איך וואַרט! איך וואַרט! איך וואַרט!

אייער שלום־עליכם.

34

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאַל]

לעמבערג, 6־טן יאַנואַר, 1906.

ליבער פריינט, דר. פישבערג!

ענדלאַך האָט מען מיר צוגעשיקט אַהער אייער צווייטן בריוו פונם 3־טן דעצעמבער. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער רעקאָמענדאַציע [87]. איך האָב שוין היינט אַוועקגעשריבן צום ה' ריטשאַרדס און האָף, אַז ער וועט דעם גאַנצן לאַסט פון אייך אַראָפּנעמען. — — — . אָבער, ליבער פריינט, איך בין זייער נידערשלאָגן. איך בין דאָ שטעקן געבליבן מיט מיין פאַמיליע, ניט אַהער, ניט אַהין. לויט אייער ערשטן בריוו, האָב איך געקאָנט רעכענען, אַז איך וועל פון די עדיטאָרן [88] האָבן נאָך 1200 רובל (פאַר די עטלאַכע און פערציק בריוו). צום סוף, האָב איך ביזהער נאָר באַקומען 300 רובל און נישט מער. — —

איך בעט אייך טויזנט מאָל פאַרצייען מיר פאַר מיין קאָפּדרולעניש. איך וועל אייך סוף־כל־סוף אַמאָל אָפּדינען מיט גרויס דאַנק. מיר זיינען דאָך לעבעדיקע מענטשן, און איך בין דאָך נענטער שוין צו אַמעריקע, ווי פריער.

אייער איבערגעבנסטער שלום־עליכם.

35

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאַל]

•

לעמבערג, 14־טן יאַנואַר, 1906.

ליבער פריינט דר. פישבערג!

מיינע צרות האָבן ניט קיין שיעור. נאָך האָב איך ניט קיין שום ידיעה פון שרהזאָן. אַ בריוו האָב איך באַקומען היינט פון אַ פרעמדן פון ניו־יאָרק, שרייבט ער מיר, אַז ער האָט אַליין געלעזן אין „טאָגעבלאַט" אַ נאָטיץ, אַז די רעדאַקציע האָט מיר אַרויסגעשיקט 600 דאָלער, 1200 רובל — און איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב נאָר 300 רובל באַקומען! מיינע ביידע דעפּעשן צו אייך און צו שרהזאָן זיינען געבליבן אָן ענטפער. — — — . ווען מיין קומען קיין ניו־יאָרק זאָלט איר ניט האָבן קיין יסורים: ווען איך זאָל ניט קומען, וועל איך דאַרט זיין אַ גאַסט. איר זאָלט זען וואָס עס טוט זיך דאָ מיט שלום־עליכמען אין אייראָפּע, וואָלט איר געהאַט פאַרגעניגן. איר וועט, אם ירצה השם, האָבן אויך פאַרגעניגן פון מיר אין אַמעריקע.

אייער שלום־עליכם.

36

צו ח. נ. ביאַליק

[פונם אריגינאַל]

לעמבערג, קאָטלאַרסקאַ 1.
7־טן פעברואַר, 1906.

ביאַליק יקירי!

— — — און איר מיינט, אַז שלום־עליכם איז אין עסטרייך, האָט ער די פּען פאַרוואָרפן און קלייבט נחת פון די בלומען, וואָס מע טראָגט אים אונטער, מיט דעם בראַוואָ, וואָס מע פּאַטשט אים? לאָזן זיי פּאַטשן צעזעצטערהייט — שלום־עליכם האָט געמאַכט אַ רייזע אויף יענער זייט סמבטיון [89]; איר וועט, אם ירצה השם, אינגיכן לייענען וועגן דער נסיעה און וועגן דעם איבערקערעניש וואָס הינטער די הרי חושך און, דאַכט מיר, לעקן די פינגער. עס דרוקט זיך דאָ אין ביידע שפּראַכן: אידיש און לשון־הקודש. שרייבט תשובה!

שלום־עליכם.

37

צו דר. מאָרים פישבערג

[פונם אריגינאַל]

לעמבערג, 23־טן פעברואַר, 1906.

טייערער פריינט דר. פישבערג!

אייער בריוו און אויך אַ בריוו פון ה' ריטשאַרדס האָב איך היינט דערהאַלטן. איך דאַנק אייך נאָך אַ מאָל פאַר אייער מי און גוטן ווילן און האָף, אם ירצה השם, פערזענלאַך אייך איבערגעבן מיין אינערלאַכן דאַנק, אַז איך וועל קומען מיט גאָטס הילף נעכסטן זומער. און קומען וועל איך. איר הייבט נישט אָן מיך צו פאַרשטיין, און איך אייך אויך דאָסזעלבע.

[87] דער אדרעסאַט האָט רעקאָמענדירט שלום־עליכמען דעם אידיש־ענגלישן זשורנאַליסט ב. ריטשאַרדס, אַז ער וועט אים באַזאָרגן אין ניו־יאָרק זיינע ענינים. — [88] געמיינט די אַרויסגעבער פונם „טאָגעבלאַט".

[89] „די רעוואָלוציע אויף יענער זייט סמבטיון" — אַ סאַטירישע אַלעגאָריע אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, דעמאָלט געדרוקט אין דער ווילנער טעגלאַכער „צייט".

קיין שום פארלעזונגען פון פאגראמען לעז איך ניט און וואלט ניט פארלעזן אין אמעריקע אויף דער הייסער שעה, בכדי צו מאכן געלט. איך פארלעז נאר מיינע אייגענע ווערק, קליינע סקיצן און מעשהלאך פון כתרילעווקע, מאזעפעווקע, באַרדיטשעוו וכדומה, פון וועלכע דער עולם שטארבט פאר געלעכטער, פאר־לירט אפטמאל פארביי א טרער, און דאס איז דער עיקר. אין די פארלעזונגען שפיגלען זיך אפ אלע זייטן פונם אידישן לעבן אינם בלוטיקן לאנד, אויך די פאגראמען, קאנסטיטוציע א. א. וו. — און די קונסט, ליבער פריינט, פארלירט קיינמאל ניט איר ווערט, עס מעג זיין יא א פאגראם, ניט א פאגראם, עס מעג זיין אין אייראפע, ווי אויך אין אמעריקע. מע דארף ניט קיין מער ווילד לאנד, ווי דאס גאליציע; זאלט איר זען, וואס דא טוט זיך מיט שלום־עליכמען און מיט זיינע אוונטן. מע צערייסט אים אויף שטיקלאך. מע פארווארפט אים מיט בלומען, מיט יארמעלקעס און מיט געלט. — — — . איך האב כלל קיין מורא נישט פאר דעם, וואס די אמעריקאנער אידן זיינען אפגעקילט געווארן צום פאגראם. שלום־עליכם האט אין זיך א כח, אז דווקא מיט געלעכטער קאן ער אנוואר־רימען דעם קאלטסטן יאנקי אזוי, אז ער זאל זיין די כפרה!

דעם ריטשארדס בריוו — אסור אויב איך פאר־שטיי: עפעס שרייבט ער מיר וועגן מיין דיספוט מיטן „טאגעבלאט". ווען האב איך דיספוטירט מיטן „טאגעבלאט"? נאך שרייבט ער מיר, אז ער האט איבערזעצט מיין דערציילונג „דעם בלינדן חזנס טאכטער" אויף ענגליש; זאל דער בלינדער חזן אזוי וויסן פון זיין טאכטער, און די טאכטער זאל אזוי וויסן פון איר בלינדן טאטן, און ביידע זאלן אזוי וויסן פון פאניען, ימח שמו וזכרו, ווי איך הייב־אן צו וויסן, וואס דאס איז פאר א דערציילונג?! איך האב קיינמאל אזעלכעס ניט געשריבן!

— — — — — — — — — — — — .

אייער בעסטער שלום־עליכם.

[באמערקונג. — וועגן „דעם בלינדן חזנס טאכטער" קאן דא איצט, נאך אן אונטערזוכונג, געמאכט ווערן אט די דערקלערונג: די ניו־יארקער „היברו פאבלישינג קא.", וואס האט געהאט א טבע איבערצודרוקן און ארויסצולאזן אויפן מארק די ווערק פון די בעסטע אידישע שרייבער פון רוסלאנד אן זייער וויסן, האט דאסזעלבע געטאן אויך מיט צענדליקער ווערק פון שלום־עליכם. זי האט, ניט פרעגנדיק ביי אים (און, פארשטייט זיך, ניט באצאלנ־דיק אים דערפאר קיין פרוטה), פשוט ארויסגענומען זיינע ווערק פון פארשיידענע פעריאדישע אויס־גאבעס, וואו ער האט זיך געדרוקט, און זיי ארויס־געלאזט אין דער פארם פון גרעסערע און קלענערע ביכלאך. דערביי איז די דאזיקע „פארלעגערישע" ארבעט געטאן געווארן אזוי עם־הארציש און אזוי וואנדאליש, אז מען איז אזש דערקראכן ביז צו די ערשטע אנפאנגערישע פעליעטאנען פון שלום־עליכם, וואס האבן זיך געדרוקט אינם אמאליקן פעטערבורר־גער „פאלקסבלאט" (וועלכע שלום־עליכם אליין האט פארניכט און זיי ניט אריינגענומען אין זיינע ווערק), ארויסגעריסן פון אן אלטן פעליעטאן („ביל־דער פון דער באַרדיטשעווער גאס", „פאלקסבלאט" 1886, נומערן 7, 8, 9) א שטיק פון אינמיטן, „צוגע־פיקסט" עס, כדי עס זאל זיך לייענען ווי א באזונדער מעשה, איבערגעמאכט די „באַרדיטשעווער גאס" אויף „שטעטל ב." און אפגעדרוקט עס אין א ביכל אונטערן נאמען: „פערלע דעם בלינדן חזנס טאכטער פון שלום־עליכם". — אט די דערציילונג האט עס ב. ריטשארדס איבערגעזעצט דווקא אויף ענגליש. שלום־עליכם, וואס האט ניט געוואוסט, ווי אזוי מע באלע־באטעוועט אין אמעריקע מיט זיינע ווערק, האט דערי־בער ניט געקאנט פארשטיין, פון וואנען האט זיך צו אים פלוצים גענומען א „בלינדן חזנס טאכטער"? — עס איז כדאי צו באמערקן, אז די דאזיקע גזילה־ליטעראטור, אין וועלכער עס געפינט זיך ניט איין קוריאז אזעלכער, ווי דער אויבנבאצייכנטער, ווערט נאך עד היום פארקויפט פון דער „היברו פאבלי־שינג קא."]

38

צו א. ל. לעווינסקי, י. ח. ראווניצקי און ח. נ. ביאליק

[פונם אריגינאל]

[טארנאוו], 20־טן מערץ, 1906.

ליבע פריינט, לעווינסקי, רבניצקי, ביאליק וכו' וכו'.

איך האב אייך שוין געשריבן, דאכט מיר, פון קראקע. איצט שרייב איך אייך פון טארנאוו, פון מיין נע־ונד זיין איבער גאליציע. איך האב ווידער א מאל געלייענט וועגן אייער „האפענונג" [90], און עס ווילט זיך מיר אפגעבן אייך מזל־טוב און האב מורא פאר א ברכה לבטלה. איך ערווארט שוין פון אייך די גוטע ידיעה — ווען זשע וועט דאס זיין? במהרה בימינו! (רבניצקי דארף געדיינקען דעם נוסח פון דער מאמזעל קופערשטיין). יום גילה, יום רינה, יום דיצה, יום חדוה — גילה רינה דיצה חדוה האפע־נונג! [91]

אויב סאיז דא א האפענונג און איך האב די גוטע ידיעה אין א וואך ארום, גייט מיין **אורח** [92] קיין אדעס; טאמער חלילה ניט, און סאיז שוין באלד ערב פסח, וועט ער גיין קיין ווילנע — אר־ווא!

— — — — — — — — — — — — —

אייער איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן

שלום־עליכם.

[90] אונטער דעם נאמען האבן די אדעסער שריפטשטעלער געוואלט ארויסגעבן א טעגלאכע צייטונג. — [91] ש. ע. פאראדירט דא דאס באקאנטע פאלקסליד. — [92] „דער אורח", וואס איז יענעם פסח נעדרוקט געווארן אין דער ווילנער „צייט".

39

צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק

[פונם אָריגינאַל]

לעמבערג, 8־טן אַפּריל, 1906.

טייערער ראַבניצקי! טייערער ביאַליק!

בין איך געקומען (סגנונו של ה„פריינד" [93]) פון דער בוקאָווינע אַהיים אויף פּסח און וויל מיך אַ ביסל דורכשמועסן מיט מייניקע. תיכף נאָך פּסח שלעפּט מען מיך קיין רומעניע און קיין לאָנדאָן. וואו איך וועל מגולגל ווערן — ווייס איך ניט. מיין פּסח־דערציילונג [94] וועט זיין אין דער „צייט" (די צווייטע טעג יום־טוב). מיר זיינען אַלע, ברוך השם, בקו החיים והשלום. בערקאָוויטש און טיסי׳ געוויינטלאַך, מיט

שלום־עליכם אין גאַליציע [בוטשאַטש, ווינטער 1906].

אונז. קיין אַמעריקע וועלן מיר גיין אַלע, אם ירצה השם, סוף זומער. אָט דאָס איז אייך אַלץ וואָס סאיז שייך צו מיר. אַצינד, קינדער, וואָס מאַכט עפּעס איר? וואָס הערט זיך מיט דער „האָפענונג"? צו ביאַליקן האָב איך אַ טענה, צוויי טענות, דריי טענות, פיר טענות — טאַקע דעם גאַנצן „מה־נשתנה". א) ווי אַזוי האָט ער דערלויבט דעם — — — הספרותי שבוואַרשאַ איבערמייקענען אויף זשאַרגאָן זיין „משא נעמיראָוו"? [95] קליין געווען אַליין איבערצוזעצן? ב) למאי האָט ער אָנגעגאָסן, ביאַליק הייסט עס, אין זיין „מגילת אש" אַזויפיל פּאָעזיע? איך בין שיר נישט דערטרונקען געוואָרן! ג) למאי שרייבט ער מיר איין מאָל אין צוויי יאָר אַ געגרוס, מיט אַ בלוי שטיפטל און יוצא? ד) למאי... דאָס לאָז איך איבער אויף נאָך יום־טוב. — איך האָב אין דער בוקאָווינע געלייענט [96] זיין „נביאיש" פונם „יוד". — קומט דער זיידע אויף יום־טוב אַהיים? [97] וואו איז אונזער לעווינסקי? וואָס מאַכט מאַניש? שווייגט? און פּאַיע? רעדט? ווען האָט איר קאָנסטיטוציע? האָט איר געלייענט מיין „קאָנסטיטוציע אויף יענער זייט סמבטיון" („די צייט")? אַ כּשרן פּסח אייך אַלעמען!

שלום־עליכם.

איך גרים אייך, אלי! וואָס דען? איך וועל אייך ניט גריסן?

[93] מיטן סטיל פונם „פריינד". — [94] „דער אורח". — [95] ש. ע. רעדט דאָ וועגן פּרצעס איבערזעצונג פון ביאַליקס „משא נמירוב", וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אינעם „וועג". ש. ע. איז געווען אויפגעבראַכט, למאי פּרץ האָט מיט זיין איבערזעצונג פאַרקריפּלט ביאַליקס פּאָעמע. — שפּעטער האָט ביאַליק אַליין איבערגעזעצט זיין „משא נמירוב" אויף אידיש אונטערן נאָמען „פון דער שחיטה־שטאָט".

40

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

לעמבערג, 16־טן אַפּריל, 1906.

לידידי לרבניצקי שלום!

איך האָב היינט מקבל געווען אַ בריוועלע פון אונזער לעווינסקי מיט מלאָכים־כּתב אויף אַ מלאָכים־שפּראַך, און פאַרשטאַנען האָב איך קוים, אַז ער מיינט, אַז ער וועט מיר טעלעגראַפירן, איך זאָל צושיקן צו מיטוואָך־דאָנערשטאָג אַ פעליעטאָן מענינא דיומא [98]. נאָר אַזוי [ווי] סאיז שוין מאָנטאָג און קיין טעלעגראַמע האָב איך ניט, איז אַ סימן, אַז די „האָפענונג" איז נאָך לעת־עתה אַ האָפענונג. דאָרט שרייבט ער אויך עטלאַכע משונה ווערטער: „בעד שלשה נומערען הראשונים ואולי גם האחרונים"... באַדאַרף מען, אפנים, לערנען דעם פּשט, אַז איר האָט בדעה אַרויסלאָזן נאָר דריי נומערן. וואָס איז דאָס פאַר אַ חלום? עפּעס קומט מיר אויס דער גאַנצער בריוו מוקשהדיק, אחוץ וואָס סאיז אַ ציינבּרעכעניש צום לעזן. יעדנפאַלס, וועל איך פון די וואָלן דאָך אַ פעליעטאָנטשיקל אָנשרייבן. דאָס טעמע איז שוין ביי מיר דאָ. עס הייסט ביי מיר: „הערשל־קאַדעט" (הערשל — ניט, ווי איר שרייבט, הירשל). איך בין אָבער פאַרנומען איצט מיט מיין חוהן, די דריטע טאָכטער פון טביה דעם מילכיקן, וואָס איך ענדיק היינט־מאָרגן פאַרן „אידישן פאָלק" אין ווילנע, רעדיגירט פון לוריא. פאַרשטייט זיך, אַז חוה גייט־איבער האַדלען און חזרט זי חלילה נישט איבער. אי, שלימזלען, פּויליאַקעס! וואָס קראַצט איר זיך אַזוי לאַנג מיט אייער „האָפּע־

[96] דאָס הייסט: פאַרגעלייענט אויף אַן אָוונט. — [97] מענדעלי מוכר־ספרים איז נאָכן אָדעסער פּאָגראָם אַפּגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און פון דאָרטן קיין זשענעווע. — [98] וועגן די וואַלן צו דער ערשטער רוסישער דומע.

נונג"? קומען אנדערע און כאפן אוים! אויב עס קומט מיר אַן פון ווילנע (לוריא) דינסטאָג געלט טעלע־גראַפיש, איז „חוה" זיינע. אניט, בין איך פריי. און „כל הנשמה תהלל יה — ווער ספּאַרכאַפּט פריער, דער האָט עס", ווי טביה טייטש דעם פסוק על דרך הפשט. — ביאַליקן אַ קניפּ אין בעקל, וואָס ער ענט־פערט ניט אויף קיין בריוול. אַ וואויל בחורל!

אייער שלום־עליכם.

41

צו די אַדעסער פריינט

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן צוויי וואָכן נאָך דעם, ווי שלום־עליכם איז צום ערשטן מאָל געקומען אין אַמעריקע.]

ניו־יאָרק, 4־טן נאָוועמבער, 1906.

טייערע פריינט רבניצקי, ביאַליק, פּאַיע, לעווינסקי, פּאַלינקאָווסקי און אַנדערע!

איך האָב קוים היינט די מעגלאַכקייט צו שרייבן אייך אַ פּאָר ווערטער, אָבער ניט מער. די בייגעלייגטע אויסשניטלאַך [°°] וועלן אייך זאָגן אַלעס. דער כבוד, וואָס כהאָב געהאַט ביי מיין אָנקומען מיטן שיף, פון דעם ערשטן טאָג ביזן זאַגנאַנטן רעספּעפּשאָן, איז שוין אַ ביסל צופיל. אָבער דער כבוד, וואָס מע האָט דאָ אָפּגעגעבן אונזער אידישער ליטעראַטור און אונזער געליבטן פאָלקסלשון, האָט מיר ווירקלאַך צוגעטיילט אַזויפיל נחת, אַז עס האָט מיר פאַרזיסט מיין לעבן אינם לאַנגן גלות, וואָס כהאָב אויף זיך גענומען. האָפנטלאַך, דאָ איז אַן עק פון מיין גלות. אַ זייער־זייער גלענצענדע צוקונפט ווייזט זיך דאָ פאַר מיר, און ברודער לעווינסקי איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט מיר פאַראיאָרן נאָך געשריבן וועגן דעם.

שרייבט!

אייער שלום־עליכם.

— — — איך בין דאָ נאָר מיט אַלגאַן און נומ־טשיקן זאַלבעדריט. די פאַמיליע אונזערע איז נאָך אין דער שווייץ.

42

צו י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו ווערט גערעדט וועגן דעם פופציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובילי פון מענדעלי מוכר־ספרים, צו וועלכן די אידישע שריפטשטעלער אין אַדעס האָבן געוואָלט שאַפן אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן אַלע מענדעלים ווערק אין העברייאיש און אין אידיש. די אַדרעסאַטן האָבן געשריבן צו שלום־עליכמען, ער זאָל פאַר דעם צוועק מאַכן פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע. ש. ע. האָט מיט עטלאַכע טעג שפּעטער (דעם 18־טן דעצעמבער) אָפּגעדרוקט אין דער אַמערי־קאַנער אידישער פרעסע אַ ווענדונג צו די אידישע שרייבער, מע זאָל לכבוד דעם „זיידנס" יובילייו אַראַ־זשירן אַ פייערלאַכן אָוונט אין ניו־יאָרק און העלפן דערביי שאַפן דעם יובילייפאָנד; צו קיין רעזול־טאַטן האָט עס אָבער ניט געבראַכט.]

ניו־יאָרק, 12־טן דעצעמבער, 1906.

גוטע ליבע טייערע פריינט רבניצקי און ביאַליק!

ויהי... און סאיז געוועזן, אַז איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע...

וואו אַ „ויהי" איז אַ צרה, און וואו אַ „מחבר" איז אַ שלים־מזל! באַדאַרף מיך אייער בריוו פּאַקן מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך מיין אויפרוף וועגן מאָרים ראָזענפעלד [100] (וועלכעס ליגט דאָ). איך בין געווען ביי אונזער אַברהם אליהו [101], און אונזער אַברהם אליהו איז געווען ביי מיר, און מר. סאַפּירשטיין [102] איז מאָרגן ביי מיר, און מיר זיינען זיך מפלפל אין דעם ענין גאַנץ געשמאַק, אָבער איך בין מסופק, אויב עס וועט עפּעס זיין דערפון — איך מיין געלט מיין איך. אוי, שלים־מזלען, שלים־מזלען וואָס איר זייט! אַז דעם 3־4־טן יאַנואַר (ביי אונז) איז דאָס יובילייאום — דערמאָנט איר זיך צו שרייבן קיין אַמעריקע מיט צוויי וואָכן פריער, ניט מיט אַ האַלב יאָר!! איר זיינט דאָך ווערט, מע זאָל אייך דן זיין מיט שמיץ! לייגט זשע זיך טאַקע מחילה ביידע אויף איין ביינקעלע: פריער דו, ראַבניצקעלע! שפּיליע־אַפּ די פלידערלאַך, אָט אַזוי, אַ אינגעלע זאָל ניט זיין קיין מלמדל, קיין פּוילינקער, קיין שלימעזאַלניקל! נאָכדעם דו, ביאַליקל, ביזט טאַקע אַ משוררל, און אַ גרויסינקער משוררל, אַ זינגערל ביי אידן, פון דעסטוועגן, נישקשה, פאַרקאַטשע דאָס העמ־דעלע, אָט אַזוי, אָט אַזוי! לאָזן גרויסע אינגעלאַך, מיט בערדעלאַך שוין, וויסן וואָס הייסט אַמעריטשקע, אַ ביזנעסלאַנד מיט דאָלערלאַך, נאָר אַלעס צו דער צייט, נישט קומען דעמאָלט, ווען אַלעס איז שוין צוגע־מאַכט, ניטאָ אַ הונט אין שול!... נו, אַ קוש די רוט און גייט געזונט! — —

. . . .

איך בין אויף אייך גזלן און קאָן אייך מער ניט שרייבן! — — — אַ מצוה אויף אייך! אם ירצה השם, אַז דאָס אייניקל וועט ווערן פינף און זיבעציק, וועט איר שוין, מיין איך, קליגער זיין. נאָר אַזוי לאַנג שמייסט מען אייך, ווי לאַנג מיר אַלע וועלן דאָס דערלעבן!...

[°°] פון די ניו־יאָרקער צייטונגען וועגן שלום־עליכמס אָנקומען אין אַמעריקע.

[100] וועלכער איז דעמאָלט געווען קראַנק, און ש. ע. האָט אויפ־געפאָדערט דאָס פּובליקום, מע זאָל אים העלפן אין זיין נויט. — [101] אַברהם אליהו לובאַרסקי, אַ געשעפטסמאַן און אַ משכיל, געווען באַקאַנט אין די אַדעסער און ניו־יאָרקער ציוניסטישע און ליטע־ראַרישע קרייזן. — [102] דער אַרויסגעבער פונם ניו־יאָרקער „מאָרגנזשורנאַל".

נו, איר וועט דאָך מיר אזוי קיין בריוו ניט שרייבן, סיידן איר וועט עפּעס דאַרפן — טאָ זייט זשע מיר געזונט.

אייערער וואָס האָט אייך ליב

שלום-עליכם.

מיין בערקאָוויטש און מיין אסתר־טיִסי זיינען נאָך מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע אין דער שווייץ, און דאָס איז זייער אַדרעס: — — — .

מאָנישן, פּאַיען, אלין, לעווינסקין און אַלעמען מיינע האַרצלאַכסטע גרוסן פון מיר און פון מיין ווייב אָלגאַ און פון מיין בן־זקונימל.

43

צו דיזעלבע

[פונם אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 15־16־טן דעצעמבער, 1906.

מיינע ליבע פריינט, רבניצקי און ביאַליק!

איך האָב אייך היינט אַ ביסל אויסגעשייגעצט. אַצינד דאַרף איך אייך טרייסטן מיט אַ שטיקל נייס (אַ טאַטע שמייסט־אָפּ און נאָכדעם האָט ער רחמנות). איך בין נאָר־וואָס געקומען פון מר. סאַפּירשטיין. נאָך אַ לאַנגער אונטערהאַלטונג איז געבליבן, אַז מע וועט קודם בילדן אַ קאָמיטע (אָך!...) פון אַלע שריפט־שטעלער, ליטעראַטן, רעדאַקטערע א. א. וו., א. אַ. וו., און דינגען דעם גרעסטן האַל (באַצאָלן פאַרן אָוונט אַ 600 דאָלער, 1200 רובל), קלינגען אין אַלע בלעטער, אויפוועקן די ענגלישע פּרעסע, מאַכן אַ בום (אַזוי הייסט עס דאָ ביי אונז), אַ יובילייאום־פּייעראָוונט לכבוד אַבראַמאָוויטש, אין וועלכן עס וועלן אָנטייל נעמען: שלום-עליכם, שמריהו לעווין, מאַסליאַנסקי, כהן, מילער, באַראָנדעס, ברונאָף און נאָך און נאָך — אַ גאַלאַ־קאָנצערט, וועלכער זאָל אַריינברייגען, לכל הפּחות, אַ 2000 דאָלער. אָבער בומען דאַרף מען כאָטש אַ חודש אָדער צוויי. סאיז אַמעריטשקע!

אייער שלום-עליכם.

דערווייל פאָר איך אַרויס מאָרגן גאַנץ פרי אין דער קאָנטרי. שרייבט נאָר בריוו, לאָזט זיך ניט וואַרטן, ווי די פּידראַבינטשיקלאָך! מיוחסים — זיי זיינען פּטור! — — —

44

צו דיזעלבע

[פונם אָריגינאַל]

[צו דעם בריוול האָט שלום-עליכם צוגעלייגט זיין אויפרוף, וואָס ער האָט געדרוקט אין די ניו־יאָרקער צייטונגען וועגן מענדעלים יובילייאום.]

ניו־יאָרק, 19־טן דעצעמבער, 1906.

קינדערלאָך!

אַ ביסעלע אידעלער, ווי איר האָט דאָס געוואָלט מאַכן. עס פּאַסט ניט פאַר אונז אַלעמען און פאַר אונזער ליטעראַטור, מע זאָל פאַרן זיידן שנאָרן!... פאַרשטאַנען? —

אייער שלום-עליכם.

45

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן פון אַ קאָלאָניע פון אידישע פאַרמערס אינם שטאַט ניו־דזשוירסי, וואו ש. ע. איז געוועזן אויף אַ באַזוך. — צום בריוו קומט אַ צושריפט פון איינעם פון די קאָלאָניסטן — אַ יוגנט־חבר פונם אַדרעסאַט.]

„אַליאַנס ניו־דזשוירסי“, 18־טן מערץ, 1907.

אָחי מידה, ידידי ורעי י. ח. רבניצקי!

סאיז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט קאָנען זיך טרעפן. פון די שורות, וואָס גייען נאָך מיין שריפטס, וועט איר שוין זען, ביי וועמען און פון וואַנען און אין וועמענס קעגנוואַרט איך שרייב אייך. געוויס וועט איר אַליין פאַרשטיין, אַז איך בין אין באַזוך פון די אידישע, אמת־אידישע קאָלאָניעס, און איך, שלום-עליכם, האָב זוכה געוועזן צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן אידישע קאָלאָניסטן, ערדאַרבעטער באמת, ניט געמלאכהט, נאָר טאַקע אַרבעטער ממש, ווי ביי אונז, להבדיל, די מוזשיקעס — און האָב געמאַכט שהחיינו און פאַר ווייטער. — אייער בילד האָב איך געפונען אין אַלבום[103]. עס איז אַן אומרעכט פון אייך און אַ גרויסע זינד, וואָס איר שרייבט ניט צו די מענטשן, וואָס זיינען פאַרפּלאָנטעט מיט אייער יוגנט. נו, צייט שליסן. איך וואַרט אויף אייער תשובה אויף די פריערדיקע בריוו מיינע, דעריבער שרייב איך אייך פון זיך גאָרניט. מע האָט מיר זייער אָפּגעלויבט אַן אַרטיקל פון ביאַליק ימח שמו איבער אונזערע משוררים, וואָס ער פאַרגעטערט זיי שלא לפי ערכם[104]... נאָר מן הסתם טוט דאָס דער ממזר, ווי די שניידערס, וואָס האָבן אָנגערופן יאָסל דעם שניידער „רב יאָסעלע“ נאָכן טויט, מצד רחמנות... גריסט אים, דעם שיבעניק, און גריסט אַלעמען.

שלום-עליכם.

46

צו דער רעדאַקציע פון „אונזער לעבן“

[פונם אָריגינאַל]

[די טאָגצייטונג „אונזער לעבן“ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין וואַרשע אָנהייב 1907. די אַרויס־געבער זיינען געוועזן ש. האָכבערג און זיין שוועער וויינטרויב. דער רעדאַקטאָר — מ. ספּעקטאָר. שלום־

[103] פון דעם הויז, וואו דער בריוו איז געשריבן געוואָרן. —

[104] געמיינט „שירתנו הצעירה“, וואָס ביאַליק האָט דעמאָלט געדרוקט אין „השלח“.

עליכם, זיצנדיק אין ניו־יאָרק, און אויך שפּעטער, קומענדיק צוריק קיין אייראָפּע, האָט מיטגעאַרבעט אין דער ציַיטונג איבער אַ יאָר ציַיט. ער האָט דאָרטן געדרוקט דעם „מבול" (וואָס האָט זיך גליַיכציַיטיק געדרוקט אויך אין דער ניו־יאָרקער „וואַרהייט") און אַנדערע זאַכן.]

ניו־יאָרק, 30־טן אַפּריל, 1907.

ליבע פריַינט ספּעקטאָר, וויַינטרויב און האָכבערג!

אויבוואויל איך האָב נאָך פון אַייך ניט קיין אַנטוואָרט אויף מיַינע צוויי בריוו (מיט די צוויי טראַנספּאָרטן פון מיַין ראָמאַן „דער מבול"), דאָך שיק איך אַייך מיַין נַייע דערציילונג לכבוד שבועות:

שפּרינצע

אַ שפּאָגל־נַייע מעשה פון טביה דעם מילכיקן (לכבוד שבועות), דערציילט פון טביהן אַליין און איבערגעגעבן וואָרט בײַ וואָרט פון

שלום־עליכם.

גאָט איז אַ גאָט, שלום־עליכם לעבט און טביה איז ניט געשטאָרבן. „שפּרינצע" — דאָס איז די זעקסטע דערציילונג פון מיַין בויבעריקער פריַינט טביה, וואָס האָט געהאַט די ערע באַקאַנט צו ווערן מיטן אידישן פּובליקום צום ערשטן אַרויספאָר אין ספּעקטאָרס „הויזפריַינד". פון דעמאָלט־אָן שיַינקט אונז טביה אַלע יאָר אַ נַייע מעשה, און וויפיל טעכטער, אַזויפיל מעשיות.

ווי איר זעט, האָט זיך טביה ניט איבערגעביטן אויף קיין האָר, ד. ה., וואָס איז שייך? די אומשטענדן האָבן זיך געביטן, די יאָרן האָבן געטאָן זייערס, אָבער טביה אַליין איז געבליבן דערזעלבער טביה, מיט דערזעלבער וועלטאַנשויאונג, מיט דיזעלבע געדאַנקען און פּרינציפּן, און אַפילו מיט דערזעלבער שפּראַך. עס וועט מיך פרייען, ווען מיַינע רוסישע ברידער און שוועסטער, וואָס לייענען אַמאָל אַ אידיש וואָרט, וועלן זיך זען מיטן אַלטן טביהן היַינטיקן שבועות און אָפּנעמען דורך אים אַ האַרצלאַכן גרוס פון זייער פריַינט

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פּ. ס. — אַנו, באַווייזט, אַז איר זיַינט אויך אַזעלכע דזשענטלמענס, ווי אַייער איבערגעבנסטער

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פאַקסימילע פון בריוו נומער 49.

ז ע ל ב ס ט ־ פ אַ ר ש ט ע נ ד ־ ל אַ ך, אַז „שפּרינצע" טאָר נישט געדרוקט ווערן פאַר שבועות, און נאָר אין דער ציַיטונג, און ניט אין קיין באַזונדער העפט, ניט פריער און ניט נאָכדעם, ניט איר און ניט קיין אַנדערער. —

47

צו די אַדעסער

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן נאָכדעם ווי ש. ע. איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע קיין זשענעווע, וואו ער איז פאַרבליבן וואוינען מיט דער פאַמיליע ביז זומער 1908.]

זשענעווע,
29־טן יוני,
1 9 0 7.

ידידים חביבים — רבניצקי, ביאַליק ולעווינסקי!

פון גענף פון דער שיינער שווייץ טוט צו אַייך גיין אַציַינד מיַין בריוו. איך בין געקומען אַהער רוען, אָבער וואָס רוען הייסט! און רוען בײַ שלום־עליכמען הייסט אָט וואָס: געקומען בין איך אַהער שוין באַלד צוויי וואָכן, האָב איך פאַר די צוויי וואָכן ניט געטאָן גאָרנישט, נאָר אָנגעשריבן דריי דער־

ציילונגען און אוועקגעשיקט זיי אין „טאָגעבלאַט" אין אַמעריקע, געקאָפּירט פון זיי פאַרן „פריינד", מיט וועלכן איך האָב מיך איבערגעבעטן נאָך אין ניו־יאָרק; דריי קליינע „הומאָרעסקעס" פאַרן „אַמעריקאַנער" (פון מאָטל פּייסי דעם חזנס מעשיות), געקאָפּירט פאַרן „דזשואיש וואָרלד" אין לאָנדאָן[105] און פאַרן „יוד. פאָלק" אין ווילנע (וועלכער האַלט, דאַכט מיר, ביי דער שטילער גסיסה); עפּעס אַ פאָר טוץ בריוולאַך צעשיקט אויף בײדע וועלטן, און אַ ביסל אַ שמעק געטאָן די בערג מיט די טייכלאַך פון דעם לאַנד, און אַ ביסל נעענטער זיך באַקענט מיט מיין אייגענער רעפּובליק, עפּעס באַלד אַ יאָר זיך ניט געזען. — דעם ייִדן האָב איך נאָך ניט באַזוכט[106], און בן־עמי, קאָן איך באַשטיין, זאָל זיך מטריח זיין צו מיר. — איך וואַרט אויף אייער קלאָרער תשובה, ערשטנס, צי איר לעבט נאָך? (אַז אָך און וויי איז אייך מיט אייער צווייטער דומע, וואָס איז מת געוואָרן, און אַז אָך און וויי איז אייך מיט אייער דריטער דומע, וואָס דאַרף געבאָרן ווערן — טוב שלא תברא משתברא...). און, צווייטנס, וואָס הערט זיך מכח פּיעסן? טעאַטער? עפּעס גלויבט זיך מיר קוים, אַז עס ליגט אייך אין זינען אַ טעאַטער! און אפשר? — שרייבט באַלד תשובה.

אייערער ווי געוועזן שלום־עליכם.

רבניצקי! איך גיב אייך צו לייזן געלט: שיקט מיר אַרויס תיכף ומיד „אהבת ציון" מאת מאפּו. שרייבט מיר, וואָס קאָסט, שיק איך אייך תיכף צוריק געלט. אויך מיינע „ספּורים ומעשיות לילדי ישורון"[107] עפּעס אַ צענדליק — אַלץ פאַר מעות מזומנים. גריסט פאַיען, מאָנישן און אַלע.

נ. ב. — נאָר־וואָס איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָדנע מחשבה: פאַר אַ צווייטער קאָלעקציע העברייאישע מעשיות פאַר קינדער זאָלט איר נעמען מיינע נייע מעשהלאַך פון מאָטל פּייסי דעם חזנס אינגל. זיי זיינען פאַר אייך ווי געוואונטשן. אַ פאָר שיק איך אייך פון זיי דאָ, אין דעם בריוו. נאָך וועל איך אייך שיקן שפּעטער — איך האָב זיי ניט אונטער דער האַנט. געדרוקט זיינען פון זיי 7. זיין וועט 12 אָדער 15. כאַפּט אַ קוק, איר וועט האָבן הנאה. ביאַליק וועט איינעמען אַ מיתה משונה. אָך, ווען ער זעצט זיי איבער אויף לשון־קודש!

48

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

[דער אַדרעסאַט האָט געהאַט צוגעשיקט שלום־עליכמען מאַפּוס „אהבת ציון" אין דער באַאַרבעטונג פון י. ח. טביוב. ש. ע. האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און אויסגעזידלט טביובן פאַר זיין באַקאַנטער פראַזע: „מעולם לא טנפתי את עטי בזרגון" („איך האָב קיינמאָל ניט פאַרפאַטשקעט מיין פעדער מיטן זשאַרגאָן") — וואָס יענער האָט דאָך ניט אויסגעהאַלטן, ווייל אין דער ווילנער „צייט" האָט ער יאָ געשריבן אידיש.]

זשענעווע, 16־טן יולי, 1907.

ידידי רבניצקי!

גזלן! רוצח! „אהבת ציון" של מאפּו ולא של טביוב. ילך טביוב לכל השנים השחורות! של מאפּו שלח לי! „אהבת ציון", ספּור־אהבים של אַ. מאפּו. אותו „אהבת ציון" שקראנו אנחנו ואבותינו, בעת שטביוב היה ערום ויחף ולא היה עדיין מטנף את ידו בזרגון ולא היה מטנף את מאפּו... — — —

שלום־עליכם.

[די אידישע איבערזעצונג. — גזלן! רוצח! „אהבת ציון" פון מאַפּו און ניט פון טביוב. זאָל טביוב גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר! מאַפּוס שיק מיר! „אהבת ציון", אַ ראָמאַן פון אַ. מאַפּו. דעמזעלבן „אהבת ציון", וואָס מיר און אונזערע טאַטעס האָבן געלייענט, בשעת טביוב איז נאָך געווען נאַקעט און באָרוועס און האָט נאָך ניט פאַרפאַטשקעט זיינע הענט מיטן „זרגון" און האָט נאָך ניט פאַרפאַטשקעט מאַפּון... — — —]

49

צו ח. נ. ביאַליק

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן אויף אַן אַנזיכטס־קאַרט פון די שווייצערישע בערג. דאָס קאַרטל שטעלט־פאָר, ווי פיר פּערזאָן קלעטערן אויף די גלעטשערס. שלום־עליכם האָט דעם צווייטן טייל פונם בריוו (דעם שמועס צווישן די פיר שריפטשטעלער) אָנגעשריבן אויפן סאַמע בילד, דערביי האָט ער בן־עמין באַצייכנט מיט דעם, וואָס שטייט אויפן שפּיץ באַרג, זיך און מענדעלין — מיט די צוויי, וואָס קלעטערן אינמיטן באַרג, און ביאַליקן — מיט דעם, וואָס שטייט אונטן און בלאָזט אינם האָרן. — ביאַליק האָט זיך דעמאָלט געקליבן פאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג, און שלום־עליכם, וואָס האָט זיך ביז יענער צייט פערזענלאַך מיט אים ניט געטראָפן, האָט אים אײנגעלאַדן צו זיך אין זשענעווע. אויפן קאָנגרעס אין האַג האָבן זיך ביידע שריפטשטעלער באַקענט (זייער ערשטע באַגעגעניש האָט ש. ע. באַשריבן אין זיינע „קאָנגרעס־בילדער", וואָס האָבן זיך געדרוקט אינם ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט"), און שפּעטער איז ביאַליק געקומען קיין זשענעווע און האָט דאָרט פאַרבראַכט מיט שלום־עליכמען, מיט מענדעלין און מיט בן־עמין אַ וואָך צייט. דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון די פיר שריפטשטעלער אין די שווייצערישע בערג האָט געדינט שלום־עליכמען פאַר אַ סוזשעט צו זיין „פיר זיינען מיר געזעסן". ש. ע. האָט אויך עטלאַכע

[105] די „דזשואיש וואָרלד" האָט געהאַט אַ אידישע אַפּטיילונג. — [106] מענדעלי האָט דעמאָלט געוואוינט אין זשענעווע. — [107] געמיינט „ספּורים ומעשיות". אַרויסגעגעבן פון „מוריה".

וואכן פאר זיין טויט, צו ביאליקס יובילוי, באשריבן זיין ערשטע באגעגעניש מיט ביאליקן אין א באזונ־דער ארטיקל: „מיין באקאנטשאפט מיט ח. נ. ביא־ליק", וואו עס ווערט, אגב, דערציילט די מעשה מיט די שטעקשיך, וואס ווערט באהאנדלט אינם נעקסטן בריוו.]

[זשענעווע, אן א דאטום.]

ביאליק יקירי!

אצינד, אז איר וועט זיך דערזען אויפן מאנבלאן, וועט אייך אפשר אנכאפן א חשק און איר וועט זיך פארט ארפכאפן צו „אונז" אין דער שווייץ? מיר קוקן דא ארויס אויף אייך, ווי אויף משיחן, אלע, און דער אלטער ווייסער הויכער מאנבלאן אויך. קומט, וועט איר זיך דראפען מיט אונז צוזאמען.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

(א)

ב ן ־ ע מ י.

— ווער פייפט דאס דארט אונטערן מאנבלאן א תקיעה גדולה? איך וואלט געמעגט שווערן, אז סאיז ביאליק!... זיידעניו! שלום-עליכם! טוט נאר א קוק צוריק!... סאיז ער, טפו זאל דאס ווערן, ווי איך בין א איד — סאיז ביאליק! זעט נאר! וואס הערט זיך אין אדעם? זינט איך לעב!

(ב)

מ נ ד ל י מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם.

— מילא נו, ביאליק! ערשטנס, צוריק קוקט מען ניט — עס שטייט: אל תביט אחריך... און אגב קאן מען טאקע פאלן אויך... נישקשה, ביאליק קאן זיין אונטן. אן אומגליק, עס וועט זיין ווינצי־קער מיט א אידן אויפן מאנבלאן!

(ג)

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

— דער זיידע איז גערעכט; האט ער געזאלט קומען פריער, דער שלים-מזל!... אוי! האלט נאר גוט די שטריק! בן-עמי! סאיז גליטשיק סכנת-נפשות! אט פאל איך ווידער א מאל.

(ד)

ב י א ל י ק.

— רב מנדלי! בן-עמי! ושלום-עליכם!
אני שוחק על משבתיכם!
הנני הולך ברגלים, ומרגיש כנפים!
כי יש לי הכל, שופר ומקל,
„השלח" בצלחתי, ליובאשיצקי באמתחתי,
ומבן־אביגדור אגרת, שהיא בפירוש אומרת:
לכשירחיב את גבולו, ישלם לי את תגמולו,
כהנה וכהנה, ממצרים ועד הנה! [108]...

50

צו דעמזעלבן

[פון א קאפיע]

אוי, ביאליק! ביאליק!

איר זיינט אוועקגעפארן און — ווי אין וואסער אריין. ווי אזוי שרייבט דאס ניט א מענטש א בריוול? איך האב צו אייך, זאלט איר וויסן, א גערוס. טרעפט, פון וועמען? פון אייערע שיך, פון אייערע שטעקשיך. אויף מארגן נאך אייער אפרייזע פון דער שווייץ בין איך אויפגעשטאנען, ווי אלע מאל, גאנץ פרי, און, ווי אלע מאל, אנגעבויגן זיך אונטערן בעט נאך מיינע שיך. איך טו א קוק — א פאר שיך, גאנץ אומבא־קאנטע שיך, קעסטלדיקע שטעקשיך מיט לעדערנע נעזלאך. איך באטראכט די שיך — נאך גאנץ גוטע שיך, נייע שיך! וועמענס איז דאס שיך? ערשט עס לאזט זיך אויס א מעשה: סאיז ביאליקס שיך! ווי קומט אהער ביאליקס שיך? מסתמא האט ער פארגעסן די שיך? און אפשר האט ער דאס מיר געלאזט א מתנה זיינע שיך? בקיצור, סאיז געווארן א טארעראם אין שטוב: שיך — שיך, שיך — שיך!... קודם האט זיך באוויזן טיסי און איז ארויס מיט א טענה, אז די שיך דארפן זיין אירע שיך. איר בער־קאוויטש איז מיט ביאליקן גאר איינס, קומט איר די שיך. איז ארויס די צווייטע מיינע, ליאלי, די וואס שטודירט אויף דאקטאר־מעדיצין: די שיך דארפן זיין על־פי יושר, זאגט זי, אירע שיך. וואס איז די מעשה? אזוי. זי האט ניט קיין שטעקשיך. זי האט שוין, זאגט זי, לאנג חשק קויפן שיך. זאגט עמא, די דריטע הייסט עס, אז די שיך מעגן זיין אירע שיך, ווארים זי האט אודאי ניט קיין שיך! טענהט די קלענערע, מארוסי, אז איר נשמה איז אויך ניט פון קלאטשע, די שיך וויינען גוט אויף איר אויך. דערהערט נומטשיק, אז מע רעדט פון שיך, וויל ער גאר ניט וויסן, וואס פאר שיך, און צעשרייט זיך: מאמע, איך וויל שיך! פונם געפילדער כאפט זיך אויף מישא און מאכט א פאגראם; די שיך, זאגט ער, זיינען זיינע שיך, ווארים ביאליק איז ניט געשלאפן מיט קיינעם, נאר מיט אים, געהערן אים די שיך „על־פי סאוועסט". דערווייל קומט־אן בן־עמי מיט זיין טאכטער סארע און ווערט

[108] רב מענדעלי, בן־עמי און שלום־עליכם! איך לאך פון אייער באבע! איך גיי מיט פיס, און שפיר פליגלען! ווארים איך האב אלצדינג, א שופר מיט א שטעקן, דעם „השלוח" אין מיין טאש, ליובאשיצקין [א העברייאישן פאעט] אין מיין זאק, און פון בן־אביגדורן א בריוול, וואס זאגט בפירוש: אז גאט וועט העלפן, וועט ער באצאלן וואס מיר קומט, כפל־כפלים, פון דאנען ביז מצרים!...

געוואר פון די שיך, — זאגט ער, אז די שיך קומען אים, ווארים ווען ניט דער אינצידענט מיט ראש־השנה [109], וואלט דאך ביאליק פארפארן געוויס צו א י ם און וואלט איבערגעלאזט די שיך געוויס ביי א י ם. נאטירלאך, פאטאקעוועט אים סארע און ווארפט מיט אויגן אויף די שיך; פאלן מיכה מיט תמרען [110] אויף א פשרה און זאגן: ווייסט איר וואס? לאז זיין מיר א שוך און תמרען א שוך. בקיצור, מיר זיינען געגאנגען צום זיידן פרעגן א שאלה וועגן די שיך, וועמען עס זאלן געהערן די שיך? אויס־געהערט די טענות פון די שיך מיט צוגעמאכטע אויגן און מיט א שמייכעלע אויף די ליפן, פסקעט דער זיידע רב מענדעלי: אזוי ווי די שיך זיינען פארגעסענע שיך, הפקר הייסט עס, און אזוי ווי אלע ווילן די שיך, זאל מען די שיך בעסער אריבערטראגן צו אים, צום זיידן הייסט עס, און דארט זאלן די שיך שטיין עד שיבוא אליהו. פונם פסק־דין איז געוועזן צופרידן נאר איין בן־עמי: ער האט זיך דערמאנט אינם פסוק „ניט מיר, ניט דיר"... נאר איך בין ניט צופרידן, און דערווייל שטייען די שיך ביי מיר. איך רעכן, אם ירצה השם, איינגיכן אייך אריבערפעקלען קיין אדעס די שיך, געוויינטלאך, ניטביידע שיך מיט א מאל; איין שוך וועל איך אייך אפשיקן תיכף נאך סוכות און דעם אנדערן שוך וועל איך צושיקן אויף פסח, וועט איר שוין האבן ביידע שיך. — און מחמת איר קערט אודאי בייגקען נאך די שיך, האב איך געלאזט פאטאגראפירן ביידע שיך, און איך שיק אייך דא א בילד פון אייערע שיך מיט א פריינטלאכן גערוס פון אונז אלע און פון אייערע שיך, וואס געפינען זיך לעת־עתה ביי מיר אויף די פיס, מחמת איך האב טאקע ניט קיין שיך, אחוץ אייערע שיך, און א דאנק אייך פאר די שיך, תמיד, אלע זומער זאלט איר קומען צו אונז מיט נייע שיך און זאלט אונז איבערלאזן א פאר שיך, ווארים איך בין דערגאנגען א פראקטיקע, אז סאיז בעסער מיט שיך ווי אן שיך, ובפרט נאך אזעלכע שיינע שיך, ווי אייערע שיך, וואס זיינען צווישן שיך די בעסטע שיך.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

מחרת יום־הכפורים תרס"ח.

51

צו מרדכי ספעקטאר

[פונם אריגינאל]

[פון דעם בריוו איז צו זען, ווי אזוי געוויסע פאר־לעגער האבן עקספלואטירט שלום־עליכמס ארבעט אויפן שענדלאכסטן אופן. עס רעדט זיך דא וועגן דעם „מבול", וואס האט זיך געדרוקט אין „אונזער לעבן" און ש. ע. האט פאר אים באקומען האנאראר סך־הכל 150 רובל. נאר דאס איז נאך געווען קארג — האבן די ארויסגעבער פון דערזעלבער ציטונג בשתיקה געלאזט מאטריצן פון דעם ראמאן און געדרוקט אים באזונדער העפטנווייז, פארקויפט אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפלארן און געמאכט דערפון א פא־מעגן. ש. ע. האט זיך וועגן דעם דערוואוסט לאחר המעשה, און זיינע פראטעסטן האבן שוין ניט געקאנט העלפן. ער האט געהאט טענות צו ספעקטארן, וועלכער איז געווען איינער פון די שותפים און רעדאקטאר פון „אונזער לעבן", למאי ער האט אים דערפון גאר־נישט ניט געשריבן. עס האט זיך אבער שפעטער ארויסגעוויזן, אז ספעקטאר האט געהאט מיט די בעלי־בתים פון דער ציטונג זיינע אייגענע סכסוכים. — עס דארף דא באמערקט ווערן, אז אין דער צייט, וואס די ארויסגעבער פון „אונזער לעבן" זיינען רייך געווארן פונם „מבול", איז שלום־עליכם געזעסן אין בערלין אינגאנצן אן מיטלען און זיין פאמיליע אין דער שווייץ האט דורכגעלעבט טעג פון ביטערער נויט.]

בערלין, 23־טן יאנואר, 1908.

ברודער!

אלזא, דו שווייגסט.

— — — . דערווייל, אזוי ווי איך ווארט נאך אויף דיין ענטפער, טייל איך דיר מיט, אז איך האב באקומען א בריוו פון „זיי" [111]. ערשטנס, שרייבן זיי מיר, אז אלץ, וואס מע האט מיר דא דערציילט וועגן „מבול", איז שקר וכזב! און מיניה־וביה קומט מיר אן פון דער רעדאקציע א פעקל מיט צוועלף ביכלאך צו 5 קאפ. א שטיק. צווייטנס, שרייבן זיי מיר, אז די מאטריצן מיט די ביכלאך וועלן זיי איבערגעבן לויט מיין באפויל, נאר זיי פאדערן געלט, דען זיי האבן א ס ך ג ע ל ט אריינגעלייגט אין די סעפאראט־ביכלאך (!). דריטנס, לייגן זיי מיר בעסער פאר א גאנצע סומע געלט פאר מיין „ג ו ט פ ר י י נ ט ש א פ ט", און לאז דאס בלייבן פא־סטאראמו, ד. ה. איך זאל זיי שרייבן אלע טאג א פעליעטאנטשיקל און זיי זאלן זיך דרוקן ביכלאך, פארקויפן [112] מאטריצן, פלאטן, א. א. וו., א. א. וו., אויף דור דורות! אנו, טרעף, וואס פאר א סומע געלט זיי לייגן מיר פאר (און דאס זאל שוין זיין ביז 1 יאנואר 1909)? נאך גאנצע צוויי הונדער־טער!!!!! איך האב נאך ניט געענטפערט גארניט. איך ווארט אויף דיין בריוו.

ברודער! איך האב צוויי וועגן צו זיי: ביידע זיינען פאר דיר ניט גינסטיק.

1) איך זאל קומען קיין ווארשע. דאן בין איך ניט מקנא ניט זיי, ניט דיר, דען דו וועסט דאך מוזן נאכשלעפן זיך מיט זיי. דו וועסט דאך מוזן זיין אדער ז י י ע ר ע ר, אדער מ י י נ ע ר. וועסטו זיין זייערער — ביזטו דאך א פאדלעץ קעגן ד י י ן שלום־עליכמען, וואס דו ווייסט אין דיין טיפן געוויסן, אז

[109] ביאליק איז אנגעקומען אין זשענעווע אום ראש־השנה, פון וואס דער פרומער בן־עמי איז געווען ניט־צופרידן. — [110] בן־עמים אינגערע קינדער.

[111] געמיינט די ארויסגעבער פון „אונזער לעבן". — [112] עס דארף זיין: מ א כ ן.

ער איז ד י י נ ע ר און אז ער האט ביי דיר קיין פאדלאסט ניט פארדינט. ווערסטו זיין מ י י נ ע ר — פארלירסטו ביי זיי די שטעלע, און זיי וועלן דיך באלד ארויסדאסן (און זיי ו ו ע ל ן דאס טון, קאנסט זיין זיכער).

2) איך זאל אויפהייבן א שטורימווינט אין דער פרעסע — דאן איז אז אך און וויי יעדן, וואס איז געשטאנען אויפן שילד פון „אונזער לעבן", דען אין סדום איז אויך נישט געטאן געווארן אזא זאך, מע זאל ירשענען א מענטשן פאר זיין לעבן אויף זיינע אויגן — פארוואס? דערפאר, וואס ער האט געוואלט אונטערהאלטן גוטפריינטשאפט!

אלזא, איז דא א ד ר י ט ע ר וועג. דאס איז דער וועג פון ש ל ו ם. אויף דעם דרך קאן די זאך געלייזט ווערן אין צוויי מינוט:

א) דאס וואס מע האט זיך באנוצט מיט מיין נאמען און מיט מיין מאטעריאל, 140,000 [113] שורות („מבול") פאר 150 רובל — בין איך מוחל.

ב) דאס וואס מע האט געדרוקט באזונדערע ביכלאך, וועלכע ווערן פ א ר ק ו י פ ט ב כ ל ת פ ו צ ו ת י ש ר א ל צו 5 קאפ. — בין איך (ביז 31 דעצעמבער 1907) מוחל.

ג) איצט טאר מער ניט פארקויפט ווערן קיין איין איינציק בלעטל פון „מבול", ווארים סאיז מעשה סדום! איך וועל איבערקערן די וועלט, איך וועל ניט דערלאזן!

ד) אלע מאטריצן, פלאטן א. ד. ג., ווי אויך אלע שוין־אפגעדרוקטע ביכלאך, דארפן זאפארט אפגעגעבן ווערן מיר צו די הענט (א י ך ו ו ע ל ש ו י ן א נ ו ו י י ז ן ו ו ע מ ע ן), ניט צו לידסקין [114], ניט צו קיין אנדערן, נאר צו מיר — און אן א שום באלוינונג — דאס איז דער איינציקער קנס פאר דער גזילה — און דאן איז אלעס ווי געוועז, שלום ושלוה — שא! נ א ט א ב ע נ ע: טאמער וועלן זיי איבערלאזן זיך איין איינציקן עקזעמפלאר אויף צו פארקויפן, וועל איך געווים געווארע ווערן, און עס וועט זיך טון חושך. זיי דארפן זיך געזעגענען מיטן „מבול" און פארגעסן. — ענטפער באלד.

דיין פריינט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

52

צו ישראל י. זעווין (תשר"ק)

[פון א קאפיע]

[דער אדרעסאט איז דעמאלט געווען דער ליטערא־רישער רעדאקטאר פונם ניו־יארקער „טאגעבלאט". ש. ע. האט צוגעשיקט צום „טאגעבלאט" זיין „וואקיישאן" (שפעטער באארבעט אונטערן טיטל „פיר זיינען מיר געזעסן"), אלץ א גאנצע זאך, נאר דער רעדאקטאר האט פארגעלייגט, צוליב טעכנישער באקוועמלאכקייט, צו טיילן עס אויף קאפיטלען, אונטער פארשיידענע טיטלען. — דא ווערט אויך גערעדט וועגן א פארלע־גערישער גנבה, וואס איז דעמאלט געמאכט געווארן אין ניו־יארק פון שלום־עליכמס ווערק: צוויי יונגע פארלעגער, „אנפאנגער", האבן דעביוטירט אויפן ביכערמארק דערמיט, וואס זיי האבן ארויסגעגעבן, אן שלום־עליכמס וויסן, עטלאכע מעשיות פון זיין „גאנץ בארדיטשעוו".]

בערלין, 24־טן יאנואר, 1908.

זייער געערטער קאלעגע מר. תשר"ק!

בערקאוויטש שרייבט מיר וועגן מיין „וואקיישאן", אז איר ווילט אים ברעקלען, אום ער זאל גיין אונטער פארשיידענע טיטלען. איך בין איינפערשטאנדען. געווים וועל איך אבער בעטן פ ו ן א י י ך, אז איר זאלט דאס מאכן „פיינטשיק", ווי אזא „בעל־מלאכה" ווי א י ר דארף דאס מאכן. מיר, „שניידערס", פאר־שטייען איינס דאס אנדערע נאך די „שטעך" און נאך דער „סטריגעוואניע". איר זאלט נישט מאכן קיין צו לאנגע „פאליבאנעס" און סזאל ניט קוועטשן אונטער די „פאכוועס". דארט וואו מע דארף „פראשוועס", זאלט איר מאכן „פראשוועס", אבער ניט פון פרעמדער „מאטעריע", נאר פון מיין אייגענער. האקט דעם „סטאן", נאר גוט „געפרעסט" מיטן אייזן. כאפט דעם „פינגערהוט" און „פארווארפט" א צוויי ערטער דא און דארט — מע דארף אייך לאנג נישט זאגן, איך זע אייער ארבעט אפטלאך אין גאס, איר זיינט א בעל־מלאכה, לאמיר נעמען צו קאפלאך און א ביסל שמועסן וועגן „יתור", א רוח אין זייער טאטן, די גנבים טאקע אייערע מיין איך, וואס אין אמעריטשקע. איך האב מיך נאר ארויסגעכאפט אויף א מינוטקעלע קיין יוראפ, מיינען זיי, סא גוטן טאג מיט דער קאפאטע, און דאוואי צו דער פאליצע, ארויסגענומען א פאר קאפיט־לאך פון מיין „גאנץ בארדיטשעוו" און ארויסגעגעבן פון עפעס צוויי באד־יונגלאך רעזניק ענד קאפלאן, 168 הענרי סטריט, ניו־יארק. עס וואלט געווען א יושר, ברודער, איר זאלט זיי נעמען צו דער ארבעט, אט די באד־יונגען, וואס קריכן צו פרעמדן איינגעמאכטס, ווארים אז איך וועל זיך צו זיי נעמען, וועט זיי זיין אז אך און וויי! טאמער וועט איר זיך מיט זיי באגע־גענען — איר גייט דאך אלע וואך אין באד אריין — און וועט זען דארט אין באד ביי דער טיר אט די צוויי נפשות, רעזניק ענד קאפלאן פון 168 הענרי סטריט, זאלט איר זיי לאזן גריסן און זאגן, זיי זאלן זיך ניט מטריח זיין מער ארויסצוגעבן שלום־עליכמען אן שלום־עליכמס וויסן, ווארים שלום־עליכם לעבט נאך און קומט, אם ירצה השם, צו פארן קיין ארעמיקע, וועט ער שוין אליין ארויסגעבן זיין „בארדיטשעוו" מיט זיינע אנדערע „שטעט", און זיי וועט ער פאר זייער טרחה באדאנקען לויט זייער פארדינסט. און לאז גאט

[113] סאיז א טעות: עס האט באדארפט מסתמא זיין: 14,000 שורות. — [114] א ווארשעווער פארלעגער.

געבן אַלע אידן געזונט און הצלחה, און גנבים, מהכתיתי, לאָזן באַקומען זייערס, בכדי מע זאָל מער ניט האָרכן פון קיין גנבות ביי אידן, ווי עס ווינטשט אייך אייער חבר, וואָס אַרבעט מיט אייך ביי איין וואַרסטאַק,

שלום-עליכם.

53

צו ראובן בריינין

[פון אַ קאָפּיע]

בערלין, 17־טן פעברואַר, 1908.

חבר וּאָח, בריינין יקירי!

ברגע [זה] קראתי את מאמרך עלי, ואעפ"י שהפרזת על המידה יותר מדי (נעים מאד להיות ענו בכלל, והעניוות שלי תאַלצני להתגאות בעיני ולחשוב: אפשר באמת גדול אָנכי, כמו שאומרים עלי?), צריך אני להגיד לך — את תודתי? לא! את שבחך בפניך בעבור הסגנון והלשון. לוא בא לידי לדבר אדות סופר אחד כמענדעלי מו"ס וכיוצא בו, לא יכולתי אני לכתוב יפה מכפי שכתבת אתה בלשון העם. הרשני נא להשתמש במליצה קטנה: דבש וחלב תחת לשונך ועט־זהב לך בכל לשון. מעולם לא חלמתי לראות את בריינין ממלל „זשאַרגאָן" ככה! — ע"ד הנאיוויטעט שלי לפעמים — יפה דברת. אלא שטעית במחילת כבודך לחשוב עלי אָון ועון, שאולי הוא „וויטץ" מלפני; המקור האמתי של זה הוא טפשות, — פשוט! פשוט!

ופרוס נא בשלום ביתך זו אשתך.

שלום-עליכם.

[די אידישע איבערזעצונג. — חבר און ברודער, מיין טייערער בריינין! אין דער מינוט האָב איך דורכגעלייענט דיין אַרטיקל וועגן מיר[115], און כאָטש דו האָסט אַריבערגעכאַפּט די מאָס שוין צופיל (סאיז זייער איינגענעם בכלל צו זיין באַשיידן, און מיין באַשיידנקייט צווינגט מיך צו האַלטן זיך גרויס ביי זיך אין די אויגן און אַ טראַכט טון: אפשר בין איך באמת גרויס, ווי מע זאָגט אויף מיר?), דאַרף איך דיר אַרויסזאָגן — מיין דאַנק? ניין! אַ קאָמפּלימענט דיר אין די אויגן פאַר דעם סטיל און דער שפּראַך. ווען מיר קומט־אויס צו ריידן וועגן אַזאַ שרייבער, ווי מענדעלי מוכר־ספרים און זיין גלייכן, וואָלט איך ניט געקאָנט שרייבן שענער, ווי דו האָסט געשריבן אויף דער פאָלקסשפּראַך. דערלויב מיר צו באַנוצן זיך מיט אַ קליינער מליצה: האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג און דו פאַרמאָגסט אַ גאָלדענע פעדער אין יעדער שפּראַך. איך האָב קיינמאָל ניט געחלומט צו זען בריינינען רײדנדיק אַזוי „זשאַר־גאָן"! — וועגן מיין נאַאיוויטעט אָפטמאָל[116] — האָסטו גוט געזאָגט. נאָר דו האָסט מחילה אַ טעות געמאַכט צו טראַכטן אויף מיר שלעכטס, אַז סאיז אפשר ביי מיר אַזאַ „וויץ"; דער אמתער קוואַל פון דעם איז טיפּשות — פשוט! פשוט!

גרים פון מיינטוועגן דיין הויז, דאָס הייסט דיין פרוי.]

54

צו ישׂראל י. זעווין (תשר"ק)

[פון אַ קאָפּיע]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דער קאָמעדיע „דער אוצר", וואָס ש. ע. האָט דעמאָלט אָנגעשריבן און צוגעשיקט קיין ניו־יאָרק אויף אויפצופירן. ש. ע. האָט די קאָמעדיע פאָרגעלייענט דעם 21־טן פעברואַר, 1908, אין זשענעווער „האַנדוועקזאַל" פאַר דער דאָר־טיקער אידישער קאָלאָניע, און ה. גירשקאָן (צבי הירשקאַן) האָט געשריבן איבער איר אַ רעצענזיע אין „אונזער לעבן". — אינם פּאָסט־סקריפּטום פון דעם בריוו רעדט ש. ע. פון תשר"קס אַ סקיצע, געדרוקט אין „טאַגעבלאַט", אין וועלכער סאיז געגעבן געוואָרן, פאַרשטעלטערהייט, אַ כאַראַקטער־בילד פונם ניו־יאָרקער משכיל אַ. א. לובאַרסקי.]

[זשענעווע], 26־טן מערץ, 1908.

געערטער קאָלעגע און פריינט תשר"ק!

אַט־ערשט האָט מען מיר צוגעשיקט אייער בריוו פון 24 פעבר. פון בערלין. היינט שיק איך אייך אויפן נאָמען פון דער רעדאַקציע צוויי נומערן פון „אונזער לעבן", וואו עס געפינט זיך אַ רעצענזיע אויף מיין „אוצר". — — — . גראַדע איצט געפינט זיך דער „אוצר" אין ניו־יאָרק ביי מיין בערקאָוויטשן. איך האָב אים באַפולמעכטיקט, ער זאָל אונטערהאַנדלען מיט דעם נשר הגדול (מיט אַדלערן), פאַר וועלכן, אייגנטלאַך, איך האָב באַשאַפן אַ טיפּ פון אַ אידישן אידן, פון אַ מאמין, פון אַן אולטראַ־בעל־בטחון — אַן עקסטראַקט פונם אידנטום. דאָס איז שוין איין מאָל אַ איד! לוי מאָזגאָוואָיער הייסט ער, פון די מאָזגאָוואָיערס. — — — . אין דעם מאָמענט פיל איך דאָ, אַז דאָרט דינגט מען זיך איבער דעם, ווי איבער אַן אָקס. מע וויל קויפן דעם אָקס וואָס ביליקער, און מע קוקט, אַז ניט נאָר פלייש, נאָר חלב זאָל ער געבן, דער אָקס, און פעל זאָל זיין אַזעלכע, וואָס זי אַליין זאָל ווערט זיין דאָס געלט... גלות! גלות!... עבדות בתוך חירות... מיר, אידישע משטיינסגעזאָגט־ליטעראַטן, זיינען דאָרט אינם פרייען לאַנד מער פאַר־שקלאַפט אַלס אַלע אַנדערע פאַרשקלאַפטע דורכן קאַפּי־טאַליזם... — נאָר גאָרנישט. כאָטש פּאָקרישקע. אַלץ ביז אַ צייט. עס וועט אַמאָל אויף אונזער בלאָטקעלע אויך געבן אַ שיין די ליכטיקע זון, און מיר וועלן זיך אויך אַמאָל פּאָליאָסקען, ווי די חזירים... די באָסעס מיין איך, מיט די מענעדזשערס, מיט די איבעריקע ווילדע חיות. שרייבט תשובה.

שלום-עליכם.

[115] אין „אונזער לעבן". — [116] בריינין האָט געשריבן, אַז דאָס, וואָס ש. ע. איז אין פערזענלאַכן לעבן אָפטמאָל נאַאיוו ווי אַ קינד, איז דאָס אפשר אויך פון אים אַ וויץ.

פ. ס. — געוויס האָב איך דעם פאַרשוין פון צוויי וועלטן מאָמענטאַל דערקענט. נאָך אַ מין דערקענען! אָפּגעשונדן! איך האָב אים ערשט נעכטן געשריבן אַ מכתב. ער איז אַן אמתער פריינט פון אידן און פון אידישער ליטעראַטור, — אויף וויפיל איך קען אים. ער איז אַ פּרי פון די פּירות, וואָס שטאַרבן־אָפּ ביי אונז און לאָזן נישט איבער נאָך זיך קיין בעסערע...

ידידכם הנ"ל.

55
צו מרדכי ספּעקטאָר
[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך פונם „אָוונט פון די אידישע שרייבער“, וואָס איז דעמאָלט געגעבן געוואָרן אין אַדעס לטובת דער אַלמנה פון יהודה שטיינבערג. אין יענעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: מענדעלי, שלום־עליכם, פרוג, ביאַליק, אַש און הירשביין.]

[אַדעס], 23־טן יוני, 1908.

ברודער ספּעקטאָר!

אין דער רעדאַקציע[117] האָב איך צוגעשיקט היינטיקע בלעטער פון אַדעס. סאיז אוממעגלאַך צו באַשרייבן וואָס דאָ טוט זיך! דער אָוונט וועט, וואַרשיינלאַך, בלייבן אַ היסטאָרישער פאַר אַדעס. די אַלמנה שטיינבערג וועט געהאָלפן ווערן. סאיז שוין דאָ אַריבער 2000 רובל פון בילעטן. אַחר הוצאות קאָן איר בלייבן 1500 רובל — דאָס איז שיין. היינט דער מאָראַלישער ערפאָלג! איך האָב מורא פאַר הריגות ביים טעאַטער. איך זאָג עס ערנסט. מע האָט געמוזט באַזאָרגן פּאָליציע. אידן ווילן ניט וויסן פון בילעטן־שמילעטן — זיי ווילן זען אַלע זעקס שריפטשטעלער, און אַן עק!

דיין שלום־עליכם.

56
צו דעמזעלבן
[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען ש. ע. איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און האָט אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט.]

צום גדליה תרס"ט, באַראַנאָוויטש.

ברודער ספּעקטאָר!

ליידער, קאָן איך קיין סך ניט שרייבן, קיין ביסל אויך ניט. נאָר ווי אַזוי שרייבט מען ניט ספּעקטאָרן כאָטש אַ פּאָר שורות? — הכלל, איז וואָס הייסט עס? גאָרנישט! געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט, זיך אויסגעריסן פונם מלאך־המות. אָפּגעבעטן זיך אויף אַ קורצער צייט, ביז איך וועל אָנשרייבן אַלצדינג, וואָס איך האָב באַאַרבעטן עפּעס אַ פּאָר הונדערט סוזשעטלאַך, וואָס באָמבלען זיך אין מוח, צורעכט מאַכן אַלעם פריערדיקע, איבערטראָגן מיין גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון „זשאַרגאָן“ אין העברייאיש (פּונקט דער היפּך פון דעם, וואָס אונזער גוטער נאַאיווער טאַלאַנטפולער אַש האָט אונז געלאָזט הערן אין טשערנאָוויץ[118]!), און נאָכדעם, אַז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט דעם אַלעם, איז מהכתיתי, זייט זשע מוחל, פּאַני מלאך־המות!... וועגן צייט רייד איך ניט מיט אים. צייט איז ביי גאָט. שטאַרק כאַפּן זיך איז ניטאָ וואָס; מע וועט ניט פאַרשפּעטיקן... הקיצור, שלום־עליכם לעבט און איז גרייט פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צום שרייבן מיט נייע פרישע



שלום־עליכם און זיין זון נומאַ אויף דאַטשע
[פּאָלעניצע, ביי וואַרשע, יולי 1908].

כלים, איז אָבער דער דאָקטאָר, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! ער לאָזט ניט! און אגב איז טאַקע קיין כח אויך ניטאָ. די פיס ווילן ניט גיין (שקצים!). די הענט ווילן אויך ניט פאָלגן (עזות־פּנימער!). און דער קאָפּ דרייט זיך (אַ פּאַטעפּאַלנאָסט פון אַ קאָפּ!). און אַליין בין איך אויך עפּעס נישט מיט אַלעמען! — איך ווינטש דיר אַ גליקלאַך יאָר מיט דיין ווייב.

דיינער ווי תמיד, ווי אַמאָל־אַמאָל —

שלום־עליכם.

[117] און „אונזער לעבן“.

[118] דעמאָלט איז פאָרגעקומען די באַרימטע טשערנאָוויצער קאָנפערענץ וועגן דער אידישער שפּראַך און קולטור.

57

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דאָס בריוול איז געשריבן ערב דעם פינפאונצוואַנציק-יאָריקן יובילײ פון שלום-עליכם, וואָס זײַן פײַע-רונג האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע, אין דער צײַט וואָס ש. ע. האָט זיך געפונען אַ קראַנקער אין נערווי. — די אותיות פון דעם דאָזיקן בריוו זײַנען ערטערווײַז פאַרפלעקט פון טרערן.]

נערווי (איטאַליע), פּענסיאָן ביו סיטע.
21־טן אָקטאָבער, 1908.

ברודער ספּעקטאָר! דאַרפסט אַליין פאַרשטיין מײַן האַרץ. אין דער צײַט ווען דאָרטן, אין דער ליבער היים, פרייען זיך אידן מיט מײַן יום־טוב, בין איך דאָ אַליין, קראַנק, פאַרוואָרפן, אָפּגעריסן, און וויין, און גיס מיט טרערן. . . . .
. . . .

איך קאָן ניט שרײַבן מער.

שוין באַלד 25 יאָר דײַנער
ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

58

צו די אַדעסער פרײַנט

[פונם אָריגינאַל]

נערווי (איטאַליע), ווילאַ בריאַנד.
6־טן דעצעמבער, 1908.

ידידים אהובים, כולם ברורים, כולם גבורים, וכו׳ וכו׳, הארי שבחבורה רב מנדלי זקננו, ביאַליק, לעווינ-סקי ורבניצקי — שלום!

פון דעם בריפנשטעלער־כתב מיט די פּערלדיקע אותיות אַ לאַ אַבראַמאָוויטש זעט איר שוין אַרויס, אַז שלום־עליכם איז מער אויף דער וועלט, ווי אויף יענער וועלט. נישט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שעה צו שעה פיל איך מיך אַלץ בעסער און בעסער. אין די עטלאַכע וואָכן, וואָס איך בין דאָ, אין דעם פון גאָט געבענטשטן נ ע ר ו ו י, איז מיר צוגעקומען כמעט פיר קילאָ, צען פונט הייסט עס. צען פונט פלייש. זאָגט „קיין עין־הרע“ און שפּייט־אויס דרײַ מאָל און שטעלט מיר אַ פייג הינטער די אויגן... ווי אַ איד אַ פּראַקטישער, וואָס האָט געטאָן אַמאָל עסק, ניט היינט געדאַכט, האָב איך אונטערגעצויגן אַ רעכענונג, אַז אויב עס וועט אַזוי גיין ווײַטער, וועלן מײַנע געשעפטן זיך, אם ירצה השם, שטאַרק פאַרבעסערן. דער חשבון איז אויבנ־אויף, ווי אויף דער דאַלאָני: צען־פופצן פונט אַ חודש — האָט איר אַזוי גרויס ווי 180 פונט[119]. אַ פונט 150 האָב איך בלאָ־הכי געוואויגן, האָבן מיר, הייסט דאָס, אַ קיימאַ־לן פון 330 פונט, אָדער 8 פּוד מיט 10 פונט. מיט אַזאַ וואָג וועל איך שוין פאַר־שפּאָרן שרײַבן אָדער פאַרלעזן מײַנע מעשיות, נאָר גלאַט אַזוי באַווײַזן זיך פאַרן פּובליקום. דאָס איז פיל גרינגער ווי שרײַבן אָדער לייענען פאַר אַן עולם. און דאָס פּובליקום אַליין איז טאַקע אויך מער נײַגעריק צו זען אַ ג ר ו י ס ן שרײַבער, ווי איידער האָרכן אים לייענען. און ווער רעדט אַמעריקע — דאָרט קאָן מען שאַרן גאָלד. סאיז שוין פאַרטיק בײַ מיר אין קאָפּ אַפילו ווי אַזוי צו אַנאָנסירן:

! וואונדירים פון דער וועלט !
! קומט ! זעט ! מאַסנווייז ! און שטוינט !
! דער **גרעסטער** הומאָריסט אין דער וועלט !
וועגט דרייהונדערט דרייסיק פונט !
— ש ל ו ם - ע ל י כ ם —
. . . אַיינטריט 1 דאָלער . . .
לאָזט נישט דורך! דערציילט אײַערע פרײַנט!

איצט לאָמיר אָקאָרשט געבן אַ כאַפּ אויפן קאָפּ, וויפיל קאָן מען פאַרדינען? וועלן מיר זאָגן, אַז אויף דער גאַנצער וועלט האָבן מיר סך־הכל צען מיליאָן אידן. לאָמיר זיך ניט מאַכן קיין רייכן חשבון און זאָגן, אַז בלויז איינער פון הונדערט וועט וועלן אָנקוקן דעם **גרעסטן** הומאָריסט, — האָט איר ניט קיין הונדערט טויזנט דאָלער? מע פאַרשפּאָרט שוין דעמאָלט אַרויס־קוקן, אַז די „כנסת ישראל“ זאָל אונטערטראָגן אַ מאַיאָנ־טעק[120]. מע קאָן שוין קויפן אַליין צוויי מאַיאָנטקעס. איר קענט מיך, דאַכט מיר, נישט פון נעכטן און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין חלילה ניט קיין מענטש פון פאַנטאַזיעס, פּי — פּו — פּאַ! איך האָב ליב, אַ חשבון זאָל מיר זײַן גלאַט, ווי אַ טעלער, סזאָל זײַן, ווי זאָגט איר, בולט — און מיט אַזאַ חשבון קאָן מען שוין, מיט גאָטס הילף, איבערלעבן אין איטאַליע ניט איין ווינטער... און ווײַטער האָב איך אייך גאָרניט וואָס צו שרײַבן, דאָס הייסט, האָבן האָב איך זייער אַ סך, נאָר מע לאָזט ניט! אַחוץ דעם דאָקטאָר, האָט מיך דער אויבערשטער געשטראָפט מיט בני־בית, וואָס היטן מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונם אויג (נישט גוט צו זײַן אַ שוואַרצאַפּל פון אַן אויג!...), ציטערן איבער מיר, ווי איבער אַ גלעזערנער פּסחדיקער כלי, לאָזן מיך ניט זיצן אָנגעבויגן איבערן טיש מער ווי אַ האַלבע שעה אין טאָג און טרײַבן מיך אָדער אין דרויסן אויף דער זון, וואָס באָדט זיך גאַנצע טעג אין ים, אָדער איך זאָל גיין עסן. אוי, אָט דאָס עסן טרײַבט

[119] געמיינט — אין אַ יאָר.

[120] דער רעדאַקטאָר פונם וואַרשעווער „היינט“, ש. י. יאַצקאַן, האָט דעמאָלט פאָרגעשלאָגן אין זײַן צײַטונג, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אונטערטראָגן שלום־עליכמען צו זײַן יובילײ אַ מאַיאָנ־טעק, פּונקט ווי דאָס פּוילישע פאָלק האָט געטאָן צום יובילײ פון סיענקעוויטשן.

מיך, שונאי־ציון, אין דער ערד אריין! סע שפארט מיך, הערט איר, ניט פאר אייך גערעכט, אונטערן לעפעלע, די נשמה שפארט מיר ארויס, און זיי ווייסן נאר איינס: עסן! עסן! עסן! פון דעסטוועגן מיינט איר דאך, אז שרייבן שרייבט מען שוין גארנישט? אזויפיל מכות זאלן זיך זעצן אונזערע שונאים אויפן שפיץ צונג און אזויפיל טויזנטער זאלן מיר אלע פאר־מאגן, וויפיל שורות איך האב שוין אנגעשריבן. אם ירצה שם, אינגיכן וועט איר לייענען מיינס א קליין ביכעלע [121], און דווקא אין דריי לשונות געשריבן, אידיש און לשון־קודש און, להבדיל, רוסיש [122], און איך האף, אז איר וועט האבן, דאכט מיר, הנאה און איר וועט זאגן, אז שלום־עליכם בלייבט

שלום־עליכם.

עיקר שכחתי: עס זאל אייך ניט חידושן, וואס איך בין נישטא אין די צייטונגען מיט מיין יישר־כח פאר דעם כבוד, וואס מע האט מיר אנגעטאן: איך האב מיך שוין א פאר מאל א נעם געטאן צו דעם, קומען־אן אלע טאג נייע מזל־טובס, בריוו, אדרסים, דעפעשן. איבער „סיבות שאינן תלויות" האבן א סך שטעט נישט געקאנט מקדש זיין די לבנה, און א סך קלייבן זיך אויף חנוכה עסן לאטקעס. אויך אין אמעריקע גרייט זיך חברה אויף חנוכה מיט א גרויסן טארעראם. דוד פינסקי איז דארט דער פייפער [123]. אברהם אליהו [124], ווייזט אויס, האט פאר־שפעטיקט, כאטש איך האב פון אים געהאט א פאר זייער הייסע בריוו פון קארלסבאד, בערלין, פאריז און אנדערע שטעט, וואו אברהם אליהו געפינט זיך. אנו, נעמט זיך אן מיט כח און לייגט אייך צונויף אלע פיר אויף א מארקע און שרייבט־אריין אמאל א בריוול אייער בעסטן געטרייען פריינט

שלום־עליכם.

59

צו מ. נ. סירקין

[פון א קאפיע]

[מ. נ. סירקין — א העברייאיש־אידישער זשורנא־ליסט. ער האט אין קיעוו אראנזשירט די פייערונג פון שלום־עליכמס יובילייי.]

נערווי, 6־טן דעצעמבער, 1908.

ליבער טייערער סירקין!

— — — . מיר האבן נאר־וואס באקומען אייער זייער פריינטלאכן אדרעס, וואס איר האט אנגעשריבן און חברה שיכורים האבן געחתמעט. איך שטעל מיר פאר, וויפיל בראנפן סאיז אויסגעטרונקען געווארן. אלע אונזערע שונאים מיט פורישקעוויטשן אינאיינעם מעגן עס פארמאגן, נישקשה, אויף איין אנבייסן. וואס ארטס אייך? דער אדרעס האט מיך גערירט ביז טרערן. סאיז דאך קיעוו. און קיעוו איז דאך מיין שטאט. וואס מיך קאסט קיעוו — מעגן מיר שוין ביידע, איך און איר, פארמאגן. אומעטום זיין אויף מיין יום־טוב איז דאך א נארישקייט. נאר דאס, וואס איך האב נישט געקאנט זיין אין קיעוו — דאס מאכט מיך זייער טרויעריק! און וואס דעם אוונט גופא אנבא־לאנגט — דארף איך אייך דעם אמת זאגן, אז איך האב דאס בשום אופן נישט דערווארט, אפילו קיין האלב נישט. איך גופא רעכן דאס פאר אן אומגעהויערן ערפאלג. וואס וואלט שוין געווען, ווען מע גיט אייך דארט א ביסל מער פרייהייט! ווען מע לאזט אייך, למשל, דברן אויפן פאדאל און אויף דער דעמיעווקע [125], און דעם דר. ליאקומאוויטש, אז ער זאל מיך לייענען אויף אידיש־זשארגאן! נאר לאמיר ניט ריידן פון אזעלכע טרויעריקע זאכן. ווארט־צו א קאפל — סוועט נאך אמאל אויפגיין די זון אויף אונזער געסל אויך. — — — .

א דאנק האט איר דאך פיינט, אז מע זאגט אייך. גיט זשע איבער א גרוס מיין אלטער באקאנטער, וואס איך בין מיט איר געווען באקאנט נאך איידער איר האט געזאגט צו איר דעם פסוק „הרי את", און טוט א קניפ אין בעקל אייער קדיש — — — און שרייבט מיר, ווי גייטס אייך אין זעקס־און־זעכציק? דעם דר. אלישוב [126] האב איך שוין איינגעלאדן אהער אויף חנוכה. כאפט זיך אראפ אויך איר אהער קיין נערווי, וועלן מיר אלע דריי, אן די קאפאטעס, אויפן באלקאן, אין הוילע ארבע־כנפותעס, האקן פינף־הונדערט־איינס ביזן ווייסן טאג אריין.

אייער פריינט שלום־עליכם.

60

צו פלטיאל זאמאשטשין

[פון א קאפיע]

[פלטיאל זאמאשטשין — א אידישער דיכטער פון דער השכלה־צייט. — ער האט זיך געהאט געווענדט צו שלום־עליכמען מיט א טענה: סטייטש, ער אליין, ש. ע., האט אין זיין „פאלקסביבליאטעק" פונם יאר 1888 געדרוקט זיינע, זאמאשטשינס, א סאטירישע קאמעדיע אין גראמען מיטן נאמען „נור א דאק־טאר", — לסוף שפילט מען איצט שלום־עליכמס אן איינאקטער אונטער אן ענלאכן נאמען („א דאקטאר"). דערויף האט אים ש. ע. געענטפערט מיט אט דעם בריוו און האט צוגעלייגט צום בריוו דאס שער־בלעטל פון זיין איינאקטער, וואס איז געדרוקט געווארן אין פעטערבורג, אין יאר 1887, ווי א ביילאגע צום „פאלקסבלאט".]

[121] „שמואל שמעלקים און זיין יובילייאום". — [122] אויף העברייאיש און אויף רוסיש — איבערגעזעצט דורך אנדערע. — [123] פינסקי איז געשטאנען בראש פונם קאמיטעט, וואס האט אראנזשירט די יובילייי־פייערונג לכבוד ש. ע. אין ניו־יארק. — [124] לובארסקי.

[125] אידישע קווארטאלן אין קיעוו. — [126] בעל־מחשבות.

נערווי, 8־טן דעצעמבער, 1908.

אַלטער גוטער פריינט זאַמאָשטשין!

הייסט עס, אַפּנים, אַז איר לעבט? געלויבט דער אויבערשטער! קיין שום בריוו פון אייך און קיין שום „טאָגעבלאַט" (איך ווייס דריי טאָגעבלעטער) ניט געזען. די געשיכטע פונם „דאָקטאָר" האָט שוין אַ באָרד מיט אַ גוזמא גרויע האָר. ויהי בימי ה„פאָלקס־בלאַט", האָב איך אָנגעדראַקעט אַ וואָדעוויל־פעליעטאָן מיטן נאָמען „אַ חתן אַ דאָקטאָר". נאָכדעם, אין אַ צייט אַרום, אַז איך האָב אַרויסגעגעבן מיין „פאָלקס־ביבליאָטעק", האָט איר ביי מיר אָפּגעדרוקט אַ סאַטירע „נור אַ דאָקטאָר!" די בײדע צוויי זיינען אַזוי ענלאַך, ווי אַ רעטאַך מיט אַ דעפּוטאַט פון דער דריטער דומע. נאָך שפּעטער האָבן פאַרשיידענע „אַקטעיאָויערן" גענומען שפּילן מיינע „זאַכענישן", און אָנגעפרעגט האָבן זיי זיך, געוויינלאַך, ביי זייערע ווייבער, און האָנאָראַר וועלן זיי מיר מסתמא אויך באַצאָלן, אם ירצה השם, אויף מאָרגן תיכף וויבאַלד משיח וועט קומען. אַפּראָפּאָ: דיזעלבע „זאַכענישן" האָבן פאַר־שיידענע „אַרויסגעבערס" געלאָזט דרוקן און, נאַטיר־לאַך, נישט אומזיסט, זיי וועלן מיר געוויס, אַז מיר וועלן אַלע גיין קיין ארץ־ישראל, מיטגעבן ווער אַ יאַמשאָווע שטעקל מיט אַ טאָרבע און ווער אַ ביסל זאַלץ — צידה לדרך. מעגלאַך, אַז פון „אַ חתן אַ דאָקטאָר" איז ביי זיי געוואָרן „נור דווקא אַ דאָקטאָר". נאָר לאָמיר זאָגן „גם זו לטובה", וואָרים וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען, חס ושלום, די שעה זאָל ניט זיין, אַז פונם „חתן דעם דאָקטאָר" ווערט ביי זיי „אַ כלה אַ מאַסאַזשיסטקע", אָדער „אַ מחותנתטע מיט אַ בייכל", אָדער גאָר „אַ האָן מיט אַ ספּאָדיק"? שלאָפט זשע רואיק, ליבער זאַמאָשטשין, שלום־עליכם האָט נאָך ביי קיינעם גאָרנישט געלקחנט, נישט קיין סוזשעטן, נישט קיין נעמען. הלואי וואָלט גאָט געבן יאָרן און כח אויף צו באַאַרבעטן די סוזשעטן מיט די טיפּן, וואָס באָמבלען אין מוח, זשומען אין די אויערן און שעמערירן אין די אויגן. וואו נעמט מען, וואו נעמט מען, וואו נעמט מען געזונט? — שרייבט. הנני, איך בין אָנגעברייט אַלע מאָל אייך צו ענטפערן, אויף וויפיל סאיז נאָר דאָ כח און צייט. און זייט אויך געזונט. איר זיינט אויך אַ איד און האָט אויך אַ ווייב און קינדער. אויף ווידערזען.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

61

צו א. ל. לעווינסקי

[פון אַ קאָפּיע]

[לעווינסקי האָט דעמאָלט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אין אַדעס יום־טוב־בלעטער און האָט אַיינגעלאַדן שלום־עליכמען צו שרייבן פאַר זיי. דער דאָזיקער פּלאַן איז אין 1909 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויס־גאַבע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „שלום־עליכמס יום־טוב ביבליאָטעק", אין וועלכער עס האָבן זיך געדרוקט נאָר שלום־עליכמס זאַכן: „צוויי טויטע" אויף פּורים, „דאָס פאָרפאָלק" אויף פּסח און „גזלנים" אויף ל"ג־בעומר. נאָכדעם ווי דאָס וואַרשעווער „יובילייאום־קאָמיטעט" האָט אויסגעקויפט שלום־עליכמס ווערק פון די פאַרשיידענע פאַרלעגער, איז די „יום־טוב ביבליאָטעק" בטל געוואָרן.]

נערווי, 27־טן דעצעמבער, 1908.

חביבי לעווינסקי!

אייער בריוו איז געקומען צו דער רעכטער צייט. איך האָב געהאַט צוגעגרייט למען ה„פריינד" אַ ספּור־המעשה לכבוד פּורים מיטן נאָמען „צוויי טויטע", אַ בילד לכבוד פּורים פון שלום־עליכם, און בין שוין גרייט געווען דאָס אָפּצושיקן קיין פּעטערבורג. דערווייל איז אָנגעקומען אייער בריוול, און איר דאַרפט אַליין פאַר־שטיין, מי נדחה מפּני מי? ערשטנס, קאָן מען לעווינ־סקין גלאַט ניט אָפּזאָגן, ווייל צווישן דער גאַנצער חבריא אונזערער, אויב עס געפינט זיך נאָר איין שלום־עליכם, געפינט זיך אויך נאָר איין לעווינסקי. דאָס איז נומער איינס. והשנית, דאַרף מען האָבן אין זיך אַ קאָפּ יושר אויך. מיין קראַנק־ווערן פּלוצים אינמיטן דערינען און נאָכדעם מיין יום־טוב האָט אייך, ווי איך בין מיר משער, פאַרשאַפן גענוג יסורים מיט קאָפּ־דרייעניש מיט שוויצעניש (זכרנו את הזיעה — איך געדיינקט נאָך, ווי איר האָט געשוויצט זומער בשעת קאָנצערט לטובת האַלמנה שטיינבערג), — פאַרוואָס זאָלט איר ניט האָבן פון מיר אַ ביסל נחת אויך? וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז לעווינסקי דאַרף אין זינען האָבן שלום־עליכמען, אַרויסקוקן אויף ישועות ונחמות, טאָמער וועט מען אַראָפּנעמען די וואָיענע פּאָלאָזשעניע[127] און מע וועט קאָנען עפּעס אין אַדעס מאַכן, סזאָל קנאַקן, און אַז שלום־עליכם פון לעווינ־סקים וועגן דאַרף נישט טון גאָרנישט? — נישמער, איין זאַך וועל איך אייך בעטן: טאָמער לאָזט זיך אויס ביי אייך מיטן פּורים־בלאַט אַ בוידים (חס ושלום), זאָלט איר באַצייטנס אָפּשיקן די „צוויי טויטע" אין „פריינד" אַריין, נאָר מיט אַזאַ חשבון, אַז זיי זאָלן קומען צו קבר ישראל, מיין איך אין „פריינד", לכל הפּחות, מיט אַ וואָך פאַר פּורים, בכדי איך זאָל נישט האָבן קיין היזק (איך רייד פון ליטעראַרישן היזק, ניט פון געלט). און ווייטער, איך זאָל אייך זאָגן וועגן דעם עצם הספּור, איז ניט שייך; עס עקלט, ווען אַ מאַמע דערציילט חכמות פון איר קינד און אַ מחבר ווערט נתפּעל פון זיין אייגן ווערק. געשריבן איז ער ש ל ו ם - ע ל י כ מ ד י ק דערפאַר, ווייל שלום־עליכם האָט אים געשריבן. אויב אַדעס וועט זיך קאַטשען פאַר געלעכטער — דאָס קאָן איך אייך ניט

[127] קריג־צושטאַנד, צוליב וועלכן מע האָט אין אַדעס ניט דערלויבט די פייערונג פון שלום־עליכמס יובילײ.

גאראנטירן [128]. ניט אלצדינג, וואס אדעס קאטשעט זיך פון דעם, איז גוט געשריבן. מעגלאך, עס וועבט זיך דורך דארט א שטיק ערנסט און עס הערט זיך א שטילער זיפץ. דאס איז אבער קלאר, אז וויינען וועט מען פון אים ניט; סיידן אזעלכער, וואס האט פארלארן א טאטן, אדער די ציין טוען אים ווי. — און וואס אנבאלאנגט דעם „פסח־בלאט", דארפט איר שוין אליין פארשטיין, אז אייער אדעסער פסח־בלאט וועט אן שלום־עליכמס פעליעטאן מיטן נאמען „דאס פארפאלק" (אן אינדיק מיט אן אינדיטשקע) נישט ארויסגיין. איר דארפט מיר נאר דערמאנען מיט א פאר טעג פאר פורים אדער נאך פורים וועגן דעם אינדיק מיט דער אינדיטשקע, וועט זיין רעכט, ווייל איך האב א שטיקלאך פופציק סוזשעטן מיט טעמעס, פארטיקע אויף צו באארבעטן, און קאן חלילה פארגעסן אינם דאזיקן גליקלאכן פארפאלק. דער עיקר — איר זאלט ניט בלייבן הייגנען, ווי מיט דער אדעסער צייטונג, אינם עולם הדמיון. הלואי זאל אייך גאט געבן כח און רצון און נאך עפעס, אז אלע אייערע אידעאלן זאלן מקוים ווערן, ווארים אייערע אידעאלן זיינען אויך מיינע, ובצרתך לי צר, ובשמחתך ישמח לבי גם אני [129].

ידידך אוהבך אהבת עולם

שלום־עליכם.

62

צו יצחק יאמפאלסקי

[פון א קאפיע]

[יצחק יאמפאלסקי — א אידישער זשורנאליסט אין קאנאדע. — צו דער געלעגנהייט פון שלום־עליכמס יובילייו האט ער געהאט אפגעדרוקט אין א מאנטרעאלער אידישער צייטונג שלום־עליכמס עפּיטאפיע, וואס האט זיך ביי אים געפונען.]

[נערווי, אן א דאטום.]

מיין כשרער פריינט יצחק יאמפאלסקי!

אינם פארוואָרפענעם גן־עדן התחתון, וואס מע רופט עס „נערווי", אז מען איז עלנט און קראנק און מע באקומט א בריוו פון א פריינט, און נאך פון א כשרן פריינט און ערלאכער נשמה, ווי א יצחק יאמפאלסקי — פילט מען זיך גוט און מע שמייכלט צו דער זון און מע באקומט אזש אפעטיט צום עסן.

— — — — — — — — — — — — —

— — — איר זאגט, אז איניקע אמעריקאנער צייטונגען זיינען אויף מיר אנגעשטויסן? סאיז מעגלאך. סאיז אודאי דערפאר, וואס איך האב ביי זיי געלקחנט (ניט זיי ביי מיר) און איבערגעדרוקט זייערע (ניט זיי מיינע) פעליעטאנס? ... זאגט אייך וואס איר ווילט; קיין שונאים האב איך ניט, ווייל איך בין קיינעם קיין שונא ניט, ווייל טביה איז א בעל־בטחון און ווייל מנחם־מענדל גלויבט דער גאנצער וועלט. — — — . אינגיכן וועט איר לייענען א „יובילייאום פון א שלים־מזל שמואל שמעלקים", וואס איך האב אים געשריבן קראנקערהייט. דעריבער זאלט איר זיך ניט וואונדערן, טאמער איז ער שוואכלאך ארוים. און אפשר איז ער גאר ניט אזוי שוואך? איר ווייסט דאך, אז איך גלויב אלעמען, נאר ניט מיר. אין מיר זיצט עמיצער אינוויינִיק, א מין מעפיסטאפעל אזעלכער, און לאכט, און שפעט, און מאכט חוזק פון מיין שרייבעניש. אלע מאל, ווען איך שרייב עפעס אן און לייען עס דורך מיט ענטוזיאזם, ווי געוויינלאך א מחבר, טוט ער גארניט, נאר ער פייפט מיט די ליפן און די אויגן שמייכלען. איך זאל אים קאנען כאפן, וואלט איך אים דערווערגן! אמאל מאכט זיך, אז ער הערט מיך אוים גאנץ ערנסט און שאקלט מיטן קאפ. מיין איך דאך, אז איך האב ביי אים אינגאנצן אויסגענומען, און שיק עס אוועק אין דרוק, — שיסט ער אוים א געלעכטער, מעפיסטאפעל, ברענען זאל ער!

אין דער „עפיטאפיע", וואס איר האט אפגעדרוקט, איז פארגעקומען א שטיקל ענדערונג. איך האב צוגעזעצט צום אנהייב פיר שורהלאך [130]:

רב זייטזשע מוחל, ס'חאפט איהר זאך
אזוי, רב איד? מע דארף אייך האבען:
שלום־עליכם ווייסט איהר דאך? —
נו, ליגט ער דא אין דר'ערד באגראבען.
געוועזן א איד א פשוטער ... א. א. וו.

שטארקט אייך, יאמפאלסקי, און שרייבט גוטע זאכן און זייט מצליח, ווי עס ווינטשט אייך

אייער פריינט **שלום־עליכם.**

— — — — — — — — — — — — —

63

צו מענדעלי מוכר־ספרים

[פונם אריגינאל]

נערווי, 10־טן יאנואר, 1909.

א שיינעם דאנק אייך, זיידעניו, פאר אייער מתנה [131] און פאר אייער בריוול. איך האב מיר דערלויבט צו איניקע פון מיינע פריינט ציטירן אייערע ווערטער וועגן קניש מיטן ראסלפליישל מיטן גלעזעלע וויין. איך געדיינק, אז איר האלט פונם גויאישן

[128] אין זיין בריוו האט לעווינסקי געשריבן, אז ער דערוואַרט פון שלום־עליכמען א „שלום־עליכמדיקע" זאך, פון וואס אדעס זאל זיך קאטשען פאר געלעכטער. — [129] אז דיר איז שלעכט, איז מיר שלעכט, און אז דיר איז פריילאך, פרייט זיך אויך מיין הארץ.

[130] דאס איז נאך איין וואריאנט פון שלום־עליכמס עפיטאפיע. — זע פריערדיקע רובריק „אין זיין אייגענער רעפובליק", באמערקונג צו בריוו 35. — [131] מענדעלי האט צוגעשיקט שלום־עליכמען דעם ב־טן באנד פון זיינע העברייאישע ווערק, דעמאלט ארויסגעגעבן פונם „ועד היובל".

„נאָווינאָד“, ווינטש איך אײַך פיל גליק צום דאָזיקן נײַעם יאָר 1909 פון מײַן נאָמען און פונם נאָמען פון מײַן אייגענער קאָלאָניע. די וואָך איז געווען בײַ אונז אַ וואָך פון ווינטער, סהאָט געדונערט און געבליצט, און איך בין געלעגן געוואָרן אויף אַ וואָך אין בעט און האָב געהאַט אַ צווילינג, צוויי נײַע מעשהלאַך מיט אַ מאָל, און פיל מיך איצט מעוברתדיק מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק מעשיות. זאָל גאָט היטן, איך בין געוואָרן, ניט פאַר אײַך געדאַכט, ווי אַ הון, אַז זי צעקוואָקעט זיך... וואו נעמט מען כח? אַ שטיקל גליק, וואָס סאיז דאָ בערקאָוויטש, דיקטיר איך אים און ער שרייבט. און דיקטירן איז מחיה, מע קאָן עס קראַנקערהייט, ליגנדיק אין בעט. סאיז נאָר שלעכט,



פאַקסימילע פון בריוו נומער 63.

וואָס די בני-בית לאָזן ניט לאַנג הוליען, און דער דאָקטאָר זאָגט, אַז עסן איז געזינטער ווי דיקטירן בבא-מעשיות — וואָס זאָגט איר אויף דעם חכם? זײַט זשע מיר געזונט און שרײַבט אַמאָל אַרײַן אַ בריוול און זײַט מחיה אײַער קראַנק-געזונט אייניקל

שלום-עליכם.

64

צו בעל-מחשבות

[פון אַ קאָפּיע]

נערווי, 21-טן מערץ, 1909.

טײַערער פרײַנט, בעל-מחשבות!

אַבי איר לעבט, דאַנק גאָט. איך שרײַב ניט פון מײַן געזונט, ווײַל עס האָט זיך מיר שוין צוגעגעסן. איך שרײַב — אַ סימן, אַז איך לעב. איך לעב — אַ סימן, אַז איך בין געזונט (אַ קנאַפּער סימן אפילו...). נאָר ווײַל איר זײַט דאָך אויסער אַ פרײַנט אויך אַ דאָקטאָר, לכן געפין איך מיך פאַרפליכטעט אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז איך בין אַ גרויסער אפיקורס אויף מײַן פאָלקאָם געזונט ווערן. אָט האָב [איך] ערשט יענע וואָך פלוצים, גאָר פון דער העלער הויט, אָנגעהויבן צו בלוטן. אַ גליק, וואָס מײַן פרוי איז יעצט אין וואַרשע (בײַם קאָמיטעט, וועגן די ווערק, וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעקויפט בײַ די פאַרלעגער און מיר אַ מתנה אונטערגעטראָגן — ניט ווי דער „פרײַנד“ שרײַבט, אַז סאיז אַ נעבטיקער טאָג). עס איז מיר שוין איצט פיל בעסער, איך שרײַב שוין ווידער נײַעס אויף ל"ג-בעומר און אויף שבועות, און גלאַט מעשיות שרײַב איך. איך גיי מיט דעם גאַנג, ווי מײַן פרײַנט טביה: כל זמן שהנשמה בקרבי, דאַרף מען אַרײַנכאַפּן און שרײַבן; עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז איך זאָל דערלעבן אפילו נאָך אַ האַלבן יובילײ... נאָר מילא — בלאָטע! איר פרעגט זיך נאָך אויף ראָזענפעלדן[132]? — עהע! ער איז שוין ווײַט-ווײַט! (זאָל ער זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון אונז!). אַזאַ וואַוילער בחור געווען, אַ פײַערדיקער, אַ טאַלאַנטפולער פובליציסט, אַ בײַסנדיקע פעדער, מיט אַ שפּראַך, מיט אַ צונג, מיט אַ לשון, מיט מיט... צום סוף, גיי זיי אַ נביא, אַז — (וויפיל איז ער אַלט? איר מוזט וויסן) — אַז ער וועט נעמען פלוצים אינמיטן דערינען און וועט אַוועקפאָרן אַזש אַהין, אוי, רבונו של עולם, קיין אַמעריקע!!! יאָ, ער איז אין אַמעריקע איז ער, ראָזענפעלד הייסט עס! מסתמא וועט איר פון [אים] האָבן אַ בריוו, וואָס איז שייך? איצט — ווידער וועגן זיך. נאָר לאָז שוין זײַן אויפן צווייטן מאָל.

אײַער פרײַנט שלום-עליכם.

65

צו מ. בן-עמי

[פון אַ קאָפּיע]

נערווי, 21-טן מערץ, 1909.

אָחי ורעי אשר אָהבתי, בן-עמי יקירי!

היינטיקס מאָל וועל איך מיט אײַך שמועסן אַ ביסל אויף „טשערנאָוויצער לשון“, ווי איר רופט דאָס אָנעט. און אויב סאיז ניטאָ קיין טעם אין דעם, איז אָבער פאַראַן אַ מיין אין דער זאַך. דהיינו: אַזוי ווי מײַן ווײַב וועט זײַן בײַ אײַך די טעג אויף איר צוריקפאָרן אַהיים פון וואַרשע (אַרויסגערופן צוליב קאָמיטעט-זאַכן וועגן דער מתנה, וואָס זיי האָבן מיר געמאַכט צו מײַן ליטעראַרישן יום-טוב, אויסגעקויפט מיך פדיון-שבויים, דאָס הייסט אַלע מײַנע ווערק, תבוא

[132] ש. ראָזענפעלד.

עליהם ברכה!), ווייל איך, אַז מיין ווייב הייסט עס זאָל אויך קאָנען לייענען ביי אײַך מיין בריוול. אגב בעט איך אײַך טאַקע, אַז איר זאָלט איר דאָרט איבערגעבן אַ גרוס פון די קינדער און פון אַלעמען און פון מיר אויך בתוכם; מיר קוקן שוין דאָ גוט אַרויס אויף איר, וואָרים קיינער קאָן ניט גיין אַזוי אַרום אַ חולה, ווי זי (זי איז אַ ביסל אין אײַ ך געראָטן). מיר שיקן אײַך, איך און בערקאָוויטש הייסט עס, אַ נומער „הזמן". איר וועט דאָרטן געפינען צוויי אַרטיקלען, איינס מיט אַ מגן־דוד, דאָס צווייטע מיט, להבדיל, אַ צלם. לייענט, וועט איר האָבן הנאה און וועט זיין אין כעס; הנאה — פונם מגן־דוד, אין כעס פונם צלם... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, ברודער? איך האָב געלייענט [וועגן] ביאַליקס אָוואַציעס אין ארץ־ישראל מיט טרערן פון פרייד. איך בין אים באמת מקנא. ניט אויף דעם כבוד; איר ווייסט, אַז אָוואַציעס, ברוך השם, בין איך עפּעס ניט אַזוי זשעדנע. איך בין מקנא ביאַליקן, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אין ארץ־ישראל, און איך ניט. און גאָט ווייסט, אויב איך וועל דאָרט קאָנען זיין, ווייל איך היינג אָפּעט אַצינד ניט אין זיך און ניט אין די אומשטענדן, נאָר אין די דאָקטוירים גאָר! איך בין ביי זיי כחומר ביד היוצר — ווילן זיי, שיקן זיי מיך אין דער שווייץ, ווילן זיי — איז קיין פדן־ארם, און גייט טוט זיי! הכלל, גריסט אײַער ווייב און מיין ווייב און אַלע ווייבער פון כל ישראל — אָמן.

אײַער פריינט שלום־עליכם.

66

צו די אײַזמאַנס

[פון אַ קאָפּיע]

[דוד אײַזמאַן — אַ באַקאַנטער אידישער בעלעטריסט אין דער רוסישער ליטעראַטור. — אין יענער צייט האָט ער געוואוינט מיט זיין פרוי אין איטאַליע, וואו ער האָט זיך געהיילט פון טובערקולאָז.]

נערווי, 22־טן מערץ, 1909.

ליבנסווירדיקע און פילגעערטע פרוי אײַזמאַן!

אײַער ליבן בריוו דערהאַלטן. דאַנקען גאָט. איצט איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מיר זאָלן זיך פאָרט אַמאָל זען. עס פרייט מיך, וואָס מיינע מעשיות געפעלן אײַך. שאַדע, וואָס זיי זיינען ניט אויף גויאיש געשריבן, אַזוי אַז דאַוויד יאַקאָוליעוויטש זאָל אויך קאָנען זאָגן אַ מיינונג. סאיז שוין אונזער מזל אַזוי, אַז ניט נאָר גויים — אפילו איינענע ברידער אידן קאָנען ניט אַלע לייענען די נאַרישקייטן, וואָס מיר שרייבן. לאָמיר זיין צופרידן מיט דעם, וואָס עס געפינען זיך דאָך אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען אַ אידיש וואָרט. אויף דער אומשטערבלאַכקייט פרעטענדירן מיר ווינציק: מע זאָגט אונז, אַז דער זשאַרגאָן מוז אָפּשטאַרבן... די וואָס זאָגן פאַרגעסן, אַפּנים, אַז זיי אַליין מוזן אויך „אָפּשטאַרבן"... נאָך אַ מין אָפּשטאַרבן!...

זאָגט, זייט מוחל, אײַער דאַוויד יאַקאָוליעוויטשן, ער זאָל זיך ניט מאַכן נאַריש און ניט קוקן אויפן טערמאָמעטער. לאָז ער בעסער קוקן אין טעלער אַריין. איר זיינט דאָך, מאַדאַם, אַליין אַ דאָקטאָר — נו, ווייסט איר דאָך יאָ, אַז אַ טערמאָמעטער איז בלאָטע... אָט האָב איך יענע וואָך גאָר געשפּיגן מיט בלוט אַ גאַנצן טאָג כסדר. מיינע לייט האָבן זיך דאָס אַ ביסל דערשראָקן! (איך ניט. איך האָב גלאַט פיינט, אַז מע בלוט...). מע האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר — אַ גאַנצער טאַרעראַם! איצט איז מיר שוין, דאַנקען גאָט. מיר רעכענען שוין צו פּאַקן זיך אין וועג אַריין, אין דער שווייץ, אָדער טיראָל, אָדער אין אַלדי שוואַרצע יאָר, וואו די דאָקטוירים קאָנען צוטראַכטן. זיי זאָלן אַזוי וויסן פון אַ מילכיקן באָרשט, די דאָקטוירים, ווי זיי ווייסן, ווער סהאָט זיי געשלייערט!... און צו אײַך, דאַוויד יאַקאָווליטש, האָב איך אַ בקשה (האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס אויף „זשאַרגאָן" — דאָס איז שולדיק מיין שרייבמאַשין). מיין ביטע איז: איר זאָלט צעברעכן דעם טערמאָמעטער אויף פּיץ־פּיצלאַך און זיך אַ נעם טון צו דער א כ י ל ה, וועט איר בעסער מאַכן. און פאָרט זיך דורך צו אונז אויף אַ טאָג, געווינלאַך מיט אײַער זוגתי, וועלן מיר אײַך מכבד זיין מיט אַלע גוטע זאַכן (נאָר ניט מיט ליטע־ראַטור...).

שלום־עליכם.

67

צו א. ל. לעווינסקי

[פון אַ קאָפּיע]

[ש. ע. האָט געהאַט צוגעשיקט לעווינסקין אויף ל"ג־בעומר פאַר „שלום־עליכמס יום־טוב ביבליאָ־טעק" אַ דראַמאַטישע סאַטירע אויף רוסלאַנד: „די מומע רייזע מיט אירע קינדער"; נאָר דער אַדעסער צענזאָר האָט מורא געהאַט דאָס דורכצולאָזן. האָט אים ש. ע., אַנשטאָט דעם, געשיקט די קינדער־מעשה „גזלנים", און „די מומע רייזע" האָט ער אַוועקגע־שיקט אין „פריינד", וואו זי איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן. — דער בריוו איז אַ פּאַראָדיע אויף לעווינ־סקים א י ד י ש ן העברייאיש, אויף וועלכן ער פלעגט שרייבן אין אַיילעניש זיינע בריוו.]

נערווי, 26 מערץ, 1909.

ידידי יקירי א. ל. לעווינסקי!

קבלתי ה„בריוועל" שלך (ראה אני כותב בסגנון של מכתבך אתה) והרבה הנאה היתה לי ממך ומהאָדון הצענזאָר. שניכם „טרוסען" גדולים אַתם, כי נפל פחד האָדון ט־וו עליכם, עד שלא נותרה בכם נשמה. מי זה אָמר לכם, ש„הדודה רייזה" נאסרה? אינו מתחיל! איך שיהיה המעשה — ואני שלחתי תומ"י את הכ"י לה„פריינד" ושם מסתמא יעבור הדבר חלק.

משום שבעלי ה„פריינד“ נותנים ת א נ ה לכל העולם! בטוח אני, שכבר קבלת את ה„ל“ג־בעומר“ החדש, ומסתמא לא תעשה שיהות ארוכות ותדפסהו דווקא ליום ל“ג־בעומר, כאשר צוה אלהים. וזה מה שנוגע לחג השבועות — אל תירא ואל תחת, כי יש לנו אל גדול, אל רחום וחנון, ואפשר שתקבל את השבועות שלי ג׳ שבועות קודם החג. ומה שמסרת לי בסוד ע“ד ה„אומרים“ — מה יכול אני לעשות? הלא ידעת את הפתגם הצרפתי: „אין אשה יפה יכולה לתת יותר מכפי שיש לה“... כתוב לי מה אתה אומר ומה אומרים ה„אומרים“ על הספור „גזלנים“? קשה להיות יוצא לכל העולם! והנה ראה נא, קבלתי מכתב מאת המבקר בעל־מחשבות מלא תהלות ותשבחות לה„פּאַרפאָלק“ יותר מעל ה„חרוסת“ אשר בה„היינט“. הוא ממש מלקק את האצבעות! הוא אומר, שה„פּאָרפּאָלק“ מזכירו את ה„ראַבטשיק“ שלי ו„מתושלח“ ועוד דברים כאלה, שיש להם ערך אומנותי יותר גבוהה מעל ספורים הומאָריסטיים. חסל. ממתין אני לדבריך הטובים שאַתה מבטיח לי. ומה ששמעת ע“ד נסיעתי לאַדעס — חה־חה! אין למי לצחוק! וכי יצאתי מדעתי לבוא לאַדעס לימי הקיץ? אי“ה לימי חנוכה, לכשאהיה בריא כגוי, בודאי אָבוא אליכם לאכול „לאַטקעס“ עם גריוועץ ולשתות אתכם צלוחית של „כרמל“ — אָמן כיה“ר!

שלך באהבה רבה ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין טייערער פריינט א. ל. לעווינסקי! איך האָב באַקומען דיין בריוול (זע, איך שרייב דיר מיטן סטיל פון דיין בריוו) און האָב פיל הנאה געהאַט פון דיר און פונם אָדון דעם צענזאָר. איר זיינט ביידע גרויסע טרוסן, וואָס אויף אייך איז געפאַלן דער פחד פונם האַר ט־וו[133], ביז סאיז ניט געבליבן אין אייך קיין נשמה. ווער האָט אייך געזאָגט, אַז „די מומע רייזע“[134] איז פאַרבאָטן? עס הייבט זיך ניט אָן! ווי די מעשה זאָל ניט זיין — האָב איך באַלד אַוועקגעשיקט דעם כתב־יד צום „פריינד“, און דאָרט וועט מסתמא די זאַך אַריבערגיין גלאַט, וואָרים די מענטשן פונם „פריינד“ גיבן אַ פייג דער גאַנצער וועלט! איך בין זיכער, אַז דו האָסט שוין באַקומען דעם נייעם „ל“ג־בעומר“[135], און מסתמא וועסטו ניט מאַכן קיין לאַנגע שיהות און וועסט אים אָפדרוקן דווקא אויף ל“ג־בעומר, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. און דאָס וואָס איז נוגע צום יום־טוב שבועות — זאָלסטו זיך ניט שרעקן, וואָרים מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, אַ גאָט אַ דערבאַרימדיקן

[133] טאַלמאַטשאָוו, דער באַרימטער „שוואַרצמאַהדיקער“ גראַדאָ־נאַטשאַלניק פון אָדעס. — [134] „דער פעטער פיני און די מומע רייזע“ — שלום־עליכמס אַלעגאָרישער פּאַמפלעט אויף דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. — לעווינסקי האָט געשריבן, אַז דער צענזאָר וויל ניט דורכלאָזן „די מומע רייזע מיט אירע קינדער“, ווייל אויך דער פריערדיקער פּאַמפלעט, וואו „די מומע רייזע“ פיגורירט, איז פון דער צענזור פאַרבאָטן. — [135] געמיינט „גזלנים“.

און אַ לייטזעליקן, און סאיז מעגלאַך, אַז דו וועסט באַקומען מיין שבועות[136] דריי וואָכן פאַר יום־טוב. און וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן בסוד וועגן די „זאָגערס“[137] — וואָס קאָן איך טון? דו ווייסט דאָך דאָס פראַנצויזישע ווערטל: „אַ שיינע פרוי קאָן ניט געבן מער וויפיל זי האָט“... שרייב מיר, וואָס זאָגסט דו און וואָס זאָגן די „זאָגערס“ וועגן דער דערציילונג „גזלנים“? שווער צו יוצא זיין פאַר דער גאַנצער וועלט! און אָט זע, איך האָב באַקומען אַ בריוו פונם קריטיקער בעל־מחשבות, פול מיט לויבגעזאַנגען צום „פּאָרפּאָלק“ מער ווי אויפן „חרוסת“ וואָס אין „היינט“. ער לעקט ממש די פינגער! ער זאָגט, אַז „דאָס פּאָרפּאָלק“ דערמאַנט אים מיין „ראַבטשיק“ און „מתושלח“ און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אַ העכערן קינסטלערישן ווערט פון הומאָריסטישע דערציילונגען. געענדיקט. איך וואַרט אויף דיינע גוטע זאַכן, וואָס דו זאָגסט מיר צו. און דאָס וואָס דו האָסט געהערט וועגן מיין נסיעה קיין אַדעס — כאַ־כאַ! ניטאָ וועמער סזאָל לאַכן! צי בין איך פון זינען אַראָפּ, איך זאָל קומען קיין אַדעס אויף זומער? אם ירצה השם, אויף חנוכה, אַז איך וועל זיין געזונט ווי אַ גוי, וועל איך צו אייך קומען עסן לאַטקעס מיט גריוון און טרינקען מיט אייך אַ פלעשל „כרמל“ — אָמן, כן יהי רצון!

דיינער, מיט גרויס ליבע,

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.]

68

צו יעקב דינעזאָן

[פון אַ קאָפּיע]

[דער בריוו איז געשריבן נאָכדעם ווי דאָס וואַרשעווער „יובילייאום־קאָמיטעט“, אין וועלכן דינעזאָן איז געווען פון די הויפּט־טוער, האָט אויסגעקויפט שלום־עליכמס ווערק פון די פאַרשיידענע פאַרלעגער און זיי אונטערגעטראָגן שלום־עליכמען אַ מתנה צו זיין יובילוי. — פרוי ש. ע., וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פונם קאָמיטעט קיין וואַרשע צו העלפן שליכטן די חשבונות מיט די פאַרלעגער, איז דעמאָלט צוריקגעקומען קיין נערווי און האָט געבראַכט פון דינעזאָנען מתנות: בריוו־פּאַפּיר און טיי.]

נערווי, 27־טן מערץ, 1909.

טייערער, גוטער, ליבער יעקב דינעזאָן!

האָט איר דערקענט דאָס פּאַפּיר? סאיז אייערס. פאַראַן, ברוך השם, אין איטאַליע אויך פּאַפּיר. ד י נ ע ז אָ נ ס פּאַפּיר איז אָבער ניט דאָס. פאַראַן אויך טיי אין איטאַליע. פאַר געלט קריגט מען אַלץ. ד י נ ע ז אָ נ ס טיי האָט אָבער גאָר אַן אַנדער טעם. מיר האָבן שוין נעכטן דינעזאָנס טיי, מיט אַלע קינדער אַרום טיש, געטרונקען. די קליינע תמרה איז אויך

[136] געמיינט אַ דערציילונג אויף שבועות. — [137] לעווינסקי האָט געשריבן צו ש. ע., אַז אין אָדעס זאָגט מען, אַז „דאָס פּאַרפּאַלק“ איז ניט קיין געלונגענע זאַך.

געוועזן. זי קען נאָך ניט דעם דיאַדיאַ דינעזאָן. זי וועט אָבער גיך וויסן, אַז סאיז דאָ ערגעץ אין אַ שטאָט וואַרשע, אויף דער גאַס דזיעלנע, אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אַ ווייסלאַכער, מיט קליינע, נאָר ר י י נ ע הענטלאַך, מיט אַ קליין ווייסלאַך בערדעלע — געוועזן אַמאָל רויטלאַך —, מיט גוטינקע, שטענדיק שמייכלענדיקע, אפילו בעת ער וויינט, אייגעלאַך, שטענדיק ריין, תמיד טשעפּקע אָנגעטאָן, די קליינינקע שטיוועלאַך גלאַנצן, פּאַפּיראָסיקלאַך רויכערט ער אייגענע, מיט די קליינע פינגערלאַך געדרייטע, טיי טרינקט ער אייגענע, אַליין פון זיין טשאַיניקל פּאַרקאָכטע, און אויף דעם שטענדיק אַלצאיינעם ביינקל זיצט ער, ביים טיש, וואו עס ליגן פאַרבאָרגן, מיט אַ זעלטענער אָרדענונג, תמיד פרעמדע סודות, פרעמדע צרות, פרעמדע ווייטיקן, אין וועלכע ער האָט אַ שטיק פון זיין אומגעוויינלאַכן גרויסן האַרץ אַוועקגעגעבן — און הייסן הייסט דער דאָזיקער גוטער דיאַדיאַ: דיאַדיאַ דינעזאָן... פון דעם דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז מיר האָבן איצט אַ גאַסט — איר ווייסט שוין, ווער דער גאַסט איז. איך זאָל אייך, למשל, וועלן אַרויסזאָגן אַ הונדערט־חלק פון דעם, וואָס מיין האַרץ פילט צו אַייך, ווייס איך, אַז דאָס וואָלט זיין די גרעסטע פּראָפּאַנאַציע. אויב עס וועט מיר זיין באַשערט מער מיט עטלאַכע יאָר צו לעבן אַלס איך האָב גערעכנט, וועל איך אָן צווייפל מעגן זאָגן, אַז אין דעם זייט א י ר שולדיק, איר און אַלע איבעריקע פריינט, וואָס האָבן אַזויפיל געטאָן, אום אייער אידעיע וועגן דעם „פּדיון־שבויים“ דורכצופירן. מיין דאַנקזאָגונג וועל איך אָפּלייגן אויף דער צייט פון מיין זיין אין וואַרשע אין געזונטן צושטאַנד. דערווייל וויל איך אייך נאָר איבערגעבן אַ גרוס מיט אַ ברודערלאַכן קוש פון מיר און פון אַלע מיינע, די וואָס איר קענט און די וואָס איר קענט נאָך ניט.

אייער ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

69

צו דער רעדאַקציע „די נייע וועלט“

[פונם אָריגינאַל]

[אין דער וואַרשעווער טאָגצייטונג „די נייע וועלט“, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט, מיט מ. ספּעקטאָרן אַלץ רעדאַקטאָר, האָט ש. ע. מיטגעאַרבעט העכער אַ יאָר צייט. ער האָט דאָרטן געדרוקט דעם ערשטן טייל פון זיין ראָמאַן „בלאָנזענדע שטערן“, די סעריע „אַייזנבאַן־געשיכטעס“ און נאָך זאַכן.]

סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיען (שוואַרצוואַלד).

28־טן יוני, 1909.

זייער געערטע הערן אַרויסגעבער פון „די נייע וועלט“, ל. מילשטיין, מ. ספּעקטאָר און י. ח. זאַגאָראָדסקי!

באַקומען אַ ידיעה פון מיין פריינט ספּעקטאָר, אַז אייער געפּלאַנטע נייע אידישע צייטונג אין וואַרשע איז שוין אַריבער אין דער ווירקלאַכקייט און האָט שוין אפילו אַ נאָמען „די נייע וועלט“ [138] — אַייל איך מיך צו זיין פון די עשרה ראשונים צו אָפּגעבן אַייך אַ מזל־טוב און שיקן אַייך פונדערווייטן מיינע בעסטע וואונטשן און ברכות פון אַן אמתן גוטן פריינט. יהי רצון — עס זאָל זיין דער ווילן, אַז אַייער „נייע וועלט“ זאָל זיין אַ פרייע אַ ליכטיקע אַ ריינע וועלט פאַרן אידישן פּובליקום, אַ וועלט, וואָס גאָט און לייט זאָלן איר מקנא זיין, בכדי עס זאָל מקוים ווערן דער פּסוק: „קנאת סופרים תרבה חכמה“... דאָס, אייגנטלאַך, ווינטש איך דעם צוקינפטיקן ל ע ז ע ר פון אַייער צייטונג; אַייך, אַ ר ו י ס ג ע ב ע ר, ווינטש איך, אַז דאָס נייגעבוירענע קינד אַייערס זאָל זיין אַ געראָטן קינד, מיט מזל און מיט לאַנגע יאָר, איר זאָלט אין דעם זען פיל נחת און אַל־דאָס גוטס, בכדי עס זאָל מקוים ווערן דער צווייטער פּסוק: „והחזיקו שבע נשים בגאַזעט אחד“...

און ווייל איך געפין מיך דאָ אין סאַנאַטאָריום און בין פאַרנומען מיט שרייבן נייע מעשיות — מאַך איך מיין איצטיק שרייבן צו אַייך בקיצור, מיט דער האָפענונג, אַז איר וועט אַליין פאַרשטיין, אַז וואָס ווינציקער געזאָגט — איז אַלץ מער געמיינט, וועט דערמיט מקוים ווערן אַ דריטער פּסוק: „מאַלאָ ריידעלע — מנאָגאָ מיינעלע“...

און נאָך אַ מאָל מזל־טוב אַייך!

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

70

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיען (שוואַרצוואַלד).

[אָן אַ דאַטום.]

טייערער חבר רבניצקי!

נאָר־וואָס דערהאַלטן אַייער ליבן בריוו מיטן גרוס פון אונזער ביאַליקן פון אַייער צוריקקומען פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לאָרץ. ברוך בואכם! פאַר ביאַליקן שיק איך אַייך דאָ אַן אויסשניטל פון אַמעריקאַנער צייטונגען. אַייער כבוד און ביאַליקס טריאומף אין ארץ־ישראל האָט מיר פאַרזיסט מיין קראַנקייט. ליידער, בין איך נאָך איצט אויך אויף צרות. און דאָך שרייב איך אַ סך, אַ סך! מיט אַ שטיפטל שרייבט שלום־עליכם, ליגנדיק אין אַ סאַנאַטאָריום צווישן האַלבע

[138] מיט עטלאַכע וואָכן איידער דער בריוו איז געשריבן געוואָרן איז מ. ספּעקטאָר געקומען צו שלום־עליכמען קיין שוואַרצוואַלד אַיינצולאַדן אים צו אַרבעטן אין דער געפּלאַנטער צייטונג. ש. ע. און ספּעקטאָר און די מיטגלידער פון שלום־עליכמס פאַמיליע האָבן דעמאָלט אַלע געזוכט אַ נאָמען פאַר דער נייער צייטונג — און האָבן נישט געקאָנט צוטראַכטן. דאָס האָט אַרויפגעבראַכט שלום־עליכמען אָנצושרייבן זיין לאַנגן פעליעטאָן „פאַר וואָס איך גיב ניט אַרויס קיין צייטונג?“, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין די ערשטע נומערן פון „דער נייער וועלט“.

מתים, הוסטנדיק און הערנדיק הוסטן יענעם, וואָס איז נאָך ערגער, וואָרים אויף מיין הוסטן בין איך מיר בעל־הבית. אָבער אַז יענער קאָביקעט מיר בעת איך שרייב — איז פע! — אַוודאי זאָלט איר געבן „דאָס מעסערל“ אין שטיינבערגס זאַמלבוך [139] — וואָס פאַר אַ שאלה? איבערקוקן נאָך אייך איז ניט נייטיק. גיט דאָס איבער ביאַליקן — לאָז ער נאָר דורכגיין מיט זיין ידל, לעבן זאָל ער מיר! איך קוק־אַרוים אויף זיין מכתבֿ. אין ספּעקטאָרס צייטונג בין איך כל ולך — פאַר אַזאַ מין האָנאָראַר, וואָס קיין אידיש בלאַט האָט נאָך נישט געזען אין חלום [140], און אפילו שלום־עליכם בשעתו האָט נאָך אַזוי ניט געצאָלט [141]! אַז יאָ עסן חזיר, זאָל רינען איבערן באָרד... איך קוש אייך ביידן ברודערלאַך.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם .

אינמיטן דערינען נעמט גאָרדין [142] און שטאַרבט אַוועק. פאַראַן שוטים אויף דער וועלט!

פּ. ס. — גריסט לעווינסקין ג״פ און שיקט מיר דעם זיידנס אַדרעס [143].

71

צו דער רעדאַקציע „די נייע וועלט“

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך פונם ראָמאַן „בלאָנזענדע שטערן“, וואָס ש. ע. האָט דעמאָלט פאַרטראַכט. — אין דער וואַרשעווער פּרעסע האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן אַן עפּידעמיע פון שונדראָמאַנען, און „די נייע וועלט“, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט די אַנדערע צייטונגען, האָט פאַרלאַנגט פון ש. ע. ז י י נ ע ם אַ ראָמאַן, וואָס זאָל שלאָגן די קאָנקורענטן.]

לוגאַנאָ, רעגינאַ האָטעל, 10־טן סעפּטעמבער, 1909.

זייער געערטע פריינט, ספּעקטאָר, זאַגאָראָדסקי, מילשטיין!

פון דעם באַריכט פון מיין פרוי איז צו זען, אַז איר פאַרלאַנגט פון מיר דורכאויס אַ ראָמאַן, און אַז מ ע ד אַ ר ף א י ם ט אַ ק ע ז י י ע ר נ י י ט י ק צ ו ד י „ב י ז נ ע ס“. על כן, הנה זייט וויסן, אַז איך טו אייער רצון אין אינטערעס פון אייער בלאַט און [אין] אונזערע אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער געליבטער ליטעראַטור. און באמת, עס איז צייט זיך אַ נעם טון דערזינפעצירן יענעם מין ליטעראַטור, וואָס עס ברענט דאָס פנים פאַר שאַנד, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו דעם געוויסן אַמעריקאַנישן געשמאַק און זיך אומגעקערט צום אַלטן שמ״ריזם, וועלכן מיר האָבן נאָך אַזאַ שווערן קאַמף געהאַט אַמאָל — מיט צוואַנציק יאָר פריער — אַרויסגערויכערט. און אויסער דעם, האָב איך אַליין אויך געפילט אַ נויטווענדיקייט צו פאַרענדיקן מיין טרילאָגיע מיטן דריטן ראָמאַן, נאָך „סטעמפּעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“, ווי איך האָב עס אַמאָל פאַרשפּראָכן (מיר שיינט, אין דער הקדמה צו „יאָסעלע סאָלאָוויי“). דאָרט האָב איך געהאַט געזאָגט, אַז מיין דריטער „העלד“ וועט זיין שוין ניט קיין כלי־זמר און ניט קיין חזן, נאָר אַ העכערער מין, אַן אידעלערע נשמה — אַן אַרטיסט אָדער אַ קינסטלער. נאַטירלאַך, האָבן זיך די אומשטענדן אין די צוויי־און־צוואַנציק יאָר שטאַרק געענדערט. עס זיינען אויסגעוואַקסן אויך נייע אידעיען. צוגעקומען נייע געטער. געבוירן געוואָרן נייע טיפּן. קורץ — איך האָב קיין חרטה ניט, וואָס איך האָב מיט מיין דריטן ראָמאַן אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. הלואי וואָלט איך איצט געהאַלטן ביי שרייבן יענע ערשטע צוויי ראָמאַנען, וואָלטן זיי אַנדערש אויסגעזען. אָפּגעזען דערפון, איז מיין איצטיקער, דריטער הייסט דאָס, ראָמאַן גאַנץ אַנדערש קאָנסטרואירט אַלס יענע צוויי. איך וויל ניט זאָגן דערמיט, אַז איך גיב זיך אונטער צום געשמאַק פון דער גאַס, אום צו מאַכן אים אינטערעסאַנט און שפּאַנענד. ער איז אָבער לויט זיין אינהאַלט, על־פּי ברחו, אַ שפּאַנענדע געשיכטע, אַ ר אָ מ אַ ן פול פּאָעזיע, אָבער אויך לעבן, האַנדלונג און, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַ גאַלעריע פון טיפּן און בילדער — גאַנץ הומאָריסטיש, און אַנדערש קאָן איך שוין גאָרניט שרייבן, אפילו ווען איך זאָל וועלן ווערן אַ „קלאָגמוטער“. אויסער דעם, שפּיגלט זיך אָפּ אינם דאָזיקן ווערק דאָס לעבן פון אַ געוויסן קרייז אין רוסלאַנד, ווי [אויך] אין אַמעריקע. דער לייטער, וועלן מיר זאָגן, פונם בנין שטייט מיט די פיס אין „אונזער“ לאַנד און מיטן שפּיץ שפּאַרט ער אָן אין אַמעריקע — און דאָרט קומט־פאָר זיין אַנטבינדונג. איך שרייב אייך איצט וועגן ענין גאַנץ פּראָוויזאָריש. איך זאָג אייך נאָך ניט קיין נאָמען און גיב אייך נאָך [ניט] קיין פּראָספּעקט פונם אינהאַלט — אָבער איר קאָנט שוין האָבן אַ באַגריף און זאָגאַר לאָזן די ערשטע טויב (אַנאָנסירן) אין אייער צייטונג, אָבער אַזוי אַנאָנסירן, סזאָל האָבן אַ פנים. — — — . און דער גאָט, וואָס האָט מיר געגעבן געזונט און כח ביז אַהער צו שרייבן ליגנדיק, אָדער האַלב־זיצנדיק אָנגעשפּאַרט און געמוטשעט, וועט מיך מסתמא ניט פאַרלאָזן אויף ווייטער אויך, און שרייבן — דאָס איז דאָך מיין איינציקע רפואה, ווען ניט דאָס שרייבן, וואָלט איך דאָך איצט שוין אָנגעשפּאַרט — אָהאָ־האָ!... און זייט וויסן, ליבע פריינט מיינע, אַז איך פאַרהאָף און וויל ז י י ע ר, אַז אָט דער ראָמאַן זאָל זיין אַן עפּאָכעמאַכנדער אין אונזער

[139] דער פאַרלאַג „מוריה“ האָט געפּלאַנט אַ זאַמלבוך צום אָנדיינק פון יהודה שטיינבערג, און רבניצקי האָט איבערגעזעצט „דאָס מעסערל“ אויף העברייאיש און געהאַט בדעה עס געבן אינם זאַמלבוך. — [140] ש. ע. האָט באַקומען אין דער „נייער וועלט“ 25 קאָפּיקעס פון דער שורה. — [141] געמיינט: בשעת ער האָט אַרויסגעגעבן די „פאָלקסביבליאָטעק“. — [142] יעקב גאָרדין. — [143] מענדעלי איז דעמאָלט געווען אין ווילנע.

ליטעראַטור, פון איין זייט, און זאָל ברעכן דעם רעקאָרד און צוציען דאָס גרויסע פובליקום, פון דער אַנדערער זייט, און לאָז מקוים ווערן דורך אונז „ובערת הרע מקרבך“ אָן זידלערייען, פּלוידערייען, פּאַלעמיקערייען, נאָר אויפן שענסטן לייטישן פרידלאַכסטן וועג, דער עולם זאָל אי לאַכן, אי קוויקן זיך, אי וועלן וויסן וואָס ווייטער שטייט — אָמן ואָמן.

אני עבדכם שלום-עליכם.

72

צו דוד פרישמאַן

[פונם אָריגינאַל]

נערווי, 19־טן אַפּריל, 1910.

ידידי!

פון בערקאָוויטשעס בריוול איז צו זען, אַז איר האָט דאָס בוך — דאָס גויאישע [144] — נאָך ניט באַקומען. שוין העכער אַז אַ מאָנאַט ווי איך האָב עס פאַראָרדנט אייך צו שיקן פון מאָסקווע. האָב איך זיי היינט אָנגעריבן אַ מאָרדע, מיינע פּאָנים. בפירוש האָב איך זיי געזאָגט, אַז אַ גוי טאָר זיך ניט גלייכן צו אַ אידן: אַ איד איז אַ איד, און אַ גוי איז אַ גוי... תשובה אויף מיין בריוו צו אייך וואַרט איך אַרום חול־המועד (וועלכן? של פּסח, אָדער של סוכות?). איך האָב אַ טאָכטער אין וואַרשע — טיסי הייסט זי, אָדער ערנעסטינע. האָט זי אַ טאָכטער (על־פּי דרך הטבע, האָט אַ טאָכטער אַ טאָכטער, און די טאָכטער האָט אויך נאָכדעם אַ טאָכטער — עד סוף כל הדורות). הייסט איר טאָכטער, ערנעסטינעס טאָכטער הייסט עס, תמרה. האָב איך ליב די טאָכטער פון ערנעסטינע, וואָס זי הייסט תמרה, גלייך ווי דער טאָכטערס מוטער, וואָס זי הייסט ערנעסטינע. בכן, בעט איך אייך, איר זאָלט זיין אַזוי גוט אָפּגעבן אַ גרוס פון מיר צו אָט דער טאָכטערס טאָכטער, וואָס זי הייסט תמרה, און צו דער מוטער פון דער טאָכטערס טאָכטער, וואָס זי הייסט ערנעסטינע. זי, אָט די מוטער פון דער טאָכטערס טאָכטער, וואָס זי הייסט ערנעסטינע, איז פרייטאָג, דעם פערטן טאָג חול־המועד (פּסח, ניט סוכות!), דעם 16/29 אַפּריל, אַ אימעניניצע ביי אונז. און מחמת איך האָב זייער־זייער נישט פיינט ניט די מוטער פון דער טאָכטערס טאָכטער, און ניט דער טאָכטערס טאָכטער, און ניט אפילו דעם מאַן פון דער מוטער פון דער טאָכטערס טאָכטער און דעם פאָטער פון דער טאָכטערס טאָכטער — בקיצור, סאיז שוין אויסגעגאַנגען פּאָדים, איר זעט דאָך. גריסט אייער ווייב.

שלום-עליכם.

פּ. ס. — גאָלע גאַרניש. —

[144] שלום־עליכמס ווערק אין רוסישער איבערזעצונג, דעמאָלט ...ויסגעגעבן פונם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָווערעמענניאַ פּראָבלעמי“.

73

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן געוואָרן נאָכן פּלוצימדיקן טויט פון א. ל. לעווינסקי, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער חבר פוןביידן — פון שלום־עליכמען און פון פרישמאַנען. ש. ע. האָט דעמאָלט אָנגעשריבן זיינע זכרונות וועגן לעווינסקין פאַר דער „הצפירה“, וואו פרישמאַן איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר.]

נערווי, ווילאַ ראָזענגאַרטען.
22־טן נאָוועמבער, 1910.

מיין טייערער פרישמאַן!

ביים ברעג פונם העל־גרויען מיטללענדישן ים, אונטער אַ בלויען הימל, מיט רויטע טינט שרייב איך אייך תשובה אויף אייער ליבן בריוו, וואָס האָט מיך דערקוויקט. דאַנק גאָט — איר לעבט. אַ סימן — איר קאָנט נאָך שרייבן אַ בריוול.

איר פאָדערט פון מיר: „אל תזכור לי בריוולאַך ראשונים“ — סאיז געמאַכט. קיין פּיפּס וועט איר פון מיר ניט הערן מער, ווי איר זעט מיך אַ אידן.

לעווינסקיס טויט? — אַך, רעדט גאַרנישט. אַ וואונד, אַ וואונד, וואָס ניט אַזוי גיך קאָן זיך עס פאַרהיילן. ער האָט זיך געקליבן צו מיר (ווי איר, אייך צו לייגנערע יאָר — אייך אויף להכעים) קיין באַדענווייַלער, און אַוועקגעפאָרן איז ער גאָר — ווייס איך וואוהין, קיין האָצעפּלאָץ, קיין גושן, צו דער פּמליא של מעלה — דאָרט וואו מיר, איך און איר, וועלן זיך אַמאָל צונויפטרעפן. אוי, וועלן מיר דעמאָלט לאַכן ביידע, זיך האַלטן ביי די זייטן, קוקנדיק אַראָפּ פון דאָרטן אַהער, אין דעם דאָזיקן נאַרישן וועלטל פון שוטים, נאַראָנים, טיפּשים, גדלנים, קבצנים, עם־הארצים, פּוסטע עגאָאיסטן, ליגנער, פּייפערס, קנאַקערס, משטיינס געזאָגט רעדאַקטוירים, כלומרשטע קיסרים, פּאַרריסענע דאַמען — כאַ־כאַ! עס לאַכט זיך שוין באַצייטנס, ווי איר זעט מיך אַ אידן!...

גוט, וואָס איר האָט מיר דערמאַנט וועגן טויט. איך אַליין קלער אויך אַמאָל וועגן דעם. אַמאָל, ביינאַכט, ווען סשלאָפט זיך ניט. און אַמאָל בייטאָג אויך. וואָרים אַז מע באַטראַכט די דאָזיקע וועלט מיט אירע לעכערלאַכע מענטשלאַך, מוז מען זיך דערמאַנען אינם טויט. אַ מין אַסאָציאַציע, אַפּנים, פון אידעיען. און ווער שמועסט, פון זינט אונזער „רבי קרוב“ [145] האָט אָפּגעטאָן אָט די שיינע מעשה, האָב איך אָנגעהויבן עפּעטער צו טראַכטן וועגן יענער וועלט. די טעג האָב איך... נאָר לאָמיר בעסער ריידן פון עפּעס פריילאַכערס. — — —.

גריסט אייער ווייב. זאָגט איר, זי זאָל אייך ניט שטערן צו שרייבן מיר אַ בריוול. וואָרים איך היים —

שלום-עליכם.

[145] דער פּסעוודאָנים פון א. ל. לעווינסקי.

74

צו דר. פערפער

[פונם אָריגינאַל]

[דער אַדרעסאַט איז געווען רעדאַקטאָר פונם רוסישן וועגעטאַרישן זשורנאַל „וועגעטאַריאַנסקאָיע אָבאָזרעניע“, וואו עס זיינען געווען איבערגעדרוקט שלום־עליכמס „צער־בעלי־חיים“־מעשיות (ווי „ראַבטשיק“ א. אַנד.). — דעם בריוו, וואָס איז אַן ענטפער אויף אַן איינלאַדונג צו אָנשרייבן עפּעס וועגן לעוו טאָלסטאָי, האָט ש. ע. געשריבן אויף אידיש און אויף רוסיש. דער רוסישער טעקסט איז שוין פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן (אויך אויף אידיש). דער אידישער טעקסט, וואָס ש. ע. האָט געהאַלטן אינם אַרכיוו פאַר זיך, ווערט דאָ געדרוקט צום ערשטן מאָל.]

פילגעערטער רעדאַקטאָר פונם „וועגעטאַר. אָבאָזר.“, פריינט פערפער!

אייער בריוו, אַז איר גייט אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון מיינונגען און עראינערונגען וועגן טאָלסטאָי, האָט מיך, ליידער, געטראָפן אין בעט. נאָר שרעקט אייך ניט. מיינט ניט, אַז איך בין חלילה אַזוי ווייט קראַנק, אַז איך האַלט ביי געזעגענען זיך מיט דער וועלט. אמת, אין דער לעצטער צייט דיינק איך וועגן „יום המות“ אַ סך עפטער, ווי ביז אַהער, כאָטש איך האָב נאָך ביז טאָלסטאָיס עלטער צו שלעפּן אַ יאָר דריי־און־דרייסיק. נאָר פון ד י י נ ק ע ן וועגן טויט ביז ג ר י י ט ן ז י ך צו אים איז נאָך גענוג ווייט. האָט קיין יסורים ניט. נישט איין אומשולדיק עוף וועט נאָך אונז זיין די כפּרה. נישט איין אָקס וועט אַוועקגעבן גאָט די נשמה צוליב אַ ביפשטעקסל, וואָס דער דאָקטאָר הייסט אונז עסן דווקא האַלבגעבראָטן און דווקא מיטן בלוט. נישט איין צענדליק און נישט איין מאה לעבעדיקע פריילאַכע פישעלאַך וועלן צאַפּלענדיק אויסגיין פאַר אונזערע אויגן, בכדי צו פאַרוואַנדלען זיך אין געזאַלצענע הערינג, וועלכע מיר האָבן אַזוי ליב, ניט מחמת גרוים ליבשאַפט צו די דאָזיקע ריינע, כשרע, ערלאַכע באַשעפענישלאַך, נאָר מחמת דעם, ווייל זיי רייצן־אויף אונזער אַפּעטיט צום עסן. איידער מיר טרעטן־צו צו אַן אויסגעשניטענער אָקסנריפּ, אָדער קאַלבנברוסט, איז נייטיק איינצושלינגען פריער אַ פּאָר פישלאַך. אַזוי לערנט אונז די תורה פון מעדיצין, און די מענטשלאַכע עטיק איז מיט דער לערע גאַנץ גוט איינפערשטאַנדען... האָט קיין פּאַראיבל ניט, וואָס איך בין אַוועק אַן אַ זייט. עס האָט — איר ווייסט עס גאַנץ גוט — אַ נאָענטע שייכות מיט טאָלסטאָיען. און אַ ביסל מיט אייך און מיט אייער אידעיע און מיט אייער זשורנאַל. איר מיינט דאָך אָבער ניט דאָס. איר ווילט דאָך, איך זאָל אייך שרייבן עפּעס וועגן טאָלסטאָיען. אָך, מיין גאָט! איך זאָל שרייבן וועגן אַזאַ עוג מלך הבשן פון דער ליטעראַטור? איך זאָל שרייבן וועגן אַזאַ שמשון הגבור פון דער מענטשהייט? עס פליט אַ קליין פליגעלע (מאָטיליאָק) און רייסט זיך צו דער שיין פון דער זון. שטעלט איר עס אָפּ: „זאָג מיר, פליגעלע, וואָס דיינקסטו וועגן דער זון?“... טאָמער איז דער משל ניט אַזוי גלייך, איז דער נמשל אָבער גלייך. איך האָב מיך כל ימי געריסן צו דער דאָזיקער שיינענדיקער, לייכטנדיקער און וואַרימענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי“. איך האָב זיך אַמאָל געהאַט דאָס וואָרט געגעבן: איך וועל ניט שטאַרבן, ביז איך וועל ניט זיין אין יאַסנעפּאָליאַנע און זען טאָלסטאָיען. מיין וועלן זען טאָלסטאָיען איז נישט געווען בלויז אַ פּוסטע נייגעריקייט און ציקאַוועסט אָנקוקן דעם נביא פון אונזער צייט. מיך האָט געצויגן צו אים אַן אַנדער זאַך. איך האָב מיר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער גרעסטער מענטש פון אונזער יאָרהונדערט זאָל קאָנען צוזען די גרעסטע אומרעכט, די שרעקלאַכסטע אכזריות, וואָס ווערן באַגאַנגען אין זיין לאַנד מיט עטלאַכע מיליאָנען אומגליקלאַכסטע באַשעפענישן פון מיינע אומגליקלאַכע ברידער — און ער זאָל ניט אַרויסטרעטן מיט זיין מעכטיק וואָרט, וואָס זאָל אָפּקלינגען מסוף העולם ועד סופו. מעגלאַך, אַז איך בין ניט אומפּאַרטייאיש צו די, וועלכע זיינען מיר אין בלוט מער נאָענט ווי אַנדערע. מעגלאַך, אַז אחוץ מיינע גלויבנסגענאָסן זיינען נאָך אינם דאָזיקן לאַנד פאַראַן נישט ווינציק מיליאָנען מענטשן, וואָס „לעקן נישט קיין האָניק“. סאיז אָבער אַ גרויסער חילוק. אומגליק צו אומגליק איז נישט גלייך. אַלע פעלקער האָבן ווער סזאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן, מיין פאָלק האָט קיינעם ניט, אין ערגיץ ניט. אַדרבה. די „גדולים“ פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן ניט געזשאַלעוועט צו באַשאַפן און פאַראייביקן פון אונז וועלטבאַרימטע קאַריקאַטורן, וואָס ווערן אָנגענומען ביי אונזערע שונאים פאַר טיפּן. אפילו אַזאַ טיפ פון העכסטן הומאַניזם, ווי, למשל, שיילאָק פון שעקספּיר, ווילן אויך אונזערע פאַרבלענדטע שונאים אויסנוצן צו זייערע אַנטיסעמיטישע צוועקן און באַהויפּטן, אַז אַלע אידן זיינען בלוטדאָרשטיקע שיילאָקס, וואָס האָבן אַ סך געלט און שיינע טעכטער. עך, נאַראָנים! זיי ווייסן ניט, אַז דאָס רוב אידן האָבן ווינציק געלט און מיאוסע טעכטער... און נישט נאָר וועלן אונזערע שיילאָקס [ניט] הייסן אויסשניידן יענעם אַ שטיק פלייש און אָפּצאַפּן פאַר זייער געלט אַ ביסל בלוט, נאָר זיי וועלן אייך מוחל זיין אינגאַנצן אייער שולד, אייך שיינקען אַלע אייערע וועקסלען, אַבי איר זאָלט אייך ניט איינשניידן פאַר זייערע אויגן אַ פינגער... דאָס איז שעקספּיר. און וואָס איז מיט די מאָדערנע וועלטשריפטשטעלער? דיקענס, דער גרויסער הומאָריסט טשאַרלז דיקענס, צו וועלכן די רוסישע קריטיק האָט מיך פאַלש פאַרגלייכט, אַז סאיז געקומען צו באַשרייבן אַ רעכטן גנב, וואָס גרינדעט

אַ שולע פאַר גנבים, האָט ער קיין אַנדערן נישט געקאָנט געפינען אין זיין פּאָטערלאַנד, נאָר אַ אידן [146]. זעלבסט־פאַרשטענדלאַך, מע דאַרף צו זיין אַ גרויסער שוטה, מע זאָל באַשולדיקן אַזאַ גוטע זעל, ווי דיקענס, אין אַנטיסעמיטיזם. אָדער, אַשטייגער, נעמט אַזאַ אומשולדיקע נשמה, ווי ראָבערט [147] אועלס, וואָס האָט צו טון מיט יענער וועלט, מיטן מאַרס, מיט דער לבנה, מיט די איבעריקע שטערן און גלגלים, איז אויך ניט פויל אויף דער פּען, און פּאַקט אַ אידן, וואָס קלייבט דאָס געלט מיטן צירונג, וואָס די מענטשהייט האָט פאַרלאָזן בשעת די מאַרסיאַנער זיינען אַראָפּ צו אונז און האַלטן ביי חרוב מאַכן אונזער זינדיקע וועלט... פון אונזערע רוסישע זשעניען, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו, דאָסמאָיעווסקי און אַנדערע, רייד איך נישט. די האָבן געקענט אַזוי אַ אידן, איך האָב מורא צו זאָגן, ווי איך קען אַ מאַרסיאַנער. נאָר אַפילו אַזאַ ליבער מענטש, ווי טשעכאָוו, וואָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, יאָ געזען אַמאָל אַ אידן, מאַכט אַמאָל אין דיזער באַציאונג אַזעלכע פעלערן, לאָז ער מיר מוחל זיין אויף יענער וועלט, אַז מע קאָן זיך ניט איינהאַלטן פאַר געלעכטער.

אָט דאָס זיינען געווען די געדאַנקען, וואָס האָבן מיך געשטויסן צום גרויסן אַפּאָסטאָל פון יאַסנעפּאָליאַנע. איך רייד שוין ניט פון דעם, וואָס איך בין גלאַט געווען זיינער אַ חסיד פון זיין אומגעהויער גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט און אַן אָנהייגער פון זיין תורה. איך האָב געהאַלטן, אַז זיין תורה איז אונזער — אידישע — תורה. אויף אַ סך־אַ סך פּונקטן איז ער, נאָך מיין מיינונג, זיך צונויפגעגאַנגען מיט אונזערע אידישע חכמים און צדיקים. זיין אייביקע מלחמה מיטן יצר־הרע, מיטן שטן מקטרג. זיין אָפּזאָגן זיך פון דבר מן החי. זיינע סיגופים. זיין אָנווייזן אַלע מאָל אויף צער־בעלי־חיים. אויך זיין אַוועקלאָזן זיך אין דער וועלט אַריין, און זיין וועלן אַוועקגיין פון זיך אַליין, און זיין טויט, און אַפילו די קבורה זיינע — אַלעס, אַלעס איז אידיש... איך האָב געגלויבט באמונה שלמה, אַז ביי אַ פּערזענלאַכער געלעגנהייט וועט מיר גרינגער זיין צו איבערצייגן דעם דאָזיקן גרויסן קינסטלער און דיינקער, אַז אין דער גרויסער מיינגע פון מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען אַלע אומגליקלאַך יעדער אויף זיין אופן, געפינען זיך עטלאַכע מיליאָן אומגליקלאַכסטע פון די אומגליקלאַכסטע, געריבטע פון יעדע מענטשנרעכט, וואָס קוקן־אַרויס אויף זיין מעכטיק וואָרט, ווי אויף משיחן...

מיר איז ניט אָפּגעגאָלטן צו זיין אין יאַסנעפּאָליאַנע. איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט מיט אים בריווערלאַך זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן אַ פּריוואַט־זאַך, נאָכן ערשטן גרויסן קלאַסישן קישינעווער פּאָגראָם (1903). אויף דער פּרינציפּיעל באַרירטער קריינקלאַכער פראַגע האָט ער מיר אין געציילטע שטאַרקע שטריכן אָפּגעענטפערט. איינער פון זיינע בריוו צו מיר איז געווען פאַרעפנטלאַכט, אָבער ניט אינגאַנצן. פון קישינעווער פּאָגראָם ביז איצט זיינען מיר, דאַנקען גאָט,

ביים ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג, אויגוסט 1907. שטייענדיקע: שלום־עליכם און ח. נ. ביאַליק; זיצנדיקע: מרדכי בן הלל הכהן און א. ל. לעווינסקי.

[146] געמיינט פיגין פון „אָליווער טוויסט". — [147] עס דאַרף זיין: הערבערט.

אוועקגעגאנגען אזוי ווייט, אז איך גלויב ניט, אז איצט זאל זיין דער מאמענט דעם בריוו צו פארעפנטלאכן...

ניין. איך האב ניט זוכה געווען צו קענען טאל־סטאיען פערזענלאך — און דאס וועט מיר באנג טון ביז מיין לעצטן טאג אויף דער ערד. אפנים, סאיז באשערט, אז מיר זאלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דארט, אויף יענער זייט לעבן. דארט, וואו — לאמיר האפן — סאיז ניטא קיין שום „טשערטא אסיעדלאסטי“ און ניט הייז שום „יעווריסקי וואפראס“.

זאל עס נאר ניט זיין אזוי גיך. עס ווילט זיך נאך א ביסל אנמוטשען אויף דער וועלט און זען, וואס וועט זיין ווייטער...

שלום־עליכם.

נערווי (איטאליע), 1־טן דעצעמבער, 1910.

[באמערקונג. — מיר גיבן דא, ביי דער געלעגנהייט, דעם בריוו פון לעוו טאלסטאי צו שלום־עליכמען, וואס ווערט אויבן דערמאנט. דער דאזיקער בריוו איז געווען אן ענטפער אויף שלום־עליכמס בקשה צו טאלסטאיען, ער זאל עפעס אנשרייבן פארן זאמלבוך „הילף“, וואס דער פארלאג „תושיה“ האט ארויסגעגעבן לטובת די געליטענע פונם קישינעווער פאגראם, און זאל אגב לאזן הערן זיין ווארט וועגן דעם פאגראם גופא. טאלסטאי האט שפעטער צוגע־שיקט שלום־עליכמען דריי מעשיות, וועלכע זיינען געדרוקט געווארן אינם זאמלבוך אין שלום־עליכמס איבערזעצונג. — די איבעריקע בריוו פון טאלסטאי צו שלום־עליכמען וועלן פארעפנטלאכט ווערן אין א באזונדערער זאמלונג פון בריוו צו שלום־עליכם.

פון לעוו טאלסטאי צו שלום־עליכם:

Соломонъ Наумовичъ,

Ужасное совершенное въ Кишиневѣ злодѣяніе болѣзненно поразило меня. Я выразилъ отчасти мое отношеніе къ этому дѣлу въ письмѣ къ знакомому Еврею, копію съ кот. прилагаю. На дняхъ мы изъ Москвы послали коллективное письмо кишиневскому головѣ, выражающее наши чувства по случаю этого ужаснаго дѣла.

Я очень радъ буду содѣйствовать вашему сборнику и постараюсь написать что-либо соотвѣтствующее обстоятельствамъ.

Къ сожалѣнію, то, что я имѣю сказать, а именно, что виновникъ не только кишиневскихъ ужасовъ, но всего того разлада, который поселяется въ нѣкоторой малой части — и не народной — русскаго населенія — одно правительство, — къ сожалѣнію, то я не могу сказать въ русскомъ печатномъ изданіи.

Левъ Толстой.

6 Мая 1903.

די אידישע איבערזעצונג:

סאלאמאן נאאומאוויטש,

די שרעקלאכע נבלה, וואס איז אפגעטאן געווארן אין קישינעוו, האט מיך קריינקלאך איבערראשט. איך האב אויסגעדריקט טיילוויז מיין באציאונג צו דעם דאזיקן ענין אין א בריוו צו א באקאנטן אידן, וואס א קאפיע דערפון לייג איך ביי. די טעג האבן מיר פון מאסקווע געשיקט א קאלעקטיוון בריוו צום קישינעווער גאלאווא, וואס דריקט־אויס אונזערע געפילן וועגן דעם דאזיקן שרעקלאכן ענין.

איך וועל זייער זיין צופרידן מיטצווווירקן פאר אייער זאמלבוך און איך וועל מיך באמיען אנצו־שרייבן עפעס, וואס זאל זיין צוגעפאסט צו די אומ־שטענדן.

צום באדויערן, איז דאס, וואס איך האב צו זאגן, היינו, אז דער איינציקער שולדיקער ניט נאר פון די קישינעווער גרוילקייטן, נאר פון יענעם גאנצן פירוד־הלבבות, וואס ווערט אריינגעטראגן אין א געוויסן קליינעם טייל — און ניט קיין פאלקישן — פון דער רוסישער באפעלקערונג, — איז נאר די רעגירונג, — דאס, צום באדויערן, קאן איך ניט זאגן אין א רוסישער געדרוקטער אויסגאבע.

לעוו טאלסטאי.

6־טן מאי 1903.]

75

צו ש. ניגער

[פונם אריגינאל]

באדענווייליער, 20־טן מאי, 1911.

זייער געערטער ה׳ ניגער!

וואס הייסט, איר זייט ניט גוט באקאנט מיט מיר? ווי איז דאס מעגלאך? אדער לאמיר לערנען דעם פשט אזוי: דאס וואס איר זייט באקאנט מיט מיר איז ניט גוט. געגרינדעט דערויף, וואס מע זאגט אויף איינעם „ער איז א גוטער צאלער“, הייסט עס, אז ער צאלט — איז גוט, אניט — איז ניט גוט... איז איין מאל אוועק. והשנית, זאגט איר, אז איר האט מיר צו שטעלן עפעס קשיות, אדער שאלות. אז אך און ווי איז צו דעם מחברס קאפ, אז זיין לעזער אדער זיין קריטיקער האט אים צו שטעלן שאלות און פילט זיך, ווי איר זאגט, פארפלאנטעט! נאר מילא, שטעלט־שטעלט. איך וועל אייך אויף אלעם ענטפערן. שמעון דאבין ווייסט און רחל [148] ווייסט אויך, אז איך ענטפער אלעמען, ובפרט אייך. איר וועט דאך קיין פוסטע זאכן ניט פרעגן, ווארים איר זייט דאך ניט קיין פוסטער בחור. — — — . די אדרעסע פון מיין פרוי אין ווארשע איז ביי א אידן וואס הייסט יעקב דינעזאן, דער אבי היתומים פון אלע אידישע שרייבערס. דיעלנא נומער 15 זיצט ער, אט דער דינעזאן.

אייך און זיי, ד. ה. דאבינען און רחלען און כיע־נען [149], א גרוס פון

שלום־עליכם.

[148] פריינט פון ש. ע. און ניגער, וואס האבן דעמאלט געוואוינט אין בערן, וואו דער אדרעסאט האט זיך געפונען. — [149] פרייליין אהרנסאן, איצט די פרוי פון נחמן מייזל.

76

צו אלכסנדר אמפיטעאטראוו

[פונם אריגינאל]

[מיטן רוסישן שריפטשטעלער אמפיטעאטראוו האט זיך ש. ע. באפריינט אין איטאליע, נאכדעם ווי אמפיטעאטראוו האט פארעפנטלאכט אין דער רוסישער פרעסע באגייסטערטע ארטיקלען וועגן שלום־עליכמס ווערק, גלייך ווי זיי זייבען דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג. ביידע שריפטשטעלער האבן צווישן זיך געפירט א ווארימע קארעספאנדענץ און אפט געפארן איינער צום אנדערן אויף באזוך. — דער בריוו, וואס האט ספעציעל צו טון מיטן ביילים־פראצעס, איז געשריבן געווארן נאכדעם, ווי אמפיטעאטראוו האט, אויפן פארלאנג פון ש. ע., גענומען אויף זיך ארויסצוטרעטן אין דער רוסישער פרעסע, צוזאמען מיט אנדערע רוסישע שריפטשטעלער, מיט א קאלעקטיוון פראטעסט קעגן דעם פאבריצירטן ביילים־פראצעס (לסוף האט ער פארעפנטלאכט דעם פראטעסט נאר אין זיין אייגענעם נאמען אליין). — דער בריוו צו אמפיטעאטראוון איז, פארשטייט זיך, געשריבן אויף רוסיש, נאר פאר זיך האט ש. ע. איבערגעלאזט א קאפיע אויף אידיש, וואס ווערט דא געגעבן.]

טייערער קאלעגע אלכסנדר וואלענטינאוויטש!

איך בין גליקלאך, וואס איך האב מיך ניט טועה געווען, אז איר, אלץ אן אמתער קריסט (און געוויס אויך אייער געערטער חבר מאקסים גארקי), האט זיך באדארפט פילן גארנישט פויגלדיק פון דער וואקכאנאליע פון שקרים וכזבים, רכילות און העצערייען, וואס קומט־פאר אין געוויסע קרייזן, וועלכע זיינען דאך געבונדן מיט אייך מיט ברודערלאכע פעדים... לאז מיך גאט היטן, איך זאל מאכן אנדערע פאראנטווארטלאך און זאגן, אז אלע קריסטן זיינען בלוטדארשטיק... מיר, אלץ איד, פאסט דאס גארניט צום פנים. נאר איך שווער אייך בנאמנות, ווען עס טרעפט זיך אזא מעשה פארקערט, ד. ה. ווען אידן באשולדיקן קריסטן אין אזעלכע ריטואלמארדן, ווי מע באשולדיקט אונז, וואלט איך פארברענט געווארן פאר בזיון, ווען אפילו די דאזיקע אידן זאלן זיין נאך ערגער פון פורישקעוויטשן מיט מארקאוון צוזאמען. דערפון איז נאך ניט געדרונגען, אז איר דארפט פארברענט ווערן — איך בין דאס גארנישט אויסן, אז מיינע פריינט זאלן ברענען...

א גוטע זאך טוט איר אויף מיט אייער קאלעקטיוון פראטעסט פון די בעסטע רוסישע מענטשן פון אונזער אלעמענס פאטערלאנד, וואס באציט [זיך] ניט צו אונז אלעמען גלייך. איך רעכן אבער פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז דער דאזיקער פראטעסט אייערער דארף ניט דינען אלץ א הכחשה קעגן עלילת־דם. ריטואלע מארדן ביי אידן זיינען שוין אפגעלייקנט געווארן הונדערט מאל. אויב מיר זאלן זאגן, אז סאיז בכלל פאראן אויף דער וועלט ריטואלמארדן, איז ניט צווישן די, וואס מע מאכט אויף זיי פאגראמען, נאר צווישן די, וואס מאכן די פאגראמען. ווי קאן מען דען אנדערש אנרופן די שיינע עובדות פון די קישינעווער און אנדערע פאגראם־מאכערס, אויב ניט ריטואלמארדן? ווארפן קינדער פון די אויבערשטע עטאזשן, ווי א מין יום־טוב, אויפשניידן בייכער פון מעוברתע פרויען און שרייען בעת מעשה „הורראַ!“ — אט דאס איז ניט קיין ריטואל? און די גרויסארטיקע רעדן פון מארקאוו מיט דער חבריא אין דער דומע, אז מיר ווען נישט טרענען אייערע אידישע איבערבעטן, נאר די בייכער פון אייערע פרויען — אט דאס איז ניט קיין ריטואל? אלזא, ניט דאס דארף זיין דער עיקר פון אייער פראטעסט. לויט מיין מיינונג, באדארף אייער פראטעסט ארויסזאגן און אויפקלערן, אז דער גאנצער ענין פון דעם בלוט־בלבול האט נאר איין צוועק: איבערחזרן דאס אומפארגעסלאכע 1905 יאר, דאס הייסט, פשוט גערעדט: איין אלרוסישער פאגראם אויף אידן! — — — אודאי וואלט גוט געווען, אז אין אייער פראטעסט זאלט איר אפעלירן אויך צו אייערע קאלעגן אין אויסלאנד, בכדי ער זאל פון אן אלרוסישן אויסוואקסן אין אן אלוועלטלאכן פראטעסט. איבעריקנס, איז דאס נאר מיין פריוואט־מיינונג, וועלכע איז, קאן זיין, גאנץ איבעריק. איך פארלאז מיך שוין אויף אייך, אז איר און אייער פריינט מאקסים גארקי וועט די זאך ארומטראכטן ווי עס געהער צו זיין. איך דריק אייך ביידן אייער האנט ברודערלאך.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

באדענווייַלער, 23־טן מאי, 1911.

77

צו דוד פרישמאן

[פונם אריגינאל]

באדענווייַלער, 28־טן מאי, 1911.

טייערער, טייערער פרישמאן!

נאר־וואס, זייגער האלב ניין אינדערפרי, האב איך איבערגעלייענט אייער פעליעטאן אין „היינט“ נומער 110: „א ביסל צוקונפט“, וועגן דעם מלמדס צוויי־קינדער־סיסטעם, וועגן עלילת־דם און וועגן די 140 מיליאן אידן קעגן די עטלאכע מיליאן קריסטן־עקספלואטאטארעס, וואס קנעלן אויף א בוידים און האנדלען מיט לאטערייצעטלען — און האב פשוט־פשוט זיך געהאלטן ביי די זייטן. איך געדיינק שוין ניט די צייט, ווען איך זאל האבן אזוי געזונט און געשמאק געלאכט. א גרויסן יישר־כח אייך, טייערער קאלעגע, פאר אייער געראטן שטיקל ארבעט! ביז אהער האב איך פון דעם עלילת־דם געוויינט, בנאמנות געוויינט. איך קאן אייך קוים איבערגעבן די צרות מיט די שפיכות־דמים, וואס כהאב דערפון, פון דעם מיאוסן עסק. איצט לאך איך — און דעריבער דאנק איך אייך. אט דאס איז דאך אונזער איינציק שטיקל

טרייסט, וואָס מיר קאָנען, כאָטש אונטער זיך, אַ ביסל גוט אויסלאַכן זיך פון אונזערע שונאים, אַז אַך און וויי צו אונזער קאָפּ! די אילוזיע פון אייער עכט־אידיש און שאַרף־פעפערדיק הומאָריסטיש בילד איז אַזוי בולט, אַז כהאָב געהאַט די אמתע נקמה, די ריינע סאַטיספאַקציע, דעם שענסטן עקוויוואַלענט — טפו! וואָס פאַר ווערטער עס שיטן זיך ביי מיר? פאַרצייהט. אַך, וואו נעם איך אים אַהער אַצינד, אייער יאַצקאַנען[150] מיין איך! ער איז דאָ ביי מיר אין באַדענווייילער. ער קומט אַלע טאָג צו מיר. נאָר איצט, ווען מע דאַרף, איז ער ניטאָ. אויף דער הייסער מינוט וואָלט איך אים אַ ביסל אויסגעלומרט. איך וואָלט אים אַרויסגעלייגט אַ ביסל אמת, אַז דער איין פעליעטאָן אייערער האָט אייך שוין פאַרדינט אייער האָנאָראַר פאַרן גאַנצן יאָר תרע"א־תרע"ב, און אַז איר קאָנט אייך שוין נעמען פעריען[151] און קומען צו פאָרן צו אונז אַהער אויפן גאַנצן זומער, און קומט איר צו מיר, גיב איך אייך אַ קוש.

פון מיר אייער פריינט, וואָס לייענט אייך און פאַרשטייט אייך,

שלום-עליכם.

פּ. ס. — חס ושלום, איר זאָלט ענטפערן אויף אַ בריוו! למאי זאָלט איר ענטפערן? פאַרשטופּט דאָס מויל מיט אַ גוטער ציגאַר, נעמט־צונויף די ברעמען, ווי אַ מיזאַנטראָפּ אַ סקעפּטיקער, מאַכט צו־רעכט אַלע מינוט די פּענסנע, וואָס ווילן זיך ניט האַלטן אויף אייער אידיש־פראַנצויזישער נאָז, שפּאַצירט אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס הין און צוריק איבערן נישט־אויפגערוימטן קאַבינעט, וואַלגערט זיך אויף דער ווייכער סאָפע, רעדט מיטן ווייב דברים בטלים און שפּילט זיך מיט די קינדער (אָדער פאַרקערט), נאָר שרייבן אַ גוטן פריינט, ענטפערן אויף דריי בריוולאַך כאָטש איין מאָל — דאָס לאָזן אַנדערע, ניט פרישמאַן. וואָרים פרישמאַן איז טאַקע אַזוי אפילו זיך אַ רעאַליסט, אַ הומאָריסט, אַ כל־בוניק, אַ ימח־שמוניק, און וואָס איר ווילט, נאָר קומט צו אַ בריוול אָנשרייבן — איז ער אַ פּאָעט און עס פעלט אים שטימונג...

78

צו מענדעלי מוכר־ספרים

[פונם אָריגינאַל]

[די קומענדיקע צוויי בריוו האָבן צו טון מיט דעם טאָגבלאַט „שלום־עליכם", וואָס איינער אַ יאַנקעלעוויטש האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין אַדעס אין אָקטאָבער 1911. שלום־עליכמען האָט דער דאָזיקער פאַקט, וואָס אומבאַקאַנטע לייט באַנוצן זיך מיט זיין נאָמען פאַר אַ מינדערוועריקער אויסגאַבע, שטאַרק געקריינקט, און ער האָט געשריבן צו אַלע זיינע אַדעסער פריינט, זיי זאָלן ווירקן אויפן אַרויסגעבער, ער זאָל אומביטן דעם נאָמען פון דער ציימונג. לסוף האָט זיך אַריינגעמישט מענדעלי און געפּועלט ביי יאַנקעלעוויטשן, ער זאָל שניידן דעם נאָמען אויף האַלב און דאָס בלאַט זאָל פון איצט אָן הייסן „שלום", דערביי האָט יאַנקעלעוויטש אויסגענומען אַ תנאי, אַז ש. ע. זאָל אים דערפאַר שיינקען אומזיסט אַ פעליעטאָן פאַר זיין בלאַט. ש. ע. איז אויפן תנאי איינגעגאַנגען, נאָר די ציימונג, וואָס האָט זיך באַניט אונטערן נאָמען „דער איד" (דער אַרויסגעבער האָט זיך, אַפּנים, אַרומגעזען, אַז מענדעלי האָט פון אים חוזק געמאַכט מיטן נאָמען „שלום"), האָט געהאַט קורצע טעג: אָנהייב 1912 האָט זי זיך אָפּגעשטעלט.]

מאָנטרע (שווייץ), גראַנד רי 93.
15־טן אָקטאָבער, 1911.

איך קלייב מיך שוין, זיידע, עטלאַכע טעג צו אייך שרייבן, און לייג אַלץ אָפּ פון טאָג אויף טאָג. ערשטנס, ווייל איך קאָן מיך ניט אַנטשליסן קומען צו אייך פלוצים מיט אַ בקשה. איך האָב, דאַכט מיר, קיינמאָל צו אייך ניט געווענדט זיך מיט בקשות. און צווייטנס, בין איך קראַנק, ניט פון מיין קריינק, רחמנא ליצלן, נאָר פון אויפרעגונג. נערוועז רופט מען דאָס. און געקריינקט בין איך פון אַ נאַרישקייט, נאָר אַזוי שטאַרק, אַז איך קאָן מיך צו קיין זאַך נישט נעמען. אפילו שרייבן קאָן איך שוין אויך נישט — און דאָס איז ביי מיר אַ נייס, ווי ביי [אַ] גוי להבדיל, וואָס קאָן שוין אויף בראָנפן נישט קוקן — אַ שלעכטער סימן. נאָר לאָמיר אָקאָרשט אַריבערגיין צו די „ביזנעס":

ביי אייך אין אַדעס האָט זיך פאַרגלוסט איינעם אַרויסגעבן אַ אידיש בלעטל. מהכתיתי, לאָז זיין נאָך אַ בלעטל, ווּעמען אַרט עס? ניין, ווילט זיך אים דאָס בלעטל אַ נאָמען געבן דווקא „שלום־עליכם". דערהערט אַזאַ מעשה, האָב איך באַלד אָוועקגעשריבן צו ראַווניצקין און צום רעדאַקטאָר אַליין, און האָב באַקומען פון זיי ביידע בריוו, וועלכע האָבן מיך נאָך מער אויפגערעגט. דער רעדאַקטאָר מאַכט נאָך חוזק. ער זאָגט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס בלעטל מיטן נאָמען ש"ע, האָט ער זיך דערמאַנט, אַז סאיז דאָ אַ שרייבער שלום־עליכם... אַ מין אַסאָציאַציע פון אידעיען, משטיינס געזאָגט. אַרויסשרייבן אייך די מאָטיוון, פאַרוואָס דאָס איז מיר ניט איינגענעמען — פאַרשפּאָר איך אייך, איר ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. איך זע אָבער, אַז אַלע מיינע השתדלות וועלן גאָרנישט פועל זיין, ביז איר, און נאָר איר, וועט זיין אַזוי גוט און מיר קומען צו־הילף. איר דאַרפט נאָר שיקן רופן צו זיך אָט דעם רעדאַקטאָר, ער הייסט יענקעלעוויטש. זיין אַדרעס איז: פּושקינסקאַיאַ 57. צען מינוט ווען איר שיינקט אַוועק פון מיינעטוועגן און רעדט זיך דורך מיט אים — איז דאָס, איך בין זיכער, געמאַכט. איך שווער אייך בהן שלי, אַז איך בין אַזוי דערהרגעט פון דעם נאַרישקייט,

[150] דיזער אַרויסגעבער פונם „היינט", וואו פרישמאַן האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט. — [151] וואַקאַציע.

אַז איך ווייס גאָרניט, ווי אַזוי איך וועל עס איבער־טראָגן! איך בעט אײַך, טוט עס מיר. אײַערס אַ וואָרט וועט האָבן מער ווירקונג פון אַלע איבערשרײַ־בעניש.

מיט ליבשאַפט צו אײַך, אײַער אייניקל
שלום־עליכם.

79

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

מאָנטרע, 25־טן נאָוועמבער, 1911.

ליבער געטרייער האַרציקער זיידע!

מיט וואָס עס שמעקן אײַך מײַנע לעצטע בריוו — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז אײַער בריוו האָט מיר געשמעקט מיט „קונדעס". אַ זיידע אַ קונדעס — דאָס איז טאַקע, כּלעבן, אַ חידוש. לאָז גאָט העלפן, אונזער זיידע זאָל נאָך לאַנג קונדעסן, אַריבערקונדעסן די אייניקלאַך זײַנע — וואָס זאָג איך די אייניק־לאַך? — די אוראייניקלאַך! אַי, זיידע, זיידע, האָבן מיר זיך אָנגעלאַכט פון אײַער בריוול! געזעסן בײַ מיר דעמאָלט אַ שרײַבער, לעשטשינסקי, האָב איך געמיינט, אַט פּלאַצט ער פאַר. געלעכטער. דערזען אײַער האַנטשריפט, האָט ער נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס שרײַבט אַ „זיידע". הקיצור, נעמט צו מײַן דאַנק פאַר אײַער טרחה, און הלוואי סזאָל שוין טאַקע זײַן „שלום", ווי איר זאָגט. און אַז איר זאָגט, איך זאָל שרײַבן אין זייער „שלום", וועל איך אײַך פאָלגן. איצט בין איך נאָך אַלץ אינפלוענצענדיק [152]. — הייסט, מע זאָל אײַך ברענגען דאָס בלאַט „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" פון 14/27 אָקטאָבער, וועט איר לייענען אַ רעצענזיע פון בורענינען אויף אונזער ביאַליקן [153]. זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ רעצענזיע ניט געווען! שאַט! איך האָב ערשט ניט לאַנג נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אַלע ווערק פון מענדעלי מו"ס. איך האָב זיי נאָך זומער באַקומען פון מײַן לידסקי [154], און איך ווייס עד היום ניט, וועמען איך זאָל געבן אַ יישר־כּח פאַר דער מתנה? — מײַנע לײַט האָבן זיך צעפאָרן, ווער קיין ליסי, ווער קיין סטריסי. טיסי און בּרקוביץ מיט זייער טאָכטער זײַנען אין דער ווילנע. ליאַלי, די וואָס איר האָט געבענטשט אין אַדעס פאַר דער חתונה, — זי דערמאַנט דאָס מיט שטאָלץ — איז אין בערלין מיט איר חצי־דאָקטאָר און מיט איר טאָכטער. די

איבעריקע זײַנען אַלע מיט אונדז דאָ און שיקן אײַך אַ קאָלעקטיוון וואַרימען גערוס מיט אײַער הויזגעזינד.

אײַער נאַריש אייניקל, וואָס האָט באַדאַרפט הייסן מנחם־מענדל, נאָר על־פּי טעות הייסט ער
שלום־עליכם.

80

צו די אַרויסגעבער פון „סאָווּרעמעננייאַ פּראָבלעמי"

[איבערגעזעצט פון רוסיש, פון אַ קאָפּיע]

[„סאָווּרעמעננייאַ פּראָבלעמי" (די הײַנטוועלטיקע פּראָבלעמען) — אַ מאָסקווער פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַכט בענד פון שלום־עליכמס ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. פּינוס. די בעלי־בתּים פונם פאַרלאַג זײַנען געווען צוויי ברידער סטאָליאַר, אידן. דער דאָזיקער פאַרלאַג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, האָט אַרויסגעגעבן אויך אַ באַנד פון מענדעלין און אַ באַנד פון פּרצן. אויף דער בקשה פון פרישמאַנען האָט ש. ע. צום פאַרלאַג געשריבן אָט דעם בריוו. איינער פון די ברידער סטאָליאַר האָט שפּעטער באַזוכט שלום־עליכמען אין אויסלאַנד און אויפגענומען פון אים אַ רשימה פון אידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך פרישמאַן, וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן אין רוסישער איבערזעצונג. עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז דער צווייטער פון די ברידער האָט זיך אָפּגעטײלט פון די „סאָווּרעמעננייאַ פּראָבלעמי" און האָט געגרינדעט אַ באַזונדערן פאַרלאַג מיטן נאָמען „דער אוניווערסאַלער בוכפאַרלאַג פון ל. אַ. סטאָליאַר", צו וועלכן ש. ע. איז אַריבער מיט זײַנע ווײַטערדיקע איבערגעזעצטע ווערק (נאָך פיר בענד), און דער פּלאַן אַרויסצוגעבן אויף רוסיש אַ גאַנצע סעריע שריפטן פון דער אידישער ליטעראַטור איז בטל געוואָרן.]

מאָנטרע, 30־טן נאָוועמבער, 1911.

צום פאַרלאַג „סאָוור. פּראָבלעמי".

ג. ה.!

מיט אָט דעם בריוו וועל איך מיר דערלויבן צו מאַכן אײַך אַ פאָרשלאָג, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט אונזערע פּריוואַטע געשעפטלאַכע באַציאונגען.

אויב אײַך פערזענלאַך איז ניט באַוואוסט, איז דעם איבערזעצער פּינוסן, האָף איך, זייער באַקאַנט דער נאָמען פון איינעם פון אונזערע סאַמע פּאָפּולערע און אָריגינעלע שריפטשטעלער, דוד פרישמאַן.

פרישמאַן איז אויף אַזויפיל פּילזײַטיק, אויף וויפיל ער איז עלעגאַנט און טיף. ער איז אי אַ דיכטער, אי אַ בעלעטריסט, אי אַ קריטיקער־פּובליציסט, צו וועמען עס איז נישטאָ קיין גלייכן אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור. איך בין איבערגעצייגט, אַז צווישן זײַנע שריפטן אינם משך פון דרײַסיק יאָר וועט איר געפינען ניט־ווייניק הויך־אינטערעסאַנטעס פאַרן רוסישן לעזער. אויב מײַן פאָרשלאָג איז אָנגענעמ־

[152] ד. ה. קראַנק אויף אינפלוענצע. — [153] דער פאַרביסענער, סאַדיסטיש־קראַנקער קריטיקער פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", בורענין, האָט דעמאָלט אָנגעשריבן וועגן דער רוסישער איבערזע־צונג פון ביאַליקס לידער אַ קוריאָזע רעצענזיע, וואָס איז געווען מער אַ הינטישער אָנפאַל, איידער אַ רעצענזיע; גערעדט האָט ער ניט פון די לידער גופא, נאָר פון דעם „זשידאָווסקן" נאָמען פונם דיכטער: „חיים — חם", „ביאַליק — קראַליק", און נאָך אַזעלכע חכמות. — [154] יעקב לידסקי, שלום־עליכמס פאַרלעגער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אויך מענדעלים ווערק.

באַר, און וואָס איך צווייפל ניט, וואָלט איר געקאָנט זיך ווענדן צו אים אויף אָט דעם אַדרעס: ד. פרישמאַן, כלאָדנאַ 18, וואַרשע.

וועגן אַן אַריינפיר־אַרטיקל צום ערשטן באַנד פון פרישמאַנס ווערק וואָלט איר זיך געקאָנט ווענדן צו דעמזועלבן דר. עליאַשעוו, וועלכער האָט אייך אָנגע־שריבן איבער אַבראַמאָוויטשן [155].

מיט פולער אַכטונג,

ש. עליכם.

81

צו ש. ניגער

[פונם אָריגינאַל]

[**אין דעם** בריוו, ווי אויך אין דעם קומענדיקן, ווערט גערעדט וועגן דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“, וואָס ש. ע. האָט אָנגעהויבן צו שרייבן און דרוקן אינם וואַרשעווער „היינט“ אָנהייב 1912. אין דער צייט, ווען די דאָזיקע בריוו זיינען געשריבן געוואָרן, האָבן זיך אין „היינט“ שוין געדרוקט די פערציקסטע קאַפּיטלען פונם ראָמאַן. — ש. ע. באַראָט זיך דאָ מיט זיין קריטיקער, ווי אַזוי די אַנטוויקלונג פונם ראָמאַן זאָל אָנגיין ווייטער. אגב באַרירט ער דאָ אויך די לאַגע פונם ראָמאַן אין דער צייטונג, וואו ער איז געדרוקט געוואָרן: דער אַרויסגעבער פונם „היינט“, ש. י. יאַצקאַן, וועלכער האָט זיך גערעכנט מער מיט דער „געשעפטלאַכער“ זייט פון דעם „בלוטיקן שפּאַס“, איידער מיט דער אידעיע און מיט די פּלענער פון דעם מחבר, האָט געשיקט שלום-עליכמען אינ־סטרוקציעס אין אַ טאָן פון „דעקרעטן“: וואָס אין דעם ראָמאַן דאַרף געשריבן ווערן און וואָס ניט. די דאָזיקע אינסטרוקציעס האָבן שלום-עליכמען אויף אַזוי ווייט אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אַז ער האָט דעם ראָמאַן געוואָלט אָפּשטעלן אינמיטן, און נאָר די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַרן פאַראינטערעסירטן לעזער האָט אים אָפּגעהאַלטן דאָס צו טון. עס מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דאָס אָפּטע אַריינמישן זיך פונם אַרויסגעבער פון „היינט“ אין שלום-עליכמס אַרבעט האָט געהאַט אַ געוויסע נעגאַטיווע ווירקונג אויף זיינע שאַפונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין יענער צייטונג. אפילו דער נאָמען פונם ראָמאַן, מיטן דורכאויס ניט־שלום־עליכמדיקן אַדיעקטיוו „בלוטיקער“, וואַקסט אויך פון דעם אַרויסגעבערס קאָפּ; ביי שלום־עליכמען האָט דער ראָמאַן לכתחילה געזאָלט הייסן: „דער גרויסער שפּאַס“.]

קלאַראַן (שווייץ), רי די לאַק 15.

12־טן אַפּריל, 1912.

זייער געערטער פריינט ניגער!

איך ענטפער אייך אויף אייער ליבן בריוו בחפזונדיק און גייענדיק, כמעט לויפנדיק. קיין אַנדער צייט האָב איך ניט.

דעם ראָמאַן „די בלאָנזענדע שטערן“ וועל איך אייך געבן נאָר מיט דריי תנאים:

[155] בעל־מחשבות האָט אָנגעשריבן דעם אַריינפיר־אַרטיקל צו מענדעלים שריפטן אין דער רוסישער איבערזעצונג.

1) איר זאָלט וויסן, אַז דעם סוף וועל איך איבער־מאַכן [156].

2) קיין בן־אָדם זאָל ניט זען ביי אייך דאָס בוך (אַמעריקאַנער אויסגאַבע), אויסער איר און אייער ווייבל, מיין אַמאָליקע חסידה מיידלוויז. נאָכן איבער־לייענען באַלד אָפּשיקן מיר. און —

3) איר זאָלט תיכף ומיד ווי איר באַקומט אָט דאָס בריוול זיך אַוועקזעצן, נעמען אַ פּאָר בייגעלאַך פּאַפּיר און אָנשרייבן מיר אָט וואָס: איר זאָגט, אַז איר האָט ערוואַרט, און אויך איצט וואַרט איר, פונם גויעצל [157] עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל וואונדערן (אָפּטון אַ שטוקע). וואָס מיינט איר דערמיט? איר זאָגט: דאָ דאַרף זיך אַנטפּלעקן עפּעס אַ נייער קניטש. וואָס מיינט איר דערמיט? איר זאָגט: אַ קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגיע קאָן זיך אַנטוויקלען. וואָס מיינט איר דערמיט? נו, געוויס האָב איך מיינע פּלענער און איך האַלט שוין ווייט. איך דאַרף אָבער הערן וואָס איר מיינט. איר זאָגט, אַז דער מחבר איז אַבסאָלוט ניט מחויב א. ז. וו. מחויב — אפשר ניט. אָבער איך וויל הערן אייער וואָרט, אייערע חלומות, ווי וואָלט איר געטאָן? איך זאָג ניט: ווי אַזוי? איך פרעג נאָר: וואָס וואָלט איר געטאָן מיטן גויעץ? — — — (זע זייט נומער 6 [158]). למען השם, זיך ניט זשענירן, ניט קווייקלען, נאָר אָפּנהערציק, ווי אַ גוטער פריינט, און דער עיקר: באַלד, שוין, היינט [159], טאַקע בזה הרגע. און ווי כוועל באַקומען אייער ענטפער, דאַן שיק איך אייך די „בלאָנזענדע שטערן“.

ווענגן מיין געזונט? — פולשטענדיק. ניט נאָך אַזוי געזונט, ווי פריש און יונג. מע ווערט אינגער (אינם שאַפן מיין איך). איך זאָג עס אייך ערנסט. — איר האָט אַ ביסל פאַרדרייט דעם פּינסקער בחור מיטן סטודענט טומאַרקין [160]. די דאָזיקע צוויי לעבעדיקע נפשות בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל זיי נאָך אַרויספירן און אַרויספירן, שטייט אָבער דער אָדון דער רעדאַקטאָר און שרייט: „מעשה! מעשה גיט! ווינציקער טיפן, מער מעשה!“ — איר פאַר־שטייט, וואָס פאַר אַ דראָט־אַרבעט, אַז איך האָב געקאָנט דורכשלאָגן אַזאַ היפּאָפּאָטאַמישע פעל פון די, וואָס לעקן די פינגער פון דער „פאַרשלייערטער

[156] דאָ רעדט זיך וועגן דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון „בלאָנזענדע שטערן“ (געדרוקט דורכן ניו־יאָרקער „מאָרגנזשור־נאַל“), וואו דער ראָמאַן ענדיקט זיך דערמיט, וואָס ביידע הויפּט־העלדן, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ און ראָזע ספּיוואַק, האָבן חתונה; אין דער שפּעטערדיקער וואַרשעווער אויסגאַבע האָט ש. ע. איבער־געמאַכט דעם סוף, אַז די ביידע צעגייען זיך, און האָט צו דעם צוועק צוגעשריבן צום עפּילאָג נאָך אַ קאַפּיטל. — [157] דער העלד פונם „בלוטיקן שפּאַס“, דער רוסישער סטודענט פּאָפּאָוו, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר ראַבינאָוויטש. — [158] געמיינט: דאָס זעקסטע בלעטל פון אָט דעם בריוו, אויף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן דאָס „פּאָסט־סקריפּטום“. — די באַמערקונג אין קלאַמערן האָט ש. ע. צוגעשטעלט נאָכדעם ווי דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן. — [159] דער בריוו איז אַדרעסירט קיין בערן, עטלאַכע שעה רייזע פון קלאַראַן. — [160] פאַרשווינען פונם „בלוטיקן שפּאַס“.

דאַמע"[161], זײַ זאָלן מײַן ראָמאַן א ו י ך לײענען מיט אינטערעס, װעלכער װאַקסט פון טאָג צו טאָג. איך שרײַב עס אײַך, נאַטירלאַך, בסוד. ביז אַ געװיסער צײַט מוז עס זײַן אַ סוד. אַמאָל, אַז מיר װעלן לעבן, װעל איך פאַרעפנטלאַכן אַ פּאָר בריװלאַך פון אַ אידישן רעדאַקטאָר צו אַ אידישן שרײַבער, װעט מען זיך קאַטשען פאַר געלעכטער (און דער מחבר[162], קאָן זײַן, האָט גאָר געװײנט...). באַם אָבער איך װעל אַװעק פאַר דער צײַט, װעלן עס מסתמא טון אַנדערע. די בריװלאַך ליגן בײַ מיר. מײַנע ענטפערס אויך. מײַן בערקאָװיטש װײסט די גאַנצע געשיכטע און האָט זיך געריסן בײַ די שװאַרצע האָר... איצט האָב איך שױן אַ הסכמה פון דער רעדאַקציע, אַז דער ראָמאַן האָט זיך, ברוך השם, אָנגענומען. די לעזער פרעגן זיך, אַפּנים, נאָך, װאָרים ער[163] זשאַלעװעט קײן געלט און באַקט בײגל, װי איר זעט, אַ טאָג איבער אַ טאָג. בקיצור — ליהודים!

מאָרגן־איבערמאָרגן װאַרט איך אויף אײַער בריװ.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם .

פּ. ס. — עיקר שכחתי. סאיז נײטיק, איר זאָלט װיסן. לכן אַנטפּלעק איך אײַך אַ סוד (גאָלע סודות!), אַז דער גױעץ איז דער הױפּט־באַשולדיקטער אינם „ריטואַל" פונם געהרגעטן װאָלאָדקי... אַלע „אוליקן" זײַנען נאָר קעגן אים, און [ער] װעט דאַרפן זיך אַװעקזעצן אויפן בײַנקל. דערװײַל װעט ער אַרײַן אין אַסטראָג און האָבן אַ ביסל צרות און פאַרשװאַרצט װערן, אַזױ װי גאָט האָט געבאָטן. נאָר כאַפּט זיך ניט: ער װעט בײַ מיר פריער נאָך לויפן מיט אַלע אידן פון אַ מורא פאַר אַ פּאָגראָם, גלײַך מיט אַלע „מענטשן־פליגן"[164] — הכלל, װאָס האָט איר דערויף צו זאָגן? איך בעט אײַך, אָן כבוד לײגן און אָן רחמנות. אויב מע דאַרף בײטשן — בײטשט. אויב מע דאַרף זאָגן — זאָגט. און װאָס גיכער. באַלד!

82

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

קלאַראַן, 14־טן אַפּריל, 1912.

טײַערער פרײַנט ניגער!

1000 דאַנק אײַך פאַר אײַער טײַער בריװל, װאָס האָט מיך נאָך מער אָנגעװאַרימט, װי איך בין. ניט אָפּלײגנדיק אויף שפּעטער, ענטפער איך אײַך באַלד, נאָך ליגנדיק אין בעט און שרײַבנדיק מײַן ראָמאַן שױן בײַ די פופציקסטע קאַפּיטלאַך. (אינדערפרי שרײַב איך אין בעט ביז אַזײגער 9־10. כװאָלט געשריבן ביז אַזײגער 13־14, לאָזט מען מיך ניט. מע שרײַט אויף מיר!). אַלזאָ, צו אײַער בריװל. פּונקט דיזעלבע געדאַנקען, װאָס איר װילט זיך צו זײ דערגריבלען, װערן בײַ מיר דורכגעפירט נאָך אין די פערציקסטע קאַפּיטלאַך. פרײט עס מיך דעריבער, װאָס איך בין נישט אַװעק אין אַ פאַלשן װעג, נישט פאַרקראָכן קײן בױבעריק. עס פרײט מיך, װאָס איר װעט הנאה האָבן, און איך דאַנק אײַך נאָך אַ מאָל, װאָרים איר האָט מיר צוגעגעבן מוט אויף צו גײן זיכערלאַך. אַך! װאָס זײַנען מיר, אידן, אַזױ אומגליקלאַך? בײַ די גױים אַ שרײַבער לאָזט זיך לערנען פונם קריטיקער, הערט־אויס אַמאָל אַ לעקציע, װײסט פון אַ מעטאָד און פון אַ סיסטעם, און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַ אידישער קריטיקער דאַרף זיך פאַרענטפערן, התנצלות שרײַבן — איך מײן אײַך נישט באַלײדיקן חלילה — איר װאָלט געקאָנט מיר גלײַך זאָגן: „שלום־עליכם! אַזױ און אַזױ טוט, װעט זײַן גימל, אַניט, װעט איר ליגן אין דער אדמה!"...

הערט זשע. איך שיק אײַך די „בלאָנזשענדע שטערן". לײענט זײ בײדע, איר און אײַער װײַבעלע. און פון אײַך פאַרלאַנג איך, איר זאָלט מיר אַלע װאָך שרײַבן אַ בריװ, און אַלע מאָל נאָר פונם „בלוטיקן שפּאַס". אַלע מאָל נײַע געדאַנקען, װאָס זאָלן זיך װעבן אינ־אײנעם מיט מײַנע בײַ דער װײַטערדיקער אַרבעט, כל־זמן דער ראָמאַן איז נאָך בײַ מיר אויפן װאַרסטעט. מכח פאָרן אין אײַערע מקומות — איז מיט פאַרגעניגן, נאָר בסוד (װידער סודות!), און בתנאי (װידער תנאים!), אַז ניט לײענען[165], נאָר פּשוט, גלאַט אַזױ זיך זען, אַרױספאָרן אינאײנעם אויפן „גאָרטען"[166] און דאָרט אַ ביסל רײדן, אַנטפּלעקן אײנס דאָס אַנדערע אַ ביסל דאָס אינװײניקסטע פון דער נשמה... עס טוט מיר באַנג, װאָס מיר האָבן זיך אַ ביסל פריער ניט דערנענטערט. אויב איך בין פאַר אײַך א י נ ג ע נ ע ם, זײַנט איר מיר נ ו צ ל א ך, נוצלאַך אָן אַן ערך! — אויף װידערזען.

אײַער ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם .

83

צו דעמזעלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריװ איז געװען אַן ענטפער אויף ניגערס אַ בקשה, ש. ע. זאָל אים אויסלײען זײַנע ערשטע פעליעטאָנען פונם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", „די איבערגעכאַפּטע בריװ", װאָס ניגער האָט באַדאַרפט האָבן פאַר זײַן אַרבעט װעגן שלום־עליכמען.]

קלאַראַן, 29־טן מאַי, 1912.

פרײַנט ניגער!

כלעבן, סאיז ניט כדאי פון די „איבערגעכאַפּטע בריװ" צו רײדן. נו, פעליעטאָנען, לעבעדיקע אפילו,

[161] אַ שונדראָמאַן, װאָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אינם „הײַנט". — [162] געמײנט זיך אַלײן. — [163] געמײנט דעם אַרױסגעבער פונם „הײַנט". — [164] בײַ דעם גױאישן העלד פונם ראָמאַן האָבן אידן אויסגעזען װי „מענטשן־פליגן" (דאָס זעקס־און־דרײַסיקסטע קאַפּיטל פונם ראָמאַן איז באַטיטלט מיט אָט די צװײ װערטער).

[165] ד. ה. פאַרלײענען אויף אַ פאַרזאַמלונג. — [166] אַ באַרג הינטער בערן, אַ שפּאַציר־אָרט.

פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך, וואו צוויי מענטשן, איינער פון דער וועלט, דער צווייטער פון יענער וועלט, שרייבן זיך איבער, דערציילן נייס, ריידן לשון-הרע אויף לעבעדיקע און אויף טויטע, און ווייל דאָס זיינען געווען פליאָטקעס פון שפּאָלע, שוואַרצטומאה, ווילנע, ריגע, ראָוונע און איישישאָק — האָבן נאַראָנים אָנגעקוואָלן, געלעקט די פינגער ממש. איך האָב עס ערגעץ, נאַטירלאַך, נאָר ווייט-ווייט באַהאַלטן, וואָרים איך שעם מיך דערמיט, ווי אַן אַלטער זקן, ווען ער געפינט זיינס אַ בריוול, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן צו זיינער אָדער צו אַ פרעמדער כלה... איך מאַך נישט קיין חן, נאָר איך זאָג אייך בהן שלי, אַז זיי האָבן קיין ווערט אפילו אַלץ כאַראַקטעריסטיק. פּונקט, אַשטייגער, אַזוי-פיל, ווי אין דעם אַרטיקל „שלום-עליכם אין דער יוגנט“, וועלכן איך שיק אייך דאָ בכיוון [167]. אַ חבר מיינס, וואָס האָט מיך ניט געזען דריי-און-דרייסיק יאָר, שרייבט „ערינערונגען“ איבער ש. ע. — און וואָס איז דאָרטן דאָ? גאָרניט. איך חלום דעריבער וועגן פאַרברייגנען מיט אייך אַ פּאָר צענדליק שעה און עפענען פאַר אייך מיין נשמה באמת. אָבער איך האָב מורא, אַז כוועל מוזן אַליין אָנשרייבן מיין אמתע ביאָגראַפיע און די געשיכטע פון מיין שאַפן: זיי זיינען ביידע גלייך אינטערעסאַנט. דער חסרון, וואָס איך לייג עס אָפּ אויף דער עלטער, און פיל מיך אַזוי יונג און וועל מיך אַזויפיל פילן, דאַכט זיך, ביזן לעצטן טאָג פון מיין „יוגנט“, און מיין אויטאָביאָגראַפיע וועט בלייבן ניט קיין געענדיקטע. ווי קאָן מען שרייבן ביאָגראַפיעס, אַז מע האַלט ערשט ביים אָנהייב שאַפן? איך שיק פאַר „ב. טשאַרני-לוריא“ [168] דאָס באָברויסקער פעליע-טאָנדל, ווייל עס האָט אַ שייכות מיט איר מיידלשאַפט, אָדער — ריכט[יק]ער — קינדהייט. ביידע זאַכן, נאַטירלאַך, מיר צוריק אָפּשיקן. מיין פרוי איז נאָך אַלץ צו-בעט.

אייער שלום-עליכם.

פּ. ס. — איר האָט אַ חסיד, הייסט ער שמעון ראָבין. וואו איז ער? זיין אַדרעס?

84

צו בעל-מחשבות

[פון אַ קאָפּיע]

[בעל-מחשבות האָט דעמאָלט געהאַט געשריבן צו שלום-עליכמען אַ בריוו אין לייכטן טאָן, אַז אים אַליין קומט ניט אויס צו לייענען דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“, נאָר מע האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן באַשטייט, מערסטנס, פון דער ציַיטונג-כראָניק וועגן דעם ביילים-פּראָצעס, און אַז ער, ב. מ., קאָן דאָס פאַרשטיין, וואָרים אידן דאַרפן פּרנסה... — דערויף איז געקומען אָט דער ענטפער פון ש. ע.]

[קלאַראַן], 28-טן יולי, 1912.

ליבער דאָקטאָר עליאַשעוו „המכונה בעל-מחשבות“!

אַזוי האָט איר זיך איצטיקס מאָל געחתמעט, אַזוי רוף איך אייך.

„עמך ישראל צריכים פּרנסה“...

און דעריבער, זאָגט איר, איז אָן אַן אומגליק, אַז אַ שרייבער, און אַ אידישער דערצו, זאָל אָנשטופּן דעם רעדאַקטאָר מיט אַלטע ציַיטונג-אַרטיקלען אין זיין ראָמאַן א. אַ. וו.

תחילת האָט עס מיך געגעבן אַ ברען אויף צו לאַכן, נאָר אַזוי הויך און אַזוי הילכיק, אַז איר זאָלט דאָרט אין היידעלבערג דערהערן מיין געלעכטער. דער-נאָך האָט עס מיך אָפּגעהאַלטן: סטייטש — דאָס שרייבט דאָך ניט *** („פּאַרדופע“ הייסט עס ביי אים, ווייל פּרנסה איז אים שווער אַרויסצוריידן איבער דעם, וואָס ער איז אַ ביסל שטיפּעוואַטע אויף דער צונג און אָפּטלאָך [איז ביי אים] די נאָז פאַרלייגט). *** האָט מיר אַמאָל געהאַט אַ זאָג געגעבן, אַז ביי אַ שרייבער איז דער עיקר פּרנסה, האָט דאָס מיך געעקלט צען יאָר נאָכאַנאַנד. איצט קומט דער איירעפּייער, דער קלוגער בעל-מחשבות, און זאָגט כמעט דאָסזעלבע, נאָך אין אַ מער ציניש טאָן — נו, ווי זאָל מען ניט לאַכן? ווי קאָן מען זיך איינהאַלטן און ניט לאַכן? אויף יוניש הייסט עס: попали пальцемъ въ небо [169]. ברודער בעל-מחשבות! נישט נאָר איצט, וואָס איך בין גאָר נישט אָפּהייניק פונם „היינט“, וואָס איך קאָן שוין לעבן, ברוך השם, פון די ביכלאַך אַליין, וואָס צעגייען זיך אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, נישט נאָר אין דעם דאָזיקן ראָמאַן, וועלכן איך גיב אַוועק מיין גאַנצן זאַפט און קראַפט, בלוט און מאַרך, פּייל און פּאָליר און שרייב-איבער, ווייניקסטנס, זעקס מאָל איטלאַכס קאַפּיטל (אָפּטלאָך — צען מאָל), — אפילו אין די גאָר ביטערע ציַיטן, ווען איך בין געווען אויף גרויסע-גרויסע צרות, אַרומגעלאָפן נאָך אַ גמילות-חסד אויף „פּראָוואָטשעניע“ פאַר די קינדער, מיט וועלכן ס'איז געווען פאַרבונדן מיין „פּראָוואָזשיטעלסטוואָ“ און מיין עקזיסטענץ [170], אפילו דעמאָלט בין איך אויך ניט געווען פייאיק צו געבן אַ רעדאַקטאָר „אַלטע ציַיטונג-אַרטיקלען צוליב פּרנסה“. איין שטיקל זכות האָט אייער בריוול (וועלכעס איך האָב באַהאַלטן לזכרון, טאָמער וועט מען אַמאָל אָפּדרוקן אונזערע בריוולאַך,

[167] זע די צווייטע רובריק „משפּחה און סביבה“, אַריינפיר צו בריוו נומער 15. — [168] פרוי ניגער; זי האָט זיך מיט אָט דעם נאָמען געחתמעט אויף אַ קאָלעקטיוון בריוו פון אַ גרופּע בערנער סטודענטן צו ש. ע.

[169] „געטראָפן מיטן פינגער אין הימל“ — ד. ה. ניט געטראָפן. — [170] ש. ע. האָט געהאַט וואוינרעכט אין קיעוו צוליב דעם, וואָס זיינע קינדער האָבן געלערנט אין די שטאַטישע גימנאַזיעס.

ווען מיר ביידע וועלן שוין ליגן מחילה דארטן...), וואס איר אליין זאגט, אז איר האט דעם ראמאן נאך ניט געלעזן, און אז איר זאגט דאס, וואס איר זאגט, מפי השמועה. נאר עס האנדלט זיך ניט אום דער קריטיק. איר קאנט מיין ראמאן יא לעזן און ער קאן אייך זייער שיין ניט געפעלן און איר קאנט זאגן, אז ער טויג אויף 700 כפרות. נאר אז איר וועט זאגן, אז איך האב אים געשריבן נאר משום שעמך ישראל צריכים פרנסה, וועל איך מיך דערמאנען אין ***ס „פארדופע" און וועל לאכן. איך וועל לאכן, ערשטנס, פון דעם, וואס סאיז גלאט לעכערלאך. מיר דאכט, אז יעדער שרייבער, ניט נאר א שלום-עליכם, נאר א סך א גרעסערער קאליקע, וויל געבן דאס בעסטע, וואס ער פארמאגט. און צווייטנס וועל איך לאכן, ווי ווייט נאענט און טיף אונזערע קריטיקער זיינען באקאנט מיט דער פסיכאלאגיע פון אונזערע שריפטשטעלער! איר זאגט אין אייער בריוו: „דאס איז מיין מיינונג, און ווי איז אייער מיינונג, מאעסטרא?" די משמעות, אז איר האט געווארט, אז דער מאעסטרא אליין וועט אייך ענטפערן: „אמת, וואס טוט ניט א איד צוליב פרנסה?"... און דאס וואלט זיין ביי אייך, ווי זאגט פאני: въ порядкѣ вещей[171]. אט אויף וואס איך לאך און וועל לאכן! און וועגן דעם „סלוך" פון פראטא-קאליסטישע ארטיקלען, וואס איר האט געהארכט, וויים איך דעם איסטאטשניק[172], נאר איך וויל פון אים ניט ריידן, טאמער וועל איך אויפהערן לאכן, און מיר ווילט זיך דווקא נאר לאכן. דער „איסטאטשניק" איז מיר פארשטענדלאך. ער איז מיר באמת א גוטער פריינט און וואלט וועלן, אז מיט שלום-עליכמען זאל שוין אויפהערן אמאל צו שלום-עליכמען. שוטים! נארים! זיי וויסן ניט, אט די גוטע פריינט, אז שלום-עליכם האט פארקאטשעט די ארבל און וויל ערשט אנהייבן צו שלום-עליכמען. נאר גענוג פון שלום-עליכמען. וואס הערט מען עפעס ביי אייך? — — — . ווי גייטס אין געזונט? און צי רעכנט איר ניט ארא-פ-כאפן זיך אין דער שווייץ אויך? איך וועל זיין היינטיקע וואך אין בערנער אבערלאנד: בערן, שפיץ, טון, בעאטענבערג א. א. וו. אפשר קאן מען זיך ערגעץ-וואו צונויפקומען? שמועסן א ביסל, נאר ניט וועגן „פארדופע"?...

אייער שלום-עליכם.

85

צו ש. ניגער

[פונם אריגינאל]

[דער ערשטער טייל פון דעם בריוו באציט זיך אויף א פאקט, וואס איז איבערגעגעבן געווארן פון ש. ק. שנעעפאל אינם „פריינד", אז אן אלטער אידישער שרייבער אין ווילנע, ניט האבנדיק מיט וואס צו דערנערן זיך אויף דער עלטער, איז געצוואונגען ארומצוטראגן פארקויפן אידישע צייטונגען (ווי ש. ניגער גיט איבער, איז דאס געווען יהושע מזח). שלום-עליכם האט וועגן דעם אנגעשריבן א בריוו אין „היינט" אונטערן טיטל: „אל תשליכנו לעת זקנה!", אין וועלכן ער האט פארגעשלאגן די קאלעגן-שרייבערס, מע זאל ניט ווארטן אויף „מעצענאטן" און מע זאל מיט אייגענע כוחות ארגאניזירן אוונטן לטובת דעם אלטן קאלעגע. — אינם צווייטן טייל פונם בריוו רעדט זיך פון ניגערס גרויסער מאנאגרא-פיע וועגן שלום-עליכם, וואס האט זיך דעמאלט אנגע-הויבן דרוקן אינם ווילנער זשורנאל „לעבן און וויסנשאפט".]

קלאראן, 2-טן סעפטעמבער, 1912.

מיין זייער ווירדיקער פריינט ניגער!

לייענט דעם „פריינד" (נומער 183), א בריוו פון ה' שנעעפאל וועגן א אידישן 80-יאריקן שרייבער, א צייטונגסטרעגער. איך בין דערשיטערט פון דעם פאקט. בין ארויס מיט א בריוו אין „היינט" (די טעג) און בין גרייט א פאר אוונטן פאר אים צו מאכן: ביי אייך, אין בערן, און אין גענף. לכן זייט גרייט און נעמט א טייל און שרייבט מיר, ווען און וואו — נאטירלאך, אנהייב סעמעסטער*.

איצט וועגן אייער גרויסן ארטיקל אין „לעבן און וויסנשאפט" (קאפיטל 1). איך האב נישט גענוג ווערטער צו לויבן אייער טיפקייט און פארשטיין מיך מיט מיין שאפן. איך האב מורא, אז איר זייט דער יעניקער, וואס וועט זאגן דאס ערשטע און דאס וויכטיק-סטע ווארט וועגן דעם, וואס חתמעט זיך

שלום-עליכם.

נ. ב. — אויב איר זיינט נאך אויף די בערג און קלייבט זיך קומען למחננו, וואלט איר געהאט א ביסל תענוג צו הערן מיך לייענען אייער ארטיקל אינם חוג פון מיינע בני-בית, וועלכע ווילן אים הערן, נאר איך האב קיין צייט ניט. ווען איר זאלט זיין, איז עפעס אנדערש. נעמט מען זיך צייט!

הנ"ל.

* די גאנצע הכנסה דארף גיין לטובה פון יענעם זקן. און דאס דארף ווערן אויסגעטייטשט אין די אנאנסן.

86

צו דעמזועלבן

[פונם אריגינאל]

קלאראן, 5-טן סעפטעמבער, 1912.

אייער בריוול דערהאלטן.

פון אדעם שרייבט מען מיר, אז דער „זיידע" איז גאר אנציקט פון אייער קריטיק איבער מיר. ער האלט, אז סאיז גאר קפריסין! בערקאוויץ, וועל-

[171] גאנץ נאטירלאך. — [172] קוואל. — ש. ע. האט מיטן „איס-טאטשניק" געמיינט י. ל. פרץ.

כער איז אַ קנאַפּער קאָמפּלימענטנמאַכער, איז אויך צופרידן. — — — .

פֿאַר די ליטווישע אויסדרוקן בין איך אויף אייך גזלן! (דער — די — דאָס). —

אין אייער אויסגאַבע [173] קאָנט איר שטענדיק רעכענען, אַז איך בין אייערער מיט וואָס נאָר מעגלאַך.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם .

מיין חסידה — אייער ווייבל — מיין גרוס.

87

צו יחזקאל קאַטיק

[פֿון אַ קאָפּיע]

[דער אַדרעסאַט איז דער באַקאַנטער מעמואַרן-שרייבער, דער מחבר פֿונם בוך „מיינע זכרונות“. וועגן דעם דאָזיקן בוך רעדט זיך עס אין דעם בריוו: קאָטיק האָט געהאַט צוגעשיקט זיין בוך, וואָס איז דעמאָלט דערשינען, צו שלום-עליכמען און צו ניגערן, מיט אויפשריפטן צו יעדן איינעם, נאָר ער האָט פֿאַרביטן די אַדרעסן, און דער עקזעמפּלאַר מיט דער אויפשריפט צו ניגערן איז אָנגעקומען צו שלום-עליכמען.]

[לייזען], 6־טן יאַנואַר, 1913.

זייער געערטער ה' קאָטיק!

אייער בוך מיט דער ווידמונג „דעם ליבן און גרויסן דיכטער און קריטיקער ש. טשאַרני המכונה ניגער“ האָב איך ריכטיק דערהאַלטן. אַ פֿיין שטיקל אַרבעט האָט איר מיר פֿאַרגעבן. געוויס האָט איר על-פּי טעות פֿאַרביטן די יוצרות, און איך מוז מיך אָפּבייטן מיט מיין פֿריינט און קאָלעגע ניגער מיט די ביכער. אַ גליק, וואָס מיר זיצן ביידע אין איין לאַנד, וועט ער מוזן קומען צו מיר אָדער איך צו אים — און דאָס געשעפֿט וועט זיין אָפּגעוויקלט. נאָר ביז עפּעס-וואָס ווילט זיך מיר זייער לייענען דאָס בוך, וואָרים דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אייערע „זכרונות“ געהערן צו יענעם מין ביכער, וועגן וועלכע גאָגאָל האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז יעדער מענטש זאָל נאָר ווען ערנסט און ערלאַך אויפשרייבן זיין ביאָגראַפֿיע, וואָלטן מיר געהאַט אַ סך גוטע ביכער. איך האָב געכאַפּט אַ קוק צווישן די בלעטלאַך — איז מיר געפֿעלן. נאָר וואָס טוט מען, גיט אַן עצה? אויף צו לייענען דאָך בוך, מוז מען עס פֿריער צעשניידן, און צעשניידן — וועלן די בלעטלאַך זיך צעפֿליען, ווי די פֿעדערן (איך וואוין 1500 מעטער די הויך, אויף אַ באַרג אין לייזען, ניט ווייט פֿון לאָזאַן, און כאָטש די זון באַקט ווי אום תמוז, נאָר די ווינטן בלאָזן מיט סכנת נפֿשות!). האָב איך מורא, אַז פֿון אייערע „זכרונות“ וועט פֿאַר ניגערן נישט בלייבן קיין זכר אפֿילו. אַי די קשיא: ניגער האָט אויך אַ יצר-הרע און'ט'אויך וועלן לייענען און'ט'אויך מאַכן אַ תכלית פֿון מיין בוך, ווי איך פֿון זיינעם? איז דער תירוץ: עבדים היינו — אַזאַ יאָר אויף די שונאים, ווי טביה זאָגט, ווי אונזערע פֿאַרלעגער און דרוקער האָבן שכל אַרויסצולאָזן אַ בוך. ביי זיי אַ בוך און אַ סליחה, להבדיל, און אַ הגדה און אַ ראָמאַן פֿון שמ"ר און אַ לוח — אַלץ איין שוואַרציאַר. גוואַלד, ווען וועלן זיך שוין אונזערע אַרויסגעבער אויסלערנען זיין לייטנגלייך? איר זאָלט אָנקוקן ענגלענדער, פֿראַנצויזן, דייטשן לאָזן-אַרויס גראַשנדיקע ביכלאַך — אַ תענוג! אַ גן-עדן! הכלל, היינט ענדיק איך מיין ראָמאַן [174] * און זאָג „ברוך שפּטרני“ און נעם זיך צו אייערע „זכרונות“ — און אַ מצוה אויף ניגערן — לאָז ער וויסן! —

ש ל ו ם - ע ל י כ ם .

* דער וואָס ציט זיך אין „היינט“, ווי דער אידישער גלות.

88

צו ש. ניגער

[פֿונם אָריגינאַל]

לייזען, 10־טן יאַנואַר, 1913.

מיין פֿריינט ניגער!

ווי איר זעט נאָכן שטעמפּל, געפֿין איך מיך אין לייזען, 1500 מעטער הויך (נאָר שרייבן שרייבט מיר קיין לאָזאַן). דאָ האָב איך פֿאַרענדיקט מיין ראָמאַן און ווער שיר ניט משוגע. וואָס הייסט: נ י ש ט ש ר י י ב ן? ווי שטייט דאָס אויף אַ מענטש איינדערפֿרי, עסט און טרינקט, גייט-אַרום — און שרייבן שרייבט ער ניט? ווי איז דאָס מעגלאַך? קאָן עס אויסגעהאַלטן ווערן? קאָן מען לאַנג אָט אַזוי לעבן? גאָרנישט ניט טון — אַ מאָדנע מין לעבן! מענטשן חלומען וועגן אַזאַ לעבן. איך פֿאַרשטיי עס נאָך ניט מיט מיין שכל. אפֿשר וועט קומען אַזאַ צייט אויף מיר אויך — דערווייל נאָך ניט געקומען. איך זע ניט אין דעם קיין נחת און פֿאַרשטיי ניט דעריבער דעם גן-עדן, וואָס מיין רבי רב זרחל האָט אונז אויסגעמאָלט: מע זיצט און מע זיצט, און טון טוט מען גאָרניט. געוועזן אַ פּלאַטשיק מענטשל, אָט דער רב זרחל, זאָל ער מיר מוחל זיין. און נאָכדעם גייט מען און מע זעצט זיך, זאָגט ער, עסן, און מע עסט און מע עסט. געוועזן, זאָל מיר מוחל זיין, אַ איד נישט קיין חכם. דערנאָכדעם, זאָגט ער, דערלאַנגט מען דעם גוטן ווייַן, און מע טרינקט און מע טרינקט. געוועזן, זאָל מיר מוחל זיין, אַ איד אַ שוטה. און דערנאָכדעם, זאָגט ער, גייט מען אַוועק צוריק און מע זיצט און מע זיצט, און טון טוט מען גאָרניט. געוועזן, זאָל מיר מוחל זיין, אַ בהמה, דער רבי רב זרחל. אַי, כוועל אייך אַמאָל דערציילן פֿון אים מעשיות מיט מעשיות. נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אמתע טאַקע. הקיצור, כבין איצט אין יענעם גן-עדן, און דער גן-עדן געפֿעלט

[173] געמיינט דעם „פּנקס“, וואָס ניגער האָט דעמאָלט רעדאַקטירט.

[174] „דער בלוטיקער שפּאַס“.

מיר ניט. וואס איז עס פאר א גן־עדן, אז סבאמבלען זיך אין קאפ טויזנטערליי פלאנען, סוזשעטן, טיפן און בילדער, וואס בעטן זיך, שוין לאנג צייט זיך נעמען צו זיי — און דא זיץ און עס און טרינק און שלאף און טו גארנישט. מילא, עסן און טרינקען — מהכתיתי. אבער שלאפן — ווער קאן עס שלאפן? אז א גאנצע נאכט פלאנטען זיך חלומות, משוגענע פלאנען, מע וועקט אייך און מע טארעט אייך — פע! דאס איז ניט קיין גן־עדן, סאיז גאר א גיהנם! א שטיקל גליק, וואס [עס זיינען] כאטש דא ביכער, מע קאן לייענען. איך לייען אט דעם אידנס „זכרונות" (פון קאטיק) און ווער משוגע פון תענוג! נעכטן ביינאכט האב איך געלייענט פאר מיין זון דעם סטודענט — איר קענט אים — אייער ארטיקל איבער טביהן און איבער די „קינדער" פון שלום־עליכם, און ביידע האבן מיר שטארק הנאה געהאט. פאר אים איז עס.א ביסל געווען א נייס, ווי קאן מען דאס אויף אידיש אזוי טיף און אזוי גלאט שרייבן! און איך האב געקוועלט, וואס איר האט געטראפן, ווי א נביא, אז מיין געליבט קינד איז „מאטל דעם חזנס". אמת, ווי די תורה איז אמת. איך האב נאך מיין מאטלען ניט פארענדיקט. איך וועל זיך איינגיכן א נעם טון צו אים. איך האב דאך אים געשיקט קיין אמעריקע. אויך צו די איבעריקע „קינדער" מיינע וועל איך מיך נאך אומקערן. וואו נעמט מען צייט? יארן וואו נעמט מען?....

אייער בקשה וועגן „פאלקסביבליאטעק" קאן איך, ליידער, ניט אויספילן: איך האב זי ניט. — צו בערקאוויטשן שרייב איך היינט וועגן אייער פאר־לאנג נאך א מאל. אי, קינדער, קינדער! זיי ווילן זיך ניט לערנען פון מיר, אז אויף א בריוו דארף מען תמיד ענטפערן. —

אייב קאהאן פון „פארווערטס", וואס האט מיך כל ימיו באיקאטירט, האט די טעג געלאזט וויסן זיינע לעזער, אז ער האט געלעזן שלום־עליכמס א פאר סקיצן און ער אנערקענט, אז שלום־עליכם באהערשט די אידישע שפראך, און אין דעם איז זיין בארוף. גם זו לטובה![175]

אייער שלום־עליכם.

89

צו דעמזעלבן

[פונם אריגינאל]

[דער בריוו און עטלאכע בריוו, וואס קומען נאך דעם, געהערן צו דער צייט, ווען ש. ע. איז פלוצים קראנק

[175] זע פריערדיקע רובריק „אין זיין אייגענער רעפובליק", בריוו נומער 100. — שלום־עליכם האט ניט געוואוסט, אז נאך אין יאר 1896, אין דער „צוקונפט" פון אקטאבער, נאוועמבער און דעצעמבער, האט אב. קאהאן געדרוקט וועגן אים א גרויסן ארטיקל: „קריטישע סטודיען איבער זשארגאנישע מייסטער־ווערק: יוסעלע סאלאוויי".

געווארן אויף א בלאזענקראנקייט און איז געפארן קיין בערן און קיין ווין זיך היילן. — זע פריער־דיקע רובריק „אין זיין אייגענער רעפובליק", אריינ־פיר צו בריוו נומער 101.]

[לייזען], 16־טן יאנואר, 1913.

גוטער פריינט ניגער!

איך שרייב ליגנדיק שוין אויף דער רעכטער אמת — אין בעט.

עס האט זיך מיר צוגעווארפן א נייע צרה, א בלאזענקראנקייט, און איך וויל פארן מארגן־איבער־מארגן קיין בערן צו א ספעציאליסט. מע שמועסט גאר וועגן אן אפעראציע! אלזא, בעטן מיר אייך, איך און מיין פרוי, זיך צעפרעגן רעכט ביי די חברים, ווער איז דער ספעציאליסט. איז נומער איינס. והשנית, וועלן מיר אייך געבן א דעפעש, ווען

שלום־עליכם און „רב צעיר"
[בערן, פעברואר 1913].

מיר קומען, און איר וועט אזוי גוט זיין אוועקווארפן אויף א פאר שעה די גאנצע תורה און אפווארטן אונז ביים באנהויף און פארפירן אין בעסטן האטעל. דורך אן עקספרעסבריוול וועט איר מיר געבן צו וויסן וועגן נאמען פון פראפעסאר און וועגן אלעם, לויט אדרעס:
Rabinowitz, Hotel Anglais No. 91. Leysin sur Aigle.

ווען מיר וועלן קאנען ארויסרייסן זיך — ווייס איך ניט. דערווייל גיי איך פון בעט נאך ניט אראפ. נאכן כתב זעט איר, אז שלום־עליכם איז אויף גרויסע צרות. איר קאנט פארשטיין, אז איך שרייב שוין אזש ניט!

אייער קראנקער שלום־עליכם.

90

צו דעמזעלבן

[פונם אריגינאַל]

[באַנהויף עגל, אויפֿן וועג קיין לאָזאַן [176].]

17־טן יאַנואַר, 1913.

טייערער פריינט ניגער!

נישט דערוואַרט זיך אויף אייער תשובה, פאָר איך קיין לאָזאַן צו אַ פּראָפעסאָר. נאָר וועלן האָט זיך מיר געוואָלט בעסער קיין בערן — ווייל טאָמער מאַך איך מניה וביה אַ שטאַרב, וועל איך אין בערן האָבן אַ שענערע לויה, ווי אין לאָזאַן. דאָרט איז ניטאָ קיין אידן. עטלאַכע סטודענטלאַך, קיי און שפּיי.

אַלזאָ, זייט געזונט.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

91

צו דעמזעלבן

[פונם אריגינאַל]

ווענעציע, 3־טן מערץ, 1913.

טייערער פריינט!

כבין אויפֿן וועג קיין נערווי, אָפּגעשטיגן אין דער שענסטער שטאָט פון דער וועלט, אין ווענעדיג. און אַז כבין שוין געזונט — דאָס האָט אייך שוין מסתמא באַראַכאָוו [177] געשריבן, און אַז כבין אַרויס אַ גאַנצער, ניט קיין צעשניטענער [178] — דאָס פאַרשטייט איר שוין אַליין. אַניט, וואָלט איך איצט אייך אַ מכה געשריבן פון ווענעדיג. ווי גייטס אייער ברודער [179] דאָרט? און אייך אַליין אין באָברויסק? און אייער פרוי אין באָברויסק וואָס מאַכט זי? האָט זי זיך שוין באַרואיקט? חברה האָבן עס מיר געמאַכט אַ „לויה" אין ווין [180] — כמעט כדאי געווען צוליב דעם אַליין צו קריינקען. מיין פרוי גריסט אייך האַרצלאַך. מיר שפּילן מיט איר אין וועג אַ זעקס־און־זעכציק און — שטעלט אייך פאָר — זי געווינט!!!

אייער ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

92

צו חיים טשערנאָוויטש

[פונם אריגינאַל]

[דר. חיים טשערנאָוויטש („רב צעיר") איז געווען אין בערן, בשעת ש. ע. איז דאָרט געלעגן קראַנק, און איז געווען איינער פון די נאָענטע פריינט, וואָס האָבן אים אָפט באַזוכט אין קליניק. — דער בריוו איז אַדרעסירט קיין בערלין, וואו דער אַדרעסאַט האָט זיך דעמאָלט באַזעצט.]

נערווי, 12 מערץ, 1913.

ידידי אהוב נפשי רב צעיר!

מה אומר ומה אדבר? גדולים מעשי ה' ונפלאותיו לשלום־עליכם! מחלתי חלפה עברה והיתה כלא היתה, ובקרוב אשכח את הימים שבליתי בברן והצטערתי את מיודעינו ומכירינו והייתי להם למשא. ומה שלומך, יקירי, נכבדי? מה שלום ביתך? ומעשיך? ולמודיך? הודיעני נא אדריסתך. הרי אני מציג לפניך בזה את חתני מר קויפמאן. אברך יקר הוא ובן תורה ובעל כשרון ומצניע לכת.

שלך באהבה רבה **ש ל ו ם - ע ל י כ ם.**

[ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין פריינט, דער געליבטער פון מיין זעל, רב צעיר! וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך ריידן? גרויס זיינען די מעשים פון גאָט און זיינע וואונדער צו שלום־עליכמען! מיין קראַנקשאַפט איז אַוועק און ווי גאָרניט געווען, און אינגיכן וועל איך פאַרגעסן די טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בערן און זיך מצער געווען מיט מיינע פריינט און באַקאַנטע און געווען זיי צו־לאַסט. און וואָס מאַכסט דו, מיין טייערער, מיין פאַרערטער? און וואָס מאַכט דיין הויזגעזינד? און דיין טואַכץ? און דיין שטודיום? גיב מיר צו וויסן דיין אַדרעס. איך שטעל דיר דאָ פאָר מיין איידים הער קויפמאַן. ער איז אַ טייערער יונגערמאַן, אַ בן־תורה און אַ טאַלענטירטער און אַ באַשיידענער.

דיינער מיט גרויס ליבע **ש ל ו ם - ע ל י כ ם.**]

93

צו ש. ניגער

[פונם אריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דעם זשורנאַל „די אידישע וועלט", אַרויסגעגעבן אין ווילנע פונם פאַר־לאַג ב. קלעצקין און רעדאַקטירט פון ש. ניגער. דער פאַרלאַג האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ש. ע. וועגן דרוקן אינם זשורנאַל זיין אויטאָביאָגראַפיע. אַנשטאָט דער אויטאָביאָגראַפיע האָט ש. ע. פאַרעפענט־לאַכט אין דער „אידישער וועלט" „לך־לך" (פון טביה דעם מילכיקן) און „די וואַסערשטוב" (פון מאָטל פּייסי דעם חזנס מעשיות).]

נערווי, עדן האָטעל, 31־טן מערץ, 1913.

בעסטער פריינט ש. ניגער!

פולשטענדיק געזונט.

כהייב שוין אָן אַרבעטן אין „היינט", אַ פּסח און פאַר פּסח, און טאַקע גאָר אויף דער רעכטער אמת!

[176] פון דאַנען איז צו זען, אַז דאָס דאַטום 15 אויפן בריוו נומער 101 פון דער פריערדיקער רובריק „אין זיין אייגענער רעפּובליק" איז ניט ריכטיק: עס דאַרף זיין 17. פאַרנדיק קראַנקערהייט, האָט ש. ע. געמאַכט אַ טעות. — [177] ב. באַראַכאָוו, וועלכער האָט זיך געטראָפן מיט ש. ע. אין ווין. — [178] ד. ה. אויסגעמיידט אַן אָפּעראַציע. — [179] דניאל טשארני. — [180] די אידישע אַקאַדעמישע יוגנט פון ווין האָט שלום־עליכמען פייער־לאַך באַגלייט צום באַנהויף ביי זיין אָפּפאָר קיין איטאַליע.

פון בערקאָוויטשן באַקומען אַ בריוו וועגן זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט ה׳ בערגעלסאָן[181]. עס גייט אויף אַ דרך, אָבער נאָך אַלץ ניט דעפיניטיוו. בערקאָוויטש שרייבט: זיי קאָנען דרוקן די אויטאָביאָגראַפיע... זיי קאָנען צאָלן הונדערט רובל פער בויגן און אויסער דעם מאַטריצן... זיי קאָנען געבן אַ בויגן אַ חודש... זיי קאָנען געבן ביז 500 רובל אַוואַנס אויך...

עס דערמאָנט מיר, ווי שלום־עליכם שפּילט מיטן פּריוואַט־דאָצענט פייטל ליפּשיץ[182] אין „זעקס־און־זעכציק". יענער זיצט און ברעכט זיך דעם מוח, מיט וואָס זאָל ער אַרויסגיין: פּיק, צי קרייץ? ער זאָל וויסן, זאָגט ער, וואָס ביי מיר אין האַנט טוט זיך! זאָגט אים שלום־עליכם: איד איינער! וואָס דאַרפט איר אַזוי לאַנג טראַכטן? איך קאָן אייך ווייזן אַלע מיינע קאָרטן.

— טאַקע? נו, אדרבה! (שטאַרק לעבעדיק, הייבט זיך אַזש אויפן ביינקל).

— וואָס אדרבה?

— ווייזט וואָס איר האָט.

— וואָס הייסט, איך זאָל אייך ווייזן?

— אָט זאָגט איר דאָך, אַז איר קאָנט מיר ווייזן.

— איך קאָן, נאָר איך וויל ניט.

הקיצור, איך וואַרט איצט אויף אײַער בריוו. מע שמועסט, אַז איר זיינט דאָרט רעדאַקטאָר, דער גאַנצער פּריץ הייסט עס — מזל טוב, עס פרייט מיך באמת.

אייער שלום־עליכם.

פּ. ס. — אין דערזעלבער צייט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ה׳ קלמנאָוויטש[183] — גייט ער ניט אין קאָנטאַקט מיט בערגעלסאָנס פאַרלאָג. קלמנאָוויטש שרייבט, אַז די אויטאָביאָגראַפיע קאָן ניט גיין אין זשורנאַל. אַלזאָ, מי נדחה מפּני מי?...

94

צו י. ח. ראַווניצקי

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו ווערט גערעדט פון דעם צווייטן באַנד לידער פון מ. מ. וואַרשאַווסקי. — ווי סאיז באַוואוסט, איז וואַרשאַווסקי, אַלץ דיכטער, אַנטפּלעקט געוואָרן דורך שלום־עליכמען, און זיין ערשטער באַנד לידער איז דערשינען אין 1900 מיט שלום־עליכמס אַ הקדמה. נאָך וואַרשאַווסקיס טויט האָט דער דיכטער ל. יפה צוגעשיקט שלום־עליכמען די איבערגעבליבענע לידער וואַרשאַווסקיס, וואָס זיינען ביז יענער צייט ניט געדרוקט געווען, און אויך נאָטן צו אַ טייל פון זיי, געשריבן פון וואַרשאַווסקיס ברודער. ש. ע. האָט די נייע לידער צוזאַמענגעשטעלט, אָנגעשריבן צו זיי אַ באַזונדער אַרטיקל: „די געשיכטע פון וואַרשאַווסקיס לידער" און זיי איבערגעגעבן, צוזאַמען מיטן ערשטן באַנד, צום פאַרלאַג „מוריה", וועלכער האָט זיי אַרויסגעגעבן אין איין באַנד, לויט אַן אָפּמאַך מיט וואַרשאַווסקיס אַלמנה. — ש. ע. האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע און אַ סך בריוו זיינען פון אים געשריבן געוואָרן וועגן דעם ענין.]

וויסבאַדען, ווילאַ רופּרעכט.

18־טן יולי, 1913.

ידידי יקירי!

אומר ואוכל! איך האָב נאָר־וואָס אָוועקגעשריבן צו דער אַלמנה אַ מכתבל, אַז אויב זי וויל א. א. וו., זאָל זי נעמען און טאַקע באַלד איבערגעבן דעם בעל הנאָטן (סאיז טאַקע וואַרשאַווסקיס אַ ברודער) א. א. וו.[184] רק נייערט איך חיל איר ניט געטרויען דעם איינציקן אָריגינאַל פון די לידער, טאָמער אַ קשיא וואָס אַ מאָך זאַכט זיך, — שרייב איך איר, אַז בקרוב באַקומט זי די קאָפּיע פון די לידער, וועלכע איר וועט מוחל זיין היסן אַראָפּנעמען (די לידער גופא שיק איך אייך) און צושיקן איר, אָבער באַלד, צוזאַמען מיט די נאָטן (פון די נאָטן קאָן מען שוין קיין קאָפּיע ניט אַראָפּנעמען, און סאיז ניט נייטיק), און אָט אַזוי אַרום וועט איר פוצה מן המוח אל הכולל[185] זיין, און סוועט זיין שלום אויף ישראלן, שלום צו אייך, שלום צו מיר, שלום צום וויטן און צום נאָענטן, און פיל שלום ביז מע וועט בלייבן אָן אַ לבנה[186] — אָמן! (אָט דאָ באַדאַרף אַלי קאָנען גוט לאַכן!). און דאָס איבעריקע וועט אייך שוין איבערגעבן אַ איד וואָס הייסט בער... בער... בער — בערקאָוויטש[187], ביאַליקן און ביאַליטשקען, מאָנישן און פּאַיען און אַדין, און דעם זיידן, גוואַלד דעם זיידן, אַ גרוס!

שלום־עליכם.

פּ. ס. — פּאַר — שטייט זיך, אַז איך וועל געבן אַ נייע הקדמה, און דרוקן וועט איר ביידע הקדמות[188], און סוועט זיין האָללרייט, ווי אַברהם אליהו[189] זאָגט נאָכן עסן...

[181] דוד בערגעלסאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון קלעצקינס פאַרלאַג. — [182] דר. פ. ליפשיץ, פּריוואַט־דאַצענט אין בערנער אוניווערסיטעט און העברייאישער שרייבער. בשעת ש. ע. איז געלעגן קראַנק אין בערן, איז ער ביי אים געווען אַן אָפטער אַריינגייער. — [183] ז. קלמנאָוויטש, וואָס איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון קלעצקינס פאַרלאַג.

[184] ד. ה. איבערגעבן די לידער צו וואַרשאַווסקיס ברודער, ער זאָל אַנשרייבן נאָטן צו זיי אַלע. — [185] „מוציא מן הכוח אל הפועל". — [186] אַ וויציקע איבערזעצונג פון דער העברייאישער מליצה: „שלום לרחוק ולקרוב, ושלום רב עד בלי ירח". — [187] אַזוי איז געווען אָנגענומען ביים אַדרעסאַט צו גריסן זיך מיט י. ד. בערקאָוויטש, בשעת זיי פלעגן זיך אַלע טאָג טרעפן אין אָדעס. אַז מע האָט עס דערציילט שלום־עליכמען, איז דאָס אים זייער געפעלן, און ער האָט דערפון שטאַרק געלאַכט. — [188] געמיינט: אויך די אַלטע הקדמה צום ערשטן באַנד לידער פון וואַרשאַווסקי. — [189] לובאַרסקי.

95

צו מענדעלי מוכר־ספרים

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז אַ צושריפט צו אַ בריוו פון י. ד. בערקאָוויטש צו מענדעלין. — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער געוויסער „פאָלעמיק", וואָס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן צווישן דעם וואַרשעווער „היינט" און הלל צייטלין, וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אינם „מאָמענט". די פאָלעמיק איז דערגאַנגען ביז צו אַ פערזענלאַכער קריגעריי מיט זלזולים פון בײדע צדדים. דערביי האָט דער „היינט" גענומען דרוקן בריוו פון „עדות", וואָס האָבן דערציילט, ווי אַזוי צייטלין האָט זיך אין דער פּראָווינץ אויפגעפירט ניט אידישלאַך־פרום, און דער „מאָמענט" האָט געדרוקט פּראָטעסט־בריוו פון אַנדערע „עדות", וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז צייטלין איז אַ ירא־שמים און ער דאַוונט מיט זיי אין איין שול. — שלום־עליכמען האָט די דאָזיקע ירידה פון דער אידישער פּרעסע אַזוי געערגערט, אַז ער האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַן אָפענעם בריוו אין בײדע צייטונגען און שיקן דעם בריוו צו מענדעלין, ער זאָל אים אויך אונטערשרייבן, צוזאַמען מיט די איבעריקע אַדעסער שריפטשטעלער. די אַדעסער האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט מישן אין דעם ענין, און דער בריוו איז איבער דעם ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן. דאָ ווערט ער געבראַכט פונם אָריגינאַל, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט שלום־עליכמס האַנט. — עס איז צו באַמערקן, אַז שפּעטער, אין 1915, האָט די דאָזיקע „פאָלעמיק" געדינט שלום־עליכמען אַלץ סוזשעט פאַר זיין „כתרילעווקער פּראָגרעס" (קאַפּיטל יג, „רעפערענטן און פאַרלעזער"), וואָס האָט זיך געדרוקט אינם ניו־יאָרקער „טאָג".]

[וויסבאַדען, כ"ו אלול תרע"ג.]

אַ יושר גדול, זיידע, כלעבן! די חברה־לייט האָבן פאַרדינט, מע זאָל זיי אַ ביסל שאַרפער אָנרייבן די מאָרדעס, נאָר כהאָב ניט געוואָלט באַנוצן זיך מיט זייער כלי־זיין און מיט די שיינע ווערטער פון זייער אַרסענאַל: וואַקכאַנאַליע, זנות־ראָמאַנען, שמד־בילדער, בושעווען, מסרן וכו' וכו'. מער פון אַלע ערגערן מיך די בריוולאַך פון די עדים, וואָס האָבן אַליין געזען אין זדאָלבונאָווע און אין כתרילעווקע, און די „פּראָטעסטן" פון דער קראָכמאַלנע גאַס — טפו, סגלוסט זיך ברעכן! לשנה טובה תכתבו ותחתמו.

אייער נאָך אַלץ געטריי אייניקל
שלום־עליכם.

96

זאָל זיין גענוג!

(אַן אָפענער בריוו צו די אידישע צייטונגען אין וואַרשע).

די פאָלעמיק, וואָס איר פירט צווישן זיך זייט עטלאַכע וואָכן, האָט די לעצטע צייט אָנגענומען אַזאַ מאָס, אַז מע קאָן שוין ניט שווייגן מער. מיט אייערע זובעֿנישן איינס אויף דאָס אַנדערע חטאים און עבירות, מיט אייער איבערקוקן איינס דעם אַנדערן די ציצית, מיט אייערע פּריוואַט־בריוולאַך און קאָלעקטיווע פּראָטעסטן, וואָס איר דרוקט טאָג־טעגלאַך, איז חוץ וואָס איר שמירט זיך אַליין און פאַרשוועכט דעם כבוד פון דער אידישער פּרעסע, פאַרשאַפט איר אויך אונז, שריפטשטעלער, וואָס שטייען פונדערווייטן, ביזיי־בזיונות און האַרצווייטיק פאַר אונזער ליטעראַטור און פאַר אונזערע לעזער. מיר ווילן נישט אַריינגיין אין עצם ענין, ווער פון אייך איז דער חייב און ווער איז דער זכאי, צי איר זיינט בײדע חייב, צי בײדע זכאי — דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז שייך צום ערנגעריכט, — נאָר מיר בעטן אייך אין אונזער אייגענעם נאָמען און אין דעם נאָמען פון אונזערע לעזער — מאַכט אַ סוף צו דער רייסעניש, וואָס עקלט, שלאָגט צו דער גאַל, פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פונם לעזער און גראָבט־אונטער די ריינע יסודות פונם געדרוקטן וואָרט. מיר בעטן אייך — ליקווידירט אייערע סכסוכים דורך אַן ערנגעריכט, אָדער מיט וואָס פאַר אַ דרך איר ווילט, נאָר טראָגט נישט אַרויס אויפן מאַרק אייערע פערזענלאַכע פּריוואַטע חשבונות — דער לעזער איז דאָס נישט מחויב צו וויסן. מיר בעטן אייך — זאָל זיין גענוג!

חתימות...

97

צו ש. ניגער

[פונם אָריגינאַל]

[ניגער האָט געהאַט געשריבן דעמאָלט צו ש. ע., אַז עס האַלט דערביי, אַז דער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין אין ווילנע זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַקציעס־געזעלשאַפט, מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ פערטל מיליאָן רובל, און אַז דער באַקוועֿר גביר שרירא וועט זיך אין דעם אויך באַטייליקן. דער פאַרלאַג האָט געזאָלט פאַרברייטערן זיין טעטיקייט: אַרויסגעבן אַ אידישע איבערזעצונג פונם תנ"ך, אַ טעגלאַכע צייטונג וכדומה. — אַלץ ענטפער דערויף איז געקומען אָט דער בריוו פון ש. ע.]

לאָזאַן, פּאַנסיאָן העליאָס
[נאָוועמבער, 1913].

מיין טייערער ניגער!

איר האָט מיר אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. אַ הייסן דאַנק אייך! — הלואי סאיז נאָר ניט קיין חלום! עס איז אינטערעסאַנט — און אויך נייטיק — צו וויסן: שרירא האָט זיך פאַרשריבן, צי טאַקע געקויפט, גענומען, געלט איינגעצאָלט?...

אודאי, אודאי וועלן מיר איבערקערן די וועלט! (אַ רחמנות אויף דער וועלט. געווען אַזאַ שיינע וועלט, איז געקומען אַ קלעצקין מיט אַ ניגער מיט אַ שלום־עליכם, און טראַך — אוים וועלט!...).

דער „פּנקס"[190], זאָגט מען, איז אַ פיינע זאַך. איך האָב אים, ליידער, נישט געזען. נישט פון ערגעץ

[190] רעדאַקטירט פון ש. ניגער און אַרויסגעגעבן פון קלעצקינס פאַרלאַג.

ניט באקומען קיין „פנקס“. — האט איר שוין דעם צווייטן באנד קאטיק? [191] אן עבירה, ער האט מיר קאלי געמאכט דעם אפעטיט צום ערשטן באנד. א נאאיוועך איד ביז גאר! אויב איר לייענט מיינע „יתומים“ אין „הצפירה“ [192] — איז עס א שטיקל פון מיין אויטאביאגראפיע, ארויסגענומען אינמיטן. אין געזונט בין איך הלואי ווייטער, און קלייב מיך אויף חנוכה „צו אייך“ [193] — מע האט מיך איינגעלאדן לעת־עתה קיין ווארשע, מאסקווע און פייטערבארג, און ב. א. גאלדבערג [194] האט מיך געזען אין בערלין און געזאגט, אז איך זאל, למען השם, אפשטייגן אויך אין ווילנע אויף אן אוונט. חדש ימינו, זאגט ער, כקדם.

נאך א מאל א דאנק אייך פאר אייער גוטן בריוו.

אייער שלום־עליכם.

פ. ס. — וואו איז ערגעץ אייער „זוגתי“? אין באברויסק? א שיינער תכלית! איר אין ווילנע, זי אין באברויסק, און שלום־עליכם אין לאזאנע!

98

צו יעקב פ. אדלער

[פונם אריגינאל]

[אין דעם בריוו, ווי אויך אין דעם קומענדיקן, ווערט גערעדט וועגן דער דראמאטיזאציע פון „טביה דעם מילכיקן“, אונטערן נאמען „טביהס טעכטער“, וואס שלום־עליכם האט דעמאלט פארענדיקט און געוואלט שיקן זי צו אדלערן אויף אויפצופירן אין זיין „גרענד־טעאטער“. דער דאזיקער בריוו איז נאר אנגעשריבן געווארן, אבער ניט אפגעשיקט געווארן צום אדרעסאט, ווייל אינמיטן האט ש. ע. באקומען ידיעות פון זיינע ניו־יארקער פריינט, אז דער צושטאנד פונם אידישן טעאטער דארטן איז ניט גינציק פאר אזוי־גערופענע „ליטעראַרישע“ פיעסעס. — שפעטער, אין ניו־יארק, סוף 1915, האט ש. ע. די דאזיקע דראמאטיזאציע אינגאנצן איבער־געארבעט, פון וואס ס׳איז ארויסגעקומען די פיעסע „טביה דער מילכיקער“.]

לאזאן, פאנסיאן העליאס.
20־טן יאנואר, 1914.

דעם גרויסן קינסטלער און מייסטער
פון דער אידישער בינע, מיסטער
דזשייקאב פ. אדלער, ניו־יארק.

גרויסער מייסטער!

איך שיק אייך דורך מיין פריינט דזשייקאב סאפיר־שטיין [195] א פלעי, וואס כהאב איבערגעארבעט פון מיינע ווערק אין א משך פון צוואנציק יאר, און אויף וועלכער איך האב א סך געארבעט און אריינגעלייגט פיל אינהאלט. און ארבעטנדיק איבער דעם הויפטטיפ, האב איך שטענדיק אין זינען געהאט אייך, גרויסער מייסטער, אז נאר אזא ארטיסט, ווי איר, וועט אים באהויפטן און דארשטעלן אין זיין ריכטיקן און לעבעדיקן געשטאלט, ווארים נאר איר וועט דערפילן זיין נשמה.

גרויסער מייסטער! אין מיין פלעי וועט איר נישט געפינען יענע עפעקטן, מיט וועלכע מע האדעוועט דאס אידישע פובליקום פון דער אידישער בינע שוין אזויפיל יארן. קיין הארצרייסענדע טרערנדיקע סצענעס דורך קינדערשע בעטלאך, מיט טויטע־לעבעדיקע מתימלאך, מיט משוגענע ווייבער, מיט צעפאטלטע מוידן, וואס שרייען ווי אין א מאנהויז און מאכן וויינען די גאנצע באוערי [196]; אויך נישט קיין לאקריצזיסע פאטריאטישע לידלאך, אויסגערעכנטע אויף „משהס“ פאטריאטיזם, וואס איז ניט ווערט קיין ניקל [197] און מע שלעפט ביי אים א קוואדער [198]; אויך קיין באָרדערעס [199], וואס פארליבן אין זיך אויסגעלאזענע צנועות און שיסן זיך פארן פובליקום אין די אויגן; אויך נישט קיין פוילע וויצן און קיין קיצלען מיטן שפיץ פינגער אונטער די פאכוועס — אלץ צוליבן געווינטשטן קוואדער. ניין, זוכט נישט די אלע קונצן — איר וועט עס ביי מיר נישט געפינען! דערפאר וועט איר אבער געפינען פאר זיך א אידן, א טאטן פון פינף טעכטער — א פראסטער מענטש, נאר א גאנצער, אן ערלאכער, א כשרער, א ליידנדער, וואס איז פול מיט טראגעדיע, נאר וואס מאכט לאכנדיק דעם צוהערער פון אנהייב ביזן סוף, לאכנדיק ניט אויף אפצושפעטן, נאר פריילאך לאכנדיק אויף צו סימפאטיזירן און צו מיטפילן אים אין אלע זיינע גרויסע פיין און קליינע צרות. אלע פיר אקטן זיינען באזונדערע פיר קליינע טראגעדיעס, און צוזאמענגענומען זיינען זיי איין לאנגע לעבנסטרא־געדיע פון דער אידישער פאמיליע. איך האב עס טאקע אזוי א נאמען געגעבן, ניט שרייענדיק: **פאמיליען־בילדער אין 4 אקטן.** ניט קאמעדיע, ניט טראגעדיע, כאטש עס האט אין זיך די עלעמענטן פוןביידע מינים. — שוין צייט, שוין צייט, גרויסער מייסטער, איר זאלט אויפטרעטן אויף דער בינע, אין דעם הערבסט פון אייער ארטיסטישער קאריערע, אין א שטיק פונם אמתן אידישן אלטעגלאכן לעבן. לייענט אייך נאר גוט איין, דיינקט אייך איין, און איר וועט זען, אז איר וועט באוויזן וואונדער, אז דווקא אין אזא שטיק, אן פרעטענזיעס און אן פוסטע עפעקטן און אן טרערנ־קוועטשעניש און אן לאכנטרייבעניש, וועט איר זיך באוויזן אין אייער ריכטיקער מאס און וועט זיך שאפן

[191] „מיינע זכרונות“ פון יחזקאל קאטיק. — [192] א טייל פון שלום־עליכמס אויטאביאגראפיע אין דער העברייאישער איבער־זעצונג פון י. ד. בערקאוויטש האט זיך דעמאלט אונטערן נאמען „יתומים“ געדרוקט אין „הצפירה“. — [193] ש. ע. האט זיך דעמאלט געקליבן אויף א טור קיין רוסלאנד, נאר די נסיעה איז אפגעלייגט געווארן ביז זומער 1914. — [194] באריס אלעק־סאנדראוויטש גאלדבערג, געוועזן באוואוסט אלץ ציוניסטישער עסקן און פובליציסט. — [195] דער ארויסגעבער פונם ניו־יארקער „מארגנזשורנאל“.

[196] א גאס אין ניו־יארק, דעמאלט דער אידישער טעאטער־ראיאן. — [197] פינף סענט. — [198] א פערטל דאלער. — [199] בחורים־קווארטיראנטן.

איינע פון די בעסטע באַליבטסטע ראָלן, וואו איר וועט זיין סימפּאַטיש און באַליבט און וועט אַרויסרופן דעם געזונטן געלעכטער, דעם מיטפילענדן זיפץ, די נישט־געצוואונגענע שטילע פאַרבאָרגענע טרער. איך וויל דיינקען, אַז דאָס זאָל ווערן אייער קרוינראָל אויף אייער לאַנגן אַרטיסטישן וועג, איידער איר געזעגנט זיך אָפּ מיט אייער פּראָפעסיע — הלואי נאָך לאורך ימים — אָמן ואָמן!

איינער פון אייערע שטאַרקסטע פאַרערער
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פּ. ס. — ביים איינטיילן די איבעריקע ראָלן וועט איר די ראָלע פון חוהן, וואָס האַלט ביי שמדן זיך, מוחל זיין געבן דער מיסעס אַדלער. זי וועט עס דורכפירן גלענצענד. און די איבעריקע ראָלן — אייערע טעכטער, וואָס, כהאָב געהערט, זיינען געגוג באַשיינקט פון דער נאַטור און פון אייער ירושה. קורץ — דאָס איז אַ י י ע ר פאַמיליען־פּלעי.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.



דר. שמריהו לעווין, דוד פּינסקי און שלום־עליכם
[בעלמאַר, נ. דזש., זומער 1915].

99

צו דוד פּינסקי

[פון אַ קאָפּיע]

לאָזאַן, 6־טן פעברואַר, 1914.

זייער געערטער קאָלעגע און פריינט דוד פּינסקי!

די טעג איז געוועזן ביי מיר אַ גאַסט — חיים זשיטלאָווסקי. — האָבן מיר געשמועסט. דערציילט איך אים, אַז כהאָב אַ „פּלעי" און וויל זי שיקן קיין אַמעריקע פאַרן אידישן טעאַטער און ווייס ניט, וועמען איך זאָל אַזאַ מיסיאָן אָנפאַרטרויען. זאָגט ער: איר האָט אין ניו־יאָרק איינעם אַן אמתן גוטן פריינט, אַ בראַוון און אַן ערלאַכן, וואָס איז אייך זייער געטריי.

— ווער איז ער?

— דוד פּינסקי.

דאָס איז די הקדמה. איצט גייען מיר אַריבער צו די ביזנעס.

מיינע פריינט, פאַרערער און קריטיקער, וואָס האַלטן זיך פאַר מבינים, האָבן אויסגעפונען, אַז די קרוין פון מיין שאַפן איז „ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ק ע ר" מיט זיינע זיבן מעשהלאַך וועגן זיינע טעכטער מיט זיינע גליקן. זיי זאָגן זאָגאַר, אַז „טביה" איז אַ באַזונ־דער וועלטאַנשויאונג. איך אַליין קאָן, נאַטירלאַך, קיין מבינות דערויף ניט זאָגן. איך ווייס נאָר איינס, אַז אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהס מעשיות איבערגעגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימ־פּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט באַרירטן אידן. אַ שאָד, האָט מען מיר געזאָגט, וואָס איך האָב דעם טיפּ ניט אויסגענוצט פאַר דער בינע — ער וואָלט באַשאַפן פאַר אַ גוטן אַרטיסט אַ ריזנראָלע און דעם מחבר קונה שם געווען. — די דאָזיקע ווערטער זיינען מיר אַריין אין נאָז אַריין, און פאַראַיאָרן, אַז איך האָב געלייענט די רעצענזיעס וועגן שילדקרויטס אויפטרעטן אין אידישן טעאַטער, האָט מיך אָנגענומען אַ חשק „טביהן" צו פאַרוואַנדלען אין אַ טעאַטערשטיק צוליב דעם גרויסן שילדקרויט. נאָר ביז כבין פאַרטיק געוואָרן מיטן שטיק, האָב איך שוין געלייענט וועגן דעם גרויסן דורכפאַל פונם גרויסן קינסטלער דורך זיין אמתער אָדער געבלאָפטער הייזע־ריקייט [200] — און איך האָב מיין זאַך באַהאַלטן ווייט אין שיפלאָד. היינטיקן ווינטער האָב איך מיך ווידער גענומען צו מיין „טביהן", זיך דערמאַנט, אַז אין אַמע־ריקע איז דאָ נאָך אַ גרויסער קינסטלער, מר. דזשייקאָב פּ. אַדלער, אפילו אַ שווערער איד אויף ביזנעס מאַכן, נאָר אַן אַרטיסט — אויף מיר אַזאַ יאָר! און האָב דערזען, אַז „טביה" איז פאַר אים ווי געבוירן. האָב איך דאָס שטיק נאָך אַ מאָל איבערגעשריבן, און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל, ווי מיין שטייגער איז — און איצט איז עס פיקס און פערטיג. — נו, האָב איך געפּרוווט אַריינשרייבן אַ פּאָר בריוולאַך צו מיינע באַקאַנטע, מאַכן אַן אָנפרעג, אָבער סתם אָן אַ נאָמען — און דעריבער האָט מען מיר אפשר גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ביז כהאָב מיך אַרויפגעשלאָגן אויפן רעכטן וועג — צו אייך, ליבער פריינט און קאָלעגע. ווייס איך אָבער ניט אייער אַדרעס, שרייב איך אייך דעריבער דורך אַ דריטער פערזאָן און בעט אייך, אויפריכטיק, ווי פאַר אַ ברודער, זאָלט איר מיר זאָגן, אויב איר ווילט און קאָנט, אויב עס פּאַסט אייך און אויב עס קאָן אייך ניט שאָדן, מיר מיטצוהעלפן אין דער זאַך, — דאַן שיק איך אייך די „פּלעי" אויף אייער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, אין פולן זין פונם וואָרט. איר זאָלט עס פריער אַליין דורכקוקן, דערנאָך זיך זעצן אין אונטערהאַנדלונגען מיט אַ מענעדזשער, —

[200] דער אידיש־דייטשער אַרטיסט רודאָלף שילדקרויט איז געווען אָנגאַזשירט פון בערלין קיין ניו־יאָרק צו שפּילן אידיש אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער; עס זיינען אָבער פאָרגעקומען סכסוכים, און די פאַרוואַלטער פונם טעאַטער האָבן אַנאָנסירט, אַז צוליב הייזעריקייט פאַרט שילדקרויט צוריק קיין דייטשלאַנד.

איך דיינק, אז קודם כל מיט אדלערן — דערנאך אים דאס שטיק פארלייענען, דערנאך עס פארקויפן, זיין ביים גרים, ביים ערשטן אויפפירן — הכלל, מיך פארטרעטן אין אלע הינזיכטן. — — — .

דער נאמען פון דער „פלעי“ איז „ט ב י ה ס ט ע כ ט ע ר“, פאמיליענבילדער אין פיר אקטן. די ראלן זיינען: טביה, זיין ווייב גאלדע, זיינע פינף טעכטער, א פאר גוים, א פאר אידן, א פאר דינסטן — און שוין. קיין קנאקנדיקע עפעקטן, בורלעסקע וויצן, פאטריאטישע לידלאך, טויטע קינדער וכדומה איז, פארשטייט זיך, נישטא דארטן, און דאך איז דארטן דא אי טראגישע, אי קאמישע סיטואציאנען, אי וויצן, אי לידער, אי פארכאפנדיקע ביי דער נשמה סצענען, אי געזאנג — נאר דער עיקר, וואס פונם ערשטן אקט ביזן לעצטן אראפלאזן דעם פארהאנג ארבעט טביה אויף אלע כלים, דער עולם לאכט און האט אים אלע מאל אלץ מער ליב און ליב, און אויב אים שפילט א מין אדלער, קרוינט ער זיך אויף דער עלטער מיט א ראל, וואס מאכט אים פאר א ליבלינג ביים פובליקום! אויך פאר גאלדען (מיסעס אדלער) — כמעט דיזעלבע ראל, פון אנהייב ביזן סוף, און דריי־פיר שטארקע ראלן פאר דריי־פיר טעכטער (האדל, חוה, שפרינצע, ביילקע). הכלל, סאיז אלראיט ארום און ארום. סאיז דא אפילו פאר א קאמיקער אויך צו טון, אבער נאר אין איין אקט. עס איז אבער דא גענוג קאמיזם, נאטירלאכער, געזונטער קאמיזם, אין טביהן אליין, געפלאכטן מיט רירענדן טראגיזם, און א שפראך [אזעלכע], וואס קיין ארטיסט האט נאך אזעלכע נישט געחלומט אפילו — טביהס שפראך, מיט טביהס תורה, מיט טביהס טייטשווער־טער! אלזא — איך ווארט אויף אייער טעלעגראמע. א פריינטלאכן גרוס דער פרוי פינסקי.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פ. ס. — איך ווייס ניט אייער פארהאלטונג מיט י. פ. אדלערן, און צי עס פאסט אייך אים דורכלייענען דאס דאזיקע בריוול פון א׳ ביז ת׳. הייגט לייען איך [וועגן] עפעס א פארדרייעניש ביי אים מיט א „מסור“ [201], — צי וועט דאס ניט זיין א שטערונג? אויסער אייער דעפעש, ווארט איך פון אייך א בריוו אויך.

ה נ " ל.

100

צו מרדכי ספעקטאר

[פונם אריגינאל]

נערווי, שטראנד האטעל, 17־טן פעברואר, 1914.

פריינט ספעקטאר!

מיט אלטן, נאר ליבן און הייליקן האט א בלאז געגעבן צו מיר אין הארצן פון דיין קורץ, נאר ווארים בריוועלע. א דאנק פאר פינסקים אדרעס! דו פרעגסט, וואס קאנסטו טון, בכדי מיר זאלן זיך זען אינגיכן אין ווארשע? אט א נאיווער מענטש ספעקטאר! דו ווייסט ניט, אז מע ווארט אויף א „ראזורעשעניע“ [202]? זיצסט צוואנציק יאר אין ווארשע, צי נאך מער, ביזטו קראנק א זאג טון דארט דעם פאליצמייסטער א פאר ווערטער, ער זאל ניט מאכן קיין אנשטעלן? „פאני, — זאג אים מיט א מויל אויף דיין רישעם, — פאני! ווי דומאיטיע שלום־עליכם רעפעראט טאווא־רישטשי קיש־קיש קורי נא סוואבאדו? אי נע נאטשי־נאיעטסא! צע נע באלי מעני דאברע בראטיקל טשי-

דר. חיים זשיטלאווסקי און שלום־עליכם
אין לייקוואוד, נ. דזש., מערץ 1915.
[דאס בילד האט שלום־עליכם צוגעשיקט צו זיין טאכטער ערנעסטינע מיט אט דער צושריפט: „טייערע טיסי! פאר דיין קאלעקציע. זעט ניט אויס דר. זשיטלאווסקי ווי א גזלן?“]

טאיעט פא נאשעמו פא זשארגאנסקעמו א מי יעווריי־טשיקי דערזשימסא זא סטארעני אי קאטשאיעמסא נא זעמליא!“ [203]... אט אז דו טרעטסט ארוים מיט

[201] א פיעסע מיט דעם נאמען, פון ל. ע. מילער, וואס איז דעמאלט אויפגעפירט געווארן.

[202] א דערלויבעניש פון דער פאליציע אויף פארלעזונגען. —
[203] „פריץ! דו מיינסט, שלום־עליכם רעפעראט האט צו טון מיט די טאווארישטשעס, וואס טרייבן די הינער אויף דער פרייהייט (ד. ה. רעוואלוציאנערן)? עס הייבט זיך גארניט אן! סאיז ניט מער און ניט ווייניקער ווי א גוט ברודערל, וואס לייענט אויף אונזער לשון, אויף זשארגאן, און מיר אידעלאך האלטן זיך ביי די זייטן און קאטשען זיך אויף דער ערד!“

אַזאַ לשון, באַקומט ער דאָס נייניעריקע און טוט זיך אַ שרייב־אונטער: „שלום־עליכם ראַזרעשאַיו אי קאָניעץ[204]!“ ווי דו זעסט, בין איך דערווייל אין מיין אַלטער היים, אין נערווי, זיץ ביים ים אויף דער הייסער ברענענדיקער זון און — שרייב. מע ווערט, זאָגסטו, עלטער? איך ניט. איך, דאַנקען גאָט, ווער דערווייל אינגער. איך האָב פיינט ווערן עלטער! בראָצקי[205] האָט מיר אַמאָל זיך מודה געווען, אַז ער האָט פיינט אַ קבצן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב פיינט אַן אַלטן... נאָר דיך האָב איך ניט פיינט, ווייל דו ביזט מרדכי ספעקטאָר און האָסט נאָך, ברוך השם, אַ שיינעם אַפעטיט צום עסן, הלואי לאורך ימים — אָמן ואָמן!

דיינער געוועזן און געבליבן

שלום־עליכם.

עיקר שכחתי: וואו, זאָגסטו, וועלן מיר צובייסן אויף דער נאַכט נאָכן לייענען? און וואָסער באַר? דו מיינסט, אַז איך לייען ניט דעם „מאָמענט“ און אַלץ וואָס דו שרייבסט דאָרטן?* אי, שוטה, שוטה! איך האָב דיך אפילו גוט אויסגעשאָלטן פאַר דיין התפעלות אין אַדעם מיטן „פאָלקסליד“[206], וואָס דו ווייסט ניט, אַז דאָס „פאָלקסליד“ איז נעבאַך וואַר־שאַווסקים. אַ קלאָג צו דיר!

* אַ כלל בסוד: שלום־עליכם לייענט אַלץ און אַלעמענס און ווייסט יעדנס ווערט און האָט ליב יעדן נאָך זיין פאַר־דינסט, און פיינט — קיינעם ניט! — טאָמער שרייבט עמיצער אַ נאַרישקייט — לאַכט ער, „ווייטער גאָרניש“. — דאָס איז אַ סגולה צו אַלצדינג, אפילו צום אַפעטיט... פאַר־שרייב!

101

צו מענדעלי מוכר־ספרים

[פונם אָריגינאַל]

[דער „אינצידענט“, וואָס ווערט באַרירט אין דעם דאָזיקן בריוו, איז דער געוויסער סקאַנדאַל, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אויף אַ זיצונג פון דער אַדעסער געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר“: ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַווניצקי האָבן געהאַט אַריינגעבראַכט אַ פאָר־שלאָג, אַז די געזעלשאַפט זאָל דערוויילן מענדעלי מוכר־ספרים, לכבוד זיין יובילײ, וואָס איז דעמאָלט געפייערט געוואָרן, אַלץ ערנמיטגליד. אַקעגן דעם פאָרשלאָג איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון די „חובבי שפת עבר“, מ. מ. אוסישקין, צוזאַמען מיט נאָך עטלאַכע מיטגלידער פון די „ראשי המדברים“. זייער מאָטיוו איז געווען, אַז מענדעלי לאַכט פון העברייאיש (געמיינט דערמיט מענדעלים נעגאַ־טיווע באַציאונג צו די וואָס „דברן“ — לויט זיין אויסדרוק — העברייאיש). ביאַליק איז געוואָרן אויפגעבראַכט און האָט געענטפערט, אַז מענדעלי — ניט ער לאַכט פון העברייאיש, נאָר ער מאַכט העברייאיש, און אַז סוועט זיין אַ שאַנד, אויב דער שאַפער פון דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור זאָל אַזוי ניט שיין באַהאַנדלט ווערן פון אַ העברייאישער געזעלשאַפט. דעמאָלט האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז אויב מע וועט שטימען פאַר מענדעלין, זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין אַמט. ביאַליק און ראַווניצקי ווידער האָבן דערקלערט, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען קאָנען זיי ניט בלייבן אין דער געזעל־שאַפט. דער סוף איז געווען, אַז צוליב דעם אינצי־דענט איז די זיצונג אויפגעלייזט געוואָרן און די גאַנצע געזעלשאַפט איז בטל געוואָרן.]

ערב פסח ה׳תרע״ד. לאָזאַנאַ.

אַ גוט יום־טוב אייך, ליבער טייערער געטרייער זיידע! איך האָב אייער ברכה צו דער בר־מצוה פון מיין בן־זקונים נאָר־וואָס באַקומען און געוואָלט דורך אַ טעלעגראַמע אייך זאָגן אַ גוט יום־טוב, נאָר וואָס קאָן מען זאָגן אין אַ טעלעגראַמע? מע קאָן אין אַ בריוו אויך ניט זאָגן אַלצדינג, וואָס סהאָט זיך צונויפ־געקליבן פאַר דער גאַנצער צייט, און דעריבער וועלן מיר עס אָפּלייגן אויף אונזער פנים־אל־פנים, אם ירצה השם במהרה בימינו בקרוב אין אַדעס, וואו איך האָף צו זיין אינגיכן. דערווייל פאָר איך דעם ערשטן טאָג חול־המועד קיין וואַרשע, און פון דאָרטן שוין וואו גאָט וועט הייסן און וואו מיין אימפּרעסאַריאָ וועט וועלן און וואו דער גובערנאַטאָר וועט זאָגן... אַ ביסל פאַרדראָס האָט מיר פאַרשאַפן דער אינצידענט מיט אונזערע שוואַרצע, וואָס האָבן אייך אַ פּיק געגעבן. נאָר קיין יסורים דערפון דאַרפט איר ניט האָבן. סאיז איצט אַזאַ צייט. ביי זיי שוואַרצע, ביי אונז שוואַרצע. ביי זיי וואַרפט מען זיך מיט פּראָפעסאָרן, ביי אונז מיט שרייבערס. ביי זיי איז דאָ מיניסטאָרן, ביי אונז — מורשים, מנהיגים, אָבער־בטלנים און וויצע־בטלנים. הקיצור, מה שיש בים יש ביבשה. סזאָל ניט זיין אַזוי אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, וואָלט געווען גענוג מאַטעריאַל אויף צו לאַכן. הלואי זאָל גאָט געבן, מע זאָל טאַקע לאַכן און גוט לאַכן, זיך האַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק, ווי עס ווינטשט אייך און זיך און אונז אַלעמען כל ישראל — אָמן!

אייער אייך ליבהאָבנדיק אייניקל

שלום־עליכם.

[204] „איך דערלויב שלום־עליכמען — און אַז עק!“ — [205] דער קיעווער מיליאָנער לעוו בראָדסקי. — [206] ספעקטאָר, וואָס איז אין יענער צייט געקומען פון אַ באַזוך אין אַדעס, האָט געהאַט געשריבן אין „מאָמענט“ וועגן אַ פאָלקסליד, וואָס ער האָט דאָרטן געהערט אויף אַ קאָנצערט, און דאָס ליד איז געווען וואַרשאַווסקיס „צום באַדעקנס דער כלה“. — אין זיין אַרטיקל „די געשיכטע פון וואַרשאַווסקיס לידער“, וואָס שלום־עליכם האָט דעמאָלט געשריבן, האָט ער דעם דאָזיקן פאַקט באַרירט מיט די ווערטער: „נישט לאַנג איז מיינער אַ חבר, אַ אידישער שרייבער פון וואַרשע, געווען אין אַדעס אויף אַ אידישן קאָנצערט און איז נתפעל געוואָרן, ווי אַזוי אַן אַרטיסטין האָט געזונגען אַ אידיש „פאָלקסליד“: „שטאַרקער! שטאַרקער! רייסט די סטרונעס, רייסט אויף צוויי — די מיזינקע אויסגעגעבן!“ ביי דעם אידישן שרייבער איז וואַרשאַווסקיס ליד אַ „פאָלקסליד“, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז ניט דערמאָנט ביי אים!“ (זע אַלע ווערק פון שלום־עליכם, פאָלקספאָנד־אויסגאַבע, באַנד „אידישע שרייבער“).

102

צו מרדכי ספּעקטאָר

[פונם אָריגינאַל]

לאָזאַן, ערב פּסח ה'תרע"ד.

מיין ליבער ספּעקטאָר!

איך קום דיר צו מעלדן, אַז דעם צווייטן טאָג חול־המועד פּסח, דינסטאָג 11 אינדערפרי, מיט דער באַן פון בערלין, זעען מיר זיך, אם ירצה השם, אין וואַרשע, און איך האָף דיך צו געפינען אין בעסטן געזונט, ווי סשטייט אָן ספּעקטאָרן, מיט פרישע באַקן און מיט אַ גוטן אַפּעטיט, די שונאים אויף צו־להכעיס! און ווייל מיר ריידן פון אַפּעטיט און פון עסעניש, וואָס מיר ביידע האָבן ניט פיינט, און ווייל סאיז פּסח, און ווייל איך בין, ניט פאַר דיר געדאַכט, נאָך אַ שטיקל פּאַציענט, וואָס דאַרף זיין געהיט מיטן עסן, ווי אין אַ שטאָק אַן אויג, און ווייל דער פּסחדיקער יצר־הרע פון פּסחדיקע פיש, קניידלאַך, אייערלאָקשן, קאַרטאָפלי־קוגעלאַך, טייגעכצלאַך, לאַטקעלאַך וכדומה איז גרויס, נאָך גרעסער ווי אין דערוואָכן, און ווייל ניט אומעטום קאָן איך עס אויספירן, און ווייל פון איינגעלאַדענע מאָלצייטן האַלט איך ניט, איבער דעם, וואָס דאָרט איז מער צערעמאָניע ווי מאַטעריאַל, מער טעלער ווי מאכלים, און אָפטמאָל ניט צו דער צייט, אַזוי אַז סחלשט איבער דאָס האַרץ אַכצן מאָל און מע לייגט זיך אָן דער דוח ווייסט מיט וואָס (ווער פאַרשטייט נאָך אַזוי, ווי מיר ביידע?), און ווייל איך געדיינק נאָך די מאכלים מיט די פּאָטראַוועס פון דער ליבער מאַדאַם ספּעקטאָר, זייער טעם ליגט מיר נאָך עד היום אין די גדערים — על כן בעט איך גאָט, אַז מיין סטאַנציע זאָל זיין ערגעץ ניט ווייט פון דיין וואוינונג (כאָטש אפילו סאיז צווייפלהאַפט, ווייל אַ סטאַנציע דאַרף איך דווקא אַן ערשטקלאַסיקע, מיט אַלע באַקוועמ־לאַכקייטן, עלעקטריציטעט, באָד א. אַ. וו.), בכדי איך זאָל קאָנען זיין איינגעלאַדן פון דיר און פון דיין ווייב (פאַרשטייט זיך, אויב סאיז מעגלאַך) אויף אַלע טעג פּסח. יעדנפאַלס, וועט מיך פרייען דיך צו באַזוכן און מיט דיר צו פאַרברייינגען ערגעץ־וואו ביי אַ רעכטן טיש, נאָך דיין גוסט און נאָך דיין השגה. און דערווייל האָב מיר אַ כשרן פּסח און גרים דער מאַדאַם ספּעקטאָר פון מיר און פון מיין מאַדאַם.

שלום־עליכם.

103

צו דעמזועלבן

[פונם אָריגינאַל]

[דער בריוו איז געשריבן פון וועג, אין דער צייט פון דעם לעצטן טור, וואָס ש. ע. האָט געמאַכט יענעם זומער איבער רוסלאַנד.]

דווינסק, 20־טן יוני, 1914.

ברודער ספּעקטאָר!

מיין טור האַלט שוין ביי ענדע. איך האָף, אַז מיר וועלן קאָנען מאָרגן, זונטאָג ביינאַכט, אַרויספאָרן פון דאַנען און קומען קיין וואַרשע מאָנטאָג, זייגער צוועלף ביטאָג. פאַרפאָרן רעכענען מיר קיין „פּאָלאַ־



פאַקסימילע פון בריוו נומער 101.

ניע"-האטעל, פארברייננגען אודאי א טאג אכט, און מיר ווילן זיך זען מיט דיר און מיט דיין ווייב. על כן שרייב איך דיר, זאלסט וויסן. אויב כוועל קאנען, וועל איך מיך מסתמא אראפכאפן צו דיר אויף דער ראטשע פארזוכן דעם גרינעם בארשט מיט יונגע קנעבעלאך, און די פרישע, נאר-וואס אין סלאי געזייערטע אוגערקעלאך (ניט אוגערקעס, נאר אוגערקעלאך), און שארלעמלעקא, און פאליניצעס מיט סמעטענע, און דאס איבעריקע דארטן פארלאז איך מיך אויף דער מאדאם ספעקטאר. זי ווייסט, אז יונגע הינדעלאך האבן ליב יונגע קארטאפלילאך און זיי זיינען זיך מחיה, אז מע פילט זיי אן מיט מעל אדער מיט מאנעגרייפלאך. נו, גענוג ריידן פון פרעסעריי! מעט זאגן, אז מיר זיינען זולל-וסובאניקעס...

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

104

צו לואים מילער

[פון א קאפיע]

[דער בריוו איז געשריבן געווארן צוויי חדשים נאכן אויסבראך פון דער וועלט-מלחמה. — ש. ע. האט זיך געראטעוועט מיט דער פאמיליע פון דייטשלאנד קיין דענעמארק און געגרייט זיך צו פארן קיין אמעריקע. — אין יענער צייט זיינען אין קאפענהאגען פארגעקומען עטלעכע געשלאסענע פארזאמלונגען, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט אידישע זשורנאליסטן פון רוסלאנד צוזאמען מיט פארשטייער פון דער קאפענהאגענער אידישער קהילה, מיטן צוועק ארומצוריידן די נייע סיטואציע, וואס איז געשאפן געווארן פאר אידן אין די מלחמה-לענדער. אויף יענע פארזאמלונגען איז אויך געבוירן געווארן דער געדאנק פון א „אידישן קאנגרעס“, וואס זאל זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט דער קומענדיקער שלום-קאנפערענץ פון די אייראפּייאישע פעלקער. אונטערן איינדרוק פון יענע פארזאמלונגען, אויף וועלכע ש. ע. איז בייגעווען, איז אט דער בריוו געשריבן געווארן.]

קאפענהאגען, ניט לאנדסמאנדס האטעל.

28-טן סעפטעמבער, 1914.

זייער געערטער פריינט מר. ל. מילער!

איר ווייסט שוין זיכער פון די צייטונגען, אז איך און מיין פאמיליע האבן זיך בדרך נס געראטעוועט פונם קולטורעל-בארבארישן דייטשלאנד אהער, אינם קליינעם נאר גאסטפריינטלאכן דענעמארק, פון וואנען איך גרייט מיך צו פארן צו אייך קיין אמעריקע, מיט גאטס הילף, אין גיכע צייטן — בזמן. נאר ניט דאס בין איך אויסן. איך באקום דא, אפילו מיט גרויסער פארשפעטיקונג, אמעריקאנער פרעסע און האב געלעזן אייערע צוויי זייער וויכטיקע עדיטאריעלס[207] וועגן דעם זיג און וועגן דער אידנפראגע אויפן צוקינפטיקן

[207] לייטארטיקלען אין דער ניו-יארקער „ווארהייט“, פון וועלכער דער אדרעסאט איז געווען רעדאקטאר.

אייראפּייאישן קאנגרעס. איר זיינט פאלקאם גערעכט, וואס איר זאגט, אז אמעריקע וועט זיצן אויבנאן אויף דיזן וועלטקאנגרעס, יעדנפאלס — צוזאמען מיט סער עדוארד גרעי, און סאיז דעריבער זייער נוצלאך און נייטיק, אז די אמעריקאנער אידישע פרעסע זאל צייטלאך אויפהייבן א שטארקע אגיטאציע אין דיזן ענין. אויפהייבן אויף יענעם קאנגרעס די אידנפראגע — הייסט ניט בלויז א פראגע פון פאליטישער זעלבסטשטענדיקייט. וועגן דעם וועלן מסתמא די ציוניסטן באצייטנס זיך בעראטן אין אלע לענדער און וועלן, ווארשיינלאך, זיך בריהן אויסנוצן די געלעגנהייט פאר ארץ-ישראל, אויב די אומשטענדן וועלן עס נאר דערלויבן. די „אידנפראגע“ מיין איך — אין גלות. ווארים סאי וסאי וועט א גרויסער טייל אידן דאך פארבלייבן אין רוסלאנד, אין גאליציען, אין רומעניען א. ד. ג. און אפשר וועט נאך צוקומען א פרישע גלות-מדינה מיט פרישע רשעים — פוילן, פון וואנען אידן וועלן חלילה מוזן עמיגרירן מאסנווייז (ווי אינם יאר 1492, פון שפאניען). אויף דעם וויכטיקן קאנגרעס איז דער איינציקער פלאץ צו רעטען דאס אידישע פאלק אין די גלות-לענדער. ווי אזוי דאס אויסצופירן — בין נישט איך דערויף דער „בעל-יועץ“: מע קאן זיך אויף אייערע כלל-טוער פארלאזן. דער עיקר — אין דער ריכטיקער צייט (איצט טאר מען נאך נישט ריידן דערפון) די ריכטיקע אגיטאציע אונטערנעמען, פריער איר, די פארשטייער פון דער אידישער פרעסע, דערנאך די אלגעמיינע אמעריקאנער פרעסע — און צו גאט א האפענונג, עס וועט זיין אלראיט. — און אפשר זעען מיר אונז נאך ביז יענער צייט, ווארים איך רעכן אין די לעצטע טעג פון קינפטיקן נאוועמבער מאנאט שוין זיין ביי אייך אין ניו-יארק. — אייער ענטפער, ווי אויך אויף מיין בריוו פון אלבעק (דייטשלאנד), קאן איך נאך האבן דא, אין קאפענהאגען.

זייט געגריסט.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

105

צו ישראל י. זעווין (תשר"ק)

[פון א קאפיע]

ניו-יארק, 29-טן מערץ, 1915.

ערב פסח ה'תרע"ה.

ידידי תשר"ק!

איך האב אייך שוין וויפיל מאל ארויסגערופן צום טעלעפאן און קאן מיך נישט דעררופן. איך האב צו אייך א קליינע בקשה — מחני! אין „טאגעבלאט“ האב איך געפונען מיין אדרעס צווישן די קהלשע מודעות אין הארלעם און בראנקס[208] מיט אלע מוהלים. מע זאגט מיר, אז דאס גייט אלע טאג. איך האב געהאט געבעטן נאר איין מאל אפדרוקן מיין אדרעס

[208] שטאט-טיילן אין ניו-יארק.

נאָך פאַר ניי־יאָר. איז איינס. והשנית, איז מילה ניט מיין ספּעציאַליטעט. בעט איך אייך, אַלזאָ, זיין אזוי פריינטלאַך און הייסן אַרויסוואַרפן.

דאַנקענד פאָראויס, ווינטש איך אַייך אַ כשרן פּסח.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם .

106

צו יוסף אָפּאַטאָשו

[פונם אָריגינאַל]

ניו־יאָרק, 27־טן אַפּריל, 1915.

מיין ליבער אָפּאַטאָשו!

איך דאַנק אַייך פאַר די צוויי ביכער [209], וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט און דערמיט צוגעשטעלט מיר אַ גרויס פאַרגעניגן. איר האָט מיר געהאַט אָנגעוויזן אויפן ראָמאַן פון אַ פערדגנב [210] און כמעט פאַרשוויגן דאָס ניו־יאָרקער געטאָ [210]. דאָס באַווייזט, אויף וויפיל דער מחבר איז אַ שלעכטער מבין אויף זיינע אייגענע ווערק. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער פערדגנב זאָל זיין שלעכט. איך האָב מורא, אַז שלעכט שרייבן זיינט איר ניט פייאיק. איך דאַרף אַייך נאָר זאָגן נאָך אַ מאָל דאָס, וואָס כהאָב אַייך שוין געזאָגט ביי מיר אין שטוב: שרייבט פונם אַמעריקאַנער אידנטום. מאָלט בילדער פונם ניו־יאָרקער געטאָ — דאָס איז אַייער זשאַנר. דאָ וועט איר זיין גרויס. איר זיינט שוין אומאיבערטראָפן. איך האָב צווישן די אַמעריקאַנער אידישע שרייבער ביי קיינעם נישט באַגעגנט אַזעלכע שאַרפע שטריכן, אַזעלכע קלאָרע, לויטערע, לעבעדיקע טיפּן, ווי ביי אַייך אינם „ניו־יאָרקער געטאָ”. אייניקע זיינען גאָר־גאָר מייסטעריש. מיסטער פּאָלאַק דער סאַלון־קיפּער, מיסעס ריטש מיט איר פרומער שוועסטער די וצדקתך און דזשייק דער שיכור — דאָס זיינען בריליאַנטענע טיפּן. הויִנט זייערע געשפּרעכן, זיי זיינען גאָלד. דאָס באַווייזט, אַז איר האָט אַן אויג און אויך אַן אויער. די סצענע, ווי אַזוי דזשייק ווערט אַ פּאַניבראַט מיטן שוואַרצן אין סאַלון ביי אַ גלעזל משקה, איז ניט אָפּצו־שאַצן. נאָר ביי דיקענס און טעקערייי קאָן מען טרעפן ענלאַכעס. איך בין אָבער איבערציינגט, אַז דאָס איז אַייערס, אייגנס. איר האָט דאָס געזען און איבער־געלעבט. איר קענט אונזער געטאָ אין דעם דאָזיקן גיהנם, וואָס מע רופט אים ניו־יאָרק. גאָט האָט אַייך געשיינקט אַ טאַלאַנט, און נישט קיין געוויינלאַכן טאַלאַנט. זעט צעוואַרפט זיך ניט מיט אים אויף אַלע זייטן. טוט אַייער זאַך. און אַייער זאַך איז מאָלן בילדער פונם ניו־יאָרקער געטאָ, פונם אַמעריקאַנער אידנטום. איר וועט רייך מאַכן אונזער ליטעראַטור מיט אַ נייעם קאַפּיטל און וועט זיך קונה שם זיין דערמיט אויך ביי די אומות העולם. איך בין באמת גליקלאַך, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ פּרי, ווי איר, דאָ, אויף דעם שטיינערנעם אמערי־

[209] די ניו־יאָרקער זאַמלביכער „שריפטן”. — [210] ווערק פונם אַדרעסאַט אונטער די טיטלען.

י. ד. בערקאָוויטש, שלום־עליכם און ראובן ברייניז [מאָנטרעאָל, יוני 1915, אין הויז פון ראובן ברייניז].

קאַנישן באָדן. איך האָב געמאַכט שהחיינו. און וויל נאָך. שיקט זשע מיר נאָך עפּעס גוטס פון די „יונגע". דאָרט·האָב איך געפונען אַ ביסל דיכטונגען פון איינעם עפּעס אַ מאַני לייב — צוקערזיס! פון איינער פראַדל שטאָק — אַ פאַרשייטע נקבה! און אפילו [פון] סלאָנים, וואָס איז שוין, דאַכט זיך, גאַרניט אַזאַ יונגעטשקער, איך קען אים, האָט מיך פאַרכישופט מיט מאַנכע שטעלן פון זיינע שטאָטלידער:

די שיינהייט פון שטאָט איז דער וואונדער דער נייער,
וואָס שאַפט נייע פאָרמען פון קונסט אויף דער וועלט,
אַ שיינהייט פון שטאָל און פון שטיין און פון פייער,
אַ שיינהייט פיל שענער פון וואַלד און פון פעלד...

שלום־עליכם און שלום אש
[בעלמאַר, נ. דזש., זומער 1915].

ווײ־ווײ, וואָס פון מיר וואָלט אויסגעוואַקסן, ווען איך וואָלט אין אַ י י ע ר ע י אָ ר ן אָנגעשריבן אַזאַ ווערק, ווי אייער „ניו־יאָרקער געטאָ"! האָך! און בראַוואָ! און הורראַ! און הידד! רוף איך אויס אין אַלע שפּראַכן, וואָס איך האָב דערלעבט צו זען, אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ ליטעראַטור אַ אידישע וואָס וואַקסט, נישט נאָר אַ פּרעסע, וואָס פאַרמאָגט פּאָליטישאַנס און האָדעוועט טאָגשרייבערס און טאָג־שרייערס...

אייער ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

נ. ב. אָדער עיקר שכחתי: אין אייער בריוול צו מיר רופט איר מיך אָנעט „געערטער הער שלום־עליכם". איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ „געערטער הער" בין איך אייך?...

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

107

צו מענדעלי מוכר־ספרים

[פונם אָריגינאַל

[דאָס איז דער ל ע צ ט ע ר בריוו, וואָס דער „איניקל" האָט געשריבן צום „זיידן" — און גראָד איז באַשערט געווען, אַז דווקא דער בריוו זאָל געשריבן ווערן אין אַ פרעמדער שפּראַך, ווייל מחמת די מלחמה־באַדינ־גונגען פון יענער צייט זיינען אידישע בריוו קיין רוסלאַנד ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן. — צוליב זיין ביבליאָגראַפישער וויכטיקייט ווערט דער בריוו דאָ געגעבן אין זיין רוסישן אָריגינאַל, צוזאַמען מיט אַ אידישער איבערזעצונג.]

Sholom-Aleichem
Solomon Rabinowitz
110 Lenox Avenue

New York, 28. V. 1915.

С. М. Абрамовичу, Одесса.

Дорогой Дѣдушка!

Сколько разъ собирался Вамъ писать! Но накопилось столько на душѣ, что, пожалуй, лучше ничего не писать. Однако, какъ же быть? Вѣдь хочется поговорить съ роднымъ и близкимъ. Живете ли? Здоровы ли? Это наиглавнѣйшее. Все остальное — пустяки. Привыкли. О себѣ распространяться не буду. Слишкомъ много надо было писать. Развѣ въ двухъ-трехъ словахъ? Извольте. Настигли меня вражескіе нѣмцы. Забрали здоровье, деньги и равновѣсіе духа. Долго валандался по нейтральнымъ странамъ. Болѣлъ физически и душевно. Совсѣмъ ужъ помиралъ. Обращался къ друзьямъ, взывалъ о помощи; никто, по обыкновенію, не откликнулся. Какими-то чудесами попалъ съ семьей безъ копѣйки денегъ въ Америку. Здѣсь приняли меня по-царски. Устроился при газетѣ съ жалованьемъ въ десять тысячъ. Пишу больше, чѣмъ когда-либо. И съ любовью къ тому, что пишу. Бодръ и продуктивенъ, какъ никогда.

Одна бѣда: жена больна, дѣти часто похварываютъ, да и самъ не Геркулесъ. Берковичъ съ нами, также работаетъ. Въ журналахъ пишетъ. Нума, мизинецъ, до того насобачился по-англійски говорить, что подумаешь— американецъ! У него талантъ къ рисованію. И, вообразите, рисуетъ каррикатуры. Восьмилѣтняя Тамара, Тисина дочь — будущій профессоръ. Киплинга прочла, берется зъ Шекспира. Вотъ и все. Передайте мой привѣтъ Бялику, Равницкому и др. друзьямъ. **До свиданія**. Увидимся ли мы съ Вами на **этомъ** свѣтѣ? Напишите, Дѣдушка! —

Вашъ **Шоломъ Алейхемъ**.

[די אידישע איבערזעצונג. — טייערער זיידע! וויפיל מאָל האָב איך מיך געקליבן אייך צו שרייבן! נאָר עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי־פיל אויף דער נשמה, אַז סאיז שוין אפשר בעסער גאָרניט צו שרייבן. פונדעסטוועגן, וואָס זשע טוט מען? עס גלוסט זיך דאָך פּאָרט דורכשמועסן מיט אַן אייגענעם און נאָענטן מענטשן. לעבט איר? זיינט איר געזונט? דאָס איז דאָך דער עיקר פון אַלע עיקרים. ווייטער איז אַלץ נאַרישקייטן. מען איז שוין געוואוינט. ווענן זיך וועל איך ניט מאריך זיין. מע וואָלט באַדאַרפט צופיל שרייבן. סיידן אין צוויי־דריי ווערטער? מהכתיתי. עס האָבן מיך געפּאַקט די פיינטלאַכע דייטשן. צוגענומען דאָס געזונט, דאָס געלט און דאָס גלייכגעוויכט פונם געמיט. לאַנג געשלעפּט זיך איבער די נייטראַלע לענדער. געקריינקט פּיזיש און זעליש. שיר אינגאַנצן ניט אָוועקגעשטאָרבן. זיך געווענדט צו פריינט, געבעטן הילף; קיינער, ווי דער שטייגער איז, האָט זיך ניט אָפּגערופן. קוים מיט נסים אַריינגעפאַלן מיט דער פאַמיליע אָן אַ גראָשן געלט קיין אַמעריקע. דאָ האָט מען מיך אויפגענומען קייזערלאַך. זיך אײַנגעאָרדנט ביי אַ צייטונג מיט אַ געהאַלט פון צען טויזנט [211]. איך שרייב מער, ווי ווען עס איז. און מיט ליבשאַפט צו דעם, וואָס איך שרייב. בין מונטער און פּראָדוקטיוו, ווי קיינמאָל ניט. נאָר איין צרה: דאָס ווייב איז קראַנק, די קינדער קריינקען־אונטער אָפטלאַך, און אַליין איז מען אויך ניט קיין גרויסער גבור. בערקאָוויטש איז מיט אונז, אַרבעט אויך. שרייבט אין זשורנאַלן. נומאַ, דער מיזיניק, איז אַזאַ מזיק אויף ענגליש ריידן, אַז מע קאָן מיינען — סאיז אַן אַמעריקאַנער! ער האָט אַ טאַלענט צום מאָלן. און שטעלט אייך פאָר — ער מאָלט קאַריקאַטורן [212]. די אַכטיאָריקע טאַמאַראַ, טיסים טאָכטער, וואַקסט אַ פּראָפעסאָר. קיפּלינגן האָט זי שוין דורכגעלייענט, איצט נעמט זי זיך צו שעקספּירן. אָט דאָס איז גאָר. גיט איבער מיין גרוס ביאַליקן, ראַווניצקין און די אַנדערע פריינט. אויף ווידערזעען. צי וועלן מיר זיך נאָך זען מיט אייך אויף דער וועלט? שרייבט, זיידע!

אייער שלום־עליכם.]

108

צו יהואָש

[פונם אָריגינאַל]

[מיט דעם בריוו האָט שלום־עליכם אומבאַקאַנטערהייט באַגריסט יהואָשן צו זיין צוריקקומען דעמאָלט פון ארץ־ישראל קיין אַמעריקע.]

פלײשמאַנס סטיישאָן, נ. י., 14־טן יולי, 1915.

זייער געערטער קאָלעגע — יהואש!

אַז איר זיינט אַ פּאָעט פון גאָטס גענאָד — דאָס ווייס איך שוין לאַנג. אַז איר זיינט, אַחוץ דיכטער, אויך אַ מענטש — דאָס האָב איך געהערט דאָ אין אַמעריקע. איך באַגריס דעם דיכטער און דעם מענטשן יהואָש מיט זיין גליקלאַכן אָנקומען אין זיין אַלטע צווייטע היים.

שלום־עליכם.

109

צו מנחם

[פונם אָריגינאַל]

[אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דער „באַזאַר־גאַזעט", וואָס די „פאָלקס־הילף־קאָנפערענץ" לטובת די געליטענע אידן אין די מלחמה־לענדער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן ספּעציעל צום אַראַנזשירטן „אידישן באַזאַר" אינם ניו־יאָרקער גראַנד סענטראַל פּאַלאַס. דער רעדאַקטאָר פון דעם בלאַט איז געווען מנחם. שלום־עליכם האָט געגעבן דער „באַזאַר־גאַזעט" אַ פעליעטאָן: „אַ בריוול פון דער מומע רייזי געשריבן צום פעטער פיני" — אין וועלכן עס זיינען אַלע־גאָריש באַרירט געוואָרן אַלע פעלקער, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דער וועלט־מלחמה, און אויך די אידישע גירושים אין רוסלאַנד פון יענע טעג.]

בראָנקס, נ. י., 24־טן מערץ, 1916.

מיין ליבער מנחם!

טוט מען זשע אַזוי? מאָרגן, 25, עפנט מען דעם „באַזאַר", שרייבט איר מיר אַריין אַ בריוול היינט, 24, איך זאָל אייך געבן אַ זאַך צו אייער היסטאָרישער צייטונג — ווען? נעכטן? — — — —

[211] געמיינט: רובל. ש. ע. האָט אין „טאָג" באַקומען 5000 דאָלער פאַרן יאָר. — [212] שלום־עליכמס זון האָט אינגלווייז געהאַט אַ נייגונג צו מאָלן קאָמישע פיגורן, און ש. ע. האָט אין דעם געזען אַ דושה־זאַך. איצט גיט זיך דער יונגער מאָלער אָפּ מיט מאָלעריי פון ערנסטן כאַראַקטער.

איך נעם שוין אָטאָ די פּען און שרייב פאַר אייך אַ פּאַסיקע זאַך אונטערן נאָמען:

אַ בּריוול פון דער מומע רייזי געשריבּן צום פעטער פּיני
איבּערגעשריבּן פון שלום־עליכם.

ווילט איר דאָס האָבּן מאָרגן, שבּת, אין אַייער ערשטער נומער, דאַן שיקט־צו צו מיר אין די ־בּראָנקס, קעללי סטריט 968, אַ מענטשן — דורך סאָבּוויי, אינטערוויל סטיישאָן — ניט שפּעטער פון מאָרגן זייגער 9 אינדערפרי, אָדער בּעסער נאָך היינט 9 אָדער 10 אינדערנאַכט, וועט איר זיין אָלראַיט. אַז ניט — זיינט איר אַ מלמד, ניט קיין רעדאַקטאָר פון אַ בּאַזאַרציייטונג. און זייט מיר געזונט און שטאַרק, ווי עס ווינטשט אַייך

אַייער פריינט און קאָלעגע

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

פּ. ס. — און אפשר וועט איר יוצא זיין מיט ד ע ם בּריוועלע אַליין?... און דער מומע רייזים בּריוול וועט צוניץ קומען אַן אַנדערסמאָל?...

110
צו יהואָש
[פונם אָריגינאַל]

[דאָס איז דער ל ע צ ט ע ר בּריוו פון שלום־עליכם, פון ליטעראַרישן כאַראַקטער, געשריבּן חול־המועד פּסח, צוואַנציק טעג פאַר זיין טויט. ער בּאַציט זיך אויף יהואָשעס בּוך „פון ניו־יאָרק בּיז רחובות“, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבּן דרוקן אינם ניו־יאָרקער „טאָג“.]

ניו־יאָרק, 23־טן אַפּריל, 1916.

ליבּער, גוטער חבר יהואָש!

אַ וואַרימען יישר־כח אַייך פאַר אַייער רייזעבּאַשרייבּונג — לעת־עתה די ערשטע צוויי קאַפּיטלאַך. עס איז ווירקלאַך מייסטעריש! דאָס איז אַלץ, וואָס כהאָבּ אַייך געוואָלט זאָגן. און האָט מיר אַ גוטן יום־טוב. און שרייבּט נאָך און נאָך. און אַ סך־אַ סך!

אַייער חבר און פריינט וואָס שטאָלצירט מיט אַייך

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.


TELEPHONE INTERVALE 2215

SHOLOM-ALEICHEM
SOLOMON RABINOWITZ
968 KELLY STREET
BRONX, N. Y.

NEW YORK April 23 1916

פאַקסימילע פון בּריוו נומער 110.

דר. גרשון לעווין

מיינע זכרונות וועגן שלום־עליכם

1

ביז דעם יאָר 1908, ווען שלום־עליכם איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע אויף דער איינלאַדונג פֿון „הזמיר" אויף עטלאַכע פֿאָרלעזונגען, האָב איך אים פּערזענלאַך נישט געקענט. איך בין אָבער געווען איינער פֿון זיינע הייסע חסידים און אויף אַלע ליטעראַרישע אָוונטן פֿלעג איך — נאָך אַלץ סטודענט און שפּעטער אַלץ יונגער דאָקטאָר — זיין דער הויפּט־פֿאָרלעזער פֿון שלום־עליכמס שאַפֿונגען, הגם פּרץ, אונטער וועמעס השפּעה איך בין דעמאָלט געווען, האָט נישט געהאַלטן פֿון שלום־עליכמען. וואָס אמת איז, האָט פּרץ שפּעטער, אויפֿן 25־יאָריקן יובילײ פֿון שלום־עליכמען, און אינם יאָר 1914, ווען שלום־עליכם איז געווען אין וואַרשע דאָס צווייטע און — ליידער — דאָס לעצטע מאָל, וויניקסטנס לפּנים, געענדערט זיין מיינונג וועגן שלום־עליכמען אויף בעסער, ווי מיר וועלן זען שפּעטער.

אודאי האָט פּרצעס מיינונג וועגן שלום־עליכמען געקאָנט זיין פֿאַר אַ סך זייער אינטערעסאַנט און אפֿשר אויך אָריגינעל; פֿון דעסטוועגן, אַז פּרץ איז איינמאָל אַרויסגעטרעטן קעגן שלום־עליכמען בפּרהסיא, האָט עס פֿאָרט אַלעמען אויפֿגעבראַכט. די זאַך איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1906. דער „הזמיר", וואו איך בין דעמאָלט געווען פֿאָרזיצער, האָט איינגעאָרדנט אויף חנוכה אַ ליטעראַרישן אָוונט, אויף וועלכן סהאָט געזאָלט צווישן אַנדערע זאַכן געלייענט ווערן שלום־עליכמס „חנוכה־געלט". אויף וואָס פּרץ, אַלץ אַן איינטיילנעמער אין דעם אָוונט, איז באַשטאַנען, אָבער אויפֿן אָוונט גופֿא איז געקומען פּרץ, האָט מיך גענומען אויף אַ זייט און האָט מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויב עס וועט ווערן פֿאָרגעלייענט שלום־עליכמס „חנוכה־געלט", וועט ער נישט נעמען קיין שום איינטייל אינם אָוונט און וועט זיך בכלל אינגאַנצן אָפּזאָגן פֿונם „הזמיר", ווייל ער קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַזאַ זאַך, ווי „חנוכה־געלט", זאָל געלייענט ווערן צוזאַמען מיט ווערטפֿולע שאַפֿונגען פֿון אַנדערע שריפֿטשטעלער.

איך בין געוואָרן זייער אויפֿגערעגט און האָב מיך מיט פּרצן אַ ביסל צעווערטלט; איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין שום ברירה און האָב געמוזט נאָכגעבן. דער איינדרוק אין זאָל צווישן עולם און צווישן די שריפֿטשטעלער איז געווען אַ שווערער.

נאָך עטלאַכע חדשים פֿאַר דעם חנוכה־אָוונט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט פּרץ האָט שלעכט אָפּגעשאַצט שלום־עליכמען. איינמאָל אין אַן אָוונט איז צו מיר געקומען פּרץ מיטן אַרויסגעבער פֿונם „וועג", וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין וואַרשע, און האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו שרייבן פֿאַר דער צייטונג פֿעליעטאָנען. „איר וועט אונדז פֿאַרטרעטן שלום־עליכמען", — האָט זיך פּרץ צו מיר געווענדט. און אַז איך האָב אויף אים אַ קוק געגעבן מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג, האָט ער צוגעגעבן: „זייט נישט קיין צו גרויסער עניו — איר וועט דאָס מאַכן נישט ערגער פֿון שלום־עליכמען".

אַזעלכע ווערטער פֿון דעם גרויסן פּרץ האָבן באַדאַרפֿט זיין פֿאַר מיר, אייגנטלאַך, זייער אײַנגענעם; איך האָב אָבער, אומגעקערט, געהאַט פֿון זיי גרויס עגמת־נפֿש, ווייל איך האָב זייער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט פּרץ געוואָלט אין דער קעגנוואַרט פֿונם אַרויסגעבער פֿון „וועג" אַ שטאָך געבן שלום־עליכמען.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע זאַכן, איז מיין סימפּאַטיע צו שלום־עליכמען וואָס ווייטער אַלץ מער געוואַקסן, און איך האָב זייער געגאַרט אים צו זען און צו הערן.

אַזוי ווי די קאַסע פֿון „הזמיר" איז געווען ליידיק און מיר האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, ווי אַזוי צו באַקומען אַ ביסל געלט, איז מיר איינגעפֿאַלן דער געדאַנק צו פֿאַרבעטן קיין וואַרשע אויף עטלאַכע פֿאָרשטעלונגען שלום־עליכמען. דער קאָמיטעט האָט מיין פֿאָרשלאָג אָנגענומען און האָט זיך געווענדט דורך יעקב דינעזאָן און מ. ספּעקטאָר צו שלום־עליכמען, וועלכער האָט אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג און האָט באַוויליקט צו קומען.

איך קאָן מיר פֿאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט זיך אָפּגעטאָן איצינד אין וואַרשע, ווען אַזאַ פּאָפּולערער שריפֿטשטעלער, ווי שלום־עליכם, וואָלט אַהער געקומען. מה־דאָך פֿאַר שריפֿטשטעלער, וואָס דערגרייכן נישט ביז צו זיינע קנעכלאַך, מאַכן מיר איצינד „אימפּאָזאַנטע, גראַנדיעזע" באַגעגענישן און אַקאַדעמיעס, על אחת כמה וכמה פֿאַר אַזאַ טיטאַן, ווי שלום־עליכם. דעמאָלט זיינען אָבער געווען גאָר אַנדערע צייטן. די אידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען ווייניק פּאָפּולער, די שפּראַך גופֿא איז געווען מער „זשאַרגאָן", ווי אידיש, און די נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט איז געווען נאָך ווייניק אַנטוויקלט בכלל, און ביי דער אַזוי גערופֿענער אידישער אינטעליגענץ בפֿרט, און דעריבער איז דאָס אָנקומען פֿון שלום־עליכמען קיין וואַרשע דורכגעגאַנגען אָן אַ שום רעש, אָן אַ שום געפּילדער. סאיז אפֿילו נישט געווען אַנאָנסירט אין די צייטונגען, ווען ער קומט.

געקומען איז שלום־עליכם ערב שבועות 1908, שטיל, ווי אַ פּשוטער בשר־ודם, און ביי דער באַן האָבן אים אָפּגעוואַרט יעקב דינעזאָן, ספּעקטאָר און איך.

דער ערשטער איינדרוק, וואס שלום-עליכם האט געמאכט אויף מיר, איז געווען א זייער גינציקער. סאיז ארויסגעגאנגען פון וואגאן א פשוטער איד, אן שום גאוה, אן שום בלאזן פון זיך, און נאך עטלאכע מינוט באקאנטשאפט האט זיך מיר געדאכט, אז מיר קענען זיך מיט אים שוין מי יודע ווי לאנג. זיינע בלויע קלוגע אויגן האבן מיך פשוט פארהיפנאטיזירט, און איך האב באלד דערפילט צו אים — איך וועל מיך אויסדריקן אויפן חסידישן אופן — א גרוים דבקות, וואס איז געווארן שפעטער וואס א מאל גרעסער און טיפער.

2

די ערשטע פארלעזונג פון שלום-עליכמען איז פארגעקומען דעם ערשטן טאג שבועות אין טעאטער „עליזעאום". דאס איז געווען א אידיש טעאטער אויף דער קאראווער גאס, א זייער איינגער לאקאל, וואוהין מע האט זיך געמוזט אראפלאזן אין דער נידער, ווי אין א קעלער אריין. בשעת איך בין מיט שלום-עליכמען דארט אראפגעקומען צום ערשטן מאל, האט ער מיך האלב-ערנסט א פרעג געטאן: „צי קומט מען פון דאנען צוריק ארוים אויך?"

דער זאל איז געווען איבערגעפילט, הגם די פרייזן פון די בילעטן זיינען געווען גענוג טייער, און דער גאנצער עולם האט באגריסט שלום-עליכמען מיטן גרעסטן ענטוזיאזם. די פארלעזונג איז באשטאנען פון פיר זאכן: 1) „מילכיקס" — א מאנאלאג פון א כתרילעווקער וולל-וסובאניק, 2) „שאט, מיר פארן קיין אמעריקע", 3) „ווי אזוי פישל דער מלמד פארט אהיים אויף פסח", און 4) „דריטע קלאס". שלום-עליכם האט פארטרעפלאך געלייענט, מיט א שיינער, איינגענעמער לירישער טענאר-שטים, און בשעת דער גאנצער עולם האט פשוט געקייכט פון געלעכטער, האט זיך אויף זיין פנים אפילו קיין שמייכל נישט באוויזן. דער עולם האט אים נישט געוואלט אראפלאזן פון דער עסטראדע, און ער האט פארגעלייענט א קורצע זאך פון ביאליקן אויף אידיש. איך מוז צוגעבן, אז צו דער פארלעזונג זיינען געקומען אלע אידישע ליטעראטן מיט פרצן בראש, וואס לאו כל אדם זוכה. איך פון מיין זייט בין געווען פון דעם ערפאלג בכלל אויפן זיבעטן הימל, ובפרט אז די קאסע פון „הזמיר", וואס פלעגט שטענדיק ליידן אויף א כראנישער שווינדזוכט, האט זיך א ביסל אנגעפילט.

דעם צווייטן טאג שבועות איז שלום-עליכם געווען ביי מיר אויף מיטאג, אין דער סביבה פון די אנגעזעענסטע שריפטשטעלער און כלל-טוערס, און אזא פריילאכן שבועות האב איך נאך אין מיין לעבן נישט געהאט, נישט פריער און נישט נאכדעם. שלום-עליכם האט אויך שפעטער עטלאכע מאל דערמאנט דעם שבועות, סאי אין זיינע בריוו, סאי אין זיינע געשפרעכן.

די צווייטע פארלעזונג איז פארגעקומען אסרו-חג אין דעמזעלבן טעאטער, מיט נאך א גרעסערן ערפאלג. נאך שבועות זיינען פארגעקומען נאך צוויי פארלעזונגען, נאך וועלכע שלום-עליכם איז אפגעפארן קיין לאדז, וואו דער פאראיין „דראמאטישע קונסט" האט דעם 27-טן מאי איינגעארדנט אינם גרויסן טעאטער א ליטעראריש-דראמאטישן אוונט, אין וועלכן שלום-עליכם האט זיך באטייליקט. דאס גרויסע טעאטער איז געווען איבערגעפילט, און שלום-עליכם איז אויפגענומען געווארן מיט דער גרעסטער התלהבות.

דער עולם אין ווארשע, ווי אויך די פרעסע, האט זייער געמורמלט אויף דעם קליינעם לאקאל פון „עליזעאום" און אויף די הויכע פרייזן. שלום-עליכם אליין האט אויך געהאט דערפון גרויס עגמת-נפש און האט מיך געבעטן אויסצוזוכן א גרעסערן לאקאל. סאיז אבער געווען לית ברירה, ווייל אין די גאר גרויסע לאקאלן האט מען פרינציפיעל נישט געוואלט דערלויבן קיין אידישע פארלעזונגען. איז געבליבן נאר צו נעמען דאס „מוראנאווער טעאטער". דאס איז געווען א גרויסע הילצערנע געביידע ביי דער מוראנאווער גאס, אינם עכטן געטא. די געביידע האט געמאכט אן איינדרוק גיכער פון א שטאל, ווי פון א טעאטער, און די אקוסטיק איז געווען זייער א שלעכטע. אזוי ווי אבער שלום-עליכם האט דורכאוים פארלאנגט א גרויסן לאקאל מיט נידעריקע פרייזן, און דאס „מוראנאווער טעאטער" האט טאקע געהאט די איינציקע מעלה, וואס עס האבן זיך דארט געקאנט אריינפאקן א סך מענטשן, האבן מיר עס גענומען אויף דער פינפטער פארלעזונג פון שלום-עליכם, און די פרייזן האבן מיר געמאכט גאנץ נידעריקע, פון צוואנציק קאפיקעס אן. שלום-עליכם איז געווען דערפון זייער צופרידן, און אין א בריוו פון לאדז פונם 10-טן יוני האט ער מיר געשריבן: „די אנאנס [וועגן דער פארלעזונג אין מוראנאווער טעאטער. — רעפ.] האט מיך געפרייט, וואס דאס ברייטע פובליקום וועט ענדלאך האבן די געלעגנהייט זיך מיט שלום-עליכמען צו באקענען. ווארשיינלאך וועט איר זען, אז די צייטונגען, וואס האבן אייך פירגעהאלטן פאר די הויכע פרייזן, זאלן אייך אצינד אנערקענען פאר די נידעריקע".

נאך די פארלעזונגען אין ווארשע און אין לאדז האט זיך שלום-עליכם א לאז געטאן אויף דער מדינה. ער איז אפגעפארן קיין ביאליסטאק, און פון דארט קיין אדעס, וואוהין ער איז איינגעלאדן געווארן צום קאנצערט לטובת דער פאמיליע פונם פארשטארבענעם שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג. אין יוני האב איך באקומען א בריוו פון שלום-עליכמען שוין גאר פון לוניניעץ (ארום פינסק): „איר ווילט אודאי, איך זאל אייך זאגן, וואו איז ערגעץ שלום-עליכם? אדרבה, וואו איז שלום-עליכם? געווען איז ער דעם 10-טן יוני אין אדעס, דעם 14-טן און 15-טן אין פינסק, איצט פליט ער קיין ריגע — דובעלן

(18־טן — 20־טן), דעם 25־טן וועט ער זיין אין ווילנע, און פון דאָרטן, אויב מע וועט אים נישט איבערכאַפּן אויפן וועג, וועט ער אפשר זיך דערשלאָגן אמאָל סוף חודש קיין וואַרשע".

3

אין יולי איז שלום־עליכם געווען עטלאַכע טעג אין וואַרשע. עס זיינען אויך געקומען זיין פרוי מיטן אינגסטן זון. דעם 20־טן יולי האָט דינעזאָן דערהאַלטן פון שלום־עליכמען, פון וואַרשע גופא, אַט דעם בריוו: „טייערער דינעזאָן! אַצינד פאַרשטייט איר שוין, ו ו ע ר איז דער באַקאַנטער, וואָס כהאָב אייך געשריבן? דאָס איז נעבאַך מיין אָלגאַ מיט מיין בן־זקונימל, וועלכע בעטן אייך זייער און זייער, איר זאָלט זיך מטריח זיין אין האָטעל וויקטאָריאַ נומער 46 מאָרגן אי"ה דינסטאָג זייגער 10 פרי. מיך וועט איר לײדער ניט טרעפן — איך בין דאָך דער אייביקער נע־ונדניק. איך האָב מיך מיאוס אַריינגעכאַפּט — מע שלעפּט מיך פון שטאָט צו שטאָט! אָבער איך קום לא יאוחר פרייטאָג שוין אַ ביסל רוען".

„דאָס אַרומשלעפּן זיך פון שטאָט צו שטאָט", ווי שלום־עליכם האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, האָט זייער שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט־צושטאַנד. ער האָט דעמאָלט שוין אויסגעזען זייער שלעכט און איז געווען מיד און אָפּגעשוואַכט. איך האָב אים געראָטן אַרויסצופאָרן אויף אַ זומערוואוינונג. ער האָט אָבער נישט געפאָלגט און איז ווידער אַוועקגעפאָרן אויף דער מדינה.

דעם 14־טן אויגוסט האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה פון באַראַנאָוויטש, אַז שלום־עליכם איז דאָרט פּלוצים קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגענאַנצינדונג; עס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן צו אים זיין פרוי מיט די קינדער. און עטלאַכע טעג שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ דעפּעש פון שלום־עליכמס פרוי, אַז דער צושטאַנד פונם קראַנקן האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט און אַז די קראַנקייט גייט נאָרמאַל. ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, איז דאָס נישט געווען קיין איינפאַכע לונגענאַצינדונג, נאָר אַ בלוטשפייען, און די סיבה איז געווען טובערקולאָז פון די לונגען. דעמאָלט האָט מען זיך ערשט געקאָנט לייכט איבערציינגן, ווי ווייט פּאָפּולער שלום־עליכם איז געווען ביי אידן. דער גאַנצער תחום־המושב האָט זיך אויפגערודערט; מע האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען מיט דעפּעשן און מיט בריוו, מע האָט געמאַכט דעם חולה אין די שולן און אין די בתי־מדרשים מי־שבּרכס, אין קליינע שטעטלאַך האָט מען געריסן קברים, תהלים געזאָגט. אָבער... ווי טרויעריק איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן, אַז איך האָב אין אָנהייב סעפּטעמבער באַקומען אַ בריוו פון שלום־עליכמס פרוי אָלגאַ ראַבינאָוויטש, אַז דער קראַנקער וועט אַוודאי מוזן אַוועקפאָרן אויף אַ לייגנערע צייט קיין איטאַליע, וויל ער איז קראַנק אויף די לונגען; און צווישן די שורות האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נישט קוקנדיק אויף די אַלע „גליקן", וואָס שלום־עליכם האָט געמאַכט אויף זיינע נסיעות, איז די מאַטעריעלע לאַגע זייער אַ שלעכטע, און קיין מיטלען זיינען שוין כמעט נישטאָ.


שלום־עליכם קראַנקערהייט אין באַראַנאָוויטש [האַרבסט 1908].

עטלאַכע טעג שפּעטער האָב איך דערהאַלטן פון שלום־עליכמען אַט דעם בריוו, געשריבן מיט אַ בלייַשטיפט און מיט אַ שלעכטן כתב־יד: „איך שרייב נאָך אַלץ מיט צרות: האַלב־ליגנדיק — און ד אָ ך שרייב איך! איך קאָן אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון יענער וועלט (פון אייערע פּאַציענטן? חלילה! פון אייערע קאָלעגעס פּאַציענטן...). נישקשה, דאָרט איז אויך אַ וועלט. די אייגענע וועלט, וואָס דאָ. פאַראַן אַ „אונזער לעבן" מיט אַנדערע צייטונגען... נאָר קיין חלירע איז דאָרט ניטאָ... שאַדע! ————. אַט די פינטעלאַך מיט

די פּאַסעקלאַך האָב איך געגאַשט ביי אונזער פּרצן (אויף דער וועלט; פּרץ פון יענער וועלט שרייבט אַ ן פּינטעלאַך, מחמת דער קאָפּ איז אים אין דער ערד און די נשמה אין הימל...). מיין ווייב דאַנקט אייך זייער פאַר אייער בריוול. זי לאָזט מיך מער ניט שרייבן. אַ ווייב איז אַ צענזאָר. אייער שלום־עליכם". אין פּאָסט־סקריפּטום איז געווען צוגעשריבן: „אין אייער אַרטיקל האָב איך מיך באַגעגנט מיט מיין ביאַליסטאָקער אידל פונם געלן פּראָשעק. אַך, וואו נעם איך איצט אַ געלן פּראָשעק... צום הוסט?!"...

הגם, אַזוי ווי מע זעט פון דעם בריוו, האָט שלום־עליכם זיך נישט געקלאָגט אויף זיינע מאַטעריעלע צרות, האָבן מיר אָבער באַקומען ידיעות פון זייטיקע מענטשן פון באַראַנאָוויטש, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון שלום־עליכמען איז גאָר נישט קיין גוטע, און אַז זיין פאַמיליע מוז זיך פשוט רעכענען מיט יעדן גראָשן. איינער פון די טיכטיקסטע און בעסטע כלל־טוערס אין וואַרשע, און אין דערזעלבער צייט אַ גרויסער פאַרערער פון שלום־עליכמען, איז דעמאָלט געווען אברהם פּאָדלישעווסקי, און צו אים טאַקע האָב איך מיך געווענדט מיט דער פראַגע מכח קומען צו הילף שלום־עליכמען. ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, האָט הער פּאָדלישעווסקי שוין אויך געהאַט טרויעריקע ידיעות מכח שלום־עליכמס מאַטעריעלער לאַגע פון זיין שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט אין באַראַנאָוויטש. מיר האָבן קורץ און שאַרף באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פאַר אַ גרויסער אַקציע; מיר האָבן געוואָלט אָנזאַמלען אַזאַ גרויסע סומע געלט, וועלכע וואָלט נישט נאָר געגעבן שלום־עליכמען די מעגלאַכקייט אַרויסצופאָרן אויף אַ לייגנגערע צייט קיין איטאַליע, נאָר אויך אויסצוקויפן זיינע אַלע ווערק פון די פאַרשיידענע אַרויסגעבערס, וואָס האָבן אים עקספּלואַטירט אויפן ערגסטן אופן, און געבן אים דאָס אַלץ מתנה צו זיין 25־יאָריקן יובילי.

אַזוי ווי מיר האָבן פון אונזער געזעלשאַפטלאַכער פּראַקטיק געוואוסט, אַז וואָס אַ קאָמיטעט איז גרעסער, איז זיין אַרבעט קלענער, האָבן מיר באַשלאָסן פאַרלויפיק נישט צו בילדן קיין שום קאָמיטעט, נאָר צו אַרבעטן אינצווייען. קודם כל האָבן מיר צעשיקט אין אַלע אידישע צייטונגען און אין דער „הצפירה" דעם דאָזיקן קול־קורא:

„צו שלום־עליכמס פאַרערער

„שלום־עליכם איז כמעט דער איינציקער אידישער שריפטשטעלער פון אונזער צייט, וואָס איז געפעלן אַלע, פון אים האָט הנאה געהאַט יעדער איד, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערן.

„צענדליקער יאָרן האָט אונזער באַליבטער שלום־עליכם נישט אַרויסגעלאָזט די פעדער פון דער האַנט און האָט נישט אויפגעהערט אונז פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן מיט זיינע גייסטרייכע און וויציקע ווערק, און דאָך האָט ער ביי קיינעם קיין הילף נישט געפאָדערט, פאַרקויפנדיק זיינע ווערק פאַרשיידענע אַרויסגעבערס. אַצינד איז געקומען אַ צייט, ווען שלום־עליכם נייטיקט זיך אין הילף, און אַלע זיינע ליבהאָבער און פאַרערער האָבן דאָס מעגלאַכקייט אַרויסצוווייזן זייער ליבע צום אמתן אידישן סאַטיריקער. נאָר נישט מיינט, אַז מיט שרייען „הידד" און שיקן דעפּעשן, ווי איר האָט אייך נוהג געווען ביז אַצינד מיט אַנדערע אידישע שריפטשטעלער, קאָנט איר יוצא זיין.

„שלום־עליכם איז קראַנק, און אייער ליבע צו אים באַדאַרף אַרויסגעוויזן ווערן גאָר אויף אַן אַנדער אופן, מער ווי פּלאַטאָניש.

„וואָלט שלום־עליכם געווען נישט קיין אידישער שריפטשטעלער, וואָלט מען אודאי גערעדט פון בריליאַנטן, גיטער, ווילעס ביים ים א. אַ. וו. איז ער דאָך אָבער אַ אידישער „מחבר" און מוז זיך, ליידער, באַנוגענען מיט אַ מינימום, און דאָס מינימום איז: 1) געבן אים דאָס מעגלאַכקייט צו פאַרברייינגען אַ יאָר אָדער צוויי אין אַ גוטן קלימאַט אָן שום דאגות פרנסה פאַר זיך און זיין פאַמיליע; 2) אָפּקויפן אַלע זיינע ווערק פון די אַרויסגעבער און אים אָפּגעבן אין אייגנטום און דערמיט פאַרזאָרגן וואָסער עס איז עקזיסטענץ אויף דער עלטער. דאָס מינימום מוז דאָס אידישע פאָלק אים געבן, אויב נישט, וועט דאָס זיין דער גרעסטער בזיון פאַר אונז און אַ שרעקלאַכער יאוש פאַר דער אידישער אינטעליגענץ.

„מיר ווילן גלויבן, אַז יעדער איד וועט זיך אַצינד אָפּרופן, אחד המרבה ואחד הממעיט. עס באַדאַרף ניט באַטראַכט ווערן אַלץ נדבה; אומגעקערט, נדבות האָט שלום־עליכם אונז געגעבן, צענדליקער יאָרן האָט ער אונז מנדב געווען זיינע געדאַנקען, זיין וויץ, זיין האַרץ און זיין בלוט. מיר מוזן אים אַצינד אָפּגעבן אַ חוב, און דערצו אַן אַלטן. הכלל, ברידער, באַצאָלט ווי אַם גיכסטן אייער חוב, דאָס איז די איינציקע תשובה אויף די פיל בריוו, וואָס מיר באַקומען יעדן טאָג מכל תפוצות ישראל מיט פראַגעס, ווי אַזוי צו באַערן דעם באַליבטן שלום־עליכם".

אונטערגעשריבן דעם אויפרוף האָט פּאָדלישעווסקי מיט מיר.

אחוץ דעם אויפרוף אין די צייטונגען, האָבן מיר צעשיקט פּריוואַטע בריוו — צו געוויסע פּערזענלאַכקייטן קיין פּעטערבורג, מאָסקווע, ווילנע, קיעוו, אָדעס וכדומה, און מיר האָבן זיי אויפגעפאָדערט צו אַן ענערגישער אַרבעט לטובת שלום־עליכם. אין דערזעלבער צייט האָבן מיר געעפנט אין דער באַנק פון די ברידער באַכראַך אין וואַרשע אַ קאָנטאָ אויף שלום־עליכמס נאָמען, וואוהין עס האָבן באַדאַרפט צוגעשיקט ווערן אַלע געזאַמלטע געלטער. מיר אַליין האָבן זיך

גארניט פארגעשטעלט, אז אונזער אויפרוף וועט מאכן אזא רושם. עס האט אנגעהויבן אנצוקומען געלט פון אלע זייטן, נישט נאר פון רוסלאנד, נאר אפילו פון אמעריקע און פון דרום־אפריקע. טייל האבן געשיקט געלט דירעקט צו שלום־עליכמען.

ווען מיר האבן געזען, אז אונזער אידעיע הייבט־אן זיך צו פארקערפערן, האבן מיר פארבעטן צו זיך צו הילף יעקב דינעזאן און דעם ארויסגעבער פון „היינט“, הער נח פינקעלשטיין, און מיר צוזאמען האבן געבילדעט דעם אזוי־גערופענעם „יוביליי־קאמיטעט“, וועלכער האט באדארפט אנהייבן די אונטערהאנדלונגען מיט שלום־עליכמס ארויסגעבערס, אפצוקויפן פון זיי זייער זכות אויף זיינע ווערק און מבטל צו מאכן די קאנטראקטן.

4

אז איך האב פון אונזער באשלוס מודיע געווען שלום־עליכמס פרוי אלגא ראבינאוויטש, האב איך פון איר באקומען אן אויספירלאכע תשובה מכח די אלע התחייבותן, וואס די ארויסגעבערס האבן אקעגן שלום־עליכמען. זי האט זייער געדאנקט פאר דעם גוטן געדאנק, וואס וועט זיין פאר איר מאן די בעסטע רפואה. „איר קאנט אייך גאר ניט פארשטעלן“, האט זי געשריבן, „וואס פאר שטילע, פארדעקטע ליידן מיין מאן האט פון די ארויסגעבערס, וועמען ער האט פארקויפט זיינע בעסטע ווערק פאר גראשנס. פארוואס ער האט דאס געטאן — איז אצינד נישט דער ארט און די צייט צו ריידן. ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך אייך דערציילן, און איר וועט שטוינען. דער געדאנק פלעגט שטענדיק מיין מאן דריקן, און דורך דעם איז ער אפילו קראנק געווארן“.

אויף אונזערע בריוו האט זיך אפגערופן אויך דר. עליאשעוו (בעל־מחשבות), וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין קאוונע.

„איך האב באמת נחת געהאט“, האט ער געשריבן צו מיר. „וואס איר האט זיך געשטעלט אן דעם שפיץ פון שלום־עליכמס יוביליי־קאמיטעט. איך — איך שוויג אויך נישט, איך סטארע מיך, אז קאוונע זאל קאנען ווייניקסטנס דערלאנגען שלום־עליכמען צום יובילייאום א רובל 400—300. האב געמאכט פאר אייער קאמיטעט רעקלאמע, געשריבן אין אונזער „סיעווערא־זאפאדני טעלעגראף“ און אנגעוויזן דעם ארט, וואוהין מע קאן שיקן גראטולאציאנען און אלערליי מתנות“... „איך מיין“, האט דר. עליאשעוו ווייטער געשריבן, „דאס דער קאמיטעט וועט זיין געווים בכח ממלא צו זיין זיין התחייבות [אויסצוקויפן שלום־עליכמס ווערק. — רעפ.]. איך האף, אז די נייטיקע געלט וועלן נישט פעלן דערויף און אז די ארויסגעבער, אונטערן פרעס פון דער עפנטלאכער מיינונג, וועלן נישט ארויסווייזן קיין סוחרישע אכזריות“.

ענלאכע קאמיטעטן, ווי אונזערער איןווארשע, האבן זיך געבילדעט אין אלע גרעסערע שטעט אין רוסלאנד, געלט איז אנגעקומען, און מיר האבן אנגעהויבן צו אונטערהאנדלען מיט די ארויסגעבערס. דאס זיינען געווען: 1) לידסקי, 2) בן־אביגדור (שאל־קאוויטש), 3) קרינסקי, 4) האכבערג, און 5) נאך עטלאכע קלענערע. די זאך איז אבער נישט געווען אזוי לייכט, ווי עס האט זיך געדאכט. די אלע דערמאנטע ארויסגעבערס האבן זיך שטאל און אייזן געהאלטן ביי זייערע קאנטראקטן, און יורידיש און סוחריש האבן זיי געהאט פולקאמען רעכט נישט צו נאכקומען אונזערע פאדערונגען די קאנטראקטן מבטל צו זיין. אי וואס — מענטשלאכקייט? יושר? אבער דאס זיינען דאך נישט קיין זייער גאנגבארע ארטיקלען אין געשעפטזאכן. בכדי צו געבן דעם לעזער די מעגלאכקייט זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט לייכטזיניק שלום־עליכם האט געהאנדלט מיט זיינע ארויסגעבערס אינם סוחרישן זינען, איז גענוג, אויב איך וועל זאגן, אז ער האט, למשל, קרינסקין פארקויפט דעם גרעסטן טייל פון זיינע שוין געדרוקטע ווערק און „אלע ווערק, וואס ער וועט דרוקן אין וואסערע עס איז צייטונגען און זשורנאלן במשך פון צוואנציק יאר“, צו דרייסיק ביז פערציק רובל פאר א דרוקבויגן נאר פון דער ערשטער אויס־גאבע. די ערשטע 10 יאר האט שלום־עליכם באדארפט באקומען 10 פראצענט פונם ריינעם פארדינסט, און אין די צווייטע 10 יאר — 25 פראצענט; נאך די צוואנציק יאר האט שלום־עליכם זיך מתחייב געווען צו באצאלן קרינסקין די העלפט פון די הוצאות פאר די סטערעאטיפן, קלי־שעס און מאטריצן[1]. די תנאים אין די אנדערע קאנטראקטן זיינען געווען נאך שווערערע. ווי הער פאדלישעווסקי פארזיכערט מיך, איז אינם קאנטראקט מיטן „צענטראל“ געווען א פונקט, אז שלום־עליכם מוז אליין ארומפארן פארקויפן זיינע ווערק[2]. סאיז פשוט נישט צו פארשטיין, ווי אזוי האט דער קלוגער שלום־עליכם געקאנט אונטערשרייבן אזעלכע קאנ־טראקטן.

[1] פאקטיש האט אבער קרינסקי געצאלט שלום־עליכמען נאר 20 רובל פון בויגן, קיין חשבון ניט געגעבן און קיין שום פראצענטן פונם פארדינסט ניט געצאלט, אין דער צייט, וואס אייניקע ביכלאך, ווי „דער פעטער פיני און די מומע רייזי“, זיינען זיך צעגאנגען אין א סך צענדליקער טויזנטער עקזעמפ־לארן. — [2] אזא פונקט אינם קאנטראקט מיטן „צענטראל“, ד. ה. מיט לידסקין, איז ניטא; הער פאדלישעווסקי מיינט מסתמא דעם קאנטראקט מיטן פארלאג „תושיה“, וואו שלום־עליכם האט זיך מתחייב געווען ארומצופארן אינם „תחום־המושב“ אכט חדשים אין יאר אין די אינטערעסן פון די וואכנבלעטער „יוד. פאלקס־צייטונג“ און „פרויענוועלט“: שאפן אבאנענטן, אננעמען אנאנסן און אנשטעלן אין יעדער שטאט אגענטן. ש. ע. האט עס געפרווט טון א קליינע צייט (1902), נאר דערזען, אז די ארבעט איז ניט פאר אים, האט ער זי אויפגעגעבן. — (די דאזיקע אנמערקונגען, ווי אויך די ווייטערדיקע וואס אין דעם ארטיקל, זיינען געמאכט פון דער רעדאקציע.)

בינו לבינו איז שלום־עליכם מיט זיין פאַמיליע אָפּגעפאָרן קיין נערווי (ביי גענואַ, אין איטאַליע), און אינמיטן אָקטאָבער 1908 האָב איך באַקומען פון דאָרט דעם ערשטן בריוו פון שלום־עליכמס פרוי. זי האָט געשריבן, אַז זי האָפט, אַז אין אַזאַ גוטן קלימאַט וועט איר מאַן געזונט ווערן, נאָר איינס איז שלעכט, האָט זי צוגעגעבן: „ווען מיר דערמאַנען זיך וועגן אונזערע מיטלען און וואָס פאַר שאַנסן מיר האָבן אויף ווייטער. דאָס שטערט דעם קראַנקן געזונט צו ווערן און ער איז זייער נערוועז“. צו דעם בריוו האָט שלום־עליכם מיט אַ בלייַשטיפט צוגעשריבן: „אַ וואַרימען שלום־עליכם אַ וואַרימען פריינט פון אַ וואַרים לאַנד“.

דעם 25־יאָריקן יובילייַ פון שלום־עליכם האָבן מיר באַשלאָסן צו פייערן, לויט דעם וואונטש פונם יובילאַר, שבת בראשית, דעם 24־טן אָקטאָבער 1908. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין „הזמיר“, וואו סאיז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד דעם חתן היובל. דעם באַנקעט האָב איך געעפנט מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון שלום־עליכמס ליטעראַרישער טעטיקייט, נאָך דעם האָט דער כאָר געזונגען אַ ליד מיט דעם רעפריין: „סזאָל לעבן שלום־עליכם“, און פייערלאַכע רעדעס האָבן געהאַלטן: י. ל. פרץ, מ. ספּעקטאָר, אַ. פאָדליעשעווסקי, הלל צייטלין, מ. י. פרייד, ש. יאַצקאַן און אַנדערע. ווען איך האָב פרצן נאָך זיין פייערלאַכער רעדע אַ פרעג געטאָן, צי ער געדיינקט נאָך, אַז ער האָט נישט דערלויבט אויפן חנוכה־אָוונט צו לייענען שלום־עליכמס „חנוכה־געלט“, האָט ער מיר געענטפערט: „אַוודאי געדיינק איך. דאָס „חנוכה־געלט“ טויג טאַקע נישט, אָבער שלום־עליכם בלייבט שלום־עליכם“.

דער יובילייַ איז געפייערט געוואָרן אינם גאַנצן תחום המושב. סאיז כמעט נישט געווען קיין איין גרעסערע שטאָט אין רוסלאַנד און אין פוילן, וואו מע האָט נישט איינגעאָרדנט יענעם אָוונט פאַרלעזונגען און באַנקעטן לכבוד שלום־עליכמען. כמעט אַלע פּראָגרעסיווע רוסישע צייטונגען אין פעטערבורג, קיעוו, אָדעס וכדומה האָבן יענעם טאָג געגעבן אויספירלאַכע אַרטיקלען וועגן שלום־עליכמען. שלום־עליכם האָט דעם טאָג באַקומען — ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן — הונדערטער באַגריסונגס־דעפּעשן און אַדרעסן, דער טעלעגראַפנאַמט אין נערווי איז געווען עטלאַכע טעג כסדר פאַרנומען נאָר מיט דעפּעשן פאַר שלום־עליכמען.

עטלאַכע טעג פאַר דעם יובילייַ האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון שלום־עליכמען, געשריבן אויף ר ו ס י ש. דער בריוו איז געווען זייער אַ פּעסימיסטישער, עפּעס גאָרניט ווי שלום־עליכם האָט ליב געהאַט צו שרייבן. אַ טאָג שפּעטער האָט אָן ענלאַכן בריוו אויף ה ע ב ר י י א י ש באַקומען הער פאָדלישעווסקי. „מאגרתי לידידנו לד״ר לעווין“ — האָט שלום־עליכם געשריבן — תחזינה עיניך ותבין הגיגי. בדד אני פה וגלמוד בארץ נכריה, הרחק מן היקרים, וחולה אני, ושם טובי עמנו חוגגים את חגי ועיני לא תראינה ואָזני לא תשמענה אַף מה שהוא, לא זכיתי לכך“. פון די צוויי בריוו האָב איך געדרונגען, אַז שלום־עליכם האָט געקאָנט אויסדריקן זיין פּעסימיזם נאָר אין רוסיש אָדער אין העברייאיש; אויף אידיש וואָלט ער אפשר גאָרניט בכח געווען דאָס צו טון.

5

וואָס פאַר אַן איינדרוק דער יובילייַ האָט געמאַכט אויף שלום־עליכמען און ווי אַזוי ער האָט זיך דערמאָלט געשפּירט בכלל — קאָנען מיר געוואויר ווערן פון זיין בריוו צו דינעזאָנען, וואָס איז געשריבן געוואָרן באַלד נאָכן יובילייַ. איך גיב אים איבער וואָרט אין וואָרט:

„גאָלדענער פריינט, טייערסטער דינעזאָן.

„איך שרייב נאָך אַלץ ליגנדיק, דעריבער דאַרפט איר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס מיט אַ בלייפעדער: אַנו, פּרוווט שרייבן ליגנדיק מיט אַ פען, וועט איר זען, וואָס וועט אַרויס דערפון: קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און ווערטער ניט אַ לעק.

„ווייַ איז מיר, דינעזאָן, גאָט איז מיט אייַך, איר זיינט דאָך עפּעס גאָר אַ מכשף און געגנוג! אייער באַשרייבונג פון מיין יובילייאום און אייער פאַרגלייכן מיך צו אייער געלונגענעם שמשון־שלמהס פערדל איז ווי געוואונטשן, גלייך ווי איר וואָלט געווען דערבייַ! און ווי איר זעט מיך אַ אידן: סאיז געווען פיל פרייד, טעלעגראַמעס פון אַלע עקן פון דער וועלט, און ברכות, ברכות, ברכות אָן אַ שיעור — אָבער אויך טרערן זיינען געווען, פאַרבאָרגענע, שטילע טרערן, כנהוג אצל שלום־עליכם... נאָר דאָס זיינען געווען טרערן פון פרייד, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זען דאָס אידישע פאָלק, אָדער, ווייניקסטנס, די בעסטע קינדער פונם פאָלק, אויף אַ זייער שיינער מדרגה, באַוואוסטזיניק, טאַקטיש, מעשה מענטש, פּונקט ווי ביי לייטן און, אויב איר ווילט, נאָך אידעלער און נאָך פיינער, ווי ביי לייטן. תא חזי, מה בין עמי ישראל ואומות העולם. ביי זיי, להבדיל, אויף אַזאַ שמחה איז דער עיקר: פּיאַם זדראָוויע, פּיו זדראָוויע. איר זאָלט זען דעם נוסח פון די דעפּעשן, איז צענדליקער און צענדליקער פון זיי דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט „צו דעם פאָלק, צו דעם געשלאָגענעם פאָלק, צו זיין ליטעראַטור, צו זיין שפּראַך“. איז דאָס אַ קנאַפּער פּראָגרעס? איז דאָס אַ ווינציקע באַלוינונג פאַר אַ שרייבער? און וואָס אָנבאַלאַנגט צו מיין פּערזענלאַכקייט, שווער איך אייַך בהן שלי, אַז איך בין דערמיט אַליין אויך צופרידן; נישמער, מיר פעלן צוויי זאַכן, וואָס זיינען שטאַרק נוגע צו מיר און וואָס אָן

זיי איז שלום־עליכם קיין שלום־עליכם: 1) געזונט, 2) די נשמה.

„וואָס דעם ערשטן פּונקט אָנבאַלאַנגט, דאַרף מיין זינדיקער גוף זיך אָפּוואַלגערן אַקעגן אַ יאָר ביים ברעג ים אין אַ וואוינונג פון ליכט און זון — און אַזאַ וואוינונג קאָסט דאָ אומגעפער פון 1500 ביז 1800 פרענקלאַך אַ ס ע ז אָ ן (דאָס מאַכט פון 600 ביז 700 רוסישע קאַרביצן). און אַזעלכע געלטער האָב איך דאָך אַ מכה, לכן איז ביטער, אַזוי ווי גאַל, וואָרים דאָ איז אַ מנהג: קלאָפּ און צייל. און ווייסן דאַרפט איר, אַז אויף וויפיל ביי מיר איז אַן אייגן קערבל אַ ממזר, אויף אַזויפיל איז מיר יענעמס קערבל ציטעריק. מיינט ניט, אַז סאיז זיס אויסבייטן פרעמדע (דער וועלטס) קערבלאַך! און אגב זיינען נאָך די קערבלאַך אַליין אויך ערשט אין וועג, אָדער גאָר אין דער מחשבה — נו, און אַזעלכע קערבלאַך וויל אַ איטאַליענישער באַנקיר ניט אויסבייטן, כאָטש גיב אים אַ קריינק... „דינאַריאַ דעל רוססיאַ טשענטאַ רובלאַ" — זאָגט ער און ווייזט אייך אַ הונדערטער און נעמט אַזש איין אַ מיתה משונה. מוז מען אַלזאָ ליגן אין אַ פּאַנסיאָ ן אָ ן אַ ז ו ן — איז נישט גוט, נישט גוט, דינעזאָן. מע דאַרף זון, זון דאַרף מען.

„די צווייטע פראַגע, ד י נ ש מ ה , ווייסט איר שוין — דאָס איז מיינע קינדער, מיינע ווערק, וועלכע מוזן זיין מ י י נ ע , ניט קיינעמס... וואָלט איך שוין זיין געזונט, וואָלט איך מיט אייגענע כוחות זיי ביסלאַכווייז אַרויסגעצויגן מעבדות לחירות. עד־עד, דאַרף מען דאָך אָבער פריער ווערן געזונט. און דאָ, אין דעם גן־עדן התחתון, וואו איך געפין זיך אַצינד, קאָ ן מ ע ן פ אָ ל ק אָ ם ג ע ז ו נ ט ו ו ע ר ן , נאָר בתנאי: ליכט, זון, גוט עסן. און אויף די דריי זאַכן דאַרף מען געלט, געלט און געלט, און איך לעת־עתה האָב אַ גוט אויג מיט עגמת־נפש מיט אַ נעכטיקן טאָג. נאָר פון דעסטוועגן — גאָר־נישט, ווי זאָגט איר: מע דאַרף ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך.

„און איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין עפּעס נישט פון די גרויסע מרה־שחורהניקעס; איך בין, האָב איך מורא, פּונקט דער היפּך פון אייך, דינעזאָן: איר וויינט און קלאָגט און גיסט, ווי אַ בערעזענע, און צום סוף לאָזט איר תמיד אויס מיט אַ זיס וואָרט, מיט אַ גוטער האָפענונג, און אַז מע גייט־אַוועק פון אייך, איז מען אויפגעלייגט, אַ ביסל צעווייקט, אָבער צופרידן, גליקלאַך, אָנגעוואַרימט, אויסגעגלעט און געטרייסט אויפן בעסטן אופן. דאַגעגן אָבער איך — כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי, לעבעדיק און פריילאַך, און אַ ציפּ, אַ ריס, אַ שטאָך, אַ קרעל, און אַמאָל אַ זיפּץ, אַ קרעכץ, אַ טרער, און ווידער — כאַ־כאַ־כאַ, און אָבער — כי־כי־כי, און ווי מע גייט־אַרויס פון מיר, פילט מען זיך אַ ביסל, דאַכט מיר, דאָסיק... איך שטעל מיר פאָר, אַז מע קער אַזוי צו זאָגן: „אָט דער ימח־שמוניק, דאַכט זיך, האַ? מהכתיתי; קומט צום שפּיץ, זאָל אַ רוח אין זיין ט. אַריין!"

„נאָר נחזור לעניננו הראשון. איר ווילט ווּיסן, וואָס איך מאַך אין געזונט? — דערווייל, ברוך השם, חוץ מיין שאָדן, אויף די שונאים געזאָגט געוואָרן. אויב איך הוסט? — נאָך אַ מין הוסטן! זאָל קרושעוואַן אַזוי הוסטן כאָטש אַ יאָר דריטאַלבן. אויב דער קאָפּ טוט ווי? פאַרוואָס זאָל ער ניט ווי טון? אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער — עס ווענדט זיך ניט אינם מענטשן; אַ קאָפּ איז אַ קאַפּריזניק, דאָס איז באַוואוסט. די טעמפּעראַטור? — נישקשה! געדאַרפט צו זיין 36 מיט עפּעס אָדער אָן עפּעס, נאָר ביי מיר האַלט זי ביי 37, און אַמאָל אויף יענער זייט 37, דאַנקען גאָט, וואָס ניט 38... אַפּעטיט? עט! ווער קוקט דערויף? דאָס הייסט, קוקן קוקט מען שטאַרק! מע טראָגט אונטער אַלע מאָל, טאָ מילך, טאָ קאַשע, טאָ אייער! וויפיל אייער מיינט איר? זעקס אייער, זיבן אייער, אַכט אייער, ניין אייער, צען אייער — אין גאָטעס זיינער הימלס ווילן, לאָזט מיך צורו! זיינט איר שוין פאַרטיק? גייט זייט מוחל כלעפּטשעט מילך, שלינגט פּוטער, פרעסט קאַשע, שטאָפּט די קישקע, שטאָפּט, די ווערים זאָלן האָבן איבער 120 יאָר וואָס צו עסן...

„ווי אַזוי איך פיל מיך? איך פיל מיך — אויף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן, — ווי אַ קעלבל, וואָס מע האָדעוועט עס מיט אַ מיין, מיט אַ זייטיקער מחשבה, ווי אַ געפּענטעט פערד אין פרעמדן האָבער, ווי אַ קאַץ אויף פּוטער אונטער אַן איבערגעקערטער גלאָז, ווי אַ געבונדענער האָן, וואָס מע האָט ביי אים צוגענומען דעם בני־אָדם, ווי אַ געטרייער הונט, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גוטן בעל־הבית, אָדער — שאַט! — ווי אַ אידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט אָפּגעקלאָפּט 25 יאָר ביים עמוד, האָט זיך פאַרהוסט, ניט פאַר אייך געדאַכט, מיט בלוט, און פּונקט צו זיין יוביליאום־יום־טוב האָט מען אים פאַרפירט ערגעץ קיין איטאַליע — צוגענומען ביי אים די פעדער פון האַנט און מע זאָגט אים: „מער לופט, מער זאַנגע! מער עסן! עסן! עסן!"

„אייער דאַנקבאַרער פריינט
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם".

6

אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרשיידענע אַרויסגעבערס האָבן זיך כמעט ניט גערירט פונם אָרט. די זאַך האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן צוליב דעם, וואָס אין דער קאַסע איז נאָך אַלץ נישט געווען די נייטיקע סומע. אָבער די גרעסטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס די אַרויסגעבערס האָבן זיך נישט געאיילט; איינער פון זיי איז אַרויסגעפאָרן, דער צווייטער האָט זיך פאַר־

קילט, דער דריטער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, און דער פּערט/ ־ האָט בכלל נישט געוואָלט הערן פון מבטל זיין דעם קאָנטראַקט און האָט פאָרגעשטעלט פאַרשיידענע פּרעטענזיעס.

דאָס געזונט פון שלום־עליכמען האָט זיך אין נערווי ביסלאַכווייז פאַרבעסערט און די מאַטעריעלע לאַגע איז אויך געוואָרן גאָר אַן אַנדערע, אַזוי ווייט, אַז אין אַ בריוו צו מיר פונם 23־טן נאָוועמבער האָט שלום־עליכם מיך געבעטן, אַז מיר זאָלן אים קיין געלט נישט שיקן, ווייל ער באַדאַרף נישט. „איך האָב אַ פּאָר הונדערט רובל, און אַז מע בייט דאָס אויס אויף ליר, איז דאָס אַ מטמון מיט גאָלד". „אין דער שווייץ, אין לאָזאַן — האָט שלום־עליכם ווייטער געשריבן — געפינט זיך אַ קאַווקאַזער מיליאָנער, איינער אַ איד מיטן נאָמען ש ר י ר א, קומט מיר אָן פון אים (איך קען אים ניט) אַ מזל־טוב צום יובילייאום מיט אַ פּאָר הונדערט פראַנק איינליגענד און — דער עיקר — מיט אַ בריוו אַ מליצה: ער פרעגט אַן עצה ניט ביי מיר, נאָר ביי מיין מנחם־מענדל, וואָס זאָל ער טון? קיין הערצעליזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און אַנדערע איזמען נעמען אים ניט; אַלזאָ, צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? האָט אים מיין פריינט מנחם־מענדל אריינגעכותבט אַ מכתב, ווי מנחם־מענדל קאָן, אַז ער זאָל אוועקוואַרפן אַלע שמאָכטעליאַקעס און זיך נעמען צו מעצענאַטסטוואָ, דהיינו: אַזוי ווי אין וואַרשעווער פאָנד פאַר שלום־עליכמס ווערק געפינט זיך דערווייל נאָך זייער ווינציק מעות, זאָל ער חתמענען אַ טשעקל פון אַ צען טויזנט פרענקלאַך און אַריינשיקן זיי צום דר. לעווין קיין וואַרשע. אַט וועלן מיר זען, וואָס אַ קאַווקאַזער מיליאָנער וועט ענטפערן? — טאָמער חלילה, לא יעלה ולא יבוא, שיקט ער די צענטויזנט פראַנק אַהער — וועל איך זיי איבערשיקן צו אייך קיין וואַרשע". דער גאַנצער בריוו איז געווען געשריבן אין אַ וויציקן, פריילאַכן טאָן. „וועגן מיין געזונט — ענדיקט שלום־עליכם זיין בריוו — איז נאָר־וואָס געווען דער דאָקטאָר און איז אוועק ברייטער ווי לייִנגער (לאַנג איז ער, ווי דער גלות). איין חסרון נאָר, וואָס קיין שלאָף איז נישטאָ אויף מיר. אפשר ווייסט איר עפּעס אַ מיטל? אָן ליצנות, שיקט מיר צו עפּעס אַ פּראָשעק פונם שלאָף. אַ גרוס פון מיין ווייב, אַ גרוס פאַר אייער ווייב, אַ גרוס אַלע ווייבער".

דער קאַווקאַזער מיליאָנער שרירא האָט זיך מער נישט אָפּגערופן.

די ווייטערדיקע ידיעות פון שלום־עליכמען גופא, פון זיין פרוי און פון זיין איידים הער בערקאָוויטש זיינען געווען זייער גוטע. זיי האָבן נאָר נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מאַכן מיר נישט קיין עק מיט די אַרויסגעבערס, און זיי האָבן אַ ביסל אונז חושד געווען, אַז מיר פאַר־נאַכלעסיקן די זאַך, הגם מיר זיינען געווען גאָט די נשמה שולדיק.

סוף נאָוועמבער האָב איך דערהאַלטן אַ ידיעה פון שלום־עליכמס פרוי, אַז זיין געזונטצושטאַנד האָט זיך ווידער אַ ביסל פאַרערגערט און עס האָט זיך געוויזן אַ ביסל בלוט. זי איז געווען פּעסט איבערגעצייגט, אַז דאָס איז געקומען פון עגמת־נפש, ווייל דער אַרויס־געבער קרינסקי, וואָס האָט שוין געהאַט געבראָכן דעם קאָנטראַקט נאָך מיט צוויי יאָר צוריק און האָט געזאָלט דורך ספּעקטאָרן שיקן אַ רעכענונג מיט געלט, האָט אָנשטאָט אַ רעכענונג געגעבן אַנאָנסן אין די צייטונגען, אַז ער גיט־אַרויס דריי נייע בראָשורן פון שלום־עליכם, און גראָד די, וועלכע זיינען געווען פאַרקויפט לידסקין. דאָס איז איינס. צווייטנס, האָט לידסקי אויך אַנאָנ־סירט מכח אַרויסגעבן צוויי נייע בענד, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „י ו ב י ל ע א ו ם ־ א ו י ס ג אַ ב ע".

אין וואַרשע האָט זיך דעמאָלט גערודערט אינם ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלאַכן וועלטל איבער צוויי זייער וויכטיקע פראַגעס: ערשטנס, איבער דער טשער־נאָוויצער רעזאָלוציע, אַז די איינציקע אידישע נאַציאָ־נאַלע שפּראַך איז אידיש, און, צווייטנס, איבער שלום אשס אַרטיקל אין אַ פּוילישער צייטונג קעגן מילה. די אידישע צייטונגען זיינען געווען פול מיט מאמרים, די פּאָלעמיק איז געווען געפירט מיט גרויס עקשנות. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי פיינטלאַכע לאַגערן פון העברייאיסטן און אידישיסטן, און אשן איז מען באַפאַלן פון אַלע זייטן אי פאַר דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט גענומען אַן אַנטייל, אי פאַר זיין אַרטיקל קעגן מילה. פּרץ איז אפילו אַרויסגעטרעטן מיט אַן אָפענעם בריוו „וועגן מילה־סקאַנדאַל", אַלץ אַ פאַרטיידיקער פון אשן. אש האָט אָבער געמעגט דערויף זאָגן: „היט מיך, גאָט, פון מיינע פריינט"...

שלום־עליכם, וועלכער איז דעמאָלט געלעגן קראַנק, האָט זיך פונדעסטוועגן אינטערעסירט מיט דער זאַך און האָט אַרויסגעזאָגט דעריבער זיין מיינונג אויף זיין שטייגער אין אַ בריוו צו מיר פונם 12־טן נאָוועמבער. סאיז פּשוט צו באַוואונדערן, ווי אַזוי קאָן מען אַזוי שרייבן, בשעת מע ליגט און מען שפּייט מיט בלוט.

„— — — און שוין ווידער אַ מאָל השכיבני! דאָס איז שוין ניט מער קיין ליגעקור, דאָס איז פּשוט: זייט מוחל, פּאַני שלום־עליכם, צוריק אין בעט אַריין. איר זיינט טאַקע אַ יובילאַר, נאָר בלוטשפּייען דאַרף מען ניט, און קיין הויכע טעמפּעראַטור האָבן טאָר מען ניט, איר קאָנט נישט קוקן אויפן ים, ווי די אַנטיק־מאָרע כוואַליעס שפּילן זיך מיט דער גין־גאָלדענער זון, נאָר ליגנדיק, במחילת כבודכם, „פון בעט אַרויס". קאָן מען קיין חזיר נישט זיין און מע מוז פאָלגן. נאָר גם זו לטובה. גוט, אַז מע וואוינט אין אַזאַ ווילע ביים ים, אויף דער זון, און שיפן שווימען פאַרביי מיינע אויגן פון גענואַ קיין ארץ־ישראל... אוי, וואָלט איך וועלן זיין איצט אין ארץ־ישראל, אָדער כאָטש

אין ווארשע! עס ציט מיך צו אידן ציט עס מיך! איך האב ליב דריי זאכן האב איך ליב: גאזעטן, מילכיקס און אידן. גאזעטן, ברוך השם, האב איך גענוג פון אייראפע און פון אמעריקע, פון דער גארער וועלט, מילכיקס בין איך אויך ניט זשעדנע, א דאנק מיין ווייב און דעם דאקטאר, נאר קיין אידן זעט מען דא נישט. שייך זאגן? זען זעט מען, אלע קראנקע זיינען דא כמעט לויטער אחינו בני ישראל, ווי אומעטום, נאר ניט ד י אידן מיין איך, איך מיין מ י י נ ע אידן פון כתרילעווקע. די קומען ערשט העט שפעט, ווי געוויינטלאך.

„סקוטשנע אן אידן. טאמער... טאמער... איז ניטא אפילו קיין בית־עולם, קיין אידישער בית־עלמין. ווי אזוי וועל איך קומען צו קבר ישראל? איך האב מורא, אז מע וועט מיך דארפן פירן אזש קיין גענוא, אדער קיין ווענעדיג, — וואו וועט מען נעמען געלט? אדער איך האב א טעות? אויף מקבר זיין א אידישן מחבר וועט זיך געפינען געלט? דעמאלט, מיין איך, וועט קיינער נישט זאגן, מע זאל שלום־עליכמס קערפער ארייננווארפן אין ים דערפאר, וואס אין טשערנאוויץ האט די אידישע שפראכקאנפערענץ ארויסגעטראגן א געוויסע רעזאלוציע, און דערפאר, וואס שלום אש האט זיך גענומען צו דער מילה... מיינע באציאונגען צו דער טשערנאוויצער אפשטימונג דארפן אייך זיין באקאנט פון מיין „קהלת" אין „פריינד", און מיין מיינונג וועגן שלום אש מיט דער מילה איז נייטיק איר זאל וויסן און געבן צו וויסן אנדערע. איך גיי מיט דעם גאנג, אז דא איז ארויס א טעות, א מיספארשטענדניש, אבער טאקע זייער מ י א ו ס! די מעשה פון דער מילה איז אזא געשיכטע. שלום אש דער דיכטער איז א געוויסע צייט געווען א דראמאטורג און א טראגיק. האט ער זיך מתקנא געווען אין שלום־עליכמען דעם הומאריסט און האט זיך ראפטום גענעבן א נעם אויף מיין שניט און איז ארויס מיט א משונה־מאדנע ליצנות וועגן מילה, און איז, נעבאך א רחמנות, דורכגעפאלן! מע האט אים ניט פארשטאנען. מע האט דאס אנגענומען צו ערנסט, אין דער צייט, ווען אש האט געפראוועט ליצנות, און מע איז אים באפאלן פון אלע זייטן. וויי איז מיר! שוין זשע פארשטייט איר ניט קיין שפאס? קיין אלעגאריע? איך קען אשן און איר קענט אים אויך. ער איז א װאוילער יונג ביז גאר און ער וועט אייך אוועקגעבן צענטויזנט שונאי־ישראל פאר איין כתרילעווקער אידן. נישמער, א מענטשן איז באשערט אן אומגליק, פארגלוסט זיך אים ווערן א הומאריסט אין א בייזער שעה, און געפינט נישט קיין אנדער שטאף צו זיין ערשטן דעביוט, אחוץ מילה. איך זאג אייך נאך א מאל. איך קען אשן, איך האב אשן ליב. אש איז א גאלדענער שרייבער. נאר א מצוה אויף אים — לאז ער ניט קריכן אהין, וואו מע דארף ניט!...

„מיין שמואל שמעלקים, דער יובילאר פון כתרילעווקע [די בראשור האט שלום־עליכם ספעציעל געזאלט אנשרייבן צו זיין יובילײ, נאר ער האט זיך פארשפעטיקט. — רעפ.], האט אייך געלאזט גריסן. ער איז ארויס פיל בעסער, ווי איך האב געמיינט. איר וועט פון אים אי"ה הנאה האבן, און דער עולם אויך, סיידן טשערנאוויצער מילה מיט אשם רעזאלוציע — איך מיין פארקערט — טשערנאוויצער רעזאלוציע מיט אשם מילה — וועלן גורם זיין דערצג אז מע וועט אונז אלעמען נעמען אין חרם אריין? דעמאלט וועלן

שלום־עליכם אין סט. רעמא, איטאליע, 1912.

מיר, ווי דער זיידע מענדעלי זאָגט, אַ שיין פּנים האָבן צווישן די פֿעלקער".

עטלאַכע וואָכן שפּעטער האָב איך טאַקע באַקומען פֿון שלום־עליכמען די בראָשור, און אין דערזעלבער צייט אויך אַ בריוו, וועלכער קאָן ציַיגן, ווי ווייט באַשיידן שלום־עליכם איז געווען אַלץ שריפֿטשטעלער, און ווי ער האָט זיך גערעכנט מיט יעדערנס מיינונג.

„גאָט ליב אייַך מיט אייַער גאַסט, — האָט שלום־עליכם געשריבן — מיט „שמואל שמעלקים". ווי געפֿעלט עס אייַך? צי עס הייבט אייַך ניט אָן צו געפֿעלן? שעמט אייַך ניט, זייט אויפֿריכטיק, אַזוי ווי תּמיד. הערט זשע, איך זעץ' אים איבער אויף לשון־קודש, און עס וואָלט געווען אַ יושר, ער זאָל דערשיינען בייַ אייַך אין ביידע שפּראַכן, די שונאים אויף צו־להכעיס! ווי איז אייַער מיין? אַ קאָפּיע האָב איך אַוועקגעשיקט אויך קיין פּעטערבורג צו מיין גויאישן איבערזעצער, ער זאָל עס איבערשיקן אייַך אויף גויאיש, — וואָס וועט איר זאָגן דערויף? שיין וואָלט געווען, עס זאָל זיך נאָך געפֿינען אַ משוגענער און זאָל עס איבערזעצן אויך אינם פּוילישן, און מיר זאָלן אַרויסלאָזן אַ ביכעלע אין פֿיר לשונות מיט איין קנאַק!"

7

נאָך צענדליקער אסיפֿות און זיצונגען מיט די אַרויסגעבערס, וואָס האָבן בייַ אונדז צוגענומען גאַנצע נעכט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ ביסל נאָכצוגעבן, און אַפֿילו הער האַכבערג, וואָס איז געווען מער פֿון אַלעמען פֿאַרעקשנט, איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער. אויף מיין בריוו צו שלום־עליכמען מיט דער ידיעה, אַז מיט האַכבערגן האַלט עס שוין אויף אַ דרך, און אַז מיר ברויכן צו האָבן דעם קאָנטראַקט, האָב איך דערהאַלטן אַ תּשובֿה פֿון בערקאָוויטשן, אַז ער וועט צושיקן אַלע ידיעות מכּח האַכבערגס טענות. ער האָט אָבער געמאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז דער עיקר איז צו מאַכן אַ סוף „מיט די גרויסע, מיט אַ מין הער לידסקי וכדומה". שלום־עליכם האָט נישט געשריבן, ווייל ער איז דעמאָלט געלעגן אין בעט; ער האָט אָבער פֿאָרט צוגעשריבן צו בערקאָוויטשעס בריוו מיט אַ בלייַפֿעדער די עטלאַכע שורות: „ליבסטער פֿריינט, איר זאָלט נאָר נישט איבערטראַכטן, אַז איך ליג חלילה אויף מ י י ן קראַנקייט — דאָס ליג איך אויף אַ פֿ ר ע מ ד ע ר שלאַפֿקייט. דאָס הייסט, די שלאַפֿקייט איז אויך מיין שלאַפֿקייט, נאָר דער דאָקטאָר מיינט, אַז דאָס איז אינפֿלוענצע, — הוסט איך אינפֿלוענציש, און היץ האָב איך אויך אינפֿלוענצישע. הכּלל, סאיז גאָרנישט מיט גאָרנישט. הלוואי איך זאָל דערלעבן גוטע בשׂורות פֿון אייַך וועגן די פֿאַרלעגער. ווי אַזוי איז אייַך אָפּגעלאָפֿן דער מכבעער־אָוונט אין „הזמיר"? גוט געשוויצט? מיר שוויצן דאָ אויך, 20 גראַד היץ, חנוכּה! גאָטס נסים..."

מיט האַכבערגן האָבן מיר נישט געקאָנט ענדיקן צוליב פֿאַרשיידענע טענות פֿון זיין זייט. סאיז אונדז אָבער געלונגען צו ענדיקן מיט איינעם פֿון די „גרויסע", היינו מיט לידסקין, וואָס האָט פֿאָרט אַרויסגעוויזן בשעת די אַלע אונטערהאַנדלונגען אַ סך מענטשלאַכקייט. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1909. מיר האָבן לידסקין באַצאָלט 2813 רובל 39 קאָפּיקעס פֿאַר די ווערק און האָבן פֿון אים דערהאַלטן אָט די קוויטאַנציע: „קבלתי אנוויזונג להאחים בכרך מאת א. פּאָדלישעווסקי וד"ר גרשון לעווין על שני אלפים ושמונה מאות ושלשה עשר רו"כ 39 קאָפּ. את הקאָנטראַקט של שלום־עליכם מסרתי להאדונים ד"ר גרשון לעווין ואברהם פּאָדלישעווסקי ומהיום אין לי עוד שום טענה ומענה ואין לי שום זכות ואין שום רשות להדפיס ולמכור את כתבי שלום־עליכם בלא רשיון מיוחד מאת המחבר או מאת עושי רצונו. יעקב לידסקי".

ווען איך האָב דערפֿון מודיע געווען תּיכּף ומיד שלום־עליכמען, האָב איך באַקומען פֿון אים אַ האַרציקע דעפּעש און פֿונם 15־טן יאַנואַר אָט דעם בריוו: „מיין דעפּעש האָט אייַך וואַרשיינלאַך געזאָגט, וואָס מיין האַרץ האָט געפֿילט, בעת מיר האָבן באַקומען פֿון אייַך די ערשטע קורצע ידיעה וועגן פֿאַרענדיקן מיט לידסקין. זאָגן אייַך אַ דאַנק — וועט זיין נאָר אַ באַליידיקונג פֿאַר אייַך און פֿאַר מיר און פֿאַר אונדז אַלע. אַ סך אַזעלכע הויכע מאָמענטן זיינען אין לעבן נישט פֿאַראַנען. איך האָב אייַך שוין איין מאָל געזאָגט, אַז מיטן אויסקויפֿן מיינע ווערק קויפֿט איר אויס מיין נשמה.

„איצט האָט איר פֿאַר אייַך אַ „תּושיה" מיט אַ קרינסקי מיט אַ... איך וויל גאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען. ער האָט בייַ מיר גאָרנישט געקויפֿט, ער האָט נאָר געגנבֿעט, געגזלט, געדרוקט סעפּאַראַט־בראָשורן אין דער צייט, ווען איך האָב פּראָטעסטירט מיט בלוטיקע בריוו צו אים און צו ספּעקטאָרן — אָבער קויפֿן האָב איך אים קיין זאַך ניט פֿאַרקויפֿט. די בראָשורלאַך האָט מען אַרויסגעלאָזט אין די אַלפֿים, אָן ספּעקטאָרס וויסן. די גאַנצע געשיכטע איז הימלשרייענד, און אויסלייגן טענות — הייסט פֿאַר מיר איבעראַניים אָנהייבן שפּייען מיט בלוט". „הלוואי זאָל גאָט געבן — האָט שלום־עליכם ווייטער געשריבן — צו האָבן די בשׂורה פֿון אייַך, אַז איר האַלט שוין מיט „תּושיה" און מיט קרינסקין, ווי מיט לידסקין. לידסקי — אַ ייִד מיט יושר און מיט אַ נשמה, כאָטש אַ פֿאַרלעגער. איצט וועגן מיר ווילט איר וויסן? פֿון היינט אָן און ווייטער איז אַן אַנדער שלום־עליכם. פֿון געזונט רעדט שוין גאָר ניט. מיר וועלן זיך מיט אייַך פֿאַרהערן אי"ה אין וואַרשע, אַז איך וועל זיין זומער, איידער איך וועל פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. איר מיינט, איך לאַך? די דאָקטוירים זאָגן, אַז קינפֿטיקן ווינטער מוז איך ווידער מיך וואַרימען אַקעגן דער זון. האָבן זיך מיישב געווען מיינע קיעווער פֿריינט, זיי

האָבן אַ סומע פון עטלעכע טויזנט פראַנקלאַך, ווילן זיי מיר קויפן אַ שטיבל מיט אַ גערטענדל ביים ברעג פונם מיטללענדישן ים, אין געגנט פון יפו, אין ארץ־ישראל, און פון דאָרט, זאָגן זיי, זאָל איך שרייבן מיינע מעשיות. זיי האָבן שוין אפילו באַפולמעכטיקט איינעם פון קיעווער קאָמיטעט, וואָס איז איצט אין ארץ־ישראל, ער זאָל אויסקוקן דאָרט אַ ווילע פאַר שלום־עליכמען אין גליכן געלט מיט גוטע באַדינגונגען. נו, און מיין עקזיסטענץ דאָ אין נערווי ביז ענדע מאַי איז געזיכערט דורך אַ פּאָר רוסישע און אַמעריקאַנישע שטעט. די וואָס זאָגן אויפן אידישן פאָלק, אַז סאיז ניט יוצא פאַר זיינע שרייבער א. ד. ג., ריידן לשון־הרע. איר זאָלט זען, אין וואָסערע פינסטערע ווינקלאַך עס קלאַפּט אַ אידיש האַרץ, וואָלט איר געוועון שטאָלץ מיט אונזערע ברידער, ווי איך“.

אַזוי ווי די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרלעגער האָבן געדויערט געווּנג לאַנג, האָט מען אונז אָנגעהויבן, ווי דער מנהג איז, צו קריטיקירן אין די צייטונגען. הער ש. ראָזענפעלד האָט אויך אויפגעשריבן אינם „פריינד“ אַן אַרטיקל אונטער דעם טיטל: „דונערן און בליצן און גאָרנישט“, אין וועלכן ער האָט געמאַכט פון אונז אַש. שלום־עליכם האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און דינעזאָן האָט פון אים באַקומען אַט דעם בריוו: „פאַרצייהט. איך בין נישט אין בעסטן געזונט, שרייב איך ליגנדיק, מיט אַ בלייפעדער. אַ יושר, איר זאָלט ענטפערן (אין „פריינד“) ראָזענפעלדן (R) אויף זיין אומגערעכטן אַרטיקל: „דונערן און בליצן און גאָרנישט“. דעם אויטאָר איז געשטאַנען אין וועג אַ פּסוק: „נשיאים ורוח וגשם אַין“, און דיזער פּסוק האָט אים געבראַכט צו דער גרעסטער אומגערעכטיקייט. 1) וואָס וואַרשע אָנבאַטרעפט, איז, ערשטנס, פון וואַנען ווייסט ער, אַז נאָר מיט איינעם האָט מען גערעדט? אפשר האָלט מען אינמיטן אונטערהאַנדלונג? און אפשר האָט מען גערעדט מיט צוויי? און, צווייטנס, ווען אפילו נאָר, ווי ער זאָגט, מיט לידסקין אַליין — קאָן מען דאָך שוין אויך ניט זאָגן „גאָרנישט“, נאָר אין פּסוק שטייט „גאָרנישט“, איז גאָרנישט. 2) דער קיעווער קאָמיטעט האָט, ווירקלאַך, ביי זיך אַ געוויסע סומע, און אַזוי ווי די דאָקטוירים זאָגן, אַז מיט איין סעזאָן וועט שלום־עליכם ניט אָפּקומען און ער מוז האָבן אַ וואַרימען קלימאַט ביים ברעג פונם ים, פאַרוואָס זאָל מען אים נישט קויפן אַ שטיבל ביים ברעג פונם ים אין ארץ־ישראל, וואו אַלעם איז נאָך אַזוי ביליק און פּרימיטיוו? און אויב די קיעווער פריינט האָבן נאָך ניט די גאַנצע סומע דערצו, קאָן מען אויך נישט זאָגן דעם פּסוק „גאָרנישט“. 3) אַדעם. דער ה׳ ראָזענפעלד פאַרגעסט, אַפּנים, אַז אויסער דעם פּסוק, וועלכן ער האָט באַנוצט, איז דאָ נאָך אַ פּסוק, וואָס הייסט „ראַזרעשעניע“. דיזער פּסוק האָט אויך מער געשטערט, און שטערט נאָך איצט אין פיל שטעט, אַלס ראָזענפעלדס פּסוק. און אין אַלגעמיין גענומען, ווען אפילו ניט וואַרשע, ניט קיעוו, ניט אַדעס וואָלטן אין דיזער באַציאונג גאָרנישט געטאָן, ווי ראָזענפעלד וויל האָבן, טאָר מען נאָך אַלץ נישט זאָגן „גאָרנישט“, ווייל אויסער די אַלע שיינע פּראָיעקטן און פּלענער, איז געשטאַנען אין וועג נאָך אַ וויכטיקער פּלאַן — ווי אַזוי צו באַוואָרענען די עקזיסטענץ פון אַ קראַנקן שריפטשטעלער אין פאַרלויף פון ערשטן סעזאָן — און דאָס איז געטאָן געוואָרן פון די יובילייאום־פייערונגען אין פילע שטעט רוסלאַנדס, ווי אויך אין אַמעריקע, על צד היותר טוב. אַלזאָ, וואָס טוט מען איצט מיטן פּסוק „גאָרנישט“? — אָט אין דעם סגנון און זינען וואָלט איר אים ענטפערן, און אגב צושטעלן צו דעמזעלבן נומער דעם רעיעסטער פון די שטעט, וועלכן בערקאָוויטש האָט אייך נעכטן אַרויסגעשיקט. אין פאַל, ווען איר ווילט ניט פירן קיין פּאָלעמיק, קאָנט איר דאָס צוזאַמען מיטן דר. לעווין צושיקן צום „פריינד“ און אונטערשרייבן דאָס וואַרשעווער יובילייאום־קאָמיטעט, אָדער איינעם פון די בעלי הקאָמיטעט א. ד. ג. מיט איינעם וואָרט, עשה כטוב בעיניך וכיד ד׳ הטובה עליך ולתשובתך על כל שאלותי אני מחכה. והרי אני מחבקך באהבה רבה“.

דינעזאָן האָט אויף דעם בריוו נישט רעאַגירט און האָט אפילו מיר נישט איבערגעגעבן זיין אינהאַלט. איך בין דערפון געוואויר געוואָרן ערשט שפּעטער, צופעליק.

8

דאָס אויסקויפן פון שלום־עליכמס ווערק ביי די איבעריקע פאַרלעגער איז צוגעגאַנגען געווּנג שווער. סאיז דאָך געוועזן פאַר זיי אַ נסיון; מענטשן האָבן אַריינגעלייגט געלט, אַרבעט, און האָבן דערפון געהאַט פּרנסה, און דאָ פאַרלאַנגט מען פון זיי, אַז זיי זאָלן מוותּר זיין אויף זייערע רעכט.

מיט לידסקין, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָבן מיר שוין געהאַט גערעדט; עס זיינען אָבער נאָך פאָרט געבליבן פאַרשיידענע פּלאָנטערנישן. בכדי צו מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט דעם עסק אַן עק, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרבעטן קיין וואַרשע שלום־עליכמס פרוי, אָלגאַ ראַבינאָוויטש, כדי צו קאָנען אויפן אָרט זיך מיט איר מיישב צו זיין אין געוויסע פראַגעס. שלום־עליכם איז באַשטאַנען און זיין פרוי איז געקומען קיין וואַרשע חול־המועד פּסח; זי איז פאַרבליבן שיינע עטלעכע וואָכן, און אַ דאַנק איר מיטאַרבעט און איר אומדערמידלאַכן אַרומלויפן פון איין פאַרלעגער צום אַנדערן, האָבן מיר, ענדלאַך, אין אַ מזלדיקער שעה געענדיקט מיט אַלע, אַחוץ מיט קרינסקין. די קאָנטראַקטן זיינען בטל געוואָרן, אַלע ווערק זיינען געוואָרן אויסגעקויפט און איבערגעגאַנגען צוריק אין שלום־עליכמס אייגנטום.

אזוי ווי מיר האבן באשלאסן ארויסצוגעבן א נייע יובילייאום־אויסגאבע פון אלע שלום־עליכמס ווערק מיט העכערע פרייזן, זיינען מיר צוגעטרעטן צום אויס־פארקויף פון אלע ווערק, וואס מיר האבן אויסגעקויפט און צוריק באקומען פאר נידעריקע פרייזן, און בכדי עס זאלן נישט פארקומען קיין שווינדלערייען, האבן מיר די אלע ווערק געשטעמפלט. די נייע אויסגאבע האבן מיר געדרוקט אויף אונזערע אייגענע הוצאות ביי הער לעווין־עפשטיין אין ווארשע. די גרעסטע ארבעט האט געהאט דינעזאן, ווייל ער האט אלץ קאנטראלירט און האט מקריב געווען דערויף עטלאכע שעה אין טאג.

אזוי ווי מיר האבן דאך באדארפט האבן א מוכר־ספרים, וואס זאל זיך באשעפטיקן מיטן פארקויף פון די ווערק, האבן מיר פארגעלייגט לידסקין, אז ער זאל האבן דעם אויסשליסלאכן פארקויף אויף זייער גינציקע באדינגונגען פאר שלום־עליכמען. לידסקי איז באשטאנען, אבער מיר האבן מיט אים נישט געענדיקט, ביז מיר האבן נישט אנגעפרעגט מכח דעם שלום־עליכמען און באקומען פון אים א הסכם דערויף. אויף אונזער אנפרעג האט באקומען א תשובה הער פאדלי־שעווסקי. דער בריוו איז געווען געשריבן אויף א מאשין און האט זיך אנגעהויבן מיט אט די ווערטער:

„דאס איז די מאשינע, וואס די אמעריקאנער קאלעגן האבן מיר צוגעשיקט א מתנה צו מיין יובילעאום.

שלום־עליכם“.

„ב"ה 1 מערץ 1909.

„לכבוד הג' הח"ח מו"ה אברהם פאדלישעווסקי.

„ידיד יקר ומאוד נעלה,

„היות, ווי איך האב שוין צוויי בריוו פון ה' לידסקי אלץ וועגן דעם אויספארקויף פון מיינע ווערק, און אויך פון דר. לעווין, לכן בעט איך דעם קאמיטעט זייער און זייער זיך בעראטן וועגן דער זייער וויכטיקער פראגע און נעמען אין באטראכט דאס, וואס איך בין קראנק און ווייט און וויים, אייגנטלאך, קיין איינצל־הייטן. לויט מיר שיינט, איז לידסקי דער ארנטלאכ־סטער פון אלע מוכרי־ספרים און מיט אים קאן מען, שיינט מיר, אין פארבינדונג זיך שטעלן. מע דארף אבער זען, עס זאל דורך דעם חס ושלום נישט ארויסקומען קיין אומאיינגענעמלאכקייטן מיט קרינסקים אפמאך. ה' לידסקי שרייבט מיר אויך (פון אייער נאמען) זייער ניט קיין שיינע מעשה וועגן ***. וואלט דאך זייער גוט זיין, ווען מע זאל ביי אים וואס גיכער דעם פגר אוועק־נעמען. א גויאיש ווערטל איז להבדיל א תורה: „דאברע קראסטע יאק יע דא טשעהא פריקלאסטע“, וד"ל. אי די קשיא: געלט? איז, ערשטנס, פארוואס האט איר נישט קיין געלט? און צווייטנס, שרייבט ה' לידסקי, אז ער קאן געבן האנטגעלט.

„וועגן מיין געזונט ווילט איר אודאי וויסן? די דאקטוירים (אחוץ דר. לעווין) זאלן אזוי וויסן, וואו מע קריגט חרוסת אויף פסח, ווי זיי וויסן, וואוהין איך דארף פארן צום זומער אויף נאכקור. אויף נאכקור, שמועסט מען, זאל מען אויך דארפן האבן געלט. נאר גאט, זאגט איר, איז א פאטער, אז ניט קיין מכה, איז א בלאטער... און אפשר וועט העלפן [*] אייך פארט עפעס מאכן וואס פריער א טאלק מיט די ביכער און עס וועט ווערן א ביסל קליינגעלט“.

אויף דעם סמך פון דעם בריוו האט הער לידסקי באקומען דאס אויסשליסלאכע רעכט צו פארקויפן שלום־עליכמס ווערק. בכדי באקאנט צו מאכן דעם באשלוס פאר דעם ברייטן עולם און אזוי־ארום אויסצומיידן פאר־שיידענע שווינדלערייען, האבן מיר באשלאסן צו פאר־עפנטלאכן אין אלע אידישע צייטונגען דעם בייגעבראכטן אויפרוף; רעדיגירט האט אים דינעזאן חצי דייטש וחצי אידיש — איך גיב אים איבער אות באות:

„פיר ה' שלום־עליכם.

„די היער אונטערגעשריבענע, וואס זארגען דאפיר, דעם פיעל בעליעבטען לייִדער נאך קראנקען פאלקס־שרייבער ה' שלום־עליכם'ן, צוליעב זיין 25 יעהריגען ליטעראַרישען יובל, די מעגליכקייט צו געבען מיט זיין עקזיסטענץ אין מאטעריעלער הינזיכט זיכער צו זיין, מאכען היערמיט בעקאננט דעם געעהרטען לעזענדען פובליקום, אז צו דעם צוועק איז אפגעקויפט געווארען ביי די אלע פערלעגער און ארויסגעבער דער זכות, וואס זיי האבען געהאט אויף צו דרוקען זיינע ווערקע און פון איצט אן וועלען אללע ווערקע פון שלום־עליכם'ן, סאי די, וואס זענען שוין דא פערטיגע געדרוקט אין ביכער און בראשורען, סאי די, וועלכע ברויכען ערסט נאך געדרוקט צו ווערען (חוץ די אייניגע העפטען, וואס זענען ביז איצט ערשינען דורך דעם פערלאג אין ווארשא „ביכער פאר אלע“, וועלכע פערבלייבען ביז א געוויסע צייט, אלס אייגענטום פונ'ם זעלבען פערלאג) וועלען פון איצט פערקויפט און געדרוקט ווערען פיר די נוטצען פונ'ם אויטאר אליין. מיר האפפען, דאסס דאס געעהרטע לעזענדע פובליקום, וואס האט אונז מיטגע־האלפען און געשטיצט אין אונזער גוטען פארהאבען צו דעם צוועק ביז אהער, וועט מיט זיין הילף אונד שטיצע אויך אויף ווייטער אונז ביישטעהן אויסצופיהרען דאס סיכפאטישע און העכסט פערדיענטע אונטערנעהמונג אין גאנצען, אלס צייכען פון פאלק, וואס אכטעט און שעטצט זיינע בעליעבטע פאלקסשרייבער און ווירקליכע טאלענטען נאך זייער ווערטה און פערדיענסטען. פון איצט אן איז דער איינציגער הויפטפערקויף פון אלע שלום־עליכם'ס ווערק פיר זיינע אייגענע נוטצען ביי הערן י. לידסקי ווארשא נאלעווקי 36.

„אכטונגספאלל

יעקב דינעזאהן

ד"ר גרשון לעווין

אברהם פאדלישעווסקי

נח פינקעלשטיין“.

[*] סאיז מסתמא א טעות און עס האט באדארפט זיין: „געלינגען“.

אונזער „יובילייאום־קאָמיטעט“ האָט געהאַט דאָס רעכט צו טריאומפירן און צו זיין צופרידן מיט זיין טעטיקייט. מיר האָבן ענדלאָך דערגרייכט אונזער ציל, אַנידערצושטעלן שלום־עליכמס עקזיסטענץ אויף אַ פעסטן באָדן — דעם ציל, וועלכן הער פּאָדלישעווסקי און איך האָבן אונז געשטעלט שטיל און באַשיידן אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקער גאַס צווישן מנחה און נעילה אום יום־כפור תרס״ט. ביי דער געלעגנהייט האַלט איך פאַר מיין חוב צו מאַכן צוויי באַמערקונגען. די ערשטע באַמערקונג איז נוגע דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך באמת זייער שיין און האַרציק באַצויגן צו אונזער אונטערנעמונג לטובת שלום־עליכם; אָבער אַלץ פּ ו י ל י ש ע ר איד, מוז איך צוגעבן מיט שברת־הלב, אַז דאָס פּ ו י ל י ש ע אידנטום האָט גענומען, לײדער, אַ גאַנץ שוואַכן אײנטייל אין דער גאַנצער זאַך. די צווייטע באַמערקונג איז נוגע שלום־עליכמס פרוי, אָלגאַ ראַבינאָוויטש. אַלץ מענטש און אַלץ דאָקטאָר, האָב איך געזען זייער אַ סך געטרייע פרויען; אָבער אַ פרוי, וואָס זאָל זיך אַזוי מוסר־נפש זיין פאַר איר מאַן, ווי אָלגאַ ראַבינאָוויטש פאַר שלום־עליכמען, האָב איך כמעט נישט געזען. מע דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז זי איז געווען אַ קינד פון אַ זייער רייכן הויז און איז געווען דערצויגן אינם גרעסטן רייכטום און וואוילטאָג; פון דעם מאָמענט אָבער, וואָס זי איז געוואָרן שלום־עליכמס פרוי, איז איר אויסגעקומען צו לײדן צרות אָן אַ שיעור, און זי האָט עס נישט נאָר מקבל באהבה געווען, נאָר ווי אַן אמתע באַרימהאַרציקע שוועסטער האָט זי אים געהאָלפן און געטרייסט. איך בין איבערגעציינט, אַז זי האָט נישט איין מאָל געהונגערט, אַבי צו האָבן די מעגלאַכקייט אים צו געבן אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

9

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די פראַגע מכח אויסקויפן שלום־עליכמס ווערק איז שוין געווען ליקווידירט, האָט זיך פאָרט די התקרבות צווישן שלום־עליכם און מיר נישט איבערגעריסן און מיר האָבן צווישן זיך אָפט קאָרעספּאָנדירט. סוף מאַי 1909 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון שלום־עליכמס פרוי פון קלאַראַן (שווייץ). זי האָט געשריבן, אַז שלום־עליכם פילט זיך דאָרט ערגער, ווי אין נערווי; דער הוסט האָט זיך געשטאַרקט און די טעמפּעראַטור איז נישט קיין נאָרמאַלע. און דעריבער בעט זי מיך, אַז איך זאָל אַרויסזאָגן מיין מיינונג, צי זאָל ער פאָרן אויף זומער קיין שוואַרצוואַלד, ווי די דאָרטיקע דאָקטוירים ראָטן, צי ערגעץ אַנדערש. אויף דעם בריוו האָב איך נישט געענטפערט, גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל איך בין געווען אַ רעקאָנוואַלעסצענט נאָך אַ שווערן פלעקטיפוס און מיין פרוי האָט מיר געציינט דעם בריוו אַ ביסל שפּעטער.

וויבאַלד שלום־עליכם איז געוואויר געוואָרן, אַז איך בין געווען שווער קראַנק, האָט מיר בערקאָוויטש אָנגעשריבן אין זיין נאָמען — ש. ע. אַליין איז געלעגן דעמאָלט אין בעט מחמת אַ פאַרקילונג — אַ זייער האַרציקן בריוו; צווישן אַנדערע זאַכן האָט מיך בערקאָוויטש באַנאַכריכטעט, אַז שלום־עליכם פאָרט קיין סט. בלאַזיען אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגענקראַנקע. צו דעם בריוו האָט שלום־עליכם צוגעשריבן מיט אַ בלייפעדער: „און פאַרגעסט נישט צו שרייבן, וואו־ה י ן רעכנט איר צו פאָרן. גאָט וויל ניט, אַפּנים, אַז מיר זאָלן זיך אַזוי גיך זען. וואָס אַרט עס אים, למשל?“

אַזוי ווי איך האָב אים באַלד אָפּגעשריבן, אַז איך פאָר קיין אַראָזאַ, האָב איך, קומענדיק אַהין, שוין דערוויסט אַ בריוו פון סט. בלאַזיען, פונם 4־טן יולי. „אַ קשיא אויף אַ מעשה, — האָט שלום־עליכם געשריבן — טאָמער זיינט איר שוין אין אַראָזאַ? וואָס זשע מאַכט איר גוטס? ווי גייטס אין געזונט? איר קאָנט שוין ווידער זיין דערזעלבער פרישער, קיילעכדיקער, ווייסער, לאַכעדיקער דר. לעווין, ווי תמיד? מיר גייטס, אָן עין־הרע, אַזוי גוט, אַז איך האָב מורא, אַז מיר זאָלן, אם ירצה השם, היינטיקן ווינטער זיך זען מיט אייך אין וואַרשע אין „הזמיר“. וואָס מיינט איר? לייענען וועל איך אייך? אַ מכה! ניט אַזוי גיך. עסן פיש — דאָס יאָ. אייער פרוי דאָקטאָר גיט מילכיקע פיש, וואָס ליגן מיר נאָך עד היום אין טעם. אפשר וואָלט איר זיך דורכגעפאָרן אַהער אויף אַ טאָג? טאַקע מיט אייער פלוניתטע, אויב זי פאָרט אייך נאָך? יעדנפאַלס — אַ בריוול מעגט איר דאָך אַריינוואַרפן“. איך האָב אים, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, באַלד געענטפערט, אַז קומען קיין סט. בלאַזיען קאָן איך נישט, ווייל איך בין זייער אָפּגעשוואַכט. צווישן אַנדערע זאַכן האָב איך מיך געקלאָגט אויפן שלעכטן וועטער, וואָס איז דעמאָלט געווען אין אַראָזאַ; סאיז געווען אַ שרעקלאַכער זומער, אין סאַמע תמוז האָט אָדער געשנייט אָדער גערעגנט, און די זון האָט זיך אין גאַנצן חודש קיין איינציק מאָל נישט באַוויזן. אויף דעם בריוו האָב איך באַקומען פון שלום־עליכמען אַ תשובה, אַז דאָס וועטער איז דאָרט אויך נישט גוט: „ביי אונז זיינען מיר דאָ געבענטשט געוואָרן מיט „רבוי גשמים“. עס גיסט, ווי פון אַן עמער. עס גיסט טאָג ווי נאַכט, סאַי שבת, סאַי אינדערוואָכן — און מערקווירדיק! נישט אַכטנדיק אויף אַזאַ וועטער, פיל איך מיך דאָ בעסער, פיל בעסער, ווי פריער. וואָס וועט איר דערויף זאָגן?“

דער געזונט־צושטאַנד פון שלום־עליכמען איז אין סט. בלאַזיען געווען זייער אַ גוטער. אויף האַרבסט האָבן אים די דאָרטיקע דאָקטוירים געראָטן צו פאָרן קיין איטאַליע, אָדער קיין טיראָל. ער האָט אָבער דורכאויס געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. פונם 28־טן אויגוסט האָב איך באַקומען פון שלום־עליכמען אַ קורצע קאַרט — די לעצטע פון סט. בלאַזיען: „די דאָקטוירים פון דאַנען שיקן מיך צום ווינטער צוריק

קיין איטאַליע, אָדער טיראָל. איך האָב חשק פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. וואָס מיינט איר?" — איך האָב אים באַלד אָפּגעענטפֿערט און האָב אים אָפּגערעדט פֿון דער נסיעה קיין ארץ־ישׂראל. איך האָב אים דערקלערט, אַז דער קלימאַט אין ארץ־ישׂראל איז טאַקע זייער אַ גוטער פֿאַר לונגענקראַנקע, אָבער נישט האָבנדיק קיין אייגן הויז, מוז ער דאָך זיין אין אַ סאַנאַטאָריע, אָדער, לכל הפּחות, אין אַ גוט־איינגעאָרדנטן פּאַנסיאָנאַט, און אַזעלכע זיינען נאָך דעמאָלט אין ארץ־ישׂראל נישט געווען, נישט אין די בערג און נישט ביים ים.

ראש־השנה און יום־כּפּור האָט שלום־עליכם דעמאָלט פֿאַרבראַכט אין לוגאַנאָ (איטאַליענישע שווייץ). איך האָב פֿון דאָרט דערהאַלטן אָט דעם בריוו, דאַטירט מוצאי יום־כּפּור תר"ע: „האָט מען מיך, הייסט עס, אָפּגענאַרט! שוין אַ יאָר, אַז מע נאַרט מיך. זיי זאָגן (די דאָקטוירים, הייסט עס), אַז איך דאַרף נאָך אַ מאָל זיך מטריח זיין אַהין, קיין איטאַליע, הייסט עס. מיין פֿרוי האָט זיך מיר מודה געווען איצט, אַז פֿאַראַיאָרן ווינטער האָט איר אַליין געזאָגט, אַז הלואי איך זאָל אָפּקומען מיט נאָך איין ווינטער אין נערווי, אָדער אין דאַוואָס, און אַז דאָס איז אַ מעשׂה אויף גוטע צוויי יאָר. גוואַלד, גזלן, למאי האָט איר מיר ניט געזאָגט פֿריער, וואָלט איך ניט קראַנק געוואָרן אויף די לונגען! איך פֿיל מיך איצטער ערגער, ווי זומער, אפֿשר, ווייל סאיז האַרבסט, הגם דאָ אין לוגאַנאָ, אויף דער גרענעץ פֿון איטאַליע, איז אַ שטיק גן־עדן. בקיצור, סאיז נאָך פּע — פֿרעגט גאָר נישט".

אין אָנהייב נאָוועמבער האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פֿון שלום־עליכמען שוין פֿון נערווי: „שלום־עליכם אייך פֿון נערווי! — האָט ער געשריבן. — דער פּראָפֿעסאָר סאַהלי האָט נישט געוואָלט מיך שיקן ניט קיין אַראָזאַ, ניט קיין דאַוואָס. ער זאָגט, אַז איך דאַרף נערווי. פֿאַרוואָס? מסתּמא ווייסט ער, אַז ער זאָגט. בין איך, הייסט עס, געקומען קיין נערווי. און געקומען בין איך זייער מיד און שוואַך, ווייס איך ניט, צי איך בין שוואַך פֿון מידקייט, צי איך בין מיד פֿון שוואַכקייט? ליג איך דאָ אויף דער הייסער זון און בראָט זיך און פֿרעג ביי גאָט קשיות: רבונו של עולם, עד מתי, ביז וואַנען? איך וויל ניט אָנוואַרפֿן אויף אייך קיין מרה־שחורה און שטעל אַוועק אַ — ."

אונזער „יובילייאום־קאָמיטעט" איז נאָך אַלץ געווען טעטיק. מיר האָבן איינגעאָרדנט אָוונטן, פֿאָרלעזונגען וכדומה.

דאָס דרוקן שלום־עליכמס ווערק איז געגאַנגען כשורה, און לידסקי האָט ערלאַך אויסגעפֿילט זיינע התחייבותן. צרות האָבן מיר דאָך נאָך געהאַט פֿון צייט צו צייט פֿון קרינסקין. מיר האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען מיט איין לייטישן פּונקט, וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם קאָנטראַקט, היינו: „אַז מיטן מאָמענט, ווי שלום־עליכם וועט פֿאַרקויפֿן אַ ל ע ווערק אַן אַנדערן, ווערט דער זכות פֿון קרינסקין אינגאַנצן בטל". עס האָט אָבער דאָס אויך נישט געהאָלפֿן, און צו הילף האָט ווידער געמוזט קומען צו פֿאָרן שלום־עליכמס פֿרוי, און זי האָט זיך ענדלאַך מיט אים אַן עצה געגעבן [4].

אין וואַרשע איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אַ זשורנאַל „דער שטראַהל", רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פֿון מ. י. פֿרייד. איך האָב מיך אין זיין נאָמען געווענדט צו שלום־עליכמען מיט דער ביטע, אַז ער זאָל עפּעס אויפֿשרייבן פֿאַר דעם זשורנאַל. סוף נאָוועמבער האָב איך דערהאַלטן פֿון שלום־עליכמען אָט די תּשובה: „ידידי יקירי. אמת, איך האָב אייך שוין לאַנג ניט געשריבן. שולדיק איז אָבער די זון, דער ים, די לופֿט, די לונגען — ווער איר ווילט, אָבער ניט איך. אונזער פֿריינט פֿריידס וואונטש וועט דערפֿילט ווערן מיטן אויבערשטנס הילף. איך שרייב אים היינט אַ בריוול. איך שרייב אויך צו בערקאָוויטשן, ער זאָל אים אָנשרייבן דאָס, וואָס ער פֿאַרלאַנגט. איך וועל אים שרייבן זאָבאַלד איך וועל מיך שוין פֿילן בעסער. — מיין פֿרוי דאַרף זיין די טעג אין וואַרשע. גריסט איר. זאָגט איר, איך בעט אייך, אַז איך טרינק מילך אָן אַ שיעור (סרעדט זיך אַזוי)". — עטלאַכע טאָג שפּעטער האָב איך דערהאַלטן פֿון שלום־עליכמען אַ פּאָסט־קאַרט: „דאָס מעשׂהלע, וואָס איך ג י י שרייבן (אַמעריקאַניש גערעדט) פֿאַר אייער „שטראַהל", וועט הייסן: „אַ כתרילעווקער גנב" [5]. פֿאַרשטייט זיך, די מעשׂה איז ניט אויף צו וויינען".

אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך באַקומען אַן אָנזיכטס־קאַרט פֿון נערווי מיט אַ סך אונטערשריפֿטן. געשריבן האָט שלום־עליכם: „אונטערן בלויען הימל, ביים שיינעם בלויען ים, ביי העכער 30 [גראַד] היץ, גריסן מיר אייך. — אַ בינטל אידן אין איטאַליע". אונטערגעשריבן זיינען געווען: שלום־עליכם מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע, דוד בן חיים כ"ץ ממשפּחת בצלאל מק"ק מינכען המעטירה, ז. י. אַנכי און נאָך עטלאַכע נישט־לעזבאַרע אונטערשריפֿטן. אונטער די חתימות האָט שלום־עליכם צוגעשריבן: „און נאָך אַ מיינגע אידן, וואָס שרייבן נישט אום שבת".

זומער 1910 האָט שלום־עליכם פֿאַרבראַכט אין באַדענוויילער. פֿונם 4־טן יוני האָב איך פֿון אים דערהאַלטן אָט דעם בריוו: „דער גאָט פֿון דאָקטוירים, פּר. סאַהלי, האָט אויך געפֿונען, אַז איך האָב אַ האַרץ [6], און האָט מיך אָפּגעשיקט אַהער אויפֿן גאַנצן זומער. און ווירקלאַך — איך פֿיל מיך דאָ שוין פֿיל בעסער. מיין פֿרוי, וועלכע קלייבט זיך די טעג קיין וואַרשע,

[4] אין דער אמתן אָבער האָט דאָ קיין שום עצה ניט געהאָלפֿן, ווייל קרינסקי האָט אויך שפּעטער געדרוקט און פֿאַרקויפֿט שלום־עליכמס ביכלאַך, ניט געקוקט, וואָס קיין רעכט דערויף האָט ער מער ניט געהאַט. — [5] שפּעטער, אינעם באַנד „אייזנבאַן־געשיכטעס", באַטיטלט: „ניטאָ קיין מזל". — [6] דאָס הייסט: אַ האַרץ־שוואַכקייט.

וועט אײַך שוין מסתמא איבערגעבן איינצלהייטן, אויב סאיז אײַך אינטערעסאַנט צו וויסן. און זייט מיר געזונט, און שאַדע, וואָס איך קאָן זיך ניט זען מיט אײַך. איך וואָלט וועלן, אַז א י ר זאָלט בעסער **מיך אויסהערן**, טאַקע אויסהערן".

10

אינם יאָר 1911 האָב איך מיט שלום־עליכמען גאַנץ ווייניק קאָרעספּאָנדירט. איך האָב פון צייט צו צייט דערהאַלטן גרוסן, אַז ער איז געזונט. אין אלול 1912 האָב איך מיך געקליבן קיין אויסלאַנד אַ ביסל אָפּרוען, און איך האָב בכיוון אויסגעווײַלט מאָנטרע, ביים גענפער זע, ווייל אין דער נאָענטסטער שכנות — אין קלאַראַן — האָט געוואוינט שלום־עליכם מיט זיין פאַמיליע. איך האָב מיך זייער געפרייט, ווען איך האָב אים דערזען אַ לעבנסלוסטיקן און צופרידענעם, ווי אין די שנים קדמוניות. אין די פיר יאָר, וואָס איך האָב שלום־עליכמען נישט געזען, האָט ער זיך אפילו אַ ביסל פאַרעלטערט. אָבער זיין געזונט־צושטאַנד איז געווען אַ באַפרידיקנדיקער און זיין לונגענקראַנקייט איז נישט געווען אַקטיוו און האָט אים נישט געשטערט צו אַרבעטן. די מאַטעריעלע לאַגע פון שלום־עליכם איז אויך געווען אַ גוטע, ווייל אַחוץ די הכנסות פון זיינע ווערק און פון שרייבן, האָט ער גאַנץ שיין פאַרדינט פון די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק, וועלכע האָבן זיך געדרוקט — אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט — אין דעם רוסישן זשורנאַל „סאָוורעמענניק", וואו עס האָבן אויך געשריבן גאָרקי און אַמפיטעאַטראָוו. אויב איך בין מיך נישט טועה, האָט שלום־עליכם דאָרט באַקומען אַ רייכן האָנאָראַר. איבערגעזעצט האָט נישט שלום־עליכם גופא, נאָר אַן אַנדערער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן — „אַ גויאישער איבערזעצער". שלום־עליכם פלעגט אָבער גאַנץ שטרייננג קאָרעגירן, און אַזוי־אַרום האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די איבערזעצונגען זיין כאַראַקטעריסטישן שלום־עליכם־שטעמפּל.

שלום־עליכם האָט זייער סאָליד באַאַרבעט זיינע זאַכן און איז געווען אין דער באַציאונג אַ גרויסער מקפּיד. עס האָט אָפּט פּאַסירט, אַז אפילו איבער איין אויסדרוק האָט ער טעלעגראַפירט אין דער רעדאַקציע, אַז מע זאָל עס איבערמאַכן. בשעת שלום־עליכם האָט מיר אינם יאָר 1908 צוגעשיקט דאָס מאַנוסקריפּט פון „שמואל שמעלקים און זיין יובילייאום", האָב איך באַלד אויפן צווייטן טאָג באַקומען פון אים עקסטרע אַ בריוו, אַז אויף דער זייט 45, אין דער שורה 7, באַדאַרף זיין, אַנשטאָט: „האַלט ער שטענדיק צו" — „האַלט ער שטענדיק צוגעמאַכט".

געוואוינט האָט שלום־עליכם גאַנץ באַשיידן אין צוויי צימער מיט אַ קיך, און די גאַסטפריינטשאַפט פון אים גופא און פון זיין גאַנצער פאַמיליע איז געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער קולטורעלער מדרגה. די טיר האָט זיך דאָרט קיינמאָל נישט צוגעמאַכט: איין שריפטשטעלער אַרויס, דער צווייטער אַריין, איין קינסטלער אַרויס, דער צווייטער אַריין. מע האָט געגעסן, געטרונקען, און אין דער וואוינונג האָט שטענדיק געהילכט אַ געזונט לאַכן. איז עמיצער פון די שטאַמגעסט גראָד נישט געקומען פינף נאָכמיטאָג אויף אַ גלעזל קאַווע, האָט מען אים אָנגעהויבן אַרומצוזוכן, טאָמער האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט.

מיט מיר האָט זיך דאָס אויך געטראָפן.

אַזוי ווי איך האָב איינמאָל פאַרמיטאָג געהערט, אַז פינף אַזייגער וועט קומען מיט אַ באַזוך אחד־העם, בין איך צו דער קאַווע נישט געקומען, ווייל לויט אחד־העמס פילאָזאָפישע ווערק, האָב איך מיר אים פאָרגעשטעלט ווי אַ טרוקענעם געלערנטן און דערצו אודאי אַ פאַנאַטישן העברייאיסט, וואָס וועט נישט וועלן ריידן קיין אידיש. וויבאַלד מע האָט מיך ביי שלום־עליכמען ביז האַלב זעקס נישט געזען, האָט מיך זיין אינגערער אידים אָנגעהויבן אַרומצוזוכן אין גאַנץ קלאַראַן, מאָנטרע און וועווע, ביז ער האָט מיך ערגעץ געפּאַקט ביים זע. אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס איך בין נישט געקומען, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב מורא פאַר אחד־העמען, איבער די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון. „שרעקט אײַך נישט — האָט ער מיך באַרואיקט — און קומט צו אונז. אחד־העם רעדט אידיש בעסער פאַר אײַך". עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דער מחבר פון „על פרשת דרכים" איז אַ זייער וויציקער מענטש, מיט וועלכן איך האָב אָפּט פאַרבראַכט שפּעטער שעהן־ווייז אין אַ לייכטן אינטערעסאַנטן געשפּרעך, און ווען שלום־עליכם האָט איבער אַ שלעכטן וועטער געמוזט בלייבן אין דער היים און שרייבן, בין איך שטענדיק געווען זיין ממלא־מקומו און בין אַוועקגעגאַנגען מיט אחד־העמען שפּאַצירן.

איינער פון אונזערע שטאַמגעסט איז אויך געווען דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „היינט", הער אַברהם גאָלדבערג. אַזוי ווי עס האָט זיך דעמאָלט אינקורצן געזאָלט אָנהייבן דער ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, האָט שלום־עליכם פאָרגעלייגט הער גאָלדבערגן אַריבערצופאָרן קיין קאַפּרי צו גאָרקין, בכדי צו הערן זיין מיינונג מכח דעם ענין. הער גאָלדבערג האָט געפאָלגט און איז אַריבערגעפאָרן צו גאָרקין. ווען ער איז אין עטלעכע טעג אַרום צוריקגעקומען, האָבן מיר זיך גענוג אָנגעלאַכט פון די פאַרשיידענע קאָמישע זאַכן, וואָס ער האָט דערציילט פון דער רייזע, און אויך פון דעם, וואָס גאָרקי האָט אים געפרעגט באַלד אויף דער שוועל, ווי ער איז נאָר געוואויר געוואָרן, אַז ער קומט פון קלאַראַן: „קאַק פּאָזשיוואַיעט גאָספּאָדין אַלייכעם?" — ווייל גאָרקי האָט געמיינט, אַז דער נאָמען איז „שלום" און „עליכם" איז די פאַמיליע.

11

סאיז דאָ אַ שפּריכוואָרט: „אַ גאַסט קומט אויף אַ ווייל און זעט אויף אַ מייל“. און דאָס איז זייער ריכטיק. די פיר וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קלאַראַן אין דער געזעלשאַפט פון שלום־עליכמען, האָבן מיר געגעבן די מעגלאַכקייט אים פּילזייטיק צו דערקענען. שלום־עליכם איז געווען זייער אַ.גוטער מענטש מיט ברייטע זשעסטן, און דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן אין איינעם פון זיינע בריוו, אַז „אויף וויפיל ביי מיר איז אַן אייגן קערבל אַ ממזר, אויף אַזויפיל איז מיר יענעמס קערבל ציטעריק“ — איז געווען אמת וצדק. געלט האָט ביי אים געשפּילט אַ ראָלע נאָר אויף אַזויפיל, ווי מע קאָן דאָס אויסגעבן, אָבער געלט לשם געלט האָט ער נישט ליב געהאַט. און דערמיט לאָזט זיך דערקלערן זיין אונטערשרייבן קאָנטראַקטן מיט זיינע פאַרלעגער, וואָס האָבן אים געבונדן כמעט אויף אייביק, נאָר צוליב אַ חיי־שעה.

שלום־עליכם איז געווען אַן אמתער פּאַטער־פּאַמיליאַס, אַ בעל־הבית. ער האָט זייער ליב געהאַט זיין פאַמיליע און האָט פאַר איר געזאָרגט. שלום־עליכם איז געווען אַ זייער קולטורעלער מענטש, און איך האָב קיינמאָל פון אים נישט געהערט עפּעס אַ שלעכט וואָרט וועגן זיינעם אַ קאָלעגע אַ שריפטשטעלער. אפילו מכח פּרצן, וועמען ער האָט באמת נישט ליב געהאַט, פלעגט ער זיך שטענדיק אויסדריקן מיטן גרעסטן רעספּעקט: „אַ ריזיקער טאַלאַנט“, האָט ער אַמאָל צו מיר געזאָגט. „אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלאך, נישט אין זיינע דראַמעס, נאָר אין זיינע פאָלקסטימלאַכע זאַכן“. „אַחוץ דעם — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ קליינער פּויזע — איז ער אַ גרויסער פּקח — אַ ממזר“. אַן אַנדערש מאָל האָט שלום־עליכם מיך אַ פרעג געטאָן, צי איז דאָס אמת, אַז „יוחנן מלמדס“ מעשהלאַך זיינען פון פּרצן נאָר געוואָרן באַאַרבעט, און אַז דעם סוזשעט האָט אים געזאָלט געבן דינעזאָן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב דערפון נישט געהערט, נישט פון פּרצן און נישט פון דינעזאָנען. ביי דער געלעגנהייט קאָן איך צוגעבן, אַז צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, האָב איך מכח דעם געפרעגט דינעזאָנען, וועלכער האָט מיר עפּעס געענטפערט „ני בע — ני מע“. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז סאיז אים נישט ניחא דערפון צו ריידן, און איך האָב אָפּגעהאַקט. וואָס אמת איז, האָט שלום־עליכם איינמאָל, ווען ער איז געווען זייער לוסטיק געשטימט, אַרויסגעזאָגט זיין וויציקע השערה אין דער קעגנוואָרט פון דר. גאָטליב: וואָס וואָלטן געווען אַלע אונזערע גוטבאַקאַנטע שריפטשטעלער, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין אידישע ליטעראַטור אויף דער וועלט? די כאַראַקטעריסטיק איז גראָד געווען אַן אויסגעצייכנטע און אַ נענוג בייסנדיקע, אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרן בדרך הלצה, ווי אַ וויץ.

אויב דאָס וועטער איז נאָר געווען פאַרטרעגלאַך, פלעגן מיר מיט שלום־עליכמען אַרומשפּאַצירן דעם גאַנצן פאַרמיטאָג. ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן פאַרשיידענע מעשיות און רעמיניסצענצן, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּירט אַ שרעקלאַכע בענקשאַפט צו זיינע כתרילעווקער אידן. אַזוי ווי אויף להכעיס, איז דעמאָלט אין קלאַראַן געווען זייער ווייניק זון, סאיז פשוט געווען קאַלט, און שלום־עליכם פלעגט באַנוצן פאַרשיידענע המצאות, בכדי צו האָבן אַ ביסל זון. מיר פלעגן צוליב דעם אָפּטמאָל אַרויספאָרן קיין ראָשע דע נעי, איבער די וואָלקנס, און עס פלעגט אונז טאַקע אַמאָל געלינגען אָנצוכאַפּן זיך דאָרט אַ ביסל אויף דער זון.

איינמאָל זיינען מיר מיט שלום־עליכמען, זיין גאַנצער פאַמיליע און מיט הער גאָלדבערגן געגאַנגען באַזוכן דעם אַלטן היסטאָרישן שלאָס שייאָן (Chillon), וואָס ליגט צווישן מאָנטרע און וויללע־נעוו. דער שלאָס שטייט אויף אַ גרויסן פעלז, אויפן גענפער זע, עטלאַכע מעטער פונם ברעג. אין דעם שלאָס געפינט זיך אַן אונטערערדישע תפיסה, וואו סאיז געזעסן — אַזוי ווי די געשיכטע דערציילט — דער געפאַנגענער רעפאָרמאַטאָר באָניוואַר. די ווענט זיינען דאָרט אינווייניק באַדעקט מיט טויזנטער נעמען פון די באַזוכער, פּונקט ווי אין אַן אוהל פון אַ באַרימטן צדיק, און מיט פאַרשיידענע אויפשריפטן אויף כמעט אַלע לשונות.

„איר זעט, — האָט זיך צו אונז געווענדט שלום־עליכם — וויפיל אונטערשריפטן דאָ געפינען זיך. דריי פערטל פון זיי געהערן דאָך אודאי צו אחינו בני ישראל, אָבער קיין אידישע אונטערשריפט איז פאָרט נישטאָ. איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? מיר וועלן מאַכן דעם אָנהייב“. און אַרויסנעמענדיק זיין פעדער, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך, האָט ער אַנידערגעלייגט אויף דער וואַנט זיין כאַראַקטעריסטישע אונטערשריפט, און מיר אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן.

ביי אַ שיינעם וועטער פלעגט שלום־עליכם שרייבן, זיצנדיק ביים זע, אָדער ערגעץ אין אַ גאָרטן, און צו דעם צוועק פלעגט ער שטענדיק מיטטראָגן מיט זיך אַ לאַנגן בלאָק־נאָט. איך פלעג דעמאָלט לייענען אַ בוך, בכדי אים נישט צו שטערן.

פאַר שלום־עליכמען איז נישט געווען קיין שום אָרט, וואוהין ער האָט נישט געקאָנט אַריינגיין. אַלע טויערן זיינען געווען פאַר אים אָפן; אפילו אין דעם גאָרטן פונם באַרימטן „פּאַלאַסט־האָטעל“ אין מאָנטרע, וואו סאיז געווען בפירוש אויפגעשריבן, אַז „דער איינטריט איז פאַרבאָטן“, פלעגט שלום־עליכם אַריינגיין אומגעשטערט. אַלע דאָרטיקע איינוואוינער האָבן אים גוט געקענט און האָבן אויף אים געלייגט גרויס כבוד. זיי האָבן אָבער אים באַטראַכט נישט ווי אַ אידישן שריפטשטעלער, נאָר ווי אַ ר ו ס י ש ן (ל'עקריוועץ רוס), הגם ער האָט שטענדיק גערעדט גאַנץ הויך אידיש.

12

שלום־עליכם האָט אויסגעצייכנט דערציילט וויצן. אַלע צוהערער האָבן זיך געקאָנט האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, און ער האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן. ער האָט אָבער נישט ליב געהאַט צו דערציילן גלאַט וויצן. נאָר אַז מע האָט גערעדט מעניני דיומא, און אויב ער האָט באַמערקט עפּעס קאָמישעס, האָט ער זיך באַלד דערמאַנט אַן ענלאַכע קאָמישע מעשה און האָט זי דערציילט. עס וואָלט מיך ווייט פאַרפירט, ווען איך זאָל איבערחזרן אַלע מעשיות, וואָס איך האָב מיך דעמאָלט אָנגעהערט פון אים. אָבער צוויי כאַראַקטעריסטישע פון זיי מוז איך פּאָרט איבערגעבן.

מיר זיינען אַמאָל געזעסן ביים ברעג פון גענפער זע און גאַנץ נאָענט פון אונז איז געזעסן אַ בייכיקער הער מיט אַ גרויסער סוויטע אַרום זיך. ער האָט פילאָזאָפירט, און אַלע אַרום אים האָבן זיך צוגעהערט מיט דעם גרעסטן ערנסט. און גערעדט האָט נעבאַך דער איד גרויסע נאַרישקייטן.

„איר זעט דעם פּאַרשוין, דעם פילאָזאָף?" — האָט מיר געזאָגט שלום־עליכם, אָנווייזנדיק אויפן בייכיקן רעדנער. — „אָט וועל איך אייך דערציילן אַן ענלאַכע מעשה". און שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו דערציילן: קיין קאַרלסבאַד איז אַמאָל געקומען אַ קראָקעווער איד מיט עטלאַכע זין און איידימס און ער איז געגאַנגען ווייזן זיי דעם שפּרודל. ווי זיי זיינען אַזוי געשטאַנען פאַרגאַפט און האָבן באַוואונדערט דעם אויבערשטנס נסים, רופט זיך אָן פלוצים דער פאָטער: „איר זעט, קינדערלאַך, ווי דער שפּרודל שפּריצט אַרויף אין דער הייך היים וואַסער? אונזער לעבן איז פּונקט געגליכן צו דעם שפּרודל". קיינער האָט דערויף גאָרנישט ניט געענטפערט. נאָר נאָך אַ קליינער ווילע האָט איינער פון די איידימס אַ פרעג געטאָן מיט אַ שטיקל חוצפּה: „שווער לעבן! מיט וואָס, אייגנטלאַך, איז אונזער לעבן געגליכן צו דעם שפּרודל?" דער איד האָט אויף אים געטאָן אַ בייזן קוק, האָט אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס און געענטפערט: „איך וויים?"

שלום־עליכם האָט די מעשה דערציילט הויך, מיט די נייטיקע באַוועגונגען, און אונזערע שכנים זיינען צוגעקומען צו אונז, האָבן זייער געלאַכט פון דער מעשה, און זייער „פילאָזאָף" איז נעבאַך געבליבן זיצן אַליין. דאָס האָט דערמאַנט שלום־עליכמען אַ נייע מעשה, ווי אַזוי דער באַרימטער ווילנער שטאָט־באַס שייקע פייפער איז אַרומגעפאָרן אויף דער מדינה מיט אַ חזן און ווי אַזוי ער האָט ערגעץ אין אַ שטעטל אָפּגעצויגן פון דער שול, וואו דער חזן האָט געדאַוונט, דעם גאַנצן עולם אין בית־המדרש אַריין, וואו ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַרן ווילנער שטאָט־מגיד. די העכסט־קאָמישע מעשה לאָזט זיך נישט אויפשרייבן; מע מוז זי ד ע ר צ י י ל ן.

אַן אַנדערש מאָל האָבן מיר אויפן שפּאַציר באַגעגנט אַן אַלטן קאַפּוצינער גלח, כמעט אַ בלינדן, וואָס האָט פונדעסטוועגן נאָכגעקוקט מיט גרויס כוונה יעדער פאַרבייגייענדיקער פרוי. „רב גרשון, — האָט זיך צו מיר געווענדט שלום־עליכם, — איר האָט דאָך ליב אַ

שלום־עליכם אויף אַ פאַרלעזונג פון זיינע ווערק אין פּאַריז [4־טן יאַנואַר, 1914].

וויץ. אָט הערט זשע אַ מעשה: אין אַ קליין שטעטל, גרויס ווי אַ גענעץ, ווי עס דריקט זיך אויס אונזער גרויסער פּרץ, האָט איין איד געקויפט ביי דעם אַנדערן אַ זאַק פלוימען, און אַזוי ווי ער האָט געפונען צווישן זיי אַ סך ווערימדיקע, האָט ער דעם פאַרקויפער גערופן צו אַ דין־תורה. דער רב פונם שטעטל איז געווען אַ גרויסער זקן, און איז שוין מער געלעגן, ווי אַרומגעגאַנגען. אויסגעהערט זייערע טענות, האָט דער רב זיי געענטפערט, אַז ער קאָן נישט אַרויסגעבן קיין פּסק־דין, ביז ער וועט אַליין נישט זען די סחורה. מוז מען, הייסט עס, ברענגען צום רב דעם זאַק מיט די פלוימען. די אידן האָבן געדונגען אַ פור, אַרויפגעלייגט דעם זאַק מיט די פלוימען און זיינען אַוועק צום רב. אַזוי ווי דער זאַק האָט נישט געקאָנט אַריין דורך דער שמאָלער טיר, האָט מען געמוזט עפענען דאָס פענסטער און אַריינשלעפּן דאָרט־אַרומער דעם זאַק. דער רב האָט אַרויסגענומען פון משניות אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולן, האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף דער לאַנגער נאָז און האָט אָנגעהויבן בודק צו זיין די פלוימען. ער האָט פאַרזוכט איין פלוים, די צווייטע, די דריטע, די רעוויזיע האָט געדויערט אַ גוט פערטל שעה, און ענדלאַך האָט דער רב אַ זאָג געטאָן: „בין איך דען אַ מבין?"

ווי יעדער גרויסער מענטש, האָט שלום־עליכם אויך געהאַט זיינע שגעונות. די זאַכן, למשל, וואָס ער פלעגט טראָגן מיט זיך, אָדער די אַלע שמאָכטעס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי אים אויפן שרייבטיש — דאָס זיינען געווען אַן אמתע טאַבו, קודש־קדשים, קיינער האָט זיי נישט געטאָרט אָנרירן. האָט זיי עמיצער יאָ אָנגערירט, האָט זיך געטאָן סכנת־נפשות. האָט זיך עמיצער אַנידערגעזעצט ביים שרייבטיש און האָט אָנגעהויבן, ווי דער מנהג איז, צו באַטאַפּן אַלע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, פלעגט אים שלום־עליכם דערלאַנגען אַ שערל מיט אַ פערטל פּאַפּיר — „נאַט טוט עפּעס אַן אַרבעט, שערט פּאַפּיר!"...

הער יאַצקאַן האָט מיר דערציילט, אַז בשעת ער איז געווען צוזאַמען מיט שלום־עליכמען אין באַדענוויילער, האָט אים אַמאָל שלום־עליכם באַוויזן זיין וואונדערלאַכן שטעקן, וואָס איז געווען קאָמבינירט צוזאַמען מיט אַ רעגנשירם. ווען יאַצקאַן האָט באַמערקט, אַז ער האָט אַזאַ שטעקן־רעגנשירם שוין געזען נאָך מיט עטלאַכע יאָר צוריק, איז שלום־עליכם געוואָרן שרעקלאַך אין כעס. „פּעטאַך! — האָט ער זיך צעשריען אויף יאַצקאַנען. — קוקט אייך גוט צו, אויב איר האָט געזען פּ ו נ ק ט אַ ז ע ל כ ן!"...

שלום־עליכם פלעגט שטענדיק טראָגן אויף אַ לאַנגן קייטל צוויי זייגערלאַך: איין זייגערל אין דער רעכטער, און דאָס צווייטע אין דער לינקער וועסטל־קעשענע. אויף דער פראַגע „ווי שפּעט איז", פלעגט ער אַרויסנעמען ביידע זייגערלאַך אויף אַ מאָל.

פון דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מאָנטרע, זיינען מיר פאַרבליבן עד היום אין זכרון צוויי קאָמישע עפּיזאָדן.

אַ וואַרשעווער דאַמע, וואָס האָט דעמאָלט געוויילט אין מאָנטרע, האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט שלום־עליכמען. דער לעצטער האָט באַוויליקט, און מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען אין אָוונט אינם קאַסינאָ. די דאַמע איז געקומען אויסגעפּוצט, ווי אויף אַ באַל. ווי מיר זיינען אַזוי געשטאַנען מיט איר אינם גרויסן זאַל און האָבן גערעדט, איז אָנגעקומען שלום־עליכם מיט אַ גרויסן שטאַב מקורבים. שלום־עליכם איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ באַשיידן, ווי שטענדיק, און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צעקנייטשט איטאַליעניש קאַפּעלישל. איך האָב שלום־עליכמען, ווי דער מנהג פאָדערט, פאָרגעשטעלט דער דאַמע, און זי, אָנשטאָט אָנצוהייבן מיט אים צו ריידן, האָט מיר שטיל איינגערוימט: „ווי אַזוי קומט מען אין אַ קאַסינאָ אַ ז ו י אָנגעטאָן?" איך האָב מיך זייער צעלאַכט פון דער באַמערקונג. דער חכם שלום־עליכם האָט תוך־כדי־דבור פאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט, און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען מיט זיינע מקורבים אויף דער אַנדערער זייט פונם זאַל. ווען איך בין שפּעטער צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ געמאַכטן ערנסט: „זייט מוחל, זאָגט אייער וואַרשעווער דאַמע, אַז אויב זי וועט, אם ירצה שם, איבעראַיאָר אַהער קומען נאָך אַ מאָל, זאָל זי, למען השם, ניט פאַרגעסן ברענגען פאַר מיר אַ פראַק מיט אַ צילינדער".

דאָס איז דער ערשטער עפּיזאָד. **דער צווייטער עפּיזאָד איז אָט דער:**

אַזוי ווי נישט ווייט פון מאָנטרע ליגט לייזען, וואו עס ווערט געהיילט טובערקולאָז פון ביינער, נירן וכדומה, מיט די שטראַלן פון דער זון, האָבן מיר, עטלאַכע דאָקטוירים, מיטן דאָצענט פונם בערנער אוניווערסיטעט דר. טשלענאָוו, וואָס פלעגט אין האַרבסט שטענדיק פּראַקטיצירן אין מאָנטרע, געמאַכט אַהין אַן אויספלוג, בכדי צו באַזוכן די דאָרטיקע סאַנאַטאָריעס און זיך צוקוקן צו דעם אופן פונם היילן.

שלום־עליכם האָט דאָרט אויבן אין לייזען געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן, איינעם אַ הער גאָלדבערג, וואָס איז געווען דער גאַנצער מאַכער אין דער קורפאַרוואַלטונג. האָט ער אים אַרויפגעטעלעפאָנירט, אַז ער זאָל אונז אָפּוואַרטן ביי דער באַן און זאָל אונז אַלץ ווייזן. ווען מיר זיינען אַרויפגעקומען מיט דער באַן קיין לייזען, האָט אונז אָפּגעוואַרט אַ שוואַרצחנוודיקער יונגערמאַנטשיק מיט אַ טיפּישער אידישער נאָז. דאָס איז געווען דער הער גאָלדבערג. ער האָט אונז גענומען אונטער זיינע פליגל, און מיר זיינען אַוועק באַקוקן די סאַנאַטאָריעס. איך האָב מיך עטלאַכע מאָל געווענדט

צו דעם הער גאָלדבערג אויף אידיש, אָבער ער האָט גאָרנישט רעאַגירט דערויף און האָט זיך ווייטער גערעדט זיינס אויף רוסיש. ביי מיטאָג, אויף וועלכן דער הער גאָלדבערג האָט מיך צו זיך איינגעלאַדן, איז פאָרגעקומען דאָסזעלבע. ער מיט זיין פרוי האָבן גערעדט רוסיש, און ווען איך האָב צווישן די רייד אַריינגעהאַקט אַ אידיש וואָרט, אָדער אַ אידישן וויץ, האָבן זיי אַבסאָלוט דערויף נישט רעאַגירט און מיך אפילו אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. „וואָס ליטוואַקעס קאָנען!“ — האָב איך מיר געטראַכט. געקומען אודאי פון סמאַרגאָן, און דאָ אין לייזען פּאַסט זיי נישט צו ריידן קיין אידיש.

אין אָוונט, צוריק אַראָפּקומענדיק קיין מאָנטרע, האָב איך אָפּגעטרעטן ביי שלום־עליכמען און צווישן אַנדערע זאַכן האָב איך אים אויך דערציילט פון דער חוצפּה פון די ליטוואַקעס, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט ריידן קיין אידיש. האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן פּשוט צו קייכן פון געלעכטער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געהערט אַזוי לאַכן. איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. „גוואַלד, גזלן! — האָט שלום־עליכם געשריען און האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער. — גוואַלד! גאָלדבערג איז דאָך אַ גוי פון לעטלאַנד — פון וואַנען זאָל ער קענען אידיש?“

ווען מיר ביידע האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָב איך געפרעגט שלום־עליכמען, פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס נישט געזאָגט פאַרן אַרויספאָרן. „גאָלדבערג — אַ שוואַרצהנוודיקער — אַ גוטער באַקאַנטער פון שלום־עליכמען, — האָב איך געטענהט, — ווען האָט עס געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָס איז נישט קיין איד?“ „איך האָב עס געטאָן בכיוון, — האָט מיר געענטפערט שלום־עליכם. — איך האָב געוואוסט, אַז סע וועט דערפון אַרויסקומען אַ קאָמישע סיטואַציע“. „עס שאַדט נישט, — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ ווײַלע. — עס וועט אייך אַמאָל צוניץ קומען“.

13

שלום־עליכם, אַזוי ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, האָט זייער געבענקט נאָך זיינע אידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד, און נאָכדעם ווי איך האָב אים עטלאַכע מאָל אונטערגעזוכט און פעסטגעשטעלט, אַז דער צושטאַנד פון זיינע לונגען איז נישקשה און אַז ער קאָן זיך דערלויבן אַ ווייטערע רייזע, איז ביי אונז געבליבן, אַז איך וועל, צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, אַלץ פאָרברייטן, בכדי ער זאָל קאָנען קומען הנוכה־צייט קיין וואַרשע אויף עטלאַכע פאָרלעזונגען. שלום־עליכם האָט פּשוט נישט אויפגעהערט צו ריידן מכח דעם פּלאַן. מע האָט געזען באַשיינפּערלאַך, אַז ער האָט דערפון די גרעסטע הנאה.

דאָס אָוועקפאָרן פון מאָנטרע איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. איך האָב מיך אַזוי צוגעוואוינט צו שלום־עליכמען, אַז סאיז מיר געווען שרעקלאַך אומעטיק אויפן האַרצן, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט־אָט פאַרליר איך אים.

ווען איך בין שוין געווען אינם וואַגאָן ביים פענסטער, האָט מיר שלום־עליכם אמת טרויעריק אַ זאָג געטאָן: „איר זיינט אומעטיק, וואָס איר פאַרלאָזט מאָנטרע, אָבער איך בין אייך באמת מקנא, וואָס איר פאָרט אַ ה י ן“.

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, האָב איך באַלד אָנגעהויבן זיך מתעסק צו זיין מיט די פאָרברייטונגען צו שלום־עליכמס קומען. עס האָט מיר אָבער זייער געשטערט דער וואַל־קאַמף צו דער פערטער דומע, וואָס האָט זיך דעמאָלט צעפלאַקערט אין וואַרשע. אַוודאי איז נישט דאָ דער אָרט צו ריידן דערפון באריכות, אָבער עטלאַכע ווערטער איבער דעם וואַל־קאַמף מוז איך פאָרט זאָגן, בכדי מע זאָל קאָנען פאַרשטיין שלום־עליכמס שפּעטערדיקע בריוו.

אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון דער קריסטלאַכער באַפעלקערונג אין וואַרשע, ווי אויך די אידישע אַסימילאַטאָרן, האָבן די וואַלן באָיקאָטירט, האָבן מיר, נאַציאָנאַלע אידן, באַקומען צופעליק די מערהייט, היינו: 56 ווײַלער אַקעגן זייערע 54. די פּויליש־אידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט געהאַט דאָס רעכט צוזאַמען צו שיקן אין דער דומע נאָר א י י ן דעפּוטאַט, און מיר האָבן, מפּני דרכי שלום וועגן, נישט געוואָלט אויסנוצן אונזער מערהייט און אויסוויילן אַ איד; מיר האָבן נאָר פאַרלאַנגט, אַז דער קריסטלאַכער קאַנדידאַט זאָל נישט זיין קיין אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. די פּוילישע ווײַלער האָבן אַרויסגעשטעלט איינעם אַ קוכאַרזשעווסקין, וועלכער האָט געהאַלטן אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע אַ פּראָגראַם־רעדע, אין וועלכער ער איז אַרויסגעטרעטן גאַנץ אָפן אויפן גרעבסטן אופן אַקעגן אידן. מיר האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם קאַנדידאַט, און ווייל סאיז אויסגעפירט געוואָרן אויף אונז, אידישע ווײַלער, אַ שרעקלאַכער דרוק פון פאַרשיידענע זייטן, זיינען מיר געוואָרן נאָכגיביקער און האָבן געוואָלט שטימען פאַר דעם ערשטן בעסטן קריסטלאַכן קאַנדידאַט, וואָס זיי וועלן אונז פאָרלייגן, אַבי נישט פאַר קוכאַרזשעווסקין, וואָס האָט זיך אָ פ ן אַרויסגעזאָגט אַקעגן אונז. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן, און מע האָט אונז געוואָלט צווינגען קושן די רוט און ווײַלן ד ו ק א קוכאַרזשעווסקין. מיר זיינען דערויף נישט איינגעגאַנגען און האָבן ענדלאַך אויסגעוויילט אַ קריסטלאַכן סאָציאַליסט, איינעם אַ יאַגיעלאָ.

איך און די אַלע, וואָס האָבן זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיט שלום־עליכמס קומען קיין וואַרשע, זיינען געווען גראָד ווײַלער, און די „מלחמה“ — ווי שלום־עליכם האָט אַ נאָמען געגעבן דעם וואַל־קאַמף — האָט אונז געקאָסט בלוט און האָט אונז נישט געגעבן קיין

מנוחה נישט בײטאָג און נישט בײנאַכט. און שלום־עליכם האָט נעבאך זײער געוואָלט קומען.

אין אָקטאָבער 1912 איז שלום־עליכם אַריבער פון קלאַראַן קײן לאָזאַן. פונם 19־טן אָקטאָבער האָב איך באַקומען פון אים אַ קורצן בריוו: „זײער ליבער פרײנט דר. לעווין, — האָט שלום־עליכם געשריבן: — קײן עגמת־נפש וויל איך אײַך נישט אָנטון, דעריבער שרײַב איך אײַך ניט, אַז מיר האָבן דאָ — און דווקא אין לאָזאַן — אַלע טעג אַזויפיל זון, ווי אין תמוז. נישמער, דער צוועק פון מײַן בריוו איז, אײַך צו וויסן געבן מײַן איצטיקע שטענדיקע אַדרעסע, און זײַט מיר געזונט און פריש און לעבעדיק, ווי איר זײַנט תמיד".

אַ חודש שפּעטער האָב איך דערהאַלטן פון שלום־עליכמען אָט דעם בריוו: „נעכטן זײַנען אַריבער בײַ אײַך די וואַלן מיטן טומל, מיטן הו־האַ, על־כן קאָן מען שוין מיט אײַך רײדן פון זאַכן, וואָס זײַנען נישט שײַך צו קוכאַרזשעווסקין מיט יאַגיעלאָן. סאיז מעגלאַך, אַז איך זאָל מגולגל ווערן אויף חנוכה גאָר קײן פּעטערבורג. פון „צענטראַל" האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, אַז לידסקי איז אַ תפוס, ניט צוליב מײַן „מבול", נאָר צוליב אַלגינס אַ בוך — גם זו לטובה! — אַ רחמנות אויף לידסקין. זײ האָפן, אַז מע וועט אים באַפרײַען. די זון (וועלכע מיר בײדע האָבן אַזוי ליב) שײַנט בײַ אונז יעדן טאָג, רויזן בליען. נאָר דאָך איז קאַלט געגוג, ווינטן זײַנען אויך דאָ נישקשהדיק. ווײַטער קײן נײַס איז ניטאָ, נײַס וואַרטן מיר פון אײַך צו הערן. איר זײַנט איצט די אנשי־המלחמה, די העלדן".

עטלאַכע טאָג שפּעטער האָב איך פון שלום־עליכמען באַקומען אַ פּאָסטקאַרט, אין וועלכער ער גראַטולירט אונז „באמת מיטן נצחון". אָבער ער האָט צוגעגעבן די ווערטער: „שאַדע, וואָס ניט קײן איד".

פונם 8־טן דעצעמבער 1912 האָב איך באַקומען פון שלום־עליכמען אַ פּאָסטקאַרט. „נעמט ניט פאַר אומגוט, — האָט ער געשריבן צווישן אַנדערע זאַכן, — וואָס כדול אײַך אַ קאָפּ. איך ווײס, אַז אײַך איז דאָסיק אויפן האַרצן נאָכן „נצחון" פון די אידן אין וואַרשע". שלום־עליכם, זיצנדיק אין לאָזאַן, האָט זײער גוט אָפּגעשאַצט אונזער סיטואַציע אין וואַרשע; סאיז טאַקע געווען אויפן האַרצן „דאָסיק", ווײַל די פּוילישע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן שרעקלאַך צו באָיקאָטירן אידן, פון דעם גרעסטן סוחר ביז צו דער אָרימסטער הענדלערין, און קורצזיכטיקע מענטשן האָבן אונז אָנגעהויבן צו מאַכן ביטערע פּאָרוואורפן.

שלום־עליכמס פּלאַן צו קומען קײן רוסלאַנד אויף חנוכה איז נישט געלונגען, ווײַל ער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן אויף דער בלאָז און איז אַוועקגעפאָרן קײן בערן, וואו ער איז אַרײַן אין אַ פּריוואַט־קליניק. סוף יאַנואַר 1913 האָב איך באַקומען פון אים אָט דעם בריוו, געשריבן זײער נישט־דײַטלאַך, אודאי ליגנדיקערהײט: „פונם אַדרעס־שטעמפּל זעט איר, אַז איך געפין זיך אין אַ קליניק. איך בין גוט קראַנק, איך בין שוין קראַנק 9 טעג, און וועל ווײסט, וויפיל נאָך, און מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזן — אפשר מיט דעם, וואָס עס לאָזן זיך אויס אַלע קראַנקײטן פון זינט די וועלט שטײט... מע טוט מיר וואָס מע קאָן, און איך וועל גוט פאַרשוואַרצט, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. עס לאַכט זיך שוין גאָר ניט, און אפילו אַז סע לאַכט זיך, איז אַ קלאָג צום געלעכטער, ווי דער ליטוואַק זאָגט. אַ ביסל בין איך פילאָזאָפיש און דאָס באַרואיקט מיך, וואָרים סאיז נאַריש, אַז מע שרײַט, כאָטש מײַנע געשרײען אַמאָל דאַרף מען הערן אין וואַרשע. איר האָט ניט געהערט? איר האָט דאָך אַ מוזיק־סלוך! שרײַבט, אויב איר האָט חשק, און גריסט אַלעמען גאָר פרײַנטלאַך".

די קראַנקײט האָט זיך, ווײַזט אויס, נישט פאַרבעסערט, ווײַל שלום־עליכם איז אַריבערגעפאָרן קײן ווין. פון דאָרט האָב איך נישט באַקומען קײן שום ידיעה. ערשט אין דער צווײטער העלפט מערץ האָב איך באַקומען אַ בריוו פון שלום־עליכמען שוין פון נערווי: „אָט וואו איך בין מגולגל געוואָרן! — האָט ער געשריבן. — ווי איך האָב אײַך שוין מיטגעטײלט [דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען. — רעפּ.], האָב איך געליטן פון אָפּשטעלונג דער אורין. ער וויל נישט — און נו! וואָס מאַכט מען מיט אַ...? געמײנט האָט מען „היפּערטראָפיע דער פּראָסטאַטאַ", און דר. קאָכער האָט געשמועסט וועגן אַן אָפּעראַציע, און שטאַרק געשמועסט. האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז סאיז נאָר אַ „ספינקטערספּאַזמוס", געקומען פון נערוועזיטעט און אָנשטרענגונג. דער גרויסער אוראָלאָג פּראָפעסאָר צוקערקאַנדעל אין ווין האָט אַזוי געפסקנט און אָפּגעשיקט מיך אַהער, צוגעשריבן אײַנפּאַקונגען און פיל שפּאַצירן, און דער עיקר רו, גאָר ניט שרײַבן ביז פּסח און... איך בין דאָ אַ וואָך דרײַ באַלד, און גאָט זײ דאַנק, כהאָב פאַרגעסן, אַז כהאָב אַ „בלאָזע". זי איז פיל מער נאָרמאַל, אַלץ אַמאָל פריער. בקיצור, סאיז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, על־כן לאָמיר זײַן געזונט, און שרײַבט אַ בריוול צו אײַער פרײַנט שלום־עליכם".

אינם „הײַנט" האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן צו שרײַבן נאָך אינם יאָר 1911. אָנהײב 1913 האָבן זיך אינם „הײַנט" רעגולער געדרוקט זײַנע באַקאַנטע „מנחם־מענדלס בריוו". און דעריבער האָב איך אים געראָטן צו קומען אויף זומער קײן רײנערץ אָדער אָטוואָצק, בכדי ער זאָל זײַן נעענטער צו אונז. סוף מאַי האָב איך פון שלום־עליכמען באַקומען פון לאָזאַן אָט דעם בריוו: „איך דאַנק אײַך פיל מאָל פאַר אײַער טרחה. נו, געוויס רײַס איך מיך אַהין, בכדי איך זאָל זײַן מיט מײַן מנחם־מענדלען נעענטער צו דער רעדאַקציע. געוויס האָט אײַך דער ה' יאַצקאַן אַלײן געזאָגט דעם טעם. געוואָלט האָב איך הערן פון אײַך

אייער מיינונג איבער מנחם־מענדלס בריוולאך, ווי האבן זיי אויסגענומען ביים עולם? און שיינע־שיינדל? און די דריטע (נייע) פערזאן? איר האט נאר פארגעסן מיר שרייבן לערך, וויפיל שעה רייזע איז פון ווארשע קיין ריינערץ. אויב סאיז אייך ניט שווער, ווארפט־אריין א בריוול".

שלום־עליכם איז קיין ריינערץ נישט געקומען. די דאקטוירים אין לאזאן האבן אים אפגערעדט, ווייל זיין געזונט־צושטאנד האט זיך ווידער א ביסל געהאט פארערגערט.

14

ווי נאר שלום־עליכם האט זיך אנגעהויבן פילן געזינטער, האבן מיר ווידער אנגעהויבן צו קארעספאנדירן צווישן זיך מכח זיין קומען קיין ווארשע. שלום־עליכם האט זייער געוואלט קומען. די זאך האט זיך אבער פארצויגן און פארצויגן. דעם 11־טן דעצעמבער 1913 האב איך באקומען פון שלום־עליכמען אט דעם קורצן בריוו: „א דאנק אייך פאר אייערווארים בריוועלע (ווי תמיד). איך ענטפער אייך באלד לויט וואונטש. סאיז גלייכער ניט אין איילעניש, נישט פריער פון שבת־צו־נאכטס, דעם 10־טן יאנואר 1914. פארוואס? ווייל סאיז געזינטער צונויפבינדן די צייט פון ווארשע מיט דער צייט פון מאסקווע — פעטערבורג. איך וויל נישט זיצן לאנג אין אייער מדינה. איינס, צוויי, דריי — און נא ליעווא קרוגאם, בכדי כזאל אין פעברואר שוין זיין צוריק, און גלייך קיין נערווי — פונם קאלטן שניי אין א היים בעדל אריין".

די הכנות צו די פארלעזונגען זיינען אבער צוגעגאנגען זייער שווער, איבער עטלאכע סיבות: ערשטנס, איז געווען א מניעה מצד דער מלוכה, ווייל מיר האבן געמוזט צענזורירן אלצדינג, וואס שלום־עליכם האט געוואלט לייענען, און דאס האט זיך געצויגן לאנג, ווי דער גלות. צווייטנס, האט די פאליציע געמוזט חוקר ודורש זיין וועגן דער „בלאגאנאדיאזשנאסט" פון שלום־עליכמען גופא. און דריטנס, האט זיך אנגעהויבן די אלטע סדרה מכח דעם לאקאל, פונקט ווי אין יאר 1908. מיר האבן בשום אופן נישט געקאנט באקומען קיין אנשטענדיקן לאקאל, וואוהין מע וואלט געקאנט אריינלאזן א גרויסן עולם.

דעם 21־טן יאנואר האב איך דערהאלטן פון שלום־עליכמען א בריוו פון לאזאן. ווייל איך האב אים נישט געוואלט שרייבן פון די אלע מניעות, בכדי ער זאל נישט האבן קיין עגמת־נפש, איז צווישן די שורות פון דעם בריוו געווען א שטילער פארוואורף, למאי די זאך פארציט זיך. „אויב געשוויגן איז גערעדט — האט שלום־עליכם געשריבן — וויל איך אייך נאר פרעגן, צי מעג איך מיר פארן קיין נערווי, וואו עס ווארטן אויף מיר מיט אומגעדולד דער ים און די זון? ניט ה' פאדלישעווסקי, ניט פריינט דינעזאן ענטפערן אויף בריוו. שא, שטיל אין ווארשע, ווי אין וואלד, וואס אין קאבצאנסק סליחות־צייט (מיטן לשון פונם זיידן רב מענדעלי שיחי')".


שלום־עליכם אין ווארשע, זומער 1914.

באקומען מיין תשובה, אז די זאך איז נאך אלץ נישט פארטיק, איז שלום־עליכם אוועקגעפארן קיין נערווי אליין, אן זיינע בני־בית, און האט געזאלט צוריקקומען קיין לאזאן „אקוראט פורים צו דער סעודה, אם ירצה השם".

ענדלאך, סוף פעברואר, האבן מיר באקומען די דערלויבעניש אויף שלום־עליכמס פארלעזונגען. איך האב אים, זעלבסטפארשטענדלאך, תיכף ומיד דערפון מודיע געווען און איך האב דערהאלטן פון אים די קורצע תשובה: „פאר דער גוטער בשורה — א גרויסן דאנק! אייער בריוו איבערגעגעבן צו מיין אימפרעסאריא אין אדעס, פון וועלכן סע הייננגט־אפ דער טערמין. איר וועט גיך באקומען גענויערעס פון מיר, אדער פון אים".

אויף מיין פראגע, צו וואס טויג אים א אימפרעסאריא, אז מיר זיינען אליין אלץ מכין, האב איך באקומען א תשובה, אז „דעם אימפרעסאריא דארף איך צוליב די גויאישע שטעט, איז שוין אריינגעקומען

אין טאָפּ אַריין אויך וואַרשע — פּוילן". **עטלאַכע** טעג שפּעטער האָב איך דערהאַלטן פון שלום־עליכמען אַ ידיעה, אַז ער באַשטעטיקט דעם טערמין פון זיין קומען קיין וואַרשע אויף חול־המועד פּסח, ווייל „פאַר פּסח דאַרף דער וואַרשעווער איד אויף אַרבע כוסות, ניט אויף קאָנצערטן".

אויף שבת־הגדול איז שלום־עליכם צוריקגעקומען קיין לאָזאַן, און איך האָב דערהאַלטן פון אים אַט די קאַרטע: „שלום־עליכם האָט די ערע איינצולאַדן אייך צו דער בר־מצוה פון זיין זון. נומא (נחום) היינטיקן שבת (שבת־הגדול) 4־טן אַפּריל 1914, אין דער סינאַגאָגע, 8½ אין דער פרי פּרעציז, און 4 **אַזייגער אויף** טיי, פּאַנסיאָן העליאָס".

15

דינסטאָג, דעם צווייטן טאָג חול־המועד **פּסח, איינס** בייטאָג, איז שלום־עליכם מיט זיין פרוי אָנגעקומען קיין וואַרשע מיטן שנעלצוג פון בערלין, און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס וועגן זיין קומען איז נישט געווען געמאָלדן אין די צייטונגען, האָט זיך אויף דעם אַזוי־גערופענעם ווינער באַנהויף פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, וואָס איז געקומען באַגריסן דעם באַליבטן פאָלקס־דיכטער. עס זיינען אויך געווען דער קאָמיטעט פון „הזמיר" מיט י. ל. פּרץ אין דער שפּיץ, דוד פרישמאַן, יעקב דינעזאָן און אַנדערע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן.

שלום־עליכם האָט אויסגעזען זייער גוט און איז געווען פריש און מונטער. באַלד דריי בייטאָג איז פאָרגעקומען אַן אינטימער מיטאָג לכבוד דעם גרויסן גאַסט, וועלכער האָט אונז אַלעמען פּשוט אָנגעשטעקט מיט זיין גוטן הומאָר.

די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען דעמזעלבן אָוונט אינם גרויסן זאַל פון „מיניאַטור" (ביעלאַנסקאַ 5), וואו סאיז אַצינד דאָס טעאַטער „נאָוואָשצי". עס האָט אונז אָפּגעקאָסט פיל מי, ביז מיר האָבן דעם זאַל באַקומען. דער אייגנטימער פון דעם זאַל, אַ נאָטאַר, אַ איד ל., איז געווען אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָר, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט דערלויבן דאָרט אַ אידישע פאָרלעזונג. זיין אַסימילאַטאָרישער פאַנאַטיזם איז געווען אַזוי גרויס, אַז בשעת ער האָט דעם זאַל פאַרפאַכטעט, האָט ער אין קאָנטראַקט בפירוש אויסגעדריקט, אַז דער זאַל טאָר נישט פאַרדונגען ווערן אויף אַ אידישער פאַרשטעלונג אָדער פאָרלעזונג. מיט וואָס פאַר נסים מיר האָבן באַקומען דעם זאַל — איז מיר שוין אַרויס פון זכרון.

די פאָרלעזונג האָט צוגעצויגן אַן אומגעהויער גרויסן עולם און עטלאַכע טעג פאַר דער פאָרלעזונג זיינען שוין אַלע בילעטן געוואָרן אויספאַרקויפט. דער הויף פון „מיניאַטור" און די גאַנצע ביעלאַנסקאַ גאַס איז **געווען** פּשוט באַלאַגערט פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט, לכל הפחות, זען דעם ליבן פאָלקס־דיכטער, און די אָוואַציעס, וואָס מע האָט אים געמאַכט אין גאַס און אינם זאַל, זיינען געווען אין לשער.

שלום־עליכם האָט געלייענט אייניקע פון זיינע בעסטע זאַכן, צווישן זיי — טביה דעם מילכיקנס „לך־לך".

סאיז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן איצטיקן לייענען און דעם לייענען אין יאָר 1908, בשעת שלום־עליכם איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע. דאָס מאָל האָט ער געלייענט, ווי אַן עכטער קינסטלער, מיט אַן אויסגעצייכנטער דיקציע, מיט אַ פולקאָמענער מאָדולאַציע פון דער שטים און אפילו מיט די צוגעפּאַסטע באַוועגונגען. סאיז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם ענטוזיאַזם פון דעם פאַרשיידנאַרטיקן גרויסן עולם אינם זאַל. שלום־עליכמס לייענען האָט באַפרידיקט נישט נאָר דעם עולם, נאָר אפילו די יחידי־סגולה, און פּרץ, וואָס איז געזעסן בשעת דער פאָרלעזונג נעבן מיר, האָט מיר איינגערוימט אין אויער: „די קראַנקייט איז אים זייער צוניץ געקומען; ער איז געוואָרן פאַפּולערער און ער לייענט בעסער".

פּרצעס באַציאונג צו שלום־עליכמען איז דאָס מאָל געווען אַ סך פריינטלאַכער און אינטימלאַכער, ווי פריער. איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז פּרץ איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוואָרן בכלל אַ ביסל ווייכער און נאָכגיביקער, ווי פריער. זיין באַציאונג צו שריפטשטעלער איז אויך געוואָרן אַ בעסערע און די קריטיק אַ ווייניקער שאַרפע. וואָס סאיז שייך אָבער שלום־עליכמען, האָט עס אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז פּרץ האָט זיך נאָר צוגעפּאַסט צו דער אַלגעמיינער מיינונג, ווייל שלום־עליכם איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס, מיט וואָס פּרץ האָט זיך גערעכנט, אָבער ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט האָט ער שלום־עליכמען פאָרט אַריינגעשטאָכן אַ שפּילקע.

נאָך דער פאָרלעזונג האָט פּרץ געוואָלט פאַרבעטן שלום־עליכמען אויף אַ באַנקעט אין „הזמיר", אָבער איך, אַלץ שלום־עליכמס לייב־מעדיק, האָב דאָס נישט דערלויבט, ווייל דער זאַל פון „הזמיר" אויף לעשנאָ 40 איז געווען אַן איינגער און אַ שמאָלער, מיט אַ זייער נידעריקן סופיט, און איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס זיצן אין אַזאַ לאָקאַל קאָן שלום־עליכמען שאַטן. פּרץ האָט נאָכגעגעבן. אָבער ווען שלום־עליכם איז אויפן צווייטן טאָג איינגעלאַדן געוואָרן צו די „חובבי שפת עבר", האָט ער פּראָטעסטירט און האָט פאַרלאַנגט, אַז שלום־עליכם זאָל אַהין אויך נישט גיין. שלום־עליכם איז אָבער פאָרט, אונטערן דרוק פון זיינע באַקאַנטע, געגאַנגען צו די „חובבי שפת עבר". דאָס האָט פּרצן פאַרדראָסן אַזוי ווייט, אַז ווען שלום־עליכם האָט אים מודיע געווען, אַז ער וויל אים באַזוכן, האָט אים פּרץ אָפּגעענטפערט ש ר י פ ט ל אַ ך, אַז ער וועט אים

ניט אויפנעמען [7]. נישט קוקנדיק אויף דער תשובה, וואָס שלום־עליכם האָט זי באַהאַלטן לזכרון, איז ער דאָך געגאַנגען מיט אַ באַזוך צו פּרצן; ער האָט אים אָבער נישט געטראָפן אין דער היים. געטראָפן האָט ער אים שפּעטער ביי דינעזאָנען, און בכדי אים מפייס צו זיין, האָט ער צוגעזאָגט צו קומען שביעי של פּסח אין אָוונט אין „הזמיר" אויפן אַזוי־גערופענעם „קעסטל־אָוונט". דאָס זיינען געווען ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע יעדער אָנוועזנדער האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוּוואַרפן אין קעסטל אַריין, וואָס איז ספּעציעל געשטאַנען צו דעם צוועק, אַ וואָסערע סאיז טעמע, און אַ קאָמיסיע פון ליטעראַטן האָט שפּעטער אויסגעוויילט פון זיי די טעמע, וואָס זי האָט געפונען פּאַר פּאַסיק, און עמיצער פון די ליטעראַטן האָט זי רעפערירט.

עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם נישט נאָר אינם זאַל גופא, נאָר אפילו אויף די טרעפּ. דאָס דערשיינען פון שלום־עליכמען האָט אַרויסגערופן ביי דעם באַגייסטערטן עולם אַ גרויסע אָוואַציע, וואָס האָט געדויערט עטלאַכע מינוט. די קבלת־פּנים־רעדע האָט געהאַלטן פּרץ, וואָס איז נאָך אַלץ בייז געווען אויף שלום־עליכמען פאַר זיין וויזיט ביי די „חובבי שפת עבר". ער האָט דאָס אונטערגעשטראָכן אין זיין רעדע, זאָגנדיק: „דער בעל־הבית שמעלצט זיך אין שלום־עליכמס ווערק, ווי אַ קניידל אין פּוטער. אַן ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע האָט שלום־עליכם געהאַט נאָך פריער, אינם בעל־הבתישן „חובבי שפת עבר". ביים לאַכן פאַרדייעט זיך דאָס עסן זייער גוט, דער מאָגן אַרבעט פיין"...

די רעצענזענטן פון די אידישע צייטונגען, וואָס האָבן באַשריבן דעם אָוונט, האָבן באַמערקט, אַז פּרץ האָט דעם גאַסט באַגריסט אין אַ קורצער און הייסער רעדע. באמת אָבער איז די רעדע געווען נישט קורץ און נישט איבעריק היים. זי איז געווען שיין לכל הדעות, און די ווערטער, וואָס פּרץ האָט דאָס מאָל אַריינגעלייגט אין מויל „די ראַדיקאַלע כלל־טוער... און דווקא די נישט זייער קלוגע, די גאַנץ קורצזיכטיקע... וואָס זאָגן אויף שלום־עליכמען: אַן אַפּלאָכער! וואָס גיט ער? — פרעגן זיי — צו וואָס רופט ער?" — אָט דיזעלבע ווערטער זיינען דאָך געווען ז י י נ ע א י י ג ע נ ע, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט וועגן שלום־עליכמען אין יאָר 1908!

נאָך פּרצן זיינען געהאַלטן געוואָרן פיל אַנדערע רעדעס, נאָך וועלכע שלום־עליכם האָט באַשיידן געענטפערט פאָלגענדעס:

„מיט זעקס יאָר צוריק האָב איך געהאַט די ערע נעענטער צו באַקענען זיך מיט דעם מלאך־המות, און לסוף האָט ער מיך פאַרטריבן אין גלות קיין איטאַליע, אונטער אַ ליכטיקן הימל. אָבער פון דעם לאַנד מיט דעם בלויען הימל האָב איך שטענדיק געבענקט נאָך מיין כתרילעווקע; מיין קערפּער איז געווען אין איטאַליע, און דאָס האַרץ, די נשמה — דאָ ביי אייך. איצט האָב איך זיך אַרויסגעפּלאָנטעט און בין צו אייך געקומען. דערביי איז מערקווירדיק, אַז פיל וויכטיקע מאָמענטן אין מיין לעבן זיינען פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער „הזמיר". דער וואַרשעווער „הזמיר" האָט מיך דער ערשטער באַקענט מיטן וואַרשעווער אידישן פּובליקום. ער האָט מיר די ערשטע טעלעגראַמע געשיקט צו מיין 25־יאָריקן יובילוי. איצט, ווען איך האָב דערלעבט ווידער צו קומען צו אייך, האָט ער מיר דעם ערשטן קבלת־פּנים געמאַכט, און אַ דאַנק אים, האָב איך איצט די מעגלאַכקייט אייך אַלעמען צו זען.

„ווען איך זאָל זיין אַ מגיד, וואָלט איך וועגן דעם געקאָנט זאָגן אַ שיינע דרשה, און אפילו באַנוצן זיך מיט אַ פּסוק פון שיר־השירים: „עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו". אָבער דאָס וואָלט מיך צו ווייט פאַרפירט. איך וועל אייך דעריבער נאָר ווינטשן, אַז אייער „הזמיר" זאָל ברייטער, העכער און ליכטיקער ווערן [דער זאַל פון „הזמיר" איז געווען אַ שמאָלער, אַ נידעריקער, און סאיז דאָרט געווען אַ ביסל פינסטערלאַך, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט. — רעפ.], און אייך אַליין — אַ גוטן יום־טוב און אַ גוטן תמיד".

ווען איך האָב אויפן צווייטן טאָג שלום־עליכמען אַ פרעג געטאָן, צי סאיז אים געפעלן פּרצעס רעדע, האָט ער מיר געענטפערט: „ליבער פריינט, דער קאָפּ טוט מיר נאָך ווי פון דער לעקציע מכח סאָציאָלאָגיע, און סע פינטלט מיר פשוט פאַר די אויגן פון די פינטעלאַך, וואָס פּרץ וואָלט אָנגעפינטלט, ווען ער וואָלט די רעדע אויפגעשריבן".

אַז שלום־עליכם איז געווען אַ מנגן, בין איך ערשט געוואויר געוואָרן דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין וואַרשע. אויף אַן אָוונטברויט, וואָס הער נחמיה פינקעלשטיין האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם גאַסט, איז געווען אויך הער קיפּנים, וואָס האָט געזונגען פאַרשיידענע פאָלקסלידער, צווישן זיי אויך דעם „קדיש" פון רב לוי יצחק דעם באַרדיטשעווער. קיפּנים האָט דעם „קדיש" געזונגען מיט אַ שטאַרקער שטים און דעם „יתגדל ויתקדש שמיה רבא" האָט ער געענדיקט שוין גאָר פאָרטיסימאָ. שלום־עליכמען איז דאָס נישט געפעלן. דעם „קדיש", האָט ער געזאָגט, באַדאַרף מען זינגען נישט שטאַרק; מע טאָר נישט מאַכן קיין גוואַלד. און ביי די ווערטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט זיין שוואַכן לירע־טענאָר אָפּגעזונגען דעם גאַנצן „קדיש", אָבער גאָר אויפן פיינסטן אופן.

מוצאי יום־טוב איז שלום־עליכם מיט זיין פרוי געווען פאַרבעטן אויף דעם „אינטימען" אָוונט פון

[7] פּרצעס בריוול, וועגן וועלכן עס ווערט דאָ דערציילט, לייענט זיך אַזוי: „ליבער ה' שלום־עליכם, צו מיין פאַרדרוס קאָן איך היינט אין דער היים נישט זיין. י. ל. פּ ר ץ. חוהמ"פ התרע"ד".

„הזמיר". די „אינטימע" אָוונטן פלעגן פאָרקומען נאָר איין מאָל אין דער וואָך; עס פלעגן זיך אויף זיי פאַרזאַמלען ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, קינסטלער, כלל־טוערס וכדומה מיט זייערע פאַמיליעס, און מע האָט פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל טיי אָן אַ שום פּראָגראַם; איינער האָט עפּעס פאָרגעלייענט, דער צווייטער — דעקלאַמירט, דער דריטער האָט עפּעס געזונגען, א. ד. ג. יענעם אָוונט איז שלום־עליכם מיט זיין פרוי געווען ביי מיר צום אָוונטברויט. ער איז געווען זייער אויפגערוימט, מיר האָבן דערמאַנט די גוטע צייטן אין קלאַראַן און האָבן געמאַכט פּלענער אויפן זומער. שלום־עליכם האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו גיין אין „הזמיר" אויפן אינטימען אָוונט. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז מע וואַרט דאָרט אויף אים, און אַז פּרץ וועט זיך באַליידיקן, אויב ער וועט נישט קומען. שלום־עליכם האָט נאָכגעגעבן.

דער אָוונט איז דאָס מאָל גראָד נישט געלונגען. דאָס שפּילן און זינגען איז נישט געראָטן, און ***, וואָס האָט פאָרגעלייענט זיינע אַ הומאָרעסקע, אין וועלכער ער האָט געוואָלט קאָפּירן שלום־עליכמען, האָט ווי אויף להכעיס געלייענט ערגער ווי שטענדיק.

פּרץ איז אויך געווען עפּעס נישט גוט געלוינט, און דער אָוונט האָט נישט געהאַט קיין שום שטימונג.

שלום־עליכם איז אַוועקגעגאַנגען אַן אומצופרידענער. „אין אַזאַ אידישן צענטער, ווי וואַרשע, — האָט ער מיר געזאָגט אַהיים גייענדיק, — זאָל ווערן אַזוי געזונגען און אַזוי געשפּילט? און *** מיינט טאַקע באמת, אַז ער איז אַ שלום־עליכם?"

דאָס איז געווען, ליידער, דער לעצטער אָוונט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אונזער טייערן און ליבן שלום־עליכם. מיר האָבן זיך האַרציק אָפּגעזעגנט און ער איז אויפן צווייטן טאָג אָפּגעפאָרן קיין לאָדז.

אינמיטן יולי האָב איך שלום־עליכמען צופעליק באַגעגנט אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע, אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי — און דעמזעלבן טאָג זיינען זיי אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

מיר האָבן ווידער געמאַכט פּלענער, וואו זיך צו טרעפן, און מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט דאָס צווייטע און שוין דאָס לעצטע מאָל.

קיינעם פון אונז האָט זיך אפילו נישט געחלומט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועט אויסברעכן אַ קריג, וואָס וועט איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, און אַז מיר וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען.

שלום־עליכם אויף זיין לעצטן טור אין רוסלאַנד [גראָדנע, זומער 1914].

מיט פריינט
און אידן פון
אַ גאַנץ יאָר

מיט פריינט און אידן פון א גאנץ יאר

1

שלום־עליכמס באציאונגען מיט דער אויסערלאכער וועלט — זיין אומגיין מיט גוטע פריינט, באקאנטע און סתם „אידן פון א גאנץ יאר“, וועלכע האבן ניט געהאט קיין אינטימע אדער דירעקטע שייכות צו זיין פריוואטן און שריפטשטעלערישן לעבן — פארדינען א פיל ברייטערע באלייכטונג, ווי עס קאן זיי געגעבן ווערן דא, אין די שמאלע ראמען פון אט דעם בוך.

שלום־עליכם איז געווען כמעט דער איינציקער שרייבער ביי אידן, וואס איז געקומען אין נאענטן באריר מיט אלע שיכטן פון זיין פאלק — דערהויפט מיט די יחידים פון די דאזיקע שיכטן. פריער זיין סוחריש־וועלטלאכע לאגע און שפעטער זיין אויסערגעוויינלאכע ליטעראַרישע פאפולאריטעט — און ועל כולם זיין גרויסע פשטות, זיין צוגעלאזטער, אפענער, נייגעריק־צוטרויאלאכער כאראקטער — האבן אים געבראכט אין לעבעדיקן פארקער מיט אלע טיפישע פארשטייער פון דעם אידישן קאלעקטיוו. די פארשיידנארטיקע און פילפארביקע עדה אידן, וואס באוועגט זיך אין זיינע ווערק, איז געווען ביי אים ניט א דרויסנדיקע מאסע, וואס ער האט באטראכט און שטודירט מן הצד, פון זיין שרייבערישן פענסטער ארויס, נאר — זיין אייגענער עולם, אין וועלכן ער אליין האט זיך היימיש־פריי באוועגט, אן באזונדערע קינסטלערישע כוונות, הגם מיט קינסטלערישע רעזולטאטן. ער האט געפירט נאענטע באקאנטשאפט און איז געשטאנען אין פערזענלאכער פארבינדונג מיט אלעמען: מיט די רייכע יעהופעצער צוקערפאבריקאנטן און מיט די ארימע כתרילעווקער „גאלדשפינערס“, מיט רב יוזיפל דעם רב און מיט בערקע דעם בעדער, מיט טביה דעם מילכיקן און מיט זיין אויפגעקומענעם אײדים פדהצור, מיט סטעמפעניו דעם פידל־ווירטואז און מיט מעכטשי פייקלער, מיטן דאקטאר לעוויום־לויתן דעם „קונסט־מעצענאט“ און מיט בעני גארגל דעם סופליאר, מיטן בונדיסט יוסף און מיט זיין קאנקורענט דעם קאמיוואיאזשער — אלע האבן זיי געהאט פאר אים א טיפן מענטשלאכן אינטערעס, געזעטיקט זיין נייגעריק אויג, זיין איינגעבוירענעם באגער אלצדינג צו וויסן, פון אלצדינג באאיינדרוקט צו ווערן. א לעבעדיקער באוויז דערצו איז זיין ברייטע קארעספאנדענץ, וואס ער האט פלייסיק געפירט דאס גאנצע לעבן מיט א וועלט מיט אידן —

סאַי די בריוו, וואָס ער האָט צו זיי געשריבן, און סאַי די בריוו, וואָס זיי האָבן צו אים געשריבן. זיין אַרכיוו איז אַ רייכער מוזיי פֿון מענטשלאַכע דאָקומענטן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט די פיזיאָנאָמיע פֿון אַ גאַנצן דור אידן פֿון אַלע שאַטירונגען: זייערע השגות און נייגונגען, זייערע סטילן און נוסחאות פֿון אויסדרוק. איר געפינט דאָרט כלערליי בריוו פֿון כלערליי טיפּן פֿון דער אידישער וועלט: פֿון קינסטלער, פֿון שרייבערס, פֿון גראַפאָמאַנען, פֿון אַקטיאָרן, פֿון רבנים, פֿון משכילים, פֿון פּאַרטיי־פירער, פֿון סטודענטן, פֿון קורסיסטקעס, פֿון באַנקירן, פֿון סוחרים, פֿון אַרבעטער, פֿון געלערנטע, פֿון קליינשטעטלדיקע חקרנים, פֿון זיידענע יונגעלייטלאַך, פֿון בעל־הבתישע כלה־מיידלאַך, פֿון האָרעפּאַשניקעס, פֿון ליידיגגייער, פֿון עצה־פּרעגערס, פֿון עצה־געבערס, פֿון פּוסטע קעפּ, פֿון שווערע הערצער. עס גיט אייך אַ בליץ פֿאַר די אויגן אפילו אַ געציקלט בריוול פֿון אַ „גוטן אידן“, אַ „בנן של קדושים“, אפילו אַ גרויע מגילה, מיט בלייפעדער געשריבן, פֿון אַ פֿאַרפינסטערטן, לעבעדיק באַגראָבענעם אַרעסטאַנט, און דערביי שמייכלט צו אייך אַ נאַאיווע קאָרעספּאָנדענץ פֿון אַ היימישן קיעווער בעל־מלאכה, אַ יאַנקל דער סטאָליער, וואָס האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע און שלום־עליכם אינטערעסירט זיך מיט זיין נייעם לעבן און שרייבט צו אים אין אַ גוט־ברודערלאַכן טאָן, אויפֿן אַמעריקאַנער לשון: „ליבער דזשעק, האַו דו יו דו?“...

צו וועמען האָט אים מער געצויגן — צו די „אויבערשטע“, צי צו די „אונטערשטע“ שיכטן? — ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן צווישן די פּריווילעגירטע קרייזן, פֿון געוואוינשאַפט און מחמת אומשטענדן געהאַלטן זיך ביי זייער לעבנשטייגער, אויסערלאַך כמעט זיך אויסגעגלייכט מיט זיי; נאָר אינערלאַך איז ער געווען איינגעוואָרצלט מיטן גאַנצן האַרצן צווישן „פּראָסטע אידן“, אינם „אמתן פּאָלק“, פֿון וועמעס קוואַל ער האָט געטרונקען און פֿאַר וועמען ער האָט **זיין** קוואַל געעפֿנט. ער האָט ניט געטיילט דאָס פּאָלק לויט קלאַסן, נאָר לויט זיינע זעלישע מידות; „דאָס פּראָסטע פּאָלק“ איז ביי אים געווען אַ סינאָנים פֿון „דאָס ערלאַכע פּאָלק“ — די אומבאַרירטע טיילן פֿונם פּאָלק, וואָס האַלטן־אויף אין זיך די ערלאַכע פּראָסטקייט פֿון גאַנצע דורות. ער האָט אָבער אָפּגעטרייסלט פֿונם פּאָלק איין קלאַס מענטשן — זיינע פֿאַרדאַרטע צווייגן, די „אַריסטאָקראַטן“. ניט די אמתע, גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, פֿאַר וועמען ער האָט געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ, נאָר די, וואָס דאָס פּאָלק אַליין רופֿט זיי האַלב־פֿאַראַכטלאַך מיטן נאָמען „אַריסטאָקראַטן“ — די אָפּגעפֿרעמדטע געלט־מענטשן, די אויפֿגעקומענע און פֿאַרריסענע, די אויסערלאַכע גבירים און אינערלאַכע קבצנים, וואָס נעמען פֿונם פּאָלק אַלצדינג און געבן גיבן זיי אים גאָרנישט. ער האָט פֿאַרבראַכט מיט זיי אין נאָענטער שכנות די בעסטע יאָרן זיינע, געזען זיי דורך און דורך — און באַגריפֿן זייער וויסטן גייסטיקן דלות. ער האָט זיך אומגעדרייט אַרום זייערע רייכע קאַנטאָרן, געטריבן פֿון ביטערער פֿאַרבאָרגענער נויט, און געקוקט אויף זיי דורך די שאַרפֿע ברילן מיט אָפּענעם שפּאָט: אָרימע מיליאָנערן! די קליינקעפּיקע יעהופּעצער מאַגנאַטן האָבן זיכער ניט געהאַט די השגה אַ טראַכט צו טון, אַז אָט דער „זשאַרגאָנישער“ שפּאַסמאַכער, וואָס דרייט זיך אום אויף זייער בערזע, איז צווישן זיי דער איינציקער אמתער מיליאָנער, דער אומשטערבלאַכער עושר; אַז אין דער צייט, ווען פֿון זייערע מיליאָנען וועט בלייבן נאָר אַ טרויערדיקער זכר און זייער נאָמען וועט ביי די קומענדיקע דורות אַרויסרופֿן נאָר וויסטן לאַנגוויל — וועט פֿון זיין רייכקייט געניסן אַ גאַנץ פּאָלק און זיין נאָמען וועט זיין געבענטשט אויף דורות.

האָט עס שלום־עליכם אַליין באַגריפֿן אין יענע טעג? אפשר — יאָ. די נויט איז אָבער אַ שווערער נסיון. לויפֿנדיק אויף דער קיעווער בערזע „זוכן אַ קערבל“, פֿלעגט ער זיך דערפֿילן ציטנווייז געפֿאַלן אי מיט זיין מערכה פֿון אַ אידישן שרייבער, אי מיט זיין באַגרענעצטן פּובליקום, „דאָס פּראָסטע ערלאַכע פּאָלק“, וואָס איז אַזוי אָרים און אומבאַהאָלפֿן: „אַז אָך און ווי איז מיר, — רייסט זיך ביי אים ניט ווילנדיק אַרויס אַ ביטערע טענה פֿאַר זיין פֿריינט ספּעקטאָר, — איך באַדאַרף גאָר לויפֿן זוכן אַ קערבל! ברענען זאָל די בערזע! ברענען זאָל דאָס קערבל! ברענען זאָלן די אידן אויפֿן פֿייער, אַז אַ אידישער שרייבער זאָל ניט קאָנען לעבן פֿון שרייבעריי אַליין און זאָל דאַרפֿן לויפֿן זוכן אַ קערבל!“... אין אַזעלכע מאָמענטן פֿון געדריקטן געמיט פֿלעגט ער זיך זוכן צו מינטערן מיט אַלערליי חלומות, פֿון וועלכע דער באַזונדער געגאַרטער איז געווען: „מעצענאַטן“.

„מעצענאַטן“ — דאָס איז ביי אים געווען אַ מין אידעיע־פֿיקס. ער האָט אין דעם געזען ניט דווקא דעם נאַקעטן מאַטעריעלן צוועק אַליין, נאָר עפּעס מער דערפֿון — די ממשותדיקע אָנערקענונג פֿון זיין לעבנסאַרבעט און די אויפֿמערקזאַמקייט צו איר מצד די שטאַרקע און באַוואָרנטע פֿאָרשטייער פֿונם פּאָלק. אויב „דאָס פּראָסטע ערלאַכע פּאָלק“ האָט אים אָנערקענט און דאַנקט אים מיט דעם, וואָס עס פֿאַרמאָגט — מיט ליבשאַפֿט, פֿאַרוואָס זאָלן די גליקלאַכע יחידים פֿונם פּאָלק ניט אַרויסווייזן צו אים זייער אָנערקענונג אויף **זייער** שטייגער?... ער האָט טיף אין האַרצן געגלויבט, אַז ערגעצוואו אין פּאָלק דאַרף זיך געפֿינען איינער אַ פֿאַרבאָרגענער חסיד זיינער, אַ מענטש מיט אַ ברייטער נשמה, וואָס וועט זיך איינמאָל אָנצינדן מיטן אמתן חסידישן פֿייער און

קומען אים באדאנקען פאר אלע ביטערע נויטן, וואס ער איז אויסגעשטאנען אינם משך פון א לעבן, שאפנדיק פרייד און געלעכטער פאר זיין פאלק. זאל עס זיין אין דעם סוף פון זיינע טעג, אבער זאל עס קומען... ער האט דעם דאזיקן חלום געצערטלט ניט ווי א פערזענלאכן וואונטש, נאר כמעט ווי א נאציאנאלן אידעאל — ער האט אין דעם געוואלט זען די דערהויבונג פון דער אידישער ליטעראטור, וועלכע איז אזוי עלנט און פארווארפן, אויך די דערהויבונג פונם אידישן מענטשן, וועלכער איז אזוי קארג און איינגהארציק צו העכערע, אײדעלע באדערפענישן.

ער האט אבער דערוואַרט דעם „אידישן מעצענאט" ניט צווישן זיינע באקאנטע קיעווער מיליאנערן. די האט ער צו נאענט געקענט, ער זאל פון זיי עפעס דערווארטן. פאר זיי האט ער זיך בכלל זעלטן ארויסבאוויזן פון זיין שריפטשטעלערישער זייט. ער האט גוט געוואוסט זייער אפגעפרעמדטע, טעמפע באציאונג צו אלצדינג וואס איז אידיש — און האט פאר זיי זיינע הייליקייטן ניט געוואלט דערנידעריקן. שוין אין די ערשטע יארן, אריינקומענדיק אין זייערע קרייזן, האט ער זיין אינערלאך־קינסטלעריש לעבן פון זיי אפגעצאמט. ער שרייבט דעמאלט צו ראווניצקין: „... צוליב די אומשטענדן איז מיר באשערט ארומצודרייען זיך אין אזא סביבה, וועלכע קאן ווייניקער פון אלץ סימפאטיזירן מיט מיין שרייבערישער נייגונג. די דאזיקע סביבה — דאס איז אונזער געהויבענע אריסטאקראטיע, דער סוחרישער שטאנד, מענטשן פון קאפיטאל, וואס שעצן פיל העכער מיינע פינאנסן, איידער מיין ליטעראַרישן טאלאנט, וועגן וועלכן זעלטן ווער עס האט א באגריף, מחמת מיין ליטעראַרישער פסעוודאנים איז פאר זיי א טערא־אינקאגניטא, און אויפן קאמערציעלן באדן באגעגענען מיר זיך ווי גלייכע, ווי יאגאדעס פון איין פעלד, מיט איינע און דיזעלבע איינגע באגריפן וועגן לעבן און דעם אינהאלט פון לעבן..." כמעט די אייגענע באציאונגען זיינען אויך פארבליבן שפעטער. די גרויסע פאפולאריטעט, וואס ר א ב י נ א װ י ט ש האט זיך געשאפן אונטערן נאמען „שלום־עליכם", איז געווים ניט געווען פארבארגן אויך פון די קיעווער גבירים; זיי האבן עס אבער, לויט זייער אייגענער השגה, אויפגענומען נישט מער ווי א זייטיקע פארוויילונג פון א סוחר א אינטעליגענט, וואס האט הנאה פון שרייבן „זשארגאנישע פעליעטאנען" און מאכט זיך דערמיט א נאמען אויפן „פאדאל" און אויף דער „דעמיעווקע" (די אידישע קווארטאלן אין קיעוו). אינם יאר 1908, אז די קיעווער אידישע אינטעליגענץ האט זיך געקליבן פייערן שלום־עליכמס פינף־און־צוואנציק־יאריקן יובילײ און האט זיך געווענדט צו די גבירים, זיי זאלן זיך אויך באטייליקן אינם בענעפיט פארן קראנקן יובילאר, האבן יענע זיך געוואונדערט: „וואס הייסט? ראבינאוויטש איז דאך שטענדיק געווען א רייכער בעל־הבית — צו וואס דארף ער פרעמדע הילף?" — און די מתנה, וואס קיעוו האט דעמאלט געשיקט צו איר יובילאר, איז געקומען, ווייזט אויס, גיכער פונם „פאדאל" און פון דער „דעמיעווקע", איידער פון די מיליאנערישע הענט.

די לעגענדע, אז שלום־עליכם פלעגט פאר געצאלט פריילאך מאכן די קיעווער מיליאנערן מיט זיינע מעשיות, — וואס אייניקע שרייבערס האבן עס פארצייכנט ווי א ביאגראפישן פאקט, — איז ניט מער ווי א לעגענדע: שלום־עליכם האט קיינמאל ניט באנוצט זיין שאפן ווי א פרנסה אין די קרייזן פון די קיעווער גבירים. ער האט א געוויסע צייט געגעבן אין קיעוו א ו מ ז י ס ט ע פארלעזונגען, צוזאמען מיטן פאלקסדיכטער מ. מ. ווארשאווסקי, אויף ציוניסטישע פארזאמלונגען, איז דאס געווען ווידער א מאל — אויפן „פאדאל" און אויף דער „דעמיעווקע" (ווי ער אליין האט עס דערציילט אין זיין צווייטער הקדמה צו ווארשאווסקים לידער). ער האט נאר איין מאל, אין יאר 1894, געפרוווט פאראינטערעסירן מאקס בראדסקין (דעם אינטעליגענט אין דער משפחה בראדסקי, וואס האט ארויסבאוויזן א באזונדערע אכטונג צו שלום־עליכמען אלץ פערזענלאכקייט), ער זאל אים העלפן ארויסגעבן ווייטער די „פאלקסביבליאטעק". נאר אזוי ווי די אונטערהאנדלונגען זיינען געפירט געווארן ניט דירעקט, נאר דורך דער פארמיטלונג פון אלעזר שולמאן, וואס האט שטארק אפגעהיט בראדסקים מיליאנען, איז פון דער זאך גארנישט ניט געווארן. א צווייטן מאל, אין א מאמענט פון דרינגענדיקער נויט, האט שלום־עליכם אנגענומען א באשטעלונג דורך דעם קיעווער ראבינער, זיין פריינט שלמה לוריא, אנצושרייבן די געשיכטע פון די בראדסקים און זייער פילאנטראפישער טעטיקייט, וואס האט באדארפט געדרוקט ווערן אין א באזונדערן ביכל און צעטיילט ווערן אין די אידישע שטעט און שטעטלאך איבער דער אוקראאינע. שלום־עליכם האט די ארבעט געטאן, נאר אנשטאט א באשרייבונג פון די בראדסקים און זייערע מעשים טובים איז ביי אים ארויסגעקומען א פאנעגיריק צו שלמה לוריא, וועמען ער האט ארויסגעשטעלט ווי דעם איניציאטאר פון בראדסקים פילאנטראפישע אויפטואונגען צווישן אידן. לוריא האט געצווייפלט, אויב אזא באשרייבונג וועט בראדסקין געפעלן זיין, נאר שלום־עליכם האט דערויף געענטפערט, אז א נ ד ע ר ש קאן ער וועגן דעם דאזיקן ענין ניט שרייבן. וואס דערפון איז געווארן: צי די בראשור איז בכלל געווען געדרוקט, און צי איז זי געגאנגען אונטער שלום־עליכמס נאמען, אדער אנאנים — איז ניט באוואוסט[1].

[1] דער דאזיקער פאקט ווערט איבערגעגעבן פון פרוי שלום־עליכם. — אויב די בראשור איז געווען געדרוקט, איז זי מסתמא אויפגעהיט געווארן ערגעצוואו אין קיעווער ראיאן.

עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיינע ווערק האָט שלום־עליכם ווי בכוונה אויסגעמיידט צו באַרירן אויף אַ דירעקטן אופן דעם קרייז פון דער קיעווער אידישער פלוטאָקראַטיע. ער איז זיכער געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט געבן קינסטלעריש איר ריכטיקע פיזיאָגנאָמיע — און האָט עס ניט געטאָן. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָ וועט ער מוזן אָנווענדן אינגאַנצן דעם „מידת הדין“, און זיין וועג איז געווען דער וועג פון „מידת הרחמים“. און אפשר האָט אים אָפגעהאַלטן דערפון זיין אינערלאַבער טאַקט — ניט אָנצורירן פערזאָנען, וואָס שטייען

שלום־עליכם אין אָדעס
[זומער 1904].

אויסער דעם אידישן לעבן און קוקן אויפן „זשאַרגאָן“ פון אויבן אַראָפ, וועלכע וואָלטן אין דעם געזען נישט מער ווי אַ „המונישן“ אַרויסטריט קעגן זייער „אַריסטאָקראַטישער“ הויכקייט. אין זיין שטאָלצער האַלטונג צו די קיעווער גבירים איז אַזאַ זאַך אים ניט געווען צום פנים, און דעריבער האָט ער גערנער באַשריבן זייערע קיכן און זייערע „מענטשן“, איידער זייערע פאַלאַצן און זיי אַליין. נאָר איין מאָל האָט ער דרך־אגב, מיטן שפיץ פון דער פעדער, אָנגערירט דעם סאַמע „קאָפ“ פון די קיעווער מאַגנאַטן, לעוו בראָדסקין — אין די „כתרילעווקער נשרפים“, בשעת די כתרילעווקער דעלעגאַציע, מיטן אַלטן רב רב יוזיפל בראַש, ווערט אַרעסטירט פון דער יעהופעצער פאָליציע אויף דער שוועל פון זיין פאַלאַץ. ער האָט, פאַרשטייט זיך, זיין נאָמען ניט אַרויסגעשטעלט בפירוש, און האָט אים בכלל זייער מילד באַהאַנדלט; נאָר דער טיטל, מיט וועלכן ער באַצייכנט אים אין דער סביבה פון זיינע קאָלעגן־מיליאָנערן, קלינגט שאַרף־סאַרקאַסטיש: „דער לייב צווישן די ח י ו ת“...

דעם „אידישן מעצענאַט“ האָט שלום־עליכם געחלומט צו טרעפן דווקא צווישן זיינע אייגענע „כתרילעווקער“ לייט, אין די „פאַרמעגלאַכע קלאַסן פונם פאָלק“ — ביי־די, פאַר וועמען דער אידישער קוואַל איז נאָך אַלץ דער איינציקער, פון וועלכן זיי שעפן זייער גייסטיקן גענוס. דער חלום איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. שלום־עליכם האָט פאַר זיין לעבן געהאַט אַ היבשע צאָל חסידים־לעזער פון די „וואָוילהאָבנדיקע“, צום מיינסטן, פון דעם סוחריש־משכילישן שטאַנד, וואָס האָבן זיך שטאַרק געקלעפט צו אים. זייער „מעצענאַטעריי“ איז אָבער באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך גערן געוואַרימט אין זיין פריינטשאַפט, געצאַצקעט זיך מיט זיינע בריוולאַך, גאַנץ פיין פאַרבראַכט מיט אים אין זיין גאַסטפריינטלאַכן הויז, געטרונקען טיי, דערציילט א י ם אַנעקדאָטן, געקאָנקורירט מיט א י ם אויפן הומאָריסטישן געביט. און שלום־עליכם, אין זיין מילד־איראָנישער באַציאונג צו מענטשן, איז שוין דערמיט אַליין געווען גאַנץ אָפט באַפרידיקט: אַבי עס זיינען דאָ, גאָט צו דאַנקען, אידישע לעזער א ו מ ע ט ו ם, ובפרט אַזעלכע לעזער, „וואָס קענען אים אויסווייניק“. ער האָט צו די דאָזיקע נאָענטע לעזער גערן געשיקט מתנות — זיינע ווערק, און אפילו אויסגעשריבן פאַר זיי די צייטונגען, אין וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט (אין דער וואַרשעווער „נייע וועלט“, וואו ער האָט געדרוקט די „בלאָנזשענדע שטערן“, האָט זיין אַבאָנעמענט דערגרייכט אין די הונדערטער רובל, וואָס איז אים אַראָפגערעכנט געוואָרן פון זיין האָנאָראַר; די מאַטעריעלע לאַגע איז ביי אים דעמאָלט געווען אַ פרייערע, האָט ער אויסגעזוכט וואו ער האָט ערגעץ געהאַט אַ פריינט און באַשטעלט פאַר אים די צייטונג אויף זיין רעכענונג). פון די אַלע פריינט האָט אָבער קיינער קיין „שכל“ ניט געהאַט א י ם צו מאַכן אַ מתנה: ער האָט יאָרן־לאַנג געהאָפט און געזוכט מיטלען צו באַנייען זיין „פאָלקסביבליאָטעק“, אָדער אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אויף אידיש, כדי די אידישע ליטעראַטור זאָל האָבן אַ פנים „צווישן די פעלקער“, ניט אָפקומען נאָר מיט טעגלאַכע צייטונגען; די „מעצענאַטן“ פלעגן אים גאַנץ פיין אויסהערן, פרום־אידישלאַך אָפזיפצן און פאַרלויפן אים דעם וועג:

— נו־יאָ, וואָס זשע מיינט איר? עס וואָלט טאַקע געווען אַ גרויסער יושר. נאָר וואָס קומט־אַרויס פונם

ריידן? ז י י האָבן סאַוואַ מאָראָזאָווס [2], און מ י ר האָבן ניט!...

די לעצטע יאָרן פלעגט שוין שלום־עליכם אַליין איראָניזירן איבער זיינע חלומות וועגן „אידישע מעצענאַטן". ער האָט וויפיל מאָל באַטאָנט אין זיינע געשפרעכן, אַז אומזיסט האָט ער זיי אַ גאַנץ לעבן געזוכט אין אַזעלכע מקומות, וואו זיי וואַקסן ניט: זיינע מעצענאַטן — דאָס איז דער ברייטער עולם אידיש־לייענער, „דאָס פּראָסטע ערלאַכע פאָלק" אַליין. און שרייבנדיק זיין צוואה, האָט ער זיין אייביקע רו זיך אויסגעבעטן אויך צווישן זיי — צווישן די, וואָס האָבן „פאַר זיין לעבן באַשיינט זייער פאָלקסשרייבער"...

2

אין זיין פאַרקער מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז שלום־עליכם געווען ניט קיין אָפּגעהיטער. ער האָט ניט נעזיפּט זיינע באַקאַנטשאַפטן און ניט געבראַקירט מיט קיין מענטשן. ער האָט ניט געבלאָזן פון זיך, ניט געגעבן צו פילן זיין אויסדערוויילטקייט, ניט געקוקט פון אויבן אַראָפּ. דאָס איז ניט געלעגן אין זיין נאַטור. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט ה ע ר ן א ו ן ז ע ן, ער זאָל קאָנען זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. ער האָט אויפגענומען יעדן איינעם מיט ערנסטער פשטות, געקוקט אויף יעדן איינעם ווי אויף אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך, פון וועלכן מע קאָן דערגיין עפּעס אַ חידוש, אַ נייע דערפאַרונג. ער האָט געלייענט דאָס לעבן ווי אַ שפּאַנענדיק בוך, און יעדער פרישער מענטש איז פאַר אים געווען אַ ניי קאַפּיטל. אויף זיינע שפּאַצירגיינג פלעגט ער זיך גערן לאָזן באַקענען מיט מענטשן, לייכט פאַרבינדן געשפּרעכן, נייגעריק אויספאָרשן יענעם, אויסהערן מיט גרויס אינטערעס — און קומען אַהיים אָן אויפגעלעבטער, אַ באַרייכערטער, אָן אָנגעלאָדענער מיט כל טוב: אַ וועלט מיט חידושים! עס גייען־אום אויף דער גאַס מענטשן, דאַכט זיך, גאַנץ געוויינלאַכע פאַרשוינען, אידן פון אַ גאַנץ יאָר — און פון דעסטוועגן האָט זיך יעדער איינער זיין באַזונדערן קנייטש, זיינע פּלי־טערלאַך, זיין אינטערעסאַנט „פּעקל".

— זעצט אייך אַלע צום טיש, וועל איך אייך דערציילן אַ שיינס! — מיט די ווערטער פלעגט ער זייער אָפט צוזאַמענרופן זיינע בני־בית און אָפּגעבן פאַר זיי אַ באַריכט פון זיינע פאַרמיטאָגדיקע עקס־קורסיעס אינדרויסן. און דאָס „שיינס", וואָס ער פלעגט דערציילן, איז תמיד אַרויסגעקומען אי שיין, אי ניי — עפּעס אַזעלכעס, וואָס נאָר זיין אויג און זיין אויער האָבן עס געקאָנט אויפכאַפּן.

[2] סאַווואַ מאַראַזאָוו — אַ רייכער מאָסקווער סוחר, געווען באַ־וואוסט אַלס ליבהאָבער פון קונסט און שטיצער פון דער מאָדער־נער רוסישער ליטעראַטור.

אין זיינע באַציאונגען צו נייע מענטשן איז ער געווען צוטרויאַלאַך און גלויביק, אָפּטמאָל נאַאיוו, ווי אַ קינד. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיי אומדער־שראָקן, אַבי יענע האָבן נאָר געקאָנט אָנצינדן זיין פאַנטאַזיע. ער איז וויפיל מאָל אַזוי געשטרויכלט געוואָרן — דאָס האָט אים אָבער ניט אָנגעלערנט אויף ווייטער. ער האָט אויך ניט געטראָגן קיין האַרץ אויף זיינע שטרויכלער. ער האָט זיך באַצויגן צו זיי הומאָריסטיש, צורעכענענדיק זיי צו דעם טיפּ פונם „קאַמעניצער אידן מיטן געלן פּראָשעק" (דער פאַרשוין פון זיין אייזנבאַן־געשיכטע „דריטע קלאַס", וואָס נאַראַיעט דעם דערציילער, זיין מיטפאָרער אין וואַגאָן, אַ געלן פּראָשעק, פון וועלכן יענער פאַכט דערנאָך מיט דער נשמה). אַנטלויפן פלעגט ער נאָר פון קאַלטע, אויסגערעכנטע, האַרטע מענטשן — די, וואָס זיינען אַזוי ווייט שלעכט און אומדערבאַרעמדיק, אַז זיי לאָזן ניט איבער קיין מעגלאַכקייט אפילו צו פאַנטאַזירן אויף גאָטס וועלט.

ער איז געווען צוגעלאָזט און האַרציק צו מענטשן, וואָס האָבן אים אַרויסבאַוויזן אויפמערקזאַמקייט, און האָט דערביי ניט געמאַכט קיין אונטערשייד פון קלע־נערע ביז גרעסערע. אַ „ברכת הדיוט" איז אים אַמאָל געווען ליבער, ווי אַ חניפה פון אַ חבר אַ שריפטשטעלער. אין זיינע בריוו צו גאַנץ אומבאַקאַנטע און אומבאַדייטנדיקע פערזאָנען פלעגט ער זיך אָפט אַנטפּלעקן פונקט אַזוי אינטים, ווי פאַר זיינע נאָענטסטע פריינט — אַבי ער האָט נאָר אין זיי דערפילט אַן אויפריכטיקע באַציאונג צו אים. אַזעלכע בריוו פון אים זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט אין די הונדערטער.

אויף בריוו פלעגט ער ענטפערן אַ ל ע מ ע ן — אפילו עזות־פּנימער, אפילו „נודניקעס". דערביי פלעגט ער גאַנץ אָפט זיך צופּאַסן צום כאַראַקטער פונם אַדרעסאַט (וואָס ער פלעגט צייטנווייז טון אויך אין לעבעדיקן שמועס מיט מענטשן). דאָס איז ביי אים געווען אַ מין שפּיל מיט מענטשלאַכער נאַרישקייט: לאָז יענער האָבן אַ „חיי־שעה". ער האָט ניט איין מאָל מיסטיפיצירט אַן איינגעגעסענעם קאָרעספּאָנדענט, געשריבן אים אַ בריוו נאָך אַ בריוו, און אַלץ אין יענעמס טאָן און לויט יענעמס השגות. אַזוי האָט ער אַ געוויסע צייט אָנגעהאַלטן אַ קאָמישע קאָרעספּאָנדענץ מיט איינעם אַ פּראָווינציעלן מוכר־ספרים: יענעם האָט זיך פאַרוואָלט רייך צו ווערן פון שלום־עליכמען, האָט ער אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג, ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ אידישן „בריפנשטעלער". דאָס וואָרט „בריפנשטעלער" האָט דער מוכר־ספרים געשריבן אין ראשי־תיבות: בר"ש. האָט אים שלום־עליכם קודם כל געקרוינט מיטן נאָמען „דער בראש", און האָט אים גלייך געענטפערט, אַז דער פּלאַן איז אַ געניאַלער פּלאַן, נאָר ער וויל וויסן, וויפיל קאָן ער באַקומען פאַר אָנשרייבן אַזאַ מין בר"ש? האָט אים יענער געשריבן, אַז ער מיינט, אַז אַ הונדערטער

וועט זיין גענוג. האט אים שלום־עליכם געענטפערט: ניין, סאיז ווינציקלאך. האט דער מוכר־ספרים אנגעהויבן מוסיף צו זיין אין יעדן בריוו א פינפאונצוואנציקער, און איז אזוי ביסלאכווייז דערגאנגען צו טויזנט רובל. די געשיכטע האט זיך געצויגן וואכנלאנג — ביז שלום־עליכם האט זיך געכאפט, אז „דער בראש" האט שוין פון אים אזויפיל בריוו, אז עס קאן אים פלוצים איינפאלן א צווייטער געניאלער פלאן — פון זיי אליין צו מאכן א בר"ש... האט ער דאס שפיל איבערגעריסן אין רעכטן מיטן.

ער האט ליב געהאט דעם מין צייטפארטרייב, וואס די דייטשן רופן עס „געדולד־שפיל". ער האט

שלום־עליכם אין לייקוואוד, נ. דזש.
[פרילינג 1915].

זיך ארומגעטראגן מיט קאמפליצירטע סוד־קייטעלאך, וואס מע דארף זיך מאטערן זיי צו צעפלעכטן, מיט פארשיידענע שפיל־ציגל, פון וועלכע מע קאן צוזאמענשטעלן אלערליי געאמעטרישע פיגורן. ער פלעגט אפט אויך פאנאנדערלייגן פאסיאנס. פונקט אזא מין געדולד־שפיל איז פאר אים געווען דאס איבערשרייבן זיך מיט קוריאזע פארשוינען.

מיט אזעלכע פארוויילונגען האט ער זיך אפגעגעבן, הויפטזאכלאך, די לעצטע יארן, קראנקערהייט, פירנדיק אין די שטילע קורפלעצער אן אפגעזונדערט איינזאם לעבן, אפגעריסן פון לעבעדיקע מענטשן. ער האט א סך געשריבן, און האט זיך געניטיקט אין אפרו, אין איבערבייט פון ענערגיע. און אזוי ווי קינסטלער און קינד זיינען אין אים געווען פאראייניקט, האט דער קינסטלער געזוכט אפפרישונג ביים קינד, און דאס קינד האט געוויילט דעם איינזאמען קינסטלער.

זיין לעבן אין דעם לעצטן פעריאד איז געווען געצאמט פיזיש, און דורך דעם — אויך, אין א געוויסן זינען, גייסטיק. ער איז געווען א גוטער פאציענט, פינקטלאך געפאלגט די דאקטוירים, שטריינג זיך קאנטראלירט לויט זייער אנגעצייכנטן רעזשים — און דערמיט איז אויך קאנטראלירט געווארן זיין אינערלאך טעמפא. אין זיינע יונגע, ווי אויך אין די מיטעלע יארן איז זיין גאנג געווען א גיכער, כמעט א לויפנדיקער, א פאראויסשטרעבנדיקער, און אזוי איז אויך געווען זיין הומאר — א ראשיקער, א הילכיקער, אן איבערשוימענדיקער. מיט זיין קראנקייט איז ער געווארן איינגעהאלטענער, געשפארט ענערגיע, באוואוסטזיניק פארלאנגזאמט די טריט, געשפאצירט פאמעלאך, פארטראכט, מיט א שטילן שמייכל אויפן קאנצענטרירטן פנים, און דיזעלבע איינגעהאלטנקייט און פארטראכטקייט פונם שמייכל האט זיך אויך געלאזט פילן אין זיינע לעצטע שאפונגען. נאר מער פון אלץ האט אים דעמאלט אויסגעפעלט דער דירעקטער פארקער מיט לעבעדיקע, אקטיווע מענטשן — דער אמתער קוואל פון זיין שעפערישער באגייסטערונג. ער האט נאך זיי געבייקט אין דער שטיל, געוועקט זייערע בילדער אין זכרון, געזוכט צו באהעפטן זיך אן זיי אין דער פאנטאזיע — ארום אים האבן זיך אבער באוועגט שאטנס פון קראנקע, שוויינגדיקע, פאראומערטע פארשוינען, פארטיפטע אין זיך. „מיט א שטיפטל שרייבט שלום־עליכם, ליגנדיק אין א סאנאטאריום צווישן האלבע מתים", — אזוי קלאגט ער זיך אין א בריוו צו ראווניצקין. ער פלעגט מיט די דאזיקע „האלבע מתים" ארומגיין זייער פריינטלאך, געווען אויפמערקזאם צו זייער לאגע, געוואוסט די געשיכטע פון יעדן אייניציקנס קראנקייט, און פאר אן עלנטן האט ער זיך געזארגט מיטן גאנצן הארצן; נאר זיך אליין האט ער ווי אויסגעשלאסן פון זייער קראנקער געזעלשאפט, און באדויערן פלעגט ער זיי ניט ווי איינער, וואס טיילט מיט זיי דעמזעלבן גורל, נאר ווי א זייטיקער צושויער, דערביי פלעגט ער אויך ניט פארפעלן צו באצייכענען זיי הומאריסטיש לויט זייערע קריינקלאכע אייגנשאפטן: „דער בר־מינן" (א פליישיקער חולה מיט א געלן געשוואלענעם פנים), „די ערשטע פידל" (א פלייסיקער הוסטער), „דאס פערטל עוף" (אן אויסגעדארט ווייבל מיט א פנים ווי א פייג די גרויס)...

אין אזא טרויערדיקער סביבה, אז עס פלעגט זיך אמאל באווייזן א פרישער, געזונטער מענטש, ובפרט אז דאס איז נאך געווען א היימישער איד — פלעגט שלום־עליכם אפלעבן. אין סט. בלאזיען, וואו ער האט זיך געפילט באזונדער איינזאם (די סט. בלאזיענער

סאַנאַטאָריע ליגט אויף אַ הויכן באַרג אין שוואַרצוואַלד, ווייט פֿון דער באַן), איז צו אים איינמאָל געקומען אַ פּאָדאָליער איד זיך פֿאָרשטעלן ווי זיינער אַ לעזער — האָט ער אים שוין ניט אָפּגעלאָזט. דער איד איז געווען אַ גאַנץ געוויינלאַכער פֿאַרשוין, אַ שטיקל נגיד ביי זיך אין דער היים, נאָר זייער אַ באַריידעוודיקער, און ערשט פֿון שטעטל, — האָט אים שלום־עליכם געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג:

— איר האָט דאָך דאָ במילא ניט וואָס צו טון, איר זיינט געקומען אַהער רוען, און איר ווילט, זאָגט איר, מיט מיר פֿאַרבריינגען, — איז גוט, וועלן מיר שמועסן. דאָס הייסט, איר וועט ריידן, און איך וועל האָרכן. ווייל מיר האָבן די דאָקטוירים פֿאַרבאָטן צו ריידן...

— פֿון וואָס זשע זאָל איך ריידן? — האָט זיך דער איד אַ ביסל פֿאַרשעמט און אַ ביסל געוואונדערט.

— פֿון אַלצדינג. און קודם כל — פֿון אייער שטעטל.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו ריידן? אַ העק...

— ווייל אַ העק! איר זאָגט, אַז איר קענט אייער שטעטל אויסווייניק. אויסגעצייכנט! נעמט די הייזער מיט די בעלי־בתים כסדר, פֿון איין עק שטעטל ביזן אַנדערן. הויבט־אָן פֿון דער ערשטער שטוב. אַנו!...

דער איד האָט דערשמעקט, אַז ער קאָן דאָ ווערן אַ ליפֿעראַנט פֿון „שטאָף" פֿאַר שלום־עליכמס מעשיות, — איז אים די זאַך זייער געפֿעלן געוואָרן. און עס האָט זיך ביי אים געעפֿנט אַ קוואַל פֿון רייד. ווענדיק מאַכן די זאַך אינטערעסאַנטער, פֿלעגט ער זיך אָפּטמאָל אויס־העלפֿן אויך מיט דער פֿאַנטאַזיע. נאָר אויף דעם פֿלעגט אים שלום־עליכם גלייך אָפּשטעלן:

— ניין, אויסטראַכטן מעשיות דאַרפֿט איר ניט. דאָס וועל איך שוין אַליין טון. איר דערציילט נאָר פֿאַקטן!

עטלאַכע וואָכן נאָכאַנאַנד, יעדן טאָג אין אַ באַשטימ־טער צייט, האָבן זיי ביידע אַזוי געשפּאַצירט אין וואַלד, אין דער באַגלייטונג פֿון שלום־עליכמס אַ בן־בית. דער איד איז ניט מיד געוואָרן צו דערציילן, און שלום־עליכם איז ניט מיד געוואָרן צו הערן. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט שלום־עליכם זיך אָפּשטעלן צו פֿאַרצייכענען עפּעס אַ וואָרט, צי אַ קוריאָזן נאָמען, וואָס איז אים געפֿעלן געוואָרן; אָדער ער פֿלעגט נעמען דעם דערציילער אויספֿאָרשן, איבערפֿרעגן, דערגרונטעווען זיך צום תוך, אָפּפֿרעגן איין פֿאַקט דורך אַן אַנדערן. ער איז שוין אין דעם אידנס שטעטל געווען אַ היימישער מענטש. און צוריק אין דער סאַנאַטאָריע, צו די „האַלבע מתים", פֿלעגט ער זיך פֿון אַזאַ שפּאַציר אומקערן, ווי פֿון אַן אַנדער וועלט.

שפּעטער האָט שלום־עליכם עפּעס פֿון דעם אידנס „שטאָף" אַריינגעוועבט אין פֿיר פֿון זיינע „אייזנבאַן־געשיכטעס", וועלכע דער קאָמיוואָיאַזשער דערציילט־איבער פֿון אַ „הייסינער סוחר" („דער לידיקגייער", „דער נס פֿון הושענא רבה", „אַ חתונה אָן כלי־זמר" און „דער טלית־קטן"). נאָר וויכטיק איז דאָ פֿאַר שלום־עליכמען געווען ניט אַזוי דער עצם „שטאָף" אַליין, ווי די לופֿט, וואָס רינגלט־אַרום דעם שטאָף. ער האָט אַלץ מורא געהאַט, ער זאָל אין זיין דערווייטערטער איינזאַמקייט ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון דער אידישער אַטמאָספֿער. וואָרים בלייבן אויסער איר האָט פֿאַר אים געהייסן — צו בלייבן אינדרויסן.

אין אַמעריקע האָט שלום־עליכם געטראָפֿן אַ נייע וועלט מיט נייע מענטשן מיט אַ סך חידושים, וואָס ביי אַנדערע, בעסערע, אומשטענדן וואָלט עס אפֿשר אַרויסגערופֿן ביי אים פֿרישע כחות צום לעבן און אויך פֿאַרברייטערט זיינע האָריזאָנטן. די לאַגע זיינע דאָ איז אָבער געווען אַזאַ שווערע, און מענטשן, מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טון, האָבן זיך צו אים אַרויסבאַוויזן אַזוי אומפֿריינטלאַך, אַזוי עם־הארצותדיק־גראָב, אַז ער איז פֿון זיי געלאָפֿן מיט קאַלטן שווידער אין האַרצן. נאָר די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר לעבן, וואָס שלום־עליכמען איז אויסגעקומען צו פֿאַרענדיקן אין ניו־יאָרק, איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, און סאיז נאָך איצט שווער צו ריידן וועגן דעם אין אָביעקטיוון טאָן.

שלום־עליכמס סילועט.

בריוו פון שלום-עליכם צו גוטע פריינט

[אין דער רובריק ווערט געגעבן אַ גאַנץ קליינע צאָל פון די הונדערטער בריוו שלום-עליכמס צו גוטע פריינט און אידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן אין שלום-עליכמס אַרכיוו (דער גרעסטער טייל פון זיי איז נאָך נ י ט געזאַמלט געוואָרן). דער אויסוויל איז געמאַכט געוואָרן פון די מער כאַראַקטעריסטישע. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז צוויי פון די בריוו, וואָס גייען דאָ, — צו נח זאַבלודאָווסקי און צו יעקב פאַלער — האָבן, סײַ לויט זייער כאַראַקטער, סײַ לויט דער שריפט-שטעלערישער לאַגע פון זייערע אַדרעסאַטן, זיך מער געפּאַסט צו דער פריערדיקער רובריק, נאָר דורך אַ פאַרזען זיינען זיי דאָרט אויסגעלאָזט געוואָרן. די אַדרעסאַטן זיינען אָבער ביי שלום-עליכמען געווען פאַררעכנט ווי זיינע ג ו ט ע פ ר י י נ ט, דעריבער זיינען די בריוו צו זיי אויך דאָ ניט אויף אַ פרעמדן פלאַץ.]

1

צו לייבל טויביש

[פונם אָריגינאַל]

[דער אַדרעסאַט איז אַ באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן, זשורנאַליסט און אַרויסגעבער פון אידישע ציימונגען אין דער בוקאָווינע. שלום-עליכם האָט זיך מיט אים באַפריינט אויף זיין טור איבער די גאַליצישע שטעט, וואוהין טויביש האָט אים אָפט באַגלייט, און האָט אויך מיטגעאַרבעט אומזיסט אין טויבישעס „טשערנאָוויצער וואָכנבלאַט“. — דאָס בריוול אין גראַמען איז געשריבן געוואָרן אין טשערנאָוויץ, וואוהין ש. ע. איז געקומען אויף אַ פאַרלעזונג און איז פאַרפאָרן אינם האָטעל „צום שוואַרצן אַדלער“: ער האָט געמאַכט טויבישן אַ וויזיט, ניט געטראָפן אים אין דער היים און איבערגעלאָזט אָט דאָס צעטעלע.]

אָדון נכבד מר טויביש.

עתה באתי,
איש לא מצאתי, —
פניתי אָחור
אל „הנשר השחור“.[1]

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

טשערנאָוויץ, „צום שוואַרצן יאָר... מיין איך אָדלער“, נומער 27. 26-טן יאַנואַר, 1906.

2

צו שמואל שרירא

[פונם אָריגינאַל]

[דער אַדרעסאַט איז ביז צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געווען אַן אייגנטימער פון נאַפט-קוואַלן אויף קאַווקאַז און איז אויך געווען באַקאַנט אַלץ אָנגעזעענער מיטגליד פון דער טעריטאָריאַליסטישער געזעלשאַפט. שלום-עליכמס באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס שרירא האָט אים פון לאָזאַן, וואָס איז געווען זיין אויסלענדישע רעזידענץ, צוגעשיקט אַ באַגריסונג צו זיין פינפ-אונצוואַנציקיאָריקן יובילוי און האָט אַגב ביגעלייגט 200 פראַנק „בתורת הלואה“. דער גורם פון דער דאָזיקער „הלואה“ איז געווען דר. משה וויצמאַן (אַ ברודער פון חיים וויצמאַן), וואָס איז געשטאַנען בראש פון דעם זשענעווער סטודענטישן „שלום-עליכם יובילוי-קאָמיטעט“ און איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אינפאָרמירט די אידישע פרעסע אין רוס-לאַנד און אין אַמעריקע וועגן שלום-עליכמס יובילוי. ווייסנדיק די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, אין וועלכער ש. ע. האָט זיך געפונען קראַנקערהייט אין נערווי, האָט דר. וויצמאַן אויפגעפאָדערט שרירא̇ן, ער זאָל אַיינטיילנעמען אין דעם פאָנד, וואָס איז דעמאָלט געזאַמלט געוואָרן פאַר שלום-עליכמען צו דער געלעגנ-הייט פון זיין יובילוי. שרירא האָט עס גלייך געטאָן דורך דער סומע פון 200 פראַנק און האָט שוין פאַר-איינוועגס אָנגעשריבן דעם קראַנקן יובילאַר אַ לאַנגן בריוו אין „שלום-עליכמדיקן“ סטיל; קודם כל, פאָר-שטעלנדיק זיך פאַר אים, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף מנחם-מענדלס אַדרעס, ווייל ער וויל זיך מיט אים אַן עצה האַלטן וועגן זיך אַליין: ער האָט שוין אויף זיין לעבן אויסגעפרוווט אַלצדינג, געווען אַ משכיל, אַ ציוניסט, אַ טעריטאָריאַליסט, נאָר קיין זאַך נעמט אים ניט — וואָס זשע זאָל ער ווייטער טון? נאָכדעם, באַגריסנדיק שלום-עליכמען צו זיין יובילוי, האָט ער א י ם געגעבן אַן עצה: ער זאָל אויף ווייטער בעסער שרייבן פאַר גוים, ניט פאַר אידן, וועט ער באַקומען אַזעלכע האָנאָראַרן, ווי אַ אַנדרייעוו אָדער אַ זודערמאַן באַקומען פאַר ז י י ע ר ע פּיעסעס, — וואָרים „וויפיל האָט איר באַקומען, ליבער שלום-עליכם, פאַר אייער „צעזעיט און צעשפּרייט“?“ — שלום-עליכמען איז דער א י ד י ש ע ר בריוו פון דעם אידישן מיליאָנער שטאַרק געפעלן געוואָרן, בפרט, אַז דער דאָזיקער מיליאָנער האָט זיך אַרויסבאַוויזן צו זיין אַ גרויסער בקי אין זיינע ווערק; אים איז אָבער נ י ט געפעלן געוואָרן די קליינע, כתרילעוודיקע, השגה פון דעם אידישן גביר מיט דער „הלואה“ פון די 200 פראַנק. לכתחילה האָט ער געוואָלט די 200 פראַנק צוריקשיקן מיט אַ דאַנק, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין הלואות; ער האָט זיך אָבער באַרעכנט, אַז דער-מיט וועט ער שטעלן זיין גוטן פריינט דר. וויצמאַן אין אַ פאַרלעגנהייט. האָט ער דעריבער אָנגעשריבן אָט דעם בריוו פון מנחם-מענדלען און אונטער דער מאַסקע פון שפּאַס געלאָזט פילן זיין שאַרפע איראָניע וועגן אידישע „מעצענאַטן“. ש. ע. האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פון דעם שפּיל וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען, נאָר דאָס שפּיל אַליין איז פאַר אים געווען אַן ענין (זע וועגן דעם אין דער פריערדיקער רובריק דר. גרשון לעווינס זכרונות, קאַפּיטל 6). און כך הוה: אויף מנחם-מענדלס בריוו האָט שרירא

[1] אַקערשט געקומען, קיינעם ניט געפונען, — פאַרקערעוועט צוריק, צום „שוואַרצן אַדלער“.

באַלד געענטפערט מיט... ליטעראַטור, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן בריוו, געשריבן פון שיינה־שיינדלען צו דער מאַדאַם שרירא... — מיט עטלאַכע יאָר שפעטער, אַז שלום־עליכם האָט זיך באַזעצט אין לאָזאַן, איז שרירא געקומען צו אים באַקענען זיך און האָט זיך דעמאָלט פאַראינטערעסירט מיט שלום־עליכמס אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט געזאָלט אַרויסגעבן. די זאַך איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן מחמת דעם אויסבראָך פון דער מלחמה.]

אַ בריוו פון מנחם־מענדלען פון אַמעריקע צו אַ אידן וואָס הייסט שרירא אין לאָזאַן אין דער שווייץ

(געשריבן פון שלום־עליכם ליגנדיק אין בעט אין נערווי, איטאַליע).

נערווי, ווילא בריאַנד, 3.
22־טן נאָוועמבער, 1908.

לכבוד הגביר המפורסם החכם והמשכיל וכו' וכו' כמר שמואל שרירא נ"י.

ראשית באתי להודיעכם, אַז איך בין, ברוך השם, בקו החיים והשלום, אָדער ווי מע זאָגט דאָ „אָלראַיט", — גיב גאָט דאָס געמלאַכע (זאָל גאָט היטן!) פון אייך צו האָרכן מיט בשורות טובות ישועות ונחמות אויפן כלל ישראל — אָמן.

והשנית זייט וויסן, אַז אייער מכתב, וואָס איר האָט געשריבן צו מיין ידידי שלום־עליכם שיחיה, האָב איך איבערגעלייענט עטלאַכע מאָל, און עס האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אַזאַ מענטש ווי איר, אַ סוחר פון קאַווקאַז, פרעגט זיך נאָך אויף מיר, מנחם־מענדל, וואָס האָט געדרייט אַמאָל אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, היינט פּלאָנטעט ער זיך אַרום אינם גאָל־דענעם לאַנד אַמעריטשקע־גנב אַ קלאָג צו קאָלומבוסן! איר פרעגט, וואָס איך מאַך? ביזנעס מאַך איך, איך דריי, נאָר עס דרייט זיך צוריק, אַמאָל אַרויף, אַמאָל אַראָפּ, ווי געוויינטלאַך, די וועלט איז אומעטום איין וועלט, ווי זאָגט מיין קרוב רב טביה (דער מילכיקער): הפּנקס פּתוח והיד כותבת — איז די טייטש: די וועלט איז אַ וואָגן און דער מענטש איז אַ פערד און מיינט, ער איז אַ חכם... איך זאָל אייך אָנהייבן דערציילן וואָס מיט מיר האָט זיך איבערגעטאָן אָט דאָ, אינם געבענטשטן לאַנד פון קאָלומבוסן, וואָלט מיר ניט געסטייעט דער ים מיט טינט. איך פאַרלאָז מיך שוין אויף מיין פריינט רב שלום־עליכם, ער אַז ער וועט זיך נעמען צו דעם, וועט אויסקומען אָגיל ואשמח — אי קורץ, אי גוט. דער עיקר איז דאָך אָבער נישט דאָס. איר פרעגט ביי מיר אַן עצה, צו וואָס איר זאָלט זיך נעמען פאַר אַן אַרבעט נאָך אַלע אייערע טואַכצן מיט אַלע אייערע חלומות, השכלה, הערצעליזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, רעוואָלוציאָניזם וכדומה אַזעלכע שמאָכטעליאַקעס, — קאָן איך אייך, ליבער פריינט, זאָגן אַקוראַט און אָפּנטלאַך מיט אייך זיך דורכריידן, אָבער בתנאי, איר זאָלט קיין פאַראיבּל ניט האָבן, וואָס איך רייד מיט אייך פּראָסט, אָן קונצן, טאַקע ווי אַ גוטער פריינט און ווי אַ מענטש אַ געשלאָגענער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנם. קיין פילוסופיא וועל איך מיט אייך ניט שמועסן, מחמת איך בין ווייט דערפון און דער קאָפּ איז מיר ניט דערביי. קורצע דבורים: וואָס זוכן מיר? עולם־הבא. יעדער וויל זיין חלק עולם־הבא לויט זיין שכל נאָך. אַלע ווילן מיר, מע זאָל פון אונז ריידן, און נישט נאָר היינט, אפילו מאָרגן, ווען מיר וועלן שוין מחילה זיין דאָרטן, זאָל אונזער נאָמען האָבן אַ שטיקל קיום אויף דער וועלט, און אגב זיינען מיר דערמיט עפּעס מתקן אויך, טוען עמיצן אַ טובה, אַ גרויסע אָדער אַ קליינע — בקיצור, מיר ווילן לעבן ווי מענטשן און שטאַרבן ווי



פאַקסימילע פון בריוו נומער 1.

מענטשן, אַניט איז דאָך טאַקע ווידער אַ מאָל ווי מיין פריינטל טביה זאָגט: ומותר האָדם מן הבהמה — מיינט דער פּסוק: „סאָבּאַקיע סאָבּאַטשי סמערט"... איר ווייסט מן הסתם, ליבער פריינט, אַז סאיז פאַראַן אויף דער וועלט, ביי די אומות העולם, גוטע מענטשן מיט איידעלע כאַראַקטערן, מיט הויכע נשמות — די דאָזיקע מענטשן הייסן מעצענאַטן. ביי אונז, אידן, זיינען אויך געווען אַ פּאָר מעצענאַטן — אַ וואָוועלבערג, אַ פּאָזנאַנסקי. דער חסרון, וואָס אונזערע מעצענאַטן זיינען די כפּרה נאָך גויים; מיינט איר, מחמת וואָס? מחמת עם־הארצות! איר, פּאַני שרירא, זיינט דאָך אָבער אַ תלמיד־חכם. אייך וואָלט, כלעבן, אָנגעשטאַנען צו זיין אונזער ערשטער אידישער מעצענאַט! אָט האָט איר אייך אַ טואַכץ, וואָס קאָן אייך מאַכן אַ נאָמען פון איין

עס וועלט ביזן אַנדערן עק. און טון דאַרפט איר אַזוי, נאָך מיין מיינונג געוויינטלאַך, דאָס הייסט, ווען איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, וואָלט איך אַזוי געטאָן: אַזוי ווי אונזער פריינט שלום-עליכם איז אַ שטיקל בעל-שמחה, אַ יובילאַר משטיינס געזאָגט, און די וועלט קאָכט אַזוי מיט זיין יובילייִ, אַלע בלעטער זיינען פול, דעפּעשן, ברכות, אַדרעסן פון דער גאָרער וועלט, עצות אַ סך, פּלאַנען אָן אַ שיעור, דער אַ פאָנד, דער אַ מאָיאָנטעק, דער אַזוי אַ מתנה, אַ פאָלקסמתנה, און די פאָלקס-מתנה — דאָס איז, דאַכט מיר, דאָס וויכטיקסטע, וואָס די פאַרערער האָבן אויפגעטאָן, דהיינו: זיי בילדן אַ פאָנד, אום אָפּצוקויפן ביי פאַרשיידענע פאַרלעגער אין וואַרשע דאָס רעכט אויף די שוין ערשינענע ווערק פון שלום-עליכם (10 טאָמען) און אַוועקגעבן זיי דעם בעל-היובל. קערט איר דאָך אַוודאי מיינען, אַז מע דאַרף דערצו קורחס עשירות, תרפ"ט אלפים? האָט איר היינטיקס מאָל ניט געטראָפן — אינגאַנצן וועט מען ברויכן דערצו אַ פיר אָדער פינף טויזנט קאַרבוצן, אַ ביסל איז שוין דאָ, לערך אַ צענטחלק, פעלט נאָך אַלזאָ אַזעלכע צענטויזנט פרענקלאַך, איז ווען איך זאָל זיין שרירא, וואָלט איך אַוועקגעשריבן תיכף ומיד אַ בריוול צו די פּרעזידענטן [2] דר. לעווין און אַבראַם פּאָדלישעווסקי (לויט אַדרעסע: וואַרשע, לעשנאָ 34, דאָקטאָר לעווין) און וואָלט זיך מיט זיי דורכגע-שמועסט: „ברידערלאַך, וויפיל פעלט אייך נאָך צו אייער פאָנד פון שלום-עליכמס ווערק? איך, אַ איד שרירא, וואָס קען ניט פּערזענלאַך אָט דעם שלום-עליכם, נאָר איך קען זיינע ווערק, נעם אויף זיך דעם גאַנצן דיפערענץ און וויל, אַז מע זאָל דעם קראַנקן בעל-היובל מהנה זיין וואָס גיכער וכו' וכו'..." באַקומען פון דער שווייץ אַזאָ מין מכתב, וועט דער דר. לעווין באַלד צונויפרופן אַן אסיפה פונם גאַנצן קאָמיטעט, אין וועלכן עס געפינען זיך אויך אַ פּאָר מיליאָנערלאַך, און אויסגעהערט דעם אינהאַלט פון אָט דעם שריראס בריוול, שפּרינגט-אויף דער עולם פון די ביינקלאַך און עס ווערט אַ טומל אין דער מחנה ישראל, אַ געפילדער אין אַלע צייטונגען: שמע ישראל! אַ אידישער מעצע-נאַט! דער ערשטער אידישער מעצענאַט!... און דער קול קויקלט זיך אַריבער פון לאַנד צו לאַנד און דער-גרייכט אַזש אַהער, צו אונז, קיין אַמעריקע, און דער בום ווערט אַזוי גרויס, אַז ער פאַרהילכט דעם רעש פון דעם עלעקשאָן מיט רוזוועלטן און מיט טאַפטן און מיט אַלע איבעריקע, שדים וויסן זיי! — מיינט נאָר נישט, ליבער שרירא, אַז דאָס שרייב איך אייך בדרך הלצה. ערשטנס, בין איך ניט קיין מענטש פון פּראָוועון ליצנות. והשנית, ווייס איך, וויפיל בלוט עס קאָסט אונזער פריינט שלום-עליכם, וואָס האָט געמוזט פאַר אַ נזיד עדשים פאַרקויפן זיינע בעסטע שרייבאַכצן צו פאַרשיידענע פאַרלעגער, און איצט איז דער מאָמענט, **וואָס זיי זיינען געצוואונגען פאַר אַ געוויסן פּראָפּיט אַוועקצוגעבן זיי צוריק מיט הכל בכל צו שלום-עליכמען.** איך קאָן אייך פאַרזיכערן בהן שלי, אַז אין דעם ענין פון פדיון שבויים, פון אָפּקויפן צוריק די 10 ביכער, איז פאַר אונזער שלום-עליכמען אַ לעבנספראַגע. נישט נאָר דעם גוף — די נשמה קויפט ער אויס פון גלות, און ער ווערט אַ נייגעבוירענער מענטש, אָפּגעפרישט און געזונט און חדש ימינו כקדם! — אָט אַזוי, פעטערל, שטייט דער ענין, און איך בעט אייך מחילה, טאָמער האָב איך אייך מיט דעם חלילה באַליידיקט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, און דער עיקר, איר זאָלט מיר ענטפערן תיכף ומיד אויף שלום-עליכמס אַדרעס, ניט אַראָפּשלינגען מיין עצה און נישט ענטפערן, ווי אַנדערע, אַז איר האַלט ניט פון עברי-טייטש-לשון; שוין גלייבער איר זאָלט זאָגן אַ פּראָסטן אמת: איך וויל ניט!... און ווייטער קאָן איך אייך זאָגן, אַז אייער בריוו האָט שטאַרק אויסגענומען הן ביי מיר, הן ביי שלום-עליכמען; איך בין נישט קיין מענטש פון קאָמפּלימענטן, נאָר איר שרייבט מעשה שרייבער, גאָר נישט ווי אַ געוויינלאַכער סוחר... און זייט מיר געזונט און מאַכט גוטע עסקים. אמאָל, געדיינק איך, האָט דאָס אויף קאַווקאַז שטאַרק געשפּריצט מיט נעפּט; איצטער בין איך אָפּגעריסן, ווייס איך ניט. הלואי גאָט זאָל אייך געבן טאַקע גוטע געשעפטן מיט אַ גוטן ווילן צו אויפטון עפּעס פאַר די, וואָס האָבן כמעט זייער לעבן מפקיר געווען צוליב זאַכן, וואָס קערן זיך אָן מיט דער נשמה.

ממני ידידכם דו"ש והצלחתכם

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ,

היינט אין אַמעריקע.

עיקר שכחתי: דאָס וואָס איר שרייבט אין אייער „עיקר שכחתי" וועגן אַ הלואה, וואָס דער דאָקטאָר ווייצמאַן האָט אייך אָנגעמוט פאַר שלום-עליכמען, ווייס איך ניט, וואו איז דאָ אַרוים דער טעות, נאָר אַז סאיז אַרוים אַ טעות — דאָס איז געוויס, און נאָך אַ מיאוסער טעות דערצו. עס פעלט דאָרטן אין דער סומע אַ נול. ווייס איך נישט, צי ביי ווייצמאַנען איז אַרויסגעפאַלן די נול, צי ביי אייך במחילת כבודכם האָט זיך ביז דער פּאָסט גייענדיק אַרויסגעקויקלט אַ נול, צי די פּאָסט גופא האָט געהאַט אַזאַ גראָבן טעות? אפשר קאָנט איר מיר מסביר זיין די געשיכטע מיט דער נול, וועלן מיר אייך געבן אַ יישר-כח פאַר אייער טרחה. דער עיקר, איר זאָלט ניט ווערן אָנגעשטויסן און חלילה ניט מאַכן אַ שוויג, ווי אַנדערע נגידים, אַז מע הייבט-אָן צו שמועסן מיט זיי וועגן אַכצן און דרייצן. זייט בעסער אַ גוטער ברודער, ווי עס זאָגט מיר דאָס האַרץ אויף אייך, וועט זיין גימל!

הנ"ל.

נאָך איין עיקר שכחתי: מיינט נישט פון דעסטוועגן, אַז מיר זיינען אַזעלכע כפויי-טובה.

[2] פון דעם וואַרשעווער שלום-עליכם יוביליי-קאָמיטעט.

וואס איז שייך? מיר פארשטייען ניט, וואס הייסט א גמילות־חסד? גלויבט מיר, ליבער פריינט, ווען סזאל אפילו געווען ארויספליען נאך א נול, וואלטן מיר אויך גארנישט זאגן; נישט מער, סאיז געקומען צו רייד, רעדט מען. ווי זאגט איר, א ווארט קאסט קיין געלט ניט. שרייבט זשע וואס גיכער תשובה און זייט נאך א מאל געזונט, און א דאנק אייך, און לאזט גריסן.

ה נ"ל.

3

צו נח זאבלודאווסקי

[פונם אריגינאל]

[נח זאבלודאווסקי — א העברייאישער און אידישער זשורנאליסט, אן אנגעזעענע פערזאן און קולטור־טוער אין ביאליסטאק, א נאענטער פריינט פון שלום־עליכמען. ש. ע. האט מיט אים געפירט אין פאר־שוידענע צייטן א ווארימע קארעספאנדענץ. — דער בריוו געהערט צו דער צייט, ווען ש. ע. האט געשריבן אין דער ווארשעווער „נייער וועלט" זיין סעריע „אייזנבאן־געשיכטעס" (כתבים פון א קאמיוואיאזשער). געפינענדיק זיך דעמאלט אין דער סט. בלאזיענער סאנאטאריע איינזאם און אפגעריסן פונם אידישן לעבן אין רוסלאנד, האט ש. ע. געזוכט צו קומען אין באריר מיט די טאג־טעגלאכע געשעענישן פון דעם „תחום" דורך בריוו פון נאענטע מענטשן. און אזוי ווי דער אדרעסאט האט דעמאלט געמאכט א רייזע איבער אידישע שטעט (דער בריוו איז אדרעסירט קיין האמעל), האט אים ש. ע. פארגע־שלאגן, ער זאל אים צושיקן פון זיין נסיעה איינדרוקן, וועלכע ער זאל קאנען באנוצן ווי רוי־מאטעריאל פאר זיינע „אייזנבאן־געשיכטעס". דער אדרעסאט האט שלום־עליכמס בקשה ניט באוויזן צו טון.]

סאנאטאריום סט. בלאזיען, שווארצוואלד.
12־טן סעפטעמבער, 1909.

גוטער, גוטער פריינט, נח זאבלודאווסקי!

ברוך מחיה מתים — אבי, דאנק גאט, איר לעבט! מרה שחורה ווארפט אוועק, עצבות פאסט ניט פאר קיין חסיד, פון אונזערע חסידים...

וועגן א מצוה פארדינען — מהכתיתי. פארוואס ניט? און נאט אייך שוין אייער פארלאנג: ווי איך פארשטיי, פארט איר דאך גלאט אזוי, א מין לוסטרייזע, א וואיאזש איבער דער „טשערטא". זייער גוט. איר קאנט זיין נוצלאך אי זיך, אי מיר, אי דער ליטעראטור בכלל. דהיינו, ווי אזוי?

היות ווי איר ווייסט, בין איך איצט א רייזנדער, א קאמיוואיאזשער בכל תפוצות ישראל (זע „די נייע וועלט"), וואלט איר אפשר אויפגעטאן אזא מחשבה: איר זאלט מיר צושיקן רוימאטעריאל (сырецъ) פון האמעל, פון וויטעבסק, פון ביאלי־סטאק — פון וואנען איר ווילט, אבער אזא מאטעריאל, וואס זאל מיר קאנען דינען צו מיינע „אייזנבאן־געשיכטן". דאס דארפן זיין טיפן, באגעגענישן, מעשיות, געשיכטן, אומגליקן, גליקן, פאסירונגען, פאר־ליבענישן, חתונות, גטין, פאטאלנע חלומות, אנזעצן, שמחות, חלילה לויות — מיט איינעם ווארט, אלץ וואס איר זעט און הערט, אדער וואס איר האט געזען און האט געהערט און וועט הערן אין וועג, אדער אין האמעל, אדער וואו איר ווילט. איין זאך נאר איז צו באמערקן: קיין אויס־געטראכטע זאכן, נאר פאקטן און פאקטן! דאס לעבן איז רייך מיט פאקטן, פול מיט קוריאזן, א סך אומגליקן, א ים טרערן, וועלכע, אז זיי וועלן דורכגיין דורך מיין פריזמע, וועלן זיי שוין במילא ווערן לאכנדיק, מטעמים כאשר אהבתי... נעמט, למשל, די געשיכטע נומער זעקס — „קבר־אבות" [3] — א שטיק טראגעדיע, שטאף פאר א מאדערנ[עם] ראמאן אויף א האלב יאר — און דאך ווי קורץ, ווי כלאחר־ידעוודיק! הכלל, איר דארפט מיך שוין פארשטיין. נאטירלאך, וועל איך אייער נאמען ניט ארויסשטעלן דירעקט, נאר אין אזא פארם, ווי, למשל, די געשיכטע נומער אכט, „דער נס פון הושענא רבה" [3] (וועט קומען אויף סוכות). דארט איז ביי מיר א באגעגעניש מיט א הייסינער סוחר, און אייערע מעשיות וועלן ביי מיר נאכן רעפראדוצירן גיין אלץ א ניי באגעגעניש מיט א פריינט א אינקאסאטאר נח עלקעס [4], אדער קלייבט אייך אליין אויס א נאמען, ווי איר ווילט. איר פארשטייט? איך, שלום־עליכם, דער קאמיוואא־יאזשער, באגעגן מיך אין באן מיט אייך, דעם אינקא־סאטאר, און איר דערציילט מיר מעשיות מיט מעשיות.

שרייבן — דארפט איר זיך ניט פלייסן, סזאל זיין ריכטיק צום דרוקן. אבי נאר ריין צום לייענען און אויף איין זייט געשריבן.

נאך א זאך: די נעמען פון די שטעט מיט די פערזאנען מוזן זיין ריכטיק אויפגעגעבן. איך וועל זיי שוין אליין פארדרייען וואו מע דארף. — גייטס א גאנג, צי ניין? ענטפערט.

אייערער ווי געוועז שלום־עליכם.

4

צו יעקב פאלער

[פונם אריגינאל]

[יעקב פאלער — א אידישער שרייבער אין ניו־יארק, געווען אמאל פארבונדן מיטן „מארגנזשורנאל" און „אמעריקאנער", וואו שלום־עליכם האט א לאנגע צייט באשטענדיק געדרוקט זיינע זאכן. ש. ע. האט פאלערן גערעכנט ווי זיין אמעריקאנער „אמבאסאדאר" און האט אנגעהאלטן מיט אים אן אפטע פריינטלאכע קארעספאנדענץ, הויפטזאכלאך אין שייכות מיט זיין מיטארבעטונג אין די דערמאנטע צייטונגען. — דער

[3] פון די „אייזנבאן־געשיכטעס". — [4] אזוי רופט מען דעם אדרעסאט אין זיין שטאט ביאליסטאק.

דאָזיקער בריוו, לויט זיין כאַראַקטער, געהערט צו דער פריערדיקער רובריק, נאָר דורך אַ פאַרזען איז ער דאָרטן ניט אַריינגעקומען. עס רעדט זיך דאָ וועגן שלום-עליכמס ראָמאַן „בלאָנזשענדע שטערן", וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין „מאָרגנזשורנאַל": דער אַדרעסאַט האָט געהאַט געשריבן שלום-עליכמען, אַז דער ראָמאַן געפעלט ניט דעם אַרויסגעבער פונם מ. זש., יעקב סאַפּירשטיין.]

נערווי, 5־טן דעצעמבער, 1910.

ליבער פאַלער!

— — — — — — — — — — — —

איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ קאַשע מיט באָרשט און מיט לאָקשן ביי אייך טוט זיך איצט מיט מיינע דריי פעליעטאָנען: 1) כתרילעווקע[5]. 2) קעניג פּיק[6]. 3) אַ זעקס-און-זעכציק[7]. איר וועט מיר ניט שטאַרק שעלטן?

———

איצט וועגן אייער מיטטיילן בנוגע די מיינונג פון מר. ס"ש[8]. איר האָט אַ טעות געהאַט, אויב איר האָט גערעכנט, אַז סוועט מיך קריינקען. אדרבה, עס האָט מיך געפרייט — און אָט צוליב וואָס:

געוועזן איז די מעשה אינם יאָר 1907. שבועות-צייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „אַמעריקאַנער" מיין „מאָטל פּייסי דעם חזנס". מר. ס"ש האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף דער מילכיקער סעודה. מר. ווערניק[9] איז דאָרט אויך געוועזן. פון פאַר-שבועות ביז שבועות האָב איך דערזען, מר. סאַפּירשטיינס פּנים איז צו מיר ניט כתמול שלשום. אויך מר. ווערניק בלאָזט זיך און שווייגט. מר. סאַפּירשטיין איז דאָך אָבער אַ קלוגער, מאַכט ער זיך יום-טובדיק, איז גאַנץ העפלעך, נעמט מיך אין קוני-איילאַנד. איך זע אָבער — סאיז ניט דאָס. איך הויב-אָן אויסטאַפּן, ערשט שאַ! עס איז אַרויס דער בלאַטער אַ ביסל שפּעטער. מיינע פעליעטאָנען „מאָטל דעם חזנס" זיינען אים נ י ט געפעלן. אַזוי ווייט ניט געפעלן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט (אַ טענה פאַרן „דזשואיש וואָרלד" אין לאָנדאָן[10]) האָט ער זיי אויף קאַפּיטל XXIII געהייסן סטאָפּן. און איך האָב זיי צוליב דעם נישט געענדיקט (נאָך זיבעצן קאַפּיטלאַך).

ויהי היום, גייט פּאָני און זעצט זיי איבער אינם רוסישן און גיט זיי אַרויס אין אַ באַזונדער אויפלאַגע מיטן נאָמען "Дѣти Черты". און די רוסישע קריטיק — פון די גרעסטע דיינקער פון די פיינסטע זשורנאַלן — כאַפּט עס אונטער און הייבט-אויף דעם אויטאָר אַזוי הויך, אַז, כלעבן, עס דרייט זיך מיר נאָך איצט דער קאָפּ! צו גאַגאָלן, צו דיקענסן גענומען מיך פאַרגליכן און אָנגעשריבן אויף מיר שוין גאַנצע ביכער. ניט נאָר די קריטיק — דאָס פּובליקום גאָר לעקט די פינגער. אין איין האַלב יאָר גייט מען שוין דרוקן, אַ סברה, די ד ר י ט ע אויפלאַגע! אַנדערע פאַרלעגער האָבן גענומען איבערדרוקן בגנבה[11] — און עס ווערט פאַרפירט מיט זיי אַ פּראָצעס. אַ נייער רוסישער מאָנאַטזשורנאַל פון פיינסטן סאָרט ווערט געגרינדעט — ווער איך איינגעלאַדעט צווישן די ע ר ש ט ע[12]. טאָלסטאָי איז געשטאָרבן — שרייבט מען צו מיר, איך זאָל זאָגן מיין מיינונג איבער אים. קינדערלאַך, וואָס איז מיט אייך? „סטייטש, דיעטי טשערטי! סטייטש, דעם חזנס אינגל!" — כאַ-כאַ-כאַ! און דאָס איז סאַפּירשטיינען ניט געפעלן, און ווערניק איז געוועזן אויף מיר גזלן! זיי האָבן מיר געגעבן צו וויסן — איך האָב מורא, אויב ניט פּערזענלאַך —, אַז אין „טאַגעבלאַט" גיב איך גוטע „סחורה", און זיי, אין „אַמעריקאַנער", עפּעס אַ שמאַטע, אַ חזנס אַ אינגל. כאַ-כאַ-כאַ! איך האָב נאָך דעמאָלט געלאַכט, געפילט וואָס פאַר אַ „חזנס אַ אינגל" דאָס וועט זיין. איך האָב געזאָגט: איך גיי געבן עצם מעצמי ובשר מבשרי[13]. עס איז, ליידער, ניט פאַרענדיקט. איך וועל נאָך די איבעריקע זיבעצן קאַפּיטלאַך, אם ירצה השם, אויפשרייבן, וועט דאָס זיין ערשט דעמאָלט אַ כלי שלמה. די דריי-און-צוואַנציק קאַפּיטלאַך ווערן איצט פון רוסיש איבערגעטראָגן אין צוויי לשונות: דייטש און ענגליש. איך שיק אייך דאָ עטלאַכע אויסשניטלאַך נאָר פון עטלאַכע צייטשריפטן[14]. לאָזן זיי ליגן ביי אייך ביז אַ קורצער צייט. איך וועל זיי דאַרפן געברויכן אפשר אין ניו-יאָרק. — הקיצור, היינט פאַרשטייט איר שוין, ווי שטאָלץ איך בין מיט די „בל[אָנזשענדע] שטערן" נאָך דער אויבנבאַשריבענער מעשה? איצט הייב איך ערשט אָן צו האָפן, אַז מיין ווען מיט דעם ווערק צו ערווערבן זיך אַ נאָמען פון טאַקע באמת אַ שריפטשטעלער וועט אויסגעפילט ווערן. אין קיין ווערק האָב איך ניט אַריינגעלייגט אַזויפיל כח און מח, קיין ווערק האָב איך ניט אַזוי געפיילט און געשליפן, קיין ווערק האָב איך ניט געשיינקט אַזויפיל ליבע, ווי דעם דאָזיקן ראָמאַן. און אַז איך וועל אים פאַרענדיקן און ער וועט ווערן איבערגעטראָגן אין אַנדערע לשונות, וועט איר דעמאָלט זען. דעמאָלט וועט איר קאָנען פאַרעפנטלאַכן די דאָזיקע ווערטער מיינע, וואָרים איך וועל דאָך שוין זיין אויף

[5] „כתרילעווקע אין יעהופּעץ", געדרוקט אינם „אַמעריקאַנער" (שפּעטער באַטיטלט „כתרילעווקער נשרפים"). — [6] געדרוקט אינם „קונדס". — [7] געדרוקט אינם „טאַגעבלאַט". — [8] סאַפּירשטיין. — [9] פּעטער ווערניק, דער רעדאַקטאָר פונם „מאָרגנזשורנאַל". — [10] „מאָטל פּייסי דעם חזנס" האָט זיך געוועזן געדרוקט, אחוץ אין דעם „אַמעריקאַנער", אויך אין דער אידישער אָפּטיילונג פונם לאָנדאָנער „דזשואיש וואָרלד", און סאַפּירשטיין האָט איבער דעם אָפּגעשטעלט אינמיטן דאָס דרוקן פון די דערציילונגען אינם „אַמעריקאַנער".

[11] געמיינט אַ געוויסן אָדעסער פאַרלעגער מיטן נאָמען שערמאַן, וואָס האָט דעמאָלט, אָן שלום-עליכמס וויסן, אַרויסגעגעבן אַ ביליקע אויסגאַבע פון זיינע דערציילונגען אויף רוסיש און האָט מיט איר פאַרפלייצט דעם רוסישן ביכערמאַרק. — [12] געמיינט דעם זשורנאַל „סאָוורעמענניק", אין וועלכן עס האָט זיך געדרוקט די איבערזעצונג פון די „בלאָנזשענדע שטערן". — [13] ביין פון מיין ביין און פלייש פון מיין פלייש. — [14] דאָס הייסט, רעצענזיעס פון רוסישע זשורנאַלן איבער „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

דער אמתער וועלט, און מר. סאפירשטיין אויך מסתמא... דערווייל לאז זיין שא! — — — .

שלום-עליכם.

5

צו די פאלינקאווסקים

[פונם אריגינאל]

[מאניש און פאיע פאלינקאווסקי פון אדעס — געוועזן אינטימע פריינט פון שלום-עליכם און זיין הויז־געזינד זינט די אדעסער יארן (זע דעם אריינפיר צו דער רובריק „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער", קאפיטל 10). שלום-עליכם האט זיך צו זיי תמיד באצויגן, ווי צו אייגענע. דערהויפט האט ער ליב געהאט מאנישן — א שטילן, קלוגן, פילאזאפיש געשטימטן מענטשן, וועלכער איז אגב געוועזן א חיוסער פארערער פון שלום-עליכמען. אין זיינע בריוו צו י. ח. ראווניצקין (דער נאענטסטער פריינט פון די פאלינקאווסקים, וואס האט תמיד געוואוינט מיט זיי צוזאמען) דערמאנט אים ש. ע. גאנץ אפט מיט די ווערטער: „און מאניש שוויגט" — וואס דארף הייסן, אז מאנישעס שווייגן האט אין זיך מער אינהאלט ווי אן אנדערנס ריידן. — דער בריוו איז געשריבן נאכדעם, ווי ביי די פאלינקאווסקים איז פלוצים געשטארבן זייער איינציקע טאכטער ליאליא — א שיין געראטן קינד, נאך וועמען ש. ע. האט געטרויערט מיטן גאנצן הארצן.]

נערווי, 8־טן יאנואר, 1911.

טייערער מאניש!

טייערע פאיע!

בעסטע ליבסטע פריינט!

נאך איין פייל אין הארצן — און פון גאר אן אומגעריכטער זייט!

דאס איז ראווניצקיס בריוול, וואס מיר האבן נאר־וואס, איך און אלגא, מיט אמתע, ניט געמאכטע טרערן, דורכגעלייענט צוויי מאל.

טרייסטן? איך זאל אייך טרייסטן? וואו איז דען דא אויף אזא זאך א טרייסט?

ווערטער? פון וואנען וועלן זיי זיך נעמען? און אז איך וועל אייך זאגן 100 מאל, אז סאיז דא גרעסערע צרות פון אייער צרה, וועט דאס אייך דען זיין א רפואה? ווייסט איר דען אליין ניט, אז סע שטארבט א טאטע אדער א מאמע און עס בלייבן קינדער, איז א סך ערגער, ווי עס שטארבט־אפ ביי טאטע־מאמע א פייגעלע, א צירונג, א טרייסט אין שטוב? נישמער, וואס איך קאן אייך ברייננען, איז נאר דאס, אז איך און אלגא און אלע מיינע קינדער טיילן מיט אייך אייער גרויסן ווייטיק און נעמען־צו ביי אייך א שטיק טרויער, און איבערהויפט איך — עס איז אפשר א נארישקייט, נאר א טאטזאך — איך, וואס איך האב ליאליען שוין לאנג ניט געזען, נאר געהערט פון אלגען דערציילן, וואס פאר א שיינע שמעקנדיקע בלום עס וואקסט ביי אייך אין שטוב, און נאר געהערט פון ליאליען (אונזער ליאליקע) נאכ־זינגען אירע לידלאך — — — האב איך מיר אין מיין פאנטאזיע פארגעשטעלט די שיינע בלום, וואס הייסט מיטן נאמען „ליאלי", און עפעס א געפיל פון אויסערארנטלאכער פריינטשאפט און ווארימער היימ־לאכקייט האט מיך צו דעם קינד געצויגן, און ווי מיינס א קינד האט זי ביי מיר אין הארצן פארנומען א באזונ־דערן גאנץ בכבודן פלאץ. און, ווי איר געדיינקט, האב איך מיט איר קארעספאנדירט א שטיק צייט, און אירע ליבע, זיסע, פול [מיט] הומאר בריוועלאך ליגן דאך ביי מיר אין מיין ארכיוו, ווי אן אבן־טוב, צווישן די ליבסטע און בעסטע דאקומענטן פון מיין ארטיסטיש־שריפטשטעלערישן לעבן. דאס איז א פאקט, וואס דארף זיין ביי אייך אנגעלייגט דערמיט, וואס איר קאנט ניט זאגן, אז דאס לעבן, דאס קורציאריקע לעבן פון דעם קינד, איז אוועק אן א שום רושם און אן א שום זכרון פאר דער אויסערער וועלט. און אז סאיז נישטא אחוץ אייך מער קיינער, וועלכער טרויערט שטילערהייט אויף דער אומגעהויערער אומגערעכטיקייט און וועלכער באדויערט אייך, די אומדערבארעמדיק באהאנדלטע פאטער און מוטער.

שאדע, וואס איך בין אזוי ווייט פון אייך מיטן גוף (מיט דער נשמה נאענט) און קאן ניט אויסטריקענען אייערע טרערן און בין ניט בכח דאס צו טון מיט ווערטער. אבער איך מיין, אז דער פילאזאף, וואס שטעקט אין אייך, מאניש, און איר, קלוגע פאיע, וועט פארשטיין, אז ניט מיט געוויין, ניט מיט טרערן, ניט מיט זיפצן וועט איר עפעס אויפטון. סאיז אזא מיאוסע בייזע ווּיסטע וועלט אט דא אויף דער ערד — אז מע מוז זיך אנטון א כח און גלויבן, אז סאיז דא דארט ערגעץ, אויסער אונז, א מין פארטזעצונג פון אונזער לעבן, און אז אונזער לעבן איז א טראפן אין ים קעגן יענער לאנגער אומענדלאכער פארטזעצונג. און וויבאלד אזוי, איז דער גוואלד ניט אזוי גרויס אויף דעם, וואס גייט אוועק, ווי אויף אונז, נאראנים, וואס מיר בלייבן דא. איר הערט ווערטער ניט פון א צופרידענעם בורזשוי, וואס גלעט זיך דאס בייכל און דאס בלוט שפריצט אים פון די ליפן. ערשטנס, ווייסט איר, אז איך בין נאך אליין אויך א שטיק חולה (נישט אומס פארגעניגן זיצט מען אין נערווי), און א זון (מישא) ליגט, ברוך השם, אויך אין נערווי מיט א פריצייטיקן לונגפעלער — באקומען פון א מעדאל און ניט אריין אין אוניווערסיטעט [15], — און בערקאוויטש (טיסים) ליגט אין ווילנע אויף א אינפלוענצע (אזוי שרייבט טיסי — און גייט גלויבט איר אויף נאמנות, אז אינפלוענצע). און נאטאשא (מאַ־זאר) [16] ליגט אויך ביי אונז אין נערווי מיט א

[15] דאס הייסט, פון ערגערניש, וואס כאטש ער האט געענדיקט גימנאזיע מיט א מעדאל, האט מען אים, לויט די דעמאלטיקע באגרענעצונגען פאר אידן אין רוסלאנד, ניט צוגעלאזט צו דער אוניווערסיטעט. — [16] א פלימעניצע פון פרוי שלום-עליכם.

קליינִיקייט, אַ порокъ сердца [17], און פון פרעמדע, זייטיקע צרות שמועסט מען ניט! דער אומגליק־לאַכער יונגער ***, וואָס ראַבניצקי און ביאַליק האָבן מיר צוגעשיקט אַ מתנה, האָט צוגענומען ביי אונז אַלע אַ שטיק געזונט [18]. אויסער דעם, וואָס ער איז געשטאָרבן — שטאַרבן איז גאָר אַ מין развлеченье [19] קעגן דעם, וואָס מיט דעם *** האָט געטראָפן. איך שרייב עס אייך בסוד — דאָס ווייסן נישט מיינע לייט און דאָס טאָר ניט וויסן דער רב ***: דער בחור (אַזוי שרייבט מיר דער געוויסער אירקוטס־קער פיינבערג [20] פון סאַנרעמאָ) האָט איבערגעגעבן דער שוועסטער (сестрѣ милосердія) 250 פראַנק, זי זאָל זיי דעפּאָנירן אין האָספּיטאַל, און אַליין, ניט קוקנדיק אויף זיינע געשוואָלענע פיס און מוראדיק פאַרבייטערט האַרץ, האָט ער זיך מיט נסים ונפלאות קוים צוגעקראַטשקעט [זיך] צום פענסטער און אַרויס־געוואָרפן זיך פונם דריטן שטאָק אויף די שטיינער און צעפּאַלן געוואָרן אויף שטיקלאַך!

— — — — — — — — — — — —

איך זאָג אייך, סאיז אַ מיאוסע בייזע וועלט, און נאָר אויף־צו־להכעיס דאַרף מען ניט וויינען! אויב איר ווילט וויסן, איז דאָס דער אמתער קוואַל, די אמתע אורזאַכע פון מיין שטענדיקן גוטן לוין, פון מיין, ווי זיי רופן דאָס, „הומאָר". אויף־צו־להכעיס ניט געוויינט! אויף־צו־להכעיס נאָר לאַכן, נ אָ ר ל אַ כ ן!

טייערער מאַניש! טייערע פּאַיע! אויב איר קאָנט און אויב איר ווילט מיר אָפּענטפערן אויף מיין בריוו, וועט איר מיר און זיך, אַ ביסל כאָטש, פאַרגרינגערן דעם גרויסן ווייטיק. און אַז איר וועט שרייבן, וועט איר שוין שרייבן אַלץ: פון וואָס פאַר אַ שלאַפקייט די טייערע אומפאַרגעסלאַכע לעבעדיקע ליאָלי איז געשטאָרבן? און אַלצדינג, ווי איר קאָנט, און אין וואָסער אַ שפּראַך איר ווילט, און יעדער באַזונדער, און פון אירע לעצטע טעג, און פון אירע לעצטע וואָכן און חדשים — אַ ל צ ד י נ ג זאָלט איר שרייבן..... [21]

6

צו מאיר הײלפּערין

[פון אַ קאָפּיע]

[דער אַדרעסאַט — אַ באַקאַנטער מוכר־ספרים אין מינסק און דער מחבר פונם ספר „הנוטריקון, הסימנים והכנויים". שלום־עליכם האָט זיך מיט אים באַקענט, קומענדיק קיין מינסק אויף אַ פאָרלעזונג, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך הײלפּערינס אײדים, דעם ציוניסטישן עסקן מיכל ראַבינאָוויטש. — דער דאָזי־קער קוריאָזער בריוו, געשריבן אין ראשי־תיבות, איז אַן ענטפער אויף דעם אויבנדערמאַנטן ספר „הנוטריקון", וואָס דער אַדרעסאַט האָט אין יענער צייט צוגעשיקט שלום־עליכמען (דער ספר איז אַ זאַמלונג און אַן אויסטייטשונג פון אַלע ראשי־תיבות, וואָס געפינען זיך אין דער תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור). ש. ע. האָט צוגעטראַכט פאַרן בריוו אייגענע איינפאַלן אין „נוטריקון", אַזוי אַז דעם „בעל הנוטריקון" אַליין זאָל זיין שווער זיי צו טרעפן. אין די מינסקער משכילישע קרייזן האָט מען זיך מיט דעם בריוו אַרומגעטראָגן, געבראַכן די מוחות אויפן באַשייד פון שלום־עליכמס ראשי־תיבות און געהאַלטן איבער דעם וועטעס לטובת דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד". דאָ ווערט געבראַכט דער בריוו צוזאַמען מיט זיין שליסל, וואָס טיילווייז איז ער פאַרצייכנט געוואָרן פון שלום־עליכמען אַליין אויף דער קאָפּיע, וואָס ער האָט געלאָזט פאַר זיך לזכרון, און טיילווייז איז ער געמאַכט געוואָרן פון דער רעדאַקציע.]

אל האָדון הח' ר"מ הײלפּערין במינסק (בעל הנוטריקון והכנויים וכו').

אדוי"ד בעה"מ הנוה"כ צמ"ס עהומ"ס מר מ"ה מ"מ נ"י!

אש"ש שקראתי את ספ' לא יכלתי להבליג ע"ר מבלי להשבפ"נ. הוי כ"ש עמלת! ימ' כל' עשית! עד שהוצאת מת"י ד"מ. תועל"ג הבאת לעמך ונ"ר לכל ת"ח ולמדב"א דבאה"ד ודי בכאו"א. האנל"ה שאחרי קראתי הקדמתך לס' אָמרתי: א"א לא"א להיות מע"פ בקדמ"ח, כי מיב"י? אלא אחרי שעברתי עפ"ס ראיתי שאין כמוך נ"ד ונ"מ, כי קיימת א"ד ולא שכחת אפילו קוצש"י. עא"א לך בלש"ח, שד"ג עשית לעמך ע"כ יודוך רבים. וממני קבל נא ברצ' תח"ג בעד מנה"ט ואל נא תאשימני בהס"ג ח"ו, כי די לי בד"א של יהדותי, וכ"א ארבשמטקש"א.

אני עב"א המת' בע"ר שת"ח ידידך אוהבך ודו"ש וש"ח המשכיל מר מ"ר מ"מ שלולב"ב שיחי'.

ש"ע.

24 מאַי, 1912. קלאַראַן.

[ד ע ר ש ל י ס ל צ ו ם ב ר י ו ו. — אדוני וידידי, בעל־המחבר „הנוטריקון והכנויים", צנא מלא ספרי, עוקר הרים ומפרק סלעים, מר מאיר היילפּרין ממינסק, נרו יאיר! אחרי שש שעות שקראתי את ספרך לא יכלתי להבליג על רגשותי מבלי להגיד שבחך בפניך. הוי, כמה שנים עמלת! ימים בלילות עשית, עד שהוצאת מתחת ידך דבר מתוקן. תועלת גדולה הבאת לעמך ונחת־רוח לכל תלמיד־חכם ולכל מאן דעסקין באורייתא, די באתרא הדין ודי בכל אתר ואתר. האמת ניתנה להאָמר, שאחרי [ש]קראתי הקדמתך לספרך אָמרתי: אי־אפשר לאָדם אחד לעייל פילא בקופא דמחטא, כי מי יבוא בהר יי? אלא אחרי

[17] אַ האַרצפעלער. — [18] דאָ רעדט זיך וועגן אַ יונגנמאַן פון אַ באַוואוסטער שריפטשטעלערישער פאַמיליע, וואָס איז דעמאָלט געקומען קיין איטאַליע אין דער לעצטער מדרגה פון שווינדזוכט, און ניט וועלנדיק וואַרטן אויפן אומפאַרמיידלאַכן טויט, האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. שלום־עליכם, וואָס האָט דעם יונגנמאַן שטאַרק מקרב געווען און געזאָרגט פאַר זיין באַקוועמלאַכקייט, איז פון דעם דאָזיקן טויט געווען אַ לאַנגע צייט דערשיטערט. — [19] פאַרווייַלונג. — [20] יצחק פיינבערג, אַ געוויסער ציוניסטישער נדבן אין יענער צייט. — [21] דער סוף פונם בריוו פעלט.

שעברתי על־פני ספרך, ראיתי שאין כמוך נאה דורש ונאה מקיים, כי קיימת את דבריך ולא שכחת אפילו קוצו של יוד. עכשיו אני אומר לך בלי שפתי חנף, שדבר גדול עשית לעמך, על כן יודוך רבים. וממני קבל־נא תשואת־חן גדולה בעד מנחתך הטובה, ואל־נא תאשימני בהסגת גבול חס ושלום, כי די לי בדלת אמות של יהודותי, וכבר אָמרו: אָדם רוצה בקב שלו מט׳ קבין של אחרים. אני עבדך בן אמתך, המתאבק בעפר רגליהם של תלמידי־חכמים, ידידך אוהבך ודורש שלומך ושלום חתנך המשכיל מר מיכל רבינוביץ ממינסק, שלום לו ולכל בני־ביתו שיחיו.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

ד י א י ד י ש ע א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. — מיין האַר און מיין פריינט, דער פּראָפעסער פון „הנוטריקון והכנויים“, אַ קאָרב פול מיט ספרים, אַן אויסרייסער פון בערג און אַ צעשטערער פון פעלזן, הער מאיר היילפּערין פון מינסק, זיין ליכט זאָל שיינען! נאָכדעם ווי איך האָב זעקס שעה געלייענט דיין ספר, קאָן איך מיך ניט איינהאַלטן, איך זאָל דיר ניט אַרויסזאָגן אַ קאָמפּלימענט אין די אויגן. ווי, וויפיל יאָרן דו האָסט געהאָרעוועט! טאָג ווי נאַכט האָסטו געאַרבעט, ביז דו האָסט אַרויסגעלאָזט פון דיין האַנט אַ רעכטע זאַך. אַ גרויסן נוצן האָסטו געבראַכט דיין פאָלק און אַ פאַרגעניגן פאַר יעדן געלערנטן און פאַר אַלע די וואָס זיינען זיך עוסק אין תורה, סאַי די וואָס זיינען דאָ אויפן אָרט און סאַי די וואָס זיינען אין אַנדערע ערטער. דעם אמת געזאָגט, האָב איך לייענענדיק דיין הקדמה צו דיין ספר געטראַכט: סאיז אוממעגלאַך פאַר איין מענטשן דורכצופירן אַ העלפאַנט אין אַ לעכל פון אַ נאָדל, וואָרים ווער קאָן עס דערגיין ביז דעם באַרג פון גאָט? אָבער נאָכדעם ווי איך בין דורכגעגאַנגען דיין ספר, האָב איך געזען, אַז סאיז ניטאָ נאָך אַזאַ ווי דו, וואָס זאָל אַזוי שיין ריידן, אַזוי שיין טון, וואָרים דו האָסט געהאַלטן וואָרט און האָסט ניט פאַרגעסן אַפילו אַ שטריכעלע פון אַ יוד. אַצינד זאָג איך דיר אָן אַ שום חניפה, אַז דו האָסט געטאָן אַ גרויסע זאַך פאַר דיין פאָלק, דעריבער וועלן דיך פיל מענטשן לויבן. און פון מיר נעם־אָן אַ גרויסן דאַנק פאַר דיין גוטער מתנה, און באַשולדיק מיך ניט אין פאַרכאַפּן יענעמס חס ושלום, וואָרים מיר איז גענוג די פיר איילן פון מיין אייגענער אידישקייט, און די חכמים האָבן שוין איינמאָל געזאָגט: אַ מענטש וויל בעסער איין קאָרב זיינעם אַן אייגענעם, איידער ניין קערב פרעמדע. איך בין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט, וואָס שטויבט זיך אין די שטויב פון די פיס פון תלמידי־חכמים, דיין פריינט, וואָס האָט דיך ליב און גריסט דיר און דיין איידים דעם משכיל הער מיכל ראַבינאָוויטש, פרידן צו אים און צו אַלע זיינע בני־בית זאָלן לעבן.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.]

7

צו אַברהם אליהו לובאַרסקי

[פונם אָריגינאַל]

[אַברהם אליהו לובאַרסקי — געווען אַ באַקאַנטע פּערזאָן אין די ציוניסטישע און אידיש־ליטעראַרישע קרייזן, פריער אין רוסלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע, אַ פריינט פון אידישע שריפטשטעלער און אַ „חסיד“ פון גדולים, געקרוינט נאָך פון י. ל. גאָרדאָן אַלץ דער טיפּישער „קורא יקר“. שלום־עליכם איז געווען מיט אים באַפריינט זינט די אַדעסער יאָרן און האָט מיט אים אין פאַרשיידענע ציטן געפירט אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ. ש. ע. האָט אין אים ליב געהאַט דעם באַגאַבטן פאָלקסמענטש און תלמיד־חכם און האָט גרויס הנאה געהאַט פון זיינע געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פאַרביקן הומאָרפולן אידיש און מיט פאָלקסטימלאַכן אַלטפּעטערישן שאַרפזין. די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר אין ניו־יאָרק איז לובאַרסקי געווען אַ בן־בית ביי שלום־עליכמען, פלעגט אים באַזוכן עטלאַכע מאָל אין דער וואָך, און מיט זיינע שמועסן און „פּאָטשטן“, וואָס ער פלעגט אים ברענגען פון דער ליטעראַרישער „קיבעצאַרניע“ און פונם אידישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן, האָט ער אים פאַרלייכטערט זיין שווער קראַנק געמיט און זיין עלנטקייט אין דער גרויסער טומלדיקער שטאָט — אַזוי ביז צו שלום־עליכמס לעצטע טעג. — דער בריוו, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, איז אײנער פון די הונדערטער בריוו, וואָס ש. ע. האָט אין פאַרשיידענע פּעריאָדן געשריבן צו לובאַרסקין. ער איז אַדרעסירט קיין פראַנקפורט, וואו לובאַרסקי האָט זיך געלאָזט אָפּערירן אויפן האַלז מחמת היזעריקייט און האָט וועגן דעם צוגעשיקט שלום־עליכמען אַ וויציקן בריוו, אין וועלכן ער האָט אגב פאָרגעשטעלט זיין ניו־יאָרקער פריינט יצחק גאָלדבערג, וואָס איז מיט אַ טאָג שפּעטער געקומען צו שלום־עליכמען קיין קלאַראַן (מאָנטרע) צו באַקענען זיך (זע קומענדיקן בריוו צו יצחק גאָלדבערג).]

קלאַראַן (שווייץ), רי די לאַק 15.

7־8־טן סעפּטעמבער, 1912.

חביבי לובאַרסקי א״א [22]!

אַייער בריוול האָט אונז אַלעמען געמאַכט אַזוי צום לאַכן, אַז איך האָב עס איבערגעשיקט צו בערקאָוויטשן קיין אַדעס, ער זאָל אויך לאַכן. און געלאַכט האָבן מיר פונם חלוש און בעל־בכי און פונם גרויסן קרעכצער, וואָס וועגט הונדערט פונט [23], און איבערהויפּט פונם טאָן, פון דער עכט־הומאָריסטישער שפּראַך אַייערער („גיט אַכטונג אויף דער כרופּקער כלי“ [23]) — כלעבן, איר זיינט אַ זשאַרגאָניסט פון די, וואָס מע רופט „קפריסין“; שאַדע, וואָס איר האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין נאַרישקייטן — וויסאָצקים טיי, סאַנט־דאָמינגער מאַליאַס [24], וכדומה אַזעלכע שטותערייען. איידער איך

[22] אברהם אליהו. — [23] דערמיט ווערט נעמיינט יצחק גאָלדבערג. — [24] לובאַרסקי איז געווען אין אַמעריקע דער פאָרשטייער פון וויסאָצקים טיי־געשעפט און האָט דעמאָלט אויך געהאַט צו טון מיט צוקער־פּלאַנטאַציעס אין סאַנטאָ דאָמינגאָ.

שיק-אפ דעם בריוו קיין אדעס, וועל איך אים פריער ווייזן אונזער „אחד העמען“ [25]. ער איז טאקע פרינציפיעל א געגנער פון „זשארגאן“, נאר בעצם — און בסוד סודות — האט ער ליב א אידיש ווארט כלות הנפש, ווי אן עכטער יאהודי א אידיש צימעסל מיט א שטיקל ברוסט... הקיצור, פאלגט מיך, ווערט א שרייבער אויף דער עלטער. איך וועל אייך געבן א פארטיקע טעמע — סזאל נאר זיין אין דעם די מניעה! און אויף דער „כרופקער כלי“ ווארטן מיר. — איצט א ביסל ביזנעס: — — — .

און וואס איר קאנט ניט זיין בק"קנו, איז שאדע. מיר פארן מיט אחד העמען מארגן-איבערמארגן א ביסל מיטן שיף קיין אושי-לאזאנא וחזרה. און אייך ווינטשן מיר א האלז צו די ימים נוראים, איר זאלט אזוי זינגען, ווי איר האט געזונגען ביז אהער אברהם-אליהודיק, עד מאה ועשרים שנה, און א כתיבה וחתימה טובה וכו'.

אייער שלום-עליכם.

פ. ס. — פריוואט פון מיין זוגתי שתחיה. זי זאגט, פארוואס זיינט איר בעסער ניט געפארן צום וועלטבארימטן האלזפראפעסאר מירמא אין לאזאנא? ער האט אונזער בן אויסגעשניטן און אויסגעברענט און אויסגערייניקט די דריזן פון האלז על צד היותר טוב. ובפרט אז דער מירמא איז מפורסם בענין ה ה י י ז ע ר י ק י י ט בכל קצוי תבל ובכל אפסי ארץ, ממזרח שמש ועד מבואו [26]!

נ. ב. — ביילינגענד אויך א שטיקל „טאגעבלאט“ וועגן אונזער דר. בלוישטיין ע"ה [27]. חבל על דאבדין [28] — א גוטער ברודער געוועזן, פלעגט עסן שבת ביי מאסליאנסקין קוגל מיט די הענט, אן א גאפל...

8

צו יצחק גאלדבערג

[פון א קאפיע]

[דער אדרעסאט איז געוועזן א באקאנטער משכיל און רייכער וויינהענדלער אויף דער איסט-סייד אין ניו-יארק. אויף זיין רייזע אין אייראפע איז ער פארפארן צו שלום-עליכמען קיין מאנטרע, שווייץ, און דארטן זיך באקענט מיט אים. שפעטער, אין ניו-יארק, אינם יאר 1915, פלעגט ש. ע. זיך אפט טרעפן מיט אים און פריינטלאך פארברייגגען. — דעם בריוו האט גאלדבערג ארויסבאקומען פון שלום-עליכמען אויף צו באווייזן אים פאר זיינע ניו-יארקער פריינט, מיט וועמען ער איז געגאנגען אין געוועט, אז ער וועט מאכן לאכנדיק דעם גרויסן אידישן הומאריסט.]

[25] אחד העם האט דעמאלט פארבראכט אין מאנטרע. — [26] אין אלע עקן וועלט, פון זונאויפגאנג (מזרח) ביז זונאונטערגאנג (מערב). — [27] דר. דוד בלוישטיין, א באקאנטער געזעלשאפטלאכער ארבעטער ביי די דייטשע אידן אין ניו-יארק, געוועזן א צייט דער פארוואלטער פון דער „עדיוקיישאנאל אלייענס“ אויף איסט-בראדוויי. — [28] א שאד אויף די וואס גייען אוועק.

ב"ה יום א' כ"ו אלול ה'תרע"ב. 8 אויגוסט, 1902 [29]. מאנטרע, שווייץ.

איך גיב ארויס אויף פאפיר כתוב וחתום, אז סאיז אריינגעקומען צו מיר א איד פון ניו-יארק מיטן נאמען יצחק גאלדבערג און גענומען ריידן, דערציילן מעשיות און זאגן משלים, האב איך, שלום-עליכם, זיך געהאלטן ביי די זייטן לאכנדיק! —

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

9

צו אדוואקאט ליכטענבוים

[פון א קאפיע]

[דער אדרעסאט, דעמאלט א יונגערמאן פון פוילן, איז געוועזן איינער פון די קור-געסט אין באד ווילדונגען, דייטשלאנד, וואוהין שלום-עליכם איז געקומען אויף א קורצער צייט אויף קוראציע. ער האט זיך געפונען אין דעמזעלבן האטעל, וואו ש. ע. איז איינגעשטאנען, און וועלנדיק באקענען זיך מיט אים, האט ער אים אנגעשריבן א בריוו אונטער דער מאסקע פון „מנחם-מענדלען“ און האט אים אגב פירגעהאלטן, למאי ער האט ביים טיש אינם האטעל באנוצט א גאפל צו אזא געריכט, וואס „על-פי דין“ באדארף מען דערצו נוצן א לעפעלע. שלום-עליכם האט אויפגענומען דאס שפיל און האט געענטפערט „מנחם-מענדלען“ מיט אט דעם בריוו, לויט ווי ער האט פארדינט. — עס דארף דא באמערקט ווערן, אז אין יענער צייט האבן זיך אינם ווארשעווער „היינט“ געדרוקט מנחם-מענדלס בריוו וועגן פאליטיק, וועגן טערק און וועגן דעם עלפטן ציוניסטישן קאנגרעס, וואס איז דעמאלט פארגעקומען אין ווין און וואו מנחם-מענדל האט זיך ארומגעטראגן מיט זיינע ציוניסטישע פלענער.]

באד ווילדונגען, פירשטענהאף אונד האטעל גאעקע. [3-טן סעפטעמבער, 1913.]

לכבוד ידידי היקר החכם מופלג הנגיד מפורסם מוהר"ר מנחם מענדל נ"י.

ראשית שרייב איך אייך, אז איך בין, ברוך השם, בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הארכן איינס פון דאס אנדערע נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתוך כלל ישראל — אמן.

והשנית, בעט איך קיין פאראיבל ניט האבן, וואס איך זאג אייך דעם אמת: איך בין פון אייער בריוו געווארן גאר מבולבל ומטושטש. עפעס איז דאס מיר אויסגעקומען, ווי א בייזער חלום. סטייטש, נאך א מאל: איך שיק אוועק א אידן קיין ווין אויפן קאנגרעס, וואו מע קוקט שוין ארויס אויף אים, און נישט אזוי אויף אים, ווי אויף זיינע פראיעקטן, וואס ער האט וועגן ארץ-ישראל, צום סוף נאט אייך אזא מין — איז ער גאר אין ווילדונגען! און ניט אליין, נאר מיט

[29] סאיז א פליטת הקולמוס פון ש. ע.; עס דארף זיין: 8-טן ס ע פ ט ע מ ב ע ר, 1912.

דער פלוניתטע! און וואו? אין אַזאַ אַריסטאָקראַטיש באָד, אין אַזאַ גרויסאַרטיקן האָטעל, צווישן שרים ומלכים. אַ קלייניקייט פירשטענהאָף! אָדער איך בין משוגע, אָדער איר זיינט גערירט! ווי נעמט דאָס אַ מענטש און וואַרפט־אַוועק געשעפט און קומט זיך באָדן מיט פירשטן? צי אפשר האָט איר טאַקע דורכגעפירט איינעם פון אייערע פּראָיעקטן מיטן טערק און געכאַפּט אַ גראָבס — משום הא? באַדאַרף מען עס אויסברייינגען, שוין אַזוי גיך? און נאָך מער חידושט מיך אויף אייער פלונית. מילא מנחם־מענדל טוט אַמאָל אַ נאַרישקייט, אָבער שיינה־שיינדל! ווי קומט עס, זי זאָל זיך לאָזן איבעררעדן? הקיצור, איך בין אויסער זיך! אַצינד באַדאַרף מען אייך געבן תשובה, ווי זאָגט איר, על ראשון ראשון ועל אחרון אַחרון. איר פרעגט זיך נאָך ביי מיר אויף זאַכן, וואָס זיינען שייך צו עדוקאַציע, און בדרך־אגב וואַרפט איר מיר אויס, אַז איך האָב געגעסן אַ מאָדנע מין מאכל ניט מיט אַ לעפעלע, ווי סהאָט לפי דעתכם באַדאַרפט צו זיין, נאָר מיט אַ גאָפּל. איז אַזוי די מעשה: דער דרך־ארץ פאָדערט, אַז איר זיצט ביים טיש צווישן שררות, באַדאַרפט איר ניט פאַרגעסן וואו איר זיצט, און ניט מיינען, אַז איר זיצט אין כתרילעווקע ביי דער יאָדעדקע אין רעסטאָראַן, און דאַרפט נישט דרייען זיך און נישט קוקן נישט רעכטס, נישט לינקס, נאָר גלייך אַקעגן, עס מעג דאָרטן דונערן און בליצן. ניט אַייער באַבעם דאגה, צי יענער עסט מיט אַ לעפל, צי מיט אַ גאָפּל, [צי] אפילו מיט די הענט — איר דאַרפט זיצן אין געהאַקטע וואונדן וויפיל סאיז אַייך אָנגעצייכנט און טון אַייער זאַך. אַ שטיקל גליק, וואָס איר האָט זיך אַיינגעהאַלטן און קיין געשריי ניט געגעבן פונדער־וויטן: „רב שלום־עליכם, גאָט איז מיט אַייך, וואָס טוט איר?!" פון מנחם־מענדלען קאָן מען [דאָס] דערוואַרטן. נאָר וואָס זשע דען? איר זיינט דאָך אַ איד און ווילט פאָרט וויסן: סטייטש, שלום־עליכם שפּקת הוא, מה ראָה [חכם] לשטות זו? [30] ווי קומט דאָס טאַקע, אַז שלום־עליכם, אַ אידישער הומאָריסט, זאָל ניט וויסן, ווען אַ לעפל און ווען אַ גאָפּל? באַדאַרף מען אַייך קלאָר מאַכן, אַז דאָס איז געווען מיט אַ קוק. אין די דאָזיקע כפול־שמונהדיקע האָטעלס איז דער מנהג, מע דערלאַנגט אַייך כלערליי מיאוסקייטן, דער רוח ווייסט וואָס, לעבעדיקע אויסטערן, וואָס קוויטשען, אַז מע רירט זיך צו צו זיי. און מיר יהודים עסן דאָך ניט קיין דבר מן החי, האָב איך עס מיט אַ כיוון געשטאָכן מיטן גאָפּל, בכדי טאָמער איז דאָס אַ לעבעדיקע זאַך, איז דאָך ממה־נפשך, וועט זיך עס אָפּרופן, אלא טאָמער איז דאָס ניט דאָס וואָס איך מיין, וואָס זשע האָב איך דאָ אָנגעוואָרן? הייגט פאַרשטייט איר שוין, אַז סאיז ניט גלאַט? איך וואָלט נאָך באַדאַרפט מיט אַייך אַ שמועס טון מכח דער שוויגער, ווי קומט דאָס, זי זאָל לאָזן איר קינד אין די בעדער אַריין, צווישן יונגאַטשעס, הולטאַיעס, שאַרלאַטאַנעס? נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט — איך דאַרף זיך גיין באָדן —

[30] שלום־עליכם, וואָס איז אַ קלוגער, ווי קומט ער צו אַזאַ נאַרישקייט?

שלום־עליכם צווישן קור־געסט אין באַד ווילדונגען, אויגוסט 1913.
[ש. ע., אין אַ ווייסן הוט, זעט זיך אין פראַנט].

מאַך איך דאָס בקיצור. זייט געזונט און גריסט אייער פלונית זאָל לעבן און דער שוויגער שתחיה און דער גאַנצער משפחה גאָר פריינטלאַך.

ממני ידידכם שלום־עליכם.

עיקר שכחתי: אַזוי ווי איר פרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף עדוקאַציע און זיינט אַ איד, וואָס קאַטאָרי איר זיינט מדקדק וואָס מע באַדאַרף עסן מיט אַ לעפל און וואָס מיט אַ גאָפל, על כן, ידידי, זאָלט איר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך וועל אייך פירהאַלטן, אַז איך האָב אייך געכאַפּט ביי אַן עבירה מיט אייער פלונית: איר זיינט געגאַנגען מיט איר שלא כדרכו. דהיינו? איר זיינט געגאַנגען אויפצופריער און זי איז אייך נאָכגעגאַנגען. אַזוי איז זיך נוהג אַ איד אין וואַרשע, אַז ער גייט מיטן ווייב, להבדיל, פון שול. און דאָ איז דער מנהג, אַז די נקבה גייט פריער און דער זכר פונהינטן. נאָך שענער איז, — אַזוי זיינען זיך נוהג די מהדרין — אַז דער זכר מיט דער נקבה גייעןביידע גלייך, אויב נישט געאָרעמט. נאָר געאָרעמט בין איך אייך מוחל. לאָז זיין ניט געאָרעמט, אַבי נישט געלאָפן פאָראויס.

ממני ידידכם הנ"ל.

10

צו יהושע סאַרנע

[פון אַ קאָפּיע]

[דער אַדרעסאַט — אַ סוחר פון פעטערבורג, אַ משכיל און אַ הייסער חסיד פון שלום־עליכם. ש. ע. האָט זיך מיט אים באַפריינט אין וויסבאַדען, דייטשלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט מיט דער פאַמיליע די זומער־דיקע חדשים פון 1913. אויף זיין בילד, וואָס ער האָט אים דעמאָלט געשיינקט לזכרון, האָט ש. ע. אָנגעשריבן אָט די ווערטער: „אַ אידן וואָס הייסט סאַרנע, אַ גוטן ברודער, אַן אמתן אידן וואָס קאַטאָרי וועלכער — דאָס איבעריקע וועט פאַרשטיין יעדער וואָס קען אים...“ — דער בריוו איז געשריבן נאָכדעם, ווי ביידע זיינען זיך צעפאָרן פון וויסבאַדען — סאַרנע קיין רוסלאַנד, און ש. ע. מיט זיין פאַמיליע צו זיך אַהיים, קיין לאָזאַן. סאיז געווען די צייט, בעת אין קיעוו איז פאָרגעקומען דער באַוואוסטער ביילים־פראָצעס. אין יענע טעג האָט פאַסירט אויף דער דווינסקער אייזנבאַן אַ קאַטאַסטראָפע מיט מענטש־לאַכע קרבנות, און די פאַסירונג האָט עס אַרויסגערופן אָט דעם בריוו.]

ווילאַ מאָן רעפּאָ,
אַוו. די לעמאַן 4,
לאָזאַן (שווייץ).

מיין ליבער נייער פריינט סאַרנע!

ראשית בין איך אייך מודיע, אַז מיר זיינען אַלע, ברוך השם, בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מע זאָל תמיד הערכן איינס פון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתוך כלל ישראל — אָמן.

והשנית זייט וויסן, אַז איר האָט אונז פאַרשאַפט זייער גרויס עגמת־נפש מיט יסורים מיט האַרצווייטיק, און מיר האָבן שוין אויסגעבטלט אַלע בייזע וויסטע פינסטערע חלומות אויף שמאַקאָווס קאָפּ און אויף זאַמיסלאָווסקיס הענט און פיס און [אויף] פורישקעוויטשעס לייב און לעבן[31] — נאָט אייך אַזאַ מין איבערשרעק, טאָמער איז קאַרג ביילים!

ומעשה שהיה כך היה:

איך שטיי מיר אַזוי ביי מיין וואַרשטאַט און שרייב, שוין דאָ אין דער שווייץ, אין לאָזאַנאַ הייסט עס, אַרומגערינגלט מיט מיין קלאָפּערגעצייג, ביכער, פאַפּירן, שערלאַך, פענעס, טינטן, אָן אַ שיעור טינטן! און אויף דער וואַנט די געוויסע פלאַקאַטע, וואָס איר פלעגט פאַר איר אַזוי ציטערן, מיט גרויסע דרוק־אותיות:

באת אל איש טרוד,
כלה שיחתך
ו— — — — — צא![32]

פלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַריין מיין ווייב מיט טרערן אויף די אויגן און ברעכט די הענט, וויל מיר [עפּעס] זאָגן און קאָן ניט. אין די הענט האַלט זי אַ גאַזעט, די „רעטש“, און ווייזט מיר מיטן פינגער. מיין איך דאָך, אַז דאָ איז עפּעס אַ נייס וועגן ביילים, וואָרים וואָס דען לייענט מען היינט, אַז ניט פראָצעס ביילים? און זי מאַכט צו מיר:

— וואָס זאָגסטו דערויף?

— ביילים?... פאַרמשפט? — כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר פון מויל.

— ערגער נאָך!... — און אַליין איז זי אַ טויטע, מיין ווייב הייסט עס.

— ערגער? געשטאָרבן, זאָג איך, ביילים?

— געשטאָרבן, זאָגט זי, נאָר ניט ביילים, סאַרנע איז געשטאָרבן.

— אונזער סאַרנע?

— אונזער סאַרנע!

[31] שוואַרצמאַהדיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַשולדיקונג פון בייליסן. — [32] „ביזט געקומען צו אַ פאַרנומענעם מענטשן, פאַרטיק־אָפּ דיין שמועס און — — — — אַרויס!“ — דעם דאָזיקן פלאַקאַט האָט י. ד. בערקאָוויטש געבראַכט שלום־עליכמען קיין וויסבאַדען, ווי אַ קוריאָז, פון ביאַליקס דרוקעריי אין אָדעס, וואו איינער אַ העברייער, אַ סוחר, האָט עס באַשטעלט פאַר זיין קאַנטאָר. דער וויץ איז שלום־עליכמען אַזוי געפעלן, אַז ער האָט דעם פלאַקאַט אויסגעהאַנגען ביי זיך אין שרייבצימער, אויך שפּעטער, וואוינענדיק אין ניו־יאָרק, אויף צו שרעקן דערמיט „נודניקעס“.

— ווער האט דאס דיר געזאגט? סע קאן ניט זיין!

— נא, לייען.

און זי נעמט און ווייזט מיר אין „רעטש“ אויף דער ערשטער זייט, שווארץ אויף ווייס, אט וואס:

> Убитые горемъ жена и дѣти, братъ и родные извѣщаютъ друзей и знакомыхъ о трагической гибели при катастрофѣ на станціи Двинскъ горячо любимаго мужа, отца и друга
>
> **БОРИСА МОИСЕЕВИЧА САРНОВА.**
>
> Тѣло прибудетъ сегодня, 27 Сентября, въ 8 ч. утра, на Варшавскій вокзалъ, откуда и послѣдуетъ на Еврейское Преображенское Кладбище.[33]
>
> 4835

אט דאס האב איך איבערגעלייענט אין „רעטש“ אויף דער ערשטער זייט און האב אפגעלאזט הענט און פיס, געבליבן אן לשון. „ברוך דיין אמת!“ — דאס זיינען געווען די איינציקע ווערטער מיט א טיפן זיפץ, וואס איך האב געקאנט ארויסלאזן. און ביידע האבן מיר גענומען צו באדויערן: סטייטש, סטייטש! דרייסיק יאר האבן מיר אפגעלעבט, ניט געוואוסט פון קיין סארנע. פלוצים — נא דיר א סארנע! פארברענט וואלט געמעגט ווערן וויסבאדען! ווען ניט וויסבאדען, וואלטן מיר גארניט געוואוסט, צי סאיז דא ערגעץ א סארנע אויף דער וועלט! ניין — ווען באדארפן מיר זיך באקענען מיט סארנען? דריי וואכן פאר זיין טויט! עפעס טאקע נאר א גאטס שטראף! איך פרווו מיך א זאג טון:

— אפשר, נשמה מיינע, איז דאס ניט דער סארנע?

וויל זי אבער נישט הערן, מיין ווייב הייסט עס.

— וואס הייסט, ניט דער סארנע? זעסט דאך אלע סימנים: ווארשעווער וואקזאל... פייטערבארג... דווינסק... ער האט מיר טאקע געזאגט, עליו השלום, אז ראש־השנה וועט ער זיין אין ווארשע, און באלד אם ירצה השם נאך ראש־השנה פארט ער צו זיין זון, דעם יוריסט... באשערט געווען א מענטשן נעבאך...

[33] די פון אומגליק דערשלאגענע פרוי און קינדער, ברודער און קרובים זיינען מודיע זייערע פריינט און באקאנטע וועגן דעם טראגישן אומקום, ביי דער קאטאסטראפע אויף דער סטאנציע דווינסק, פון זייער הייסגעליבטן מאן, פאטער און פריינט באריס מאאיסעיעוויטש סארנאוו. דער קערפער וועט געבראכט ווערן היינט, דעם 27־טן סענטיאבר, 8 אזייגער אינדערפרי, אויפן ווארשעווער וואקזאל, פון וואנען ער וועט אריבערגעפירט ווערן אויפן אידישן פרעאבראזשענסקן בית־עולם.

עפעס ווי עמיצער האט אים געצויגן, געשטויסן, געשטופט, ער זאל זיך רייסן אהיים... וויפיל מיר האבן אים ניט געבעטן, ער זאל פארבלייבן אין וויסבאדען מיט אונז איבער ראש־השנה — האט ער אלץ געטענהט: ניין און ניין! ער מוז פארן אהיים!...

— רגלוהי דבר־נש[34] — זאג איך — שטייט אין מדרש, און וויל נעמען נאך א מאל ארייננקוקן אין דער אנאנסע, אפשר איז דער נאמען ניט דער, — קומט־ אריין אונזער טאכטער עמא, די פיינע, די גוטע, מיין סעקרעטאר, א בלאסע נעבאך.

— נו, פאפא?... נאש אטשאראוואטעלני יעוורייו!...[35] ניט באשערט!... געוועזן איינער א רעכטער, דארף ער האבן אזא טויט!... דארף ער זיין אין דווינסק... אזא קאטאסטראפע... אוזשאסנא!...[36]

— גדיינקסטו ניט, עמאטשקא, וואו זיינען די בריוו, די קארעספאנדענציע פון וויסבאדען? — זאג איך צו מיין סעקרעטאר און וויל נעמען נאך א מאל ארייננקוקן וועגן אייער נאמען, — פליט־אריין נומא, דער שאכמאטנשפילער, אויך א דערשראקענער:

— קאק טיעביע נראוויטסא, פאפא?... זשאל! טאקאי סלאווני יעווריי סארנא — וודרוג!...[37]

ביי די ווערטער קומט־אן אונזער עלטערער זון, א סטודענט א יוריסט, מישא הייסט ער. ער זעט, מיר זיינען עפעס אלע אזוי צערודערט:

— וואס איז? וואס האט זיך געטראפן?

דערציילן מיר אים: א איד, אונזערער א גוטער באקאנטער, געהרגעט געווארן אין דווינסק אויף דער קאטאסטראפע וואס אויף דער באן... ווערט ער גאר ווינציק נתפעל:

— געהרגעט געווארן זיינען זעכצן...

פארדריסט עס אונז:

— דו ווייסט ניט, מישא, וואס פאר א איד...

— וואס זשע פאר א איד?

גיי דערצייל אים, וואס פאר א איד סארנע! וויל איך אים געבן צו פארשטיין:

— סאיז א איד, זאג איך, שוין איין מאל א איד! קאנסט פארשטיין, זאג איך, ער הייסט סארנע...

ווערט ער נאך אלץ ניט נתפעל:

— איז וואס זשע, אז ער הייסט סארנע?

— ע, זאג איך, נארעלע, דו ווייסט ניט וואס דאס איז פאר א מין איד, אט דער סארנע! ערשטנס, זאג איך, איז דאס א איד א ממזר...

— א ממזר? וואס פאר א יחוס, זאגט ער, א ממזר?

— ניין, זאג איך, א חכם, א דורכגעטריבענער, א גערויכערטע ליולקע, און א גוטער ברודער, און מיינער

[34] דעם מענטשנס פיס פירן אים וואוהין סאיז אים באשערט. — [35] אונזער מהיהדיקער איד. — [36] שרעקלאך! — [37] ווי געפעלט עס דיר, טאטע?... א שאד, אזא וואוילער איד סארנע — און מיט א מאל!...

אַ חסיד, אַ הייסער חסיד, קען מיך אויף אויסווייניק, און דערציילט, זאָג איך, אַנעקדאָטן, אוי אַנעקדאָטן! ... נאָר וואָס דען, זאָג איך, מע דאַרף אַ קוק טון ערגעץ צווישן די בריוו דעם נאָמען זיינעם... שאַ! — זאָג איך צו מיין ווייב — מיר דאַכט, אַז דו דאַרפסט געדיינקען, אַז ער הייסט ניט באָרים און ניט מאָאַי־סעיעוויטש...

וויל זי אָבער ניט הערן, מיין ווייב הייסט עס:

— וואָס וועסטו מיר דערציילן מעשיות, זאָגט זי, אויסריידן דאָס האַרץ, אַז איך האָב, זאָגט זי, אַלע סימנים: אויף ראש־השנה קיין וואַרשע, נאָך ראש־השנה קיין דווינסק צום זון, צום יוריסט, און פון דאָרטן קיין פּייטערבאַרג. אַזאַ אַן אומגליק! טאַקאָיע ניע־סטשאַסטיע! ... סודבאַ! ... באַשערט אַ מענטשן אַזאַ טויט!... אַזאַ וואוילער איד געווען! ריעדקי טשע־לאָוויעק! [38]

— אָטשאַראָוואַטעלני יעווריי! — האַלט־אונטער עמאַ די ווערטער פון איר שוועסטער ליאַלי, וואָס האָט אייך געקרוינט מיטן דאָזיקן נאָמען.

— וואָס טויג דיר — זאָג איך — אָטשאַראָוואַ־טעלני יעווריי? דו זוך מיר בעסער אויף זיין בריוול. דאָרט, זאָג איך, דאַרף זיין דער נאָמען זיינער. שאַ! מיר דאַכט זיך, זאָג איך, אַז ער הייסט גאָר יהושע?... יאָ, ווי איך בין אַ איד, יהושע סאַרנע! און נאָך עפּעס, זאָג איך: זיין זון דער יוריסט הייסט, דאַכט מיר, אפרים, נאָך זיין טאַטן אפרים, נאָכן זיידן הייסט עס. אַזוי האָט ער מיר אַליין געזאָגט, זאָג איך. קומט־אויס, זאָג איך, אַז ער הייסט יהושע — אָושיי [39]! יאָ, אָושיי, איך האָב מיך שוין דערמאַנט: אָושיי אפרימאָוויטש סאַרנע, און זיין זון: אפרים אָושע־יעוויטש סאַרנע. גיכער, עמאַ, גיב אַהער דאָס פּעקל מיט די בריוו. סקאָרעי [40]!

און מיין סעקרעטאַר (עמאַ) האָט אָפּגעזוכט אַן אָטקריטקע, שטייט בפירוש: "О. Ф. Сарне". און ניט סאַרנאָוו, נאָר סאַרנע. טפו! אַלע בייזע ווייסטע פינס־טערע חלומות אויף שמאַקאָווס קאָפּ און אויף זאַמי־סלאָווסקים הענט און פיס און אויף פורישקעוויטשעס לייב און לעבן! — און אויף אַלע פּנימער האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלאַכע ליכטיקייט, און די טרערן זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן, און די בלאַסקייט מיטן טרויער זיינען פאַרשוואונדן, און סאיז אָנגעפאַלן אויף אַלעמען אַ מאָדנער געלעכטער, און סאיז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ באַדויערונג, וואָס דערביי איז ניטאָ ער אַליין, סאַרנע הייסט עס: ער זאָל זיין דערביי, וואָלט ער דאָך געהאַט צו דערציילן אַ פּאָר טוץ אַנעקדאָטן טאַקע אויף זיך אַליין, און איך וואָלט זיך נעקאַטשעט פאַר געלעכטער, ווי אין וויסבאַדען.

[38] אַ זעלטענער מענטש! — [39] נאָכגעמאַכט, ווי די ליטווישע אידן זאָגן־אַרויס דעם נאָמען „אָווסעי". — [40] גיכער!

געקומען צו רייד פון אַנעקדאָטן, האָב איך מיך שוין דערמאַנט אַן אַנעקדאָט וועגן אייער נאָמען, אָושיי אפרימאָוויטש, און וועגן אייער זון, אפרים אָושע־יעוויטש: [41]

עס איז געווען איינער, האָט ער געהייסן בערל בן ברוך, נאָך זיין זיידן, און אַ זון האָט ער געהאַט, האָט דער זון געהייסן ברוך בן בערל. און אַזוי איז געגאַנגען כסדר: בערל בן ברוך, ברוך בן בערל, ביז דוד המלך [42].

אַזוי איז ביי אונז געווען פיל צרות מיט עגמת־נפש, און גאָט צו דאַנקען, עס האָט זיך געענדיקט מיט פאַר־געניגן, און אונזער בעסטער פריינט יהושע סאַרנע לעבט און זאָל מאריך ימים זיין עד מאה ועשרים שנה, אָמן.

כברכת ידידו ואוהבו הנאמן לנצח נצחים

שלום־עליכם.

6־טן אָקטאָבער, 1913.

11

צו פרוי מרגליות

[פונם אָריגינאַל]

[דעם בריוו, און די דריי וואָס קומען נאָך אים, האָט ש. ע. געשריבן אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. — דעם לעצטן ווינטער איז ש. ע. עטלאַכע מאָל קראַנק געוואָרן, און כדי צו פאַרבעסערן דאָס געזונט, איז ער צוויי מאָל געפאָרן קיין לייקוואָוד (אַ קוראָרט, ניט ווייט פון ניו־יאָרק). צווישן די באַקאַנטע, וואָס ער האָט זיך געשאַפן אין לייקוואָוד, איז אויך געווען דער מאַן פון דער אַדרעסאַטין, אַ יונגער געשעפטמאַן פון וואַטערבורי, קאָנ., מיטן נאָמען יעקב מרגליות, שלום־עליכמס אַ לעזער און אַ פאַרערער, וואָס האָט געוואונען זיין סימפּאַטיע. — אויף זיין בקשה האָט ש. ע. אָנגעשריבן צו דער פרוי מרגליות אָט דאָס בריוול.]

לייקוואָוד, נ. דזש., פּעירמאָנט לאָדזש.

19־טן פעברואַר, 1916.

צו „איר", דאָס הייסט צו דער מיסעס מרגליות אין וואַטערבורי.

דאָס שרייב איך צו אייך מיטן פּענזל, וואָס אייער מאַן, מיסטער מרגליות, האָט מיר דאָ געשיינקט אַ מתנה. — ער איז אַ גוד באָי [43]! און ווייטער האָב איך אייך גאָרניט וואָס צו שרייבן. איך ווייס ניט, אויב איר האָט געהערט פון מיר. מיין נאָמען איז „שלום־עליכם". איך האָף — מיר וועלן זיך אַמאָל זען (אם ירצה השם).

שלום־עליכם.

[41] לויט אַ צושריפט פון דעם אַדרעסאַט, איז דאָס לעצטע בלעטל פון דעם בריוו ביי אים פאַרפאַלן געוואָרן, און די ווייטער־דיקע דריי אָפּזאַצן, ביזן סוף בריוו, האָט ער דאָ איבערגעגעבן על־פּי זכרון. — [42] מעגלאַך, אַז דער אַדרעסאַט האָט דאָ אויס־געלאָזט דעם עיקר פון דעם וויץ, היינו, אַז אויף רוסיש ווערן סאַי „ברוך" און סאַי „בערל" איבערגעלייגט אויף „באָרים", אַזוי אַז אַלע דורות האָבן נעבאַך געמוזט טראָגן איינעם און דעמזעלבן נאָמען: „באָרים באָריסאָוויטש". — [43] אַ וואוילער בחור.

12

צו ס. שוגערמאַן

[פון א קאפּיע]

[ס. שוגערמאַן — אַ ניו־יאָרקער יוריסט און געשעפט־מאַן, אַ פאַרערער פון שלום־עליכם, מיט וועמען ש. ע. האָט זיך באַקענט אין לייקוואוד און באַפריינט געוואָרן מיט אים און מיט זיין פאַמיליע.]

[לייקוואוד, נ. דזש.], 27־טן פעברואר, 1916.

זייער געערטער פריינט שוגערמאַן: —

כל־זמן איר לייגט נאָך אוים שלום־עליכם ניט מיט אַן **א**, נאָר מיט אַן **ע** — זיינט איר אָלראַיט. עס מעג שוין ביי אַייך זיין פרנ**ת**ה מיט אַ **ת**, כאָטש פרנ**ס**ה האָט ניט קיין **סוף**... וויפיל מע האָט, וויל מען נאָך...

אַייער דעניעל [44], אין וועלכן איך האָב מיך האָפּע־נונגסלאָז פאַרליבט, ווערט אַלע טאָג קליגער. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם לאָיער [45] — האָב איך באַפוילן אַהיים, מע זאָל אַייך צושיקן זיין אַדרעס. פרייטאָג פרי — איך דיינק אַרום 10־11 — פאָר איך אָפּ ביז זונטאָג נאָכמיטאָג קיין פילאַדעלפיע [46]. — קומט אַהער מיט אַ טאָג פריער. — מיין פרוי, טאָכטער און אייניקל קומען צו מיר דאָנערשטאָג. —

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

פּ. ס. — אום איר זאָלט מיך גרונטלאַך קענען, וואָלט איך וועלן, איר זאָלט קריגן די ערשטע צוויי ביכער מיינע „פונם יאַריד", וועלכע די „וואָרהייט" גייט גאָר אינגיכן אַרויסצוגעבן. — מיס לעווין (די שפּילערקע) [47] גריסט אַייך גאָר פריינטלאַך. דאָס ווייבל, וואָס זיצט בּיים צווייטן טיש [48], עסט אויף בּיידע באַקן. וואָס זי עסט־אויף אַ טאָג איז גענוג פאַר אַייערע ווייב און קינדער — איך האָב גענוי אויסגערעכנט — אויף דריי וואָכן מיט אָנדערהאַלבן טאָג. און פאַר אַייער ראָזען [49] אַליין איז עס גענוג אויפן גאַנצן ווינטער מיט אַ שטיק זומער, אינקלוזיוו פּסח. אויב דאָס ווייבל וועט ניט פּלאַצן, וועט דאָס זיין אַ נס נאָך גרעסער פון ערזערום [50]. צוויי מענטשן האָב איך [פיינט], ווי דעם טויט: ניקאָלאַיקען און דאָס ווייבל די פרעסערקע. **הלואי גייט זיי אָן כאָטש האַלב, וואָס איך ווינטש זיי.**

[44] **א זון פון דעם אדרעסאט.** — [45] אדוואקאט. — ש. ע. האט דעמאלט געהאט א געלט־לאדעניש מיט אן אמעריקאנער אימפרע־סאריא (א קריסט), וואס האט אראנזשירט זיינע פארלעזונגען איבערן לאנד און האט אינמיטן געבראכן דעם קאנטראקט. דער ענין האט זיך געפונען אין די הענט פון א ניו־יארקער יוריסט, און ווייל די זאך האט זיך ביי אים פארצויגן, האט ש. ע. באשלאסן זי איבערצוגעבן דעם אדרעסאט. — [46] אויף א פאר־לעזונג; זע ווייטער דעם בריוו נומער 14. — [47] א פידלשפּילערין, איינע פון די געסט אינם האטעל, וואו ש. ע. איז איינגעשטא־נען. — [48] אינם האטעל. — [49] א טאכטער פון דעם אדרעסאט. — [50] **די טערקישע פעסטונג, וועלכע די אליאירטע מלוכות האבן דעמאלט באלאגערט.**

זאָגט אָמן. עמאַ [51] גריסט אַייך אויף ענגליש. למען השם, פאַרגעסט ניט די קרויט! [52]

13

צו יעקב און פרוי מרגליות

[פונם אָריגינאַל]

[לייקוואוד, נ. דזש.], 2־טן מערץ, 1916.

ליבער פריינט מרגליות: —

אַזוי? זיינען מיר גאָר מחותנים? [53] ניט אומזיסט. **דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט.** — קיין נייס פאַרלויפיק. מיר האָבן אַ פרישן ווייסן שניי. — מיס לעווין איז אַוועקגעפאָרן. ווער'ט אונז שפּילן אויפן פידל? אָדער „אויפן באַס? אינמיטן גאַס?"... דעם „גראָבן", וואָס איז אַ בקי אין חכמת הלשון און קאָן גוט „אויסלייגן" [54], זע איך ניט, דאַנקען גאָט.

אַייער פריינט ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

זייער געערטע מיסעס מרגליות: —

מיין בריוול צו אַייך, וואָס איז געשריבן מיט אַ פּענזל [55], אויב איר וועט עס קאָנען אויפבאַוואָרן, וועט דאָס מיך געוויס איבערלעבן... הלואי וואָלט איך געקאָנט אַזויפיל לעבן! — — — — — — —

מיט גערוס

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

14

צו די שוגערמאַנס

[פון אַ קאָפּיע]

[אין דעם בריוו ווערט באַרירט שלום־עליכמס אָוונט אין פילאַדעלפיער מעטראָפּאָליטען־טעאַטער (שבת־צו־נאַכטס, דעם 4־טן מערץ, 1916), זיין **ל ע צ ט ע** פאָרלעזונג פאַרן פובליקום, וואָס איז ווערט צו פאַר־צייכנט ווערן לזכרון: דעם אָוונט האָבן אַראַנזשירט צוויי פילאַדעלפיער אַיינוואוינער, י. מ. ס—ר און מ. פ—ן, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר געזעל־שאַפטלאַכע טוערס, און בישט קוקנדיק דערויף, וואָס ש. ע. איז געווען קראַנק, זיינען זיי באַשטאַנען, אַז ער מוז קומען צום אָוונט, און מע האָט אים אפילו צוגעזאָגט אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל אים באַגלייטן אויפן וועג פון לייקוואוד קיין פילאַדעלפיע. דער אָוונט איז געווען ערפאָלגרייך, דאָס טעאַטער איז איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט אַ טויזנטקעפּיקן עולם; נאָר ווי אַזוי די צוויי אויבנדערמאַנטע לייט האָבן געהאַנדלט מיט שלום־עליכמען — זעט מען אַרוים גאַנץ קלאָר פון אָט דעם בריוו.]

[51] **שלום־עליכמס טאכטער, וואס איז מיט אים געווען אין** לייקוואוד. — [52] דער אדרעסאט האט צוגעזאגט שיקן שלום עליכמען קיין לייקוואוד היימיש־געזייערטע קרויט, און ש. ע., אין זיין קארעספאנדענץ מיטן אדרעסאט, מאכט דערפון א וועזן אויף א שפאסיקן אופן. — [53] דער אדרעסאט האט געהאט געשריבן שלום־עליכמען, אז ער האט אויסגעפונען, אז זיי זיינען ביידע מחותנים דורך שלום־עליכמס איידים דר. מ. קויפמאן. — [54] געמיינט איינעם פון די קור־געסט אין לייקוואוד. — [55] די אדרעסאטין האט א־ין אירן א בריוו צו ש. ע. באדויערט, וואס שלום־עליכמס ער־שטער בריוו צו איר איז געשריבן מיט א בלייפעדער.

ניו־יאָרק, 16־טן מערץ, 1916.

ליבע פריינט: —

ערשטנס — — — דאָס נעמלאַכע פון אייך צו הערן — אָמן.

והשנית זייט וויסן, אַז איך בין הי. קיין לייקוואוד וועל איך ערשט פאָרן נאָך פורים (אם ירצה השם). איך בין געוועזן אין פילאַדעלפיע. דאָס מעטראָפּאָליטען־טעאַטער איז געוועזן געפּאַקט. מער אַז 5000 מאַן, זאָגט מען. חברה בלאָפערס האָבן מיך גוט אָפּגעבלאָפּט און אָפּגעלעקט, זאָגט מען, אַ ביינדל. זיי האָבן אײַנגענומען, זאָגט מען, 2200$. מיך זיינען זיי אָפּגעקומען מיט 250$. אי דאָס האָבן זיי מיר אַריינגערוקט אַ טשעק. געקומען קעשן[56] דעם טשעק, לאָזט זיך אויס, אַז זיי האָבן דעם טשעק אָפּגערופן און מיר האָבן זיי געלאָזט אָט דאָס, וואָס מע עסט חמשה־עשר בשבט און מע מאַכט דערויף בורא פרי העץ... עס באַשטייט בסך־הכל פון דריטאַלבן פינגער... הקיצור, איך קום צום רעכטן שפּיץ: צו דער קרויט!

אַזוי ווי עס גייט צו פורים און סאַ מנהג שלח־מנות, על כן דעריבער, אויב איר ווילט פאַרדינען עולם־הבא און פאַרשפּאָרן פאַסטן תשעה־באָב, שיקט מיר צו טאַקע שוין און טאַקע באַלד שלח־מנות — אַ סלאָי מיט

[56] אויסבייטן.

קרויט! יענע קרויט איז געבליבן ביי דער עליסבערג[57]. די פרעסערקע[58], פאַרברענט זאָל זי ווערן, האָט מסתמא אויפגעפרעסן מיין קרויט — אויסקריינקען זאָל זי עס געזונטערהייט! שיקט מיר, למען השם, אַן אַנדערע, וואָרים די קיים ביי יענעם לאָיער[59] האָב איך קוים־קוים אַרויסגעריסן, ער האָט ניט געוואָלט אומקערן מיר דעם אַגרימענט, נאָר ער האָט געמוזט. איך האָב אָנגעשיקט אויף דעם משוגענעם ציוניסט נאָך אַ גרעסערן ציוניסט, ווי ער, און מיט גאָטס הילף פּטור געוואָרן פון אַ צרה. על כן דעריבער שיקט מיר קרויט! און מחמת „ווערדון“[60] איז נאָך ניט געפאַלן און מעקסיקאָ בונטעוועט זיך, דאַרפט איר זען וואָס גיכער אַרויסשיקן די קרויט. רק זי זאָל ניט זיין צו שטאַרק געפרוירן. קרויט האָט ליב, אַז זי איז קאַלט, נאָר ניט איבערגעפרוירן.

גריסט מיין פריינט דניאל און ראָז, וואָס האָט מיך ליב, און דער עיקר פאַרגעסט ניט די קרויט!

אייער שלום־עליכם.

[57] אַ האָטעל־אייגנטימערין אין לייקוואוד. — [58] געמיינט די פּערזאָן, וואָס ווערט דערמאָנט אינם בריוו נומער 12. — [59] דאָ רעדט זיך וועגן דער לאָרעניש, וואָס ווערט דערמאָנט אינם בריוו נומער 12: דער יוריסט, ביי וועמען דער ענין האָט זיך געפונען, איז געווען באַקאַנט אַלץ ציוניסט. — [60] די באַרימטע פראַנצויזישע פעסטונג, וועלכע די דייטשן האָבן דעמאָלט באַמבאַרדירט.

שלום־עליכמס לעצט בילד: צווישן קורגעסט אין לייקוואוד, 5־טן אַפּריל 1916.
[לינקס פון שלום־עליכם: ס. שוגערמאַן].

ביים וואַרשטאַט



ביים װאַרשטאַט

א. — אין װילדערניש.

שלום־עליכם פלעגט װעגן זיך אַליין דערציילן, אַז דער ערשטער חשק צום שרייבן איז אים געקומען דערפון, װאָס ער האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען װייס, גלאַט פּאַפּיר — ער האָט עס געמוזט פֿאַרשרייבן. און זיינע פּערעיאַסלאַװער בני־עיר, די װאָס געדיינקען אים פון די פריע קינדער־יאָרן, האָבן צו דערציילן נאָך עפּעס: אַז ניט נאָר װייס פּאַפּיר — װייסע געקאַלכטע װענט פון די שכנישע הייזער אין זיין געבוירשטאָט פלעגט „שלום נחום װעװיקס" אינגלװייז פֿאַרשרייבן מיט שװאַרצער קויל, אַזוי אַז די פּערעיאַסלאַװער דינסטמיידלאַך האָבן אַלע אינדערפרי געהאַט אַן אַרבעט: אָפּצװאַשן פון די װענט דאָס שװאַרצע געשריפטס, דערביי פלעגן זיי אויסלייגן אויפן קליינעם פֿאַרשייטן „ליטעראַט" די גאַנצע תוכחה [1].

שלום־עליכם, װאָס האָט אין יעדער זאַך געזוכט פשטות, האָט אויך דעם סוד פון זיין אייגענעם שעפערישן אָנהייב געװאָלט דערקלערן אויפן פשוטן װעג — אַנטפּלעקן אים, מאַכן פון אים אויס־סוד. דערצו האָט אים געשטופּט דער הומאָריסט, דער קלאָרזעער, װאָס װיל תמיד באַװייזן, אַז „דאָס קעסטעלע עפנט זיך פשוט".

דאָס קעסטעלע, קאָן זיין, עפנט זיך פשוט; אָבער אַז מע עפנט עס, געפינט מען אין דעם ערשט אַ חידוש, אַ פֿאַרװיקלט רעטעניש. דאָס װייסע פּאַפּיר האָט זיך טאַקע געבעטן ביי דעם טשיקאַװן אינגל, װאָס איז שפּעטער געװאָרן דער שרייבער פֿאַר־עקסעלאַנס: „פֿאַרשרייב מיך", און האָט געװאונקען צו אים סודותדיק: „ביי מיר װעסטו דיין תיקון געפינען". דער חידוש ליגט אָבער אין דעם, װאָס אויפן װייסן פּאַפּיר האָט דאָס טשיקאַװע אינגל, און מיט יאָרן שפּעטער אויך דער יונגער שרייבער־אָנפאַנגער, געשריבן אַלצדינג אין דער װעלט, נאָר ניט דאָס, װאָס זאָל באַװייזן אַ שפּראָץ אויפן קומענדיקן שלום־עליכם. און נאָך מער חידוש איז, װאָס בעל־פּה, אינם געװיינלאַכן װאָכעדיקן לעבן, האָט דער קומענדיקער שלום־עליכם זיך געריסן פון דעם יונגן שלום נחום װעװיקס מיט אַלע זיינע באַהאַלטענע כוחות און זאַפּטן, און דווקא בכתב, אויפן לאָקענדיקן, פילצװאָגנדיקן פּאַפּיר, האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן, געװען פֿאַרװיקלט און שטום, װי אַ גרינע האַרטע קנאָספּ אין אירע ערשטע קילע פרילינג־טעג. אין לעבן — אַ יונגער דרייסטער פֿאַרשייטער גייסט, אַ רירעװודיק בחורל אַ ברען, מיט אַ שיינעם ליכטיקן בלאָנדן קאָפּ, מיט בליצנדיקע לאַכנדיקע אויגן, מיט אַ

[1] אַזוי דערציילט שלום־עליכמס בן־עיר און תלמיד פון די יונגע יאָרן, פ. ראַזנבלום (קראַקאָװער „שטערן", 1926, נומער 104).

פלינקן שארפזיניקן מוח און מיט פלינקע איבערראשנדיקע הומאריסטישע איינפאלן; און אויפן פאפיר — אן אנגעצויגענע אומבאוועגלאכע מאסקע פון א קליינשטעטלדיקן משכיל, וואס שרייבט אלטע, מארינירטע מליצה וועגן פארעווע, טויט־ערנסטע פראגעס, ווי „שאלת המלמדים“ און „עבודת הצבא“.

אין זיין אויטאביאגראפיע ברייננגט שלום־עליכם דעם „מענה־לשון פון א שטיפמאמע“, וואס ער האט קליינערהייט צוזאמענגעשטעלט, ווי „דאס ערשטע ווערק, וואס דער קומענדיקער שלום־עליכם האט פארפאסט“. דער דאזיקער לעקסיקאן פון דער שטיפמאמעס קללות, וואס דער אויטאביאגראף האט פארצייכנט נאכן אלף־בית „נאר אויפן זכרון“ (א וואונק, אז מע דארף אין דעם זען מער „דיכטונג“ ווי „ווארהייט“), טראגט אין זיך יא אן אנזאג אויף דעם שפעטערדיקן שלום־עליכם; ער איז אבער צו אונז דערגאנגען שוין אין דער געלייטערטער פארם פונם געניטן קינסטלער, אזוי אז פאר אן ערנסטן מוסטער פון שלום־עליכמס קינדערשן שאפן קאן ער דא ניט דינען. אחוץ דעם, איז עס ניט געווען א פארפאסונג מיט א „ליטעראַרישער“ כוונה, נאר פשוט א היימיש אפשניצל פון א אינגל א קונדס, וואס מע דארף עס גיכער צורעכענען צו דעם „שלום־עליכם שבעל־פה“, איידער צום „שלום־עליכם שבכתב“. אן ענלאכע מעשה דערציילט אויך שלום־עליכמס אינגערער ברודער בערנארד: איינמאל האט שלום געוואלט זיך נוקם זיין אין דער שטיפמאמע דערפאר, וואס זי האט געוועט די קינדער מיט אלטגעבאקענעם ברויט, האט ער צונויפגענומען אלע זיינע קלענערע ברידערלאך, זיי אויסגעלערנט א מין קאמיש פראטעסט־לידל קעגן דער שטיפמאמע און צוזאמען מיט זיי געזונגען **עס אין כאר**.

די ליטעראַרישע פראבעס פון שלום־עליכמען אין זיינע קינדערשע יארן — און אויך אין זיין שפעטערדיקן בחורשן פעריאד — זיינען געווען גאר פון אן אנדער מין און האבן לחלוטין ניט געשטימט מיטן לעבעדיק־שטיפערישן גייסט פון דעם יונגן שלום נחום וועוויקס, ווען מע האט שוין דעמאלט אין פערעיאסלאוו שיר ניט גערופן „אונזער שלום־עליכם“[2]. דאס ערשטע ווערק, וואס שלום־עליכם האט פארפאסט לערך צו פערצן יאר (לויט דעם, ווי ער דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע), איז געווען א נאכמאכונג פון מאפוס „אהבת ציון“, אונטערן נאמען „בת־ציון“; און די שפעטערדיקע פארפאסונגען (אויף רוסיש), וואס ער האט געשריבן גאנצע נעכט ביי זיין צוקינפטיקן שווער לאיעוו אויפן דארף, שוין אין עלטער פון אכצן יאר, זיינען באשטאנען פון „הארצרייסנדיקע ראמאנען, שרייענדיקע דראמעס, פארפלאנטעטע טראגעדיעס און קאמעדיעס“ — אלץ אזעלכע זאכן, וואס זיינען מסתמא געווען ניט בעסער און ניט ערגער פון זיין ערשטן געדרוקטן ראמאן „נאטאשא“ (שפעטער — א ביסל געענדערט און באטיטלט „טייבעלע“). ניט דער פריער שלום נחום וועוויקס און ניט דער שפעטערדיקער שלום־עליכם האבן זיך אין יענע ווערק מיט וואס־עס־איז געלאזט מערקן. עפעס ווי א מחיצה, א מין בלינדע וואנט, איז אוועקגעשטעלט געווארן די ערשטע יארן צווישן דעם לעבעדיקן גייסט פון דעם צוקינפטיקן גרויסן הומאריסט און צווישן זיין וויכטיקסטן אויסדרוק־אינסטרומענט — דאס שרייבן.

די מחיצה איז זיכער אויסגעוואקסן פון דעם פרימיטיוון צושטאנד, אין וועלכן עס האט זיך דעמאלט בכלל געפונען די אידישע וועלטלאכע שריפטשפראך — די העברייאישע, און נאך מער די אזוי־גערופענע (אין יענע טעג) „זשארגאנישע“. עס איז נאך געווען די צייט פון ליטעראַרישן תוהו־ובוהו אין די משכילישע ווינקלען, דער וועג צו וועלטלאכער קולטור איז נאך געווען ווילד פארוואקסן, און דער אומרואיקער שעפערישער גייסט האט לאנג געמוזט בלאנזען, איידער ער האט מיט אייגענע כוחות זיך ארויסגעפלאנטעט פון דעם ווילדערניש. דעמזעלבן שווערן וועג האט דורכגעמאכט — נאך מיט לייגערע יסורים — אויך אבראמאוויטש, ביז ער האט זיך אליין געפונען אין „מענדעלי מוכר־ספרים“. אויף שלום־עליכמען האבן אבער דערצו נאך געווירקט לאקאלע און פערזענלאכע אומשטענדן, וואס האבן אים א היבשע צייט ניט דערלאזט צוקומען צו זיין אייגענעם, אינדיווידועלן אויסדרוק. ער האט זיין יוגנט פארבראכט אין מילדער פלאכער בעל־הבתישער געזעליקייט, צווישן האלב־געבאקענע קליינשטעטלדיקע משכילים; פון זיי האט ער עס באקומען זיינע ערשטע ליטעראַרישע אמביציעס — און אויך זיינע ערשטע ליטעראַרישע באגריפן. און ווי ווייט עס האבן געקאנט גרייכן די „ליטעראַרישע“ באגריפן פון זיין חסידיש־משכילישן פאטער, פון דעם „קאלעקטאר“, פון בנימינזאנען און פון אלע זיינע איבעריקע יוגנט־מדריכים, וואס ווערן פון אים געשילדערט אין זיין אויטאביאגראפיע — איז ניט שווער זיך פארצושטעלן. קיינעם פון זיי האט ניט געקאנט איינפאלן, אז דער כח פון אט דעם „שייגעץ“, פון אט דעם „קונדס“ (ווי דער ליטווישער „קאלעקטאר“ האט אים צערטלאך גערופן), שטעקט דווקא אין זיין פרייען, לעבעדיקן, „שקאצעוואטן“ טעמפעראמענט. און ווייניקער פון אלעמען האט אזא „ווילדן“ געדאנק דעמאלט געקאנט צולאזן זייער באשיידענער געהארכזאמער תלמיד אליין.

דערהויפט איז שלום־עליכם געווען געצאמט אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט דורך דער אויפמערקזאמקייט פון זיין פאטער צו זיין גייסטיקער אנטוויקלונג און פרעסטיזש. אין זיין אויטאביאגראפיע דערציילט ער וועגן דעם טיפן געפיל פון דרך־ארץ, וואס ער

[2] אזוי גיט־איבער ל. ראזנבלום („דער שטערן“, 1926, נומער 104), און די גאנצע אחריות דערפאר ליגט אויף אים.

האט אינגלוויז געהאט פאר זיין שטילן איידעלן פאטער: אין די סאמע פריילאכע מינוטן, בעת עס האט זיך אים פאר גרויס שמחה געגלוסט טאנצן, „אדער גאר געבן זיך א ווארף אויף דער ערד און איבערקוליען זיך דריי מאל הין און צוריק“, — פלעגט ער אין דעם פאטערס קעגנווארט זיך באהערשן און בלייבן שטיין, „ווי א סטאטעק, א נעבאכל“. דיזעלבע מאסקע פון א סטאטעק האט ער אויף זיך ארויפגעדריקט אויך בשעת עס האט אים צומערשטן גענומען ציען צום ווייסן פאפיר. אין זיין יונגן אומשולד האט ער הייליק געגלויבט, אז דא, ביי דער עבודת־הקודש, טאר מען דעם „קונדס“ ניט אנטפלעקן — דא דארף מען זיך ארויסשטעלן פון אן אנדער זייט. דער סטאטעק האט זיך אנגעגורט מיט ערנסטקייט און גענומען באווייזן „דער וועלט“, — דאס הייסט, דעם פאטער און דעם איבעריקן היימישן עולם, — אז ער איז שוין גאר קיין קונדס ניט, אז ער קאן זיך פארמעסטן מיט די סאמע ערנסטע מליצה־שרייבערס, וואס האבן א שם אויף די אידישע בלעטער!

און אזוי האט שלום נחום וועוויקס טיף באהאלטן אין זיך דעם „שלום־עליכם“ און זיך געלאזט בלאנזשען אין דעם ווילדערניש, איבער פרעמדע טרויערדיקע וועגן.

שלום־עליכם בעת ער איז געווען ראבינער אין לובען [אנהייב יאר 1883].

ב. — די ערשטע טריט אין העברייאיש און רוסיש.

צוויי שפראכן האט דער יונגער בלאנזשענדיקער אנפאנגער באנוצט פאר זיינע ערשטע ליטערארישע פראבעס: העברייאיש און רוסיש. העברייאיש — די נשמה־שפראך פונם חדר און פונם בית־מדרש, דער אוצר פון אידישער גייסטיקייט און געלערנטקייט, דער איידעלער ירושה־אינסטרומענט פון לאנגע דורות, וואס איז אים אנפארטרויט געווארן פונם גייסטיק־געשטימטן פאטער און פון זיין משכילישער סביבה. און רוסיש — די דערווארבענע, פלייסיק אויסגעלערנטע שפראך פון דער פרעמדער גויאישער שול, דער שליסל צו דער ברייטער פריווילעגירטער וועלט, דער אידעאל פון דער גאס, פון דער ארומיקער וואקסנדיקער יוגנט. ביידע שפראכן האבן זיך אבער ניט געקאנט איינווארצלען אין דעם פאלקסטימלאכן וועזן פון שלום נחום וועוויקס און האבן ניט באוויזן אויפצובלאזן אין אים דעם טליענדיקן פונק פונם קומענדיקן שלום־עליכם. דערפאר האט דא דער פארשטעלטער סטאטעק געפונען אן ארט רעכט א גלאנץ צו טון, באווייזן דער וועלט וואס ער קאן: ער האט געשריבן העברייאישע מליצה־מאמרים — פונקט צוגעפאסט צום געשמאק פון דער האלב־משכילישער געזעלשאפט, וואס פלעגט פארבריינגען אין געמיטלאכן שמועס ביי זיין פאטער אין דער „טאבאטשנע“; ער האט אויך געשריבן רוסישע פארפאסונגען אין א פליסיקער בוך־שפראך, וואס זיינע געוועזענע חברים פון דער פערעיאסלאווער קריישול וואלטן עס געמעגט באוואונדערן!

פון יענע ערשטע יוגנט־פראבעס זיינען פארבליבן אין געדרוקטער פארם נאר א קליינע צאל העברייאישע מאמרים און איין איינציקע רוסישע דערציילונג; דאס איבעריקע איז טיילוויז פארניכט געווארן פון דעם פארפאסער אליין און טיילוויז מסתמא פארלארן געגאנגען אין די רעדאקציעס, וואוהין עס איז געשיקט געווארן.

די עטלאכע העברייאישע מאמרים נעמען־ארום א קורצן פעריאד פון דריי יאר: פון אנהייב 1879 ביז אנהייב 1882, דאס הייסט, פון שלום־עליכמס צוואנציקסטן ביז צו זיין דריי־און־צוואנציקסטן יאר.

קודם כל קומט א קארעספאנדענץ פון פערעיאסלאוו, געדרוקט אין דער „הצפירה“ פון 1879, נומער 6. אין דער דאזיקער קארעספאנדענץ, וואס איז באפוצט פון אויבן מיט א ציטאט פון דער גמרא, אלץ מאטא, האט שלום נחום וועוויקס, אונטערגעשריבן „שלום ראבינאוויטש“, זיך אנגענומען די קריוודע פון זיין שטאט מיט אירע משכילים און גבירים, וואס זיינען באליידיקט געווארן אין דערזעלבער „הצפירה“ פון א פריערדיקן קארעספאנדענט. פון דעם לאקאלן פאטריאטיזם, מיט וועלכן דער קליינער ארטיקל איז אנגעהויכט, קאן מען זען באשיינפערלאך, אז די גאנצע פאלעמיק איז דירעקט געווען געשריבן פארן איינגענעם משכילישן געזעמל, וואס לייענט בחברותא דאס העברייאישע בלאט; אדרבה, לאזן זיי זען, אז ס'איז פאראן ווער עס זאל זיך איינשטעלן פאר זיי! ... דערביי האט נאך דער יונגער דעביוטאנט דא דערפילט, אז זיין פערזענלאכער כבוד איז אויך אוועקגעשטעלט געווארן אין קאן. דער נעמלאכער „הצפירה“־קארעספאנדענט האט געהאט אויפגעווארפן די פערעיאסלאווער איינוואוינער, אז זיי זיינען כמעט אלע עם־הארצים, אז זעלטן ווער פון זיי עס קאן אנשרייבן א צוויי־דריי שורות אויף רוסיש אדער אויף לשון־קודש. דאס האט שוין דער געענדיקטער שילער פון דער רוסישער קריישול און דער פארבארגענער יונגער שרייבער ניט געקאנט פארשווייגן: סטייטש, ווי אזוי קאן מען דאס איגנארירן די אויסגעצייכנטע אידישע אינגלאך, וואס האבן מיט זעלטענעם ערפאלג געענדיקט די שטאטישע קריישול? „און דאס וואס ער זאגט, אז עס זיינען פאראן ווייניק אזעלכע, וואס קענען אונזער הייליקע שפראך, — ווער ווייסט?

אפשר איז דאָס דערפֿאַר, ווייל זיי ווילן ניט קלאַפּן אין די טויערן פֿון די צייטונגען...״

מיט קאַרגע דריי יאָר שפּעטער טרעפֿט מען דעם יונגן ראַבינאָוויטש, שוין אַלץ ראַבינער פֿונם שטעטל לובען, מיט אַ מאמר אינם „המליץ״ (סוף 1881, נומער 51). דער מאמר הייסט: „החנוך ויחוסו לעבודת הצבא״ (קינדער־דערציאונג און איר שייכות צו מיליטער־דינסט), און אונטער אים איז געחתמעט: „הצעיר באלפי יהודא שלום ראַבינאָוויטש רב מטעם הממשלה״ (דער אינגסטער אין די לעגיאָנען פֿון יהודה, שלום ראַבינאָוויטש, רעגירונגס־ראַבינער). דער אַרטיקל באַציט זיך אויף אַ פֿאָרשלאָג, וואָס איינער אַ שרייבער האָט געמאַכט אינם „המליץ״, אַז רבנים זאָלן ניט דערלויבן קיין חופּה וקידושין צו אידישע יונגעלייט, וואָס האָבן ניט געפּטרט דעם „פּריזיוו״, ווייל די באַוויבטע זוכן אַרויסצודרייען זיך פֿון מיליטער־דינסט אויף אַן אומגעזעצלאַכן וועג און פֿאַרשוועכן דערמיט דעם אידישן נאָמען. שלום ראַבינאָוויטש, וואָס איז מיט אַ יאָר פֿריער אַריינגעטראָטן אינם אַמט פֿון אַ ראַבינער, דערביי זיך נעגעבן דאָס וואָרט (ווי ער האָט שפּעטער דערציילט אין די לעצטע שורות פֿון זיין אויטאָביאָגראַפֿיע), „אַז ער וועט זיין אַ ראַבינער ניט ווי אַלע״, און גענומען ביי זיך אין שטעטל מישן זיך אין קהלשע ענינים, דערהויפּט השגחה געבן אויף דער דערציאונג פֿון אָרימע קינדער, — האָט דאָ געפֿונען אַ פּלאַץ צו זאָגן זיין וואָרט. קודם כל וואַרפֿט ער אָפּ דעם ווילדן געדאַנק, אַז רבנים זאָלן פֿאַרבאָטן יונגעלייט חתונה צו האָבן פֿאַרן פּריזיוו, און ניט אָקעגן דעם אַ בעסערע עצה: אַזוי ווי אידישע בהורים האָבן פּרי חתונה נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען אומוויסנד, באַזיצן ניט קיין פּראָפֿעסיעס און קוקן־אַרויס אויף דעם שווערס קעסט, — לכן דאַרף מען זען, אַז אידישע קינדער זאָלן זיך נעמען צו בילדונג און לערנען פּראָפֿעסיעס, וועלן זיי ניט זיין אַזוי אומבאַהאָלפֿן און וועלן ניט דאַרפֿן פּרי חתונה האָבן, און וועלן שוין ממילא זיך ניט שרעקן מער פֿאַרן פּריזיוו. און אַזאַ אָרדענונג אין דעם לעבן פֿון די אידישע שטעטלאַך קאָנען איינשטעלן נאָר די ראַבינער, אויב זיי וועלן נעמען אין זייערע הענט די דערציאונג פֿון דעם יונגן דור. און דאָ ווענדט זיך דער יונגער ראַבינער צו זיינע „ברידער רבנים״ מיט עטלאַכע וואַרימע ווערטער: גענוג אייך שוין צו זיצן אויף אייערע שטולן און זיך אָפּגעבן נאָר מיט פֿאַרשרייבן די טויטע און די לעבעדיקע! ביז וואַנען וועט איר אַזוי ציטערן פֿאַר אייערע אייגענע שאָף, וואָס זיינען איבער אייך בעלי־בתים? ביז וואַנען וועט איר זיין קנעכט צו קנעכט („עבדים לעבדים״)? נעמט זיך עפּעס צו טון — בויט נוצלאַכע אַנשטאַלטן פֿאַר אייערע געמיינדעס: פּריוואַטע שולן, תלמוד־תורהס, טעכנישע שולן! און דערביי ניט ער אַוועק אַ קליינע פּאָרציע מוסר אויך זיין אייגענעם שטעטל לובען, וואו די רייכע בעלי־בתים טוען ניט דאָס וואָס מע דאַרף: זיי האָבן זיך גענומען אויפֿצובויען אַ סינאַגאָגע, וואָס וועט באַטרעפֿן גאַנצע פֿופֿצן טויזנט רובל, אין דער צייט, וואָס אָרימע קינדער גייען־אום נאַקעט און באָרוועס און האָבן ניט וואו צו לערנען, און אַלטע קראַנקע לייט וואַלגערן זיך אינדרויסן, ניט האָבנדיק קיין בקור־חולים.

באַרירנדיק די פֿראַגע פֿון קינדער־דערציאונג, האָט דער יונגער שרייבער, אין אַ באַמערקונג צום אַרטיקל, געלאָזט וויסן, אַז ער קלייבט זיך צו שרייבן אַ באַזונדער מאמר וועגן די מלמדים, — „אויב דער געערטער רעדאַקטאָר וועט מיר דערלויבן און געבן פּלאַץ פֿאַר מיינע ווערטער אינם „המליץ״. אונטער דער דאָזיקער באַמערקונג פֿונם מחבר, געדרוקט מיט קליינעם רש״י־כתב, איז גלייך געקומען אַ באַמערקונג פֿונם רעדאַקטאָר צעדערבוים, נאָך מיט קלענערן רש״י־כתב: „שיק־צו דיינע ווערטער, וועלן מיר זיי אָנטון כבוד, אויב זיי וועלן האָבן אַ טעם״ („שלח דבריך ונכבדם אם נמצא בהם בנותן טעם״)[3]. דער יונגער ראַבינער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און אין אָנהייב 1882 האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין „המליץ״ (נומער 4 און 6) מיט צוויי מאמרים, פֿון וועלכע דער ערשטער באַהאַנדלט אַלץ די פֿריערדיקע פֿראַגע פֿון חתונות פֿאַרן פּריזיוו (וואָס האָט דערווייל אָנגעמאַכט אַ טומל אין די קליינע שטעטלאַך, ווייל אויס שרעק פֿאַר אַ „גזירה״ האָט מען זיך געכאַפּט אין חסידישע הייזער חתונה צו מאַכן יונגע בחורימלאַך כל־זמן ס׳איז נאָך צייט), און דער צווייטער, אונטערן נאָמען „שאלת המלמדים״, איז עס געווען דער צוגעזאָגטער מאמר וועגן די מלמדים, אין וועלכן דער מחבר איז געקומען מיט אַן אויספֿירלאַכן פּראָיעקט, ווי אַזוי צו רעפֿאָרמירן די אַלטע חדרים, אַז אין זיי זאָל ניט געקריוודעט ווערן דער רעליגיעזער עלעמענט און צו דערזעלבער צייט זאָלן זיי זיין צוגעפּאַסט צו די באַגריפֿן פֿונם וועלטלאַכן פּראָגרעס.

די דאָזיקע עטלאַכע מאמרים, לויט זייער אַקטועלן און זאַכלאַכן אינהאַלט פֿאַר יענער צייט, באַווייזן אין פֿלוג, אַז דער יונגער לובענער ראַבינער איז ערנסט אַריין אין זיין ראָל — עפּעס אויפֿצוטון, „זיין אַ ראַבינער ניט ווי אַלע״. פֿון זייער ליטעראַרישער, סטיליסטישער זייט איז אָבער ניט שווער צו זען, אַז דער שרייבער האָט דערביי אויך געהאַט נאָך אַ כוונה — אַ שפּיל צו טון מיט זיינע פֿייאיקייטן אין דער מליצה־קונסט פֿאַר דער היימישער משכילישער קאָלאָניע. דער טאָן איז אַן איינגעהאַלטענער, אַ „סטאַטעטשנער״. זייער זעלטן קוקט־אַרויס פֿון צווישן די שורות אַ בלאַס

[3] אין זיינע ביאָגראַפֿישע רשימות צו י. ח. ראַווניצקין האָט שלום־עליכם דיזעלבע באַמערקונג פֿון צעדערבוימען ציטירט — אפשר אויפֿן זכרון — אַ ביסל אַנדערש: „שפתך אתך, שלח דבריך וכבדנום״; און איבערגעזעצט אויף אידיש האָט ער עס אַזוי: „דיין שפּראַך איז מיט דיר. **שיק דיינע רייד, וועלן מיר זיי פֿאַרצוקערן**״.

שמייכל פון חוזק; עס טוט אַ בליץ, ווי בגנבה, דאָס טשיקאַווע אויג פון שלום נחום וועוויקס — באַלד אָבער רוקט זיך אָן אַ פינסטערע כמאַרע פון פסוקים און פאַרשלינגט עס. צווישן די באַמערקונגען צום טעקסט פון די מאמרים, אין וועלכע דער רעדאַקטאָר מיטן שרייבער האָבן זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעשלאָגן די רייד, ווי דער מנהג איז געווען אין יענע צייטן, — געפינט זיך איין באַמערקונג, אונטער וועלכער דער שרייבער האָט זיך באַזונדער געחתמעט: „ש"ר שלום", וואָס דאָס מיינט: אי שלום ראַבינאָוויטש, אי סתם שלום, אי אַ בפירושע מליצה פון תנך. דער איינפאַל פון אַ מינוטווייליקן נעקינצלטן פסעוודאָנים שטרייכט אונטער דעם גאַנצן טשיקאַוון כאַראַקטער פונם דאָזיקן אינגלשן שפּיל.

מיט די עטלאַכע מ א מ ר י ם אינם „המליץ" פאַרענדיקן זיך די ע ר ש ט ע וואַקלדיקע טריט אין דער העבּרייאישער פרעסע פון דעם „הצעיר באַלפי יהודא שלום ראַבּינאָוויטש רב מטעם הממשלה". די ווייטערדיקע העבּרייאישע שריפטן, געדרוקט מיט יאָרן שפּעטער, שוין אונטערן נאָמען „שלום-עליכם", אין „המליץ", „האָסיף", „בית - עקד", און נאָכדעם אין די מאָדערנע העבּרייאישע אויסגאַבעס, זיינען פון אַ גאַנץ אַנדער פאַרנעם און גיסן זיך צונויף, מער אָדער ווייניקער, מיט דער ברייטער פּראָדוקטיווער לעבנסשאַפונג פון דעם פאָלקסדיכטער, וואָס האָט העבּרייאיש ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אויסמיידן. ער האָט זיך, אמת, אין העבּרייאיש מער פאַרווילט איידער געזוכט זיין אויסדרוק; דאָס איז אָבער געווען אַ פאַרוויילונג פון נעהויבענעם נענוס, און די לירישע טענער פון דער תנך-שפּראַך האָבן טיף גערירט זיין מילדע נשמה. ניט אומזיסט פילט מען אַזוי אָפט דעם געשליפענעם העבּרייאישן קלאַנג אין די בעסטע מוסטערן פון שלום-עליכמס אידיש!

גאַנץ אַנדערש איז געווען ביי אים מיט רוסיש. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט פון דער יוגנט אָן באַהערשט די רוסישע שפּראַך פולשטענדיק און זיך באַנוצט מיט איר אינם פּריוואַטן לעבן און אויך אין דער קאָרעספּאָנדענץ אָן דער מינדסטער אָנשטריינגונג (ער האָט גערעדט און געשריבן רוסיש פריי, פליסיק, פאַרביק, דערביי זייער פּינקטלאַך און ציכטיק), האָט ער אין איר זיין ז ע ל י ש ן אויסדרוק ניט געקאָנט ג ע פ י נ ע ן. ווייל שפּראַך אַליין, אָן פאָלק, האָט זיך אָן זיין נשמה ניט באַהעפט. זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס זיינען געווען כמעט דורכאויס אין רוסיש. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער, אַז פאַר די קאַרגע דריי יאָר, וואָס ער האָט בחורווייז פאַרבראַכט אין סאָפּיעווקע אַלץ לערער, „האָט ער אָנגעשריבן אַ סך מער, ווי ער האָט געשריבן נ אָ כ ד ע ם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרייבער און געהייסן „שלום-עליכם", אין צען יאָר". נאָר פון יענער געקינצלטער א י ב ע ר פ ר אָ ד ו ק צ י ע איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. די איינציקע דערציילונג אויף רוסיש, וואָס איז פאַרבליבן פון זיין אָנפאַנגערישן פּעריאָד, „די טרוימער" („Мечтатели" — געדרוקט אין „יעווריעיסקאָיע אָבאָזרעניע", יולי 1884), באַווייזט דייטלאַך, ווי אומזיכער ער האָט זיך געפילט אויפן פרעמדן וועג, כאָטש סטיליסטיש שטייט די דערציילונג העכער פון זיינע ערשטע העבּרייאישע פאַרפּאַסונגען. שלום-עליכם אַליין, אין זיין ערשטן בריוו צו מענדעלי מוכר-ספרים, באַצייכנט „די טרוימער", ווי „אַ בלאַסער אָפּגלאַנץ פון אייער פּראַכטפולן „מסעות


הצפירה № 6 1879

פעריאסלאוו. מגורי אל חרב היה את עמי לכן ספוק אל ירך (יחזקאל יח). אמר רבי אלעזר אלו בני אדם שאוכלים זע"ז ומותים זה עם זה, ונוקרים זה את זה במרכות שבלמונס (יומא דף ס').

מה יקרו דברים נכוחים ואמתים האלה בימנו היום, רק לדאבון לבנו אנו רואים כזאת בכל דבר, בכל מקום, ובכל זמן. מה היא מטרתו של איזה סופר המשמיע את קולו בשערי מכה"ע, לגדף את בני עירו מקטן ועד גדול יחד עשיר ואביון, לבעבור יגלה חרפתם יראו ויבושו וישיבו את דרכיהם? אבל אם יצא איש אשר זרו לו דרכי בני עירו ותהלוכותיהם, ויאריך לשון על עיר ויושביה? כדבר הזה ראינו את הסופר בהצפירה (גליון 50 שנה העברה) אשר יצא כמבקר על יושבי עיר פעריאסלאוו ונכבדיה, הנה יאמר בהמשך דבריו „כי מעט המה מבני פעריאסלאוו אשר ידעו לכתוב שתים או שלש דלתות בשפה ברורה, ונער יכתבם וכו', וכי רוח הזמן זר להם, והשכלה איראפית חסרה בניהם וכו'", ומדוע לא שם אל לבו אשר בבית הספר הגליל שבעירנו, נמצאים עד מאה נערים מבני עמנו השומעים לקח תורה וחכמה מפי מורים, ורבים כבר יצאו וגמרו חוק למודם באופן נעלה, מהם באו בבית האינסטיטוט אשר בזיטאמיר, ומהם אשר שלחו את ידם אל איזה מלאכות אשר שכרם אתם ופעולתם לפניהם, ואשר יאמר כי מעט המה היודעים שפתנו הק', מי יודע? אולי באשר אינם רוצים להיות כמבקרים בשערי מכה"ע — ואשר יפלא בעינינו הוא כי החל את מאמרו בבקורת על נגידי העיר ונכבדיה, להאשים בחטאת העקספלואטאציע, ואחרי כן ישליך שקוצים על המשכילים, ויסיים את דבריו עוד כאוהב נאמן לבני עירו לאמר „ושלום אמת יהיה בינינו עד עולם?" — אין חקר לרוח האדם.

שלום ראבינאוויטץ

Мое первое слово. Ш. Ал.

דאָס ערשטע געדרוקטע וואָרט פון שלום-עליכם אין „הצפירה" נומער 6, 1879.
[ביי דער זייט איז צוגעשריבן מיט שלום-עליכמס האַנט אויף רוסיש: „מיין ערשט געדרוקט וואָרט. ש. על."]

בנימין השלישי". געמיינט האט ער דערמיט מסתמא נאר דעם טעכנישן געבוי פון דער דערציילונג: פונקט אזוי ווי אין „מסעות בנימין השלישי" לאזט זיך בנימין טונעיאדעווקער מיט „סענדערל דער אידענע" אין וועג אריין צו די רויטע אידלאך, אזוי לאזן זיך אויך „די טרוימער", יאסל חריף און עליע תמעוואטער, אין דער וועלט אריין, אליין משיח און אליהו הנביא. לויטן אינהאלט, ווי אויך לויטן סטיל, זיינען אבער „די טרוימער" גאנץ פארשיידן פון מענדעלים קלאסישער סאטירע.

אין די ניינציקער יארן, ווען קיין אידישע אויסגאבעס זיינען אין רוסלאנד ניט געווען, האט זיך שלום-עליכם ווידער גענומען שרייבן רוסיש. ער האט זיך אפט געדרוקט אין „וואסכאד" און אין די אדעסער טעגלאכע ציימונגען. נאר קיין „שלום-עליכם" איז אויך פון יענע רוסישע שריפטן ניט ארויסגעוואקסן.

ג. — די ערשטע טריט אויפן היימישן באדן.

אז מע קאן אויך שרייבן אויף אידיש — פון אזא זאך האט דער יונגער ראבינאוויטש לכתחילה גארניט געקאנט טראכטן אפילו; דער געדאנק אליין וועגן דעם וואלט דעמאלט אויסגעזען ווילד. קיין אידישע ליטעראטור, אליין ווירקנדיקע גייסטיקע קראפט, איז אין יענע טעג נאך ניט געווען, און די געציילטע מאגערע ביכלאך, געשריבן אויף עברי-טייטש פארן פראסטן פאלק און פאר ווייבער, וואס האבן ערשט זיך גענומען באווייזן וואר-ניט-וואו אין אידישע הייזער, זיינען נאך ניט געווען בכח אנצורעגן אויף דעם געביט די ליטעראַרישע אמביציעס פון א פייאיקן משכיליש-געשטימטן יונגנמאן. שלום-עליכם דערציילט אפילו אין זיין אויטאביאגראפיע, אז איין מעשה-ביכל אזא אויף אידיש, וואס זיין פאטער האט איינמאל שבת-צו-נאכטס פארגעלייענט ביי זיך אין שטוב פאר געסט, האט ביי אים נאך אינגלווייז ארויסגערופן א חשק אנצושרייבן עפעס אזעלכעס, ווען ער וועט אויסוואקסן א גרויסער[4]. דאס איז אבער געווען נישט מער ווי א פארביילויפנדיקער געדאנק אין דער פאנטאזיע פון א קינד. די שפעטערדיקע דייטלאכע, שוין אויסגעפורעמטע חלומות און פארשטעלונגען האבן זיך געקלאמערט נאר אן די צוויי אנגענומענע, באפעסטיקטע שפראכן: העברייאיש און רוסיש. און דווקא אידיש, די שפראך, אין וועלכער ער האט זיך דערנאך איינגאנצן געפונען, איז געשטאנען אויסער דער ספערע פון זיינע יוגנטלאכע האכענונגען.

אידיש שרייבן איז אים געקומען אומגעריכטערהייט, כמעט דורך א צופאל. צופעליק איז צו אים אין די הענט אריינגעפאלן א נומער פון דעם פעטערבורגער „פאלקסבלאט", דאס איינציקע אידישע בלאט דעמאלט אין רוסלאנד, — און האט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס אויף א גאנץ נייעם וועג. דאס האט פאסירט לערך אין אנהייב פונם יאר 1883. דאס „פאלקסבלאט" איז שוין געווען געגאנגען דאס דריטע יאר, נאר אין דעם פראווינציעלן משכילישן קרייז, אין וועלכן דער יונגער לובענער ראבינער האט זיך באוועגט, האט מען עס מסתמא ניט אנגעזען. סאיז דא אן ארט פאר א השערה, אז דער צופאל, וואס האט שלום-עליכמען געבראכט צום „פאלקסבלאט", איז געקומען דורך צעדערבוימס א באמערקונג צו איינעם פון זיינע ערשטע מאמרים אינם „המליץ". אין א לאנגער „הערת המו"ל" צום לובענער ראבינערס מאמר וועגן חתונות פארן פריזיוו האט צעדערבוים געראטן דעם שרייבער, ער זאל אריינקוקן אינם „פאלקסבלאט", וואו עס ווערט געבראכט א פאל, וואס האט א שייכות צו זייער ענין. דער יונגער שרייבער האט, ווייזט אויס, זיך פאראינטערעסירט צו באקומען דאס „פאלקסבלאט" — און איז איבערראשט געווארן צו זען (ווי ער האט דערציילט שפעטער אין זיינע אויטאביאגראפישע פארצייכענונגען פון 1908) „א ציימונג אויף אזא פשוטער שפראך, וואס איז צוגייינגלאך *פאר אלע אידן, אפילו פאר ווייבער*!"

ווי ארים און וויסט דאס „פאלקסבלאט" האט ניט אויסגעזען, איז עס אבער דאך געווען א *ציימונג* — א לעבעדיק גייסטיק וועזן, וואס רעדט וואך-איין וואך-אויס צו אן עקזיסטירנדיקן עולם, צו באשטענדיקע הארכער, און דאס אליין האט שוין מער געקאנט צוציען צו זיך דעם יונגן בלאנזענדיקן וועגזוכער, איידער די עטלאכע צעווארפענע, פאריתומטע אידיש-ביכלאך, וואס האבן זיך עלנט, אן א נאמען און אן א היים, געמוליעט אין אידישע ספרים-אלמערס צו די בכבודיקע, הערשנדיקע העברייאישע השכלה-ביכער. נאר די הויפטזאך איז דא געווען דער חידוש פון *פשטות*: אן אייגן ווינקל, וואו מע קאן זיך ענדלאך באוועגן אזוי פריי און אזוי נאטירלאך, אן אנגעשטרייגטער קינצלעריי, וואו מע קאן זיך צעשפילן פארן פשוטן היימישן עולם מיטן גאנצן ברען פון אן ארטיסטישן פאלקסקינד, ווי אין די גוטע פרייע קינדער-יארן, ווי אמאל אין חדר צווישן חברה קונדסים. און דער יונגער פארשטעלטער ראבינער האט שטילערהייט, כמעט בגנבה, אנגעהויבן ביסלאכווייז ארפצווארפן פון זיך די פרעמדע פענטעס פונם סטאטעק, פונם „הצעיר באלפי יהודא", געפרוווט מאכן די ערשטע אומגעצאמטע טריט אויפן אייגענעם, כאטש ווילד-פארוואקסענעם, אבער היימיש-באקאנטן באדן, געווען שטארק טשיקאווע צו זען, וואס דערפון וועט ארויסקומען. און ארויסגעקומען דערפון איז סוף-כל-סוף דער גרויסער וואונדער פון דער ניי-אויפגעקומענער אידישער ליטעראטור — דער וואונדער אין פשטות, וואס הייסט „שלום-עליכם".

[4] אן עקזעמפלאר פון יענעם מעשה-ביכל האט שלום-עליכם אין יאר 1915 אויסגעפונען אין ניו-יארק דורך חנן י. מיניקעס און עס באהאלטן ביי זיך אין ארכיוו. סאיז א באשרייבונג פון קליינשטעטלדיקע בעלי-עגלות, וואס האבן זיך פאראייניקט אין א „טראסט" צו קעמפן קעגן דער אייזנבאן, געשריבן אין א פרימיטיוון פאלקסטימלאכן אידיש, אויסגעמישט מיט פאלקסווערטלאך און הלצות. דאס שער-בלעטל פונם העפטל לייענט זיך אזוי: „דער צווייטער אייזין באנד פון זארבינייץ קיין יורקאץ, פון חיים יאסעלים סטאליר מסאקילען, זיטאמיר תרל"ד".

מיטן „פֿאָלקסבלאַט“ איז געװען פֿאַרבונדן דער ערשטער פּעריאָד פֿון שלום־עליכמס אויפֿבלי אין אידיש, װאָס האָט געדויערט אַ משך פֿון קאָרגע זעקס יאָר (פֿון מיטן 1883 ביז אָנהייב 1889). דאָ האָט זיך דער יונגער שרייבער גלייך אַרויסבאַװיזן מיט זיין פֿולער פּראָדוקטיװער טעטיגקייט: ער האָט פֿאַר די ערשטע זעקס יאָר אָנגעשריבן אַ געדיכטע רײ פֿון פֿעליע־טאָנען, אַרטיקלען, שירים, דערציילונגען און ראָמאַנען. דאָס זיינען נאָך, אמת, צום מײנסטן געװען װילדע געװיקסן, דער פּראָצעס פֿון אַנטװיקלונג איז צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלאַך, װײל צוזאַמען מיטן אויסדרוק האָט מען אין יענע יאָרן אויך באַדאַרפֿט זוכן די מיטלען פֿאַר אים, און טרעטנדיק אויפֿן װיסטן, שטיינערדיקן װעג צום ציל, איז דאָס אויסטרעטן דעם װעג שיר אַליין ניט געװאָרן אַ ציל פֿאַר זיך. עס האָט נאָך אויך געשטערט דער סטאַטעק, װאָס האָט אויפֿ זיך צייטנװייז געפֿילט די נאָכפֿאָלגנדיקע בליקן פֿון דער היימישער משכּילישער קאָלאָניע. די באַװעגונגען זיינען שוין אָבער געװען פֿרייע, דער טראָט — אַ לייכטער, און דער אימפּעט — אַ יונגער און אַ פֿרישער. פֿונװייטן האָט געלאָקט דער ליבהאַרציקער אוצר פֿונם פֿאָלקס־לעבן, און אין האַנט איז שוין געװען גרייט דער ריכ־טיקער שליסל דערצו — די פֿאָלקשפּראַך.

שלום־עליכם אַליין, אומקוקנדיק זיך אין די שפּע־טערדיקע צייטיקע יאָרן אויפֿ זיינע ערשטע טריט אינם „פֿאָלקסבלאַט“, פֿלעגט שמייכלען כּמעט שעמעװדיק: ער האָט עס אינגאַנצן מבטל געװען, װי אומבאַהאָלפֿענע קינדערשע העװיות. פֿון דעם היבשן בינטל יוגנט־שריפֿטן האָט ער אויסגעקליבן נאָר די סאַמע װיכטיקע, װי „סענ־דער בלאַנק“, „קינדערשפּיל“, „דאָס מעסערל“, „דער ערשטער אַרויספֿאָר“, „ל״ג־בעומר“ און אַנדערע, פֿונ־דאַסניי זײ איבערגעאַרבעט און אַריינגענומען זײ צװישן זיינע װערק; דאָס איבעריקע האָט ער אָדער אָפּגע־לייגט אָן דער זייט נאָר לזכּרון, אָדער אינגאַנצן פֿאַר־ניכטס. ער האָט איינמאָל, שוין אין די לעצטע יאָרן, זיך גענומען באַאַרבעטן זיין „קינדערשפּיל“, װאָו כּמעט יעדער אָפּזאַץ אין דעם ערשטן נוסח האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ צװייענדיקן „א. ז. װ.“ (און זאָ װייטער), — האָט ער געהאַלטן אין איין לאַכן: „זע נאָר, װי מע האָט עס דאָ אַ ביסל אָנגעזאָװײטערט!“ — ער האָט גערעדט דערפֿון, פּונקט װי אָן אַנדערער, אַ פֿרעמדער, װאָלט עס געשריבן. אין זייער צייט האָבן אָבער די דאָזיקע רויע שרייבאַכצן געהאַט אין זיך דעם חן פֿון פֿרישער נייקייט און יונגער דרייסטקייט, דער דעמאָלטיקער ניט־דערװאַקסענער „פֿאָלקסבלאַט“־לעזער איז געװען פֿאַרכאַפּט פֿון זײ ניט װייניקער, װי דער שפּעטערדיקער מער־אַנטװיקלטער „יוד“־לעזער איז פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿון מנחם־מענדלס בריװ און פֿון די „קליינע מענטשעלאַך“, און דער נאָמען פֿון דעם יונגן שלום־עליכם האָט שוין גענומען אַריינדרינגען אין אידישע הייזער, װי אַן אָנזאָג אויפֿ עפּעס, װאָס איז זייער ליב און שטאַרק אָנגעלייגט.

דער ערשטער אַרויספֿאָר שלום־עליכמס אין אידיש איז געװען מיט אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „צװײ שטיינער“ (אָנגעהויבן זיך דרוקן אינם „פֿאָלקסבלאַט“ פֿון 1883, נומער 26, 18/6 יולי — מיטװאָך, יג תמוז תרמג, פֿאַרגעזעצט געװאָרן אין נומער 28 און זיך פֿאַר־ענדיקט אין נומער 30). די דערציילונג האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן פֿאַר זיין חתונה מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין אָלגאַ און האָט זי איר געװידמעט (די װידמונג גייט אין רוסיש: “Посвящено О—ѣ”); געדרוקט האָט זי זיך שוין נאָך דער חתונה. לויטן



שלום־עליכם אין באַדענװײלער [זומער 1910].

אינהאַלט האָט די גאַנצע דערציילונג געטראָגן אַ פּער־זענלאַכן כאַראַקטער און געהאַט אַ שייכות מיט די ראָמאַנטישע איבערלעבונגען פֿון דעם יונגן פּאָרפֿאָלק (דער נאָמען פֿונם העלד „שלמה ראַבאָװסקי“ איז אַ דייטלאַך אָנצוהערעניש אויפֿ „שלום ראַבינאָװיטש“ [5]),

[5] בכּלל זיינען אַלע פֿאַרשטעלטע נעמען אין דער דאָזיקער דער־ציילונג גאַנץ דורכזיכטיק פֿאַר די, װאָס זיינען באַקענט מיט אירע מאָטיװן, און אומזיסט װיל י. נוסינאָװ (אינם מאָסקװער „עמעס“ פֿונם 4־טן יולי, 1926) אויסטייטשן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט „גאָטליב“, װאָס װערט דאָרטן געבראַכט, אַז שלום־עליכם האָט דערמיט געגעבן „אַן אָנצוהערעניש אויפֿ דער צביעות פֿון די אָרטיקע פּרומאַקעס“: שלום־עליכם האָט אין זיין ערשטער דערציילונג לחלוטין ניט געהאַט אין זינען קיין פּראָבלעם פֿון צביעות און פֿון פּרומאַקעס, און דער נאָמען „גאָטליב“ איז אַ פּשוטע אידישע איבערלייגונג פֿון דער שטאָט **באָהוסלאַװ**.

נאָך דער טראַגישער סוף פון די באַשריבענע פערזאָנען איז געווען אַן אויסגעטראַכטער — און שלום־עליכם, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעלעבט אַ גליקלאַך לעבן מיט זיין אויסדערוויילטער, האָט זיך מיט זיין ערשטער דערציילונג געשעמט, ווי מיט אַ פערזענלאַכער נאַריש־קייט פון די יונגע יאָרן, וואָס דאַרף ניט געשטעלט ווערן אין שייכות מיט זיין שאַפן און מיט זיינע לעזער, און ער האָט זי אינגאַנצן אויסגעמעקט פון זיינע ווערק. אין 1908, בשעת מע האָט זיך געקליבן צו פייערן זיין פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובילייִ, איז ער באַשטאַנען דערויף, אַז זיין אַריינטריט אין דער אידישער ליטע־ראַטור זאָל מען אָנהייבן רעכענען ניט פון יולי 1883, ווען די „צוויי שטיינער“ זיינען געווען געדרוקט, נאָר פון אָקטאָבער 1883, ווען סאיז דערשינען אינם „פאָלקסבלאַט“ דער ערשטער פון זיינע „איבערגע־כאַפטע בריוו“. אגב, זיינען די „צוויי שטיינער“ געגאַנגען ניט אונטערן נאָמען „שלום־עליכם“. אויף די ערשטע צוויי פאָרזעצונגען איז געווען אָנגעגעבן דער אמתער נאָמען פונם מחבר, כאָטש אַ ביסל פאַר־שטעלט: „שלום ראַב — וויטש“, און צום סוף, אונ־טער דער לעצטער פאָרזעצונג, איז געקומען אַ פולע אונטערשריפט: „ראַבבינער שלום ראַבינאָוויטש“, און אויך דער אָרט און דאָס יאָר: „לובני, 1883“ [6].

די צווייטע זאַך, וואָס שלום־עליכם האָט מיט צוויי חדשים שפעטער געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט“, איז געווען אַ פעליעטאָן אונטערן נאָמען „די וויבאָרעס“. אויפן פאַרלאַנג פון זיין שווער לאָיעוו האָט ער דעמאָלט די ראַבינערשטעלע אין לובען אויפגעגעבן און איז געקומען אויף אַ קורצער צייט קיין סאָפיעווקע (דאָס גוט פון די לאָיעווס). דאָרטן האָט ער עס אָנגעשריבן „די וויבאָרעס“ [7]. און אַזוי ווי דער אַלטער לאָיעוו איז געווען ניט־צופרידן, וואָס זיין אײדים האָט זיך גענומען שרייבן אויף „עברי־טייטש“ (ער האָט געטענהט: אויב שוין יאָ שרייבן, איז כאָטש העברייאיש!), האָט דער יונגער שרייבער זיך אויסגעקליבן דעם פריילאַכן פסעוו־דאָנים „שלום־עליכם“, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין ניט געשיידט דאָס גאַנצע לעבן [8].

אין די „וויבאָרעס“ האָט שלום־עליכם געגעבן אַ קורצע און שאַרפע שילדערונג פון ראַבינער־וואַלן אין אַ פראָווינציעלער שטאָט — אַ מין „זייגעזונט“ צו דעם, וואָס אים אַליין איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין משך פון זיין ראַבינערייִ אין לובען. דערביי ווייזט ער דאָרט אַרויס זיין פולע נייגונג צום „פראָסטן עולם“: „שניידערס, שוסטערס, בעלי־עגלות, כלי־זמר, מלמדים“, וואָס קעמפן קעגן די גבירים און תקיפים פון שטאָט פאַרן אַלטן ערלאַכן ראַבינער, וועלכער איז זיי בייגע־שטאַנען אין זייערע נויטן. די שפראַך איז נאָך רוי, גענומען גלייך פונם לעבן צוזאַמען מיטן פסולת, דער אויסדרוק — ווינקלדיק, ניט געשליפן; עס גיט שוין אָבער אַ שיין דאָ און דאָרט אַ בליציק וואָרט, אַ קורצע טרעפנדיקע כאַראַקטעריסטיק, אַ הומאָריסטיש פינטל מיטן אויג. די נייגעשאַפענע אונטערשריפט „שלום־עליכם“ זוכט איר באַרעכטיקונג.

דורך די דריי יאָר ראַבינערייִ אין לובען איז דער יונגער שרייבער ניט ווילנדיק אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קהלשע אינטערעסן פון די אידישע פראָווינץ־שטעט, וואָס האָבן זיך צום מיינסטן געפונען אין אַ הפקרדיקן צושטאַנד, און דאָס האָט אים די ערשטע צייט טייל־ווייז געפירט צו קליין־פובליציסטישער סאַטירע. גלייך נאָך „די וויבאָרעס“ האָט ער זיך באַוויזן אינם „פאָלקס־בלאַט“ מיט זיין סעריע „די איבערגעכאַפטע בריוו אויף דער פאָסט“ (געדרוקט מיט הפסקות פונם 26־טן אָקטיאַבר, 1883, ביז דעם 11־טן יולי, 1884), וואָס איז באַשטאַנען פון לייכטע, אויבנאויפיקע באָאַב־אַכטונגען אינם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך, צוגעמישט מיט מוסר־זאָגאַכץ און השתפכות־הנפש און באַפעפערט מיט לייכטן שפאָט. לויט דער פאָרם איז דאָס געווען אַ קאָרעספאָנדענץ, געפירט צווישן צוויי פאַרשוינען: „רב לייבעלע פון יענער וועלט און רב וועלוועלע אויף דער וועלט“, און שלום־עליכם האָט די קאָרעספאָנדענץ „איבערגעכאַפט אויף דער פאָסט“ און זי געבראַכט צום דרוק. נאָר אין די בריוו גופא ווערט שלום־עליכם אַליין גאַנץ אָפט אַריינגעפירט אַלץ אַקטיווע פיגור, עס ווערן דאָרט געבראַכט שמועסן און סברות פון די לעזער וועגן זיין כאַראַקטער: ווער איז ער, וואָס איז ער, און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? — דערצו האָט נאָך שלום־עליכם

[6] לויט ווי פרוי שלום־עליכם גיט־איבער, האָט אין דער קאָמ־בינאַציע פון די צווייערליי אונטערשריפטן געשטעקט אַ באַזונדער „טריק“ מצד דעם יונגן מחבר, היינו: אַזוי ווי די דערציילונג איז געווען אַן אָפשפיגלונג פון דעם, וואָס סאיז פאָרגעקומען צווישן זיי ביידן און איר פאָטער, וועלכער האָט לכתחילה גע־שטערט זייער בונד, האָט ש. ע. געוואָלט, אַז זיין שווער זאָל דורכאויס איבערלייענען די „צוויי שטיינער“. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אויב דער אַלטער לאָיעוו וועט דערזען זיין נאָמען אויף דער דערציילונג, וועט ער שוין ניט וועלן אין דעם אַריינקוקן, האָט ער דעריבער אין די ערשטע צוויי פאָר־זעצונגען זיין נאָמען פאַרשטעלט, כדי אַריינצוציען דעם שווער אין דעם ספור־המעשה, און ערשט צום סוף האָט ער זיך אַנטפלעקט מיטן פולן נאָמען. — [7] אינם מאָסקווער „עמעס“ פונם 4־טן יולי, 1926, איז געדרוקט אַ ויכוח צווישן ל. ראָזנבלום און י. נוסינאָוו איבער דער פראַגע: וואו האָט ש. ע. געשריבן „די וויבאָרעס“ — אין לובען, צי אין בעלאַצערקאָוו? — דער אמת איז, אַז „די וויבאָ־רעס“ זיינען געשריבן געוואָרן אין סאָפיעווקע. לובען האָט ש. ע. פאַרלאָזט אין אויגוסט, און אין בעלאַצערקאָוו האָט ער זיך באַזעצט ערשט אין נאָוועמבער; די צווישנצייט פון די עטלאַכע חדשים האָט ער פאַרבראַכט ביי זיין שווער אין סאָפיעווקע („די וויבאָרעס“ זיינען געדרוקט געוואָרן דעם 28־טן סענטיאַבר, אַ. ס., 1883).

[8] שלום־עליכם אַליין, אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרציי־כענונגען פון 1908, דערציילט, אַז אונטער זיין פסעוודאָנים האָט ער זיך אויך אויסבאַהאַלטן די ערשטע צייט פון זיין פאָטער, וועמעס אַמביציע סאיז געווען, ער זאָל שרייבן העברייאיש. — אגב איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס ערשטע מאָל, אונטער „די וויבאָרעס“, איז די אונטערשריפט „שלום־עליכם“ געקומען מיט דריי פינטעלאַך (וואָס דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז מע זאָל זיך צום „שלום־עליכם“ גוט צוקוקן), דאָס צווייטע און דריטע מאָל, אונטער די „איבערגעכאַפטע בריוו“, — מיט דריי שטערנדלאַך, און ערשט פונם פערטן מאָל גייט־אָוועק די אונטער־שריפט ריין, אָן דער באַגלייטונג פון באַזונדערע סימנים.

געוועקט דעם אינטערעס צו זיך און צו די „איבערגעכאפטע בריוו“ דורך זייטיקע פעליעטאנען, וואס ער אליין האט געשריבן אונטער פארשטעלטע נעמען: „גמליאל בן פדהצור“ און „באראן פיפערנאטער“. פאר דער צייטונג זיינען די דאזיקע פעליעטאנען גלייך געווארן איר לעבעדיקער נערוו, די לעזער האבן זיך מיט זיי געקוויקט און שטארק הנאה געהאט פון דעם יונגן אפשפעטער — „אזא ממזר, א שלאק, א צרה, א מארשעליק, א כל־בוניק, א טרפהנער פיסק“, — ווי שלום־עליכם אליין לייגט זיי אריין אין מויל זיין כאראקטעריסטיק. נאר דער יונגער שרייבער איז מיט זיין ארבעט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען אינגאנצן באפרידיקט. ער ווארפט זיך אליין אויף, דורכן „באראן פיפערנאטער“, למאי ער פארשווענדט זיין „סאטירא“ אויף אזעלכע נארישקייטן, ווי טאקסע, עליות, חסידים, שול־ענינים, און פארענטפערט זיך גלייך מיט דעם, וואס דאס אידישע לעבן פארמאגט ניט קיין אנדער שטאף פארן שרייבער: „אידן האבן נאך אזוי סקוטשנע ניט געלעבט, ווי איצט; דאס אידישע וועלטעלע איז נאך קיינמאל ניט געווען אזוי פוסט, אזוי טרויעריק, ווי איצט“.

פון „די איבערגעכאפטע בריוו“ איז שלום־עליכם אריבער צו א צווייטער ענלאכער סעריע פעליעטאנען: „אן איבערשרייבונג צווישן צוויי אלטע חברים“ („פאלקסבלאט“, 1884). די צוויי אלטע חברים זיינען געווען: שלום־עליכם אליין און „שלעז דער בריוול־שרייבער“ (א ווירקלאכע פערזאן, איינער פון די פערעיאסלאווער משכילים, וואס ווערן באשריבן אינם בוך „פונם יאריד“; נאר אין דער „איבערשרייבונג“, פארשטייט זיך, פיגורירט ער פיקטיוו). און שפעטער קומען „בילדער פון דער בארדיטשעווער גאס“ (1886 — 1887), „בילדער פון דער זשיטאמירער גאס“ (1888), „פונם וועג“ (1888 — 1889) און פארשיידענע אנדערע פעליעטאנען. ביסלאכווייז באפרייט זיך שלום־עליכם פון דעם פובליציסטישן שטאף און קומט־צו נעענטער צו זיין שפעטערדיקן אייגענעם זשאנער: מאלן דורך דערציילן. דערביי איז ער אליין נאך אלץ ניט דער זייטיקער, אביעקטיווער באאבאכטער און באשרייבער פון זאכן, נאר ער שטעלט זיך אוועק אין צענטער פון די באשריבענע פארשוינען און פאסירונגען, שאפט פון זיך דעם טיפ פונם טשיקאוון, אלצזעענדיקן און אלצהערנדיקן „שלום־עליכם“, וואס איז אויסגעבונדן מיט דער גאנצער וועלט. אפט ווערט ביי אים דער פעליעטאן פארוואנדלט אין א מין ליטעראריש פאפורי, וואו כאראקטער־ און שטייגער־שילדערונג, לירישער אויסגוס און סאטירישע זשורנאליסטיק מישן זיך אויס צוזאמען. ער באַרירט מיט זיין שפילעוודיקער לייכטער פען אלעמען, וועמען ער טרעפט נאר אין זיין סביבה: אלטמאדישע אידן, היינטוועלטיקע יונגעלייט, לעזער און קארעספאנדענטן פונם „פאלקסבלאט“, שרייבערס, גראפאמאנען, קהלשע פארזארגערס. און אמאל פאלט אים איין צו נעמען זיך אליין אויך „אויפן צימבל“. ער שפאצירט אויף דער „זשיטאמירער גאס“, באטראכט האלב־שפאטיש און האלב־פארביינקט א גאנצע ריי פון אמאליקע קליינשטעטלדיקע באקאנטע, וואס זיינען פארכאפט געווארן פון דער הערשנדיקער ציוויליזאציע, פארביטן אייגנס אויף פרעמדס, איבערגעמאכט די נעמען, די שפראך, דעם גאנצן לעבנשטייגער — און פלוצים דערזעט ער אויך זיך צווישן זיי: „סאלאמאן נאאומאוויטש — ווער איז דער דאזיקער נפש? אאא? דאס ביזטו, שלומקע? שלום רב נחומס? רב נחום וועוויקס א זון? דעם פעטער וועוויקס? גאנץ שיין! גאנץ לייטיש! מיר דאכט, אז איך געדיינק דיך נאך, ווען דו ביזט געגאנגען אין שיך־און־זעקעלאך און האסט געהאט נישט קיין שלעכט קעפל צום לערנען? איך האב געמיינט, אז דו וועסט געווים זיין א רב אין א קליינשטעטל, אדער, לכל הפחות, א שוחט, א מוהל, א בעל־מציצה — צום סוף, נא דיר גאר סאלאמאן נאאומאוויטש! נו? וואס זאגט דערויף דיין פעטער פיני? נו, און איצל* שווייגט? א היכא תמצא?...“

סאי לויטן אינהאלט, סאי לויטן סטיל, שאפן די דאזיקע פעליעטאנען דעם איינדרוק פון עפעס, וואס מע קאן עס אנרופן „ערב שלום־עליכמדיקס“. די טיפן זיינען געצייכנט אין בלאסע קאנטורן, די שפראך, כאטש עכט און פליסיק, שלאגט נאך אפ מיט מוטנעקייט, און דער הומאר איז געמישט מיטן פסולת פון הוזק און פראווינציעלער סאטירע. נאר אויף אט די בלאסע קאנטורן פון דער „בארדיטשעווער גאס“ זיינען עס שפעטער אויסגעוואקסן די רעליעפע פארביקע פיגורן פון כתרילעווקע, און פון אט דעם געמיש פון עכטקייט מיט פסולת האט זיך עס אויסגעקריסטאליזירט דער לויטערער, דורכזיכטיקער סטיל פון שלום־עליכמס קלאסישן הומאר. עס איז ווערט צו באמערקן, אז שוין אין יענע פעליעטאנען באווייזט זיך דער שאטן פון דעם שפעטערדיקן מנחם־מענדל („א פארוואלגערט בריוול פון די איבערגעכאפטע בריוו“, „פאלקסבלאט“ 1887, נומער 15); און שיינה־שיינדל — די האט זיך דייטלאך באוויזן נאך פריער, אין איר ערשטן גלגול פון א ס ת ר ל י פ ש ה („קאנטאר־געשעפט“, „פאלקסבלאט“ 1885, נומער 48). און אפילו טביה דעם מילכיקנס שפראך מיט זיינע טייטש־ווערטער בלאנזען שוין אום אין עולם־התוהו.

אחוץ דעם לייכטן פעליעטאנישן שטאף פאר דער צייטונג, האט שלום־עליכם יענע יארן אויך געשאפן א ריי דערציילונגען און ראמאנען, וואס האבן זיך געדרוקט אין די וועכנטלאכע ליטערארישע ביילאגעס צום „פאלקסבלאט“, און וואס שפעטער האט ער זיי שטארק איבערגעארבעט און אריינגענומען אין זיינע ווערק. אין זייער ערשטן נוסח האבן זיי געליטן פון צעשוואומענקייט: די פאבולע האט זיך גאנץ אפט

* א זון פון שלום־עליכמס פעטער פיני.

געטרונקען אין אַן איבערפלייץ פון זייטיקע רייד, ניט־נייטיקן באַבאַכטונג־מאַטעריאַל און השתפכות־הנפש — אַ שטיק ירושה פון סמאָלענסקינס שול. דער יאָדער אין זיי איז אָבער געווען אַ פרישער, זאַפטיקער, און אַזעלכע ווערק, ווי „דאָס מעסערל“, „די וועלטרייזע“ (אין דער שפעטערדיקער באַאַרבעטונג באַטיטלט „דער ערשטער אַרויספאָר“), „קינדערשפיל“ און „סענדער בלאַנק“, האָבן פאַרשאַפט דעם לעזער פון זייער צייט אַ הויכן גענוס.

שלום־עליכם האָט דער ליטעראַטור אויך געצאָלט דעם יוגנט־צינז, וואָס כמעט אַלע פראָזעשרייבערס צאָלן ביי זייער ערשטן אַרויסטריט: ער האָט געשריבן שירים. די ערשטע עטלאַכע יאָר איז ער געווען אין „פאָלקסבלאַט“ דער פראָדוקטיווסטער צווישן די פאָעטן. זיינע שירים זיינען אָבער געווען נישט מער ווי געגראַמטע פראָזע, געשריבן דאָס רוב אויף נאַציאָנאַלע און חובב־ציוניסטישע מאָטיוון (ער האָט אויך איבערגעזעצט י. ל. גאָרדאָנס „אחותי רוחמה“). דערביי האָבן אַ סך פון זיי זיך אויסגעצייכנט דווקא מיט זייער ו ו י י נ ע נ ד י ק ן טאָן (איין שיר טראָגט אפילו דעם נאָמען: „מע פרעגט מיך, וואָס איך וויין?“). ער האָט זיך אָבער גיך אַרומגעזען, אַז דאָס איז ניט פאַר אים קיין אַרבעט, און אין זיין „עפנטלאַכן אַנטוואָרט צו די הערויסגעבער פונם אידישן פאָלקסבלאַט“ (1887, נומער 18) געזעגנט ער זיך אָפ מיט דער פאָעזיע און אָט די גראַמען:

„איך האָב פון אייך אַ בריוו באַקומען;
איר פאָדערט אַ דיכטונג פון מיר?
איך דאַרף פאַר אייך זיך ניט באַרימען,
מאַטעריאַל האָב איך דווקא אָן אַ שיעור.

— — — — — — — — — — — — — —

קיין בדחן אין „פאָלקסבלאַט“ וויל איך ניט זיין
(הגם איך בין דאָך אַ קנאַפער פאָעט!).
איך האָב זיך מיט דער פאָעזיע געזעגנט גאַנץ פיין,
דער לירע האָב איך געגעבן אַ גט.

מיט דער פראָזע האָב איך זיך באַקענט באמנות,
און רייד מיט די לעזער אָן גראַמען;
איך שרייב אַמאָל ערנסט, אַמאָל אויף ליצנות,
ראָמאַנען, נאָוועלן און דראַמען“.

מיט יאָרן שפעטער האָט שלום־עליכם אויף זיין בינטל שירים פונם „פאָלקסבלאַט“ אָנגעשריבן: „פאַרניכטן“. ער האָט נאָר אויסגעקליבן עטלאַכע פון זיי, וועלכע ער האָט געהאַט בדעה באַאַרבעטן אין פראָזע; עס האָט זיך אים אָבער, אפנים, ניט געגלוסט מער זיך אומקערן צו זיי.

* * *

די ערשטע טריט אין אידיש האָט שלום־עליכם געמאַכט אָן קיין שום זייטיקע, אידייאישע, כוונות און טענדענצן. ער האָט געהאַט נאָר איין כוונה: זיך צו באַווייזן, אַנטפלעקן פאַר דער וועלט די באַהאַלטענע כוחות, וואָס יוירן אין אים. ער האָט געזוכט זיין וועג — און האָט אים געפונען נאָענט אַרום זיך, אויפן נאַטירלאַכן, היימישן באָדן. ער האָט גלייך אין דעם דערפילט בחוש זיין באַרוף, זיין לעבנסאינהאַלט. דעם וועג האָט מען אָבער ערשט געמוזט אויסטרעטן, מע האָט באַדאַרפט ווערן איינער פון די ע ר ש ט ע — און דאָס האָט געוועקט דעם יונגן פליים, געשטאַרקט דעם מוט, געהייליקט די אַרבעט. די אייגענע פערזענלאַכע אַמביציע איז אויסגעוואַקסן צו אַ אידייע, צו אַ פאָלקס־אידעאַל: שאַפן פאַרן פאָלק אַ ליטעראַטור אויף זיין שפראַך, וואָס דאָס האָט אין פלוג אויך געהייסן: שאַפן פאַר זיך די נייטיקע אַטמאָספערע, די מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זיך, צו שטייגן העכער און העכער. פון דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין האָט עס אַרויסגעשטראָמט זיין גאַנצע ענערגישע טעטיקייט אין די יונגע יאָרן פאַר אידיש, פאַר דעם אויפבוי פון אַ אידישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געפירט צו טון אַרבעט, וואָס איז געשטאַנען אויסער זיין קינסטלערישן באַרוף: צו שרייבן „שמרם משפט“, צו אָנפירן אַ קאַמף קעגן לעווים אידיש־פיינטלאַכע מעטאָדן אינם „פאָלקסבלאַט“, צו וועקן דורך בריוו זיינע צייט־חברים צו טעטיקייט. און דאָס האָט אים אויך געפירט צו דער אויסגאַבע פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק“, וואָס האָט געעפנט אַ ניי קאַפיטל אין דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער אידישער ליטעראַטור — און אויך אין זיין אייגענער אַנטוויקלונג.

ד. — אויפן ברייטן וועג.

דער ברייטער שפעטערישער וועג פון שלום־עליכם הייבט זיך אָן מיט דער דערשיינונג פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק“, אין וועלכער ער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע ערשטע צוויי צייטיקע, קינסטלעריש געלייטערטע ווערק: „סטעמפעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“. ו ו אָ ס ער האָט געשאַפן אויף דעם דאָזיקן אָפענעם וועג — איז גענוג באַקאַנט צו יעדן איינעם פון זיינע לעזער. דאָ וועט דעריבער נאָר דערציילט ווערן עפעס דערפון, ו ו י אַ ז ו י זיין שאַפונגאַרבעט פלעגט געטאָן ווערן.

קודם כל — ווי אַזוי האָט זיך שלום־עליכם אַליין באַצויגן צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט? — פון דעם, וואָס ער האָט זיינע זאַכן געשריבן אַזוי לייכט, — ריכטיקער געזאָגט: וואָס זיין שרייבן האָט זיך אַזוי לייכט געגעבן דעם עולם, — האָט ביי זייטיקע מענטשן אָפט זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז אויך זיין באַציאונג צום שרייבן איז געווען אַ לייכטע, אַ „פראָפעסיאָנעלע“, אַזאַ וואָס קומט פון צו־אָפטן פאַרקער מיט פאַפיר און טינט, פון וואָכעדיקער געוואוינשאַפט, פון בעל־מלאכהשער געניטקייט; אַז ניט אַלע מאָל איז זיין אַרבעט באַגלייט געוואָרן פון אינערלאַכער שאַפונג־פרייד, און אַז זייער זעלטן איז זי געשטערט געוואָרן פון זעלבסטקריטיק און קינסטלערישע צווייפ־

לוננען. אַזאַ איינדרוק וועגן שלום־עליכמס „לייכט־קייט" האָבן אָבער געקאָנט באַקומען נאָר די, וואָס זעען זאַכן פונדרויסן און וואָס שאַצן מענטשלאַכע איינגנשאַפטן סכעמאַטיש. אין דער אמתן, איז דער הויפּטשטריך אין שלום־עליכמס באַציאונג צו זיין אַרבעט דווקא געווען — מייסטערישע ערנסטקייט, אויפריכטיקע באַגייסטערונג, תמימותדיקע אמונה אין דער וויכטיקייט פון דעם, וואָס ער טוט. שוין דאָס אַליין, וואָס ער איז געווען אַזוי אומערמידלאַך־טעטיק אין זיין שאַפן, שטענדיק רירעוודיק־באַשעפטיקט, היים פולסירנדיק — האָט געפאָדערט אַ גרויסן קוואַל פון גלויבן, אַ טיפן אינערלאַכן דראַנג, און ניט מיט וואָכעדיקער פּראָפעסיאָנעלער געוואוינשאַפט קאָן מען עס דערקלערן. ווייל שרייבן איז פאַר אים געווען ניט אַ מיטל צו עפּעס, — צו ליטעראַרישן כבוד אָדער צו מאַטעריעלע באַקוועמלאַכקייטן, — נאָר אַ צוועק פאַר זיך אַליין, דער זינען פון זיין לעבן, די העכסטע מדרגה פון זיין לעבנספרייד. ער האָט געברענט אין זיין שרייבן, ווי אַ קנויט אין בוימל, און אין שרייבן איז אויסגעפלאַקערט געוואָרן זיין לעבן. די טיפע כאַראַקטעריסטישע קנייטשן אויף זיין יונגן מילדן פּנים זיינען געווען ניט קיין סימנים פון וואָכעדיקער זאָרג, נאָר שפּורן פון אומאויפהערלאַכער שעפערישער מי, און ווער ווייסט, צי אין די דאָזיקע איידעלע פאַלדן פון זיין קינסטלער־געזיכט האָבן זיך ניט באַהאַלטן זיינע שאַפונג־ווייען, זיינע קינסטלערישע צווייפלונגען און אומבאַפרידיקטע שטרעבונגען? דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז ניט אַלע מאָל געבליבן צופרידן מיט זיין אַרבעט, איז זיין ליטעראַרישער אַרכיוו, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ היבשע צאָל פון אָנגעהויבענע אָדער ניט־פאַרענדיקטע ווערק, צום מיינסטן וואַריאַירטע אין פאַרשיידענע נוסחאות. דערביי איז דאָס נאָר אַ קליינער איבערבלייב פון אַ סך אַזעלכע פּראָבעס, צווישן זיי אויך גאַנץ פאַרענדיקטע זאַכן, וואָס ער האָט פאַר זיין לעבן אומבארחמנות פאַרניכטט. אַזוי האָט ער געטאָן מיט זיינער אַ דראַמע, אונטערן נאָמען „דוד בן דוד", אויף וועלכער ער האָט אינם יאָר 1906 געאַרבעט וואָכן נאָכאַנאַנד, טאָג און נאַכט, און האָט זי אפילו געלאָזט העקטאָגראַפירן אין צענדליקער קאָפּיעס, און לסוף האָט ער אַלע קאָפּיעס פאַרברענט (צופעליק איז פון יענער דראַמע אָפּגעהיט געוואָרן איין קאָפּיע, אָן זיין ידיעה). דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט אַ צווייטער פּיעסע, „דאָס נייע לעבן", וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פון זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, און מיט אַ דריטער, אונטערן נאָמען „וואוהין?", געשריבן אין סוף 1907 — זיי האָבן אים ניט באַפרידיקט און זיינען געמשפּט געוואָרן מיט פייער.

ווי אַ פּראָדוקטיווער שרייבער, — דער פּראָדוקטיווסטער צווישן אונזערע קלאַסישע קינסטלער, — האָט ער זיך געווים ניט געקאָנט אויסהיטן פון זאַכן, וואָס זיינען געשטאַנען אויסער זיין קינסטלערישער ליניע. דאָס פלעגט פאָרקומען על־פּי רוב אין מאָמענטן פון אויסגעשעפּטקייט, נאָך אַן אַרבעט פון הויכן שעפע־



פאַקסימילע פון שלום־עליכמס אַן ערשטהאַנטיקן כתב־יד [אַ בלעטל פונם ראָמאַן „בלאָנזשענדע שטערן", ערשטער טייל, קאַפּיטל פיר].

רישן עקסטאַז. ער האָט ניט געקאָנט אַרומגיין ליידיק, ער האָט געמוזט יעדן טאָג עפּעס שרייבן, ער האָט זיך געפילט געלאַנגווייליקט אָן זיין אַרבעט — די פאַנטאַזיע האָט זיך אָבער נאָך ניט אויסגעניכטערט פון אירע ערשט־איבערגעלעבטע פריידיקע דערגרייכונגען און האָט זיך צו נייע אַרבעטן ניט געוואָלט געבן. און אַזוי זיינען אַרויסגעקומען אויך בלאַסע שאַפונגען, וואָס אָטעמען מיט אַ שוואַכן אָטעם. עס זיינען אויך געווען אויסערלאַכע סיבות, — דער נידעריקער ניוואָ פון אונזער פּרעסע און אירע סוחרישע מאָטיוון, — וואָס האָבן אים אַמאָל געבראַכט דערצו, ער זאָל מישן זיין גאָלד מיט פּסולת. די צייטונגען האָבן אים אימפּאָנירט מיט דעם גרויסן עולם לעזער, וואָס זיי שטעלן אים צו, און ווייל דער גרויסער עולם איז אַ געמישטער, פלעגט שוין אויך זיין אַרבעט, אומבאַוואוסטזיניק פאַר אים, אַרויסקומען צייטנווייז אַ געמישטע. אומבאַוואוסטזיניק — ווייל זיין כוונה איז תמיד געווען אָן ערנסטע, אַ ריינע, דורכגעדרונגען מיט שריפטשטעלערישער ווערדע. שוין דער פּראָצעס פון שרייבן אַליין — דער אינטימער באַריר מיט דער אידישער שפּראַך, צו וועלכער ער האָט זיך באַצויגן מיט צערטלאַכער ליבשאַפט, ווי דער ווירטואָזער פידלער צו זיין סטראַדיוואַריוס־פידל, — האָט אים אַריינגעבראַכט אין געהויבענער שטימונג.

ער האָט דאָס שרייבן גערעכנט פאַר אָן עבודת־הקודש, ער האָט אָבער דערפון ניט געשאַפן פאַר זיך קיין אויסערלאַכן קולט, ניט געהאַלטן פון שריפטשטעלערישע צערעמאָניעס, ניט גענייטיקט זיך אין סטימולירנדיקע מיטלען, אין אָפּגעצאַמטקייט, אין התבודדות, אין באַשטימטע שטונדן. ער האָט געקאָנט שרייבן צו יעדער צייט פון טאָג און נאַכט און אומעטום, וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט — אפילו „אויף אַ לאָקשנברעט, אָדער אויף אַ טעצל פון אַ סאַמאָוואַר, אָדער אויף אַ דנאָ פון אַ פעסל, אָדער גאָר זיצנדיק אויפן טראַמוואַי!“ (פון זיינעם אַ בריוו צו ביאַליקן און ראַווניצקין). גאַנץ אָפט פלעגט ער שרייבן גייענדיק. די בעסטע קאַפּיטלען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ זיינען פון אים געשריבן געוואָרן אויפן שפּאַציר איבער די שטילע זשענעווער גאַסן און שטאָט־גערטנער, אין דער באַגלייטונג פון זיינע קינדער. ער האָט ניט באַדאַרפט צו זיין אַרבעט קיין אויסערלאַך־געשאַפענע שטימונג — ער האָט די שטימונג געטראָגן אין זיך. ער האָט ביים שרייבן קיין שום זאַך ניט געהערט און ניט געזען, אויסער די ווערטער און די געשטאַלטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין זיין געדאַנק. גייענדיק, פלעגט ער אינמיטן שרייבן אָפּט זיך אָפּשטעלן, פאַררייסן דעם קאָפּ צום הימל און לאַנג קוקן אומבאַוועגלאַך אין דער לופט אַריין — ווי ער וואָלט עמיצן געזען. שרייבנדיק אין אַ וויכן שטול, האָט ער געהאַט אַ טבע, ביים פאַרטראַכטן זיך, פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס און צודריקן די פּען צום רעכטן אויער — ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט. גאַנץ אָפט פלעגט ער ביים שרייבן קלאַנגלאָז באַוועגן מיט די ליפּן — דאָס האָט ער אויסגעפּרוּווט דעם ריטם פון דער שפּראַך, דעם דיאַלאָג פון זיינע געשאַפענע פאַרשוינען. אַמאָל פלעגט ער זיך פלוצים צעלאַכן הויך אויפן קול, און אַז איינער פלעגט אָנקומען אויפן דאָזיקן מאָדנעם געלעכטער, פלעגט ער זיך אָנבויגן אָן ווערטער צום מאַנוסקריפּט און שרייבן ווייטער מיט לאַכנדיקע אויגן. דאָס האָט ער דער ערשטער, ביחידות, פאַרזוכט פון זיין אייגענעם האָניק.

ער האָט געאַרבעט אינטענסיוו, פאַרשיכורט, אויסגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט. שרייבנדיק פלעגט ער זיך צעבייסן די נעגל ביז בלוט. ער האָט דעריבער אָפט געשריבן אין הענטשקעס — ער פלעגט אָבער אויך צעבייסן די הענטשקעס.

ער איז געווען תמיד גרייט פאַר זיין געדאַנק, און אַז עפּעס איז אים אָנגעקומען, האָט ער ניט ליב געהאַט אָפּצולייגן עס אויף שפּעטער, נאָר גלייך זיך געזעצט צום שרייבטיש. גאַנץ אָפט האָט אים די אַרבעט געוועקט פון שלאָף. פרישמאַן פלעגט דערציילן אַזוי: איינמאָל איז שלום־עליכם פאַרפאָרן צו אים פון פּעטערבורג קיין וואַרשע. מע האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט אין שמועס, און אַזוי ווי שלום־עליכם האָט זיך געפילט מיד פונם וועג, איז מען געגאַנגען פרי שלאָפן. אינמיטן נאַכט האָט פרישמאַן באַמערקט, אַז ביי שלום־עליכמען אין צימער איז ליכטיק. ער איז אַראָפּ פון בעט, שטיל געעפנט די טיר און דערזען, ווי זיין גאַסט זיצט אין כאַלאַט אָנגעבויגן צום טישל און שרייבט עפּעס פאַרטיפט, גיך־גיך. — פרישמאַן האָט עס באַוואונדערט: אַ מענטש איז אין וועג, אין אַ פרעמדן הויז, מיד פון אַרומפאָרן — שטייט ער אויף אינמיטן נאַכט פראַווען „חצות“ מיט דער מוזע! דערצו איז דאָס נאָך פאָרגעקומען אין אַזאַ צייט, ווען ער האָט פון זיין שרייבן קיין געברויך ניט געקאָנט מאַכן, ווייל ער איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן פונם „פריינד“ און קיין אַנדער אידישע צייטונג אין רוסלאַנד איז ניט געווען. „ער איז דער איינציקער שרייבער צווישן אונז! — פלעגט פרישמאַן דערויף זאָגן אין זיין האַלב־ערנסטן, האַלב־איראָנישן טאָן. — מיר אַלע, איך זאָג עס בעז שוטקי, מאַכן נאָר דעם אָנשטעל, אַז מיר זיינען שרייבער; מהכתיתי, אַז עס קומט אונז צו דער האַנט, טוען מיר אַ שרייב אויך. אָבער דיזער שלום־עליכם, מערקווירדיק — ער ווייסט דאָך קיין שפּאַס ניט; ער מיינט עס מיט זיין שרייבן גאַנץ ערנסט. ער איז שרייבער אַלע זיינע פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת!“...

און אין דעם איז געלעגן אַ טיפער אמת. אויף די, וואָס האָבן שלום־עליכמען געזען פונדערווייטן, האָט עס אַמאָל געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער קאָקעטירט מיט זיין שריפטשטעלערישן פלייס, אַז ער טראָגט זיך

מיט דעם ארום צוליב רעקלאמע. אזא איינדרוק איז אבער דורכאויס געווען א פאלשער. ווייל אין זיין שריפטשטעלעריי האט שלום־עליכם קיין שפאס ניט געוואוסט און קיין אנשטעלן דערמיט ניט געמאכט. אויב ער האט זי באטאנט, איז דאס געקומען נאר דערפון, וואס ער איז געווען איבערגעפילט מיט זיין ארבעט, מיט דער פרייד פון דער ארבעט. ער האט אפט אין זיינע בריוו צו חברים און פריינט דערציילט מיט באגייסטערונג, אז ער שרייבט אדער ער האט אנגעשריבן עפעס אן אנטיק — דאס איז געווען דער ניטוווילנדיקער אויסדרוק פון עקסטאז, וואס באהערשט דעם בארוישטן קינסטלער אין זיין אפגעזונדערטן שעפערישן ווינקל. אנדערע פארשטיקן עס; שלום־עליכם, אין זיין קינדערשער פשטות, האט זיין פרייד געמוזט ארויסזאגן אפן.

ער האט ניט קאקעטירט, נאר שטאלצירט. ער איז געווען גליקלאך מיט זיין גורל, וואס האט אים באשערט צו זיין א שרייבער ביי זיין פאלק — דערצו אזא שרייבער, וואס פארשאפט דעם פאלק גענוס פון פרייד. דאס דאזיקע באוואוסטזיין האט אים באפליגלט, געהויבן זיין קאפ, געמאכט צו גארנישט אלע זיינע זארגן, אלע שווערקייטן פון לעבן. ער וואלט זיין גורל אויף אן אנדערן קיינמאל ניט פארביטן. שוין אין די ערשטע יארן האט ער ווי בכוונה זיך באפרייט פון מאטעריעלן וואוילשטאנד, כדי איבערצוגעבן זיך איננאנצן זיין אינערלאכן באַרוף, צו טראגן זיין אייגענע געהויבענע פאן מיט ביידע הענט.

* * *

ער פלעגט שרייבן זייער שנעל — זיין האנט איז געלאפן איבערן פאפיר אזוי לייכט, ווי זיין געדאנק. ער פלעגט אבער דאס געשריבענע נאכדעם שטארק באארבעטן, אויסמעקן שורות און אנשרייבן פון אויבן אנדערע, ארייינפלעכטן ווערטער, אויסרייסן אנגעשריבענע בלעטלאך און צושרייבן נייע. די נומעראציע פון זיינע מאנוסקריפטן איז קיינמאל ניט געווען קיין רעגלמעסיקע. גאנץ אפט פלעגט זיך ביי אים איין נומער צעוואקסן אין עטלאכע בלעטלאך, און צו דער ציפער פלעגט ער צושטעלן א האלב (½) און אויך דרייפערטל (¾), אדער דעם לאטיינישן אלף־בית לויטן סדר. אמאל פלעגט ער די צוגעשריבענע בלעטלאך צוקלעפן איינס צום אנדערן, אזוי אז א טייל נומערן פון זיין מאנוסקריפט פלעגן זיך אויסציען לאנג, ווי מגילות. פאר אויסמעקן ווערטער אדער שורות האט ער געהאט זיין אייגן סיסטעם: ער פלעגט דאס מאכן אזוי, אז קיין בן־אדם זאל דאס אויסגעמעקטע שוין ניט קאנען איבערלייענען. אפט פלעגט ער דאס אויסגעמעקטע, פארטראכטערהייט, פארוואנדלען אין אויסטערלישע פיגורן. ער האט בכלל ליב געהאט צו „מייסטרעווען“ ארום א מאנוסקריפט: קלעפן, בינדן, ארייינשרייבן אויסבעסערונגען מיט פארשיידענע טינטן. ער האט דערמיט צוגעגעבן דעם שרייבן די ערנסטקייט פון ארבעט, געשאפן די אילוזיע, אז ער איז א „בעל־מלאכה“, און זיין שרייבטיש — דאס איז זיין „ווארשטאט“. ער האט דאס „ארבעטן“ און „האווען“ ארום דעם ענין פון שרייבן ליב געהאט מיט אמתער קינדערשער ליבשאפט. ער האט זיך תמיד ארומגערינגלט מיט אלערליי שרייבגעצייג און שרייבמאטעריאלן: פענעס, שטיפטלאך, שערלאך, איינבינדערס, קלעפשטאפן, דורכזיכטיקע קלעפ־פאפירן, בלאקנאטן פון פארשיידענע פארב און מאס. דערביי האט יעדע זאך געהאט איר באשטימטן צוועק און פינקטלאכע פונקציע. ער האט געהאלטן זיין „ווארשטאט“ אין גרויסער ארדענונג און איז אין דער ארבעט פון שרייבן בכלל געווען זייער ציכטיק. ער האט געשריבן פלינק, אבער דייטלאך, קלאר און עלעגאנט. זיינע חנעוודיקע אידישע אותיות זיינען געלאפן פון אונטער זיין נערוועזער, נאר פעסטער אוןווארימער האנט, ווי לעבעדיקע אויסדרוקפולע סימבאלן, זיך געפערלט איינס נאכן אנדערן אין לופטיקע שמייכלענדיקע שורות, ווי לייכטע באוועגלאכע טרעגער פון זיין ליכטיקן הומאר.

גאנץ אפט פלעגט ער פאר זיין ארבעט האלטן אן איבערשרייבער, דערהויפט, ווען ער האט געשריבן גרעסערע זאכן, אדער מיטגעארבעט רעגלמעסיק אין א צייטונג. ביי וויכטיקע ווערק איז דעם איבערשרייבער אויסגעקומען, צוליב די אויסבעסערונגען און באארבעטונגען, איין זאך איבערצושרייבן עטלאכע מאל. און ערשט נאכדעם, אז די זאך איז שוין געווען אוועקגעשיקט אין דער רעדאקציע אריין, פלעגט שלום־עליכם זיך נעמען זיפן די קאפיע, וואס ער האט איבערגעלאזט פאר זיך, אויסזוכן נייע סטיליסטישע אדער וועזנטלאכע חסרונות און פארווארפן די רעדאקציע מיט בריוו און טעלעגראמעס וועגן תיקונים אינם מאנוסקריפט, איידער עס גייט אין דרוק. צו דעם צוועק האט ער אין יעדער רעדאקציע זיך אויסגעקוקט א נאענטן אויפמערקזאמען מענטשן, וועמען ער האט געקאנט אנטרויען אזא שליחות. די דערשיינונג פון זיינע זאכן אין די צייטונגען פלעגט ער דערווארטן מיט אומגעדולד, און ווען די צייטונג איז אנגעקומען מיט זיינער אן אפגעדרוקטער זאך, איז זיין שטימונג געווען א געהויבענע. ער האט זיך באצויגן צו זיין געדרוקטן ווארט מיט יונגן נשמה־פלאטער, ווי אן אנפאנגער.

די שפראך פלעגט ער לייטערן און איבערלייטערן א סך מאל. ער האט פארמאגט א רייכן אוצר פון סטיליסטישע קאמבינאציעס, און ער פלעגט זיי אלע אויספרוון, ביז ער האט געפונען די פאסיקסטע. מענדעלי פלעגט וועגן זיך דערציילן, לויטן נוסח פונם מדרש, אז ביים שרייבן באפאלן אים יווערטער און אויסדרוקן פון אלע זייטן, זיי שטעלן זיך אוים אין שורות, ווי די סאלדאטן, און בעטן זיך אלע אין איין קול: „נעם מיך!“ די חוצפהדיקע שטופן זיך אין

פראָנט, די שטילערע ווינקען מיט אויגן. באַטראַכט ער זיי, ווי אַ גענעראַל אויף דער רעוויזיע, און אַמאָל פאַלט זיין בליק דווקא אויפן שטילסטן פון זיי, וואָס שטייט נעבאַך אין אַ ווינקעלע אַ שעמעוודיקער, מיט די אויגן צו דער ערד, און עס בלייבט ביי אים: „אָט דעם נעם איך!"... מענדעלי איז געגאַנגען מיט זיין אַרבעט פּאָרזיכטיק, פּאַמעלאַך, באַטראַכט. ער האָט דאָס וואָרט לאַנג געקליבן אין געדאַנק. שלום-עליכם אָבער איז געווען אַ גיכער טוער. אָנשטאָט צו טראַכטן לאַנג, האָט ער אַ ל ע מעגלאַכע ווערטער גלייך



פאַקסימילע פון שלום-עליכמס ל ע צ ט ן מאַנוסקריפּט [דאָס לעצטע, ניט-פאַרענדיקטע, קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס"].

אַרויפגענומען אויפן פּאַפּיר, געוואָלט זיי אָנקוקן פריער, ווי זיי זעען-אויס; די רעוויזיע פלעגט ער שוין מאַכן נאָכדעם. און אַמאָל האָט דורך דעם פּאַסירט, אַז צוזאַמען מיטן אויסדערוויילטן וואָרט זיינען שוין פאַרבליבן אויך עטלאַכע פון די איבעריקע קאַנדידאַטן; עס האָט זיך ניט געהויבן די האַנט אויסצומעקן זיי — צוליב זייער שפּראַכלאַכן זכות.

דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען ביי אים אויך מיטן אינהאַלטלאַכן שטאָף. ביים שרייבן האָט די פאַנטאַזיע געאַרבעט פלינק און די שפע פון געשטאַלטן און סיטואַציעס איז געווען גרויס. לכתחילה פלעגט ער אַלצדינג אויפנעמען, און ערשט ביים באַאַרבעטן אָנווענדן דעם כח-השופט. אַמאָל פלעגט ער פון זיין ערשטהאַנטיקן מאַנוסקריפּט אויסשניידן גאַנצע שטיקער, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין געווען געראָטענע סצענעס און בילדער, נאָר דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון דער זאַך האָבן זיי געשטערט. אַזעלכע אויסשניטן האָט ער גערופן מיט אַ בעל-מלאכהשן, שניידערשן נאָמען: „יתור". ער פלעגט דעם „יתור" באַהאַלטן, אָבער קיינמאָל צו אים זיך ניט אומקערן. און אַמאָל פלעגט דאָס האַרץ ניט דערלאָזן צו שניידן איברים פון אַ נייגעבוירענעם לעבעדיקן וועזן; דער חן פון נייקייט האָט זיי אויסגעקויפט.

דערפאַר האָט ער אַרויסבאַוויזן שטרייטגע זעלבסט-קריטיק ביי דער רעוויזיע פון זיינע געדרוקטע ווערק. איבערקוקנדיק זיינע שריפטן פאַר זייער אויסגאַבע אין בוכפאָרם, איז ער גרייט געווען אַלצדינג איבערצושאַפן פונדאַסניי — ווען ער וואָלט נאָר געהאַט צייט דערצו. דערהויפּט איז ער געווען לייכט אויף צו מעקן. פון מנחם-מענדלס בריוו, ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרן צומערשטן אין די צייטונגען, האָט ער אַרויסגעוואָרפן כמעט אַ העלפט, און דאָס וואָס סאיז פאַרבליבן האָט ער שטאַרק איבערגעלייטערט; שיינה-שיינדל איז אין דער צווייטער אויפלאַגע אַרויסגעקומען מילדער, איינגעהאַלטענער, איר שפּראַך איז פאַרווייכט געוואָרן, אירע קללות זיינען רעדוצירט געוואָרן ביז צום מינימום און האָבן באַקומען אַ נייעם ניואַנס — אַ ריין-הומאָריסטישן. „דער מבול" (וואָס ער האָט איבערגעאַרבעט אונטערן נאָמען „אין שטורם") איז אינגאַנצן אָפּגערייניקט געוואָרן פון זיין צייטונג-פּסולת; פאַרבליבן איז נאָר דער דערציילערישער עלעמענט. און אַזוי האָט ער געטאָן מיט אַ סך אַנדערע פון זיינע ווערק, אפילו מיט אַזעלכע, וואָס זיינען לכתחילה אַרוים פון זיינע הענט אין אַ פיין-געשליפענער פאָרם. ער האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו איבערמאַכן, אויך צו וואַריאַירן. אין זיין אַרכיוו איז פאַרבליבן אַ היבש פעקל פון זיינע געדרוקטע כתבים, וואָס ער האָט אויסגעבעסערט אין עטלאַכע וואַריאַציעס. אַמאָל גייען דאָרט גאַנצע זייטן סתם אויסגעמעקטע; דאָס האָט ער געמאַכט פאַר זיך אַ סימן, אַז זיי דאַרפן אומגעאַרבעט ווערן. אגב איז ביי אים אינם לעצטן פעריאָד געווען אַ טענדענץ איבערצובייטן אין די ווערק דעם נאָמען פון זיין פריערדיקער שטאָט „מאַזעפּעווקע" אויף „כתרילעווקע" (אַ געמיש פון וואָראָנקאָ, פּערעיאַסלאַוו, באָהוסלאַוו און בעלאָצערקאָוו, און וואָקאַליש גענומען פון ק ר אַ ס י ל ע ו ו ק ע — אַ שטעטל אין יענע מקומות). אַזוי איז שיינה-שיינדל פון אַ כּמאַזעפּעווקער געוואָרן אַ כתרילעווקער. אויך די סעריע „גאַנץ באַרדיטשעוו" איז אין דער צווייטער באַאַרבעטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „דאָס נייע כתרילעווקע".

די לעצטע יאָרן האָט זיך זיין ארבעט צעוואקסן וואָס ווייטער אַלץ מער. ער האָט געהאַט פאַר זיך די אויסגאַבע פון זיינע אידישע ביכער, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן אין וואַרשע. ער האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג (ער האָט זיי ספּעציעל רעדאַקטירט פאַרן ניט־אידישן עולם, אויסגעלאָזט די אומאיבערזעצלאַכע אייגנטימלאַכקייטן פון דעם אידישן שפּראַך־און־לעבן־נוסח, אָדער אָנגעוויזן די איבערזעצערס, ווי אַזוי עס אַריבערצוטראָגן אין רוסיש). אויסער דעם, האָט אים שטאַרק געצויגן צו דראַמאַטיזירן פאַר דער בינע און פאַרן לייוונט די הויפּט־פיגורן פון זיינע ווערק. מיט „טביה דעם מילכיקן“ האָט ער געמאַכט אַ סך פּראָבעס, איידער ער האָט אים פיקסירט אין זיין לעצטער דראַמאַטיזאַציע. „שווער צו זיין אַ איד“ האָט ער קאָמבינירט פון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“. פון דעמזעלבן ראָמאַן האָט ער אויך אינסצענירט אַ קינאָ־פּיעסע. פאַרן קינאָ האָט ער אויך באַאַרבעט (אין רוסיש) עטלאַכע מעשיות פון טביהן, דעם „פּאַרכישופטן שנייַדער“ און אַנדערע זאַכן. דערביי האָט ער ניט אַוועקגעלייגט די פען אפילו אויף איין טאָג און פאַרגעזעצט זיין שעפערישע ארבעט מיטן זעלבן פליים, ווי אין די יונגע יאָרן. ער איז געווען באַהערשט פון קראַנקייטן, געצאַמט דורך דער השגחה פון דאָקטוירים — דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט. ער האָט געשריבן אפילו אין בעט, ליגנדיק מיט אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור. ער האָט זיך ווי געאיילט, געוואָלט אַריינכאַפּן, כל־זמן סאיז נאָך דאָ צייט. עס איז געווען קלאָר פאַר זיינע נאָענטע מענטשן, אַז אין זיין שאַפונג־ענערגיע ליגט באַהאַלטן דער זאַפט פון זיין לעבן, און אַזוי לאַנג ווי ער האַלט נאָך שטייף די פען אין זיין האַנט, וועט דער טויט קיין העזה ניט האָבן צוקומען צו אים נאָענט. און אַליין האָט ער דאָס אויך געפילט. „ווען ניט דאָס שרייבן, — זאָגט ער אין אַ בריוו צו די אַרויסגעבערס פון דער וואַרשעווער „נייע וועלט“, — וואָלט איך דאָך איצט שוין אָנגעשפּאַרט — אָהאָ־האָ!“...

און דער דאָזיקער אומערמידלאַכער שאַפונג־ווילן האָט אים ניט פאַרלאָזט ביז צו די לעצטע מינוטן פון זיין באַוואוסטזיין. די לעצטע שורות — דעם לעצטן ניט־פאַרענדיקטן קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ — האָט ער געשריבן פיר טעג פאַר זיין טויט.

שלום־עליכם צווישן קורגעסט אין לייקוואוד, פעברואר 1916.

[רעכטס פון ש. ע.: ל. סענדערס און י. מזל; לינקס: י. מרגליות און שלום־עליכמס טאכטער עמא].

פון שלום-עליכמס ליטעראַרישן איבערבלייב

[אין שלום-עליכמס אַרכיוו איז אויפגעהיט געוואָרן אַ היבשער טייל פון זיינע אַזוי-גערופענע „לאַבאָראַטאָרישע“ פרוּוון און מאַטעריאַלן, וואָס באַשטייען פון יוגנט-שריפטן, ניט-פאַרענדיקטע זאַכן, פאַרצייכנטע סוזשעטן, ווערטלאַך, איינפאַלן וכדומה. דער דאָזיקער ליטעראַרישער איבערבלייב געהערט צו פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, אָנגעהויבן פון זיינע ערשטע אָנפאַנגערישע יאָרן ביז צו די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. געבן דעם גאַנצן איבערבלייב אין דעם בוך — איז פשוט אוממעגלאַך: עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ און וואָלט געהאַט אַ אינטערעס נאָר פאַר שטודירנדיקע פּאַבליוּם. דעריבער ווערט דאָ געבראַכט נאָר אַ קליינער אויסוויל פון דעם אַרכיוו — זיין מער כאַראַקטעריסטישער טייל. דערביי זיינען די יוגנט-פּרוּוון דאָ אַריינגענומען געוואָרן כמעט אינגאַנצן, כדי צו געבן דעם היינטיקן לעזער, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט שלום-עליכמס ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, כאָטש אַ קליינעם באַגריף פון זיי. — דער כראָנאָלאָגישער סדר פון די דאָקומענטן איז דאָ אָפּגעהיט געוואָרן נאָר אויף אַזויפיל, וויפיל ס'איז מעגלאַך געווען משער צו זיין.]

1

אַ פראַגמענט פון אַ ניט-געדרוקטן „איבערגעכאַפּטן בריוו“

[געשריבן אין בעלאַצערקאָוו, דעם 28-טן מאַי, 1884]

[פון די צען „איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער פּאָסט“, וואָס שלום-עליכם האָט ביי זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור געשריבן פאַרן פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט“ (1883 — 1884), איז איין בריוו, דער ניינטער, אין דער ציטונג ניט געדרוקט געוואָרן: נאָכן אַכטן בריוו איז געקומען דער צענטער. די סיבה דערפון, ווי עס שיינט, איז געווען אָט די: אין יענע טעג האָט דער רעדאַקטאָר פונם „וואָסכאָד“, לאַנדוי, אין אַ פּאָלעמיק מיט צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פונם „המליץ“ און פונם „פאָלקסבלאַט“, האַרב, אויפן אַסימילאַטאָרישן שטייגער, זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם עצם דערשיינונג פונם „פאָלקסבלאַט“, וואָס ווערט געלייענט פון „פינסטערע מענטשן“, ווי שניידערס, שוסטערס און וואַסערפירערס. ש. ע. האָט אויף דעם גלייך רעאַגירט, אָנגעשריבן לאַנדוין אַן אָפענעם בריוו, וועלכן ער האָט געחתמעט מיטן נאָמען „הערשל שניידער“ (זע אין דעם בוך די צווייטע רובריק „משפחה און סביבה“, בריוו נומער 3), און אויך באַרירט דעם ענין אין זיין ניינטן „איבערגעכאַפּטן בריוו“. צעדערבוים האָט אָבער געהאַלטן, ווי עס ווייזט אויס, אַז פירן פּאָלעמיק מיטן רעדאַקטאָר פונם „וואָסכאָד“ איז זיין אייגענע זאַך (ער איז טאַקע דעמאָלט שטאַרק באַפאַלן לאַנדוין אין עטלאַכע לייטאַרטיקלען פונם „פאָלקסבלאַט“), און דעריבער האָט ער דעם בריוו פון „הערשל שניידער“ ניט געדרוקט, און ממילא האָט ער שוין אויך ניט געקאָנט דרוקן דעם ניינטן „איבערגעכאַפּטן בריוו“, וועלכער איז טיילווייז געווען ווי אַ מין פאָרזעצונג פון „הערשל שניידערס“ פּאָלעמיק, — הגם ער האָט שוין געהאַט דעם בריוו צוגעגרייט צום דרוק, ווי עס איז צו זען אויפן כתב-יד פון די רויטע רעדאַקטאָרישע אויפצייכענונגען. — דער כתב-יד איז אויפגעהיט געוואָרן אינם אַרכיוו פון מרדכי ספּעקטאָר, וועלכער איז געווען אַן אינווייניקסטער מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פונם „פאָלקסבלאַט“ און האָט דעם ניט-געדרוקטן „בריוו“ פון זיין חבר שלום-עליכם באַהאַלטן לזכרון. — מחמת דעם פאַרעלטערטן אינהאַלט פונם „בריוו“, און אויך מחמת זיין אריכות, ווערט דאָ געבראַכט פון אים נאָר **אַ פראַגמענט — אַ דיאַלאָג צווישן צוויי אידן-סוחרים** וועגן אידישע ציטונגען. אין דעם דאָזיקן ניינטן בריוו שמועסט זיך אויס „רב וועלוועלע פון דער וועלט“ פאַר „רב לייבעלען אויף יענער וועלט“ (די צוויי קאָרעספּאָנדענטן פון די „איבערגעכאַפּטע בריוו“) וועגן דער קאַלטער באַציאונג פון **דעם אידישן** עולם צו נאַציאָנאַלע און קולטורעלע **אינטערעסן**, ווי „חבת-ציון“, ליטעראַטור וכדומה, און **אילוסטרירט** עס מיט אַ געשפּרעך פון צוויי אידן **אויף דער באַן**, וואָס הייבן-אָן צו ריידן פון האָבער און פון **פריצים**, גייען-אַריבער צו העכערע עניינים און **קערן זיך ווידער** אום צו האָבער. וועגן לאַנדויס אַרויסטריט **קעגן דעם** „פאָלקסבלאַט“ און קעגן דער „פינסטערער **מאַסע**“ שרייבט רב וועלוועלע אָט די ווערטער: „**קאָנסט** שוין פאַרשטיין, טייערער לייבעלע, ווי **ווייט מיר** האַלטן אין דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס, **אַז אַ רעדאַקטאָר** פון אַ אידיש-רוסישער ציטונג **פאַרגינט זיך** צו זאָגן בפומבי, אַז שניידערס, שוסטערס, וואַסערפירערס און אַנדערע אַרבעטסלייט זיינען **פינסטערע** מענטשן, פאַר וועלכע די השכלה איז אַן **איבעריקע** זאַך! ... און ביי אונז הייסט אַזאַ מענטש **אַ משכיל**, אַ רעדאַקטאָר, אַ פּיאָנער!!! ...“ — ווי אויבן **געזאָגט**, איז דאָס מאַנוסקריפּט געמעקט און געצייכנט **פון** צעדערבוימס האַנט — ערטערווייז מיט אַ **לאָגישער** כוונה פון אַן אַלטן דערפאַרענעם זשורנאַליסט, **נאָר** דאָס רוב — גלאַט מחמת קאַפּריזן **פון אַ רעדאַקטאָר**. אַזוי האָט שלום-עליכם דעמאָלט אַ סך ווערטער **גע**שריבן פּאָנעטיש, און צעדערבוים האָט זיי **פאַרריכט** לויט דער דייטשער טראַנסקריפּציע; **אַקעגן דעם, אַז** ש. ע. האָט געשריבן „זשאַרגאָן“, **האָט צעדערבוים** עס אויסגעבעסערט אויף „פּראָסט יודיש“. **אַחוץ דעם** האָט צעדערבוים געהאַט אַ טבע צו פאַרריכטן **אין** יענעמס מאַנוסקריפּט אַלע למ"דין: פון קורצע **פלעגט** ער מאַכן לאַנגע, און פון לאַנגע — **נאָך לייַנגערע** (ווי דאָס האָט שוין אַמאָל דערציילט א. ש. פרידבערג אין סאָקאָלאָווס „ספר השנה“). **דאָ ווערט געגעבן** דער פראַגמענט אַזוי ווי ער איז געשריבן **אינם כתב-יד** פון שלום-עליכמען — וואָס מע האָט **געקאָנט דייטלאַך** **זען פון** אונטער דעם רעדאַקטאָרס רויטער **טינט.]**

...... זאָלסט זיך קאָנען פאָרשטעלן די לאַנגע פון דער אידישער פּרעסע, וועל איך דיר, טייערער לייבעלע, באַשרייבן אַ ראַזגאָוואָר[1], וואָס איך האָב אומגערן אונטערגעהערט פאָרנדיק אין וואַגאָן. **עס איז**

[1] א געשפּרעך.

געפאָרן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אידן, װי עס װײזט אױס, גאַנץ פײנע לײט; זײ האָבן געהאַלטן אײנמיטן אַ רעדע, װעלכע איך גיב דיר איבער װאָרט בײ װאָרט:

— 80 קאָפּיקעס אױף באַן מיט דעם זאַק; הײנט הוצאות!...

— מע זאָגט, אַז דער האָבער איז אַ שמאַטע?

— לא יצלח לשום מלאכה!

— ער האָט זיך אָבער אײנגעשפּאַרט, כאָטש גיב אים אַ קרײנק!

— אַ כלב שבכלבים! און אַ אידן האָט ער פײנט שנאת המן!

— װער האָט ליב אַ אידן הײנטיקע צײטן?

— אין גם אחד! סײדן װען ער דאַרף שױן אָנקומען צום אידן מיט אַ קערבל...

— זײ זאָלן אונז קאָנען קױלן אָדער אַרױסטרײבן אַלע אידן אין אײן טאָג...

— מע טרײבט קאַרג פון טשערניגאָװער און פּאָל־טאַװער גובערניע און פון אַנדערע ערטער?

— אַ נײס? נעם דעם „המליץ", װעסטו זען אַלע װאָך, װי מע טרײבט אונזערע אידעלאַך פון דער גרע־נעץ, פון פּאָדאָליער גובערניע, פון...

— יאָ! װאָס זאָגט ער אָבער דערױף?

— װער?

— דער „המליץ"!

— איך װײס? פון פּאַלעסטינע האַלט ער גאַנץ שטאַרק... עפּעס װײס איך...

— אַזױ? אָ! ער האָט אַ פען!...

— װער? צעדערבױם? ער גיט דאָך הײנט אַרױס צװײ צײטונגען מיט אַ מאָל?

— יאָ. אױף זשאַרגאָן — „דאָס אידישע פאָלקס־בלאַט", אײן מאָל אין דער װאָך.

— ער קער פון די בײדע בלעטער אודאי האָבן צען טױזנט רובל אַ יאָר רװחא?

— נאָר ניט גערעדט! און אפשר נאָך מער?

— אודאי מער! עס ליגט דאָך אָבער אַ קאַפּיטאַל!

— האָס קײן יסוד ב ניט; סע טראָגט דאָס פּרײ־צענט.

— פונדעסטװעגן רעכן איך, אַז אַ רוסישע צײטונג אַרױסגעבן איז אַ סך װיגאָדנער...

— מע זאָגט, דער „רוססקי יעװרײ" [*] מאַכט גאַנץ גוט?

— הײנטיקע יאָרן מיט די „װרעמענע פּראַװילעס" איז דאָס אַ גאַנץ גוט געשעפט [*].

[*] אַ רוסיש־אידישער זשורנאַל, װאָס איז דעמאָלט אַרױסגעגאַנגען אין פּעטערבורג. — [*] געמײנט די באַװאוסטע „צײטװײליקע רעגו־לאַציעס" פונם מיניסטער איגנאַטיעװ, דורך װעלכע אַ סך אידישע פאַמיליעס זײנען דעמאָלט אַרױסגעטריבן געװאָרן פון זײערע אײנגעזעסענע ערטער און האָבן זיך געגײטיקט אין יורידישע עצות, װאָס דער „רוססקי יעװרײ" האָט זײ צוגעשטעלט.

— װאָס זאָגט דער „רוססקי יעװרײ"?

— מכח װאָס?

— מכח הײנטיקע זאַכן, מכח עמיגראַציע, פּאַלעס־טינע, װײס איך!

— װײס איך? עפּעס דאַכט זיך מיר — אױך דאָסזעלבע?

— נו, און דער „װאָסכאָד"?

— דער „װאָסכאָד"? דאָס איז אַ כלבוניק, ימח שמו!...

— איר האָט געזען, װי צעדערבױם רײבט אים אַ מאָרדע?

— זײער רעכט! נו, און דעם בריװ פון הערשל דעם שנײדער האָט איר געזען [*]?

— אַ ביסל אַ חידוש! עס װײזט אױס, אַז דאָס האָט ניט געשריבן קײן שנײדער...

— נײן! דאָס דאַרף זײן „שלום־עליכמס" אַרבעט!

— אָט דער „שלום־עליכם", װאָס כאַפּט־איבער די בריװ פון דער פּאָסט?

— יאָ, איך רעכן אַזױ, איך האָב אַ סימן...

— עפּעס אַ שלאַק, אָט דער „שלום־עליכם"...

— אַ שטיקל משוגענער...

— װאָס קאָסט „דאָס אידישע פאָלקסבלאַט"?

— 5 רובל אַ יאָר.

— װעלװעלער פון האָבער!

— האָבער זאָגט הײנט אַ דרשה!

— דערפאַר איז פּראָסע נײן אײלן אין דער ערד!

— װײץ אַ סך ערגער!

— װיפיל?

— 95 מיט דעם זאַק צום באַן.

— טאָמער װאָלט איך בײ אײך טאַקע אױסגע־האַנדלט אַ צען װאַגאָן?

— מיט דעם גרעסטן כבוד!

— האָט איר אַ פּראָבע?

— װי דען! גײט עס?

— גײט עס!

— אַ װאָרט און צװײ און מאָהריטש! אַ. ז. װ. אַ. ז. װ. ...

דער ראַזגאָװאָר האָט זיך נאָך לאַנג געצױגן און איז עטלאַכע מאָל אַריבער פון צײטונג אױף פּאַלעסטינע, פון פּאַלעסטינע אױף האָבער, פון האָבער אױף פּראָסע, פון פּראָסע צוריק אױף צײטונג, פון צײטונג אױף קערבלאַך מיט פּראָסע, און בײ דער פּראָסע האָב איך זײ אַװעקגעװאָרפן . . . .

[*] ש. ע. שרײבנדיק דאָס, האָט ניט געװאוסט, אַז „הערשל שנײ־דערס" בריװ װעט ניט זײן געדרוקט, האָט ער בדרך־אגב געװאָלט געבן דעם לעזער אַ אָנצוהערעניש, װ ע ר דער „הערשל שנײ־דער" איז.

2

אַן אַלטע ניט־געדרוקטע בוך־רעצענזיע

[געשריבן אין בעלאַצערקאָוו, דעם 9־טן יולי, 1884]

[די דאָזיקע רעצענזיע איז געווען אַ צווייטער אַרטיקל פון אַ ביבליאָגראַפישער רובריק אונטערן נאָמען „אין מיסט — צווישן שמאַטעס“, וואָס שלום־עליכם האָט געוואָלט אַיינפירן אינם „פאָלקסבלאַט“. צעדערבוים, ווי עס ווייזט אויס, האָט ביידע אַרטיקלען ניט אָנגענומען. דער ערשטער איז מסתמא פאַרוואַלגערט געוואָרן אין דער רעדאַקציע; דער צווייטער, וואָס ווערט דאָ געגעבן, איז אַריינגעפאַלן צו מרדכי ספעקטאָר, וועלכער האָט אים אויפגעהיט ביי זיך אין אַרכיוו. דאָס מאַנוסקריפּט, געשריבן אויף אַן אויסערגעוויינלאַך גרויסן און ברייטן בויגן פּאַפּיר פון ביידע זייטן, איז געבליבן ריין, ניט באַרירט פון דעם רעדאַקטאָרס פען. צום נאָמען „אין מיסט — צווישן שמאַטעס“ גייט אונטן אַ צושריפט אויף רוסיש פון ש. ע. צו דער רעדאַקציע מיט אָט די ווערטער: „דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך געגעבן אויך מיין ערשטן עטיוד, וואָס איך לאָז איבער אויך פאַר אָט דעם צווייטן עטיוד, ניט ווויסנדיק, צי האָט אים די רעדאַקציע געענדערט, צי ניט? — דער אויטאָר“. — עס איז צו באַמערקן, אַז וועגן אַן אַנדער ווערק פון דעמזעלבן מאָני דלוגאַטש („די וועלט־מסורה“) האָט שלום־עליכם, אונטערן פסעוודאָנים „ס. ביכערפרעסער“, שפּעטער געדרוקט אַ רעצענזיע אין דעם ערשטן באַנד פון זיין „פאָלקסביבליאָטעק“.]

אין מיסט — צווישן שמאַטעס

(קריטישע עטיודן)

II

דער „שלים־מזל“. אַ פאַרשלעפּטע, קריטישע, הומאָריסטישע קריינק, פאַנקיוועט ניט קיינעם און זאָגט יעדן אויס דעם אמת (?), הייבט־אָן אַרויסגיין אויף דער וועלט און פאַר־קאַטשעט זיך גיין כסדר — פאַרפאַסט פון מאָני דלוגאַטש אויס אַלט־קאָנסטאַנטין. 1־טעס העפט, לעמבערג, תרמ״ד.

דער הומאָריסטישער גייסט, די סאַטירע, באַשיינט יעדע ליטעראַטור און גיט איר צו אַ געשמאַק; אָן דער סאַטירע — זאָגט בערנע — איז די ליטעראַטור געמיין און איר קריטיק קומט־פאָר ביז, צערייצט. שרייבן הומאָריסטיש — דאָס איז אַ באַזונדערער טאַלאַנט, אַ מתנה פון גאָט, און ניט יעדער גערימטער שרייבער קאָן שטאָלצירן מיט דעם, אַזוי אַז די גערימטסטע ווערק פון די צוויי געוויסע דייטשישע שרייבער געטע און שילער שטייען, נאָך בערנעס מיינונג, פיל נידעריקער אַלס די ווערקע פון לעסינג און וואָלטער, ווייל געטע און שילער זיינען געווען נאָר הויכגעלערנטע פּאָעטן, אָבער עס האָט זיי געפעלט דער הומאָר מיט דער סאַטירע, וועלכע איז אַ שאַרפע נוצלאַכע שווערד אין יעדער מלחמה. אין דער רוסישער ליטעראַטור וועלן גאָגאָל און טורגעניעוו קיינמאָל ניט שטאַרבן, ווייל דער ערשטער איז געווען אַ סאַטיריק און דער צווייטער — אַ הומאָריסט, אויסער וואָס זיי זיינען געווען גרויסע פּאָעטן. אונזער אַרימער זשאַרגאָן האָט אויך איר הומאָריסט (אַבראַמאָוויטש) און איר סאַטיריק (לינעצקי), געוויינלאַך, אין אַ פאַרקלענערטן אַרט. דאָ מוזן מיר אַ באַמערקונג מאַכן, אַז אונזער זשאַרגאָן האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (ליצנות) אַלס אַנדערע שפּראַכ[ן]; דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַכע: מיט אַ קניטשעלע אין דער זייט, מיט אַ מאמר המוסגר, מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטריכעלע ווערט שוין די פראַזע סאַטיריש און רופט אַרויס אַ שמייכל ביים לעזער ניט־ווילנדיק; און ווער שמועסט, אַז מע קאָן נאָך נאָכמאַכן יעדן מענטשן מיט זיין לשון (יעדער איד כמעט האָט זיך זיין לשון) און מיט דער זשעסטיקולאַציע (מאַכן מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די פּלייצעס בשעת ריידן; און וועלכער איד קאָן ריידן און ניט וואַרפן מיט די הענט און קנייטשן מיט דעם גאַנצן גוף? דאָס האָבן אַלע סעמיטן בירושה פון זייערע ווייטע עלטערן, וואָס יעדע זאַך: ריידן, זינגען, גאָטדינען — אַלץ ווערט געטאָן מיט גרויס התלהבות!). אויף דעם איז לינעצקי ביי אונז דער גרעסטער מייסטער, און אין זיינע געוויסע „וויבאָרעס“ האָט ער באַוויזן אַזאַ קונסט, וואָס אַלע קליינע מחברימלאַך, וועלכע פּרובירן זיך און מערן זיך, ווי די פיש אין וואַסער, קאָנען אים (לינעצקין) בשום אופן ניט נאָכמאַכן, אַזוי אַז זייער מי איז גאַר אומזיסט, ווי דאָס קוועטשן זיך פון קרילאָווס זשאַבע, וואָס האָט געוואָלט ווערן הויך גלייך מיט דעם אָקס, און האָט זיך געקוועטשט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט נעבאַך געפּלאַצט קוועטשנדיק...

דעמזעלבן פּסק האָט געהאַט אונזער וואָלוועלער סאַטיריק ה. דלוגאַטש מיט זיין שלים־מזלדיקן „שלים־מזל“, אין וועלכן דער פאַרפאַסער קוועטשט זיך און קרימט־איבער לינעצקין, ווי אַ גוי אַ אידן מיטן „וחלקלקות“, אָדער מיט די „צוויי פּאָר פאָרצעליייענע טעלערלאַך“, איבער וועלכע דער מוזשיק ברעכט זיך אויס אַלע ציין, און אָנשטאָט „וחלקלקות“ קומט ביי אים אויס „כוואַלאַמאַגאַ“, און אויף דעם אָרט [פון] „צוויי פּאָר פאָרצעלייענע טעלערלאַך“ זאָגט ער: „צאָבעטערעפעלדענקאָ!“...

דעם „שלים־מזל“ וויל דער מחבר אַרויסגעבן צייטנ־ווייז, ווי אַ זשורנאַל משטיינס געזאָגט, און צעגיסט זיך מיט פלאַטשיקע ווערטלאַך, נאַרישע חכמות, גראָבע דומהייטן, ווי אַ בדחן, אַ מאַרשעלאָק, אָן אַ פּראָגראַם, אָן אַ צוועק, אָן אַ זעלע און אָן לייב און לעבן — נאָר גלאַט אַזוי חכמות, פלאַגישע ווערטלאַך מיט ניבול־פּה, ווי אַ הויף־משרת, אויסצונאַרן 25 קאָפּיקעס ביי דעם „נאַראָד“, וועלכער לייענט אַזעלכע שטיק מיט גרויס פאַרגעניגן, ער קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער און רופט דאָס מיט דעם נאָמען „קריטיק“...

אן אייזערנע געדולד דארף האבן דער אידישער רעצענזענט איבערצוליינען פון טאוול ביז טאוול יעדנס דומהייטן, אומרעכט און דאנאסן א. ז. וו. אויף די ערשטע דריי בלעטלאך פלאפלט דער פארפאסער מיט די לעזער, ווי א פלוידערזאק, און שרייבט א גאנץ לאנגע יאבעדע אויף ה. ה. צעדערבוים, ליליענבלום און לינעצקי און ווארפט זיך, ברעכט זיך און קאטשעט זיך, ווי אן אקראבאט (קאמעדיאנשטשיק). מילא, איר האט רעכט, ה. דלוגאטש, וואס איר זיינט ברוגז אויף צעדערבוימען געוויס דערפאר, וואס ער האט ניט געוואלט אפדרוקן אייערע ארטיקלען אין זיינע בלעטער, אויף ליליענבלומען — דערפאר, וואס ער איז א גערימטער פובליציסט, און אויף לינעצקין — דערפאר, וואס ער איז דער אקס און איר די זשאבע... אלץ רעכט. אבער מיט וואס האבן מיר, לעזער, פארזינדיקט, וואס פאר אונזערע 25 קאפיקעס דולט איר אונז דעם ספאדיק מיט אייערע אינטריזשקעס?... דער תירוץ איז — זאגט דער מחבר — עבדים היינו! און דא ווערט ער פון א קוצע קו א בארנבוים, איך מיין, פון א הומאריסט א פילוסוף, און שרייבט א לאנגע, אומעטיקע, נארישע פאלעמיק אקעגן די קריסטן, פארוואס זיי האבן פיינט דעם אידן, און מאכט א תל־עולם פון אלע יודאפאבן, פון פיכנא ביז סוווארין, ועד בכלל, און זאגט אזוי:

„...ווארין אין אמת באארבעט דען דער איד ניט פונקט אזא גרוים פעלד, ווי דער מוזשיק? וואס איז דער חילוק? דער מוזשיק ארבעט דאס פעלד מיט די הענט, און דער איד מיט דער נאז (!), איידער ער באקומט די קניה ביים פאמעשטשיק... יענער (דער מוזשיק) פארזעיט איינציקע זערנעס, און דער נעבאך (דער איד) פארזעיט גאנצע הונדערטערס... יענער דארף ערשט אנהייבן אכטונג געבן, אז דער סקאט זאל די תבואה ניט איזבאוועו, און דער מוז נעבאך פון דער ערשטער שעה אן גוט קוקן, י ע נ ע ר ז א ל א י ם ח ל י ל ה נ י ט א ו י ס ד י נ ג ע ן א. ז. וו. ...“ וואס זאגט איר כאטש, וואס פאר א ווילדע ידיעה דער מחבר האט אין דער פאליטישער עקאנאמיע!... ווען דער גראף איגנאטיעוו זאל חלילה קאנען לייענען דעם „שלים־מזל“ אויף זשארגאן, וואלט ער בטל ומבוטל געווארן פאר דער הויכער לאגיקע פון דלוגאטשעס פילאזאפיע און וואלט מחזיר בתשובה געוועזן אויף די אלטע יארן...

מיר קאנען זיך ניט איינהאלטן און ברייגנען דא א קליין ארטיקל פון דעם שלים־מזל (לעבן זאל זיין קאפ!) פאר אונזערע לעזער, וואס האבן די זכיה ניט געהאט צו לעזן דעם אריגינאל (אז וואויל איז זייער גוף און זייער נשמה!). הערט זשע, איך בעט אייך, מיט קאפ:

„מ ה נ ש ת נ ה ?

„דער „מה־נשתנה“ אליין שטייט נעבאך און שרייט גוואלד: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?“ פארוואס איז אומעטום אין תנ״ך, וואו עס געפינט זיך ערגעץ דאס ווארט „לילה“ — טייטשט מען דאס „נאכט“, און דעם „הלילה“ פון דעם „מה־נשתנה“ טייטשן די מקובלים איבער אויפן גלות? — דערויף ענטפערט ער זיך אליין א תירוץ „עבדים היינו“, ד. ה. אידן זיינען נאך בימי פרעה געווען יונגאטשעס, גראבע יונגען, און זיינען היינט אויך דאס אייגענע...“ היינט פארשטייט איר שוין, לעזער, דעם תירוץ? אשטייגער, כדומה למשל: ראובן פרעגט שמעונען, פארוואס איז לוי א נגיד און יהודה א קבצן? ענטפערט אים שמעון: דערפאר, וואס ווינטער שיט א שניי, און א מעסער ווערט געמאכט פון אייזן — פארשטייט איר שוין?...

אין דעם זשורנאל „שלים־מזל“ געפינט דער לעזער פון כל טוב, אפילו פייגלמילך: עפיגראמען, רעטענישן, שאלות ותשובות, חכמות, ווערטלאך א. ז. וו., א סך ערגער ציניש, ווי צווישן די שיכורע גויים אין שיינק, אדער די סאלדאטן אין קאזארמע! און מיר האלטן דאס פאר דעם גרעסטן בזיון, אז א זשארגאניש ביכל זאל טראקטירן וועגן אזעלכע פראגן, ווי למשל: „וואסער א פנים האט א געבילדעטע מאמזעל מיט א פראסטן סאלדאט הינטער א פלויט?“... אדער: „אויף וואסער א לאו איז א בתולה עובר, אז זי נעמט אן אלטן מאן? א. ז. וו. ...“ עס קומען יא פאר אין אלע אויסגעבילדעטע שפראכ[ן] סאטירישע גאזעטן און הומאריסטישע זשורנאלן, וואו עס ווערן אפטמאל באשריבן „פאכאבנע“ שטיקלאך מיט „פריילאכע“ געדאנקען; — דאך האבן זיי זייער אידלקייט און אנשטענדיקייט (פריליטשיע), און ביי אונזערע אומגליקלאכע זשארגאניסטן ווערן אזעלכע מיאוסע ווערטער אנגערופן „סאטירע“, און דער אומגעבילדעטער מחבר שעמט זיך גארניט מיט זיינע שמוציקע ווערק, ווי דער גרעסטער ציניק!...

בכדי די לעזער זאלן באקומען א ריכטיק[ן] באגריף וועגן די שפראכע, וועלכע ה. דלוגאטש באנוצט אין זיין ספרל „שלים־מזל“, מוזן מיר פון דארט אויסצייכענען א גאנצע שטיק און פריער בעטן פארצייאונג ביי זיי פאר דעם „פארגעניגן“, וואס זיי קאנען דערפון האבן...

„ע ב ד י ם ה י י נ ו !

„יעדער טראפן וואסער וואס פאלט אריין אין טייך מאכט דארט א גרויסע „דוויזשעניע“ און „ריסיוועט“ אוים א „קרוג“... איינער נאך דעם אנדערן „ריאדאם“... עס ווערט א „זאמיעשאטעלסטווע“... יעדער מענטש מיט זיינע „סוואיסטוועס“ וואלט געקאנט „פריאבריעטאיען“ א „ראסקאשנע“ „קרוג“... אונטער א „אבשטשעסטווע“... דעריבער „מיעשאיען“ זיי... פון זייער „קאליטשעסטווע“ באקומען זיי א „סילע“ צו דער „אבשטשער“ „טיעטשעניע“... אז יעדער „בעזאפעטני אסיעל“ אין דער „אבשטשעסטווע“ ענטפערט: „דאי

האַרילקע!" „דאַי הראָשע!" אַז אידן מאַכן־אָן אַלע „דראָגאָוויזנעס" — „אי באַסטאַ!"..."

וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אַזאַ מין זשאַרגאָן?... לייענענדיק אַזאַ מין שפּראַכע, האָב איך זיך דערמאַנט אין אַ רעדע, וואָס אַ קלײנשטעטלדיקער נגיד (אין לו — בען) האָט געהאַלטן שבת אין דער גרויסער שול, ווען מע האָט אים אויפגערופן „חמישי"; איך ברייננג דאָ די רעדע בוכשטעבלאַך:

„— האָספּאָדאַ הראָמאַדאַ! איר זאָלט מיר וויבאַטשאַיען, וואָס איך וועל זאָגן ניעסקאָלקאָ ווערטער אונזער סטאַראָסטאַ רב לחמן (גבאי רב נחמן)! דו, סטאַראָסטאַ, לחמן, דאַרפסט וויסן סוואָיע דילאָ און ניט ראַספּאָריאַזשאַיען מיט אונזערע קאַרמאַנעס יאַק פּאַלאַמאַר איז לאַדאַנאָם, באָ וסיאַקי כאָזיאַיען איז אין שול סאָם פּאַן, און אַז איך בין דיר מנדר דוואַ צאַלקאָוויך פאַר אַ ליאַדע „חמישי", דאַרפסטו וויסן דיין טשעסט און הייסן דעם ספּיוואַק (חזן), ער זאָל מיר זינגען אָסאָבענע אַ „בעבור שנדר" מיט אַ כוואָסטיק! ניין, בּרודער, זאַווטראַ איז מישקאָם; זאָלסט וויסן, ווער איז סטאַרשע, און ניט אָסקאָרבּליאַיען דעם סאָסיד פּרי וסיעם אָבשטשעסטוויע..."

ווער רעדט שענער אידיש; דער לו — בענער נגיד, צי דלוגאַטש דער סאַטיריק? — זאָגט איר אַליין, ליבע לעזער: איך פאַרלאָז זיך אויף אייער יושר...

שלום־עליכם.

3

פון די ערשטע בעלעטריסטישע פּראָבעס

[די דאָזיקע דערציילונג, איינע פון שלום־עליכמס ערשטע פּראָבעס, איז אויך אָפּגעהיט געוואָרן אין מרדכי ספּעקטאָרס אַרכיוו פון די ערשטע יאָרן פונם „פאָלקסבלאַט". לויט אַלע וואַרשיינלאַכקייטן, איז די זאַך געשריבן געוואָרן אין בעלאָצערקאָוו, חנוכה תרמ"ה (1884), אויב ניט מיט אַ יאָר פריער. אויפן כתב־יד איז אָנגעגעבן די שטאָט מאָסקווע, וועלכע איז אויפגעשריבן איבער אַן אַנדער אויסגעמעקטן נאָמען, וואָס לאָזט זיך לייענען כמו ווי: „מאַחנאָווקע". די אָנגעגעבענע שטאָט זאָגט דאָ אָבער גאָרנישט. שלום־עליכם האָט דעמאָלט באַשטענדיק געוואוינט אין בעלאָצערקאָוו, און כדי אויסצובאַהאַלטן פון זיין שווער לאָיעוו, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט שרייבן אויף „עברי־טייטש" אינם „פאָלקסבלאַט", האָט ער אונטער זיינע אַרטיקלען יעדעס מאָל געצייכנט אַן אַנדער שטאָט: כאַרקאָוו, שפּאָלע, „די הייליקע שטאָט", „די פינסטערע שטאָט", „די ווייסע קירכע"... דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז דער וואָס שרייבט זיך אונטער „שלום־עליכם" איז עפּעס איינער אַ רייזענדער, וואָס פאָרט־אַרום איבער דער וועלט און שיקט־צו זיינע זאַכן אין „פאָלקסבלאַט" פונם וועג, — אַזוי אַז ביי זיין שווער זאָל זיך ניט קאָנען דערוועקן קיין שום חשד אויף אים. — דער כתב־יד איז שוין געווען רעדאַקטירט פון צעדערבּוימס האַנט, נאָר פאַרוואָס די זאַך איז ניט געדרוקט געוואָרן אינם „פאָלקסבלאַט" — איז ניט באַוואוסט. דאָ ווערט דער טעקסט געגעבן אַזוי ווי ער איז געשריבן געוואָרן פון שלום־עליכמען, אָן די אויסבעסערונגען פונם רעדאַקטאָר. — אונטערן טעקסט פון דעם כתב־יד קומט אַ צושריפט פון ש. ע. אויף רוסיש, געשריבן מיט אַ רויטן בלייַשטיפט: „איך בעט, אָן ענדערונגען. דער אויטאָר".]

פריער און אַצינד

(עסקיז)

חנוכה... קלינגענדיק מיט די שליסל און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די וואַרימע מלבושים, איז אונזער פאָטער אַריינגעקומען מיט אַ פּאַק „שמשים" אין די הענט און האָט זיך באַלד פאַרנומען מיט די לעמפּלאַך. אַ געשריי, אַ גוואַלד... דער טאַטע שרייט: „אסתר! וואו איז דער בוימל?"... די מאַמע פילדערט: „ראָסי! סאָסי! כאַסי! דוואָסי! דער בוימל וואו איז?"... ראָסי, סאָסי, כאַסי, דוואָסי — מיינע פיר רויטבאַקנדיקע און שוואַרצאויגנדיקע שוועסטער — לויפן, שרייען, פילדערן, זוכן אין אַלע ווינקעלאַך — ניטאָ דער בוימל!... וואו זשע איז ער? אין דער ערד איז ער דאָך ניט אַריין!.... אוי, אַ דונער איז מיר! די קאַץ האָט אויסגעלעקט! אַ מיתה משונה!... ווינד איז מיר... לויפט אין מאַרק, ברייננגט שוין אַנדערן בוימל!... אסתר, גיב געלט!... געלט? איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס!... סע איז דען אַ תירוץ? לאָז מען באָרגן — עס איז דאָך חנוכה!... עפּעס חנוכה!...

אַך! ווי לאַנג די מינוטן שלעפּן זיך! איך בין שוין כמעט גרייט מיט אַלעמען: ערשטנס — חנוכה־געלט! צווייטנס — אַ שטיק „שמש" אָוועקגנבענען! דריטנס — מאַכן פונם וואַקס אַ הינטעלע אָדער אַ חזירל! פערטנס — לאַטקעס מיט גריוון! פינפטנס — דאָס דריידל! א. ז. וו.

***

מיט פאַרגלאַנצטע אויגן, מיט איין האַנט ביי דער טיר, אין דער אַנדערער — דער „שמש", שטייט דער טאַטע און שאָקלט זיך, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער, און זאָגט אַזוי שיין, אַזוי שיין: „הנרות הללו אָנו מדליקין!"... און די מאַמע זאָגט גאָרניט, נאָר זי פינטלט מיט די אויגן און שאָקלט זיך אויך און ענטפערט „אָמן" מיט גרוים התלהבות... מיינע פיר שוועסטער, וועלכע האָבן זיך פריער געקנייפּט און געלאַכט אין די קולעקעס, זיינען אויך געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט...

— טאַטע, טאַטע! וואָס איז דאָס? צו וואָס דאַרף מען די ליכטלאַך? — פרעגן מיר אים אַלע אין איין אָטעם.

דער טאַטע זעצט זיך צו, שפּייט־אויס, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און דערציילט אונז מיט גרוים גדלות — פונקט ווי אַ פּראָפעסאָר לייענט אַ לעקציאָן:

— חנוכה, קינדערלאך, איז ביי אונז א האלבער יום־טוב, נאר א נס האט גאט געטאן אונזערע אבות אבותינו זייער א גרויסן!... און ער דערציילט אונז דעם נס... מיר הערן אים אוים שווייגנדיק... איך דריי אלע מאל דעם קאפ צו דער טיר, וואו דער „שמש“ פלאסקערט און שפריצט... טאקע זייער א פיינע מעשה, כלעבן; יא! וואס קומט מיר אבער ארויס דערפון, אז דער שמש גייט שוין אוים?... אט־אט בלייב איך אן א קאפ וואקס! אט־אט!... פליצלים פיל איך אויף מיין בעקל א ווייכן, נאר א געשמאקן פאטש...

— א דו יונגאטש, עכברוש איינער! דער טאטע דערציילט דעם נס פון חנוכה, און דו כאפסט פליגן?!...

איך וויין. די מאמע בעט מיך איבער. די פיר שוועסטער לאכן אוים מיר. טרערן גיסן זיך...

גיך אבער האט מיך דער טאטע איבערגעבעטן מיט א גאנצן, א זילבערנעם גילדן חנוכה־געלט!... איך בין ווייטער פריילאך!...

***

פייגעלע, א יונגע יתומה, מיינע א געשוועסטער־קינד, שלעפט מיך פארן ארבל צום לעמפל און ווייזט מיר, אז מע האט א י ר אויך געגעבן חנוכה־געלט... „וויפיל?“... „א קאפיקע!“... „נאר איין קאפיקע, פייגעלע?“... „יא! און דיר, פינעלע?“... „מיר? א גילדן! א ווייסער, א זילבערנער גילדן! נא זע, קוק, זע!“... פייגעלע קוקט מיט גרוים קנאה, און א שווערער זיפץ כאפט זיך ארוים פון איר קליין הערצעלע... „פייגעלע, דו ביזט מיר מקנא, פייגעלע?“... זי שווייגט... „פייגעלע! ווייסט נאר וואס? גיב מיר דיין שווארצע קאפיקע, נא דיר מיין ווייסן גילדן!“... „ניין, פינעלע, מע דארף ניט, מע דארף ניט! דו ביזט א אינגל און איך בין א מיידל — מע דארף ניט!“... אירע בלויע אייגעלאך זיינען פול מיט טרערן... זי קוקט אויף מיר, זי קוקט מיר אין די אויגן אריין, זי קוקט מיר טיף־טיף אין די אויגן אריין!... אך, אירע אייגעלאך, אירע אייגעלאך!...

— וואס איז, פייגעלע? וואס וויינסטו? — פרעג איך זי, אננעמענדיק זי ביי איר קליין ווארים הענטל.

— גארניט, פינעלע!... גארניט... גלאט אזוי... גיב... נא... איך וויל דיך א... קוש טון!...

אירע בעקלאך האבן זיך אנגעצונדן, און אירע רויטע הייסע ליפלאך האבן אנגעצייכנט אויף מיין פארפלאמט געזיכט דעם ערשטן קוש!... דאס קנייטל האט זיך פארלאשן; פייגעלע איז פאר חרפה אנטלאפן און האט זיך באהאלטן ווייט־ווייט אין קיך... און איך?... א! דער ערשטער, דער ערשטער קוש!...

***

אין צען יאר ארום זיינען מיר בידע געשטאנען אונטער דער חופה, און דאס ערשטע חנוכה־ליכטל איז אונז ביידן ארויפגעקומען אויף די געדאנקען, און



שלום־עליכם ביי דער ארבעט [פעטערבורג, 1904].

יענער מאמענט איז פארבליבן ביי אונז הייליג אויף תמיד!...

***

נאך צען יאר! די יונגע, ליכטיקע, שיינע פייגעלע ליגט שוין לאנג אין קאלטן קבר, אויף וועלכן, מע זאגט, עס וואקסן אלע זומער בלומען, און דער סאלאוויי האט דארט געוווים ניט איין מאל געזונגען זיינע זיסע, פרייד־האפטיקע לידער!... נאר איך, איר איינציקער פריינט אויף דער ערד, האב קיינמאל קיין צייט ניט אפילו ארויפגיין א קוק טון אויף דעם שטיקל ערד, וואו איך האב אזוי פרי באהאלטן מיין גאנץ גליק, מיין ערשטע און לעצטע ליבע, אויף אייביק!... די צוויי קינדערלאך, וועלכע זי האט מיר איבערגעלאזט, — א זון מיט א טאכטער, — וואס דערמאנען מיר אלע צייט איר ליכטיקעם געזיכט און אירע גרויסע בלויע אויגן, — די דאזיקע צוויי קינדערלאך, וועלכע זיינען ריין ווי די אומשולדיקע טייבעלאך, זיינען זייער געראטענע קינדערלאך: דער זון לערנט אין גימנאזיום און די טאכטער לערנט אין פאנסיאן, און וויסן און פאר־שטייען שוין אלעם, נאר איין זאך וויסן זיי ניט: — א ז זיי זיינען א ידן!...

נעכטן ביי דער נאכט איז מיין זון געוועזן ביי איינעם פון זיינע חברים און האט דארטן געטראפן א אידן, וואס איז געשטאנען איבער דריי ליכטלאך, מיט א וועקסן ליכטל אין דער האנט, און האט עפעס געזונגען וויינענדיק...

— פאפאשא, פאפאשא! — פרעגט מיך דער זון פון איין זייט. — וואס איז דאס? וואס באדייט דאס, וואס „זיי" צינדן עפעס אן קליינע ליכטלאך און „זיי" זינגען עפעס אזוי משונה?...

— פאפאשא, פאפאשא! — דולט מיר די טאכטער פון דער אנדערער זייט. — וואס איז דאס עפעס אזוי ליכטיק ביי „יענעם" אידן אין די פענסטער? דאס איז זייער „יאלקע", צי וואס? כא־כא־כא!...

— אך, קינדער, קינדער! דאס איז ליכטלאך! חנוכה־ליכטלאך! „חשמונאיסקיא סוויעטשקי"! מיר... ביי אונז... ביי אידן איז א מנהג... א נס... א נס... א „טשודא"!... אייער זעליקע מוטער... ביים ערשטן ליכטל... א קוש... א פאטש... א, קינדער!...

— פאפאשא! פאפאשא! וואס וויינסטו, טייע־רער?!...

— א, קינדער, קינדער!... **איר ווייסט נאך גאר־ניט, גארניט, גארניט!!!...**

(ענדע.)

שלום־עליכם.

מאסקווא, צום 4־טן ליכטל...

4

אן אנהייב פון א דערציילונג [5]

[אנגעהויבן אין 1889 און ניט פארענדיקט]

די אבדה

א ספור המעשה

(אן אמתע געשיכטע, ווי אזוי אברהם־אבא חוזק, פארנדיק פון מאזעפעווקע קיין כמעלניק, האט פארלארן זיין ווייב שיינדעלע און האט זי נאכדעם געפונען.)

פון

שלום־עליכם

[א]

„את אשתי אנכי מבקש!" [6] **איז געווען געדרוקט** אויפן בלאט, און נאכדעם זיינען געגאנגען אויסגע־רעכנט די סימנים: „שערותיה שחורות, עיניה שחורות, עפעפיה שחורות, יפת־תואר ויפת־מראה, ושמה שיינ־דעלע בת יעקב" [7].

אברהם־אבא חוזק, וועלכער האט אליין קיין אידיש בלאט ניט געלעזן (ער איז געווען א יונגערמאן פון „היינטיקער וועלט"), האט געהערט, אז דורכן בלאט זוכט מען אפ אלע אבדות, ובפרט אזא זאך, ווי זיין ווייב שיינדעלע, איז דאך עפעס ניט קיין חפץ, ניט קיין שפילקע, וואס מע נעמט און מע לייגט דאס אריין אין קעשענע; דאס וועט מען אודאי אומקערן — ווער דארף דאס א פרעמד ווייבל?

— אט פאלגט מיך, דרוקט אויפן בלאט! — האט מען אים געגעבן אן עצה, נאך איידער ער האט געפרעגט ביי עמיצן די עצה.

— אויף וואסער בלאט? — האט אברהם־אבא חוזק געפרעגט, שטייענדיק פארזונקען אין זיינע פינס־טערע מחשבות. — אויף וואסער בלאט?

— אויף דער אידישער בלאט; אויף וואסער אדען בלאט? פארשטייט זיך, אויף דער „צפיר".

אברהם־אבא חוזק, וואס האט נישט געהאט קיין שום באגריף פון דער בלאט „צפיר", האט א שאקל געטאן מיטן קאפ — און נחמיה דער משכיל, וועלכער האט נאך פריער אוועקגעשיקט א גרויסע קארעספאנ־דענציע אין דער רעדאקציע אריין וועגן דער דאזיקער וואונדערלאכער מעשה, מיט זייער א הויכער מליצה, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער: „הוי, שבר על שבר! פרץ על פרץ!" [8] און האט זיך אויסגעלאזט מיט א פסוק: „ולא תהיה עדת ד' כצאן אשר אין

[5] אויפן קאנווערט, וואו עס איז געפונען געווארן דער כתב־יד, איז אנגעשריבן מיט שלום־עליכמס האנט: Начало повѣсти. — [6] מיין ווייב זוך איך. — [7] אירע האר שווארצע, אירע אויגן שווארצע, אירע ברעמען שווארצע, פון שיינעם געשטאלט און שיינעם אויסזען, און איר נאמען איז שיינדעלע די טאכטער פון יעקב. — [8] ווי, א בראך אויף א בראך, א שלאק אויף א שלאק!

לחם רועה"[9] (ווי קומט אהער אט דער פסוק? נאר מסתמא האט דאס אים געפאסט צום עסק) — הכלל, „נחמיה משכיל" האט זיך גענומען אראפנעמען פריי־מעטעם פון דער פארלארענער און האט זיך געווענדט צו אברהם־אבא חוזק:

— זאגט זשע מיר, מיין ליבער פריינט, אירע סימנים.

— אירע סימנים? וואסערע סימנים קאן איך אייך געבן?

— סימנים הייסט די סימנים. איר ווייסט ניט, וואס הייסט סימנים? וואסערע האר האט זי געהאט, אייער פלו... אייער... אייער...

— מיין מאדאם? שווארצע.

— שווארצע. נו, און וואסערע אויגן האט זי געהאט?

— וואס הייסט זי האט געהאט? — האט אים אברהם־אבא חוזק איבערגעפרעגט מיט פארדראס. — זי האט זיי היינט אויך!

— נו, רעכט, נו; אבער פארט וואסערע אויגן?

— שווארצע.

— שווארצע. נו, און ברעמען?

— ברעמען אויך שווארצע.

— אויך שווארצע. נו, און וואס נאך?

— וואס וואס נאך?

— איך מיין, וואסערע נאך סימנים קאנט איר געבן? מחמת ווייבלאך מיט שווארצע אויגן, מיט שווארצע האר און מיט שווארצע ברעמען איז דא א סך.

— א סך, א סך; אבער ניט אזעלכע, ווי מיין שיינדעלע. אזא פארשוין האט איר נאך ניט געזען זינט איר לעבט. הערט איר, יונגערמאן? — זינט איר לעבט!

און אברהם־אבא חוזק האט אויפגעהויבן די קאפ גאנץ שטאלץ, מיט פיל גדלות. און נחמיה משכיל האט געהאלטן די פען אין די ציין און געקלערט, ווי אזוי פארצייכנט מען אירע איבעריקע סימנים. פלוצים האט זיך נחמיה משכיל א כאפ געטאן:

— סאיז רעכט, סאיז גוט! איך וועל שטעלן פשוט: „יפת־תואר ויפת־מראה".

— זאלט איר טאקע וויסן! — האט אים אברהם־אבא חוזק געענטפערט מיט גדלות. — טאקע א יפת־תואר, וואס א יפת־תואר הייסט, טאקע פון „יפת־תואר־לאנד"!

מע קאן נישט זאגן, אז די דאזיקע מודעה איז געווען גענוג אויף צו געפינען און דערקענען די פארלארענע שיינדעלע; נאר אברהם־אבא חוזק פון ז י י ן זייט און נחמיה משכיל פון ז י י ן [זייט] האבן ביידע יוצא געווען אקעגן איר, אקעגן זיך און אקעגן גאט און לייט — און דאס איבעריקע, ווי אזוי גאט ברוך־הוא וועט פירן, אזוי לאז זיין.

[9] און זאל ניט זיין די געמיינדע פון גאט, ווי שאף, וואס ביי זיי איז קיין פאסטוך ניטא.

און גאט ברוך־הוא, וואס פירט די וועלט מיט שכל און מיט חסד, האט אזוי געפירט, אז די פארלארענע שיינדעלע איז צוריקגעקומען צו אברהם־אבא חוזק, צוריק, און אליין, און דווקא ניט דורך דעם[10] בלאט, ווי נחמיה משכיל האט געוואלט.

מיר האלטן שוין ביים סוף און ווייסן נאך גארניט דעם אנהייב. לכן קערן מיר זיך אום צו אונזער אמתער געשיכטע און גייען כסדר, טריט־ביי־טריט.

ב

אברהם־אבא חוזק האט געדינט אין א קאנטאר פון קינדווייז־אן; דאס הייסט, אנהייבן האט ער אנגעהויבן פון אינגל, פון לשון משרתל, פון לערנען זיך ווירען פאפיר, שניצן פענעס, אנגיסן טינט, און טאקע אויפ־ראמען אין קאנטאר, טאקע אויסקערן אלע פרימארגן און פארנאכט פשוט מיט א בעזים, ווי דער מנהג איז. נאר אזוי ווי ער איז ארויסגעקומען פון לייטישע, נאר פארארימטע עלטערן, וואס האבן אים אפגעגעבן אהער בתורת לערנאינגל אין דער קאנטאר, לכן האט ער זיך צו פופצן יאר טאקע אנגעהויבן צוצולערנען שרייבן, רעכענען, פירן א בוך, געוויינלאך, מיט גרויסע יסורים, שמערצן און אמאל פעטש אויך פונם אלטן בוכהאלטער יוספזאן דעם גזלן מיט די גרויסע ברעמען — דאך איז אברהם־אבא חוזק צו אכצן־צוואנציק יאר, אז ער האט זיך רעכט אויפגעכאפט אויף די פיס, געווארן א שטיקל מענטש, מיט א ווייסער מאנישקע, שיין פאר־קעמט די האר, מיט לאנגע שמאלע הויזן, מיט גלאנצנ־דיקע שטיוול — מיט א קאפעליש אויך; נאר דער עיקר איז, וואס אברהם־אבא חוזק איז בעצם געווען זייער א שיינער יונג, און דערצו האט אים די נאטור געשיינקט א זעלטענע האנט, ד. ה. א מערקווירדיקן כתב־יד, מיט וועלכן ער האט גיך נושא־חן געווען ביים פרינציפאל פון דער קאנטאר, און מע האט אים מיט א מאל אויפגעהויבן גאנץ הויך, דהיינו, מע האט אים צו צוויי־און־צוואנציק יאר איבערגע־פירט קיין כ מ ע ל נ י ק אין דער הויפטקאנטאר, באשטעטיקט אים 50 רובל געהאלט מיט קווארטיר ביי דער קאנטאר און מיט אלע . . . .

5

אן אנהייב פון א סעריע פעליעטאנען

[אנגעהויבן אין קיעוו, 1901]

[די סעריע הומאריסטישע פעליעטאנען האט ש. ע. גע־האט פארטראכט נאכדעם ווי סאיז געווען געדרוקט אינם „יוד" זיין „גאנץ באַרדיטשעוו" (אין די שפעטער־דיקע אויפלאגעס באטיטלט „דאס נייע כתרילעווקע"). קעגן די באשרייבונגען פון באַרדיטשעוו איז דעמאלט אינם „המליץ" ארויסגעטראטן איינער א שריפטשטע־

[10] לכתחילה האט ש. ע. געשריבן „דורך ד ע ר בלאט", ווי עס לאזט זיך מערקן עטלאכע מאל אויך אויבן (און אויך: „ד י קאפ"); נאר שפעטער, ווייזט אויס, האט ער מיט א בלייפעו אינם כתב־יד דא אויסגעבעסערט אויף „ד ע ם בלאט".

לער, א באַרדיטשעווער אײנוואוינער, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַרן „כבוד" פון זיין שטאָט און אויסגעמוסרט שלום־עליכמען, למאי ער „לאַכט־אָפּ" פון אידישע שטעט און פראָוועט „ליצנות" פונם אידישן לעבן. די טענות פונם באַרדיטשעווער פאַטריאָט האָט אונטערגעשטיצט אַ צווייטער זשור־נאַליסט, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פונם „המליץ". אַזאַ באַציאונג צו זיין שרייבן, ווי צו „ליצנות", האָט שלום־עליכמען, ווייזט אויס, שטאַרק פאַרדראָסן, און אַלץ ענטפער דערויף האָט ער דעמאָלט אָנגעשריבן אויף העברייאיש אַ סאַטירע אין דראַמאַטישער פאָרם מיטן נאָמען „אסיפה ספרותית", וועלכע ער האָט אָבער ניט פאַרעפנטלאַכט (דער כתב־יד געפינט זיך אין שלום־עליכמס אַרכיון און וועט געדרוקט ווערן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט). ער האָט אויך פאַרטראַכט די דאָזיקע סעריע „צווישן מתים", מיט דעם אויס־רייד, אַז וויבאַלד מע פאַרבאָט אים צו לאַכן פון די לעבעדיקע, מוז ער אַוועקגיין אויפן בית־עולם „זיך דרייען צווישן די טויטע"... ער האָט אָבער נאָר אָנגעשריבן דעם אָנהייב און איז ביי דעם געבליבן. — פון דעם כתב־יד, וואָס איז אין אַ סך ערטער געמעקט, איז צו זען, אַז דאָס איז אַן ערשטער אָנוואורף, אין רויער, ניט־באַאַרבעטער פאָרם.]

צווישן מתים

מעשיות גישט אקעגן נאכט דערצייל[illegible]

פון

שלום־עליכם.

I

פון אייער כבוד וועגן

ניט היינט געדאַכט, בשעת חלירע זיינען אויפן אַלטן בית־עלמין אין מאַזעפּעווקע, אינם אַלטן, האַלב־איינגעפאַלענעם אוהל, געלעגן אויסגעצויגן אויף צוויי ביינק, איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, מיט האַלבאָפענע פאַרגליווערטע אויגן, צוויי נאַקעטע מתים: יענקל דער שניידער און יאָסל דער שוסטער, און האָבן געוואַרט ביז די שמשים וועלן קומען, מע וועט זיי טון זייער רעכט און מע וועט זיי ברענגען צו קבר ישראל.

דאָ מוז איך איבעררייסן די מעשה און אייך זאָגן, ליבער פריינט, אַ פּאָר ווערטער. איך אַליין לייען נישט קיין שום הקדמה און האָב פיינט אויסהערן התנצלות פונם מחבר. נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז עס קוועטשט מיך? — איך מוז מיך אַ ביסל אויסריידן פאַרן עולם, אַניט וועל איך דאָס ניט אויסהאַלטן! טוט מיר צוליב און הערט מיך אויס אַ פּאָר ווערטער.

די מעשה דערפון איז אַזוי: אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן אין די אידישע בלעטער מענטשלאַך, וואָס קאָנען קיין עולות ניט ליידן, און האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר, אַז ס'איז ניט שיין פאַר אידן, עס פּאַסט ניט, אַז אידן זאָלן לאַכן. אידן באַדאַרפן וויינען, ניט לאַכן. וואָס איז דאָס פאַר אַן עובדה, זאָגן זיי, אַ אידישער שרייבער זאָל האַלטן אין איין לאַכן? פון יעהופּעץ געלאַכט, פון באַרדיטשעוו געלאַכט, פון בויבעריק געלאַכט — טאָמער ווייסט איר וואָס איז דער געלעכטער? עמך ישראל צריכין פרנסה, זאָגן זיי, אידן נעבאַך זוכן פרנסה, און ער, שלום־עליכם, איז פריילאַך, — אַפּנים, עס גייט אים אָפּ קאַפּוויטיק!...

ליבער פריינט! לאָז דאָס אונז ביידן צוקומען, וואָס מיר פעלט. נאָר איך שווער אייך באמנות — למאי זאָל איך לייקענען? — ס'איז ביי מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַזאַ חולאת פון קינדהייט־אָן — עס לאַכט זיך, איך בין ניט שולדיק! די מזלדיקע יאָר זאָל איך האָבן, וויפיל פּעטש איך האָב געכאַפּט דערפאַר פונם טאַטן, פון דער מאַמע און פונם רבין. איז אויף מיר אָנגעפאַלן דער געלעכטער, האָט נישט געהאָלפן קיין שמע־ישראל; וואָס מער מע האָט מיך געשלאָגן, אַזוי מער האָב איך געלאַכט. איינמאָל האָט מיך דער טאַטע בעקאַטעוועט ביז בלוט; ער האָט געזאָגט, ער מוז מיר אַרויסשלאָגן דעם געלעכטער! קוים אַ לעבעדיקן האָט מיך די מאַמע אַרויסגענומען פון זיינע הענט און רופט זיך אָן צו מיר:

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, איך וועל דיר געבן אַן עצה, מיין קינד: אַז עס וועט אויף דיר אָנקומען דער געלעכטער, זאָלסטו זיך נעמען אַ טויטן אין זינען.

האָט דאָס מיך געראַטעוועט.

האָב איך מיך מיישב געווען אויך איצט: וואָס דאַרף איך מיך אַרומדרייען צווישן לעבעדיקע, וואָס מע קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער אויף זיי קוקנדיק, אַמער וועל איך בעסער גיין אויפן בית־עולם זיך דרייען צווישן די טויטע. דאָ איז שוין געווים ניטאָ וואָס צו לאַכן. ובפרט, אַז מע דערמאַנט זיך, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיר אַלע זיין דאָרטן, אי איך, אי מיין קריטיקער דער קליינער פון באַרדיטשעוו, אי איר, מיין ליבער פריינט. וואָרים סוף אָדם למות, מיר וועלן אַלע שטאַרבן, הבל הבלים, אַ נאַרישע וועלט, עד־עד־עד! — פלעגט זאָגן מיין רבי רב שמואליק, בשעת ער האָט גענומען אַ ביסל בראָנפן און פאַרביסן מיט אַן אייערקיכל.

אַצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו אונזער מעשה.

זיינען זיי געלעגן, הייסט דאָס, יענקל דער שניידער און יאָסל דער שוסטער, אויסגעצויגן איינס אַקעגן אַנדערן מיט האַלבאָפענע פאַרגליווערטע אויגן, און האָבן געוואַרט ביז די שמשים וועלן קומען, מע וועט זיי טון זייער רעכט און ברענגען צו קבר ישראל.

יענקל דער שניידער און יאָסל דער שוסטער זיינען געווען, בשעת זיי האָבן געלעבט, ביידע אָרימעלייט, עניים ואביונים; נאָר דער חילוק איז, וואָס יענקל דער שניידער איז געווען אַ פריילאַכער אָרימאַן, האָט ליב געהאַט אַ ווערטל, און יאָסל דער שוסטער איז געווען פונקט דער היפך — אַ גרויסער בעל מרה־שחורה, גלייך ווי די גאַנצע וועלט איז אויף אים געפאַלן.

יענקל איז געווען א אידל א קליינס, א טרוקנס, א ווייס, מיט א קליין שפיצעכיק בערדל, און יאָסל איז געווען א גערעצט אידל, באוואקסן מיט א סך שווארצע געדיכטע האָר, שוין א ביסל גרויִלאָך. אויך אצינד, נאָכן טויט, זיינען אויף זייערע פנימער געווען אָנגעצייכנט פאר־שיידענע סימנים: אויף יענקלס פנים איז געווען א פארקילט, פארגליווערט שמייכעלע, און יאָסלס פנים האָט אויסגעזען פילאָזאָפיש, פארטיפט אין טרויעריקע געדאַנקען, אומעטיקע מחשבות. זיי ליגן בײדע און שווייגן, ביז עס ווערט זיי נמאס, און זיי פארבינדן צווישן זיך א געשפרעך:

יענקל: וואָס הערט זיך, יאָסל? סאיז גע־פייפט?

יאָסל: שלעכט, ברודער, ביזן עק אריין שלעכט.

יענקל: בלאָטע! וואָס איז דאָס שלעכטיקייט?

יאָסל: מע ווערט באַגראָבן אין דער ערד אריין.

יענקל: איך זאָג דיר דעם אמת: בעסער ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל, איידער זיך מוטשען אויף דער וועלט איבערן שטיקל ברויט.

יאָסל: סטייטש, און דאָס ווייב און קינדער? נעבאך אן אלמנה מיט זיבן יתומים!

יענקל: א דאגה דו האָסט! ווילסט באַוואָרענען א וועלט?

יאָסל: א שטיקל ברויט כאַטש! זיי וועלן אויסגיין פון הונגער!

יענקל: מאַך בעסער! א ברירה האָסטו!

יאָסל: נאָך ניט אזוי די קלענערע קינדער, ווי דאָס עלטערע מיידל מיינס, פייגעלע, נעבאַך א כלה. צוגעזאָגט דעם חתן א פופציקער. ווער וועט זי איצטער נעמען אָן נדן? זאָלסט געווען זען, ווי זי איז מיר געפאַלן אויפן האַלז מיט א געוויין: טאַטע! טאַטע! קאָן רירן א טויטן.

יענקל: עט, זי וועט זיך איבערוויינען.

יאָסל: וואָס רעדסטו? א יתומה!

יענקל: א יתומה — וועט זי גיין דינען.

יאָסל: ביי אונז אין מאַזעפעווקע? פאר־פינסטערט איז זי געוואָרן! און מיין אַלטע נעבאַך? אן אלמנה!

יענקל: לאָז זיך די שטאָט זאָרגן!

יאָסל: די שטאָט, זאָגסטו? אז אָך און וויי! בעסער שטאַרבן, איידער אָנקומען צו יענעם.

יענקל: הערסטו, אָט דאָס זאָג איך דאָך!

יאָסל: וואו וועלן מיר נעמען תכריכים?

יענקל: תכריכים? אזא דאגה זאָל איך שוין האָבן מיט חבוט־הקבר, ווי איך האָב א דאגה מיט תכריכים!

יאָסל: עס זאָל כאָטש ניט געדויערן לאַנג.

יענקל: וואָס כאַפּסטו זיך אזוי?

יאָסל: מי יודע וואו מע וועט אונז לייגן.

יענקל: וואָס איז די נפקא־מינה? אבי אינ־איינעם. אָ, עמיצער גייט. שאַ...

עס עפנט זיך די טיר פונם אוהל און עס קומען־אריין די שמשים און מע נעמט זיי איינער פארן קאָפּ, דער אנדערער פאַר די פיס, און מע לייגט זיי אנידער איינס נעבן אַנדערן אויף דער ערד און מע בעט זיי מחילה:

— חברה־קדישא בעטן אייך, איר זאָלט זיי מוחל זיין. מע טוט דאָס פון אייער כבוד וועגן.

יענקל: דו הערסט, יאָסל? פון אונזער כבוד וועגן.

יאָסל: וואָס עפּעס אויף דער ערד?

יענקל: וואָס דען האָסטו געוואָלט? שאַ. אָן טראָגט מען אהערצו א נייעם מת. ווייזט אויס, עפּעס זייער א געהויבענעם.

יאָסל: דעריבער באַדאַרפן מיר זיך וואַלגערן אויף דער ערד?

יענקל: מיר דאַכט, סאיז רב איצי!

יאָסל: און אז רב איצי, איז וואָס?

יענקל: סטייטש, א איד א נגיד!

יאָסל: בכן איז וואָס? דאָ גייט אויך אָן כבוד?

יענקל: וואָס דען האָסטו געמיינט? דעם נגיד איז אומעטום גוט.

חברה שמשים האָבן זיך גענומען צו רב איצין אים מאַכן זיין רעכט.

יאָסל: זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך! אַלע פאר־קעווען ארום אים, ווי עפּעס ארום ווייס איך וואָס.

יענקל: וואָס זאָלסטו קלערן? מע האָט זיי גוט באַצאָלט!

יאָסל: זע נאָר דעם אויבער־שמש, ווי ער איז פאַרטאַרעראַמט!

יענקל: סאיז ביי אים א שמחה.

יאָסל: הער נאָר, ווי דער חזן זינגט וויינענדיק.

יענקל: געקויפטע טרערן.

יאָסל: לייבעניו קאַכלעפל טאַנצט אויך אין קאָן.

יענקל: ארום א שווערן וואָגן.

יאָסל: מע הערט נישט, די קינדער זאָלן וויי־נען און קלאָגן, ווי ביי אונז.

יענקל: פאַרטראָגן מיט דער ירושה.

יאָסל: און דאָס ווייב, זע נאָר, האָט אָנגעטאָן א שוואַרצן שלייער און מאַכט חנדלאָך.

יענקל: האָב קיין יסורים ניט, זי וועט אינגיכן חתונה האָבן.

יאָסל: זע נאָר א לויה.

יענקל: קיין עין־הרע ניט.

יאָסל: איך וואָלט געמעגט שווערן, אז דער רב איז אויך בתוכם.

יענקל: ער וועט מאַכן א הספד.

יאָסל: וואָס וועט ער זאָגן אויף אים?

יענקל: דאָס, וואָס מע דאַרף זאָגן אויף אַ נגיד.
יאָסל: זע נאָר, וויפיל אָרימעלייט!
יענקל: מע וועט טיילן אַ גראָשן אויף צווייען, צוויי גראָשן אויף דרייען. עס וועט זיך קערן די וועלט!

. . . .

6

יתור פון „אַ מענטש מיט אַ מאָגן"

[דעם מאָנאָלאָג „אַ מענטש מיט אַ מאָגן" (שפּעטער באַטיטלט „ביים דאָקטאָר") האָט ש. ע. געדרוקט אין יאָר 1904 אינם פּעטערבורגער „טאָג". דער „יתור", וואָס ווערט דאָ געבראַכט, איז אויסגעשניטן פון מיטן מאָנאָלאָג. ש. ע. האָט, ווייזט אויס, געפונען, אַז די מעשה מיטן שדה-לבנער קרעמער וועט שטערן דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון דער דערציילונג, און האָט זי דעריבער אינגאַנצן אויסגעלאָזט. — דער פראַגמענט געהערט צו יענעם פּלאַץ אינם מאָנאָלאָג, וואו „דער מענטש מיט אַ מאָגן" דערציילט וועגן די צרות, וואָס ער האָט פון זיינע קונדן. אינם אָריגינאַל איז דאָס געגאַנגען גלייך נאָך דעם זאַץ, וואָס לייענט זיך אַזוי: „נו, און אַז מע גיט שוין אַיין, מיינט איר, איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט", און אַז מע קומט מיטן „ליסט" איבערשרייבן, איז במילא אַלצדינג אויף דעם ווייבס נאָמען, און גיי רוף אים קנאַקניסל!" (זע אַלע ווערק פון שלום-עליכם, פאָלקספאָנד-אויסגאַבע, באַנד „מאָנאָלאָגן", זייט 97).]

. . . . . . אָט פאָר איך איצט פון שדה-לבן, גענדיקט דאָרט מיט איינעם אַ קונה, און דווקא אַ נגיד. איר זאָלט אָנקוקן אַ אידל — קיין צוויי גראָשן וואָלט איר פאַר אים ניט געגעבן. מילא, איידער איך האָב מיך צו אים דערשלאָגן איבער דער שדה-לבנדיקער בלאָטע, וואָס האָט אַ שם אויף דער וועלט! מע האָט דאָרט ניט לאַנג אויסגעברוקירט אַ גאַס, זיינען דערטרונקען געוואָרן די שטיינער. היינט די קלייטן זיינען דאָרטן געמאַכט געוואָרן אַזוי קונציק, אַז איר טרעט-צו, פאַלט איר אַריין ווי אין אַ קעלער אַריין. אַ קראָם האָב איך געטראָפן ביי מיין חברה-מאַן דווקא אַ שאַרפע און פול מיט כל מאמינים שהוא: הערינג מיט באַוועלאָך און מיט טערקישן פעפער, בליטשקע מיט בוימל און מיט גומענע קאַלאָשן, מעל מיט סטיינגעס און מיט חלב, ראָזינקעס מיט זאַלץ און מיט קנעפּלאָך, ציגאַרן מיט צוויעבעס און מיט געריכערטע פליישן, וועקסלפאַפּיר מיט וואָלבעשן קעז און מיט סטרונעס, דאַמענהוטן מיט טינט און מיט געטריקנטע פלוימען און מיט גלאָזוואַרג — און אַלצדינג אויסגעמישט, קאַשע מיט באַרשט, וואָס גאָט גיט — אַבי אינאיינעם. די קלייט-משרתים, אידן מיט בערד, לויפן-אַרום הין און צוריק, ווי די פאַרסמטע מייז, קריגן זיך און שילטן זיך, הערן נישט וואָס מע רעדט צו זיי, בייזערן זיך, שרייען אויף די קונים מיט כעס: „וואָס דאַרפט איר וואָס?" און קונים, ווייסט איר דאָך, האָבן ליב קריכן דווקא אַהין, וואו סאיז איינג. בקיצור, איך קאַטשע מיך אַריין אין קלייט אַריין, טרעף איך ביי דער קאַסע אַ אידענע, פאַרוויקלט אין אַזויפיל שאַלן, אַז מע זעט נישט קיין פּנים. פרעג איך זי: „וואו איז אייער אַלטער?" זאָגט זי: „וואָס דאַרפט איר אים?" זאָג איך: „איך האָב אים געבראַכט צו פירן געלט". פרעגט זי: „פון וואַנען איז געלט?" זאָגט איך: „פון ארץ-ישראל". קוקט זי מיך אָן, ווי אַ משוגענעם. אין די ווערטער קומט-אָן דער מאַן אַליין, אַ שיינער נפש מיט אַ פאַרשוואָלענער באַק. „שלום עליכם". „עליכם שלום". „פון וואַנען איז אַ איד?" — מאַכט ער צו מיר און קוקט אויף דער פּאָליצע. בין איך מיך מיישב און טו אים אַ פרעג:

— רב אברהמעלע גרינבאַרג פון אַדעס האָט איר געהערט?

— נאָך אַ מין געהערט! — מאַכט ער און דרייט-אויס צו מיר דעם קאָפּ.

— און די פאַמיליע פּאָזנאַנסקי — זאָג איך — פון לאָדזש איז אייך באַקענט?

— נאָך אַ מין באַקענט! — מאַכט ער און רופט זיך אָן צו איינעם פון די משרתים: — הער נאָר, דו, גיב אַהער אַ בײנקל!

— און וויסאָצקי פון מאָסקווע — זאָג איך — ווייסט איר דאָך מן הסתם?

— אַ חידוש אַ ביסל! — זאָגט ער. — זיצט, פאַרוואָס זיצט איר ניט?

— נו — זאָג איך — און די קיעווער בראָצקיס האָט איר דאָך געווים געהערט?

— אַ שאלה אַ ביסל! ווער ווייסט ניט די בראָצקים? — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו צו מיר נענטער אַ ביסל און איז מיך מכבד מיט אַ ציגאַרטיטון. — הכלל, ווער זשע זיינט איר?

— בין איך — זאָג איך — דוד טעווערעווער פון טעווערעוו און סע קומט מיר פון אייך געלט פאַר מעל און איר צאָלט ניט... נרנו! האָט איר באַדאַרפט זען דעם פּנים זיינעם און הערן דעם שמועס, וואָס מיר האָבן נאָכדעם געהאַט, מיטן וויינען וואָס ער האָט געוויינט, מיטן זיפצן, מיטן אויקען און מיטן אָכקען אויף די געשעפטן, וואָס זיינען שלעכט, ביזן עק אַריין שלעכט! און אויפן פדיון, וואָס איז געשלאָגן, שטאַרק געשלאָגן!

— סטייטש — זאָג איך — וואָס רעדט איר? גאָט איז מיט אייך! איר לייזט דאָך, קיין עין-הרע, גאָלד!

— געלט? — מאַכט ער צו מיר — גאָלע קרעדיט! איר זאָלט אָנקוקן ביי מיר אַ בוך, אוי אַ בוך! — בקיצור, איך האָב מיט אים אָפּגעעקט, מיט צרות, מיט אנגסטן, קוים-קוים דריי גילן פאַרן קערבל. צערעכנט זיך און אָפּגעגעבן אים די וועקסלען, בעט ער מיך צו זיך אַהיים אויף טיי. דאַנק איך אים זייער און זאָג, אַז איך האָב קיין צייט ניט. האָט ער זיך אָבער אַזוי צוגעטשעפּעט צו מיר, סטייטש, סאיז ניט קיין יושר, זאָגט ער, מיר האָבן דאָך עפּעס געמאַכט אַ געשעפט!

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, איך האָב אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן און בין געגאַנגען צו אים אויף טיי. איך קום אַריין צו אים אין שטוב אַריין — בין איך נבהל ונשתומם געוואָרן! שטעלט אייך פאָר אַ זאַל מיט שפּיגלען, מיט אָפּגעגילט מעבל, מיט טייערע דיוואַנעס, מיט טישלאַך, מיט צאַצקעס, מיט שמאַכטעליאַקעס, מיט הויכע לאָמפּן, און אַ פּאָרטעפּיאַן אויך, און נאָך וואָס פאַר אַ פּאָרטעפּיאַן!

— ווער שפּילט דאָס ביי אייך פּיאַנע? — פרעג איך אים. — צי סאיז גלאַט אַזוי, פאַר אַ צירונג?

ביי מיר, זאָג איך, שטייט אויך אַ פּאָרטעפּיאַן אין שטוב, נאָר קיינער שפּילט ניט אויף אים, מחמת מע יכולט ניט; ער איז פאַרבליבן ביי מיר, זאָג איך, בירושה פון אַ פּריץ, פאַר אַן אַלטן חוב.

— און ביי מיר יכולט מען, זאָגט ער, דווקא יאָ! איך האָב, זאָגט ער, קיין עין־הרע, טעכטער דריי, שפּילן זיי ביי מיר פּיאַנע. וואָס זאָל מען טון? אַד־אָד־אָד, היינטיקע יאָרן! מע מוז אַלצדינג קענען, און קענען אַליין איז קאַרג: מע מוז נאָך דערצו צולייגן נדן אויך.

— וויפיל גיט איר נדן? — בין איך אַ בעלן אים אַ פרעג טון.

— צו עטלאַכע טויזנט קערלאַך — מאַכט ער צו מיר מיט אַזאַ נעבאַכל, גלייך ווי ער בעט אַ נדבה ביי מיר און איך זאָג אים אָפּ — צו עטלאַכע טויזנט קערלאַך, אַחוץ עפּעס הלבשה און עפּעס הוצאות און שאָר ירקות; דאָס נדן ליגט אַפילו צוגעגרייט, זאָגט ער, ביי מיר פון לאַנג, נעבאַך אין באַנק ליגט דאָס, נאָר וואָס קומט אַרויס, זאָגט ער, אַז מע גיט מיר נישט די חתנים וואָס איך באַדאַרף. גיט מיר, טענה איך, עפּעס אַ רעכטס, עפּעס אַן אַנטיקל, וועל איך צולייגן, זאָגט ער, נאָך עטלאַכע קערלאַך, עס קאָסט אַזויפיל, וועט קאָסטן, זאָגט ער, נאָך צוויי־דריי טויזנט קערלאַך, אין דעם, זאָגט ער, וועט קיין מניעה ניט זיין, כאָטש דער רוח דאָס געלט, אַבי גיט מיר, זאָגט ער, דאָס וואָס איך מיין!...

נו? וואָס זאָגט איר דערויף, הער דאָקטאָר? קאָן ניט צעזעצט ווערן די גאַל? . . . .[11]

7

צו די אײַזנבאַן־געשיכטעס

[אָנגעהויבן אין סט. בלאַזיען, 1909, און ניט פאַרענדיקט]

[פון דער דאָזיקער געשיכטע מיטן נעבעדיקן אָנהייב, וואָס האָט געזאָלט גיין אין דער סעריע „כתבים פון אַ קאָמיוואָיאַזשער", זיינען געפונען געוואָרן גאַנצע דריי וואַריאַנטן, אַלע ניט־פאַרענדיקטע. ווי עס איז צו זען פון אַלע דריי פּראָבעס, האָבן די אָנגעצייכנטע פאַרשוינען פון דער געשיכטע געזאָלט מיט זיך פאָר־שטעלן קרבנות פון דער אידישער זעלבסטשוץ אין דעם שטעטל. דאָ ווערט געגעבן דער וואַריאַנט, וואָס זעט־אויס סטיליסטיש מער אויסגעהאַלטן, הגם אין אַ צווייטן וואַריאַנט גייט די באַשרייבונג אַ ביסל ווייטער, היינו: אַז די טראַגעדיע פון דעם „טאַטן מיטן זון" האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מע האָט דעם אַלטנס אַ צווייטן זון געמשפּט מיט היינגען. פאַרן „קאָמיוואָיאַזשער" איז דאָ, אַפּנים, געווען אַ רעטעניש: ווער פון די צוויי איז דער געריכטער — דער טאַטע, צי דער זון?]

דער טאַטע און דער זון

איך האָב געהאַלטן סאַמע אין בעסטן שלאָף, האָט זיך געלאָזט הערן אַ קנאַק ווי פון אַ דונער. דער וואַגאָן האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף און אַ לאָז־אַראָפּ, אַ טרייסל אַהער און אַ טרייסל אַהין, און איז זיך אַוועק זיין וועג, גלייך ווי גאָרנישט געוועזן. דערווייל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין טויט־שרעק און שוין נישט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן מער. כאָטש אַפילו אַ פּלאַץ אויף צו שלאָפן האָב איך געהאַט אַ ברייטן — אַ גאַנצע באַנק. תמיד אַזוי (איך האָב שוין באַמערקט וויפיל מאָל). ווילט איר זיך צולייגן, איר חלשט שלאָפן, איר גייט־אויס דעם קאָפּ צושפּאַרן — איז ניטאָ וואו. האָט אייך גאָט צוגעשיקט אַן אָרט — קאָנט איר ניט שלאָפן. נישט האָבנ[דיק] וואָס צו טון, ליג איך מיט אָפענע אויגן, קוק אין דער וועלט אַריין און דערזע אַקעגן מיר אויף דער צווייטער באַנק צוויי פאַרשוינען. צוויי נייע פאַרשוינען, וואָס איך האָב זיי פריער ניט באַמערקט. אַפּנים, זיי זיינען אַריין בעת איך בין געשלאָפן. איך קוק מיך איין אין זייערע פּנימער — נישט געפעלן מיר. פאַרוואָס — ווייס איך אַליין ניט. נאָר זיי זיינען מיר ניט געפעלן. זייערע אויגן זיינען מיר ניט געפעלן. עפּעס קוקן זיי אויף מיר מאָדנע. לאָזן ניט אַראָפּ קיין אויג פון מיר, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי ווינקען עפּעס איינער צום אַנדערן... „גנבים" — פליט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, און איך זעץ מיך אויף. איך ווייס אַליין ניט איבער וואָס, נאָר איך זעץ מיך אויף. קיין גרויסע קאַפּיטאַלן פיר איך נישט מיט זיך. אין מיין טשעמאָדאַן וועלן גנבים, אַחוץ מוסטערן און אַחוץ מיין בוך מיט שריפטן, נישט געפינען גאָרנישט מיט וואָס זיך די הענט [צו] צעפירן. נאָר עס ליגט שוין אַזוי ביי אונז אין דער טבע, אַז פאַר אַ גנב האָבן מיר דרך־ארץ.

אויפגעזעצט זיך, האָב איך גענומען באַטראַכטן די גנבים, און די גנבים האָבן גענומען באַטראַכטן מיך מיט עפּעס אַ מאָדנע שמייכעלע, וואָס סאיז שווער צו טרעפן וואָס דאָס באַדייט. עס קאָן באַדייטן: „וואָס האָט איר אַזעלכעס אויף אונז דערזען, וואָס איר קוקט זיך אַזוי צו?" און עס קאָן באַדייטן: „זעט נאָר, איר זיינט אונז עפּעס זייער קענטלאַך"... איך קוק מיך איין נאָך שטאַרקער. זיי קוקן אויך שטאַרקער. איך גיב מיר דאָס וואָרט, ניט אָנהייבן ריידן צו זיי, ביז איך וועל ניט הערן פון זיי כאָטש אַ וואָרט. און

[11] אין דעם געדרוקטן טעקסט לייענט זיך די לעצטע פראַזע אַנדערש: „נו, פרעג איך אייך: ביי אַזעלכע געשעפטן, ווי זאָל מען ניט האָבן קיין מאָגן?"

אויסגעפירט. זיי האָבן פריער אָנגעהויבן ריידן. און נאָך ווי אַזוי ריידן. פריער האָט אָנגעהויבן איינער, דער עלטערער, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן אינגערן:

— דאָס איז מיינער אַ זון.

דער אינגערער האָט געטאָן דאָס אייגענע, וואָס דער עלטערער; ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן עלטערן און אַ מאַך געטאָן צו מיר:

— דאָס איז מיינער אַ טאַטע.

אין דעם אַרט ריידן פון די ביידע האָט זיך געהערט אַ טאָן, וואָס סאיז שווער אים אָפּצושאַצן: עפּעס אי טרויעריק, אי קינדעריש-ליצנותדיק, אי גלאַט נאַריש-לעקישעוואַטע. אויף אַזאַ מין פאָרשטעלן איינס דאָס אַנדערע פונם טאַטן מיטן זון האָב איך געפונען, אַז



שלום-עליכם אין גאַליציע [ווינטער 1906].

מע דאַרף נישט ענטפערן גאָרנישט. פאַראַן מענטשן, וואָס מע דאַרף זיי נישט שלעפּן ביי דער צונג; עס איז גענוג, איר זאָלט אויף זיי געבן איין קוק, און זיי זאָלן אָנהייבן ריידן, ווי אַן אָנגעדרייטע מאַשין. כך הוה. דער פאָטער מיטן זון האָבן מיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. דער פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זיינע טיף-טרויעריקע אויגן, אַ ווייז געטאָן זיך מיטן פינגער אויפן שטערן, זיך אָנגעבויגן צו מיר און אַ זאָג געטאָן שטיל:

— נעבאַך נישט געזונט. דאָס פאָר איך מיט אים צום פּראָפעסאָר...

מיט דעם אייגענעם טרויעריקן בליק און מיטן אייגענעם ווייז מיטן פינגער אויפן שטערן האָט דער זון זיך אָנגעבויגן צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— נעבאַך נישט מיט אַלעמען. דאָס פאָר איך מיט אים צום פּראָפעסאָר...

ביי די ווערטער האָט דער פאָטער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַזאַ מין שמייכעלע, וואָס איז גרינג צו פאַרשטיין אָן ווערטער, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגט איר אויף מיין אומגליק?"... מיט דעם אייגענעם שמייכעלע האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף מיר דער זון אויך, און ביידע האָבן זיי אָנגעהויבן צו ריידן. דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך, אויף זיין אומגליק, וואָס אים איז געשען:

— אַזאַ אַן אומגליק טרעפט זיך איין מאָל אין צענטויזנט יאָר...

מער האָט דער אומגליקלאַכער פאָטער נישט געקאָנט זאָגן, וואָרים אים האָט איבערגעשלאָגן דער זון מיט די אייגענע ווערטער, נאָר פאַרקערט:

— איין מאָל אין צענטויזנט יאָר טרעפט זיך אַזאַ אַן אומגליק...

דער פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ וואונק אויפן זון:

— אָט אַזוי אָ איז אַלע מאָל... וואָס איך זאָל ניט זאָגן, זאָגט ער מיר נאָך.

מיטן זעלבן וואונק אויפן פאָטער האָט דער זון אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— אַלע מאָל אַזוי... ער זאָגט מיר נאָך, וואָס איך זאָל ניט זאָגן.

— אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד נאָכן פּאָגראָם. — אַזוי האָט דער פאָטער גענומען צו דערציילן די טרויעריקע געשיכטע פון זיין זון. — מיר אַליין האָבן פונם פּאָגראָם גאָר כמעט ניט געליטן...

— כמעט גאָרניט געליטן, — זאָגט אים נאָך דער זון און לאָזט דעם פאָטער ריידן ווייטער:

— נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעזען מיט ...זערע אויגן ביי לייטן, וואָלט געווען גענוג אויף צו באַשרייבן אָט אַזאַ אַ בוך.

ביי די לעצטע ווערטער באַווייזט דער זון מיט ביידע הענט, וואָס פאַר אַ בוך מע וואָלט געקאָנט באַשרייבן, און דער פאָטער דערציילט ווייטער:

— און באַלד נאָכן פּאָגראָם האָבן זיך אָנגעהויבן די חתונות מיט די בהלות, מיט די זוכענישן, מיט די אַרעסטן, מיט די שיסערייען, מיט די הייננגענישן...

דאָס לעצטע וואָרט האָט דער פאָטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ קרעכץ, וואָס האָט געקאָנט אויסרייסן אַ שטיק געזונט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אָפּשפּילן צווישן די ביידע אַזאַ מין סצענע. . . . .

8

אַן אָנהייב פון אַ מעשה פאַר קינדער

[די דאָזיקע קינדער-מעשה וועגן אַ קאַץ מיטן נאָמען „די פּאַווע" און אירע קעצלאַך האָט ש. ע. אָנגעהויבן שרייבן אָנהייב 1913, ליגנדיק קראַנק אין בערן אין אַ קליניק, נאָר די יסורים, וואָס ער האָט דעמאָלט געליטן, האָבן אים, אַפּנים, געשטערט צו אַרבעטן,

און די זאַך איז געבליבן אַ ניט־פֿאַרענדיקטע. — פֿונם קאַפּיטל א, װאָס האָט פֿאַרנומען אינם מאַנו־סקריפּט פֿיר קלײנע בלעטלאַך, איז פֿאַרבליבן נאָר דאָס ערשטע — װײַזט אױס, אַז ש. ע. איז מיט די איבעריקע דרײַ ניט געװען צופֿרידן און האָט זײ פֿאַרניכטעט.]

קעצעלאַך

אַ מעשׂה פֿאַר אידישע קינדער

דערצײלט פֿון

שלום־עליכם

די מעשׂה װערט דערצײלט פֿאַר קינדער, נאָר גרױסע מעגן אױך זײן דערבײ און צוהערכן. נישקשה, סװעט זײ נישט שאַטן.

א

אײנמאָל האָט אונז יעװדאָכע די שיכורטע געבראַכט צו טראָגן אונטערן פֿאַרטוך אַ קאַץ — די מאַמע האָט געזוכט אַ קאַץ — און געשװאָרן זיך, געכאַפּט די ערד, אַז זי האָט די קאַץ געפֿונען. נאָר די מאַמע, װאָס קען יעװדאָכען אױסגעבונדן. . . . .

ב

די פּאַװע איז געװען אַ געלע קאַץ מיט װײַסע פֿלעקן, אָדער אַ װײַסע קאַץ מיט געלע פֿלעקן, אַ געװיקסיקע, מיט אַ ברײטן אױסגעבױגענעם רוקן, מיט גרינע נאָר גוטע, אַ ביסל פֿאַרדרימלטע אױגן, מיט אַ קאָפּ פֿון אַ גרלנטע און מיט לאַפּקעס סאַמעטענע, אַ ביסל אױס־געבױגענע, מיט טיף־באַהאַלטענע נעגל, און בטבע געװען אַ צנועה, נישט קײן נאַשערין, און דעריבער איז זי געװען אַזױ בכבוד בײַ אַלעמען. די מאַמע האָט פֿון איר געהאַלטן אַן עולם ומלואו. אַ קאַץ זעט געקױלעטע און אױסגעמאַכטע גענז מיט קאַטשקעס, אױסגעזאַלצענע פּופּיקלאַך, פֿליגעלאַך, פֿיסלאַך, העלזלאַך און לעבער־לאַך — און איר זאָלט זאָגן, זי זאָל עס אַ קוק טון אפֿילו צום זאַלצברעטל. אַ קאַץ דערשמעקט, װי מע פּרעגלט שמאַלץ, װאָס דער ריח פֿון זײ צעגײט זיך אין אַלע איברים, דערזעט גריװן, פֿרישע, פֿאַרברעמטע, און פּלאָסטערן מיט ציבעלקעס אײַנגעפּראַזשעטע, װאָס אפֿילו דער גרעסטער צדיק אַז ער דערשמעקט, שטעלט זיך אים די סלינע אין גאָרגל, און זי — גאָרנישט. זיצט זיך אײַנגענורעט אין אַ װינקעלע אױף אַן עק באַנק, האַלבצוגעמאַכט די אױגן, און מורקעט. כּלומרשט װײסט זי גאָר נישט װאָס דאָ טוט זיך. איז דאָס שױן דער מאַמע איבער דער טבע, טוט זי איר אַ װאָרף אַ שטיקל פּלאָסטער און זאָגט צו איר אױף גױיִש: „קיץ־קיץ־קיץ, נאַ טאַבי, נאַ!" (אַ קאַץ פֿאַרשטײט דאָך ניט אונזער לשון, רעדט מען צו איר אױף גױיִש, אי דאָס — נאָר געצײלטע װערטער: „קיץ־קיץ־קיץ!" „אַ קאָטאַ!" „נאַ טאַבי!" „אַ טפּרוססס!"). און אפֿילו דער טאַטע, װאָס איז מיט דער קאַץ גאָר קײן מחותן ניט, האַלט זי פֿאַר אַ טמאה חיה און װעט אײַך נישט מאַכן קײן קידוש, בעת די קאַץ איז אין שטוב, פֿאַר קײן געלט, — אפֿילו ער װאַרפֿט איר אױך אַלע מאָל אַ בײנדל אונטערן טיש: ורחמיו על כּל מעשׂיו... הײַנט װיבאַלד אַז טאַטע־מאַמע אַזױ, דאַרפֿט איר שױן אַלײן פֿאַרשטײן, װאָס פֿאַר אַן אָנגעלײגטער גאַסט די פּאַװע איז געװען פֿון דעם ערשטן טאָג אָן בײַ אונז, קלײנװאַרג. באַדאַרף מען אײַך אָבער באַקענען, װער איז געװען קלײנװאַרג — איטלאַכן מיט זײַן נאָמען און מיט זײַן צונעמעניש.

ג

דרײַ זײַנען מיר געװעזן, און אַלע דרײַ פּאַרצופֿים: שנײַדערל, שוחטל, צעקװעטשטע מױז.

שנײַדערל איז געװען דער עלטערער, בנציון האָט ער געהײסן, שױן אַ בר־מצוה־בחורל, נאָר װײַל ער איז געװען אַ טשעפּקע אינגל, געגאַנגען אַ רײַן קאַפּאָטקעלע און שטענדיק מיט געפּוצטע שטיװעלאַך, האָט אים די מאַמע אַ נאָמען געגעבן שנײַדערל, װאָרים נאָר אַ שנײַדערל גײט אַזױ אָפּגעפּוצט, דעם קאָפּ פֿאַרריסן אַרױף און אַ ביסל װי מיט אַ טענצל. מיך האָט די מאַמע אַ נאָמען געגעבן שוחטל נאָך רב שלום דעם שוחט, װײַל, ערשטנס, הײס איך דאָך זײַן נאָמען — שלום, און צװײטנס, האָט זי באַמערקט, זאָגט זי, אַז איך עס, עס איך אױף בײדע באַקן, אַקוראַט װי רב שלום דער שוחט. װאו האָט זי געזען רב שלום דעם שוחט עסן — װײס איך ניט. איך האָב ניט געזען. און װי אַזױ איך עס — װײס איך אױך ניט. דאַכט זיך, אַז איך עס, װי אַלע מענטשן. פֿאַרדריסט עס מיך זײער, למאי מע רופֿט מיך שוחטל. נאָר סאיז פֿאַרפֿאַלן. קוים האָט מען מיר אַזאַ נאָמען געגעבן, װעל איך שױן אַזױ הײסן, אַפֿנים, ביז נאָך דער בר־מצוה, און אפֿשר ביז דער חתונה. אַ שטיקל טרײסט, װאָס מײַן קלענער ברודערל רופֿט מען נאָך מיט אַ סך אַן ערגערן נאָמען: „צעקװעטשטע מױז". דער אמתער נאָמען זײַנער איז נח, נאָר װײַל ער האָט אַ טבע — באַלד עפּעס װײנט ער, האָט דאָס אים די מאַמע אַזאַ נאָמען געגעבן.

. . . .

9

אַ מאָנאָלאָג אָן אַן אָנהײב

[דאָס מאַנוסקריפּט פֿון דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג איז געפֿונען געװאָרן נאָך שלום־עליכמס טױט אין זײַנעם אַ ניו־יאָרקער קאָנװערט (מיטן געדרוקטן אַדרעס פֿון זײַן ערשטער ניו־יאָרקער װאױנונג: 110 לענאָקס עװעניו), אױף װעלכן סאיז געװען אָנגעשריבן מיט זײַן האַנט: דאָס קנעפּל. עס האָט זיך אַרױס־באַװיזן, אַז די ערשטע פֿינף־זעקס בלעטלאַך פֿונם מאַנוסקריפּט פֿעלן. שפּעטער האָט זיך אײנס פֿון די פֿעלנדיקע בלעטלאַך, פֿון אינמיטן, אָפּגעזוכט. — לױט אַלע װאַרשײַנלעכקײטן, איז דער מאָנאָלאָג געשריבן

געוואָרן ניט פריער פונם יאָר 1913. — פונם אינהאַלט איז צו זען, אַז די געשיכטע ווערט דער־ציילט פון אַ אידן, וואָס איז אַמאָל אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מאָסקווע און האָט זיך באַזעצט אין אַדעס, און זיין צוהערער איז אַן אַדעסער אַ געבוירענער, דערביי האַלט דער נערוועזער דערציילער זיין צוהערער ביים קנעפּל — און דעריבער האָט ש. ע. געהאַט בדעה דעם מאָנאָלאָג באַטיטלען „דאָס קנעפּל". — דער הויפּטגעדאַנק פונם מאָנאָלאָג ליגט אין דעם, וואָס בשעת „גירוש מאָסקווע" איז דער דערציילער אויס־געשטאַנען דעם נסיון און זיך ניט געשמדט; אַקעגן דעם האָט שפּעטער זיין זון דעמזעלבן נסיון ניט אויסגעהאַלטן. — לויט דעם, ווי דער מאָנאָלאָג הייבט זיך דאָ אָן אינמיטן, קאָן מען משער זיין, אַז דער דערציילער לאַכט דאָ אָפּ פון דעם שטייגער, ווי אַזוי אַדעסער אידן ריידן רוסיש, דערביי באַנוצט ער זיך מיטן באַקאַנטן וויץ, אַז אידן מאַכן קאַליע אומיסטן די רוסישע שפּראַך, כדי צו מקיים זיין דעם פּסוק: „לעשות נקמה בגויים". דער כתב־יד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ער, נקמה בגויים"; די געדרוב־גענע ווערטער: „לעשות, זאָגט" — זיינען צוגע־שטעלט אין קלאַמערן פון דער רעדאַקציע.]

דאָס קנעפּל

. . . . . [לעשות, זאָגט] ער, נקמה בגויים, כאַ־כאַ! אָט ווי אַזוי מע רעדט ביי אייך אין אַדעס: טשטאָב סקאַזאַט דאַ, טאַק ניעט... יאַ צעלויו נאַטש גאַריעלאַ לאַמפּו... אָנאַ מניע לאַפּנולאַ דוואַ סטאַקאַנאַ... ווסיע וואַגאָני בילי ביטקאַמי נאַביטי... ניע דראַזשי מניע סטאָל!... פּרייעזשאַיטיע קנאַם נאַ דאַטשו — מי וואָס ראַסטאָלסטייעם ווּשעסט ניעדיעל... טשטאָ זשע זשע?... טישע! טי מניע פּראָסניאַש פּאַפּאַשו... או מאַניטשקי סדיעלאַלאַס נאַסיפּ נאַ ליצע... טשטאָ ווי סיעוואָדניאַ קושאַלי, טשטאָ ווי טאַקאַי אומנעי?...

איר האָט אפשר פאַראיבל, וואָס מע מאַכט חוזק פון אייער אַדעס? צי איר קאָנט ניט ליידן, וואָס איך האַלט אייך ביים קנעפּל? אַ אידישע טבע... נאָר מיינט ניט, אַז איך רייד אומזיסט אויף אייער שטאָט. מיך

. . . .

. . . . . . לאַנג. באַלד נאָך מאָסקווע איז דאָס געווען. איך בין, דאַרפט איר וויסן, אַ גרויסער מיוחס — איך שטאַם פון די ערשטע, פון גאָר־גאָר די ערשטע אַרויסגעטריבענע פון מאָסקווע. למאַי איך באַרים זיך דערמיט? אודאי באַרים איך זיך! אַ קלייניקייט — דער נסיון, וואָס איך בין אויסגע־שטאַנען? און די צרות! איר מיינט, צרות פון פּרנסה? בלאָטע! פּרנסה איז אַחוץ אַ מעשה. איבער פּרנסה קאָן אַ גוי אויך אויסגעריסן ווערן, אַז סאיז באַשערט. ניט אַזוי ווי אַ איד, געוויינטלאַך. דאָס וואָס אַ איד האָט אויף זיך, וועט אַ גוי ניט האָבן, אַזוי לאַנג קריינקט ער! אַתה בחרתנו — אַ קלייני־קייט? נאָר אַז איך שמועס פון צרות, מיין איך דאָס צער גידול בנים — צרות פון קינדער אין גימנאַזיע. איך ווייס ניט, מיט וואָס איר פאַרנעמט זיך און וויפיל איר פאַרמאָגט. נאָר איך ווינטש אייך, מירביידע זאָלן עס פאַרדינען אַלע זיבעצן מינוט, וואָס מיך האָט אָפּגעקאָסט מיין זון איידער איך האָב אים אַריינגעשטעקט אינם מונדירל אַריין מיט די זילבערנע קנעפּ. גרוי און אַלט האָט ער מיך געמאַכט. און אַז איך האָב שוין דערלעבט אים זען אינם מונדירל, האָט זיך ערשט דעמאָלט אָנגע־הויבן אַ חתונה: אָטמיעטקעס! פּינפּען דאַרף ער האָבן אויף אַ גאָלדענע מעדאַל, אַניט איז שלעכט! וואו זשע נעמט מען זיי, די פּינפּען? מיט בייזן וועט איר נישט מאַכן גאָרנישט ניט. איר האָט קינדער? זיי שטודירן ביי אייך אין די גימנאַזיעס? באַדאַרף איך אייך ניט דערציילן, אַז מיט גוטן מאַכט מען בעסער ווי מיט בייזן. פּינפּען באַדאַרף מען קויפן. קויפן פאַר געלט. פאַר יעדן פינף אַ פּיטאַקל. מער ניט נאָר אַ פּיטאַקל. וואָס ווייטער — אַלץ טייערער. אין ערשטן קלאַס אַ פּיטאַקל. אין צווייטן — צוויי פּיטאַקלאַך. אין דריטן — דריי פּיטאַקלאַך. און אַזוי ווייטער. אין אַכטן קלאַס זיינען מיר דערגאַנגען ביז אַ ר"ך! פאַר יעדן פינף אַ ר"ך! דער שייגעץ האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. וואָרים אַחוץ די פּיטאַקלאַך — איז עפּעס לערערס מיט רעפּעטיטערעס מיט חברים מיט צרות מיט שלעק — וואָס פרעגט איר? נאָר איך בין געווען צופרידן. דמים געלט, אַבי ניט דמים בלוט. איך האָב מיך דערשלאָגן מיינס — ער האָט מיר געבראַכט צו טראָגן אַ גאָלדענע מעדאַל. גייט זייט אַ נביא, אַז מע'ט אונז מכבד זיין מיט אַ גורל [12] און די מעדאַליסטן וועלן בלייבן מיטן בייטשל. עפּעס אַזוי ווי מיר וואָלטן געשטאַנען ביי אָפּנעמען אַ גרויסע ירושה, נאָר סאַמע צום סוף האָט מען זי ביי אונז פון די הענט אַרויסגעריסן! גוטע פריינט האָבן אונז אפילו אויסגערעדט דאָס האַרץ: ממה־נפשך — אַ גורל איז אַ גורל. איר האָט דאָך דעם אייגענעם גאָט, וואָס אַלע אידן. אייער זון קאָן דען ניט אַרויסציען דעם אייגענעם גורל, וואָס שפּאָליאַנסקיס זונדל? זאָג איך: ניין! אַריין וועט שפּאָליאַנסקיס זונדל, ניט מיינער. אָט וועט איר זען! והראיה — ווער האָט געטראָפן? סאיז געקומען צום גורל, איז טאַקע שפּאָליאַנסקיס זונדל אַריין און מיינער לאַ! סאיז דאָס אייגענע, הערט איר, וואָס מיט די וויגרישנע בילעטן. איר האָט אַ וויגרישנע בילעט? ניין? איך יאָ. איך האָב אַ וויגרישנע בילעט שוין ימים ושנים, און געוואונען — נישט אַ לעק! אפילו אין טיראַזש ניט אַרויסגעגאַנגען! און אַנו — לאָז שפּאָליאַנסקי, אַשטייגער, קויפן אַ וויגרישנע בילעט, בין איך זיכער, אַז ער וועט געווינען. פאַרוואָס, פרעגט איר? איך פרעג אַ י י ד, פאַרוואָס? אייך איז פריקרע, זע איך, וואָס איך האַלט אייך ביים קנעפּל. האָט קיין פאַראיבל ניט — סאיז אַ אידישע טבע...

[12] דאַ ווערט געמיינט די גזירה פון דער צאַרישער רעגירונג אין יענער צייט, אַז נאָר אַ קליינער פּראָצענט אידישע סטודענטן זאָל צוגעלאָזט ווערן אין די אוניווערסיטעטן, און די צוגעלאָזטע זאָלן געקליבן ווערן דורך אַ גורל.

און אגב בין איך נערװעז. נערװעז מיט סכנת־נפשות! מע קאָן װערן נערװעז, אַז מע לעבט־איבער דאָס, װאָס איך האָב איבערגעלעבט. איך בין פון אײזן, זאָג איך אײך, אַז איך האַלט עס אױס. אָט װעט איר האָרכן. אַך־אַך־אַך!

*

מילא, אַז ער איז געבליבן אינדרױסן, האָבן מיר גענומען קלערן אַהין־אַהער: װאָס טוט מען? אױסלאַנד — איז ניט פאַר מײנע כוחות. אגב װיל ער ניט, טאַקע דער זון מײנער. ער װיל דװקא דאָ. דאָ בין איך, זאָגט ער, געבױרן, דאָ האָב איך געלערנט און דאָ, זאָגט ער, מוז איך ענדיקן — איר הערט װערטער? נאָך אַ פּאַטריאָט אױך צו די צרות! און דערװײל די צײַט שטײט ניט. חברים קומען זיך צונױף. אַדעסער יונגעלײַט. מע זיצט דאָרט בײַ זיך פאַרשלאָסן און מע רעדט און מע רעדט. פון װאָס רעדט מען, פרעגט איר? פון װאַנען זאָל איך װיסן? ער איז דאָך נישט קײן אינגעלע, איך זאָל אים פרעגן: פון װאָס רעדסטו דאָרט מיט זײ? אַ בחור צו לײַטן. צװאַנציק יאָר. אָט־ז.ט, אָקאָרשט װי מע זעט ניט, שפּרינגט־אונטער דער פּריזיװ. נאָט אײך אַ פּריזיװ, טאָמער איז קאַרג! באָטש ער האָט פאַרן פּריזיװ, זאָגט ער, קײן מורא ניט. פאַרװאָס האָסטו קײן מורא ניט? דערפאַר, זאָגט ער, װײַל איך װעל אַרײַן. איך װעל נאָך הײַנטיקס יאָר, זאָגט ער, אַרײַן. װי אַזױ װעט ער אַרײַן — האָב איך מורא פרעגן. װי זאָגט איר: איך װיל די האַנט אין קעשענע ניט אַרײַנלײגן. נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָ דאַרף עפּעס זײַן נישט קײן גוטע זאַך... זאָל איך אים פאַרהאַלטן? ערשטנס — פון װאַנען װײס איך? והשנית — װאָס פאַר אַ רעכט האָב איך? ... איך האָב געקאָנט דעמאָלט אין מאָסקװע אױסשטײן דעם נסיון. פאַר זיך און פאַר מײַנע קינדער, כּל־זמן זײ זײַנען נאָך געװען קלײנע קינדער. אָבער איצט, אַ מענטש פאַר זיך — טאָמער הערט ער מיך ניט? אָדער טאָמער טוט ער נאָך אױף צו־להכעיס — װעט זײַן בײדע זאַכן: אי אױס איד, אי אױס קינד — איר פאַרשטײט דאָך שױן װאָס מע מײנט... צי מע באַדאַרף אײך אַרײַנלײגן אַ פינגער אין מױל? ... װאָס רוקט איר זיך אָפּ פון מיר? איר האָט מורא פאַרן קנעפּל? אַ אידישע זאַך...

הקיצור הדבר, איך קום צו פאָרן אײנמאָל אַהײם — איך בין אַ רײַזענדער, דורכן יאָר בין איך אַכט חדשים אין װעג, פיר חדשים אינדערהײם — זאָגט צו מיר מײַן זון, ער דאַרף מיט מיר עפּעס שמועסן אונטער פיר אױגן. איז מיר ניט געפעלן די מעשה: װאָס עפּעס אונטער פיר אױגן? נעם איך מיך אָן מיט האַרץ און זאָג אים: „אַ סוד?“ זאָגט ער: „פאַר דער מאַמע“... די מאַמע איז בײַ אים — ניט שײַך צו זאָגן! דער טאַטע — מהכתיתי. נאָר די מאַמע — סכנת־נפשות!... פאַרדװיכער איך אַ פּאַפּיראָס און זעץ מיך אַװעק מיט אים אונטער פיר אױגן און רוף מיך אָן צו אים: „הקיצור הדבר, לאָמיר הערן, זון מײַנער, װאָס איז דער סוד?“ גײט ער און לײגט מיר אַװעק אַ צעטל, די גאַנצע געשיכטע: אָדער אַהין, אָדער אַהער. דאָס הײסט, אָדער אַרײַן און גײן װײַטער, אָדער דער פּריזיװ און פאַרלירן די גאַנצע קאַריערע. על כּן, איז װאָס די עצה? די עצה איז... איר פאַרשטײט, צי נײן? נישט אינגאַנצן. נאָר אױף דער העלב... פּראָטעסטאַנטן... און נישט ער אַלײן. זײ זײַנען אַ גאַנצע חברה — אַ נײַנציק פאַרשױן! און בסוד. קײן פױגל דאַרף ניט װיסן. האָט עס מיר דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ און געגעבן אַ טראָג־אױף העכער הײזער. נאָר איך האַלט מיך אײַן און זאָג צו אים: „װיבאַלד אַ סוד, װאָס זשע האָסטו מיר באַדאַרפט זאָגן?“ זאָגט ער צו מיר װידער אַ מאָל מיטן זעלבן לשון: „אַ סוד נישט פאַר דיר, נאָר פאַר דער מאַמע“... זאָג איך: „בײַ נײַנציק פאַרשױן װי איז שײַך אַ סוד?“ זאָגט ער: „איך רײד פון זיך, ניט פון די נײַנציק. און איך װיל, זאָגט ער, אַז דו זאָלסט עס פאַרהיטן, זאָגט ער, פון דער מאַמע, זי זאָל, זאָגט ער, חלילה נישט דערװיסן זיך“... איר הערט דבורים? צו װאָס מיר האָבן זיך דערלעבט! ניט גענוג ער װיל אָפּטון אַזאַ זאַך, זאָל איך אים נאָך פאַרהיטן? ברענט עס מיך און סע בראָט מיך. נאָר איך האַלט מיך אײַן: אַ רחמנות — פאַרט אַ קינד! הײב איך אים אָן געבן עצות, טאָמער אַזױ און טאָמער אַזױ... זאָגט ער: „עצות איז שױן שפּעט — שױן נאָך אַלעמען“. װערט מיר פינסטער אין די אױגן. גװאַלד! צו װאָס מיר האָבן זיך דערלעבט! װײַל איך אים אָנהײבן זאָגן, פאַרכאַפּט ער אױפצופרײַער און הײבט מיך אָן צו מוסרן: װאָס האָב איך געהאַט צו אים? למאי האָב איך אים דערלאָזט צו אַ שװערן נסיון — איר הערט, צי נײן? — פאַרװאָס האָב איך עס ניט אָפּגעטאָן דעמאָלט, אין מאָסקװע נאָך, װען ער [איז] נאָך געװען אַ קלײן קינד, נישט דערלאָזן אים צו אַזאַ שװערן נסיון, צו אַזאַ מלחמה — איר הערט, צי נײן? — פאַרדריסט עס מיך נאָך מער. און צוריק בין איך מיך מיישב: אפשר איז ער אױך גערעכט? נאָר נאָכגעבן אינגאַנצן טאָר איך אױך ניט. רוף איך מיך אָן צו אים: „הער־אױס, מײַן קינד, איך װעל דיר, זאָג איך, דערצײלן אַן אַנעקדאָט פון אַ טאַטן מיט אַ זון. אַמאָל איז געװען אַ טאַטע מיט אַ זון, זײַנען זײ געפאָרן אין װעג און אָפּגעשטעלט זיך אױף אַן אַכסניה און געהײסן קאָכן װעטשערע. האָט זײ די בעל־הביתטע געקאָכט װעטשערע, פרישע פיש, געגרײט צום טיש און דערלאַנגט די פיש, צװײ פיש, אײן פיש אַ גרױסער, דער אַנדערער אַ קלײניטשקער. זיצן זײ און קוקן אױף די פיש. טראַכט זיך דער פאָטער: ער װעט נעמען זיך דעם גרױסן פיש, װעט בלײַבן פאַרן זון צו אַ קלײן פישעלע. זאָגט ער צום זון: נעם,

זאָגט ער, פריער. זאָגט אים דער זון: נעם, זאָגט ער, דו פריער, דו ביזט עלטער. אהין־אהער, זיי האָבן זיך געדונגען־געדונגען, ביז דער פאָטער האָט אויסגעפירט און דער זון האָט גענומען פריער. נאָר וואָס דען? דער זון איז אָבער קיין נאַר ניט געווען, גייט ער און נעמט זיך דעם גרויסן פיש און דעם טאַטן לאָזט ער דאָס קליינע פישעלע. האָט דאָס דעם טאַטן פאַרדראָסן, נאָר ער האָט צוגעשוויגן. נאָך דער וועטשערע רופט זיך אָן דער טאַטע צום זון: „דו ביזט, מיין זון, אַן עם־הארץ", זאָגט ער. „מיט וואָס בין איך אַן עם־הארץ?" „אַזוי. איך זאָל געווען, זאָגט ער, נעמען פריער, וואָלט איך, כאָטש איך בין עלטער און כאָטש איך בין אַ טאַטע, גענומען זיך דאָס קליינע פישעלע און דיר וואָלט איך געלאָזט דעם גרויסן פיש"... רופט זיך אָן צו אים דער זון: „האָב איך דאָך טאַקע אַזוי געטאָן, ווי דו האָסט געוואָלט — גענומען זיך דעם גרויסן פיש און דיר געלאָזט דאָס קליינע פישעלע..." אודאי האָט דאָס מיין חברה־מאַן פאַרשטאַנען. נאָר איר מיינט, אַז דערמיט ענדיקט זיך די מעשה? כאַ־כאַ! די מעשה הייבט זיך ערשט אָן... סאיז אַ גאַנצע טראַגעדיע. אָט וועט איר הערן... נאָר שאַט! וואָס איז דאָס ביי מיר פאַר אַ קנעפּל אין האַנט? סאיז אייערס? — נאַט עס אייך!...

10

פרייע איבערזעצונגען פונם תנך

[די עטלאַכע תנך־פּראָבעס, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זיינען ביי שלום־עליכמען געווען מער אַ טשיקאַווע פאַרוויילונג, איידער אַן ערנסטער פאַרזוך: ער איז אַ בעלן געווען זען, ווי אַזוי וועלן קלינגען די פּסוקים פונם תנך, אַז ער וועט זיי פריי איבערטראָגן אויף פּראָסט „מאַמע־לשון" און אויף אַ פאָלקסטימלאַכן שטייגער. דערביי דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש ש. ע. האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג פונם תנך, האָט ער אים אָבער געוואוסט כמעט אויף אויסווייניק, און אַ קליין טאַשן־תנכל איז ביי אים געווען, וואָס ער פלעגט שטענדיק מיטנעמען אין וועג און זייער אָפט אַריינקוקן אין דעם. — דאָס ערשטע קאַפּיטל, „קהלת אין מאַמע־לשון", האָט ש. ע. געלאָזט דרוקן אינם פּעטערבורגער „פריינד", נאָכדעם ווי סאיז פאָרגעקומען די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אויף וועלכער י. ל. פּרץ איז געשטאַנען פאַר העברייאיש און אידיש, אַלץ „אונזערע ביידע נאַציאָנאַל־שפּראַכן", און „פרוי אסתר" (די באַוואוסטע אידישע שריפטשטעלערין און רעוואָלוציאָנערע טוערין, אַמאָל אינם „בונד" און איצט אין די אידישע קאָמוניסטישע קרייזן פון סאָוועט־רוסלאַנד) — פאַר אידיש אַליין. די אַנדערע צוויי קאַפּיטלען זיינען נאָך אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן. די איבערזעצונג פון „אשת־חיל" האָט ש. ע. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, אין וויסבאַדען, צוגעטראָגן צו י. ד. בערקאָוויטש און איבערגעגעבן אים צו באַהאַלטן עם לזכרון.]

א

קהלת אין „מאַמע־לשון"

פון

שלום־עליכם

אַ קורצע הקדמה

ליגנדיק אויפן קראַנקנבעט אין דער באַרימטער שטאָט באַראַנאָוויטש (באַרימט דערמיט, וואָס זי שטייט אינדרויסן), בין איך די לעצטע צייט געווען ניט אין באַראַנאָוויטש, נאָר אין טשערנאָוויץ, דאָס הייסט: דער זינדיקער גוף האָט זיך געוואַלגערט דאָ, נאָר די נשמה איז געווען דאָרטן, דאָרטן אין דער פרייער בוקאָווינע, אויף דער ערשטער אידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. די גאַנצע וואָך פון דער קאָנפערענץ בין איך געווען אין דער גרעסטער אויפרעגונג. די טעמפּעראַטור האָט זיך געהעכערט ביי מיר פון טאָג צו טאָג, דער הוסט האָט זיך געשטאַרקט און דער אַפּעטיט איז געפאַלן; מיין דאָקטאָר איז געווען אויסער זיך! פון דער ערשטער „ערעפענונגס־רעדע", וואָס מיין גוטער פריינט דר. בירנבוים האָט אָפּגעהאַלטן אין אונזער „מאַמע־לשון", האָט זיך מיין טערמאָמעטער פון אַזאַ „מאַמע־לשון" באַלד געגעבן אַ הייב־אויף אויף זעקס צענטל. נאָכדעם, אַז סאיז געקומען צו די היציקע דעבאַטן: וועלכע איז די „נאַציאָנאַל־שפּראַך", העברייאיש אָדער „זשאַרגאָן" — האָט זיך מיין טעמפּעראַטור געהעכערט און געהעכערט. און אַז סאיז געקומען צו דער געוויסער רעזאָלוציע, בשעת מיין פריינט און קאָלעגע י. ל. פּרץ האָט זיך געשלאָגן מיט אַלע כוחות פאַר העברייאיש און די „פרוי אסתר" האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פונם פּראָלעטאַריאַט, און ווער שמועסט שוין, אַז איך האָב דערהערט דעם קוש פון שלום אַש מיט אברהם רייזען — דעמאָלט האָט מיין טעמפּעראַטור באַוויזן כמעט 40, אַזוי אַז מיין דאָקטאָר האָט זיך אַזש דערשראָקן! קוים אָבער האָט זיך די שפּראַך־קאָנפערענץ געשלאָסן און די דעלעגאַטן זיינען זיך צעגאַנגען (איך זאָג „צעגאַנגען", ניט „צעפאָרן", מחמת „צעפאָרן" איז זיך נאָר איין שלום אַש; די איבעריקע זיינען אַלע געגאַנגען צופוס), האָב איך זיך באַרואיקט, און סאיז מיר אַריין אין קאָפּ אַ מחשבה, איך זאָל נאָכטון מיין קאָלעגע שלום אַש. מיין קאָלעגע שלום אַש האָט גענומען אויף זיך „איבערטראָגן די אוצרות פון לשון־קודש אין אידיש", און דערווייל „געפּרוווט" איבערזעצן אין מאַמע־לשון „רות". איך וויל מיך אויך פּרוּוון איבערזעצן אין דעמזעלבן מאַמע־לשון „קהלת". נאָר אַזוי ווי איך בין איצט, משטיינס געזאָגט, אַ חולה, און שלום אַש איז, קיין עין־הרע, אַ געזונטער (זאָל ער זיין געזונט), וועט מן הסתם קיינער ניט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן אונזערע

איבּערזעצונגען. אויך וועט מען ניט האָבּן צו מיר קיין טענות, וואָס איך גיב מיינע לעזער דערווייל נאָר דאָס ערשטע קאַפּיטל. די איבּעריקע קאַפּיטלען, האָף איך, וועלן ניט אַנטלויפן און קיינער וועט זיי ניט אויסכאַפּן.

אי, טאָמער וועט זיך געפינען אַ בּעלן, וואָס וועט זיי יאָ וועלן אויסכאַפּן — אַדרבּה, זאָל ער פּרווון כאַפּן! ...

שלום-עליכם.

בּאַראַנאָוויטש (מינסק. גוב.), ערב ראש-השנה תרס"ט.

קאַפּיטל איינס

1) דברי קהלת — דאָס איז די רייד פון קהלת, דער זון פון דוד, דער קיניג פון ירושלים.

2) בּלאָטע שבּבּלאָטע, זאָגט קהלת. בּלאָטע שבּבּלאָטע, סאיז אַלצדינג בּלאָטע, אַ נעכטיקער טאָג.

3) וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן פון זיין גאַנצן טאַרעראַם, וואָס ער שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט?

4) איין דור גייט אַוועק, דער אַנדערער קומט-אָן, און די וועלט בּלייבּט אַ וועלט.

5) און עס גייט-אויף די זון, און עס גייט-אונטער די זון, און אַלע מאָל אויפן איינענעם אָרט.

6) זי גייט זיך קיין דרום, זי קערט זיך קיין צפון, און אַזוי דרייט זיך עס און דרייט זיך, און גאָרנישט.

7) אַלע טייכן גייען אין ים אַריין, און דער ים ווערט ניט פולער. פון וואַנען זיי קומען-אָן, אַהין גייען זיי אַוועק.

8) אַלע זאַכן זיינען משונה, אַ מענטש קאָן עס ניט אַרויסריידן, דאָס אויג קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן, דאָס אויער קאָן זיך זאַט ניט אָנהערן.

9) דאָס וואָס סאיז געווען, דאָס וועט זיין, און וואָס סאיז געטאָן געוואָרן, וועט געטאָן ווערן, און נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

10) פאַראַן אַ זאַך, וואָס ווילט זיך זאָגן: זע נאָר, אַ נייס! — צום סוף איז דאָס שוין לאַנג געווען; דאָס איז געווען פאַרצייטן.

11) נישטאָ קיין זכר צו די וואָס זיינען אַמאָל געווען, נישטאָ קיין זכר צו די וואָס וועלן אַמאָל זיין.

12) איך, קהלת, בּין געווען קיניג אויף די אידן אין ירושלים.

13) און איך האָבּ מיך גענומען אויספאָרשן און נאָכקוקן מיט קלוגשאַפט אויף אַלץ, וואָס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט — פּע! אַ מיאוסן עסק האָט גאָט געגעבּן דעם מענטשן!

14) איך האָבּ געזען אַלצדינג, וואָס טוט זיך אָפּ אונטער דער'זון — סאיז אַלצדינג בּלאָטע, אַ נעכטיקער טאָג.

15) אָפּגעטאָן, איז פאַרפאַלן, צוריק כאַפּט מען ניט.

16) האָבּ איך מיר געזאָגט צו זיך אַליין: אָט בּין איך גרויס געוואָרן, קליגער פון אַלע, וואָס האָבּן געוועלטיקט פאַר מיר אויף



שלום-עליכם בּיי דער אַרבּעט אין נערווי [יאַנואַר 1911].

ירושלים, און האָב מיך גענוג אָנגענומען מיט קלוג־שאַפט און מיט וויסנשאַפט.

17) און איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו דערגיין, וואָס איז קלוגשאַפט און וויסנשאַפט, און וואָס איז נאַרישקייט און טיפּשות, און האָב אַרויסגעזען, אַז דאָס איז אויך אַ נעכטיקער טאָג.

18) וואָרים וואָס מער קלוגשאַפט, אַלץ מער פאַרדראָס, און וואָס מער וויסנשאַפט, אַלץ מער ווייטיק.

די איבעריקע קאַפּיטלען — אם ירצה השם, אַז איך וועל ווערן אינגאַנצן געזונט.

שלום־עליכם.

ב

שיר השירים

פריי איבערזעצט

פון

שלום־עליכם

א

אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען — דאָס האָט געזונגען שלמה.

— שיינק מיר אַ קוש פון דיין מויל — דאָס איז ביי מיר טייערער פון דעם בעסטן וויין!

— אוי, דער ריח פון דיין בוימל, ווי גוט ער איז! בוימל שמעקט פון דיר. ניט אומזיסט האָבן דיך ליב מיידלאַך. וואָס ציט עס מיך, וואָס איך לויף אַזוי נאָך דיר? אָ! אָט האָט ער מיך געבראַכט צו זיך, דער מלך, אין זיינע פּאַלאַצן. „מיר וועלן זיך פרייען, מיר וועלן תענוגן מיט דיר“... יאָ, מיר געדיינקען דיין ליבשאַפט, בעסער פונם בעסטן וויין, ניט אומזיסט האָט מען דיך ליב, קיניג!...

— שוואַרץ בין איך, איאָ? אָבער שיין, טעכטער פון ירושלים! ווי די געצעלטן פון אַ אַראַבער, ווי די פאָרהאַנגען פון שלמהן. קוקט ניט, וואָס איך בין שוואַרצלאַך, וואָס די זון האָט מיך צוגעברענט. די קינדער פון מיין מאַמע האָבן זיך געררייצט מיט מיר: „סטייטש, מע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין איבער גערטנער, מיין אייגענעם גאָרטן האָב איך ניט געהיט“...

— זאָג מיר, מיין ליבסטע, ווי אַזוי פּיטערסטו, ווי אַזוי פּאַשעסטו גאַנצע טעג?

— ווי דען זשע? למאי זאָל איך זיין אַ פרעמדע ביי די טשערעדעס פון דיינע חברים?

— אויב דו ווייסט נישט, די שענסטע פון די יונג־פרויען, טאָ גיי זשע נאָך די שעפעלאַך, אַהין וואו די פּאַסטוכער ליגן...

— צו אַ פערדל אין די רייטוועגן פון פּרעה האָב איך דיך געגליכן, מיין טייערע! אַך, ווי שיין זיינען דיינע בעקלאַך, זיי האָבן זיך פאַררויטלט, דיין העלדזל ווי מיט שנירלאַך. מיט גינגאָלד וואָלטן מיר דיך באַרויטלט, באַפּינטלט מיט זילבער.

— דער מלך איז נאָך ניט אין זיין פּאַלאַץ, און שוין לאָזט זיך הערן זיין ריח. אַ בינטל בשמים איז ביי מיר פאַראַנען, צווישן מיינע בריסט טוט ער נעכטיקן. אַ בינטל וויינטרויבן איז ביי מיר פאַראַנען אין די ווייַנגערטנער פון עין־גדי.

— אוי, ביזטו שיין, מיין טייערע, אוי, ביזטו שיין, מיר פאַר דיינע אויגן!

— דו ביזט אויך גענוג שיין, מיין טייערער, און זיס ביזטו. און אונזער בעטל איז נאָך פריש. די ווענט פון אונזער שטיבל זיינען טענענביימער. אונזער וואוינונג איז בוקסנבוים.

ב

— איך בין אַ ליליע פון שרון. איך בין אַ רויז פון די טאָלן.

— יאָ, ווי אַ רויז צווישן דערנער, אַזוי ביזטו, טייערע, צווישן טעכטער.

— ווי אַן עפּלבוים אין וואַלד, אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די קינדער. אונטער זיין שאָטן וואָלט איך וועלן זיצן, און פון זיינע זיסע פּירות וואָלט איך פאַרזוכן.

— אָט האָט ער מיך אַריינגעבראַכט אין וויינ־שטיבל, אָט האָט ער מיך באַדעקט מיט זיין ליבשאַפט. ער האָט מיך אַרומגענומען מיט בעכערס, ער האָט מיך אַרומגעבעט מיט עפּל — איך בין קראַנק פון ליבשאַפט! זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ און מיט דער רעכטער — נעמט ער מיך אַרום. איך שווער אייך, די טעכטער פון ירושלים, מיט די יונגע שעפעלאַך און מיט די אינדן פונם פעלד שווער איך אייך, אויב עס וועט אויפגעוועקט ווערן די ליבע ביי מיר פאַר דער צייט!

. . . .

ג

אשת־חיל

(פריי איבערזעצט פון שלום־עליכם)

אַ ווייב אַן אשת־חיל — וואו קריגט מען זי? טייערער פון גינגאָלד, זי לאָזט זיך גאָרניט שאַצן!

דער מאַן איז אין איר פאַרזיכערט, וואָס פעלט אים?

זי טוט אים נאָר גוטס, קיינמאָל ניט קיין שלעכטס, קיינמאָל אין איר לעבן.

וויל זי — איז וואָל, וויל זי — איז פלאַקס, זי טוט וואָס זי וויל.

זי איז אַ פֿאָלנע סוחר, פֿונדערווייטן באַציט זי איר ברויט.

זי שטייט־אויף אינמיטן נאַכט, גרייט־אָן עסן פֿאַר דער שטוב, טיילט־אויס אַרבעט פֿאַר די דינסטן.

האָט זי פֿאַרטראַכט אַ סאָד — האָט זי אים געקויפֿט, אַליין מיט אירע הענט געפֿלאַנצט אַ גאָרטן.

האָט זיך אָנגעטאָן ווי עס געהער צו זיין, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל.

פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַרבעט, לעשט זיך נישט אויס דאָס ליכט ביי איר.

נעמט זיך צו איר שטיקעכטס, דרייט מיט דער ווערעטענע.

זי פֿאַרגעסט ניט דעם אָרימאַן, העלפֿט דעם נויט־באַדערפֿטיקן.

זי האָט קיין מורא ניט פֿאַר קעלט — אַלע גייען אָנגעטאָן ביי איר וואַרים [13].

מע קען איר מאַן צוליב איר, מע קען אים אומעטום.

אויסגענייט פֿלאַכטעס און פֿאַרקויפֿט, געמאַכט גאַרטלען אויף מסחר.

שטאַרק און שיין איז זי אויפֿן פּלאַץ, און לאַכט פֿון דער וועלט.

עפֿנט זי אויף אַ מויל — איז דאָס חכמה, וואָס זי זאָגט — איז אַ תורה.

גיט אַכטונג אויף איר שטוב, איטלאַכס ווינקעלע, עסט שוין נישט אומזיסט איר ברויט.

די קינדער האָבן פֿאַר איר דרך־ארץ, איר מאַן לויבט זי אין טאָג אַריין:

„פֿאַראַן גענוג ווייבער בריהס, דו האָסט זיי אַלע איבערגעיאָגט“.

וואָס איז חן? בלאָטע שיינקייט! אַ ווייב אַן אשת־חיל — אָט וועמען מע באַדאַרף לויבן.

גיט זשע איר וואָס זי פֿאַרדינט, דערציילט אַלעמען, לאָז די גאַנצע וועלט וויסן ווער זי איז!

בערקאָוויטשן צום אָנדיינקען, דעם 1/14 יולי 1913 יאָר. געשריבן עקספּראָמט אויף אויסווייניק די איבערזעצונג פֿון „אשת־חיל“ אין פּראָסט אידיש, איינמאָל זומער פֿאַרטאָג אין וויסבאַדען, נישט געקאָנט שלאָפֿן, און קיין אַנדער אַרבעט נישט געגלוסט זיך טון, די פֿייגעלאַך האָבן אונטערגעהאָלפֿן מיט זייער פּישטשען, דער טאָג האָט זיך געריסן אין פֿענסטער, דער זייגער האָט געקלונגען פֿיר מיט אַ פֿערטל, — מע דאַרף זיך פּרוּוון נאָך אַ מאָל אַנשלאָפֿן ווערן.

אַ גוטע נאַכט! —

שלום־עליכם.

11

סוזשעטן און טיטלען פֿון פֿאַרטראַכטע ווערק

[אין דעם קאַפּיטל ווערט געגעבן אַ געקליבענער טייל סוזשעטן און טיטלען פֿאַר ווערק, וואָס שלום־עליכם האָט פֿאַרצייכנט לזכרון אויף באַזונדערע העפֿטלאַך אָדער אין זיינע נאָטיצביכלאַך. צווישן זיי געפֿינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן. זייער אָנהייב איז אָבער געמאַכט אין אַזאַ רויער פֿאָרם, געשריבן און געמעקט און ניט דער־זאָגט, אַז דער לעזער וועט זיך אין דעם ניט קאָנען פֿאַנאַנדערקלייבן. אַזוי קומט אין כתב־יד פֿון דער אָנגעצייכנטער סעריע „מצבות“, וואָס ווערט דאָ גלייך געבראַכט צוזאַמען מיט דער הקדמה, אויך אַן אָנהייב פֿון דעם ערשטן קאַפּיטל, באַטיטלט: „פֿישל דער וואַסערפֿירער“. דער אָנהייב איז אָבער געמעקט און פֿאַרפּלאָנטעט, און קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם מחברס כוונה קאָן דערפֿון ניט געשאַפֿן ווערן. אגב געפֿינט זיך אין שלום־עליכמס אַרכיוו אַ צווייטער וואַריאַנט פֿון דערזעלבער פֿאַרטראַכטער סעריע אונטערן טיטל: „אָרימע און פֿריילאַכע, בילדער פֿון דער טויטער גאַס, פֿון שלום־עליכם, 1900“, און אויך דאָרטן קומט אַ הקדמה כמעט פֿון דעמזעלבן אינהאַלט, צוזאַמען מיט צעוואָרפֿענע נאָטיצן וועגן „פּייסי דעם וואַסערפֿירער“. ווי עס שיינט, איז פֿון ביידע אָנגעצייכנטע וואַסערפֿירערס, פֿישל און פּייסי, שפּעטער אַרויסגעקומען „סאַנע דער וואַסערפֿירער“, איינער פֿון „די טיפֿן וואָס שטאַרבן־אָפּ“ אין דער סעריע „מען איז זיך מוחל“ (אַלע ווערק פֿון שלום־עליכם, פֿאָלקספֿאָנד אויסגאַבע, צוויייטעס בוך „אָרימע און פֿריילאַכע“). — צו דעם דראַמאַטישן סוזשעט „אַרטיסטן“, וואָס ווערט דאָ פֿאַרצייכנט, קומט אויך אַן אָנהייב פֿון דער ערשטער סצענע אויף עטלאַכע געמעקטע בלעטלאַך, וואָס מיר האָבן ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק דאָ צו געבן. — אַ טייל פֿון די סוזשעטן זיינען פֿאַרצייכנט געוואָרן פֿון ש. ע. אויף רוסיש, אָדער האַלב אויף אידיש און האַלב אויף רוסיש — און דאָס ווערט אויפֿן אָרט אָנגעמערקט אין קאַנטיקע קלאַמערן.]

א

מ צ ב ו ת

בילדער פֿון לאַנג געשטאָרבענע נפשות

פֿון

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם

— 1900 —

דאָס „הייליקע אָרט“ איז דאָס איינציקע אָרט אין מאַזעפּעווקע, וואו עס בלאָזט אַ פֿריי ווינטל, וואו עס וואַקסט אַ גרין גרעזל, וואו מע הערט נישט קיין טומל, קיין קללות, קיין יללות, וואו מע שלאָגט זיך נישט איבער אַ שטיקל ברויט, וואו מע רייסט זיך נישט איבער נאַרישן כבוד, וואו סאיז נישטאָ קיין געלט און קיין דלות, קיין בלוט און קיין טרערן, קיין דאגות, קיין קנאה, קיין שנאה — נאָר קברים, אַלטע, צעבראָ־

[13] איבערזעצנדיק פֿון אויסווייניק, האָט ש. ע. דאָ פֿאַרפֿעלט אַ פּסוק, וואָס גייט גלייך נאָך דעם: מ ר ב ד י ם ע ש ת ה ־ ל ה, ש ש ו א ר ג מ ן ל ב ו ש ה.

בענע, פאַרלאָזענע קברים, נאָר מצבות, אַלטע, האַלבֿ־אײַנגעפאַלענע, שטאַרק־אָפּגעריבענע מצבות.

אהער, אויף דעם אַלטן הייליקן אָרט וואָס אין מאַזעפּעווקע, בין איך געקומען צו פאָרן פונוויטן אויף קבר־אָבות, געוואוירע ווערן צו די אַלטע, טייערע, ליבע און געטרייע, און בין געווען איבערראַשט, איך האָב דאָס נישט דערקענט: אַ סך, אַ סך נייע קברים זיינען צוגעקומען, אַזעלכע וואָס איך קען זיי ניט, און אַ סך אַלטע מצבות האָבן זיך אײַנגעבויגן אויף אַ זייט, אַ סך זיינען אײַנגעפאַלן, אַ סך אויפשריפטן זיינען אָפּגעריבן געוואָרן אינגאַנצן, און אַ סך — קוים וואָס מע קאָן איבערלייענען די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע. איך



שלום־עליכם אין וויסבאַדען [יולי 1913].

גיי פון איין מצבה צו דער אַנדערער און לייען די האַלבאָפּגעריבענע אויפשריפטן פון די לאַנג־געשטאָרבענע, נאָר קיינמאָל נישט־פאַרגעסענע נעמען. ליבע, טייערע נעמען! ערלאַכע, כשרע נפשות! צעבראָכן, צעוואַלגערט זייערע מצבות — איך וועל זיי שטעלן נייע. אָפּגעריבן, אָפּגעקראָכן די אַלטע אויפשריפטן — איך וועל זיי אויפשרייבן נייע. נייע מצבות, נאָר נישט פון האָלץ — פון פאַפיר; נייע אויפשריפטן, נאָר נישט מיט טויטע אותיות, נאָר מיט לעבעדיקע בילדער. זיי האָבן דאָס, גלויבט מיר, ערלאַך, כשר פאַרדינט. תהי נשמתם צרורה בצרור החיים — לאָזן זייערע נשמות זיין פאַרקניפּט מיטן בינטל פונם לעבן!...

ב

מעשיות אָן אַ סוף

די ערשטע מעשה — אַ מעשה מיט אַ מת.

די אַנדערע מעשה — אַ מעשה מיט אַ גולם.

די דריטע מעשה — אַ מעשה מיט אַ ציג[24].

ג

„אַרטיסטן"

אַ פריילאַכס אין צוויי אַקטן

פון

שלום-עליכם

— 1905 —

די פאַרשוינען:

געצעלעוויטש, היינט אַנטרעפּרענער.
מאַדאַם געצעלעוויטש, היינט פּרימאַ־דאָנאַ.
שוסטערזאָן, ערשטער ליובאָווניק און רעזשיסער.
קאָטערמאַן, צווייטער ליובאָווניק.
סמיטשיק, קאָמיקער.
באַס, טראַגיקער.
פריילין רעגינאַ, פּרימאַדאָנאַ.
מאַדאַם נאָדלטעשל }
מאַדאַם לאָקשנברעט } פאַרשיידענע שוישפּילערינס.
מאַדאַם היגערפיסל }
פליספעדער, דראַמאַטישער שריפטשטעלער.
היטלקניטשער, סופלירער.
שיסעלע, קאַסירער.
דערקאַטש, דיריזשער.
מאַמאַליגע, בילעטער.
רב יענקל רעטאַך, אַ מעקלער.
שיינדעלע, זיין ווייב, אַ מעקלערין.
כאָריסטן, סטאַטיסטן און מוזיקער.

די געשיכטע קומט־פאָר הינטער די קוליסן.

ד

מאַטעריאַל פאַר אַ קאָמעדיע

[פאַרצייכנט אין רוסיש]

אַ געוועזענער פּריקאַזטשיק האָט חתונה מיט דער טאָכטער פון אַ פאַראָרימטן אַריסטאָקראַט, זיין בעל הבית.

[24] די מעשה מיט אַ ציג האָט ש. ע. אָנגעשריבן אין יאָר 900 אונטערן נאָמען: „אַ מעשה אָן אַן עק" (שפּעטער באַטיטלט „דער פאַרכישופטער שניידער").

ה

אירמאַ בּרען]

[דער ערשטער אָפּזאַץ רוסיש, דער צװײטער אידיש]

אַ מעשה פון אַן אָרימן גאַליציאַנער אידן, װאָס פאַר־קױפט זײן טאָכטער אין אַ מוזיקהאַל און אַלײן גיט ער אַכטונג אױף איר.

זי זינגט און ער רימפּלט אױפן פידל און מאַכט קאַלי איר זינגען [15].

ו

דער חזיר

אַן אומגליק װאָס האָט זיך פאַרלאָפן אין כתרילעװקע: אידן האָבן איבערגעפּאָרן אַ חזיר.

ז

דראַמע „קין און הבל".

ח

צװײ שטערן — צװײ אױגן אין קאָפּ (אײנער אַ טױגעניכטס, דער אַנדערער אַ זשעניע. ליב האָט ער דעם ערשטן).

ט

די מעשה מיט שלום זכר, װאָס איז געקומען פון אַמעריקע און דערצײלט גרױסקײטן [16].

י

[פאַרצײכנט אין רוסיש]

אַ טיפּ פון אַ יונגנמאַן, װאָס לעבּט מיט יענעמס אינטערעסן.

יא

פון װאַנען האָט זיך גענומען דער דלות? פון אַ סאַמאָװאַר! (מאָנאָלאָג פון אַ אידן אַ באַנקראָט).

יב

שדכן. צמח דוד נאָריאַטשקע: לאָם עך אַזױ לאָיבן מיט אײער װאַב! [17]

יג

כתבים פון אַ קאַמיװאָיאַזשער

דאָס קנעפּל [18]. — װער פון זײ? — פּראָװיזאָר נאַפּטאַלין װענעטאַליעװיטש [19]. — אונזער לשון. — אַדעסער טיפּן און אַ סך אַנדערע.

[15] אפנים, אַז דאָס האָבן באַדאַרפט זײן די װערטער פון דעם גאַליציאַנער אידן, װאָס קלאָגט זיך אױפן פידלשפּילער, װעלכער באַגלײט זײן טאָכטערס זינגען. — [16] שלום זכר איז, װי עס װײזט אױס, שפּעטער פאַרװאַנדלט געװאָרן אין בּערל־איזיק (אַלע װערק פון ש. ע., באַנד „קלײנע מענטשע־לאַך"). — [17] שפּעטער פאַרװאַנדלט אין סאָלאָװײטשיק דעם שדכן (אין דער קאָמעדיע „דאָס גרױסע געװינס"), װעלכער געבּרױכט דאָסזעלבּע צװײידײטיקע װערטל. — [18] זע נומער 9 אין דער רובּריק. — [19] דערזעלבּער פּראָװיזאָר פיגור־ירט אין אַ קאַפּיטל פונם ראָמאַן „דער בּלוטיקער שפּאָס", װאָס ש. ע. האָט אױסגעשניטן אַלץ „יתור".

יד

פּלאַן פון „אַ װאָרט פאַר אַ װאָרט"

[„אַ װאָרט פאַר אַ װאָרט" האָט ש. ע. אָנגעשריבּן אין ניו־יאָרק ערב פּסח 1915 און דעמאָלט פאַרעפנטלאַכט אין „טאָג". דיזעלבּע דערצײלונג האָט ער פריער פאַרגעטראָגן אױסװײניק אױף זײן לעצטן טור אין רוסלאַנד, זומער 1914. (דאָס אײגענע האָט ער אױך געטאָן מיט זײן מעשה „בּערל־איזיק": פריער האָט ער זי דערצײלט אױסװײניק אױף פאַר־לעזונגען, און דערנאָך זי אָנגעשריבּן). דער פאַר־צײכנטער פּלאַן גיט כמעט דעם פולן אינהאַלט פון דער דערצײלונג (זע אַלע װערק פון ש. ע., פאָלקספאָנד־אױסגאַבּע, באַנד „פון כתרילעװקע"). אגב, האָט די דערצײלונג פריער, בשעת ש. ע. האָט זי פאַרטראַכט נאָך אין אײראָפּע, געזאָלט הײסן „פּסק־געלט".]

עין ת[חת] עין — אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש, אַזױ טײטשט מײן טביה דער מיל[כיקער].

1. ניט הײנט געדאַכט, ניט פאַר אײך נעדאַכט, ניט ...
2. װאָס אַ קאַזיאָנער רב ...
3. אַ מעטריקע ...
4. זיצט אױבּנאָן. צו הנותן תשועה...
5. אין אַ „טאַבּעל" — אַרײן אין צילינדער... אַרום מיט אַ „רעטש" ...
6. אַ קנעפּל...
7. און דאָך געװײלט... להבדיל, בּײ אײך אַ פּרעזידענט...
8. На основаніи предписанія Его Пре-в[осходительства] приказалъ.
9. װײבּאָרעס, עלעקשאָן, מסירהלאַך, דאָנאָסלאַך, גובּערנסקי פּראַװליעניע, בּראָנפן, כאַבּאַר... חי געלעבּט!
10. בּין איך געװען אַ ראַבּינער (אַ סימן — אין פּאָלט[אַװער] גוב[ערניע]).
11. געװאָלט זײן ניט װי אַלע. אַראָפּגעװאָרפן דאָס קנעפּל. קהלן... קהלשן טאָפּ אַרײן. אַ ת[למוד]־ת[ורה]... בּק[ור]־ח[ולים]... אַ בּוררות... אַן עצה... בּירושה...
12. בּאַדערן... געהאַט אַ סך חסידים... צײט, בּיכער, אַ ג[מילות]־ח[סד] — אָחינו אתה — נאַש בּראַט!
13. ויהי היום... די „פּני"... אױפן עולם האמת — רוף איך אָן נאָר די „טראָיקע".
14. געהאַנדלט מיט אַ ממה־נפשך: װעט מען פאַרדינען ... אַלאַ ניט, װעסטו בּאַנראַבּן װערן מיט מיר...

15. וואָס טוט גאָט? — גייען זיך צונויף מיט א 4־טן און צעפּאַטשן זיך: זינט גאָט האַנדלט מיט זשוליקעס, גנבים א. ז. וו. און דער 4־טער אויך דאָס אייגענע...

16. ווער איז געווען דער 4־טער? — א שטי־לינקער, אַן אָפּגעפּוצטער, מיט געדיכטע ברעמען און ממזרישע אויגן — רבֿ נחמן לקח. נחמן־נתן — נחמן לקח.

17. אויסגלייכן פאַרפּלאָנט[עטע] חשבונות. וועט זיין גוט. נחמן לקח צוגעבאַמקעט, מחמת דערי־מאַך ער איז גאָט די נשמה...

18. געטענהט: פריער זיי... דערנאָך נחמן לקח:

19. שוא ושקר!... לא היה ולא נברא!... ניט געשטויגן!...

שלום־עליכם ביי דער אַרבעט אין 1915
[110 לענאָקס עוועניו, ניו־יאָרק].

20. דער ראַבּ[ינער] געזען: אַלע גנבים, דרייער, שווינדלער...

21. — הערט זשע אוים, מיינע ליבע אידן! צו 25...

22. — אָך! מיטן גרעסט[ן] כבוד!

23. Резолюція. נאַקעט[ע] און באָרוויסע קינ־דער [אין] ת[למוד]־ת[ורה]... 100.

24. אַלע אָן לשון...

25. נאָר איין נחמן לקח: — פּסק־דין קלוג, ווי נאָר שלמה המלך!... פּסק־געלט?

— נקי־כּפּימניק? — כאָטש א מעשה!

— אָך! אפילו 2.

— מחמת דערימאַך איך האָב פיינט פרעמדע מעשיות.

26. דאָס איז געווען, איך זאָל אייך זאָגן אַקוראַט, געדיינק איך ניט, מחמת דערימאַך סאיז שוין א מעשה פון א יאָר מיט א מיטוואָך... דער ברית...

27. נאָר געוואָלט ווייזן וואָס פאַר א חכם א רב...

28. איך: — אויב אַזוי, וועל איך אייך דער־ציילן אויך א מעשה און אויך מיט א רב, נאָר א סך א קירצערע!

29. דאָס איז געווען ניט אין א קליין שטעטל — נאָר אין א גרויסער שטאָט!

30. ערבֿ יו[ם]־כ[פּור] לויפט א איד, האַלט זיך ביי דער זייט־קעשעני:

— וואו וואוינט דאָ ערגעץ דער רב?

— אויף וואָס דאַרפט איר?

— וואָס איז אייער עסק?

בים. בים.

בקיצור, קוים דערפרעגט זיך — כך וכך:

— איך בין א איד א רייזענדער. פיר מיט זיך א פּותיקא, „פריער גאָטס, דערנאָך פרעמדס“...

31. דער רב: איך קען אייך ניט! דער איד: איך קען אייך!

בים. בים.

32. סיידן פאַר עדות. די פּני.

33. געבראַכט די פּני. איבערגעציילט די פּותיקא, פאַרחתמעט מיט טריוואַקס.

34. — קוקט זשע, אידן! אָט איז מיין חתימה! —

35. אָפּגעדאַוונט. מחדש געווען די לבנה. אָפּגע־פאַסט [זיך].

36. אהאַ, ער איז דאָ, דער איד! — א גוטע וואָך — א גוט יאָר...

37. דער רב: וואָסט איר זאָגן? זיצט.

38. מיין געלט. מיין פּותיקא.

— וואָסער געלט? וואָסער פּותיקא?

— כאַ־כאַ! דאָס ערשטע מאָל א רב — א לץ!

— שוין 20 יאָר רב, דאָס ערשטע מאָל הער איך, מע זאָל מיך רופן לץ...

39. דעם אידן ווערט ניט גוט אויף צו חלשן: סטייטש, מיין גאַנץ פאַרמעגן, פריער גאָטס... ער זאָגט מיט אַלע סימנים: א רויטע פעטשיילע, טריוואַקס, דעם רבס חתימה... עדות! די פּני!

40. געבראַכט די פּני. דער איד איז משוגע! יענע קוקן זיך איבער, פאַלן אָן אויפן אידן...

41. דער איד חלשט. דער רב גיט אים אָפּ: געטריבן קאַטאָוועס.

42. — אַזא קאַטאָוועס?

43. — געוואָלט ווייזן, ווער אונזערע שיינע בעלי־בתים זיינען.

טו

זײ דינגען אַ טיטשער

א סצענע אין איין אַקט

פון

שלום-עליכם

פּערזאָנען:

מיסטער אײזקרים — אַ ריעלעסטײטניק.

מיסעס אײזקרים — זײן פרוי.

אײבי ביללי האַררי ענע דזשענע ראָוז	זײערע קינדער.

קאַצענעלנשמאַלץ — אַ היברו טיטשער.

אָרט: ברוקלין.

צײט: הערבסט 1915.

12

אײנפאַלן, אַפאָריזמען און װערטלאַך

[אין דעם קאַפּיטל װערט געבראַכט אַ געקליבענער טײל פון שלום-עליכמס פאַרשײדענע פאַרצײכענונגען אין זײנע נאָטיצביכלאַך, װאָס באַשטײען פון אײנ־פאַלן אױפן געביט פון דער אידישער שפּראַך און פון דעם אידישן לעבנשטײגער, װי אױך פון װערטער און װערטלאַך, סײ אַזעלכע, װאָס האָבן אַ פאָלק־לאָרישן כאַראַקטער, און סײ אַזעלכע, װאָס ש. ע. האָט אַלײן געשאַפן אָדער סטיליזירט לױט זײן נוסח.]

א

אונזער לשון

דאָס בעסטע — מע פאַרשטײט עס.

אױף דײטש: רעלאַטיװ — גרױס. קאָמ־פּאַראַטיװ — גרעסער. סופּערלאַטיװ — נאָך גרעסער. אָדער: שטאַרק — שטאַרקער — נאָך שטאַרקער.

אױף פראַנצױזיש: גראַנד — פּלי־גראַנד — לעפּליגראַנד. אָדער: פּאָר — פּליפּאָר — לעפּליפּאָר.

איטאַליעניש: גראַנדאַ — גראַנדיסימאָ. אָדער: פּאָרטאָ — פּאָרטיסימאָ.

אָדער שאַ! װאָס דאַרפט איר מער? נעמט שױן גאָר די קירצסטע שפּראַך אין דער װעלט, װאָס דר. זאַמענ־האָף האָט אױסגעטראַכט — עספּעראַנטאָ: גראַנדאַ — פּליגראַנדאַ — פּלײגראַנדאַ. פּאָרטאָ — פּליפּאָרטאָ — פּלײפּאָרטאָ.

דאָס אַלצדינג קומט ניט צו אונזער אידיש! למשל, אָט האָט איר אײך:

גרױס — גרעסער — אַ בױם.
שטאַרק — שטאַרקער — אַן אײזן.
קלוג — קליגער — אַ ממזר!
נאַריש — נאַרישער — אַ לעקיש.
קאַרג — קאַרגער — אַ חזיר!
מילד — מילדער — אַ שאַרלאַטאַן.
פעט — פעטער — אַ קוגל.
מאָגער — מאָגערער — אַ הונט.
ברײט — ברײטער — אַ פּאַס.
װײס — װײסער — געפאַלענער שנײ.
שװאַרץ — שװאַרצער — אַ קאָטער.
גרין — גרינער — עסיק.
בלױ — בלױער — אַ מילץ.
געל — געלער — װאַקס.
רײך — רײכער — אָנגעשטאָפּט.
גוט — בעסער — אָן אַ גאַל.
שלעכט — ערגער — אַ המן!
שײן — שענער — אַ גאָלד.
מיאוס — מיאוסער — אַ טױט.
האַרט — האַרטער — אַ בײן.
װײך — װײכער — אַ פּוטער.
נאַס — נאַסער — אױסצודרײען!
טרוקן — טריקענער — פעפער.
קאַלט — קעלטער — אַ מלאך.
װאַרים — װאַרימער — אַן אױער.
הײס — הײסער — אַ באָד.

נאָכדעם גײען אַ ביסעלע לאַנג־לאַכע קאָמפּאַראַטיװוס. צום בײשפּיל:

הונגעריק — הונגעריקער — אַ גאַנצן טאָג אין מױל ניט געהאַט.

דאָרשטיק — דאָרשטיקער — פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד.

בלאַס — בלאַסער — אַ שענערן לײגט מען אין דער ערד.

נאַקעט — נאַקעטער — װי די מאַמע האָט אים געהאַט.

אומשולדיק — אומשולדיקער — כאָטש מעלק אים אױס.

נאַריש — נאַרישער — כאָטש זאַלץ אים אין אוגער־קעס, כאָטש מאַריניר אים אין קרױט!

גאַנץ קורצע קאָמפּאַראַטיװוס. למשל:

מעגלאַך — מעגלאַכער — װאָס איז שײך?
געװױס — געװױסער — נאָך אַ מין!
ריכטיק — ריכטיקער — אודאי!
פיל — מערער — פּססס!

ב

אפאָריזמען לויטן אלף־בית

אָדם הראשון: דער איינציקער גליקלאכער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

באַנקראָט: אַ חולאת, וואָס גייט־איבער. — ביבער (אידישע): אַ זאַך וואָס מע לייט עס, נאָר מע קויפט דאָס ניט.

גמילות־חסד: קיינמאָל ניט געלייקנט, אייביק ניט אָפּגעגעבן. — געלט: אַ זאַך, וואָס אַלע ווילן עס און קיינער האָט דאָס ניט.

דלות: אַמאָל האָט זיך עס געוואַלגערט אין מיסט, היינט גייט עס אין סאַמעט.

האָפענונג: אַ ליגנערין. — הסכמה (אויף אַ ספר): אַן איידעלער טשעפּע־זיך־אָפּ!

ווייב: אַ מכה אשר לא כתובה בתורה. — וועקסל: אַ סוחרישער וויץ.

זאַלץ: אַ סך אין די קלייטן, ווינציק אין די פּעליע־טאָנס.

חופה: אַ לעבעדיקער אריין, אַ טויטער ארויס.

טאָג: על־פּי טעות געוועז אַזאַ צייטונג.

יודענפראַגע: פון וואָס לעבט אַ יוד?

כּאָרשול: אַ מ . . . .

ליבע: אַן ארטיקל, וואָס איז ארויס פון דער מאָדע. — לעבן: אַ דראַמע פאַר אַ קלוגן, אַ שפּילעכל פאַר אַ נאַר, אַ קאָמעדיע פאַר אַ גביר, אַ טראַגעדיע פאַר אַ קבצן.

מגיד: אַ מענטש, וואָס קאָן ניט שלאָפן — עס קוועטשט אים אַ פּסוק. — מלמד: אַ איד וואָס האַנדלט מיט גוים. — מצבה: אַ מירמלשטיין, וואָס מע קריצט אויף אים שקרים.

נדן: קאָנטריבוציע.

סדר: איין מאָל אין יאָר ביי אידן — און מע פרעגט פיר קשיות.

עגונה: אַ מיטאַרבעטערין אין די העברייאישע צייטונגען. — ערשטער אַפּריל: אַ וויץ, וואָס ווערט איבערגעחזרט 365 מאָל אין יאָר.

פּעטש: אַ מזומנע זאַך. — פרויענצימער: ציין — מע לײַדט ווען מע באַקומט זיי, ווען מע האָט זיי און ווען מע פאַרלירט זיי.

צונג: אַ געפערלאַכער שונא.

קאַפּיטאַל: ביי קאַרל מאַרקס אויף פּאַפּיר, ביי בראָדסקין אין קאַסע. — קדחת: אין די אייזערנע שאַפעס. — קלוגשאַפט: אַ זאַך, וואָס איטלאַכער ווינטשט זיך, ער זאָל עס פאַרמאָגן וואָס יענעם פעלט.

רכילות: אַ נאַטורטעלעפאָן.

שדכן: אַן אָקסנהענדלער. — שרפה: אַן אומזיסטער איבערשרעק.

שלום־עליכם: אַ וואָרט, וואָס מע געברויכט עס אַלע מאָל מיט אַן אַנדער ניגון:

1) אַ! שלום! עליכם!

2) קידוש לבנה: שלום עליכם?

3) פאַר קידוש: שלום עליכם...

4) שלום־עליכם? איך האָב אים געהערט! סזאָל אַ רוח אין זיין ט.... אריין!

ג

קורצע מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן

*

— אַ גלעזל טיי וועט איר טרינקען?

— אל תפתח פה לשטן, מאַכט רש״י: אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען [20].

*

— מיר האָבן געזאָגט אין הלל דעם „אָהבתי“ גאַנץ געשמאַק, מיט גרויס כוונה, מיט אַ מין דבקות! ... האָט מען אונז אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן „בצאת ישראל“ און דערביי אַ ווייז געטאָן אויף דער טיר — אידעלאַך, ארויס! קראָמיע יעוורעיעוו... דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז „לא לנו, ה׳, גאָטעניו, לא לנו“, ניט פאַר אונז געדאַכט! האָבן מיר דערזען, וואו מיר זיינען אין דער וועלט, האָבן מיר זיך גענומען צום פאָלק... צום זעלבסטבאַוואוסטזיין, אויטאָעמאַנסיפּאַציע א. ז. וו. זיינען אָבער פאַרבליבן די וואָס אויף די וואַרימע ערטער און געזאָגט ווידער „אָהבתי“, אָבער שוין אַן אַנדער „אָהבתי“: אָהבתי את אדוני... עס העלפט ניט דאָס, וואָס רש״י מאַכט אויפן פּסוק „ורצע את אָזנו במרצע“...

*

איינס פון די צוויי — גיב מיר אָפּ מיין געלט!

— גוט מאָרגן, ברוך הבא אַ איד, רב יאַנקל — סמאַכסטו? וואָס מאַכט דיין פלוניתטע, דיין שווער און שוויגער, און ווי גייט עס דיר אין געשעפט? ביזט געקומען מסתמא מיר אָפּגעבן מיין געלט? שוין טאָקע לאַנג צייט! וואָס? ניין? נאָך ניט צייט? וואָס האָסטו צו מיר? איך מאָן דיך ניט חלילה! איך מאָן דיך דען? נאָר איך פרעג דיך גלאַט אַזוי — וואָס האָסטו צו מיר, דו גזלן! דו ממזר! איינס פון די צוויי — גיב מיר אָפּ מיין געלט!

[20] שפּעטער אויסגענוצט אין דער מעשה פון טביה דעם מילכיקן: „דאָס גרויסע געווינס“, נאָר דאָס לשון גייט דאָרט אַנדערש.

*

— ברוכים היושבים!

— נעכטיקע פארפל עסט איר?

— פארוואס ניט?

— טאיר מוחל זיין קומען מארגן.

*

— וואו איז ער, דער פארך?

— ווער? אונזער ראבינער?

— וואס עפעס דער ראבינער?

— ווער דען איז א פארך?

*

— אין ארעם ליגט א מת דריי טאג.

— שא, ביי אונז אין סלוצק ליגט א אידענע שוין דריי וואכן.

— פארוואס זשע באהאלט מען זי ניט?

— ווארים זי איז נאך נישט געשטארבן.

— שא, למאי ביי אונז אין מעזשיבוזש איז געווען א אידענע א בלינדע אויףביידע אויגן פינף־און־פופציק יאר?

— נו, און נאכדעם?

— איז זי געשטארבן.

*

— איך האב מיך געשלאגן מיט דער דעה: זאל איך נעמען אן אלטע אידענע? האב איך ניט געוואלט. זאל איך נעמען א יונגע? האב איך יא געוואלט און האב זי גענומען!

*

— איר האט אמאל געפרווט עסן וועטשערע זעלצערוואסער מיט בולקע? [21]

ד

נאטיצן און ווערטלאך

*

שבת (פרק ז). ת"ר: הנעלבים ואינם עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים עליהם אומר הכתוב: ואוהביו כצאת השמש בגבורתו (שופטים ה'). [22]

[21] שפעטער אויסגענוצט אינם מאנאלאג „מילכיקס", נאר אנשטאט „זעלצערוואסער מיט בולקע" האט דארטן ש. ע. געשריבן: „ברויט מיט לימאנאד". — [22] דעם דאזיקן תלמודישן מאמר האט ש. ע., ווי עס ווייזט אויס, פארצייכנט אין דעם ערשטן יאר פון זיין שריפטשטעלעריי, ווייל דערזעלבער מאמר ווערט ציטירט אין זיין ערשטער רוסישער דערציילונג „טרוימער" ("Мечтатели"), וואס איז געדרוקט געווארן אין „יעווריעיסקאיע אבאזרעניע", יולי 1884. — דער מאמר איז פארצייכנט געווארן פון א מדרש, ניט דירעקט פון דער גמרא, וואו דאס לשון גייט א ביסל אנדערש: „עלובין ואינן עולבין, שומעין חרפתן ואינן משיבין, עושין מאהבה ושמחין ביסורין..." אגב געפינט זיך דער דאזיקער מאמר ניט אין שבת פרק ז, נאר אין שבת פרק ט, דף פח, עמוד ב.

*

א משל מיט א קול שטרוי.

געווען אמאל א שניידער, איז ער געשטארבן. באוויינט. חברה שניידער ווילן ניט וויינען. פאלט דער מספיד אויף א המצאה און דערציילט דעם משל: „כל־זמן דער קול שטרוי האט זיך געהאלטן —. אבער [אט] האט זיך דער קול שטרוי אויפגעבונדן און שטרוי האבן אנגעהויבן צו פאלן... ברידער, איר זיינט געגליכן



שער־בלאט פון שלום־עליכמס אן אייגנהאנטיקן מאנוסקריפט
[פון זיין ליטעראַרישן איבערבלייב].

צו א קול שטרוי... איז געשטארבן איין שניידער, וועלן שוין שניידער, אם ירצה השם, שטארבן און שטארבן".

*

[פארצייכנט אין רוסיש]

א שרייבער, פון וועלכן קיינער ווייסט ניט. איז אין כעס. זידלט מיך, איז מקנא מיין בארימטקייט. ביים געזעגענען זיך גיב איך אים מיין וויזיטקארט.

*

כליזמר־לשון.

— אנו, וואַרף נאָר אַרויס פון דער פידל אַ פּאָר שוואַרצע אויגן!

— אנו, צי מיר נאָר אַרויס פון דער פידל אַ ביסל אידישע קישקעס!

ער צימבלט.

ער דראַמבלט.

ער דראַפּעט.

ער סקריפּעט.

ער רימפּלט.

*

די נאַטור איז מילד: זי האָט באַשאַפן שיינע קליידער פאַר אַ מיאוס פנים, אַ זיס שמייכל פאַר אַ ביטערער נשמה און אַ סך געדולד פאַר אַ אידישן קרי־טיקער.

*

אַ מענטש זאָל ניט אַרויסקוקן אויף אַ דאַנק, וואָלט ער ניט געזאָגט „צו געזונט“ בשעת יענער טוט אַ ניס...

*

אַ קאַרגער מענטש און אַ פעטע קו ברייענגען נוצן ערשט נאָכן טויט.

*

נגידים בלאָזן זיך, דער אָרימאַן ווערט געשוואָלן.

*

עס רעטאַך — נאָר כראַמקע ניט!

*

Ус[иленное] питанie — איבערעסן די דאַר.

זי האַלט אים אין דער צוויק (подъ башмакомъ).

*

געמאַכט אַ שוואַרץ אויג.

*

טיפּ־טאָפּ — און מפליא לעשות.

*

אויף פרעמדע אינדיקעס איז גוט צו פייפן און אויף יענעמס באָרד איז גוט צו שערן.

*

שיק דיינע אויערן אין די גאַסן.

*

אַנטיסעמיטיזם: די הינט וואָס בילן בייסן ניט. אָבער די הינט ווייסן עס ניט.

*

פאַראַן דרייערליי יארידים:

1) גוטער — אַז איך פאַרדין, יענער דערלייגט.

2) מיטלמעסיקער — מירביידע פאַרדינען.

3) שלעכטער — יענער פאַרדינט, איך דערלייג.

*

רוסלאַנד איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, און ער רעדט נאָך יענע שפּראַך [23].

*

[מוציא מן הכח אל הפועל זיין]

פוצה מן הכח אל היועל זיין.
יועל מן הכח אל הפוצה זיין.
כח מן הפוצה אל היועל זיין.
יועל מן הפוצה אל הכח זיין.
כח מן היועל אל הפוצה זיין.
פוצה מן היועל אל הכח זיין.

*

[עם־האַרציש פיוט־לשון]

אין קוצים בפרוצים,
יש ביצים להוצים,
לכן יתגאה של כל נשמותיהם
בחדרי מדרגתם.

*

טביהס ווערטער [24].

אַ פּראָסט ממון־קורח.
אַל תקשו לבבכם — פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ.
ללעג ולקלעמעניש.
כי לכל העם בשגגה — דאָס טרעפט מיט יעדן.
אַ בחור כהלכה.
ודי לחקיקא ברקיקא.
לא היו דברים מעולם — נע מאַלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע.
וואָס לייגער אַ בלינדער לעבט, מער זעט ער.
הקצר בזעם — ביזט גרינג אויפן פעטשאַטעק.
כרביבים עלי עשב — ווי אַ גוי אין אַ רעגן.
לכל עת — אויף אַלצדינג אַ פייער.
ברבות הימים — מיט דער ערשטער פּאַטשט.
מע דאַרף ניט זיין הויך, מע זאָל זיין גרויס.
דעמאָלט ווען אַ הון וועט קרייען און אַ האָן וועט לייגן אייער.
וועלן זיין קליגער פון אַלע — איז די גרעסטע נאַרישקייט.
בעבורו אַל תמנע מים — פאַר אייך איז אַלץ כדאי.
כצל עובר — ווי אַ . . . .
מרבה דברים מרבה — אַז מע רעדט אַ סך, ווערן האַליק די ציין.

[23] פאַרצייכנט אין ניו־יאָרק, אין דער צייט, ווען רוסלאַנד האָט געהאַט מפּלות אויפן שלאַכטפעלד. — [24] ניט אויסגענוצט.

מעשׂיות וועגן שלום-עליכם

איבערגעגעבן פון י. ד. בערקאָוויטש

א

צום סוף פון די אַכציקער יאָרן, נאָכדעם ווי דאָס פעטערבורגער „פאָלקסבלאַט“ איז אינגאַנצן אַריבער צו ישראל לעווי, איז שלום-עליכם צו דער צייטונג אָפּגעקילט געוואָרן. „דער משוגענער לעווי“, ווי שלום-עליכם פלעגט אים רופן, האָט אַיינגעפירט אינם „פאָלקסבלאַט“ ווילדע מעטאָדן, געמאַכט חוזק אין די ליטעראַטיקלען פונם „זשאַרגאָן“ און זיך געריצט בײַ יעדער געלעגנהייט מיט די יונגע „זשאַרגאָניסטן“. דערהויפּט האָט ער זיך געטשעפּעט צו שלום-עליכמען מיט זײַן „פאָלקסביבליאָטעק“. און פון דעסטוועגן האָט שלום-עליכם איינמאָל באַקומען אַ בריוו פון לעווין מיט טענות: פאַרוואָס האָט ער עס אויפגעהערט צו שרײַבן אינם „פאָלקסבלאַט“, בעת דאָס פובליקום קוקט אַזוי שטאַרק אַרויס אויף זײַנע זאַכן? — אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט שלום-עליכם באַשטעלט בײַ אַ מאָלער אַ פיין־געצייכנטע „פייג“, אַיינגעפּאַקט זי צווישן אַ סך לײַדיקע בויגנס פאַפּיר, געמאַכט אַ דיקן פּאַקעט, אָנגעשריבן אויף דעם: „מאַנוסקריפּט“, און אַוועקגעשיקט עס רעגיסטרירט צום רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער לעווי.

ב

י. ח. ראַווניצקי האָט אַ צײַט געוואוינט אין אַדעס אויף דער גאַס מאַלאָ־אַרנאַאוטסקאַיאַ, נומער 7. איינמאָל האָט שלום-עליכם געמאַכט אַ שפּאַס. ער האָט אים אַרויסגעשיקט אַ בריוו פון קיעוו, אַדרעסירט אַזוי: „גאָספּאָדינו י. ח. אַרנאַאוטסקאָמו, אוליצאַ מאַלאָ־ראַווניצקאַיאַ, נומער 7“.

דער בריוו איז פּינקטלאַך אָנגעקומען.

ג

פרילינג 1902 איז מרדכי ספּעקטאָר פון וואַרשע ספּעציעל געקומען צו שלום-עליכמען קיין קיעוו אַײַנצולאַדן אים פאַר אַ מיטאַרבעטער אין דער וועכנטלאַכער „פאָלקסצײַטונג“, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט אונטער ספּעקטאָרס רעדאַקציע. אָפּגעשמועסט פון געשעפט, רופט זיך אָן ספּעקטאָר צו שלום-עליכמען:

— גוואַלד, וואָס טוט מען, ברודער? סאיז ערב פּסח, איך מוז געבן אַ פּסחדיקע דערציילונג פאַרן „יוד“, און דאָ איז מיר דער קאָפּ אַזוי פאַרדרייט, איך בין מיד פון וועג, ניט אויסגעשלאָפן... אפשר האָט זיך בײַ דיר פאַרוואַלגערט אַן איבעריקע טעמע אויף פּסח?

— אויף וואָס טויג דיר מײַנע אַ טעמע?

— וואָס איז דער חילוק — מײַנע, דײַנע... איך וועל דיר אַמאָל אָפּגעבן אַ טעמע. עלעהיי — אַ טעפּל אין שכנות. אָדער — שאַ! אַ טלית־און־תּפילין אונטערוועגנס לייט מען דען ניט אײַנס בײַם אַנדערן?

— גוט, — זאָגט שלום-עליכם, — גיי שלאָפן. איך וועל שוין אַ טראַכט טון פאַר דיר עפּעס אַ טעמע.

אויף מאָרגן פרי האָט שלום-עליכם געבראַכט ספּעקטאָרן **אַ פאַרשריבן העפט.**

— נאַ, — זאָגט ער, — אָט האָסטו אַ טעמע אויף פּסח.

ספּעקטאָר טוט אַ בלעטער דאָס העפט און שטעלט־אויס אויף שלום-עליכמען אַ פּאָר אויגן:

— סאיז דאָך אַ גאַנצע דערציילונג!

— וואָס פרעגסטו קשיות? אַז מע גיט דיר — נעם און עס! סאיז דײַנס!

די דערציילונג, „דאָס פּסחדיקע געפעס“, איז געווען געדרוקט אינם טאָפּעלן נומער 16־17 פונם „יוד“, 1902, אונטערן נאָמען פון מ. ספּעקטאָר, נאָר אין קלאַמערן איז דאָרטן צוגעגעבן: „נאָך דעם טהעמאַ פון ש.“[1]

ד

שלום-עליכם איז געווען אַ מייסטער אויף צו אימיטירן מענטשן מיט זייער קול, מיט זייער לשון און מיט אַלע זייערע תּנועות. ער אַליין פלעגט דאָס רופן: „קאָפּירן“. ספּעקטאָרן פלעגט ער קאָפּירן אין די אויגן. ער האָט מיט אים גערעדט פּונקט ווי ער רעדט, מיט אַלע זײַנע כאַראַקטעריסטישע קניטשן. ספּעקטאָר פלעגט די דאָזיקע חברשע שטיפעריי אויפנעמען זייער גוטמוטיק.

זומער 1908 איז שלום-עליכם געקומען קיין אַדעס צום באַוואוסטן „שריפטשטעלער־אָוונט“, וואָס א. ל. לעווינסקי האָט אַראַנזשירט לטובת דער אלמנה פון יהודה שטיינבערג, און איז מיט קאָמפּאַניע געגאַנגען מאַכן אַ וויזיט דעם „זיידן“. מענדעלי איז גראָד געווען באַשעפטיקט אויבן, אין דער תּלמוד־תּורה, האָט מען זיך אויסגעזעצט אונטן, אין זײַן גרויסן רחבותדיקן אַרבעטצימער, און געוואַרט אויף אים. אינמיטן האָט זיך שלום-עליכם מיישב געווען, איז אַרויס אינם צווייטן חדר, פאַרשטעלט זיך דאָרטן פאַרן „זיידן“ — און באַלד האָט זיך געלאָזט הערן דורך דער האַלב־אָפענער טיר, ווי מענדעלי רעדט אויף זײַן אַלטער הילכיקער שטים:

— זע נאָר, ווער איז דאָס? איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז שלום-עליכם? פון וואַנען קומען עס צו פליען מײַנע אחשתּרנים?... נו, מהכתיתי, סקאָצל קומט, זייער אָנגעלייגט! ... האָסטו געהערט אַ ביסל?! ... פּעסיניו, מע דאַרף דאָך צעוואַלגערן דעם אויוון, היים שטעלן דעם סאַמאָוואַר — מיר האָבן אַ גאַסט, שלום-עליכם איז דאָ, די אחשתּרנים! ... ניט כדאי, זאָגסטו, מטריח זײַן דעם סאַמאָוואַר? ביזטו אפשר אויך גערעכט! ... שאַ, אָט זיצט דאָרטן גאַנץ קעקעלעקהל — לעווינסקי, ביאַליק, ראַבעניצקע[2]...

[1] איך גיב דא איבער די זאך, אזוי ווי שלום-עליכם האט זי מיר דערציילט. ספעקטאר האט מיר די מעשה דערציילט א ביסל אנדערש: אז ער און שלום-עליכם האבן זיך געוואלט אויספרווון, צי וועלן זיי קאנען שרייבן איינער אויפן שטייגער פונם צווייטן, אזוי אז דער לעזער זאל עס ניט באמערקן. שלום-עליכם האט עס געטאן באלד אויפן ארט, נאר ער, ספעקטאר, איז דעמאלט געווען מיד פון וועג, האט ער עס אפגעלייגט אויף אן אנדערש־מאל, און שפעטער איז די זאך פארגעסן געווארן. אבער דעם פאקט, אז די דערציילונג „דאס פסחדיקע געפעס“ האט געשריבן שלום-עליכם, האט אויך ספעקטאר באשטעטיקט. —

[2] אזוי פלעגט מענדעלי רופן ראווניצקין לויט דעם, ווי ער שרייבט זיין נאמען אויף העברייאיש: רבניצקי.

מיט די ווערטער האָט זיך שלום־עליכם באַוויזן אין טיר פאַר די לאַכנדיקע חברים אין דער פּאָזע פון מענדעלין — מיט אַ הויך־פּאַרריסענעם קאָפּ און מיט אַן אויסגעקייַלאַכדיקטער ברוסט. ער האָט אָבער באַלד דערזען צווישן עולם דעם זיידן אַליין, וועלכער איז דערווייל אַריינגעקומען פון אַן אַנדער טיר. מענדעלי האָט געלאַכט העכער פון אַלעמען.

ה

האַרבסט 1909 אין לוגאַנאָ (איטאַליענישע שווייץ). אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן שפּאַצירן מיר מיט שלום־עליכמען אויף דער פּראָמענאַד פונם לוגאַנער זע, וואַרפן שטיקלאַך ברויט צו די געדיכטע מחנות פיש, וואָס שעמערירן הין און הער ביים סאַמע ברעג, אינם לויטערן דורכזיכטיקן וואַסער. אַקעגן דער פּראָמענאַד, איבער דער גאַס, ציט זיך אַ ריי יום־טובדיק אויסגעפּוצטע קלייטן. צווישן זיי — אַ געשעפט פון אָריענטאַלישער גאַלאַנטעריי, מיט אַן אויסשטעלונג ביים אַריינגאַנג. דאָרטן, זעען מיר, שטייט אַן אַלטע פרוי, אַן ענגלענדערין, און מעסט־אָן אויף זיך אַן עגיפּטישע שאַל, געשטיקט מיט זילבער.

— אַי, וואָס פאַר אַ שאַל! — באַקומט שלום־עליכם פלוצים התפעלות. — אָט די שאַל דאַרפן מיר קויפן פאַר טיסין!

מיר גייען־אַריבער די גאַס, וואַרטן־אָפּ ביז די ענגלענדערין וועט פאַרטיק ווערן, און שלום־עליכם מעסט־אָן אויף מיר די שאַל. דערביי שטייט דער בעל־הבית פון קלייט, אַ נידעריק־געוואַקסן מענטשל מיט אַ שוואַרצן בערדל, מיט שוואַרצע אויגן און מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען. ער רעדט מיט אונז אויף אַ מאָדנער שפּראַך, וואָס איז ניט דייטש און ניט פראַנצויזיש. אַפּנים, אַ איטאַליענער.

— עס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ טלית, — זאָגט צו מיר שלום־עליכם, באַטראַכטנדיק אויף מיר די שאַל.

— וואוי, וואוי, טלית... — טוט אַ זאָג דאָס מענטשל ניט־ווילנדיק און צעשמייכלט זיך מיט דערשראָקענע אויגן.

— יהודי? — גיט אויף אים שלום־עליכם אַ בליץ מיט איין אויג דורך דער בריל.

— נאָ, נאָ!... — דערשרעקט זיך שוין דאָס מענטשל ניט אויף קאַטאָוועס און וואַרפט זיך אָפּ מיט ביידע הענט.

— איז ער, הייסט עס, ניט נאָר אַ איד, — מאַכט צו מיר שלום־עליכם, — נאָר דערצו נאָך אַ איד אַ פאַרד!...

און ער ווענדט זיך צום דערשראָקענעם קרעמער שוין אויף אידיש:

— וויבאַלד איר ווייסט וואָס אַ טלית איז און וואָס „יהודי" מיינט, וואָס זשע זאָגט איר מיר „נאָ־נאָ"?

— ניקס פאַרשטיין, ניקס, ניקס... — טענהט נעבאַך דאָס מענטשל און קוקט אויף אונז מיט געבעט, כאַפּט אויך אַ קוק הינטערוויילעכס אויף זיינע פאַרקויפערינס, וואָס באַטראַכטן אונז פונדערווייטן נייגעריק.

— אַזוי? — זאָגט צו מיר שלום־עליכם. — ער רעדט שוין, דאַנקען גאָט, העכער האַלב אידיש!... אַנו, — מאַכט ער צום קרעמער — ווי אַזוי האַלט מען ביי אייך שבת פון געפילטע פיש?

— ניקס, ניקס... — שאָקלט דער קרעמער מיטן קאָפּ און זעט־אויס ווי אַ טויטער.

— סטויטש? — וואונדערט זיך שלום־עליכם. — וואָס הייסט „ניקס"? נו, און טונקען פרישע חלה אין דער הייסער פיש־יויך איז ביי אייך אויך „ניקס"?

— ניקס פאַרשטיין, מאָסיו, ניקס פאַרשטיין... — האַלט זיך יענער אַלץ ביי זיינעם.

— זאָל זיין „ניקס פאַרשטיין"... אָבער וואָס פּסח איז — דאָס פאַרשטייט איר דאָך? פּסח! מצה! הגדה!

— ניקס, ניקס...

— עי, ער איז דאָך גאָר אַ ווילדער עקשן! — זאָגט שלום־עליכם. — הערט זשע, איר ניקס וואָס איר זיינט! מילא, די הגדה בין איך אַ י ך מוחל; אָבער קניידלאַך, לאַטקעס, פּאַלירטשיקעס!... שאַ, לאָמיר אים נעמען פון אַן אַנדער זייט. וואָס איז ביי אַייך מכת פורים? פּו־רים? פּורים־גרעט, שלח־מנות, המנטאַשן, מלכות־ברויטלאַך, האָניקפאַרפל, מאָנדעלאַך, קאָרעַנער לעקאַך — דאָס איז ביי אַייך אויך פאַררעכנט פאַר „ניקס"?...

דאָס איבערגעשראָקענע מענטשל האָט נאָר צעפּירט מיט די הענט.

— נו, און די מגילה? מע־גי־לאַ? — פרעגט ווייטער שלום־עליכם און צעזינגט זיך דעם קרעמער אין פּנים אַריין מיטן ניגון פון דער פּורימדיקער מגילה: — ויהי בימי אחשורוש...

— הוא אחשורוש! — כאַפּט זיך פלוצים אַרויס דאָס מענטשל מיטן זעלבן ניגון, און די שוואַרצע דערשראָקענע אויגן לייכטן־אויף אין אַ כיטרע שמייכל.

שלום־עליכם האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ טערקישער איד, וואָס קומט פון קאַאיראָ. דאָס הייסט, סאיז גאָר אַ סברה, אַז די עלטערן זיינע האָבן געשטאַמט פון פּוילן, — נאָר אַליין איז ער געבוירן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געהאַנדלט אין קאַאיראָ און איצט האָט ער אַריבערגעצויגן דאָס געשעפט קיין לוגאַנאָ. דאָ גילט ער פאַר אַן עגיפּטישן טערק, ווייל אַזוי איז באַקוועמער און געזינטער פאַרן געשעפט.

— וויבאַלד אַזוי, איז עס שוין ניט קיין איד און ניט קיין טערק, נאָר גלאַט אַ פאַרד! — האָט שלום־עליכם באַשלאָסן, אַרויסגייענדיק פון קלייט מיט דער געקויפטער שאַל אונטערן אָרעם.

קאַריקאַטור אויף שלום־עליכם
[„עזפּז", בערלין, 1908].

ו

די זומער־חדשים פון 1912 האָבן מיר פאַרבראַכט מיט שלום־עליכמען אין מאָנטרע, שווייץ. אינמיטן זומער איז פרוי שלום־עליכם קראַנק געוואָרן אויף אַ פוס און האָט

געמוזט פאָרן אין דער נאָענטער שטאָט לאָזאַן צום באַרימטן פראָפעסאָר רו אין קליניק. אַזוי ווי זי האָט דאָרט באַדאַרפט פאַרברענגען עטלעכע וואָכן, איז שלום־עליכם אויך אַריבערגעפאָרן אין לאָזאַן און האָט דאָרט גענומען אַ צימער אין אַ קליינער שטילער ווילע.

אין אַ פאָר טעג אַרום פאָרן מיר קיין לאָזאַן מבקר חולה זיין די מוטער. שלום־עליכם נעמט אונז אויף אינם הויף פון זיין ווילע. סאיז אַ קליין אָפגעצאַמט גערטל, אויסגעשאָטן מיט קליינע שטיינדלאַך. די ווילע איז אַן אַלט ציכטיק מויערל, מיט גרינע לאָדן, מיט קריכנדיקע בלעטער אויף די ווענט. אַקעגן הויז, אינמיטן הויפל, שטייט אַ קיילאַכדיקער אײַזערנער טיש און אַרום אים — בײַנקלאַך.

געבליבן אינצווייען, פאַררופט מיך שלום־עליכם זיך זעצן מיט אים צום אײַזערנעם טיש און ווײַזט מיר אָן מײַן אָרט דווקא אַקעגן הויז. זײַן פנים זעט־אויס ווי סודותדיק, און דאָס וואָס ער וויל, איך זאָל מיך אַוועקזעצן דווקא אויף דעם בײַנקל, וואָס ער ווײַזט מיר אָן, מאַכט מיך נײַגעריק: שטעקט אין דעם עפעס אַ כוונה?

און שלום־עליכם הייבט־אָן צו ריידן שטיל, ווי פאַרטראַכט, און צו דערזעלבער צייט לאָזט זיך פילן אין זײַן קול אַ מין פײַערלאַכקייט. איך גיב דאָ איבער דעם תוך פון זײַנע ווערטער על־פי זכרון:

— עס פאַסירן אַמאָל זאַכן אינם מענטשנס לעבן, וואָס מיטן שכל וועט מען זיי קיינמאָל ניט משיג זײַן. הײַנט אינדערפרי האָב איך מיך געזעצט אָט אויף דעם בײַנקל, אויף וועלכן איר זיצט אַצינד, — שרײַבן אויף דער זון. אָפגעשריבן אַקעגן אַ שעה, וויל איך אויפשטיין זיך דורכגיין, נאָר איך בלײַב נאָך זיצן אַ ווײַלע און פאַרטראַכט זיך. פון וואָס האָב איך געטראַכט? איך געדיינק גאַנץ קלאָר, אַז פון דיקענסן. עפעס איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק דאָס, וואָס אַמפּיטעאַטראָוו איז אײַנגעפאַלן מיך צו פאַרגלײַכן מיט טשאַרלז דיקענס — דווקא מיט דעם שריפטשטעלער, מיט וועלכן איך האָב מיך געקוויקט אין די יונגע יאָרן. איך האָב געטראַכט, אַז אַמפּיטעאַטראָוו איז פאָרט אַ גוי. ער מיינט, אַפנים, אַז בײַ אונז אידן איז אַזאַ רחבות, ווי אין דער ענגלישער ליטעראַטור, און סאיז אַזוי לײַכט אויסצוּוואַקסן אַ דיקענס. אַ ווערטעלע אויסצורײדן — דיקענס! אַזאַ פאַרנעם, אַזאַ ברייטקייט — ווי די ברייטע בריטישע אימפעריע. ווען אַמפּיטעאַטראָוו זאָל זײַן, אַשטייגער, כאָטש אַ קורצע צײַט אין וואַרשע, באַקענען זיך דאָרטן מיטן מקור פון אונזער ליטעראַטור, זען די גראָשנדיקע צײַטונגען, אונזערע פאַרלעגער מיט זייערע השגות, אונזערע שרײַבערס, וואָס לעבן זיך דורך מיט אַ געכאַפּטן דרײַערל אין אַוואַנס, — וואָלט ער שוין מסתמא פאַרגעסן אָן דיקענסן. אָט איז דיקענס אויך אַרומגעפאָרן אין אויסלאַנד, געזעסן אין דער שווייץ, פונקט ווי איך. דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס איך, אום צו קאָנען זיך אָנטון דאָס פאַרגעניגן פון זיצן אין דער שווייץ, האָב געמוזט פריער אָנהייבן שפײַען מיט בלוט... אָט דאָס אומגעפער, וואָלט איך געמעגט שווערן, זײַנען געווען מײַנע געדאַנקען הײַנט אינדערפרי. און אַזוי ווי איך זיץ מיר דאָ פאַרטיפט אין אַזעלכע רעיונות, הייב איך פלוצים אויף דעם קאָפ אָט אַזוי אָ — און שלום־עליכם ציט־אויס זײַן האַנט און דרייט מיר אויס מײַן געזיכט אַקעגן דער ווילע — און דערזע, צו מײַן גרויסן וואונדער, דאָרטן אויף דער וואַנט אָט אַ יענעם בלעכל.

און שלום־עליכם נעמט מיך בײַ דער האַנט און פירט מיך צו צום פראָנט פונם הויז. דאָרט, צו דער וואַנט, איז צוגענאָגלט אַ מעשן ברעטל, אויף וועלכן עס זײַנען אויסגעקריצט אָט די ווערטער:

— אין דעם הויז האָט אין יאָר 1846 געוואוינט טשאַרלז דיקענס.

די קליינע ווילע אין לאָזאַן, וואוהין דער צופאַל האָט געבראַכט פריער דיקענסן און מיט זעקס־און־זעכציק יאָר שפעטער שלום־עליכמען, טראָגט דעם נאָמען „ראָסמאָנט“. צום באַדויערן, האָב איך בשעת מעשה די גאַס ניט פאַרצייכנט. איך געדיינק נאָר, אַז דאָס הויז האָט זיך געפונען אין נאָענטער שכנות מיט דער כירורגישער קליניק פון פראָפעסאָר רו.

ז

אַ צווייטן מאָל, נאָך אַזאַ באַזוך אין לאָזאַן, האָט אונז שלום־עליכם באַגלייט צום צוג, וואָס גייט קיין מאָנטרע. ער איז יענעם טאָג געווען באַזונדער פריילאַך געשטימט: דער פראָפעסאָר האָט געפונען, אַז פרוי שלום־עליכם וועט זיך קאָנען באַגיין אָן אַן אָפעראַציע אויפן פוס.

אויפן וואָקזאַל איז געווען יום־טובדיק שטיל און צוגעקליבן. דער צוג איז שוין געשטאַנען גרייט, נאָר די געציילטע פאַסאַזשירן אויפן פעראָן האָבן זיך ניט געאײַלט.

— זעט נאָר, ווי שטיל דאָ איז! — זאָגט צו אונז שלום־עליכם. — קיינער כאַפט זיך ניט, קיינער שטופט זיך ניט, קיינער לויפט ניט הענדום־פענדום — אַקוראַט ווי, להבדיל, בײַ אונז אין זשמערינקע, צי אין קאָוועל.

צווישן די פאַסאַזשירן איז געשטאַנען אַן ענגליש פאָרפאָלק און געשמועסט געלאַסן, מיט קאַרגע ווערטער. בײדע מיט רײזעטאַשן און בינאָקלען אויף דער זייט, בײדע הויכע, גלײַכע, ווי די סטרונעס, מיט מאָגערע שטרײַנגע געזיכטער.

— וואָס טראַכט זיך, אַשטייגער, אָט אַזאַ מין ענגלענדער אין קעסטלדיקע הויזן? — רעדט ווײַטער שלום־עליכם. — דעם ערדקוגל האָט ער שוין באַהערשט, אַלע וועלט־טיילן אײַנגענומען, אומעטום, אויף אַלע קלייטן און רעסטאָראַנען אָנגעשריבן „ענגליש ספאָקען“. וואָס פעלט אים? איך בין זיכער, אַז ער גלויבט, אַז אָן אים וועט דער צוג גאָר קיין העזה ניט האָבן צו רירן זיך פונם אָרט!

און פלוצים, שמועסנדיק אַזוי, האָט זיך שלום־עליכם אַ ריס געטאָן פון אונז מיט אַ מאָדנעם אימפעט און מיט אַ געשריי:

— וואָס שטייען מיר דאָ, ווי די ליימענע גולמס?!

ער האָט פאַרשאַרט דעם קאַפעליש אַרויף, אַ כאַפ געגעבן דעם שירעם אונטערן אָרעם, זיך געלאָזט לויפן איבערן פעראָן מיט אַ פאַרשמייעטן, צעטראָגענעם פנים, אָפגעשטעלט יעדן איינעם פון די פאַסאַזשירן און געפרעגט אויף אידיש:

— שוין געווען דער צווייטער זוואָנאָק, האַ? וואו איז דאָ טרעטי קלאַס? וואו איז דאָ טרעטי קלאַס?...

און צו אונז מאַכט ער מיטן שירעם פונדערווײַטן:

— נו, רירט זיך שוין, גיכער, גיכער! וואָס שטייט איר דאָרט, ווי די טאָקן? אום גאָטעס ווילן, גיכער! דער פאָיעזד קאָן חלילה אַוועקגיין!...

ער איז צוגעלאָפן מיטן זעלבן אימפעט צום ענגלישן פאָר:

— איר פאָרט אפשר קיין פאַסטאָוו? גוואַלד, מענטשן, האָט רחמנות! וואו איז דאָ ערגעץ טרעטי קלאַס? טרעטי קלאַס?...

צווישן די פאַסאַזשירן, פראַנצויזן און ענגלענדער, איז געוואָרן אַ גערודער. מע האָט זיך איבערגעקוקט פאַרוואונדערט, געפרעגט איינער דעם אַנדערן, וואָס האָט דאָ פלוצים פאַסירט מיט דעם מאָדנעם אויסלענדער?

און שלום־עליכם לויפט אַלץ פאַרבײַ די וואַגאָנעס, קוקט־אַרײַן אין די פענסטער, זוכט עפעס, דערנאָך לאָזט ער זיך צו אונז מיט אַן ערנסטן צעטראָגענעם פנים:

— קומט!... געפונען!... דאָרט איז טרעטי קלאַס!...

און ער שטופּט אונז אַלעמען אַרויף אויפֿן וואַגאָן. מיר שטייען אויפֿן וואַגאָן־בריקל, און קוים וואָס מיר האַלטן זיך אויף די פֿיס פֿון געלעכטער. ער איז אָבער ערנסט. די לאַנגע האָר צעוואָרפֿן אויפֿן שטערן, די אויגן טיף־פֿאַרזאָרגט און דאָס פּנים צערודערט. ער מאַכט צו אונז מיטן שירעם:

— געדיינקט זשע! אַז איר קומט אַהינצוצו, זאָלט איר גלייך קלאַפּן אַ דעפּעש! למען השם, אַ דעפּעש!... טיסי, האָסט גוט באַהאַלטן די באַגאַזשנע קוויטאַנציע, צי ווער־וואָס?... בערקאָוויטש, היט דעם זייגער! איר פּאָרט פֿאַרבײַ באַרדיטשעוו, קאָנט איר חלילה בלײַבן אָן אַ זייגער!... מאַרוסי, צייל־איבער די פּעקלאַך נאָך אַ מאָל! עס דאַרף זיין ניין פּעקלאַך! האַ? און אפשר צען? ניין, טאַקע עלף!...

דער צוג האָט זיך שוין גערירט, און שלום־עליכם לאָזט זיך גיין נאָך אונזער וואַגאָן און פּאָכעט מיטן שירעם:

— פֿאָרט געזונט! גריסט אַלעמען! גאָר פֿריינטלאַך!

אָפּגעפֿאָרן פֿונם וואָקזאַל, האָבן מיר געזען פֿונדערווייטן, ווי שלום־עליכם קוקט אונז נאָך איינער אַליין פֿונם פּעראָן און בויגט זיך דאָרט צו דער ערד פֿון געלעכטער.

ח

בײַם אויסבראָך פֿונם וועלט־קריג האָט זיך שלום־עליכם מיט זיין פֿאַמיליע געפֿונען אין דייטשלאַנד. איבער פֿאַר־שיידענע סיבות איז די פֿאַמיליע אין בערלין צעטיילט געוואָרן און זיך געראַטעוועט פֿונם „שונאס" לאַנד אין קליינע גרופּעס. אויף מיין חלק איז אויסגעקומען צו לויפֿן מיט שלום־עליכמען. ביי דער דייטשער גרענעץ האָבן מיר זיך קוים מיט צרות דערשלאָגן צו אַ קליינעם שוועדישן שיפֿל, וואָס האָט אונז פֿאַר אַ הויכן פּרייז געפֿירט קיין מאַלמע. דאָס שיפֿל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אַנטלאָפֿענע, כמעט אַלע רוסישע אידן, און נאָר אַ קליינער פּראָצענט רוסן און פּאָליאַקן. צווישן די עטלאַכע קריסטן האָט זיך אויך געפֿונען דער דעמאָלטיקער צאַרישער בילדונג־מיניסטער קאַסאָ, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע גזירות קעגן אידישע סטו־דענטן. דערהערט, אַז קאַסאָ איז צווישן אונז, האָבן זיך די אידן אויפֿן שיפֿל אָנגעהויבן צו רודערן. אַ טייל האָבן געזען אין אים נקמה, אַ טייל האָבן געהאַט הנאה, וואָס זיי פֿאָרן מיט אַ „מיניסטער", און אַנדערע, טאַטעס פֿון גימנאַזיסטן און סטודענטן, האָבן אפֿילו זיך געקליבן אַ פּרוּוו טון שתדלנות: אפשר וועט זיי דאָ געלינגען צו באַקומען פּראָטעקציע פֿאַר זייערע קינדער גלייך פֿונם צאַפּן?... שלום־עליכמען האָט דער דאָזיקער גערודער מצד די אידן שטאַרק פֿאַרדראָסן. ער האָט געזאָגט, אַז שענער וואָלט געווען, מע זאָל קאַסאָן אינגאַנצן איגנאָרירן, זיך גאָרניט אומקוקן אויף אים. פֿון נקמה זען אין אַזאַ לאַגע איז אָפּגערעדט: בנפֿול אויבך אַל תשמח... ער האָט געכאַפּט אַ קוק פֿון דער זייט אויפֿן געבראָכענעם מיניסטער: אַ הויכער פֿאַרשוין, מיט אַ טונקעלן פּנים און מיט שוואַרצע טריבע קרומלאַכע אויגן, אין וועלכע דאָס בייזע פֿייער איז צייטווייליק געווען פֿאַר־שטיקט. זיינע קליידער זיינען געווען אויף אים ערטערווייז צעריסן. מע האָט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אים עטלאַכע טעג געהאַלטן געפֿאַנגען אין טורמע און זיך באַגאַנגען מיט אים גאָרניט ווי מיט אַ מיניסטער.

— ער זעט אויס, ווי המן, נאָכדעם ווי זרש האָט אים מכבד געווען מיטן שעפֿל איבערן קאָפּ. — זאָגט צו מיר שלום־עליכם. — אָבל וחפוי ראש...

קאַסאָ האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען. די אידן האָבן אים געשטאָכן מיט זייערע בליקן. ער איז אַריין אין דעם קאַפּיטאַנס קאַבינע — אַ קעמערל די גרויס ווי אַ שפּאַן, — אָבער אויך דאָרטן האָבן אידן פֿאַרנומען אַלע פּלעצער. האָט ער זיך אומגעדרייט אַ דערשלאָגענער הין און הער איבערן דעק פֿונם שיפֿל.

עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, דער ים איז געוואָרן שטורעמדיק און האָט גענומען וואַרפֿן דאָס שיפֿל, ווי אַ שפּענדל, אַרויף און אַראָפּ. שלום־עליכם, וואָס האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די לופֿט פֿון דער געדיכט־אָנגערויכערטער קאַבינע, האָט זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ אויפֿן דעק און געזעסן אין רעגן אונטערן אָפֿענעם שירעם. קאַסאָ איז עטלאַכע מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿונם מאַנטל און האָט געוואָרפֿן פֿאַרגנבעטע בליקן אויף שלום־עליכמען. ווייזט אויס, אַז שלום־עליכמס אויסערלאַך אויסזען האָט אים פֿאַראינטערעסירט, און עס האָט אים געצויגן צו פֿאַרבינדן מיט אים אַ שמועס — אפשר, כדי ניט צו פֿילן זיך אַזוי איינזאַם.

ער איז ענדלאַך צוגעגאַנגען צו שלום־עליכמען און זיך געווענדט צו אים גלייך אויף רוסיש:

— קאָן מען זיך צוזעצן אונטער אײַער שירעם?

— ביטע! — האָט אים שלום־עליכם געענטפֿערט העפֿ־לאַך, נאָר טרוקן, געמאַכט פֿאַר אים פּלאַץ און אָנגעבויגן צו אים אַ האַלבן שירעם.

— אַ שרעקלאַכע לאַגע! — פּרוּווט קאַסאָ אַריין אין אַ געשפּרעך.

— יאָ! — זאָגט שלום־עליכם.

קאַסאָ באַטראַכט מיט איין אויג זיין אַיינגעהאַלטענעם שכן, דערזעט ביי אים אויפֿן קיטל פֿונם זייגער אַ גאָלדענעם זשעטאָן.

— איר דינט אין דעם אינזשענערן־דעפּאַרטמענט פֿון דעם אַייזנבאַן־מיניסטעריום? — פֿרעגט ער און ווייזט מיטן פֿינגער אויפֿן זשעטאָן.

— ניין, — זאָגט שלום־עליכם, — דאָס איז אַ זשעטאָן פֿונם פּעטערבורגער פֿאַראיין פֿון שריפֿטשטעלער און דראַמאַ־טורגן.

— זיינט איר, הייסט עס, אַ שריפֿטשטעלער? אַ דראַמאַ־טורג?

— יאָ, — ענטפֿערט שלום־עליכם קורץ.

פֿון קאַסאָס זייט איז געזעסן אַ אידישע פֿרוי. אין דער צייט פֿון זיין קורצן געשפּרעך מיט שלום־עליכמען איז דער פֿרוי געוואָרן ניט־גוט פֿונם וואַרפֿן און זי האָט אָנגעהויבן אויסצוברעכן. קאַסאָ האָט עלעגאַנט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אונטערגעהאַלטן די פֿאַרחלשטע פֿרוי. אָפּגעטאָן די אַרבעט, רופֿט ער זיך אָן צו שלום־עליכמען:

— אין אַזאַ לאַגע קומט־אויס אַמאָל צו זיין אפֿילו אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

— עס שאַדט ניט, אַז מען איז דאָס אין אַלע לאַגעס, — האָט שלום־עליכם אַ זאָג געטאָן גאַנץ געלאַסן.

דער דאָזיקער ענטפֿער האָט געמאַכט אַ סוף צו זייער געשפּרעך. ווי נאָר דער רעגן איז געוואָרן שוואַכער, האָט קאַסאָ זיך אַרויסגערוקט פֿון אונטער שלום־עליכמס שירעם, אַ בורטשע געטאָן אַ דאַנק און איז ניט געוואָרן.

דעמזעלבן אָוונט זיינען מיר צוגעפֿאָרן צו מאַלמע מיט דער באַן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מיט שלום־עליכמען צופֿוס איבער האַלב־פֿינסטערע ליידיקע גאַסן, געטריבן פֿון אַ שטאַרקן ים־ווינט, ביז מיר האָבן געפֿונען אַ האָטעל. ביים אַריינגאַנג פֿונם האָטעל איז אויף אונז אָנגעלאָפֿן אַ הויכע פֿיגור, מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער און מיט אַ טשע־מאָדאַן אין דער האַנט — קאַסאָ. ווי נאָר ער האָט אונז דערזען, האָט ער באַלד פֿאַרקערעוועט צוריק און איז מיט גיכע טריט נעלם געוואָרן אין דער נאַכט.

ט

פון זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע פלעגט שלום־עליכם דערציילן אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט ער געהאַט אַ פאָרלעזונג אין אַ גרויסער פראָווינציעלער פאַבריקן־שטאָט. ביים קבלת־פּנים אין טעאַטער איז דער פאָרזיצער אַרויס מיט אַ רעדע וועגן דעם גאַסט. שלום־עליכם איז געזעסן דערביי אויף דער בינע און האָט זיך צוגעהערט. סאיז אים אָבער געווען קשה, וואָס דער רעדנער האַלט אין איין לויבן די „קליאַטשע", וואָס האָט באַרימט געמאַכט דעם גאַסט איבער דער גאַנצער וועלט. „ווי קומט אַהער די „קליאַטשע" ? — האָט זיך שלום־עליכם געוואונדערט. — וואָס וויל ער זאָגן דער־מיט ?"...

באַלד איז אים די זאַך פאַרענטפערט געוואָרן. דער פאָרזיצער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אָט די ווערטער:

— איצט האָב איך די ערע אייך פאָרצושטעלן אונזער גרויסן גאַסט פון יוראָפּ, דעם מחבר פון דער באַרימטער „קליאַטשע", שלום אַש עליכם אַבראַמאָוויטש!

***

אגב: אַז שלום־עליכם איז געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע (סוף 1914), האָט אַ ניו־יאָרקער צייטונג, אין וועלכער ער האָט פריער מיטגעאַרבעט, געמעלדעט די לעזער אויף דער פראָנט־זייט, אַז סאיז געקומען צו פאָרן דער גרויסער אידישער הומאָריסט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

י

אין די ניו־יאָרקער אידיש - ליטעראַרישע קרייזן האָט מען מיט יאָרן צוריק דערציילט פון שלום־עליכמען אַזאַ ווערטל:

נאָך זיינער אַ פאָרלעזונג איז צו אים צוגעקומען אַ געוויסער ניו־יאָרקער לאָיער (אַדוואָקאַט) און רופט זיך אָן צו אים מיט אַ פּראָטעזשירנדיקער ברייטקייט, האַלטנדיק די הענט אין די הויזנקעשענעס:

— וועל, מר. שלום־עליכם, איך מוז אַייך זאָגן אַ קאָמפּלימענט: איר האָט עס געמאַכט אָלראַיט, ניט ערגער פון אונזער מר. זאַנגוויל. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן הער איך פון אַ שרייבער אַזעלכע פיינע דזשאָוקס (וויצן) אין אונזער אייגענעם זשאַרגאָן!

שלום־עליכם האָט באַטראַכט דעם לאָיער פון קאָפּ ביז פיס און האָט אים אָפּגעענטפערט אין זיין טאָן:

— וועל, איך מוז אַייך אויך מאַכן אַ קאָמפּלימענט: דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זע איך אַ ניו־יאָרקער לאָיער מיט די הענט אין זיינע אייגענע קעשענעס!

יא

אויף זיין לעצטן טור אין רוסלאַנד, זומער 1914, האָט שלום־עליכם געהאַט אין וואַרשע אַ סך כבוד. דער אידישער עולם האָט אים ניט אָפּגעלאָזט אויף טריט און שריט. איינמאָל שבת האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער שפּאַצירט אינם זאַקסישן גאָרטן — און אין אַ האַלבער שעה צייט איז דער גאָרטן פאַרפּלייצט געוואָרן מיט טויזנטער מענטשן. אַלע האָבן געשטראָמט אַהין, וואו שלום - עליכם געפינט זיך. דער געדראַנג איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די פּאָליציע האָט זיך אַזש פאַרלאָרן. שלום־עליכם האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָענטן רעסטאָראַן, וואו ער איז אָפּגעזעסן עטלאַכע שעה, ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען.

איינמאָל איז שלום־עליכם מיט זיין פרוי און מיט דינעזאָנען געזעסן אויף דער וועראַנדע פונם קאָפעהויז „בריסטאָל". פונוויטן, אויפן טראָטואַר, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי חסידישע יונגעלייט, שוין אידן מיט בערד, געקוקט מיט גרויס נייגעריקייט צו דער וועראַנדע און עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל. ענדלאַך האָט זיך איינער פון זיי באַשלאָסן און איז צוגעגאַנגען צו שלום־עליכמס טישל.

— וועט מיר זיין דערלויבט אָפּצוגעבן שלום־עליכם צו אונזער טייערן שלום־עליכם ? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט מיט גרויס יראַת־הכבוד.

שלום־עליכם האָט אים געגעבן די האַנט.

— איך קוק שוין לאַנג אַרויס אויף דעם מאָמענט. — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט און אַ קוש געטאָן שלום־עליכמען די האַנט. — איר זיינט דאָך אונזער טרייסט, איר פאַרזיסט דאָך אונז די ביטערקייט פונם גלות!...

קאַריקאַטור אויף שלום־עליכם
[געדרוקט אַלץ פּאָסטקאַרט, וואַרשע 1910].

אָפּגעזאָגט, זיך שיר ניט צעוויינט, און איז מיט גיכע טריט אַוועק.

שלום־עליכם האָט דעם דאָזיקן עפּיזאָד געהאַלטן אין זכרון, ווי איינע פון זיינע בעסטע שריפטשטעלערישע באַלוינונגען.

יב

די „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס“ אין ניו־יאָרק, אַן אינסטיטוט פאַר בילדונג און „אַמעריקאַניזאַציע“, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון די רייכע דייטשע אידן פאַר דער אידישער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג אויף דער איסט־סייד, האָט אויף איר יערלאַכן מיטינג אָנהייב 1915 אַיינגעלאַדן שלום־עליכמען צו פאָרלייענען פון זיינע שריפטן. עס האָט געהייסן, אַז די דייטשע אידן גיבן שלום־עליכמען אַ קבלת־פּנים צו זיין קומען קיין ניו־יאָרק. דערביי איז אָבער אויך געווען אַ כוונה אַרויסצובאַווייזן התקרבות צו די „מזרח־אידן“, וואָס שלום־עליכם איז זייער פאָלקסשרייבער.

דער זאַל פון דער „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס“ איז יענעם אָונט געווען איבערגעפּאַקט און די גאַס איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַן עולם, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק. די דייטשע אידן האָבן אַזויפיל מענטשן צו זייערע יערלאַכע מיטינגען קיינמאָל ניט געזען, און די שטימונג אין זאַל איז געווען אַ געהויבענע. דער אַלטער ריכטער פונם ניו־יאָרקער „סופרים־קאָורט“ סעמיועל גרינבוים האָט גערעדט וועגן דעם גאַסט מיט באַגייסטערונג און האָט זיין נאָמען אויסגעטייטשט אין ענגליש אַזוי: „שלום־עליכם — שלום אַלייקום — שלום — אַי לייק הים!“ (איך האָב אים ליב). דער באַוואוסטער באַנקיר יעקב שיף האָט אויך געהאַלטן אַ רעדע לכבוד דעם גאַסט און אויך געפונען אַ פּסוק, וואָס פּאַסט זיך צו זיין נאָמען: „ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום“.

אַזוי ווי שלום־עליכם איז דעמאָלט אַריינגעטראָטן אַלץ מיטאַרבעטער אין דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן „טאָג“, האָבן זיך כמעט אַלע איבעריקע אידישע צייטונגען אָפּגעהאַלטן פון צו געבן אַ באַריכט וועגן דעם מיטינג. נאָר פאַרשוויגן אַזאַ געשעעניש, ווי יעקב שיפס אַ רעדע אויף דער איסט־סייד, איז דאָך געווען ניט־מעגלאַך, האָט דאָס „טאַגעבלאַט“ מיטגעטיילט זיינע לעזער נאָר וועגן שיפס רעדע, אויסגעמיידט אינגאַנצן שלום־עליכמס נאָמען, און אפילו ניט דערמאָנט, אַז שיף האָט זיין רעדע געהאַלטן פון שלום־עליכמס כבוד וועגן. ערשט צום סוף פונם באַריכט איז געקומען אַ קורצער זאַץ, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָך שיפס רעדע האָט „דער גאַסט“ פאָרגעלייענט פון זיינע ווערק. פון וואַנען דער דאָזיקער געהיימניספולער „גאַסט“ האָט זיך פּלוצים גענומען און ווער איז ער געווען — האָט זיך די צייטונג ניט דערלויבט צו דערציילן פאַר אירע לעזער.

שלום־עליכם האָט געלייענט דעם באַריכט אינם „טאַגעבלאַט“ און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

— נו־יאָ, — האָט ער געזאָגט — איר ווייסט דען ניט? זינט איך בין אַריין אין „טאָג“, האָבן די בעלי־בתים פונם „טאַגעבלאַט“ אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז דער נאָמען „שלום־עליכם“ טאָר אין זייער גבול מער ניט דערמאַנט ווערן. וואָס זשע טוט מען אָבער פרייטאָג־צו־נאַכטס מיט די „שלום־עליכמס“? איז טאַקע ניט גוט! זיי קומען פון שול ברוגזע, טוען אַ בורטשע אונטער דער נאָז צו זייערע ווייבער „גוט־שבת“ און זעצן זיך גלייך צו די פיש...

יג

פרילינג 1915 האָט שלום־עליכם געהאַט פאָרלעזונגען אין אַ פּאָר גרויסע שטעט אין אָהייאָ און מישיגאַן. אויף זיינע נסיעות האָט אים באַגלייט זיין דעמאָלטיקער צייטווייליקער סעקרעטער משה יאַמפּאָלסקי, אַ יונגערמאַן פון גיגאַנטישן וואוקס. צוגעפאָרן צו איינער פון די שטעט, רופט זיך אָן שלום־עליכם צו זיין סעקרעטער:

— הערט נאָר אויס, יאַמפּאָלללסקי (אים איז אויסגעקומען קאָמיש, וואָס די רוסישע אידן אין אַמעריקע האָבן אויסגעביטן דעם ווייכן „למד“ אין זייערע פאַמיליעס אויף אַ האַרטן — פלעגט ער די האַרטקייט פונם „למד“ דרייפאַכיק באַטאָנען). דער טאָג איז היינט אַ קאַלטער, אַ רעגנדיקער, און חברה וועלן דאָך געוויס קומען צום וואָקזאַל מיך מקבל פּנים זיין אין אַן אָפּענעם „פאָרדל“, און וועלן מיך אויפן וועג געוויס וועלן אינטערוויואירן, און איך וועל מיך געוויס פאַרקילן. דעריבער וועלן מיר שוין דאָ מאַכן אַ בייט: איר זיינט שלום־עליכם, און איך בין אַייער סעקרעטער.

— וואָס הייסט איך בין שלום־עליכם? — דערשרעקט זיך יאַמפּאָלסקי אויף טויט.

— וואָס איז, איר זיינט חלילה קליין? מיט אַזאַ וואוקס ווי ביי אַייך, קיין עין־הרע, קאָנט איר זיין דריי מאָל שלום־עליכם. איר האַלט זיך נאָר ערנסט, און, למען השם, לאַכט ניט, וועט זיין גימל!

און אַזוי איז עס געבליבן. אַראָפּגעגאַנגען פונם צוג, טרעפן זיי שוין אַ גאַנצע דעלעגאַציע. איינער, אַן אָרטיקער זשורנאַליסט, גייט גלייך צו שלום־עליכמען:

— מיסטער שלום־עליכם?

שלום־עליכם, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פונם פוטער, ווייזט מיט דער האַנט אויף יאַמפּאָלסקין:

— אָט איז שלום־עליכם. מיין נאָמען איז יאַמפּאָלסקי.

דער עולם קוקט אַ ביסל פאַרווירט. יאַמפּאָלסקי שטייט אין אַ באַשיידענער פּאָזע, מיט די אויגן צו דער ערד.

— וואָס קוקט איר? — פרעגט שלום־עליכם. — איר דערקענט ניט שלום־עליכמען?

— נו, געוויס! — פאַרכאַפּט זיך דער זשורנאַליסט. — פאַרוואָס זאָלן מיר אים ניט דערקענען? איין קליניקייט!

און ער גייט־צו מיט־דרך־ארץ צו יאַמפּאָלסקין און באַגריסט אים. און נאָך אים — דער איבעריקער עולם.

מע האָט זיך אויסגעזעצט אין אַ „פאָרדל“, און טאַקע אין אַן אָפּענעם. יאַמפּאָלסקין האָט מען אַוועקגעזעצט אינמיטן און גענומען אים אויפן וועג „אינטערוויואירן“. יאַמפּאָלסקי האָט זיך געבלאָזן, ווי ווייט ער האָט געקאָנט. ער האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגעס מיט גרויס ווערדע און ערנסטקייט. ער האָט אָבער אינמיטן געכאַפּט בגנבה אַ קוק אָן דער זייט, דערזען, ווי ביי שלום־עליכמען זיינען די אויגן פול מיט טרערן פון פאַרדריקטן געלעכטער — האָט ער מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך שטאַרק צעלאַכט.

דער אמת איז אויפגעדעקט געוואָרן נאָך איידער מען איז צוגעפאָרן צום האָטעל.

— איך האָב אָבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז מע פירט אונז דאָ אין באָד אַריין! — האָט געטענהט דער זשורנאַליסט. — וואָס זשע, איך וועל ניט דערקענען שלום־עליכמען? איין קליניקייט! ...

יד

אין האָטעל האָט דערזעלבער פּראָווינציעלער זשורנאַליסט שפּעטער געטראָפן שלום־עליכמען לייענענדיק אַ ניי ביכל מיט פאַבלען פון ה. הירש אונטערן נאָמען: „הונדערט טראָפּן טינט“. מע האָט זיך צערעדט וועגן די פאַבלען. דער זשורנאַליסט האָט זיי אינגאַנצן מבטל געמאַכט.

— איר זיינט עפּעס אַ מבין אויף גוטע פאַבלען? — מאַכט צו אים שלום־עליכם. — וועל איך אַייך באַלד ווייזן מ י י נ ע אַ פאַבל!

און שלום־עליכם גייט־ארויס מיטן ביכל אינם צווייטן צימער, שרייבט דארטן אראפ אויף פאפיר איינע פון די הונדערט פאבלען און טראגט זי ארויס דעם זשורנאליסט. יענער נעמט דאס פאפיר און לייענט מיט א ליכטיקן פנים.

— נו? — פרעגט אים שלום־עליכם.

— וואס פרעגט איר שאלות? וואס פאר א פארגלייך? **הירש** — און שלום־עליכם! איין קליינינקייט!

— זאלט איר טאקע וויסן, — זאגט שלום־עליכם — אז די פאבל איז ניט מיינע, נאר איך האב זי איבערגעשריבן פון אט דעם ביכל!

— ווארט, לאזט מיר נאך א מאל א קוק טון! — בעט זיך דער זשורנאליסט און נעמט ווידער דאס פאפיר, לייענט־איבער א צווייטן מאל און פארענטפערט זיך: — די פאבל האט מיר לכתחילה אויסגעוויזן צו זיין ניט קיין שלעכטע פאבל. אבער איצט זע איך טאקע, אז סאיז ניט דאס!... ווייס איך! ווי קומט אזא קוואטש צו שלום־עליכמס פעדער? איין קליינינקייט!...

— זאלט איר טאקע וויסן, — זאגט צו אים שלום־עליכם — אז די פאבל איז פארט מיינע!...

דער זשורנאליסט איז שוין גאר צעטומלט געווארן.

טו

סוף ווינטער 1916 האט אין ניו־יארק אנגעהויבן דער־שיינען די העברייאישע וואכנשריפט „התורן" אונטער מיין רעדאקציע. שלום־עליכם האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער צייטונג און האט פאר איר ספעציעל אנגעשריבן (אין אידיש) זיינע זכרונות וועגן ח. נ. ביאליק. ווייסנדיק, אז איך בין א גרויסער מקפיד, אז דער „התורן" זאל ארויס ריין פון דרוקפעלערן, האט ער אויף זיך גענומען אן ארבעט — זוכן גרייזן.

די ערשטע טעג אין מאי איז שלום־עליכם קראנק געווארן און זיך געלייגט אין בעט, פון וועלכן ער איז שוין ניט אויפגעשטאנען. לכתחילה האבן די דאקטוירים געמיינט, אז סאיז ניט מער ווי א לייכטע מאגנקראנקייט, און האבן דערפון קיין וועזן ניט געמאכט. דאס האט א ביסל בארואיקט די פאמיליע.

אין איינעם פון יענע טעג קום איך אהיים פון דער רעדאקציע, זאגט מען מיר, אז דער פאפא האט זיך עטלאכע מאל געפרעגט אויף מיר — ער וויל מיך זען וועגן עפעס זייער א וויכטיקער זאך. איך בין גלייך אריין אין זיין צימער.

— א, ענדלאך! — זאגט שלום־עליכם. — איך ווארט שוין לאנג אויף אייך.

איך קוק אויף אים: זיין קרייגקלאך פנים איז ערנסט, זעט־אויס ניט־צופרידן. ער נעמט פונם טישל, וואס שטייט ביי זיין בעט, דעם לעצטן נומער „התורן" און רעדט צו מיר ווי מיט טיפן באדויער:

— איך ווייס, עס וועט אייך געווים פארשאפן גרויס עגמת־נפש. איך טאר עס אבער ניט פארשווייגן. עס האט דא פאסירט ביי אייך זייער א מיאוסע זאך. ווי איז מען עס אזוי ניט פארזיכטיק? פון אייך האב איך אזעלכעס ניט דערווארט!

— וואס האט פאסירט? — פרעג איך שוין א ביסל דערשראקן.

— מילא, — זאגט שלום־עליכם און בלעטערט דעם „התורן" — סאיז שוין א פארפאלענע זאך. און אפשר איז עס נאך ניט איבגאנצן פארפאלן? עפעס וועט איר מוזן טון דערצו! מע קאן עס אזוי ניט איבערלאזן!

איך גיי־צו צו זיין בעט שוין אין אמתער פארווירונג: וועגן וואס רעדט ער עס?

— **נאט זעט — זאגט ער צו מיר און טויטלט מיטן** פינגער אויף אן אנאנס, געדרוקט אויף דער הילע פונם „התורן" — נאט זעט און קלייבט נחת! א חי"ת אנשטאט א ה"א!

א ווײלע האט מיך שלום־עליכם אנגעקוקט אין טיפן ערנסט — און האט זיך הויך צעלאכט.

דאס איז געווען דאס לעצטע געלעכטער, **וואס איך האב געהערט פון אים.**

איבערגעגעבן פון נ. ב. לינדער

[נ. ב. לינדער, א אידישער זשורנאליסט, שלום־עליכמס א הייסער פארערער, איז געווען א גרויסער מקורב ביי שלום־עליכמען די לעצטע אנדערהאלבן יאר אין ניו־יארק. ער האט אים שטענדיק באגלייט אויף זיינע שפאצירגייענג, ארומגעפארן מיט אים איבער דער שטאט און געהאלפן אים אריענטירן זיך אינם נייעם לעבנשטייגער פון דער ניו־יארקער אידישער באפעלקערונג. שלום־עליכמען איז ליב געווען די ריינע פריינטשאפט פון זיין יונגן חסיד, **און ער האט אים ארויסבאוויזן גרויס צוטרוי.]**

א

אין א זונטאג פארמיטאג, אין איינעם פון די שפעטע ווארימע הארבסט־טעג אין ניו־יארק, באגלייט איך שלום־עליכמען אויף א קורצן שפאציר ארויף איבער דער ברייטער וועסטשעסטער עוועניו, בראנקס.

שלום־עליכם פרעגט זיך נאך ביי מיר וועגן דעם אמעריקאנער וועכנטלאכן זשורנאל „סאטורדעי איווינג פאסט". עמיצער האט אים דעמאלט געהאט אנגעבאטן איבערצוזעצן א ריי פון זיינע דערציילונגען פאר יענעם זשורנאל. וויל שלום־עליכם וויסן: וואסער א קלאס לעזער דער זשורנאל האט, ווי גרויס איז זיין צירקולאציע, וואסערע מינים דערציילונגען דארט דרוקן זיך, און צי זיינען פאראן באקאנטע אידישע שריפטשטעלער צווישן זיינע מיטארבעטער?

רייידנדיק וועגן אט דעם ענין, קומען מיר ארויף אויף א שמועס וועגן דער אמעריקאנער ליטעראטור בכלל. שלום־עליכם רעדט וועגן עדגארד עלען פאו, מארק טוועין און א פאר אנדערע בארימטע אמעריקאנער שרייבערס, וועמען ער האט געלייענט אין רוסישער איבערזעצונג. פון די נייערע, מאדערנע אמעריקאנער שריפטשטעלער איז אים, זאגט ער, כמעט קיין איינער ניט באקאנט.

אויף די רייד קומט־אונטער א יונגערמאן, וואס קען שלום־עליכמען — א האלב־אמעריקאניזירטער רוסישער אינטעליגענט, וואס איז שוין א יאר צען אין לאנד און אינטערעסירט זיך מיט דער אמעריקאנער ליטעראטור. ער בעט דערלויבעניש מיטצושפאצירן און נעמען א ווארט אינם שמועס. ער דערציילט שלום־עליכמען וועגן די נייסטע שאפונגען אין דער אמעריקאנער ליטעראטור, רעכנט־אויס א צאל נעמען פון ליטעראטן און רעדט מיט באזונדער לויב וועגן דעם איינפלוס פון מענקענען אויף די אינגערע ליטעראַרישע קרעפטן אין אמעריקע.

שלום־עליכם וויל וויסן: ווער איז מענקען, און וואס שטעלט ער מיט זיך פאר? דערציילט אים דער יונגערמאן אלץ וואס ער ווייסט וועגן מענקענען, און אגב דערמאנט ער, אז מענקען איז באקאנט פאר א גוואלדיקן פרויענהאסער. דאס פאראינטערעסירט שלום־עליכמען — און צווישן אים און דעם יונגנמאן פארבינדט זיך אזא מין דיאלאג:

שלום־עליכם: מסתמא געהאט א ווייב א צרה, וואס האט מיט אים געלערנט בלק?

דער יונגערמאן: ניין, ער האט קיינמאל ניט חתונה געהאט.

שלום-עליכם: אַזוי? אַן אַלטער בחור, הייסט עס. איז ער געווען אַמאָל פאַרקנסט? געהאַט אַ כלה?

דער יונגערמאַן: דאָס קאָן איך אייך באַשטימט ניט זאָגן.

שלום-עליכם: האָט ער געהאַט אַ געליבטע?

דער יונגערמאַן: דאָס ווייס איך אויך ניט.

שלום-עליכם: האָט ער שוועסטער? שוועגערינס?

דער יונגערמאַן: איך ווייס ניט. וועגן זיין משפחה ווייס איך גאָרנישט. נאָר אויב דאָס אינטערעסירט אייך שטאַרק, קאָן איך דאָס אויסגעפינען און אייך לאָזן וויסן.

שלום-עליכם: יאָ, יאָ, פרעגט אייך נאָך, למען השם! און אינאייגוועגס ווערט שוין געוואָר, צי האָט ער כאָטש געהאַט, לכל הפחות, אַ מאַמע!

ב

סאיז געווען אַ קאַלטער, נאַסער טאָג. שלום-עליכם איז געווען ניט-אויפגעלייגט און, דערצו נאָך, אָפּגעשוואַכט פון שרייבן עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד. ער האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן געהאַט געשריבן, ווי זיין שטייגער איז אָפּט געווען, שטייענדיקערהייט, אין אַ ווינקל פון זיין אַרבעטצימער, ביי אַ הויכן טישל, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער עמוד אין אַ קליינעם שולכל.

איך בין געקומען צו שלום-עליכמען, כדי צו פאָרן מיט אים אין אַ פּלאַץ אויף דער 42-טער גאַס, וואו מיר האָבן באַדאַרפט זיך באַגעגענען מיט עמיצן נאָכמיטאָג. שלום-עליכמס פאַמיליע האָט קיין חשק ניט געהאַט אַרויסצולאָזן אים פון הויז אין אַזאַ דרויסן, נאָר אַזוי ווי דאָס באַגעגעניש מיט יענער פּערזאָן איז געווען באַשטימט פון פריער, איז געבליבן, אַז מיר מוזן פאָרן „אין שטאָט אַריין“, ווי שלום-עליכם פלעגט עס רופן.

שלום-עליכם איז יענעם טאָג געווען אַזוי ווייניק אויפגעלייגט צום ריידן, אַז ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין וואַגאָן פונם סאָבוויי-צוג, האָט ער מיר דערלויבט צו לייענען אַ צייטונג — אַ זאַך, וואָס ער האָט מיך קיינמאָל ניט געלאָזט טון בעת איך פלעג פאָרן מיט אים. ער אַליין האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגן און זיך פאַרטאָן אין זיינע אייגענע מחשבות. איז אים אָבער ניט געווען באַשערט צו זיצן רואיק. גראָד דעמאָלט האָט זיך צוגעשאַרט צו אונז עפּעס אַ איד, וואָס האָט דערקענט שלום-עליכמען, און האָט אים אָנגעהויבן דרייען אַ ספּאָדיק מיט פאַרשיידענע פראַגעס, דערהויפּט „פּאָליטישע“: וואָס טראַכט ער וועגן דער מלחמה, און ווי געפעלט אים, אַשטייגער, ווי אַזוי הינדענבורג האָט זיך עס ספּראַוועט מיטן רוס, וכדומה אַזעלכע זאַכן.

שלום-עליכם הערט-אויס די שאלות און ענטפערט מיט אַ האַלבן מויל אַ קורצן „יאָ“, אָדער „ניין“, אָדער „ווער ווייסט“ — און קוקט בשעת מעשה צו מיר מיט געבעט, איך זאָל אים ראַטעווען פונם דאָזיקן אידן. איך פּרוּוו אָפּציען דעם אידן פון שלום-עליכמען — יענער האָט זיך אָבער אַיינגעזויגן אין אים ווי אַ פּיאַווקע און וויל ניט אָפּטרעטן.

באַמערקט פּלוצים דער איד, אַז שלום-עליכם טראָגט אַ פּאָר אויסלענדישע קאַלאָשן פון רויטן לעדער, און ער חידושט זיך: מאָדנע קאַלאָשן! דאָס ערשטע מאָל זעט ער אַזעלכע קאַלאָשן! ווי קומט עס, קאַלאָשן זאָלן זיין רויט?

שלום-עליכם עפנט-אויף זיינע האַלב-צוגעמאַכטע אויגן, באַטראַכט אַ רגע דעם אידן און ענטפערט:

— דאָס האָט די קעכין ביי מיר אין שטוב איבערגעקערט אויף די קאַלאָשן אַ טעלער פּסחדיקן באָרשט, זיינען די קאַלאָשן געוואָרן רויט.

דער איד שמייכלט. ער פאַרשטייט, הייסט עס, אַז שלום-עליכם שפּאַסט. אָבער באַלד האָט ער שוין אַן אַנדער קשיא, און פונקט אַזאַ האַרבע: ער באַמערקט, אַז די גלעזלאַך אין שלום-עליכמס ברילן זיינען ניט קיין געוויינלאַכע גלעזלאַך, נאָר האַלב-קיילאַכדיקע, זעען-אויס ווי איבערגעקערטע האַלבע לבנות[3]. פרעגט ער: פאַרוואָס עפּעס האַלבע ברילן, און ניט קיין גאַנצע?

איך האָב שוין מורא, שלום-עליכם זאָל ניט פאַרלירן זיין געדולד. ער ענטפערט אָבער דעם אידן שטיל און געלאַסן:

— איך האָב אַ קאַץ ביי מיר אין שטוב, אַ גרויסע נאַשערין, האָט זי אויפגעגעסן, ווי איר זעט, אַ העלפט פון מיינע ברילן.

דער איד האָט שטאַרק הנאה פונם וויץ, צעגיסט זיך אין אַ געלעכטער, און כדי צו באַווייזן שלום-עליכמען, אַז אים אַליין איז אויך ניט פרעמד קיין הומאָר, מאַכט ער זיך אויך נאַאיוו און זאָגט:

— אַ שיינע מעשה! אַ קאַץ גאָר? איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ קאַץ זאָל עסן גלאָז!

— און אַז אַ מענטש זאָל קייען קלאָטשע, האָט איר שוין געזען? — פרעגט אים שלום-עליכם.

— וואָס הייסט קייען קלאָטשע? — פאַרשטייט ניט דער איד.

— קייען קלאָטשע הייסט — גיט אים שלום-עליכם צו פאַרשטיין גאַנץ געלאַסן: — צוזעצן זיך צו אַ צווייטן אומגעבעטענערהייט און דולן אים אַ מוח מיט פּוסטע זאַכן, וואָס ליגן יענעם ניט אפילו אין דער לינקער פּאה. איצט האָט איר שוין פאַרשטאַנען?

מער האָט דער איד קיין קשיות ניט געפרעגט. ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן אין אַ צווייטן וואַגאָן.

ג

שלום-עליכם האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די מידה פון קייען „טשואינג-גאָם“ (קיי-גומי), וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט ביי די אַמעריקאַנער מאַסן. דערהויפּט האָט אים שאָקירט דאָס שטענדיקע „מעלה-גרהן“, ווי ער האָט דאָס גערופן, פון אַלט און יונג אין עפנטלאַכע פּלעצער: אין טעאַטערס, אויף פאַרזאַמלונגען, אין די צוגן און טראַמווייען, אויף די גאַסן.

„דאָס דאָזיקע מעלה-גרהן — האָט ער געזאָגט — איז ניט נאָר אַ מיאוסע געוואוינשאַפט, נאָר מיר דאַכט, אַז סע פאַרטעמפּט דעם מוח און מאַכט פון דעם קליגסטן מענטשן אַ שטיק בהמה“.

שמועסט מען איינמאָל ביי שלום-עליכמען אין הויז וועגן כאַראַקטעריסטישע קראַנקייטן ביי פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן. באַמערקט אַ באַקאַנטער אידישער דאָקטאָר, שלום-עליכמס אַ פריינט, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז באַוואוסט אין דער מעדיציניש ער וועלט פאַר אַ פאָלק פון כראָנישע דיספּעפּטיקער. דערביי דערקלערט דער דאָקטאָר, אַז די קראַנקייט נעמט זיך ביי די אַמעריקאַנער דערפון, וואָס זיי זיינען שטענדיק אַזוי פאַריאָגט אין „ביזנעס“, אַז זיי נעמען זיך ניט קיין צייט אויף צעקייען די שפּייז ביים עסן.

— אַ מאָדנע אומה! — רופט זיך אָן שלום-עליכם. — אַ פאָלק, וואָס האַלט תמיד אין איין קייען, נאָר ניט ביים עסן! ...

ד

— איך האָב אין מיין לעבן אַזויפיל מאָל ניט פאַרשפּעטיקט קיין צוג, ווי דאָ, ביי אייך אין אַמעריקע! — זאָגט מיר שלום-עליכם, ווען מיר זיינען ביידע אַמאָל אַרונ-

[3] שלום-עליכם איז געווען ווייטזיכטיק און האָט באַדאַרפט ברילן נאָר צום שרייבן און צום לייענען. דעריבער האָט ער צוליב באַקוועמלאַכקייט גענוצט ספּעציעל פאַר אים געמאַכטע האַלבע ברילן: אויסער זיין אַרבעט פלעגט ער קוקן אַריבער זיי.

טערגעקומען אין סאָבוויי פּונקט אין דעם מאָמענט, וואָס אַ צוג איז אָפּגעפאָרן פון דער סטאַנציע. איך פּרוּוו עס אים דערקלערן דערמיט, וואָס די צוגן האָבן אַ באַשטימטע צייט פאַר זייער קורס, און זיי קאָנען דעריבער אויף די סטאַנציעס ניט שטיין לייִנגער, ווי עס איז זיי פאָרגעשריבן.

— ניין, — זאָגט שלום־עליכם — זיי זיינען פּשוט צו־להכעיסניקעס! עס זיינען פאַראַן, פאַרשטייט איר מיך, כל המינים באַנען אויף דער וועלט, יעדע מיט איר טבע און מיט אירע קאַפּריזן. אין רוסלאַנד די צוגן ש ל ע פּ ן ז י ך. אין אַנדערע לענדער, ווי אין עסטרייך, למשל, ג י י ע ן זיי. די דייטשע צוגן ל ו י פ ן. און די אַמע־ריקאַנער — אַ נ ט ל ו י פ ן ... אויף צו־להכעיס אַנט־לויפן זיי!

ה

פאַרבייגייענדיק איינמאָל אַ ליידיקן ניט־פאַרבויטן פּלאַץ אין אַ קריסטלאַכער געגנט, זעט שלום־עליכם אַ כאָפּטע קינדער שפּילט זיך, ליאַרעמט און שפּרינגט־אַרום. בלייבט ער שטיין, קוקט אויף דער לוסטיקער חברה קליינוואַרג און האָט הנאה פון זייער שפּיל. צווישן די קינדער איז אויך געווען איינס אַ נעגערש קינד, אַ אינגעלע פון אַ יאָר זעקס־זיבן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן דער זייט. אין דער צייט, וואָס מיר שטייען אַזוי, קומט צו לויפן פון גאַס אַ בחורל מיט רויטע האָר און מיט אַ קלייענדיקן פּנימל. ער האַלט איין שטיק קוכן אין מויל און אַ צווייט שטיק אין האַנט. צוגעקומען צו חברה, נעמט ער טיילן צווישן זיי דעם קוכן, וואָס ער האָט געבראַכט. יעדער איינער קריגט אַ ביס — ווער אַ גרעסערן און ווער אַ קלענערן. נאָר דאָס שוואַרצע נעגערשע אינגעלע שטייט פונדערווייטן און באַקומט ניט קיין חלק.

איין בליק אויפן אינגעלעס שוואַרצן פּנימל מיט זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן האָט קלאָר געוויזן, אַז דאָס קינד פילט זיך געקריינקט און באַליידיקט.

שלום־עליכם ווערט געריירט און בעט מיך, איך זאָל אַריינלויפן ערגעץ אין אַ בעקעריי און קויפן אַ שטיק קוכן, פונם בעסטן, פאַרן שוואַרצן נעגערשן אינגעלע. דאָס בחורל האָט צוגענומען די מתנה, אָבער צו זיינע ווייסע חברים איז ער ניט צוריקגעגאַנגען.

— אַזוי יונג, און שוין נעבאַך אַזוי פאַרשוואַרצט! — זאָגט שלום־עליכם, מער אין ערנסט ווי אין שפּאַס. און

קאַריקאַטור אויף שלום־עליכם ביי זיין צווייטן קומען קיין ניו־יאָרק, סוף 1914.
[געדרוקט אין „קונדס“, דעם 18־טן דעצעמבער, 1914, אונטער אַ טיטל־קאָפּ: „שלום־עליכם פילט זיך דאָ היימיש“, און מיט אַט דער אונטערשריפט: „ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם : וואו בין איך דאָ? על־פּי שכל דאַרף דאָ זיין ניו־יאָרק, נאָר שמעקן שמעקט דאָ מיט כתרילעווקע“.]

דערנאָך ליִגט ער צו: — און מיר מיינען, אַז מיר זיינען די איינציקע אין גלות...

ו

שלום־עליכם לאַדט מיך איין מיטצוגיין אין אַ קליין קינאָ־טעאַטערל, ניט ווייט פון זיין הויז; דאָרט ווייזט מען אַ ניי בילד פון טשאַרלי טשאַפּלין. ביים אַריינגאַנג צום טעאַטערל באַפאַלן אונז עטלאַכע קינדער מיט אַ מאָל און בעטן זיך, מיר זאָלן פאַר זיי קויפן די בילעטן ביי דער קאַסע. זיי טאָר מען קיין בילעטן ניט פאַרקויפן; דאָס געזעץ דערלויבט ניט אַריינצולאָזן מינדיעריקע קינדער אין טעאַטער אָן אַ באַגלייטער.

שלום־עליכם באַט־אָן דער חברה צו טראַקטירן זיי מיט בילעטן פון זיין קעשענע. ווילן ניט די קינדער. זיי האַלטן גרייט זייערע מטבעות אין האַנט און בעטן נאָר, מיר זאָלן זיי אַריינגעמען אונטער אונזער שוץ. מיר טוען עס גערן. די קינדערלאַך, מלא שמחה, גיבן זיך אַ יאָג־אַריין אין טעאַטער, און מיר לאָזן זיך גיין נאָך זיי. פּלוצים האָט שלום־עליכם חרטה און טוט מיך אַ צי ביים אַרבל אויף צוריק.

— לאָמיר דאָ נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל. — זאָגט ער צו מיר. — אפשר וועלן אונטערקומען נאָך עטלאַכע קינדער, וועלן מיר זיי פאַראייַנוועגס אויך אַריינגעמען.

און מיר זיינען געבליבן וואַרטן אינדרויסן — אויף נייע יונגע קונדן...

ז

איינמאָל, אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, האָט שלום־עליכם מיך געבעטן מיטגיין מיט אים אין שול אַריין מקבל שבת זיין. ער האָט דעמאָלט געזאָגט קדיש נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם זון. אינדרויסן איז געווען קיל און ווינטיק. שלום־עליכם, אין יענע טעג שוין זייער אַ קראַנקער מענטש, איז געווען איינגעהילט אין אַ וואַרימען פוטערנעם מאַנטל און איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע, געמאָסטענע טריט. אַז מיר זיינען שוין געווען אַ צען שפּאַן פון דער שול (די מאָנטעפיאָרע־שול אין בראָנקס, די נאָענטסטע פון שלום־עליכמס וואוינונג), איז פּלוצים אָנגעפאָרן אויף אונז אַ אידיש בחורל פון אַ יאָר צען, וואָס איז געפלויגן איבערן טראָטואַר אויף שטאָלענע רעדלאַך. דאָס אינגעלע האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן שלום־עליכמען און אים שיר ניט אומגעוואָרפן פון די פיס.

שלום־עליכם האָט אָנגעכאַפּט דעם חברה־מאַן פאַר אַן אויער און געפרעגט אים, למאי אַזאַ אינגעלע ווי ער גייט בעסער ניט פרייטאָג־צו־נאַכטס מיטן טאַטן אין שול אַריין?

— מיין פּאַ איז „אַוט אָוו טאַון”, ער איז געפאָרן אויפן „ראָוד”! — ענטפערט דאָס אינגעלע. אויף זיין אַמעריקאַנישן אידיש, מיט אַ שטאַרקן אַמעריקאַנישן אַקצענט.

איך פאַרטייטש שלום־עליכמען דעם אינגעלעס ענטפער, וואָס איז פאַר אים ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, און דערקלער אים, אַז דעם קינדס פאָטער איז מסתמא אַ וואָיאַזשער און איז איצט אויף דער רייזע.

— נו, אויב אַזוי, — זאָגט שלום־עליכם צום אינגעלע און גלעט אים מיט ליבשאַפט איבער זיינע פאַרפלאָמטע בעקלאַך, — אויב דיין טאַטע איז געפאָרן אויף דער „ראָד”, מעגסטו פאָרן אויף רעדלאַך! פאָר געזונטערהייט, אָבער גיב אַכטונג, זיי ניט דורס קיין מענטשן!

דאָס בחורל האָט געקוקט אויף שלום־עליכמען מיט פאַרוואונדערטע אויגן, אָן ווערטער. נאָר אַז מיר האָבן זיך שוין געלאָזט גיין ווייטער, האָט ער אים נאָכגעשריען: „יו אַר ע פאָני מען, מיסטער!”

— וואָס זאָגט ער? — פרעגט שלום־עליכם.

— ער זאָגט: איר זיינט אַ קאָמישער פּאַרשוין, — פאַרטייטש איך.

— גערעכט! — שמייכלט שלום־עליכם מיט אַ שטילן טרויעריקן שמייכל און לאָזט זיך שווייגנדיק אַרויפגיין אויף די עטלאַכע טרעפּלאַך צו דער שול.



איינער פון שלום־עליכמס שטעמפּלען.

דאַטומס אין לעבן און שאַפן פון שלום-עליכם

[די ביבליאָגראַפיע אין די פאָרגעלייגטע פאַרצייכענונגען איז געמאַכט געוואָרן, ווי ווייט ס'איז געווען מעגלאַך, פּינקטלאַך; זי איז אָבער ניט פולשטענדיק. דעם צונויפשטעלער האָבן אויסגעפעלט, טיילווייז, די ערשטע קוואַלן — די צייטונגען, וואו ש. ע. האָט געדרוקט זיינע ווערק, — און ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען נאָר מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין דעם שלום-עליכם-אַרכיוו, און נאָר מיט יענע צייטונגען, וואָס ס'איז מעגלאַך געווען צו קריגן אין די ניו-יאָרקער אידישע ביבליאָטעקן. די פולשטענדיקייט פון שלום-עליכמס אַרכיוו פאַר ביבליאָגראַפישע צוועקן איז ניט אינגאַנצן קיין זיכערע: אין יאָר 1914, ביים אויסבראָך פון דער מלחמה, איז דער אַרכיוו פאַרהאַלטן געוואָרן דריי חדשים דורך דער בערלינער פּאָליציע, און נאָך גרויסע באַמיאונגען פון שלום-עליכמס בערלינער פריינט איז דער קאַסטן מיטן אַרכיוו צוגעשיקט געוואָרן אין קאָפּענהאַגען אָפענערהייט, מיט אַן אָפּגעבראָכענער דעק, אַזוי, אַז ס'איז מעגלאַך, אַז אַ קליינער טייל פון די פּאַפּירן איז פאַרלאָרן געגאַנגען. פון די צייטונגען ווידער איז שווער געווען ביז אַהער צו קריגן דעם פּעטערבורגער „טאָג", דאָס וואַרשעווער „אונזער לעבן", דעם „אָדעסער ליסטאָק" — וואו ש. ע. האָט מיטגעאַרבעט, און דאָס האָט געשטערט צו מאַכן די ביבליאָגראַפיע פול. מחמת דעם טעם זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן אַלע „בריוו אין די רעדאַקציעס" פון ש. ע., סאַי פון פּערזענלאַכן און סאַי פון ליטעראַרישן אינהאַלט, וואָס הגם זיי געפינען זיך אינעם אַרכיוו, איז אָבער ניטאָ די זיכערקייט, אַז זיי געפינען זיך אין זייער פולער צאָל. אויך די העברעאישע ווערק פון ש. ע. (די אָריגינאַל פון אים געשריבענע) נייטיקן זיך אין אַ גרונטלאַכער אויספאָרשונג, און אַזוי ווי קיין פולשטענדיקייט האָט דאָ סיי ווי ניט געקאָנט דערגרייכט ווערן, זיינען פון די העברעאישע ווערק דאָ פאַרצייכנט געוואָרן נאָר אַזעלכע, וואָס שטייען אויסער ספק. בכלל, איז די כוונה מיט די פאַרצייכענונגען דאָ געווען צו געבן ניט די ביבליאָגראַפיע פון שלום-עליכם, און ווייניקער פון אַלץ — זיין ביאָגראַפיע, נאָר די וויכטיקע דאַטומס אין זיין לעבן און שאַפן, וואָס דאַרפן העלפן דעם לעזער צו אָריענטירן זיך אין דעם בוך, און אויב שלום-עליכמס ביאָגראַף און ביבליאָגראַף וועלן דאָ אויך געפינען אַ וואַסער עס איז נוצן פאַר זייער אַרבעט — איז מה טוב.]

1859 — 1872.

שלום ראַבינאָוויטש (שלום-עליכם), דאָס דריטע קינד פון מנחם-נחום, דער זון פון זאב (וועוויק) און מינדל ראַבינאָוויטש, און חיה-אסתר, די טאָכטער פון משה-יוסף און גיטל זעלדין, איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גובערניע, אוקראַאינע, דעם 18-טן פעוראַל, 1859 יאָר, לויטן אַלטן סטיל; לויטן נייעם סטיל — דעם 2-טן (איצט — דעם 3-טן) מערץ, 1859; און לויט דער אידישער ציילונג — כ"ו אדר, תרי"ט[1]. קינדווייז איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן מיט דער פאַמיליע קיין וואָראָנקאָוו (לויט שלום-עליכמס גירסא אין זיין בוך „פונם יאַריד" — וואָראָנקאָ), אַ קליינשטעטל אין פּאָלטאַווער גובערניע, וואו ער האָט געלערנט ערשטע אידישע לימודים ביי דרדקי-מלמדים. נאָכדעם איז ער מיט דער פאַמיליע צוריקגעקומען קיין פּערעיאַסלאַוו, געלערנט ווייטער ביי גמרא-מלמדים. נאָך זיין בר-מצוה איז געשטאָרבן זיין מוטער אין דער חלירע-עפּידעמיע, און ער איז מיט אַ טייל פון זיינע ברידער און שוועסטער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין באָהוסלאַוו, קיעווער גובערניע, צו זיין זיידן און באָבען משה-יוסף און גיטל זעלדין. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין פּערעיאַסלאַוו, צו זיין פאָטער און שטיפמוטער חנה.

[1] אינעם מאָסקווער „עמעס" פונם 4-טן יולי, 1926, האָט ל. ראָזנבלום געלאָזט דרוקן אַ קאָפּיע פון שלום-עליכמס מעטריקע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ צושריפט אויף העברעאיש: „נולד ביום ט"ז אדר, נימול כ"ג בו". דער לוח פון שנת תרי"ט ווייזט אָבער, אַז דער 18-טער פעוראַל איז דעמאָלט אויסגעפאַלן כ"ו אדר. וואו דער מעטריקע-שרייבער האָט געמאַכט דעם טעות: אינעם אידישן, צי אינעם רוסישן דאַטום — איז שווער צו וויסן. ביי שלום-עליכמען אין הויז פלעגט מען פייערן זיין געבוירטסטאָג דעם 18-טן פעוראַל.

1873 — 1876.

דעם 4-טן סענטיאַבר 1873 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער פּערעיאַסלאַווער רוסישער קרייזשול, געווען פאַררעכנט צווישן די בעסטע תלמידים, באַקומען פאַר אויסצייכענונג פון דער שול-פאַרוואַלטונג אַ געלט-סטיפּענדיע. צו דערזעלבער צייט האָט ער געהאָלפן ביי דער אַרבעט אין דעם פאָטערס איינפאָרהויז. די שול האָט ער געענדיקט מיט אויסצייכענונג דעם 28-טן יוני, 1876, און אַ קורצע צייט זיך באַשעפטיקט מיט געבן לעקציעס אויף רוסיש, פריער אין זיין געבוירשטאָט און שפּעטער אין דער נאָענטער שטאָט רזשישטשעוו.

1877 — 1879.

אין 1877 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון אלימלך לאָיעוו (זיין צוקינפטיקער שווער) צו זיין ביי אים הויזלערער אין זיין גוט סאָפּיעווקע (קיעווער גובערניע), וואו ער האָט פאַרבראַכט קאַרגע דריי יאָר. 1879 האָבן זיך געדרוקט אין „הצפירה" זיינע ערשטע קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס ער האָט געשיקט פון פּערעיאַסלאַוו. דעמזעלבן יאָר איז ער גערופן געוואָרן צו מיליטערדינסט אין קאַניעוו (קיעווער גובערניע) און איז באַפרייט געוואָרן.

1880 — 1882.

דעם 31-טן דעקאַבר, 1880, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ראַבינער אין לובען (פּאָלטאַווער גובערניע) און אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז אויגוסט, 1883. סוף 1881 איז געדרוקט געוואָרן אין „המליץ" זיין ערשטער אַרטיקל „החנוך ויחוסו לעבודת הצבא". אָנהייב 1882 האָט ער געדרוקט אין „המליץ" צוויי מאמרים: „מכתב להטו"ל" און „שאלת המלמדים".

1883.

דעם 12־טן מאַי (לג־בעומר) האָט ער חתונה געהאַט אין קיעוו, אינם הויז פונם ראַבינער צוקערמאַן, מיט האָדל (אָלגאַ) די טאָכטער פון אלימלך לאָיעוו. אין יולי־אויגוסט האָט זיך געדרוקט אינם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט" זיין ערשטע דערציילונג אויף אידיש „צוויי שטיינער". אין אויגוסט האָט ער, אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין שווער, אויפגעגעבן דאָס ראַבינעריי אין לובען און איז געקומען קיין סאָפּיעווקע. אין נאָוועמבער האָט ער זיך באַזעצט מיט זיין פרוי אין בעלאָצערקאָוו (קיעווער גובערניע). דעמזעלבן יאָר האָט ער געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט": „די וויבאָרעס", „די איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער פּאָסט", „וואו איז אונזער קאַפּיטאַן?" (ליד).

1884.

וואוינאָרט: בעלאָצערקאָוו. די זומערדיקע חדשים ביז 1905 (אויסער די עטלאַכע יאָר פונם אַדעסער פּעריאָד) על־פּי רוב געוואוינט אין באָיאַרקע („בויבעריק") ביי קיעוו. געבוירן געוואָרן זיין ערשט קינד ערנעסטינע (חיה־אסתר). געהאַט אָנגענומען אַ שטעלע ביי די קיעווער בראָדסקים — רעווידירן זייערע גיטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט אידישע ערדאַרבעטער — און האָט זי אינגיכן אויפגעגעבן, אויפן פאַרלאַנג פון זיין שווער. געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט" דערציילונגען: „נאַטאַשאַ", „העכער און נידעריקער"; פעליעטאָנען: „די איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער פּאָסט", „אַן איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים", „מיינע בריוו צו מיין פריינט שלום-עליכם" (אונטערן פּסעוודאָנים „באַראָן פּיפּערנאָטער"), „אַ בריוול צו הערן שלום-עליכם" (אונטערן פּסעוודאָנים „גמליאל בן פּדהצור"), „אַן ענטפער דעם וואַרשעווער ליטוואַק"; אַרטיקלען: „באַמערקונגען איבער אַ נײַ בוך פון פּעטריקאָווסקי", „עטלאַכע היגיענישע פראַגן פאַר אונזערע יונגע מוטערס"; לידער: „דער חלום", „דאָס איבערגעטראָגענע ביימעלע", „צו אונזער פּאָעט", „אונזערע פריינט", „אַדיע!", „אחותי רוחמה" (איבערזעץ פון י. ל. גאָרדאָנס העברייאישן שיר), „מע פרעגט מיך וואָס איך וויין?", „ערב שבת", „אַ אידישע טאָכטער", „דאָס ליכטיקע בילד אין דער פינסטערער קרעטשמע", „אידישע טשינאָווניקעס", „צום נייעם יאָר". געדרוקט אין „יעווריעיסקאָיע אָבאָזרעניע" (ביילאַגע צום „רוסקי יעווריעי") די דערציילונג „Мечтатели".

1885.

וואוינאָרט: בעלאָצערקאָוו. נאָכן טויט פון זיין שווער אלימלך לאָיעוו איז ער געוואָרן אָפּעקון איבער זיין ירושה. דאָס גאַנצע יאָר זיך אָפּגעגעבן מיט דער ליקווידאַציע פון זיין שווערס פּאָסעסיעס און ווייניק געשריבן. איבער אַ סכסוך מיט דער באָהוסלאַווער „חברה־קדישא", וואָס האָט געפאָדערט פאַר דער קבורה פון זיין שווער 30,000 רובל, האָט ער פאַרעפנטלאַכט אַ דערקלערונג אינם „קיעוולאַנין" (וואו דער גאַנצער ענין איז געווען פריער באַשריבן ווי אַ סענסאַציע פונם אידישן קהלשן לעבן). געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט": „קאָנטאָר־געשעפט", „אַ נייער מין מחבר".

1886.

וואוינאָרט: בעלאָצערקאָוו. אָנגעהויבן טון געשעפט אין קיעוו. געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט" דערציילונגען: „די וועלטרייזע" (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „דער ערשטער אַרויספאָר"), „קינדערשפּיל"; פעליעטאָנען: „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס". אײַנגעלאַדן צו זיך צוגאַסט זיין חבר מרדכי ספּעקטאָר, מיט וועמען ער האָט זיך פריער געקענט נאָר דורך קאָרעספּאָנדענץ.

1887.

וואוינאָרט: ביז סעפּטעמבער — בעלאָצערקאָוו, פון סעפּטעמבער — קיעוו (טעאַטראַלנאַיאַ 3, וואוינונג 7). געבוירן געוואָרן אין בעלאָצערקאָוו זיין טאָכטער שרה (ליאַלי). זומער געפאָרן קיין קאַרלסבאַד זיך קורירן. שפּעטער געעפנט אין קיעוו אַ קאָנטאָר, געטאָן געשעפט מיט ווייץ, צוקער, געהאַנדלט מיט ווערטפּאַפּירן אויף דער בערזע. געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט" דערציילונגען: „די בעסטע יאָרן", „לג־בעומר", „דאָס מעסערל"; דעם איינאַקטער „אַ חתן אַ דאָקטאָר" (שפּעטער: „אַ דאָקטאָר"); פעליעטאָנען: „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס", „האָפענונגען", „אַראָפּ פונם פּאַזאָרנעם סטאָלב!" (געחתמעט: „של... על..."), „אַ פאַרוואַלגערט בריוול פון די איבערגעכאַפּטע בריוו", „פון ווייטע מדינות", „קורצע אַנטוואָרטן אויף לאַנגע פראַגן"; לידער: „עפנטלאַכער אַנטוואָרט", „גביר־ליבעראַל". געדרוקט אינם אַדעסער „וועקער": „אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח"; אין מרדכי ספּעקטאָרס „פאַמיליענפריינד": „דער אָרימער עושר" (אַ לעגענדע אין פערזן).

1888.

וואוינאָרט: קיעוו (מאַלאָוואַסילקאָווסקאַיאַ 26). געשטאָרבן אין קיעווער האָספּיטאַל זיין פאָטער. צום אָנדיינק פונם פאָטער געדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל „דאָס בינטל בלומען" (שפּעטער פאַרקירצט און באַטיטלט „בלומען"). געבוירן געוואָרן זיין טאָכטער נעמי (עמאַ). געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט" דעם ראָמאַן „רב סענדער בלאַנק און זיין פילגעשעצטע פאַמיליע" (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „סענדער בלאַנק און זיין געזינדל"); פעליעטאָנען: „אַרבע כוסות", „בילדער פון דער זשיטאָמירער גאַס", „פונם וועג"; אַ סעריע אַרטיקלען: „דער אידישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקסשריפטשטעלער". אַרויסגעלאָזט אין אַ באַזונדער ביכל „שמרם משפּט". אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „די אידישע פאָלקסביבליאָטעק", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלאַכט, צווישן די ווערק פון אַנדערע שרייבערס, זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו", „לידער פון חדר" (געחתמעט: „שלומיאל"), „אויפן ליטעראַרישן מאַרק" (געחתמעט: „ס. ביכערפרעסער"), „היינע און בערנע און זייערע געדאַנקען איבער אידן" (געחתמעט: „שולמית"), „די רוסישע קריטיק וועגן דעם אידישן זשאַרגאָן" (געחתמעט: „אסתר"), ביבליאָגראַפיע (געחתמעט: „סאַלאָמאָן עסביכער"), „עטלאַכע ווערטער וועגן זשאַרגאָן־אויסליג" (געחתמעט: „הערויסגעבער"). געדרוקט אין מ. ספּעקטאָרס „הויזפריינד" די קאָמעדיע „דער גט". געשריבן אין העברייאיש דעם ספּור „גמר חתימה טובה" (געדרוקט, 1892, אינם זאַמלבוך „בית־עקד" פון ש"י איש הורוויץ). געדרוקט אין נ. סאָקאָלאָווס „האָסיף" (תרמ"ט) דעם ספּור „שימעלע". געקומען דאָס ערשטע מאָל אויף עטלאַכע טעג קיין אַדעס, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט זיין חבר י. ח. ראַווניצקי, מיט וועמען ער האָט זיך פריער אָפּט דורכגעשריבן. ביי אַ צווייטן באַזוך אין אַדעס באַקענט זיך מיט מענדעלי מוכר־ספרים, בן־עמי און אַנדערע שריפטשטעלער.

1889.

וואוינאָרט: קיעוו (יעליזאַוועטינסקאַיאַ 8). **געבוירן** געוואָרן זיין זון אלימלך (מישאַ). געדרוקט אינם „פאָלקסבלאַט" פעליעטאָנען „פונם וועג". געגרייט צום דרוק דעם צווייטן באַנד „די אידישע פאָלקסביבליאָטעק". געדרוקט אין „המליץ" (און נאָכדעם אויך אין אַ באַזונדער ביכל) אַ סעריע העברייאישע ספּורים „תמונות וצללים מחיי היהודים במאזעפּעווקא". אײַנטייל גענומען אין דער פּאָלעמיק וועגן

אידיש, וואָס די דערשיינונג פון דער „פאָלקסביבליאָטעק“ האָט אַרויסגערופן אין דער העברייאישער פרעסע, מיט אַן אַרטיקל אין „המליץ“: „לשאלת השפה“. זיך באַקענט פער־זענלאַך מיט דוד פרישמאַן, וועלכער איז געקומען צו אים צוגאַסט קיין קיעוו.

.1890

וואוינאָרט ביז אָקטאָבער: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). אַרויסגעלאָזט דעם צווייטן באַנד „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, אין וועלכן ער האָט געדרוקט, צווישן די ווערק פון אַנדערע שריפטשטעלער, דעם ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי“, געווידמעט זיין פרוי אונטער די ראשי־תיבות אָ. מ. (אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ), אַ הקדמה צו דער „פאָלקסביבליאָטעק“ „פונם הערויסגעבער“, די איינאַקטיקע קאָמעדיע „די אסיפה“ (געחתמעט: „שולמית“), „אַ בריוו צו אַ גוטן פריינט“ (וועגן „סטעמפעניו“), „אַ פּאָר ווערטער וועגן אונזער בעל־מלאכה“ (געחתמעט: „אַ באַקאַנטער“). אַיינטייל גענומען אינם ערשטן צוזאַמענפאָר פונם אַדעסער פּאַלעסטינע־קאָמי־טעט. געדרוקט די דערציילונגען „זעליק דער שניידער“ (שפּעטער באַטיטלט „זעליק מעכאַניק“) און „אויף ישוב ארץ־ישראל“[2]. אין „המליץ“ (און אויך אין אַ באַזונדער ביכל) — „אוריתא בגלותא“. אין „הצפירה“ — אַ דער־ציילונג „שושנה (זכרונות מימי נעורי)“. אין אָקטאָבער פאַרלאָרן דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער האָט אין אַ צייט פון עטלאַכע יאָר געמאַכט אויף דער קיעווער בערזע, באַנקראָ־טירט, אַליין אַוועק קיין אויסלאַנד, און די פאַמיליע איז אַריבערגעפאָרן אין אַדעס.

.1891

וואוינאָרט: אַדעס (קאַנאַטנאַיאַ 26). ביז פרילינג געווען נע־ונד אין פאַריז, ווין, טשערנאָוויץ (בוקאָווינע). אין טשערנאָוויץ געווען אַ קורצע צייט אַרעסטירט דורך אַ קוריאָזן צופאַל: ער האָט זיך אין אַ האָטעל פאַרשריבן נאָר מיטן נאָמען „סאָלאָמאָן“, אָן דעם פאַמיליענאָמען, און גראָד האָט די עסטרייכישע פאָליציע דעמאָלט געזוכט אַ שווינדלער מיטן פאַמיליענאָמען סאָלאָמאָן. דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַדעסער פאָליציע איז דער טעות אויפגעוויזן געוואָרן, און ער איז גלייך באַפרייט געוואָרן. פרילינג־צייט האָט זיין שוויגער רחל לאָיעוו באַצאָלט פון איר ירושה אַלע זיינע חובות, און ער איז געקומען צו זיין פאַמיליע קיין אַדעס. געפרווט האַנדלען אויף דער אַדעסער בערזע און פאַרלאָרן דאָס רעשט פון זיין פאַרמעגן, וואָס איז אים פאַרבליבן אין ווערטפּאַפּירן. געשריבן אין „אָדעסקי ליסטאָק“ פאַרשיידענע פעליעטאָנען און לירישע

[2] די דאָזיקע צוויי דערציילונגען ווערן דאָ פאַרצייכנט לויט דוב בן משה (דער פאַרשטאָרבענער ב. באָראָכאָוו) אין זיין „ביבליאָגראַפיע פון שלום־עליכם“, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער „צוקונפט“ פון 1916: די דערציילונג „זעליק דער שניידער“ האָט ער געשטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן, צי איז זי געווען לכתחילה געדרוקט אין „הויזפריינד“? און די צווייטע האָט ער רעגיסטרירט אַזוי: „אויף ישוב ארץ־ישראל, אַ ספּור המעשה, קיעוו 1890“. אַז „זעליק מעכאַניק“ איז געשריבן געוואָרן אין 1890 און איז פריער געווען באַטיטלט „זעליק דער שניידער“ — איז צו זען פון שלום־עליכמס אַ ביבליאָגראַפישער פאַרצייכענונג פון זיינע ווערק, וואָס געפינט זיך אין זיין אַרכיוו, אָבער אין „הויזפריינד“ איז די דערציילונג נ י ט געווען געדרוקט, און עס בלייבט ערשט פאַר שלום־עליכמס ביבליאָגראַף אויסצוגעפינען, וואו זי איז צומערשטן געדרוקט געוואָרן. וועגן „ישוב ארץ ישראל“ איז אין שלום־עליכמס אַרכיוו קיין שום שפּור ניטאָ; אַזאַ דערציילונג איז ניט אַריינגענומען געוואָרן אין זיינע ביכער און איז אין קיין איינעם פון זיינע פּאַפּירן ניט דערמאָנט, און עס בלייבט ווידער פאַרן ביבליאָגראַף די זאַך פעסטצושטעלן.

סקיצעס („Стихотворенія въ прозѣ“). געדרוקט אין „וואָסכאָד“ אַ נאָוועלע „Романъ моей бабушки“ („מיין באָבעס ראָמאַן“).

.1892

וואוינאָרט: אַדעס (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). געבוירן געוואָרן זיין טאָכטער מרים (מאַרוסי). אַרויס־געגעבן דעם „קול מבשר צו דער אידישער פאָלקסביבליאָטעק“, אינגאַנצן געשריבן פון אים, אין וועלכן עס זיינען געדרוקט: „לאָנדאָן“ — די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל, דאָס וויגליד „שלאָף, מיין קינד“ (געחתמעט: „שולמית“), אַן אָנהייב פון אַ פּאָעמע „פּראָגרעס־ציוויליזאַציע“ (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „אין בית־המדרש“, נאָר ניט פאַרענדיקט), „אַ פּירוש אויף פּאָעזיע“ — אַ סאַטי־רישע קריטיק אויף י. ל. פּרצעס ביכל „פּאָעזיע“ (אונטער־געשריבן: „קריטיקוס דער צווייטער“), „ווי אַזוי האָט זיך דער מענטש אויסגעלערנט מאַכן פון פּאַפּיר — שמאַטעס“ (אונטערגעשריבן: „דר. סאַלאָמאָניס ראַבינוס“), און נאָך אַנדערע קלייניקייטן אונטער פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע נעמען. דער „קול מבשר“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט די לעצטע רעשטן פון דעם פריערדיקן וואוילשטאַנד (פרוי שלום־עליכם האָט צוליב דעם פאַרקויפט איר לעצטע צירונג), האָט באַדאַרפט דינען ווי אַן אָנזאָגער אויפן דריטן באַנד „אידישע פאָלקסביבליאָטעק“, נאָר צו אַ גרעסערער אונטערנעמונג זיינען קיין מיטלען ניט געווען. — דעמזעלבן יאָר אָנגעהויבן שרייבן אין „המליץ“ צוזאַמען מיט י. ח. ראַווניצקין (אונטער די פּסעוודאָנימען „אלדד און מידד“) די סעריע קריטישע פעליעטאָנען „קבורת סופרים“. מיטגע־אַרבעט אין „אָדעסקי ליסטאָק“, צווישן אַנדערע זאַכן דאָרט געדרוקט (אונטערן פּסעוודאָנים „סער“): „טיפּן פון דער קליינער בערזע“ און „הונדערט טויזנט“ („Типы малой биржи“, „Сто тысячъ“).

.1893

וואוינאָרט: ביז מאַי — אַדעס (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער); נאָכדעם אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע אויף אַ קורצער צייט קיין פּאַסטאָוו (קיעווער גובערניע), און שפּעטער צוריק זיך באַזעצט אין קיעוו (ניזשנע־וולאַדימיר־סקאַיאַ 5, וואוינונג 5). זיך אָפּגעגעבן ביז צום יאָר 1899 (ביז עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די וואָכנשריפט „דער יוד“) אינגאַנצן מיט מסחר און מעקלעריי אויף דער קיעווער בערזע און אַרום דער צוקערפאַבריקאַציע, צוליב וואָס אים איז אויסגעקומען פון צייט צו צייט אויך מאַכן נסיעות אין אַנדערע שטעט. אָנהייב יאָר (אין אדעס) פאָרגעזעצט מיט ראַווניצקין די סעריע „קבורת סופרים“ אין „המליץ“. סוף יאָר געשריבן „סטאַנציע מאַזעפּעווקע“ (געדרוקט אין מ. ספּעקטאָרס „הויזפריינד“ פון יאָר 1894).

.1894

וואוינאָרט: קיעוו (באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 43). געדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל זיין פיראַקטיקע קאָמעדיע „יקנהז“, אַ סאַטירע אויף די קיעווער („יעהופּעצער“) בערזע־סוחרים, וועלכע איז דעמאָלט כמעט ניט דערגאַנגען צום פּובליקום: די צענזור האָט דאָס ביכל קאָנפיסקירט מיטן אויסרייד, אַז די עם־הארציש פאַרדרייטע פּסוקים, וואָס דער מחבר האָט אַריינגעגעבן אין מויל דעם פּערסאָנאַזש שמואל פּאַסטערנאַק, זיינען אַ „חילול־הקודש“ קעגן תנך[3].

[3] לויט אַן אויספאַרשונג, וואָס פּראָפ. נחום שטיף (בעל־דמיון) האָט געמאַכט אין די אַרכיוון פון דער קיעווער צענזור, איז די קאָנפיסקאַציע פון „יקנהז“ געקומען דורך אַ מסירה פון קיעווער בערזע־סוחרים, וואָס האָבן דערקענט זייערע אייגענע פיזיאָנאָמיעס אין די פּערסאָנאַזשן פון דער קאָמעדיע.

אָנגעשריבן די ערשטע דערציילונג פון טביה דעם מילכיקן (געדרוקט אין מ. ספעקטאָרס „הויזפריינד“ פון יאָר 1895; שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „דאָס גרויסע געווינס“). געמאַכט אַ ניט־געלונגענע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן ווייטער, מיט דער הילף פון איינעם פון די בראָדסקיס, „די אידישע פאָלקסביבליאָטעק“. געדרוקט אין דער פּיטסבורגער ציַיטונג „די טויב“ אַ פעליעטאָן אונטערן נאָמען „צו דער טויב“; אין דער „פילאַדעלפיער שטאָטציַיטונג“ — צוויי פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „אַ גערוס פון דער היים“.

.1895

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער; אַ קורצע ציַיט אויך: באָלשאַיאַ זשאַנדאַרמסקאַיאַ 13). געשריבן פאַרן „הויזפריינד“ די צווייטע סעריע פון מנחם־מענדלס בריוו „פּאַפּירלאַך“; אויף העברעיאיש, פאַר י. ח. ראַווניצקיס „פּרדס“, — „דון קישוט ממאזעפּעווקא“.

.1897 — 1896

וואוינאָרט: קיעוו (באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 7; שפּעטער איז דער נומער פונם הויז פאַרביטן געוואָרן אויף 5). אין 1896, ווייל סאיז ניט געווען קיין אויסגאַבעס אויף אידיש, האָט ש. ע. גאָרנישט ניט פאַרעפנטלאַכט. — אין 1897 געדרוקט דורכן פאַרלאַג „אחיאָסף“ אין וואַרשע די בראָשור „דער אידישער קאָנגרעס אין באַזעל“.

.1898

וואוינאָרט: קיעוו (באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 5). געדרוקט דורכן פאַרלאַג „אחיאָסף“ אין וואַרשע צוויי בראָשורעס: „אויף וואָס באַדאַרפן אידן אַ לאַנד?“ און „צו מיינע שוועסטער אין ציון“ (די לעצטע — מיט אַ ווידמונג: „ל ז כ ר ו ן מיינע ליבע קליינע טעכטער: א ס ת ר, ש ר ה, נ ע מ י און מ ר י ם, אַ מתנה און אַן אָנדיינק פונם פאָטער דעם מחבר“); דורכן פאַרלאַג „עזרא“ אין באַרדיטשעוו — די דערציילונג „משיחס ציַיטן“ (ניט פאַרענדיקט); אין „וואָסכאָד“ — אַ סעריע מעשיות “Сказки Гетто” (לעגענדעס פונם געטאָ).

.1899

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). מיטן דערשיַינען פונם „יוד“ זיך גענומען פלייסיק פאַר דער פען. געדרוקט אין „יוד“: צוויי דערציילונגען פון טביה דעם מילכיקן — „אַ בוידים“ און „היינטיקע קינדער“, דעם איינאַקטער „מזל־טוב“, „אין ספרים־קלייטל“, די דריטע סעריע פון מנחם־מענדלס בריוו „מיליאָנען“. אין „וואָסכאָד“: “Кафтанъ его сiятельства” און “Пинта-Разбойникъ” (פּינטאַ־גזלן און דער קאַפטן פון זיין ערלויכט).

.1900

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). געדרוקט אין דעם ציוניסטישן אָרגאַן (אויף אידיש) „די וועלט“ די אוטאָפּיע „משוגעים“ (ניט פאַרענדיקט); אין „יוד“: פאָרזעצונג פון „מיליאָנען“, צוויי בריוו פון מנחם־מענדלען — „וואָס טוט מען?“ (מיט אַן ענטפער פון שלום־עליכם) און „בחפזון“, „דער זייגער“, „פּורים“, „אַרבע כוסות“, „די רויטע אידלאַך“, „קולטוראַ“, „די פאָן“, „חנוכה־געלט“. דעמזעלבן יאָר אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן מיט פרייע (ניט־באַצאָלטע) פאָרלעזונגען, צוזאַמען מיטן פאָלקסדיכטער מ. מ. וואַרשאַווסקי, אויף ציוניסטישע אָוונטן אין קיעוו, אויך אין באַרדיטשעוו און אין בעלאַצערקאָוו.

.1901

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). געבוירן געוואָרן זיין זון נחום (נומאַ). אַרויסגעגעבן וואַרשאַווסקיס לידער אין בוכפאָרם מיט זיינער, שלום־עליכמס, אַ הקדמה. געדרוקט אין „יוד“: צוויי סעריעס פון מנחם־מענדלס בריוו — „שלים־שלים־מזל“ און „דרייפוס דער צווייטער“ (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „עס פידלט ניט“), „דאָס טעפּל“, „ביים קעניג אחשורוש“, „ראַבטשיק“, די סעריע „גאַנץ באַרדיטשעוו“ (שפּעטער באַטיטלט „דאָס נייע כתרילעווקע“), „אַ פאַרשטערטער פּסח“, „לג־בעומר“, „אין בויבעריק“ (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „גלות דאַטשע“), „וואָס איז חנוכה?“, „אַ בריוו צום הער ענגעל“ (וועגן וואַרשאַווסקיס לידער), אָנגעהויבן צו דרוקן די סעריע „קליינע מענטשעלאַך מיט קליינע השגות“ — „די שטאָט כתרילעווקע“ (שפּעטער: „די שטאָט פון די קליינע מענטשעלאַך“), „אַן אָנגעלייגטער ברית“, „נחת פון קינדער“. דורכן פאַרלאַג „בילדונג“ אין וואַרשע: „אַ מעשה אָן אַן עק“ (שפּעטער: „דער פאַרכישופטער שניידער“). אין „הדור“: „חברבר החצרוני“ (אַ העברעיאישע באַאַרבעטונג פון „ראַבטשיק“).

.1902

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). מיטגעאַרבעט ביז יוני אינם „יוד“ און אין דער מאָנאַטשריפט „די אידישע פאַמיליע“ (ביילאַגע צום „יוד“). פון יוני אַריבער צו די וועכנטלאַכע בלעטער „אידישע פאָלקסציַיטונג“ און „אידישע פרויענוועלט“. געדרוקט אין „יוד“: פון די „קליינע מענטשעלאַך“ — „אַ פאַרשטערטע חתונה“, „אים מעג מען מקנא זיין“, „קיין עין־הרע ניט“, „נישט פאַר קיין אידן געדאַכט“, „עס קאָן ניט זיין!“ (שפּעטער: „דרייפוס אין כתרילעווקע“), „מתושלח“, „און פאַר מיינע אָרימעלייט?“ (שפּעטער אויפגעשריבן אויף דערזעלבער טעמע „כתרילעווקער מושב־זקנים“), „נישטאָ קיין מתים“, „ווען איך בין רויטשילד“, „שלח־מנות“ (שפּעטער: „צוויי שלח־מנותן“), „פאַרבייַנקט אַהיים“, „אויסגעטרייסלט“, „אַן אייגענע שטאָט“ (שפּעטער: „די יורשים“); „פונם פּריזיוו“, „מה נשתנה?“. אין דער „אידישער פאַמיליע“: „אויפן פידל“, „אַ ווינגרישנער בילעט“, „דער מלך מיט דער מלכה“. אין דער „פאָלקסציַיטונג“: „שלום־עליכם!“, „בריוו פון וועג“ (שפּעטער: „דריטע קלאַס“), „דער אתרוג“, „אַ רפואה שלמה“ (פריי באַאַרבעט לויט דר. ט. הערצל), „גענז“, די סעריע „פּעקלאַך“ — „פינף־און־זיבעציק טויזנט“, „אַפּיקומן“ (שפּעטער: „באַשערט אַן אומגליק“), „אַ נשרף“, „דער דייטש“, „צו דער שחיטה“ (שפּעטער: „גימנאַזיע“), די קריטישע רובריק „די בעל־הבתישע ליטעראַטור“, אויך אַ רעצענזיע „נייע ביכער“ (געחתמעט: „ער“). אין דער „פרויענוועלט“: „אַ פּרעמיע“ און דעם ראָמאַן „ווער ווייסט?“ (ניט פאַרענדיקט).

.1903

וואוינאָרט: קיעוו (דאָס ערשטע האַלבע יאָר — דאָסזעלבע הויז וואָס פריער; דאָס צווייטע — מאַריאינסקאָ־בלאַגאָוועשטשענסקאַיאַ 27). מיטגעאַרבעט אין „פאָלקסציַיטונג“ און אין די פּעטערבורגער טעגלאַכע ציַיטונגען „דער פריינד“ און „דער טאָג“. געדרוקט אין „פאָלקסציַיטונג“: אַ פעליעטאָן „אידישע גאַזעטן און זשורנאַלן“, „צעזעיט און צעשפּרייט“ אין דריי אַקטן (מיט אַ שפּעטערדיקן צוגאָב פון אַ פערטן אַקט), „קאָנקורענטן“, „מיין ערשטער ראָמאַן“, „ערב פּסח איבערן בוג“ (שפּעטער: „אויף פּסח אַהיים“), דעם ראָמאַן „מאָשקעלע־גנב“, „גרינס אויף שבועות“, „אין

די וואַרימבעדער", „כפרות", „שמחת־תורה", די אוטאָפּיע „נאָך דער חלוקה" (שפּעטער: „אַלעמען גלייך"), „אַפּאָריזמען", „לאַטקעס של חנוכה", פון דער סעריע „פּעקלאַך": „מע טאָר ניט זיין קיין גוטער", אַ סעריע „ליצנות" — „מיין אַבאָנענט", „מיין חסיד", „מיין אינטערוויוער", פאָרזעצונג פון דער קריטישער רובריק „די בעל־הבתישע ליטעראַטור". אין „פריינד": פון מנחם־מענדלס בריוו — „אַ נייע פּרנסה" (שפּעטער: „אַ בכבודע פּרנסה") און „אַדיע!", אַ סעריע „טיפּן און בילדער" — „קורצפרייטאָג און שבת־הגדול", „פּעסעלע דעם רבינס", „אַוועקגעפאָרן", „באַשעפעניש", „וועלוול סוואָד־זאַקאָן" (שפּעטער: „וועלוול גאַמבעטאַ"), אַ סעריע „ברעקלאַך" (שפּעטער: „נאָכווייעניש"), „המן און זיינע טעכטער", „דער אינגסטער פון די מלכים", „מיטן עטאַפּ", „איינער פון טויזנט", „דריי שכנים און איינער אַ בעל־הבית" (שפּעטער: „די פריילאַכע קאָמפּאַניע"), „אַ גרינגער תענית", „כל־נדרי", „אַן אסיפה פון יק"א אין פּאַריז", „צער בעלי־חיים", „דאָס דריידל", „בריוו פון קיעוו" (געחתמעט: „אַ בעל־מלאכה"), „ביכער און ביכלאַך" (רעצענזיע). אין „טאָג": „אַ קאָנסיליום פון דאָקטוירים". אין „הצופה": „האחשתרנים", „ספורי מעשיות מבית־המדרש" און העברייאישע באַאַרבעטונגען פון זיינע יום־טובדיקע דערציילונגען. אינם „ספר היובל" פון נ. סאָקאָלאָוו: „הרעם". דעמזעלבן יאָר געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ און גאָרקי וועגן דעם זאַמלבוך „הילף", וואָס דער פאַרלאַג „תושיה" האָט אַרויסגעגעבן לטובת די געליטענע פונם קישינעווער פּאָגראָם. געדרוקט אין „הילף" „הונדערט איינס" און „אליהו הנביא" (פריי באַאַרבעט לויט וו. דאָראָשעוויטש), און אויך איבערגעזעצט „דריי מעשיות", וואָס ל. נ. טאָלסטאָי האָט אים צוגעשיקט פאַרן זאַמלבוך. באַאַרבעט פון זיינע פריערדיקע שריפטן פיר בענד, וואָס דער פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג" („תושיה") האָט אַרויסגעגעבן אונטערן טיטל „אַלע ווערק פון שלום־עליכם". דעמזעלבן יאָר איז אין וואַרשע דערשינען מנחם־מענדלס „מיליאָנען" און אַנדערע זאַכן אין דער פּוילישער איבערזעצונג פון יערזשי אָר.

.1904

וואוינאָרט: קיעוו (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער). מיטגעאַרבעט אין „פריינד" און אין „טאָג". געהאָפט צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג אויף אַן אייגענער טעגלאַכער צייטונג אין אַדעס אָדער אין ווילנע, צוליב דעם געפאָרן קיין פּעטערבורג, אַדעס, ווילנע און וואַרשע; פון דער האָפענונג איז גאָרניש ניט געוואָרן. אין פּעטערבורג זיך באַקענט מיט מאַקסים גאָרקי, לעאָניד אַנדרייעוו, אלכסנדר קופּרין און אַנדערע רוסישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. אין וואַרשע צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט י. ל. פּרץ, בעל־מחשבות און מיט די אינגערע אידישע שריפטשטעלער. געדרוקט אין „פריינד": פון מנחם־מענדלס בריוו — „אַ געבענטשט לאַנד"; „די גרויסע בהלה אין כתרילעווקע" (שפּעטער — „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלאַך"), „די ערשטע קאַמונע אין כתרילעווקע", „לאָהכיו", „די מילכיקע סעודה" (שפּעטער: „מילכיקס"), „עולם הבא", „אַ מעשה מיט נים" (שפּעטער: „געצל"), טביה דעם מילכיקנס דערציילונג „האָדל", „אַ ווייסע כפּרה", „דער יום־טובדיקער צימעס", „דוד מלך ישראל", „אומזיסטיק ברויט" (פריי באַאַרבעט נאָך דר. ט. הערצל), „בריוו פון קיעוו". אין „טאָג": „די גרויסע דעפּוטאַציע פון די קליינע מענטשעלאַך" (שפּעטער באַאַרבעט, פאַרענדיקט און באַטיטלט „כתרילעווקער נשרפים"), „דער פּורים־קוילעטש", „די ערב־פּסחדיקע עמיגראַציע", „די ערשטע נאַכט פּסח אויף דער מלחמה", „וואָס זאָל מען פּסח עסן?", „דער פירפּנים־דיקער ראַבינער", „אַ פאַרשפּילטער לג־בעומר", „אַקדמות", „אַ מענטש מיט אַ מאָגן" (שפּעטער: „ביים דאָקטאָר"), „אַן עצה", „די פאַרוואָגלטע נשמה, אָדער אַן אַגענט פון אידישע גאַזעטן", „ווער בין איך?", „שוין איין מאָל משה!" (שפּעטער: „שוין איין מאָל אַ סוכה!"), אַ קריטישע רובריק „קאָמפּאָט" און אַנדערע זאַכן. אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג (ניט־באַוואוסט אין וועלכער): „דאָס נייגעבאָרענע"[4]. אין אַ בראָשור (אַרויסגעגעבן אין אַדעס): „דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל". אָנגעשריבן אַ קינדער־פּיעסע „דער רב מיט דער רביצין" פאַרן פאַרלאַג „מוריה" אין אַדעס; די פּיעסע איז שפּעטער דערשינען אין העברייאישער איבערזעצונג אונטערן טיטל „הרב והרבנית", נאָר דער אידישער אָריגינאַל איז פאַרפאַלן געוואָרן.

.1905

וואוינאָרט: קיעוו (באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 35, וואוינונג 1). מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער טעגלאַכער צייטונג „דער וועג" און אין דעם מאָנאַטלאַכן זשורנאַל „די אידישע צוקונפט" (אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן פון דר. י. וואָרטסמאַן). זיך פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע" (פון מ. קרינסקי), וואו ער האָט איבערגעדרוקט אין קליינע ביכלאַך אַ ריי פון זיינע דערציילונגען, מאָנאָלאָגן און דראַמאַטישע ווערק. געהאַט פאָרלעזונגען אין ווילנע, קאָוונע, ריגע, ליבוי, לאָדז און אין אַ סך אַנדערע שטעט, דערהויפּט אין ליטע און אין די באַלטישע געגנטן. אין אַפּריל איז אין וואַרשע צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן זיין פּיעסע „צעזעיט און צעשפּרייט" אין פּוילישער איבערזעצונג (דורך מאַרק אַרנשטיין). אויף דער איינלאַדונג פונם וואַרשעווער פּוילישן טעאַטער געקומען קיין וואַרשע צו איינער פון די פאָרשטעלונגען און אויפגענומען געוואָרן פונם פּובליקום מיט גרויס באַגייסטערונג. יענעם זומער זיך פאַרבונדן מיט די אַרטיסטן יעקב ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער צו גרינדן אין אַדעס אַ אידיש קונסט־טעאַטער, וואו ער האָט געזאָלט זיין דער ליטעראַרישער פירער; איבער אַ מסירה פון קאָנקורענטן איז די פאַרווירקלעכונג פון דער זאַך געשטערט געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג. אין אָקטאָבער איבערגעלעבט מיט דער פאַמיליע די שרעקן פון דעם קיעווער פּאָגראָם, געראַטעוועט זיך פון דער וואוינונג אין האָטעל „אימפּעריאַל". אין יענע טעג אָנגעשריבן דעם ערשטן נוסח פון דער עפּיטאַפיע פאַר זיין מצבה, וועלכע ער האָט שפּעטער אַ ביסל געענדערט. דערפילט זיך נאָכן פּאָגראָם מאַטעריעל הילפלאָז און גייסטיק צעבראָכן, באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, און אין דעצעמבער אַריבער מיט דער פאַמיליע די רוסישע גרענעץ אין ראַדזיוויל, געזעסן עטלאַכע טעג אין בראָד און פון דאָרטן געקומען קיין לעמבערג. געדרוקט אינם „וועג": „אַ גליקלאַכע רייזע", „אוגאַנדיאַדאַ", „יוסף", „צוויי אַנטיסעמיטן", „יעדער פאַר אונז", „שמואליק", „אָפּגעשלאָגענע הושענות". אין דער „אידישער צוקונפט": „כאַבנע", „דעם איינאַקטער „אַגענטן", „דער נייער ניגון". אינם פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע": „דער פעטער פּיני מיט דער מומע רייזע". אינם ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט": „פּאָגראָם־בילדער" (42 בריוו).

[4] „דאָס נייגעבאָרענע" — אַ אַלעגאָרישע סאַטירע אויף דער צאַרישער רעגירונג פון יענע טעג — געפינט זיך אין שלום־עליכמס אַרכיוו אין דער פאָרם פון אַן אויסשניט פון אַ ניו־יאָרקער צייטונג; עס איז אָבער שווער צו דערגיין, וועלכע צייטונג דאָס איז געווען. די סאַטירע איז באַגלייט מיט אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע, אַז די רוסישע צענזור האָט די זאַך ניט דורכגעלאָזט. די באַמערקונג איז, ווייזט אויס, געשריבן פון שלום־עליכמען אַליין. דיזעלבע סאַטירע, אין העברייאישער איבערזעצונג, איז אין יענער צייט געווען געדרוקט אין „הצפירה" אונטערן טיטל „רסל" (רוסלאַנד).

.1906

וואוינאָרט: ביז זומער — לעמבערג (קאָטלאַרסקאַ 1); אָנהייב זומער — זשענעווע (רוט קאַראָלין 9); סוף זומער און האַרבסט — לאָנדאָן (צירקוס מיינאָריעס 5); פון סוף אָקטאָבער — ניו־יאָרק (921 איסט 156־טע סטריט, בראָנקס). ניט געהאַט קיין מיטלען צו פאָרן קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט מיט דער פאַמיליע צייטווייליק אין לעמבערג. אין פאַרלויף פונם ווינטער געהאַט פאָרלעזונגען אין לעמבערג, קראָקע, טשערנאָוויץ, טאַרנאָפּאָל, פשעמישל, זלאָטשעוו, בוטשאַטש, בראָד, טאַרנאָוו, קאָלאָמייע, גליניאַני און אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלאַך אין גאַליציע און בוקאָווינע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פונם עולם מיט גרויס ליבשאַפט. אַיינגעלאַדן געוואָרן אויף אַן אָוונט אויך קיין ווין, געמאַכט אַ טור איבער רומעניע, געהאַט פאָרלעזונגען אין די אידישע סטודענטישע קאָלאָניעס אין דער שווייץ און בעלגיע, אויך אין פאַריז און לאָנדאָן. אָנהייב זומער באַזעצט די פאַמיליע אין זשענעווע, פאַרבראַכט דאָרט אַ קורצע צייט און צוריקגעפאָרן מיט דער פרוי און איננגסטן זון קיין לאָנדאָן, געהאַט פאָרלעזונגען אין די ענגלישע פראָווינץ־שטעט. אין אָקטאָבער געקומען מיט דער פרוי און קינד קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון דער אידישער און ענגלישער פרעסע מיט גרויס כבוד. דעם ערשטן קבלת־פנים געהאַט אין יעקב אַדלערס „גרענד טעאַטער". געדרוקט אין דער ווילנער טעגלאַכער „צייט": „די גרויסע רעוואָלוציע אויף יענער זייט סמבטיון", „צו דער סעודה", „דער אורח". אין דער ווילנער וואָכנשריפט „דאָס אידישע פאָלק": „חוה" — טביה דעם מילכיקנס דערציילונג. אין „לעמבערגער טאַגעבלאַט": „סאַ ליגן!". אין „טשערנאָוויצער וואָכנבלאַט" און לאָנדאָנער טעגלאַכן „זשורנאַל": וואַריאַציעס פון זיינע פריערדיקע שריפטן.

.1907

וואוינאָרט: ביז יוני — ניו־יאָרק (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער); נאָכדעם — זשענעווע (רי דאַנסע 1 און אַוועניו די מעיל 21). מיטגעאַרבעט אין די ניו־יאָרקער בלעטער „וואַרהייט", „טאַגעבלאַט" און „אַמעריקאַנער", אין וואַרשעווער „אונזער לעבן", פעטערבורגער „פריינד" און ווילנער „דאָס אידישע פאָלק". געהאַט אַ ריי פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָנגעשריבן און אויפגעפירט אין ניו־יאָרק צוויי פיעסעס: „דער אויסוואורף" אָדער „שמואל פאַסטערנאַק" (באַאַרבעט פון זיין קאָמעדיע „יקנהז") אין יעקב אַדלערס „גרענד טעאַטער", און „סטעמפעניו" (דראַמאַטיזאַציע פון זיין ראָמאַן) אין באָרים טאָמאַשעווסקים „פיפלס טעאַטער". ניט געקאָנט זיך איינלעבן אין אַמעריקע און זומער צוריקגעקומען צו זיין פאַמיליע אין זשענעווע, וואו עס האָבן דעמאָלט אויך געוואוינט מענדעלי מוכר־ספרים און מ. בן־עמי. סוף זומער געווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג אַלץ דעלעגאַט פון די ניו־יאָרקער ציוניסטן, זיך געטראָפן דאָרט צום ערשטן מאָל מיט ח. נ. ביאַליק און פאַרבעטן אים צו זיך קיין זשענעווע. אין יענער צייט איז געשטאָרבן זיין שוויגער רחל לאָיעוו, וועלכע האָט געלעבט מיט זיין פאַמיליע אומאָפּגעשיידט צוויי־און־צוואַנציק יאָר. — געדרוקט: אין „וואַרהייט" און „אונזער לעבן" — דעם ראָמאַן „דער מבול" (שפּעטער באַאַרבעט און באַטיטלט „אין שטורים"); אין „טאַגעבלאַט" און „אונזער לעבן" — „שפּרינצע", טביה דעם מילכיקנס דערציילונג; אין „טאַגעבלאַט" און „פריינד" — „דריי אַלמנות", „די ערשטע אידישע רעפּובליק"; אין „פריינד" — „צוויי לשנה טובה בריוולאַך" (שפּעטער באַטיטלט „נישטאָ קיין ניים"); אין „אַמעריקאַנער" און „פריינד" — די ערשטע סעריע פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" (אין „פריינד" באַטיטלט „עמיגראַנטן"; אגב, זיינען די ערשטע עטלאַכע דערציילונגען פון „מאָטלען" לכתחילה געווען געדרוקט אין „דאָס אידישע פאָלק", ווילנע, און אין „פריינד" זיינען זיי אַריבערגעטראָגן געוואָרן נאָכדעם ווי „דאָס אידישע פאָלק" איז אונטערגעגאַנגען); אין „טאַגעבלאַט" — „קאָנגרעס־בילדער".

.1908

וואוינאָרט: ביז סוף מאַי — זשענעווע (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער); פון אָקטאָבער — נערווי, איטאַליע (פּענסיאָן ביו סיטע און וויללאַ בריאַנד). מיטגעאַרבעט אין די ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט" און „אַמעריקאַנער", אינם פּעטערבורגער „פריינד" און אינם וואַרשעווער „אונזער לעבן". אָנהייב יאָר געפאָרן קיין בערלין, כדי צו זיין נעענטער צו די אידישע ליטעראַרישע קרייזן פון רוסלאַנד, פאַרבראַכט דאָרט צוויי חדשים, זיך פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער פאַרלעגער יעקב לידסקי, פאַרקויפט אים דריי בענד פון זיינע שריפטן. יענעם ווינטער אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „דער אוצר", וועלכע ער האָט דעם 21־טן פעברואַר פאָרגעלייענט אינם זשענעווער „האַנדווערקזאַל" פאַר אַן עולם פון אידישע סטודענטן און עמיגראַנטן („דער אוצר" איז ביז אַהער נאָך ניט געדרוקט געוואָרן). סוף מאַי אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור קיין רוסלאַנד, געהאַט פאָרלעזונגען אין וואַרשע, ווילנע, אָדעס און אין צענדליקער אַנדערע גרויסע און קלענערע שטעט. סוף יולי געהאַט אַ פאָרלעזונג אין באַראַנאָוויטש, פּלוצים קראַנק געוואָרן אויף אַ שאַרפער טובערקולאָז־קראַנקייט אין די לונגען, אָפּגעלעגן דאָרט אַרום צוויי חדשים און, אויף דער עצה פון די דאָקטוירים, געפאָרן קיין נערווי, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט אַ טייל פון זיין פאַמיליע. דעם 25־טן אָקטאָבער האָט די אידישע וועלט געפייערט זיין פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובילוי. — געדרוקט: אין „טאַגעבלאַט" און „אונזער לעבן" — „פיר זיינען מיר געזעסן" (אין „טאַגעבלאַט" — אין צעוואָרפענע קאַפּיטלען, אונטער פאַרשיידענע טיטלען); אין „טאַגעבלאַט" און „פריינד" — „אַ פריער פסח"; אין „אַמעריקאַנער" — „אַ פסחדיקע עקספּראָפּריאַציע" און „בערל"; אין „פריינד" — פאָרזעצונג פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" („עמיגראַנטן"), „דער בעזים", „דער בעזים און די באַרשט", „אַיינגעמאַכטס", „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים" (די לעצטע — אויך אין „טאַגעבלאַט"), „קהלת אין מאַמע־לשון"; אין „אונזער לעבן" — „דריי קעפּלאַך", דעם איינאַקטער „מענטשן"; אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" — „פינף אותיות" (דאָסזעלבע — אינם ניו־יאָרקער „קיבעצער", באַטיטלט „דזשעק").

.1909

וואוינאָרט: ביז זומער — נערווי (דאָסזעלבע הויז וואָס פריער); זומער — סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיען (דרום־שוואַרצוואַלד); האַרבסט — לוגאַנאָ (רעגינאַ האָטעל) און לוצערן (פּענסיאָן קויפמאַן); דערנאָך — ווידער נערווי (וויאַ דעל פּאָצאָ 65). דעם גאַנצן יאָר פאַרבראַכט אין די אויבנדערמאַנטע קורפלעצער אונטער דער השגחה פון דאָקטוירים, אָפט געקריינקט און געלעגן אין בעט מיט אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור. מיטגעאַרבעט אין „פרייגד", אין די וואַרשעווער טעגלאַכע ציטונגען „היינט" און „די נייע וועלט", אין דער אַדעסער „שלום־עליכמס יום־טוב ביבליאָטעק", אַרויסגעגעבן פון א. ל. לעווינסקי, און גלייכצייטיק אויך אין די ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט", „מאָרגנזשורנאַל" און „אַמעריקאַנער". געדרוקט: אין „פריינד" און „אַמעריקאַנער" — „שמואל שמעלקיס און זיין יובילייאום", „די גאָלדשפּינערס", „די מומע רייזע און אירע קינדער";

אין „פריינד“ און „טאַגעבלאַט“ — **„טביה דער מילכיקער פאָרט קיין ארץ־ישראל“**; אין „היינט“ און „אַמעריקאַנער“ — „חרוסת“ און „בלינצעס“; אין „שלום־עליכמס יום־טוב ביבליאָטעק“ און „טאַגעבלאַט“ — „צוויי טויטע“, „אַ פּאָרפאָלק אויף פּסח“ און „גזלנים“; אין „פריינד“ — „אַ בלעטל שיר־השירים“ און „נאָך אַ בלעטל שיר־השירים“; אין „דער נייער וועלט“ און „אַמעריקאַנער“ — „פאַר וואָס איך גיב ניט אַרויס קיין צייטונג“ און די סעריע „אַייזנבאַן־געשיכטעס“ („קאָנקורענטן“, „דער גליקלאַכסטער אין קאָדני“, „סטאַנציע באַראַנאָוויטש“, „צוגענומען“, „אַ מענטש פון בוענאָס־אַיירעס“, „קבר־אָבות“, „דער לײדיקגייער“, „דער נס פון הושענא־רבה“, „אַ חתונה אָן כּליזמר“); אין „דער נייער וועלט“ און „מאָרגנזשורנאַל“ — אָנהייב פונם ראָמאַן **„בלאָנזענדע שטערן“**. דעמזעלבן יאָר האָט דער מאָסקווער פאַרלאַג „סאָווערמעננײַאַ פּראָבלעמי“ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. פּינוס, און די רוסישע קריטיק האָט זיי אויפגענומען מיט וואַרימער ליבע. אַ וויכטיקע פּאַסירונג איז פאַר אים יענעם יאָר געווען, וואָס דאָס וואַרשעווער קאָמיטעט צו פייערן זיין יובילײ (באַשטאַנען פון יעקב דינעזאָן, דר. גרשון לעווין און אַברהם פּאָדלישעווסקי) האָט אויסגעקויפט פון זיינע פריערדיקע פאַרלעגער בן־אביגדור און לידסקי דעם זכות אויף זיינע ווערק און עס אונטערגעטראָגן אים אַ מתנה (דאָס געלט דערויף איז געקומען פון ספּעציעלע אָוונטן, אַראַנזשירט אין פאַרשיידענע שטעט לכבוד זיין ליטעראַרישן יובילײ). די ווערק זיינען פונדאָסניי אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלץ „יובילייאום־אויסגאַבע“ אין בענד און אין קליינע ביכלאַך און פאַרקויפט געוואָרן דורכן וואַרשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ (שפּעטער „צענטראַל“). די ביכער האָבן געהאַט אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג (די קליינע ביכלאַך זיינען זיך צעגאַנגען יערלאַך, אינם סך־הכל, אין עטלאַכע הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן) און האָבן געשאַפן דעם מחבר אַ זיכערע יערלאַכע הכנסה.

.1910

וואוינאָרט: ווינטער — נערווי (ווילאַ ראָזענגאַרטען); זומער — באַדענווײַלער, שוואַרצוואַלד (ווילאַ קונגע, ביי רופּפּערט); אָנהייב האַרבסט — לוצערן און לוגאַנאָ; נאָכדעם — נערווי (עדן האָטעל). — זיין געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט דורך דעם מילדן קלימאַט פון די קורפּלעצער, אין וועלכע ער האָט דעמאָלט פאַרבראַכט, אויך מאַטעריעל געווען באַזיכערט דורך די אויסגאַבעס פון די אידישע און רוסישע ווערק. מיטגעאַרבעט אין די וואַרשעווער בלעטער „די נייע וועלט“ (און נאָכדעם, אַז די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט — אַריבער אין „מאָמענט“) און „דער שטראַל“, אויך אין די ניו־יאָרקער „מאָרגנזשורנאַל“, „אַמעריקאַנער“, „טאַגעבלאַט“, „דאָס אידישע פאָלק“ און „דער קונדס“. געדרוקט אין „דער נייער וועלט“ און „מאָרגנזשורנאַל“ — פאָרזעצונג פון „בלאָנזענדע שטערן“ (אין „מאָמענט“ אַריבערגעטראָגן דעם צווייטן טייל פון דעם ראָמאַן אונטערן טיטל „נע־ונד“), אין „דער נייער וועלט“ און „טאַגעבלאַט“ — „אַ זעקס־און־זעכציק“, אין „דער נייער וועלט“ און „קונדס“ — „אסתר“ און „רוף מיך קנאַקניסל!“ (אין „קונדס“ באַטיטלט „זיך געביטן מיט די יוצרות“), אין „דער נייער וועלט“ און „אַמעריקאַנער“ — „אַ פּסח אין דאָרף“, אין „דער נייער וועלט“ און „דאָס אידישע פאָלק“ — „דער טלית־קטן“, אין „שטראַל“ און „קונדס“ — „נישטאָ קיין מזל“ און „פון דער ריוויערע“ (אין „קונדס“ באַטיטלט „איטאַליע“). געדרוקט אויך אין דער ריגער „אידישער שטימע“ (אונטער בעל־מחשבותעס רעדאַקציע) און אין „דאָס אידישע פאָלק“ — **„מושב־זקנים“** (אויף דערזעלבער טעמע פריער אָנגעשריבן **„און פאַר מיינע אָרימעליט?“**), אין „מאָמענט“ — „ווי שיין איז דער בוים!“ און „שראַגע“ (דיזעלבע — אינם „אידישן פאָלק“ פון 1911), אין „אַמעריקאַנער“ — „כתרילעווקע אין יעהופּעץ“ (אַ פאַרענדיקטע באַאַרבעטונג פון „דער גרויסער דעפּוטאַציע פון די קליינע מענטשעלאַך“; שפּעטער באַטיטלט „כתרילעווקער נשרפים“), אינם „קיעווער וואָרט“ — „ניטאָ ווער סזאָל לאַכן!“ (אין „קונדס“ וואַריאירט און באַטיטלט „בין השמשות“), אינם וואַרשעווער זאַמלבוך „פרייע טעג“ — „דער צענטער“. פאַרעפנטלאַכט אין דער אידישער פּרעסע פון רוסלאַנד אַן אויפרוף וועגן „דאָס בוך פון פייער“ (אַ פאָרשלאָג צו די אידישע שרייבערס, זעצערס און פאַרלעגער אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך לטובת די געליטענע פון די גרויסע שרפות, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע שטעט).

.1911

וואוינאָרט: ביז זומער — נערווי (עדן האָטעל); זומער — באַדענווײַלער (ווילאַ רופּפּערט); האַרבסט — מאָנטרע (גראַנד רי 93). מיטגעאַרבעט אין די וואַרשעווער טעגלאַכע צייטונגען „מאָמענט“ און „היינט“ און אין די ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט“, „מאָרגנזשורנאַל“, „אַמעריקאַנער“, „דאָס אידישע פאָלק“ און „קונדס“. געדרוקט אין „מאָמענט“ און „מאָרגנזשורנאַל“ — דעם סוף פון „בלאָנזענדע שטערן“ (דורכן „מאָרגנזשורנאַל“ איז דער ראָמאַן דערנאָך דערשינען אין בוכפאָרם), אין „מאָמענט“ און „קונדס“ — „קעניג פּיק“, אין „היינט“ און „דאָס אידישע פאָלק“ — „אויפן הימל אַ יאַריד“, אין „היינט“ און „טאַגעבלאַט“ — „גיטל פורישקעוויטש“ און „פון נאַלעווקיס ביז מאַריענבאַד“ (שפּעטער: „מאַריענבאַד“), אין „היינט“ און „מאָרגנזשורנאַל“ — „אַ נייער אַנטאָקאָלסקי“, אין „היינט“ און „אַמעריקאַנער“ — די יום־טובדיקע סעריעס „מען איז זיך מוחל“ און „מע הוליעט“, אין „דאָס אידישע פאָלק“ — „אויטאָ־דאַ־פע“, אין „אַמעריקאַנער“ — „די דאָזיקע נאַכט פון פּסח“, אין „טאַגעבלאַט“ — „שבת נאָך שבועות“ (ביידע לעצטע זאַכן געהערן צו „בלעטלאַך שיר־השירים“), אין אַדעסער טעגלאַכן „גוט־מאָרגן“ — אַ פעליעטאָן „גוט־מאָרגן!“ און אַ פּורימדיקן דראַמאַטישן שפּאַס „קאָמעדי־בראַק“ (אַ סאַטירע אויף סעמיאָן יושקעוויטשעס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „קאָמעדיאַ בראַקאַ“).

.1912

וואוינאָרט: אָנהייב ווינטער — מאָנטרע (וואו פריער); אין פעברואַר געמאַכט אַ רייזע אין דרום־פראַנקרייך, געווען אין ניצע און מאָנטעקאַרלאָ; סוף ווינטער — נערווי (עדן האָטעל); זומער — קלאַראַן (רי די לאַק 15); האַרבסט — לאָזאַן (אַוועניו ד'אושי 38); נאָכדעם — לייזען (האָטעל אַנגלע בעלוועדער). געשריבן אין „היינט“ דעם ראָמאַן **„דער בלוטיקער שפּאַס“**. געדרוקט אין „פריינד“ — „פּסח מיט אַ קל־וחומר“, אינם וואַרשעווער „זשורנאַליסט“ און אין „קונדס“ — דעם דיאַלאָג „דאָקטוירים“, אינם „באָברויסקער וואָכנבלאַט“ — „געקויפט עולם הבא“. מיטגעאַרבעט אין דער רוסישער מאָנאַטשריפט „סאָווערעמענניק“, פאַר וועלכער ער האָט באַאַרבעט זיין ראָמאַן **„בלאָנזענדע שטערן“** (איבערגעזעצט דורך אַן אַנדערן).

.1913

אָנהייב יאָר באַקומען אַ שאַרפע בלאַזענקראַנקייט, זיך געהיילט אין בערן (קליניק לינדענהאָף). סוף פעברואַר געפאָרן קיין ווין צו פּראָפעסאָר צוקערקאַנדעל, וועלכער האָט באַצייכנט זיין קראַנקייט מיט נערוועזער אָפּשוואַכונג און געשיקט אים קיין נערווי אויף אָפּרו. **אין נערווי (עדן**

האָטעל) פאַרבראַכט ביז פרילינג, פון דאָרטן זיך צוריק־געקערט צו דער פאַמיליע קיין לאָזאַן (אַוועניו ד׳אושי 38). דעם זומער פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד: טיילווייז אין באַד זאָדען (גראַנד האָטעל), טיילווייז אין וויסבאַדען (ווילאַ רופּרעכט און ווילאַ אימפּעראַטאָר), געווען אויך אויף קוראַציע אין באַד ווילדונגען. אין האַרבסט זיך באַזעצט אין לאָזאַן (פריער — ווילאַ מאָן רעפּאָ, אַוועניו די לעמאַן 4; נאָכדעם — פּענסיאָן העליאָס, אַוועניו דע פלאָרימאָן). — פון דאָרטן געקומען קיין בערלין, וואו די עלטערע קינדער האָבן געוואוינט, פאַרקערט אין די בערלינער אידיש־ליטעראַרישע קרייזן, געהאַט אַ פאָרלעזונג. אָנהייב ווינטער געווען אויך אין פאַריז, פאָרגעלעזן אויף אַן אָוונט, אַראַנזשירט פון די פועלי־ציון. מיטגעאַרבעט אין „היינט“, וואו ער האָט געשריבן אַ נייע סעריע „בריוולאַך פון מנחם־מענדל צו שיינה־שיינדל זיין ווייב“ (46 בריוו) און אַ חנוכה־מעשה „קנאָרטן“. געדרוקט אין „היינט“ און „אַמעריקאַנער“ — „איבער אַ היטל“ און „דריי לוחות“. צו דוד פרישמאַנס ליטעראַרישן יובילוי פאַרעפנטלאַכט אין „היינט“ אַן אַרטיקל „וועגן פרישמאַנס יובילייאום“. צונויפּגעשטעלט די צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פון מ. מ. וואַרשאַווסקיס לידער און אָנגעשריבן פאַרן בוך „די געשיכטע פון וואַרשאַווסקיס לידער“. דעמזעלבן יאָר איז דורכן לאָנדאָנער פאַרלאַג „מעטהועין ענד קאָ.“ דערשינען „סטעמפּעניו“ אין ענגלישער איבערזעצונג.

.1914

וואוינאָרט: ביז פרילינג — לאָזאַן (פּענסיאָן העליאָס). ווינטערצייט פאַרבראַכט אין נערווי (שטראַנד האָטעל). נאָך פסח געקומען קיין רוסלאַנד, נאָך אַן אָפּשייד פון זעקסטאַלבן יאָר, אויפגענומען געוואָרן אין וואַרשע פונם עולם און פון דער פּרעסע מיט באַגייסטערונג, פון דאָרטן געמאַכט אַ טור פון פאָרלעזונגען איבער די גרויסע און קלענערע שטעט פון פּוילן, ליטע, באַלטישע געגענטן און רוסלאַנד, באַגעגנט געוואָרן אומעטום מיט גרויס כבוד און ליבשאַפט. צוריק פון רוסלאַנד פאַרפאָרן קיין אַלבעק, דייטשלאַנד, ביים צפון־ים, וואוהין עס איז צונויפגעקומען די גאַנצע פאַמיליע. דאָרט פאַרבראַכט נאָר עטלאַכע וואָכן, ביזן אויסבראָך פונם וועלט־קריג. צוזאַמען מיט אַלע רוסישע קורגעסט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין בערלין, און פון דאָרטן זיך געראַטעוועט מיט דער פאַמיליע אין קליינע גרופּעס אינם נאָענטן נייטראַלן דענעמאַרק. אין קאָפּענהאַגן געזעסן עטלאַכע חדשים אָן מיטלען, פיזיש צעבראָכן און געפּייניקט פון אַ נערוועזער דאָרשט־קראַנקייט, וואָס איז אים באַפאַלן אין יענע טעג, באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ טייל פון דער פאַמיליע. אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק דעם 2־טן דעצעמבער, דעם 15־טן געהאַט אַ קבלת־פּנים אין קופּער־יוניאָן, און מיט אַ וואָך שפּעטער — אַ פאָרלעזונג אין קאַרנעגי־האָל. — געדרוקט: אין „היינט“ און ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט“ — „אפיקומן“, אין וואַרשעווער „דאָס לעבן“ (געוועזענער „פריינד“) — אָנהייב פון דער סעריע „דער פּראָגרעס אין כתרילעווקע“, אין דער ווילנער מאָנאַטשריפט „די אידישע וועלט“ (אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער) — טביה דעם מילכיקס „לך־לך“ (געדרוקט אויך אינם „אַמעריקאַנער“) און מאָטל דעם חזנס „די וואַסערשטוב“, אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“ — טביה דעם מילכיקס „מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט“ (שפּעטער: „וחלקלקות“). אין אַברהם רייזענס „דער נייער זשורנאַל“, פאַריז — „די וועלט גייט צוריק“. אין קאָפּענהאַגן דראַמאַטיזירט פון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“ די טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד“. דעמזעלבן יאָר איז אין בערלין דערשינען אַ באַנד פון זיינע דערציילונגען, אונטערן נאָמען „פאָם אַלטען שטאַמם“, אין דער דייטשער איבערזעצונג פון דר. נתן בירנבוים, אַרויסגעגעבן פונם „יודישען פערלאַג“.

.1915

וואוינאָרט: ניו־יאָרק (ביז האַרבסט — 110 לענאָקס עוועניו, האַרלעם; נאָכדעם — 968 קעללי סטריט, בראָנקס). פון אָנהייב יאָר אַריינגעטראָטן אין דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן ניו־יאָרקער „טאָג“ אַלץ אויסשליסלאַכער מיטאַרבעטער, מיט אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר צייט. איבער דעם, וואָס סאיז אָפּגעשטעלט געוואָרן די הכנסה פון זיינע אידישע און רוסישע ווערק אין רוסלאַנד, געלעבט געדריקט, געמוזט אַרויסטרעטן מיט פאָרלעזונגען, זיך פאַרבונדן אָנהייב ווינטער מיט אַ קריסטלאַכן אימפּרעסאַריאָ, וועלכער האָט אַראַנזשירט פאַר אים אָוונטן אין עטלאַכע גרעסערע פּראָווינץ־שטעט. צוליבן קראַנקן צושטאַנד געפאָרן אויף קורצע טערמינען אינם נאָענטן קורפּלאַץ לייקוואוד, ניט האָבנדיק מיטלען צו מאַכן אַ רייזע אין די וואַרימע שטאַטן. אָנהייב זומער געהאַט פאָרלעזונגען אין קליוולאַנד, דעטראָיט, סינסינאַטי, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל און אין נאָך עטלאַכע קלענערע שטעט. דעם זומער פאַרבראַכט טיילווייז אין די קעטסקיל־בערג און טיילווייז ביים ים, אין בעלמאַר. סוף זומער דערהאַלטן די שווערע בשורה וועגן דעם פּלוצימדיקן טויט פון זיין זון מישאַ, וואָס האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן. דעמזעלבן אָוונט (אויף מאָרגן נאָך יום־כיפּור) אָנגעשריבן זיין צוואה. פון דעמאָלט־אָן אָנגעהויבן אָפּט צו קרייענקען. דערצו זיינען צוגעקומען מאַטעריעלע זאָרגן, נאָכדעם ווי דער „טאָג“ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַנייען דעם קאָנטראַקט אויפן צווייטן יאָר. ניט קוקנדיק אויפן קראַנקן געזונט־צושטאַנד, געווען די גאַנצע צייט פּראָדוקטיוו אין שאַפן: אויסער דער אַרבעט פאַרן „טאָג“ (צוויי אַרטיקלען וועכנטלאַך), אָנגעשריבן זומער אויך די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“, פאַר וועלכער עס האָט זיך אָבער ניט געפונען קיין בעלן אין די אידישע טעאַטערס, פּונקט ווי פאַר „שווער צו זיין אַ איד“. — געדרוקט אין „טאָג“: די סעריע מלחמה־דערציילונגען „מעשיות פון טויזנט איין נאַכט“, „פונם יאַריד“ — ערשטער און צווייטער טייל, די פאָרזעצונג און באַאַרבעטונג פון „פּראָגרעס אין כתרילעווקע“, אונטערן נאָמען „דאָס מאָדערנע כתרילעווקע“ (נאָכדעם באַטיטלט „כתרילעווקער פּראָגרעס“), „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט“, „פון פסח ביז סוכות“, „אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ“ (נאָך פּרצעס טויט), „זומערדיקע ראָמאַנען“, „פּריוולאַך אין די מאַונטיינס“, „עולם הבא“ (אַ שאַרזש אין איין אַקט), „מיסטער גרין האָט אַ דזשאַב“, „מיסטער בוים אין קלאָזעט“, „בערל אַייזיק“ און דעם ראָמאַן „דער מיסטיק“ (איבערן אַרויסטרעטן פונם „טאָג“ ניט פאַרענדיקט).

.1916

לעצטער וואוינאָרט: ניו־יאָרק (968 קעללי סטריט, בראָנקס). אָנהייב יאָר אַריבער פון „טאָג“ אין דער „וואַרהייט“. אָפּט קראַנק געווען, איין צייט געלעגן עטלאַכע וואָכן נאָכאַנאַנד אין בעט מיט אַ שווערער אָנצינדונג פונם האַרץ־שיידל. אַ פּאָר מאָל געפאָרן קיין לייקוואוד. געהאַט אַ פאָרלעזונג אין פילאַדעלפיע דעם 4־טן מערץ (די לעצטע פאָרלעזונג), אין דעם מעטראָפּאָליטען־טעאַטער, פאַר אַן עולם פון טויזנטער צוהערער — און באַשווינדלט געוואָרן פון די אַראַנזשירער. גאַנץ אָפּט אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער, אַ פאַרוויייטיקטער, געזוכט דערמונטערונג ביי די עטלאַכע נאָענטע חברים־שריפטשטעלער און פריינט, וואָס פלעגן אים באַזוכן. דעם 25־טן מערץ איז ער באַגריסט געוואָרן אויפן

באַזאַר פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות, אינם ניו־יאָרקער גראַנד סענטראַל פּאַלאַס, פון אַ גרויסן עולם און פון די יונגע אידישע שרייבערס. פּסח האָט ער פאַרבעטן צו זיך אין הויז פריינט און באַקאַנטע, געפּראַוועט דעם סדר, אויף זיין שטייגער, מיט גרויס פייערלאַכקייט. באַלד נאָך פּסח איז ער פאַרשלאָפט געוואָרן און זיך געלייגט אין בעט. די דאָקטוירים האָבן לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ נערוועזע מאָגנקראַנקייט. וואָס אַ טאָג ווייטער, איז די קראַנקייט געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער, און אַליין האָט ער פאַרלאָרן מוט, געווען זיכער, אַז דאָס אַנטוויקלט זיך ביי אים אַ קרעבס אין שפּייז־רער (פון וואָס זיין פאָטער איז געשטאָרבן), גענומען ריידן דערפון, אַז ער האָט שוין דערגרייכט די יאָרן פון זיין פאָטער און פון זיין זיידן (וואָס זיינען ביידע געשטאָרבן צו זיבן־און־פופציק יאָר), געגעבן אָנצוהערן, אַז „מע רופט פון דאָרטן". דעם 9־טן מאַי איז די קראַנקייט פאַרשאַרפט געוואָרן, די דאָקטוירים, פּראָפעסאָר קויפמאַן און פּראָפעסאָר רודיש, האָבן געשטעלט דעם דיאַגנאָז: נירן־קראַנקייט, קאָמפּליצירט מיט האַרץ־קראַנקייט, אויפגעגעבן די האָפענונג. פרייטאָג אָוונט, דעם 12־טן מאַי, האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה, דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט חברים און פריינט. זיין האַרץ האָט אויסגעהאַלטן די גאַנצע נאַכט, און אויסגעגאַנגען איז ער שבת אינדערפרי, דעם 13־טן מאַי, י׳ אייר תרע״ו, ניין־און־צוואַנציק מינוט נאָך זיבן דעם זייגער. אַרום זיין בעט, ביי זיין יציאת־נשמה, זיינען געווען: זיין פרוי, זיינע טעכטער ערנעסטינע, עמאַ און מאַרוסי, זיין אייניקער זון נומאַ, זיין איידים י. ד. בערקאָוויטש, זיין אייניקל תמרה, ב. צ. גאָלדבערג (שפּעטער — זיין איידים), דוד פּינסקי, פּינחס רוטענבערג און זיין שוועסטער רחל, פריילין גוטע טעץ, יהושע און פרוי גאָרדאָן, און די דאָקטוירים איסר גינזבורג, הילקאָוויץ און קאַץ.

מיט צוויי שעה שפּעטער איז געעפנט געוואָרן זיין צוואה דורך דעם פּאָזיצער פון דער ניו־יאָרקער קהילה, דר. י. ל. מאַגנעס, און איבערגעלייענט געוואָרן פאַר נאָענטע פריינט און שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זיין הויז. די צוויי טעג שבת און זונטאָג איז זיין אָרון באַוואַכט געוואָרן טאָג און נאַכט פון אַן ערנוואַך, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אידישע שריפטשטעלער פון ניו־יאָרק, יונג און אַלט, און די טירן פון זיין הויז זיינען געשטאַנען אָפן פאַר די טויזנטער און טויזנטער באַזוכער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַלע עקן פון דער שטאָט אַ קוק צו טאָן אויף אים צום לעצטן מאָל. מאָנטאָג דעם 15־טן מאַי, י״ב אייר, איז פאָרגעקומען די לויה, אַראַנזשירט פון דער ניו־יאָרקער קהילה. דער אָרון איז געפירט געוואָרן איבער די אידישע קוואַרטאַלן, באַגלייט פון הונדערטער טויזנטער אידן, צווישן זיי אַ סך טויזנטער שאָפּ־אַרבעטער, וואָס האָבן יענעם טאָג ניט געאַרבעט, געבראַכט געוואָרן אין דער אודיטאָריע פון „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס" אויף איסט־בראָדוויי, וואו עס זיינען געהאַלטן געוואָרן הספּדים פון שריפטשטעלער און כלל־טוער, און פון דאָרטן — אויפן ברוקלינער בית־עולם „הר־נבו", וואו מע האָט דעם נפטר באַהאַלטן צייטווייליק, געהאַט בדעה, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען אים אַוועקפירן קיין קיעוו, וואו זיין פאָטער ליגט. איבער דער פאַרצויגענער מלחמה, און שפּעטער איבער דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז ניט מעגלאַך געווען די זאַך דורכצופירן, און מיט פינף יאָר שפּעטער האָט מען אים אַריבערגעפירט און מקבר געווען אויפן ברוקלינער בית־עולם „הר הכרמל", אויף דער קרקע פונם „אַרבעטער־רינג", צווישן „פּראָסטע אידן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק" — ווי ער האָט אָנגעזאָגט אין זיין צוואה. די מצבה אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרן דעם 5־טן יוני, 1921. ביי דער אויפדעקונג פון דער מצבה זיינען געווען, אַחוץ זיין פאַמיליע, די אידישע שריפטשטעלער פון ניו־יאָרק און אַן עולם פון עטלאַכע טויזנט מענטשן.

נאָך זיין טויט איז זיין צוואה פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין אַלע אידישע צייטונגען און אויך אין דער ענגלישער פּרעסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער קאָנגרעסמאַן פון דער שטאָט ניו־יאָרק, בענעט (אַ קריסט), האָט זי פאָרגעלייענט פאַרן קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן און זי אַריינגעטראָגן אין דעם אָפיציעלן רעקאָרד־בוך פון דעם קאָנגרעס.

דעם לעצטן יאָר האָט שלום־עליכם געדרוקט זיינע לעצטע שאַפונגען אין דער „וואַרהייט", „צוקונפט", „התורן", „קונדס", „באַזאַר־גאַזעט" און „דער וואַנדערנדער איד" (באַזאַר־זאַמלבוך). אין דער „וואַרהייט": דעם דריטן טייל „פונם יאַריד" (ניט פאַרענדיקט), די סעריע „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע" (ניט פאַרענדיקט), „אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן", „וחלקלקות" — טביה דעם מילכיקנס לעצטע דערציילונג (באַאַרבעט פון „מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט"), „המן און מרדכי", „קדלת וקדשת". אין „צוקונפט": די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס". אין „התורן": „מיין באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק" (איבערגעזעצט אויף העבריאיש פון י. ד. בערקאָוויטש). אין „קונדס": „שלח־מנות". אין „באַזאַר־גאַזעט": „אַ בריוול פון דער מומע רייזע צו דעם פעטער פּיני". אין דעם „וואַנדערענדן איד": „דער שכל פון דאָקטאָריע". אינם זונטאָג־זשורנאַל פון דער ענגלישער „וואָרלד" האָט זיך אָנהייב יאָר געדרוקט אַ טייל פון מאָטל דעם חזנס מעשיות, איבערגעזעצט פון מ. ווינשטיין, אונטערן טיטל "Off for America".

נאָך שלום־עליכמס טויט איז געדרוקט געוואָרן אַ טייל פון זיין ליטעראַרישן איבערבלייב: אין דער „וואַרהייט" פון 1916 — 1918: די לעצטע צוויי קאַפּיטלען „פונם יאַריד", די לעצטע דריי קאַפּיטלען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אַ קאַפּיטל זכרונות „סאיז מלחמה!", אַ גרעסערע דערציילונג „דער גנב", „אין יענע טעג" (וואַריאַציע פון „מאָשקעלע־גנב"), „די עמיגראַציע פון די רויטע אידלאַך" (דער צווייטער טייל פון „די רויטע אידלאַך"), „אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק" (אַ שפּאַס אין איין אַקט), „מיין באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק" (פאַרן לעבן געדרוקט נאָר אין העברייאישער איבערזעצונג), „מיין באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי" (פאַרן לעבן געדרוקט נאָר אין העברייאישער איבערזעצונג, אין „הצפירה"), „פרישמאַן צוגאַסט ביי שלום־עליכם", „די פיר קשיות פון אַן אַמעריקאַנער באָי" (וואַריאַציע פון „מה־נשתנה"). אין „צוקונפט" פון 1921: „שווער צו זיין אַ איד". אין „מיניקעס יום־טוב בלאַט" פון 1921: „אַ נגידישע פּרעזשעניצע". אין אַלע ווערק פון שלום־עליכם, פאָלקספאָנד־אויסגאַבע: „טביה דער מילכיקער" (אַ פאַמיליענבילד אין פיר אַקטן), „פאַרביטן די יוצרות" (וואַריאַציע פונם איינאַקטער „מזל־טוב"), „דער סדר" און „די געפערלאַכע מצה". אין „טאָג" פון 1923 — 1924: „פון שלום־עליכמס אַרכיוו" (166 פון זיינע בריוו) און „אין בית־המדרש" (באַאַרבעטונג און פאַרזעצונג פון זיין פּאָעמע „פּראָגרעס־ציוויליזאַציע" — אויך דאָ ניט פאַרענדיקט). אַ טייל פון דעם געדרוקטן איבערבלייב איז אַריינגענומען געוואָרן אין אַלע ווערק, פאָלקספאָנד־אויסגאַבע.

דוד פינסקי

ביי שלום־עליכמס גסיסה־בעט

מיטוואָך, דעם צענטן מאַי, האָט שלום־עליכם צום לעצטן מאָל אויסגעהערט די טאָג־צייטונגען, וועלכע יהואָש האָט פאַר אים פאָרגעלעזן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין סוף קומט. ער האָט אָנגעזאָגט זיינע באַקאַנטע, זיי זאָלן מיט אים איבערגעבן גריסן אויף יענער וועלט, און דאָס איז געוועזן וויניקער אַ וויץ, נאָר מער דאָס באַוואוסטזיין פון דעם סוף. און דאָך האָט ער זיך צוגעהערט צו דער פאָרלעזונג מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויפגענומען און אַריינגעשפּיכלערט אין זיך דאָס געהערטע, ווי איינער, וואָס פילט אָן זיינע שפּייכלערס אויף צו געברויכן דאָס אָנגעפילטע.

צום לעצטן מאָל איז עס געוועזן. צום לעצטן מאָל האָט ער פאַרנומען וואָס פון דער אויסנווועלט, באַשעפטיקט האַרץ און מאַרך מיט וויטע געשעענישן. אויף מאָרגן, דאָנערשטאָג, האָט ער געהערט בלויז זיינע שמערצן און פאַרנומען נאָר די טריט פון דעם אָנקומענדיקן טויט. פון איצט־אָן האָט ער געקאָנט בלויז קרעכצן און פון צייט צו צייט אַרויסריידן אַ פּאָר ווערטער צו די, וואָס אַרום זיין בעט. הויפּטזאַכלאַך צו זיין פרוי. וויטיק־ווערטער, שווער אַרויסגעאָטעמטע פון צווישן די ציינער, אַרויסגעדריקטע מיט אַ צונג, וועלכע האָט זיך קוים באַוועגט.

דאָס לעצטע בילד פון שלום־עליכם
[ניו־יאָרק, סוף יאָר 1915].

אַרום זיין בעט, נישט אָפּגייענדיק פון אים, האָבן זיך געפונען זיין פרוי און זיינע קינדער און אַ הויז־פריינט — אַ פריילין, וואָס האָט אים געפלעגט מיט אַכט יאָר צוריק, ווען ער איז געלעגן געפערלאַך קראַנק אין באַראַנאָוויטש. פון אַלע נוירסעס האָט ער געוואָלט נאָר פון איר געפלעגט ווערן. אפשר איז זי געוועזן פאַר אים אַ האָפענונג און אַ טרייסט; זי האָט אים דערמאַנט, אַז ער האָט זיך שוין איינמאָל געראַנגלט מיטן טויט און אים בייגעקומען.

אָבער פון אַלע די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זיין בעט, האָט ער דער עיקר געפילט און צוגעהערט זיך צו זיין פרוי. מיט דעם גאַנצן ביסל לעבן, וואָס איז נאָך געוועזן אין זיינע חושים, האָט ער זיך אָנגעהאַנגען אָן איר. דאָס איז געוועזן דאָס לעצטע פלאַקערן פון אַ גרויסער ליבע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט און איז קיינמאָל ניט אַלט געוואָרן. איצט אָבער איז זי אויך געוועזן זיין מוטער. ער האָט זיך געטוליעט צו איר, ווי אַ קראַנק קינד צו זיין מוטער. ער האָט שוין גאָרנים געוואוסט פון לעבן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף צו אים ריידן, אַז זי דאַרף האַלטן אויף אים איר האַנט. ער האָט געוואָלט נאָר איר קול הערן, איר באַרירונג פילן, און קרעכצן, קרעכצן. דאָס האָט אים לייכטער געמאַכט.

אין דעם טאָג האָבן אַלע שוין געוואוסט, אַז ער וועט שטאַרבן. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן. האָט עס איינער אַרויסגעזאָגט, האָט מען אים אָנגעקוקט מיט פאָרוואורף: ווי אַזוי קאָן ער עס זאָגן? ווי אַזוי קאָן ער עס גלויבן? מע האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן די דאָקטוירים אין די אויגן אַריין. מע האָט געוואָלט אָפּלייענען אין זיי אַ שטיקל האָפענונג, און אין יעדער באַוועגונג פונם קראַנקן האָט מען געזוכט אַן אויפלעבן, אַ גובר־זיין דעם טויט, אַ צוריקקומען.

נאָך מיטאָג בעט ער, מע זאָל אים אַוועקזעצן.

„איך וויל זיצן, איך וויל זיצן“, אָטעמט ער אַרויס שמערצפול און קאַפּריזנע. דער דאָקטאָר און די נוירס זעצן אים אַוועק.

ער קוקט זיך אַרום. וואָס פאַר אַ גרויס ליידן אין זיינע אויגן! און דער טויט ליגט אויף זיין איינגעפאַלענעם וואַקס־געלן געזיכט. מע פאַרהיינגט אויף גיך דעם גרויסן שפּיגל, וועלכער שטייט ווייטער אַ ביסל פאַר זיינע אויגן. ער טאָר זיך אַליין נישט דערזען. ער וועט זיך דערשרעקן.

קיינער קאָן זיין שמערצפולן, שטאַרבנדיקן בליק ניט אויסהאַלטן. מע קערט זיך אָפּ מיט אַ טרערן־ספּאַזם אין האַלז. דער דאָקטאָר געפינט פאַר בעסער, מע זאָל זיך אים איצט אין די אויגן ניט וואַרפן. ער איז ביים פולן באַוואוסטזיין, מערקט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ. עס וועט אים ניט לייכטער ווערן, ווען ער וועט אָפּלייענען זיין טויט־משפּט פון די געזיכטער.

אַ ווײַלע נאָר זיצט ער. באַלד לייגט מען אים אַוועק, און ער קערט זיך ־ווידער אום מיט זיין געזיכט צו זיין פרוי און קרעכצט, קרעכצט.

מע באַמערקט, אַז ער בייסט זיך די נעגל, און מע ווערט אויפמערקזאַם. בייסן די נעגל איז געווען זיין טבע ביים שרייבן, ווען ער פלעגט אָנשטרייַנגען זיין מאַרך. ביים שנעלן פלי פון זיין פאַנטאַזיע אָדער ביים אַראָפּלאָזן זיך אין דער טיפעניש פון זיין טעמע, אום אַרויסצוגראָבן און אַרויסצוברייַנגען אויף אויבנאויף דאָס ריכטיקע, דאָס אמתע בילד, דעם פּאַסיקסטן אויסדרוק, פלעגט ער זיך שטענדיק בייסן די נעגל פון די פינגער. אַזוי האָט ער זיך געביסן די נעגל ביים אַרויסברייַנגען אויף דער וועלט פון דער טיפעניש פון זיין שאַפנדיקן געניום סטעמפּעניו און יאָסעלע סאָלאָוויי און טביה דעם מילכיקן און מנחם־מענדלען מיט שיינע־שיינדלען און אַלע כתרילעווקער. איצט בייסט ער אויך די נעגל. וועלכע בילדער זעט ער איצט פאַר זיך? אין וועלכע טיפענישן דרינגט איצט אַריין זיין אומערמידלאַך שאַפנדיקער געניום? אין וועלכע מרחקים טראָגט אים איצט זיין פאַנטאַזיע?

איז עס מעגלאַך, אַז ער זאָל שטאַרבן? וועלן די נעגל מער ניט געביסן ווערן, וועלן מער ניט אַרויסגעבראַכט ווערן נייע געשטאַלטן און נייע דערלעבענישן אין אונזער אַלטן כתרילעווקע?

מיר גלויבן אין אַ נס: ער וועט זיך אַרויסדרייען. ער איז שוין איינמאָל געווען געפערלאַך קראַנק, געהאַלטן שוין ביים שטאַרבן, און דערנאָך דאָך גאַנצע אַכט יאָר באַרייכערט אונז און אונזער ליטעראַטור. אַן עדות איז דאָס פרייַלין פון באַראַנאָוויטש.

מיר הערן זיך צו צום אומאויפהערלאַכן קרעכצן פון דעם גוסס אין דעם צווייטן צימער און פרייען זיך, וואָס מיר הערן אים נאָך. ווערט ער אויף אַ ווייַלע שטיל, פאַלט אָן אַ שרעק. מע לויפט זען, פאַרוואָס איז ער שטיל געוואָרן. די נוירס שטייט איבער אים און גיט אים צו אָטעמען אָקסיגען. די דאָקטוירים מאַכן אים אָפטע אַיינשפּריצונגען, אום צוצוגעבן אים נאָך אַ פּאָר מינוטן לעבן — אָבער מיר ווילן אַ נס.

און פרייטאָג נאָך, שפּעט אין אָוונט, רינגלען מיר אַרום דאָקטאָר גינזבורג און פאָדערן פון אים האָפענונג. ער מוז אונז זאָגן, אַז שלום־עליכם קאָן נאָך לעבן, וועט נאָך לעבן.

און דאָקטאָר גינזבורג ווייסט געניי, אַז ער קאָן נישט און וועט נישט לעבן. ער ווייסט, אַז די שטונדן — ניין, אַז די מינוטן זיינען געציילטע. ער וואונדערט זיך גאָר, ווי אַזוי דער גוסס לעבט נאָך. אָבער ער וויל נישט, אַז שלום־עליכם זאָל שטאַרבן, ער וואָלט אויך געוואָלט גלויבן אין אַ נס, און אין פולן ערנסט האַלט ער אונז אַ לעקציע, וועלכע מעגלאַכקייט איז נאָך פאַראַן, אַז שלום־עליכם זאָל זיך אַרויסדרייען פון דעם מלאך־המותס האַנט. ער דערקלערט: די ערגסטע זאַך איז, וואָס שלום־עליכם האָט זיך איינפאַך אונטערגעגעבן דעם טויט. פון אָנהייב־אָן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו ראַנגלען זיך מיט אים. מיט אַ צייט צוריק איז ער געווען אַ סך קראַנקער, אָבער דעמאָלט האָט ער נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך און שטאַרק געקעמפט. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן, געהאָלפן דעם דאָקטאָר און דער מעדיצין. דאָס מאָל אָבער האָט ער זיך אָפּגעלאָזט און וויל נישט טון וואָס סאיז נייטיק. אָט איז נייטיק, ער זאָל אַ סך טרינקען. ווען מע וואָלט אים געקאָנט מאַכן, ער זאָל אַ סך טרינקען, אַריינגעמען אין זיך אַ סך פליסיקייט, וואָלטן די נירן אָנגעהויבן צו אַרבעטן, און דאַן — — —

וויפיל פליסיקייט?

לכל הפחות, אַכט גלאָז.

אַכט גלאָז וואַסער — און דאָס לעבן פון שלום־עליכמען איז געראַטעוועט! איז גאָר ניטאָ עמיצער, ווער עס זאָל אים מאַכן טרינקען? איז גאָר קיין מיטל ניטאָ אַריינצוגיסן אין אים די אַכט גלאָז פליסיקייט?

פרוי דימאָוו רופט זיך אַרויס, אַז זי וועט אים מאַכן צו טרינקען. און ווירקלאַך! זי גיט אים און ער טרינקט. מיר טריאומפירן. מע וועט שוין ווי עס איז אַריינקריגן אין אים די אַכט גלאָז פליסיקייט, און מיר וועלן נאָך אַרויסרייסן ביים טויט זיין רייכן רויב.

אונזער אָפּטימיסטישע שטימונג און אונזער וואונדערגלויבן ווירקן אַזוי אויף דאָקטאָר גינזבורג, אַז קעגן זיין ווויסנשאַפטלאַכער איבערצייגונג לאָזט ער זיך איבעררעדן און טעלעפאָנירט צו אַ מעדיציניש באַרימטקייט. זאַל יענער פּרובירן זיין גרעסערע געניטקייט און קונסט, אפשר... אָבער די באַרימטקייט זאָגט זיך אָפּ צו קומען שפּעט אין דער נאַכט. מיר זיינען שטאַרק אַנטוישט, דאָך אונזער אָפּטימיסטישע שטימונג ליידט ווייניק דורך דעם. מיר זיינען זיכער, אַז מע קאָן איצט רואיק שלאָפן גיין, אַז מיר וועלן קומען אינדערפרי, וועלן מיר געפינען שלום־עליכמען אַ געראַטעוועטן, אַ דערוועלטיקן, אַ זיגער איבערן טויט.

דאָס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג. אָבער מיט צוויי שעה שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער אַלע פאַרזאַמלט, צערודערטע, פאַרלאָרענע.

עס איז אַ פראַגע פון מינוטן, זאָגן די דאָקטוירים — דר. גינזבורג און דר. הילקאָוויץ — און הערן נישט אויף צו קעמפן מיטן טויט. מינוט נאָך מינוט געווינען זיי אָפּ ביי אים, און זע — פון די מינוטן ווערן שטונדן.

די דאָקטוירים וואונדערן זיך אַליין: ווי לעבט ער נאָך! דאָס מערקווירדיקסטע: ער האָט כל ימיו געהאַט אַ שוואַך האַרץ, און דאָך אַרבעט עס איצט אַזוי שטאַרק, וויל נישט אויפהערן צו קלאַפן, שלאָגט, שלאָגט און האַמערט האָפענונג אין אונז אַריין. אפשר, אפשר...

נאָר אָט איז דאָס האַרץ שטיין געבליבן. אַ געשריי ברעכט־אויס, אַ האַרצרייסנדיקער גויאָמער. מע רופט אים צוריק צום לעבן: פּאַפּאַ, לעב! פּאַפּאַ, לעב! פּאַפּאַ, פּאַפּאַ!

און שלום־עליכם עפנט־אויף די אויגן, הייבט־אָן צו אָטעמען און צו קרעכצן. אָפּגערופן, אָפּגעשריען!

דאָקטאָר גינזבורג דערקלערט אונז מיט אַ מעדיצינישן נאָמען, וואָס עס האָט פּאַסירט, און גיט אים נאָך פינף מינוטן צו לעבן.

אָבער די פינף מינוטן פאַרגייען, עס ווערט אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע, אָט איז שוין אַ שעה מיט אַ פערטל... זיין האַרץ קלאַפּט ווידער שטאַרק. אָ, אַ וואונדער וועט געשען! עס געשעען דאָך וואונדער! און וואו איז דער וואונדער נייטיקער ווי דאָ? פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק וועגן מוז דאָ געשען אַ וואונדער, שלום־עליכם טאַר ניט שטאַרבן.

און דאָקטאָר הילקאָוויץ דערציילט איין פאַקט נאָך דעם אַנדערן, ווי מענטשן זיינען אויפגעשטאַנען פּשוט תחית־המתים, אָפּגערופענע, אָפּגעשריענע. כל־זמן דאָס האַרץ שלאָגט, כל־זמן עס איז נאָך פאַראַן אַ פונק לעבן אין קערפּער, כל־זמן שהנשמה בקרבו — ווער ווייסט?...

דאָקטאָר גינזבורג קומט־אַרויס פון דעם גוסס: „דער סוף!“

דאָקטאָר הילקאָוויץ גייט־אַריין צום גוסס. ער הויבט אויף די האַנט אַ טאַפּ צו טון דעם דופק. פּלוצלינג בויגט ער זיך אָן איבער שלום־עליכמען, לאָזט־אַרויס די האַנט און צעוויינט זיך.

דער פּולס איז שטיין געבליבן, דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט צו שלאָגן. קיין נס איז ניט געשען.

שלום־עליכם אויפן טויטנבעט [געצייכנט פונם מאָלער יואל לעוויט].



די לויה פון שלום־עליכם, יב אייר תרעו [15 מאי 1916]: פון זיין לעצטער וואוינונג, 968 קעלי סטריט, בראָנקס, נ. י.



די לויה פון שלום-עליכם: ביי „אוהב צדק" שול, 116טע סטריט, ניו-יארק.

די לויה פון שלום־עליכם: ביי זיין צייטווייליקן קבר, „הר נבו" בית־עולם, ברוקלין, נ. י.

די מצבה פון שלום־עליכם [אידישע זייט]
„הר כרמל“ בית־עולם, קרקע פונם „ארבעטער־רינג“, ברוקלין, נ. י.



די מצבה פון שלום־עליכם [העברייאישע זייט].

פערזאָנען וואָס ווערן דערמאַנט אין דעם שלום־עליכם בוך

אבראמאוויטש שלום יעקב (מענדעלי מוכר־ספרים, דער זיידע). — 13, 98, 107, 114, 129, 133, 161, 165, 166, 167, 168, 169, 170, 171, 172, 173, 174, 177, 179, 182, 183, 185, 190, 191, 200, 203, 204, 207, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 222, 223, 224, 227, 228, 232, 238, 239, 240, 243, 247, 248, 252, 253, 256, 257, 268, 279, 310, 313, 314, 321, 322, 326, 351, 352, 355, 362, 366.
אדלער יעקב פ. — 84, 87, 88, 125, 190, 208, 209, 210, 222, 249, 250, 251, 366.
אדלער סארא. — 250, 251.
אדלער סעם. — 64. 365.
אהרנסאן כיענע. — 236.
אהרנסאן רחל. — 236.
אוסישקין מ. מ. — 13, 252.
אועלם הערבערט. — 235.
אוציעכאווסקי דניאל. — 158.
אווערטשענקא ארקאדי. — 189.
אחד העם. — 13, 39, 165, 273, 300.
איפפא (ארויסגעבער פונם „וועג“). — 206.
אייזמאן דוד און פרוי. — 229.
אייזנשטאט יהושע. — 39.
אלגין מ. — 11.
אמפיטעאטראוו אלכסנדר. — 43, 237, 273, 353.
אמציסלאווסקי ליב. — 39.
אנדרייעוו לעאניד. — 187, 292, 365.
אנכי ז. י. — 94, 272.
אסתר („פרוי אסתר“). — 340.
אפאטאשו יוסף. — 189, 255.
אר יערושי. — 365.
ארנשטיין מארק (מארעק). — 61, 205, 206, 365.
אש שלום. — 189, 223, 256, 266, 267, 340, 355.
באגוש מיכאיל מיכאילאוויטש. — 43.
באזעלינסקי ג. — 39.
באכראך ברידער. — 262.
באראטשין משה. — 118, 119, 120.
באראכאוו ב. — 113, 246, 363.
באראנדעס יוסף. — 87, 88, 216.
באראץ ה. מ. — 166.
בארדיטשעווער לוי יצחק. — 158, 281.
בארכאש אליהו (אלי דארים). — 12, 22, 23, 41, 42, 43, 242.
בורעניו. — 239.
ביאליק ח. נ. — 106, 107, 111, 112, 115, 129, 133, 162, 165, 171, 172, 174, 175, 176, 178, 197, 198, 204, 205, 207, 212, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 223, 224, 229, 231, 232, 235, 239, 247, 252, 257, 260, 298, 302, 320, 351, 357, 366, 369.
ביאליק מאניא. — 247.
בירנבוים נתן דר. — 340, 368.
ביילין אשר. — 75.
ביילים מענדל. — 237, 242, 273, 302.
בלאך נח. — 39.
בלוישטיין דוד דר. — 300.
בן־אביגדור (א. ל. שאלקאוויטש). — 67, 68, 71, 196, 197, 217, 219, 263, 367.
בן־טובים אייזיק. — 39.
בנימינזאן. — 12, 310.
בן־יעקב י. — 39.
בן־עמי מ. — 39, 91, 92, 120, 165, 169, 171, 172, 178, 179, 181, 182, 204, 217, 218, 219, 220, 228, 362, 366.
בן־עמי מיכה און תמר. — 220.
בן־עמי סארא. — 219, 220.
בן־ציון ש. — 204.
בעל־מחשבות (דר. איסידאר עליא־שעוו). — 157, 158, 159, 188, 206, 207, 225, 228, 230, 240, 242, 263, 365, 367.
בען־אטוועל. — 124.
בעננעט קאנגרעסמאן. — 369.
בערגעלסאן דוד. — 247.
בערגער יהודה הלוי. — 39.
בערדיטשעווסקי מיכה יוסף. — 183, 184, 185.
בערליאנד ש. מ. — 39.
בערמאן וואסילי. — 13, 38, 39, 184, 185.
בערנע. — 326.
בערקאוויטש י. ד. — 10, 54, 66, 67, 68, 69, 70, 71, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 105, 106, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 117, 118, 120, 121, 122, 125, 131, 141, 144, 148, 149, 152, 189, 214, 216, 219, 221, 222, 228, 229, 233, 239, 241, 243, 245, 247, 248, 249, 255, 257, 266, 268, 269, 271, 272, 297, 299, 302, 340, 343, 351, 354, 369.
בערקאוויטש (ראבינאוויטש) ערנעסטי־נע (חיה אסתר, טיסי). — 24, 26, 27, 28, 29, 30, 32, 33, 34, 51, 52, 54, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 61, 62, 63, 64, 65, 66, 67, 69, 70, 71, 72, 73, 74, 75, 76, 82, 83, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95, 96, 98, 104, 105, 106, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 120, 121, 122, 125, 130, 131, 141, 142, 149, 152, 170, 214, 216, 219, 233, 239, 251, 257, 297, 305, 352, 354, 362, 364, 369.
בערקאוויטש תמרה (טאמארא). — 54, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 105, 106, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 121, 126, 128, 130, 131, 141, 142, 143, 149, 152, 175, 230, 233, 239, 257, 305, 369.
בערקאוויטשעס. — 83. 84.
בראדסקי י. מ. — 31.
בראדסקי לעוו. — 66, 252, 288.
בראדסקי מאקס. — 287.
בראדסקי סארא און מארגאריטא. — 66.
בראדסקים. — 13, 29, 30, 31, 32, 36, 37, 66, 92, 185, 287, 348, 362, 364.
בראדסקי־פאליאקאוו קלארא. — 66.
ברבש שמואל. — 39.
ברונאף פלאטאן. — 216
בריימאן ישעיה. — 39.
בריינין ראובן. — 222, 255.
ברלין משה. — 39.
ברענער י. ח. — 75, 76.
גאגאל. — 188, 189, 235, 244, 326.
גאטלאבער אברהם בער. — 168, 183.
גאטליב דר. — 274.
גאלדבערג אברהם. — 273, 274.
גאלדבערג ב. א. (באריס). — 249.
גאלדבערג ב. צ. — 144, 369.
גאלדבערג יהודה דר. — 125.
גאלדבערג יצחק. — 299, 300.
גאלדבערג י. ל. — 63.
גאלדפאדען אברהם. — 183.
גארדאן יהושע. — 369.
גארדאן פרוי. — 369.
גארדאן י. ל. — 114, 183, 184, 299, 318, 362.
גארדאן מיכל. — 183.
גארדין יעקב. — 84, 86, 87, 88, 232.
גארעליק שמריה. — 99.
גארקי מאקסים. — 59, 165, 198, 237, 273, 365.
גינזבורג איסר דר. — 369, 370, 371.
גינזבורג באראן און באראנעסע. — 66.
גינזבורג שאול. — 196, 203.
גינצבערג פריילין (טאכטער פון אחד העם). — 58.
געטע. — 326.
גרינבוים סעמיועל. — 356.
גרינבערג אברהם. — 39.
גרעי עדוארד סער. — 254.
דאבין שמעון. — 236, 242.
דאסטאיעווסקי. — 159, 235.
דאראשעוויטש וו. — 365.
דובנאוו שמעון. — 58, 136, 165, 176, 177, 178.
דזשעראם ק. דזשעראם. — 188.
דיזראעלי. — 72.
דימאוו אירינא. — 371.
דינעזאן יעקב. — 98, 159, 160, 161, 168, 185, 190, 192, 193, 194, 230, 231, 236, 259, 261, 263, 264, 265, 269, 270, 274, 279, 280, 281, 355, 367.
דיק אייזיק מאיר. — 166.
דיקענס. — 188, 234, 235, 255, 296, 353.
דלוגאטש מאני. — 326, 327, 328.
האכבערג ש. — 200, 216, 217, 263, 268.
האמסון קנוט. — 187, 188.
הוירסט. — 81.
הורוויץ ח. ד. דר. — 203.
הורוויץ ש"י איש. — 362.
הילקאוויץ דר. — 369, 371.
הירש ה. — 356. 357.
הירשביין פרץ. — 63, 64, 189, 223.
הירשקאן צבי. — 222.
היילפערין מאיר. — 298, 299.
הכהן מרדכי בן הלל. — 39, 235.
הכהן צדוק. — 194.
הלוי. — 26.
הערצל ט. דר. — 364, 365.
הרכבי אברהם. — 39.
וואוועלבערג. — 293.
וואלטער. — 326.
ווארטסמאן י. דר. — 365.
ווארקל מ. — 122.
ווארשאווסקי מ. מ. — 186, 187, 247, 252, 287, 364, 368.
ווילענסקי וואלף. — 39.
וויינטרויב (פון „אונזער לעבן“). — 216, 217.
וויינשטיין מ. — 369.
ווייסבורד הירש. — 24, 25.
ווייסבערג י. י. — 183, 185, 186.
וויצמאן חיים. — 292.
וויצמאן משה. — 91, 92, 292.
וועקסלער אלימלך („איש־נעמי“). — 182.
ווערניק פעטער. — 296.
וורויסקין ל. — 39.
זאבלודאווסקי נח. — 92, 200, 292, 295.

זאגאראדסקי י. ח. — 231, 232.
זאלאטושקין. — 26.
זאמאשטשין פלטיאל. — 182, 185, 225, 226.
זאמיסלאווסקי. — 302, 304.
זאק דר. — 116.
זודערמאן. — 292.
זייצעווס. — 66.
זעווין ישראל י. (תשר"ק). — 89, 221, 222, 254.
זעלדין גיטל (שלום־עליכמס באבע). — 19, 361.
זעלדין משה יוסף (שלום־עליכמס זיידע). — 17, 361.
זרחל (שלום־עליכמס רבי). — 244.
זשיטלאווסקי חיים דר. — 250, 251.
חזנאוויטש יוסף דר. — 39.
טאלמאטשאוו. — 229, 230.
טאלסטאי לעוו. — 80, 133, 158, 200, 234, 235, 236, 296, 365.
טאמאשעווסקי באריס. — 84, 125, 208, 250, 366.
טארטאקאווסקי ש. ב. — 39.
טביוב י. ח. — 218.
טובבין געצל. — 39.
טויביש לייבל. — 292.
טורגעניעוו. — 159, 235, 326.
טעמקין זאב. — 39.
טעץ גוטע. — 369, 370, 371.
טעקעריי. — 255.
טשארלי טשאפלין. — 360.
טשארני דניאל. — 246.
טשלענאוו דר. — 276.
טשעכאוו אנטאן. — 158, 188, 189, 200, 235, 365.
טשעפיגא וואסילי איוואנאוויטש. — 43.
טשעריקאווער ח. — 39.
טשערנאוויטש חיים דר. (רב צעיר). — 111, 245, 246.
טשערנאוויטש ש. (ספוג). — 63.
טשערני יעקב דר. — 185.
יאמפאלסקי יצחק. — 227.
יאמפאלסקי מענדל. — 135.
יאמפאלסקי משה. — 356.
יאנקעלעוויטש (ארויסגעבער פון דער צייטונג „שלום־עליכם"). — 238.
יאסינאווסקי י. — 39.
יאצקאן ש. י. — 110, 224, 238, 240, 264, 276, 278.
יהואש. — 189, 256, 258, 370.
יהל"ל. — 183.
יושקעוויטש סעמיאן. — 367.
יפה ל. — 187, 247.
ירוחמזאן דובעריש. — 39.
כהן־בערנשטיין יעקב. — 39.
כ"ץ בן־ציון. — 207.
כ"ץ דוד בן חיים. — 272.
כצמאן צבי ליב. — 39.
לאיעוו אלימלך. — 18, 20, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 166, 310, 316, 328, 361, 362.
לאיעוו יהושע. — 27, 28.
לאיעוו ישראל. — 27.
לאיעוו רחל. — 27, 29, 30, 31, 32, 35, 36, 54, 55, 73, 75, 80, 83, 86, 93, 135, 194, 363, 366.
לאנדוי (רעדאקטאר פון „וואסכאד"). — 27, 28, 324.
לובארסקי אברהם אליהו. — 13, 39, 87, 88, 103, 150, 215, 222, 223, 225, 247, 299, 300.
לובארסקי יעקב. — 39.
לובעצקי י. א. — 113.
לוריא יוסף דר. — 75, 203, 214, 215.
לוריא שלמה. — 287.
ליאקומאוויטש יוסף דר. — 225.
לידסקי יעקב. — 221, 239, 263, 266, 268, 269, 270, 272, 278, 366, 367.
ליובאשיצקי א. — 74, 217, 219.
ליכטנבוים אדוואקאט. — 300, 301, 302.
ליליענבלום משה ליב. — 13, 39, 165, 169, 183, 327.
לינדער נ. ב. — 357.
לינעצקי יצחק יואל. — 13, 165, 166, 168, 169, 179, 180, 181, 182, 183, 326, 327.
ליפשיץ נח. — 39.
ליפשיץ פ. דר. — 111, 247.
לייזער (דעם „פעטער ניסלס" איידים). — 29, 30.
לעווי ישראל. — 167, 184, 207, 351.
לעוויט יואל. — 372.
לעווין מים (פידלשפילערין). — 305.
לעווין גרשון דר. — 160, 259, 264, 266, 269, 270, 271, 278, 294, 367.
לעווין שמריה דר. — 216, 250.
לעווינסקי א. ל. — 13, 165, 179, 213, 214, 215, 216, 217, 224, 226, 227, 229, 230, 232, 233, 235, 351, 366, 369.
לעווין־עפשטיין (דרוקער). — 270.
לעווין־עפשטיין א. ז. — 39.
לעוונער י. ב. — 204.
לעסינג. — 326.
לערנער י. י. — 182.
לעשטשינסקי יעקב. — 239.
מאגנעס י. ל. דר. — 369.
מאהליווער רב שמואל. — 38, 39, 40.
מאזאר נאטאשא. — 56, 81, 192, 193, 297.
מאזאר קאליא. — 56.
מאיער אלפרעד פראפעסאר. — 12.
מאני לייב. — 189, 256.
מאסליאנסקי צ. ה. — 87, 88, 216, 300.
מאפו אברהם. — 4, 17, 218.
מארק טוועין. — 188, 357.
מארקאוו. — 237.
מארקס קארל. — 348.
מושקאט ח. א. 39.
מזא"ה יעקב. — 13, 39.
מזח יהושע. — 122, 243.
מזל י. — 323.
מיידאנסקי מיכל — 39.
מילער לואיס. — 88, 216, 251, 254.
מילשטיין ל. — 231, 232.
מיניקעס חנן י. — 314.
מנחם. — 257.
מעדוועדיעוו. — 13, 17.
מענדעלסאן באנקיר. — 210.
מענקען ה. ל. — 357.
מרגליות יעקב און פרוי. — 304, 305, 323.
מרגליות מנשה. — 39.
נאדיר משה. — 189.
נאראדישטיאן ח. א. — 39.
נוסינאוו י. — 315, 316.
ניגער ש. — 109, 110, 111, 161, 177, 188, 236, 240, 241, 243, 244, 245, 246, 248, 368.
ניגער ב. פרוי (טשארני־לוריא). — 241, 242, 244, 246, 249.
סאלי פראפעסאר. — 98, 112, 272.
סאפירשטיין יעקב. — 87, 215, 216, 249, 296, 297.
סאקאלאוו נחום. — 208, 362, 365.
סאקאלאווסקי. נ. דר. — 185.
סאקאלאווסקי. — 122.
סארנע יהושע. — 302, 303, 304.
סוווארין. — 327.
סוויפט. — 188.
סטאליאר ברידער. — 239.
סימאנענקא. — 43.
סימערענקא. — 31.
סירקין יהושע. — 39.
סירקין מ. נ, — 225.
סלאנים יואל. — 256.
סלוצקי אברהם יעקב. — 195.
סמאלענסקין פרץ. — 318.
סענדערס ל. — 323.
סערוואנטעס. — 188.
ספיוואקאווסקי יעקב. — 64, 365.
ספעקטאר מרדכי. — 8, 105, 106, 130, 161, 162, 163, 164, 165, 168, 169, 176, 195, 196, 197, 198, 199, 200, 201, 202, 204, 205, 216, 217, 220, 223, 224, 231, 232, 251, 252, 253, 259, 264, 266, 268, 286, 324, 326, 328, 351, 362, 363, 364.
ספעקטאר ב. פרוי. — 253, 254.
עטינגער חיים. — 39.
עטינגער שלמה. — 166.
עליסבערג פרוי. — 306.
ענגעל. — 364.
פאדובה מרדכי. — 39.
פאדלישעווסקי אברהם. — 262, 263, 264, 268, 270, 271, 279, 294, 367.
פאו עדגאר עלען. — 357.
פאזנאנסקי. — 293.
פאטלאזשאן בנימין. — 44.
פאלינקאווסקי אדי. — 204, 247.
פאלינקאווסקי ליאלי. — 297, 298.
פאלינקאווסקי מ. — 39.
פאלינקאווסקי מאניש. — 95, 107, 174, 204, 214, 215, 216, 218, 247, 297, 298.
פאלינקאווסקי פאיע. — 107, 115, 174, 198, 204, 214, 215, 216, 218, 247, 297, 298.
פאסטערנאק חיים. — 39.
פורישקעוויטש. — 225, 237, 265, 302, 304.
פיטקים וו. — 39.
פיכנא. — 66, 327.
פינוס י. — 239, 367.
פינסקי דוד. — 10, 89, 130, 180, 225, 250, 369, 370.
פינסקי ה. פרוי. — 251.
פינסקער ל. דר. — 39.
פעטריקאווסקי י. — 362.
פערל א. — 39.
פערפער דר. — 234.
פרילוצקי נח. — 98.
פריץ אלטער. — 39.
פרץ י. ל. — 113, 125, 133, 156, 157, 158, 159, 160, 161, 164, 168, 175, 187, 190, 207, 214, 239, 243, 259, 260, 262, 264, 266, 274, 276, 280, 281, 282, 340, 363, 365, 368.
פאלער יעקב. — 292, 295, 296.
פינקעלשטיין נח. — 263, 270.
פינקעלשטיין נחמיה. — 281.
פישבערג מארים דר. — 207, 208, 209, 210, 211, 212.
פישזאן אלטער. — 199, 200.
פישעראוויטש משה. — 39.
פייגנבערג לוי. — 54, 125, 131.
פיינבערג יצחק. — 298.
פרוג ש. — 183, 203, 223.
פרידבערג א. ש. — 33, 183, 324.
פרישמאן דוד. — 62, 98, 161, 162, 185, 186, 188, 191, 192, 193, 205, 206, 233, 237, 238, 239, 240, 280, 320, 363, 368, 369.
פרישמאן ל. פרוי. — 205, 206, 233.
פרייד מ. י. — 264, 272.
צונזער אליקום. — 183.
צוקערמאן אברהם. — 183.
צוקערמאן קיעווער ראבינער. — 362.
צוקערקאנדעל פראפעסאר. — 110, 114, 278, 367.
צינבערג י. — 177.
צייטלין הלל. — 248, 264.
צעדערבוים אלכסנדר. — 4, 13, 33, 39, 183, 184, 312, 324, 325, 326, 327, 328.
קאבאק א. א. — 121.
קאהאן אב. — 109, 216, 245.
קאטיק יחזקאל. — 244, 245, 249.
קאכער פראפעסאר. — 112, 114, 278.
קאמיאנסקי משה. — 39.
קאנטאר י. ל. דר. — 191, 192.
קאסא מיניסטער. — 354.

קאפלאן אלעזר. — 39.
קאץ דר. — 369.
קאצענעלסאן יצחק. — 206.
קאראלענקא וולאדימיר. — 200, 365.
קאראסיק. — 37.
קופרין אלכסנדר. — 365.
קויפמאן בעלא. — 52, 54, 99, 111, 112, 113, 115, 116, 121, 123, 124, 126, 129, 130, 131, 133, 138, 139, 143, 149, 152, 176, 239.
קויפמאן מיכאל דר. (מיקאעלא). — 54, 69, 71, 72, 73, 74, 92, 94, 96, 97, 99, 120, 121, 123, 124, 126, 128, 129, 130, 131, 133, 138, 139, 141, 148, 149, 152, 239, 246, 305.
קויפמאן (ראבינאוויטש) שרה (ליאַלי). — 33, 34, 51, 54, 55, 56, 57, 58, 69, 71, 73, 75, 80, 82, 83, 85, 93, 94, 95, 96, 97, 99, 104, 113, 115, 120, 123, 124, 126, 128, 129, 130, 131, 132, 133, 134, 135, 141, 149, 152, 196, 219, 239, 297, 304, 362, 364.
קויפמאנס. — 95, 120.
קויפמאן פראפעסאר. — 369.
קיפנים מ. — 281.
קלמנאוויטש ז. — 247.
קלעצקין ב. — 246, 248.
קראמוועל. — 72.
קרושעוואן. — 265.
קרינסקי מ. — 263, 266, 268, 269, 270, 272, 365.
ראבינאוויטש אבא. — 20, 30, 31.
ראבינאוויטש איצל. — 317.
ראבינאוויטש אלגא (האדל, ביבי, פרוי שלום־עליכם). — 4, 7, 13, 24, 26, 27, 28, 31, 32, 33, 35, 36, 41, 48, 51, 54, 55, 56, 58, 59, 60, 61, 64, 65, 66, 69, 72, 73, 74, 78, 79, 80, 83, 84, 90, 91, 94, 95, 96, 97, 99, 100, 101, 102, 103, 104, 106, 109, 110, 111, 112, 114, 115, 116, 117, 118, 120, 122, 123, 125, 126, 128, 129, 132, 133, 135, 136, 137, 141, 142, 146, 147, 149, 152, 169, 177, 192, 193, 198, 215, 216, 228, 229, 230, 232, 236, 242, 245, 246, 253, 257, 261, 262, 263, 264, 266, 267, 269, 271, 272, 280, 281 282, 287, 297, 300, 302, 303, 304, 305, 315, 316, 352, 353, 355, 362, 363, 366, 369, 370.
ראבינאוויטש אליהו. — 20, 21, 23, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 35, 36, 37, 38, 40, 41.
ראבינאוויטש בערנארד. — 82, 85, 310.
ראבינאוויטש ברכה. — 20, 37, 38.
ראבינאוויטש דוב. — 27, 28, 29, 38, 40.
ראבינאוויטש זאב (שלום־עליכמס זיידע). — 31, 33, 34, 35, 361, 369.
ראבינאוויטש זאב (וועוויק, שלום־עליכמס ברודער). — 41.
ראבינאוויטש חיה אסתר (שלום־עליכמס מוטער). — 17, 19, 332, 361.
ראבינאוויטש חנה (שלום־עליכמס שטיפמוטער). — 18, 19, 20, 21, 22, 26, 34, 35, 310, 361.
ראבינאוויטש חסי. — 41.
ראבינאוויטש לעאן („איש יהודי"). — 200, 201, 204.
ראבינאוויטש מיכל. — 298.
ראבינאוויטש מינדל (שלום־עליכמס באַבע). — 361.
ראבינאוויטש מישא. — 53, 54, 55, 56, 57, 73, 75, 81, 83, 97, 103, 108, 109, 120, 121, 123, 124, 125, 126, 128, 129, 132, 136, 141, 146, 147, 148, 149, 152, 219, 245, 297, 303, 360, 362, 368.
ראבינאוויטש מנחם נחום (שלום־עליכמס פאטער). — 3, 4, 17, 18, 19, 20, 22, 23, 24, 26, 31, 33, 34, 35, 36, 37, 42, 48, 149, 310, 311, 314, 316, 317, 332, 361, 362 369.
ראבינאוויטש (איצט גאלדבערג) מרים (מארוסי, מוזא, מאריצא). — 54, 55, 56, 57, 71, 73, 75, 80, 83, 91, 93, 96, 99, 104, 112, 124, 125, 126, 128, 129, 130, 131, 141, 145, 149, 152, 219, 354, 363, 364, 369.
ראבינאוויטש מרים (שוועגעריז פון ש. ע.). — 27, 28, 29, 31, 32, 35, 36.
ראבינאוויטש נומא (נחום). — 54, 58, 59, 60, 66, 71, 72, 73, 74, 75, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 85, 87, 91, 94, 95, 96, 111, 112, 115, 116, 118, 119, 120, 121, 124, 125, 126, 129, 130, 131, 141, 142, 148, 149, 152, 196, 198, 199, 215, 216, 219, 223, 252, 253, 257, 261, 280, 303, 364, 366, 369.
ראבינאוויטש ניסן („דער פעטער ניסל"). — 18, 22, 23, 29, 30.
ראבינאוויטש סאסי. — 37, 38.
ראבינאוויטש (איצט פיינגבערג) עמא (נעמי). — 54, 55, 56, 57, 60, 71, 73, 75, 83, 91, 94, 96, 99, 104, 109, 110, 122, 123, 124, 125, 126, 128, 129, 131, 132, 140, 141, 147, 149, 152, 219, 303, 304, 305, 323, 362, 364, 369.
ראבינאוויטש פינחס („דער פעטער פיני"). — 18, 21, 22, 37, 38, 317.
ראבינאוויטש צבי (הערשל). — 26, 28, 29, 36, 37, 38.
ראבינאוויטש רחל לאה. — 26.
ראבינאוויטש שלמה. — 36, 37, 38.
ראווניצקי אלי. — 107, 203, 204, 214, 216, 247.
ראווניצקי י. ח. — 3, 13, 58, 107, 111, 112, 114, 115, 163, 165, 169, 173, 174, 175, 178, 182, 183, 187, 197, 198, 202, 203, 204, 205, 206, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 224, 231; 232, 238, 247, 252, 257, 287, 290, 297, 298, 312, 320, 351, 362, 363, 364.
ראזינע. — 93, 114.
ראזנבלום ל. — 309, 310, 316, 361.
ראזענבלאט יאסעלע. — 150.
ראזענפעלד מארים. — 215.
ראזענפעלד ש. — 228, 269.
רו פראפעסאר. — 353.
רודיש פראפעסאר. — 369.
רוטמאן נחום. — 39.
רוטענבערג פינחס. — 369.
רוטענבערג רחל. — 369.
רופפערט. — 367.
ריטשארדס ב. — 212, 213.
ריססא. — 93.
רייזען אברהם. — 187, 189, 340, 368.
רייכסבערג פראפעסאר. — 110, 111.
רעזניק ענד קאפלאן. — 221.
שאליאפין. — 58.
שאצקעס משה אהרן. — 166, 183, 185.
שוגערמאן דניאל. — 305, 306.
שוגערמאן ס. — 305, 306.
שוגערמאן ראזע. — 305, 306.
שוכמאן ר. — 39.
שולמאן אלעזר. — 185, 287.
שולמאן קלמן. — 183.
שור שלום. — 28, 29.
שטאק פראדל. — 256.
שטארקמעט ירחמיאל. — 39.
שטיף נחום. — 363.
שטיינבערג יהודה. — 223, 226, 232, 260, 351.
שטשעדרין. — 188.
שילדקרויט רודאלף. — 250.
שילער. — 326.
שיף יעקב. — 356.
שייקע פייפער. — 275.
שלעז לייזער יאסל. — 13, 22, 317.
שמאקאוו. — 302, 304.
שמואליק דער יתום. — 12, 14, 17.
שמר. — 6, 167, 188, 244.
שניאור ז. — 21, 67, 68, 69, 187.
שנעעפאל ש. ק. — 243.
שעכטמאן. — 121.
שעפטעל. — 94.
שעקספיר. — 234.
שערמאן (פארלעגער אין אדעס). — 296.
שפאלער זיידע. — 158.
שרהזאן יחזקאל. — 211, 212.
שרירא שמואל. — 10, 248, 266, 292, 293, 294.
שרירא פרוי. — 293.
שרייבער דר. — 72.

מיטגלידער פונם שלום־עליכם בוך קאמיטעט: מארים וויינבערג, פרעזידענט * ש. ז. צוקערמאן, סעקרעטער * י. ד. בערקאוויטש * ב. צ. גאלדבערג * יהואש * ש. ניגער * דוד פינסקי * דר. מיכאל קויפמאן * דר. יעקב שאצקי.

פריינט פון איקוף, ביישטייערער פאַר דעם שלום עליכם־בוך

לזכרון
אהרן יונה (הערי) וויניק

געשטאָרבן דעם 26טן פעברואַר, 1956, אין עלטער פון 64 יאָר. לאַנג־יאָריקער איקוף־טוער, הויך־קולטורעלער מענטש, מיט אַ שטענדיקן דורשט צו לערנען און מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט.

איסט ניו־יאָרק־בראָנזוויל איקוף־קלוב
אין אָנדענק פון הערי וויניק

היימאַן און שרה אָקון
מרים באַומעל
שייע און רחל גאָלדין
סעם און אַנאַ גארבער
מאַקס דזשענקינס (לזכרון זיינע על־טערן בנימין און בתיה)
בוירט און מעי וויינשטיין
עטל מענאקער און קינדער (לזכרון מאַן און פאָטער סעם מענאַקער)
אהרן און ציליע סליפּצין
אַרטשי און דזשוליעט עפּשטיין
אברהם און עוועלין פאַס
פאול און ראָזע צוויק
נח און טייבל שפּאַצירער

ניו יאָרק

דזשוליוס בארענבאום
סאָפיע בובריק
ש. און עטל בודין
אשר בלעק
שמואל און דבורה בעקער
א. בראָיטמאַן
יודל גאָלדשטיין
יעקב גאָסטינסקי
זלמן און אידע גאָרדאָן
מ. גינסבורג
פּנחס און בערטע גיסקע
מ. געלפאַנד
משה גראָס
מאָוריס גרובין
ראָוז גרעליק
יעקב און צייטל דאָראָשקין
ש. דובאָוו
עטל דייווידסאָן
ראובן האָך
פעני האָלעבבסקי
מאיר האַריטאָן
אידע וויניק
אין אָנדענק פון הערי וויניק
יוסף און בעלא טשאַרנאָווער
לואיס יאַבקאָ

מאָריס כהן
יוסף כראָמאָוו
מעניועל און ראָוז ליכטנשטיין
איידע לעווין
ישראל לעווין
ב. מורינסאָן
שרה מיסיראָף
ה. מענדלסאָן
דר. מאַקס סילווער
ראָוז סילווערסטיין
פּיניע פּערלמוטער
רחל קאָהן
מ. קאַופמאַן
שמואל און חנה קאַופמאַן
שרה קאַס
אידיט קאַפּלאַן
י. קוואַט
דינה קיטייניק
דוד קיש
מאַניאַ קליינבערג
הערי קעסלער
הערי ראַפּאָפּאָרט
יצחק און גיטל רובין
ראַשע און יוסף שאַפּיראָ
דר. מאַקס שיין
סאָניע שניידער
א. שענאָק
אהרן און אַדעלא שעק
איסט ניו־יאָרק־בראָנזווילער איקוף
פּרץ הירשביין איקוף־קלוב
יעקב מעסטל לייען־קרייז
ל. סאָברין, ש. קאזיניץ לייען־קרייז
חנה סענעש לייען־קרייז
א. ראַבאָי איקוף־קלוב
ליובאַ שעווקאָוויטש לייען־קרייז
ברוך וואלינסקי לייען־קרייז

לאָס אַנגעלעס

א. אַדלער
מערי אַלפערן
י. אַלקאָן
לינא אָרלאָוו
ריווע באָיאַרסקי
פ. באַסמאַן
ש. ביזאַנסקי
חיים ביילאָוויץ
בנימין בלעכער
ישראל ביילאוויץ
איידע גאָלדבערג
יוסף און בערטא גאָלדין
מאיר גאָלדין
חיים און שרה גאָלדוואַלד
ווילי און רעי גאָלדשטיין
ה. גאָלדשטיין

מ. גאָלדשטיין
הערי און שרה גוועטער
ק. גוטצייט
גליק
געבענטשטער
מאָריס געלער
מאַקס און ציליע דייוויס
עדמונד האַהן
דינה האָפמאַן
מערי האַלפערן
דינה ווייס
יוסף ווייס
הערי זאַרבין
טשערניצקי
מיימי יאַשאָן
(לזכרון איר מאַן יעקב)
סעם לאָמאַז
י. לאַקרעץ
נאדיא לון
מאַקס און ציליע
פאַשאַ מאָוריס
ע. מאָרדען
הערי מאַרקוס
ה. מאַרקוס
י. מאַרקוס (לזכרון שוועסטער פייגעלע יאַגאָדאַ)
דאָרע מילס
יצחק ז. מילער
מאָריס סאַטין
ע. סווערדלאָוו
הערי און ליליען סווערדלאָוו
ע. סטיין
סעם און ראָוז סטעפּקין
סעמועל סנאָו
סעם סניידער
רפאל פאָזנער
איווא פאָל
באָנציע פרימאַק
פורמאנסקי
יוסף און בערטע פערדער
חיים קאָטיליאַנסקי
מענדל און בעקי קאַנטאָר
לאה קאַץ
ע. קיימען
פרוי קימעלפעלד
יעקב און עני קליינמאַן
נ. קרופּין
דזשאָו ראבינס
סאָניע רובאק
נתן רובין
לינא און ראובן רומאַק
מערי און אהרן רעזניק
סעם שניידער
ש. גאָדינער לייען־קרייז

הירש גליק לייען־קרייז
ז. וויינפער לייען־קרייז
כאַווער־פּאַוער לייען־קרייז
נחמן מייזיל לייען־קרייז
מענדעלע מוכר ספרים לייען־קרייז
י. ל. פּרץ לייען־קרייז
א. ראַבאַי לייען־קרייז
אברהם רייזען לייען־קרייז
ל. שאַפּיראָ לייען־קרייז
יידישער פאָלקס־כאָר

אַנדערע קאַליפאָרניער שטעט

ס. בלעקמאַן, אָוקלאַנד
באָריס און יעטע גורשטיין, קאַטאַטי
ה. גורשטעל, שערמאַן אָוקס
ל. מאַטלין, אָנטאַריאָ
טשאַרלז פרידמאַן, אָוקלאַנד
נייטן קאָהען, סאַן פערנאַנדאָ
מ. קאָופמאַן, סאַנטאַ מאָניקאַ
וויליאַם קאַפּלאַן, ריטשמאָנד
וויליאַם ע. שער, שערמאַן אָוקס
טוזשונקא לייען־קרייז
(כייקע באַרדין און אַלעקס פּאַראַבסקי)

פילאַדעלפיע

כייקע און ש. דאַווידסאָן
דזשאָו וויניקאָף
מרים און עליע טאַבאַק
שמואל דוד אוטין
טילי און ווילי סטרעיט
ה. פינסקי
בען און סאָפי פייערמאַן
איוואַ און אייב קירשבאַום
ראָוז און דזשוליוס קרעמער
גיטע און אברהם שענקמאַן,
באַגריסונג פון אַ גרופּע פריינט
צו פעני און אברהם ווינאָקור,
פילאַדעלפיער איקוף
זשיטלאָווסקי לייען־קרייז
ב. עפּעלבוים קולטור און לייען־קרייז :
סאול און צילע אַפּט
יאַסל און לאהקע בראונשטיין
סעם און סאָניע בראָדט
איזי און פעי דראָס
יאַסל און צירל גערשנזאָן
בן־אריה
איזי און נאָרמאַ טראַכטנבערג
יצחק און נעסי קאַן
מאָטל אוןביילע קאַץ
ג. ד. און טילי קאַרמאַן
סעם און ראָוז קרעמער

שיקאַגע

סעם אַראָנאָוו
רעי ברוק
סידני גאָלדין
מאַקס גאָלדשטיין און פרוי
משה און מאַניע גיציס
דר. א. דעקאָווסקי און פרוי ראָוז
ס. הורוויץ
ס. מ. וואָלף און פרוי
דוד וואַרשאַווסקי
אסתר ווילאַנד
סאָפיע זאַסלאָוו
מאיר און פעני טאַרג
דר. ה. לובין און פרוי פעני
אַנאַ לעווקאָוויטש
משה און סטעלא מעש
לעאָ סיוועך
קאַרל סיידאָוו
מ. סעפּאַנסקי,
(פון אַ גרופּע שריפטזעצער אין
„שיקאַגאָ טריביון")
מ. פליישמאַן
כייקע קאַפּלאַן
סאָניע קעס
מ. ראָסין
העדי שלאָסבערג
דר. חיים זשיטלאָווסקי איקוף־קלוב
צבי הירשקאַן לייען־קרייז

דעטראָיט

בנימין אַפּעל
ראָוז באַראָן
סעם באָסל
אברהם און נעלי בערניקער
שרה גאָלד
לעאָ און ראָוז גרעי
אהרן דיסטעל
רבקה האַנדלמאַן
דינה און משה לעטווין
העדי מאַרגאָליס (פלינט)
שרה און בערנאַרד מאַרקוס (פּלימאוט)
שרה און דוד מילגראָם
מאַקס און ראָוז סאַבאַראָוו
מאָריס און ראָוז סיטרין
דאָראַ און רובי פישאָף
מאַלי און יחיאל קינגשטיין
שפרה און שיע קעסלער
איזיק און פלאָראַ קעסלער
ס. קראַפט
ג. פּ. ראָסין
רבקה שוחט
ריסיע און מאָטל שניידערמאַן
קאָונסיל פון די לייען־קרייזן

ניו דזשוירזי

מאָריס און מאַניע דובניק
סעם וואָרטסקי

מענדל און פייגל ווערעטע
שרה לייבאָוויץ
לעטווין
פראַדל און משה מילענקי
אַלעקס און ראָוז נעמצאָוו
חיים סיגל
אברהם און סטענלי עפּשטיין
לואיס ערליך
פאַרמינגדעיל לייען־קרייז
י. קאַציק (אין זיין אָנדענק)
לואיס און ענאַ ראַדבאָרט
(צו זיין 70טן געבוירנטאָג)
חוה און ישראל שורעק

מאַסאַטשוזעטס

מישאַ און חוה ווײַנמאַן
נחום און פאַניע וויינשטיין
ס. וועסטלמאַן
ניסן לאָון
אייזיק סורקיס
דר. ה. סטעלער
(לזכרון זיין זון יאַסי)
לואיס סילווערמאַן
פרוי ג. ספּיץ
מאיר י. קאַנאָוויץ
יאַסל און פערל קראַוויף
דר. זשיטלאָווסקי לייען־קרייז
שלום עליכם לייען־קרייז

אָהייאָ

מאָריס און ען בין
העלען בראַון
מ. גאָגעליק
ע. א. דוכאַן
א. דזשייקאָבסאָן
ד. טאַבאַקמאַן
העדי טראַכט
יוסף און בערטא מאָרגנשטערן
וויליאַם סימען
מאַקס ראָטענבערג

אַנדערע שטעט

סעם בלייוואַס, רייסין, וויס.
ל. הורוויץ, מילוואָקי, וויס.
ל. לעטווין, מילוואָקי
דזש. ראָמאַן פעלדמאַן, מעדיסאָן
עמאַ לאַזאַרוס לייען־קרייז, מילוואָקי
סעם ליף, אַטלאַנטאַ
בערל ראָנין, אַטלאַנטאַ
אַטלאַנטער איקוף
ה. פּאָלסקי, מיאַמי ביטש
י. ל. פּרץ לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
מאַקס לעווין, דענווער
א. פּעין, דענווער
דניאל און מרים בעיקער, האַרטפאָרד
שרה פּאַט, טשעסטערטאָן, אינדיאַנאַ

לואיס לאקעץ, מינעאַפּאָליס
טוסאָן איקוף לייען־קרייז,
א. גרינבערג
סימע און אברהם פרימאַק, האַרטפאָרד
מאַניע און יצחק גאַבערמאַן,
האַרטפאָרד

מעלבורן, אויסטראַליע

משה און פייגע וואַלראַט
הענעך און חיה ווײַנטרויב
יעקב און ריווטשע ווײַצמאַן
שמואל און רויזע ווראָבלעווסקי
יעקב און שפּרינצע זעמל
חיים און חיה זשאַרנאָווסקי
שמואל און אסתר פּעקטאָר
שלום און מרים פּעקטאָר
יוסף און עטל קאָוואַדלאָ
(לזכרון זייערע עלטערן אומגע־
בראַכט דורך די נאַציס)
שלמה און רבקה ראַטשטיין
אברהם שלום און ברכה שוץ
לייב און פריידל שטייער

באַהיאַ, בראַזיל

איזאַק און אידאַ אודערמאַן
ישראל און סעסיליא בערמאַן
מאַקס און ליבע בערמאַן
כאַצקל און ליובא בערנשטיין
יאָסל און גיטל העלפגאָט
בערל הערצאָג
לייב און בלומע טאַבאַקאָף

לייב מילמאַן
חיים און בערטאַ סאַפּאָלניק
נאַטאַן און מאַלווינאַ סערעברעניק
בערל און ליזא פּיקלאַייזן
חנא צימעלזאָן
זלמן און אוטיע קאַפּינסקי
מאַטל און לאַלאַ קערצמאַן
לייזער און אַניטאַ ראַשקאָווסקי
אורי שפּרינצאַק

מעקסיקע

דר. י. און סאָניע אַיניק־סינגער
אייזיק מאיר בילד
א. גאָלדפעדער
שייע גאָרענשטיין
ב. גייסינסקי
י. וואַרמאַן
נ. זיידנוועבער
לעאָן לובינסקי
מ. מאַגידין
ל. מאזעיקאָ
ס. מעלצער
עטקאָוויטש
י. פּשישוואַ
ב. קוטשיק
ל. ראַבינאָוויטש

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

י. בעקער
משה זאַקאַן

ס. לאַפּיצקי
רחל און פיליפּ פּרעסמאַן
שלום און שפרה קרישטאַלקע
ראובן בריינין לייען־קרייז
מענדעלע לייען־קרייז
קולטור לייען־קרייז
שלום עליכם לייען־קרייז

קאַלגאַרי, קאַנאַדע

א. בושייקין
פרוי סוויצער
י. סטיין
ב. סמעהאָוו
ל. פּאַפּערני
נייטן און סאָניע פרידמאַן
(לזכרון עליע לייב סאָנגהאָוז)
זישע שיינין

אַנדערע קאַנאַדער שטעט

א. בערניקער, ווינדזאָר
מלכה קאַפּלאַן, ווינדזאָר
נ. פּאַפּעסקי, וויניפּעג
איקוף לייען־קרייז, וויניפּעג
ל. סטיין, וואַנקואווער
פרוי פּ. פּיטערס, וואַנקואווער
ז. ווײַנפער לייען־קרייז, וואַנקואווער
ה. דיזנהויז, טאָראָנטאָ
נ. קופערסמיט, טאָראָנטאָ
קאָונסיל פון לייען־קרייזן, טאָראָנטאָ